STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10723

RUSISHE GESHIKHTE

M. N. Pokrovski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראָלעטאריער פונ אלע לענדער, פאראייניקט זיכ!

מ. נ. פאָקראָווסקי

רוסישע געשיכטע

גאָר קורצ געפאסט

לערנבוכ פאר דער מיטלשול

איבערגעזעצט פונעם סטאבילנ רוסישנ לערנבוכ, וואָס איז באשטעטיקט פונ דער קאָלעגיע פונעם פאָלקאָמבילד רספסר.

דעמ טעקסט פונ דער איבערזעצונג האָט לויטנ אופטראָג פונ דער קאָלעגיע פונ פאָלקאָמבילד רספסר באשטעטיקט דער נאַציאָנאליטעטנ־קאָמיטעט באמ פאָלקאָמבילד.

דריטער טייל

פארלאג „עמעס“
מאָסקווע 1933

3-טער טייל

XX יאָרהונדערט

פאָרוואָרט צו דער 4-טער אופלאגע

דאָס לעבנ גייט געשווינד פאָרויס — אונ דער טעקסט פונ דער דריטער אופלאגע פונעמ 3-טנ טייל פונ דער „קורצ געפאסטער געשיכטע", וואָס האָט זיכ דעמ אווטער אינ 1927 יאָר געדוכט מער אָדער ווייניקער פעסט אײַנגעשטעלט, באפרידיקט שוינ איצט ניט אינגאנצנ דעמ אווטער אליינ. מיט זײַנע איצטיקע אָנשוויונגענ אפ אונדזער ערשטער רעוואָליוציע קאָנ מענ זיכ גיכער באקאנענ פונ זײַנ בראָשור וועגנ דעמ 1905 יאָר,* וואָס וועט דערשײַנענ פריִער פאר דער 4-טער אופלאגע פונ דעמ דאָזיקנ בוכ. אָבער איבערמאכנ דעמ טעקסט פונ דעמ בוכ פונ די שטאנדפונקטנ, וואָס זײַנענ אנטוויקלט אינ דער דאָזיקער בראָשור (ווו פאקטנ ווערנ געגעבנ בלויז אלס איליוסטראציעס), — איז אנ ארבעט ניט אפ איינ כוידעש, דער בוכ איז אפנ מארק מער ניטאָ, דער יובילײ פונ דער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר — איז א פראגע פונ מאָרגנדיקנ טאָג, עפּעס א האנטבוכ וועגנ דער דאָזיקער סאמע מערקווירדיקער עפּאָכע פונ אונדזער געשיכטע איז נייטיק — אונ עס קומט אויס צו באנוגענענ זיכ דערמיט, וואָס דער פאקטישער מאטעריאל פונ דעמ 3-טנ טייל אנטהאלט ניט אינ זיכ ניט קיינ שרײַענדיקע בלויזנ, ניט קיינ פעלערנ, וואָס זאָלנ זיכ ווארפנ אינ די אויגנ. דאָס, וואָס מע האָט געקאָנט, — איז אויסגעפאריכט. נאָר צומ באדויערנ איז דאָס ניט קיינ נײַער בוכ, אונ א נײַער בוכ וועגנ דעמ 1905 יאָר איז פאר אונדז זייער נייטיק. אָבער עס איז נאָכ מער נייטיק פאר אונדז א בוכ וועגנ דעמ 1917 יאָר — קומט אויס צו ארבעטנ איבער דעמ, וואָס עס איז נייטיקער פאר אלצ.

15-טער אווגוסט 1930 יאָר

מ. פ.

פאָרוואָרט צו דער 3-טער אופלאגע

פאר דער דריטער אופלאגע פונ דעמ דאָזיקנ בוכ האָט זיכ אײַנגעגעבנ צו פארווירקלעכנ דאָס, וואָס איז שוינ געווענ זייער געווונטשנ פאר דער צווייטער אופלאגע. איבערארבעטנ דעמ טעקסט אינ העסקעמ מיט יענעמ נײַעמ מאטעריאל וועגנ דער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר, וואָס האָט זיכ באוויזנ אינ דער פרעסע פונ זינט עס איז געשריבנ געוואָרנ די ערשטע אופלאגע, אינ די יאָרנ 1921—1923. מע

---

* צומ סאָפ בוכ (זע בײַלאגע נ. 2) איז געגעבנ געוואָרנ מ. נ. פּאָקראָווסקיס ארויסטרעטונג אפ א פארזאמלונג פונ אקטיוו פונ קראסנאָפּרעסניער ראיאָנ אינ מאָסקווע (דעמ 11-טנ דעקאבער 1930 יאָר), ווו דער אווטער האָט, אפנ גרונט פונ די אָנשוויונגענ, וואָס זײַנענ פאנאנדערגעוויקלט אינ זײַנ אָנגעוויזענער בראָשור, קריטיקירט אייניקע זײַנע אײַנשטעלונגענ, וואָס זײַנענ פאראנ אינ דעמ דריטנ טייל פונ דער „קורצ געפאסטער געשיכטע", אינ דער באשרײַבונג פונ דער געשיכטע פונ דער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר (באמערקונג פונ דער רעדאקציע).

קאָנ אָנ גוזמע זאָגנ, אַז דאָס, וואָס עס איז דאַנ פאַרעפנטלעכט געווענ, באַציט זיכ צו דעמ, וואָס איז איצט באַוווּסט, ווי איינס צו צענ. די ערשטע אופלאַגע איז אינ אַ גאַנצער רײַ בלעטלעכ געווענ באַגרינדעט אָדער אָפ אַרכיוו-דאָקומענטנ, וואָס זײַנענ מער אָדער ווייניקער צופעליק אַרײַנגעפאַלנ צומ אווטער אינ די הענט, אָדער אַפילע אָפ זײַנע פּערזענלעכע זיכרוינעס אַלס איינער פונ די אָנטיילנעמער אינ דער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר. אָבער אַ האַנטבוכ אונ מעמואַרנ — דאָס זײַנענ צוויי פאַרשיידענע זאַכנ; די מעגלעכקײַט צו צעשיידנ זיכ מיטנ „מעמואַרנ"-טייל פונעמ בוכ אונ אויסבויענ די גאַנצע באַשרײַבונג ניט אָפ דאָקומענטנ, וואָס דער אווטער האָט צופעליק געזענ, נאָר אָפ סיסטעמאַטישע אויסגאַבעס פונ דאָקומענטנ, מוז אויסגענוצט ווערנ, אַנדערש וואָלט מענ מיט רעכט געקאָנט באַשולדיקנ דעמ בוכ אינ פאַרעלטערטקײַט.

אָפ איבערצואַרבעטנ גלײַכמעסיק אַלע קאַפּיטלענ האָט פונדעסטוועגנ — מאַכמעס דעמ איבערפלוס פונ נײַ-פאַרעפנטלעכטע מאַטעריאַלנ — קיינ צײַט ניט געקלעקט. באַזונדערס איז דאָס שײַעכ צומ קאַפּיטל IX „די רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר אינ די ראַנד-געגנטנ". דעמ כ' פ. מאַכאַראַדזעס אויסגעצייכנטער בוכ „עטיודנ איבער דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אינ טראַנסקאַווקאַז" איז אינ דער נײַער אופלאַגע ניט דיסקאָנטירט. אָבער אָפ וויפל דער דאָזיקער בוכ איז פאַראַנ אינ אַ רוסישער איבערזעצונג אונ איז אָנגעשריבנ גאַנצ צוטריטלעכ, מאַכט דאָס אינ אַ באַדײַטנדיקער מאָס פאַר איבעריק מײַנ „קורצ געפאַסטע געשיכטע" פאַר די, ווער עס אינטערעסירט זיכ ספּעציעל מיט דער טראַנסקאַווקאַזער רעוואָליוציע. די אַנטשפּרעכיקע זײַטלעכ פונ דעמ געגעבענעמ בוכ ווערנ דעריבער געגעבנ בלויז צוליב דער אַלגעמיינער פאַרבינדונג אונ, לויטנ אווטערס מיינונג, טויגנ זיי פונ-דעסטוועגנ פאַר אָט דעמ ציל, אָפ וויפל קיינ גראָבע פעלערנ איז אינ זיי ניט פאַ-ראַנ. אָבער דער אווטער וויל ניט באַהאַלטנ דעמ פאַקט, אַז די הויפּט-סיבע פונ איבערלאָזנ ניט גערירט דעמ דאָזיקנ קאַפּיטל איז געווענ דער מאַנגל אינ צײַט.

צוליב אַנדערע מאָטיווּנ זײַנענ געבליבנ קימאַט ניט באַרירט די קאַפּיטלענ II („דער אינדוסטריעלער קריזיס אונ די מאַסעווע אַרבעטער-באַוועגונג"), IV („די יאַפּאַנישע מילכאָמע") אונ VIII („די קאָנסטיטוציאָנעלע אָנשטרענגונגענ פונ דער בורזשואַזיע"). דער קאַפּיטל IV איז איבערגעאַרבעט געוואָרנ שוינ צו דער צווייטער אופ-לאַגע, זײַנ לעצטער טעקסט געהערט צו האַרבסט 1925 יאָר, אונ פאַר די פאַרגאַנגענע צוויי יאָר האָט קימאַט קיינער אינ דער דאָזיקער פראַגע קיינ וועזנטלעכע נײַס ניט אַרײַנגעטראָגנ. קימאַט דאָס זעלביקע קומט אויס צו זאָגנ אויכ וועגנ דעמ קאַפּיטל VIII. די נײַע מאַטעריאַלנ ווידער, וואָס זײַנענ שײַעכ צומ קאַפּיטל II, ענדערנ ניט דאָס אַלגעמיינע בילד, וואָס נאָר אַזאַ קאָנ געגעבנ ווערנ אינ אַ „קורצ געפאַסטער געשיכטע".

דערפאַר אָבער זײַנענ אינגאַנצנ איבערגעאַרבעט געוואָרנ אָפנ גרונט פונ דער נײַסטער ליטעראַטור די קאַפּיטלענ I („די עקאָנאָמיק פונעמ רעוואָליוציאָנערנ פּע-ריאָד"), III („דער אָנהייב פונ אַ מאַסעווער באַוועגונג אינ דאָרפ"), VI („דער אַלגעמיינער שטרײַק אונ דער באַוואָפנטער אופשטאַנד", וואָס האָט פריער גע-הייסנ: „די אַרבעטער-רעוואָליוציע") אונ VII („דער פויערשער אופשטאַנד"). גאַנצ וועזנטלעכע ענדערונגענ זײַנענ, צולעצט, געמאַכט געוואָרנ אינעמ קאַפּיטל V („דער 9-טער יאַנואַר אונ „פּאָטיאָמקינ"", דאָס אַלטע קעפּל „דער 9-טער יאַנואַר. מוק-

דענ און צוסימע"): אפסנײ איז אָנגעשריבנ געוואָרנ זײנ סאָפּ און עס זײנענ אַרײנגעטראָגנ געוואָרנ א ריי דערגאַנצונגענ אינ דער ערשטער העלפט.

צולעצט, דער X קאפּיטל („די סטאָליפּיניאַדע") איז אפסנײ אָנגע־שריבנ געוואָרנ פאַר דער געגעבענער אויפלאגע. מיט איר דערשײנענ באַקומט די געשיכטע פונ דער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר א פולשטענדיק פאַרענדיקטנ אויס־זען. דאָס נײע העפט פונעמ דריטנ טייל פונ דער „קורצ געפאַסטער געשיכטע" וועט זיך אָנהייבנ מיט א נײ קאפּיטל אינ דער געשיכטע פונ דער רעוואָליוציע — מיטנ אויפשטײג פונ דער אַרבעטער־באַוועגונג אינ די יאָרנ 1912—1914.

דער לייענער האָט, אַזויאַרומ, פאַר זיך אומגעפער אפּ 30 פּראָצענט א נײעם בוך (אויב מע זאָל רעכענענ דעמ טעקסט, וואָס דערשײנט צומ ערשטנ מאָל; אויב אָבער מע זאָל רעכענענ אויך דעמ טעקסט, וואָס איז טיילווײז איבערגעאַרבעט געוואָרנ, איז, פאַרשטייט זיך, פאַראַנ מער, איידער אפּ 30 פּראָצענט). דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ניט באַקוועמ פאַר די, וואָס פאַרמאָגנ די ערשטע צוויי אויפלאַגעס. אָבער איך האָב נאָך אינ דעמ פאָרוואָרט צו דער ערשטער אויפלאגע געוואָרנט, אז עס וועט אויסקומענ איבעראַרבעטנ דעמ בוך פאַר יעדער נײער אויפלאגע. און איך קאָנ בעשומ־אופנ ניט צוזאָגנ, אז דער געגעבענער טעקסט איז דער לעצטער (ne varietur *). די דיאַלעקטיק פונ דער געשיכטע באַדינגט אומפאַרמײדלעך אויך די דיאַלעקטיק פונ דער היסטאָריאָגראַפיע...

10־טער נאָיאַבער 1927 יאָר.

מ. פּ.

---

* „ער קאָנ שוינ ניט געענדערט ווערנ". ר ע ד.

דער לעצטער פּעריאָד פונ דער רוסישער געשיכטע, וואָס אונדז איז פאַרבליבנ צו שטודירנ (1897—1929), איז אינגאַנצנ פאַרנומענ מיט דער צוגרייטונג און מיט די נאָענטסטע רעזולטאַטנ פונ איינ קאָלאָסאַלער געשעעניש — פונ דער גרויסער רוסישער רעוואָליוציע. מיר רופנ זי קורצ די „אָקטיאַבער־רעוואָליוציע", לויט איר קערפּונקט, ווענ ס'איז אַראָפּגעוואָרפנ געוואָרנ קערענסקיס רעגירונג, וואָס דאָס איז פאָרגעקומענ דעמ 25־טנ אָקטיאַבער (לויט אַלטנ סטיל) 1917 יאָר. אָבער אַלצ, וואָס עס איז פאַר דעמ געווענ, האָט געגרייט דעמ אָקטיאַבער, און אַלצ, וואָס עס איז נאָכדעמ פאָרגעקומענ, איז געווענ די פאַרטיידיקונג פונ די אָקטיאַבער־דעראָבערונגענ. לענינ האָט שטענדיק געהאַלטנ, אַז די דאָזיקע פאַרטיידיקונג איז שווערער פאַר דער עצעם דעראָבערונג. „אויב די רוסישע זעלבסטהערשונג וועט זיכ ניט קאָנענ אַרויסדרייענ, — האָט ער געשריבנ אינ מאַרט 1905 יאָר, — אויב זי וועט ניט נאָר צעוואַקלט ווערנ, נאָר ווירקלעכ אַראָפּגעוואָרפנ ווערנ, דעמלט וועט זיכ געוויס פאָדערנ אַ קאָלאָסאַלע אָנשטרענגונג פונ דער רעוואָליוציאָנערער ענערגיע פונ אַלע פאָרגעשריטענע קלאַסנ צו פאַרטיידיקנ די דאָזיקע דעראָבערונג".

אָט דאָס פאַרטיידיקנ די דעראָבערונגענ פונ דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע דויערט נאָכ ביז הײַנטיקנ טאָג. די געפאַר פונ אַ נײַער אינטערווענצ, די געפאַר, אַז די בורזשואַזע קרעפטנ, אָדער קרעפטנ, וואָס די בורזשואַזיע האָט אָנגעדונגענ, זאָלנ זיכ ווידעראַמאָל אַרײַנרײַסנ אינ אונדזער לאַנד, פאַרבלײַבט, ווי פריִער, די הויפּט־געפאַר פאַר אונדזער סאָציאַליסטישער בויונג. אָפטמאָל פלעגט מענ זאָגנ, אַז דעמ אַרבעטער־קלאַס פונ אונדזער לאַנד איז גרינגער געווענ אָנצוהייבנ די רעוואָליוציע, און זײַנע מײַרעוודיקע כאַוויירימ וועט לײַכטער זײַנ זי צו פאַרענדיקנ. די דערפאַרונג האָט באַוויזנ, אַז אונדז וועט מיסטאָמע שווערער זײַנ אויכ צו פאַרענדיקנ זי, אײדער אונדזערע מײַרעוודיקע כאַוויירימ אָנצוהייבנ. גלײַכצײַטיק איז די אַלוועלטלעכע באַוועגונג אַוועק מיט אַזוינע ווײַטע און קאָמפּליצירטע וועגנ, פונ ענגלאַנד ביז כינע, אַז די סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע, אַלס אַ גאַנצער גראַנדיעזער היסטאָרישער פּעריאָד, — וואָס וועגנ דעמ האָט מענ אויכ אָפט גערעדט אינ דער פריִערדיקער צײַט, — שטעלט זיכ ערשט איצט פאַר אונדז אינ איר גאַנצער אָנשוילעכקײַט און קאָנקרעטקײַט. דער אַלוועלטלעכער אָקטיאַבער האָט זיכ נאָכ ניט פאַרענדיקט און וועט זיכ גאָרניט גיכ פאַרענדיקנ, — און צוזאַמענ מיט אימ האָט זיכ ניט פאַרענדיקט אויכ דער קאַמפּ, וואָס עס איז אָנגעהויבנ געוואָרנ דורכנ רוסישנ אָקטיאַבער.

אינ קעגנזאַצ צו די ערשטע צוויי טײלנ פונ דער „קורצ געפאַסטער געשיכטע", ווו מיר האָבנ זיכ געהאַט פאַרנומענ מיט דער פאַרגאַנגענהײַט, וואָס וועט זיכ שוינ ניט אומקערנ, קומט אונדז איצט אויס, אַזויאַרומ, צו דערקלערנ אונדזער

געגנוואַרט. דאָס האָט אַ מײַלעס אין בעסרוינעס. די מײַלעס באַשטייען אין דעם, וואָס דאָ וועט אויסקומען ווינציקער צו דערציילן און דערקלערן ריין אויסערלעכע פאַקטן, — זיי זײַנען גוט באַקאַנט אַפילע די לייענער פון פּיאָנערישן עלטער. באַזונדערס קומט ניט אויס אַ סאַך צו דערציילן וועגן דער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע גופע — דאָס וועט מען דאַרפן האָבן פאַרן שפּעטערדיקן דאָר, און בענוגייע דעם דאָר, וואָס לעבט איצט, קאָן מען דרייסט רעכענען, אַז ניט איין לייענער האָט אַליין טאַקע געזען די געשעענישן מיט זײַנע אייגענע אויגן. אַ געפּרעסטע, קורצע דערציילונג וועט אים גאָרנישט ניט געבן. פילע, פאַרשטייט זיך, געדענקען אויך די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע פון די יאָרן 1914—1918.

דערקלערן אָבער די דאָזיקע אַלע געשעענישן איז ווײַט ניט קיין איבעריקע זאַך. און דאָ הייבן זיך אָן די בעסרוינעס און די שוועריקייטן אין אונדזער לאַגע. עס איז גרינג צו דערקלערן אַ געשעעניש, אינגאַנצן אַ פאַרענדיקטע, וואָס סײַ איר אָנהייב און סײַ איר סאָף ליגן פאַר אונדז, — דעמלט איז אַלץ פאַרשטענדלעך. ווען מע שרײַבט אָבער, שטייענדיק אין דעם רעכטן מיטן געשעעניש, דעמלט באַוועגסטו זיך ניט ווילנדיק צוזאַמען מיט איר. און פּונקט ווי בײַם מע גייט אַריבער איבער בערג, עפנט זיך, בײַ יעדן נײַעם קער פונעם וועג, אַ נײַע פּאַנאָראַמע, אַזוי איז אויך דאָ, — די נײַע אָנוואַקסנדיקע פאַקטים פון דער געשעעניש שטויסן אָן אַף נײַע שטאַנדפּונקטן, וועלכע זײַנען פריִער אַפילע אַפן געדאַנק ניט געקומען.

אַט פאַרוואָס די געשיכטע פון רעוואָליוציעס, ווען זי ווערט געשריבן פון זייערע איידעס און אָנטיילנעמער, האָט דאָס געווײנלעך דעם ווערט פון זיכרוינעס, אָדער דאָס זײַנען פּובליציסטישע ווערק, ווו דער אווטער, אָפטמאָל פון קייווער אַרויס, פאַרענדיקט די שטרײַטן מיט זײַנע פּאָליטישע קעגנער. אַגעוו, זײַנען מיר, מאַרקסיסטן, אַוועקגעשטעלט דערבײַ אין אַ בעסערער לאַגע, איידער אונדזערע בורזשואַזע פאָרגייער: מיר פאַרמאָגן דאָס, וואָס זיי האָבן ניט געהאַט, מיר האָבן אַ מעטאָד, מיר האָבן אַ שליסל צו דערקלערן אַלערליי געשעענישן, צי זיי האָבן פּאַסירט נעכטן, צי מיט דרײַ טויזנט יאָר צוריק. צווישן אונדז, אויב עס איז אַפילע מעגלעך אַ שטרײַט, איז נאָר וועגן דעם, צי מע ווענדט ריכטיק אָן דעם דאָזיקן מעטאָד. אַזעלכע שטרײַטן זײַנען, פאַרשטייט זיך, מעגלעך אויך וועגן די דערקלערונגען, וועלכע דער לייענער וועט ווײַטער געפינען אינעם דאָזיקן ביכל. אָבער דאָס פעלד פון אונדזער שטרײַט וועט שוין זײַן ענג באַגרענעצט מיט די פאָדערונגען פונעם מאַרקסיסטישן מעטאָד. און דעם לייענער וועט אויסקומען, דעריקער, זיך רעכענען מיט דעם, אַז פאַר אַ געשעעניש, וועלכע האָט זיך ניט פאַרענדיקט, קאָן ניט געגעבן ווערן קיין פאַרענדיקטע שילדערונג. נײַע קערן אין אונדזער היסטאָרישן וועג קאָנען אַרויסרופן נײַע זײַטן פון „אָקטיאַבער", וועלכע מיר האָבן פריִער ניט באַמערקט, און אָפּרוקן אין שאָטן דאָס, וואָס עס האָט זיך אונדז נעכטן געדוכט אַלס די הויפּטזאַך.

בײַ די דאָזיקע אַלע קערן וועט זיך, פאַרשטייט זיך, ניט ענדערן איין זאַך: אַף וואָס פאַר אַ שטאַנדפּונקט מע זאָל זיך ניט שטעלן, וועט אָקטיאַבער שטענדיק פאַרבלײַבן די גרויסע רוסישע רעוואָליוציע. וואָס באַטײַט עס? איז עס אַ בנימעדיקער טיטל, וואָס מע פלעגט אַמאָליקע יאָרן געבן די קייסאָרים: פּיאָטער „גרויסער", יעקאַטערינע די „גרויסע"? ניין, דאָס מאָל קאָן מען אינעם וואָרט „גרויסע" אַרײַנלייגן אַ באַשטימטן זין. רעוואָליוציעס פאַרענדיקן זיך אָדער מיטן

אראָפּוואַרפנ די אַלטע אָרדענונג, אָדער מיט האַנגאַכעס פונ איר זײַט בענעגייע די, וועלכע פאָדערנ נײַס: דאָס אַלטע קויפּט זיכ אָפּ באַמ נײַעמ. ווענ אונדזערע בורזשואַזע קענענער האָבנ געהאַט פאַר זיכ אינ דער צוקונפט די רעוואָליוציע פונעמ 1905 יאָר און האָבנ געזענ איר אומפאַרמײַדלעכקײַט, האָבנ זיי געבעטנ זייער גאָט וועגנ איינ זאַכ: אַז דאָס זאָל זײַנ אַ רעוואָליוציע פונעמ צווייטנ טיפּ פונ די, וועלכע מיר האָבנ איצט באַשריבנ, און ניט פונעמ ערשטנ. צוליב קלאָרקײַט פלעגנ זיי אַפילע ברענגענ דאַטעס — זאָל עס זײַנ דאָס יאָר 1848, פלעגנ זיי זאָגנ, און ניט 1789. אָט די דאָזיקע צוויי דאַטעס גיבנ אַ גוטע געלעגנהײַט צו דערקלערנ, אינ וואָס עס באַשטייט דער אונטערשייד צווישנ „גרויסע” און „ניט־גרויסע” רעוואָליוציעס.

ווענ מע רעדט וועגנ דעמ 1848 יאָר, האָט מענ געוויינלעכ אינ זינענ ניט די ניט־אײַנגעגעבענע אַרבעטער־רעוואָליוציע אינ פראַנקרײַכ, וועלכע איז טאַקע מער ענלעכ אָפּ אונדזער 1905־טנ יאָר, נאָר די אַזויגערופענע „בורזשואַזע” רעוואָליוציעס אינ פּרײַסנ און עסטרײַכ. וואָס איז אַזוינס אַ „בורזשואַזע” און אַ „ניט־בורזשואַזע” רעוואָליוציע — וועגנ דעמ וועלנ מיר ריידנ שפּעטער. איצט, מיקוויעכ דעמ „1848 יאָר” און „1789 יאָר”. אינ עסטרײַכ און אינ פּרײַסנ זײַנענ אינ 1848־טנ יאָר די רעגירונגענ ניט אַראָפּגעוואָרפנ געוואָרנ, אינ עסטרײַכ איז די רעגירונג בלויז אַנטלאָפנ אָפּ אַ געוויסער צײַט און האָט זיכ דערנאָכ אײַנגיכנ אומגעקערט; אינ פּרײַסנ איז אַפילע דאָס אויכ ניט געווענ. די רעוואָליוציעס האָבנ זיכ דאָרט געענדיקט דערמיט, וואָס די רעגירונגענ זײַנענ געצוווּנגענ געווענ צו געבנ אַ קאָנסטיטוציע (וועלכע איז אינ עסטרײַכ אײַנגיכנ אָפּגענומענ געוואָרנ צוריק און איז ווידער אויפגעשטעלט געוואָרנ ערשט אינ 20 יאָר אַרומ), ד. ה. זיי זײַנענ געצוווּנגענ צו געבנ אַ געוויסע מעגלעכקײַט אָנטיילצונעמענ אינ דער פאַרוואַלטונג דער בורזשואַזיע און דער פאַרמעגלעכער אינטעליגענצ — ביכלאַל, די פאַרמעגלעכע קלאַסנ. די אַרבעטער און פויערימ, וואָס זיי האָבנ, פאַרשטייט זיכ, געמאַכט די עצעמ רעוואָליוציע, האָבנ באַקומענ די נישטיקסטע מעגלעכקײַט אָנטיילצונעמענ אינ באַשליסנ די מעלוכישע איניאָנימ, מער אָפּנ פּאַפּיר, איידער אינ דער ווירקלעכקײַט. און דאָס האָבנ טאַקע די רוסישע „ליבעראַלנ” פונ 1905 יאָר געהאַלטנ פאַר דאָס סאַמע געוווּנטשענע. דערבײַ זײַנענ די „יעסוידעס” פונ דער פריערדיקער אָרדענונג — די מאָנאַרכיע, די שטאַנדנ, דער אַדל, די ביוראָקראַטישע, באַאַמטישע פאַרוואַלטונג — געבליבנ אומבארירט.

פאַרקערט, אינ פראַנקרײַכ האָט זיכ אינ 1789־טנ יאָר אָנגעהויבנ אַ רעוואָליוציע, וועלכע האָט אומגעוואַלגערט די אַלטע מאַכט. שוינ אינ דעמ יאָר האָט דער קיניג געטאָנ, אינ טאָכ גענומענ, דאָס, וואָס עס האָט פונ אימ געפאָדערט די בורזשואַזע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג. דער ווײַטערדיקער קאַמפּ האָט זיכ שוינ געפירט מער קעגנ דער גרויסבורזשואַזיע און קעגנ די רעשטנ פונעמ אַדל און קלער (דער גרעסטער טייל פונעמ אַדל איז אַנטלאָפנ קיינ אויסלאַנד), וועלכע האָבנ זיכ צו איר פאַראייניקט. אינ מעשעכ פונעמ דאָזיקנ קאַמפּ איז טאַקע די קיניגלעכע מאַכט אויכ פאָרמעל אַראָפּגעוואָרפנ געוואָרנ (דעמ 10־טנ אויגוסט 1792 יאָר), אינ פראַנקרײַכ איז פּראָקלאַמירט געוואָרנ אַ רעפּובליק, וועלכע האָט זיכ גיכ פאַרוואַנדלט אינ אַ דעמאָקראַטישער (די קאָנסטיטוציע פונעמ 1793 יאָר), אינ אַ הערשאַפט פונ דער שטאָטישער קלײנבורזשואַזיע און פונעמ פויערטומ.

דערבײַ זײַנענ די אויבערשטע שטאַזשנ פונ דער „אַלטער אָרדענונג”

אראָפּגעראַמט געוואָרנ אפּ ריינ. צוזאַמענ מיט דער קיניגלעכער מאַכט זײַנענ פאַרשווּנדנ סײַ די שטאַנדנ, סײַ די אַלטע ביוראָקראַטיע; די גאַלאָכימ פלעגנ זיכ באַהאַלטנ אינ די קעלערס — אינ דעמ לעצטנ פּראַט איז די פראַנצויזישע רעוואָליוציע אַוועק ווײַטער פונ אונדזערער. זי האָט ביכלאַל געאַרבעט אויסערלעכ אַזוי ווי ריינער, אינ איר איז געווענ מער שאַרפע אויסערלעכע ענדערונגענ, מער טעאַטראַלישקײַט. מיר, לעמאָשל, ציילנ נאָכ די יאָרנ לויטנ אַלטנ שטייגער, — די פראַנצויזנ פונ דער גרויסער רעוואָליוציע האָבנ אײַנגעפירט אַ נײַע צײַטרעכענונג, פונעמ טאָג, ווענ עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרנ די רעפּובליק. זיי האָבנ געגעבנ נײַע נעמענ די כאָדאָשימ און די טעג פונ דער וואָכ אַאוו. נאָר דאָס זײַנענ געווענ, כאָזער איכ איבער, אויסערלעכע ענדערונגענ. אראָפּראַמענדיק די אויבערשטע שיכטנ פונעמ אַלטנ שמוץ, האָט די פראַנצויזישע רעוואָליוציע ניט אָנגערירט דעמ סאַמע אײַנגעפונדעוועטנ, דעמ אונטערשטנ: דאָס פּריוואַט-אייגנטומ אפּ ערד און פּראָדוציר-מיטלענ איז געבליבנ אומבאַרירט. דער גרעסטער טייל ערד-גיטער פונ די אַדעליקע און אַלע קירכלעכע ערד-גיטער זײַנענ קאָנפיסקירט געוואָרנ, אָבער ניט לויט אַנ אַלגעמיינעמ געזעצ, נאָר צוליב וועלכע-ניט-איז ספּעציעלע מאָטיוונ. די ערד-גיטער פונ די אַדעליקע פליטנ, לעמאָשל, קאָנפיסקירט ווערנ אַלס שטראָפ דערפאַר, וואָס זייערע אייגנטימער האָבנ עמיגרירט. די דאָזיקע ערד-גיטער זײַנענ ניט צעטיילט געוואָרנ צווישנ די אַרבעטנדיקע, נאָר זײַנענ פאַרקויפט געוואָרנ דער נײַער בורזשואַזיע, וואָס די רעוואָליוציע האָט געשאַפנ, און וועלכע האָט זיי פאַרקויפט די פּויערימ פאַר אַ קאָלאָסאַלנ פּרײַז. די אַרבעט-באַדינגונגענ זײַנענ ניט נאָר ניט פאַרבעסערט געוואָרנ אַדאַנק דער רעוואָליוציע, נאָר זיי זײַנענ אַפילע ערגער געוואָרנ: עס זײַנענ, לעמאָשל, פאַרווערט געוואָרנ שטרײַקנ אינ דער צײַט, ווענ די פאַבריקאַנטנ זײַנענ פאַרבליבנ אפּנ אָרט מיט אַלע זייערע רעכט, די פאַבריקנ זײַנענ ניט נאַציאָנאַליזירט געוואָרנ.

די אַרבעטנדיקע, דעריקער די האַנטווערקער און די פּויערימ, — די אַרבעטער זײַנענ ניט אַרויסגעטראָטנ אַלס אַ באַזונדערער קלאַס, — האָבנ נאָכנ פאַרכאַפּנ די מאַכט אינ זייערע הענט זיכ ניט אָנטשלאָסנ אויסצונוצנ זי ביזנ סאָפּ. די בורזשואַזע אינטעליגענצ, וועלכע האָט מיט זיי אָנגעפירט, — עטוואָס ענלעכעס אפּ אונדזערע „לינקע עסערנ“, — האָט בלויז גערעדט וועגנ אַנ „ערד-געזעצ“, מער, כעדיי אָנצושרעקנ די בורזשואַזיע, אינדערעמעסנ אָבער האָט זי געפילט אַנ איבערגלויביקע מוירע פאַרנ „הייליקנ אייגנטומ“. אַלס רעזולטאַט, איז די דיקטאַטור פונ די אַרבעטנדיקע אינ פראַנקרײַכ געווענ זייער ניט קיינ לאַנגדויערנדיקע: זיי האָבנ זיכ ענדגילטיק געשטעלט בא דער מאַכט אינ אָנהייב פונ 1793 יאָר, און דעמ 27-טנ יול פונעמ פאָלגנדיקנ יאָר 1794 — לויטנ רעוואָליוציאָנערנ קאַלענדאַר דעמ 9-טנ טערמידאָר* — איז זייער פירער ראָבעספּיער אראָפּגעוואָרפנ און געקעפּט געוואָרנ דורכ די בורזשואַזע פּאַרטייענ, וואָס מע קאָנ זיי פאַרגלײַכנ, אַנעדעכ, מיט אונדזערע רעכטע עסערנ און קאַדעטנ. די בורזשואַזע פּאַרטייענ האָבנ זיכ אָפּגעשאַפט די דעמאָקראַטישע רעפּובליק און האָבנ ווידער אויפגעשטעלט די מאַכט פונ דער בורזשואַזיע (עס איז ווידער אויפגעשטעלט געוואָרנ אַ וואַלצענז

---

* דעמ **וואַרעמסטנ** כוידעש אינ יאָר, פונעמ גריכישנ וואָרט „טערמאָס“ — וואַרעמקײַט.

ארג). די ריינ־רעוואָליוציאָנערע מאכט האָט זיכ אפ אזא אויפנ געהאלטנ אינ פראנקרײַכ סאכאקל פערצנ כאדאָשימ.

אלזאָ, די גרויסע פראנצויזישע רעוואָליוציע איז געווענ א סאכ וויני־קער טיפ אונ א מער גיכע, א גיכער פארבײַגייענדיקע, איידער די רוסישע. אָט די בײדע זײַטנ זײַנענ ענג פארבונדנ צווישנאנאנד. פאר־וואָס איז געפאלנ ראָבעספיער? ווײַל די פּאָלקמאסנ, וועלכע האָבנ אימ טכילעס ליב געהאט — ער איז געווענ פונקט אזוי פּאָפּולער, ווי אונדזער איליטש, — האָבנ אימ סאָפעקאָלסאָפ אופגעהערט שטיצנ, ווײַל זיי האָבנ קיינ שומ טאכלעס ניט געזענ פונ דער רעוואָליוציאָנערער דיקטאטור. אלע גווירימ, סאָכרימ, פאברי־קאנטנ, פּאָדריאדטשיקעס אונ אפילע יענע פריצימ, וועלכע האָבנ זיכ אונטערגע־וואָרפנ אונ האָבנ אנערקענט די רעפּובליק, זײַנענ פארבליבנ אפ זייערע ערטער אונ פלעגנ בלויז נאָכ מער גיסאשער ווערנ. אונ די גאנצע לאסט פונ דער רע־וואָליוציע האָט געטראָגנ די פּאָלקמאסע. עס איז קיינ וווּנדער ניט, וואָס די מאסע האָט זיכ גאנצ גיכ אנטוישט אונ איז מיד געוואָרנ צו קעמפנ. אָט פארוואָס די רעוואָליוציאָנערע דיקטאטור אינ פראנקרײַכ האָט זיכ ניט אײַנגעהאלטנ אפילע קיינ אָנדערהאלבנ יאָר, אינ דער צײַט, ווענ אינ רוסלאנד עקזיסטירט זי שוינ דרײַצנ יאָר.

אזויארומ, איז די גרעסטע רעוואָליוציע, וואָס אייראָפּע האָט געזענ אינ דער פארגאנגענהײַט, פונדעסטוועגנ געווענ א וויניקער טיפע, איידער די רוסישע. אָט וואָס מע דארפ האָבנ אינ זינענ, קעדיי צו באקומענ א ריכטיקנ מאסשטאב אפ אָפּצושאצנ די געשעענישנ, וואָס אונדז איז אויסגעקומענ צו זײַנ זייערע איידעס אונ אָנטיילנעמער. אונ אויב מע רופט שוינ אָנ די פראנצויזישע רעוואָ־ליוציע פונ די יאָרנ 1789—1794 „גרויסע“, האָט אונדזערע אוואדע אונ אוואדע פארדינט דעמ דאָזיקנ נאָמענ.

נאָר דער פארגלײַכ מיט דער פראנצויזישער רעוואָליוציע גיט פארבײַגייענדיק אָנ ענטפער אויכ אפ דער צווייטער פראגע, וועלכע איז אויבנ בארירט געוואָרנ: וועגנ א בורזשואזער אונ ניט־בורזשואזער רעוואָליוציע. דעמ טערמינ „בורזשואזע רעוואָליוציע“ קאָנ מענ פארשטיינ אפ צווייערליי אויפנאנימ: אָדער דאָס באטײַט א רעוואָליוציע, וועלכע שאפט באדינגונגענ, וואָס זײַנענ נייטיק פאר דער עקזיס־טענצ פונ א בורזשואזער, קאפּיטאליסטישער אָרדענונג, אָדער דאָס באטײַט א רע־וואָליוציע, מיט וועלכער עס פירט אָנ די בורזשואזיע. אינעמ ערשטנ זינענ האָבנ פארשטאנענ דעמ נאָמענ „בורזשואזע רעוואָליוציע“ אינ די יאָרנ 1905—1907 דעריקער מיר, די באָלשעוויקעס, אינעמ צווייטנ זינענ האָבנ אימ פארשטאנענ די מענשעוויקעס, באזונדערס פּלעכאנאָוו, וועלכער איז אפ דעמ סמאכ באשטאנענ דערופ, אז דער פּראָלעטאריאט זאָל מיט אלע קויכעס שטיצנ די בורזשואזיע, וועלכע „מאכט“ קלוימערשט „די רעוואָליוציע“.

די פראנצויזישע רעוואָליוציע איז געווענ א בורזשואזע אינ בײדע הינזיכטנ. זי האָט, ערשטנס, באזײַטיקט די אלע פּיליצאָליקע שטערונגענ, וועלכע זײַנענ אינ אלטנ פראנקרײַכ געשטאנענ אפנ וועג צו דער אנטוויקלונג פונ דער קאפּיטאליס־טישער אינדוסטריע. סײַ דאָס לאנד סײַ די געזעלשאפט זײַנענ אינעמ אלטנ פראנקרײַכ צעטיילט געווענ דורכ אָנ א שיר איבערצאמוגענ אפ אָנ אומצאָליקע סכומ קעמערלעכ. איינ פּראָווינצ (געגנט) איז געווענ אָפּגעטיילט פונ דער אנדערער דורכ א צאָלאמט־גרענעצ, — מע האָט, לעמאָשל, ניט געטאָרט דורכפירנ קיינ טוווע פונ

איינ פראָווינצ אינ דער צווייטער אָנ א באַזונדערער דערלויבעניש פונ דער מאכט. יעדע פראָווינצ האָט זיכ געהאַט אירע אייגענע געזעצנ, וועלכע האָבנ עקזיסטירט שוינ הונדערטער יאָרנ, אונ זיי זײַנענ, הייסט עס, אבסאָליוט ניט געווענ צוגע־פאַסט צומ איצטיקנ קאַפּיטאַליסטישנ אומזאַצ. אינ יעדנ דאָרפ האָבנ עקזיסטירט אַלערליי „פּריווילעגיעס" פאַרנ פּאָרעצ, פאַר דער קירכ אאַוו. אָט די פּריווילעגיעס האָבנ עקזיסטירט פיל דורעס אונ זײַנענ געווענ אבסאָליוט אומזיניקע (ווי, אשטיי־גער, די פליכט פונ די פויערימ צו שרעקנ די זשאַבעס אפ דער פּריצישער סאַזשל־קע, זיי זאָלנ ניט שטערנ דעמ האַר שלאָפנ). פאַרשטייט זיכ, אז קיינער פלעגט זיכ דירעקט ניט באַנוצנ מיט אַזעלכע פּריווילעגיעס, צוליב זייער אומזיניקײַט, די פויערימ אָבער פלעגט מענ פונדעסטוועגנ צווינגענ אויסקויפנ זיכ פונ זיי, אונ אפ אַזאַ אויפנ פלעגט א קאָלאָסאַלער טייל פונעמ מער־פּראָדוקט פונ דער פויערישער ווירטשאַפט ארײַנפאַלנ אינ די הענט פונ פּאָרעצ אָדער גאַלעכ, אינ די הענט פונ די ניט־פּראָדוצירנדיקע קלאַסנ. די „פּריווילעגיעס" האָבנ אזוי שווער געדריקט אפ די ארבעטנדיקע קלאַסנ, אז די רעוואָליוציע אינעמ 1789-טנ יאָר האָט זיכ טאַקע אָנגעהויבנ אונטערנ לאָזונג „אראָפ די פּריווילעגיעס!"

אויב די פּראָווינציעלע פּריווילעגיעס האָבנ געשטערט דעמ האַנדל אונ ביכ־לאַל דער אָנווענדונג פונ קאַפּיטאַל, האָבנ די שטאַנדנ־פּריווילעגיעס, בעדראָלעט שטענדיק די פויערימ, וועלכע פלעגנ שטענדיק פאַרבלײַבנ קאַפּצאָנימ, וויפל זיי זאָלנ ניט ארבעטנ, געשטערט דער אויסבילדונג פונ אנ אינערלעכנ מאַרק, וואָס אָנ דעמ איז אוממעגלעכ די גרויסע, קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריע. קעדיי דער קאַ־פּיטאַליזמ אינ פראַנקרײַכ זאָל זיכ קאָנענ אנטוויקלענ, האָט מענ געמוזט פאַרניכטנ די „פּריווילעגיעס". דאָס האָט טאַקע אויפגעטאָנ די רעוואָליוציע. די מיטלאַלטער־לעכע פּראָווינצנ האָט זי פאַרביטנ אפ דעפּאַרטאַמענטנ, וועלכע עקזיסטירנ נאָכ ביז הײַנטיקנ טאָג, אפ ריינ אדמיניסטראַטיווע קרײַזנ, וועלכע זײַנענ אָרגאַניזירט אבסאָליוט איינאַרטיק אונ זײַנענ ניט אָפּגעטיילט איינער פונעמ אנדערנ מיט קיינע שומ ראָגאַטקעס. אַלע פּריווילעגיעס לעטוועס דעמ פּאָרעצ אונ דער קירכ זײַנענ פאַרניכטעט געוואָרנ. צוערשט האָט די „נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג", וועגנ וועלכער מיר האָבנ אויבנ דערמאָנט, געוואָלט פונדעסטוועגנ צווינגענ די פויערימ אויסקויפנ — איינמאָל פאַר אַלעמאָל — די גרעסטע פּריווילעגיעס, אונ דאָס איז טאַקע געווענ א שטויס אפ פאַרצוזעצנ די רעוואָליוציע אונ אײַנפירנ די דיקטאַטור פונ די ארבעטנדיקע; דאָס אָפּשאַפנ די אַלטע פּריווילעגיעס אָנ שומ אויסקויפ איז געווענ די הויפּטזאַכ, וואָס די דעמאָקראַטישע רעפּובליק האָט געגעבנ דעמ פראַנ־צויזישנ פויער. דער פויער האָט זיכ נאָכ דעמ פאַרוואַנדלט אינ א פרײַענ קליינעמ ערד־איינגנטימער, אונ די פראַנצויזישע אינדוסטריע האָט, לעסאָפ, באַקומענ א געגונ ברייטנ אונ אופנעמפייקנ אינערלעכנ מאַרק.

ווי מיר זעענ, האָט די פראַנצויזישע רעוואָליוציע ווירקלעכ באַזײַטיקט די שטערונגענ, וועלכע זײַנענ געשטאַנענ אפנ וועג צו דער אנטוויקלונג פונעמ קאַפּי־טאַליזמ אינ פראַנקרײַכ. אונ נאָר: די יעסוידעס פונעמ קאַפּיטאַליזמ, דאָס פּרי־וואַט־איינגנטומ אפ ערד אונ אפ די פּראָדוציר־מיטלענ, האָט זי, ווי מיר געדענקענ, ניט אָנגערירט. אינ פולנ העסקעמ דערמיט, האָט אינ דער פראַנצויזישער רעוואָ־ליוציע אָנמשייהנ געהערשט די בורזשואַזע אידעאָלאָגיע, אונ דאָס האָבנ מיר ווידעראַמאָל געזענ. די קליינע צאָל סאָציאַליסטנ, וועלכע די רעוואָליוציע האָט ארויסגערוקט, האָבנ געמוזט ארויסטרעטנ אַלס פאַרשווערער קעגנ דער רעוואָלי־

ציאַנערער רעגירונג, און זי האָט זיי טאַקע געקעפּט, און אַרויסגעטראָטנ זייַנענ זיי אויכ מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג, שוינ נאָכ דעמ, ווי ראָבעספּיער איז אַראָפּגעוואָרפנ געוואָרנ. ראָבעספּיער, אַגעוו, האָט אויכ ניט שטאַרק ליב געהאַט די סאָציאַליסטנ, ניט געקוקט אַפ די סאָציאַליסטישע פראַזעס, וועלכע פלעגנ זיכ בא אימ אַמאָל אַרויסרייַסנ, און ער האָט אָנראַכמאָנעסדיק געקעפּט אַלעמענ, ווער עס האָט זיכ פאַרמאָסטנ אָנצורירנ דאָס „הייליקע אייגנטומ".

די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָליוציע איז, אַזויאַרומ, געווענ אַ „בורזשואַזע" אינ אַלע הינזיכטנ. פּונקט אַזעלכע זייַנענ אויכ געווענ די „ניט-גרויסע" דייַטשישע רעוואָליוציעס, אינ די יאָרנ 1848—1849. צי איז געווענ אַזאַ אויכ די גרויסע רוסישע רעוואָליוציע?

פריִער פאַר אַלצ, צי זייַנענ בא אונדז אַפנ וועג צו דער אַנטוויקלונג פונעמ קאַפּיטאַליזמ געשטאַנענ די זעלביקע שטערונגענ, ווי אינעמ אַלטנ, פאַררעוואָליוציאָנערנ פראַנקרייַכ? עס זייַנענ געשטאַנענ, אָבער פיל קלענערע. קיינ אָרטיקע, געגנטלעכע פּריווילעגיעס, וועלכע זאָלנ שטערנ דעמ האַנדל און דער אָנווענדונג פונ קאַפּיטאַל, איז בא אונדז צומ אָנהייב XX יאָרהונדערט גאָרניט געווענ. דער רוסישער האַנדל-קאַפּיטאַל האָט דאָ ברייט אָפּגעראַמט דעמ וועג פאַר זייַנ יינגערנ ברודער, דעמ אינדוסטריעלנ קאַפּיטאַל. וואָס איז שייַכ די שטאַנד-פּריווילעגיעס, איז די איקערדיקע פונ זיי געווענ בא אונדז דאָס ל ייב ייגנ ט ומ, וואָס איז, ווי מיר ווייסנ, אָפּגעשאַפט געוואָרנ אינעמ 1861 יאָר. מיר ווייסנ אָבער אויכ, אַז מע האָט עס אָפּגעשאַפט בלויז אַפ אַזויפיל, אַפ וויפל עס האָט געשטערט דער אַנטוויקלונג פונ דער גוטבאַזיצערישערווירטשאַפט. די פויערימ האָבנ אויפגעהערט צו זייַנ אַ באַוועגלעכ פאַרמעגנ פונעמ פּאָרעצ — מע האָט זיי מער ניט געטאָרט פאַרקויפנ און אויסבייַטנ אַפ הינט, אָבער קיינ „פרייַע בירגער" זייַנענ זיי לאַבלוטנ ניט געוואָרנ. זיי זייַנענ, ווי פריִער, געווענ צוגעפעסטיקט צו זייער שטאַנד, צו זייער ערד, און, דעריבער, — צו דער ערד-געמיינדע מיט איר קעגנזייַטיקער אַרוועס. אַפ וויפל די דאָזיקע רעשטנ לייַבייגנטומ האָבנ געמוזט שטערנ דער אַנטוויקלונג פונעמ רוסישנ קאַפּיטאַליזמ, וועלנ באַווייַזנ אַ פּאָר ציפערנ: די פּראָדוקציע פונ די פיר הויפט-טוועס פונ רוסלאַנד (קאָרנ, ווייצ, גערשטנ און האָבער) האָט זיכ פאַר צוואַנציק יאָר, פונ די 1870-קער ביז די 1890-קער יאָרנ, פאַרגרעסערט סאַכאַקל אַפ 15%, פונ 270 מיליאָנ טשעטווערטס * ביז 312 מיליאָנ, אינ דער צייַט, ווענ די באַפעלקערונג האָט זיכ פאַר דער זעלביקער צייַט פאַרגרעסערט אינ אָנדערהאַלבנ מאָל. דער שטויס, וועלכנ די „באַפרייַונג" האָט געגעבנ (ז. טייל 2), האָט, אַפ אַזאַ אויפנ, געקלעקט ניט אַפ לאַנג. און אויב אונדזער אינדוסטריע האָט פונדעסטוועגנ ניט אויפגעהערט צו אַנטוויקלענ זיכ, דעריקלערט זיכ עס טיילווייַז מיט דער אייַזנבאַנ-בויונג, טיילווייַז מיט דער צעפאַלונג פונ דער נאַטורעלער ווירטשאַפט אינ דאָרפ, מיט דער פאַראָרעמונג פונעמ פויער (ז. טייל 2). ער האָט, ווי דאָס האָט נאָכ אינ 1861-טנ יאָר פאָרויסגעזאָגט טשערנישעווסקי, אויפגעהערט צו טראָגנ לייַוונט, וואָס ער פלעגט וועבנ בא זיכ אינ דער היימ — און עס איז שוינ טאַקע ניט געווענ פונ וואָס צו וועבנ! — און האָט אָנגעהויבנ קויפנ פאַבריק-ציצ.

ווי מיר זעענ, האָט די רעוואָליוציע יאָ געהאַט וואָס אָפּצושאַפנ אינעמ גע-

---

* אַ טשעטווערט איז אַנ ערעכ 160 קילאָ. א י ב ע ר ז.

בײַט פֿון די רוסישע „פּריווילעגיעס״, אָבער דער אונטערשייד לויטן פּראַנקרײַך איז פֿאָרט געווען א קאָלאָסאַלער. דאָרט האָט אפילו די רעוואָליוציאָנערע מאַכט — די „נאַציאָנאַלע מאַכט״ — זיך ניט אַנטשלאָסן צו פֿאַרניכטן די פּריווילעגיעס אומזיסט; בײַ אונדז האָט אפילו די אַלטע, צאַרישע רעגירונג אָפּגעשאַפֿט די לײַבאייגנשאַפֿט אויסער דער זייער פֿרייער אָנהייב פֿון דער רעוואָליוציע — אין 1903-טן יאָר, און אונטער דער ווירקונג פֿון דער ערשטער רעוואָליוציע פֿון 1905-טן יאָר איז זי אפילו צוגעטראָטן איינגאַנצן צו ליקווידירן די דאָרפֿישע ערדגעמיינדע. בײַ אונדז האָט דעריבער די רעוואָליוציע גלײַך אויפֿגעשטעלט די פֿראַגע, וועגן וועלכער מע האָט מיט א האַלבן מויל גערעדט אין פֿראַנקרײַך: די פֿראַגע וועגן קאָנפֿיסקירן דאָס גאַנצע גרויסע פּריוואַטע ערד-אייגנטום און איבערגעבן עס די, וואָס באַאַרבעטן די ערד, די פּויערים. שוין אין 1906-טן יאָר זײַנען די באָלשעוויקעס אַרויסגעטראָטן מיט א פּראָיעקט וועגן נ א צ י אָ נ א ל י ז י ר ן די ערד (לויטן האָט וועגן דעם געשריבן נאָך אין XIX יאָרהונדערט), און ווי נאָר די רעוואָליוציע האָט ענדגילטיק טריומפֿירט אין אָקטיאַבער 1917 יאָר, איז גלײַך אַרויסגעגעבן געוואָרן טאַקע דער זעלביקער „געזעץ״, וואָס מיט אים פֿלעגן די פֿראַנצויזישע רעוואָליוציאָנערן שרעקן קינדער.

די רוסישע רעוואָליוציע האָט אָנגעהויבן פֿון דעם, מיט וואָס די פֿראַנצויזישע האָט אפילו קיין מוט ניט געהאַט צו ענדיקן. די קאָנפֿיסקאַציע פֿון אַלע גרויסע גיטער — דאָס איז נאָך ניט קיין סאָציאַליזם, דאָס איז אָבער אזא קלאַפּ איבערן „הייליקן אייגנטום״, וואָס איז נאָך קיינמאָל ניט דערלאַנגט געוואָרן אין דער גאַנצער בורזשואַזער וועלט. אפילו אַלס בורזשואַזע רעוואָליוציע איז די רוסישע דעריבער א ג ר ע נ ע צ-רעוואָליוציע — ווײַטער איז שוין ניטאָ וווּהין צו גיין.

מיר אָבער האָבן זיך, ווי באַוווּסט, ניט באַגרענעצט מיט קאָנפֿיסקירן די ערד, — אין 1918 יאָר זײַנען נאַציאָנאַליזירט געוואָרן אַלע גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. דאָס איז שוין, אָן שום ספֿק, געגאַנגען א סך ווײַטער פֿון א ב ו ר ז ש ו א ז ע ר רעוואָליוציע, אפילו פֿון דער גרענעצלאָזיקסטער, ווײַל איר ציל איז די אומגעשטערטע אָנזאַמלונג פֿון פּריוואַטן קאַפּיטאַל און לאַכלוטן בײַט די פֿאַרוואַנדלונג פֿונעם דאָזיקן קאַפּיטאַל אין א מעלוכיש אייגנטום. אזא מין פֿאַרוואַנדלונג האָבן שטענדיק און אומעטום געפֿאָדערט בלויז די ס אָ צ י אַ ל י ס ט ן — קיין שום בורזשואַזער רעוואָליוציאָנער וואָלט ניט געקאָנט אַרויסשטעלן אזא מין פֿאָדערונג. דענאַציאָנאַליזירן די אינדוסטריע, אומקערן די נאַציאָנאַליזירטע אונטערנעמונגען די „געזעצלעכע״ אייגנטימער איז דער לאָזונג פֿון דער גאַנצער בורזשואַזיע, וועלכע קעמפֿט קעגן אונדז, — סײַ פֿון אונדזער, ווײַסגוואַרדייִשער, סײַ פֿון דער אויסלענדישער, דער אַנטאַנטישער. און שוין אָט דער לאָזונג פֿון דער קאָנטררעוואָליוציע איז גענוג צו כאַראַקטעריזירן דעם דאָזיקן טייל פֿון אונדזער רעוואָליוציע, אַלס א ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע ר ע וו אָ ל י וצ י ע.

א סאָציאַליסטישע איז אויך געווען די אידעאָלאָגיע פֿון אונדזער רעוואָליוציע, — דערבײַ פֿלעגן בײַ אונדז אָנעמען א סאָציאַליסטישע באַפֿאַרבונג און אפילו דעם נאָמען „סאָציאַליסטן״ רעוואָליוציאָנערן פֿון אַן אויסגעשפּראָכן בורזשואַזן טיפּ. אזעלכע זײַנען די „עגעסן״ — די „פֿאָלק-סאָציאַליסטן״, אין טאָג בורזשואַזע דעמאָקראַטן. דער לינקער פֿליגל פֿון אונדזערע בורזשואַזע דעמאָקראַטן האָט געהאַט אפילו די העזה אָנצורופֿן זיך מיטן נאָמען „סאָציאַליסטן-רעוואָליו-

ציאָנערנ"; און ערשט דעמלט, ווענ זיי האָבנ זיכ געשטעלט בא דער מאכט און האָבנ ניט געקאָנט מאכנ קיינ איינ טריט אינ דער ריכטונג צום סאָציאליזמ, האָבנ זיי פארשטאנענ, אז זיי האָבנ צו טאָנ מיט מענטשנ, וואָס האָבנ זיכ אליינ אָנגערופנ מיט א פרעמדנ נאָמענ, אָבער דאָס אליינ איז אויכ אינטערעסאנט און אויסדריקלעכ: אמאָליקע יאָרנ פלעגנ זיכ אזוינע מענטשנ דערקלערנ פאר קייסאָרימ, און אינ רוסלאנד פונ XX יאָרהונדערט האָבנ זיי זיכ דערקלערט פאר סאָציאליסטנ.

און ס'איז גאנצ נאטירלעכ, אז די בורזשואזיע האָט זיכ בא אונדז אנדערש באצויגנ צו דער רעוואָליוציע, ווי אינ פראנקרײַכ. דאָרט האָט די בורזשואזיע זומער 1789 יאָר *אָנגעהויבנ* אנ אטאקע אפ דער קיניגלעכער מאכט, האָט באשלאָסנ איר ניט אונטערצוווארפנ זיכ און האָט, לעסאָפ, מיט דער הילפ פונ דער אופגעשטאנענער פאָלקמאסע אונטערגעאָרדנט דעמ קיניג אונטער איר נאציאָנאלער פארזאמלונג. בא אונדז האָט די בורזשואזיע די גאנצע צײַט געזוכט דורכצוקומענ מיט דער זעלבסטהערשונג, אופהייבנדיק דעמ פרײַז, וואָס מער עס זײַנענ געוואקסנ די דערפאָלגנ פונ דער פאָלקמאסע, וואָס ניט זי האָט געפירט אינ שלאכט. און ווענ די שטאָטישע מאסע, דער פראָלעטאריאט, איז צעקלאפט געוואָרנ אינ דעקאבער 1905 יאָר, איז שווער צו זאָגנ, ווער עס האָט מער טריומפירט — די בורזשואזיע צי די זעלבסטהערשונג און אירע מעשאָרסימ.

און ווענ דער פראָלעטאריאט האָט, אומגעריכט פאר דער בורזשואזיע, אראָפגעשלײַדערט די זעלבסטהערשונג אינ פעווראל (לויטנ אלטנ סטיל) 1917 יאָר, האָט זי מיט אנ אומגעווייגלעכער אײַנגעשפארטקײַט גענומענ ראטעווענ פונ דער אלטער אָרדענונג אלצ, וואָס מע האָט נאָר געקאָנט ראטעווענ. דאָ איז באזונדערס באלערנדיק צו פארגלײַכנ די אופירונג פונ דער רוסישער בורזשואזיע אינ 1917 יאָר מיט דער אופירונג פונ דער פראנצויזישער אינ 1792-טנ יאָר. דאָרטנ איז די עקסטלינקע בורזשואזע פארטיי, וועלכע האָט אנטשפראָכנ אונדזערע קאדעטנ, געווענ בעפיירעש א רעפובליקאנישע און איז די ערשטע צײַט געגאנגענ בעראָש פונ דער רעפובליקאנישער באוועגונג; גלײַכ נאָכנ אראָפוואַרפנ די קיניגלעכע מאכט איז צונויפגערופנ געוואָרנ די גרינדונג-פארזאמלונג (דער קאָנווענט), סאכאקל אינ *זעקס וואָכנ* ארומ נאָכ דער איבערקערעניש (די קיניגלעכע מאכט איז געפאלנ דעמ 10-טנ אווגוסט 1792-טנ יאָר, און דער קאָנווענט האָט זיכ געעפנט דעמ 20-טנ סענטיאבער). די בורזשואזיע אינ פראנקרײַכ פלעגט זיכ אײַנשפארנ בלויז אינ דער *עקאָנאָמישער* פראגע, — ווענ די רעוואָליוציע פלעגט אָנהייבנ אָנרירנ דאָס „הייליקע אייגנטומ".

בא אונדז נאָכ פעווראל 1917-טנ יאָר האָבנ די בורזשואזע פארטייענ געשטרעבט קוידעמקאָל צו *ראטעווענ די מאָנארכיע*. ערשט ווענ עס איז קלאָר געוואָרנ, אז דער נײַער צאר וועט ניט אײַנזיצנ אפנ טראָנ אפילע קיינ האלבע שאָ, אז מע וועט אימ אראָפוואַרפנ א סאכ פריִער, אײדער ער וועט באוויזנ צו קרוינענ זיכ, האָט די בורזשואזיע מאסקימ געווענ צו מאכנ שאָלעמ, אפנ וואָרט, מיט דער רעפובליק... אינדערעמעסנ פלעגט זי אָפציִענ, אפ וויפל עס איז געווענ מעגלעכ, דאָס אײַנשטעלנ די רעפובליק, זי פלעגט אָפלייגנ דאָס צונויפרופנ די גרינדונג-פארזאמלונג, — פונקט ווי אינ רוסלאנד פונ 1917-טנ יאָר, מיט אײַזנבאנענ און טעלעגראפנ, וואָלט געווענ שווערער צונויפצורופנ זי, אײדער אינ פראנקרײַכ פונ 1792-טנ יאָר, ווו מע איז געפאָרנ אויסשליסלעכ אפ פערד,

און דער גאנצער פארקער פלעגט פארקומענ מיט דער הילפ פונ דער פאטשט. פונ דעם מאמענט אנ, זינט עס האט טריומפירט די רעוואליוציע, ווערט די בורזשואזיע אינ רוסלאנד אנ אפנ קאנטררעוואליוציאנערע, רעאקציאנערע קראפט. אונ שוינ דאס אליינ האט געמוזט שטערנ דער רוסישער רעוואליוציע צו פארבלייבנ אינ די ראמענ פונ א „בורזשואזער" רעוואליוציע. פונקט ווי די פראנצויזישע רעוואליוציע האט ניט געקאנט איבערלאזנ די גיטער אינ די הענט פונעם פארעצ דעמ קאנטררעוואליוציאנער, וועלכער איז אנטלאפנ קיינ אויסלאנד אונ פלעגט זיכ דארט צונויפריידנ מיט אויסלענדער וועגנ אנפאלנ אפנ רעוואליוציאנערנ פראנקרייכ, אזוי האט אויכ די רוסישע רעוואליוציע ניט געקאנט איבערלאזנ די פאבריק אינ די הענט פונעם קאנטררעוואליוציאנער דעמ קאפיטאליסט, וועלכער האט זיכ געשושקעט מיט פארשיידענע אויסלענדישע „מיסיעס" וועגנ דעמ, וויאזוי צו דערשטיקנ די באוועגונג פונ די ארבעטער אונ פויערימ. דאס איז, פארשטייט זיכ, ניט געווענ די הויפט-סיבע דערפונ, וואס אונדזער רעוואליוציע איז פארוואנדלט געווארנ אינ א סאציאליסטישער, — מיר וועלנ ווייטער זענ, אז דערצו זיינענ געווענ טיפע עקאנאמישע גרונטנ, א טיפער איבערגעבורט פונ אונדזער פאלק-ווירטשאפט. אבער דאס שטרייכט אונטער אנ איבעריקנ מאל די אוממעגלעכקייט פונ אזא פארוואנדלונג.

ניט בלויז סוביעקטיוו, אינעם באוווסטזיינ פונ אירע אנפירער, נאר אויכ אביעקטיוו, לויטנ גאנג פונ די געשעענישנ, האט די רוסישע רעוואליוציע געמוזט ווערנ אונ האט ניט געקאנט ניט ווערנ א סאציאליסטישע רעוואליוציע.

אבער אזא איז זי געווארנ ניט מיטאמאל. די אביעקטיווע באדינגונגענ, וועלכע מיר האבנ נאר וואס דערמאנט, זיינענ ארויסגעטראטנ מיט דער גאנצער קראפט צומ 1917-טנ יאר, — אונ דער ערשטער טאג פונ דער רעוואליוציע אינ רוסלאנד איז געווענ דער 9-טער (22) יאנואר 1905-טנ יאר. דער ערשטער אופרייס פונ דער רוסישער רעוואליוציע איז נאכ דורכגעגאנגענ אונטער בורזשואזע לאזונגענ פונ א גרינדונג-פארזאמלונג אונ א דעמאקראטישער רעפובליק. אינדערעמעסנ האט זיכ די רעוואליוציע פונ 1905-טנ יאר אפגעשטעלט איידער זי האט זיכ דערשלאגנ אפילע צו דער פארווירקלעכונג פונ די דאזיקע לאזונגענ, אונ עס האט זיכ געקאנט דוכטנ, אז אינ רוסלאנד האט זיכ אלצ געענדיקט, ווי אינ דייטשלאנד פונ 1848-טנ יאר, אז דער זעלבסטהערשונג האט זיכ איינגעגעבנ אויסקויפנ זיכ פונ דער רעוואליוציע מיט א קאנסטיטוציע. ערשט באמ צווייטנ מאל איז די זעלבסטהערשונג ענדגילטיק אראפגעווארפנ געווארנ. די רוסישע רעוואליוציע איז, אזויארום, דורכגעגאנגענ צוויי טרעפלעכ, אונ דאס גיט אלע גרונטנ פאנאנדערצוטיילנ די ווייטערדיקע באשרייבונג אפ צוויי טיילנ. דער אביעקט פונעם ערשטנ טייל וועט טאקע זיינ די רעוואליוציע פונ 1905-טנ יאר, ד. ה. דער ערשטער פרווו פונ א בורזשואזער רעוואליוציע, מיט אירע דירעקטע סיבעס אונ נאענטסטע רעזולטאטנ. דער אביעקט פונעם צווייטנ טייל וועט זיינ די אופלעבונג פונ דער ארבעטער-באוועגונג, אנגעהויבנ פונ די יארנ 1910—1912, דער ניצאכנ פונ דער בורזשואזער רעוואליוציע אונ די צווייטע, די סאציאליסטישע רעוואליוציע.

קאַפּיטל I

די עקאָנאָמיק פֿונעם רעוואָלוציאָנערן פּעריאָד

די פֿאָלקווירטשאַפֿט פֿונעם קאָלאָסאַלן לאַנד, וואָס האָט געהייסן „רוסלענדישע אימפּעריע“ און וואָס זײַן גרעסטער טייל איז איצט אַרײַן אין באַשטאַנד פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד, האָט אין אָנהייב XX יאָרהונדערט פֿאָרגעשטעלט מיט זיך א ווידערשפּרעכיק בילד. פֿון איין זײַט, איז דאָס געווען א לאַנד פֿון זייער אַן אַנטוויקלטן אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם, וואָס האָט זיך דערבײַ אַנטוויקלט גיכער, איידער אין וועלכער-ניט-איז אַנדער לאַנד. אַלס מאָס פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון דער גרויס-אינדוסטריע רעכנט זיך דאָס פּראָדוציר-מיטלען, ד. ה. מאַשינעס, געצײַג אאַז״וו.; און אַזוי ווי דאָס אַלץ ווערט געמאַכט פֿון מעטאַל, קאָן מאַקע די פּראָדוקציע פֿון מעטאַל אין א לאַנד, אין גראָבע שטריכן, דינען אַלס צייגער פֿון זײַן אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג. איז אָט, אויב מיר וועלן פֿאַרגלײַכן די טשוהון-אויסשמעלצונג אין די פֿאָרגעשריטענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער און אין רוסלאַנד פֿון 1890 ביז 1913 יאָר, — וועלן מיר באַקומען אַזא בילד:

יאָר	פֿאַראייניקטע שטאַטן	ענגלאַנד	דײַטשלאַנד	פֿראַנקרײַך	רוסלאַנד
1890 (אין מיליאָנען טאָן)	9,2	7,9	4,6	1,9	0,9
1913 " " "	30,9	10,2	19,2	5,2	4,7
1913 אין פּראָצענטן צום 1890 יאָר	336	129	418	273	522

אַזוי־אַרום האָט זיך בײַ אונדז די פּראָדוקציע פֿון טשוהון פֿאַרגרעסערט פֿאַר 24 יאָר מער ווי אין פֿינף מאָל, — דאַן ווען אין דײַטשלאַנד האָבן מיר א פֿאַרגרעסערונג בלויז עטוואָס מער פֿון פֿיר מאָל, און פֿאַר די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון צפֿון־אַמעריקע אַפֿילו בלויז פֿון דרײַ מיט א האַלבן מאָל.

נאָך קלאָרער וועט זײַן דאָס בילד, אויב מיר וועלן נעמען די פֿינף און צוואַנציק יאָר 1887—1912: 0,6 מיליאָן טאָן און 4,3 מיליאָן טאָן — א פֿאַרגרעסערונג מער ווי אין זיבן מאָל, — אַף 612 פּראָצ.

אָבער די אַנטוויקלונג פֿון דער אינדוסטריע ווײַזט זיך אַרויס ניט בלויז אין דער פֿאַרגרעסערונג פֿון דער פּראָדוקטיווקײַט פֿון די פֿאַבריקן, נאָר אויך אין דער פֿאַרגרעסערונג פֿון דער מאַסע, מיט וועלכער די דאָזיקע פֿאַבריקן אַרבעטן, — פֿון דער מאַסע אינדוסטריעלן רויוואַרג. און דאָ זעען מיר ווידעראַמאָל, אַז דער אַרויסבאַקום פֿון שטיינקוילן האָט זיך אין רוסלאַנד פֿאַר א יאָרצענדליק

(די יאָרנ 1889—1899) פאַרגרעסערט אַפ 131 פּראָצ., דאַנ, ווענ אינ דײַטשלאַנד האָט ער זיכ פאַרגרעסערט אַפ 52 פּראָצ., אינ די פאַרייניקטע שטאַטנ — אַפ 61 פּראָצ.; דער אַרויסבאַקומ פונ נאַפט האָט זיכ פאַרגרעסערט אַפ 132 פּראָצ., דאַנ, ווענ אינ די פאַרייניקטע שטאַטנ האָט ער זיכ פאַרגרעסערט סאַכאַקל אַפ 9 פּראָצ.; לויטנ אַרויסבאַקומ פונ נאַפט איז רוסלאַנד אינ 1899 יאָר געשטאַנענ אַפנ ערשטנ אָרט אינ דער גאַנצער וועלט.

אַלס צווייטער צײַגער פאַר דער אַנטוויקלונג פונ דער קאַפּיטאַליסטישער גרויס-אינדוסטריע דינט די קאָנצענטראַציע פונ דער פּראָדוקציע; — אונ זי דריקט זיכ אויס אינ דער גרייס פונ די אונטערנעמונגענ. אויב מיר זאָלנ אינ דעמ פּראַט פאַרגלײַכנ, אַשטייגער, רוסלאַנד מיט דײַטשלאַנד אינ אָנהייב XX יאָרהונדערט (די יאָרנ 1907—1913), וועלנ מיר באַקומענ אַזוינע צוויי רייענ ציפער.

פונ יעדע הונדערט אַרבעטער זײַנענ געווענ באַשעפטיקט אינ אונטערנעמונגענ (אינ פּראָצענטנ):

די גרייס פונ די אונטערנעמונגענ	רוסלאַנד	דײַטשלאַנד
פונ 21 ביז 100 אַרבעטער	10	22
„ 101 „ 500 „	17	21
„ 501 „ 1000 „	10	6
מערער פונ 1000 „	24	8

אינ דײַטשלאַנד איז דער גרעסטער טייל אַרבעטער פונ דער גרויס-אינדוסטריע געווענ פאַרנומענ אינ קליינע אונ מיטלע פאַבריקנ, מיט אַ צאָל אַרבעטער ניט מער פונ 500. אינ רוסלאַנד האָט דער גרעסטער טייל אַרבעטער — 34 פּראָצ. לעגאַבע 27 — געאַרבעט אינ גרויסע אונטערנעמונגענ. דערבײַ איז דער פּראָצענט אַזוינע, וואָס האָבנ געאַרבעט אינ אונטערנעמונגענ-גיגאַנטנ, וואָס יעדע פונ זיי האָט געהאַט העכער טויזנט אַרבעטער, געווענ אינ רוסלאַנד פאַרהעלטניסמעסיק אינ דרײַ מאָל העכער, ווי אינ דײַטשלאַנד. לויט דער קאָנצענטרירטקײַט פונ דער פּראָדוקציע איז די רוסישע קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריע ניט אָפּגעשטאַנענ פונ דער סאַמע פאָרגעשריטענער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע פונ אייראָפּע, אויב ניט פונ דער גאַנצער וועלט.

אָבער זײַנ אָרט אינ דער וועלט-ווירטשאַפט האָט רוסלאַנד פאַרנומענ ניט אַדאַנק זײַנ אינדוסטריע; מיר האָבנ געזענ, אַז, ניט געקוקט אַפ דעמ מעשונעדיק שנעלנ וווּקס פונ דער אינדוסטריע, איז רוסלאַנד, לויטנ פאַרנעמ פונ דער פּראָדוקציע, געגאַנגענ פונדעסטוועגנ הינטער די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע לענ-דער. נאָר אַנ אויסשליסלעכ אָרט צווישנ אַנדערע לענדער האָט רוסלאַנד פאַרנומענ לויטנ פאַרנעמ פונ זײַנ לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע. אינ 1913 יאָר האָט רוסלאַנד געגעבנ קימאַט אַ פערטל טייל פונ דער וועלט-גערעטעניש פונ ווייצ (27 מיליאָנ פונ 110 מיליאָנ טאָנ), אַ העלפט פונ דער וועלט-גערעטעניש פונ קאָרנ (25 מיליאָנ פונ 50 מיליאָנ טאָנ), העכער אַ דריטל פונ דער וועלט-גערעטעניש פונ גערשטנ (13 מיליאָנ טאָנ פונ 35 מיליאָנ טאָנ).

אינ געביט פונ לאנדווירטשאפט איז רוסלאנד געשטאנענ אפנ צווייטנ אָרט צווישנ די קאפיטאליסטישע לענדער פונעמ ערדקײַלעכ. אָפּגעשטאנענ איז רוסלאנד בלויז פונ די פאריייניקטע שטאטנ. אָבער דאנ, ווענ אינ די פאריייניקטע שטאטנ איז אויכ די לאנדווירטשאפטלעכע פּראָדוקציע געווענ דורכויס א קאפּיטאליסטישע, האָט בא אונדז די לאנדווירטשאפט געגעבנ אזא בילד, וואָס איז ווײַט ניט ענלעכ אפ יענעמ טריומפ פונעמ קאפיטאליזמ, וואָס מיר האָבנ נאָרוואָס געזענ אינ דער רוסישער באארבעטנדיקער אינדוסטריע.

קוידעמקאָל, איז פונ דער טווּע, וואָס איז געגאנגענ אפ פארקויפ (אומגעפער 20 מיליאָנ טאָנ), האָט די ג ר ו י ס ע ו ו י ר ט ש א פ ט געגעבנ סאכאקל עטוואָס מערער פונ 20 פּראָצ.; קימאט 80 פּראָצ. (78,4) איז געגאנגענ פונ דער פ ו י ע ר י ש ע ר ערד, ד. ה. אז פּראָדוצירט האָט די קליינע ווירטשאפט, ניט פונ קיינ קאפיטאליסטישנ, נאָר פונ א מיטלאלטערלעכנ, פאָר־קאפיטאליסטישנ טיפּ. אינ וואָס פאר א באדינגונגענ די דאָזיקע קליינע ווירטשאפט האָט געארבעט, וועלנ מיר זענ ווײַטער. מיר וואָלטנ זיכ אָבער צוגעײַלט מיט אונדזער אויספיר, ווענ מיר וואָלטנ פארעכנט אלע ג ר ו י ס ע ווירטשאפטנ פונ רוסלאנד פונ סאָפ XIX יאָרהונדערט פאר ק א פ י ט א ל י ס ט י ש ע. אינ א קאָלאָסאלער צאָל פאלנ פלעגט די גוטבאזיצערישע ערד באדינט ווערנ דורכ די פויערישע ווירטשאפטנ — די פריצישע פעלדער פלעגנ געאקערט ווערנ מיט פויערישנ געצײַג אונ פערד. אינ סאראטאָווער אויעזד, אשטייגער, פלעגט אינ אָנהייב 90-ער יאָרנ פונ 132.800 הא גרויסע גיטער (העכער 218 הא יעדערע) באארבעט ווערנ מיט אייגענעמ אינווענטאר סאכאקל 20.430 הא, ד. ה. 15 פּראָצ., — אונ 85 פּראָצ. פלעגנ באארבעטנ פויערימ מיט זייער אינווענטאר. אינ וואָראָנעזשער אויעזד פלעגט אפ אזא אויפנ „אינ גרעסטנ טייל" באארבעט ווערנ 55 פּראָצ. פונ אלע גיטער. א ביסל שפּעטער האָט דער דעפּארטאמענט פאר ערדארבעט (דער צארישער פּאָלקאָמערד) צונויפגעזאמלט ידיעות וועגנ 1570 פריצישע גיטער — „אָנגעזעענע" אונ „מוסטערהאפטע". פונ זיי האָבנ זיכ אינעמ שווארצערדישנ פאס, דער הויפּט־ראיאָנ פונ דער טווּע־פּראָדוקציע, געפונענ 1012. פונ דער צאָל האָבנ 80 אינגאנצנ ניט געהאט קיינ אקער־ערד, 285 האָבנ אָפּגעגעבנ די ערד אינ ארענדע די פויערימ. ווייניקער ווי אינ א העלפט פלעגט מענ די דאָזיקע אקער־ערד מיט עפּעס וואָס באמיסטיקנ (484), דערבײַ האָבנ פונ ק י נ ס ט ל ע כ ע ר באמיסטיקונג געוווסט בלויז 10 פּראָצ. (102 גיטער). אויב מיר וועלנ זיכ דערמאָנענ, אז אינ פראנקרײַכ, למשל, — דאָס סאמע פויערישע לאנד צווישנ די גרויסע קאפיטאליסטישע לענדער, — איז א קריזיס פונ קינסטלעכער באמיסטיקונג א קריזיס פונ דער ערדארבעט ביכלאל, — אָנ קינסטלעכער (כימישער) באמיסטיקונג קאָנ זיכ דער פראנצויזישער פויער גארניט פאָרשטעלנ זײַנ אקער־פעלד, — וועלנ מיר פארשטיינ דעמ גאנצנ קאָלאָסאלנ אונטערשייד צווישנ דעמ רוסישנ פּאָרעצ אונ דעמ פראנצויזישנ פויער. דערבײַ א פּאָרעצ א „מוסטערהאפטנ" אונ א פויער א גאנצ געוויינלעכנ: די ווירטשאפט, וואָס באנוצט קינסטלעכע באמיסטיקונג, פארעכנט, פארשטייט זיכ, אינ פראנקרײַכ קיינער ניט פאר קיינ „מוסטערהאפטע" אונ „אָנגעזעענע".

אזוי־ארומ איז אפילע די גרויסע אונטערנעמערישע ערדארבעט צומ סאָפ XIX יאָרהונדערט געווענ אינ רוסלאנד א גאנצ עקסטענסיווע, א גאנצ אָפּגעשטאנענע אינ פארגלײַכ מיטנ דורכשניטלעכנ ניוואָ פונ אזא ווירטשאפט אינ די

קאַפּיטאַליסטישע לעגדער. נאַטירלעכ, אַז אויכ די פּראָדוקטיוויטעט פּונ אונדזער לאַנדווירטשאַפט איז געווענ ביז גאָר אַ נידעריקע. אינ דער צײַט, ווענ מיזרעכ־דײַטשלאַנד, ווו דער באָדנ איז אַ סאַכ ערגער פאַרנ רוסישנ, האָט געגעבנ געוועטעגישנ פונ ווייץ צו 13½ טאָפּלטע צענטנערס (2,7 טאָנ אָדער באַ 160 רוסישע פּוד) אָפּ אַ העקטאַר, האָבנ די רוסישע געוועטעגישנ דורכשניטלעכ גיט איבערגעשטיגנ קיינ 4,5 טאָפּלטע צענטנערס אָפּ אַ העקטאַר (0,9 טאָנ אָדער 54 רוסישע פּוד).

עס איז קיינ כידעש ניט, וואָס אינ דער גרעסטער צאָל פאַלנ — אינ פיל ערטער אַפילע אינ דער מערהײַט פאַלנ — האָט דער רוסישער גרויסער ערדבאַזיצער געהאַלטנ פאַר בעסער אײַנגאַנצנ ניט צו פירנ אָפּ זײַנ ערד קיינ אייגענע ווירטשאַפט, נאָר ער פלעגט אָפּגעבנ אינ אַרענדע די דאָזיקע ערד די שכייניש פויערים, וואָס האָבנ זיכ שטענדיק געניייטיקט אינ ערד (קעדיי באַצײַטנס צו זיכערנ די דאָזיקע נויט האָט מענ די פויערישע נאַכלעס באַ דער „באַפרײַונג", ווי מיר געדענקענ, שטאַרק אָרומגעשניטנ, באַזונדערס אָפּ דער שוואַרצערד: אינ 20 שוואַרצערדישע גובערניעס האָט מענ אָפּגעשניטנ באַ די פויערים קימאַט אַ פערטכיילעק — 23,6 פּראָצ. — פונ זייער גאַנצער ערד). סאָפּ 80-ער יאָרנ אונ אָנהייב 90-ער יאָרנ האָבנ אינ טאַמבאָווער גובערניע פונ 26 ביז 40 פּראָצ. גיטער (אינ פאַרשיידענע אויעזדנ) אײַנגאַנצנ ניט געהאַט קיינ שום אינווענטאַר, אינ אָריאָלער גובערניע פלעגט ביז 30 פּראָצ. אַקערערד אָפּגעגעבנ ווערנ די פויערים אינ אַרענדע, אינ סאַראַטאָווער פלעגט אַ העלפט פונ אַלע פויערישע פאַרזייענ געמאַכט ווערנ אָפּ ערד, וואָס מע האָט אַרענדירט באַ די גוטבאַזיצער, אינ ניזשעגאָראָדער גובערניע האָבנ די פּריצים אַליינ געפירט אַ ווירטשאַפט בלויז אָפּ 2 פּראָצ. פונ זייער גאַנצער אַקער־ערד אאַוו. דער רוסישער גרויסער ערד־באַזיצער זינ סאָפּ XIX יאָרהונדערט איז געווענ ניט אַזוי אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער אונטערנעמער וויפל אַנ ערד־וונכעריק. ער האָט עקספּלואַטירט ניט אַזויפיל זײַנ ערד אָדער די מי פונ די באַטראַקעס, וואָס האָבנ געאַרבעט אָפּ איר, וויפל זײַנ רעכט אָפּ דער ערד אונ די פויערשע נויט אינ ערד. דאָס מאָנאָפּאָלרעכט אָפּ ערד איז אינ רוסלאַנד געווענ דעמ פּאָרעצס הויפּט־פּריווילעגיע — אַט פאַרוואָס אונדזער פויערישע באַוועגונג איז געווענ געווענדט דירעקט גראָד קעגנ דעמ דאָזיקנ רעכט, אונ ניט קעגנ די באַזונדערע פעאָדאַלע פּריווילעגיעס, ווי אינ פראַנקרײַכ אינ סאָפּ XVIII יאָרהונדערט.

די איניאָנים וועגנ די פויערישע „אומאָרדענונגענ" אינ די יאָרנ 1902 אונ 1905—1906 גיבנ אַ מאַסע העלע בײַשפּילנ, וואָס באַווײַזנ, צו וואָס עס פלעגנ דערגיינ דאָס אויסנוצנ מיצאַד די פּריצים דאָס דאָזיקע רעכט זייערס. מע דאַרפ זיכ דערמאָנענ, אַז בייס מע האָט אָפּגעשניטנ די פויערישע ערד, האָט מענ גענומענ אינ באַטראַכט ניט נאָר די צאָל, נאָר דעריקער אויכ די קוואַליטעט פונ דער אָפּגעשניטענער ערד: מע פלעגט אָפּשנײַדנ דאָס, וואָס איז געווענ באַזונדערס נייטיק פאַר די פויערים, אָנ וואָס זיי האָבנ אַבסאָלוט ניט געקאָנט פירנ קיינ ווירטשאַפט — די פּאַשע, דעמ וויהאָנ, דורכפאָר־וועגנ אאַז. אָפּ דעמ באָדנ זײַנענ טאָגטעגלעכ פאָרגעקומענ אַזעלכע סצענעס — מיר באַשרײַבנ זיי אַלע מיט די ווערטער פונ די גובערניאַלע זשאַנדאַרמענ, גובערנאַטערס אונ ענלעכע „איידעס", וואָס מע קאָנ זיי ניט כוישעד זײַנ גיט אינ רעוואָלוציאָנערקײַט, ניט אַפילע אינ מיטגעפיל צו די פויערים. אינ מאָלער גובערניע, וועניאָווער אויעזד, אינעמ האָרפ בעריאָזאָווע זי-

גענ די פויערימ „ביסלעכווײַז דערגאַנגענ צו פולשטענדיקער רויִנירונג אונ בײַ זיי איז אויסגעוואַקסנ אַ האַס אונ אַ צאָרנ צו קאַטשוקאָוונ (אַ באַלעגופ אינ אָרענדאַ-טער). הײַנטיקס יאָר, ווענ דעמ אויעזד האָט געטראָפנ אינ אומגערעכטעניש פונ טווע אונ גראָזנ, האָבנ זיך די בעריאָזאָווער געווענדט צו קאַטשוקאָוונ אונ האָבנ אימ שטאַרק געבעטנ, ער זאָל זיי אָפּגעבנ אינ אָרענדע כאָטש די 8 דעסיאַטינ ערד, וואָס שנײַדנ זיך אַרײַנ ווי אַ קליג אינ זייער דאָרפ בעריאָזאָווע אונ וואָס ליגנ דערצו נאָך אַזוי, אַז זיי טיילנ זיי אָפּ פונעמ פּי-טרענק אונ גענעמענ אײַנגאַנצנ אָפּ די מעגלעכקײַט אײַנצוהאַלטנ דאָס פּי פונ גיינ אינ שאָדנ. פאַר דער אָרענדע האָבנ די דאָזיקע פויערימ פאָרגעלייגט 150 רובל אַנשטאָט די 70 רובל, וואָס זיי האָבנ געצאָלט פריִער, אָבער קאַטשוקאָוו האָט פונ אַקשאָנעס די באַקאַשע זייערע ניט באַפרידיקט. די פויערימ האָבנ ניט איינ מאָל אויפגעהויבנ די פראַגע, מע זאָל זיי פאַרקויפנ די דאָזיקע לאַנקע פונ 8 דעסיאַטינ, וואָס דער באַזיצער האָרפּ זי, אייגנטלעך, אינגאַנצנ ניט האָבנ אונ זיי ווידער קאָנענ זיך אָנ דעמ לאַכלוטנ ניט באַגייִנ. מיט אַ ביטע, מע זאָל זיי מיטהעלפנ אינ דעמ איניענ, זײַנענ זיי דערגאַנ-גענ אַפילע ביזנ גובערנאַטער, אָבער קיינ באַפרידיקונג האָבנ זיי ניט באַקומענ צו-ליב דער אײַנגעשפּאַרטקײַט פונעמ באַזיצער”. דערבײַ האָבנ די פויערימ, ווי מיר וועלנ זענ ווײַטער, אויסגעצייכנט געדענקט, אַז די דאָזיקע לאַנקע איז אַמאָל געווענ זייערס אינ אייגנטומ.

אינ אָריאָלער גובערניע האָבנ די פויערימ פונעמ דאָרפ טאַגינע דערקלערט זייער אַרויסטרעטונג מיט „זייער ביז גאָר אויסוועגלאָזער לאַגע, ווײַל בײַ הײַנטיקנ טאָג האָבנ זיי ניט קיינ פּאַשע, וואָס פריִער האָבנ זיי עס געהאַט אינ דער עקאָנאָ-מיע פונעמ גראַפ טשערנישעוו-קרוגליקאָוו. אינ זײַנ, דעמ איספּראַווניקס, אָנוועזנ-הײַט האָבנ די פויערימ אָפּ די קני געבעטנ דעמ פּאַרוואַלטער, ער זאָל זיי געבנ די פּאַשע ניט קיינ געאַקערטע, אונ זיי וועלנ דערפאַר אָפּאַרבעטנ, אָבער פאַר דער דערלויבעניש צו פּאַשענ דאָס פּי אָפנ ניט געאַקערטנ פעלד האָט דער פּאַרוואַלטער געפאָדערט, זיי זאָלנ פולשטענדיק באַאַרבעטנ 50 דעסיאַטינ קלעווער, אונ ערשט נאָך לאַנגע באַקאָשעס אונ אָנווײַזונגענ פונ די פויערימ, אַז אַזאַ אַרבעט איז איי-בער זייערע קויכעס, האָט ער מאַסקימ געווענ צו פאַרקלענערנ ביז 35 דעסיאַטינ”.

אינ וואָראָנעזשער גובערניע „אָרענדירנ די פויערימ בײַמ ערד-באַזיצער נאַ-סאָנ דימיטריִעוו שעווליאַגינ 600 דעסיאַטינ ערד, וואָס דער באַזיצער גיט זיי אָפּ: 200 דעסיאַטינ צו 25 רובל פאַר אַ דעסיאַטינ אונ 400 דעסיאַטינ פונ טייל בײַ אַזאַ באַדינג — 2 דעסיאַטינ דעמ באַזיצער אונ 1 דעסיאַטינ די פויערימ אונ, אַכוץ דעמ, מיט אַ היסכײַוועס אַרויסצופירנ אָפּ יעדער דעסיאַטינ צו 50 פורנ מיסט. אויב אָבער ער ניט אָפּ דאָס באַאַרבעטנ האַלב אָפּ האַלב, דאַרפנ די פויערימ דער-צאָלנ דעמ באַזיצער צו 11 רובל פאַר אַ דעסיאַטינ. אינ מײַ דאָס יאָר זײַנענ די פויערימ געקומענ צו שעווליאַגינענ אונ האָבנ אימ אָנגעהויבנ בעטנ, ער זאָל אַראָפּלאָזנ פונעמ אָרענדע-געלט אינ צוזאַמענהאַנג מיט דער שלעכטער גערעטעניש אונ מיט דעמ, וואָס דער האָגל האָט געפּאַטערט דאָס ברויט, אָבער ער האָט זיי דורכגעטריבנ אונ געסטראַשעט, אַז ער וועט אַרויסרופנ סאָלדאַטנ פונ וואָראָנעזש. דעמ 6-טנ יונ איז בײַ שעווליאַגינענ אינ הויפ פאָרגעקומענ אַ סריפּע, דערבײַ האָט אָפּגעברענט קימאַט דער גאַנצער הויפ, אַכוץ דעמ הויז. די סיבע פונ דער סריפּע אונ די שולדיקע זײַנענ אומבאַוווּסט”.

אינ אַ צווייטנ גוט אינ דער זעלבער וואָראָנעזשער גובערניע איז „די סיבע

פונ די אומאָרדענונגענ געווענ די אומצופרידנקייט פונ די פויערימ מיטנ פאַרוואַלטער ספּיטשקאַ דערפאַר, וואָס ער דערלויבט ניט די פויערימ גיינ און פּאַרנ דורכ דער ערד, ער איזדיעקעוועט זיכ איבער די פויערימ פאַר דעמ פי, וואָס מע האָט פאַרכאַפּט אָפּ דער עקאָנאָמיע־ערד, — ער צווינגט די שולדיקע, זיי זאָלנ זיכ בוקנ פאַר א פּעסל, וואָס איז אָנגעפילט מיט וואַסער, ער צווינגט אויסער ארענדע־געלט צו ארבעטנ טעג אינ דער עקאָנאָמיע".

איינער פונ די באַשולדיקטע אינעמ פּראָצעס וועגנ די „אומאָרדענונגענ" אינ פּאָלטאַווער גובערניע אינ 1902-טנ יאָר (וועגנ זיי וועט גענויער דערציילט ווערנ ווייטער) האָט געזאָגט אפנ געריכט: „דערלויבט אייכ דערציילנ וועגנ אונדזער פּויעריש אומגליקלעכ לעבנ. איכ האָב א פאָטער און זעקס פּיצלעכ קינדער אָנ א מוטער, און מע דאַרפ לעבנ מיט א הויפ פונ ¾ דעסיאַטינ און ¼ דעסיאַטינ אַלע־פעלד. פאַר פּאַשענ די קו צאָלנ מיר דעמ ארענדאַטער קוזמינאָוו 12 רובל, פאַר א דעסיאַטינ צו פאַרזייענ טוווע דאַרפ מענ אָפּאַרבעטנ דריי דעסיאַטינ באַמ שניט. און דאָס אַלצ דאַרפ מענ אויסאַרבעטנ מיט די צוויי פויערישע הענט. איצט וועסטו שוינ אפילע פאַר אזא הויכנ פּרייז קוימ געפינענ ערד. אזוי לעבנ קאָנענ מיר ניט, מיר זיינענ אינ א הענקער־שלייפ. וואָס־זשע זאָלנ מיר טאָנ? מיר, פויערימ, האָבנ זיכ געווענדט אומעטומ. אי באַמ זעמסקנ נאַטשאַלניק געווענ, געגאַנגענ אויכ אינ זעמסטווע־פאַרוואַלטונג, — אינערגעצ נעמט מענ אונדז ניט אופ, אינערגעצ איז פאַר אונדז קיינ הילפ ניטאָ..."

די ווענדונג צומ „זעמסקנ נאַטשאַלניק" האָט טאַקע קיינ שומ רעזולטאַטנ ניט געקאָנט געבנ, ווייל דער זעמסקער נאַטשאַלניק איז בעקיוונ טאַקע אוועקגעשטעלט געוואָרנ מיטנ צוועק צו אייננהיטנ אינ דאָרפ די פּאַראָנדקעס, וואָס האָבנ פאַרורטיילט די פויערימ אפ אזא לאַגע. ניט אומזיסט האָט מענ דעמ אינסטיטוט זעמסקע נאַטשאַלניקעס געשאַפנ אינ סאָפ 80-ער יאָרנ, אינ ברענ פונעמ אגראַר־קריזיס, ווענ די גוטבאַזיצער האָבנ צוליב דעמ שאַרפנ פאַלנ פונ די פּרייזנ אפ טוווע (פונ אָנהייב 70-ער ביזנ אָנהייב 90־ער יאָרנ אפ 30 פּראָצ. אפ ווייצ און אפ 18 פּראָצ. אפ קאָרנ) שאַרפ א קער געטאָנ פונ די פּרווונ פונ לאַנדווירטשאַפט־לעכער אונטערנעמערישקייט צומ עקספּלואַטירנ די פויערימ מיט אַלטע לייביגנ־טימערישע מעטאָדנ. דער זעמסקער נאַטשאַלניק, וואָס דער גובערנאַטער פלעגט באַשטימענ, אָבער אומבאַדינגט פונ צווישנ די אדעליקע, אויב מעגלעכ פונ צווישנ די אָרטיקע גוטבאַזיצער, האָט קימאַט אופגעשטעלט אינ דאָרפ דאָס לייביגנטומ. ער האָט געקאָנט אָפּשאַפנ א באַליביקנ באַשלוס פונ די אָרגאַנענ פונ דער פויערישער „זעלבסטפאַרוואַלטונג", באַשטראָפנ א באַליביקנ פונ די פויערישע אויסדערוויילטע, און דורכנ וואָלאָסט־געריכט, וואָס איז אימ אינגאַנצנ געווענ אונטערגעוואָרפנ און וואָס האָט געפאָלגט זיינ יעדנ וואָרט, האָט ער געקאָנט לאָזנ שמייסנ מיט ריטער יעטווידער פויער. פונ דער באַפרייונג איז נאָכנ אייננפירנ די זעמסקע נאַטשאַלניקעס געבליבנ בוכשטעבלעכ בלויז איינס: דאָס, וואָס מע האָט די פויערימ ניט געטאָרט פאַרקויפנ און קויפנ — אינ אַלעמ איבעריקנ האָט זיכ זייער לאַגע ניט אונטערגעשיידט פונ דער לאַגע אַלס לייביגענע. אָבער וועגנ די לייביגענע, ווי וועגנ זיינעמ א באַוועגלעכנ פאַרמעגנ, פלעגט דער גוטבאַזיצער פונדעסטוועגנ זאָרגנ און ער האָט, לויטנ געזעצ, געמוזט זאָרגנ. איצט, ווידער, זאָרגנ וועגנ די „פרייע" פויערימ האָט ער ניט געהאַט קיינ שומ אינטערעס, און ער איז עס ניט מעכוייעוו געווענ צו טאָנ לויטנ געזעצ.

דער זעמסקער נאטשאלניק איז געווענ אנ ארגאנ פונ דער אדעליקער דיקטאטור אינ דאָרפ: אָט פארוואָס דער דאָזיקער אמט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרנ אינ 1889 יאָר, איז געווענ דאָס גרעסטע רעשטל פונעם פעאָדאליזם אינעם פאררעוואָלוציאָנערנ רוסלאנד. אינ דער צײַט, ווענ אינ געביט פונ אינדוסטריע האָט רוסלאנד שנעל געהאלטנ אינ דעריאָגנ די סאמע פאָרגעשריטענע לענדער, — האָבנ אינ געביט פונ דער הויפּט-פּראָדוקציע פונעם לאנד, אינ געביט פונ דער לאנדווירטשאפט, געהערשט בא אונדז מיטלאלטערלעכע פאָראָנדיקעס, וואָס קיינ ענלעכע צו זיי האָט מענ שוינ אינערגעץ ניט געקאָנט געפינענ אינ מײַרעוו-אייראָפּע. קעדיי אינעם רוסישנ דאָרפ זאָל זיכ קאָנענ אנטוויקלענ דער קאפּיטאליזם, האָט מענ געמוזט פריִער פאר אלצ צעברעכנ די דאָזיקע פאָראָנדקעס; אָבער די גוטבאזיצער האָבנ דאָס, פארשטייט זיכ, ניט געוואָלט, די בורזשואזיע ווידער, ווי מיר וועלנ זענ ווײַטער, האָט דאָס ניט געקאָנט טאָנ. דערפאר האָט זיכ טאקע באקומענ אָט די מאָדנע, אפנ ערשטנ קוק, דערשײַנונג: די רעשטלעכ פעאָדאליזם אינ רוסלאנד האָט אראָפּגעראמט די פּראָלעטארישע רעוואָליוציע, יענע רעוואָליוציע, וואָס האָט, לויט מארקס סכעמע, געדארפט אראָפּראמענ בלויז די בורזשואזע פארהעלטענישנ, — וועגנ ליקווידירנ די פעאָדאלע האָט געדארפט געווענ זאָרגנ די בורזשואזיע. זי איז אָבער ניט בעקויעכ געווענ דאָס צו טאָנ, און דערפאר האָבנ זיכ פאר אָט דער ארבעט געמוזט נעמענ די ארבעטער, דערבײַ איז זייער דראנג קאָלאָסאל פארשטארקט געוואָרנ אראנק דעמ דאמפּ פונ דער בורזשואזער רעוואָליוציע, וואָס האָט זיכ אָנגעזאמלט אינ דאָרפ. דער טרעגער פונ דער בורזשואזער רעוואָליוציע איז בא אונדז אינ אָנהייב XX יאָרהונדערט געווענ ניט דער בורזשוא פונ שטאָט, נאָר דער פויער: דערינ באשטייט דער קארדינאלער אונטערשייד צווישנ דער רוסישער בורזשואזער רעוואָליוציע און די מײַרעוו-אייראָפּייִשע.

עס בלײַבט נאָכ צו באווײַזנ, אפ וואָס עס האָט זיכ עקאָנאָמיש געהאלטנ דער דאָזיקער מיטלאלטער אינעם רוסישנ דאָרפ און צו וועלכע עקאָנאָמישע פאָלגנ פאר דער אנטוויקלונג פונ דער ווירטשאפט האָט ער געפירט. דאָס ערשטע האָט לענינ אזוי אָנשוילעכ געשילדערט, אז מע קאָנ פּאָשעט איבערכאזערנ זײַנ כאראקטעריסטיק: „מיר זעענ דאָ, ערשטנס, א קאָלאָסאלע פּרעוואלירונג פונעם גרויסנ ערדבאזיץ: 619 טויזנט קליינע ערדבאזיצער (82,2 פּראָצ. פונ אלע פּערזענלעכע אייגנטימער) האָבנ סאכאקל 6½ מיליאָנ דעסיאטינ (7,6 פּראָצענט פונ דער ערד פונ די פּריוואט-פּערזענלעכע אייגנטימער). צווייטנס, זעענ מיר אָנ א שיר מער לאטיפונדיעס: 699 אייגנטימער (0,09 פּראָצ. (!!) פונ זייער גאנצער צאָל) פארמאָגנ קימאט צו 30 טויזנט דעסיאטינ יעדערער, 28 טויזנט אייגנטימער קאָנצענטרירנ 62 מיליאָנ דעסיאטינ, ד. ה. צו 2227 דעסיאטינ אפ איינעמ. די איבערוועגנדיקע מערהײַט פונ די דאָזיקע לאטיפונדיעס געהערט צו די אדעליקע, נעמלעכ, 18.102 באזיצנ (פונ 27.833) און 44.471.994 דעסיאטינ ערד, ד. ה. העכער 70 פּראָצ. פונעמ גאנצנ שעטעכ געפינענ זיכ אונטער לאטיפונדיעס. דער מיטלאלטערלעכער ערדבאזיץ פונ די לײַבייגנטימער די פּריצימ ווערט געשילדערט דורכ די דאָזיקע אָנגאבנ מיט פולשטענדיקער אָנשוילעכקײַט”.

דער ערדבאַזיץ אינעם אייראָפּייִשן רוסלאַנד צום סאָף XIX יה.

צאָל באַזיצן און דעסיאַטינעס (אין מיליאָנען)



1) מיטלפויערטום; 2) פויערשע בורזשואַזיע און קאַפּיטאַליסטישע באַציִונגען; 3) רויִנירט פויערטום; 4) לייִבייגנטימערישע לאַטיפונדיעס.

קעדיי צו אילוסטרירן די צווייטע, ד. ה. די עקאָנאָמישע פּאָלגן פונעם לייב־ייגנטום, וועט אויסקומען צו ברענגען עטלעכע אָנגאַבן. פרידעמקאָל האָבן מיר געזען, אַז דער הויפּט־צושטעלער פון ברויט פאַרן מאַרק איז געווען דאָס פויערטום: 80 פּראָצ. „סכוירע"־ברויט איז געגאַנגען פון זיין ערד. גלייכצייטיק האָבן מיר געזען, אַז בא די פויערים האָט מען אין 1861 יאָר אָפּגעשניטן די בעסטע ערדן, איבערגעלאָזן פאַר זיי די „זעמדלעך". אין רעזולטאַט האָבן די פויערים, כאָטש זיי האָבן צעאַקערט אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך געווען, די ווישאָגעס און אַפילע די ערד, וואָס די מאַכט אַליין האָט אין 1861 יאָר אָנערקענט פאַר „ניט באַקוועמע", — האָבן זיי פונדעסטוועגן בעשומויפן זיך ניט געקאָנט נאָכיאָגן נאָך די גוטבאַזיצער. אויב מיר וועלן אָננעמען די גראָטנקייט פון די יאָרן 1861—1871 פאַר 100, וועלן מיר באַקומען אַזוינע צוויי רייען ציפערן:

פאַר די 70־ער יאָרן	פויערישע ערד 107	באַזיצערישע 112	
„ „ 80־ער „	„ „ 117	„ 127	
„ „ 90־ער „	„ „ 134	„ 142	
„ „ 900־ער „	„ „ 148	„ 164	

איר זעט, ווי די פויערים ציִען זיך מיט אַלע קויכעס נאָך די גוטבאַזיצער. איר זעט, אַז די פויערישעווירטשאַפט גייט, אַן סאָפעק, פאָרויס, און דאָך שטייט זי אָפּ פון דער גוטבאַזיצערישער. די טאַבעלע דינט גלייכצייטיק אויך אַלס אָפּלייקענונג פון די באָבע־מייסעס וועגן דער „פוילקייט" און „אינערטקייט" פון די פויערים און אַלס באַווייז פון זייער אויסוועגלאָזער לאַגע.

אָבער די לאַגע איז געווען נאָך א מער אויסוועגלאָזע, איידער עס באַווייזט אָט די טאַבעלע. יענע ווילדע פאָרמען עקספּלואַטאַציע, וואָס מוסטערן זייערע האָבן מיר געזען פריִער, האָבן ניט בלויז געשטערט דעם פויער צו גיין פאָרויס,— זיי האָבן אים בעפיירעש געצויגן אָפּ צוריק. די פויערישע ווירטשאַפט איז אַלץ מער געוואָרן „קאַמף פאַרמעגלעך". אַף 100 איינוווינער אין רוסלאַנד איז אויסגעקומען:

יאָרן	פערד	גרויס האָרנ־פי	שעפסן	כאַזיירים
1861	26,0	36,0	73,1	—
1882	25,6	36,0	60,9	11,4
1898	17,6	25,2	39,7	9,4

דאָס פאַלנ פונ דער צאָל פי האָט, אויסער אַלעמענ, באַטײַט, אַז די פויערישע ערד ווערט וואָס ווײַטער אַלצ ווייניקער באַמיסטיקט, — און מיר וויסנ, אַז מיט באַמיסטיקונג האָט אַפילע אָפ דער גוטבאַזיצערישער ערד געהאַלטנ ווײַט ניט קעשורע. די פויערישע ערד־כאַלאַקימ פלעגנ שנעל אויסגעצערט ווערנ און פאַרלירנ די פרוכטבאַרקײַט — ניט אַדאַנק דעמ אויסגעטראַכטנ „געזעצ וועגנ דעמ פאַלנ פונ דער פרוכטבאַרקײַט פונעמ באָדנ", נאָר פּאָשעט דערפאַר, ווײַל די ערד, וואָס האָט געאַרבעט אָנ אָפרו און אָנ באַמיסטיקונג, האָט אויפגעהערט צו געבנ גערעטעניש. די שוואַרצערדישע גובערניעס, וואָס האָבנ פריִער פונ קיינ אומגערעטעניש ניט געוווּסט, האָבנ אינ סאָפ XIX יאָרהונדערט געהאַט אומגערעטענישנ שיִר ניט א יאָר איבער א יאָר. אינ סימבירסקער און סאַראַטאָווער גובערניעס, וואָס האָבנ פונ אָנהייב XIX יאָרהונדערט ביז 1880 יאָר געהאַט סאַכאַקל צו צוויי אומגערעטענישנ, זײַנענ פאַר 22 יאָר (1880—1901) געווענ אומגערעטענישנ אינ דער ערשטער — 7, אינ דער צווייטער — 6. אינ סאַמאַרער גובערניע האָט מענ ביז 1872 יאָר אָנגעציילט סאַכאַקל צוויי אומגערעטענישנ, און נאָכ דעמ ביז 1901 יאָר — 8. אינ אופער גובערניע איז די לעצטע 12 יאָר (פאַרנ 1901 י.) געווענ 5 אומגערעטענישנ אאַוו.

עס האָט דעגראַדירט ניט בלויז די פויערישע ווירטשאַפט, — עס איז דעגענערירט געוואָרנ דער פויער גופע. דער פראָצענט פאַרבראַקירטע צוליב פיזישע פעלערנ באַמ רופנ צו מיליטער־דינסט איז געשטיגנ מיט יעדנ פינפיאָר. אינ ליווענער אויעזד, אָריאָלער גובערניע האָט מענ אינ 1875 יאָר פאַרבראַקירט 16 פראָצ. פונ אַלע רעקרוטנ, אינ 1880 יאָר — 23 פראָצ., אינ 1885 יאָר — 26 פראָצ., אינ 1890 יאָר — 36 פראָצ. אינ די 50 גובערניעס פונעמ „אייראָפייִשנ רוסלאַנד" איז פאַר 33 יאָר (די יאָרנ 1874—1907) דער פראָצענט פאַרבראַקירטע געשטיגנ פונ 11,2 ביז 22,1. באַזונדערס אויסגעוואָקסנ איז ער אָפנ צאָפנ־מירעוו — פונ 8,9 ביז 21,7 פראָצ. — אינ צוויי מיט א האַלבנ מאָל.

בלויז די רעוואָליוציע האָט געקאָנט ראַטעווענ דעמ פויער פונ דירעקטנ פיזישנ אומקומ. דאָס האָבנ אָנגעהויבנ אָנערקענענ צומ סאָמע סאָפ אַפילע די געוויינלעכע פריצימ. איינער אַזאַ פּאָרעצ, וואָס האָט, אַפּאָנעמ, גוט געדענקט „די מילכאָמע פאַר באַפרײַענ די סלאַווונ" אינ 1877 יאָר, האָט אינ ברענ פונ די אומרוענ אינ די יאָרנ 1905—1906 געשריבנ צומ אינערנ־מיניסטער: „אײַלט זיכ צו צו באַפרידיקנ די פויערימ מיט ערד פונעמ באַנק, ווער וויפל עס קאָנ נעמענ; לעמאָשל, אָריאָלער און קאַלוגער גובערניעס — דאָרט וועט מענ צופרידנ זײַנ כאָטש מיט איינ דעסיאַטינ אָפ א נעפעש, ווײַל זיי האָבנ סאַכאַקל צו ¼ דעסיאַטינ, אייביקע קאַפצאָנימ; און דעמ פרייז פאַר דער ערד דאַרפ מענ אויכ אַראָפזעצנ, כדיי זיי זאָלנ קאָנענ צאָלנ די פראָצענטנ. גייט אַרײַנ אינ זייער לאַגע — זיי זײַנענ רויִנירט ערגער ווי די טערקישע בולגאַרנ..." די מאַכט אַליינ האָט געהאַלטנ פאַר א זעלבסטפאַרשטענדלעכנ פאַקט, אַז די פריצימ האָבנ בא דער „באַפרײַונג" באַראַבעוועט די פויערימ. דערקלערנדיק די לאַגע פונ די פויערימ אינ איינ יישעוו פונ קורסקער גובערניע, באַמערקט פאַרבײַגייענדיק דער אָרטיקער גובערנאַטער: „זיי, אַלס געוועזענע גוטבאַזיצערישע, פאַרמאָגנ פאַרהעלטנישמעסיק א קליינעמ ערדבײַלעק" — פונוואַנענ, הייסט עס, זאָלנ געוועזענע גוטבאַזיצערישע פויערימ האָבנ געהאַט ערד. אָבער בעסער פאַר אַלצ איז דאָס, וואָס דעמ זינ פונ דער „באַפרײַונג מיט ערד" האָבנ אָנגעהויבנ פאַרשטיינ

די פויערימ גופע: „ערד גיט איר אונדז אזוי ווייניק, — האבנ געשריבנ די פויערימ פונעמ דארפ בוראקאוו צו זייער פארעצ, — אזוי ווייניק, אז לעבנ קאנענ מיר ניט אפ דער דאזיקער ערד, איר בינדט אונדז בלויז צו, ווי א שיפ צומ ברעג. די צייט איז געקומענ — מיר ווילנ זיכ אפרייסנ...“

אונ אט, ווי בעקיוונ, קעדיי צו פארלייכטערנ דאס דאזיקע „אפרייסנ זיכ“, האט זיכ די לאגע פונ די פויערימ, וואס איז אזוי אויכ געווענ אויסוועגלאז, אנ-געהויבנ די לעצטע יארנ פונעמ XIX יארהונדערט פארוואנדלענ גאר אינגאנצנ אינ א טעמפנ ווינקל. אינ פארלויפ פונ די 80-ער—90-ער יארנ, ווי מאדנע דאס זאל ניט אויסזענ אפנ ערשטנ קוק, פארהאלט זיכ דער פראצעס צוליבנ אגראר-קריזיס. די נידעריקע טווע-פרייזנ האבנ מוירעדיק רוינירט אויכ די פויערימ; וועגנ דעמ איז גערעדט געווארנ אינעמ צווייטנ טייל פונ דער „געשיכטע“, דאס קאנ מענ זענ אויכ פונ אייניקע ציפער, וואס מיר האבנ פריער געבראכט: מע קאנ באמערקנ, אשטייגער, ווי שארפ עס פאלט די צאל פערד בא די פויערימ גראד אינ די קריזיס-יארנ. דערפאר אבער אינ ריינ עקאנאמישער הינזיכט האבנ די נידעריקע טווע-פרייזנ אינ א געוויסער מאס באגרענעצט די זשעדנעקייט פונעמ פארעצ: דארט, ווו עס איז גארניט ניטא, דארט האט אפילע דער רוסישער פארעצ מיט דער הילפ פונעמ זעמסקנ נאטשאלניק גארניט ניט געקאנט נעמענ. בעסער פאר אלצ איז דאס צו זענ אפ די ענדערונגענ פונ די ערד-פרייזנ סיי באמ פארקויפנ ערד, סיי באמ אפגעבנ זי אינ ארענדע. אנגעהויבנ פונ די 60-ער יארנ, זיינענ די פרייזנ אפ ערד אינ דעמ שווארצערדישנ פאס, אינ אריאלער, טו-לער, ריאזאנער, טאמבאווער, פענזער, וואראנעזשער אונ קורסקער גובערניעס קע-סיידער געוואקסנ. אינ אריאלער גובערניע האבנ זיי דערגרייכט 96 רובל פאר איינ הא אינ 1880 יאר אונ 133 רובל אינ 1883 יאר. אבער אינ 1889 יאר האט שוינ אינ אריאלער גובערניע 1 הא געקאסט סאכאקל 106 רובל. דאס זעלבע בילד באמערקט זיכ אויכ אינ וואראנעזשער אונ אינ פענזער גובערניעס. אינ ווארא-נעזשער גובערניע איז דער פרייז אפ ערד געשטיגנ פונ 50 רובל פאר איינ הא אינ די 60-ער יארנ ביז 122 רובל אינ 1883 יאר, קעדיי אראפצופאלנ ביז 114 רובל צומ 1889 יאר. אינ פענזער גובערניע האט ערד געקאסט 31 רובל 1 הא אינ די 60-ער יארנ, 94 רובל איינ הא אינ 1883 יאר אונ בלויז 73 רובל אינ 1889 יאר.

דאס אייגענע איז געווענ אויכ מיט דער ארענדע. אינ פאלטאווער גו-בערניע האט דאס ארענדע-געלט פאר איינ העקטאר נאכ אינ 1887 יאר באטראפנ 7 רובל מיט 28 קאפ., אונ שוינ אינ 1889 יאר — סאכאקל 6 רובל מיט 94 קאפ. דערנאכ איז עס עטלעכע מאל געשטיגנ, קעדיי אינ 1895 יאר ווידער אראפצופאלנ ביז 7 רובל מיט 13 קאפ. אינ אריאלער גובערניע וועלנ די עקסטרעמע ציפערנ זיינ 10 רובל 28 קאפ. (1887 יאר) אונ 9 רובל (1895 יאר), אינ ווארא-נעזשער — 11 רובל מיט 50 קאפ. אונ 10 רובל מיט 18 קאפ.

דאס אלצ האט געגעבנ א געוויסנ אטעמ-איבערכאפ, אויב ניט דעמ גאנצנ פויערטומ, — דאס פויערטומ אינגאנצנ גענומענ האט זיכ זייער שנעל געהאלטנ אינ פראלעטאריזירנ גראד אינ דעמ דאזיקנ פעריאד, — איז לעכאלאפאכעס דעמ סאמע פארמעגלעכנ שיכט זיינעמ.

אויב מיר וועלנ דעמ שעטעכ געקויפטע פויערישע ערד אינ 1862 יאָר אָנעמענ פאר 100, וועלנ מיר באקומענ אזא טאבעלע:

יאָרנ	אינ פראָצ. צומ 1862 יאָר
1872	127
1882	187
1892	285
1902	402

דער לייענער זעט, ווי גיכ עס שפרינגט ארופ די ציפער פונ די פויערישע קניִעס גראָד אינ די יאָרנ פונ קריזיס — פונ 1882 ביז 1902 יאָר — מער ווי אינ 2 מאָל, אָבער פונ דעמ טויטנ שלייפ, וואָס די „באפרייונג מיט ערד" האָט ארופגעוואָרפנ דעמ פויער אפנ האלדז, האָט זיכ איינגעגעבנ צו באפרייענ בלויז א קליינער מינדערהייט: פונ 6 ביז 9 צענטל פונ דער גאנצער ערד, וואָס די פויערימ האָבנ געקויפט, אונ פונ 5 ביז 9 צענטל ארענדע איז קאָנצענטרירט געווענ אינ די הענט פונ איינ פינפטכיילעק הויפנ. דער סאמע פארמעגלעכער טייל פונ דער דאָזיקער מינדערהייט איז פאַקטיש ניסאשער געוואָרנ אפ דער רויניִרונג פונעמ פויערטומ. לויט די באריכטנ פונ די שפּאָר־קאסעס פארנ 1899 יאָר איז בא די פויערימ אינ די הענט געווענ 640 טויזנט שפּאָר־ביכלעכ, אפ וועלכע ס'איז געווענ פארשריבנ 126 מיליאָנ רובל. אָבער אינ רוסלאנד האָט מענ דאנ גערעכנט סאכאקל בא צענ מיט א האלבנ מיליאָנ פויערשע פאמיליעס, אזוי, אז די גליקלעכע, וואָס האָבנ פארמאָגט „דעפּאָזיטנ", האָבנ באטראָפנ עטוואָס מער פונ 1/20 דערפאר אָבער איז יעדערער פונ די רוסישע „איינשפּאָרער" געווענ גרעסער אפילע פונ א פראנצויזישנ: אינ פראנקרייכ איז אפ יעדנ באזיצער פונ א שפּאָר־ביכל אויסגעקומענ בא 160 רובל, אונ בא אונדז איז אפ יעדנ „פויערישנ" ביכל אויסגעקומענ צו 197 רובל. דערביי איז גיכער פונ אלצ געגאנגענ די אָנזאמלונג פונ דעפּאָזיטנ אינ די רוסישע שפּאָר־קאסעס גראָד אינ די הונגער־יאָרנ 1891 אונ 1892.

אָט אזוי האָט זיכ שוינ אינ סאָפ XIX יאָרהונדערט אָנגעמערקט אינעמ רוסישנ דאָרפ יענער שיכט „פעסטער פויערטומ", דאָרפישע בורזשואזיע, אפ וועלכנ עס האָט שפּעטער זיכ געדארפט שטיצנ די סטאָליפּינישע רעאקציע.

דער קריזיס האָט שטארק א שטויס געטאָנ פאָרויס די דיפערענצירונג פונ דאָרפ אונ האָט אפ א צייט צעריסנ דעמ איינהייטלעכנ פראָנט פונעמ פויערטומ אינ קאמפ קעגנ דעמ גוטבאזיצער. אָבער דאָס בילד האָט זיכ שנעל אָנגעהויבנ ענדערנ, ווי נאָר די טווע־פרייזנ אפנ וועלט־מארק הייבנ אָנ — פונ 1900 יאָר אָנ — צוריק צו וואקסנ. אויב מע זאָל די פרייזנ פונ די יאָרנ 1893—1897 אָנעמענ פאר 100, וועלנ די טווע־פרייזנ אינ די יאָרנ 1898—1904 זיכ אויסדריקנ מיט דער ציפער 122, אינ די יאָרנ 1905—1912 — 165. דער ערשטער יאָרצענדליק פונעמ XX יאָרהונדערט גייט דורכ אונטערנ צייכנ פונ הויכע טווע־פרייזנ, ד. ה. אונטער דעמ צייכנ, וואָס אונטער אימ איז רוסלאנד געגאנגענ פארנ 14־טנ דעקאבער 1825 יאָר אונ פארנ 19־טנ פעווראל 1861 יאָר. די אלגעמיינע וועלט־„קאָניונקטור" (די מארק־באדינגונגענ) כאזוערט זיכ איבער, אונ דערביי אפילע מיט א גרעסערער שטאנדהאפטיקייט אונ פעסטקייט, ווי פריִער, ווייל דער אופשטייג פונ די טווע־פרייזנ פארנ 1861 יאָר האָט ווייט ניט דערגרייכט צו דעמ

מאקסימאלנ פראצענט — 65, צו וועלכנ ער האט איצט דערגרייכט. דאנ איז דער מאקסימאלער אופשטייג געווענ 20—25 פראצ. די זאכ באשטייט אינ דעמ, וואס אינ סאפ XIX יארהונדערט האבנ די פאראייניקטע שטאטנ פונ צאפנ-אמעריקע אנטייל גענומענ אינעמ טוויע-עקספארט מער ווי אפ א העלפט: 52 פראצ. פונ דער טוויע, וואס אייראפע פלעגט געברויכנ, פלעגנ ארויסוואקסנ אפנ מארק די פאראייניקטע שטאטנ. און אינ די יארנ 1908—1912 האבנ די פאראייניקטע שטאטנ געגעבנ מאקסימומ 18 פראצ. פונעמ טוויע-עקספארט. דאס איז, פארשטייט זיכ, פארגעקומענ נית צוליב דעמ פאלנ פונ דער ערדארבעט אינ די פאראייניקטע שטאטנ, נאר דערפאר, ווייל אינ די פאראייניקטע שטאטנ איז אופגעקומענ דאס, וואס עס איז נית געווענ אינ די 70-ער יארנ, — א ביז גאר גראנדיעזע גרויס-אינדוסטריע; עס איז אופגעקומענ דער פראלעטאריאט, וועלכער האט זיכ געניטיקט אינ געקויפטנ ברויט. די דאזיקע ענדערונג האט מאקע באשטימט די אלוועלטלעכע קאנ-יונקטור, מיט וועלכער עס דערקלערט זיכ אינ א באדייטנדיקער מאס דאס, וואס איז פארגעקומענ אינעמ רוסישנ דארפ אינ פארלויפ פונעמ ערשטנ יארצענדליק פונעמ XX יארהונדערט.

די פרייזנ אפ ערד זיינענ טייקעפ מיט א קאפשווינדלערישער גיכקייט גית ארופגעקראכנ, נאר ארופגעפלויגנ אינ דער הייכ. אויב מיר וועלנ די פרייזנ פונ 1900 יאר אננעמענ פאר 100, האבנ מיר פאר כארקאווער גובערניע אזוינע ציפערנ: אינ 1898 יאר — 85; אינ 1902 יאר — 132. אינ קורסקער גובערניע אינ 1898 יאר — 122, אינ 1902 יאר — 207. פאר פאלטאווער גובערניע האבנ מיר אזא טאבעלע:

יארנ	פרייז אפ ערד (אינ רובלס)	אינ פראצ.
1898	159	100
1900	214	135
1902	251	158
1904	293	141

אויב מיר וועלנ אננעמענ די פרייזנ אינ ברענ פונעמ קריזיס — אינ די יארנ 1888—1892 — פאר 100, וועלנ מיר פאר גאנצ רוסלאנד אינ 1904 באקומענ 214. דאס זעלביקע איז געווענ אויכ מיט א ר ע נ ד ע ־ג ע ל ט. אינ קורסקער גובערניע איז עס פונ 15 רובל מיט 41 קאפ. (1898 יאר) געשטיגנ ביז 20 רובל 37 קאפ. פאר א העקטאר (1904 יאר). אינ פאלטאווער גובערניע וועלנ די אנט-שפרעכיקע ציפערנ באטרעפנ 9 רובל מיט 72 קאפ. און 13 רובל מיט 77 קאפ., אינ וואראנעזשער — 11 רובל מיט 28 קאפ. און 17 רובל מיט 25 קאפ. (1905 יאר) אאוו. דאס האט שוינ אינ א גלייכער מאס געשלאגנ סיי דעמ באלעבאס סיי דעמ ארעמפויער סיי דעמ מיטלפויער. פארנ 1905-טנ יאר איז אונדזער דארפ געווענ אינגאנצנ גרייט צו אנ אגראר-רעוואלוציע — און דאס האבנ אויסגעצייכנט גע-פילט די פריציס גופע. נאכ אינ אווגוסט 1901 יאר האט מענ פונ וואראנעזשער גובערניע געשריבנ: „בא אונדז הענגט אינ דער לופט עטוואס גרויזאמעס: יעדער מאנ איז אפנ האריזאנט דער הימל רויט פונ סרייפעס; איבער דער ערד שפרייט זיכ א בלוטיקער נעפל, עס אטעמט זיכ און עס לעבט זיכ שווער, פונקט ווי פאר

א געוויטער. דער פויער שווייגט פינצטער, און אויב ער הייבט אנ ריידנ אמאל, איז אזוי, אז א פראסט גייט דורכ איבערנ לייב".

די געענדערטע קאניונקטור האט זיכ אפגערופנ ניט נאר אפנ גורל פונעמ דארפ. די אינערלעכע אנזאמלונג פונ דער רוסישער באפעלקערונג גופע האט זיכ געהאלטנ, דעריקער, אפנ טווע-עקספארט און ס'איז נאטירלעכ, אז אינעמ פעריאד פונ נידעריקע טווע-פרייזנ איז די אנזאמלונג געגאנגענ ביז גאר לאנגזאם. ווענ ניט דער צופלוס פונ אויסלענדישנ קאפיטאל, וואלט זיכ אינ די לעצטע צוויי יארצענדליקער פונעמ XIX יה. אינ רוסלאנד באמערקט א פולשטענדיקע עקאנאמישע פאר-

א גוט ברענט

גליווערטקייט. פאר די פיר יאר 1893—1896 האט דער דורכשניטלעכער ווערט פונעמ גאנצנ רוסישנ עקספארט באטראפנ 661,4 מיליאנ רובל א יאר, און די אנזאמלונג פאר די דאזיקע 4 יאר האט באטראפנ 104 מיליאנ, און פאר די פיר יאר 1905—1908, ניט געקוקט אפ דער רעוואליוציע, וועלכע איז דעמלט פארגעקומענ, און אפנ קריזיס, וועגנ וועלכנ עס האט געפילדערט די בורזשואזיע, פלעגט דער דורכשניטלעכער יערלעכער עקספארט אפגעשאצט ווערנ אינ א מיליארד מיט 55 מיליאנ רובל (גאלד, פארשטייט זיכ, ווי אינ די אלע בעזשבוינעס), און די אנזאמלונג האט באטראפנ 399 מיליאנ רובל. וואס פאר א ראליע עס האט דא געשפילט די העכערונג פונ די טווע-פרייזנ, וועט קאנטיק ווערנ, אויב מיר וועלנ פארגלייכנ דעמ וווקס פונעמ טווע-עקספארט אינ פודנ, פונ איינ זייט, און דעמ וווקס פונ זיינ ווערט אינ גאלד-רובלס, פונ דער אנדערער. אינ 1900-טנ יאר איז פונ רוסלאנד ארויסגעפירט געווארנ 6860 טויזנט טאנ טווע, און אינ 1910-טנ יאר — 13876 טויזנט טאנ. אויב מיר וועלנ אננעמענ דעמ עקספארט פונעמ 1900-טנ יאר פאר 100, וועט דער עקספארט פונעמ 1910-טנ יאר באטרעפנ 196,

אונ געקאָסט האָט די גאנצע עקספּאָרטירטע טוווע אינ 1900-טנ יאָר 304,7 מיליאָנ רובל, אונ אינ 1910-טנ יאָר — 735,3 מיליאָנ; אויב מיר וועלנ די ערשטע צאָל אָננעמענ פאר 100, וועט די צווייטע זײַנ 245. דער טוווע-עקספּאָרט איז אויסגעוואָקסנ ווינציקער ווי אינ צוויי מאָל אונ די האכנאָסע פונעם עקספּאָרט אינ 2½ מאָל.

אויב אינ דאָרפ איז דער פּאָליטישער רעזולטאט פונעם אופשטײַג פונ די טוווע-פּרײַזנ געווענ די פארשארפונג פונעם ווידערשפּרוכ צווישנ דעם פּויער אונ דעם פּאָרעץ, האָט זיכ עס דאָ אָפּגערופנ מיט א פּאָליטישנ רעזולטאט ניט קיינ ווייניקער ווײַכטיקנ: מיט דער ענדערונג פונ דער באציונג פונ דער בורזשואזיע צו דער רעגירונג. עס איז שוינ לאנג באוווסט, נאָכ פונ ענגעלסעס צײַטנ, אז וואָס ווײַטער צו מיזרעכ-צו פונ אייראָפּע, אלץ נידערטרעכטיקער איז די בורזשואזיע. אפּ דער דאָזיקער נידערטרעכטיקײַט פונ דער רוסישער בורזשואזיע איז שוינ אָנגעוויזנ געוואָרנ אינעם ערשטנ מאניפעסט פונ אונדזער פּארטיי. אָבער מיט וואָס פאר א סוידעספולע סיבעס דערקלערט זיכ דאָס דאָזיקע פּראָגרעסיווע נידערטרעכטיק ווערנ? צי איז עס אזא מינ אייגנשאפט געווענ אײַנעמ בלוט בא דער רוסישער בורזשואזיע? — ניינ, די סיבעס דערפונ זײַנענ געווענ עקאָנאָמישע. די קאפּיטאליסטישע אָנזאמלונג אינ רוסלאנד איז געגאנגענ אפּנ כעזשבנ פונעם אויסלענדישנ קרעדיט. אפילע די נאָמינעל רוסישע אונטערנעמונגענ פלעגנ אָפט עקזיסטירנ אפּ אויסלענדישנ געלט, וואָס די רעגירונג פלעגט באקומענ אינ דער פאָרמ פונ אנ אויסלענדישער האלוואָע אונ פלעגט עס איבערגעבנ דעם פאבריקאנט אינ דער פאָרמ פונ א סובסידיע. אָבער אויסלענדישער קרעדיט פלעגט געגעבנ ווערנ אינ XIX יאָרהונדערט דער מעלוכע אונ ניט פּריוואטע אונטערנעמער. וועסטו בונטעווענ קעגנ דער רעגירונג, פארבלײַבסטו אָנ קרעדיט, — אזוי האָט געמוזט טראכטנ דער רוסישער קאפּיטאליסט; אונ ווירקלעכ, גלײַכ אינ דער ערשטער רעוואָליוציע פונ 1905-טנ יאָר האָט זיכ דער צופלוס פונ אויסלענדישע קאפּיטאלנ ביז גאָר פארקלענערט, עס האָט זיכ אפילע אָנגעהויבנ אנ אָפּפלוס — די אויסלענדער האָבנ אָנגעהויבנ מאסנוויז פארקויפנ די רוסישע ווערטפּאפּירנ. אונ פונדעסטוועגנ, גראָד אינ די דאָזיקע יאָרנ האָט זיכ זייער אופגעהויבנ דער טאָנ פונ דער רוסישער בורזשואזיע אינ אירע שמועסנ מיט דער רעגירונג: קיינמאָל איז נאָכ די רוסישע בורזשואזיע ניט געווענ אזוי „כוצפּעדיק" בענעגייע צומ צאר, ווי אינ יענע יאָרנ. אונ נאָכ דער ערשטער רעוואָליוציע זײַנענ שוינ די אויסלענדישע קאפּיטאלנ געגאנגענ אינ דער רוסישער אינדוסטריע ניט אזויפיל דורכנ מעלוכישנ בײַטל, וויפל דורכ די בענק. דער צאר האָט פארלאָרנ דעם אויסלענדישנ קרעדיט, — די בורזשואזיע האָט אימ געווונענ.

מיר וועלנ ניט פארשטיינ די דאָזיקע דערשײַנונג, אויב מיר וועלנ פארגעסנ, אז גלײַכצײַטיק מיטנ אויסשעפּנ זיכ פונעם גאָלדענעמ טײַכ, וועלכער איז געפלאָסנ פונ מיזרעוו, האָט אָנגעהויבנ שלאָגנ א פאָנטאנ מיט גאָלד פונעם רוסישנ באָדנ.

אונ אויב איר וועט נאָכ דערצו צוגעבנ, אז די רוסישע אינדוסטריע גופע איז קאָלאָסאל אויסגעוואָקסנ פאר דער דאָזיקער צײַט (איר פּראָדוקציע איז פונ א מיליארד מיט 800 מיליאָנ גאָלד-רובל אינ 1897-טנ יאָר אויסגעוואָקסנ ביז 4½ מיליארד אינ 1911-טנ יאָר), וועט איר פארשטיינ, אז אויב דער ספּעציפישער געוויכט פונ דער דאָזיקער גרופּע האָט זיכ געמוזט פארגרעסערנ פונקט אינ אזוי-

פיל מאָל. די אינדוסטריעלער זײַנענ געוואָרנ אי ליבעראַלער אי שטאַרקער. נאָך אַדאַנק די הויכע טוווע-פרײַזנ האָט זיך אונדזער לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע געהאַלטנ אָפ דער זעלביקער הייך, אונ אויב די טוווע-פרײַזנ וואָלטנ געווענ די זעלביקע, וואָס אינעמ סאָפ XIX יאָרהונדערט, וואָלט די אינדוסטריע אַוועק ווײַט פאָרויס אינ איר פּראָדוקטיווקײַט לעגאַבע דער לאַנדווירטשאַפט.

אויב רוסלאַנד פונעמ סאָפ XIX יאָרהונדערט איז געווענ אַ מער בורזשואַז לאַנד, איידער אינעמ מיטנ פונעמ דאָזיקנ יאָרהונדערט, איז עס אינ אָנהייב XX יאָרהונדערט געוואָרנ אינ 2½ מאָל מער בורזשואַז, איידער אינעמ סאָפ XIX. אונ די פאַרוואַלטונג-מעטאָדנ אינעמ לאַנד האָבנ די „ראָמאַנאָווס" געזוכט אײַנצוהיטנ די זעלביקע, וואָס זײַנענ געווענ אינ 1861-טנ יאָר; שוינ דאָס אַליינ איז גענוג, קעדיי צו דערקלערנ אינ אַנ אַלגעמיינער פאָרמ די רעוואָליוציע פונ 1905-טנ יאָר.

אָבער די גיכע אַנטוויקלונג פונעמ רוסישנ אינדוסטריעלנ קאַפּיטאַליזמ האָט אויך געשאַפנ אַנ איבעריקע שטערונג פאַר דער רוסישער בורזשואַזיע אַריבערצוגיינ פונ ליבעראַליזמ צו רעוואָליוציאָנערקײַט. דער רוסישער אונטערנעמער איז געווענ פאַרינטערעסירט אינ דער פעאָדאַלער באַרויבונג פונעמ רוסישנ דאָרפ.

גוט דערקלערט דאָ דאָס בילד א פאַרגלײַכ צווישנ דער לאַגע פונעמ רוסישנ אַרבעטער אינ דער רוסישער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע, וועלכע האָט זיך שטורמיש אַנטוויקלט, מיט דער לאַגע פונ די אַרבעטער אינ אַנ אַלטנ קאַפּיטאַליסטישנ לאַנד, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט לאַנגזאַמ, לעמאָשל, אינ ענגלאַנד.

אויב מיר וועלנ אָננעמענ פאַר 100 דעמ אַרבעטלוינ, וועלכנ דער ענגלישער אַרבעטער פלעגט באַקומענ אינ 1850-טנ יאָר, וועט זיך דער אַרבעטלוינ פונ 1900-טנ יאָר אויסדריקנ מיט דער ציפער 178,—הייסט עס, אַז ער האָט זיך פאַרגרעסערט מער ווי אינ אָנדערהאַלבנ מאָל. אונ אויב מיר וועלנ אָננעמענ די פרײַזנ אָפ שפּײַז-פּראָדוקטנ אינ ענגלאַנד פונ 1850-טנ יאָר פאַר 100, וועלנ מיר באַקומענ פאַרנ 1900-טנ יאָר 97. דער אַרבעטלוינ אינ געלט איז אויסגעוואַקסנ. אונ דער פרײַז פונעמ לעבנ האָט זיך פאַרקלענערט,—הייסט עס, אַז דער ר ע אַ ל ע ר אַרבעטלוינ, מיט אַנדערע ווערטער, דער לעבנס-ניוואָ פונעמ ענגלישנ אַרבעטער האָט זיך פ אַ ר ג ר ע ס ע ר ט פאַר די דאָזיקע 50 יאָר. דער ענגלישער קאַפּיטאַליסט פלעגט אימ צ ו צ אָ ל נ. אָבער פונוואַנענ? פונ זײַנ קעשענע, צוליב זײַנ גוטסקײַט? עס הייבט זיך גאָרניט אָנ. פאַרקערט, די עקספּלואַטאַציע פונעמ אַרבעטער דורכנ קאַפּיטאַליסט איז אינ ענגלאַנד געוואָרנ, פאַרשטייט זיך, גרעסער אונ ניט קלענער. אויסנוצנדיק די פאַרגרעסערונג פונ דער אַרבעט-פּראָדוקטיווקײַט, פלעגט דער אונטערנעמער אָפּגעבנ דעמ אַרבעטער אַלצ אַ קלענערנ אונ קלענערנ טייל פונעמ פרײַז פונעמ פּראָדוקט אונ אַלצ מער איבערלאָזנ פאַר זיך. אינ די יאָרנ 1819—1821 פלעגט אינ יעדנ פונט בוימוואָל, וואָס איז באַאַרבעט געוואָרנ אינ ענגלאַנד, דער אַרבעטלוינ באַטרעפנ 15,5 פענס *, אונ אינ די יאָרנ 1880—1882 כאַכאַקל 2,3 פענס — קימאַט אינ 7 מאָל ווינציקער. אָבער דער אַרבעטלוינ איז פאָרט געשטיגנ, ווײַל אינ ערשטנ פאַל פלעגט דער אַרבעטער אויסאַרבעטנ אַ יאָר סאַכאַקל אָפ 322 פונט סטערלינג,** אונ אינ צווייטנ פאַל — אָפ 4039. מיט וואָס

* אַ פ ע נ ס באַטרעפט בא 4 קאָפּ. גאָלד-געלט.

** אַ פונט סטערלינג באַטרעפט בא 10 רובל גאָלד-געלט.

פלעגט עס דערגרייכט ווערנ? ס'פארשטייט זיכ, מיט דער פארבעסערונג פונ דער טעכניק פונ דער פראָדוקציע, מיט דער פארפולקומונג פונ די מאשינעס. די ענגלישע מאשינעס פונ דעמ דאָזיקנ פעריאָד זיינענ געווענ די ערשטע אינ דער וועלט, אונ דאָס האָט געמאכט פאר די ערשטע אינ דער וועלט אויכ די פראָדוקטנ פונ די ענגלישע פאבריקנ. ענגלאנד האָט זיכ אינעמ XIX יאָרהונדערט געהאט דעראָבערט א מאָנאָפאָל אפנ אלוועלטלעכנ מארק. עס האָט געהאנדלט אומעטומ אונ פלעגט אומעטומ איינשטעלנ אזעלכע פרייזנ, אז אי דעמ קאפיטאליסט זאָל קיינ „קריוודע" ניט זיינ אי ס'זאָל עטוואָס פארבלייבנ פארנ ארבעטער. ווי נאָר די לאגע האָט זיכ געענדערט, אונטער דער ווירקונג פונ דער קאָנקורענצ מיט דייטשלאנד, אונ ענגלאנד האָט אנגעהויבנ פארלירנ די אלוועלטלעכע מאָנאָפאָל, האָבנ גיכ אנגעהויבנ קאליע ווערנ די באציונגענ צווישנ דעמ ענגלישנ ארבעטער אונ זיינ באלעבאָס. מיר וועלנ עס זענ אינ דעמ געהעריקנ אָרט.

אונ אָט דער באדינג האָט אבסאָליוט אויסגעפעלט אינ רוסלאנד.

באנוצנדיק זיכ מיט דער צוגעדריקטער, האלב-לייביגענער לאגע פונעמ רוסישנ פויער, באנוצנדיק זיכ מיט דער שנעלער פאראָרעמונג פונעמ דאָרפ, האָט דער רוסישער אונטערנעמער ניט געהאט קיינ שומ סטימול צו „אונטערקאָרמענ" זיינ ארבעטער.

די דעמאלטיקע סטאטיסטיק האָט אנגעציילט אינ 21 גובערניעס לעפאָכעס 5 מיליאָנ „איבעריקע" ארבעטער אינ דאָרפ, וועלכע פלעגנ ניט געפינענ קיינ שומ אנווענדונג פאר זייער ארבעט אינ דער לאנדווירטשאפט. די אלגעמיינע צאָל ארבעטער, וועלכע זיינענ געווענ פארנומענ אינ דער אינדוסטריע, האָט דעמאלט באטראָפנ בא א 2½ מיליאָנ: די „רעזערוו-ארמיי" האָט אפ אזא אויפנ באטראָפנ פונקט 200 פראָצ. פונ דער „ווירקנדיקער" ארמיי. בא אזא קויכעס-פארהעלטעניש האָט דער פאבריקאנט געהאלטנ, אונ אויכ די דאָרפישע פראָלעטאריער, וועלכע פלעגנ זוכנ ארבעט, האָבנ געהאלטנ, אז ער איז א „באלטויווע", אויב ער פלעגט ביכלאל וואָס-ניט-איז צאָלנ; מיר האָבנ געזענ, וואָס פאר א מינע פראָדוקטנ עס פלעגנ געשאפנ ווערנ אפנ דאָזיקנ באָדנ אפילע אינ מאָסקווע אונ מאָסקווער גובערניע (ז. טייל 2). עס איז קיינ וווּנדער ניט, וואָס דער רוסישער פאבריקאנט פלעגט זיינ ארבעטער שטענדיק צאָלנ גראָשנס. אויב מיר וועלנ אננעמענ דעמ ארבעטלוינ פונעמ רוסישנ פאבריק-ארבעטער פונ 1892-טנ יאָר פאר 100, וועט דער ארבעטלוינ פונ 1902-טנ יאָר זיינ 105, אונ אויב מיר וועלנ אננעמענ פאר 100 די טווּע-פרייזנ פונ מיטנ די 90-ער יאָרנ, וועלנ מיר פארנ 1902 יאָר באקומענ 125. *דער רעאלער ארבעטלוינ פונעמ רוסישנ ארבעטער איז די גאנצע צייט קלענער געוואָרנ, אינ דער צייט, ווענ באמ ענגלישנ ארבעטער איז ער גרעסער געוואָרנ.* פונעמ ענגלישנ ארבעטער פלעגט דאָס לעבנ פארשטעלנ, פארבאהאלטנ די בורזשואזע עקספלואטאציע, דעמ רוסישנ פלעגט דאָס לעבנ אפנ אנראכמאָנעסדיקסטנ אויפנ דערמאָנענ וועגנ איר יעדע רגע. עס איז קיינ וווּנדער ניט, וואָס דער רוסישער ארבעטער, ווי נאָר ער פלעגט ווערנ באוווּסטזיניק, ווי נאָר ער פלעגט אנהייבנ פארשטיינ זיינע קלאסנ-אינטערעסנ, פלעגט ער ווערנ א רעוואָליוציאָנער, וואָס אינ רוסלאנד האָבנ די ווערטער „באוווּסטזיניקער ארבעטער" אונ „רעוואָליוציאָנער" אנגעהויבנ באטייטנ איינס אונ דאָס זעלביקע.

קאפיטל II

דער אינדוסטריעלער קריזיס און די מאסיווע ארבעטער־באוועגונג

אזא לאגע פון דער רוסישער ארבעטער־מאסע האט געגעבן באשטימטע פאליטישע רעזולטאטן שוין אין מיטן די 90־ער יארן. שוין אין דער צײַט צווישן די יארן 1895—1897 האט זיך די צאל שטרײַקער, לויט די באריכטן פון דער פאבריק־אינספעקציע, פארגרעסערט אין צוויי מאל. נאך אין 1895־טן יאר, אין סאמע סאפ, האט דער פינאנץ־מיניסטער געשריבן אין א געהיימען צירקוליאר צו די פאבריק־אינספעקטארן: „אין רוסלאנד עקזיסטירט ניט, צום גליק, קיין ארבעטער־קלאס אין דעם זין און באטײַט, ווי אפן מײַרעוו, און דעריבער עקזיסטירט ניט אויך קיין ארבעטער־פראגע; און סײַ דאס און סײַ יענץ וועט ניט און קאן ניט האבן קיין באדן אפ געבארן צו ווערן", — אויב נאר די פאבריק־אינספעקציע וועט ניט שלאפן. און ווינציקער ווי אין צוויי יאר ארום האט דער אינערן־מיניסטער געשריבן פונקט אזוי געהיים צו די גובערנאטערס: „...די שטרײַקן פון די פאבריק־ארבעטער, פון די זאוואדישע און אפילע צעך־ארבעטער זײַנען געווארן א געוויינלעכע דערשײַנונג אין פיל שטעט מיט א מער אדער ווייניקער באדײַטנדיקער ארבעטער־באפעלקערונג. דערבײַ ציט צו א באזונדערע אופמערקזאמקײַט דאס, וואס פאר דע־ לעצטער צײַט האבן זיך צווישן די ארבעטער אויסגעבילדעט די אזויגערופענע „שלאכט־דרוזשינעס", ד. ה. גרופעס פון סאמע רעוואליוציאנער געשטימטע ארבעטער, וועלכע צווינגען דורך דראונגען און גוואלדטאטן די ווייניקער אנטשלאסענע ארבעטער צוצושטיין צום שטרײַק, אדער זיי שטערן די, וואס ווילן זיך שטעלן ארבעטן, זיי באגייען אויך קאלעריי גוואלדטאטן, ביז דערמארדונג אײַנגעשלאסן, בענעגייע די ארבעטער, וועלכע ווירקן אפ די כאוויירים אינעם זין פון אפשטעלן דעם שטרײַק, אדער בענעגייע די, וואס מע איז זיי כווישעד, אז זיי האבן אופגעדעקט פאר דער פאליציי אדער פאר דער פאבריק־אדמיניסטראציע די הויפט־שטרײַקערס".

מיר האבן געבראכט די דאזיקע ביידע אויסצוגן ניט אלס מוסטערן פון ריכטיקן שילדערן די ווירקלעכע זאכלאגע — ביידע מיניסטארן, סײַ דער פינאנץ־מיניסטער און סײַ דער אינערן־מיניסטער, האבן געשריבן בעפיירעשע נארישקײַטן,— נאר אלס א מוסטער פון דעם אײַנדרוק, וועלכן די שטרײַקן פלעגן מאכן אפ דער צארישער רעגירונג. מיט צוויי יאר פריער האט מען געטײַנעט, אז אין רוסלאנד קאן נאר ניט זײַן קיין שום ארבעטער־באוועגונג, און אין צוויי יאר ארום האט מען אנגעהויבן שרײַען, אז גאנץ רוסלאנד איז ארומגעכאפט מיט אן ארבעטער־פארשווערונג. אזוי האט א קלאפ געטאן איבער די מיניסטערישע מויכעס מער פון אלץ דער פעטערבורגער שטרײַק אין מײַ—יונ 1896־טן יאר ביים ניקאלײַ דעם צווייטנס קרוינונג (די קרוינונג איז טאקע געווען דער פארמעלער מאטיוו פארן שטרײַק: ביים די פײַערונגען זײַנען די פאבריקן געשטאנען, און די ארבעטער האבן געפאדערט, אז מע זאל זיי באצאלן פאר די טעג, ווען זיי זײַנען „א־ומגעאנגענע ליידיק" ניט צוליב זייער שולד, די פאבריקאנטן האבן זיך אפגעזאגט). לויט אפיציעלע ידיעס האט דער שטרײַק ארומגעכאפט 19 פאבריקן און בא 15 טויזנט ארבעטער; אין פעטערבורג האט מען געציילט 35 טויזנט שטרײַקער. די „רעגירונג־

מיטיילונג" האט פארזיכערט, אז די איבעריקע פעטערבורגער ארבעטער „האבנ זיכ געהאלטנ אנ א זייט" פונ די וועבער אונ שפינער, וועלכע האבנ זיכ דערוועגט צי פארשטרייקנ; די ארבעטער ווידער האבנ געזאגט, אז זייער שטרייק האט זיכ טאקע דערפאר אזוי לאנג געהאלטנ (איניקע פאבריקנ האבנ געשטרייקט העכער צוויי וואכנ — אונ מער ווי א וואכ האט געשטרייקט די מערהייט), ווייל די „זאוואדישע" ארבעטער פונ די מעטאלורגישע אונטערנעמונגענ אינ פעטערבורג האבנ פונ זייער ארבעטלוינ געשטיצט די שטרייקער. פאר דער צייט פונעמ שטרייק זיינענ ארויסגעלאזט געווארנ 25 פראקלאמאציעס פונעמ „פארבאנד פונ קאמפ פאר דער באפרייונג פונעמ ארבעטער-קלאס", פונעמ „ארבעטער-פארבאנד" אונ פונעמ „מאסקווער ארבעטער-פארבאנד". די מאכט אבער האט זיכ דערשראקנ ניט אזוי פארנעמ, ווי דערפאר, וואס די באוועגונג האט אפ אנ אנדער אופנ ארויסגעוויזנ איר באוווסטזיניקייט. „...די סימאנימ, מיט וועלכע עס צייכענענ זיכ אויס אט די אלע שטרייקנ — האט אינ דעמ אויבנ דערמאנטנ צירקוליאר געשריבנ דער אינערנ-מיניסטער וועגנ די שטרייקנ פונ די יארנ 1896—1897, — זיינענ: דאס, וואס די ארבעטער האבנ ארויסגעשטעלט איינע אונ די זעלביקע, פינקטלעכ פארמולירטע פאדערונגענ, די איינמוטיקע אקשאנעס באמ פארטיידיקנ זייערע פרעטענזיעס אונ דאס, וואס די שטרייקער היטנ אפ די אויסערלעכע ארדענונג אונ רויקייט".

דאס לעצטע איז געווענ באזונדערס שרעקלעכ, ווייל עס האט אינגאנצנ צעטומלט די פאליציי, וועלכע איז געווינט געווענ „איינצושטילנ" ארבעטער-„אומארדענונגענ". קאלזמאנ די סאלדאטנ האבנ געפאלגט, האט נאכ די „איינשטילונג" געקאנט פארקומענ, האגאמ עס איז אינטערעסאנט, אז שוינ אינ מיטנ די 90-ער יארנ פלעגט אויסקומענ „צוגעבנ כיישעק" די סאלדאטנ. אינ אפרעל 1895 יאר האט פארשטרייקט אינ יאראסלאוו קארזינקינס מאנופאקטור. עס זיינענ פארגעקומענ „אומארדענונגענ", ד. ה. די ארבעטער האבנ זיכ פאשעט צונויפגעקליבנ מענגעסווייז. דער גובערנאטער האט ארויסגערופנ דעמ פאנאגארישנ גרענאדערנ-פאלק, וועלכער האט דעמלט קווארטירט אינ יאראסלאוו, אונ די סאלדאטנ האבנ מיט איינ שאס אינ דער מאסע אוועקגעלייגט 13 ארבעטער. ניקאליי, וועלכער האט נארוואס, וויינעקע ווי א יאר פאר דעמ, פארנומענ דעמ טראנ, האט אנגעשריבנ אפנ ראפארט וועגנ דעמ: „איכ בינ זייער צופרידנ מיט דער אופירונג פונעמ מיליטער ביים די פאבריק-אומארדענונגענ אינ יאראסלאוו". אט ווענ דער דאזיקער צאר האט שוינ אנגעהויבנ צעסישנ ארבעטער! דער צארישער „ראנגל" איז גלייכ איבערגעגעבנ געווארנ דעמ גאנצנ מיליטער פונ מאסקווער מיליטער-קרייז — אלס מוסטער אונ אופמונטערונג. דאס שיסנ אינ שטרייקער, דארפ מענ צוגעבנ, איז ניט געווענ קיינ מיטל, וואס ניקאליי דעמ II-טנס רעגירונג האט אויסגעטראכט; זיינע פארבינדעטע, די פראנצויזישע בורזשואז, זיינענ געווענ זיינע לערער אינ דעמ פראט. אינ פראנקרייכ איז בעשאס שטרייקנ די גאנצע טאקטיק פונ דער פאליציי באשטאנענ אינ צערייצנ דעמ האמוינ דורכ פאלערליי פראוואקאציעס. בא דעמ היציקנ, דערעמדיקנ כאראקטער פונ די פראנצויזנ פלעגט עס דערגרייכט ווערנ גאנצ גרינג, אונ דער ערשטער שטיינ, וועלכער פלעגט פליענ אינ דער פאליציי אדער אינעמ מיליטער, פלעגט זיינ א סיגנאל צומ שיסנ: „אומארדענונגענ" זיינענ געווענ, אונ דערנאכ פלעגט שוינ דאס איבעריקע — ארעסטנ, ארויסשיקונגענ, — גיינ ווי געשמירט. די דאזיקע ניט איבערגעשפיצטע מעכאניק האט מענ גרינג איבערגענומענ אויכ בא אונדז. אבער

וואָס טוט מענ מיט אַרבעטער, ווענ זיי ווילנ באַוווסטזיניק ניט מאַכנ קיינע שום „אומאָרדענונגענ"?

די פּעטערבורגער שטרײַקנ פונ 1896-טנ יאָר האָבנ געמאַכט אַזאַ שטאַרקנ אײַנדרוק אַפ דער מאַכט, אַז זי האָט — דער ערשטער פאַל אינ דער רוסישער געשיכטע — באַשלאָסנ צו באַפרידיקנ די גרונט-פאָדערונג פונ די שטרײַקער. די פאָדערונג אויסצוצאָלנ פאַר די קרוינונג-טעג איז געווענ בלויז אַנ אויסרייד פאַרנ שטרײַק — דערנאָכ האָבנ די אַרבעטער אַרויסגעשטעלט פּונקטנ מיט אַנ אַלגעמיינעמ כאַראַקטער, אונ דער ערשטער פונ זיי איז געווענ, *מע זאָל פאַרקירצנ דעמ אַרבעטטאָג*, וועלכער איז דעמאָלט אינ די טעקסטיל-אונטערנעמונגענ געווענ אומגעהייער לאַנג — ביז 14 שאָ. די פּעטערבורגער וועבער האָבנ געפאָדערט 10½ שאָ — דער געזעצ פונ 2-טנ יונ 1897 יאָר האָט באַשטימט פאַר גאַנצ רוסלאַנד אַנ 11½-שאָיקנ אַרבעטטאָג. דאָס, וואָס מע האָט דערלויבט די פאַבריקאַנטנ אָנצוווענדנ „אויבערשאָענ", האָט קימאַט צונישט געמאַכט דעמ געזעצ, אָבער אינ דער רוסישער געזעצגעבונג פונ XIX יאָרהונדערט איז פאַרבליבנ אַ געזעצ, וועלכער איז אַרויסגעריסנ געוואָרנ דורכ אַ שטרײַק.

נאָר אויב די פאַבריקאַנטנ האָט מענ נאָכ געקאָנט אײַנריידנ, זיי זאָלנ פאַרקלענערנ דעמ אַרבעטטאָג (האַגאַמ אויכ ניט אָנ מאַטערניש: אינ דער קאָמיסיע, וועלכע האָט באַהאַנדלט דעמ פּראָיעקט פונעמ נײַעמ געזעצ, האָבנ די פאַבריקאַנטנ אַלצ געטײַנעט וועגנ דער „לאַסט", מיט וועלכער דער דאָזיקער געזעצ „וועט זיכ אַרופלייגנ אַפ אונדזער אינדוסטריע", זיי פּלעגנ זיכ אַלצ פאַרופנ אַפ פראַנקרײַכ אאַוו.), איז אײַנריידנ זיי צו *העכערנ דעמ אַרבעטלוינ* געווענ אַבסאָליוט אוממעגלעכ. אונ דאָסראָוו שטרײַקנ פּלעגנ טאַקע אַרויסגערופנ ווערנ דורכ סיכסוכימ וועגנ אַרבעטלוינ — אַפילע אינעמ באַרימטנ פּעטערבורגער שטרײַק פונעמ יאָר 1896 איז דער אַרבעטלוינ, ווי מיר האָבנ געזענ, געווענ דער נאָענטסטער אויסרייד. פונ די 1765 שטרײַקנ, וועלכע די פאַבריק-אינספּעקציע האָט אָנגעצייכנט פאַר 10 יאָר, פונ 1893-טנ ביז 1904-טנ, איז די סיבע פונ 1071, ד. ה. פונ 61 פּראָצ., געווענ צוזאַמענשטויסנ צוליב דער גרייס פונעמ אַרבעטלוינ אָדער צוליב די אויפאַנימ פונ אויסצאָלנ אימ, אונ בלויז 284, ד. ה. 16 פּראָצ. — צוליב דער לענג פונעמ אַרבעטטאָג. די אַרבעטער פלעגנ מענ נאָכגעבנ גראָד ניט אינ דעמ סאַמע וויכטיקסטנ פאַר זיי פּונקט, נאָר אינ דעמ ביליקסטנ פאַר די פאַבריקאַנטנ, ווײַל די פאַבריקאַנטנ איז צומ סאָפ 90-ער יאָרנ גאָר אָנ שומ פאָדערונגענ מיצאַד די אַרבעטער אויסגעקומענ צו פאַרטראַכטנ זיכ וועגנ פאַרקלענערנ די פּראָדוקציע.

מיר האָבנ געזענ אינ דעמ אַנטשפּרעכיקנ אָרט (ז. טייל 2), אַז די אַנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע האָט זיכ געשטיצט אַפ דער *פאַרבריטערונג פונעמ אינערלעכנ מאַרק*. די דאָזיקע פאַרברייטערונג ווידער ווערט דערקלערט מיט דער *פּראָלעטאַריזירונג* פונעמ פּויערטומ: איבערגייענדיק פונ דער לאַגע אַלס זעלבשטענדיקער באַלעבאָס צו דער לאַגע פונ אַ לוינאַרבעטער, פלעגט דער פּויער, וואָס האָט ניט געהאַט קיינ אייגנס, קיינ הייםישס, אַלצ מער מוזנ קויפנ אַפנ מאַרק אונ פלעגט, אַזויאַרומ, גרעסער מאַכנ דעמ נאָכפרעג. דער דאָזיקער נאָכפרעג אָבער האָט זיכ ניט פאַר אַלע אינדוסטריע-צווײַגנ פאַרברייטערט מיט דער זעלבער גלײַכמעסיקײַט. פונ די גרויסע פאַבריקנ באַדינענ די דירעקטע באַדערפענישנ פונ דער פאָלקמאַסע דעריקער *די טעקסטיל-פאַבריקנ*: וועבשטאָפנ גייענ קימאַט אויסשליסלעכ פאַרנ פּערזענלעכנ געברויכ. די *מעטאַלורגיע* באַ-

דינט נאָר אינ אַנ אומבאַדײַטנדיקער מאָס דעם דאָזיקנ פּערזענלעכנ געברויכ: ספּראָנטשקעס, קנעפּלעכ, טשוועקעס פאַר שטיוול אאַוו. דעריקער אָבער באַדינט די מעטאַלורגיע די *ווירטשאַפט*, די גרויסע אונ די קליינע: זי גיט אַקערס, הראַבליעס, קאָסעס, העק, דאַכ-אײַזנ, פּאָדקעוועס פאַר פערד אאַוו. אויב באַוונ־ציץ־פאַבריקאַנט איז דער „מאַרק" דער פּראָלעטאַריזירטער פּויער, וועלכער האָט ניט קיינ היימיש געוועבטע לײַוונט, איז פאַר דער מעטאַלורגישער אינדוסטריע דער מאַרק, פאַרקערט, די דאָרפ-בורזשואַזיע.

מיר האָבנ געזענ (ז. טייל 2), אַז די אויסבילדונג פונעם דאָרפ־פּראָלעטאַריאַט אונ דער אופקום פונ דער דאָרפ-בורזשואַזיע זײַנענ צוויי זײַטנ פונ איינ אונ דער זעלביקער דערשײַנונג: פונ דער קלאַסנ-דיפערענציאַציע *אינעם דאָרפ*. די דאָזיקע צוויי פּראָצעסנ זײַנענ אָבער ניט געגאַנגענ האַנט בײַ האַנט, אַבסאָליוט פּאַראַלעל איינער מיטנ אַנדערנ. די אויסבילדונג פונעם פּראָלעטאַריאַט פלעגט בײַ אונדז גראָד איבעריאָגנ די אויסבילדונג פונ דער קליינער ערד־בורזשואַזיע. ווי לאַנגזאַם די דאָזיקע קליינע ערד-בורזשואַזיע האָט זיכ בײַ אונדז אַנטוויקלט, וועלנ באַווײַזנ צוויי ציפערנ. מיט דער הילפ פונעם פּויערישנ באַנק האָבנ די פּויערים פונ 1882-טנ יאָר ביזנ 1895-טנ יאָר אײַנגעקויפט בײַ 2,2 מיליאָנ העקטאַר ערד. גרויסע קניעס האָבנ אַנטשיידנדיק דאָמינירט: אַפ זיי איז אויסגעקומענ מער ווי 80 פּראָצ. פונ דער גאַנצער אײַנגעקויפטער ערד. עס קאָנ קיינ סאָפעק ניט זײַנ — דאָס איז געוואַקסנ די דאָרפישע בורזשואַזיע. אָבער ווי לאַנגזאַם זי איז געוואָקסנ! פאַר די העכער 10 יאָר האָט זיכ דער דאָרפישער בורזשואַזיע אײַנגעגעבנ אײַנצוקויפנ ווינציקער פונ 2,2 מיליאָנ העקטאַר פּריצישע ערד (רעכענענדיק פאַר „פּריצישע" באַזיצנ אַזוינע, וואָס זײַנענ גרעסער פונ 550 העקטאַר), אונ אינ די הענט פונ די פּריצים איז *פאַרבליבנ* 67,7 מיליאָנ העקטאַר. פאַר העכער 10 יאָר האָבנ די פּריצים אַפ דעם אויפנ ניט פאַרלאָרנ אַפילע קיינ 4 פּראָצ. פונ זייערע באַזיצנ. אונ דאָס איז נאָכ געווענ א פּעריאָד פונ אויסשליסלעכ נידעריקע פּרײַזנ אַפ טוווע, ווענ דער גרויסער ערדבאַזיץ פלעגט ניט דעקנ זײַנע הויצאָעס, אונ דער גוטבאַזיצער פלעגט אָפטמאָל ניט וויסנ, אַפנ וואָרט, ווי „פּאָטער צו ווערנ" פונ דער ערד. נאָר פונ דער צווייטער העלפט 90-ער יאָרנ האָבנ די טוווע-פּרײַזנ אָנגעהויבנ, ווי מיר געדענקענ, „פעסטער ווערנ".

ווענ בײַ אונדז אינ דאָרפ וואָלטנ געווענ בלויז, פונ איינ זײַט, דער באַטראַק, אונ, פונ דער אַנדערער זײַט, דער גרויסער אייגנטימער, וואָלט זיכ אַפ אַזאַ באָדנ אָנגעהויבנ אַנטוויקלענ א בורזשואַזער גרויסער ערדבאַזיץ. אָבער די אָנוועזנקײַט פונ א פּויערטום, וואָס איז אָפּגעגאַרט געוואָרנ בײַ דער „באַפרײַונג" (ז. טייל 2) אינ וואָס האָט זיכ גענייטיקט אינ ערד, פונ איינ זײַט, אונ די גרויסע אַפּעטיטנ פונעם רוסישנ קאַפּיטאַל, וועלכער איז אינ דער אינדוסטריע געווענ צוגעוווינט צו גרויסע רעוואָכים*, פונ דער אַנדערער זײַט, האָבנ געפירט די זשעדנעקײַט פונעם פּאָרעצ מיט א צווייטער ליניע, וואָס איז געווענ די „ליניע פונעם קלענסטנ ווידערשטאַנד". ניט פאַרקויפנדיק זײַנ ערד אונ ניט פירנדיק אַפ איר קיינ קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט, וועלכע קאָסט טײַער, פלעגט דער פּאָרעצ פּאָשעט אָפּגעבנ די

* בערעכ פאַר 50 פּראָצ. פונ אונדזערע גרויסע פ בריקנ אונ זאַוואָדנ האָט לויט אָפיציעלע מאַטעריאַלנ. דער רעווח אַריבערגעשטיגנ 5 פּראָצ., ד. ה. דעם דורכשניטלעכנ דעמאָלטיקנ פּראָצענט אַפ קאַפּיטאַל. אָבער לויט אַנדערע, אויכ אָפיציעלע מאַטעריאַלנ, פלעגנ די אונטערנעמער קיינמאָל ניט אָנווײַזנ זייער עמעסנ רעווח...

ערד אין ארענדע די נויטבאדערפטיקע פויערים. אדאנק דעם, זײַנען די ארענדע-פרײַזנ געוואקסנ — דערבײַ גיכער, איידער עס זײַנען געוואקסנ די טווע-פרײַזנ. די טווע-פרײַזנ זײַנען פונ מיטנ 90-ער יאָרנ ביזנ אָנהייב 900-ער יאָרנ געשטיגנ, ווי מיר געדענקענ, אפ 28 פראָצ., און די ארענדע-פרײַזנ אפ 113 פראָצ. אזוי האָט זיכ דער פּאָרעצ געײַלט אויסצונוצנ די פויערישע „זשעדנעקײַט". אנדערש געזאָגט, דער פויער האָט ניט גאָר געמוזט אָפּגעבנ דעם גוטבאזיצער דעם גאנצנ „רעווענ", וואָס האָט געקאָנט בלײַבנ בא אים, אדאנק די הויכע טווע-פרײַזנ, נאָר ער האָט אים נאָכ געמוזט צוצאָלנ פונ זײַנ קעשענע. איז וויאזוי האָט מענ דאָ געקאָנט „אָפּשפּאָרנ" און פונ א מיטעלנ פויער ווערנ א „דאָרפ-בורזשוא"? דאָס פלעגט זיכ אײַנגעבנ עפּשער איינעמ פונ טויזנט.

וויאזוי אזא מינ לאַגע האָט געווירקט אפ דער פויערשער באַוועגונג, וועלנ מיר זענ עטוואָס ווײַטער. לאָמיר זיכ דערווײַל אָפּשטעלנ אפ דעם, וויאזוי זי האָט געווירקט אפ דער לאַגע פונ דער רוסישער אינדוסטריע. ס'איז גאנצ קלאָר, אז די שטורמישע אנטוויקלונג פונ דער רוסישער מעטאלורגיע, וועלכע מיר האָבנ נאָרוואָס געזענ, האָט זיכ ניט געקאָנט שטיצנ אפ דער אנטוויקלונג פונעמ „אינערלעכנ מארק", אינעמ ווירקלעכנ זינ פונעמ דאָזיקנ וואָרט, ד. ה. אפ דער אײַנקויפ-פייִקײַט פונ דער פויערשער ווירטשאפט. דער געברויכ פונ אײַזנ אפ א נעפעש באַפעלקערונג איז אינ רוסלאנד געווענ נידעריקער, ווי אינ אוועלכנ-ניט-איז אנדער לאנד — בסכאקל 26,2 קילאָגראמ א יאָר, אינ דער צײַט, ווענ אפילע אינ פראנקרײַכ, וועלכעס איז פארבליבנ הינטער אונדז לויט דער אלגעמיינער מעטאלורגישער פּראָדוקטיוויקײַט, איז דער געברויכ פונ אײַזנ געווענ 63,8 קילאָגראמ א יאָר אפ א נעפעש, און אינ ענגלאנד איז ער דערגאנגענ ביז 132,7 קילאָגראמ, אינ די פאריייניקטע שטאטנ אפילע ביז 158,9 קילאָגר., אינ זעקס מאָל מער, איידער אינ רוסלאנד. אפ וואָסזשע האָט זיכ געהאלטנ אונדזער אײַזנבאארבעטנדיקע אינדוסטריע? אנ ענטפער אפ דעם וועלנ מיר באקומענ זייער גרינג און גיכ, אויב מיר וועלנ זיכ צוקוקנ צו דעם, וואָס עס פלעגנ אויסארבעטנ אונדזערע זאוואָדנ פונ די קאָלאָסאלע מאסנ אויסגעשמעלצטנ טשוהונ. דעמלט וועלנ מיר זענ, אז פונ איינ פערטל ביז איינ דריטל פונ די פּראָדוקטנ, וואָס זיי פלעגנ אויסארבעטנ, האָבנ באטראָפנ רעלסנ. אויב מע זאָל דערצו צוגעבנ די איבעריקע אייזנבאנ-מאכשירימ — באנדאזשנ, פארפעסטיקונגענ, אקסנ, רעדער אאזוו. — וועט זיכ ארויסווײַזנ, אז אונדזער מעטאלורגיע פלעגט באדינענ דעריקער די אײַזנבאנ-בויונג.

אונדזער אינדוסטריעלער קאפּיטאל האָט נאָכאמאָל, און אפנ סאמע באַשײַמפערלעכנ אויפנ, באַוויזנ זײַנ אָפּהענגיקײַט פונעמ האנדל-קאפּיטאל. דערמיט, וואָס פאר די רוסישע האלוואָעס האָט זיכ געעפנט דער אלוועלטלעכער געלט-מארק, איז געשטאלט פונ דער פאריזשער בירזשע, און מיט דעמ גאָלד-רעגנ, וועלכער האָט זיכ א נאָס געטאָג פונ דאָרטנ (ז. טייל 2), האָט זיכ קוידעמקאָל באַנוצט דער האנדל-קאפּיטאל, קעדיי צו פארענדיקנ בויענ די רוסישע אײַזנבאנ-נעצ, וועלכע ער האָט אָנגעהויבנ אינ די 1860-ער יאָרנ. צומ אָנהייב 1892-טנ יאָר האָט די לענג פונ דער דאָזיקער נעצ באטראָפנ עטוואָס ווייניקער פונ 34 טויזנט קילאָמעטער, צומ אָנהייב פונעמ 1902-טנ יאָר האָט זי אריבערגעשטיגנ 64 טויזנט קילאָמעטער. אויב דעמלט איז בא אונדז אויסגעקומענ אפ 1000 קוואדראט-קילאָמעטער שטעטכ 4 מאָל ווייניקער אײַזנבאנ-וועג, איידער אפילע אינ די פאריייניקטע שטאטנ, ווו עס איז נאָכ פאראנ גענוג ליידיקע פלעצער; א פארגלײַכ מיט די

געדיכט-באַפעלקערטע לענדער פונ מײַרעוו-אייראָפּע וואָלט נאָכ ווינציקער געלוינט פאַר רוסלאַנד (אינ ענגלאַנד, לעמאָשל, איז אפ 1000 קוואַדראַט-קילאָמעטער געווענ 119 קילאָמעטער אײַזנבאַנ, און אינ רוסלאַנד סאַכאַקל 9¼ קילאָמעטער). אינ א קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט אָבער רעכנט מענ זיכ באַמ בויענ אײַזנבאַנענ ניט מיט די באַדערפענישנ פונ דער מאַסע באַפעלקערונג — ווענ זיי, ווענ די דאָזיקע באַדערפענישנ, רעדט מענ בלויז פונ „מעליצע" ווענג, נאָר מיט די מעגלעכע רעוואָכימ פונ די פּריוואַטע אונטערנעמער אָדער פונ דער מעלוכישער קאַסע, אויב זי איז אנ אונטערנעמער, אָדער מיט „סטראַטעגישע" (מיליטערישע) און אַנדערע „מעלוכישע" באַדערפענישנ. און אַזוי ווי די בורזשואַזע מעלוכע איז א מעלוכע פונ קאַפּיטאַליסטנ, זײַנענ די „מעלוכישע" באַדערפענישנ די באַדערפענישנ פונעמ קלאַס קאַפּיטאַליסטנ אינגאַנצנ גענומענ, אינ אונטערשייד פונ די רעוואָכימ פונ יעדנ קאַפּיטאַליסט באַזונדער.

שוינ פונעמ סאָפ 80-ער יאָרנ האָט דער דאָזיקער „מעלוכישער" שטאַנדפּונקט באַקומענ די איבערהאַנט אינ דער רוסישער אײַזנבאַנ-בויונג איבער די רײַנ-קאָמערציעלע טײַמימ — די אומיטלבאַרע אינטערעסנ פונ איינצלנע קאַפּיטאַליסטנ און גרופּעס קאַפּיטאַליסטנ. און שוינ דעמאָלט האָבנ די „מעלוכישע" טײַמימ אַרויסגעפירט די רוסישע אײַזנבאַנ-נעצ אויסער די גרענעצנ פונעמ אייראָפּעיִשנ רוסלאַנד. אינ 1887-טנ יאָר איז באַשלאָסנ געוואָרנ בויענ די סיבירער אײַזנבאַנ-ליניע. די באַראַטונג, וועלכע איז געבילדעט געוואָרנ צוליב דעמ דאָזיקנ ציל, האָט איינשטימיק אָנערקענט, אַז „אינ אַלגעמײַנ-מעלוכישער און באַזונדערס אינ סטראַטעגישער הינזיכט וועט מיט יעדנ יאָר אַלץ דרינגענדיקער צו פאַרגיכערנ די באַציִונגענ פונעמ אייראָפּעיִשנ רוסלאַנד מיטנ ווײַטנ מיזרעכ", און דעמ וועג דאַרפ מענ דעריבער בויענ, האָגאָמ ער זאָגט ניט צו קיינע שומ רעוואָכימ „אינ דער נאָענטסטער צוקונפט". אפנ בעזשבנ פונ דער סיבירער ליניע קומט אויס צו פאַרעכענענ שיר ניט א העלפט פונעמ גאַנצנ וווּקס פונ דער רוסישער מעטאַלורגיע אינ די 90-ער יאָרנ. גאַנצע נײַע זאַוואָדנ פלעגנ אויסגעבויט ווערנ ספּעציעל אפ באַדינענ די דאָזיקע ליניע. צוגלײַכ מיט דעמ, ווי איר בויונג דערנענטערט זיכ צומ סאָפ, פאַלט באַשײַמפּערלעכ די רעלסנ-פּראָדוקציע פונ דער רוסישער מעטאַלורגיע: אינ 1897-טנ יאָר האָבנ רעלסנ באַטראָפנ 28,1 פּראָצ. פונעמ פאַרטיקנ פּראָדוקט אינ די דאָזיקע זאַוואָדנ, אינ 1898-טנ יאָר — 29,1 פּראָצ. און אינ 1899-טנ יאָר — בלויז 26,5 פּראָצ. באַזונדערס שאַרפ איז געפאַלנ די פּראָדוקטיוויקײַט פונעמ הויפּט-צושטעלער פונ רעלסנ, — פונ דער דאָרעמ-רוסישער מעטאַלורגיע: דערגייענדיק פריער דורכשניטלעכ ביז 60 פּראָצ. רעלסנ אפנ גאַנצנ „פאַרטיקנ פּראָדוקט", שטײַגנדיק אָפּטמאָל ביז 70 פּראָצ. (אינ 1895-טנ יאָר), איז זי אינ 1899-טנ יאָר מיטאַמאָל געפאַלנ ביז 44,5 פּראָצ.

ווענ עס האָט זיכ פאַרענדיקט די אײַזנבאַנ-בויונג, האָט זיכ אָנגעהויבנ א ק ר י ז י ס אינ ד ע ר ר ו ס י ש ע ר מ ע ט א ל ו ר ג י ש ע ר א י נ ד ו ס ט ר י ע. פונ 1901-טנ יאָר פאַלט ניט בלויז די פּראָדוקציע פונ רעלסנ, נאָר אויכ דער אַלגעמײַנער סכומ אויסגעשמעלצטנ טשוהונ, האָגאָמ ניט באַדײַטנדיק (פונ 2,9 מיליאָנ ביז 2,8 מיליאָנ טאָנ). די צאָל אַרבעטער-מעטאַליסטנ אינ דאָרעמ-רוסלאַנד איז פונ 45 טויזנט אינ 1899-טנ יאָר געפאַלנ ביז 39 טויזנט אינ 1901-טנ יאָר, דער אַרבעטלוינ, וועלכער איז אויכ ביז דאַנ געהאַט געפאַלנ אַלס ד ע א ל ע ר אַרבעטלוינ, ד. ה. אויב מע זאָל אימ איבערפירנ אפ די פּראָדוקטנ, וואָס מע האָט געקאָנט קויפנ

פאר אים, הייבט איצט אנ פאלנ אויכ נאמינאל, ד. ה. לויט דער צאל רובלס. אינ 1901-טנ יאר האט ער נאכ באטראפנ דורכשניטלעכ פאר אלע פראדוקציעס אפ גאנצ רוסלאנד — 201 רובל מיט 37 קאפ. אפ א מענטשנ א יאר, אונ אינ 1903-טנ יאר — שוינ סאכאקל 200 רובל מיט 33 קאפ., אונ ברויט איז אלצ טײַערער געווארנ.*

די מאסעווע ארבעטער-באוועגונג, וואס איר מעגלעכקײַט גופע האט אפגעלייקנט דער רוסישער פינאנצ-מיניסטער נאכ אינ 1895-טנ יאר, ווערט פונקט אזא אומפארמײַדלעכער באגלייטער פונעמ רוסישנ קאפיטאליזמ, ווי זי איז שוינ פונלאנג געווארנ פארנ מײַרעוודיקנ קאפיטאליזמ. מיט אנ אומגעהייערער גיכקײַט גייט די דאזיקע באוועגונג דורכ די שטופעס, אפ וועלכע זי האט לאנגזאמ געקלעטערט אינ די עלטערע קאפיטאליסטישע לענדער, אונ אינ צענ יאר וואקסט זי אויס פונ א „פרידלעכנ" קאמפ פונ דעמ ארבעטער פאר זײַנע טאגטעגלעכע, וואכעדיקע „אינטערעסנ" („פאר א פיטאקל", ווי עס פלעגט זיכ מיט גרינגשעצונג אמאל אויסדריקנ די קליינבירגערלעכע רעוואליוציאנערע אינטעליגענצ, וואס דער גורל האט זי באפרײַט פונ דער נייטיקײַט צו קעמפנ פאר א פיטאקל) אינ אנ עמעסער ארבעטער-רעוואליוציע.

שוינ אינ דער צײַט צווישנ די יארנ 1896—1903, וועלכע מיר דערלערנענ איצט, קאנ מענ אינ דער ארבעטער-באוועגונג פארצייכענענ דרײַ פאזעס (ענדערונגענ, וואס קומענ איינע נאכ דער אנדערער). אינ דער ערשטער פאזע הערשנ נאכ אנטשיידנדיק די פראפעסיאנעלע („פיטאקלעכ") אינטערעסנ, ווי זיי האבנ געהערשט אינ דער ענגלישער ארבעטער-באוועגונג אינ משעכ פונ גאנצע 40 יאר (בערעכ פונ 1850-טנ ביז 1890-טנ יאר). דעמ קערנ פונ דער שטרייקער-מאסע בילדנ דעמאלט די טעקסטיל-ארבעטער: אינ 1897-טנ יאר האבנ, לויט

* ספעציעל פאר די מעטאליסטנ האבנ מיר אזא טאבעלע:

דער טעגלעכער ארבעטלוינ (אינ רובלס)

	1901 יאר		1904 יאר	
	מינימומ	מאקסימומ	מינימומ	מאקסימומ
מײַסטערס	1,4	3,3	1,55	3,25
שווארצארבעטער	0,6	1,0	0,65	1,10
לערנייננגלעכ	0,25	0,5	0,25	0,54

בא די ערשטע, מער קוואליפיצירטע, קאטעגאריעס איז, אזויארומ, אפילע דער נאמינעלער ארבעטלוינ א ביסל געפאלנ פארנ מאקסימומ. וואס איז שײַעכ דעמ רעאלנ ארבעטלוינ, גיט א פארשטעלונג וועגנ אימ א צווייטע טאבעלע:

פרײַזנ אפ זאכנ פונ דער ערשטער נייטיקײַט
(די פרײַזנ פונ 1890 אנגענומענ פאר 100)

	1895—1899	1900—1904
ברויט	91,4	104,9
פלייש-אונ מילכ-פראדוקטנ	100,2	121,4
מאנופאקטור	98,4	119,3
קעראסינ	108,9	113,1
טיי, קאווע	99,2	104,1

אָפּיציעלע יעריעס, געשטרייקט ביז 47 טויזנט טעקסטיל-אַרבעטער (פונ דער אַלגעמיינער צאָל 60 טויזנט שטרייקער), — אינ דער צייט, ווענ מעטאַליסטנ האָבנ אינ יענעמ יאָר געשטרייקט עטוואָס מער פונ 3 טויזנט. די אָפּיציעלע ציפערנ זיינענ, פאַרשטייט זיכ, סיי אינ דעמ סיי אינ יענעמ פאַל נידעריקער פאַר דער ווירקלעכקייט, אָבער אַזוי ווי זיי זיינענ נידעריקער פאַר דער ווירקלעכקייט אומעטומ, קאָנ מענ לויט זיי פעסטשטעלנ נאָענט ריכטיק* די קעגנזייטיקע באַרהעלטעניש צווישנ פאַרשיידענע גרופּעס אַרבעטער. די שטרייקנ אינ יענער צייט סטאַרענ זיכ, ווי עס פּאַסט פאַר רייִנ „פּראָפעסיאָנעלע" שטרייקנ, איינצוהאַלטנ אַ פרידלעכנ כאַראַקטער, וואָס דאָס האָט, ווי מיר האָבנ געזענ, צעטומלט די מאַכט אויבנ אויכ אינעמ דאָזיקנ פּעריאָד טרעפנ מיר שטרייקנ, וועלכע פלעגנ אָנעמענ אַ שטורמישנ כאַראַקטער, וועלכע פלעגנ באַגלייט ווערנ מיט דער „פאַרניכטונג פונעמ פאַבריקישנ אונ אַנדער פאַרמעגנ", ווי עס פלעגט געזאָגט ווערנ אינ די רעגירונגס-מיטיילונגענ, אָפטמאָל אַפילע מיט כאָרעוו מאַכנ די פאַבריקנ, מיט אונטערצינדנ זיי, מיט דערהאַרגענענ די באַזונדערס ניט באַליבטע בא די אַרבעטער דירעקטאָרנ, מייסטערס אאַוו. (אַזוינע זיינענ געווענ אַ ריי שטרייקנ אינ מאָסקווער אונ וולאַדימירער גובערניעס אינ די יאָרנ 1897—1899), איז עס געווענ אַ סימענ פונ דער ניט-אויסגעהאַלטנקייט, פונ דער שלעכטער אָרגאַניזירטקייט פונ דער באַוועגונג, אונ ניט פונ איר רעוואָליוציאָנערנ כאַראַקטער. וואָס בעסער עס זיינענ געווענ אָרגאַניזירט די אַרבעטער בייִמ די דאָזיקע „פּראָפעסיאָנעלע" שטרייקנ, וואָס באַוווסטזיניקער זיי זיינענ געווענ, אַלצ רויִקער פלעגנ זיי זיכ האַלטנ: בא די פּעטערבורגער וועבער איז אַפילע ניט געווענ קיינ שפּור פונ דעמ, מיט וואָס עס זיינענ געווענ באַצייכנט די שטרייקנ פונ די אַרבעטער פונ וולאַדימירער גובערניע, וועלכע האָבנ זיכ נאָכ ניט געהאַט „אַנטפּויערט".

אָפּנ דאָזיקנ „פרידלעכנ", ניט-רעוואָליוציאָנערנ כאַראַקטער פונ די ערשטע

---

* די הויפּט־מאַסע טעקסטיל־פאַבריקנ איז געווענ קאָנצענטרירט אינ צענטראַל־אינדוסטריעלנ ראַיאָנ, ווו דער אַרבעטער איז נאָכ געווענ אַ האַלבער פּויער: יעדער אַרבעטער האָט געהאַט אַ ווירטשאַפט אינ דאָרפ. דעריבער האָט דער אונטערנעמער געקאָנט דעמ דאָזיקנ אַרבעטער ניט דערצאָלנ אינ פאַרגלייכ מיטנ ווירקלעכ שטאָטישנ אַרבעטער. אונ איגדערעמעסנ איז טאַקע דער אַרבעטלוינ פונ די טעקסטילער געווענ נידעריקער, איידער דער דורכשניטלעכער אַרבעטלוינ איבער גאַנצ רוסלאַנד: ער האָט באַטראָפנ 166 רובל אַ יאָר, אינ דער צייט, ווענ דער אַרבעטלוינ בא אַלע איבעריקע פּראָדוקציעס האָט דורכשניטלעכ אויסגעמאַכט 179 רובל. וואָס איז שייכ די פּעטערבורגער טעקסטילער, זיינענ זיי ניט געווענ קיינ פּויערימ פונ די נאָענטע דערפער. דאָס זיינענ געווענ טיפּישע שטאָטישע פּראָלעטאַריער. אָבער אַפּ וויפל די פּרייזנ פלעגנ אייגנשטעלט ווערנ דורכנ מאָסקווער ראַיאָנ, האָבנ די פּעטערבורגער אונטערנעמער זיכ אָפּגעזאָגט צו צאָלנ זייערע אַרבעטער אַזאַ סכירעס, ווי עס האָבנ געצאָלט די באַלעבאַטימ־מעטאַליסטנ. אינ דער צייט, ווענ אַ מעטאַליסט אינ פּעטערבורג פלעגט באַקומענ דורכשניטלעכ 363 רובל אַ יאָר, פלעגט אַ טעקסטילער באַקומענ בלויז 205 רובל, דערביי האָבנ די מעטאַליסטנ געהאַט אַ 10—11־שעהיקנ אַרבעט־טאָג, אונ די טעקסטילער — אַ 14־שעהיקנ אַרבעט־טאָג. דאָס האָט געמוזט שאַפנ אַ סטימול פאַר אומצופרידנקייט צווישנ די פּעטערבורגער טעקסטילער, אונ ס'איז גאָר קיינ וואונדער ניט, וואָס צווישנ זיי האָט אויסגעבראָכנ אַ שטרייק פאַרשטייט זיכ, אַז אכוצ דעמ עקאָנאָמישנ מאָמענט האָט דאָ אויכ געשפּילט אַ ראָליע אַ געוויסער פּאָליטישער מאָמענט: די קעטיירעריקע עקזיסטענצ פונ אַרבעטער־קרייזלעכ קימאַט אינ אַלע פּעטערבורגער פאַבריקנ האָט געמוזט צוגרייטנ אַ געוויסנ באָדנ. (אַ באַמערקונג פאַר יונגע לייענער. לענינגראַד האָט דעמאָלט געהייסנ פּעטערבורג; „פּעטראָגראַד" האָט מענ אימ אָנגעהויבנ רופנ ערשט אינ אָנהייב פונ דער רוסיש־דייטשישער מלחמה אינ 1914־טנ יאָר. מיר וועלנ באַנוצנ דעמ נאָמענ, וועלכער האָט עקזיסטירט אינ דער צייט, וואָס מיר שילדערנ — אינ אָנהייב XX יאָרהונדערט).

גרויסע שטרײַקנ אינ די 90־ער יאָרנ פלעגנ אופקומענ פאַרשיידענע אילוזיעס (פאַרפירערישע מיינונגענ, טאָעסנ) בײַ דער דערמאָנטער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענצ. מיר האָבנ געזענ, אַז קרײַזלעכ רעוואָלוציאָנערנ אינטעליגענטנ, וועלכע האָבנ זיכ געפּרוּווט אָנשפּאַרנ אינ זייער קאַמפ קעגנ דער צאַרישער רעגירונג אפ די אַרבעטער־מאַסנ, צו מאַכנ פאַרנ הויפּט־מיטל פונעמ דאָזיקנ קאַמפ די אַרבעטער־באַוועגונג, האָבנ אָנגעהויבנ אופקומענ נאָכ אינ דער ערשטער העלפט 90־ער יאָרנ (די אַזוי גערופענע „פאַרבאַנדנ פונ קאַמפ פאַר דער באַפרײַונג פונעמ אַרבעטער־קלאַס"; זע טייל 2). טכילעס זײַנענ די דאָזיקע קרײַזלעכ, געטרײַע אָנהענגער פונעמ מאַרקסיזמ פונ דער גרופּע „באַפרײַונג פונ דער אַרבעט", דורכויס געשטאַנענ אפ דער באַזע פונ רעוואָלוציאָנערנ קלאַסנקאַמפ. אינ די פּאָגראָמענ פונ די פאַבריקנ האָבנ זיי אײַנגעזענ אַנ אַנטפּלעקונג פונ דער אומבאַוווסטזיניקער רעוואָלוציאָנערקײַט פונעמ פּראָלעטאַריאַט. די פּאָפּולערע אינ דער דאָזיקער סוויווע בראָשור „קיניג הונגער" האָט געשריבנ: „די געשיכטע פונ די פּאָגראָמענ באַווײַזט אונדז, וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלע קראַפט עס איז פאַראַנ אינעמ פאַרייניקטנ פּראָטעסט פונ די אַרבעטער. עס איז בלויז נייטיק צו באַזאָרגנ, אַז די דאָזיקע קראַפט זאָל אויסגענוצט ווערנ באַוווסטזיניקער, אַז זי זאָל ניט געפּאַטערט ווערנ אומזיסט אפ נוקעמ זײַנ זיכ אָנ דעמ אָדער יענעמ איינצלנעמ באַלעבאָס, אפ אַ פּאָגראָמ איבער דער אָדער יענער פאַרהאַסטער פאַבריק אָדער זאַוואָד, אַז די גאַנצע קראַפט פונ דעמ דאָזיקנ צאָרנ אונ פונ דעמ דאָזיקנ האַס זאָל זײַנ געווענדט קעגנ אַלע פאַבריקאַנטנ אונ זאַוואָד־אייגנטימער אינייִנעמ, קעגנ דעמ גאַנצנ קלאַס זייער; אונ זאָל גייענ אפ אַ שטענדיקנ איקשאָנעסדיקנ קאַמפ קעגנ אימ. צוזאַמענשטויסנדיק זיכ מיט דער מאַכט, וועלנ די אַרבעטער פאַרשטיינ, אַז די רעגירונג אונ אירע באַאַמטע האַלטנ דעמ צאַד פונ די באַלעבאַטימ אונ אַז די געזעצנ ווערנ צונויפגעשטעלט אַזוי, אַז דעמ באַלעבאָס זאָל זײַנ גרינגער צוצודריקנ דעמ אַרבעטער. אַז זיי וועלנ דאָס פאַרשטיינ, וועלנ די אַרבעטער אָנהייבנ פירנ אַ קאַמפ ניט נאָר קעגנ די באַלעבאַטימ, נאָר אויכ קעגנ יענע אומגערעכטע פּאָראָדקעס, וועלכע דער געזעצ האָט אײַנגעשטעלט". אָבער די קלוימערשטע ניט־רעוואָלוציאָנערקײַט גראָד פונ די אינטעלעקטועל סאַמע אַנטוויקלטע אַרבעטער האָט אינגיכנ אָנגעהויבנ אַראָפּפירנ פונ דעמ דאָזיקנ ריכטיקנ וועג אַ טייל — אונ אַ גרויסנ טייל — פונ אונדזער רעוואָליוציאָנערער אינטעליגענצ. צווישנ איר האָבנ זיכ אָנגעהויבנ אויסבילדנ איינע נאָכ דער אַנדערער צוויי נײַע ריכטונגענ. איינע, וועלכע האָט זיכ פאַרפעסטיקט דעריקער אינ פעטערבורג, נאָכ אַ רייִ כורבונעס אינ דעמ פעטערבורגער „קאַמפ־פאַרבאַנד" (וועלכער האָט בלויז אינ מעשעכ פונ פרילינג פונ 1897־טנ יאָר פאַרלאָרנ, אַדאַנק אַרעסטנ, 64 מאַנ), אונ וועלכע האָט געפונענ איר אויסדרוק אינ דער צײַטונג „ראַבאָטשאַיאַ מיסל" (אַרבעטער־געדאַנק), האָט אָנגעהויבנ אײַנזענ אינעמ עקאָנאָמישנ קאַמפ די הויפּט־אופגאַבע פונעמ אַרבעטער־קלאַס; דערבײַ פלעגט שוינ די פּאָליטיק אַליינ ווערנ, לויטנ מוסטער פונ די פּאָלקיסטנ פונ די 1870־ער יאָרנ, אַ „בורזשואַזע" זאַכ. די באַשיימפּערלעכע דערפאָלגנ פונ דער פּראָפעסיאָנעלער אַגיטאַציע, די אַלצ וואַקסנדיקע צאָל גרויסע עקאָנאָמישע שטרײַקנ (גראָד בײַ די טעקסטילער האָבנ די שטרײַקנ געטראָגנ דעמ גרעסטנ כאַראַקטער — דורכשניטלעכ פאַר 10 יאָר, פונ 1895־טנ ביז 1904־טנ יאָר, פלעגט אויסקומענ 692 אַרבעטער אפ איינ שטרײַק, אינ דער צײַט, ווענ די מעטאַליסטנ פלעגנ געבנ סאַכאַקל 348 מאַנ, די איבעריקע נאָכ ווייניקער) האָבנ פאַרדרייט דעמ קאָפּ

די דאָזיקע „עקאָנאָמיסטנ”, אינגאַנצנ פאַרשטעלט פונ זיי אונ אָפּגערוקט אינ זייערע אויגנ אָפּנ דריטנ פּלאַנ דעמ פּאָליטישנ קלאַסנקאַמף.

ס'איז גאַנצ נאַטירלעכ, אַז ווענ דער פּאָליטישער קאַמף האָט זיכ אָנגעהויבנ, קעגנ זייער ווונטש אונ פּאָרויסזענ, האָט זיכ דער גרעסטער טייל פונ זייערע פּידער (פּראָקאָפּאָוויטש, קוסקאָווע אונ אַנד.) ארויסגעוויזנ ניט אינ די רייענ פונעמ פּראָלעטאַריאַט, נאָר אינ די רייענ פונ דער בורזשואַזיע.

אָבער דער זעלביקער ניט ריכטיקער אויספיר וועגנ דעמ ניט-פּאָליטישנ כּלוי-מערשט כאַראַקטער פונ דער אַרבעטער-באַוועגונג האָט בא מענטשנ פונ אַנ אַנדער שניט, וועלכע האָבנ לויט זייער כאַראַקטער דערמאָנט די נאַראָדאָוואָלצעס פונ די 70ער יאָרנ, געשאַפנ נאָר אַנדערע שטרעבונגענ. דער אַרבעטער איז ניט קיינ רעוואָליוציאָנער, האָבנ געטײַנעט די דאָזיקע מענטשנ, שטיצנדיק זיכ ניט בלויז אָפּ די בײַשפּילנ פונ דער רוסישער אַרבעטער-באַוועגונג, נאָר אויכ אָפּ דעמ, וואָס זיי האָבנ געוווּסט וועגנ דער ענגלישער, לעמאָשל, אַרבעטער-באַוועגונג (פּאַרוואָס די ענגלישע אַרבעטער זײַנענ אינ מעשעכ פונעמ XIX יאָרהונדערט ניט געווענ רעוואָליוציאָנער, ווייסנ מיר שוינ). פונ *איִמ* וועסטו זיכ ניט דערוואַרטנ אָפּ קיינ רעוואָליוציאָנערער איניציאַטיוו. הייסט עס, אַז די דאָזיקע איניציאַטיוו דאַרפ נעמענ אָפּ זיכ די אינטעליגענצ. אינ וואָס אָבער קאָנ זיכ אויסדריקנ די דאָזיקע רעוואָליוציאָנערע *איניציאַטיוו* פונ דער אינטעליגענצ? וויאַזוי קאָנ זי מיט איר *בײַשפּיל* באַווײַזנ דעמ אַרבעטער דעמ וועג צו דער רעוואָליוציע? קלאָר, אָפּ איינ אויפנ — דורכ פּערזענלעכנ *טעראָר*, דערהאַרגענענ אַוועלכנ ס'ניט איז גובערנאַטער, וועלכער שטילט אײַנ באַזונדערס אכזאָריש שטרײַקנ, דערמיט וועלנ די אַרבעטער פאַרשטיינ, וואָס מע דאַרפ טאָנ.

פונ דער דאָזיקער צווייטער אינטעליגענטישער ריכטונג, וועלכע האָט זיכ אויסגעבילדעט שפּעטער, איז אַרויסגעקומענ אינ די ערשטע יאָרנ פונ XX-טנ יאָרהונדערט די פּאַרטיי סאָציאַליסטנ-רעוואָליוציאָנערנ. אויב די „עקאָנאָמיסטנ” האָט זייער טאַקטיק אָוועקגעפירט אָנ א זײַט פונ פּאָליטיק, האָט די סאָציאַליסטנ-רעוואָליוציאָנערנ זייער טאַקטיק געפירט אָנ א זײַט פונ דעמ אַרבעטער-קלאַס. זי האָט זיי אָבער נאָכ דערווײַל ניט דערנעענטערט צו דער גרויסבורזשואַזיע, וועלכע האָט מוירע געהאַט פאַר טעראָר ניט ווייניקער, ווי פאַר שטרײַקנ. דער קלאַסנ-אָנשפּאַר פונ די סאָציאַליסטנ-רעוואָליוציאָנערנ זײַנענ, נאַטירלעכ, געוואָרנ יענע גרופּעס באַפעלקערונג, אינ וועלכע עס איז געווענ שטאַרק דער ווירטשאַפטלעכער, *עקאָנאָמישער אינדיווידואַליזמ*, ווו מענטשנ האָבנ געאַרבעט ניט איניינעמ, ווי דער פאַבריק-פּראָלעטאַריאַט, נאָר אייִנציקווײַז. אַזאַ גרופּע איז געווענ, קודעמכּאָל, די *קליינבירגערלעכע אינטעליגענצ*, אינ דער ערשטער ריי די סטודענטנשאַפט, וועלכע האָט געגעבנ מער פונ אַלצ קעמפער דעמ אויפקומענדיקנ טעראָריזמ, דערנאָכ דער „דריטער עלעמענט” פונ די זעמסטוועס, — די סטאַטיסטיקער, אַגראָנאָמענ, לערער. אונ ווענ די באַוועגונג האָט אַרומגעכאַפּט די ברייטע מאַסנ, האָבנ די סאָציאַליסטנ-רעוואָליוציאָנערנ געמוזט זוכנ אַנ אָנשפּאַר אינעמ *פּויערטומ*, דעריקער אינעמ *פאַרמעגלעכנ* טייל זײַנעמ. ווענ מיר וועלנ איבערגיינ צו דער מאַסנ-באַוועגונג פונ דער קליינבורזשואַזיע, פונ דער שטאָטישער אונ דאָרפישער, וועלנ מיר זיכ אויספירלעכער פאַרנעמענ מיט זיי.

די דאָזיקע אַלע אינערלעכע רײַבונגענ צווישנ די רוסישע מאַרקסיסטנ האָבנ שטאַרק געשטערט, אַז אינ רוסלאַנד זאָל זיכ אויסבילדנ א פּאָליטישע *אַרבע-*

טער-פּאַרטיי. נאָמינאַל איז די רוסלענדישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַרבעטער-
פּאַרטיי אופגעקומענ אינ מאַרט 1898-טנ יאָר, אפנ צוזאַמענפאָר אינ מינסק, ווו
עס זײנענ געווענ פאָרשטייער פונ די אָרגאַניזאַציעס פונ מאָסקווע, פּעטערבורג,
קיִעוו, קאַטערינאָסלאַוו אונ פונעמ „אַלגעמיינעמ יִידישנ אַרבעטער-בונד" (וועלכער
איז איצט מער באַוווסט אונטערנ נאָמענ „בונד"). דער צוזאַמענפאָר האָט אַרויסגעגעבנ
אַ מאַניפעסט אונ שוינ דאָס אַלײנ, וואָס אָט דעמ מאַניפעסט האָט אָנגע-
שריבנ ניט איינער פונ די אָנפירער פונ דער רעוואָליוציאָנערער אַרבעטער-באַוועגונג, נאָר אַ „לעגאַלער מאַרקסיסט" * סטרווע (ווראַנגעלס צוקינפטיקער מיניסטער,
איצט איינער פונ די פירער פונ דער רוסישער מאָנאַרכיסטישער רעאַקציע), וועלכער
האָט גלײכצײטיק „באַדינט" אָפּ אַ ליטעראַרישנ אויפנ אויכ די זעמסטווע-ליבע-
ראַלנ, באַווײזט, ווי שוואַכ עס זײנענ געווענ די קויכעס פונ דער נײער פּאַרטיי בא
די ערשטע שריט. אירע בעסטע טוער זײנענ דעמאָלט געווענ אינ טפיסע, אינ פאַר-
שיקונג, אָדער אינ אויסלאַנד. ערשט צומ סאָפּ 1900-טנ יאָר, ווענ אינ אויסלאַנד
האָט זיכ אויסגעבילדעט אַנ אָנפירנדיקע גרונט-גרופּע, אינ געשטאַלט פונ דער רע-
דאַקציע פונ דער צײטונג „איסקראַ", הייבט זיכ אָנ אַ פּלאַנמעסיקע אונ ברייטע
אַרבעט אָפּ צוגרייטנ די אַרבעטער-רעוואָליוציע. דערבײ איז קעדײ צו פאַרצייכע-
נענ, אַז שוינ אינ דער מעלדונג וועגנ אַרויסגעבנ די „איסקראַ" איז דער רעדאַקציע
אויסגעקומענ אָפּצוגרענעצנ זיכ פונעמ אווטער פונעמ ערשטנ פּאַרטיי-מאַניפעסט,
פּיאָטר סטרווע. „מיט די גרונט-אידייענ פונעמ מאַניפעסט זײנענ מיר מאַס-
קימ, — האָט געשריבנ די רעדאַקציע, — אָבער מיט סטרווען האָבנ מיר קיינ
שומ געמיינזאַמעס ניט". אונ ערשט אפנ צווייטנ צוזאַמענפאָר פונ דער פּאַרטיי
(אינ אויגוסט 1903-טנ יאָר), וועלכער איז פּאַקטיש געווענ דער ערשטער, האָט
די פּאַרטיי באַקומענ איר עמעסע קאַמפּ-אָרגאַניזאַציע.**

עס וואָלט אָבער, פאַרשטייט זיכ, געווענ אַ פולשטענדיקער ווידערשפּרוכ צומ
היסטאָרישנ מעטאָד פונ מאַרקסיזמ, ווענ מיר זאָלנ דערקלערנ די דאָזיקע ענדערונג
אויסשליסלעכ מיט דער ווירקונג פונ אַ צײטונג, וועלכע פלעגט דערשײנענ אינ
אויסלאַנד. די צײטונג „איסקראַ" האָט געקאָנט זײנ דער אָרגאַניזירנדיקער צענ-
טער, אָבער זי האָט געדאַרפט האָבנ וואָס צו אָרגאַניזירנ. דעמ דאָזיקנ מאַטע-
ריאַל פאַר אָרגאַניזאַציע האָט געגעבנ די נ ײ ע פּ א ז י ע פ ו נ ד ע ר א ר ב ע ט ע ר-
ב א ו ו ע ג ו נ ג, די צווייטע לויטנ כעזשבנ, אונ די דריטע, וואָס איז געגאַנגענ באַל-
נאָכ איר, וועלכע האָבנ אַלצ קלאָרער אונ קלאָרער אָנגעוויזנ, אַז די אַרבעטער-באַ-
וועגונג אינ רוסלאַנד קאָנ אונ דאַרפ זײנ פּאָליטיש אָרגאַניזירט. דאָס האָט זיכ אַ-
אַזויפיל געוואָרפנ אינ די אויגנ, אַז פאַר אָרגאַניזאַציע פלעגנ זיכ נעמענ ניט בלויז
די רעוואָליוציאָנערנ, נאָר אַפילע די צאַרישע באַאַמטע: ווײל די סאַמע ווײטזיכ-
טיקע צווישנ זיי האָבנ ניט געקאָנט ניט זענ, אַז אויב מע זאָל באַצײטנס ניט אי-
בערכאַפּנ די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע אונ ניט אָוועקשטעלנ זי אפנ „געזעצלעכנ"
וועג, וועט זי אומבאַדינגט אַוועקגיינ מיט אַ רעוואָליוציאָנערנ וועג.

---

* וועגנ „לעגאַלנ מאַרקסיזמ" — ז. ווײטער, אינ פאַרבינדונג מיט דער באַוועגונג פונ דער קליינ-
בירגערלעכער אינטעליגענצ ביכלאַל.

** מיר באַריירנ די געשיכטע פונ דער פאַרטיי נאָר אַפּ אַזויפיל, אַפּ וויפל דאָס איז נייטיק אַפּ
צו פאַרשטיינ דעמ אַלגעמיינעמ גאַנג פונ די געשעענישנ. פּראַטימ וועלנ די לייענער געפינענ אינ
ספּעציעלע ביכלעכ, וואָס זיינענ געווידמעט דער געשיכטע פונ דער אַלקפּ(ב).

דער אויסערלעכער סימנ פונ דער צווייטער פאזע פונ דער באוועגונג איז געווענ, ערשטנס, דאָס, וואָס זי האָט זיכ איצט געשטיצט ניט אפ די טעקסטילער (האגאמ אויכ זיי זײַנענ ווײַט ניט אראָפּ פונ דער סצענע), נאָר אפ די מעטאַליסטנ. מיר האָבנ געזענ, אז אינ 1897-טנ יאָר האָבנ די מעטאַליסטנ געגעבנ עטוואָס מער ווי 3 טויזנט שטרײַקער פונ 60 טויזנט, אונ די טעקסטילער האָבנ געגעבנ 47 טויזנט. אינ 1899-טנ יאָר האָבנ די מעטאַליסטנ פונ דער אלגעמיינער מאסע, עטוואָס א קלענערער, געגעבנ קימאַט 20 טויזנט, אונ די טעקסטילער סאַכאַקל 15 טויזנט; אונ אינ 1903-טנ יאָר איז פונ 87 טויזנט שטרײַקער געווענ 31 טויזנט מעטאַליסטנ אונ טעקסטילער ווינציקער פונ 20 טויזנט, דאָס זײַנענ אלץ ווידע-אמאָל, כאָזערג מיר איבער, אָפיציעלע ציפערנ, וועלכע זײַנענ א סאַכ קלענער ווי אינ דער ווירקלעכקײַט (אינ 1903-טנ יאָר האָבנ בלויז אינ דאָרעמ-רוסלאנד געשטרײַקט 225 טויזנט מאנ), אָבער די קעגנזײַטיקע פאַרהעלטעניש צווישנ איינצלנע גרופּעס ארבעטער ווײַזנ זיי אָנ ריכטיק.

איז וואָס האָט באַטײַט דער דאָזיקער אופטריט פונ דער מעטאַליסטנ-ארמיי אפ דער סצענע? ערשטנס, אז די באוועגונג האָט פאַרכאַפּט דעמ שיכט פונעמ ארבעטער-קלאַס אינ רוסלאנד, וואָס געפינט זיכ אינ די בעסטע באַדינגונגענ אונ באַקומט אמבעסטנ באַצאָלט. אינ דער צײַט, ווענ דער דורכשניטלעכער לוינ פונ א טעקסטילער האָט אינ 1900-טנ יאָר באטראָפנ בא אונדז 170 רובל א יאָר, איז דער דורכשניטלעכער ארבעטלוינ פונ א מעטאַליסט געווענ 341 רובל, פּונקט אינ 2 מאָל מער. אינ דער צײַט, ווענ פאַר א טעקסטילער האָט זיכ דער ארבעטטאָג ביזנ געזעצ פונ 1897-טנ יאָר געוואַקלט צווישנ 12 אונ 14 שאָ, איז ער פאַר די מעטאַליסטנ אויכ דעמלט געווענ ניט לענגער פונ 11, פאַלנדיק ניט גאָר זעלטנ אפילע ביז 10. אינ דער קאָמיסיע פונ 1897-טנ יאָר זײַנענ אפילע די פאבריקאנטנ-מעטאַליסטנ אײַנגעגאנגענ אפ 10½ שאָ, אינ דער צײַט, ווענ די פאבריקאנטנ-טעקסטילער האָבנ געשריענ, אז ווינציקער ווי בא א 12-שאָיקנ ארבעטטאָג וועלנ זיי אומקומענ. איצט האָט זיכ שויג געהאנדלט ניט וועגנ די פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסנ פונ אוועלכער-ניט-איז גרופּע ארבעטער, זאָל זײַנ אפילע זייער א גרויסער, נאָר וועגנ די לײַדנ פונעמ גאנצנ ארבעטער-קלאַס, לײַדנ, וועלכע עס האָבנ אָנגעהויבנ פילנ אפילע די אמבעסטנ באַזאָרגטע פאָרשטייער פונעמ דאָזיקנ קלאַס. עס האָט זיכ געשאפנ א באָדנ פאַר אנ אלגעמיינ-קלאַסעווער באוועגונג, וועלכע האָט בעשומויפנ ניט געקאָנט פארבלײַבנ קיינ „עקאָנאָמישע", ווײַל א קלאַסנ-קאמפּ איז שטענדיק א פּאָליטישער קאמפּ, א קאמפּ פאַר דער מאכט. דאָס האָבנ אויסגעצייכנט פארשטאנענ די ענגלישע פאבריקאנטנ, אונ קעדייי אײַנצוהאלטנ זייערע ארבעטער אפ דער „עקאָנאָמישער" שטופּע פונ דער באוועגונג, פלעגנ זיי ניט נאָר „געבנ זיי אנ איבעריקנ ביסנ", נאָר זיי האָבנ אויכ געזוכט צו צעברעקלענ, צו צעשטייבנ די ארבעטער-באוועגונג, זאָרגפול שטיצנדיק די קליינע ארבעטער-פאַריינענ, וואָס די צאָל מיטגלידער זייערע פלעגט אָפטמאָל זײַנ ניט מער פונ א הונדערט מאנ (אינ ענגלאנד אינ XIX יאָרהונדערט איז אפילע געווענ א פאַריינ, אינ וועלכנ עס זײַנענ געווענ סאַכאַקל 6 מיטגלידער). דער איבערגאנג פונ דער ענגלישער באוועגונג אינ XX יאָ-הונדערט צו א רעוואָליוציאָנערער פאזע איז מאקע באצייכנט געוואָרנ מיט דער פארגרעסערונג פונ די ארבעטער-פאַריינענ. מיר וועלנ זיכ שפּעטער פאַרנעמענ דערמיט אויספירלעכער. בא אונדז זײַנענ דעמלט פאַריינענ אונ שטרײַקנ פּראָסט פּאָשעט געווענ פארווערט, אָבער קיינ

שום פאַרבאָטנ האָבנ ניט געקאָנט שטערנ דעמ וווּקס פונ דער אַרבעטער־באַוועגונג.

דאָס צווייטע, אַפ וואָס עס ווײַזט אָנ דאָס אַרײַנטרעטנ פונ די מעטאַליסטנ, — דאָס איז די דירעקטע ווירקונג פונ דעמ אינדוסטריעלנ קריזיס, וועגנ וועלכנ מיר האָבנ גערעדט. אינ דער טעקסטיל־אינדוסטריע האָט זיכ דער קריזיס קימאַט ווי ניט געלאָזט פילנ: *דער סכומ בוימוואָל*, *וואָס די רוסישע פאַבריקנ האָבנ איבערגעאַרבעט* פונ 1897 *ביז* 1900 *יאָר*, *האָט זיכ אַפילע פאַרגרעסערט* — פונ 229 טויזנט ביז 295 טויזנט טאָנ. דאָ איז, אַזוי־אַרומ, דער קאַמפ געגאַנגענ פאַר דער פאַרבעסערונג פונעמ אַרבעטערס געוויינלעכער לאַגע, אונ דער אויסגאַנג פונעמ קאַמפ איז געווענ אָפּהענגיק דערפונ, וועלכער צאַד איז שטאַרקער, דער פאַבריקאַנט צי דער פּראָלעטאַריער, וועלכנ ער עקספּלואַטירט. דער פּראָלעטאַריער האָט אָבער פאַר זײַנ זינ גאָרניט געדאַרפט ברעכנ די גאַנצע בורזשואַזע אָרדענונג. דעריבער טאַקע טראָגט אינ אַלע אייראָפּייִשע לענדער אַזאַ קאַמפ אַ פולשטענדיק לעגאַלנ (וואָס דער געזעצ דערלאָזט עס) „עקאָנאָמישנ" כאַראַקטער. באַ אונדז איז געווענ אַנדערש, ווײַל אַ שטרײַק איז געווענ אַ פאַרברעכנ, וועלכער ווערט באַשטראָפט לויטנ געזעצ, אָבער אויכ מער אָפנ פּאַפיר. ווענ מע האָט געפּרוּווט צוציִענ צומ געריכט די אַרבעטער פונ נעטשאַיעוו־מאַלצעווס וועבערײַ אונ בוימוואָל־שפּינערײַ־פאַבריק, וואָס האָבנ פאַרשטרײַקט אינ 1898 יאָר, האָט דער געריכט ניט געפונענ אינעמ איניענ קיינ „באַשטאַנד פונ אַ פאַרברעכנ", אונ די אַרבעטער זײַנענ פרײַגעשפּראָכנ געוואָרנ. די פּאָליציי פלעגט זיכ דעריבער אָפּרעכענענ מיט די שטרײַקער אַפ אַנ אויסערגעריכטלעכנ אויפנ, נאָר אַזוי פלעגט זיכ אָפּרעכענענ אויכ די פראַנצויזישע אונ דײַטשישע פּאָליציי, לעכאָלאָפּאָכעס אינ פאַלנ פונ גרויסע שטרײַקנ, וועלכע פלעגנ אַרומכאַפּנ לעמאָשל אַ גאַנצע פּראָדוקציע, אָדער וועלכע פלעגנ אויסברעכנ אַפ אַוועלכער־ניט־איז זייער גרויסער אונטערנעמונג. דער אונטערשייד צווישנ רוסלאַנד אונ אויסלאַנד איז באַשטאַנענ דעריקער אינ דער גרעסערער גראָבקײַט פונעמ רוסישנ אָפּרעכענענ זיכ — באַ אונדז האָט מענ געקאָנט אַמאָל אַפילע אָפּשמײַסנ די שטרײַקער, אונ אינ פראַנקרײַכ האָט מענ זיכ, פאַרשטייט זיכ, דאָס ניט דערוועגט צו טאָנ (האַגאַמ שלאָגנ אינ די צירקלענ איז אויכ דאָרט געווענ אַ געוויינלעכע דערשײַנונג). מיט איינ וואָרט, דער אונטערשייד צווישנ דער לעגאַלער „עקאָנאָמישער" אונ אומלעגאַלער רעוואָליוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג איז באַשטאַנענ ניט אַזוי דערינ, וואָס די ערשטע איז אָפנ פּאַפיר געווענ דערלויבט, נאָר אינ דעמ, וואָס די ערשטע קומט אינ צוזאַמענשטויס מיט די אינטערעסנ פונ אַנ איינצלנעמ בורזשואַ, אונ די צווייטע *מיט דער גאַנצער בורזשואַזער אָרדענונג*. אַזאַ איז טאַקע שטענדיק די אַרבעטער־באַוועגונג בײַמ אַ קריזיס.

דעמ קריזיס שאַפט ניט דער בייזער ווילנ פונ אַנ איינצלנעמ בורזשואַ, נאָר די גאַנצע בורזשואַזע אָרדענונג. קיינמאָל פילט ניט דער אַרבעטער אַזוי די לאַסט פונ דער דאָזיקער אָרדענונג, ווי אינ דער צײַט פונ אַ קריזיס, אונ קיינ זאַכ מאַכט ניט די אַרבעטער־באַוועגונג פאַר אַזאַ פעסט רעוואָליוציאָנערע, ווי אַ קריזיס.

די ענדערונג אינעמ כאַראַקטער פונ דער באַוועגונג האָט זיכ גלײַכ אויסגעדריקט אינ נײַע פאָדערונגענ פונ די שטרײַקער; אָנשטאָט די פריִערדיקע שמאָל „פּראַקטישע" פאָדערונגענ, וועלכע פלעגנ דערגייִנ ביז קלייניקײַטנ, אָפטמאָל לע-

ערלעכע (ווי, אשטייגער, דער שטרײַט וועגנ דעמ, ווער דארפ צאָלנ פאר פארניכטנ די וואנצנ אינ די ארבעטער־„קעמערלעכ", דער באלעבאָס, צי די ארבעטער), באווײַזט זיכ די פּרינציפּיעלע, אלגעמיינ־פּראָלעטארישע ניט בלויז פאר רוסלאנד, נאָר פאר דער גאנצער וועלט פאָדערונג פונ אנ 8־שאָיקנ ארבעטטאָג. פאר די מעטאליסטנ איז פּאָשעט פיזיש גרינגער געווענ ארויסצורוקנ זי, ווײַל א 10־שאָיקנ ארבעטטאָג האָבנ שוינ אייניקע פונ זיי דעראָבערט צומ 1901־טנ יאָר, בײַם די טעקסטילער פלעגט נאָכ אפילע אינ פּעטערבורג אינ 1903־טנ יאָר אויסקומענ צו קעמפנ פאר א 13־שאָיקנ ארבעטטאָג. פונ די מעטאליסטנ זײַנענ פריִער פונ אלצ ארויסגעטראָטנ מיט דער דאָזיקער פאָדערונג די ארבעטער פונ די אײַזנבאנ־ווארשטאטנ (אינ טיפליס, אינ אָקטיאבער 1901־טנ י., אָבער שוינ גאָר גיכ, אינ מארט 1902־טנ י. איז נאָכ זיי נאָכגעגאנגענ דער וואָטקינסקער זאוואָד), אונ דאָס איז אויכ ניט קיינ צופעליקײַט. די מײַסטע באשטייט דערינ, וואָס די אײַזנבאנ־ווארשטאטנ האָבנ געהאט אנ אמווייניקסטנ באשטענדיקנ ארבעטער־באשטאנד — די ארבעטער האָבנ זיכ דאָרט שטענדיק געביטנ, איבערגייענדיק פונ איינ ווארשטאט אינ צווייטנ, אפ וויפל דאָס האָט געפאָדערט די אײַזנבאנ־געזעצ. דעריבער פלעגט ד' באוועגונג אויסברעכנ אינ די ווארשטאטנ אינ איינעמ נאָכנ צווייטנ, אונ האָט זיכ קעסיידער פארשפּרייט. אינ 1901 י. האָבנ געשטרײַקט די ארבעטער פונ די סאראטאָווער ווארשטאטנ (2 מאָל), די טאמבאָווער אונ טיפליסער; אינ 1902־טנ יאָר — די קראסנאָיארסקער אונ די ווארשטאטנ פונ דער וולאדיקאווקאזער אײַזנבאנ־ליניע (אינ ראָסטאָוו־דאָנ) — וועלכע האָבנ געגעבנ א סיגנאל צו איינעמ פונ די קאָלאָסאלסטע שטרײַקנ פונ יענער עפּאָכע אינ רוסלאנד; אינ 1903־טנ יאָר — די „וואַרשעווער" (אינ פּעטערבורג) אונ די „דאָרעמ־מיזרעכדיקע" (אינ באָריסאָגלעבסק) אאוו. אאוו.

די פאָדערונג פונ אנ 8־שאָיקנ ארבעטטאָג איז געווענ אנ ארויסרופ, וואָס איז געוואָרפנ געוואָרנ שוינ דער גאנצער קאפּיטאליסטישער אָרדענונג. ניט אומזיסט האָט זי דער ערשטער אינטערנאציאָנאלער סאָציאליסטישער קאָנגרעס אוועקגעשטעלט צווישנ די אָרדנטלעכע לאָזונגנ פונעמ 1־טנ מײַ. דאָס איז אנ איינזײַטיקע פאָדערונג פונעמ פּראָלעטאריאט — ער פּראָקלאמירט זײַנ רעכט, וואָס רעכנט זיכ אבסאָליוט ניט מיט די אינטערעסנ פונ די באלעבאטימ, ווי עס האָט זיכ אומפארמײַדלעכ גערעכנט מיט זיי יעטווידער „עקאָנאָמישער", ניט רעוואָליוציאָנערער שטרײַק. אנ איינצלנעמ אונטערנעמער איז אָביעקטיוו אוממעגלעכ צו פארווירקלעכנ אנ 8־שאָיקנ ארבעטטאָג — סײַדנ עס זײַנענ פאראנ וועלכע־ניט־איז אויסשליסלעכ גינסטיקע אומשטענדנ. נאָכ די יאָרנ 1905—1907 פלעגנ אייניקע גרויסע רוסישע אונטערנעמער אינ פּריוואטע שמועסנ אײַנגיינ אפ אנ 8־שאָיקנ ארבעטטאָג, מיט דעמ באדינג, עס זאָלנ ווײַטער פארגרעסערט ווערנ די גרענעצ־אָפּצאָלנ: דורכ א שטײַער אפ אלע קוינימ פונ זייער סכוירע האָבנ זיי געהאָפט צו פארשטעקנ די לאָכ, וואָס עס וואָלט געמאכט אינ זייערע רעוואָכימ דער 8־שאָיקער ארבעטטאָג. ביכלאל אָבער גערעדט, איז דאָס אזא פאָרקלענערונג פונעמ אונטערנעמערישנ רעוועכ, אז אפילע ריידנ וועגנ דעמ איז דער בורזשוא מאסקימ נאָר דעמלט, ווענ עס דראָט אימ עטוואָס ערגערס; נאָכ דעמ אָקטיאבער־שטרײַק אונ די דעקאבער־באריקאדנ פונעמ 1905־טנ יאָר האָט די פּראָגראמ פונ דער קאדעטישער פּארטיי אָנגעהויבנ שטאמלענ וועגנ אנ 8־שאָיקנ ארבעטטאָג „לויט דער מעגלעכקײַט", פונקט ווי עס וואָלט געווענ א מעגלעכקײַט אפ אנ אנ־

דער אויפן, אויסער מיט קויעך, אַפּצונעמען באַם בורזשוא דעם רובל, וועלכן ער האָט אויסגעפּרעסט באַם אַרבעטער.

דער בוילעט רעוואָליוציאָנערער כאַראַקטער, וואָס די אַרבעטער־באַוועגונג האָט איצט אָנגענומען, האָט געצוווּנגען צו פאַרטראַכטן זיך איבער איר אויך די צאַרי־שע רעגירונג. אין געשטאַלט פון יענע אירע באַאַמטע, אַף וועלכע עס איז געלעגן די זאָרג אַפּצוהיטן דעם „אָרדענונג". שוין אין 1901־טן יאָר האָט סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי (דער צוקינפטיקער „צוטרוי"־מיניסטער ביים דער רוסיש־יאַפּאַנישע־מילכאָמע, דעמלט דער זשאַנדאַרמען־שעף, ד. ה. דער שעף פון דער גאַנצער פּאָ־ליטישער פּאָליציי) געשריבן: „די אַגיטאַטאָרס, וועלכע האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו שאַפן פון די אַרבעטער אָרגאַניזירטע מאַסן אַף צו קעמפן קעגן דער רעגירונג פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון זייערע אידייען, האָבן, צום באַדויערן, געהאַט אַ היפּשן דערפאָלג דערין. פאַר די לעצטע 3—4 יאָר האָט זיך פונעם גוט־מוטיקן רוסישן יונג אויסגעאַרבעט אַן אייגנאַרטיקער טיפּ פון אַ האַלב אַלפאַבעטישן איגטעליגענט, וועלכער האַלט פאַר זיין בויו אַפּצוליייקענען די רעליגיע און די פאַמיליע, צו באַציִען זיך מיט גרינגשעצונג צום געזעץ, ניט פאָלגן די מאַכט און כויזעק מאַכן פון איר. אַזאַ יוגנט איז נאָך, צום גליק, פאַראַן ווינציק אין זאַוואָד, אָבער דאָס דאָזיקע נישטיקע הייפעלע פירט אָן טעראָריסטיש מיט דער גאַנצער איבעריקער אינערטער אַרבעטער־מאַסע". ס'איז נאַטירלעך, אַז דער זשאַנ־דאַרם האָט געמאָלט דעם אַרבעטער־רעוואָליוציאָנער אין די פינצטערסטע פאַרבן, אָבער וויכטיק איז די אָנערקענונג פונעם דאָזיקן זשאַנדאַרם, אַז דער אַרבעטער־ר ע וו אָ ל י וּ צ י אָ נ ע ר פ י ר ט א י צ ט אָ ן מ י ט ד ע ר מ אַ ס ע. און ווען פאַר דעם זשאַנדאַרם האָט זיך געשטעלט די פראַגע: וואָס־זשע טוט מען? וויאַזוי קעמפט מען קעגן דעם? פלעגט זיך באַקומען אַ גאַנצע אומדערוואַרטער ענטפער— טאָג דאָס זעלביקע, וואָס עס טוען די אַגיטאַטאָרס, אָבער, אַזוי צו זאָגן, מיט אַ פאַרקערטן צייכן, ניט קעגן דעם צאַר, נאָר לעטוויוועס דעם צאַר. דער אָדעסער גראָדאָנאַטשאַלניק שוואַלאָוו האָט נאָך אין 1899־טן יאָר, ביים ער האָט זיך אַליין געשטעלט די פראַגע: „וואָס טוט מען?", געענטפערט אַף איר: „מע מוז עפענען די וועגן פאַר בילדונג, פאַרגרינגערן די איינאָרדענונג פון לייענזאַלן אין ביבליאָטעקן, אָרגאַניזירן פאָלק־פאַרזאַמלונגען, מעגלעך ברייטער פאַרשפּרייטן צווישן די אַרבעטער, אַפילע אומזיסט, ביליקע ביכער, וועלכע קאָנען האָבן פאַר זיי סיי אַן אָרטיקן סיי אַן אַלגעמיינעם אינטערעס..." די דאָזיקע ביכער װאָלטן, לויט שוואַלאָווס מיינונג, געקאָנט מיט דערפאָלג קאָנקורירן מיט דער „אונטערערדישער ליטעראַטור, וועלכע איז פיל מער פאַרגומען מיט אַפּליקענונג". און דעריקער — „מע דאַרף פאַרקירצן די אַרבעטצייט, אומבאַדינגט שאַפן אויסגעוויילטע פון די אַרבעטער אַף אכטונג צו געבן, אַז די שפּייז זאָל פּינקטלעך צוגעגרייט ווערן, אויסבויען גוטע וווינונגען" אאַוו.

אָט אַזוי איז שוין די לעצטע יאָרן פון XIX יה. אַנגעצייכנט געוואָרן די פּראָגראַם פון דעם, וואָס עס האָט זיך צעבליט צוערשט אין מאָסקווע און דער־נאָך איבער גאַנצ רוסלאַנד אין די ערשטע יאָרן פונעם איצטיקן יאָרהונדערט, אונטערן אַלעמען איצט באַוווּסטן נאָמען ז וּ ב אַ ט אָ וו ש ט ש י נ ע. דער שעף פון דער מאָסקווער „אָכראַנקע", וועלכער האָט דעם גאַנצן „אַנשטאַלט" געגעבן זיין נאָמען, איז גאָרניט געווען ז י י ן איינפערזאָניקער דערפינדער. די אידיי „האָט זיך געטראָגן אין דער לופט". דעם 14־טן פעווראַל 1902 יאָר איז אין מאָסקווע באַ־

שטעטיקט געוואָרנ דער סטאטוט פונ דער „געזעלשאפט פאר קעגנזײַטיקער הילפ פונ די ארבעטער אינ דער מעכאנישער פראָדוקציע". די געזעלשאפט האָט געזאָלט זײַנ א רייג פראָלעטארישע אָרגאניזאציע — אינ אירע רייענ איז אבסאָליוט ניט צוגעלאָזט געוואָרנ די „קלײנע אינטעליגענצ" (אנדערש „אגיטאטערס"); ווי אג אויסנאם, האָבנ בלויז אלס מיטגלידער-מיטפילער געמעגט זײַנ באאמטע פונ דער פאבריק-אינספעקציע אונ פונ דער פאָליציי, פערזאָנענ, וועלכע געהערנ צומ באשטאנד פונ דער אדמיניסטראציע פונ די פאבריקנ אונ זאוואָדנ, אונ אויכ גאלאָבימ אונ קולט-דינער.* איזאָלירט, אזויארומ, פונ יעטווידער „שעדלעכע" ווירקונגענ, זײַנענ די מאָסקווער מעטאליסטנ דערפאר ארומגערינגלט געוואָרנ מיט דער נאָענטסטער, צארטסטער, קאָנ מענ זאָגנ, זאָרג פונעמ הויפט-שעפ פונ דער מאָסקווער פאָליציי, דעמ דעמלט בארימטנ אָבער-פאָליציימײַסטער טרעפאָוו. דער אָבער-פאָליציימײַסטער האָט אכטונג געגעבנ, אז עס זאָל זײַנ גאנצ די קאסע פונ דער געזעלשאפט, ער פלעגט פריער דורכקוקנ אונ באשטעטיקנ אלע אינסטרוקציעס, וועלכע זי פלעגט ארויסגעבנ, פלעגט שיקנ אפ אלע זיצונגענ זײַנע פארשטייער, פלעגט מעגנ שטעלנ אפ די דאָזיקע זיצונגענ פראגנ, וועלכע ער וויל, אונ אויב ער פלעגט אָנטאָנ דעמ לאָוועד אונ אליינ קומענ, פלעגט ער באקומענ... צוואנציק שטימענ. נאָכ דעמ איז גאנצ קלאָר, אז דער פאָליציימײַסטער האָט ניט געקאָנט לאָזנ די געזעלשאפט אפ אבי וועמענ, אז ער האָט געמוזט נאָכשפירנ אויכ נאָכ די וואלנ אינ דער פארוואלטונג, אונ פונ איינפאכקײַט וועגנ פלעגט ער פאָשעט באשטימענ די דאָזיקע פארוואלטונג פונ קאנדידאטנ, וועלכע די אלגעמיינע פארזאמלונג פלעגט אויסקלײַבנ.

דעמ 14-טנ פעוראל איז באשטעטיקט געוואָרנ דער דאָזיקער סטאטוט אונ דעמ 19-טנ פעוראל פונ דעמ זעלבנ 1902 יאָר זײַנענ 50 טויזנט ארבעטער בײַגעווענ אינ קרעמל אפ דער „פײַערלעכער טפילע" בא אלעקסאנדער דעמ II-טנס דענקמאָל. „אזא מאכנע", ווי זובאטאָוו האָט מיט שטאָלצ אָנגערופנ די דאָזיקע פא-זאמלונג, האָט אפילע עטוואָס דערשראָקנ דעמ איגערנ-מיניסטעריומ, וואָס האָט פאנאנדערגעשיקט א ספעציעלנ צירקוליאר, אונ דאָרט איז געזאָגט געוואָרנ, אז דאָס איז, פארשטייט זיכ, זייער גוט, נאָר מער זאָל זיכ דאָס ניט איבער-באזערנ.

די מוירע פונעמ אינערנ-מיניסטעריומ איז, ווי עס האָט זיכ זייער גיכ ארויסגעוויזנ, געווענ גאנצ באגרינדעט. פאר דער פאָליטיש ווינציק באוווסטזיניקער מאסע, — אונ פ אָ ל י ט י ש ווינציק באוווסטזיניק איז נאָכ דעמלט געווענ דאָס רוב ארבעטער, — וואָס פלעגט ניט קומענ אינ קיינ פארלעגנהײַט פונ דעמ פאָליציימײַסטערס פיגור (וועלכע איז נאָכ דערצו פארדעקט געווענ דורכ די מער „בעלאָוועדיקע" פיגורנ פונ פראָפעסאָרנ פונ מאָסקווער אוניווערסיטעט, וואָס פלעגנ זיכ פארנעמענ מיט „אופקלערנ" די ארבעטער אונ האָבנ ביכלאל דירעקט „געפירט די גאנצע ארבעט"), איז די זובאטאָוושטשינע געווענ א קאָלאָסאלער שטויס פאָרויס אינ פראט פונ אנטוויקלענ דעמ ק ל א ס נ-ב א וו ו ס ט ז ײַ נ — צו

---

* דעמ בו-זשוא, דעמ שבּאָנ אונ דעמ גאלעכ האָבנ, ווי מיר זעענ, פארייניקט אינ איינ גאנצעס גאָנ-ניט די מערדער די באָלשעוויקעס אינ 1917-טנ יאָר — 16 יאָר פאר דעמ האָבנ זיי זיכ אליינ פארייניקט אינ א רירנדיקער כאווריסע, אלס כאוויירימ לויט דער געמיינזאמער ארבעט.

פארשטיינ די קלאסנ־קעגנזעצלעכקייט צווישנ די אינטערעסנ פונעמ ארבעטער אונ פונעמ פאבריקאנט. אומגעלומפערט נאָכטוענדיק די רעוואָליוציאָנערע אגיטאטערס, — מיר געדענקענ, אז דער גאנצער אופטו איז געווענ דורכויס נ אָ כ ג ע מ א כ ט דער סאָציאל־דעמאָקראטישער אגיטאציע, דערינ איז באשטאנענ דער טאָכ פונעמ איניענ, — פלעגנ זיכ זובאטאָווס אגענטנ דעררייידנ ביז צוזאָגנ, אז די רעגירונג וועט איינגיכנ הייסנ אָפנעמענ די פאבריקנ בא די באלעבאטימ אונ וועט זיי איבערגעבנ די ארבעטער. די רעגירונג איז, הייסט עס, גרייט צו טאָנ אלצ פאר די ארבעטער, אויב זיי וועלנ זיכ ניט צוהערנ צו די „קליינע אינטעליגענטנ". אינ איינצלנע שטרייקנ פלעגט די פאָליציי פאָשעט שטיצנ די שטרייקער, פלעגט זיי ארויסגעבנ הילפ אאוו. אונטער דער ווירקונג פונ דעמ אלעמ האָבנ די ארבעטער־זובאטאָווצעס אָנגעהויבנ ריידנ, אז „עס איז איצט אוועק די צייט, ווענ עס זיינענ געווענ קנעכט־באזיצער אונ קנעכט, אונ ווענ די קנעכט פלעגנ, ווי די ביגנע אומזיסט דערגערנ זייערע הארנ: איצט וועלנ די קנעכט אויכ לעבנ, ווי הארנ". די ענגלישע אונטערנעמער פלעגנ צווישנ אנדערע מיטלענ אפ איינצוהיטנ זייער הערשאפט, אגעוו, זאָרגזאמ אָפהיטנ די ארבעטער, אז בא זיי זאָל זיכ ניט אנטוויקלענ קיינ קלאסנ־באוווסטזיינ. זיי פלעגנ מיט קאָלערליי מיטלענ אונטערהאלטנ בא די ארבעטער דעמ געדאנק, אז זייערע אינטערעסנ אונ די אונטערנעמערס אינטערעסנ זיינענ ניט קעגנזעצלעכ, אז דער ארבעטער אונ דער באלעבאָס קאָנענ זיכ שטענדיק צונויפריידנ. דער רוסישער אונטערנעמער האָט מיט דעמ, וואָס ער איז ניט געגאנגענ אפ קיינע שומ האנאָכעס, געשטויסנ גראָד אינ דער קעגנזעצלעכער ריכטונג.

די דאָזיקע ניט־נאָכגיביקייט פונעמ רוסלענדישנ אונטערנעמער האָט טאקע ענדגילטיק אראָפגעריסנ די „זובאטאָווטשינע". עס האָט זיכ געקאָנט דוכטנ, אז עס איז ניט שווער געווענ צו פארשטיינ, אז דער „פאָליצייישער סאָציאליזמ", וויבאלד ער איז א פארזיכערונג קעגנ דעמ עמעסנ סאָציאליזמ, פאָדערט ער א פארזיכערונג־פרעמיע — פארנ פארזיכערנ זיכ דארפ מענ צאָלנ. אונ פונדעסטוועגנ, ווי נאָר די פאבריקאנטנ האָבנ דערפילט די זובאטאָווטשינע אפ זייער קעשענע, האָבנ זיי אופגעהויבנ א גוואלד. מיר געדענקענ, אז בא אונדז האָט מענ זיכ מיט קאָלערליי מיטלענ באמיט צוציענ אינ דער רוסישער אינדוסטריע אויסלענדישע קאפיטאלנ. זייערע אייגנטימער האָבנ, פארשטייט זיכ, געקוקט אפ רוסלאנד, ווי אפ א ווילד לאנד, וואָס זיינ באפעלקערונג עקזיסטירט טאקע נאָר אפ אָנצושטאָפנ מיט איר ארבעט זייערע, די קאפיטאליסטישע, קעשענעס. ווענ עס פלעגט טרעפנ א שטרייק אינ זייערער א פאבריק, אונ די פאָליציי פלעגט אימ „איינשטילנ", פלעגנ זיי עס נאָכ דולדנ — דאָס איז געווענ פאר זיי א באקאנט בילד. אָבער ווענ די פאָליציי פלעגט אונטערהאלטנ א שטרייק, דאָס האָבנ זיי ניט געקאָנט ניט פארשטיינ, ניט אריבערטראָגנ. א זובאטאָווישער שטרייק אינ א פאבריק, וואָס האָט געהערט „פראנצויזישע בירגער", האָט ארויסגערופנ א קאָלאָסאלנ סקאנדאל, וועלכער איז דערגאנגענ ביז אנ ארייינמישונג פונעמ פראנצויזישנ געזאנדטנ אאוו. די מאָסקווער טעקסטיל־פאבריקאנטנ, וועלכע האָבנ, ווי מיר ווייסנ שוינ, געהערט צו די סאמע זשעדנע אונ טיימפע עקספלואטאטערס, האָבנ זיכ באנוצט מיטנ סקאנדאל אונ האָבנ פארשטארקט זייערע געשרייענ. די מוירע פארנ „פאָליצייישנ סאָציאליזמ" האָט זיי אפילע געמאכט אפ א רעגע פאר איירא־פייער — זאָל שוינ בעסער זיינ בא אונדז, ווי אינ פראנקרייכ, האָבנ זיי געטיי-

נעט, דער רוסלענדישער שטייגער קאָסט טײַערער. אונטער זייער דרוק איז דאָס פינאַנצ-מיניסטעריומ אַרויסגעטראָטנ מיט פּראָיעקטנ וועגנ גרינדנ פ א ב ר י ק-ס מ א ר ע ס ט ע ס (עלטסטע), וואָס ווערנ אויסגעקליבנ פונ די אַרבעטער — אונ אַפילע מיט אַ פּראָיעקט וועגנ פאַרגעזעצלעכנ שטרײַקנ אינ רוסלאַנד. דער ערשטער געזעצ איז טאַקע אַרויסגעגעבנ געוואָרנ (דעמ 10-טנ יונ 1903-טנ יאָר). דער פּראָיעקט פונעמ צווייטנ איז פאַרבליבנ אַלס זייכער פונ דער פּאַניק, וועלכע האָט אַרומגעכאַפּט די אונטערנעמערישע קרײַזנ. אָבער די פּאַניק האָט מענ באַרויִקט אַפ אַנ אײנפאַכנ אופנ: אינ דעמ זעלביקנ 1903-טנ יאָר האָט מענ זובאַטאָוונ אָפּגעזאָגט פונ זײַנ שטעלע. ווי שטענדיק, האָט מענ די מאַפּאָלע פאַרעכנט אָפּ-כעזשבנ פונ אַנ איינצלנער פּערזאָנ. מיט דער אידיי האָט מענ זיכ ניט צעשיידט — אונ די זובאַטאָווסטשינע איז אַפילע אַריבערגעטראָגנ געוואָרנ קיינ פּעטערבורג, ווו פאַר איר האָבנ זיכ געפונענ מער „זיכערע הענט" אינ דער פּערזאָנ פונעמ גאַלעכ געאָרגי גאַפּאָנ...

וואָס פאַר אַ ראָליע דער דאָזיקער נײַער פּראָוו פונ פּאָליצייִשנ סאָציאַליזמ האָט געשפּילט אינ דער אַנטוויקלונג פונ דער אַרבעטער-רעוואָליוציע, וועלנ מיר זענ ווײַטער. דעמ וווּקס פונעמ קלאַסנ-באַוווּסטזײַנ אָפּנ באָדנ פונעמ אינדוסטריעלנ קריזיס, וועלכער איז געוואָרנ אַלצ שאַרפער, האָט די זובאַטאָווסטשינע ניט געקאָנט פאַרהאַלטנ — פאַרקערט, קעגנ איר ווילנ האָט זי מיטגעהאָלפנ דעמ דאָזיקנ וווּקס.

גלײַכ פונ די ערשטע יאָרנ פונעמ נײַעמ יאָרהונדערט מאַכט די אַרבעטער-באַוועגונג צוויי נײַע טריט פאָרויס. ערשטנס, גייט זי אַרויס אויסער די ווענט פונ די פאַבריקנ אונ אויסער די ראַמענ פונ די אַרבעטער-קוואַרטאַלנ אונ ישוווימ, זי גייט אַרויס אַפ די גאַסנ פונ די ג ר ו י ס ע ש ט ע ט; צווייטנס, נעמט זי אָנ אַ כאַראַקטער פונ אַנ אָפּענעמ קאַמפּ שוינ ניט בלויז קעגנ די פאַבריקאַנטנ אונ זייערע דינער, נאָר אויכ קעגנ די דינער פונ דער צאַרישער רעגירונג. די שטרײַקנ הייבנ אָנ פאַרקאָמפּליצירט ווערנ דורכ ד ע מ אָ נ ס ט ר אַ צ י ע ס. ווער עס האָט ניט געזענ די דאָזיקע ע ר ש ט ע אַרויסטרעטונגענ פונ דער רוסישער פאָלקסמאַסע קעגנ דער באַוואָפנטער קראַפט, קעגנ דער פּאָליציי, קאָזאַקנ אונ זשאַנדאַרמענ, דער וועט זיכ שווער פאָרשטעלנ דעמ אײַנדרוק, וועלכנ די דעמאָנסטראַציעס פלעגנ מאַכנ סײַ אַפ דער מאַסע גופא סײַ אַפ דעמ בורזשואַזנ אונ אינטעליגענטישנ אוילעמ, וועלכער איז (אַכוצ די סטודענטנ) געווענ מער אַנ אייִדעס, איידער אַנ אָנטיילנעמער אינ דער באַוועגונג. פונקט ווי עס וואָלט דורכגעריסנ אַ מינ האַמבע, פונקט ווי עס וואָלט זיכ אָנגעהויבנ אַנ אײַזגאַנג. „יאָ, בײַ אונדז וועט, דוכט זיכ, גיינ אָפּנ פראַנצויזישנ שטייגער, אונ ניט אָפּנ דײַטשישנ", — פלעגט מענ ריידנ צווישנ דעמ אינטעליגענטישנ אוילעמ. דאָס בילד פונעמ האַמויִ, וואָס האָט בײַשפּערלעכ קיינ מ ו י ר ע ניט ג ע ה אַ ט פאַר די קאָזאַקנ, פלעגט זיכ ניט צעלויפנ גלײַכ, ווי נאָר עס פלעגנ זיכ באַווײַזנ די „אָרדענונג-פאַרטייִדיקער", נאָר ער פלעגט זיי ענטפערנ אַ קלאַפּ אַפ אַ קלאַפּ אונ נאָכגעבנ, לעסאָפּ, דער קראַפט פונ געווער, פלעגט קומענ גלײַכ אַפ מאָרגנ אונ אַפ איבערמאָרגנ אַלצ אינ אַ גרעסערער אונ גרעסערער צאָל, — אָט דאָס בילד האָט מיטאַמאָל אַוועקגעטראָגנ ערגעצ ווײַט דעמ גלויבנ אינ דער פעסטקײַט פונ דער זעלבסטהערשונג, וואָס געכטנ נאָכ איז ער געווענ אַנ אַלגעמיינער. אַלע האָבנ פאַרשטאַנענ, אַז דאָס פאַלנ פונ דער זעלבסטהערשונג איז איצט נאָר אַ פראַגע פונ צ אָ ל: די זעלבע באַוועגונג אינ אַ מאָל

פופצן־צוואנציק „געריכטער", וואגיקער און ברייטער — און די רעוואליוציע איז א פאקט. און אפילע די בורזשואזיע, פאר וועלכער די אומעגלעכקייט פון א רעוואליוציע אין רוסלאנד איז געווען א דאגמאט, וועלכער האט בארעכטיקט סיי איר קנעכטישע פאכדאנעס פאר דער צארישער מאכט סיי איר אומפארשעמטקייט און זשעדנעקייט בעגעגייע די ארבעטער, אפילע זי האט אנגעהויבן צווייפלען אין דער פעסטקייט פון אירע אפגעטער — און האט אנגעהויבן ריידן... וועגן א קאנסטיטוציע.

די דעמאנסטראציעס האבן זיך אנגעהויבן פון דער כארקאווער, דעם 19־טן פעוראל 1901 יאר, לעקאוועד דעם פערציקסטן יארטאג פון דער פויערים־באפרייונג, נאר באזונדערס אימפאזאנט זיינען געווען די מאסקווער דעמאנסטראציעס דעם 23—26־טן פעוראל פון דעם זעלביקן יאר. אין זיי טאקע האט זיך דאס ערשטע מאל דערפילט דער אטעם פון דער רעוואליוציע. זיי זיינען געווען ארגאניזירט דורך דער סטודענטנשאפט, אבער פאר רעוואליוציאנערע האבן זיי געמאכט די ארבעטער, וועלכע האבן זיך אין מאסקווע באטייליקט אין די דעמאנסטראציעס אין די צענדליקער טויזנטער און וועלכע האבן אפגעשלאגן א גאנצע ריי אטאקעס פון קאזאקן, וואס זיינען באפאלן מיט נאהייקעס. דאס ערשטע מאל האבן זיך אפ די גאסן פון מאסקווע באוויזן באריקאדעס, — ווייטע אנזאגער פונעם דעקאבער 1905. א פארזעצונג פון די דעמאנסטראציעס איז דערנאך געווען אין פעטערבורג (אין מארט און באזונדערס אין מיי, ווען די זאך איז דערגאנגען ביז א גראנדיעזן געשלעג צווישן די ארבעטער פון אבוכאווער זאוואד מיטן מיליטער, דערביי זיינען געווען 6 דערהארגעטע און 8 פארוונדעטע מיצאד די ארבעטער, נאך געבאפט האט אויך די פאליציי), אין טיפליס (אין אפרעל), אין קאטערינאסלאוו (אין דעקאבער) און אין א ריי אנדערע שטעט. דאס זיינען געווען בלויז די ערשטע וואלן פון דער שטורעם־כוואליע; שפעט אין הארבסט פונעם פאלגנדיקן 1902־טן יאר איז פארגעקומען א געשעעניש, וועלכע קאן זיך רעכענען אין דער געשיכטע פון דער רוסישער ארבעטער־באוועגונג פאר פונקט אזא איבערבראכפונקט, ווי אין זיין צייט דער מאראזאווער שטרייק פון 1885־טן יאר. דאס איז געווען דער בארימטער ר א ס ט א וו ע ר ש ט ר יי ק פון נאיאבער 1902, וועלכער האט זיך אנגעהויבן, ווי עס פירט זיך, אין די אייזנבאן־ווארשטאטן און וועלכער האט איינגעכאפט אלע גרויסע אונטערנעמונגען פון דער שטאט. די שטימונג פון די ארבעטער איז געווען אזא, אז א גאנצע וואך האט די מאכט ניט געוואגט צוטרעטן צו זיי. „עס איז פארגעקומען עטוואס אומגעזעענעס און אומדערהערטעס אין רוסלאנד, — דערציילט א באריכט פון יענער צייט, — יעדן טאג גרויסע מיטינגען אונטערן פרייען הימל, א פילטויזנטיקער האמוין, וועלכער הערט זיך צו מיט הארציקלאפעניש צו די דרייסטע רעדעס וועגן דער זעלבסטהערשונג, וועגן דעם באאמטישן ווילקיר און גוואלד, וועגן דער פניעסדיקייט פון די געריכטן, וועגן דער קאפיטאליסטישער עקספלואטאציע, א האמוין, וועלכער ענטפערט מיט הויכע אויסגעשרייען — „יא" אפן רעדנערס פראגע: „צי דארפן מיר פאליטישע פרייהייט?" דערביי שטייט א פארשיידנארטיקסטער עולם, וועלכער איז זיך צונויפגעלאפן פון אלע עקן ראסטאוו א קוק טאן אפ דער אומגעזעענער סצענע: ארבעטער, וועלכע האבן פארלאזן די ווארשטאטן, קעדיי צו גיין „הערן" אפ דער פארזאמלונג, קליינבירגער, סאכרים, באאמטע, פרויען אין עקיפאזשן מיט לארנעטן אין די הענט. דא שטייען אויך פארשטייער פון דער מאכט, וועלכע האבן זיך

פארלאָרנ און ווייסנ ניט וואָס צו טאָנ; פּאָליציי און קאָזאקנ, וועלכע הערנ די רעדעס פונעמ סאָציאַל־דעמאָקראַטישנ רעדנער". אַז די מאכט איז א ביסל געקומענ צו זיכ, האָט זי פארשטאנענ, אַז דאָ זײַנענ נייטיק ניט קיינ נאַהײַקעס און שווערדנ, נאָר קוילנ: מיט א שיסערײַ אַפנ האַמוינ האָבנ די קאָזאקנ אַוועקגעלייגט 6 דערהארגעטע און 12 שווער פארוווּנדעטע. די קאָזאקנ זײַנענ אָבער גלײַכ אַנטלאָפנ, און די צעשיסונג האָט אַפילע ניט געמאכט קיינ סאָפ צו די מיטינגענ. דער רוסישער ארבעטער האָט שוינ אינ 1902־טנ יאָר אַנטשיידנ אויפגעהערט צו זײַנ א געטרײַער אונטערטאַנ...

אינ א יאָר ארומ, זומער 1903 יאָר, האָט זיכ דער דאָזיקער ארבעטער געשטעלט אַפ די פיס שוינ ניט אינ איינ שטאָט, נאָר אינ גאַנצ דאָרעמ־רוסלאַנד, פונ אָדעס ביז באקו. דאָס איז געווענ דער ערשטער אינ רוסלאַנד ביישפּיל פונ אַנ אַלגעמיינעמ שטרײַק, וועלכער האָט אינ אַלע פּראָדוקציעס ארומגעכאַפּט, ווי מיר האָבנ שוינ געזאָגט, העכער 200 טויזנט מאַנ. אויב אינ פרילינג 1901 יאָר איז פארנ מאָסקווער אוילעמ דאָס ערשטע מאָל



אײַזנבאַנ־ווארשטאַטנ אינ ראָסטאָוו־דאָנ

דורכגעלאָפנ דער שאָטנ פונ די קומענדיקע דעקאַבער־באריקאַדעס, האָבנ איצט אָדעס, קיִעוו, קאַטערינאָסלאַוו און באקו געהאַט פאר זיכ די ערשטע סקיצע פונעמ בילד, וואָס אָקטיאַבער 1905 יאָר האָט ענדגילטיק דערצייכנט. „אײַנגאַרטיק איז געווענ דער אויסזעענ פונ די גרויסע שטעט בײַמ דעמ שטרײַק", — דערציילט דער זעלבער באריכט פונ יענער צײַט. וועלכנ מיר האָבנ אויבנ ציטירט, — אַלע מאַגאַזינענ, קאַנטאָרנ, בעקערײַענ, ווארשטאַטנ זײַנענ צוגעמאַכט; די פערד־באַנענ אינ טראַמווײַענ גייענ ניט; קיינ פורמאַנעס איז קימאַט ווי ניט צו זענ; קיינ צײַטונגענ זײַנענ ניטאָ; די צוגנ שטייענ אַפ די סטאַנציעס; בערג סכוירעס זײַנענ אָנגעוואָרפנ אַפ די פּלאַטפאָרמעס; די דאַמפּפערס און שיפלעכ שטייענ אָנ באַוועגונג אינ די האַפנס פונ די יאַמ־שטעט. פּראָדוקטנ ווערנ טײַערער. ניטאָ ניט קיינ ברויט, ניט קיינ פלייש, פאר א קליינ שטיקל ברויט דארפ מענ זיכ שלאָגנ. ניטאָ ניט קיינ עלעקטרע, ניט קיינ גאַז, אינאָוונט איז אַפ די גאַסנ פינצטער, און אינ די דירעס איז א שלעכטע ליכט־באַלײַכטונג. די גאַסנ קערט מענ ניט, ניטאָ ניט קיינ גאַסנ־הענדלער, ניט קיינ טרעגער, ניט אַפילע קיינ שטיוול־פוצער (!). א פולקומער שטילשטאַנד אינעמ האַנדלשנ און אינדוסטריעלנ לעבנ פונ שטאָט, דערפאר אָבער א קאָלאָסאַלע אויפלעבונג און אויפרעגונג פונ דער שטאָט אינ געזעלשאַפטלעכנ פּראַט. טויזנטער־פיקע האַמוינימ ארבעטער גייענ איבער די גאַסנ, אָרדענענ איינ פאַרזאַמלונגענ, מיטינגענ, ווו סאָציאַל־דעמאָקראַטישע רעדנער האַלטנ רעדעס, דעמאָנסטראַציעס מיט רויטע פאַנעס אינ די הענט, עס הערנ זיכ רעוואָליוציאָנערע לידער און אויסגעשרייענ. אָנ א שיר פּאַטרולנ, פּאָליציי, גאָראָדאָוויעס און סאָלדאַטנ".

אינ מאָסקווע אינ 1901-טנ יאָר איז נאָכ געווענ א האַמוינ קימאַט אויסשליסלעכ אָנ א־בעטערשער לויטנ באַשטאַנד, אָבער ער איז געגאַנגענ באַגלײַכ און טייל־ווײַז נאָכ דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענצ. אינ פּעטערבורג, אינ אָבוכאָווער

שטרײַק, זײַנען שוין געווען אופגעשטאנענע ארבעטער, אָבער דערווײַל נאָך פונ איינ שטאָט, אונ אפילע פונ איינער־צוויי אונטערנעמונגען (אכוצ די אָבוכאָווער האָבנ זיך באטייליקט אינ דער ארויסטרעטונג די וועבערײַ־פאבריקנ פונ וויבאָרגער זײַט). אינ דאָרעמ־רוסלאנד זומער 1903 יאָר איז געווענ אַ קלאַס, — עס זײַנען געווענ שוינ ניט קיינ „ארבעטער", עס איז געווענ דער פּראָלעטאַריאַט. אונ ווי אפ אונטערצושטרײַכנ זײַנ פולע קלאסנ־איינהײַט, האָבנ אינ אָדעס גענומענ זייער א טעטיקנ אָנטייל אינעמ צוגרייטנ דעמ שטרײַק די אָרטיקע זובאטאָווישע אָרגאניזאציעס, וואָס בעראָש פונ זיי איז געשטאנענ איינער א שאיעוויטש. ווענ אָט דער שאיעוויטש איז ארויסגעטראָטנ אפ אנ ארבעטער־פארזאמלונג, אונ, פרײַנדיק זיך עפענענ די מויכעס זײַנע ניטלאנגאָניקע „האָרעוואָניקעס", האָט ער געפרעגט: „וואָס ווילט איר? מיטנ קאָפּ אָנ וואנט, אָדער עפּעס זיי?" האָט זיך דערהערט אנ איינמוטיקער ענטפער: „מיטנ קאָפּ אָנ וואנט". דער פּאָליציייִשער סאָציאַליזמ האָט אַלייִנ זיך אויסגעגראָבנ א קייווער.

קאַפּיטל III

דער אָנהייב פונ א מאסנ־באוועגונג אינ דאָרפ

די ארבעטער־באוועגונג איז שוינ לאנג געווענ א געוויינלעכע דערשײַנונג פאַר דער צארישער רעגירונג. זי האָט שוינ לאנג געהאט אפנ ארבעטער אנ אויג, ווי אפ א „ניט־זיכערנ". אָבער אינ דער טרײַ־אונטערטעניקײַט פונעמ פּויער האָט די דאָזיקע רעגירונג פעסט געגלייבט נאָך אינ 1905 יאָר, — ווי מיר וועלנ ווײַטער זענ, — אונ די בורזשואזע אָפּאָזיציע האָט נאָך אפילע אינ 1905 יאָר מוירע געהאט פאַר דער דאָזיקער טרײַ־אונטערטעניקײַט. אינדערעמעסנ אָבער האָט די דאָרפישע רעוואָליוציע צו יענער צײַט שוינ געציילט דרײַ יאָר עקזיסטענצ, אונ אירע באמע ערשטע ארויסטרעטונגענ זײַנען שוינ געווענ גענוג דראָענדיקע פאַר יענע, וואָס האָבנ געהאט א געלעגנהײַט צו באַאָבאכטנ זיי פונ דער נאָענט.

נאָך די אומרוען, וועלכע זײַנען פארבונדנ מיט דער „באפרײַונג", אינ אָנהייב 60־ער יאָרנ, האָבנ זיך איינצלנע פאלנ פונ פּויערישע „אומאָרדענונגענ" איבערגעבאזערט פּימאט יעדעס יאָר, אמאָל דאָ, אמאָל דאָרט, — אָבער אינ קיינ מאסנבאוועגונג האָבנ זיי זיך ניט פארוואנדלט אפילע אינ אָנהייב 80־ער יאָרנ, ווענ די צאָל זייערע איז געווענ גרעסער ווי ווענ־עס־איז. דאָס בילד הייבט זיך אָנ ענדערנ פונ די ערשטע יאָרנ פונעמ נײַעמ יאָרהונדערט, ד. ה. פונ זינט עס האָט זיך געענדיקט דער אגראַר־קריזיס, ווענ אינ דער פּויערשער ווירטשאפט האָט זיך געשאפנ יענער „טעמפּער ווינקל", וועגנ וועלכנ מיר האָבנ פריִער גערעדט, ווענ אינ דאָרפ האָט זיך ווידער אויסגעבילדעט אנ „איינהײַטלעכער פראָנט" פונ די פּויערימ קעגנ דעמ פּאָרעצ. די פּויערישע אומרוענ וואקסנ זייער גיך מיט יעדנ יאָר, זיי דערגרייכנ דעמ מאקסימומ צומ 1902 יאָר, דערנאָך ווערנ זיי עטוואָס שוואכער, קעדיי אפּסנײַ אופלאקערנ אינ 1905 יאָר. די פארשפּרייטונג אונ דעמ גאנג זייערנ באוועגונג אזא טאבעלע.

י אָ ר נ	די צאָל פויערשע ארויסטרעטונגענ		
	שווארצערדישער-פאס	ניט-שווארצערדישער-פאס	ס א כ א ק ל
1900	44	4	48
1901	28	22	50
1902	301	39	340
1903	123	18	141
1904	75	16	91
סאכאקל פאר פינפ יאָר . .	571	99	670

מיר זעען, אז די מערהייט — העכער 80 פראָצ. — פאַלנ פונ דער פויערים באַוועגונג קומט אויס אפ די פראָדוצירנדיקע גובערניעס; אינ די ניט-פראָדוצירנדיקע בלייבנ די אומרועס א „פריוואטער פאל", אזוינע, ווי זיי זיינענ געווענ אינ גאנצ רוסלאנד אינעמ פאַריקנ פעריאָד. און לויט די יאָרנ טיילט זיכ שארפ אויס דאָס 1902 יאָר, וואָס האָט געגעבנ העכער 50 פראָצ. פונ אלע פויערשע ארויסטרעטונגענ פאר די גאנצע פינפ יאָר.

דאָס 1902 יאָר קומט טאַקע אויס צו רעכענעג פאַרנ ערשטנ, נאָכ דער „באַפרייונג", יאָר פונ א פויערשער מאסנ-באוועגונג אינ רוסלאנד. אלס „מאסעווע" האָט זיכ די דאָזיקע באוועגונג צעשפילט, אינ טאָכ גענומענ, אפ דער טעריטאָריע פונ עטלעכע אויעזדנ פונ פאָלטאווער און כארקאָווער גובערניעס און טיילווייז נאָכ אינ סאראטאָווער גובערניע, ווו זי האָט שוינ אָבער געטראָגנ א ווייניקער מאסנהאפטיקנ כאראקטער. די פאָלטאווער-כארקאָווער באוועגונג, וואָס האָט געדויערט סאכאקל עטלעכע טעג (סאָפ מארט — אָנהייב אפרעל), האָט געטראָגנ אנ אויסשליסלעכנ, ניט קיינ אָפטנ אפילע אינ 1905 יאָר, ד ו ר כ ו י ס י ק נ כאראקטער. אפ ניט קיינ גרויסנ שעטעכ, מיט א באפעלקערונג סאכאקל פונ 150 טויזנט מענטשנ, האָט זיכ אופגעהויבנ קימאט דאָס גאנצע פויערטום, און עס זיינענ צעגראָמירט געוואָרנ קימאט אלע פריצישע גיטער — 54 אינ פאָלטאווער גובערניע און 28 אינ כארקאָווער. „איינגעשטילט" האָט מענ די באוועגונג, אייגנטלעכ, בלויז אינ כארקאָווער גובערניע, אינ פאָלטאווער גובערניע, ווו זי האָט זיכ אָנגעהויבנ, איז די זאכ געגאנגענ אזוי גיכ, אז די שטראָפ-אָטריאדנ איז אויסגעקומענ לעאכערהאמייסע זיכ צערעכענענ מיט די שוינ „רויק געוואָרענע" פויערים, ווענ דער אופשטאנד איז שוינ געווענ פארענדיקט. „מע מוז אנערקענענ, — האָט מיט צייניקציצעניש געשריבנ דער כארקאָווער פראָקוראָר צו זיינע שעפנ, — אז אינ פאָלטאָווער גובערניע זיינענ די גוואלדטאטנ און די רויבערייענ ניט דערשטיקט געוואָרנ דורכ דער מאכט, גאָר די רויבער אליינ האָבנ דאָס איבערגעריסנ".

די זעלביקע צארישע פראָקוראָרנ — זיי זיינענ דערנאָכ זיכ צונויפגעפאָרנ אינ דרייענ „צו מישפעטנ די שולדיקע" — גיבנ אונדז טאַקע א כאראקטעריסטיק פונ די נאָענטסטע סיבעס און מאָטיווננ פונ דער באוועגונג, — א כאראקטעריסטיק אפ אזויפיל אפ איר שטייגער אנ אָביעקטיווע, ווי די אויבנ ציטירטע מיינונגענ פונ די גובערנאטערס און זשאנדארמענ וועגנ דער לאגע פונ די פויערים. באזונדערס אָביעקטיוו איז זי געווענ דערפאר, ווייל די פראָקוראָרנ גופע האָבנ געהאלטנ, אז די אומיטלבארע סיבע פונ דער באוועגונג איז די רעוואָליוציאָנערע אגיטאציע.

דאָס, וואָס אזא אגיטאציע איז אָנ סאָפעק געווענ (איינע פונ די פראָקוראָרנ האָט פעסטגעשטעלט, אז אינ פארלויפ פונ צוויי וואָכנ זײַנעג געווענ 16 פאלנ, וועג די פאָליציי האָט פארכאפּט רעוואָליוציאָנערע אופרופנ אונ בראָשורנ אינעמ ראיאָנ פונעמ אופשטאנד), מאכט, פארשטייט זיכ, באזונדערס אינטערעסאנט די פאָלטאָווער-כארקאָווער באוועגונג אונ באזײַטיקט יעטווידער מעגלעכקײַט צו האלטנ זי פאר א „סטיכיייִשע“. אגיטאציע איז אָבער געווענ אויכ אינ די 70-ער יאָרנ,— אונ פונדעסטוועגנ איז דאנ קיינ מאסנ-באוועגונג ניט געווענ. קעדיי עס זאָל אנטשטיינ א מאסנ-באוועגונג, איז ווייניק אגיטאציע אליינ. א דאָרפ-סטארעסטע פונ איינעמ פונ די אופגעשטאנענע דערפער האָט אפנ פארהער דערציילט: „אונ איכ מיינ, אז אויב אונדז וואָלט זיכ געלעבט בעסער, וואָלטנ קיינ שומ ביכלעכ ניט געהאט קיינ שומ באדײַטונג, וואָס עס זאָל דאָרטנ אינ זיי ניט זײַנ אָנגעשריבנ. שרעקלעכ זײַנענ ניט די ביכלעכ, נאָר דאָס, וואָס קיינ עסנ איז ניטאָ ניט פאר דיר, ניט פארנ פי. קיינ ערד איז ניטאָ, איז קיינ ברויט אויכ ניטאָ, קיינ לאָנקע ניטאָ, איז קיינ פאשע פארנ פי אויכ ניטאָ, אונ דערפאר טאקע האָט זיכ דאָס ארבעטפי די לעצטע צײַט זייער פארקלענערט. אשטייגער, פאר-איאָרנ איז געווענ 300 שטיק, אונ איצט וועסטו אפילע קיינ 100 שטיק ניט געפינענ אינ אונדזער געמיינדע, אונ קיינ שאָפ איז גאָר אינגאנצנ ניטאָ. קיינ לאנדווירטשאפטלעכ געצײַג, וואָס זאָל כאָטש וויפל-ניט-איז טויגנ צו דער ארבעט, זײַנענ מיר ניט אימשטאנד זיכ אײַנצוקויפנ, דערפאר טאקע קאָנענ מיר ניט באארבעטנ די ערד ווי עס דארפ צו זײַנ. באגיטיקנ די ערד מיט מיסט קאָנענ מיר אויכ ניט, ווײַל מיר נוצנ עס אפ באהייצונג... אינ סאכאקל סטײַעט בא אונדז ניט יערלעכ אפ דורכלעבנ אונ שטענדיק דערעסנ מיר ניט, ברויט סטײַעט בא אונדז ניט מער ווי ביז דעקאבער כוידעש“.

די באוויזנ פונ די פראָקוראָרנ באשטעטיקנ אינגאנצנ די באוויזנ פונ אָט דעמ סטארעסטע. וועגנ דעמ זעלביקנ יִשעוו, מאקסימאָווקע, שרײַבט איינער פונ די פראָקוראָרנ: „אינעמ ערשטנ טייל פונ דעמ דאָזיקנ יִשעוו קומט אויס אפ 657 נעפאשעס פונ ביידע געשלעכטנ 28 דעסיאטינ מיט 184 קוואדראט-קלאפטער ערד, אינעמ צווייטנ טייל אפ 413 נעפאשעס — 32 דעסיאטינ מיט 650 קוואדראט-קלאפטער (ד. ה. זיי פארמאָגנ בלויז הויפנ אליינ)“. „אכוצ דעמ, — גיט צו דער פראָקוראָר, — לויט די יעדיִעס, וואָס עס האָט מיר צוגעשטעלט די גובערניאלע פריסוטסטוויע לויטנ גובערנאטערס פאראָרדענונג, איז ניטאָ קיינ ערדבאלאָקימ בא נאָכ 15 געזעלשאפטנ אינ די וואָלאָסטנ, וואָס האָבנ זיכ באטייליקט אינ די אומאָרדענונגענ“. אינ א צווייטנ „צעבונטעוועטנ“ יִשעוו איז געווענ ¼ דעסיאטינ הויפ אונ ¼ דעסיאטינ פעלד אפ איינ מענלעכנ נעפעש. „אינ סטעפאנאָווקע (אויכ א „צעבונטעוועטער“ יִשעוו) — ¼ דעסיאטינ אפ א נעפעש, אונ עס איז ניטאָ קיינ איינ קו“, אאוו. אאוו.

די פויערימ פונ דעמ ראיאָנ, וואָס האָט דער ערשטער אינ רוסלאנד אָנגעהויבנ די אגראר-רעוואָליוציע, זײַנענ געבליבנ אָנ ערד, מעגלעכ, נאָכ אינ די צײַטנ פונ לײַביגנטומ: גראָד אינ פאָלטאווער גובערניע האָט די „פרײַהײַט“ געטראָפנ באזונדערס פיל אָנערדיקע לײַביגענע. יעדנפאלס זײַנענ זיי בא דער „באפרײַונג“ גופע באראבעוועט געוואָרנ ווי קיינער. דאָס פערטל דעסיאטינ אפ א נעפעש, וועגנ וועלכנ עס דערמאָנט דער פראָקוראָר, — דאָס איז נאָכ גאָרנישט: עס זײַנענ געווענ ערטער, ווו אפ א נעפעש איז אויסגעקומענ „ז י ב נ קוואדראט-קלאפטער“ ערד. אינ אלגעמיינ גענומענ איז לויטנ בעזשבנ פונעמ פראָקוראָר אויסגע-

קומענ עטוואס וויניקער פונ ¼ הא אפ א מענטשנ (590.149 הא אפ 2.443.905 מענטשנ).

די ערד-ענגשאפט האט זיכ, נאטירלעכ, געשאפנ ניט אומזיסט,— מיר וויסנ, אז דער פויערשער ערד-מאנגל איז בא אונדז געווענ א נייטיקער באדינג פאר דער עקזיסטענצ פונעמ גרויסנ פריצישנ ערדבאזיצ. וויבאלד דער פויער האט ניט געהאט קיינ אייגענע ערד, האט ער געמוזט ארענדירנ גוטבאזיצערישע. אט וואס עס דערציילט וועגנ דעמ דער זעלביקער פראקוראר (קאוואלענסקי): „די ארענדע-פרייזנ אינ קאנסטאנטינאגראדער אויעזד זיינענ פונ 1886 יאר ביז 1900 יאר, ד. ה. פאר 14 יאר, געשטיגנ אפ ערד פאר זומערטוועע — אפ 123 פראצ., פאר ווינטער-טוועע— אפ 94 פראצ., אינ פאלטאווער אויעזד — אפ 32 אונ 38 פראצ. די *פרייזנ האבנ באזונדערס שטארק אנגעהויבנ שטייגנ* פונ 1897 יאר. דערביי דארפ מענ באמערקנ, אז דער שעטעכ ערד, וואס ווערט אפגעגעבנ אינ ארענדע, פארשמעלערט זיכ מיט יעדנ יאר אפילע לויט אזוינע פרייזנ. אינעמ לויפנדיקנ 1902 גערעטעניש-יאר זיינענ די ארענדע-פרייזנ, ווי מיר איז באוווסט, אויסגעוואקסנ נאכ העכער. די שוועריקייט פונ דער לאגע פונ דער פויערשער באפעלקערונג אינ דער געגעבענער געגנט וועט זיינ נאכ קלארער, אויב מיר וועלנ נעמענ אינ אכט דעמ אומשטאנד, אז די ערד-באזיצער אונ די ארענדאטערס, זוכנדיק עקאנאמישע נוצנ פאר זיכ, גיבנ אפ די ערד אינ ארענדע די פויערימ הויפטזאכלעכ פאר אראפנעמענ דאס ברויט. אינ קאנסטאנטינאגראדער אויעזד פאדערט מענ פאר איינ דעסיאטינ טוועע-פעלד, אז מע זאל אראפנעמענ, אפטמאל אויכ אריבערפירנ, צו 2 דעסיאטינ טוועע פונ די עקאנאמיעס, אונ אינ פאלטאווער אויעזד אפילע צו דריי דעסיאטינ. פאשע פארנ פי גיט מענ, אבער ניט שטענדיק, אונ פאר שווערע אפארבעטונגענ אינ פעלד. אינ אנדערע ערטער האבנ די פויערימ אינגאנצנ ניט ווו צו פאשענ, זיי פארמאגנ ניט קיינ קי אדער זיי מוזנ האלטנ זייער פי אפנ שטריקל".

די גאנצע ארטיקע מאכט האט איינמוטיק באשטעטיקט די דאזיקע פראקוראררישע כאראקטעריסטיק, צוגעבנדיק צו איר נאכ העלערע שטריכנ. דער אויעזדנער איספראווניק זאגט: „צווישנ די באזיצער פונ יענער געגנט (ווו עס האט זיכ אנגעהויבנ דער אופשטאנד) האט עקזיסטירט א מיינונג, אז וואס טייערער מע וועט נעמענ פאר די ארענדע-ערדנ, אלצ בעסער" (פונקט ווי וו-ניט-איז אינ אנדערע ערטער וואלטנ די פריצימ ניט געמיינט אזוי). אינעמ גוט פונ איינעמ א פאוולאוו האט מענ די פויערימ „פונ ראכמאנעס" געצאלט צו 15 קאפ. א טאג — זיי זיינענ קלוימערשט געגאנגענ ארבעטנ אויכ פאר 5 קאפ. דא האט „א טייל באפעלקערונג פונעמ ניט דערעסנ געליטנ אפ א קרענק, וואס הייסט „נאכט-בלינדקייט". די באלוינונג פאר ארבעט איז ביכלאל אינ אלע יענע ערטער געווענ אנ אבסאליוט אומגלייבלעכע. אינ קארלאווער עקאנאמיע, — וואס האט, אגעוו גערעדט, געהערט איינעמ פונ די „ראמאנאווס", א מיטגליד פונ דער צארישער פאמיליע, — פלעגט מענ ווינטערצייט צאלנ א מאנצביל צו 20 קאפ. א טאג, אונ א פרוי — 15 קאפ. אבער דארט האט מענ אפנעמ די ארבעטער פונדעסטוועגנ געשפייזט. בא איינעמ א שכייניש פארעצ, בא וואדיאניצקינ, פלעגט מענ די פרויענ צאלנ אויכ ניט מער פונ 20 קאפ., אבער *מיט אייגענע שפייז*... ווי האט מענ דא געקאנט ניט קראנק ווערנ אפ נאכט-בלינדקייט!

אונ אט אפ דעמ דאזיקנ פינצטערנ דאלעס אונ אומפארשעמטסטער עקספלו-

אַטאַציע, אַפ דער דאָזיקער ערד־ענגשאַפט, בא וועלכער די פּויערים זײַנענ ניט געווענ געזיכערט מיט ברויט אַפילע אינ די גוטע יאָרנ (אינ קאָנסטאַנטינאָגראַדער אויעזד פלעגט ניט קלעקנ קיינ ברויט ביז דער נײַער גערעטעניש בא 75 פּראָצ. פונ אַלע ווירטשאַפטנ, אינ פּאָלטאַווער — בא 54 פּראָצ.) איז אויסגעפאַלנ אַנ אומגערעטעניש.

די אומגערעטעניש — דאָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש — האָט געטראָפנ בלויז די פּויערשע ערד — אַפ דער גוטבאַזיצערישער איז דער קאָרנ געווענ געראָטנ אַפילע בעסער ווי געוויינלעכ. ווייץ אונ גערשטנ קימאַט ווי שטענדיק. די פּויערים אָבער האָבנ ניט דערנומענ 14 פּראָצענט קאָרנ, 20 פּראָצ. ווינטער־ווייץ, זומער־ווייץ — אַפילע 24 פּראָצ., אונ פּראָסע — 49 פּראָצ. לעגאַבע דער דורכשניטלעכער גערעטעניש פאַר די לעצטע 15 יאָר. פאַרוואָס די אומגערעטעניש האָט געטראָגנ אַזאַ „קלאַסנ"־כאַראַקטער, ווייסנ מיר שוינ. דער אופשטאַנד האָט זיכ טאַקע אָנגעהויבנ דערפונ, וואָס „די פּויערים פונ עטלעכע יִשוּווים פונ קאָנסטאַנטינאָגראַדער אויעזד פלעגנ קומענ אינ די עקאָנאָמיעס (אינ די פּריצישע) בעטנ ברויט". ערטערווײַז פלעגט מענ זיי געבנ, מערסטנטייל ניט; דאַנ האָבנ זיי אָנגעהויבנ אָפּנעמענ קאַרטאָפל אונ ברויט מיט געוואַלט. דאָרט, וווּ די באַוועגונג איז געווענ בעסער אָרגאַניזירט, האָבנ די פּויערים אַליינ שטרענג אַכטונג געגעבנ, אַז מע זאָל בא די פּריצים „אַכוצ טווע, שפּײַז אונ פוראַזש־פּראָדוקטנ" אַבסאָליוט גאָרניט ניט נעמענ. „ניט לויטנ געזעצ טאָר מענ ניט", — פלעגנ זיי זאָגנ: זיי האָבנ נאַיִוו געמיינט, אַז אינעם צאַרישנ רוסלאַנד האָט אַוועלכער ניט איז „געזעצ" אָפּגעהיט דעם פּויער פונ הונגער־טויט!

עס וואָלט אָבער געווענ ביז גאָר קורצזיכטיק צו באַטראַכטנ די גאַנצע באַוועגונג ווי אַ הונגער־בונט. דערצו איז זי קוידעמקאָל געווענ צו גוט אָרגאַניזירט. זי האָט געהאַט איר צענטער — דאָס דאָרפ ליסיטשיאַ, קאָנסטאַנטינאָגראַדער אויעזד, פּאָלטאַווער גובערניע. דאָרט איז געווענ ניט קיינ גרויסער רעוואָליוציאָנערער קרײַזל, וואָס איז, עמעס, דירעקט מיט קיינ פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, אַפּאָנעם, ניט געווענ פאַרבונדנ (אָדער דער פּאָליציי האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ פעסטצושטעלנ די דאָזיקע פאַרבינדונג; צווישנ די געליטענע אינ דעם דאָזיקנ פּראָצעס זײַנענ פאַראַנ אי סאָציאַל־דעמאָקראַטנ — איסקראָווצעס אי סאָציאַל־רעוואָליוציאָנערנ אי אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטנ), אָבער אַ גאַנצ אויסגעפורעמט קרײַזל, אונ, דער איקער, וואָס עס האָט דערוואָרבנ אַ פעסטנ אײַנפלוס אַפ דער גאַנצער מאַסע פונעם אָרטיקנ פּויערטום. דורכ אָט דעם דאָזיקנ קרײַזל האָט דאָס פּויערטום באַקומענ רעוואָליוציאָנערע ליטעראַטור אַפ רוסיש אונ אוקראַיִניש — עפּשער ניט „פונ־ווײַז", ווי עס האָבנ געטײַנעט אייניקע מאָסרים, אָבער יעדנפאַלס אויכ ניט קיינ איינצלנע צופעלירע עקזעמפּליאַרנ. „ביכלעכ", וואָס אונטער דעם נאָמענ האָבנ די פּויערים פאַרשטאַנענ אַלציינס אי בראָשורנ אי פּראָקלאַמאַציעס, טרעפנ זיכ אינ די באַווײַזנ פונ די איידעס קימאַט אַפ יעדנ טראָט.

לויט די אָנגאַבנ פונ דער פּאָליצייִשער אויספאָרשונג, האָט זיכ די פּראָפּאַגאַנדע אינ ליסיטשיאַ אָנגעהויבנ מיט עטלעכע יאָר פאַרנ אופשטאַנד: „די ליסיטשיאַנער האָבנ אָנגעהויבנ זיכ ענדערנ צום שלעכטנ פאַר די לעצטע דרײַ יאָר", אונ דער ווינטער פונ 1901/02 יאָר איז געווענ בלויז אַ צײַט פונ אַ באַזונדערס אינטענסיווער פאַרשפּרייטונג פונ ליטעראַטור. אָבער דאָס קרײַזל האָט מענ אופגעדעקט

בלויז אדאנק דעמ אופשטאנד און אינ צוזאמענהאנג מיטנ דערשטיקנ אימ. מיט אנדערע ווערטער, פונ קאנספיראטיווג שטאנדפונקט איז די ארבעט געפירט געווארנ גארניט שלעכט. גוט האבנ זיכ געהאלטנ אויכ די פראפאגאנדירטע פויערימ. דער געהילפ-פראקוראר, וואס האט דורכגעפירט די אויספארשונג אינעמ דארפ ליסיטשיא גופע, האט זיכ באקלאגט פאר זײַנ שעפ, אז האגאמ „אלע פעדעמ, פונ וועלכער זײַט מע זאל ניט כוקנ אפנ אינינ, פירנ אינ דארפ ליסיטשיא", אבער — „דארט ווערנ זיי פארלוירנ, ווײַל דא שטויסט זיכ אנ די אויספארשונג אפ אזא פעסטער סאלידארישקײַט פונ די פויערימ איגעמ אפלייקענ, אז מע קאנ קיינ שום נײַע יעדיעס ניט באקומענ". די זשאנדארמענ זײַנענ ניט געווענ גליקלעכער פאר די פראָ-קורארנ, און דער זשאנדארמענ-ראטמיסטער האט ראפארטירט: „דאס פארופנ זיכ אפ די איידעס פונעמ דארפ ליסיטשיא געפינט ניט קיינ ווײַטערדיקע באשטעטיקונג קימאט אינ אלע פאלנ, ווײַל אלע ליסיטשיאנער פארשווײַגנ אקשאנעסדיק די אומ-שטענדנ, וואס זײַנענ שײַכ צו דער פארברעכערישער טעטיקײַט פונ אלעקסייענקענ (א סטודענט פונ כארקאווער אוניווערסיטעט, דער אנפירער פונעמ קרײַזל) און פונ זײַנע כאווײרימ". אינ דער אומגעגנט האבנ זיכ וועגנ דער ארגאניזירטקײַט פונ די ליסיטשיאנער געטראגנ אבסאליוט אומגעלומפערטע קלאנגענ, ווי, אשטייגער, אז בײַ זיי „קלײַבט מענ זיכ צונויפ אפ פארזאמלונגענ לויט א גלעקל", אז אינ יעדער פאגראם פונ א פריצישנ הויפ האט זיכ באטייליקט לעבאלאפאכעס איינ ליסי-טשיאנער אהנ. בײַ דער גאנצער אומגעלומפערטקײַט פונ אזויגע דערציילונגענ זײַנענ זיי כאראקטעריסטיש, ווײַל זיי באווײַזנ, אפ וויפל הויכ עס איז צווישנ די שכיינימ געשטאנענ די רעפוטאציע פונעמ דאזיקנ קליינינקנ רעוואליוציאנערנ צענטער.

שוינ די דאזיקע פארהעלטנישמעסיקע ארגאניזירטקײַט שליסט אויס יעטווידער מעגלעכקײַט צו ריידנ וועגנ דער ערשטער מאסנווער ארויסטרעטונג פונ די פוי-ערימ, ווי וועגנ א „סטיכייישנ" בונט, וועגנ א „הונגער"-בונט. דער הונגער האט גע-געבנ א שטויס צומ אופשטאנד, אבער די לאזונגענ פונעמ אופשטאנד זײַנענ געווענ פיל ברייטער, איידער „גיט ברויט", וואס דערופ האבנ אנ שום ספעק זייער שטארק געוואלט ארויפירנ אייניקע אנטיילנעמער, ווענ זיי זײַנענ צוגעצויגנ געווארנ צומ געריכט: זיי האבנ אלצ געהאפט אפ דעמ זעלבנ „געזעצ", וואס האט, קלוימערשט, אפגעהיט דעמ פויער פונ הונגער-טויט. דער ווירקלעכער לאזונג פונעמ אופשטאנד איז געווענ: „ערד" — קאנפיסקירנ די גוטבאזיצערישע ערד און איבערגעבנ זי די פויערימ. טאקע דערינ האבנ די פויערימ געזענ דעמ הויפט-זינ פונ די „ביכלעכ", צו וועלכע די מער אפגעשטאנענע און ווײַטע פונ צענטער האבנ זיכ באצויגנ מיט קימאט אנ אבערגלויבערישנ דערעכערעצ. איינער א נאכט-וועכטער האט נאכ סאפ פעוורואל — הייסט עס, מיט א כוידעש פארנ אנהייב פונ דער באוועגונג—געזאגט די ארבעטער אינ קיב: „ביכלעכ זײַנענ שוינ פאראנ אינ דער דארפ-פארוואלטונג, און אינ זיי איז געשריבנ, אז די סטודענטנ זײַנענ זיכ מישטאדל, מע זאל די ערד פונ די פאנעס איבערגעבנ די פויערימ". פארנ אופשטאנד האט איינער פונ זײַנע אנפירער — אויכ אנ ארטיקער פויער — איבערצייגט די וואקלדיקע: „האט קיינ מוירע ניט! דעמ ערשטנ מײַ וועט זיכ אנהייבנ און עס וועט זיכ גיכ ענדיקנ, — אלע וועלנ האבנ צו 9 דעסיאטינ אפ א נעפעש". בײַ דעמ אופשטאנד גופע האט מענ דאס פארופנ זיכ אפנ ערד-מאנגל, אלס סיבע פונ דער ארויסטרעטונג, געהערט אפ שריט און טריט: „דו האסט איינער אליינ 100 דעסיאטינ, — האבנ די פוי-ערימ געזאגט צו איינעמ א רײַכנ ארענדאטער, — און מיר האבנ צו 1 דעסיאטינ

וואָלסטו געזען, וויאַזוי מיר האָבן דיך געשפּײַזט...".

אויב אָבער אין דער פראַגע וועגן ערד זײַנען די פּויערים געווען פולשטענדיק באַוווּסטזיניק, אויב, — פאַר דער ע ר ש ט ע ר פויערשער אַרויסטרעטונג, — זײַנען זיי געווען ניט שלעכט אָרגאַניזירט, — האָט זייער פּ אָ ל י ט י ש ע אידעאָלאָגיע געמעגט זײַן פיל בעסער. אַפילו ביישפּיל פונעם "געזעץ", וואָס האָט קלוימערשט אָפּגעהיט דעם רוסישן פויער פון הונגער־טויט, האָבן מיר געזען, וואָס פאַר אַן אילוזיעס עס האָבן בײַ זיי עקזיסטירט מיקויעך דער ווירקלעכער באַדײַטונג פונעם צאַריזם און פון זײַן געזעצגעבונג. און דאָס איז געווען בלויז אַ טייל פונעם גאַנצן — דעם צאַריזם איגגאַנצן גענומען האָבן די פּויערים ניט ווייניקער אידעאַליזירט. די אַנטשטייונג פונעם אויפשטאַנד גופא האָבן זיי זיך געפּרוווט, זאָל זײַן אַפילו אומדירעקט, פאַרבינדן מיטן צאַרישן ווילן. „צווישן די פּויערים האָט זיך אומגעטראָגן אַ קלאַנג, אַז דער צאַר האָט קלוימערשט געפרעגט באַם סינאָד: „ווער איז בײַ אײַך באַלעבאָס, וועגן איר פאַרט אַוועק?" האָט דער סינאָד געענטפערט: „דער פּאַרוואַלטער". — „קאָן איך באַשטימען?" — „קאָנסט". איז דער צאַר אַליין אַוועקגעפאָרן צו דער שוויגער, האָט באַשטימט אַ פּאַרוואַלטער, און אָט דער קלײַבט עס פאַנאַנדער די פּאַנעס".

די פּויערים האָבן דעריבער געהאַנדלט גאַנץ רויִק, מיטן פולשטענדיקן באַוווּסטזײַן פון זייער גערעכטיקייט. ווען עס איז געקומען מיליטער און די קאָמאַנדירן האָבן זיי געדראָט, אַז זיי וועלן שיסן, האָט דער האַמויז מיט זיכערקייט געענטפערט: „ליִגסט, וועסט זיך ניט דערוועגן צו שיסן: דער צאַר האָט ניט געהייסן". און אַז עס פלעגן זיך פונדעסטוועגן דערהערן זאַלפּן און דער האַמויז פלעגט זיך צעלויפן, איבערלאָזנדיק אַפן אָרט דערהרגעטע און פאַרוווּנדעטע, פלעגן די פּויערים, צונויפזאַמלענדיק זיך אַפּ מאָרגן, טײַנען, אַז די אָפיצערן וועלן פאַר דעם געשעענעם שטרענג ענטפערן „פאַרן הערשער דעם אימפּעראַטער".

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז דער גלויבן אין צאַר פלעגט זיך אַרויסווײַזן שטאַרקער אַפילו פונעם גלויבן אין גאָט. איינער אַ פּויער האָט געטײַנעט צו אַ פּאָרעץ, וועמעס הויף מע איז געקומען „צענעמען": „איצט איז איין טעווע — די נאַטור. קיין גאָט איז ניטאָ. דער צאַר איז אַוועקגעפאָרן צו דער שוויגער. דאָ וועט פאַר די פּויערים זײַן בעסער, איידער אַפן אַמור" (ווהין איינקע „באַלעטוויועס" האָבן געראַטן די פּויערים איבערצוואַנדערן).

מע דאַרף אָפּגעבן גערעכטיקייט דער צאַרישער אַדמיניסטראַציע — זי האָט אָנגעווענדט אַלע קויכעס, צו צעשטערן די דאָזיקע פּויערשע אילוזיע. אַכוץ די צעשיסונגען אַפן אָרט פונעם „פאַרברעכן", וואָס אין אָט דער מעגלעכקייט האָבן ניט געגלייבט אַפילו גוואַרדייִישע רעזערוו־סאָלדאַטן (אין איין דאָרף האָט מיט די פּויערים קאָמאַנדירט אַן אונטעראָפיצער פון פּרעאָבראַזשענסקער פּאָלק, וואָס מע האָט נאָר וואָס אָפּגעלאָזן אין רעזערוו), ד. ה. מענטשן, וואָס האָבן, דאַכט זיך, גוט געוווּסט דעם מיליטערישן סטאַטוט, האָט מען די פּויערים אַכזאָריעסדיק געפּײַניקט שוין נאָכן „אײַנשטילן", אָדער ווען זיי האָבן, ווי דאָס איז געווען אין פּאָלטאַווער גובערניע, זיך אַליין „אײַנגעשטילט". מיר וועלן געבן אַ וואָרט ווידעראַמאָל די פּראָקוראָרן — אין אָט די דאָזיקע באַווײַזן זייערע זײַנען זיי אַזוינע איידעס, וואָס שטייען ווייניקער פון אַלץ אונטער אַ כשאַד: „20 מענטשן באַשולדיקטע האָבן מיט פּיאַטער פּעסונס שטים דערקלערט, אַז מע האָט זיי אַלע גע-

שמיסנ, אַז זיי האָבנ באַקומענ מערער פונ 200 שמיץ יעדערער. דערביי האָט פעסינ באַזונדערס פאַרזיכערט, אַז ער אַליינ איז עטלעכע שאָ נאָכ דער עקזעקוציע געווענ אָנ באַוווּסטזיינ. ווייטער האָט נאָכ פעסונ געפרעגט: „פאַרוואָס האָט מענ פונ דער אַלגעמיינער צאָל פונ אַלע רויבער אויסגעקליבנ זיי פאַר אַזאַ אַכזאָריעסדיקער שטראָף? אַכוץ דעמ זיינענ זיי דאָכ צו 5 כאַדאָשימ אָפּגעזעסנ אינ טפיסע, אונ איצט וויל מענ זיי צומ דריטנ מאָל מישפּעטנ". די באַשולדיקטע האָבנ אויכ געוואָלט וויסנ, צי האָבנ די קאָזאַקנ רעכט געהאַט צוצונעמענ בא זיי אומזיסט אַלע שפּייזרעזערוו". „לויט שאַצילאָס איניעג איז פונ די שמועסנ מיט די באַשולדיקטע קלאָר געוואָרנ, אַז מע האָט געשמיסנ 10 מענטשנ; פונ זיי האָט אוסטענקאָ (23 יאָר אַלט) באַקומענ 200 שמיץ, ער איז געלעגנ, ווי ער זאָגט, צוויי כאַדאָשימ אינ שפּיטאָל אונ ער קאָנ נאָכ איצט ניט קומענ צו זיכ. אַנ אַלטער מאַנ פונ 65 יאָר האָט באַקומענ 65 שמיץ. די באַשולדיקטע האָבנ געזאָגט, אַז מע האָט זיי געשמיסנ אינ צוויי וואָכנ אַרומ נאָכ דער געשעעניש. מיט דער עקזעקוציע האָט אָנגעפירט עפּעס א באַאַמטער, וואָס קיינער ווייס ניט זיינ פאַמיליע. דער באַשולדיקטער שטשעטינאַ, לויטנ איניעג פונ פילימאָנאָוונ אונ אַנד., האָט דערקלערט דעמ געריכט, אַז צוערשט האָט ער באַקומענ 200 שמיץ מיט רוטער, אונ ווענ מע האָט אימ א געבאַלעשטנ געבראַכט אַהיימ, האָבנ זיכ צו אימ אַריינגעריסנ צוויי אוריאַדניקעס אונ מע האָט אימ געשמיסנ מיט א קאַנטשיק. שטשעטינעס אויסזענ איז שרעקלעכ, — דאָס איז עפּעס א האַלב־טויטער מענטש. ביים די זיצונגענ האָט אימ געטראָפנ אַנ אַטאַק, א מינ וויט־טאַנצ אונ עפּילעפּסיע; באַזונדערס איז איינ אַטאַק געווענ שווער, — ער האָט געדויערט צוויי שאָ, עס איז אויסגעקומענ שיקנ נאָכ א דאָקטער. אַרומ האָבנ די פויערימ גערעדט, אַז ביז דער עקזעקוציע איז שטשעטינאַ געווענ געזונט".

אונ ווענ איינער א פויער האָט, זעענדיק אַזוינע פּייניקונגענ, א געשריי געטאָנ צו די סאָלדאַטנ: „וועלכנ צאַר דינט איר, — צי מעג מענ דענ אַזוי פּייניקנ דאָס פאָלק, ווי דערלאָזט איר דאָס?" — האָט מענ אימ טייקעפ געגעבנ 250 שמיץ — מיט 50 שמיץ מער, איידער אַנדערע. פאַרופ זיכ ניט אָפּנ צאַר...

געשמיסנ האָט מענ אָפּ שריט אונ טריט, געשמיסנ בוכשטעבלעכ „דעמ גערעכטנ אונ דעמ שולדיקנ". איינ פויער האָט באַקומענ 150 שמיץ דערפאַר, וואָס ער האָט פאַרשפּעטיקט צו קומענ לויטנ גובערנאַטאָרס אַרויסרופ. א פורמאַנ פונ איינער א פריצטע, וועלכער איז געקומענ צו פאָרנ לויט איר באַפעל נאָכ איר היי, האָט מענ אָפּגעשמיסנ, ווי א רויבער, ניט געקוקט אָפּ אַלע זיינע פּראָטעסטנ.

דאָס בילד איז געווענ אַזאַ, אַז איינער א פויער, וואָס אימ אַליינ האָט מענ אַפילע ניט געשמיסנ, אָבער ער האָט צוגעזענ דאָס שמייסנ, האָט זיכ צוויי מאָל געוואָלט אופהענגענ. אָפּנ פּראָצעס האָבנ די פויערימ — וואָס האָבנ גאָרניט געקאָנט פאַרשטיינ, פאַרוואָס מישפּעט מענ זיי נאָכ, אויב מע האָט זיי שוינ אַזוי אַכזאָריעסדיק באַשטראָפט, — אויסגעזענ אַזוי, אַז אַפילע דעמ פּראָקוראָרס האַרצ איז גערירט געוואָרנ. „די באַשולדיקטע, וואָס איכ זע אָפּנ געריכט, — האָט ער געשריבנ, — מאַכנ אָפּ מיר דעמ טרויעריקסטנ איינדרוק. דאָס זיינענ מענטשנ, ווענעמענ דאָס אומגליק זייערס האָט אינגאַנצנ דערשטיקט. פיל וויינענ ביים דער זיצונג. אָנגעטאָנ זיינענ זיי אינ טראַנטעס אונ זעענ אויס שרעקלעכ אויסגעמאַטערט". אונ דער פאָרזיצער האָט, נאָכ עטלעכע פאַרהערנ, „געמאַכט אַנ איבע-

ריים, קעדיי, — ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, — ברענגען זײַנע נערוון אין אָרדענונג".

אָבער אויב ברענגען אין אָרדענונג די פּאַרזיצערישע נערוון איז געווען לײַכט, איז ברענגען די פּויערים אין אַזאַ „אָרדענונג", וואָס איז געווינטשן פאַר דער צאַרישער אַדמיניסטראַציע, — דאָס האָבן קיינע שום פּײַניקונגען ניט געקאָנט, און וועגן דעם זאָגט ווידער איידעס איינער פון די פּראָקוראָרן. „אַז איך קוק זיך צו צו דער לאַנגער ריי פּערזאָנען, וואָס גייען דורך פאַר מײַנע אויגן אין געריכט און אויסערן געריכט, און וואָס האָבן אַ שײַכעס צו די דאָזיקע פּראָצעסן, אַז איך הער זיך צו צו זייערע באַווײַזן און רייד, קום איך צו דער איבערצײַגונג, אַז די פּויערים זײַנען אָנגעשראָקן, אָבער זיי זײַנען לאַכלוטן ניט איבערצײַגט. די פּויערים איבעראַשן מיך נאָך מיט זייער ווילדקײַט. אָדער עפּשער איז עס פאַר־טראַכטקײַט, וואָס דאָס האָב איך ניט באַמערקט אין די יאָרן פון מײַן געוועזענער דינסט אַף די ערטער. יעדנפאַלס, אומצוטרוי צו דער מאַכט און פולשטענדיקע אָפּגעפרעמדטקײַט פון איר ווײַזט זיך אַרויס אין אַלץ". אויב פּייניקן די פּויערים האָט די מאַכט געקאָנט וויפל איר האַרץ גלוסט, איז אָבער באַקומען פון זיי עפּעס אַ קאָמפּענסאַציע פאַר די העזייקעס, וואָס דער אויפשטאַנד האָט אָנגעמאַכט די פּריצים, דאָס איז געווען איבער די מעגלעכע קויכעס. אַפן צעבונטעווען קרײַז האָט מען אַרופגעלייגט אַ קאָנטרי־בוציע ניט מער און ניט ווייניקער ווי 800 טויזנט רובל. דאָס איז געווען אַ באַשלוס פון דער צענטראַלער רעגירונג; אָבער אַז ער איז דערגאַנגען צו דער אָרטיקער מאַכט, האָט מען איינמוטיק אָנגעהויבן פּראָטעסטירן. „אַלע זעמסקע נאַטשאַלניקעס האָבן איינשטימיק דערקלערט, אַז אויספילן דעם אַלערהעכסטן באַפעל אין עם טייל פון פאַנאַנדערטיילן די העזייקעס צווישן די דאָרף־געזעל־שאַפטן, און ניט צווישן באַזונדערע שולדיקע פּערזאָנען, וועט, לויט זייער מיי־נונג, אומפאַרמײַדלעך אַרויסרופן צווישן די פּויערים אַ גרעסערע אויפרעגונג, וואָס פאַר די רעזולטאַטן זייערע קאָנען זיי ניט אָרעוו זײַן, און באַזונדערס קאָנען זיי ניט נעמען אַף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר אַ געלונגענער לייזונג פון די שאַרפע קאָמפּליקאַציעס, וואָס קאָנען זײַן דערפון". און איינער אַן אַדעליקער האָט דערקלערט, אַז דאָס אויפמאָנען די העזייקעס וועט „פירן צו אַ גרעסערער פאַרשאַרפונג פון די באַציִונגען צווישן די פּויערים און פּריצים, דערבײַ אין אַזאַ מאָס, אַז די פּריצים וועלן מוזן פאַרלאָזן זייערע גיטער". סאָפּקאָלסאָף איז שוין אין 1904 יאָר אויסגעקומען אַראָפּצונעמען די קאָנטריבוציע, ניט באַקומענדיק כּמעט קיין איין קאָפּעקע.

די הויפּט־מאַסע אויפשטענדלער האָט געבילדעט דאָס אָרעמסטע פּויערטום. „די גרעסטע צאָל דערפער, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין די אומאָרדענונגען, פאַלט אויס אַף די געזעלשאַפטן, וואָס האָבן אַף אַ נעפעש באַפעלקערונג פון 0,2 ביז 0,5 הא, ד. ה. ביז אַ האַלבן העקטאַר, — זאָגט איינער אַן אויספאָרשער. — די דאָזיקע דערפער האָבן אין דער מערהײַט פאַלן אָנטייל גענומען אין דער באַוועגונג אויב ניט אינגאַנצן, איז אַף 50—70—90, אָדער טאַקע אַף 100 פּראָצ.".

דאָס קאָן אַרויסרופן אַ ווילן צו שילדערן די גאַנצע פּויערשע באַוועגונג פון פּאָלטאַווער און כאַרקאָווער גובערניעס אין מאַרט—אַפּרעל 1902 יאָר, ווי אַן אויפשטאַנד פון דער דאָרפישער אָרעמשאַפט. אָבער דאָס וואָלט געווען כּמעט אַזוי ריכטיק, ווי שילדערן די גאַנצע באַוועגונג אַלס הונגער־בונט. עס פאַר־

שטייט זיכ, אז אינ פאַרגלײַכ ניט בלויז מיט די פּריצימ, נאָר אויכ מיט די סאָכ־רימ, אפילע אינ פאַרגלײַכ מיט די דאָרפישע באַלעגופימ איז די אופגעשטאַנענע מאַסע באַשטאַנענ פונ אָרעמעלײַט. אָבער אויב מע זאָל אונטער „דאָרפישער אָרעמ־שאַפט" פאַרשטיינ דאָס, וואָס מע פאַרשטייט געוויינלעכ אונטער דעמ דאָזיקנ נאָמענ — פויערימ, וואָס זײַנענ האַלב רוינירט אָדער וואָס האָבנ אינגאַנצנ איפּגעהערט צו זײַנ באַלעבאַטימ, וועט אַזאַ כאַראַקטעריסטיק זײַנ ניט ריכ־טיק אפילע בענעגייע, דער פּאָלטאַוועד-כאַרקאָווער באַוועגונג, האָטש דאָ איז די ראָליע פונ דער „אָרעמשאַפט" אינעמ עמעסנ זינ פונעמ דאָזיקנ וואָרט טאַקע גע־ווענ זייער גרויס. קוידעמקאָל וואָלט די באַפעלקערונג פונעמ אָרטיקנ רעוואָליו־ציאָנערנ צענטער, פונעמ דאָרפ ליסיטשיא, ניט אינגאַנצנ געפּאַסט פאַר דעמ דאָ־זיקנ באַגריפ. דעמ פּראָקוראָרס מעמאָראַנדומ דערקלערט וועגנ אָט דער באַפעל־קערונג: „לויט די אַלגעמיינע אָפּרופנ, האָבנ זיכ די פויערימ פונ דער דאָזיקער געזעלשאַפט פריִער אויסגעצייכנט מיט א באַזונדערער זיטלעכקײַט און פּינקטלעכ־קײַט אינ דער אַרבעט (די באַוויַזנ פונ קאָלאָמייעצנ און פונעמ געוועזענעמ איס־פּראַווניק אַנדריעווסקי). זיי האָבנ אפילע פאַרמאָגט ערד, וואָס זיי האָבנ גע־קויפט מיט דער הילף פונעמ פויערשנ באַנק, אָבער, ווי עס דערציילנ די זעלביקע איידעס, האָבנ זיי אומגעריכט, מיט דריי יאָר צוריק, אופגעהערט צו צאָלנ די פּראָצענטנ, פאַרזיכערנדיק, אז דער באַנק קאָנ זייער ערד ניט אָפּנעמענ".

דאָס זײַנענ, אַזוי־אַרומ, געווענ טיפּישע מיטלפויערימ, וואָס האָבנ אָנ־געהויבנ רוינירט ווערנ, אָבער קלאָל ניט קיינ אָרעמשאַפט. ווײַטער, אינעמ אופ־שטאַנד האָבנ אָנ שומ ספק גענומענ אַנ אָנגעזעענעמ אָנטייל די אויסגע־ווײלטע פויערשע מאַכט-פאַרשטייער — אָט דער פאַקט, וואָס אייניקע גײַסטע אויספאַרשער לייקענענ אימ צוליב עפּעס אָפּ, ווערט פולשטענדיק באַשטעטיקט מיט דאָקומענטנ. א גאַנצע ריי דאָרפ-סטאַרעסטעס און סאָטסקעס האָבנ אפילע אָנגעפירט, ערטערוויַז, מיט דער באַוועגונג. אָבער אויב א „סאָטסקי" (א קליינער פּאָליציייִשער אַמט) האָט נאָכ געקאָנט זײַנ אַנ אָרעמאַנ, איז א סטאַ־רעסטע שטענדיק געווענ פונ די מיטלפויערימ — א סמאַרעסטע אָנ א ווירט־שאַפט וואָלט קיינ שומ אווטאָריטעט ניט געהאַט אינ דאָרפ. און ניט צו דער אָרעמשאַפט, פאַרשטייט זיכ, האָט געהערט יענער פּרעאָבראַזשענסקער אונטער־אָפיצער, וועגנ וועלכנ מיר האָבנ דערמאָנט: אינ דער צאַרישער גוואַרדיע פלעגט מענ ווערבירנ ניט פונ צווישנ די קאַפּצאָנימ, נאָר פונ צווישנ דעמ פעסטנ פוי־ערטומ. מיט איינ וואָרט, אפילע די פּאָלטאַווער-כאַרקאָווער „אומאָרדענונגענ" זײַנענ געווענ א באַוועגונג ניט בלויז פונ דער דאָרפישער „אָרעמשאַפט", נאָר א באַוועגונג פונעמ פויערטומ אינגאַנצנ גענומענ.

און נאָכ מער וועט זיכ דער דאָזיקער פאַקט שטעלנ פאַר אונדז מיט דער גאַנצער קלאָרקײַט, ווענ מיר וועלנ אַריבערגיינ צו דער פויערשער באַוועגונג אינ אַנדערע ערטער. דאָרט איז דאָס געווענ שוינ טאַקע א „באַוועגונג", און ניט קיינ אופשטאַנד: אינ א דורכויסיקער מאַסע האָבנ זיכ די פויערימ אינערגעצ אויסער דער ליכּקבּרעגיקער אוקראַינע, ניט אופגעהויבנ. באַזונדערס לעבהאַפט איז געווענ די באַוועגונג אינ סאַראַטאָווער גובערניע. אינ איינער א געגנט פונ אָט דער סאַראַטאָווער גובערניע האָט זיכ אַרויסגעוויזנ, אז דער צענטער פונ דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג איז געווענ אַנ אָרטיקער קלייטל. ווי עס פאַר־צייכנט מיט פאַרוווּנדערונג אינ זײַנ ראַפּאָרט דער פּראָקוראָר פונ דער סאַראַטאָ־

זוער גערינכט-פּאַלאַטע, האָבן זיך די קרעמער, „וויענדיק פּאַרמעגלעכע און באַ־יאָרגטע פּויערים, צוליב עפּעס געפּונען אין זייער נאָענטע באַציונגען מיט דער ניט־פּאַרמעגלעכער יוגנט, וואָס האָט געהאַט זייער א שלעכטע רעפּוטאַציע (בא דער פּאָליציי, פּאַרשטייט זיך), און זיי האָבן זיי אָפּט מעכאַבעד געווען מיט ווײַן". טאָמע אין קלייט „פּלעגן ניט זעלטן פּאָרקומען פּאַרזאַמלונגען", אָפּ וועלכע מע פלעגט לייענען „בראָשורן קעגן דער רעגירונג", באַזונדערס, אַשטייגער, די בראָ־שור „א שמועס וועגן ערד". דערבײַ פלעגן זיך קלוימערשט צווײ קרעמער „ניט איין מאָל כוצפּעדיק אָפּרופן וועגן דעם קייסערס היילקער פּערזאָן און זיי האָבן זיך באַצויגן פּײַנטלעך צו דער מאַכט ביכלאַל. איינמאָל האָט איינער פון זיי זיך ויערלויבט אויסצודריקן: „די פּויערים שטיקט מען און מע דריקט, אָבער אָט וואָרט צו — איר וועט זיך נאָך כאַפּן פּאַרן קאָפּ"!*

אין דער זעלבער געגנט האָט זיך א דאָרפּישער סטאַרעסטע געשטעלט אין שפּיץ פון א פּויערשער דעפּוטאַציע צום פּאָרעץ, וועמען די פּויערים (וואָס האָבן בא דער „באַפרײַונג" באַקומען א געשאַנק-נאַכלע, ד. ה. צו איין העקטאַר אָפּ א נעפּעש) האָבן פּאָרגעלייגט, ער זאָל זיי פּאַרקויפן די ערד אין זאָל ארויכפּאַרן פונעם גוט. די ערד-ענגשאַפּט איז אויך דאָ געווען דער באַדג, אָפּ וועלכן עס האָט זיך אַנטוויקלט די באַוועגונג, אָבער ארײַנגעצויגן אין זיך האָט זי קלאַל ניט די אָרעמשאַפט אליין. אין סאַראַטאָווער גובערניע באַגעגענען מיר דאָ און דאָרט אין דער ראָליע פון אַגיטאַטערס אויך עמעסע באַלעגופים, — אָבער דאָס איז שוין אַן אויסנאַם. אלס קלאַל, האָט דער באַלעגוף געוויינלעך זיך באַמיט צו זײַן ניט־רײַל. דעם פּאָרעץ האָט ער פּײַנט געהאַט ניט ווייניקער, ווי דער מיטל־פּויער. אָבער אים איז מערער אויסגעקומען צו ריזיקירן פון ביידע זײַטן — אי מיצאַד דער מאַכט אין פּאַל פון א דורכפּאַל אי מיצאַד זײַנע דאָרף-שכיינים, וואָס אין פּאַל פון א זיג קאָנען זיי גאַנץ לײַכט זיך דערמאָנען וועגן „אויסגלײַ־כערונג". אָבער זיך צושאַרן צו דער באַוועגונג און נעמען פון איר א מעגלעכע טויווע פּאַר זיך האָט דער באַלעגוף זיך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט — ניט אין 1902, ניט אין 1917 יאָרן.

פּאַלן פון אונטערציערן באַלעגופים, פּאַלן פון בויקאָטירן** באַלעגופים טרעפן מיר אויך אין יענער צײַט; אָבער דאָס זײַנען געווען זעלטענע אויסנאַמען. קאָלזמאַן עס איז ניט צעטיילט געוואָרן די פּריצישע ערד, אַנדערש גערעדט, קאָלזמאַן אין דאָרף זײַנען ניט פאַרשווונדן געוואָרן די רעשטן פון פעאָדאַליזם, איז דער גרונטיקער קלאַסן-ווידערשפּרוך אין דאָרף געווען דער ווידערשפּרוך צווישן די פּויערים און די גוטבאַזיצער. דאָס פעאָדאַלע אייגנטום ווידער, האָגאַם עס האָט זיך שטאַרק פּאַרקלענערט פון 1861-טן יאָר (אָפּ דער שוואַרצערד איז בא די פּריצים פּאַרבליבן בלויז 70% פון דער ערד, וואָס זיי האָבן געהאַט, אלס אייגנטום, אָפּ מאָרגן נאָך דער פּויערים-רעפּאָרם, און אין די ניט־שוואַרצערדישע גובערניעס אפילע נאָר 58%), האָט פונדעסטוועגן אויסגע־מאַכט מער ווי א העלפט פונעם גאַנצן באַטרעף פון די פּויערשע ערדבאַלאָקים

* ס. דובראָווסקי און ב. גראווע. די פּויערשע באַוועגונג (1905 י. ב. I. „די פּאָרהאַנאָכעס פון דער רעוואָליוציע", ז. 351).

** אָפּזאָגן זיך פון אָנצונעמען אַ אַרבעט. אָפּזאָגן זיך פון פאַרקויפן וואָס-ניט איז אדג. מיט אזא מיטל האָבן די אירלענדישע פּויערים אין די 80־ער יאָרן ארויסגעפּאַטערט זייער פּאָרעץ בויקאָט — דערפון נעמט זיך דאָס וואָרט בויקאָט.

 618—5

(בא 76 מיליאָנ העקטאַר און די פּויערשע ערדבאַלאַקימ האָבנ באַטראָפנ 150 מיליאָנ העקטאַר). יעדער פּויער האָט, אַזויאַרומ, געקאָנט אויסרעכענענ צו פאַרגרעסערנ אינ אַנדערהאַלבנ מאָל זײַנ ערד־בײַלעק אָפּנ כעזשבנ פונעמ פּאָרעצ. און דערבײַ איז דאָס פאַרנ פּויער געווענ שוינ זײַנ ערד, באַגאָסנ מיט זײַנ שווייס, ערד, וועלכע ער האָט שוינ באַאַרבעט אָדער אַלס אַרענדאַטאָר אָדער מיטנ באַדינג אָפּצואַרבעטנ פאַר די „אָפּשניטנ". דער איבערגאַנג פונ דער דאָזיקער ערד אינ די הענט פונ די פּויערימ וואָלט געווענ אַ דערפאָלג ניט בלויז פאַר זיי, נאָר אויכ פאַר דער פאָלקווירטשאַפט אַליינ פאַר זיכ. די 76 מיליאָנ העקטאַר, וואָס זײַנענ געווענ אַ רעשטל פונ לײַבייגנטומ, האָבנ באַטראָפנ סאַכאַקל 3% פונעמ גאַנצנ ערדבאַזיצ אינ רוסלאַנד. און אויב אַפּ דער דאָרפ־בורזשואַזיע איז אויסגעקומענ דורכשניטלעכ סאַכאַקל צו 51 העקטאַר אַפּ אַ הויפ, איז אַפּ יעדנ פּאָרעצ אויסגעקומענ 2549 העקטאַר.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, ווייניקסטנס, דער לינקער פליגל אירער, האָט עס אויסגעצייכנט געזענ גלײַכ פונ אָנהייב אָנ. „אינעמ הײַנטצײַטיקנ רוסישנ דאָרפ פּאָרנ זיכ צונויפ צווייערליי קלאַסנ־קעגנזאַצנ, — האָט געשריבנ די „איסקראַ" אינ פרילינג 1901 יאָר, — ערשטנס, צווישנ די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער און די לאַנדווירטשאַפטלעכע אונטערנעמער, צווייטנס, צווישנ דעמ גאַנצנ פּויערטומ און דעמ גאַנצנ גוטבאַזיצערישנ קלאַס. דער ערשטער קעגנזאַצ אַנטוויקלט זיכ און וואַקסט, דער צווייטער ווערט ביסלעכווײַז אָפּגעשוואַכט. דער ערשטער איז אינגאַנצנ אינ דער צוקונפט. דער צווייטער איז שוינ אינ אַ באַדײַטנדיקער מאָס אינ דער פאַרגאַנגענהײַט. און, ניט געקוקט דערופ, האָט פאַר די איצטיקע רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטנ דאַפקע דער צווייטער קעגנזאַצ פּראַקטיש דעמ סאַמע וויכטיקנ באַטײַט... אונדזערע דאָרפ־אַרבעטער זײַנענ נאָכ צו ענג פאַרבונדנ מיטנ פּויערטומ, זיי פילנ נאָכ צו שטאַרק די אַלגעמיינ־פּויערשע צאָרעס, און דעריבער קאָנ די באַוועגונג פונ די לאַנדווירטשאַפטלעכע רוסישע אַרבעטער בעשומויפנ ניט באַקומענ קיינ אַלגעמיינ־נאַציאָנאַלנ באַטײַט ניט איצט, ניט אינ דער נאָענטסטער צוקונפט. פאַרקערט, די פראַגע וועגנ אַראָפּראַמענ די רעשטנ פונ לײַבייגנטומ, וועגנ אויסראָטנ פונ אַלע פאַראַנדיקעס אינ דער רוסישער מעלוכע דעמ גײַסט פונ שטאַנדישער ניטגלײַכבאַרעכטיקטקײַט און פונ דערנידעריקנ צענדליקער מיליאָנענ פונ „פּאָשעטנ פאָלק", די דאָזיקע פראַגע האָט שוינ איצט אַנ אַלגעמיינ־נאַציאָנאַלע באַדײַטונג, און די פּאַרטיי, וועלכע פּרעטענדירט אַפּ דער ראָליע פונ אַנ אַוואַנגאַרדישנ קעמפער פאַר פרײַהײַט, קאָנ זיכ ניט באַזײַטיקנ פונ דער דאָזיקער פראַגע".

ניט געקוקט אַפּ דער אַכזאָריעסדיקער אײַנשטילונג, האָבנ זיכ די פּויערשע אומרוענ איבערגעכאַזערט, איבערלויפנדיק פונ איינ גובערניע אינ אַ צווייטער, סײַ אינ 1903 סײַ אינ 1904 יאָר. ביסלעכווײַז האָט מענ זיכ אָנגעהויבנ צוגעוווינענ צו זיי, — די אויפמערקזאַמקײַט איז, ווי שטענדיק, צוגעטעמפּט געוואָרנ, — און די ידיעס וועגנ די דאָרפישע „בונטנ" האָבנ שוינ מער ניט אַרויסגערופנ צווישנ דער אינטעליגענצ יענע אויפלעבונג, וועלכע מע האָט געקאָנט געווענ זענ צו פייסעכ 1902 יאָר, נאָכ די ערשטע ידיעס פונ פּאָלטאַווער גובערניע. אַפּ די ערטער אָבער איז געווענ פאַרקערט: די לעכאַטכילעדיקע זיכערקײַט, אַז מע וועט זיכ „אַנ אייצע געבנ", אַז מע וועט „אײַנלעשנ", האָט אָנגעהויבנ פאַלנ. „דאָס לעבנ אינ דאָרפ איז געוואָרנ ביז גאָר אָנגעשטרענגט, — האָט מענ געשריבנ פונ פּענזער

גובערניע, — די דאָרפישע שטילקײַט ווערט קימאט יעדע נאַכט צעשטערט פונ אנ אליארמ־קלינגערײַ. עס ברענענ דרעש־שײַערנ, סטויגנ היי, לאַגערס קאָרנ אונ אפילע טוווע אפ די פעלדער... די פריצימ זײַנענ אזוי אָנגעשראָקנ, אז זיי זאָגנ פאָרויס א רעוואָליוציע...״

די פריצימ זײַנענ געווענ גערעכט. גלײַכ נאָכ דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע אינ די שטעט אונ אינ די פאבריקנ האָט זיכ אָנגעהויבנ ארויסרופנ א צווייטע רעוואָליוציע — אינ דאָרפ. ווענ די דאָזיקע צוויי באַוועגונגענ וואָלטנ זיכ צונויפגעגאָסנ צוזאמענ, וואָלט מענ זיי ניט געקאָנט בײַקומענ. די פראגע פונ לעבנ אונ טויט פונעמ „ראָמאנאָווישנ״ רעזשימ איז באַשטאַנענ דערינ, צי עס וועט זיכ אײַנגעבנ זיי צעקלאַפּנ איינציקווײַז. אינ 1907 יאָר האָט זיכ געדוכט, אז יאָ; דאָס 1917 יאָר האָט אָפּגעלייקנט די דאָזיקע איליוזיע.

די צארישע רעגירונג האָט געפילט די געפאר אונ האָט געײַלט, אפ איר שטייגער, צו פארהיטנ זיכ פונ איר. אינ די רעגירנדיקע קרײַזנ האָט מענ גערעדט, אז די סטודענטישע אומרוענ (זיי האָבנ זיכ פאר דעמ גראָד פארשארפט, וועגנ דעמ וועלנ מיר זאָגנ ווײַטער) זײַנענ א קלייניקײַט, אויכ מיט די ארבעטער קאָנ מענ זיכ אנ אייצע געבנ, אויב עס וועט זיכ אָבער אופהייבנ דאָס דאָרפ, קאָנ זײַנ שלעכט. דעמ 22־טנ מארט 1902 יאָר איז געגרינדעט געוואָרנ א „ספּעציעלע באראטונג וועגנ די נויטנ פונ דער לאנדווירטשאפטלעכער אינדוסטריע״ אונטערנ פאָרזיץ פונ פינאנצ-מיניסטער וויטע, דעמ קליגסטנ אונ פייִקסטנ פונ די צארישע דינער ניט נאָר פונ יענער צײַט, נאָר ביכלאל פונ דער גאנצער עפּאָכע נאָכנ 1881 יאָר. צומ גליק פאר דער רעוואָליוציע אונ צומ אומגליק פאר די „ראָמאנאָווס״ האָט ניקאָלײַ ניט געקאָנט לײַדנ וויטענ, — ווי ביכלאל טעמפּע אונ באַגרענעצטע מענטשנ קאָנענ ניט לײַדנ דאָס, וואָס זיי קאָנענ ניט פארשטיינ: וויטעס פּראָיעקטנ, ווידער, האגאמ אליינ פאר זיכ גאנצ איינפאכע, זײַנענ געווענ צו קאָמפּליצירט אונ שווער פאר אזא קאָפּ, ווי דעמ לעצטנ רוסישנ זעלבסטהערשערס קאָפּ. די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג, די שטרײַקנ, די דעמאָנסטראציעס פלעגנ דערמאָנענ ניקאָלײַענ, קוידעמקאָל, וועגנ אנ אנדער זאכ, — וועגנ דעמ 1-טנ מארט 1881-טנ יאָר אונ וועגנ גוירל פונ זײַנ זיידנ אלעקסאנדער II. אימ האָט אָנגעהויבנ באַהערשנ א פּאנישע שרעק פאר א באָמבע. אימ האָט זיכ געדוכט, אז די סאמע נייטיקסטע מענטשנ פאר אימ זײַנענ איצט ניט קיינ עקאָנאָמיסטנ אונ פינאנסיסטנ, נאָר שפּיאָנעס אונ פּאָליצייִלײַט. דעמ זשאנדארמענ-קאָרפּוס פלעגט ער זיכ מאמעש דערקלערנ אינ ליבע. באַמ אופנעמענ די העכסטע באאמטע פונ דעמ דאָזיקנ קאָרפּוס אינ זײַנ נאָמענ-טאָג, דעמ 6־טנ דעקאבער 1901 יאָר, האָט זיי ניקאָלײַ געזאָגט: „איכ בינ זייער צופרידנ צו זענ אײַכ, מײַנע הערנ. איכ האָפ, אז דער בונד, וואָס האָט זיכ הײַנט אײַנגעשטעלט צווישנ מיר אונ דעמ זשאנדארמענ-קאָרפּוס, וועט פעסטער ווערנ מיט יעדנ יאָר״. אינגיכנ נאָכ דעמ, ווענ זײַנ אינערנ-מיניסטער סיפּיאגינ, א געטרײַער פאָרזעצער פונ טאָלסטויס אדעליקער פּאָליטיק, איז דערהארגעט געוואָרנ דורכנ סטודענט באלמאשאָוו (אינ אפּרעל 1902 יאָר), איז דער גאָענטסטער מענטש צו ניקאָלײַענ געוואָרנ דער נײַער אינערנ-מיניסטער פּלעווע — דער דירעקטער פונעמ פּאָליציי־דעפּארטאמענט אינ דער עפּאָכע פונ אָפּרעכענענ זיכ מיט די נאראָדנאָוואָלצעס אונ דער אָרגאניזאטער פונ די ערשטע יידישע פּאָגראָמענ אינ רוסלאנד. דאָס איז געווענ אנ אייגנארטיקער גאָענ פונ שפּיאָנאזש אונ פּראָוואָקאציע — אינ זײַנע צײַטנ האָט אופגעבליט די

זובאטאָווטשינע. דעריקער אָבער האָט ער געוווּנען די ליטזעליקייט פונעמ קייסער מיט זײנע זייער געשיקטע קאַמפ קעגנ דעמ עסערישנ טעראָר. אינ פלעוועס צײטמ האָט זיכ דער פאָליציי אײנגעגעבנ דורכצופירנ אַנ אייגענעמ מענטשנ — דעמ אינזשעניער אזעפ — פאַר אַנ אָנפירער מיט דער שלאַכט-אָרגאַניזאַציע פונ דער פּאַרטיי סאָציאַליסטנ-רעוואָליוציאָנערנ; דער גאַנצער טעראָר, האָט זיכ געדוכט, איז איצט געווענ אינ די הענט בײ די צארישע שפּיאָנעס. עמעס, געקאָסט האָט עס זייער טײער: קעדיי אונטערצוהאַלטנ דעמ צוטרוי פונ דער פּאַרטיי צו אזעפנ, האָט מענ אימ געמוזט דערלויבנ צו אָרגאַניזירנ אַטענטאַטנ אַפ אַלעמענ, אַכוץ דעמ קייסער; אונ ניט קיינ זיכערע זאַכ איז עס געווענ — אזעפ האָט געקאָנט פּאַראַטנ: סאַפּקאָלסאָפּ איז פלעווע גופע געפאַלנ אַלס קאָרבנ פונ אַנ עסערישער באָמבע (אינ יול 1904 יאָר). פונדעסטוועגנ אָבער איז די „רעוואָליוציע" (ווי עס האָט פאַרשטאַנענ די רעוואָליוציע ניקאָלײ) קיינמאָל ניט געווענ אינ אזא מאָס אונטערנ קאָנטראָל פונ דער צארישער פּאָליציי.

פלעווע איז געוואָרנ פּונקט אזא ליבלינג בײ ניקאָלײענ, ווי עס איז געווענ אַראַקטשעיעוו בײ אַלעקסאַנדער I. פּונקט ווי אַראַקטשעיעוו אינ זײנ צײט, האָט אויכ פלעווע געזוכט צו דערווײטערנ פונ ניקאָלײענ אַלע מער אָדער ווייניקער פייִקע מענטשנ, וועלכע וואָלטנ געקאָנט קאָנקורירנ מיט אימ, אונ ער האָט אינ דער ערשטער ריי אויסגענוצט ניקאָלײס עקל צו ווימענ. ווימע איז ענדגילטיק אַוועק, אייגנטלעכ, אינ פאַרבינדונג מיט דער אויכערלעכער פּאָליטיק (וועגנ דעמ וועלנ מיר ריידנ אינעמ פאָלגנדיקנ קאַפּיטל), אָבער שוינ גלײכ ווי פלעווע איז באַשטימט געוואָרנ, אינ 1902 יאָר, האָט ווימעס ווירקונג אָנגעהויבנ פאַלנ. שוינ דאָס אַליינ האָט ניט געגעבנ קיינ שאַנסנ, אַז די באַראַטונג אונטער זײנ פאָרזיצ זאָל קאָנענ געבנ וועלכע ניט איז וויכטיקע רעזולטאַטנ. דערצו נאָכ האָבנ די פּריצימ, וועלכע האָבנ זיכ, פּונקט ווי דער צאַר, מער פאַרלאָזנ אַפ פּאָליצייִשע מאָסמיטלענ, גאָר קיינ ביישעק ניט געהאַט צו גיינ אַפ וועלכע ניט איז עקאָנאָמישע האַנאָכעס לטובֿת די פּויערימ. פאָרויסזעענדיק דעמ דאָזיקנ ווידערשטאַנד פונ די פּריצימ, האָט מענ די זעמסטווע — מיר געדענקענ, אַז דאָס איז איצט מער ניט געווענ אַ ריינ-פּריצישער אַנשטאַלט — באַזײַטיקט פונ באַטייליקנ זיכ אינ די אָרטיקע קאָמיטעטנ וועגנ די נויטנ פונ דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אינדוסטריע, אונ מע האָט אינ די דאָזיקע קאָמיטעטנ געגעבנ די אויבערהאַנט באַאַמטע. דערמיט האָט מענ דערגרייכט, אַז די פּריצימ, וועלכע זײנענ פאָרט אַרײנגעפאַלנ אינ די קאָמיטעטנ, האָבנ זיי אויסגענוצט פאַר ליבעראַלע דעמאָנסטראַציעס קעגנ ניקאָלײ דעמ II-טנס רעזשימ. אינ אַלגעמיינ האָט דער מער פּראָגרעסיווער טייל פּריצימ אָנערקענט, אַז מע דאַרפ פאַרבעסערנ די רעכטלעכע לאַגע פונ די פּויערימ, ד. ה. פאַרניכטנ די רעשטנ לײבאייגנטומ אַלס אַזעלכנ, אויסגלײכנ דעמ פּויער אינ די רעכט מיט אַלע „פרײע" אײנוווינער פונ דער רוסלענדישער אימפּעריע אונ פאַרקלענערנ די שטײערנ. אָבער וועגנ צושנײדנ ערד האָבנ גערעדט זייער ניט פיל אונ זייער אומבאַשטימט. די ליבעראַלע דעמאָנסטראַציעס האָט פלעווע, פאַרשטייט זיכ, אויסגענוצט קעגנ ווימענ — ניקאָלײס צוטרוי צו ווימענ איז נאָכ מער געפאַלנ. די ווונטשנ פונ די ליבעראַלע פּריצימ האָבנ געפונענ אַ גאַנצ שוואַכע אָפּשפּיגלונג אינעמ אָפּשאַפנ די קעגנזײטיקע אַחריות (דעמ 12-טנ מאַרט 1903 יאָר). די מערהײט פּריצימ ווידער איז באַפרידיקט אונ באַרויִקט געוואָרנ דערמיט, וואָס מע האָט פאַרשטאַרקט די דאָרפ-פּאָליציי . . .

אין מײַ 1903 יאָר זײַנען אין 46 גובערניעס אײַנגעפֿירט געװאָרן דאָרפֿישע סטראַזשניקעס (דאָרף־היטער).

ביים די קלײנבירגערלעכע אינטעליגענץ האָט באַשײַמפּערלעך דערװיזן האָס, װאָס עס האָט באַ איר אױסגעפֿעלט אין די 70־קער יאָרן, — אַן אױפֿגעשטאַנענע פֿױערשע מאַסע, — האָט זי ניט געקאָנט ניט אױפֿלעבן, אַלס אַ רעװאָלוציאָנערע קראַפֿט, — זי האָט ניט געקאָנט ניט פּרוּװן זיך לעבעדיק מאַכן אױף דעם אידײיִשן אינהאַלט פֿונעם קאַמף און די פֿאָרמען פֿון קאַמף, װאָס זי איז צו זײ געװען צוגעװױנט. אין 1902 יאָר קומט אױף פֿון געװעזענע מאַרקסיסטן און פֿון גאַנץ געבליבענע אַלטע רעװאָלוציאָנערע פּאָליטיקער די פּאַרטײ סאָציאַליסטן־רעװאָלוציאָנערן, װעלכע זעט אין דעם הױפּט־אָנשפּאַר פֿון דער רעװאָלוציע אינעם פּױערטום, און דעם הױפּט־מעטאָד פֿון דער רעװאָלוציע — אינעם טעראָר.

די קלײנבירגערלעכע אינטעליגענץ האָט שױן אַ לאַנגע צײַט איבערגעלעבט איר פּאָליטישן אױפֿשטײַג פּאַראַלעל מיט דער אַרבעטער־באַװעגונג. זי האָט אָבער ניט געהאַט אינעם פּאָליטישן קאַמף קײן אײגן װינקל. איר אַװאַנגאַרד־טײל, װעלכער האָט שױן אינעם סאָף 80־ער יאָרן געהאַט מוט אַרױסצוגײן אױף דער גאַס און אָפֿן אַרױסצורופֿן די מאַכט אױף אַ שלאַכט, איז געװען, װי מיר געדענקען, די סטודענטנשאַפֿט. אָבער ביזן סאָף 90־ער יאָרן איז די סטודענטישע באַװעגונג געװען זײער שמאָל לױט אירע פּאָליטישע אױפֿגאַבן. טכלעס איז דאָס געװען פּאָשעט אַ פּראָטעסט קעגן דעם סטאַטוט פֿון 1884 יאָר און קעגן דעם פּאָליצײ־רעזשים, װעלכן ער האָט אײַנגעפֿירט אין לעבן פֿון דער הױכשול און װאָס אַזאַ האָט מען ניט געזען אַפֿילו אין ניקאָלײַ דעם ערשטנס צײַטן. שפּעטער זײַנען צו דעם דאָזיקן נעגאַטיװן לאָזונג צוגעקומען פּאָזיטיװע, װעלכע זײַנען אָבער דערװײַל ניט געגאַנגען װײַטער פֿון שמאָל סטודענטישע אינטערעסן. די באַװעגונג איז געגאַנגען אונטער דער פֿאָן פֿון לאַנדסמאַנשאַפֿטן, סטודענטישע קרײַזלעך פֿאַר קעגנזײַטיקער הילף, װו עס פֿלעגן זיך גרופּירן געבאָרענע אין אײן גובערניע: די סטודענטנשאַפֿט האָט, אין טאָך גענומען, געקעמפֿט פֿאַרן רעכט צו האָבן אַן אײגענע אָרגאַניזאַציע (אינעם סטאַטוט פֿון 1884 יאָר איז געזאָגט געװאָרן: „די סטודענטן זײַנען אײנצלנע באַזוכער פֿונעם אוניװערסיטעט"), און אַזױװי זײ האָבן ניט באַקומען דאָס דאָזיקע רעכט, פֿלעגן זײ זיך אַלײן אָרגאַניזירן, אָן אַ דערלױבעניש, געהײם. אָט אַזױ איז פֿון די מאָסקװער לאַנדסמאַנשאַפֿטן אַרױסגעװאַקסן דער פֿאַרבאַנד־ראַט פֿון די לאַנדסמאַנשאַפֿטן, װעלכער האָט אָנגעמאַכט אַ גרױסן טומל אין מאָסקװע אין מיטן די 90־ער יאָרן. די פּאָליצײ פֿלעגט זאָרגזאַם זוכן דעם דאָזיקן אַנשטאַלט, פֿלעגט אַרעסטירן און אַרױסשיקן אײן באַשטאַנד זײַנעם נאָכן אַנדערן, אַרױסרופֿנדיק דערמיט אַלץ נײַע און נײַע סטודענטישע „אומרועס". דאָס האָט צוגעזאָגט צו לײזן די אױפֿגאַבע פֿון „אײביקער באַװעגונג", װעלכע האָט פֿאַרשאַפֿט אַזױ פֿיל קאָפּדרײעניש די מעכאַניקער, דאָס האָט אָבער ניט געפֿירט צו קײן שום באַשטימטן ציל ניט די מאַכט און ניט די סטודענטן די „רעװאָלוציאָנערן". די בעסטע סטודענטישע קרײַזן פֿלעגן דורכגײן די „לאַנדסמאַנשאַפֿטן" און „ראַטן", װי אַ שול, װו זײ פֿלעגן זיך לערנען די עלעמענטאַרע מעטאָדן פֿון אונטערערדישן רעװאָלוציאָנערן קאַמף, דערנאָך פֿלעגן זײ אָבער אַװעקגײן אַהין, װו דער דאָזיקער קאַמף איז שױן געגאַנגען אין אַן עמעסער פֿאָרם, ניט אַלס אַ פּרוּװ — זײ פֿלעגן אַװעקגײן צו די אַרבעטער.

די אידעאָלאָגיע פֿון די סטודענטישע קרײַזלעך אין מיטן די 90־ער יאָרן איז

געווענ דער מארקסיזמ — דער „קאפיטאל" איז געווענ א האנטבוכ בא די אָנפי-
רער פונ די מאָסקווער לאנדסמאנשאפטנ נאָכ פונ 1887-טנ יאָר. אָבער דער רוסי-
שער רעוואָליוציאָנערער מארקסיזמ, ד. ה. די פראָפאגאנדע פונ דער „גרופע בא-
פרײַונג פונ דער ארבעט", פלעגט זייער שלעכט דערגיינ צו די דאָזיקע קרײַזלעכ,
ווי ביכלאל קיינ רוסלאנד. פיל פאָפולערער איז אינ דער סטודענטישער מאסע גע-
ווענ דאָס, וואָס מע האָט שפעטער א נאָמענ געגעבנ „לעגאלער מארקסיזמ",
אייגנטלעכ אנ איבערהדערצײלונג פונ די פלעכאנאָווישע אידייענ דורכ די זשורנא-
ליסטנ, וועלכע האָבנ געשריבנ אינ רוסלאנד אָפנ און וועלכע פלעגנ, אדאנק דער
ריינ טעאָרעטישער פאָרמ פונ זייערע שרײַבעכצנ, באווײַזנ דורכצופירנ זיי דורכ
דער צארישער צענזור. אָבער, ווי עס האָט זיכ געמוזט ארויסווײַזנ, איז דער טאָכ
פונעמ לעגאלנ מארקסיזמ געווענ גאָרניט דאָס דאָזיקע קאָנענ צוגעבנ א צענזור-
פאָרמ די רעוואָליוציאָנערע אָנשויונגענ: זײַנ זינ איז געווענ טיפער, דאָס איז גע-
ווענ א פרווו צוצופאסנ מארקס לערע צו די פאָדערונגענ און באדערפענישנ פונ
דער רוסלענדישער ליבעראלער בורזשואזיע.

דער אינדוסטריעלער קאפיטאליזמ נייטיקט זיכ אינ א גאנצער ארמיי אינזשע-
ניערנ און טעכניקער, און אָנ זיי קאָנענ זײַנע געשעפטנ גאָרניט גיינ. סיי די מא-
סע אינטעליגענצ סײַ איר געזעלשאפטלעכע באדײַטונג וואקסנ מיטנ וווקס פונעמ
אינדוסטריעלנ קאפיטאל. דער אינדוסטריעלער אופשווּנג אינ סאָפ
פונעמ XIX יאָרהונדערט האָט געגעבנ א קאָלאָסאלנ שטויס
דער אנטוויקלונג פונ דער אינטעליגענצ אינ רוסלאנד,
דער אינדוסטריעלער קריזיס ווידער האָט זיכ געמוזט שטארק אָפרופנ אפ
איר שטימונג.

דער דאָזיקער צוזאמענבונד פונ דער אינטעליגענצ מיטנ אינדוסטריעלנ קא-
פיטאל איז טאקע געווענ די באזע, אפ וועלכער עס האָט זיכ אנטוויקלט דער „לע-
גאלער מארקסיזמ". די מאסע צוקונפטיקע אינזשעניערנ, טעכניקער און עקאָנאָ-
מישע טוער, סטאטיסטיקער, פינאנסיסטנ האָבנ זיכ געניטיקט אינ אנ אידעאָלאָגיע,
וועלכע זאָל צוגעבנ א זינ זייער געזעלשאפטלעכער ראָליע, וועלכע זאָל בארעכטיקנ
זייער עקזיסטענצ אינ זייערע אייגענע אויגנ. די פאָלקיסטישע אידעאָלאָגיע, וועל-
כע האָט אָפגעלייקנט די נייטיקײַט און אפילע די מעגלעכקײַט פונעמ קאפיטא-
ליזמ אינ רוסלאנד, פלעגט ניט דערגרייכנ צו דעמ דאָזיקנ ציל. זי האָט זיכ גע-
האָט אויסגעבילדעט אינ יענער צײַט, ווענ אונדזער אינדוסטריע — נאָכ זייער א
קליינע לויטנ פארנעמ, אפ אזויפיל, אז אנ אויבערפלעכלעכער קוק האָט געקאָנט,
ווי מיר האָבנ געזענ, אפילע ניט באמערקנ דעמ אינדוסטריעלנ קאפיטאליזמ אינ
רוסלאנד — פלעגט נאָכ אינגאנצנ באדינט ווערנ דורכ אויסלענדישע אינזשע-
ניערנ און טעכניקער. אזעלכע האָבנ געפונענ אינ א גרויסער צאָל די ערשטע
פאבריק-אינספעקטאָרנ, וועלכע ברענגענ אינ זייערע באריכטנ אָנ א שיר קאָמישע
אנעקדאָטנ, וואָס פלעגנ געשאפנ ווערנ אדאנק דעמ, וואָס די ערשטע אָרגאניזא-
טערס פונ דער רוסישער אינדוסטריע האָבנ ניט געקענט די רוסישע שפראכ. זיכ
פאנאנדערצאָלנ פאר די דאָזיקע אנעקדאָטנ פלעגט, פארשטייט זיכ, אלצ דער זעל-
ביקער ברייטער רוקנ פונעמ רוסישנ ארבעטער. איצט איז דער קאפיטאל פונ דער
דאָזיקער אינדוסטריע ס'ראָוו אנ אויסלענדישער, אָבער די אָרגאניזאטערס
זײַנענ שוינ געווענ אייגענע, רוסישע.

דער אינזשעניער האָט ניט געקאָנט ניט זענ, אז דער באוועגער פונעמ אינג-

דוסטריעלנ פראָגרעס איז גראָד ער, אונ טאקע דערפאר, וואָס ער שמײט בעראָש פונ א ג ר ו י ס ע ר אונטערנעמונג. ווענ דער „לעגאלער מארקסיסט“ פלעגט, אײ־בערכאזערנדיק פלעכאנאָוונ, מאכנ א טעל פונעמ פאָלקיזמ, פלעגט דערווײזנ זײנ אָפגעשטאנענקײט אונ אמעראצעס, זײנ „ניטווינסנשאפטלעכקײט“, אונ פלעגנ לויבנ דעמ פראָגרעסיוונ באטײט פונעמ אינדוסטריעלנ קאפיטאל, — פלעגט די אינטעליגענצ פונ די 90־ער יאָרנ שטורמיש אפלאָדירנ. די אפאָלאָגיע (פארטײ־דיקונג) פונעמ קאפיטאל קעגנ די פאָלקיסטנ, וועלכע פלעגנ אָנפאלנ אפ אימ, פלעגט אפ אזויפיל ארויסטארטשענ פונעמ „לעגאלנ מארקסיזמ“, אז עמעצער האָט דעמאלט געזאָגט א וויצ: „אינ דער גאנצער וועלט זײנענ די מארקסיסטנ די פארטײ פונעמ ארבעטער־קלאס, נאָר אינ רוסלאנד איז עס א פארטײ פונעמ גרויס־קאפיטאל“. מיט אָט דער זײט זײנער האָט דער לעגאלער מארקסיזמ אנטשפראָכנ די אינטערעסנ אויכ פונ דער ב ו ר ז ש ו א ז י ע. דאָ האָט זיכ אָנגע־הויבנ א צוזאמענשלוס צווישנ דעמ אינזשעניער אונ דעמ אונטערנעמער. די אומלע־גאלע מארקסיסטנ האָבנ זיכ געפרווט געבנ דערינ א ווידערשטאנד די „לעגאלע“ נאָכ אינ דער ערשטער העלפט 90־ער יאָרנ, אָבער די צענזור פלעגט זיכ גלײכ ארײנ־מישנ, אונ צומ אוילעמ פלעגנ די „אומלעגאלע“ שרײבעכצ ניט דערגײנ.

אָבער די סאָלידארישקײט פונעמ קאפיטאליסט אונ פונ דער „אינדוסטריע־לער“ אינטעליגענצ מיטנ מארקסיזמ האָט זיכ טאקע גיכ געענדיקט. דער מארק־סיזמ האָט געלערנט, אז די באפרײונג פונ ארבעטער־קלאס איז די זאכ פונעמ ארבעטער־קלאס גופע, זי וועט פאָרקומענ אינ דער פאָרמ פונ א מאסעווונ ארבעטער־אופשטאנד, אינ דער פאָרמ פונ א רעוואָליוציע. דאָס האָט שוינ ווידער־אמאָל ניט געפאסט פארנ „אינדוסטריעלנ אינטעליגענט“ אונ פאר זײנ באלעבאָס. אָבער אינ מארקס לע־ע איז געווענ נאָכ אײנ אומאנגענעמע דעטאל פאר די בײדע פארבינדעטע: דער גאנצער ניט פראָלעטארישער טײל פונ דער קאפיטאליסטישער וועלט לעבט, לויט דער דאָזיקער לערע, אפנ מערווערט, לעבט פונ דער ע ק ס פ ל ו א ט א צ י ע פונעמ פראָלעטאריאט. די פריווילעגירטע לאגע, וואָס דער אינטע־ליגענט פארנעמט אינ דער אינדוסטריע, ווערט געקויפט אפנ כעזשבנ פונ דער דאָזיקער עקספלואטאציע: דער אינזשעניער באקומט אינ צעג, אינ צוואנציק מאָל מער פונ א פאָשעטנ ארבעטער, — פונוואנענ? פונעמ מערווערט. אפ דעמ דאָזיקנ באגריפ וועגנ עקספלואטאציע באזירט זיכ די לערע פונעמ מארקסיזמ וועגנ דעמ אומבעשאָלעמדיקנ ק ל א ס נ ק א מ פ צווישנ די פראָלעטאריער אונ די קאפי־טאליסטנ. בענעגײע צומ קלאסנקאמפ האָט זיכ געשאפנ א פולקומע אײנמוטי־קײט צווישנ דער אלטער, פאָלקיסטישער, אונ דער נײער, מארקסיסטישער, אינטע־ליגענצ: קײנ קלאסנקאמפ דארפ ניט זײנ. די געזעלשאפט דארפ זײנ אײנהײט־לעכ, ווײל מע האָט געמיינט, אז מיט איר דארפ פארוואלטנ די אײנהײטלעכע אינטעליגענצ.

אויב די פירער פונעמ „לעגאלנ מארקסיזמ“ (סטרווע אונ אנד.) האָבנ גע־וואָלט פארבלײבנ „אפ דער הויכ פונ די פאָדערונגענ“ פונ זײער אוילעמ, האָבנ זײ געמוזט זוכנ אנ אויסוועג אינ דער דאָזיקער ריכטונג. זײ צו הילפ איז געקו־מענ דער ר ע װ י ז י אָ נ י ז מ, — יענער מינ דײטשישע סאָציאל־דעמאָקראטנ, וועלכער האָט, אונטערנ דרוק פונ דער קלײנבירגערלעכער מאסע, וואָס פלעגט זיכ שטור־מיש ארײנגיסנ אינ די רײענ פונ דער סאָציאל־דעמאָקראטישער פארטײ, צופאסנ־דיק זיכ צו אירע אינטערעסנ, געשמאקנ אונ געוווינהײטנ, געזוכט צו פארגלײכנ די

„שארפקײטנ" פונעמ אָרטאָדאָקסאַלנ (עמעסנ) מארקסיזמ. פונדאַנעט האָבנ סטרוּווע
אונ אנד. געשעפּט דעמ גליקלעכנ פאר זײ געדאַנק, אז די טעאָריע פונ מערווערט,
ד. ה. די אידײ וועגנ ע ק ס פּ ל ו א ט א צ י ע, ווי דער יעסאָד פונ דער גאַנצער
קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, דאַרפ „איבערגעקוקט" ווערנ אונ עפּשער גאָר באַ-
זײַטיקט ווערנ; אז דער קלאַסנקאַמפּ איז גאָר ניט קײנ מוז, אז עס איז מעגלעכ
אויכ א סאָציאַלער שאָלעמ, אז, לעסאָפּ, איז אפילע אויכ די נײטיקײט פונ א
סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע גאָרניט „דערוויזנ" געוואָרנ.

דער איבער פונ אלצ איז געווענ דאָס אנערקענענ די מעגלעכקײט, עס זאָל
עקזיסטירנ אנ „איבערקלאַסעווע מעלוכע" — סטרוּוועס גרונט-געדאַנק אינ זײַנ
פּאָרטראַג וועגנ די סיבעס פונעמ פאַלנ פונעמ לײַבײגנטומ אינ רוסלאַנד, א
פּאָרטראָג, וואָס האָט פארשאַפט סטרוּווענ א שטורמישע אָוואַציע מיצאַד דער
מאָסקווער לערניוגנט אינ 1898 יאָר. אז דער דאָזיקער געדאַנק איז א בריקל צומ
לאַגער פונ די בורזשואַזע ליבעראַלנ, א בריקל, איבער וועלכנ סטרוּווע גײט מיט-
אַמאָל אוועק סײַ פונ דער ארבעטער-באַוועגונג סײַ פונ דער רעוואָליוציע ביכ-
לאַל, דאָס האָט די יוגנט ניט באַמערקט. זי איז געקומענ צו זיכ ערשט דעמלט,
ווענ סטרוּווע האָט דערקלערט די גאַנצע רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג פאר אנ
„עלטער-קאַטעגאָריע", פאר א קרענק, וואָס איז בלויז אײגנטימלעכ גראָד דער יוגנט,
אָבער דעמלט איז ער שוינ געווענ אײנער פונ די פירער פונ א גרויס-בורזשואַזער
פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, אונ האָט זיכ שוינ מער ניט גענײטיקט אינ זײַנ פריִער-
דיקנ עולעמ.

די קלײנבירגערלעכע רעוואָליוציע, וועלכע האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ דאָרפ,
האָט איצט געגעבנ דעמ דאָזיקנ פריִערדיקנ עולעמ סטרוּוועס א נײַעמ אָנשפּאַר-
פונקט אונ האָט אימ אויכ מיטאַמאָל באַפרײַט פונעמ דערעסנדיקנ מארקסיזמ אונ
געעפנט א פרײַענ פלאַצ פאר דער רעוואָליוציאָנערער ענערגיע פונ זײַנע לינ-
קערע עלעמענטנ. צומ סאָפּ 90-ער יאָרנ האָט די סטודענטישע באַוועגונג דער-
גרײכט צו דער גרעסטער שאַרפקײט. אונטערגעשטויסנ אונ אויפגעמונטערט דורכנ
מאַסעוונ ארבעטער-קאַמפּ, האָט זי איבערגענומענ זײַנע פאָרמענ אונ נאָכ דעמ, ווי
די פּאָליציי האָט אינ פעווראַל 1899 יאָר אָרגאַניזירט א געשלעג איבער די פּע-
טערבורגער סטודענטנ, האָט זיכ די סטודענטישע באַוועגונג אויסגעגאָסנ אינ אנ
א ל ר ו ס ל ע נ ד י ש נ ס ט ו ד ע נ ט י ש נ שטרײַק, וועלכער האָט ארומגעכאַפּט ביז
25 טויזנט סטודענטנ פונ פארשײדענע שטעט. די מאַכט, וועלכע האָט שוינ לאַנג
געהאַט באַמערקט די ראָליע פונ די סטודענטישע אָרגאַניזאַציעס, אלס אנ אָ"ט,
וואָס האָט געהאָדעוועט אָרגאַניזאַטערס פונ דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג,
האָט באַשלאָסנ אָנצונעמענ שטרענגע מיטלענ: אינ יול דעמ זעלביקנ יאָר זײַנענ
פארעפנטלעכט געוואָרנ די באַרימטע צ ײַ ט וו ײַ ל י ק ע ק ל אָ ל י מ, וועלכע האָבנ
געדראָט, אז אפ ווײַטער וועט מענ אָפּגעבנ פ א ר ס אָ ל ד א ט נ די אָנטײלנע-
מער פונ „אומאָרדענונגענ". דער פרווו אָנצווענדנ די דאָזיקע קלאָלימ (אינ קיִעוו,
אינ האַרבסט 1900 יאָר) האָט גלײַכ טאַקע ארויסגערופנ א נײַעמ אויפרײַס, וועלכער
האָט דאָס מאָל געפונענ פאר זיכ אנ אויסגאַנג אינ די פרילינג-דעמאָנסטראַציעס
פונ 1901 יאָר. די דעמאָנסטראַציעס האָבנ באַקומענ א קאָלאָסאַלע פּאָליטישע באַ-
דײַטונג אדאַנק דער ארבעטער-מאַסע, וועלכע זײ האָבנ אויפגעטרײסלט. זײערע איני-
ציאַטערס זײַנענ דאָסראָוו געווענ סטודענטנ.

די דעמאָנסטראַציעס האָבנ ענדגילטיק צוזאַמענגעגאָסנ די שמאָלע, לעבאַטבילע

„אקאדעמישע”, ריכטונג מיטנ ברייטנ רעוואָליוציאָנערנ שטראָם, אָבער בלויז די מינדערהײַט פונ דער סטודענטנשאַפט האָט דערבײַ איבערגענומענ אויכ די אי־ד ע אָ ל אָ ג י ע פונ דער ארבעטער־באַוועגונג. די מערהײַט איז פארבליבנ „רעווי־זיאָניסטנ”, ד. ה. זי האָט ניט געגלייבט אינ דער אומבאַדינגטער רעוואָליוציאָנערקײַט פונ פּראָלעטאַריאַט, זי האָט געהאַלטנ, אז עס איז מעגלעכ א קאָמפּראָמיס צווישנ דער בורזשואַזיע אונ דעמ פּראָלעטאַריאַט אונ די סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע האָט זי זיכ פאָרגעשטעלט אפ א פּאָלקיסטישנ שטייגער אונ ניט אפ א מאַרקסיסטישנ.

אייניצלנע, אמערסטנ רעוואָליוציאָנער געשטימטע יעכידים, האָבנ געפונענ אנ אויסוועג אינעמ ט ע ר אָ ר: זײַנ ערשטע שוואַלב איז געווענ דאָס, וואָס דער סטודענט קאַרפּאָוויטש האָט דערמאָרדעט דעמ בילדונג־מיניסטער באָגאָלעפּאָוו נאָכ דעמ, ווי עס זײַנענ ארויסגעגעבנ געוואָרנ די „צײַטווײַליקע קלאָלימ” וועגנ אָפּגעבנ די סטודענטנ פאַר סאָלדאַטנ. די רעגירונג האָט אינ אירע אָפיציעלע מיטיילונגענ זייער נאַיוו זיכ געפלײַסט צו באַהאַלטנ, אז דער, וואָס האָט געמאַכט דעמ אטענטאַט, איז געווענ א סטודענט, אונ האָט אָנגערופנ קאַרפּאָוויטשנ „מעשטשאַנינ” (קליינבירגער), לויט זײַנ אָפּשטאַמונג. אָבער די מאַסע קליינבירגערלעכ־געשטימטע סטודענטנשאַפט האָט ניט געקאָנט נעמענ קיינ אָנטייל אינעמ טעראָר — די דאָזיקע מאַסע האָט זיכ געניטיקט אינ א מאַסנ־ארבעט. נאָכ אינ 1898 יאָר האָבנ די צוקינפטיקע סאָציאַליסטנ־רעוואָליוציאָנערנ געקוקט אפנ פּויערטומ מיט קימאַט פלעכאַנאָווישער האָפענונגלאָזיקײַט. „די סיסטעמאַטישע טעטיקײַט צווישנ דעמ פּויערטומ לאָזנ מיר איבער אפ דער צוקונפט, — האָט מענ דערמאָלט געשריבנ אינ דער בראָשור „אונדזערע אופגאַבנ”, — מיר זאָגנ זיכ נאָר ניט אָפּ פונ אויסנוצנ אַלע באַקוועמע געלעגנהײַטנ צו באַקענענ די פּויערימ מיט אונדזער פּראָגראַמ אינ צוציענ באַוווסטזיניקע אָנהענגער פונ זײַנ אמערסטנ אנטוויקלטנ טייל”.

אלס אָנהענגער פונ אנ „אויסערקלאַסעווער” רעוואָליוציע, האָבנ די סאָציאַליסטנ־רעוואָליוציאָנערנ אויכ שפּעטער, פארשטייט זיכ, ניט געקאָנט ווערנ קיינ קלאַסנ־פּאַרטיי פונ דער דאָרפישער קליינבורזשואַזיע; אויכ שפּעטער האָבנ זיי זיכ באַמיט צוציענ אפ זייער זײַט דעמ פאַבריק־זאַוואָדישנ פּראָלעטאַריאַט (געוויינלעכ מיט זייער א קליינעמ דערפאָלג), שאַפנדיק אינ דער אייגענער צײַט פארבינדונגענ מיט דער עמעסער קאַפּיטאַליסטישער בורזשואַזיע. די בורזשואַזיע פלעגט גערנ געבנ די „ניטמאַרקסיסטנ” סײַ געלט־הילפ סײַ יונגע ענטוזיאַסטנ פונ רײַכע פאַמיליעס, וועלכע מע פלעגט באַגעגענענ פונקט אזוי ניט זעלטנ אינ די רייענ פונ די עסערישע טעראָריסטנ, ווי אינ די פּריעדיקע צײַטנ מענטשנ, וואָס שטאַמענ פונ פּריצישע אונ הויכאַמטישע פאַמיליעס, אינ די רייענ פונ די נאַראָדאָוואָלצעס. אָבער אנ ערנסטנ פּאָליטישנ באַטײַט האָבנ די סאָציאַליסטנ־רעוואָליוציאָנערנ באַקומענ גראָד אדאַנק דעמ, וואָס מיט זייער „אויסערקלאַסעווער” אידעאָלאָגיע האָבנ זיי גרינגער איידער די מאַרקסיסטנ געקאָנט צוגיינ צו דער דאָרפ־בורזשואַזיע. פונ אנ עסער האָט דער באַלעגופ ניט ריזיקירט צו דערהערנ, אז ער איז א „בורזשוא”, אונ נאַטירלעכ, אז פאַרנ באַלעגופ איז פיל אָנגענעמער געווענ צו הערנ אנ עסער, איידער א סאָציאַל־דעמאָקראַט.

קאפיטל IV

די יאפאנישע מילכאמע

די ארבעטער-באוועגונג, די פויערשע באוועגונג, די באוועגונג פונ דער שטאטישער קלייניבירגערלעכער אינטעליגענץ האבנ אונטערגעגראבנ די לײַבאייגנטימערישע מעלוכע פונ אונטנ, איר שפיץ אבער, האט זיכ געדוכט, איז נאכ פעסט אונ וועט זיכ האלטנ פיל יארנ. „די מענטשנ פונ די 80-קער יארנ" זײַנענ געווענ זיכער, אז אינ רוסלאנד, ווייניקסטנס אינ די אויגנ פונעמ איצטיקנ דאר, איז קיינ שום רעוואלוציע ניט מעגלעכ. די יוגנט פונ די 90-קער יארנ האט ניט אנ בענקעניש ארײַנגעקוקט אינ דער נאענטסטער צוקונפט: צי וועט ווענ ס'ניט איז קומענ די רעוואלוציע? נאכנ 1901-טנ יאר האבנ אלע געפילט די נאענטקייט פונ דער רעוואלוציע. אבער וויאזוי אונ פונ וואס וועט זי זיכ אנהייבנ? ווי טרעט מענ צו צומ דאזיקנ גראניט-פעלדז, וואס רופט זיכ זעלבסטהערשונג? די כוואליעס שלאגנ שוינ לאנג אנ זײַנ פוס, זײַנ שפיץ אבער איז אזוי ווײַט פונ די שפיצנ פונ די העכסטע כוואליעס. יעדער שטרײַק, יעדע דעמאנסטראציע פלעגט זיכ קעסיידער ענדיקנ מיט צעטרײַבונגענ, ארעסטנ, פארשיקונגענ. אונ קיינ איינער האט ביז איצט ניט געקאנט באקומענ קיינ אלגעמיינ-נאציאנאלע באדײַטונג — אופטרייסלענ די גאנצע פאלקמאסע. קעגנ טיילווײַזע ארויסטרעטונגענ ווידער, האט זיכ געדוכט, וועט דער רעגירונג שטענדיק גרינג זײַנ צו קעמפנ.

אויסער די אייגנטלעכ-רעוואלוציאנערע קרײַזלעכ, וועלכע האבנ אומדערמידלעכ פארגעזעצט זייער ארגאניזאטארישע אונ פראפאגאנדיסטישע ארבעט אינ די ברייטע קרײַזנ פונ דער אינטעליגענץ, פלעגט אינ ברענ פונ פלעווס רעגירנ, אינ 1903 יאר, די שטימונג אפטמאל פאלנ ביז דער מאדרייגע פונ דער „שטימונג פונ די 80-קער יארנ". פונ איינ זײַט, די פריידיקונג פונ די „לעגאלע מארקסיסטנ", וועלכע האבנ דעמלט ענדגילטיק איבערגענומענ די רעוויזיאניסטישע אידעאלאגיע אונ פלעגנ „וויסנשאפטלעכ" דערווײַזנ, אז קיינע שום רעוואלוציעס קאנענ ניט זײַנ, אז דער פעריאד, ווענ זיי זײַנענ געווענ מעגלעכ, איז שוינ לאנג אריבער; אונ, פונ דער אנדערער זײַט, די אנסאפעקודיקע דערפאלגנ פונ דער זובאטאווושטשינע צווישנ דער גרויער ארבעטער-מאסע האבנ געווירקט אפ דער אינטעליגענץ אפנ סאמע דעמאראליזירנדיקנ אופנ. אונ קיינעמ פונ אט די „ווינציק גלויביקע" איז אפנ געדאנק ניט געקומענ, אז די „ראמאנאווס" האבנ אליינ פאר זיכ אויסגעגראבנ א קייווער, אונ אז דער גרויסארטיקער שפיץ פונעמ זעלבסטהערשנדיקנ פעלדז האלט זיכ בלויז צוליב אינערציע, עס איז גענוג איינ גרויסער קלאפ פונ דער כוואליע, אז דער פעלדז זאל זיכ צעשפאלטנ אינ דער גאנצער לענג.

די „ראמאנאווס" האט אומגעבראכט דאס, וואס עס האט געשאפנ זייער קראפט אונ רומ. די גרינדער פונ דער „רוסלענדישער אימפעריע" זײַנענ דורכגעפאלנ מיטנ פרווו נאכ מער צו פארברייטערנ אירע גרענעצנ; די גרויסע אנזאמלער פונ די מיליארדנ זײַנענ געשטרויכלט געווארנ, ווענ זיי האבנ אויסגעשטרעקט די האנט נאכ א נײַעמ מיליארד, זיי האט זיכ געדוכט, אז ער ליגט גאר שלעכט אונ בעט זיכ אליינ אינ „ראמאנאווישנ" טײַסטער ארײַנ.

איידער מיר וועלנ איבערגיינ צו ניקאלײַ דעמ II-טנ אויסערלעכער פאליטיק, וואס גראד אדאנק איר האט ער באגראבנ סײַ זיכ אליינ אונ סײַ די גאנצע דינאסטיע, דארפ מענ זאגנ עטלעכע ווערטער וועגנ דער פאליטיק פונ זײַנע פאר-

גייער. מיר האָבנ איבערגעלאָזנ אַלעקסאַנדער דעמ II-טנ בײַ דעמ אומגעלונגענעמ פּרוּוו צו פאַרכאַפּנ קאָנסטאַנטינאָפּאָל אונ בײַמ „סקאַנדאַל" פונעמ בערלינער קאָנגרעס אינ 1878 יאָר (זע טייל 2). מיר געדענקענ, אַז אַלעקסאַנדערס האָפענונגענ האָבנ זיכ באַזירט אױפנ געהײמענ אָפּמאַכ מיט דײַטשלאַנד, וואָס האָט צוגעזאָגט רוסלאַנד צו „העלפנ" אונ וואָס האָט זיכ אַרויסגעדרייט מיט פאַרשיידענע טערוצימ פונ אויספילנ דעמ צוזאָג, ווענ עס איז דערגאַנגענ ביז אַ געשלעג. דער רוסישער צאַר האָט ניט געקאָנט מויכל זײַנ דעמ אָנפירער פונ דער דײַטשישער פּאָליטיק, דעמ קאַנצלער ביסמאַרק, דעמ דאָזיקנ „פאַראַט", ווי ער האָט פריִער ניט מויכל געווענ פראַנקרײַכ דעמ פאַריזשער שאָלעמ פונ 1856 יאָר. וויבאַלד ער האָט זיכ איצט צעקריגט מיט דײַטשלאַנד, האָט דער צאַר געהאַט אַלע גרונטנ אַ קער צו טאָנ זיכ גראָד צו פראַנקרײַכ: אױפ די מאַניעווערס פונ 1879 יאָר זײַנענ די פראַנצויזישע מיליטער-לײַט אויפגענומענ געוואָרנ מיט אַ באַזונדערער פרײַנטלעכקײַט אונ קאָוועד. ביסמאַרק האָט זיכ געײַלט אינ דעמ זעלביקנ יאָר צו שליסנ אַ בונד מיט עסטרײַכ, וואָס האָט נאָר וואָס שיר ניט מילכאָמע געהאַלטנ מיט רוסלאַנד, אָבער, אַלס אַנ אויסגערעכנטער מענטש, האָט ער ניט געוואָלט מיטאַמאָל קאַליע מאַכנ אויכ די באַציִונגענ מיט רוסלאַנד. די באַציִונגענ זײַנענ פאַרבליבנ קילבלעכע, אָבער דער רוסיש-דײַטשישער בונד איז פונדעסטוועגנ באַנײַט געוואָרנ נאָכ דרײַ מאָל, אינ 1880, 1884 אונ 1887 יאָרנ. די לעצטע צוויי אָפּמאַכנ זײַנענ שוינ געשלאָסנ געוואָרנ מיט אַלעקסאַנדער דעמ III-טנ. ביסמאַרק האָט אימ אויכ אַרײַנגענאַרט מיט קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וועלכער איז אינעמ אָפּמאַכ פונעמ 1887 יאָר שוינ אָנגערופנ געוואָרנ אָפנ, — אונ דערמיט איז אויסגעמיטנ געוואָרנ די „מיספאַרשטײַעניש" פונ 1873 יאָר, ווענ עס האָט זיכ גערעדט וועגנ עפּעס אַנ אומבאַשטימטער מילכאָמע מיט עפּעס אַנ אומבאַוווּסטער מעלוכע, — דערפאַר אָבער איז די דײַטשישע הילפ דערמאָנט געוואָרנ פיל פאַרטויבטער: עס איז בלויז געזאָגט געוואָרנ, אַז דײַטשלאַנד זאָגט צו רוסלאַנד „ניט שטערנ" אינ דעמ פאַל. מיט אַנדערע ווערטער, ביסמאַרק האָט צוגעזאָגט פונקט אַזוי אָפּצוהאַלטנ עסטרײַכ אינ פאַל פונ אַ נײַער מילכאָמע אױפנ נאָענטנ מיזרעכ, ווי ער האָט אינ 1877 יאָר אָפּגעהאַלטנ רוסלאַנד (דעמ רוסיש-דײַטשישנ אָפּמאַכ פונ 1887 יאָר האָט מענ געהאַלטנ בעסאָד פונ עסטרײַכ).

אָבער אינ דעמ זעלביקנ יאָר האָט זיכ אַלעקסאַנדער געמוזט איבערצײַגנ, אַז עסטרײַכ וועט נאָכ ביסמאַרק עפּשער ווער ווייסט ווענ אָפּנאַרנ, אונ אימ נאַרט ער שוינ אָפּ. אַזוי ווי עס איז ניט געווענ קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָט זיכ רוסלאַנד געמוזט באַפרידיקנ מיט דעמ, וואָס עס האָט באַקומענ די „טראַנסדונײַער גובערניע", אינ געשטאַלט פונ צאָפנ-בולגאַריע (פונ דונײַ ביז די באַלקאַנענ), לויטנ בערלינער קאָנגרעס אַ האַלב-אומאָפּהענגיק פירשטנטומ, אױפנ פּאַפּיר אַ וואַסאַל (אונטערטעניקע) פונ טערקײַ, אונ אינ דער ווירקלעכקײַט אַנ אָפּהענגיקע פונ רוסלאַנד; פאַר אַ פירשט איז באַשטימט געוואָרנ אַלעקסאַנדער דעמ II-טנס אַ פּלימעניק, אויכ אַלעקסאַנדער, אַ באַטענבערגער פּרינצ. דער רוסישער קאַפּיטאַליזמ, וואָס האָט ניט באַקומענ קיינ גרויסע רויב, האָט באַשלאָסנ אַרויסצופּרעסנ אַלצ, וואָס מע קאָנ, זאָל זײַנ אַפילע פונעמ קליינעמ שטיקל, וואָס ער האָט באַקומענ. מיט בולגאַריע פלעגט מענ זיכ באַגיינ, ווי מיט אַ רוסישער יערושע-נאַכלע — מע פלעגט איר פאַרקויפנ קאָלעריי פאַרלעגערטע סכוירעס: מע האָט, לעמאָשל, געצוווּנגענ די בולגאַרישע רעגירונג צו קויפנ אַלטע רוסישע ביקסנ, וועלכע האָבנ

ניט געטויגט שוינ ביים דער רוסיש-טערקישער מילכאָמע, אונ דערבײַ פאַר אזא פרײַז, ווי זיי האָבנ געקאָסט נײַערהייט. מאכנ אזעלכע שטיק איז געווענ באזונדערס גרינג דערפאַר, ווײַל בעראָש פונ דער בולגארישער רעגירונג זײַנענ געשטאַנענ רוסישע גענעראַלנ, וועלכע זײַנענ צוגעשיקט געוואָרנ פונ פעטערבורג. די בולגארישע בורזשואזיע, וועלכע האָט זיכ גוט אנטוויקלט נאָכ בא דער טערקישער הערשאפט אונ וועלכע איז איצט געוואָקסנ נאָכ גיכער, האָט געדולדעט. אָבער כאָפּ-קאָלסאָפּ איז אויכ בא איר אויסגעגאַנגענ די געדולד. די הויפּט-אונטערנעמונג, אפ וועלכער דער רוסישער קאפּיטאַל האָט געהאָפט „אָפּצולעקנ א ביינדל", איז געווענ אויסבויענ אינ בולגאריע א נעצ אײַזנבאַנענ, וועלכע עס האָבנ געזאָלט בויענ רוסישע אינזשעניערנ אונ ניט אנדערש ווי פונ רוסישע מאטעריאַלנ, דערבײַ איז דער פּלאַנ פונ דער נעצ צונויפגעשטעלט געוואָרנ אזוי, אז די בולגארישע אײַזנבאַנענ האָבנ געזאָלט זײַנ דירעקט פארבונדנ מיט די רוסישע, אונ נאָר מיט זיי; ווענ דאָס זאָל זיכ געווענ אײַנגעבנ, וואָלט די לאַגע פונ בולגאריע, אלס א „טראנסדונײַער גובערניע", פארפעסטיקט געוואָרנ אפ לאַנגע יאָרנ.

אז דער „רוסישער" פּלאַנ וואָלט געקאָסט צוויי מאָל טײַערער פאַר יעדנ אנדערנ, אז בולגאריע וואָלט דורכ אים אינגאַנצנ אָפּגעשניטנ געוואָרנ פונ מײַרעוו-אייראָפּע, דאָס אלצ האָט מענ, פארשטייט זיכ, ניט גענומענ אינ באטראַכט: בולגאריע האָבנ „מיר באפרײַט", „מיר" האָבנ זי גליקלעכ געמאַכט, — זי דאַרפ „אונדז" דינענ. אָבער ווי נאָר די בולגארישע בורזשואזיע האָט דערזענ די טליע-שטריק, וואָס מע וויל איר ארופוואַרפנ אפנ האַלדז, האָט זי אופגעהויבנ א בונט אונ האָט ארויסגעוויזנ די שווארצסטע אומדאַנקבאַרקײַט. די בולגאַרנ האָבנ דערקלערט, אז זיי וועלנ בויענ די אײַזנבאַנענ אליינ, ווי עס לוינט בעסער פאַר זיי, אונ בויענ אהינ, ווו זיי דאַרפנ האָבנ. אלעקסאנדער דער באטענבערגער האָט זיכ געשטעלט אפ דער זײַט פונ די בולגארישע קאפּיטאַליסטנ אונ איז דערפאַר, פארשטייט זיכ, אינ פעטערבורג גלײַכ פארעכנט געוואָרנ פאַר א „פארעטער". אינ בולגאריע האָט ער באקומענ קאָלאָסאַלע פּאָפּולערקײַט. אלעקסאנדער III האָט בא דעם דאָזיקנ איניענ ארויסגעוויזנ די גאַנצע גראָבקייט אונ אומגעלומפּערטקײַט, וועלכע זײַנענ געלעגנ אינ זײַנ נאַטור. ער האָט ארויסגעטריבנ זײַנ שוועסטערקינד פונ בולגאריע אונ האָט זיכ ניט געשעמט צו אָרגאניזירנ דאָרט צוליב דעם „א פארשווערונג קעגנ דעם געזעצלעכנ הערשער" (מע דאַרפ ניט פארגעסנ, אז אפנ פּאַפּיר איז בולגאריע געווענ אנ „אומאָפּהענגיק פירשטנטום" אונ פּאַשעט אראָפּזעצנ אלעקסאנדערנ, ווי א רוסישנ גובערנאַטער, האָט מענ ניט געקאָנט), ער האָט זיכ געפּרוווט אָפּגעבנ בולגאריע די סערבנ אונ האָט דערצו, ביים דער מילכאָמע צווישנ סערביע אונ בולגאריע, אָפּגערופנ פונ בולגאריע די רוסישע אָפיצערנ, וועלכע האָבנ קאָמאַנדירט מיט דער בולגארישער ארמיי, אונ ער האָט, הייסט עס, איבערגעלאָזנ די דאָזיקע ארמיי אָנ א קאָמאַנדירנ-באשטאַנד אונ אָנ „ספּעצנ" אינ דעם סאַמע קריטישנ מאָמענט, — אָבער דורכ דעם אלעמענ האָט ער זיכ דערשלאָגנ בלויז דערצו, אז בולגאריע האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ אינ די אָרעמס פונ עסטרײַכ אונ האָט פונ זײַנע הענט גענומענ איר נײַעמ פירשט, פערדינאנד דעמ קאָבורגער, וועלכער האָט רעגירט איבערנ לאַנד שפּעטער שוינ ניט אונטערנ נאָמענ „פירשט", נאָר „צאַר", ביזנ 1918 יאָר.

אָט אינ דער צײַט האָט זיכ אלעקסאנדער III געמוזט ענדגילטיק איבערצײַגנ אינ דער אומזיכערקײַט פונ דײַטשלאַנד קעגנ עסטרײַכ. דאָס איינציקע

אָרט, פונוואנענ דער רוסישער צאר האָט באגעגנט א געוויסע שטיצע, איז געווענ פאריזש. די גאנצע איבעריקע אייראָפּע, ניט אויסגעשלאָסנ אויכ בערלינ, איז אָפּגעשטאנענ אפ דער זײַט פונ די בולגארנ. שוינ דאָס אליינ האָט געמוזט אופוועקנ די אלטע געדאנקענ וועגנ א רוסיש-פראנצויזישנ בונד, וועלכע האָבנ אמאָל געווירט בא אלעקסאנדער II אינ מויעכ. די עקאָנאָמישע באדינגונגענ האָבנ שוינ ענדגילטיק אָנגעשטויסנ אפנ דאָזיקנ בונד.

דער קריזיס פונ די טוווע-פרײַזנ האָט וויטעקדיק א קלאפּ געטאָנ ניט נאָר דעמ רוסישנ גוטבאזיצער: נאָכ וויטעקדיקער האָט ער א קלאפּ געטאָנ דעמ פרײַסישנ יונקער, וואָס זײַנ ווירטשאפט איז געווענ א מער קאפּיטאליסטישע אונ איז, הייסט עס, מער אָפּהענגיק געווענ פונעמ מארק. דער פרײַסישער פּאָרעצ האָט אופגעהויבנ א גוואלד וועגנ „באשיצנ די פאָטערלענדישע לאנדווירטשאפט" ניט ערגער, איידער דער רוסישער פאבריקאנט האָט געשריענ וועגנ „באשיצנ די פאָטערלענדישע אינדוסטריע". ביסמארק, וועלכער האָט פארגעשטעלט אינ דער דײַטשישער רעגירונג די אינטערעסנ טאקע פונעמ גוטבאזיצערישנ קלאס, האָט ניט געקאָנט ניט אנטקעגנ קומענ די זײַניקע. אינ 1880 יאָר זײַנענ אינ דײַטשלאנד אײַנגעפירט געוואָרנ גרענעצ-אָפּצאָלנ אפ טוווע, אינ 1885 יאָר זײַנענ זיי פארדרײַפאכט געוואָרנ, אינ 1887 יאָר — פארפינפאכט. אונ דער דײַטשישער מארק האָט גראָד געהאט א קאָלאָסאלע באדײַטונג פארנ רוסישנ טוווע-עקספּאָרט: קאָרנ פלעגט ארויסגעפירט ווערנ אויסשליסלעכ קיינ דײַטשלאנד, אונ מיר געדענקענ, אז אינ די 90-ער יאָרנ פלעגט פונ רוסלאנד ארויסגעפירט ווערנ ביז 1½ מיליאָנ טאָנ קאָרנ.

ביסמארק איז געווענ זיכער, אז עקאָנאָמיש איז רוסלאנד בא אימ אינ די הענט; ער האָט געוווּסט, אז די „עכט-רוסישע" רעגירונג פונ די „ראָמאנאָווס" קאָנ זיכ ניט באגיינ אָנ אויסלענדישע הלוואָעס — די דאָזיקע הלוואָעס פלעגנ ביז איצט געשלאָסנ ווערנ הויפּטזאכלעכ אינ בערלינ. ווענ פּעטערבורג האָט אָנגעהויבנ מורמלענ סײַ צוליב די בולגארישע איניאָנימ אונ סײַ צוליב די גרענעצ-אָפּצאָלנ, האָט ביסמארק פאראָרדנט ניט אָנצונעמענ קיינ רוסישע פּראָצענט-פּאפּירנ אינ די דײַטשישע בענק. אָבער דאָ האָט ער א טאָעס געהאט. געלט איז דעמאָלט אינ אייראָפּע (אדאנק דעמ לאנגדויערנדיקנ שאָלעמ-פּעריאָד: אינ מיירעוו-אייראָפּע איז פונ 1871 יאָר אָנ מער ניט געווענ קיינ מילכאָמעס) געווענ ביליק, ווי נאָכ קיינמאָל ניט. אלעקסאנדער דעמ III-טנס מיניסטער, ווישנעגראדסקי, וועלכנ מע האָט דורכגעטריבנ פונ דער בערלינער בירזשע, האָט זיכ געווענדט קיינ פאריזש —, אונ דאָ האָט מענ אימ אופגענומענ מיט אָפענע אָרעמס. אלע רוסישע הלוואָעס זײַנענ צומ סאָפ 80-ער יאָרנ „קאָנווערטירט" (אויסגעטוישט) געוואָרנ אינ פאריזש אפ זייער לוינבארע באדינגונגענ.

דערמיט, וואָס מע האָט די רוסישע הלוואָעס אָפּגעזעצט אינ פאריזש, איז שוינ אײַנגעלעכ געשאפנ געוואָרנ דער רוסיש-פראנצויזישער בונד: די פראנצויזישע בורזשואזיע, וועלכע האָט געקויפט די רוסישע פּאפּירנ, איז איצט געווענ בלוטיק פארינטערעסירט דערינ, אז די געשעפטנ פונעמ רוסישנ צאר זאָלנ בליענ סײַ אינווייניק אינ לאנד אונ סײַ אויסווייניק. דעמ עמעסנ, פאָרמעלנ בונד האָבנ געשטערט צוויי סיבעס. די ערשטע איז געווענ דער אומשטאנד, וואָס אינ פראנקרײַכ איז געווענ א רעפּובליק. מיר ווייסנ איצט, וואָס אזוינס עס זײַנענ בורזשואזע רעפּובליקנ, אונ וועט אונדז ווײַט אויסקומענ וווּנדערלעכ — וואָס זשע איז עס

פאַר אַ מעגיע? די פּויסטן בײַ די פראַנצויזישע פּאָליציאַנטן זײַנען ניט קיין ערגע-רע, ווי בײַ די רוסישע. דער אַרבעט-טאָג איז אַ צוועלפשאָיקער, שטרייקער טרייבט מען פאַנאַנדער אַזוי, אַז אַפילו די צאַרישע רעגירונג האָט נאָך געהאַט, ווי מיר האָבן געזען, וואָס צו לערנען זיך בײַ דער דעמאָקראַטישער רעפּובליק — איז וואָס, רוכט זיך, האָבן די „ראַמאַנאָווס" געדאַרפט שעמען זיך מיט אַזאַ „אַנשטענדיקער" פאַרבינדעטער? מע דאַרף זיך אָבער ווידעראַמאָל דערמאָנען, וואָס אַזוינס עס איז געווען אַלעקסאַנדער III. ער האָט בעשומויפן ניט געקאָנט איבערקאָכן דאָס, וואָס בײַ אַ רעפּובליק פאַרוואַלטן אַדוואָקאַטן, וואָס דער אַדוואָקאַט גרעווי, דעם פראַנצויזישן פּרעזידענט, וועט ער מוזן אויפנעמען, ווי אַ גלײַכן. מע דאַרף זיך דערמאָנען, אַז דעם אַדוואָקאַט, דעם „ראַזנאָטשינעץ" דעם אינטעליגענט פלעגט מען ביז גאָר נידעריק שעצן אין די „ראָמאַנאָווישע" קרייזן. בײַם אין אַלעקסאַנ-דער דעם II-טנס צייטן איז באַהאַנדלט געוואָרן דער פּראָיעקט וועגן אַרײַנפירן זעמסטווע ראַטמענער אינעם מעלוכע-ראַט, איז איינע פון די הויפּט-דערווידערונ-גען געווען: און טאָמער קלײַבט מען גאָר אויס אַדוואָקאַטן? און מיט דער דאָזי-קער דערווידערונג האָט מען זיך זייער געמוזט רעכענען.* און דאָ מיטאַמאָל וועט זיך גאָר אַן אַדוואָקאַט גאָר זעצן לעבן דעם קייסער! איינמאָל בײַם ער איז גע-ווען אויפגערעגט, האָט אַלעקסאַנדער III אַפילו געזאָגט דעם פראַנצויזישן גע-זאַנדטן: „ס'איז אויסוואָרף עס איז פּונדעסטוועגן אײַער רעגירונג!" דער געזאַנד-טער איז געווען ניט קיין אַדוואָקאַט, נאָר אַ מיליטערישער גענעראַל, הייסט עס, פאַר אַלעקסאַנדערן פּאַרט אַן „אייגענער מענטש".

דאָס איז פון דער רוסישער זײַט. פון דער פראַנצויזישער זײַט ווידער האָט מען זיך אַ לאַנגע צײַט ניט געקאָנט צופּאַסן צו געוויסע געשמאַקן און געוווינהײַטן פונעם נײַעם פאַרבינדעטן. אין פּעטערבורג האָט מען דעם בונד באַנומען, פאַר-שטייט זיך, אַזוי, אַז, הייסט עס, סײַ די אינערלעכע און סײַ די אויסערלעכע פּאָ-ליטיק זײַנען געמיינזאַמע. מיר וועלן דיך פאַרטיידיקן קעגן דײַטש, און דו גיב אונדז אַרויס די רוסישע „ניהיליסטן", וועלכע באַהאַלטן זיך" אין פראַנקרײַך. דער גרינדער פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק — דער עמעסער גרינדער — גאַמבע-טע, האָט עס אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען: בײַם ער האָט זיך נעקליבן שליסן מיט רוסלאַנד אַ בונד, וועלכער איז פאַר גאַמבעטען און זײַן פּאַרטײַ זייער נייטיק גע-ווען — מיר וועלן באַלד זען צוליב וואָס — האָט ער פּשוט געהאַט בעדייע אָן שום קונצן אַרויסגעבן אַלעקסאַנדער דעם III-טן אַלע רוסישע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין פראַנקרײַך. אָבער גאַמבעטע איז געשטאָרבן, איי-דער ער האָט נאָך באַוויזן צו שליסן דעם בונד, און זײַנע יאָרשים זײַנען ניט גע-ווען קיין מענטשן מיט אַזעלכע „ברייטע" אָנשווינגען. די רעפּובליק איז נאָך גע-ווען אַ נײַע זאַך, די מאַסן האָבן זיך באַצויגן צו איר גאַנץ ערנסט, די אַרבעטער פון אונטן האָבן געדריקט, האָבן נאָר וואָס, אין 1880 יאָר, אַרויסגעריסן אַן אַמ-ניסטיע פאַר די קאָמונאַרן (און אין 1884 יאָר פרײַהײַט פון פאַראייניקונג). די אַד-וואָקאַטן, וועלכע האָבן פאַרוואַלטעט מיט פראַנקרײַך, האָבן זיך „געשעמט". זיי האָבן געטאָן גענוג געמיינהייטן קעדיי צוליב טאָן דער רוסישער צאַרישער רעגי-

* דאָס האָט אַ שײַכעס ניט נאָר צו אַדוואָקאַטן, נאָר בכלל צו אַלע „ראַזנאָטשינצעס". ניקאָלײַ II האָט אַ לאַנגע צײַט ניט געקאָנט פאַרשטיין, אַז אַ דאָקטער קאָן מען דערלאַנגען די האַנט, פּונקט ווי אַן אָפיצער.

דונג: האָבן געהאַלטן אין טפיסע קראַפּאָטקינען, האָבן ארויסגעשיקט פון פראַנק-רייך פּלעכאַנאָווג, — אָבער ביז ארויסגעבן די „ניהיליסטן" אפן ווילקיר פונעם צאר זיינען זיי נישט דערגאַנגען. ביידע צדדים איז אויסגעקומען צוצופּאַסן זיך, און ביסלעכווייז האָבן זיי זיך טאַקע צוגעפּאַסט: די רוסישע זשאַנדאַרמען האָבן געשאַפן אין פּאַריז אן אייגענע „אַכראַנקע" מיט א שטאַט פּראַוואָקאַטערס בא איר, מיטן ספּעציעלן ציל אונטערצוהעצן די רוסישע רעוואָליוציאָנערן, די אומ-דערפאַרענע אָדער אמערסטן גאַרישע, אפ מעשים, וועלכע די פראַנצויזישע געזעצן האָבן אויך פאַרווערט; דעמאָלט קאָן מען זיי אָן שום מניעות אריינזעצן אין טפיסע. די פראַנצויזן ווידער האָבן, נישט ארויסגעבנדיק דירעקט די רעוואָליוציאָנערן, אָנגעהויבן ארויסשיקן די אַקטיווסטע פון זיי, אלס „אומגעווונטשענע אויס-לענדער" ליין דייטשלאַנד, — און דאָרט פלעגט שוין די דייטשישע פּאָליציי זיי אונטערקלייבן און אוועקשיקן „אהיים". אלץ איז געווען אין אָרדענונג, און די רעפּוב-ליקאַנישע קאָנסטיטוציע איז געבליבן אומבאַרירט. אָבער ביז דאָס אלץ האָט זיך איינגערעגולירט איז אריבער געננג צייט, און אין מעשעך פון דער דאָזיקער צייט זיינען געווען נישט ווייניק רייבונגען.

עס איז אָבער געווען נאָך אן אומשטאַנד, וועלכער האָט אָפּגעשראָקן אלעק-סאנדער דעם III-טן פון זייער אן ענגער דערנעענטערונג מיט דער פראַנצויזי-שער רעפּובליק. אלעקסאַנדער איז ווי אלע „ראָמאַנאָווס", סיי פאַר סיי נאָך אים, געווען גרייט ערנסט צו פירן מילכאָמע נאָר צוליב קאָנסטאַנטינאָפּאָל. * דערצו איז אָבער נאָך נישט געקומען די צייט: דער שוואַרציאַמישער פלאָט האָט זיך ערשט געהאַלטן אין בויען, די רוסישע אינפאַנטעריע האָט מען אָנגעהויבן איבערבאַוואָ-פּענען מיט א נייער ביקס (א קליינקאַליבערדיקער דריליניקער ביקס — די „בער-דאַנקע" האָט שוין באַוויזן פאַרעלטערט צו ווערן) ערשט דריי יאָר פאַר אלעקסאַנ-דער דעם III-טנס טויט, און דאָ האָבן די פראַנצויזן, ווי נאָר זיי האָבן דערזען פונדערווייטנס דעם רוסישן בונד, אָנגעהויבן קלינגען מיט די שווערדן, און זייער דעמאָלטיקער קריגס-מיניסטער, דער גענעראַל בולאַנזשע, א גרויסער פריינט פון די רוסישע שוואַרצמייעניקעס, האָט אָפּן געפירט די זאַך צו א „רעוואַנש" — צום אָפּרעכענען זיך מיט די דייטשן פאַרן 1870 יאָר. איינער פון די פראַנצויזישע מי-ניסטאָרן פון יענער צייט, גאַמבעטעס רעכטע האַנט, פרייסינע, איז זיך מודה אין זיינע זיכרוינעס, אז די פראַנצויזן זיינען פון דער הויט געקראָכן, קעדיי צו צווינ-גען דעם צאר אונטערצושרייבן א מיליטערישן אָפּמאַך מיט פראַנקרייך, זיי האָבן זיך געוועגדט אפילע צו דער פּראָטעקציע פון אזא באַרימטער פּערזאָן, ווי דער בא-רוסטער שפּיאָן און פּראָוואָקאַטער ראַטשקאָווסקי, וועלכער האָט פאַרוואַלטעט מיט אלעקסאַנדער דעם III-טנס פּערזענלעכער וואַך; אָבער אפילע אזא ווירקונגספולע פּראָטעקציע האָט אויך נישט געהאָלפן, און א געהיימען מיליטערישן אָפּמאַך מיט פראַנקרייך האָט אלעקסאַנדער אונטערגעשריבן ערשט אין 1893 יאָר, ווען דער טו-מל, וואָס בולאַנזשע האָט אויפגעהייבן, איז שוין לאַנג געווען אריבער.

אלס סאַכאַקל פון די דאָזיקע אלע רייבונגען און מיספאַרשטייענישן, האָט זיך ענגער און אופריכטיקער פון אלץ ארויסגעוויזן דער בונד פונעם ווינטער-פּאַ-לאַץ מיט דער פאַריזשער בירזשע. אלעקסאַנדער דעם III-טנס עמעסער פריינט

---

* די יאַפּאַנישע מילכאָמע, ווען וועלכער מיר וועלן דערציילן ווייטער, גייט נישט אין כעזשבן. אפ איר האָט מען טאַקע נישט געקוקט, ווי אפ אן „ערנסטער".

אינ פאריזש איז געווענ ניט די פרעזידענטנ אונ מיניסטאָרנ, נאָר דער פאריזשער באנקיר גאָסקיע, וועלכער האָט זיכ דערנאָכ אפילע געהאט בארימט, אז אלעקסאנ-דער III האָט אימ איבערגעגעבנ די זאָרג וועגנ די פינאנצ-איניאַנימ פונ זײַנ זונ ניקאָלײַ II. צי איז עס אזוי אָדער ניט, אָבער די ווירקונג פונ דער פאריזשער בירזשע איז געווענ זייער שטארק אינ פעטערבורג, אונ אויב אלעקסאנדער III איז פארבליבנ טויב צו די קריגערישע רופנ פונ די פראנצויזישע גענעראלנ, איז אָבער די פראנצויזישע באנקירנ געהאָרכזאמ נאָכגעגאנגענ אפנ שטריקל סײַ ער סײַ ני-קאָלײַ, וועלכער האָט אינ אָקטיאבער 1894 יאָר פארנומענ זײַנ אָרט אפנ טראָנ, ביז זיי זײַנענ ניט געקומענ צו דער ערשטער „ראָמאנאָווישער" קאטאסטראָפע, אינ 1904—1905 יאָר, אינ מאנדזשוריע.

דער פראנצויזישער קאפיטאל, אָדער, פינקטלעכער, דער אייראָפּעיִשער (מיטנ אויסנאמ פונ ענגלישנ קאפיטאל), וועלכער איז געווענ קאָנצענטרירט צומ סאָפ XIX יאָרהונדערט אינ די הענט פונ די פאריזשער בירזשע-אנשטאלטנ, האָט אפ די רוסישע האלוואָעס פונ די 80—90-ער יאָרנ בלויז געקראָגנ אפעטיט צו גיינ אפנ מיזרעכ. דער רוסישער פראָצענט איז, פארשטייט זיכ, דער העכסטער אינ אייראָפּע, עפשער קאָנ מענ אָבער באקומענ נאָכ מער אינ אזיע? ניט צופעליק האָט די בוי-ונג פונ דער סיבירער אײַזנבאנ, וועלכע איז באשלאָסנ געוואָרנ גראָד אינ 1887 יאָר, גיכ באקומענ א קאָלאָסאלע פאָליטישע באדײַטונג. „פארלייגנ" דעמ מיזרעכ-עק פונעמ נייעמ וועג האָט מענ אינ 1891 יאָר געשיקט ניקאָלײַענ גופע, דעמלט נאָכ א טראָנ-פאָלגער (אונ דאָ האָט ער זיכ דאָס ערשטע מאָל אָנגעשטויסנ אפ א יאַ-פאָנישע שווערד, — א געשעעניש, וועלכע אָבערגלויביקע מענטשנ וואָלטנ געקאָנט אָננעמענ פאר א שלעכטנ סימענ). * אונ ווענ אינ 1895 י. האָט זיכ אפנ מיזרעכ-ברעג פונעמ אזיאטישנ קאָנטינענט באוויזנ יאפּאָניע, וועלכע האָט מיט א גאנצ אומ-דערווארטעטער פאר דער אייראָפּעיִשער בורזשואזיע גיכקײַט א סאָפ געמאכט צו דער כינעזישער ארמיי אונ צומ כינעזישנ פלאָט — אונ צוזאמענ דערמיט אויכ צו די לעגענדעס וועגנ דער כינעזישער „אויפלעבונג" מיט דער הילפ פונ אייראָפּעיִשע פאָדריאטשיקעס — האָט רוסלאנד, אינ בונד מיט פראנקרײַכ אונ דײַטשלאנד, גערעלט ארײַנצומישנ זיכ. די יאפּאָניער, וועלכע מע האָט פלוצלינג אָנגעכאפט פארנ קארק, האָבנ קיינ איינ שטיקל ערד ניט באקומענ אפנ קאָנטינענט, אונ האָבנ זיכ געמוזט באנוגענענ מיט א קאָנטריבוציע. אונ קעדיי כינע זאָל זײַנ גרינגער אײַנצו-צאָלנ די קאָנטריבוציע אונ ביכלאל אײַנצורעגולירנ אירע פינאנציעלע איניאַנימ, צו שליסנ האלוואָעס אאז"וו., האָט אינ דעמ זעלבִיקנ 1895 יאָר דער רוסישער פי-נאנצ-מיניסטער, איניינעמ מיט די גרעסטע פאריזשער באנקירנ, געגרינדעט דעמ רוסיש-כינעזישנ באנק.

אז דאָס זײַנענ געווענ ניט קיינ צופעליקע געשעענישנ, נאָר א טייל פונ א געוויסנ אלגעמיינעמ פלאנ, באווײַזנ די ווערטער פונעמ זעלביקנ וויטע, וואָס ער האָט אָנגעשריבנ דרײַ יאָר פאר דעמ, אינ 1892 יאָר. „די סיבירער מאגיסטראל,— האָט דעמלט געשריבנ דער נײַער פינאנצ-מיניסטער, וועלכער האָט נאָר וואָס גע-האט פארנומענ זײַנ שטעלע, — עפנט א נײַעמ וועג אונ נײַע האָריזאָנטנ אויכ פארנ אלוועלטלעכנ האנדל, אונ די דאָזיקע באדײַטונג אירע שטעלט די אויפגאבנ

---

* בייס ניקאָלײַ האָט באזוכט א יאפּאָנישנ טעמפל, האָט איינער א יאפּאָניער א זעצ געטאָנ ני-קאָלײַענ מיט א שווערד איבערנ קאָפּ.

פונ דער מאגיסטראל אינ דער רײ אלוועלטלעכע געשעענישנ, מיט וועלכע עס הייבנ זיכ אָנ נײע עפּאָכעס אינ דער געשיכטע פונ פעלקער אונ וועלכע רופנ ניט זעלטנ ארויס די ראדיקאלע איבערקערעניש אינ די אײנגעשטעלטע עקאָנאָמישע באציִונגענ צווישנ די מעלוכעס".

וואָס האָט געמאכט פאר וויטעס שוטפימ אינ דער דאָזיקער „אלוועלטלעכע־געשעעניש" די פּאריזשער באנקירנ, איז פארשטענדלעכ פונ זיכ אליינ. עס וועט זײנ בלויז ריכטיקער צו זאָגנ, אז ניט זיי זײנענ געווענ וויטעס שוטפימ, נאָר ער זייערער, ווײל רוסלאנד האָט לאכלוטנ ניט געליטנ פונ צופיל קאפּיטאלנ, אונ אויב עס האָט יאָ געהאט אינ קעשענע געלט, איז עס געווענ ניט קיינ אייגנ געלט, נאָר פראנצויזיש. עס איז ניט שווער צו פארשטיינ, וואָס עס האָט א שטויס געטאָנ אויכ דײטשלאנד אינ דער אלגעמיינער קאמפּאניע: אויכ סכוירעס אפנ ארויסצופירנ אפנ ווײטנ מיזרעכ האָט רוסלאנד געהאט ניט מער, ווי געלט; עס איז קלאָר געווענ, אז דער סיבירער וועג וועט פירנ מער פּראָדוקטנ פונ די דײטשישע פאבריקנ, איידער פונ רוסישע; ווענ די רוסנ האָבנ פארנומענ פּאָרט־ארטור, — וועגנ דעמ וועלנ מיר באלד ריידנ ווײטער, — האָבנ זיכ דאָרט באוויזנ אגענטנ פונ דײטשישע פירמעס א סאכ פריִער, איידער א פארשטייער כאָטש פונ איינ רוסישנ פאבריקאנט.

אָבער צי דענ איז רוסלאנד געווענ אפנ ווײטנ מיזרעכ בלויז א ווערקצײג פונ די פּאריזשער באנקירנ אונ פונ די דײטשישע פאבריקאנטנ? פארשטייט זיכ, אז ניט, — אונ דאָס, וואָס מיר האָבנ דערציילט וועגנ אלעקסאנדער דעמ III-טנ ווידערשטאנד בענעגייע בולאנזשעס קריגערישער פּאָליטיק, באווײזט, אז דאָרטנ, ווו עס איז ניט געווענ קיינ שומ „נאציאָנאלער" אינטערעס, ווו דער רוסישער קאפּיטאל האָט ניט געקאָנט אָפּלעקנ קיינ ביינדל, אונ די צארישע רעגירונג האָט ניט געהאט קיינ האָפענונגענ צו באקומענ עפּעס אינ דער צוקונפט, אכוצ ביילנ אונ סיניאקעס, דאָרט האָט די דאָזיקע רעגירונג געקאָנט אײנשפּארנ זיכ. אויב אפנ ווײטנ מיזרעכ איז מענ געגאנגענ געהארכזאמ, ניט אײנשפּארנדיק זיכ, איז עס ניט בלויז דערפאר, וואָס מע האָט דאָרט ניט מוירע געהאט פאר קיינ ביילנ אונ סיניאקעס (עפּעס „יאפּאָשקעס", עפּעס „כאָדרים"* — וואָס איז דאָ פאראנ וואָס מוירע צו האָבנ?), נאָר אויכ דערפאר, וואָס מע האָט אינ דעמ אײנגעזענ נוצנ, אונ פונ די לעצטע יאָרנ פונעמ XIX יאָרהונדערט האָט מענ אינ דעמ אָנגעהויבנ אײנזענ אפילע דעמ איינציקנ אויסוועג.

מיר האָבנ שוינ געזענ (זע אויבנ ז.ז. 36—40), אז די רוסלענדישע גרויס־אינדוסטריע צומ סאָפ XIX יאָרהונדערט האָט זיכ בלויז אינ איינ טייל, אינ דער טעקסטיל־אינדוסטריע, געהאט אָנגעשפּארט אויסשליסלעכ אפנ ברייטנ געברויכ; אינעמ צווייטנ טייל, אינ דער מעטאלורגישער אינדוסטריע, איז איר אָנשפּאר געווענ מער די מעלוכישע ווירטשאפט, איידער די פּריוואטע. דעריבער פלעגנ די אינטערעסנ פונ אונדזער מעטאלורגיע א סאכ גיכער, איידער וועלכע ניט איז אנדערע, אָנעמענ א „מעלוכישע" פאָרמ. א מוסטער דערפונ האָבנ מיר ווידעראמאָל געזענ אפנ בײשפּיל פונ אלעקסאנדער דעמ III-טנ בולגארישער פּאָליטיק.

שוינ מיטנ „מאָסקווער אפּמאכ", וועלכנ דער בארימטער כינעזישער „רעפאָרמאטער" לי־כונ־טשאנג האָט געשלאָסנ ביימ ניקאָלײ דעמ II-טנ קרוינונג (דעמ

* מיט אזעלכע פאראכטנדיקע צונעמענישנ פלעגנ די רוסנ אפנ ווײטנ מיזרעכ רופנ די כינעזער.

22-טנ מײַ 1896 יאָר), האָט רוסלאַנד באַקומענ דאָס רעכט צו בויענ אײַזנבאַנענ אפ דער כינעזישער טעריטאָריע. פאַרופנדיק זיכ אפנ דאָזיקנ אָפמאַכ, האָט דאָס רוסישע פינאַנצ-מיניסטעריומ געשריבנ אינ 1902 יאָר וועגנ „דער קאָלאָסאַלער באַדײַטונג פונ דער דאָזיקער האַנאָכע פאַר אונדזערע אינטערעסנ אינ כינע", ווײַל ס'איז קלאָר, „וואָס פאַר אַנ אויסשליסלעכ וויכטיקע ראָליע עס שפילנ אינעמ עקאָנאָמישנ קאַמפ די פאַרקער-וועגנ". „מע האָט געקאָנט האָפנ, אַז דורכ דער פאַרמיטלונג פונעמ רוסיש-כינעזישנ באַנק, וואָס איז געגרינדעט געוואָרנ אינ 1895 יאָר, וועט זיכ אונדז אײַנגעבנ צו דערגרייכנ נאָכ ווײַטערדיקע דערפאָלגנ אינעמ דאָזיקנ לעצטנ געביט. אַדאַנק די באַדײַטנדיקע געלט-רעסורסנ אונ די רעכט, וואָס דער סטאַטוט האָט געגעבנ, צו באַטייליקנ זיכ אינ די אײַזנבאַנ-אונטערנעמונגענ אומעטומ אינ כינע, האָט דער דאָזיקער באַנק, באַמ באַדינג פונ שטיצע מיצאַד אונדזער מיסיע, געהאַט אַלע שאַנסנ צו שפילנ אַנ אָנגעזעענע ראָליע אינ דער ספערע פונ די אײַזנבאַנ-אונטערנעמונגענ אינ כינע. אפאָנעמ, אַז דערפאַר האָבנ זיכ גלײַכ פונ די ערשטע יאָרנ פונ דער טעטיקײַט פונעמ רוסיש-כינעזישנ באַנק אינ כינע אָנגעהויבנ ווענדנ צו אימ פאַרשיידענע אײַזנבאַנ-אונטערנעמער, סײַ כינעזער סײַ אויסלענדישע אונטערטאַנענ".

א קאָנקורענט פונעמ רוסישנ קאַפיטאַל אינ דער אײַזנבאַנ-בויונג אינ כינע איז געווענ דער ענגלישער קאַפיטאַל. אַדאַנק דער אײַנמישונג פונ די ענגלענדער האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ צו באַקומענ א מאָנאָפאָל אפ אויפבויענ א נעצ אײַזנבאַנענ אינ כינע צו צאָפנ צו פונעמ געלנ טײַכ, ד. ה. אײַזנבאַנענ, וועלכע זאָלנ פאַרבינדנ די כינעזישע הויפטשטאָט פעקינ מיט די מער דאָרעמדיקע צענטראַלע געגנטנ פונ דער אימפעריע. אָבער דאָס האָט ניט שטאַרק פאַרדראָסנ, ווײַל גענוג אַרבעט איז געווענ אויכ צו צאָפנ פונ פעקינ. די סיבירער ליניע האָט מענ צוערשט באַשלאָסנ פירנ אפ וולאַדיוואָסטאָק איבער דער רוסישער טעריטאָריע, פאַזע דעמ טײַכ אַמור. דערנאָכ האָט מענ באַשלאָסנ, אַז די דאָזיקע ריכטונג איז אומבאַקוועמ אונ ניט לוינבאַר, אונ מע האָט באַשלאָסנ צו פאַרקירצנ די ליניע דורכ אויסגלײַכנ זי: אָנשטאָט דעמ אַמור-בויגנ, האָט דער וועג געזאָלט גיינ לויט דער כאָרדע פונעמ דאָזיקנ בויגנ, איבער צאָפנ-מאַנדזשוריע, וועלכע האָט געהערט שוינ צו כינע. אַזוי ווי צאָפנ-מאַנדזשוריע איז א שיטער באַפעלקערט, האַלבמידבערדיק לאַנד, ווו עס איז, לויט די רוסישע באַגריפנ, קיינ עמעסע אָרדענונג ניט געווענ, האָט מענ געפויעלט באַ דער אײַזנבאַנ-קאָמפאַניע פולשטענדיקע זעלבסטפאַרוואַלטונג אונ אַפילע דאָס רעכט צו האַלטנ מיליטער אפ דער כינעזישער טעריטאָריע — אפ צו פאַרטיידיקנ די ליניעס אונ די סטאַנציעס. אַנדערש גערעדט, צאָפנ-מאַנדזשוריע איז אַרונטערגעפאַלנ אונטער אַנ עמעסער מיליטערישער אָ ק ו פ א צ י ע מיצאַד רוסלאַנד, ווײַל דאָס מיליטער פונ דער אײַזנבאַנ-קאָמפאַניע איז, פאַרשטייט זיכ, באַשטאַנענ פונ די זעלבע רוסישע סאָלדאַטנ אונטער דער קאָמאַנדע פונ רוסישע אָפיצערנ. דאָס איז שוינ געווענ אינ 1896 יאָר; אַלס ענדפונקט פונ דער ליניע איז נאָכ אַלצ אָנערקענט געווענ וולאַדיוואָסטאָק. אָבער אינ צוויי יאָר אַרומ האָט מענ זיכ אָנגעשטויסנ, אַז מע דאַרפ ענדערנ ניט בלויז די ריכטונג פונ דער ליניע, נאָר אויכ איר ענדפונקט. וולאַדיוואָסטאָק ליגט ווײַט פונ אַלע האַנדל-וועגנ אפנ ווײַטנ מיזרעכ. דער קלימאַט איז דאָרט זייער א האַרבער, דער האַפנ ווערט אפ עטלעכע כאָדאָשימ אינ יאָר באַדעקט מיט אײַז. די האַפנס פונ דאָרעמ-מאַנדזשוריע ווידער ווערנ קימאַט ניט באַפראָרנ אונ געפינענ זיכ אפ א לעבעדיקנ אויסגעפאָרענעמ האַנדל-וועג, וועל-

בער פירט צום סאַמע האַרצ פונ דער כינעזישער אימפּעריע, צו פּעקינ. איז באַשלאָסנ געוואָרנ א קערעווע טאָנ די אײַזנבאַנ צו דאָרעמ צו. דערצו האָט מענ „אַרענדירט" בא כינע אינ 1898 יאָר צוויי סאַמע דאָרעמדיקע האַפנס פונ מאַנדזשוריע — פּאָרט-אַרטור אונ דאַליאַנ-וואַנ (וועלכנ מע האָט געגעבנ א רוסישנ נאָמענ „דאַלני"). די קאָמערציעלע אַרענדע איז אויכ דאָ באַגלייט געוואָרנ מיט א מיליטערישער אָקופּאַציע: פּאָרט-אַרטור איז געוואָרנ א פעסטונג; זי האָט געדאַרפט באַקומענ א רוסישנ גאַרניזאָנ אונ ווערנ, דורכ די באַמיִונגענ פונ די רוסישע אינזשעניערנ, אַ ניט-צוטריטלעכע פעסטונג; דאָ האָט געזאָלט זײַנ דער שטיי-פּונקט פונעמ גאַנצנ רוסישנ שטילאָקעאַנישנ פלאָט, וועלכנ מע האָט גערעכנט זייער צו פאַרשטאַרקנ. א האַנדל-האַפנ האָט אייגנטלעכ געזאָלט ווערנ דאַלני, וווּ עס זײַנענ אויסגעבויט געוואָרנ דאָקנ, לאַגערס, אנ עלעקטרישע סטאַנציע א.א.וו. אויפ דעמ אַלעמ איז אויסגעגעבנ געוואָרנ 16 מיליאָנ גאָלד-רובל.

אָט אזוי האָט וויטע — ער איז געווענ די נעשאָמע פונ דער ווײַטמיזרעכדיקער פּאָליטיק אינ סאָפ XIX יאָרהונדערט — פאָרויסזעעוודיק פאַרבײַטערט דעמ מאַרק פאַר דער רוסישער מעטאַלורגיע. מיט דעמ אונטערשייד, וואָס איצט האָט זיכ געהאַנדלט וועגנ דער מעטאַלורגיע, אונ ניט וועגנ דער טעקסטיל-אינדוסטריע (אָבער ניט וועגנ דער מעטאַלורגיע אַלייג: קיינ כינע האָט מענ זיכ געקליבנ אַרויספירנ אויכ קעראָסינ אונ שפּײַז-פּראָדוקטנ), האָט וויטעס פּאָליטיק פּונקט דערמאָנט ניקאָלײַ דעמ I-טנס פּאָליטיק אפנ נאָענטנ מיזרעכ (ז. טייל 2). נאָר די דירעקטע פאַרכאַפּונג, מיט דער הילפ פונעמ באַגנעט, האָט אינ וויטעס פּאָליטיק געשפּילט א קלענערע ראָליע, איידער אינ ניקאָלײַס פּאָליטיק: וויטע איז מער געווענ א מענטש פונ דער בורזשואַזער וועלט, איידער פונ דער פעאָדאַלער. פריער אָדער שפּעטער האָט אויכ דאָ, פאַרשטייט זיכ, געמוזט דערגייִנ צו א באַוואָפנטנ צוזאַמענשטויס. רוסלאַנד האָט זיכ טאַקע ביסלעכווײַז געגרייט צו א מילכאָמע: פונ 1892 ביז 1902 יאָר האָבנ זיכ די רוסישע מיליטערישע הוצאָעס יעדעס יאָר פאַרגרעסערט אויפ 48%, אונ ספּעציעל די הוצאָעס אפנ *פלאָט* — מער ווי אויפ 100%: פונ 48 מיליאָנ גאָלד-רובל ביז 98 מיליאָנ. די דאָזיקע לעצטע ציפער באַווײַזט קלאָר, אַז דאָס מאָל האָט זיכ געהאַנדלט ניט וועגנ קאָנסטאַנטינאָפּאָל: דער שוואַרצ-יאַמישער פלאָט איז אויסגעבויט געוואָרנ אינ אַלעקסאַנדער דעמ III-טנס צײַטנ, אונ פאַר די נײַנציקער יאָרנ איז צו אימ קימאַט גאָרנישט ניט צוגעגעבנ געוואָרנ. די רוסישע מיליטערישע הוצאָעס זײַנענ דערבײַ געוואַקסנ גיכער, איידער בא וועלכער-ניט-איז אַנדערער מעלוכע אינ אייראָפּע; גלײַכ נאָכ רוסלאַנד זײַנענ אינ דעמ פּראַט געגאַנגענ דײַטשלאַנד אונ עסטרײַכ-אונגאַרנ, אָבער דאָס ערשטע האָט פאַרגרעסערט זײַנע מיליטערישע הוצאָעס פונ 1892 ביזנ 1902 יאָר בלויז אויפ 36%, אונ דאָס צווייטע — סאַכאַקל אויפ 32%. *רוסלאַנד האָט זיכ געגרייט צו א מילכאָמע ענערגישער, איידער וועלכע-ניט-איז אַנדערע מעלוכע*. וויטע אָבער האָט געהאָפט אָפּציִענ די מילכאָמע אויפ שפּעטער, אויפ וויפל עס וועט זײַנ מעגלעכ.

אינ וויטעס ווײַטמיזרעכדיקער פּאָליטיק איז, אָנ שום סאָפעק, געווענ א געוויסער עמבריאָנ פונ *אימפּעריאַליזמ*, דעריקער אינ געשטאַלט פונעמ רוסיש-כינעזישנ באַנק, אָבער אינ גרונט איז דאָס געווענ א פּאָרזעצונג פונ דער קאָלאָניאַלער פּאָליטיק פונ די „ראָמאַנאָווס" פונ XVIII אונ XIX יאָרהונדערטנ. בלויז די מעטאָדנ זײַנענ געווענ קאָמפּליצירטער אונ די פּלענער ווײַטזיכ-

מיקער: וויטע און באַזונדערס זײַנ פאַרבינדעטער, דער קריג־מיניסטער קוראָפּאַט־קינ, האָבנ געטרוימט, אינ צוזאַמענהאַנג מיט דער אויסבויונג פונ דער אײַזנבאַנ, וועגנ א רוסישער קאָלאָניזאַציע, וואָס זאָל גלײַכ מאַכנ פאַקטיש צורוקנ די „אימפּעריע" צו די ברעגעס פונעמ שטילנ אָקעאַנ און זאָל לייזנ די אַגראַר־פראַגע, וואָס האָט זיי ביידנ שטאַרק באַאומרויִקט. אָבער אפנ וועג פונ וויטעס אָט דער „נאָרמאַלער" קאָלאָניזאַטאָרישקייט האָט זיכ געשטעלט די ווילדע, אוראַלט־העגדלערישע און פּעאָדאַלע קאָלאָניזאַטאָרישקייט פונ זײַנע געקרוינטע הארנ — די „ראָמאַנאָווס".

בא די „ראָמאַנאָווס" איז אויכ געווענ א מינ קריזיס. צומ אָנהייב XX יאָרהונדערט האָט זיכ די צאַרישע פאַמיליע אומגעהייער צעפּרוכפּערט: „ראָמאַנאָווס" מיט אַלע קרויווימ איז געווענ א היפּש ביסל, מער פונ א האַלבער מייע. עס איז אויסגעקומענ פאַנאַנדערצוטיילנ די „גרויספירשטנ" אפ קאַטעגאָריעס, און אַלס עמעסע „גרויספירשטנ" האָט מענ אָנגעהויבנ אָנערקענענ נאָר די קינדער און אייניקלעכ פונעמ רעגירנדיקנ אימפּעראַטאָר; די איבעריקע זײַנע געווענ בלויז „פירשטנ פונעמ קייזערלעכנ בלוט" און האָבנ געהייסנ פּשוט „הויכקייט" און ניט „קייזערלעכע הויכקייט". עס איז אויסגעקומענ — און דאָס איז געווענ נאָכ בילכאַרער — אײַנצופירנ ראַציעס (פּײַקעס) און א „קאַרטנ־סיסטעמ". פריער פלעגט מענ יעדנ מיטגליד פונ דער צאַרישער פאַמיליע באַזאָרגנ אַזוי, אַז ניט בלויז ער האָט געקאָנט לעבנ „אָנשטענדיק", נאָר אַלע זײַנע אַרומיקע הויפדינער, די פּוסטע־פּאַכניקעס, האָבנ געקאָנט פרעסנ ביז איבערנ האַלדז. איצט, ווי רײַכ עס זײַנע ניט געווענ די „ראָמאַנאָווס", פלעגט שוינ ניט קלעקנ אפ אַנ „אָנשטענדיק" לעבנ פאַר אַלעמענ אָנ אויסנאַמ. דאָס באַזאָרגנ „לויט די באַדערפענישנ" איז נאָכ אינ אַלעקסאַנדער דעמ III־טנס צײַטנ פאַרביטנ געוואָרנ אפ באַשטימטע אַסיגנירונגענ פונ די פאַמיליענ־האַכנאָסעס: מע האָט געמוזט לייגנ זיכ, אַזויווי עס איז געווענ אויסגעבעט. דערבײַ פלעגנ די „בלוט־פירשטנ" באַקומענ שוינ ניט קיינ גרעסערנ געהאַלט, ווי די האַכנאָסעס פונ א געוויינלעכנ רײַכנ פּאָרעצ. מיט אַזא האַכנאָסע איז שוינ שווער געווענ צו לעבנ „מײַסע קייסער".

איז דעריבער דעמ ערשטנ מיליאַרדער פונ דער וועלט אויסגעקומענ צו טראַכטנ וועגנ פאַרגרעסערנ זײַנע מיליאַרדנ. דער קרוינ־אַמט, אפ וועלכנ ס'איז געלעגנ די היסכײַוועס צו געבנ עסנ און טרינקענ די „ראָמאַנאָווס", האָט זיכ אָנגעהויבנ פאַרנעמענ מיט פאַרשיידענע געשעפטנ: מע האָט, לעמאָשל, פאַרפירט א האַנדל מיט ווײַנ פונ די קייזערלעכע ווײַנגערטנער. אינ אויסלאַנד האָט מענ אָנגעהויבנ אַרײַנלייגנ די „ראָמאַנאָווישע" קאַפּיטאַלנ אינ פאַרשיידענע אונטערנעמונגענ. אַגעוו, האָבנ צירקולירט גאַנצ פעסטע קלאַנגענ, אַז די ענגלישע פירמע וויקערס, וועלכע האָט אויסגעאַרבעט קריג־שיפנ, האַרמאַטנ, פאַנצערס אאַוו., האָט געהאַט די „ראָמאַנאָווס" צווישנ אירע גרעסטע אַקציאָנערנ: דאָס איז אינטערעסאַנט אינ דעמ פּראַט, וואָס גראָד אָט די פירמע פלעגט באַזאָרגנ דעמ יאַפּאַנישנ פלאָט, וועלכער האָט, אַזויאַרומ, געקאָנט צעשיסנ די רוסישע פאַנצער־שיפנ פונ „ראָמאַנאָווישע" האַרמאַטנ. פּאָרט עפּעס א מינ „פּאַטערלענדישע פּראָדוקציע". נאָר אינ אַלגעמיינ איז דאָס אויכ געווענ א קלייניקייט: דאָס ברייטע מויל פונ די „ראָמאַנאָווס" וואָלט געקאָנט אײַנשלינגענ צענ וויקערסנ מיט זייערע האַכנאָסעס. און אָט, ווי עס טרעפט זיכ אָפט מיט פּריצימ, וועלכע האַלטנ בא בעראַלעס ווערנ, איז געקומענ דער „יעיצערהאָרע" און האָט אָנגעהויבנ אַרײַנציענ אינ אַנ אונטערנעמונג, וואָס איר לוינבאַרקייט איז געווענ אפילע שווער זיכ פאָרצושטעלנ. דאָס איז געווענ

אײנער אַ פּאָלקאָווניק אינ דעמיסיע, וואָנליאַרליאַרסקי — אַ נאָמענ, וועלכער איז פאַרשטײט זיכ, ניט באַוווּסט קײנ אײנעם פונ די לײענער פונעם דאָזיקנ ביכל, וועלכער פאַרדינט אָבער פולקומ צו ווערנ אַ היסטאָרישער. ווײַטע האָט כאַראַקטע-ריזירט דעם דאָזיקנ געוועזענעמ פּאָלקאָווניק אַלס „אַ מאַכער פונ סאַמע נידעריקסטנ סאָרט", — דאָס איז געווענ פּראָסט אונ פּאָשעט אַ זשוליק אונ אַנ אַפּעריסט, פונ די, וואָס רײַבנ זיכ שטענדיק אַרומ רײַכע פּריצים, וואָס האַלטנ באַ בעדאַלעס ווערנ. באַווײַזנ האָט ער זיכ אינ 1898 יאָר, גראַד ווענ דער ווײַטער מיזרעכ איז, אַדאַנק ווײַטענ, אַרײַנ אינ דער מאָדע, אונ ער האָט דורכנ צאַרישנ שוואָגער, דעם גרויס-פירשט אַלעקסאַנדער מיכײַלאָוויטשנ, דערלאַנגט אַ מעמאָראַנדומ, אינ וועלכנ ער איז אָנגעוויזנ געוואָרנ, אַז עס איז ניטאָ קײנ גרינגערע זאַכ, ווי באַרײַכערט ווערנ מיט די קלוימערשט אומגעהײַערע אוצרעס, וואָס זײַנענ פאַרבאָרגנ אינ קאָרײע.* וואָנליאַרליאַרסקי האָט געשריבנ: 1) „אַז אינ קאָרײע ווירקט דאָס שטײַגער-רעכט אונ אָפּנ סמאַכ פונ דעם איז אינעמ לאַנד קײנ פּריוואַט-אײגנטומ ניט פאַראַנ, אונ די גאַנצע ערד געהערט דעם קײסער (דעם קאָרײִשנ); 2) אַז עס איז פּ אַ ר אַ נ אַ מ ע ג ל ע כ ק ײַ ט צו פאַרכאַפּנ קאָרײע, באַקומענדיק אַ קאָנצעסיע אָפּ די פאַר-שיידענע רײַכטימער אירע, וועלכע זײַנענ נאָכ ניט צערויבט געוואָרנ פונ אויסלענ-דער" (!); 3) אַז דאָרט איז שוינ פאַראַנ ברינערס וואַלד-קאָנצעסיע, „וועלכע גיט די מעגלעכקײַט אויסצושיקנ אַנ עקספּעדיציע קײנ קאָרײע מיטנ אויסרײד אַרומצוקוקנ די וועלדער".

וואָס איז אַזוינס קאָרײע? זי איז אינ יענע צײַטנ געווענ רוסלאַנדס נאָענטסטע שכײנע, וועלכע האָט געגרענעצט דירעקט מיט דער אוסורישער געגנט, וואָס איר הויפּט-שטאָט וולאַדיוואָסטאָק געפינט זיכ סאַכאַקל אַפּ אַ מעהאַלעכ פונ עטלעכע צענדליק קילאָמעטער פונ דער קאָרײִישער גרענעצ. פריִער אַ האַלב-אומאָפּהענגיק קיניגרײַכ, אַ וואַסאַל פונ כינע, איז קאָרײע פונ 1895 יאָר אָנ, נאָכ דער יאַפּאַניש-כינעזישער מילכאָמע, געוואָרנ אַנ „אומאָפּהענגיקע אימפּעריע", וועלכע האָט אָבער אינדערעמעסנ שוינ קײנ שומ זעלבשטענדיקײַט ניט געהאַט: אינ איר פלעגט זיכ קעסיידער בײַטנ די הערשאַפט אַמאָל פונ דער רוסישער, אַמאָל פונ דער יאַפּאַנישער ווירקונג. דאָס רוסישע אויסערנ-מיניסטעריומ האָט זיכ שפּעטער מודיע געווענ אינ אַ געהײמענ מעמאָראַנדומ, אַז „ד ע ר ג ו י ר ל פ ו נ ק אָ ר ײ ע, אַלס אַ צוקינפטיקנ ב אַ ש ט אַ נ ד ט ײ ל פונ דער רוסלענדישער אימפּעריע, צוליב די געאָגראַפישע אונ פּאָליטישע באַדינגונגענ, איז שוינ לעכאַטכילע געווענ באַשטימט פונ אונדז". אויפנ דאָזיקנ סמאַכ, — דערצײלט ווײַטער דער דאָזיקער מעמאָראַנדומ, — האָבנ טאַקע די רוסישע דיפּלאָמאַטנ אָפּגעוואָרפנ די צ ע ט ײ ל ו נ ג פ ו נ ק אָ ר ײ ע, וואָס יאַ-פּאַניע האָט פאָרגעלײגט אינ 1896 יאָר: דאָס וואָלט געהײסנ „פרײַוויליק זיכ בינדנ די הענט אינ דער צוקונפט". עמעס, אינ צוויי יאָר אַרומ, נאָכ דעמ ווי רוסלאַנד האָט פאַרכאַפּט פּאָרט-אַרטור, האָט מענ געמוזט גײנ אַפּ האַנאָכעס: רוסלאַנד האָט זיכ מיסכײַעוו געווענ „ניט שאַפנ קײנ מעניִעס" פאַר „דער פרעוואַלירונג פונ יאַפּאַ-ניע אינעמ געביט פונ האַנדל-עקאָנאָמישע אונטערנעמונגענ" אינ קאָרײע; אָבער, ווי עס טײלט מיט מיט טריומפ דער זעלביקער מעמאָראַנדומ, איז עס געווענ אַ באַ-שײַמפּערלעכער שווינדל מיצאַד דער רוסישער דיפּלאָמאַטיע. ווײַל מיט קײנע שומ

* דער עקסטער צאָפנ-מיזרעכדיקער אויסשטאַרצ פונ כינע, — אַ האַלב-אינדזל, וועלכער פאַרבינדט דעמ אַזיִאַטישנ קאָנטינענט מיט דער גרופּע אינדזלענ, אַפּ וועלכע עס געפינט זיכ יאַפּאַניע.

רוסישע „האַנדל־עקאָנאָמישע אונטערנעמונגענ" האָט אַפילע ניט געשמעקט אינ קאָ־רייע, רוסלאַנד האָט אָפּגעגעבנ, קאָנ מענ זאָגנ, בלויז די לופט אַליינ, און באַקומענ האָט עס אַלס אויסטוייש אַזעלכע רעאַלע זאַכנ, ווי די ניטפאַרפרירנדיקע האַפנס פונ דאָרעמ־מאַנדזשוריע.

און אַט, פּונקט ווי בעליווּנ, באַווײַזט זיכ אויפ דער וועלט אינ קאָרייע גראָד אינ דער זעלביקער צײַט א „האַנדל־עקאָנאָמישע אונטערנעמונג", וועלכע געהערט נאָכ דערצו די „ראָמאַנאָווס" אַליינ. דערבײַ איז די „אונטערנעמונג" גאָרניט באַשטאַנענ אינ עפּעס א נעבעכדיקער וואַלד־קאָנצעסיע אויפ טײַכ יאַלו, וועגנ וואָס עס האָבנ אַזוי פיל געטומלט די רוסישע צײַטונגענ אינ 1905—1906 י.י.: די דאָזיקע קאָנצעסיע איז בלויז געווענ אַנ אויסרייד צו פאַרכאַפּנ קאָרייע,— צוליב אַזא קלייניקײַט, ווי א וואַלד־קאָנצעסיע, וואָלטנ די „ראָמאַנאָווס" אַפילע די הענט ניט געוואָלט פאַרשמוצנ. עס האָט זיכ געהאַנדלט וועגנ פאַרכאַפּנ א גאַנצ לאַנד, עטוואָס קלענער פונ איטאַליע, מיט א שטעטכ פונ 228 טויזנט קוואַדראַט־קילאָמעטער, מיט א באַפעלקערונג פונ העכער 10 מיליאָנ מענטשנ. אָבער די „ראָמאַנאָווס" האָבנ אייגנטלעכ געדאַרפט ניט די ערד און ניט די מענטשנ. סײַ דאָס סײַ יענצ איז געווענ גענוג אינ רוסלאַנד. ניסימ פלעגט מענ דערציילנ וועגנ די מיצעדאַלע רײַכטימער פונ קאָרייע, וועגנ גאָלד־זאַמדנ, וועגנ פלאַסטנ אַרצ, שטיינקוילנ אאַוו. אויפ פאַנאַנדעראַרבעטנ די דאָזיקע אַלע רײַכטימער האָט זיכ טאַקע דעמ גרויסנ באַאַמטנ פונ הויפ־אַמט, — דער גאַנצער איניענ איז געפירט געוואָרנ ווי א פאַמיליענ־איניענ פונ די „ראָמאַנאָווס", — וועלכער איז געשטאַנענ בעראָש פונ דער עקספּעדיציע, אײַנגעגעבנ צו באַקומענ א קאָנצעסיע פונעמ קאָרייִשנ אימפּעראַטער. דערינ, — ווי עס איז מודע די רוסישע דיפּלאָמאַטיע, — איז באַשטאַנענ דער „גרונטציל", צו וועלכנ דער אָנגערופענער באַאַמטער האָט געשטרעבט: „דורכ צוציענ קיינ קאָרייע רוסישע און אויסלענדישע קאַפּיטאַלנ אויפ צו באַאַרבעטנ די רײַכסטע מעטאַל־גרובנ און גאָלד־זאַמדנ פונעמ הויפ־אַמט (פונעמ קאָרייִשנ) ניט דערלאָזנ, אַז די דאָזיקע רײַכטימער זאָלנ אַריבערגיינ אינ יאַפּאַנישע הענט".

אַזוי אַרומ, האָט די אָפיציעלע דיפּלאָמאַטיע פאָרמעל צוגעזאָגט ניט „צו שאַפּנ קיינ מניעס", און ניקאָלײַ דעמ II־טנס פערזענלעכער פאַרטרויטער, וועלכער איז ניט געווענ רעגיסטרירט אינ קיינ שומ דיפּלאָמאַטישע רעשימעס, איז געקומענ קיינ קאָרייע, קעדיי „צו שטערנ".

די דאָזיקע צווייפּנעמדיקײַט האָבנ די יאַפּאַניער, פאַרשטייט זיכ, טייקעפ אויפגעדעקט און דאָס האָט געמוזט פאַרשאַרפנ ביזנ העכסטנ גראַד די באַציִונגענ צווישנ די צוויי לענדער. אינ דער לופט האָט אָנגעהויבנ שמעקנ מיט א מילכאָמע. דאָס איז געווענ נאָכ אינ 1899 יאָר. די ווײַטערדיקע, ביזנ אָנהייב פונ דער מילכאָמע, פינפ יאָר זײַנענ פאַרפולט מיט פאַרצווייפלטע פרווונ סײַ פונעמ רוסישנ אויסערנ־מיניסטעריומ און סײַ, באַזונדערס, פונ וויטע אָפּצוציִענ די מילכאָמע; ניקאָלײַ II ווידער האָט מיט דער שטילער אַקשאָנעס, וואָס איז אימ אייגנטימלעכ געווענ, אַלצ געדריקט אויפ זײַנ „האַנדל־עקאָנאָמישער" אונטערנעמונג. וואָנליאַרליאַרסקינ האָבנ שוינ לאַנג אָפּגעשטויסנ אינ הינטערגרונט מער געשיקטע מענטשנ, אָבער פונ דעמ זעלביקנ מינ: דער הויפ־פּוסטעפּאַסניק בעזאָבראַזאָוו, וועלכנ ניקאָלײַ האָט דערהייבנ ביזנ ראַנג פונ א סטאַטס־סעקרעטאַר (עפּעס א מינ מיניסטער אָנ א פּאָרטפעל), און דער יאַמ־אָפיצער אַבאַזאַ, וועלכנ ניקאָלײַ האָט

געמאכט פאר אנ אדמיראל. קייג קאָרייע האָט מענ ביסלעכווײַז ארײַנגעפירט רוסיש מיליטער — סאָלדאטנ — אינ דער פאָרמ פונ „ארבעטער", אָפיצערנ — אינ דער פאָרמ פונ „אָנגעשטעלטע" אָדער אופזעער איבער דער ארבעט. דאָס אלצ פלעגט, פארשטייט זיכ, געטאָנ ווערנ אינ א נישטיקנ פארנעמ: א גרויסנ מיליטער־אָטריאד וואָלט געווענ אומעגלעכ צו פארמאסקירנ, די יאפאָנער וואָלטנ, פונ זייער זײַט, געענטפערט מיט שיקנ אנ אָטריאד, אונ א צוזאמענשטויס וואָלט געווענ אומפארמײַדלעכ. עס פלעגט זיכ אויכ גיט אײַנגעבנ ארײַנצודרינגענ ווײַט פונ דער רוסישער גרענעצ: וועגנ גאָלד־זאמדנ אונ ארצ־גרובנ האָט מענ דערווײַל בלויז געהערט, אונ באארבעטנ פלעגט מענ אינ דער ווירקלעכקײַט טאקע די וואלד־קאָנצעסיע לענגויס דעמ טײַכ יאלו (וועלכער טיילט אָפ קאָרייע פונ מאנדזשוריע). אינ דער זעלביקער צײַט האָט זיכ יאפאָניע באוואָפנט ניט ווייניקער פיבערהאפט, איידער רוסלאנד. עס איז קלאָר געווענ, אז אָנ אנ עמעסער גרויסער מילכאָמע, בלויז דורכ א קליינער שווינדלערײַ, וועט מענ קאָרייע ניט באקומענ.

בעזאָבראזאָוו אונ זײַנ קאָמפאניע האָבנ טאקע געשטויסנ אָפ דער דאָזיקער מילכאָמע, זייענדיק לעבאטבילע זיכער אינ איר „זיגרײַכנ סאָפ". וויטע אָבער האָט זיכ געהאלטנ א גאנצ לאנגע צײַט אונ געפונענ שטיצע אינעמ קריג־מיניסטער קוראָפאטקינ. דער, אנ אָנטיילנעמער פונ דער רוסיש־טערקישער מילכאָמע פונ 1877—1878 יאָר, האָט גוט געדענקט, אכוצ דעמ, דעמ רוסיש־דײַטשישנ צוזאמענשטויס (זע אויבנ), אונ האָט פארשטאנענ בלויז איינ מילכאָמע, — פאר קאָנסטאנטינאָפאָל, וואָס אפנ וועג צו איר האָט ער געזענ בלויז איינ סוינע, די דײַטשנ. יעדער באטאליאָנ, יעדע באטאריי, וועלכע פלעגט אוועקגעשיקט ווערנ אפנ ווײַטנ מיזרעכ, פלעגנ אָפשוואכנ דעמ שוצ אפ דער ווײַסל — דאָס איז פאר קוראָפאטקינענ געווענ, קעדיי צו זײַנ א קענער פונ יעטווידער ווײַטמיזרעכדיקער אוואנטיורע.* צו זײַנ אונ וויטעס אומגליק האָט זיכ קוראָפאטקינ ניט אויסגעצייכנט מיט אנטשלאָסנקייט ניט אפנ שלאכטפעלד, גיט אפ די פילצאָליקע באראטונגענ, וועלכע ניקאָלײַ פלעגט צונויפרופנ וועגנ זײַנ געליבטער „אונטערנעמונג". אימ האָט געקלעקט מוט צו דערקלערנ דעמ קייסער, אז א מילכאָמע מיט יאפאָניע וועט אָפקאָסטנ קימאט א מיליארד רובל גאָלד אונ 30 טויזנט מענטשלעכע לעבנס (אינדערעמעסנ האָט זי אָפגעקאָסט אינ צוויי מאָל טייערער), אונ געבנ אנ אָנצוהערעניש, אז קאָרייע איז ניט ווערט אזעלכע קאָרבאָנעס. אז ער פלעגט אָבער זענ, אז ניקאָלײַ האלט זיכ בײַ דאָס זייניקע, פלעגט ער, ווי א געהאָרכזאמער סאָלדאט, אויסציִענ די הענט אונ זאָגנ: „איבעריקנס, ווי איר וועט באפעלנ!" אונ ניקאָלײַ האָט מיקויעכ מיליארדנ — מעלוכישע, וועלכע זײַנענ געזאמלט געוואָרנ פונעמ פאָלק, אונ ניט פונ זײַנ אייגענער „ראָמאנאָווישער" קעשענע — אונ מענטשלעכע לעבנס, פויערשע אָדער ארבעטערשע, געהאט זײַנ אייגענע מיינונג. בײַ אימ פלעגט אָנהייבנ לויפנ שפייעכצ פונעמ מויל בײַמ געדאנק וועגנ די מיליארדנ, וועלכע וועלנ אָנהייבנ פליסנ פונ קאָרייע אינ אָט דער „ראָמאנאָווישער" קעשענע, אונ ער פלעגט אפילע שטארק גערירט ווערנ, ווענ ער פלעגט זיכ פאָרשטעלנ דאָס בילד פונ זײַנ צוקינפטיקער בארײַכערונג. ער פלעגט פאָרויס מאסקימ זײַנ צו טיילנ זיכ מיט די האכנאָסעס אונ, פונקט ווי דער אלטפרענקישער סויכער, וועלכער הענגט אופ נאָכ א געלונגענעמ

* אוואנטיורע — איז א ריזיקאלישע אונטערנעמונג, וועלכע באזירט זיכ ניט אפ קיינ ריכטיקער אויסרעכענונג, וועלכע איז אָנגעהויבנ געוואָרנ מיט דער האָפענונג טאָמער וועט זי זיכ אײַנגעבנ.

שווינדל א גלאָק אינ זײַנ קלויסטער, אזוי האָט אויכ ניקאָלײַ שריפטלעכ צוגעזאָגט אויסצוגעבנ די מויסרעס פונ זײַנע קאָרײיִשע האכנאָסעס אפ „בויענ פּראוואָסלאווישע טעמפּלענ". אונ דעריקער, וואָס האָט אָפּגעשוואכט וויטעס אונ קוראָפּאטקינס ווידערשטאנד, איז געווענ זײער אײגענע פּאָליטיק. בײדע האָבנ זײ ניט געקאָנט פּארלאָזנ מאנדזשוריע — אײנער, ווײַל ער האָט געוואָלט פּארכאפּנ דעמ ווײַטמיזרעכדיקנ מא״ק, דער צווײטער צוליב זײַנע קאָלאָניזיר־פּלענער. אָבער אויב מיט יאפּאָניע האָט מענ געשטריטנ צוליב קאָריע, זײַנענ דערווײַל מיט ענגלאנד אונ מיט די פּאראײניקטע שטאטנ פּאָרגעקומענ צוזאמענשטויסנ טאקע צוליב מאנדזשוריע. געלט אָבער אפ דער מילכאָמע האָט יאפּאָניע געקאָנט באקומענ בלויז פונ די ענגלענדער אונ אמעריקאנער: די צוזאמענשטויסנ מיט זײ זײַנענ געווענ *וויכטיקער*, ווי די צוזאמענשטויסנ מיט יאפּאָניע.

א גאנצע רײ סיבעס האָט אָבער אָפּגעהאלטנ אויכ ניקאָלײַענ, אכוצ וויטעס אונ קוראָפּאטקינס ניט אנטשלאָסענעמ ווידערשטאנד. דער סיבירער וועג איז נאָכ ניט אינגאנצנ געווענ פּארענדיקט. אפילע אינ 1904 יאָר, ווענ די מילכאָמע האָט זיכ שוינ אָנגעהויבנ, האָט דער שווערסטער באצירק, ארומ בײַקאל, נאָכ ערשט געהאלטנ אינ דערבויט ווערנ, אונ דאָס מיליטער פלעגט אויסקומענ אריבערפירנ איבערנ בײַקאל אפ אײַזברעכערס. דער גרויסער רוסישער פלאָט — עס איז געווענ קלאָר, אז א מילכאָמע מיט יאפּאָניע, מיט א יאמ־מעלוכע, קאָנ מענ ניט פירנ אָנ א פלאָט, — איז נאָכ אויכ ניט געווענ פּארטיק: די פיר שטארקסטע פּאנצערשיפנ זײַנענ פּארטיק געוואָרנ ערשט צו מײַ 1905 יאָר, קעדײ אומקומענ אינ די וואסערנ פונ צוסימער דורכגוס. פּאָרט־ארטור איז נאָכ אויכ ווײַט געווענ פונ צו ווערנ אנ „אומצוטריטלעכע פעסטונג": אזא מינ אָפּשאצונג האָט ווידעראמאָל ניט געפּאסט פּאר איר נאָכ אינ 1904 יאָר. לעסאָפ, האָט זיכ גאָר אינגיכנ נאָכנ אָנהײב פונ דער קאָרײיִשער „אונטערנעמונג" ארויסגעוויזנ, אז אינ מאנדזשוריע שטײענ מיר נאָכ אויכ ניט מיט קײנ פעסטנ פוס. בלויז אָפּמאכנ אונ קאָנצעסיעס איז געווענ ווינציק אפ צו ווערנ באלעבאָס אינ דער דאָזיקער כינעזישער פּראָווינצ. די רויִקע כינעזער, וועלכע האָבנ עפּעס געבעבעט אפ אנ אומבאקאנטער שפּראכ, פלעגנ דערוועקנ פּאראכטונג בא די רוסישע „קאָלאָניזאטערס". מיט זײ פלעגט מענ ניט „פּראווענ קײנ צערעמאָניעס" — אפילע וויטע האָט אינ זײַנ אלונטערטעניקסטנ באריכט צו ניקאָלײַ II וועגנ דער רײַזע אפנ ווײַטנ מיזרעכ ניט געקאָנט באהאלטנ, ווי מיעס עס פירט זיכ אופ דאָס רוסישע מיליטער אינ מאנדזשוריע: רויבערײַענ, הארגענעס, גוואלדטאטנ איבער פרויענ זײַנענ דאָ געווענ א גאנצ געוויינלעכע זאכ. מע דארפ זאָגנ, אז די רוסנ זײַנענ דאָ ניט געווענ קײנ אויסנאמ — כינע האָבנ אלע ראבירט צו ביסלעכווײַז: גלײַכצײַטיק מיט דעמ, ווי די רוסנ האָבנ פּארכאפּט פּאָרט־ארטור, האָבנ די ענגלענדער פּארכאפּט ווײַ־כײַ־ווײַ, אונ די דײַטשנ קיאָאָ־טשאָאָ. זומער 1900־טנ יאָר, ווענ אינ כינע איז אויסגעבראָכנ אנ אופשטאנד קעגנ די „אויסלענדישע טײַוואָלימ", האָט ער זיכ גלײַכ אריבערגעוואָרפנ אויכ אפ מאנדזשוריע. דער אויסגעבויטער טײל אײַזנבאנ איז קימאט אינגאנצנ צעשטערט געוואָרנ. מאנדזשוריע האָט מענ געמוזט אײַנעמענ. דאָס דאָזיקע אײַנעמענ איז באגלײט געוואָרנ מיט אזעלכע אכזאָריעסנ, וועלכע עס איז גאָר אומעגלעכ צו באשרײַבנ: טויזנטער כינעזער זײַנענ דערטרונקענ געוואָרנ אינעמ טײַכ אמור, אָנ א שיר דערפער זײַנענ צעראבירט געוואָרנ, פּארברענט געוואָרנ — מיט אײנ וואָרט, די כינעזער, וועלכע זײַנענ ביז דעמלט געווענ סאָנימ פונ די יאפּאָניער, זײַנענ דער-

נאָכ גרייט געווענ צו טאָנ די יאַפּאַניער, וואָס פאַר א טויווע יענע וועלנ פאָדערנ, אַבי זיי זאָלנ נאָר ארויסטרייבנ די רוסנ. אפילע דאָס, וואָס די יאַפּאַניער האָבנ אינ דער אזויגערופענער כינעזישער מילכאָמע פונ 1900 יאָר אויכ „איינגעשטילט" די כינעזער (דאָס יאַפּאַנישע מיליטער האָט האַנט בא האַנט מיטנ רוסישנ, אונ אויכ ענגלישנ, פראַנצויזישנ, דייטשישנ, אמעריקאַנישנ אאוו. איינגענומענ פעקינ), איז פאַרגעסנ געוואָרנ, אונ מע האָט זיי דאָס מויכל געווענ נאָכנ רוסישנ מאַרש איבער מאַנדזשוריע.

דעמ לעצטנ שטויס צו א מילכאָמע האָט געגעבנ די אינערלעכע לאַגע אינ רוסלאַנד: פאַרנ מעכטיקנ פאַרבינדעטנ, וועלכער האָט געלייזט דעמ שטרייט צווישנ וויטענ אונ בעזאָבראַזאָווּנ לעטוויוועס דעמ לעצטנ, האָט זיכ ארויסגעוויזנ פלעווע. מיר האָבנ געזענ, אז צומ 1903 יאָר האָט זיכ אימ איינגעגעבנ עטוואָס אָנצושרעקנ די רוסישע אינטעליגענצ אונ עטוואָס פאַרדאַרבנ דעמ רוסישנ ארבעטער. אָבער ער האָט ניט געקאָנט ניט זענ, אַז וויפל דאָס איז אַלצ ניט זיכער. עס זיינענ נייטיק געווענ פיל שטאַרקערע מיטלענ, קעדיי אָפצופירנ ערגעצ-ווו אינ אנ אַנדער זייט דעמ צופלוס פונ דער רעוואָליוציע, וועלכע האָט זיכ אָנגערוקט. דאָס פאָלק, — דאָס איז געווענ קלאָר, — האַסט אַלצ מער אונ מער די „ראָמאַנאָווס" אונ זייערע טעלערלעקער. עפשער קאָנ מענ ווענדנ דעמ דאָזיקנ האַס אָפ ווּעמענ ניט איז אַנ אַנדערנ?

אונ דאָ הייבנ זיכ אָנ זוכענישנ פונ א „נאַציאָנאַלנ סוינע" — צוערשט אנ אינערלעכנ, דערנאָכ אנ אויסערלעכנ.

אַנאַלפאַבעטישע אונ אומוויסנדיקע מאַסנ באַציענ זיכ שטענדיק מיט כשאַד צו יעדנ מענטשנ, וואָס איז ניט ענלעכ אָפ די אָרטיקע מענטשנ, צו וועלכע זיי זיינענ צוגעוווינט. יעדער אויסלענדער רופט ארויס בא ווייניק אנטוויקלטע מענטשנ אזעלכע געפילנ: ניט אומזיסט קלינגענ בא די אוראַלטע פעלקער די ווערטער „אויסלענדער" אונ „סוינע" אַלציינס אָדער שטאַמענ פונ איינ וואָרצל. פאַר פינצטערע קליינבירגער איז יעדער אויסלענדער פאַרדעכטיק, אונ אויב ער קאָנקורירט מיט זיי, ער ארבעט אָדער ער האַנדלט בעסער פונ זיי, זיינענ זיי פול מיט האַס צו אימ. עפשער קאָנ מענ דאָס אויסנוצנ אונ, אגעווּרכע, אָנשרעקנ די רעוואָליוציאָנערנ מיטנ „פאָלקרצאָרנ"?

אָנהייבנדיק פונ דער רעאַקציע פונ די 80-ער י.י., האָט די רעגירונג קרומ געקוקט אָפ די יידנ, וועלכע האָבנ דעמאָלט געבילדעט דעמ סאַמע ארבעטזאַמענ, דעמ סאַמע לעבעדיקנ אונ אינטעליגענטנ טייל פונ דער שטאָטישער באַפעלקערונג אָפנ דאָרעמ אונ אָפנ מייַרעוו פונ דער „רוסלענדישער אימפעריע". אַלס סאַמע לעבעדיקער אונ באַוועגלעכער טייל פונ דער שטאָטישער מאַסע, איז דאָס אויכ געווענ דער אמערסטנ אָפנעמפיינלעכער טייל פאַר רעוואָליוציאָנערער אגיטאַציע. צווישנ דער יידישער יוגנט זיינענ געווענ נאַראָדאָוואָלישע קרייזלעכ, די מאַרקסיסטישע ליטעראַטור ווידער פונ דער גרופע „באַפרייונג פונ דער אַרבעט" איז אינ ווילנע, מינסק אונ קיעוו באַוווּסט געוואָרנ עפּשער פריִער נאָכ, איידער ווו-ניט-איז אינ רוסלאַנד, — שוינ פונ מיטנ די 80-ער יאָרנ. מע קאָנ ניט זאָגנ, אז צווישנ די יידנ זיינענ געווענ מער רעוואָליוציאָנערנ, איידער צווישנ די רוסנ; נאָר פאַר דער צאַרישער רעגירונג האָט געלויגט דאָס, וואָס עס זיינענ געווענ יידנ רעוואָליוציאָנערנ. ווי מיר געדענקענ, האָט זי אינ דער געהעריקער צייט באַוויזנ אויסצונוצנ דעמ פאַקט, וואָס קאַראַקאָזאָוו, וועלכער האָט אינ 1866 יאָר געשאָסנ אינ אַלעקסאַנדער II, איז געווענ אנ אדעליקער; נאָכ

בעסער האָט מענ געקאָנט אויסנוצנ דעמ רעוואָליוציאָנער דעמ ייִד. צומ אומגליק פאר דער רעגירונג, איז צווישנ די אָרגאניזאטאָרס פונעמ 1-טנ מארט געווענ בעסאכאקל איינ ייִדישע פרוי און די האָט אויכ געשפילט גאָר א צווייטראנגיקע ראָליע. די הויפט-אָנטיילנעמער זײַנענ געווענ פונ ריינ רוסישנ בלוט און אפילע פונ באוווסטע רוסישע פאמיליעס, ווי פעראָווסקאיא. פונדעסטוועגנ האָט דאָס, וואָס צווישנ די נאראָדאָוואָלצעס זײַנענ געווענ ייִדנ, געגעבנ א שטויס צומ אָרגאניזירנ די ערשטע ייִדישע פ אָ ג ר אָ מ ע נ אינ דאָרעמ-רוסלאנד אינ די יאָרנ 1881—1882. זייער אָרגאניזאטער איז געווענ, ווי מיר האָבנ שוינ דערמאָנט, דער דעמאָלטיקער דירעקטער פונעמ פאָליציי-דעפארטאמענט, דער צוקינפטיקער מיניסטער פלעווע.

די פאָגראָמענ האָבנ אָבער גלײַכ באוויזנ אויכ זייער אומאָנגענעמע זײַט פאר דער רעגירונג. דער האמוינ, וואָס די פאָליציייִשע אגענטנ האָבנ אופגערייצט, פלעגט ניט בלויז גראָמירנ, נאָר אויכ ראבעווענ. און אזוי ווי ראבעווענ האָט מענ געקאָנט מער בא דעמ רײַכנ ייִדנ, איידער באמ אָרעמאנ, האָט די ייִדישע בורזשואזיע, וועלכע האָט קיינ שומ שײַכעס ניט געהאט צו דער רעוואָליוציע, געליטנ מער, איידער די ייִדישע אָרעמשאפט. עס איז קלאָר געוואָרנ, אז מע מוז אָרגאניזירנ די רעדיפעס קעגנ ייִדנ אפ אנ אנדער אופנ. פונ דער צווייטער העלפט פונ אלעקסאנדער דעמ III-טנס רעגירנ הייבט זיכ אָנ, — אָנשטאט די פאָגראָמענ מיט דער הילפ פונעמ פינצטערנ האמוינ, — א „שטילער פאָגראָמ“ אינ דער פאָרמ פונ קאָלערליי פאָליציייִשע רעדיפעס, וועלכע האָבנ זיכ א שאָט געטאָנ אפ די ייִדנ. עס פלעגט שטרענג אָפגעהיט ווערנ דער אזויגערופענער „טכומ“, וואָס לויט אימ האָבנ די ייִדנ ניט געטאָרט וווינענ אינ די גרויסרוסישע גובערניעס, און אינ די אוקראַיִנישע און ווײַסרוסלענדישע האָבנ זיי געמעגט וווינענ בלויז אינ די שטעט (ווו זיי האָבנ ע-טערווײַז געבילדעט א מערהײַט פונ דער באפעלקערונג אזוי, אז ארויסטרײַבנ זיי האָט מענ בעשומויפנ ניט געקאָנט), אָבער ניט אינ דאָרפ. פאר ייִדנ איז פארמאכט געוואָרנ דער צוטריט אינ די לערנ-אנשטאלטנ דורכ דער אזויגערופענער „פראָצענט-נאָרמע“: אפ 100 שילער האָבנ געמעגט זײַנ ניט מער ווי 3 ייִדנ. מע פלעגט זאָרגזאמ אָפהיטנ, אז ייִדנ זאָלנ ניט אָנקומענ אפ מעלוכע-שטעלעס, וואָס עס פלעגט טרעפנ בייִמ אלעקסאנדער דעמ II-טנס „ליבעראלנ“ רעגירנ. מיט א באזונדערער אכזאָריעס בענעגייע די ייִדנ האָט זיכ אויסגעצייכנט דער מאָסקווער גענעראל-גובערנאטער, דער גרויספירשט סערגיי, אלעקסאנדער דעמ III-טנס ייִנגערער ברודער. פיל ייִדישע האנטווערקער, וועלכע האָבנ שוינ פונ לאנג אָנ געוווינט אינ מאָסקווע און פלעגנ גוט באדינענ די מאָסקווער באפעלקערונג, זײַנענ רויִנירט געוואָרנ און ארויסגעטריבנ געוואָרנ אינ „טכומ“. אינ דער זעלבער צײַט איז איינע פונ די נאָענטסטע מענטשנ אינעמ גרויספירשטלעכנ הויפ געווענ דער ייִדישער מיליאָנער, דער באוווסטער אײַזנבאנער פאָליאקאָוו; די ייִדנ, וואָס האָבנ געוואָלט האנדלענ אינ מאָסקווע, פלעגנ זיכ צושרײַבנ צו אימ אלס פריקאשטשיקעס, און אזעלכע „פאָליאקאָווישע אָנגעשטעלטע“ זײַנענ געווענ עטלעכע הונדערט. אזוי ארומ זײַנענ אי די וועלפ געווענ זאט אי די שעפסנ זײַנענ געבליבנ גאנצ: עס איז אי באפרידיקט געוואָרנ דער האס פונ דער צארישער פאמיליע און פונ די צארישע דינער קעגנ די ייִדנ אי די ייִדישע בורזשואזיע איז געבליבנ גאנצ — עס איז געווענ בא וועמענ צו כאפנ א ביסל געלט אינ א שווערער מינוט.

די רעפרעסיעס, וועלכע האָבנ זיכ א שאָט געטאָנ אפ דער ייִדישער אָרעמ-

שאפט, האָבנ, פאַרשטייט זיכ, בלויז מיטגעווירקט דער אַנטוויקלונג פונ איר רעוואָלוציאָנערקייט. עס איז געגאַנג צו זאָגנ, אַז דערמיט, וואָס דער „טכום" פלעגט שטערנ דעמ יידישנ אַרבעטער צו באַוועגנ זיכ באַמ זוכנ אַרבעט, האָט ער אָפּגעגעבנ דעמ יידישנ פּראָלעטאַריאַט מיט געבונדענע הענט אונ פיס אינ די הענט פונ דעמ יידישנ קאַפּיטאַליסט פונ „טכום". צווישנ דעמ יידישנ פּראָלעטאַריאַט האָבנ זיכ פריער, ווי וווּ־ניט־איז אַנדערש, אָנגעהויבנ אויסבילדנ סאָציאַלדעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבנ זיכ צומ 1897 יאָר צונויפגעגאָסנ אינ דעמ „אַלגעמיינעמ יידישנ אַרבעטער־בונד" („בונד", ווי מע רופט אים געוויינלעכ). צומ אָנהייב XX יאָרהונדערט שפּילט שוינ די יידישע אינטעליגענצ צווישנ די פירער פונ דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אַ פיל אָנגעזעענערע ראָליע, איידער זי האָט געשפּילט צווישנ די נאַראָדאָוואָלצעס: לויט די מאַטעריאַלנ פונ פאַרשיידענע צוזאַמענפאָרנ, פלעגנ די יידנ בילדנ פונ אַ פערטל ביז אַ דריטל פונעמ אָרגאַניזאַטאָרישנ שיכט אינ אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייענ.

דאָס האָט, פאַרשטייט זיכ, ניט געקאָנט פאַרבעסערנ די באַציִונג צו זיי מיצאַד דער צאַרישער רעגירונג, באַזונדערס, ווענ בעראָש פונ דער לעצטער האָט זיכ געשטעלט אַזאַ פאַרביסענער אַנטיסעמיט,* ווי פּלעווע. אינ דער זעלביקער צייט איז די לאַגע פונ דער רעגירונג געוואָרנ אַזאַ מוירעדיקע, אַז אָפּטיילנ די צאַדיקימ פונ די רעשאָימ, ראַטעווענ די יידישע בורזשואַזיע איז שוינ ניט געווענ קיינ צייט. פּלעווע האָט ווידער אָנגעווענדט דאָס צווייש־אַרפּיקע געווער פונ אַ פּאָגראָמ אונ דאָסמאָל אינ אַ אומגעהערטנ ביז דעמלט פאַרנעמ. אינ אַפּרעל 1903 יאָר האָט אינ קעשעניעוו צוויי טעג נאָכאַנאַנד געווילדעוועט אַ האַמוינ „מעשטשאַנעס" (שטאָטישע קליינבירגער), וועלכער האָט אויסגעהאַרגעט אונ צעמאַזיקט עטלעכע הונדערט יידנ אונ האָט צעגראַמירט העכער טויזנט יידישע הייזער אונ קראָמענ; די פּאָגראָמ־מאַכערס זיינענ געקומענ צופאָרנ מאַכנעסווייז פונ די שכייניש שטעט; די פּאָליציי האָט געקוקט אַפּ דעמ אַלעמ מיט אַזאַ וווּנדערבאַרער גלייכגילטיקייט, אַז עס איז קיינ שומ מעגלעכקייט ניט געווענ צו צווייפלענ אינ אירע סימפּאַטיעס צומ פּאָגראָמ. דער געריכט־פּראָצעס, וועלכנ מע האָט פונדעסטוועגנ געמוזט איינאָרדענענ, — ווייל די מייסע איז שוינ געווענ אַ צו שרייענדיקע אונ וועגנ איר האָבנ געשריבנ אַלע אייראָפּייִשע צייטונגענ, — האָט אויפגעדעקט דעמ דירעקטנ אָנטייל פונ דער אָרטיקער אַדמיניסטראַציע, מיטנ גובערנאַטאָר צוזאַמענ. דאָס אַלצ האָט מענ, פאַרשטייט זיכ, פאַרריבנ, אונ קיינער, אַכוצ צוויי־דריי קליינע אָנטיילנעמער אינעמ פּאָגראָמ, איז ערנסט ניט באַשטראָפט געוואָרנ. אָבער מיט די פּאָגראָמענ האָט מענ זיכ ווידער געמוזט אָפּהאַלטנ: דאָס מיטל האָט זיכ אַרויסגעוויזנ נאָכ מער ריזיקאַליש, איידער עס האָט זיכ אַרויסגעוויזנ נאָכנ פרווו פונ די 80־ער יאָרנ. מע האָט עס ווידעראַמאָל אָנגעווענדט בלויז אינעמ מאָמענט פונ פולשטענדיקער פאַרצווייפלונג, ווענ די רעוואָלוציע האָט שוינ געפלאַקערט מיט אַ העלנ פלאַמ, אינ אָקטיאַבער 1905 יאָר. אַכוצ אַלעמענ, איז געווענ אַבסאָליוט אוממעגלעכ, אַפילע מיט דער גאַנצער מיטווירקונג פונ דער פּאָליציי, צו אָרגאַניזירנ פּאָגראָמענ אינ די אינדוסטריעלע ראַיאָנענ. דער פּראָלעטאַריאַט פלעגט ניט נאָר ניט מאַכנ קיינ

* בוכשטעבלעכ „קעגנ יידנ". אַ סוינע פונ יידנ; די יידנ געהערנ לויט זייער לעכאַטכילעדיקער „אוראַלטער" שפּראַכ, אַפּ וועלכער עס איז אָנגעשריבנ די ביבל, ניט צומ אַרישנ, נאָר צומ ס ע מ י ט י ש נ שייוועט אונ דערפאַר רופנ זיי די געלערנטע — „ס ע מ י ט נ".

Россійская Соціалдемократическая Рабочая Партія

Пролетаріи всѣхъ странъ, соединяйтесь!

Зачѣмъ нужны еврейскіе погромы?

Скоро минетъ годъ послѣ Кишиневскаго погрома. Всякій слышалъ, какіе ужасы творились тамъ. Подумать — волосы дыбомъ становятся. Грабили еврейскіе дома, насиловали женщинъ и дѣвушекъ, били больныхъ и ломали беззащитныхъ и безоружныхъ, убивали стариковъ и дѣтей, даже трупы не оставляли въ покоѣ, а надъ ними производили надругательства! Всякій слышалъ объ этомъ, и всякій, въ комъ живо сердце, ужасался тѣхъ звѣрствъ, которыя творились въ Кишиневѣ. Но не всякій знаетъ, кому и зачѣмъ понадобились эти звѣрства, кто и зачѣмъ творилъ всѣ эти насилія. А не знаютъ этого потому, что у насъ не позволяютъ обо всемъ свободно писать въ газетахъ, такъ чтобы всѣ могли узнавать правду.

Дѣло о Кишиневскомъ погромѣ разбиралось въ судѣ. Но судили не присяжные засѣдатели, а царскіе чиновники, да притомъ при закрытыхъ дверяхъ, т. е. безъ публики. Кто-же распорядился, чтобы не было присяжныхъ засѣдателей и не было публики, которая могла-бы узнать правду о погромѣ? Царское правительство. Почему оно такъ распорядилось? Видно, не выгодно ему было, чтобы народъ узналъ всю правду объ этомъ дѣлѣ. Въ газетахъ русскихъ также запрещали писать о томъ, что происходило на судѣ. А кто запрещалъ? Опять царское правительство. И еще разъ видно, что царю съ его министрами выгодно, чтобы никто не зналъ правды о погромѣ. Но шила въ мѣшкѣ не утаишь. На судѣ было много адвокатовъ, были свидѣтели. И правда стала извѣстна. Только разсказать ее можно было лишь въ заграничныхъ газетахъ, да въ тѣхъ русскихъ книжкахъ и газетахъ, которыя издаются тайно, вопреки запрещенію правительства. И кто узналъ правду о Кишиневскомъ погромѣ, тотъ пойметъ, почему царскому правительству невыгодно, чтобы весь народъ, а особенно рабочій народъ и крестьяне, узналъ правду, понимаетъ и то, кто и зачѣмъ устроилъ всѣ эти звѣрства.

Какъ ни вертѣлись царскіе судьи, какъ ни старались запугать свидѣтелей, помѣшать адвокатамъ распрашивать ихъ, отказывать въ вызовѣ новыхъ свидѣтелей, все-же истина обнаружилась, а истина такая, что царское правительство само устроило Кишиневскій погромъ. Царскій министръ послалъ въ Кишиневъ жандармскаго офицера, который натравилъ шайки грабителей и убійцъ. Полицейскіе чиновники шли во главѣ громилъ и сами принимали участіе въ убійствахъ и грабежахъ. Губернаторъ по приказу министра ничего не дѣлалъ для защиты тѣхъ, которые подвергались грабежу и насилію. Вотъ что раскрылось на судѣ. И всѣ стоны и проклятія, которыя раздавались въ Кишиневѣ, вся кровь, пролитая тамъ, падаетъ на голову царскаго правительства. Оно не боится крови, оно все забрызгано ею, и не только еврейской кровью. Развѣ кровь харьковскихъ и полтавскихъ крестьянъ, кровь сотенъ рабочихъ, разстрѣлянныхъ по царскому приказу во всѣхъ фабричныхъ городахъ, не на царя и его министровъ падаетъ? А развѣ и сейчасъ не льется рѣчками кровь на дальнемъ востокѣ, гдѣ умираютъ русскіе солдаты только во славу царя, только ради укрѣпленія той царской власти, которая все беретъ у народа, а взамѣнъ даетъ ему только рабство и нищету, казацкую нагайку да солдатскую пулю?

Нѣтъ, не царскому правительству бояться крови. И оно не побоялось ея и въ Кишиневѣ. Устроило-же оно еврейскія погромы для того, чтобы уже не со вчерашняго дня и городской рабочій народъ и крестьяне начинаютъ чувствовать, что невыносимо становится жить на Руси. Нищета, невѣжество, голодъ, болѣзни, всяческія униженія желѣзнымъ кольцомъ охватили ихъ и, кажется, нѣтъ выхода изъ этого кольца.

Давно уже почувствовали рабочіе и крестьяне тяжесть своего положенія, но не такъ давно начали они понимать настоящія причины, по которымъ жизнь ихъ превращается въ муку. Городской рабочій началъ понимать, что весь трудъ его идетъ въ пользу хозяину, самому-же ему остаются жалкія крохи; крестьянинъ началъ понимать, что потомъ и кровью его живутъ кулаки и помѣщики. А лишь только рабочіе и крестьяне захотѣли бороться за лучшую долю, они натолкнулись на царское правительство. Захотятъ-ли рабочіе собраться потолковать между собою о своихъ дѣлахъ, задумаютъ-ли они вступить въ борьбу съ хозяевами, устроить союзъ, стачку, пожелаютъ ли они читать тѣ книги и газеты, которыя пишутся по правдѣ, а не по приказамъ чиновниковъ, выйдутъ-ли они на улицу, чтобы передъ всѣмъ народомъ заявить о своихъ нуждахъ и о своей борьбѣ, всюду становится имъ поперекъ дороги царское правительство. Оно запрещаетъ свободно говорить, собираться, устраивать стачки. Оно хватаетъ рабочихъ, сажаетъ ихъ по тюрьмамъ, ссылаетъ въ Сибирь. Оно выводитъ противъ рабочихъ солдатъ, и по царскому приказу льется кровь россійскихъ гражданъ отъ руки ихъ-же братьевъ. То-же самое видятъ и крестьяне каждый разъ, какъ пытаются улучшить свое положеніе. И противъ нихъ каждый разъ выступаетъ царское правительство со своими чиновниками, полиціей, казаками, солдатами, съ возами розогъ, съ нагайками, пулями, штыками. Царское правительство защищаетъ только богатыхъ; бѣдныхъ, будь они русскіе, евреи, поляки, армяне, или кто угодно, царское правительство умѣетъ только грабить, запарывать до смерти, убивать штыками и пулями. Рабочіе и крестьяне начали понимать, что, пока въ Россіи правитъ царь, самовольно распоряжающійся всѣмъ, всѣ пути къ борьбѣ за лучшую жизнь имъ заказаны. А когда они это начали понимать, царское правительство испугалось и захотѣло отвести отъ себя гнѣвъ народный. Такъ воръ, завидѣвъ погоню, самъ бѣжитъ и кричитъ: „держи вора". И вотъ, черезъ своихъ агентовъ, черезъ продажныя газеты правительство начало натравливать народъ то на поляковъ, то на финляндцевъ, то на армянъ, а главное на евреевъ, потому что евреи — самый угнетенный народъ въ Россіи. Имъ запрещено жить по всей Россіи, а скучены они только въ городахъ и мѣстечкахъ 20 губерній; и вотъ, евреи вездѣ работаютъ за безцѣнокъ и сбиваютъ плату за трудъ, и рабочіе, которые не знаютъ, что не евреи виноваты въ своей скученности, сердятся на нихъ. Евреямъ запрещено заниматься хлѣбопашествомъ и вотъ крестьянинъ, который встрѣчаетъ только еврея — скупщика, кулака, думаетъ, что всѣ евреи таковы и питаетъ злобу къ нимъ. Царское правительство воспользовалось этою враждою къ евреямъ, въ которой оно само больше всего виновато, натравило народъ на евреевъ, устроило Кишиневскую бойню. Но хотя и много злодѣйствъ творилось въ Кишиневѣ, много крови пролито, царское правительство своей цѣли не достигло. Только городскіе лавочники, мѣщаны, всякій сбродъ пошли громить евреевъ. Городскіе же рабочіе, которые начали уже великую борьбу свою за освобожденіе трудящихся, не захотѣли марать рукъ своихъ убійствомъ и грабежемъ. Они знали, что огромное большинство евреевъ — такіе-же рабочіе, какъ и они сами. Они же страдаютъ и отъ хозяевъ и отъ царскаго правительства, какъ и они сами, и такъ же сильно и дружно, вмѣстѣ съ ними, борятся за свободу. Они знали, что у нихъ съ рабочими—евреями общіе враги — капиталисты, будь они русскіе или евреи — все равно, и царское правительство. Они знали это и не дались въ обманъ царю и его министрамъ; не только не пошли они громить евреевъ, но во многихъ городахъ съ оружіемъ въ рукахъ встали на защиту евреевъ и помѣшали грабежу и насиліямъ. Гнусная царская уловка внушила имъ только еще большее отвращеніе къ этому правительству кровопійцъ, заставила ихъ еще яснѣе сознать, что, пока не добьются они политической свободы, безплодна будетъ борьба ихъ за свое полное освобожденіе, за соціалистическій строй, при которомъ всѣ земли, фабрики и заводы будутъ принадлежать всѣмъ трудящимся, безъ различія племени, и не будетъ тунеядцевъ, ни русскихъ, ни евреевъ, живущихъ чужимъ трудомъ.

И вотъ теперь царское правительство снова хочетъ устроить еврейскіе погромы. Царь началъ войну затѣмъ, чтобы награбить еще больше земли, которую онъ будетъ раздавать своимъ прихлебателямъ, чтобы сдѣлать изъ нихъ вѣрныхъ слугъ себѣ и вмѣстѣ съ ними еще больше угнетать и грабить народъ. Ради этого только онъ посылаетъ сотни тысячъ вашихъ сыновей и братьевъ на смерть и всякія мученья. Ради этого вырываютъ изъ семей ихъ кормильцевъ, выжимаютъ послѣдніе гроши на покрытіе военныхъ расходовъ, вызываютъ застой во всѣхъ дѣлахъ, такъ что тысячи безработныхъ рабочихъ выбрасываются на улицу. Царь боится, что народъ наконецъ перестанетъ сносить все его самоуправство и всѣ его злодѣйства, потребуетъ его къ отвѣту, потребуетъ политической свободы, захочетъ, чтобы не царь, а выборные отъ всего народа издавали законы и правили страной. Потому что царь не только угнетаетъ весь народъ, держитъ его въ безправіи и невѣжествѣ, затѣваетъ ненужныя войны, но и самую войну то не умѣетъ вести, какъ слѣдуетъ. Только что она началась, а ужъ чуть не каждый день только и слышно, что царское войско и флотъ терпятъ одно пораженіе за другимъ. Царь испугался, что скоро народъ потребуетъ, чтобы онъ убрался по добру, по здорову, и вотъ онъ опять задумалъ отвести народу глаза, натравить его опять на евреевъ, будто евреи виновны во всѣхъ бѣдахъ народныхъ, а не царь со своими чиновниками и попами да богачи, захватившіе въ свои руки всѣ земли, дома, фабрики и заводы. И подкупленныя газеты начинаютъ уже распространять всякіе ложные слухи, будто евреи даютъ деньги японцамъ. А между тѣмъ подъ шумокъ, застращивая евреевъ, царское правительство выжимаетъ съ нихъ сотни тысячъ на флотъ, на раненыхъ, на всякія военныя надобности. Распространяютъ слухи, будто евреи убѣгаютъ отъ военной службы, а какъ имъ и не бѣжать, когда царское правительство старается изъ всѣхъ полковъ нарочно выбрать прежде всего евреевъ, чтобы посылать ихъ на смерть за того царя, отъ котораго они кромѣ притѣсненій, грабежа и безчеловѣчныхъ насилій ничего не видятъ. Во всей Россіи на 100 жителей приходится всего 6 евреевъ, а въ войскахъ, посланныхъ на войну на 100 солдатъ — 20 и 25 евреевъ! Но всякая ложь царскому правительству на-почетъ, лишь-бы одурманить народъ, натравить рабочихъ и крестьянъ на ихъ-же братьевъ, только другого племени. А когда начнется братоубійственная война, тогда царское правительство и ютящіеся подъ его кровомъ богачи и кулаки будутъ потирать отъ удовольствія руки и тишкомъ посмѣиваться надъ одураченнымъ народомъ, который вмѣсто того, чтобы дружно и стойко бороться за свободу, безсмысленно бросается убивать и грабить ни въ чемъ неповинныхъ людей. А послѣ погрома, когда громилы будутъ уже не нужны царскому правительству и ихъ надо будетъ убрать, чтобы они не болтали, кто подстрекалъ ихъ къ убійству и грабежу, ихъ же отдадутъ подъ судъ и упекутъ въ тюрьму и на каторгу, какъ это было и въ Кишиневѣ.

Но нѣтъ, не удастся царскому правительству еще разъ его гнусная продѣлка! Не удастся, ибо всякій видитъ, что не евреи виноваты въ войнѣ съ японцами — царь затѣялъ ее. Не евреи помогли японцамъ побѣдить царскій флотъ, — царское правительство само помогло своей безпечностью, тѣмъ, что на всѣ мѣста начальниковъ назначаетъ не добросовѣстныхъ и знающихъ людей, а всякихъ лизоблюдовъ и угодниковъ; тѣмъ, что всѣ чиновники царскіе привыкли разворовывать казну, а на людей смотрѣть, какъ на скотъ. Такъ посмотрѣли они и на солдатъ русскихъ. Пусть ихъ убиваютъ сотнями и тысячами, пусть они мерзнутъ въ товарныхъ вагонахъ, пусть мрутъ отъ недоѣданія и болѣзней. Царскіе чиновники и генералы и тутъ не удержались отъ того, чтобы не разворовать всѣ заготовленные запасы, и думали больше о чинахъ и наградахъ, чѣмъ о томъ, чтобы свое дѣло дѣлать. Вотъ отчего японцы сразу стали одерживать побѣды. Всякій видитъ, что евреи тутъ не причемъ. Одни только и есть виноватые — царь съ его министрами и чиновниками.

Это видятъ всѣ, и царю не удастся снова одурачить темный народъ. И больше всего должны позаботиться объ этомъ вы, товарищи-рабочіе, потому что вамъ горше всего придется, если царскому правительству удастся перессорить васъ съ братьями вашими только потому, что они другого племени. По одиночкѣ оно расправится потомъ съ вами со всѣми. Вы еще не забыли вѣдь кіевскихъ, батумскихъ и ростовскихъ пуль! Разоблачайте-же всѣмъ, городскимъ жителямъ и крестьянамъ, зачѣмъ натравливаютъ народъ на евреевъ, и кто истинный врагъ всѣхъ трудящихся! Старайтесь теперь-же сближаться съ вашими иноплеменными братьями и заранѣе потолковать, какъ не допустить погрома. А если погромъ все-таки начнется, съ оружіемъ въ рукахъ выходите на помощь избиваемымъ; помните, что, защищая евреевъ, вы защищаете самихъ себя, потому что врагъ одинъ.

Пытайтесь раскрыть безумной толпѣ глаза на то, какъ ее обманываютъ, разъяснить ей, что своими руками куетъ она собственныя цѣпи себѣ. Если всѣ убѣжденія ваши окажутся тщетными и подстрекательства полиціи и агентовъ ея возьмутъ верхъ, противопоставьте силѣ силу, если васъ много и вы сможете побѣдить. Если-же ваши силы малы, и толпа уже разъярилась и жаждетъ разрушенія и насилія, на крики „бей жидовъ" отвѣчайте: „бей полицію" и старайтесь направить толпу на участки; тогда полиція испугается и броситъ свои затѣи. Не дайте восторжествовать царскому правительству потому что, если погромъ удастся, это будетъ побѣда правительства, и не надъ евреями, а надъ вами, надъ всѣми трудящимися, угнетенными и борющимися за свободу! Пусть преступный замыселъ правительства обратится противъ него-же, и пусть дружный кличъ „долой самодержавіе!" будетъ достойнымъ отвѣтомъ рабочихъ всѣхъ племенъ на новое преступленіе царизма!

Редакція „Искры"

Революции ... Архив

Товарищи! Перепечатывайте и распространяйте въ массахъ этотъ листокъ.

פּראָקלאַמאַציע פון ד״ר רסדאפ קעגן די צארישע פּאָגראָמען אף יידן.

פאָגראָמענ אפ ייִדנ, נאָכ די אמערסטנ רעוואָליוציאָנער געשטימטע ארבעטער פלעגנ אפילע מיט קאָלעריי מיטלענ שטיצנ די ייִדישע „זעלבסטשוצ". אונ אינ דאָרפ איז גאָר קיינ ייִדנ ניט געווענ: הייסט עס, אז ניט פארנ קאמפ קעגנ דעמ ארבעטער, ניט פארנ קאמפ קעגנ דער פויערשער באוועגונג האָבנ די פאָגראָמענ ניט געטויגט. אויב מע האָט געוואָלט אָפציִענ די אויפמערקזאמקייט אפ א „פרעמדנ", האָט מענ געמוזט זוכנ דעמ דאָזיקנ „פרעמדנ" אינ אנ אנדער זייט.

גראָד צו דער צייט זיינענ די יאפאָניער אונטערגעקומענ אונטער דער האנט. זיי זיינענ דאָכ „ניטגלויביקע", ניט קיינ קריסטנ, „געצנדינער", יעדער פראוואָסלאוונער איז שוינ צוליב דעמ אליינ מעכויעוו געווענ צו האסנ זיי. דער אומגליק איז מער באשטאנענ דערינ, וואָס זיי זיינענ געווענ צו וויט, אונ די רוסישע פאָלקמאסנ האָבנ וועגנ זיי קימאט קיינ שומ באגריפ ניט געהאט. דערפאר האָט זיכ דעמ זעלביקנ וואָנליארליארסקינ, וועגנ וועלכנ מיר האָבנ דערמאָנט, איינגעגעבנ מאכנ דעמ שטרייט מיט יאפאָניע פאר נאָענט אונ פארשטענדלעכ פלעווענ: ער האָט אימ איינגערעדט, אז רוסלאנדס קעגנער אינ דער צווישנפעלקערלעכער פאָליטיק זיינענ דאָס זעלביקע, ווי די ייִדנ, וועלכע „מאכנ די רעוואָליוציע" אינווייניק אינ רוסלאנד. פאר פלעווענ איז עס געווענ גענוג. „א קליינע זיגרייכע מילכאָמע" אפנ וויטנ מיזרעכ, האָט זיכ אימ אָנגעהויבנ דוכטנ, איז אבסאָליוט נייטיק. אז די מילכאָמע וועט טאקע זיינ א „קליינע" אונ אומבאדינגט א „זיגרייכע", דערינ האָבנ די רוסישע רעאקציאָנערנ קיינ איינ רעגע ניט געצווייפלט. ווי קומט טאקע אזא קארליק, ווי יאפאָניע, בייצוקומענ אזא ריז, ווי רוסלאנד! זומער 1903 יאָר האָט די „נאָוואָיע ווריעמיא" געשריבנ, אז פאר יאפאָניע וואָלט א מילכאָמע קעגנ אונדז באטייט א „זעלבסטמאָרד", ניט מער אונ ניט ווייניקער.

אזויארומ, איז באשלאָסנ געוואָרנ צו „צעשטרייענ דעמ רעוואָליוציאָנערנ טשאד" מיט דער הילפ פונ א מילכאָמע. צומ סאָפ זומער פונעמ זעלביקנ יאָר איז די אמורער גענעראל־גובערנאטערשאפט אונ מאנדזשוריע, וואָס דאָס רוסישע מיליטער האָט פארנומענ (אינ 1902 יאָר האָט מענ געהאט צוגעזאָגט אָפצורייניקנ זי, אכוצ דעמ דאָרעמטייל, אָבער איצט האָט מענ אפילע ניט געוואָלט טראכטנ וועגנ דעמ דאָזיקנ צוזאָג), פארייניקט געוואָרנ אונטער דער מאכט פונ א באזונדערנ, אויסעראָרדנטלעכנ צארישנ באפולמעכטיקטנ, א ו ו י צ ע ־ ק י נ י ג. אלס וויצע־קיניג איז באשטימט געוואָרנ אנ אגענט פונ דער בעזאָבראזאָווישער באנדע, דער אדמיראל אַלעקסייעוו. בעזאָבראזאָוו איז דעמאלט געוואָרנ דער אנערקענטער פירער פונ דער „מיליטערישער פארטיי" אונ די ווירקונגפולסטע פערזאָנ נאָכ פלעווענ באמ הויפ. וויטע האָט שוינ אָנגעהויבנ אונטערגעבנ זיכ, נאָר אזוי ווי ער איז, פונעמ בעזאָבראזאָווישנ שטאנדפונקט, אלצ געווענ זייער „ניט קיינ זיכערער", אונ אויב ער פלעגט אָפנ ניט ארויסטרעטנ קעגנ, פלעגט ער דערעסנ מיט זיינ קלאָגנ אונ יאָמערנ, האָט מענ אימ פאָרט געצווונגענ אוועקצוגיינ אינ דעמיסיע (אינ אויגוסט 1903 יאָר). ענטפערנ אפ די פארשלאָגנ, וועלכע זיינענ פאר דעמ אָנגעקומענ פונ יאפאָניע, איז באויפטראָגט געוואָרנ בעזאָבראזאָוו.

די יאפאָנישע רעגירונג האָט שוינ לאנג אויסגעצייכנט פארשטאנענ, אז עס גייט נאָר א מילכאָמע, אונ זי האָט, פונ איר זייט, אָנגענומענ קאָלעריי פאָרזיכטיקייט־מיטלענ (איינס פונ זיי איז געווענ דער בונד מיט ענגלאנד, וועלכער איז געשלאָסנ געוואָרנ אינ 1902 יאָר). זומער פונעמ פאָלגנדיקנ יאָר האָט זי אָנגעהויבנ פירנ אונטערהאנדלונגענ ניט אזויפיל צוליב דעמ, וואָס זי האָט זיכ געריכט, אז דערפונ

ווערט עפּעס וואָס ארויסקומענ, וויפל קעדיי צו האָבנ דאָקומענטאַלע באַווײַזנ פונ רוסלאַנדס פּלענער וועגנ קאָרייע. אינ די יאַפּאָנישע פאַרשלאַגנ איז דעריבער די פראַגע אוועקגעשטעלט געוואָרנ מיט פולשטענדיקער בוילעטקײַט און קלאָרקײַט: יאַפּאָניע האָט אנערקענט רוסלאַנדס רעכט אפ מאַנדזשוריע, זי האָט אָבער דערפאַר געפאָדערט, אלס בײַט, אז רוסלאַנד זאָל אנערקענענ יאַפּאָניעס רעכט אפ קאָרייע. דעמ ענטפער, וועלכנ בעזאָבראַזאָוו האָט צונויפגעשטעלט און וועלכנ ניקאָלײַ האָט פאַריכט מיט זײַנ אייגענער האַנט, קאָנ מענ אויסדריקנ אזוי: „אינ מאַנדזשוריע זײַנענ מיר די באַלעבאַטימ אָנ שומ שטרײַט, און אינ קאָרייע וועלנ מיר זענ". אינ אזאַ אנטבלויזטער פאָרמ האָט דאָס רוסישע אויסערנ-מיניסטעריומ זיכ גיט באַשלאָסנ איבער-צוגעבנ דעמ ענטפער יאַפּאָניע. אָבער אויכ דאָס, וואָס איז מיטגעטיילט געוואָרנ דער יאַפּאָנישער רעגירונג, איז געווענ גענוג קלאָר: רוסלאַנד האָט אָפּגעזאָגט יאַפּאָניע אינעמ רעכט צו האַלטנ מיליטער אינ קאָרייע, אינ דער צײַט, ווענ די רוסנ האָבנ נאָכ אַלץ אָקופּירט מאַנדזשוריע. רוסלאַנד האָט געפאָדערט, אז גאַנצ צאָפנ-קאָרייע זאָל נייטראַליזירט ווערנ, אינ דער צײַט, ווענ אפנ טײַכ יאַלו זײַנענ שוינ געזעסנ רוסישע אָפיצערנ און סאָלדאַטנ. מיט איינ וואָרט, עס איז געווענ קלאָר, אז מע קלײַבט זיכ ניט אָפּגעבנ קאָרייע די יאַפּאָניער. אָבער די יאַפּאָנישע בורזשואַזיע איז שוינ לאַנג געשטאַנענ מיט א פעסטנ פוס אינעמ דאָזיקנ לאַנד: צומ אָנהייב 1904 יאָר איז שוינ דאָרט געווענ ביז 25 טויזנט יאַפּאָנישע אײַנוואָנדערער; 90 פראָצ. שיפנ, וועלכע פלעגנ באַזוכנ די קאָריייִשע האַפנס, האָבנ געטראָגנ א יאַפּאָנישע פאָנ; אַלע לײַכטטורעמס ארומ דעמ האַלב-אינדזל זײַנענ געווענ אינ יאַפּאָנישע הענט; די אײַזנבאַנענ, וועלכע האָבנ זיכ געבויט, זײַנענ געווענ אינ די הענט פונ א יאַפּאָנישער קאָמפּאַניע; איבערנ גאַנצנ לאַנד האָבנ געאַרבעט יאַפּאָנישע פּאָטשט-קאָנטאָרנ און טעלעגראַף-סטאַנציעס אאַוו. פאַרלירנ קאָרייע וואָלט באַטײַט דעמ גרעסטנ סקאַנדאַל פאַר דער יאַפּאָנישער רעגירונג און וואָלט געקאָנט, ווי עס זאָגנ איידעס די אויסלענדישע דיפּלאָמאַטנ פונ יענער צײַט, אפילע פירנ צו א רעוואָליוציע אינ יאַפּאָניע. דאָס האָט פולשטענדיק באַשטעטיקט אויכ דער רוסישער געזאַנדטער אינ יאַפּאָניע, ראָזענ, וועלכער האָט אָפיציעל געמעלדעט נאָכ אינ יאַנוואַר 1903 יאָר, אז ער איז איבערצײַגט „אינ דער אוממעגלעכקײַט פונ א באַוואָפנטנ צוזאַמענשטויס מיט יאַפּאָניע אינ פאַל פונ אונדזערנ אָנ ערנסטנ פרווו צו באַהערשנ קאָרייע אָדער אוועלכנ-ס'ניט-איז פונקט אפ איר טעריטאָריע". און אכוץ אַלעמענ איז יאַפּאָניע צומ 1904 יאָר געווענ אינגאַנצנ געזיכערט מיט פינאַנציעלער שטיצע מיצאַד די פאַרייניקטע שטאַטנ. זייער פרעזידענט רוזוועלט האָט אפילע טראַכטנ ניט געוואָלט וועגנ דעמ, אז די רוסנ זאָלנ בלייבנ די פולע באַלעבאַטימ אינ מאַנדזשוריע, — ער האָט געשלאָסנ מיט כינע (פאָרמעל האָט מאַנדזשוריע נאָכ געהערט צו כינע) אנ אָפּמאַכ, לויט וועלכנ עס איז פאַר די אמעריקאַנישע בירגער און אמעריקאַנישע סכוירעס געעפנט געוואָרנ א וועג קיינ מאַנדזשוריע. פּלעווע ווידער איז פעסט געשטאַנענ אפ דעמ, אז מע זאָל בעשומויפנ ניט לאָזנ קיינ מאַנדזשוריע ניט קיינ אמעריקאַנער און ניט קיינ ענגלענדער.

פאַרנ צוזאַמענשטויס מיט יאַפּאָניע האָט מענ, ווי מיר האָבנ געזענ, גאָר ניט מוירע געהאַט אינ ניקאָלײַ דעמ II-טנס הויפ, מע איז געגאַנגענ אפ אימ מיט א גרינגנ האַרצ, אָבער, — א מאָדנע זאַכ, — מע האָט זיכ אפילע ניט געגרייט צו אימ, מע איז געווענ איבערצײַגט, אז יאַפּאָניע וועט זיכ „ניט דערוועגנ" אָנצופאַלנ

און וועט גערולדיק ווארטנ אפנ רוסישנ אָנפאל. דערצו ווידער איז מענ, ווי דער־מינהעג איז, „ניט געוועג גרייט", — אונ צוליב דער דאָזיקער סיבע האָט ניקאָלײַ נאָכ אינ יאנוואר 1904 יאָר דערציילט מײַסעס אפ דער טעמע, אז ער „וויל ניט קיינ מילכאָמע" אדג.* אָבער די יאפּאָניער איז נימעס געוואָרנ צו ווארטנ ביז ניקאָלײַעס וועט זיכ „פארוועלנ". ווי נאָר פאר זיי איז קלאָר געוואָרנ, אז פונ די אונטערהאנדלונגענ וועט גאָרנישט ארויסקומענ, אז דאָס ווײַטערדיקע אָפּלייגנ העלפט בלויז די רוסנ צו פארענדיקנ זייער צוגרייטונג, האָבנ זיי באשלאָסנ איבערצוגיינ צו מײַסים. דעמ 5-טנ פעווראל (לויטנ נײַעמ סטיל) 1904 יאָר האָט יאפּאָניע איבערגעריסנ די דיפּלאָמאטישע באציִונגענ מיט רוסלאנד, אונ אינ דער נאכט פונ 8-טנ אפנ 9-טנ האָבנ די יאפּאָנישע מינענשיפנ אטאקירט. די רוסישע עסקאדרע אפנ פּאָרט־ארטורער רייד.

די צארישע רעגירונג האָט געקאָנט ענטפערנ אפ דעמ בלויז מיט יעלאָלעס וועגנ דעמ „פארעטערישנ אָנפאל פונעמ ביטרענ סוינע" — מיט צווינסדיקע יעלאָלעס, ווײַל די האנדלונג פונ די יאפּאָניער, וועלכע איז דערלאָזבאר לויטנ צווישנפעלקערלעכנ רעכט, וואָס פאָדערט גאָרניט אומבאדינגט קיינ פרײַערלעכע מילכאָמע־דערקלערונג פארנ אָנהייבנ די קריג־אָפּעראציעס, איז געוועג פיל אָפּענער אונ אופריכטיקער פאר בעזאָבראזאָווס פּראָיעקטנ צו פארנעמענ מיט רוסישנ מיליטער די זעלבע צאָפנ־קאָרייע, וואָס איר נייטראליזירונג האָט רוסלאנד געפאָדערט פונ יאפּאָניע. נאָר בעזאָבראזאָוונ האָט זיכ זײַנ ביטרער פּלאָנ ניט אײַנגעגעבנ, ער האָט עס ניט באוויזנ צו טאָנ, אונ די יאפּאָניער האָבנ באוויזנ. דער טעלעגראמעס־אויסטויש צווישנ ניקאָלײַענ אונ דעמ וויצע־קיניג אפנ ווײַטנ מיזרעכ אלעקסייעוונ לאָזט ניט איבער קיינ שומ ספּעק, אז רוסלאנד איז גרייט געוועגנ אָנצוהייבנ א מילכאָמע, ניט אויסווארטנדיק אפנ ארויסרופ פונ יאפּאָניע, נאָר די רוסישע ארמיי אונ פלאָט זײַנענ ניט געוועגנ גרייט. די אָנפירער פונ דער רוסישער ארמיי אונ פלאָט זײַנענ אפּאָנעמ איגנאָגצנ געוועגנ בא דער זעלביקער מיינונג, ווי דער ווינטער־פאלאצ, אז די יאפּאָניער וועלנ „זיכ ניט דערוועגנ". יאפּאָניע האָט מענ געהאלטנ פאר א סאכ שוואכער, איידער זי איז געוועגנ אינ דער ווירקלעכקײַט. פונדעסטוועגנ האָט קוראָפּאטקינ אויסגערעכנט, אז אפ צו פירנ א מילכאָמע מיט יאפּאָניע איז נייטיק אנ ארמיי פונ 300 טויזנט מאנ. אינדערעמעס איז אינ מאנדזשוריע געוועגנ קאָנצענטרירט צומ אָנהייב 1904 יאָר עטוואָס מער פונ 100 טויזנט מאנ, דער רוסישער פלאָט אפנ ווײַטנ מיזרעכ איז געוועגנ עטוואָס שטארקער פארנ יאפּאָנישנ, אָבער ער איז געוועגנ צעוואָרפנ אינ פארשיידענע ערטער: די הויפּט־קויכעס זײַנענ געשטאנענ אינ פּאָרט־ארטור, א קלענערער טייל — אינ וולאדיוואָסטאָק, איינצלנע שיפנ — אינ די קאָרייִשע האפנס. דאָס אלצ איז געשטאנענ אינ פולער זאָרגלאָזיקײַט, אזוי ווי ביז דער מילכאָמע איז נאָכ פארבליבנ ווער ווייסט וויפל צײַט — אונ דאָ איז שוינ יאפּאָניע פונעמ 5-טנ יאנוואר לויטנ נײַעמ סטיל געוועגנ אינ קריג־צושטאנד. עס זײַנענ אפילע ניט פעסטגעשטעלט געוואָרנ קיינ אונטערשייד־סיגנאלנ צו דערקענענ די אייגענע שיפנ באנאכט. אדאנק דעמ האָבנ די יאפּאָנישע מינענשיפנ געקאָנט ארײַנדרינגענ אינ פּאָרט־ארטור,

---

* אינ אָקטיאבער 1903 יאָר האָט ניקאָלײַ אָפנ נעזאָגט דעמ דײַטשישנ קייסער, ווילהעלמ II, בא וועלכנ ער איז דעמלט געוועגנ צוגאסט, אז קיינ מילכאָמע „וועט אינ 1904 יאָר נאָכ ניט זײַנ, ווײַל רוסלאנד איז נאָכ ניט גרייט".

אַלס „אייגענע", און ערשט דעמאָלט, ווען אַט די „אייגענע" האָבן אָנגעהויבן לאָזן מינעס אין די רוסישע שיפן, האָבן זיך די רוסישע קאָמאַנדירן פון די שיפן איבערצײַגט אין זייער טאָעס. צו דער צײַט זײַנען שוין אַרויסגעפירט געוואָרן פון שלאַכט 3 רוסישע שיפן, צווישן זיי צוויי פון די שטאַרקסטע פאַנצער-שיפן. דער רוסישער פלאָט איז מיטאַמאָל געוואָרן שוואַכער פאַרן יאַפּאַנישן און איז געבליבן פאַרשפאַרט אינעם האַפן, וועלכן די יאַפּאַניער האָבן גלײַך אָנגעהויבן בלאָקירן, אויסנוצנדיק דערבײַ אַגעוו אויך א צווייטן רוסישן פעלער: די רוסישע קאָמאַנדירן זײַנען ניט געפאַלן אַפן סייכל צו פאַרנעמען די אינדזלען עליאָט, וועלכע האָבן זיך געפונען סאַכאַקל אַף א מעהאַלעך פון עטלעכע שאָ פאָרן פון אַרטור, און די יאַפּאַניער האָבן דאָרט אײַנגעאָרדנט זייער באַזע. דאָרט, פאַרדעקט דורך באַשיצונגען פון דיקע קלעצער, האָט דער יאַפּאַנישער פלאָט געקאָנט שטיין אין פולער זיכערקײַט, ניט מוירע האָבנדיק פאַר אן אָנפאַל פון די רוסישע מינען-שיפן. קעגן אַזא מײַסע, ווי עס האָט זיך געטראָפן מיט דער רוסישער עסקאַדרע, זײַנען די יאַפּאַניער געווען פולקום באַוואָרנט.

דערמיט, וואָס זי האָט פאַרשפאַרט דעם רוסישן פלאָט (צוויי קרייסערס, וועלכע מע האָט „פאַרגעסן" אין קאָרייע, האָבן די יאַפּאַניער פאַרניכטעט), האָט יאַפּאַניע געלייזט די ערשטע אויפגאַבע פון דער מילכאָמע: זי האָט געקאָנט אָן שום שטערונגען אַרויסזעצן איר מיליטער אַפן קאָנטינענט. זי האָט אָנגעהויבן דערפון, וואָס זי האָט זיך געשטעלט מיט א פעסטן פוס אין קאָרייע. דאָרט האָט זיך אַרויסגעזעצט די ערשטע פון די יאַפּאַנישע אַרמייען, וועלכע זײַנען געווען באַשטימט פאַר די קריג-אָפּעראַציעס אין מאַנדזשוריע; אין מעשעך פון פעווראַל, מאַרט און אַפּרעל האָט זיך די דאָזיקע אַרמיי לאַנגזאַם גערוקט צו צאָפן צו, פאַרנעמענדיק דאָס „שטרײַטבאַרע" לאַנד. די נישטיקע רוסישע אָטריאַדן אַף דער וואַלד-קאָנצעסיע האָבן זי, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט שטערן. די אָנפאַלן פון די רוסישע קרייסערס פון וולאַדיוואָסטאָק האָבן ווייניק וואָס געשטערט דער דאָזיקער אָפּעראַציע — דעם אַריבערפירן דאָס יאַפּאַנישע מיליטער אַפן קאָנטינענט. דער פּאָרט-אַרטורער פלאָט האָט זיך אונטער דער קאָמאַנדירונג פון דעם נײַעם, ענערגישן שעף, וועלכער איז צוגעשיקט געוואָרן פון פעטערבורג, דעם אַדמיראַל מאַקאַראָוו, געפּרוּווט דורכרײַסן די יאַפּאַנישע בלאָקאַדע, אָבער בײַ די ערשטע פּרוּוון אַרויסצוגיין פונעם האַפן איז פאָרגעקומען א קאַטאַסטראָפע: די אַדמיראַלישע שיף האָט זיך אָנגעשטויסן אַף א מינע, וואָס די יאַפּאַניער האָבן אַוועקגעשטעלט, און איז אַראָפּ צום גרונט אינאיינעם מיטן הויפּט-קאָמאַנדיר אַליין. נאָך דעם (דעם 13-טן אַפּרעל — 31-טן מאַרט 1903 יאָר) איז דער רוסישער פלאָט א לאַנגע צײַט — ביזן מיטן יוני — ווידער פאַרבליבן אומבאַוועגלעך אין פּאָרט-אַרטור.

אין דרײַ וואָכן אַרום (דעם 1-טן מײַ לויטן נײַעם סטיל) האָט די יאַפּאַנישע אַרמיי דערגרייכט ביז צו די ברעגן פונעם טײַך יאַלו. קוראָפּאַטקין, וועלכער האָט פאַר דער צײַט איבערגענומען די קאָמאַנדירונג איבערן יאַבאָשע-מיליטער אין מאַנדזשוריע, האָט זיך ניט באַשלאָסן ניט צו גיין אַנטקעגן דעם קעגנער, ניט אָפּצוטרעטן, קעדיי אַרײַנצונאַרן די יאַפּאַניער אין דער טיפעניש פון מאַנדזשוריע, — דאָס האָט ער געהאַלטן פאַר דאָס סאַמע צוועקמעסיקסטע. ער האָט אויסגעקליבן א האַלבמיטל און האָט געשיקט אַף צו היטן די ליניע פונעם טײַך יאַלו א קליינעם אָטריאַד, וועלכער איז געווען צוויי מאָל שוואַכער פון דער יאַפּאַנישער אַרמיי. די

יאַפּאַניער האָבנ אָנ שומ מי אָפּגעוואָרפנ אָט דעמ אַטריאַד (די שלאַכט בא טיורענטשענ) אונ זײַנענ אַרײַנגעטראָטנ אינ מאַנדזשוריע. קימאַט גלײַכצײַטיק, געזיבערט איצט פונ אָנפאַלנ אויכ פונ דער זײַט פונ יאַמ, האָבנ די יאַפּאַניער אָנגעהויבנ אַרויסזעצנ א צווייטע אַרמיי, שוינ דירעקט אינ דאָרעמ-מאַנדזשוריע. די דאָזיקע אַרמיי האָט פאַרנומענ די אײַזנבאַנ-ליניע, וועלכע פאַרבינדט פּאָרט-אַרטור מיט רוסלאַנד, אונ, גיכ איבערוקנדיק זיכ צו דאָרעמ צו, האָט זי באַהערשט דעמ שמאָלנ ערדפּאַס, וועלכער פאַרייניקט מיט מאַנדזשוריע דעמ האַלב-אינדזל, אַפ וועלכנ עס געפינענ זיכ פּאָרט-אַרטור אונ דאַלני. דער דאָזיקער ערדפּאַס האָט זיכ גערעכנט פאַר ניט צוטריטלעכ בא דעמ באַדינג, אויב ער וועט באַשיצט ווערנ פונ יאַמ. אָבער אַפנ יאַמ איז איצט געווענ דער יאַפּאַנישער פלאָט, אונ האַלטנ זיכ אַפנ שמאָלנ ערדפּאַס איז געווענ אומעגלעכ. גלײַכ נאָכדעמ איז פאַרנומענ געוואָרנ דאַלני, וועלכער האָט מיט זײַנ האַפנ, לאָגערס אאַוו. געדינט די יאַפּאַניער פאַר אַנ אויסגעצייכנטער באַזע צו באַלאַגערנ פּאָרט-אַרטור, וואָס איז פאַרשפּאַרט געוואָרנ סײַ פונ יאַמ, סײַ פונ דער טריקעניש. קוראָפּאַטקינ, וועלכער איז פונ פאָרויכ גרייט געווענ דערצו, אַז פּאָרט-אַרטור וועט אָפּגעשניטנ ווערנ — דאָס האָט זײַנ פּלאַנ פונ דער קאַמפּאַניע פאָרויסגעזענ — האָט אונטערנ דרוק פונ פּעטערבורג זיכ אויכ דאָ באַשלאָסנ אַפ א האַלבמיטל: „אַפ אַרויסצוראַטעווענ" פּאָרט-אַרטור איז געשיקט געוואָרנ אַנ אָטריאַד, א שוואַכער פונ דער אַרמיי, וועלכע האָט באַלאַגערט די פעסטונג. די יאַפּאַניער ווידער האָבנ דערווײַל באַוויזנ אַרויסצוזעצנ א דריטע אַרמיי. די אונטערנעמונג האָט, פאַרשטייט זיכ, געכאַפּט פּונקט אַזאַ מאַפּאַלע, ווי אַפנ טײַכ יאַלו (די שלאַכט בא וואַפאַנגאַו דעמ 14-טנ—15-טנ יונ לויטנ נײַעמ סטיל). די רוסישע אַרמיי איז אײַנגאַנצנ אַראָפּגעפאַלנ בא זיכ, דערזעענדיק, אַז מע שלאָגט זי אומעטומ, אונ די יאַפּאַנישע איז דורכגעדרונגענ געוואָרנ מיט א טיפנ גלויבנ אינ אירע קויכעס אונ איז איצט געווענ איבערצײַגט, אַז זי וועט זיכ ספּראַווענ מיט די רוסנ.

די זעלביקע איבערצײַגונג האָט, אַפּאָנעמ, געהאַט טיילווײַז אויכ דער רוסישער הויפּט-קאָמאַנדיר. קוראָפּאַטקינ האָט זיכ מער ניט אַנטשלאָסנ אַריבערצוגיינ אינ אָנגריפ, ביז זײַנ אַרמיי וועט ניט דערגרייכנ צו א קאָלאָסאַלער, אומבאַדינגטער צאָל-איבערוואָג איבער די יאַפּאַניער. ווײַל לויט דער קוואַליטעט זײַנענ די יאַפּאַניער איצט אַפ געוויס געשטאַנענ פיל העכער פאַר די רוסנ. אַפ דער דאָזיקער מילכאָמע, וועלכע יאַפּאַניע האָט געהאַלטנ פאַר זיכ פאַר א פראַגע פונ לעבנ אונ טויט, האָט זי געשיקט אירע בעסטע, אָפּגעקליבענע קויכעס. די רוסישע רעגירונג ווידער האָט געהיט די דאָזיקע בעסטע קויכעס, דאָס קאַדער-מיליטער, פאַרנ קאַמפּ קעגנ אינערלעכנ סוינע, צו דערשטיקנ די רעוואָליוציע, אונ קיינ מאַנדזשוריע האָט זי געשיקט די רעזערוויסטנ פונ די עלטערע טערמינענ. מענטשנ פונ א יאָר פערציק, אונ אָפּטמאָל אַפילע עלטער פונ פערציק, וועלכע זײַנענ שוינ לאַנג געווענ אָפּגעוווינט פונעמ מאַרש-לעבנ, פלעגנ אָפּט אַפילע זיכ ניט קאָנענ באַגיינ מיט דעמ נײַעמ דרײַליניקנ מאַגאַזינענ-ביקס, ווײַל געדינט האָבנ זיי דעמאָלט, ווענ די רוסישע אינפאַנטעריע האָט נאָכ געהאַט בערדאַנקעס. די אַרטילעריסטנ האָבנ כימאַט דורכויס זיכ ניט געקאָנט באַגיינ מיט די נײַע גיכשיסנדיקע האַרמאַטנ, וועלכע די רוסישע אַרטילעריע האָט באַקומענ פאַרנ סאַמע מאַרש; אַדאַנק דעמ, פלעגט די יאַפּאַנישע אַרטילעריע, וואָס אירע האַרמאַטנ זײַנענ געווענ ערגערע פונ די רוסישע, אַפ שריט אונ טריט דערשטיקנ מיט איר פײַער די רוסישע באַטאַרייעס.

קוראָפּאַטקינ האָט פֿאַרנומענ א פּאָזיציע בא ליאַאָיאַנ, דעמ וויכטיקסטנ וועג־קנופּ פונ דאָרעמ־מאַנדזשוריע, דורכ וועלכנ עס גייט אויכ דורכ די אײַזנבאַנ־ליניע, וואָס פאַרייניקט פּאָרט־אַרטור מיט רוסלאַנד. ארומ ליאַאָיאַנ איז אײַנגעאָרדנט געוואָרנ א גרויסער פאַרפעסטיקטער לאַגער, אינ וועלכנ די רוסישע אַרמיי האָט געוואַרט אפנ קעגנער. דער קעגנער ווידער האָט אומגעשטערט ארויסגעזעצט נאָכ א פערטע אַרמיי אַזוי, אַז סאַכאַקל האָבנ קעגנ קוראָפּאַטקינענ אָפּערירט די־רעקט דרײַ אַרמייענ, וועלכע האָבנ לאַנגזאַמ אונ קימאַט ניט באַגעגנענדיק קיינ ווידערשטאַנד באַוועגט זיכ צו צאָפנ צו. דאָס האָט פאַרנומענ דעמ גאַנצנ יונ, יול אונ דעמ גרעסטנ טייל אויגוסט; אינ מיטנ אויגוסט האָבנ זיכ די יאַפּאַנישע אַר־מייענ פאַרייניקט אונ האָבנ אָנגעהויבנ אָנגרייפנ אַפ ליאַאָיאַנ. קוראָפּאַטקינ האָט קיינ שומ פּרוּוו ניט געמאַכט צו צעקלאַפּנ זיי איינציקווײַז אונ צו שטערנ זיי פאַ־ריינינקנ זיכ, האַגאַמ אינ אויגוסט איז ער שוינ, אַדאַנק די פאַרשטאַרקונגענ, וועלכע זײַנענ קעסיידער צוגעקומענ פונ רוסלאַנד, געווענ שטאַרקער פונ די יאַפּאַניער אונ האָט געהאַט אפנ פּאַפּיר בא 200 טויזנט סאָלדאַטנ, אונ אינ דער ווירקלעכקײַט ניט ווייניקער פונ 150 טויזנט מאַנ, אינ דער צײַט, ווענ אינ אַלע דרײַ יאַפּאַנישע אַרמייענ איז געווענ עטוואָס מער פונ 130 טויזנט.

דעמ 24־טנ אויגוסט (לויטנ נײַעמ סטיל) האָבנ די יאַפּאַניער אָנגעהויבנ אַטאַקירנ דעמ ליאַאָיאַנער פאַרפעסטיקטנ לאַגער. די ערשטע צוויי טעג איז די אַטאַקע געווענ אומגעלונגענ. דאָס יאַפּאַנישע מיליטער האָט געהאַט גרויסע פאַר־לוסטנ. אפנ דריטנ טאָג איז איינע פונ די יאַפּאַנישע אַרמייענ (די זעלבע, וועלכע איז אריבער דעמ טײַכ יאַלו) פאַרגאַנגענ קוראָפּאַטקינענ פונ הינטנ. נאָכ דעמ ווי דער פּרוּוו אָפּצוּוואַרפנ זי האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ, אונ די יאַפּאַניער האָבנ זיכ טאָג אײַנ, טאָג אויס גערוקט אַלצ ווײַטער, האָט קוראָפּאַטקינ, מוירע האָבנדיק אָפּגעשניטנ צו ווערנ פונ רוסלאַנד אונ צו בלײַבנ פאַרשפּאַרט, ווי פּאָרט־אַרטור, באַשלאָסנ צו פאַרלאָזנ ליאַאָיאַנ אונ אָפּצוטרעטנ צו צאָפנ צו, צו מוקדענ (דער הויפּט־שטאָט פונ מאַנדזשוריע). דער ליאַאָיאַנער לאַגער מיט זײַנע קאָלאָסאַלע רעזערווג איז ארײַנגעפאַלנ צו די יאַפּאַניער. די רוסישע אַרמיי איז ניט צעקלאַפּט געוואָרנ, זי איז אָפּגעטראָטנ אינ פולער אָרדענונג, אירע פאַרלוסטנ זײַנענ אינ אַלגעמיינ געווענ אַפילע קלענער פונ די יאַפּאַנישע, אָבער די איבערצײַגונג, אַז מיט די יאַפּאַניער „וועט מענ זיכ ניט ספּראַווענ", האָט זיכ נאָכ ליאַאָיאַנ ברייט אָנגעהויבנ פאַרשפּרייטנ אינ רוסלאַנד. די ליאַאָיאַנער שלאַכט האָט ניט געשפּילט די ראָליע פונ א קערנפּונקט אינ דער מילכאָמע, זי האָט אָבער געדינט אַלס קער־פּונקט אינ דער שטימונג פונ דער געזעלשאַפט. אַנשטאָט דער „פּאַטריאָטישע־באַגײַסטערונג" האָט א זעמענ באַהערשט א געפיל פונ פּאַרדרוס: צו וואָס האָבנ מיר זיכ פאַרפלאָנטערט אינ דער דאָזיקער אומגליקלעכער מילכאָמע? מיט די רעזול־טאַטנ פונ דער דאָזיקער ליאַאָיאַנער שטימונג וועט זיכ אונדז נאָכ אויסקומענ באַ־געגענענ אינעמ ווײַטערדיקנ קאַפּיטל.

קעדיי צו באַקעמפנ די דאָזיקע שטימונג, האָט קוראָפּאַטקינ באַקומענ א באַ־פעל אומבאַדינגט איבערצוגיינ אינ אָנגריפ בא דער ערשטער מעגלעכקײַט. איצט האָט מענ שוינ אָנגעהויבנ שיקנ צו אימ אויכ קאַדער־מיליטער. צומ אָנהייב אָק־טיאָבער (לויטנ נײַעמ סטיל) האָט ער שוינ געהאַט העכער 200 טויזנט מאַנ ניט אפנ פּאַפּיר, נאָר אינ דער ווירקלעכקײַט, אינ דער צײַט, ווענ די יאַפּאַניער האָבנ געהאַט ניט מער פונ 160 טויזנט. דעמ 10־טנ אָקטיאַבער האָבנ די רוסנ אָנגע־

הויבנ דעמ אָנגריפ, וואָס האָט געדויערט העכער א וואָכ און האָט זיי אָפּגעקאָסט 45 טויזנט מאַנ, וועלכע זײַנענ ארויס פונ די רייענ (די שלאַכט אָפנ טײַכ שאַכע). די יאַפּאַניער האָבנ דאָס מאָל געהאַט פיל קלענערע פאַרלוסטנ. די רוסישע אָפּיציִעלע מיטײלונגענ האָבנ שטאַרק אונטערגעשטראָכנ דעמ לעצטנ מאָמענט פונ דער שלאַכט, ווענ קוראָפּאַטקינס ארמיי האָט זיכ אײַנגעגעבנ צו פאַרניכטנ א יאַפּאַנישע בריגאַדע און צו פאַרכאַפּנ 11 האַרמאַטנ (די אײנציקע טראָפייענ אינ דער דאָזיקער מילכאָמע). אינדערעמעסנ, איז די שלאַכט אָפנ טײַכ שאַכע געווענ אַנ עמעסע מאַפּאָלע. די יאַפּאַנישע ארמיי איז פאַרבליבנ אָפּ אירע פּאָזיציעס און האָט אַפּילע עטוואָס אָפּגעשטופּט די רוסנ. אינ אַלגעמײנ האָט זיכ די לאַגע לאַכלוטנ ניט געענדערט, און קוראָפּאַטקינענ איז קײנ אַנדער ברײרע ניט פאַרבליבנ, ווי אײַנצואָרדענענ א ווינטער־לאַגער הינטער־מוקדענ.

דאָ איז דער סאָפ געקומענ ערשט אינ זעקס כאָדאָשימ ארומ, אָבער פאַר דער צײַט האָט זיכ די יאַפּאַניער אײַנגעגעבנ צו דערלאַנגענ די רוסנ אַנ אַנטשײדנדיקנ קלאַפּ אינ אַנ אַנדער אָרט, וווּ זיי האָבנ דערגרייכט אײנעמ פונ די צילנ פונ דער דאָזיקער מילכאָמע: שוינ זומער, צו יונ—יול איז די לאַגע פונ פּאָרט־אַרטור געווענ אָפּ אַזויפיל האָפּענונגלאָז, אַז די רוסישע עסקאַדרע, וועלכע איז דאָרט געווענ פאַרשפּאַרט, האָט באַשלאָסנ, קעדיי ניט ארײַנצופאַלנ אינ די הענט פונ די יאַפּאַניער, דורכצוברעכנ זיכ קײנ וולאַדיוואָסטאָק. דעמ 12־טנ אויגוסט (לויטנ נײַעמ סטיל) איז זי ארויס פונעמ האַפנ און האָט זיכ גלײַכ אָנגעשטויסנ אָפּ די הויפּט־קויכעס פונ יאַפּאַנישנ פלאָט. אָבער די יאַפּאַניער האָבנ פאַר דער צײַט באַוויזנ צו פאַרלירנ צוויי גרויסע פּאַנצער־שיפנ אָפּ די רוסישע מינעס אַזוי, אַז די קויכעס זײַנענ איצט געווענ גלײַכע. די שלאַכט איז אינ טאָכ געווענ ניט קײנ אַנטשײדנדיקע, די יאַפּאַניער האָבנ אַפּילע געהאַט גרעסערע פאַרלוסטנ, אײדער די רוסנ, אָבער אינ ברענ פונ שלאַכט איז דערהאַרגעט געוואָרנ דער נײַער רוסישער הויפּט־קאָמאַנדיר, און די אַדמיראַלישע שיפ איז ארויס פונ די רייענ. די רוסישע קאַפּיטאַנענ האָבנ זיכ פאַרלאָרנ, און די רוסישע שיפנ האָבנ אָנגעהויבנ לויפנ אינ פאַרשײדענע זײַטנ. דער גרעסטער טײל האָט זיכ אומגעקערט צוריק קײנ אַרטור, דער קלענערער האָט זיכ באַהאַלטנ אינ פאַרשײדענע נײטראַלע האַפנס און האָט זיכ דאָרט געמוזט אַנטוואָפענענ. גלײַכצײַטיק האָבנ די יאַפּאַניער צעקלאַפּט די רוסישע קרײסער־עסקאַדרע פונ וולאַדיוואָסטאָק. ביז מײַ פונ פאָלגנדיקנ יאָר האָט דער שטילער אָקעאַנ מער ניט געזענ קײנ רוסישנ פלאָט.

דער גוירל פונ די רעשטנ פונעמ רוסישנ שטילאָקעאַנישנ פלאָט איז איצט געווענ פאַרבונדנ מיטנ גוירל פונ פּאָרט־אַרטור. אָבער קײנ שומ פעסטונג, ווי שטאַרק זי זאָל ניט זײַנ און ווי מוטיק עס זאָל זיכ ניט פאַרטײדיקנ איר גאַרניזאָנ, קאָנ זיכ ניט האַלטנ אָנ א סאָפ: אויב מע וועט זי ניט ארויסראַטעווענ פונ דרויסנ, וועט זי זיכ מוזנ אונטערגעבנ. אָפּ ארויסראַטעווענ פּאָרט־אַרטור איז, באַזונדערס נאָכ קוראָפּאַטקינס מאַפּאָלע בײַ שאַכע, קײנ שומ האָפענונג ניט געווענ. דער נײַער שטילאָקעאַנישער פלאָט, וועלכער האָט זיכ פאָרמירט אינ קראָנשטאַדט טײלווײַז פונ שיפנ, וועלכע זײַנענ נאָכ ניט פאַרטיק געווענ צומ אָנהײב פונ דער מילכאָמע, טײלווײַז פונ אַלטע, וועלכע מע האָט צוליב זײער פאַרעלטערטקײַט ניט געוואָלט פריִער באַנוצנ, איז ערשט אינ האַרבסט ארויס אינ וועג, פאַרבײַ דעמ קאַפּ פונ „גוטער האָפענונג" און האָט געקאָנט זײַנ בײַ די ברעגנ פונ קאָרייע ניט פריִער פונ פרילינג. אַז אַרטור זאָל זיכ קאָנענ אַזוי לאַנג האַלטנ,

האָט מען בעשומויפֿן ניט געקאָנט ריכטן זיך. די יאַפּאַניער האָבן געפֿירט די באַלאַגערונג מיט דער גאַנצער ענערגיע, אָפֿ וועלכער זיי זײַנען געווען פֿײַיק. די ערשטע מאַפּאָלעס, — אין אווגוסט, ווען זיי האָבן נאָך ניט געהאַט קיין גרויסע באַלאַגערונג-אַרטילעריע, — האָבן זיי אַבסאָליוט ניט געמאַכט אַפֿהעגנטיק. זיי האָבן צונגעפֿירט האַרמאַטן פֿון אַ קאָלאָסאַלן קאַליבער, וועלכע זײַנען נאָך ביז דעמאָלט ניט אָנגעווענדט געוואָרן אין דער יאַפּאַנישע-מילכאָמע. די פּאָרט-אַרטורער פֿאָרטן האָבן ניט געקאָנט אויסהאַלטן אַזאַ פֿײַער: זייער גאַרניזאָן האָט געהאַט קאָלאָסאַלע פֿאַרלוסטן און האָט זיך קוים געהאַלטן. דעם 30-טן נאָיאַבער (לויטן נײַעם סטיל) האָבן די יאַפּאַניער, אונטערן שוץ פֿונעם פֿײַער פֿון זייער אַרטילעריע, פֿאַרנומען די הייך, וועלכע האָט קאָמאַנדירט איבערן האַפֿן פֿון אַרטור: איצט האָבן זיי געקאָנט צעשיסן די רוסישע שיפֿן פֿון זייערע שווערע האַרמאַטן. דער פּלאַץ איז אַלצייגנס געווען פֿאַרורטיילט צום אונטערגאַנג, קיין קריג-אַמוניציע איז קיין מאָל ווי ניט געווען, די דער-גערונג איז דערגאַנגען צום סאָף. סאָף דעקאַבער האָט דער גענעראַל סטעסעל, דער קאָמאַנדיר פֿון פּאָרט-אַרטור, אָנגעהויבן פֿירן אונטערהאַנדלונגען מיט די יאַפּאַניער, און דעם 2-טן יאַנוואַר (לויטן נײַעם סטיל) 1905 יאָר האָט ער זיך אונטערגעגעבן מיט זײַן גאַנצן מיליטער און מיט די רעשטן פֿונעם פּלאַץ (איינעם פֿון די גרעסטע פּאַנצער-שיפֿן האָבן די רוסן באַוויזן דערבײַ צו דערטרינקען). די יאַפּאַניער האָבן באַקומען 32 טויזנט געפֿאַנגענע, העכער 500 האַרמאַטן, 4 פּאַנצער-שיפֿן, 2 קרייסערס און העכער 20 צווייטראַנגיקע שיפֿן.

דאָס פֿאַלן פֿון אַרטור האָט אַ ריר געטאָן די מילכאָמע פֿונעם טויטן פּונקט, אָפֿ וועלכן זי האָט זיך געשטעלט נאָך די ערשטע קאַפּשווינדלדיקע דערפֿאָלגן פֿון יאַפּאַניע אָפֿ דער טריקעניש און אָפֿן יאַם. די מילכאָמע האָבן שוין די יאַפּאַניער אָפּ אַ העלפֿט אויסגעשפּילט; אויב די רוסן וואָלט אפילע איצט אָפּגעגליקט צו צעקלאַפּן די יאַפּאַנישע אַרמיי, וואָלט זיי נאָך אויסגעקומען אײַנצונעמען אַרטור, און דאָס איז, אָן דער הילף פֿונעם פּלאַץ, געווען אַן אומדערלייזבאַרע אויפֿגאַבע. צוזאַמען דערמיט האָט זיך איצט די לאַגע פֿון דער יאַפּאַנישער יאַבאַשעאַרמיי זייער פֿאַרשטאַרקט, — צו איר איז צוגעקומען דאָס מיליטער, וואָס האָט באַלאַגערט די פֿעסטונג. אָבער די דאָזיקע סטראַטעגישע (מיליטערישע) רעזולטאַטן פֿונעם יאַפּאַנישן זיג זײַנען געווען אַ קלייניקייט לעגאַבע די אָפּקלאַנגען פֿון דער געשעעניש איבערוויניק אין רוסלאַנד: די „ליאַיאַנער" שטימונג ווערט פֿאַרביטן אָפּ אַן עמעסן צאָרן קעגן דער רעגירונג, וועלכע האָט אָנגעבונדן רוסלאַנד די דאָזיקע מילכאָמע. דאָס אײַנעמען אַרטור האָט באַטײַט פֿאַר רוסלאַנד אַן אָנהייב פֿון אַן אַלפֿאָלקישער רעוואָליוציע.

קאַפּיטל V

דער 9-טער יאַנוואַר און „פּאָטיאָמקין"

די פּאָלקמאַסן האָבן זיך צוערשט באַצויגן גלײַכגילטיק צו דער מילכאָמע אין דער ווײַטער מאַנדזשוריע. ערשט, ווען איין מאָביליזאַציע נאָך דער אַנדערער האָבן אָנגעהויבן אַרויסרײַסן פֿון די פּויערשע פֿאַמיליעס די אַרבעטער אַזוי, אַז אין אייניקע דערפֿער האָט איניגיכן אָנגעהויבן פֿעלן אַ דריטל, אָדער גאָר אַ העלפֿט דערוואַקסענע מאַנצבלען, ערשט דעמאָלט האָבן די מאַסן אָנגעהויבן צו מורמלען.

אָבער פלעוועס רעגירונג האָט געהאַנדלט כיטרע: באַ די מאָביליזאַציעס פלעגט מענ בעקיוונ אויסמיַידנ די אינדוסטריעלע צענטערס אונ ביכלאַל די גרויסע שטעט. דאָרט, ווו די באַפעלקערונג איז געווענ אַמערסטנ באַוווסטזיניק, ווו עס איז אַמבעסטנ געווענ אַוועקגעשטעלט די רעוואָליוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע, דאָרט האָט זיכ די מילכאָמע געפילט שוואַכער פונ אַלצ, אונ דאָרט האָט מענ ווינציקער פונ אַלצ געהאַט גרונט פאַר אומצופרידנקיַיט.

אַנדערש א ביסל האָט זיכ באַצויגנ צו דער מילכאָמע די „געזעלשאַפט", ד. ה. די בורזשואַזיע אונ די אינטעליגענצ. דאָ איז די לעצטע כאַדאָשימ פאַר דער מילכאָמע ברייט געווענ פאַרשפּרייט בענעגייע דער רעגירונג דער זעלביקער טאָעס, וועלכנ די רעגירונג גופע האָט געהאַט בענעגייע די יאַפּאָניער. פּונקט ווי ניקאָלײַ דעמ II-טנס רעגירונג איז געווענ איבערצײַגט, אַז די יאַפּאָניער וועלנ „זיכ ניט דערוועגנ" אָנצוהייבנ די מילכאָמע, אַזוי איז די „געזעלשאַפט" געווענ איבערצײַגט, אַז ניקאָלײַס רעגירונג וועט זיכ אויכ ניט דערוועגנ אָנצוהייבנ זי. די סיבע פונעמ דאָזיקנ טאָעס זײַנענ געווענ די איבערגעטריבענע קלאַנגענ, וואָס האָבנ צירקולירט צווישנ אוילעמ, וועגנ די פינאַנציעלע שוועריקײַטנ פונ דער רעגירונג: מענטשנ, זייער גוט „אינפאָרמירטע", פלעגנ פאַרזיכערנ, אַז אינ דער מעלוכע־קאַסע וועט קלעקנ געלט ניט מער ווי אַפ דרײַ כאַדאָשימ מילכאָמע, אַז דער פערמער כוידעש וועט זײַנ אַנ אָנהייב פונ א מעלוכע־באַנקראָט. די „געזעלשאַפט" האָט זיכ גאָר ניט אָנגעשטויסנ, אַז הינטער די פּלייצעס באַ ניקאָלײַענ אונ באַ זײַנ רעגירונג שטייט דאָ די פאַריזשער בירזשע, אונ זי וועט שוינ, פאַרשטייט זיכ, ניט דערלאָזנ, אַז עס זאָל פּלאַצנ אַזאַ לוינבאַרע אונטערנעמונג, ווי עס איז געווענ פאַר איר דער רוסישער צאַריזמ. אונ אַזוי איז טאַקע געשענ: אינ מעשעכ פונ דער מילכאָמע האָט זיכ ניקאָלײַענ אײַנגעגעבנ „איבערכאַפּנ" אינ אויסלאַנד 1.210 מיליאָנ רובל אונ דעקנ אַפ אַזאַ אויפנ נײַנ צענטל פונ אַלע הויצאָעס (סאַכאַקל האָט די מילכאָמע אָפּגעקאָסט 1.330 מיליאָנ גאָלד־רובל). די רעגירונג האָט ניט נאָר ניט באַנקראָטירט צוליב דער מילכאָמע, ווי די „געזעלשאַפט" האָט זיכ גערעכנט, נאָר זי האָט אַפילע ניט אָפּגעשטעלט דאָס אויסטוישנ פּאַפּיר־געלט אַפ גאָלד. בלויז צאָלנ פאַר די כוויוועס איז איצט אויסגעקומענ פיל מער: פריער פלעגנ די רוסישע האַלוואָעס געשלאָסנ ווערנ נאָמינעל אַפ 4%, אונ אינ דער ווירקלעכקײַט אַפ 4½%, איצט פלעגט מענ נאָמינעל נעמענ 5%, אונ אינ דער ווירקלעכקײַט פלעגט אויסקומענ צאָלנ מער פונ 6%. די פאַריזשער פרײַנט האָבנ טאַקע אָפּגעלעקט א ביינדל פונעמ אומגליק פונ זייער פּעטערבורגער פרײַנט.

ווענ ניקאָלײַ האָט, קעגנ די דערוואַרטונגענ פונ דער „געזעלשאַפט", זיכ פאַרט „דערוועגט", ווענ די רוסישע רעגירונג האָט אָנגעהויבנ די העגטשקע, וועלכע די יאַפּאָניער האָבנ איר א וואָרפ געטאָנ, האָט די „געזעלשאַפט" אינ דער ערשטער רעגע אַרויסגעוויזנ פאַכדאָנעס. עטלעכע זעמסטוועס זײַנענ אַרויסגעטראָטנ מיט „פּאַטריאָטישע" אַדרעסנ צומ קייסער, סטרווע האָט אינ דער צײַטונג „אָסוואָבאָזשדעניע", וועלכע די לינקע זעמסטווע־טוער האָבנ אַרויסגעגעבנ אינ אויסלאַנד, געשריגנ, מע זאָל שרײַענ: „זאָל לעבנ די אַרמיי!" קיינ ניצכוינעס פונ די יאַפּאָניער אַפ דער טריקענער האָט קיינער ניט דערוואַרט: די אַלגעמיינע מיינונג איז געווענ, אַז אַפנ יאַמ וועלנ „זיי", „אונדז", פאַרשטייט זיכ, אָנברעכנ די ביינער, אָבער אַפ דער יאַבאָשע איז — ווי קומענ זיי זיכ ספּראַווענ מיט „אונדז"! דערייבער איז, ווענ די יאַפּאָניער האָבנ אָנגעהויבנ שלאָגנ קוראָפּאַטקינס אַרמיי, האָט

די „געזעלשאפט" איבערגעלעבט א נייע אנטוישונג, נאר שוינ אינ א פארקערטער זייט. מע האט אנגעהויבנ האפנ, אז די מאפאלעס וועלנ צווינגענ פלעוועס רעגירונג צו גיינ אפ האנאכעס, אונ מע האט זיכ אנגעהויבנ גרייטנ אופצונעמענ די דאזיקע האנאכעס, אונ אויב עס וועט נייטיק זיינ, אויכ א שטויס טאנ צו זיי די זיכ וואקלענדיקע רעגירונג. דער „באפרייונג-פארבאנד", וואס די לינקע זעמסטווע-טוער האבנ געגרינדעט נאכ אינ 1903 יאר אונ וואס איז אבער איינגיכנ ארייגעפאלנ ניט אזוי אינ די הענט פונ די זעמסטווע-טוער, ווי אינ די הענט פונעם אזויגערופענעם „דריטנ עלעמענט" — די זעמסטווע-דאקטוירים, סטאטיסטיקער, לערער אאוו., וועלכע זיינענ געווענ א סאכ ראדיקאלער, איידער דער ליבעראלסטער צווישנ די פריצים, — איז גיכ געוואקסנ אונ האט אפילע אנגעהויבנ ארויסגעבנ פראקלאמאציעס וועגנ דער מילכאמע. פלעווע פלעגט מיט ציינקריצעניש זאגנ, אז „בא די זעמסטווע-אופראווע בילדנ זיכ אויס קאהארטעס סאנקיולאטנ,* וועלכע באקומענ א דאמינירנדיקע (הערשנדיקע) ווירקונג אפנ גאנג פונ די זעמסטווע-איגיאנים, באזייטיקנדיק פונ זיי די עלעמענטנ, וואס דער געזעצגעבער האט גערופנ צו זעלבסטפארוואלטונג".

צוויי געשעענישנ האבנ ענדגילטיק איבערגעבראכנ די שטימונג פונ דער „געזעלשאפט" אינ דער ריכטונג פונ „מאפאלעריי" אונ רעוואליוציע. דאס איז געווענ, ערשטנס, די דערמארדונג פונ פלעווענ אינ יול 1904 יאר אונ, צווייטנס, די ליאויאנער שלאכט מיט א כוידעש שפעטער, אינ אווגוסט.

פלעווענ האט דערהארגעט די קאמפ־ארגאניזאציע פונ די סאציאליסטנ־רעוואליוציאנערנ (דער דירעקטער אויספירער, וואס האט א ווארפ געטאנ די באמבע, איז געווענ סאזאנאוו, וועלכער איז דערביי אליינ שטארק פארוווגדעט געווארנ) בא דעם נאענטסטנ אנטייל פונ דעם אונדז באקאנטנ אזעפנ (ז. אויבנ, ז.ז. 67—68). אזעפ איז צוערשט אריינ אינ דער קאמפ־ארגאניזאציע, אלס שפיאנ פונעם פאליציי-דעפארטאמענט. אינ די אויגנ פונ די רעדלפירער אינעם דאזיקנ אנשטאלט איז ער געווענ דער זיכערסטער מענטש. נאר די אטמאספער פונ יענע טעג איז געווענ אזא, אז די געזעלשאפט פונ רעוואליוציאנערנ האט געווירקט אפילע אפ אזא פארביסענעם שפיאנ. ער האט אנגעהויבנ פאראטנ זיינ דעפארטאמענט אונ באטייליקנ זיכ אינ די אקטנ פונ דער עסערישער קאמפ־ארגאניזאציע. שוינ גיכ בלויז לעפאנעם, דער קעשעניעווער פאגראם האט אימ ענדגילטיק געמאכט פאר אנ אומזיכערנ. אזעפ איז געווענ א ייד. ריידנדיק וועגנ פאגראם מיט א צווייטנ, אונדז באקאנטנ, שפיאנ, — מיט זובאטאוונ, האט זיכ אזעפ „געטרייסלט פונ גרימצארנ אונ האט מיט האס גערעדט וועגנ פלעווענ, וועלכנ ער האט געהאלטנ פארנ הויפט־שולדיקנ" אינעם פאגראם. דער גרויסער ארגאניזאטער פונ פאגראמענ אונ שפיאנאזש איז אריינגעפאלנ אינ זיינע אייגענע נעצ, איז געפאלנ, אייגנטלעכ, פונ די הענט פונ זיינ אגענט. דער אוילעם האט אבער דעמאלט ניט געוווסט פונ דער דאזיקער הינטערקוליסנ־זייט, דאס האבנ אפילע ניט געוווסט מענטשנ, וואס זיינענ לויט זייער „אמט" געשטאנענ נאענט צו אזעפנ, וועלכער האט נאכ א לאנגע צייט נאכדעם געשפילט זיינ צווייפענעמדיקע ראליע, ביז די רע-

---

* „קאהארטע" א סאלדאטנ־אטריאד אינ אוראלטנ רוים, ענלעכ אפ אונדזער א באטאליאנ. „סאנקיולאטנ" (מענטשנ אנ הויזנ),—א גרינגשעצנדיקער נאמענ, וועלכנ די וויסגווארדייער פלעגנ געבנ די רעוואליוציאנערנ בייס דער פראנצויזישער רעוואליוציע.

וואָליוציאָנערן האָבן אים ניט דערמאָסקירט (אין 1908 יאָר). פאַרן אוילעם איז דאָס דערמאָרדן אין גאַס, אין מיטן העלן טאָג, דעם אַלמעכטיקן אינערן-מיניסטער געווען אַ באַשײַמפּערלעכער באַווײַז פון דער מעכטיקײַט פון דער רעוואָליוציע. די שטימונג אין די בורזשואַזע און אינטעליגענטישע קרײַזן האָט ווידער אָנגעהויבן שטײַגן.

די רעגירונג איז, פאַרקערט, אײַנגאַנצן צעטומלט געוואָרן. פּלעווע האָט צוגע-ווײַנט ניקאָלײַען צום געדאַנק, אַז ער, פּלעווע, ווייס דעם סאָד פון קאַמף קעגן דער רעוואָליוציע, אַז קאָלזמאַן ער איז בײַ דער מאַכט, איז ניטאָ וואָס מוירע צו האָבן, און אָט דער דאָזיקער קישעפּמאַכער האָט זיך אַליין ניט געקאָנט ראַטעווען. ניקאָלײַ האָט זיך פאַרלאָרן, און אַ מענטש אויף צו פאַרבײַטן האָט מען געפונען ערשט אין אַ כוידעש אַרום. דער אויסוואַל פונעם דאָזיקן מענטשן האָט אײדעס געזאָגט וועגן דער פאַרלאָרנקײַט. עס איז ווידער באַשטימט געוואָרן אַ שפּיאָן, דער געוועזענער זשאַנדאַרמען-שעף סוויאַטאָפּאָלק-מירסקי, אָבער אַ שפּיאָן אַ „לי-בעראַל", וועלכער האָט שוין לאַנג געראַטן צו ווירקן ניט אַזוי מיט ברוטאַלער קראַפט, ווי מיט „גוטסקײַט", באַמיִענדיק זיך ווי-ניט-איז אַרומצוגיין די פאָלק-מאַסע און ניט צו רייצן זי. אַז ער איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ מיניסטער, האָט ער קוידעמקאָל זיך געאײַלט צו פאַרגיטיקן די זעמסטווע, וועלכע איז געווען אָנגע-שראָקן און בייז אויף זײַן פאָרגייער. גלײַך אין דער ערשטער רעדע זײַנער האָט ער אָנגעהויבן ריידן וועגן אַן „אויפריכטיק פרײַנטלעכער און אויפריכטיק צוטרוילע-כער באַציִונג צו די געזעלשאַפטלעכע און שטאַטישע אַנשטאַלטן און ביכלאַל צו דער באַפעלקערונג".

געדענקענדיק נאָך די אַלטע יאָרן, האָט סוויאַטאָפּאָלק-מירסקי געמיינט, אַז עטלעכע גוטע ווערטער וועט זײַן גענוג, קעדיי די זעמסטווע-ליבעראַלן זאָלן זיך לאָזן לויפן אים אַנטקעגן. פּלעווע האָט זיי געטריבן, פלעגט ניט דערלויבן די אומשולדיקסטע פאַרזאַמלונגען, פלעגט פאַרשיקן די זעמסטווע-ראַטמענער בלויז פאַר דערמאָנען וועגן אַ קאָנסטיטוציע, האָט באַזײַטיקט פון זײַן אַמט אײגעם פון די ווירקונגפולסטע זעמסטווע-טוער, דעם פאָרזיצער פון דער מאָסקווער גובערני-אַלער אויפראַווע שיפּאָוון — אַפילע ניט קיין קאָנסטיטוציאָנאַליסט, נאָר אַ סלאַ-וואָפיל, וועלכער האָט געטרוימט וועגן צוזאַמענגיסן דעם צאַר מיטן פאָלק (אונ-טערן נאָמען „פאָלק" האָט שיפּאָוו, קוידעמקאָל, פאַרשטייט זיך, געמיינט די פּריי-צים), און איצט רעדט מען וועגן צוטרוי. איז וואָס דאַרף מען נאָך? אָבער די צײַטן האָבן זיך געביטן, און עס האָט זיך גלײַך אַרויסגעוויזן, אַז „צוטרוי" איז ווייניק.

צווישן פּלעוועס טויט און סוויאַטאָפּאָלק-מירסקיס באַשטימונג איז דורכגע-גאַנגען די ליאַאָיאַנער שלאַכט. זי האָט ענדגילטיק אַנטשיידן אויך דעם אויסוואַל, וועלכן ניקאָלײַ האָט געמאַכט, — אין דער זײַט פון „ווייכקײַט". אָבער אַדאַנק איר האָבן ענדגילטיק געקראָגן מוט אויך די ליבעראַלן. פאַר דער „געזעלשאַפט" איז געוואָרן קלאָר, אַז מיט די יאַפּאָניער „וועט מען זיך ניט ספּראַווען". די רע-גירונג, האָט זיך געדוכט, איז פאַרקראָכן אין אַ העק, איר איז, דוכט זיך, קיין זאַך ניט געבליבן, אַכוץ שליסן אַ שענדלעכן שאָלעם. אָבער אַ שענדלעכער שאָלעם — דאָ פלעגט מען, פאַרשטייט זיך, זיך דערמאָנען אָן דער קרימער מילכאָמע און דעם פּאַריזשער שאָלעם פון 1856 יאָר — האָט באַטײַט, פאַרשטייט זיך, האָ-נאָכעס אינווייניק אין לאַנד, האַנאָכעס דער „געזעלשאַפטלעכער מיינונג".

ווענ מע האָט זיכ צו סוויאַטאָפּאָלק־מירסקינ געווענדט נאָכ א דערלויבעניש צונויפצורופנ א זעמסטווע־צוזאַמענפאָר (וועלכנ פּלעווע האָט געהאַט פאַרווערט), האָט ער נאַיִוו מאסקימ געווענ, מיינענדיק, אז די זעמסטווע־טוער וועלנ זײַנ זייער צופרידנ זיכ צו פאַרזאַמלענ, קעדיי דורכצושמועסנ זיכ וועגנ זייערע איניאָנימ. ווי גרויס איז אָבער געווענ זײַנ פאַרלעגנהײַט, ווענ ער האָט זיכ דערוווּסט, אז די זעמסטווע־טוער קלײַבנ זיכ בעטנ א ק אָ נ ס ט י ט ו צ י ע, וואָס בלויז דאָס דערמאָנענ וועגנ איר פלעגט פּלעווע פאַרפאָלגנ, ווי א מעלוכע־פאַרברעכנ. די ערשטע באַוועגונג פונעמ דאָזיקנ וויכנ און ניט אנטשלאָסענעמ מענטשנ איז געווענ כאָטש אָפּלייגנ דעמ צוזאַמענפאָר ביז יאַנוואַר. אָבער די זעמסטווע־טוער האָבנ זיכ אָנגענומענ מיט מוט, און האָבנ שוינ ניט געוואָלט נאָכגעבנ. זיי האָבנ אָנגעוויזנ, אז עס זײַנענ שוינ פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרנ אײַנלאַדונגענ און אז אָפּלייגנ איז שוינ שפּעט. סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי האָט געמוזט אײַנגיינ אפנ צוזאַמענפאָר אינ אָנהייב נאָיאַבער.

אינ די קרײַזנ פונ די ליבעראַלנ און פונ די „אָסוואָבאָזשדיענצעס" האָט מענ זיכ אַזוי געפרייט, פונקט ווי די רעוואָליוציע וואָלט שוינ געווענ פאָרגעקומענ. דער זעמסטווע־צוזאַמענפאָר האָט זיכ זיי אָנגעהויבנ אויסווײַזנ ווי א מינ גרינדונג־פאַרזאַמלונג. אינדערעמעסנ האָט דער צוזאַמענפאָר, וועלכער איז צונויפגעקליבנ געוואָרנ מיט דער דערלויבעניש פונעמ אינערנ־מיניסטעריומ און וועלכנ די פּאָליציי האָט ציטעריק אָפּגעהיט, אז אפ אימ זאָלנ זיכ ניט ארײַנגרײַסנ סטודענטנ און ארבעטער, — דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר האָט פאָרגעשטעלט א גאַנצ לעכערלעכ בילד. שוינ די פּאָליצייִשע זאָרג וועגנ אימ האָט קלאָר באַוויזנ, אז די זעמסטווע־טוער זײַנענ ווײַט אָפּגעשטאַנענ פונ די מאסנ און דריקנ אבסאָליוט ניט אויס די ווינטשנ און שטרעבונגענ פונ דער מערהײַט באַפעלקערונג. די גרונט־פראַגנ, וועלכע האָבנ באַאומרויִקט די באַפעלקערונג, די ערד־פראַגע און די ארבעטער־פראַגע, האָט דער צוזאַמענפאָר גאָרניט באַרירט. ער האָט זיכ פאַרנומענ אויסשליסלעכ מיט דער פראַגע וועגנ א קאָנסטיטוציע, דערבײַ האָט ער זיכ צעשפּאָלטנ אויכ אינ דער דאָזיקער פראַגע: א גרויסע מינדערהײַט (38 מאַנ פונ 98) האָט זיכ ארויסגעזאָגט בלויז פאַר ב א ר א ט ו נ ג ־ר ע כ ט פונ דער פאָלק־פאָרשטייערשאַפט אינ די מעלוכישע איניאָנימ, — ד. ה. די דאָזיקע מינדערהײַט איז געווענ איבערצײַגט, אז די ז ע ל ב ס ט ה ע ר ש ו נ ג א י ז נ אָ כ נ י י ט י ק, קעדיי צו ב א ש י צ נ די א י נ ט ע ר ע ס נ פ ו נ ד ע ר ב ו ר ז ש ו א ז י ע, אז באַגרענעצנ די צאַרישע מאַכט איז שעדלעכ פאַר די דאָזיקע קלאַסנ. דאָס איז געווענ דער אלטער שטאַנדפּונקט פונ דער זעמסטווע, וועלכער איז נאָכ אויסגעדריקט געוואָרנ אינ די אַדרעסנ, וואָס מע פלעגט דערלאַנגענ ניקאָלײַענ בא זײַנ פאַרנעמענ דעמ טראָנ (אינ 1895 יאָר).

די ווירקונג פונ דער רעוואָליוציע, וועלכע האָט שוינ געהאַלטנ באַמ אָנהייבנ זיכ, האָט זיכ טאַקע אויסגעדריקט אינ דעמ, וואָס פאַר דער מערהײַט מיטגלידער פונעמ זעמסטווע־צוזאַמענפאָר איז דאָס שוינ געווענ ווייניק; די מערהײַט האָט זיכ ארויסגעזאָגט פאַר ב א ש ט י מ ו נ ג ־ר ע כ ט פונ די פאָלק־פאָרשטייער אינ דער געזעצגעבונג.

אָבער קעדיי צו באַגרענעצנ די צאַרישע מאַכט, האָט מענ געדאַרפט פאַרמאָגנ עפּעס א ווירקלעכע רעאַלע קראַפט. דאָס האָבנ, פאַרשטייט זיכ, ניט געהאַט די זעמסטווע־טוער, וועלכע פלעגנ זיכ מיט שרעק דערווײַטערנ פונעמ „האַמוינ".

זייער גאנצע האפענונג האט זיכ, אינ טאכ גענומענ, געקאָנט באזירנ בלויז אפ די רעשטנ פונ דער „ליאַיאַנער" שטימונג אינ די הויכע ספערנ. די דאָזיקע רעשטנ האט געקלעקט אפ דעמ, אז ניקאָלײַ זאָל אײַנגיינ אפ „דורכשמועסנ" זיכ מיט זײַנע מעקוראָווימ וועגנ די באשטימונגענ פונעמ צוזאמענפאָר (וועלכע זײַנענ מיטגעטיילט געוואָרנ דער רעגירונג ניט אָפיציעל — פונקט ווי דער צוזאמענפאָר גופע האט זיכ גערעכנט פאר א ניט אָפיציעלנ, פריוואטנ איניענ). מע איז דורכגעקומענ אפ דעמ, אז מע זאָל ארויסגעבנ אנ אלערהעכסטנ מאניפעסט, ווו עס זאָל צומ כאָפ געזאָגט ווערנ אויכ וועגנ א פאָלק־פאָרשטייערשאפט, פארשטייט זיכ, לויט דער פאָרמולע פונ דער מינדערהײַט, ד. ה. וועגנ א בעראטונג־פאָרשטייערשאפט. אינ דעמ לעצטנ מאָמענט אָבער האָבנ דערפונ אָפגערעדט פאָבעדאָנאָסצעוו אונ וויטע, וועלכער האָט זיכ געײַלט צו פאריכטנ זײַנ רעפוטאציע, וואָס איז קאַליע געוואָרנ פאר דער מילכאָמע. דער מאניפעסט, וועלכער איז ארויס דעמ 12-טנ דעקאבער (אלטנ סטיל) 1904-טנ יאָר, האָט גערעדט אויסשליסלעכ וועגנ אדמיניסטראטיווע רעפאָרמעס אונ וועגנ א געוויסער, זייער אומבאשטימט אויסגעדריקטער, פארברייטערונג פונ די רעכט פונ דער באפעלקערונג אונ וועגנ פרעסע־פרײַהײַט. וועגנ דער פאָלק־פאָרשטייערשאפט איז קיינ אָס ניט געווענ. אונ די „רעגירונג־מיטיילונג", וועלכע איז ארויסגעגעבנ געוואָרנ גלײַכצײַטיק מיטנ מאניפעסט, האָט פאָרמעל פארווערט אופצוהייבנ אפ געזעלשאפטלעכע פארזאמלונגענ די פראגע וועגנ קאָנסטיטוציע.

דער מאניפעסט פונ 12-טנ דעקאבער האָט אוועקגעשטעלט די זעמסטווע־טוער אינ זייער א נארישער לאגע. עס איז געוואָרנ אבסאָליוט קלאָר, אז פארייִדנ די זעלבסטהערשונג מיט ווערטער וועט זיכ ניט אײַנגעבנ. אכוצ ווערטער, האָבנ אָבער די זעמסטווע־טוער גאָרניט געהאט אינ זייער רעשוס. ווערטער האָבנ זיכ געגאָסנ ווי א וואסערפאל — דער „באפרײַונג־פארבאנד" האָט, אינ פארבינדונג מיטנ זעמסטווע־צוזאמענפאָר, אנטוויקלט איבערנ גאנצנ לאנד א ברייטע „באנקעטנ־קאמפאניע". מע פלעגט זיכ צוטשעפענ צו פארשיידענע געלעגנהײַטנ, לעמאָשל, צומ 40-יאָריקנ יאָרטאָג פונ אלעקסאנדער דעמ II-טנס געריכט־רעפאָרמ (ז. טייל 2), קעדיי אײַנצואָרדענענ פײַערלעכע מיטיקנ, אפ וועלכע עס פלעגנ זיכ פארזאמלענ טויזנטער אינטעליגענטנ אונ א טייל ליבעראל געשטימטע פאָרשטייער פונ דער בורזשואזיע. ארבעטער פלעגט מענ זענ ניט ארײַנלאָזנ, אָבער מיט דער הילפ פונ דער סטודענטנשאפט פלעגנ זיי זיכ דורכרײַסנ אונ פלעגנ מיט זייערע, שוינ גאָר ניט „ליבעראַלע" רעדעס, עטוואָס קאַליע מאכנ די שטימונג פונ די מיטיק־עסערס. גאָר אויכ די אינטעליגענצ האָט, פארשטייט זיכ, גערעדט שאַרפער, איידער די זעמסטווע־טוער אפ זייערע האלבעכע בעראטונגענ. באמ מיטיקטיש זײַנענ דאָכ מענטשנ שטענדיק ווײַניקער אײַנגעהאלטנ מיטנ לאָשנ, איידער בא א טיש, וואָס איז באדעקט מיט גרינעמ געוואנט. אָבער סײַ דאָ סײַ דאָרט האָבנ סײַ די „ליבעראלנ" אונ סײַ די „ראדיקאלנ" קיינ זאכ ניט געהאט אינ זייער רעשוס, אכוצ ווערטער, אונ ניקאָלײַ פלעגט, ווי דער קאָטער, הערנ אונ טאָנ זײַנס.

ניט פיל בעסער איז געגאנגענ די ארבעט אויכ בא די רעוואָליוציאָנערע פארטייענ. זיי האָבנ דעמלט איבערגעלעבט א פײַנלעכנ פעריאָד פונ אָנפאנגלעכער אָרגאניזאציע — אינ זײַנ ארט גיט קיינ ווייניקער פײַנלעכער, ווי דער פעריאָד פונ אָנפאנגלעכער אָנזאמלונג — אונ זײַנענ קימאט ווי פאראליזירט געווענ דורכ דער

מאסע אָנשטרענגונגענ, וועלכע ס'האָט זיכ געפאָדערט אפ דער דאָזיקער ארבעט. די סאָציאל-דעמאָקראטישע פארטיי האָט זיכ, אייגנטלעכ, נאָרוואָס געהאט אָרגאניזירט: וועגנ אזא עמעסער פארטיי האָט מענ געקאָנט ריידנ ערשט פונ נאָכ דעמ צ ו וו יי ט נ צוזאמענפאָר אינ אווגוסט 1903-טנ יאָר. אפנ צוזאמענפאָר האָט נ' לענינ דעמ ערשטנ מאָל אוועקגעשטעלט די פראגע וועגנ אויסבילדנ א ווירקלעכ רעוואָליוציאָנערע קאמפּס-פּייִקע ארבעטער-פארטיי, וועלכע איז צוזאמענגעבונדנ דורכ אנ אײַזערנער דיסציפּלינ און וועלכע שלאָגט מיט אלע קויכעס אינ אײנ גאָענטנ ציל — אראָפּוואַרפנ דעמ צאַריזמ. לענינס איניציאטיוו האָט באגעגנט שטיצע בא דער אלטער גרופּע „באפרײַונג פונ דער ארבעט" אינ געשטאלט פונ פּלעכאנאָוו, וועלכער האָט נעוויִיש פּאָרויסגעזאָגט אינ זײַנ רעדע אײניקע גרונט-שטריכנ פונ דער קומענדיקער אָקטיאבער-רעוואָליוציע. אָבער א באדײַטנדיקער טייל פונ דער מארקסיסטישער אינטעליגענצ, — ניט בלויז פונ די „עקאָנאָמיסטנ", נאָר אויכ פונ די „איסקריסטנ", — האָט שוינ דעמאלט פארשטאנענ א „בורזשואזע רעוואָליוציע" — אונ דעמ בורזשואזנ כאראקטער פונעמ נאָענטסטנ עטאפּ פונ דער רעוואָליוציע האָט אויכ לענינ ניט אָפּגעלייקנט — אזוי, ווי עס האָט זי שפּעטער אָנגעהויבנ פארשטיינ אויכ פּלעכאנאָוו: אלס א רעוואָליוציע, לעכאָלאפּאָכעס אינ א בונד מיט דער בורזשואזיע, אויכ ניט אונטער איר אָנפירונג. לענינענ האָט זיכ אײַנגעגעבנ צונויפקלײַבנ אנ אומבאדײַטנדיקע מערהײַט. אָבער קימאט אלע אלטע „פירער", מיט מארטאָוו אונ בעראָש, זײַנענ פארבליבנ אינ דער מינדערהײַט: זייער אווטאָריטעט איז נאָכ געווענ קאָלאָסאל, אָנ זיי האָט מענ זיכ ניט געקאָנט באגיינ, אונ אינגיכנ זײַנענ זיי, ניט געקוקט אפ דער מאפּאָלע, וואָס זיי האָבנ געליטנ אפנ צוזאמענפאָר, געוואָרנ די פולע באלעבאטימ אינ צענטראל-קאָמיטעט אונ אינעמ „ראט" פונ דער פארטיי (באראטונג פונעמ צענטראל-קאָמיטעט אונ פונ דער רעדאקציע פונעמ צענטראל-אָרגאנ „איסקרא"). ערגער פונ אלצ איז געווענ דאָס, וואָס אויכ פּלעכאנאָוו איז אריבער אפ זייער זײַט. לענינ האָט געמוזט ארויסטרעטנ פונ דער רעדאקציע „איסקרא", וואָס ער איז געווענ אײנער פונ אירע שעפער, אָבער די לענינסטנ, אָדער ב אָ ל ש ע וו י ק ע ס, ווי זיי האָבנ זיכ אָנגעהויבנ רופנ (לויט דער מערהײַט, וואָס זיי האָבנ באקומענ אפנ צוזאמענפאָר) זײַנענ, פארשטייט זיכ, ניט אָפּגעטראָטנ פונ זייערע פּאָזיציעס, — אונ אלע רוסישע אָרגאניזאציעס זײַנענ געוואָרנ אנ ארענע פונ א ביז גאָר פארביסענעמ קאמפּ צווישנ די באָלשעוויקעס מיט די מ ע נ ש ע וו י ק ע ס (מארטאָווס אָנהענגער). די ווירקונג פונעמ דאָזיקנ קאמפּ אפ דער ארבעטער-באוועגונג קאָנ מענ אָפּשאצנ לויט אײנ קאָנקרעטנ בײַשפּיל: סאָפּ נאָיאבער 1904-טנ יאָר האָבנ די באָלשעוויקעס באשלאָסנ צו אָרגאניזירנ א גרויסע מאניפעסטאציע אינ פּעטערבורג. עס איז געפירט געוואָרנ אנ אגיטאציע צווישנ די ארבעטער-מאסנ, עס זײַנענ אָפּגעדרוקט געוואָרנ עטלעכע טויזנט אויפרופנ, אָבער אינ דער לעצטער רעגע האָבנ די מענשעוויקעס גענומענ די אויבערהאנט אינ דער פּעטערבורגער אָרגאניזאציע, די מאניפעסטאציע איז אָפּגעשאפט געוואָרנ, אונ די צוגעגרייטע בלעטלעכ זײַנענ פארברענט געוואָרנ. א טייל פארטיי-כאוויירימ, דעריקער פונ דער אינטעליגענצ, זײַנענ פונדעסטוועגנ ארויס אפ דער גאס אינעמ באשטימטנ טאָג, אָבער קיינ ארבעטער, צו וועלכע די פארברענטע אויפרופנ זײַנענ, נאטירלעכ, ניט דערגאנגענ, איז ניט געווענ. די פּאָליציי האָט געהאט די פולע מעגלעכקײַט פרײַ צו צעמיימעסנ די

פארזאמלטע סטודענטנ אונ קורסיסטקעס אונ האָט, אזויארום, אָפּגעהאלטנ א לײַכטנ זיג איבער דער רעוואָליוציע. *

ניט פיל גלענצנדיקער איז געווענ אויכ די מאָסקווער מאניפעסטאציע — מיט עטלעכע טעג שפּעטער. צו איר זײַנענ געקומענ סאכאקל ד ר ײַ ה ו נ ד ע ר ט ארבעטער, אונ דאָס באווײַזט, אז דער עפּיזאָד מיט די פארברענטע בלעטלעכ, ווי כאראקטעריסטיש ער זאָל ניט זײַנ אליינ פאר זיכ, קאָנ זיכ ניט רעכענענ פאר דער הויפּט־סיבע פונעמ דורכפאל. די הויפּט־סיבע איז געווענ דאָס, וואָס די „רײַסערײַ" צווישנ די באָלשעוויקעס אונ מענשעוויקעס פלעגט אָפּנעמענ סײַ בא די סײַ בא יענע דעמ צוטרוי אינ די אויגנ פונ דער ארבעטער־מאסע. דער טאָכ אונ די וויכטיקײַט פונעמ שטרײַט האָבנ דעמאָלט אפילע אינ די פארטיי־רייענ פארשטאנענ ניט פילע: מיט דער גאנצער באשײַמפּערלעכקײַט איז דאָס קלאָר געוואָרנ ערשט נאָכ דעקאבער 1905־טנ יאָר. די אומפּארטייִשע ארבעטער ווידער האָבנ פּאָשעט ניט געקאָנט פארשטיינ — ווענג וואָס רײַסנ זיכ דאָס צווישנ זיכ די באוויירימ־אינטעליגענטנ, אונ פארצווייפלטע דערפונ, וואָס עס איז ניטאָ קיינ איינהײַטלעכע פארטיי־אָנפירונג, זײַנענ זיי גרייט געווענ צו גיינ נאָכ וועמענ עס זאָל זיכ ניט מאכנ.

אונ א מענטש, וואָס איז גרייט געווענ צו פירנ — אָדער פארפירנ — די ארבעטער, איז שוינ געווענ. דאָס איז געווענ ג א פּ אָ נ, זובאטאָווס פּעטערבורגער יִירעש.

מיר האָבנ שוינ געזאָגט, אז זובאטאָווס דורכפאל אינ מאָסקווע זײַגנ זײַנע שפּעטנ געניינט געווענ צו באטראכטנ, אלס א באווײַז פונ זײַנ, זובאטאָווס, פּערזענלעכער ניט־גענייטקײַט אָדער ניט־געוויסנהאפטיקײַט, אָבער אבסאָליוט ניט אלס א באווײַז, אז די אידיי גופע פונ זובאטאָווטשינע איז באנקראָט. די אידיי איז, פארקערט, נאָכ אלץ געווענ פּאָפּולער. מע האָט בלויז געזוכט א מער פאסיקנ אויספירער. אינ 1903־טנ יאָר האָט זיכ דער פּעטערבורגער „אָכראנקע" אויסגעזוכט, אז זי האָט געפונענ אזא אויספירער אינ דער פּערזאָנ פונעמ יונגנ גאלעכ געאָרגי גאפּאָנ, וועלכער האָט דעמאָלט גראַדואָס געהאט געענדיקט די גײַסטלעכע אקאדעמיע. א מענטש א לעבעדיקער, מיט דעמאגאָגישע נעטיִעס, וועלכע האָבנ אימ שפּעטער טאקע אומגעבראכט, האָט גאפּאָנ געהאט א שײַכעס צו עפּעס א פּאָליטישנ פּראָצעס אונ איז אזויארומ ארײַנגעפאלנ אינ די לאפּעס צו זובאטאָווג אונ זײַנע געהילפנ. מע האָט אימ „אויסגעלייזט" אונ געגעבנ צו פארשטיינ, אז אויב ער וועט דינענ דער פּאָליציי, וועט ער א סאכ גרינגער געפינענ די באפרידיקונג פאר זײַנע אינסטינקטנ אונ נייגונגענ, איידער אויב ער וועט דינענ דער רעוואָליוציע. גאפּאָנ פלעגט שפּעטער פארזיכערנ, אז ער האָט קלוימערשט גלײַכ פונ אָנהייב אָנ אָפּגענארט די פּאָליציי, אָבער דאָס איז שוינ געווענ א לאנגע צײַט נאָכ דעמ, ווי די געשיכטע האָט אימ דערהייבנ ביז צומ ראנג פונ א רעוואָליוציאָנער, אומאָפּהענגיק דערפונ, צי ער האָט עס געוואָלט אָדער ניט. דעריבער דארפ מענ זיכ ניט פארלאָזנ באזונדערס אפ זײַנע רייד. אלנפאלס בא דער פּאָליציי האָט ער א לאנגע צײַט געהאט צוטרוי.

מע דארפ זאָגנ, אז דעמ דאָזיקנ צוטרוי האָט ער פולשטענדיק פארדינט. אינ

---

* איכ דערמאָנ נאָכאמאָל, אז איכ באוויר דאָ די געשיכטע פונ דער פארטיי פארבײַגייענדיק, אינ פארבינדונג מיט דער אלגעמיינער געשיכטע פונ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג.

הינזיכט פונ „באארבעטונג" דעמ פראָלעטאריאט לעטוויוועס דעמ צאריזמ איז גאָפאָנ אָנ סאָפעק א וויַטערדיקע, העכערע שטופע אינ פארגלײַכ מיט זובאטאָוונ. דער הויפט־כיסאָרונ אינ זובאטאָווס „מעטאָד" איז באשטאנענ דערינ, וואָס דער אָנטייל פונ דער פאָליציי אינ אלצ האָט זייער גראָב אונ אָפנ ארויסגעשפארט אינ דרויסנ. דאָס האָט נאָכ געקאָנט טויגנ אינ די באציִונגענ מיט די מער אָפגעשטאנענע מאָסקווער ארבעטער, אָבער דאָס האָט ניט געקאָנט ברענגענ קיינ שומ דערפאָלג צווישנ דעמ מער אנטוויקלטנ פעטערבורגער פראָלעטאריאט. גאפאָנ האָט עס אויסגעצייכנט פארשטאנענ. „פארשטייט זיכ, — האָט ער געשריבנ אינ א מעמאָראנדומ, וואָס ער האָט דערלאנגט דעמ דירעקטער פונעמ פאָליציי־דעפארטאמענט לאָפוכינענ אינ הארבסט 1903 יאָר, — בא אזא אָוועקשטעלונג פונ דער ארבעט, ווי עס איז געווענ אינ אָדעס (וועגנ מינסק איז שוינ ניטאָ וואָס צו רייִדנ), ווו דער אָנפירער מיט די רוסישע ארבעטער איז געווענ א ייִד, אונ אינ מאָסקווע, ווו די אָנפירער איז געווענ — אונ דערבײַ ניט זייער געשיקט — די פאָליציי אונ די ארבעט האָט אָנגענומענ אנ אדמיניסטראטיוו־פאָליצייִשע, אונ דערבײַ אג אויסערלעכנ, טומלדיקנ כאראקטער, האָט, פארשטייט זיכ, בלויז אנ אויבערפלעכלעכער מענטש, וואָס לאָזט זיכ צו לײַכט פארפירנ, געקאָנט ניט קוקנ מיט פארוווּנדערונג אפ דער אייגנארטיקער ארבעטער־באוועגונג, וואָס די רעגירונג־מאכט (די פאָליטישע) האָט אויפגעהויבנ אונ פירט... מע טאָר ניט פארגעסנ, אז אינ דער געזעלשאפט עקזיסטירט נאָכ ביז איצט א וואָלקנ פונ פאָרורטיילנ קעגנ דער פאָליציי; ביז איצט געפינט זי זיכ נאָכ אונטער דעמ היפנאָז פונ די היסטאָרישע אונ סאָציִאלע באדינגונגענ אונ געשעענישנ אונ ניט זעלטנ באציט זי זיכ דעריבער פײַנטלעכ, מיט מוירע צו יעטווידער גוטער איניציאטיוו פונ דער פאָליצייִשער רעגירונג־מאכט, — צו אלצ, וואָס פונ איר שטאמט. דעריבער איז אויכ באמ דורכפירנ אינ לעבנ אירע אידייענ דארפ די פאָליציי, צוליב די נוצנ פונ דער זאכ אליינ, נעמענדיק אפ זיכ די ראָליע אפילע פונ א זאָרגזאמענ באאָבאכטער אונ שטרענגנ קאָנטראָליאָר, אָפגיינ ווי אינ א זײַט אונ, אָפטרעטנדיק דאָס אָרט דער געזעלשאפטלעכער זעלבסטעטיקײַט, זיכ ספראַווענ דערבײַ מיט דער פראקטישער פארווירקלעכונג פונ דער אָדער יענער אידיי, אויפמונטערנדיק, פארשטייט זיכ, אזוי אָדער אנדערש די ראציִאָנעלע אונ גוט געשטימטע זעלבסטעטיקײַט פונ דער געזעלשאפט".

אזויארומ האָט די זובאטאָווטשינע אינ פעטערבורג געדארפט פארמאסקירט ווערנ אינ דער „זעלבסטעטיקײַט" פונ די ארבעטער, אונ בעראָש פונעמ אויִנענ האָט זיכ געמוזט שטעלנ א מענטש, וואָס טראָגט ניט קיינ פאָליצייִשנ מונדיר, וואָס איז ביכלאל פאָרמעל גאָר ניט פארבונדנ מיט דער פאָליציי, נאָכ מער — וואָס זאָל קאָנענ, אויב מע דארפ, זיכ פאָרמעל אָפזאָגנ פונ דער פאָליציי. איכ בינ א פאָליציימאנ? איר זײַט פונ זינענ אראָפ! אונ אינ דער זעלביקער צײַט זײַנענ די צילנ, וואָס גאפאָנ האָט געוואָלט דערגרייכנ, געווענ אפ הונדערט פראָצענט די זעלביקע זובאטאָווס צילנ — וועגנ דעמ זאָגט פעסט איידעס דער זעלבער, נאָרוואָס ציטירטער גאפאָנס מעמאָראנדומ, ווו ער שרײַבט: „דער טאָכ פונ דער גרונט־אידיי באשטייט אינ דער שטרעבונג אויסצופלעכטנ צווישנ די פאבריק־זאוואָדישע מענטשנ א געסט, ווו עס זאָל שמעקנ מיט רוס, מיט ווירקלעכנ רוסישנ גײַסט, פונוואנענ עס זאָלנ ארויספליִענ געזונטע אונ מעכירעסגעפעשדיקע פייגלענ, וואָס זאָלנ פארטיידיקנ מיט

ביכל זייער קייסער, זייער פאָטערלאַנד און ווירקלעכ העלפנ זייערע ברידער — די אַרבעטער".

אויב מע זאָל נאָכ צוגעבנ דערצו, אַז די גאַפּאָנישע אָרגאַניזאַציע האָט באַקומענ א רײַכע סובסידיע פונ דער אָכראַנקע, וואָס דאָס האָט אַפילע גאַפּאָנ אַליינ ניט געפונענ פאַר מעגלעכ צו באַהאַלטנ אינ זײַנע נאָטיצנ, טײַנענדיק בלויז, אַז ער האָט גענומענ די דאָזיקע סובסידיע קעדיי צו פאַרבלענדנ די אויגנ; אַז גאַפּאָנענ האָבנ די אָכראַניקעס שטענדיק געזענ אינ זייערע אַנשטאַלטנ, ווי אַנ אייגענעמ מענטשנ, — וועט בא קיינ איינ פאַרשטענדיקנ מענטשנ ניט קאָנענ בלײַבנ קיינ שאָטנ פונ צווייפל בענוגע דעמ, ווער עס איז געווענ גאַפּאָנ אינ אָנהייב פונ זײַנ קאַריערע.

דאָס איז געווענ א זובאַטאָוו, נאָר פונ א מער פולקומענ טיפּ, — א מער לעבעדיקער, א באַוועגלעכער, אָנ אַנ ערעכ מער פייִקער פאַר דער ראָליע פונ א מאַסנפירער, איידער זײַנ פאָרגייער און לערער. די דאָזיקע לעבעדיקייט און דעמאַגאָגישע נייגונגענ האָבנ געמוזט אינ א געוויסנ מאָמענט מאַכנ גאַפּאָנענ פאַר א פאַררעטער פונעמ פּאָליציייִשנ איגיענ, פונקט ווי אינ א געוויסנ מאָמענט איז, ווי מיר געדענקענ, געוואָרנ אַזאַ פאַררעטער אויכ אַזעפ; אָבער דאָס שטערט ניט דערצו, וואָס לויט זייער „גרונט-אַרבעט" איז סײַ דער ערשטער סײַ דער צווייטער געווענ אָכראַניקעס.

ניט געקוקט אפנ ווידערשטאַנד פונעמ פינאַנצ-מיניסטעריומ, וואָס האָט דערמלט פאַרוואַלטעט מיט די פאַבריקנ און זאַוואָדנ, האָט פלעווע ניט נאָר דערלויבט גאַפּאָנענ צו עפענענ אינ פעטערבורג א „געזעלשאַפט פונ קעגנזײַטיקער הילפ פאַר די אַרבעטער אינ דער מעכאַנישער פּראָדוקציע", אַנ ענלעכע צו דעמ מאָסקווער, מיט א נאָכ מער „ליבעראַלנ" סטאַטוט, נאָר ער איז אײַנגעגאַנגענ אַפילע אפ עפענענ א געזעלשאַפט מיט נאָכ ברייטערע אויפגאַבנ אונטערנ נאָמענ: „פאַרזאַמלונג פונ רוסישע פאַבריק-זאַוואָדישע אַרבעטער". די דאָזיקע „פאַרזאַמלונג", וועלכע האָט אַגעוו באַקומענ דאָס רעכט „צו גרינדנ פאַרשיידנאַרטיקע אויפקלער-אונטערנעמונגענ, ווי ביבליאָטעקנ און לייענזאַלנ, פאָלק-לעזונגענ, שמועסנ און לעקציעס וועגנ פראַגנ פונ אַלגעמיינער בילדונג, אָרגאַניזירנ וווילטעטיקע און קאָמערציעלע אונטערנעמונגענ" אאַוו. איז געווענ אַנ עמעסער „געלער" אַרבעטער-פאַריינ. אַז די רעגירונג זאָל אײַנגיינ אפ אַזאַ ריזיקאַלנ פרוּוו, איז נייטיק געווענ, זי זאָל שטאַרק גלייבנ אינ דער פייִקייט פונ „אירע" מענטשנ צו קעמפנ קעגנ דער רעוואָליוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע האָט, דוכט זיכ, לײַכט געקאָנט אַרײַנדרינגענ אינ אַזאַ מינ אָרגאַניזאַציע. עס איז קיינ ספּק ניט, אַז דאָ איז געווענ ניט איינ גאַפּאָנ, נאָר א גאַנצע באַנדע פּראָוואָקאַטערס, וועלכע זײַנענ, פאַרשטייט זיכ, שפּעטער געווענ באַלאַגימ פאַרצושטעלנ זיכ פאַר געשיקטע רעוואָליוציאָנערנ, וואָס האָבנ געוווּסט ווי אָפּצונאַרנ די מאַכט. אָפּגענאַרט די מאַכט אינדערעמעסנ האָט דער סטיכייִשער וווּקס פונ דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע אינ רוסלאַנד.

דער סטאַטוט פונ דער „פאַרזאַמלונג פונ רוסישע אַרבעטער" איז באַשטעטיקט געוואָרנ אינ פעברואַל 1904 יאָר, און דער קאָלאָסאַלער וווּקס אירער איז אויסגעפאַלנ אפ האַרבסט פונעמ דאָזיקנ יאָר, ווענ עס האָבנ זיכ אָנגעהויבנ עפענענ איינער נאָכ דעמ אַנדערנ אירע „אָפּטיילנ" אינ פאַרשיידענע ראַיאָנענ פונ פעטערבורג. מיט וואָס האָט זי צוגעצויגנ צו זיכ די אַרבעטער?

דאָ דאַרפ מענ קוידעמכּאָל נעמענ אינ אכט, אַז די לאַגע פונעם פּעטערבורגער זאַוואָדישנ פּראָלעטאַריאַט איז צו יענער צײַט געוואָרנ ווירקלעכ אַ פאַרצווייפלטע. דער פאַרדינסט פונ די מעטאַליסטנ איז אַפילע נאָמינאַל פונ 1903 ביז 1904 יאָר גאַנצ באַדײַטנדיק געפאַלנ — פונ 253 רובל אַפ 237 רובל אַ יאָר. די פּרײַזנ ווידער אַפ אַלע זאַכנ זײַנענ דערווײַל צוליב דער מילכאָמע שטאַרק געשטיגנ: „אַ פּוד קאָרנ־ברויט האָט אינ אָקטיאַבער 1903 יאָר אינ מאָסקווע געקאָסט 75 קאָפּ., אונ אינ אָקטיאַבער 1904 — 78 קאָפּ.; אַ פונט פלייש (דריטער סאָרט) האָט אינ אָקטיאַבער 1903 געקאָסט 5 קאָפּ. אונ אינ אָקטיאַבער 1904 יאָר — 8 קאָפּ., 50 הערינג האָבנ אינ אָקטיאַבער 1903 געקאָסט 1 מיט 63 קאָפּ., אונ אינ אָקטיאַבער 1904 יאָר — 2 רובל מיט 35 קאָפּ. אאַזוו.* דער רעאַלער אַרבעטלויג האָט זיכ אַזוי אַרומ פאַרקלענערט פאַר אַ יאָר ניט ווייניקער, ווי אַפ 20—25 פּראָצ. אָבער אַפילע פאַר אַזאַ נידעריקנ לויג איז בײַסנ קריזיס געווענ ניט לײַכט צו קריגנ אַרבעט. גאָפּאָנ שילדערט אינ זײַנע נאָטיצנ אַזוינע סצענעס — אינ דעמ פּראַט קאָנ מענ זיכ אַפ זײַנע נאָטיצנ פאַרלאָזנ, ווײַל לײַגנ איז ער דאָ אַבסאָליוט ניט געווענ פאַרינטערעסירט, אונ גלײַכצײַטיק האָט ער, לעבנדיק צווישנ די אַרבעטער, באַדאַרפט גוט קענענ זייער לעבנ אונ שטייגער: „איכ פלעג אָפטמאָל נאָכשפּירנ אָט די האַמוינימ אָרעמע געקליידעטע אונ אויסגעצערטע מענער אונ פרויענ, וואָס גייענ פונ די זאַוואָדנ. אַ שוידערלעכ בילד. די גרויע געזיכטער זעענ אויס ווי טויטע, אונ בלויז די אויגנ, אינ וועלכע עס ברענט אַ פײַער פונ פאַרצווייפלטנ צאָרנ, באַלעבנ זיי... ניטאָ זיכ וואָס צו כידעשנ, אַז אַזאַ אַרבעטער, ווענ ער קערט זיכ אומ אַהיימ אונ זעט די שרעקלעכע נויט בײַ זיכ אינ דער היימ, גייט ער אַוועק אינ שענק אונ באַמיט זיכ צו פאַרטויבנ מיט ווײַנ דעמ באַוווּסטזײַנ פונ דער אויסוועגלאָזער לאַגע זײַנער. נאָכ 15 אָדער 20 יאָר אַזאַ לעבנ, אונ אָפטמאָל אַפילע פריִער, פאַרלירנ די מענער אונ די פרויענ זייער אַרבעטספייִקײַט אונ זיי ווערנ אָנ די שטעלע. מע קאָנ גאַנצ פרי זענ מענגעס אַזוינע אַרבעטלאָזע בײַ די זאַוואָדישע טויערנ. דאָרט שטייענ זיי אונ וואַרטנ, ביז עס וועט אַרויסגייג דער מײַסטער אונ וועט דינגענ אייניקע פונ זיי, אויב עס זײַנענ פאַראַנ פרײַע ערטער. שטייענדיק אַפ אַ שרעקלעכנ פראָסט, שלעכט געקליידעטע אונ הונגעריקע, שטעלנ זיי פאָר מיט זיכ אַ בילד, פונ וועלכנ מע קאָנ בלויז דערציטערט ווערנ, — דאָס דאָזיקע בילד זאָגט איידעס, ווי ניט פולקומ עס איז אונדזער סאָציאַלע סיסטעמ. אָבער דאָ שפּילט דאָס אונטערקויפנ אויכ אַ העסלעכע ראָליע: מע דינגט בלויז יענע אַרבעטער, וואָס זײַנענ אימשטאַנד צו געבנ מער כאַבאַר די פּאָליציי־לײַט אָדער די וועכטערס, וואָס זײַנענ יאַדאַכעס מיט די מײַסטערס. אָפטמאָל פלעגנ זיכ אַרבעטער ווענדנ צו מיר מיט די ווערטער: „איכ האָב געאַרבעט 20 יאָר אַפ איינ אָרט, אונ איצט האָט מענ מיכ אָפּגעזאָגט. איכ האָב ניט קיינ שטוב אינ דאָרפ, אונ איכ ווייס, איכ פיל, אַז איכ אונ מײַנ פאַמיליע זײַנענ אומגעקומענ...” די פולשטענדיקע אָפּוועזנקײַט פונ רעכט — סײַ פּערזענלעכע, סײַ געזעלשאַפטלעכע — פאַרגרעסערט נאָכ שטאַרקער די פאַרביטערטקײַט פונ די אַרבעטער. יעדער פאָרשטייער פונעם באַלעבאָס, פונעמ דירעקטער, ביז דעמ לעצטנ מײַסטער, קאָנ אָפּזאָגנ דעמ אַרבעטער.

---

* געשיכטע פונ דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אינ באַזונדערע עטיודנ, ב. II נ. וואַנאַגאָס אַרטיקל דער „9־טער יאַנוואַר”, ז. 27.

יעטווידער, ווער עס שטייט אפ א העכערנ שטאפל, האָט דאָס רעכט אומבאגרענעצט צו אונטערדריקנ זײַנע אונטערטעניקע. מיט דער דאָזיקער רעכטלאָזיקײַט קאָנ מענ טאקע דערקלערנ די שטארקע אנטוויקלונג פונ כוליגאנערײַ אינ די רוסישע שטעט".

וועג עס וואָלט זיכ געהאנדלט בלויז וועגנ ארבעטלויג, וואָלט מענ נאָכ געקאָנט פארהאלטנ די באוועגונג אפנ רייג-עקאָנאָמישנ וועג — אונ דאָס באטײַט — אונטער דעמ אײַנפלוס פונ גאפאָנענ אונ פונ דער פּאָליציי; אָבער טאקע די דאָזיקע פולשטענדיקע אָפּוועזנקײַט פונ רעכט, וועגנ וועלכער גאפאָנ רעדט, אָט דאָס טאקע האָט געמוזט אומפארמײַדלעכ אריבערפירנ די באוועגונג אפ פּאָליטישע רעלסנ, ניט געקוקט אפ אלע קונצשטיק פונ די פּאָליציייִשע אָנפירער. דער טרעדיוניאָניזמ — א רייג עקאָנאָמישע ארבעטער-באוועגונג — פּאָדערט אומבאדינגט דעמאָקראטיע, אלס א פּאָליטישנ שלייער פאר זיכ, וואָס דאָס איז געווענ אינ ענגלאנד אונ וואָס דערפונ איז קיינ שפּור ניט געווענ אינ רוסלאנד אינ 1904 יאָר. דעריבער האָבנ קיינע שומ טרעדיוניאָניסטישע קונצשטיק גאפאָנס ניט געהאָלפנ. ער האָט אפ פארשיידענע אויפאנימ געשטרעבט אָפּצוצאמענ די ארבעטער פונ פּאָליטיק, געשטרעבט, אגעוו, צוליב דעמ ציל צו מאכנ זיי פאר הויזבאזיצער (א באליבטער מעטאָד פונ דער ענגלישער בורזשואזיע). דעריג האָט ער, ווי גאפּאָנ קלאָגט זיכ, ניט באגעגנט ניט קיינ פארשטאנד אונ ניט קײַנ שטיצע מיצאד דער מאכט. בעסער האָט זיכ אײַנגעגעבנ א צווייטע זאכ — צוציענ די ארבעטער צו קונסט. דאָס לעבנ פונעמ ארבעטער איז, אפילע אינ פעטערבורג, געווענ שרעקלעכ גרוי אונ אָרעמ. פארנ ארבעטער גופע איז די פארווײַלונג געווענ דער טראקטיר אונ דאָס בירהויז, זײַנ פאמיליע האָט אָבער קיינ שומ פארווײַלונג ניט געהאט. ווענ די „פארזאמלונג" האָט אָנגעהויבנ אײַנאָרדענענ פאר אירע מיטגלידער אלגעמיינ צוטריטלעכע קאָנצערטנ, איז עס געווענ אנ עמעסע אנטפּלעקונג. די קאָנצערט-זאלנ פלעגנ זײַנ אזוי איבערפולט, אז די פּאָליציי פלעגט אָפּטמאָל גאנצ ערנסט זיכ באומרויִקנ: מע זאָל כאָטש ניט דורכפאלנ. „אָט ווי בא אונדז גייט עס, גאָר ווי בא אריסטאָקראטנ!" — פלעגנ מיט שטאָלצ שמועסנ צווישנ זיכ די ארבעטער-פרויענ, ווענ זיי פלעגנ זיכ פאנאנדערגיינ אהיימ נאָכ א קאָנצערט. די נעבעכדיקע ברעקלעכ, וועלכע פלעגנ אראָפּפאלנ פונעמ טיש פונ דער בורזשואזיע, פלעגנ זיכ אויסווײַזנ ווי אנ אומגעהערטע נאשערײַ פאר די דאָזיקע אומגליקלעכע מענטשנ.

אָבער דאָס אלצ האָט ניט געקאָנט כאָטש אפ א וויפל-ניט-איז לענגערער צײַט פארדעקנ פונ די ארבעטער זייער אלצוואקסנדיקנ דאלעס אונ די לאכלוטנ ניט קלענער ווערנדיקע רעכטלאָזיקײַט. די „געזעלשאפט" אונ די „פארזאמלונג" האָבנ פונ א מיטל זיכ צו באגעגענענ אונ געמיינזאמ צו פארברענגענ די צײַט גיכ אָנגעהויבנ זיכ פארוואנדלענ אינ עפּעס אָנ אנ ערעכ מער ערנסטעס — אינ א געצײַג צו פארטיידיקנ די אינטערעסנ פונ די ארבעטער קעגנ דעמ אָנגריפ פונעמ קאפּיטאל. אינ פעטערבורג האָט זיכ איבערגעכאזערט די מאָסקווער געשיכטע.

דאָס מאָל אָבער איז די זאכ גלײַכ פונ אָנהייב אָנ געווענ ערנסט. די מאָסקווער אגיטאציע פונ די זובאטאָוועצעס פלעגט פאלנ אפ ארבעטער-שיכטנ, וואָס די רעוואָליוציאָנערע אגיטאציע האָט אבסאָליוט ניט אָנגערירט. דער קלאסנ-באוווסטזײַנ פלעגט אופוואכנ בא זיי, ווענ זיי פלעגנ שוינ ווערנ זובאטאָוועצעס.

ארומ גאַפּאָנענ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ גרופּירנ געוועזענע מיטגלידער פונ רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס. דאָס זײַנענ, פאַרשטייט זיכ, געווענ די ווייניקער באַוווּסטזיניקע פּאַרטייִשע אַרבעטער, ס'ראָוו פונעמ עקסט-רעכטנ פליגל, וועלכע האָבנ געטרוימט וועגנ א לעגאַלער אַרבעטער-באַוועגונג, אָפּנ שטייגער פונ די אַלטע „עקאָנאָמיסטנ", אָבער נאָכ מער אומגעלומפּערט. דאָ זײַנענ אָבער אויכ געווענ פיל געוועזענע באָלשעוויקעס, וועלכע האָבנ זיכ ניט געקאָנט פאַנאַנדערקלייבנ אינ דער „רײַסערײַ" אונ האָבנ נאַיִוו געמיינט, אַז דער דעמאַגאָג גאַפּאָנ איז „ברייטער פונ די סאָציאַל-דעמאָקראַטנ". ווי די מײַסע זאָל ניט זײַנ, אָבער דאָס זײַנענ געווענ מענטשנ, וועלכע האָבנ זיכ שוינ געהאַט אָנגעשטעקט מיט פּאָליטיק, אונ וועלכע גאַפּאָנ האָט אויכ געמוזט אונטערקויפנ מיט פּאָליטישע צוזאָגנ. שוינ אינ מאַרט 1904-טנ יאָר האָט ער געלייענט זײַנ „שטאַב" א פּראָיעקט פונ א פּעטיציע, וועלכע די אַרבעטער האָבנ געזאָלט דערלאַנגענ דעמ קייסער. פונ סאַמע אָנהייב אָנ איז די זאַכ געווענ קאָמפּליצירטער איידער אינ מאָסקווע. קאָמפּליצירטער איז אויכ געווענ די גאַנצע סיטואַציע.

פאַר די צוויי יאָר, וואָס זײַנענ אַריבער נאָכ דער מאָסקווער געשיכטע, איז די רעוואָלוציע מוירעדיק אַוועק פאַרויס. דעמלט איז גענוג געווענ, אַז די אונטערנעמער זאָלנ זיכ ווענדנ צו דער מאַכט, אונ זובאַטאָוו איז גלײַכ אַראָפּגעפלויגנ אונ די באַוועגונג, וועלכע איז געווענ פאַרבונדנ מיט זײַנ נאָמענ, איז מיטאַמאָל פאַרשוווּנדנ געוואָרנ. די אונטערנעמער האָבנ אויכ איצט זיכ אָנגעהויבנ רודערנ. אינ מיטנ נאָיאַבער איז פאָרגעקומענ א פאַרזאַמלונג פונ די פּעטערבורגער פאַבריקאַנטנ אונ זאַוואָד-אייגנטימער, וועלכע האָבנ געטײַנעט, אַז מע דאַרפ „מאַכנ א סאָפ", „אָנעמענ מיטלענ" אאַוו. דאָס מאָל אָבער זײַנענ קיינע שום מיטלענ ניט אָנגענומענ געוואָרנ: די רעגירונג האָט ניט געפילט אינ זיכ קיינ קראַפט צו קעמפנ מיטאַמאָל אופ דרײַ איינערלעכע פראָנטנ, אי קעגנ די אַרבעטער, אי קעגנ די רעוואָלוציאָנערנ אי קעגנ די ליבעראַלנ. אונ אַזוי ווי זי האָט מיט רעכט געהאַלטנ פאַרנ געפערלעכסטנ סוינע די רעוואָלוציאָנערנ, איז זי אײַנגעגאַנגענ אופ קליינע האַנאָכעס בענעגייע די ליבעראַלנ אונ האָט געדולדעט די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס — אַבי נאָר אַלע אירע סאָנימ זאָלנ זיכ ניט פאַראייניקנ. דערבײַ האָט זי פאַר דער פאַראייניקונג פונ די אַרבעטער מיט די ליבעראַלנ קיינ מוירע ניט געהאַט — אונ דאָס איז טאַקע ווידעראַמאָל ריכטיק. זי האָט זיכ בלויז ניט אָנגעשטויסנ, אַז די רעוואָלוציאָנערנ קאָנענ אויסנוצנ די ליבעראַלע פּלאַפּלערײַ פאַר דער אומשולדיקסטער לעפּאָנעמ פּראָפּאַגאַנדע צווישנ די אַרבעטער. אונ אַזוי איז טאַקע געשענ: אופ די אַרבעטער-פאַרזאַמלונגענ, דערונטער אויכ אופ די גאַפּאָנישע, ניט אַזעלכע ברייטע, פאַרשטייט זיכ, ווי די קאָנצערט-פאַרזאַמלונגענ, פלעגנ מענ לייענענ אַרטיקלענ פונ די „באַפרײַערישע" צייטונגענ, וועלכע האָבנ שאַרפ קריטיקירט די זעלבסטהערשונג. דאָס איז נאָכ ניט געווענ קיינ רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע, אָבער פאַר די גרויע אַרבעטער, וואָס די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט נאָכ ניט געהאַט באַריִרט, פלעגנ די אַרטיקלענ עפענענ גאָר א נײַע זײַט פונעמ איניענ. די דאָזיקע גרויע אַרבעטער פלעגנ אָנהייבנ אײַנזענ, אַז די וועלט פונ עקספּלואַטאַטערס אונ אונטערדריקערס ענדיקט זיכ ניט מיטנ באַלעבאָס, מיט זײַנ אָנגעשטעלטנ אונ מיטנ גאָראָדאָווי (פּאָליציאַנט), אַז אופ דער זײַט פונ אונטערדריקונג איז די גאַנצע מאַכט — אַכוץ, עפּשער, דעמ קייסער. דעמ קייסער, ניקאָלײַענ, האָבנ אַפילע די לינק-ליבעראַלע צײַטונגענ נאָכ

דעמלט קיינ מוט ניט געהאט צו פארטשעפענ, אונ בא די ארבעטער האָבנ גראָד מיקויעכ דעם געקאָנט פארבלייבנ אילוזיעס.

אָט אזוי איז געשאפנ געוואָרנ א גינסטיקער באָדנ צו פארווירקלעכנ דעם געדאנק, מיט וועלכנ גאפאָנ האָט זיכ שוינ לאנג ארומגעטראָגנ: פירנ די ארבעטער גלײכ צומ צאַר, ניט פאטערנדיק אומזיסט קיינ מי אפ צו שמועסנ ניט נאָר מיט גאָראָדאָווויס אונ פריסטאווס, נאָר אפילע מיטנ גראדאָנאטשאלניק אונ מיטנ מיניסטער. צי האָט גאפאָנ געהאט דערבײ אינ זינענ א *רעוואָליוציאָנערע* מאניפעסטאציע? איינ קליינער אומשטאנד באווײזט לאכלוטנ אזא האשאָרע: לעבאטכילע האָט גאפאָנ געהאט אינ זינענ אײנצואָרדענענ זײנ מאניפעסטאציע דעמ 19-טנ *פעווראל*. מיר ווייסנ אָבער, וואָס עס איז פאָרגעקומענ אינ מאָסקווע דעמ 19-טנ פעווראל, 1902-טנ יאָר (זע ז.ז. 50—51). דער טאָג, ווענ די ארבעטער האָבנ געזאָלט דערמאָנענ דעמ „כעסעד" פונ איינעמ פונ די „ראָמאנאָווס", איז געווענ א וויכטיק באקוועמער טאָג פארנ אָנהייב פונ א רעוואָליוציע. אויב די סאָציאל-דעמאָקראטנ האָבנ ווירקלעכ געהאט אינ זינענ צו נעמענ אָנטייל אפילע אינ זײנ מאניפעסטאציע, ווי מע האָט דעמלט גערעדט אונ געשריבנ אינ דער אויסלענדישער פרעסע, איז אָדער זיי האָבנ פארגעסנ די מאָסקווער געשיכטע, אָדער זיי האָבנ געהאָפט א קער צו טאָנ די זאכ אפ זייער שטייגער, ניט געקוקט אפ גאפאָנענ. אָבער אז גאפאָנ איז נאָכ דעמלט ניט געווענ קיינ רעוואָליוציאָנער, וועגנ דעמ קאָנ קוימ זײנ א ספּעק. וואָס האָט אימ געשטויסנ אפ לינקס ווײטער, אײדער ער האָט ווענ ניט איז אליינ געטראכט? אינ גרונט האָט אימ, אָנ ספּעק, געשטויסנ דאָס, וואָס די ארבעטער-באוועגונג, — אונטערגעשטופּט פונ דער ארבעטלאָזיקײט אונ נויט, וועלכע האָבנ זיכ שוינ געפילט א לאנגע צײט, — איז געוואָרנ אלץ לינקער. דירעקט מיסטאָמע האָט אימ געשטויסנ אויכ די פּאכדאָנעס, וואָס ניקאָלײס רעגירונג האָט נאָר וואָס ארויסגעוויזנ פאר די זעמסטווע-טוער. פלעווע האָט אפילע ניט געוואָלט מיט זיי ריידנ. ער פלעגט ניט דערלאָזנ, זיי זאָלנ אפילע שמועסנ צווישנ זיכ. אונ איצט האָט מענ ניט נאָר געדולדעט אנ אומלעגאלנ זעמסטווע-צוזאמענפאָר, נאָר מע האָט זיכ גערעכנט מיט זײנע באשטימונגענ, מע פלעגט צוזאמענרופנ וועגנ זיי בארעטונגענ, מע האָט געדולדעט צײטונגענ, וועלכע פלעגנ ריידנ מיט אזא כוצפעדיקער שפראכ, אפ וועלכער דער ליבעראל וואָלט פריִער אפילע קיינ האָזע ניט געהאט צו טראכטנ. מיט די זעמסטווע-טוער רעדט מענ, איז פארוואָס מיט אונדז ניט? אזעלכע געדאנקענ האָבנ געמוזט קומענ אינ גאפאָנס רירעוודיקנ, לעבעדיקנ מויעכ אונ — לאָמיר דאָס ניט פארגעסנ — א מויעכ, וואָס איז שטארק נויטע געווענ צו דעמאגאָגיע.

דער דאָזיקער קער אינ גאפאָנס שטימונג האָט זיכ אויסגעדריקט דערינ, וואָס ער האָט איבערגעביטנ דעמ טאָג פונ דער מאניפעסטאציע: פונ דעקאבער אָנערעכ, ווענ זײנ „פארזאמלונג" האָט אָנגעהויבנ באזונדערס שטורמיש וואקסנ (צו דער צײט האָט זי געהאט ניט ווייניקער ווי 7—8 טויזנט מיטגלידער, — א קאָלאָסאלע צאָל פאר א צײט, ווענ מיטגלידער אינ די סאָציאל-דעמאָקראטישע אָרגאניזאציעס איז געווענ אינ די הונדערטער), הייבט ער אָנ שטעלנ אלס א טערמינ פאר דער מאניפעסטאציע ניט דעמ 19-טנ פעווראל, נאָר דאָס *פאלנ פונ פּאָרט-ארטור*; אָנשטאָט דעמ טאָג פונ טריומפ פונ דער זעלבסטהערשונג ווערט אויסגעקליבנ דער טאָג פונ איר דערנידערונג. פונ אנ אויסדרוק פונ געטרײאונטער-

טעניקע געפילן ווערט די דעמאָנסטראַציע פאַרוואַנדלט אין א שאַרפער דערמאָנונג דעם צאַר מיצאַד זיינע געטרייַע אונטערטאַנען וועגן זיינע פליכטן.

ווי עס טרעפט שטענדיק אין אַן עמעסער געשיכטע און ניט אין א ראָמאַן, האָט זיך ניט איינגעגעבן צו אָרגאַניזירן אַלץ אַזוי, ווי גאַפּאָנען וואָלט זיך געוואָלט. צו דער צייַט, ווען פאָרט-אַרטור איז געפאַלן און עס איז געקומען דער מאָמענט, וועלכן גאַפּאָן האָט אויסגעקליבן פאַר דער מאַניפעסטאַציע, איז די באַוועגונג געגאַנגען מיט אַזעלכע שטורמישע כוואַליעס, אַז עס איז פאַרבליבן בלויז צו שווימען מיטן שטראָם. דער מאָטיוו פאַרן אָנהייב פון דער באַוועגונג איז געווען פונקט אַזאַ, ווי אין שאָלעם-צייַט, בײַ די פריערדיקע צוזאַמענשטויסן צווישן די זובאַטאָווישע אָרגאַניזאַציעס מיט די באַלעבאַטים און דער אַדמיניסטראַציע. די פאַבריקאַנטן און זאַוואָדטשיקעס, וועלכע האָבן זיך שוין פון נאָכאַנאַנד אָן געגרייט איבערצוגיין אין אָנגריף, האָבן סאָף דעקאַבער באַשלאָסן צו דערלאַנגען דעם קלאַפּ. אויף פּוטילאָווער זאַוואָד האָט מען, צוליב א צוזאַמענשטויס מיט א מייַסטער, אָפּגעזאָגט דרייַ אַרבעטער, מיטגלידער פון דער „פאַרזאַמלונג”. ניט געקוקט אויף גאַפּאָנס הישטאַדלעסן, סיי בײַם דאָזיקן מייַסטער סיי בײַם דירעקטאָר פון זאַוואָד, האָט די פאַבריק-אַדמיניסטראַציע ניט געוואָלט נאָכגעבן. זי האָט באַשלאָסן „אָנלערנען” די אַרבעטער, וועלכע „האָבן זיך איבערגענומען”. צווישן די אַרבעטער האָט זיך אָנגעהויבן א פאַרשטיקטע אויפרעגונג. גאַפּאָנען איז קיין אַנדער ברירע ניט געבליבן, ווי אָדער שאָלעם מאַכן מיט זייַן מאַפּאָלע און מאַכן זיך צו שאַנד אין די אויגן פון דער גאַנצער „פאַרזאַמלונג”, אָדער לאָזן זיך אין א פראָנט-אַטאַקע.

אויב ער וואָלט ניט געגאַנגען, וואָלט אים די באַוועגונג פּאָשעט אָפּגערוקט אָן א זייַט און זי וואָלט זיך געפונען אַנדערע פירער. דער פּוטילאָווער פאַל האָט איבערגעפולט דאָס געדולד בײַ דעם פּעטערבורגער פּראָלעטאַריאַט. די פּוטילאָווער האָבן פאַרשטרייַקט, נאָך זיי האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּשטעלן איינע נאָך דער אַנדערער די איבעריקע גרויסע מעטאַלורגישע אונטערנעמונגען פון פּעטערבורג. די צענטערס פון דער באַוועגונג זיינען געוואָרן די אָפּטיילונגען פון דער גאַפּאָנישער „פאַרזאַמלונג”, טאַקע ווידעראַמאָל, קימאַט ניט ווילנדיק: קיין אַנדערע צענטערס האָבן די אַרבעטער ניט געהאַט. אָט ווי עס באַשרייַבט איינע פון די אַרבעטער-פאַרזאַמלונגען א מענטש, וואָס האָט עס אַליין געזען, זייער א רעכטער סאָציאַל-רעמאָקראַט, וואָס איז אין יענע טעג געווען ניט רעוואָליוציאָנער געשטימט און איז דעריבער פרייַ פון כשאַד, אַז ער באַפאַרבט די געשעענישן צו רויטע פאַרבן: „אויף דער פאַרזאַמלונג האָט די גאַנצע צייַט געהערשט א מין מיסטישער רעליגיעזער עקסטאַז; אין שרעקלעכער ענגשאַפט און היצן זיינען שאָעןווייַז אָפּגעשטאַנען איינער לעבן אַנדערן טויזנטער מענטשן און האָבן דאָרשטיק אויפגעכאַפּט די ניט געקינצלטע, וואונדערלעך-שטאַרקע, איינפאַכע און לייַדנשאַפטלעכע רעדעס פון זייערע אויסגעמאַטערטע רעדנער-אַרבעטער. דער אינהאַלט פון די רעדעס איז די גאַנצע צייַט געווען אַן אָרעמער, עס פלעגן אויף קאָלערליי וואַריאַציעס איבערגעכאַזערט ווערן די פראַזעס „מיר קאָנען שוין מער ניט אַריבערטראָגן”, „צו אונדזער געדולד איז שוין געקומען א סאָף”, „אונדזערע לייַדן האָבן שוין אַריבערגעשטיגן יעדע מאָס”, „בעסער דער טויט, איידער אַזאַ מין לעבן”, „מע קאָן ניט שינדן פון א מענטשן דרייַ פעלן” אאַוו. נאָר זיי פלעגן אַלע געהאַלטן ווערן מיט אַזאַ וואונדערלעכער, רירנדיקער אויפריכטיקייַט, פלעגן אויף אַזוי-

פיל אַרויסגיינ פונ די סאַמע טיפענישנ פונ דער אויסגעמאַטערטער מענטשלעכער נעשאָמע, אַז די זעלביקע פּראָזע, וועלכע איז שוינ אַרויסגעזאָגט געוואָרנ דאָס הונדערטסטע מאָל, פלעגט אַרויסרופנ טרערנ אינ די אויגנ, פלעגט צווינגענ טיפ צו פילנ אונ פלעגט אַרײַנגיסנ אַ פעסטע זיכערקײַט, אַז מע מוז זיכ טאַקע אָפּ־עפּעס וואָס באַשליסנ, קעדיי צו געבנ אַנ אויסוועג די אַרבעטער־צאָרעס, וועלכע גיסנ זיכ שוינ אַריבער איבער די ברעגנ...”

סאָפּקאָלסאָפּ איז אינ דער דאָזיקער פּראָלעטאַרישער שטימונג, וואָס האָט זיכ אָנ אַנ אָפּהאַלט געריסנ צו אַ בעסער לעבנ, פאַרבליבנ פונ גאַפּאָנען אונ פונ זײַנע פײַערדיקע דראָשעס איינ זאַכ: דער גלויבנ, אַז גליק קאָנ מענ זיכ דער־שלאָגנ אומיטלבאַר פונ ניקאָלײַ דעמ II־טנ. אַז ניקאָלײַ, אויב ער זאָל אַפילע וועלנ, וואָלט ניט געקאָנט געבנ אַזעלכע זאַכנ, ווי אַנ 8־שאָיִקנ אַרבעטטאָג אונ אַ „גאַר־מאַלנ אַרבעטלוינ”, וואָס וועגנ דעמ האָט גערעדט די פּעטיציע — דאָס האָבנ ניט פאַרשטאַנענ ניט בלויז די אַרבעטער, דאָס האָט ניט פאַרשטאַנענ אַפילע זייער פירער גופע. גאַפּאָנ איז געוועזנ אופריכטיק איבערצײַגט, אַז אַנ 8־שאָיִקער אַרבעטטאָג איז דאָס קלענסטע, וואָס די אַרבעטער קאָנענ דערוואַרטנ אינ פאַל, ווענ זייער מאַניפעסטאַציע וועט האָבנ דערפאָלג. זײַנ „פּראָגראַמ־מינימומ” איז באַ־שטאַנענ פונ דרײַ פּונקטנ: אַלגעמיינע אַמניסטיע פאַר די „פּאָליטישע”, צונויפרופנ אַנ „אַלפאָלקישנ זעמסקי סאָבאָר” (לאַנד־פאַרזאַמלונג), וועלכער זאָל אויסאַרבעטנ אַ קאָנסטיטוציע, אונ טאַקע אַנ 8־שאָיִקער אַרבעטטאָג. אימ איז אַפילע אָפּנ געדאַנק ניט געקומענ, אַז דעמ דאָזיקנ 8־שאָיִקנ אַרבעטטאָג, — וועגנ וועלכנ ער פלעגט דערמאָנענ אַגעוועלכע, ווי עפּעס אַ קליינלעכע אונ זעלבסטפאַרשטענד־לעכע זאַכ, — וואָלט ניט געקאָנט אַרויסרײַסנ אַפילע אַ האַלב זיגרײַכע רעוואָליוציע, ווי דאָס האָט באַוויזנ נאָיאַבער 1905־טנ יאָר.

די דאָזיקע „פּראָגראַמ־מיניִמומ” זײַנע פלעגט גאַפּאָנ אַרויסזאָגנ אינ פּריוואַטע שמועסנ. אינ דער „פּעטיציע” איז געוועזנ אָנגעשריבנ פיל מער — דאָ זײַנענ געווענ אי „מאָסמיטלענ קעגנ דער אומוויסנקײַט אונ רעכטלאָזיקײַט פונעמ רוסישנ פאָלק” אי „מאָסמיטלענ קעגנ דער אָרעמקײַט פונעמ פאָלק” אי „מאָסמיטלענ קעגנ דעמ דרוק פונעמ קאַפּיטאַל אָפּ דער אַרבעט” אי די פאָדערונג פונ אַ גרינדונג־פאַרזאַמלונג, וועלכע זאָל אויסגעקליבנ ווערנ דורכ אַלגעמיינער, געהיימער אונ גלײַכער אָפּ־שטימונג.

פונוואַנענ האָט זיכ גענומענ די דאָזיקע פּעטיציע? מיר וואָלטנ אַ גרויסנ טאָעס געהאַט, ווענ מיר וואָלטנ זי אָנגענומענ פאַר אַ ווערק פונ קאָלעקטיווער אַרבעטער־שאַפונג, אונ נאָכ מער פאַר אַ פעריזענלעכ ווערק פונ גאַפּאָנענ גופע. גאַפּאָנ איז, לויט דער אַלגעמיינער מיינונג, געוועזנ אַ מענטש, פּאָליטיש אָפּ אַזויפיל אַנ אומ־וויסנדיקער, אַז ער וואָלט פּאָשעט ניט געקאָנט האַרמאָניש אונ קאָנסעקווענט אי־בערגעבנ וועלכע ס׳ניט איז פּאָליטישע פּראָגראַמ. די אַרבעטער, ווידער, אַפילע די, וועלכע זײַנענ געשטאַנענ אינ שפּיצ פונ דער באַוועגונג, די „שטאַב”־אַרבעטער, האָבנ, ווי זיי אַליינ אָנערקענענ, דערהערט צומ ערשטנ מאָל דעמ אינהאַלט פונ די גרונט־געדאַנקענ פונ דער פּעטיציע טאַקע פונ גאַפּאָנענ. איז פונוואַנענ זײַנענ געקומענ די דאָזיקע געדאַנקענ?

דאָ דאַרפ מענ זיכ דערמאָנענ וועגנ די פאַרבינדונגענ, וועלכע גאַפּאָנ האָט, אָנ סאָפּעק, געהאַט ניט בלויז מיט דער פּעטערבורגער „אָכראַנקע”, נאָר אויכ מיט דער

אינטעליגענץ פון „באפרייאונג־פארבאנד". איינער פון די „שטאב"־ארבעטער דערציילט אין זיינע זכרונות, אז אין אנהייב נאיאבער 1904־טן יאר האט נאפאן מיט זיין „שטאב" געהאט א באגעגעניש מיט „אינטעליגענטן", דערביי ווערן אנגערופן די נעמען פראקאפאוויטש, קוסקאווא און באגוטשארסקי. דאס איז געווען דער „צענטער" פונעם דעמאקראטישן „באפרייאונג־פארבאנד". די „אינטעליגענטן" זיינען קליימערשט איבעראשט געווארן פון גאפאנס אומגעוויינלעכער פאליטישער קלוגשאפט און האבן אין אלץ מסכים געווען מיט „זיין" פראיעקט פון דער פעטיציע. דאס איז, פארשטייט זיך, געווען א קונציק אפגעשפילטע קאמעדיע, מיטן ציל אונטערצורוקן די ארבעטער גראד די באליבטע געדאנקען פון אט די זעלביקע אינטעליגענטן. אז מיר קוקן זיך צו צו דער פעטיציע, זעען מיר, אז זי האט בולעט געטראגן אן אויסערקלאסנדיקן — אדער אן אלקלאסנדיקן — כאראקטער, פולקום און פינקטלעך אפשפיגלענדיק אין דעם פראט די רייד פון סטרואוועס און פון די „אסוואבאזשדעניצעס". „היים,— זאגט די פעטיציע, וועגנדיק זיך צו ניקאלייען,— גלייך, טאקע טייקעף צונויפרופן פארשטייער פון דער רוסישער ערד, פון אלע קלאסן, פון אלע שטאנדן, זאל דארט זיין אי דער קאפיטאליסט אי דער ארבעטער אי דער דאקטער אי דער לערער". ס'איז א ספק, צי די ארבעטער וואלטן אזוי געזארגט, אז די קאפיטאליסטן זאלן אויך זיין פארגעשטעלט אין דער גרינדונג־פארזאמלונג (דערביי א פארזאמלונג פון א ריין קאדעטישן טיפ, וועלכע ווערט צונויפגערופן ניט דורך דער רעוואליוציאנערער רעגירונג נאכן אראפווארפן דעם לייסער, נאר זי ווערט צונויפגערופן דורכן קייסער).*

די ארבעטער געהערט ניט דער טעקסט פון דער פעטיציע: פאר זיי איז וויכטיק און פארשטענדלעך געווען בלויז דער גרונט־געדאנק אירער — פארניכטן דעם ווילקיר און די רעכטלאזיקייט, וואס דעם דרוק זייערן האבן די ארבעטער געפילט שטארקער, איידער עמעצער אנדערש. ווען זיי פלעגן ארויסטרעטן מיט פאדערונגען, וואס זיינען געווענדט געווען צו דער זאוואדישער אדמיניסטראציע, פלעגן זיי איינגנטלעך פאדערן א פאבריק־קאנסטיטוציע; אבער גרינגער פאר אלץ

---

* וועגן באראטונגען מיט די „אסוואבאזשדענצעס" דערציילט גאפאן אליין אין זיינע נאטיצן: „נאיאבער 1904 יאר איז פארגעקומען א גרויסער צוזאמענפאר פון זעמסטווע־טוער, וואס איז באגלייט געווארן מיט א פעטיציע פון די געשווורענע א־וואקאטן וועגן אופשטעלן געזעצלעכקייט און פרייהייט. איך האב ניט געקאנט ביז זען, אז אט איז נאענט דער מאמענט, ווען די פרייהייט וועט ארויסגעריסן ווערן בא די אונטערדריקער פון די הענט, און איך האב גלייכצייטיק שרעקלעך מוירע געהאט, אז ניט באקומענדיק קיין שטיצע מיצאד די פאלקמאסן, וועלן די קעמפער פאר דער פרייהייט ליידן א מאפאלע. אפ איינער פון די באראטונגען מיט אינטעליגענטע ליבעראלן האב איך זיי א פרעג געטאן, וויאזוי קאנען די ארבעטער מיטווירקן דעם קאמף. זיי האבן מיר געראטן, אז די ארבעטער זאלן אויך פון זייער זייט אנשרייבן א פעטיציע צו דער רעגירונג". ער דערציילט אויך, אז דעם 7־טן יאנואר, ווען ער האט זיך אומגעקערט אהיים, זיינען „שוין דארט געווען עטלעכע ליטעראטן און איין ענגלישער קארעספאנדענט. כ'האב געבעטן מיינע פריינט, זיי זאלן צונויפשטעלן א פראיעקט פון א פעטיציע צום צאר, ווו עס זאלן אריין אלע פונקטן פון אונדזער פראגראם. קיין איינער פון די צונויפגעשטעלטע פראיעקטן האט מיך ניט באפרידיקט; שפעטער אבער האב איך אליין, האלטנדיק זיך בא די דאזיקע פראיעקטן, צונויפגעשטעלט די פעטיציע, וואס איז טאקע אפגעדרוקט געווארן. איך האב אויך באשלאסן, אז דאס פאלק מוז אליין דערלאנגען די דאזיקע פעטיציע דעם צאר". אויסער גאפאנס בארימעריי בענוגעייע דעי קליימערשטער אוטערישקייט זיינער, רופט דאס איבעריקע קיין צווייפל ניט ארויס.

איז געווענ צו פארשטיינ, אז א פאבריק-קאנסטיטוציע איז געווענ אנ אומזינ אינ א זעלבסטהערשערישער מעלוכע.*

דער טאמ פונ די ארבעטער איז באשטאנענ דערינ, וואס זיי האבנ געהאפט אײַנצורײַדנ ניקאלײַענ גוטעס. עס קאנ קיינ ספק ניט זײַנ, אז 99 פונ הונדערט האבנ פעסט געגלייבט, אז דער צאר קאנ זיי העלפנ, — גאר מער, אז דאס איז די איינציקע אונ די לעצטע האפענונג. עס קאנ קיינ צווייפל ניט זײַנ אינ דעמ דערפאר, ווײַל גאפאנ אליינ האט געגלייבט אינ דעמ מער ווי אפ העלפט. באהאנדלענדיק די מעגלעכע רעזולטאטנ פונ דער אנקומענדיקער ארויסטרעטונג, האט ער זיכ געמאלט די זאכ אזוי: אדער דער צאר וועט מיכ אופנעמענ אונ וועט באפרידיקנ מײַנ באקאשע (ד. ה. טאקע זײַנ „פראגראמ-מיגימומ"), דעמלט וועל איכ ארויסגיינ אפנ פלאצ מיט א ווײַס טיכל, וועל א פאכ טאנ מיט דעמ אונ עס וועט זיכ אנהייבנ א פאלק-יאנטעוו; אונ טאמער וועט דער צאר אפזאגנ, וועל איכ אימ א פאכ טאנ מיט א רויט טיכל אונ עס וועט זיכ אנהייבנ א בונט. אבער דאס צווייטע האט גאפאנ, ווי דאס גיט איבער זײַנ מיטשמועסער, געהאלטנ פאר פיל ווייניקער ווארשײַנלעכ, איידער דאס ערשטע. מע פלעגט, אגעוו, איבערגעבנ אויכ אנ אנדער זאכ. לויט די דאזיקע אנדערע דערציילונגענ, זײַנענ גאפאנס רעדעכ געווענ פיל אנטשיידענערע. „מיר וועלנ מאכנ באריקאדעס, — פלעגט ער קלוימערשט זאגנ, — מיר וועלנ צענעמענ די געווער-מאגאזינענ, מיר וועלנ צעקלאפנ די טפיסעס, פארנעמענ דעמ טעלעפאנ אונ דעמ טעלעגראפ, — מיט איינ ווארט, מיר וועלנ מאכנ א רעוואליוציע. די עסערנ האבנ צוגעזאגט באמבעס, די דעמאקראטנ — געלט, אונ מיר וועלנ זיגנ".

די „אסוואבאזשדענצעס" פלעגנ אזויארומ באזארגנ גאפאנענ ניט בלויז מיט „אויסערקלאסנדיקע" אידייענ, — זיי האבנ צוגעזאגט צו באזארגנ מיט עטוואס מער מאמאשעסדיקס. די דאזיקע אלע קליינלעכע אויסרעכענונגענ זײַנענ אבער דער-

* זע די פאדערונג פונ די ארבעטער פונעמ באלטישנ זאוואד, וואס זײַנענ דערלאנגט געווארנ דעמ 7-טנ יאנוואר (אלטנ סטיל) 1905-טנ יאר.

„אפ אויסקלארנ די נויטנ פונ די שטרײַקנדיקע — א בעראטונג פונ א דעפוטאציע, וואס די ארבעטער אליינ וויילנ אויס, מיט פארשטייער פונ דער אדמיניסטראציע פונעמ באלטישנ זאוואד. בא דער בעראטונג האבנ די ארבעטער א גלײַכע צאל שטימענ מיט די פארשטייער פונ זאוואד. 3. די דעפוטאציע-מיטגלידער מוזנ זײַנ געזיכערט אינ פערזענלעכער אומבארירלעכקײַט אונ טארנ דערנאכ בעשום-אופנ ניט אפגעזאגט ווערנ פונ דער ארבעט. 4. דער אלגעמיינער באשלוס דארפ זיכ רעכענענ פאר אבליגאטאריש אונ מע דארפ אימ ארויסהענגענ אינ אלע ווארשטאטנ פונ זאוואד מיט די כסימעס פונ דער אדמיניסטראציע אונ פונעמ עלטסטנ אינספעקטער. 5. קיינער דארפ ניט לײַדנ פונעמ שטרײַק.. 8. דער טאריפ אפ נײַע אויסארבעטונגענ דארפ נאכנ אויספרווו אײַנגעשטעלט ווערנ דורכנ מײַסטער לויט א פרײַוויליקנ אפמאכ מיט אויסגעווײלטע ארבעטער פונ ווארשטאט אונ דארפ זיכ דערנאכ רעכענענ פאר אבליגאטאריש. וואס איז שײַעכ די אלטע אויסארבעטונגענ, דארפנ זיי ווידער אפסנײַ איבערגעקוקט ווערנ אפ דעמ זעלבנ גרונט. 9. אפשאפנ אונטערזוכונגענ, קעדיי ניט פארשוועכנ די מענטשלעכע ווירדע. 10. באמ באלטישנ זאוואד דארפ ארגאניזירט ווערנ א שטענדיקע קאמיסיע פונ אויסגעווײלטע ארבעטער, וועלכע קלײַבנ פאנאנדער צוזאמענ מיט דער אדמיניסטראציע אלע פרעטענזיעס פונ באזונדערע ארבעטער. דאס אפזאגנ אנ ארבעטער קאנ ניט פארקומענ אנדערש, ווי לויט א באשלוס פונ דער דאזיקער קאמיסיע... 15. עס דארפנ פארבעסערט ווערנ די סאניטארע באדינגונגענ פונ די ווארשטאטנ. 16. אומקערנ דאס רעכט פונ אנקומענ אפנ זאוואד די אלע פערזאנענ, וואס האבנ געליטנ פארנ שטרײַק מיט דרײַ יאר צוריק. 17. די מײַסטערס, די געהילפ-מײַסטערס אונ ביכלאל די גאנצע אדמיניסטראציע דארפ אומבאדינגט זיכ באגיינ מיט די ארבעטער, ווי מיט מענטשנ, אבער ניט ווי מיט א זאכ, אונ אינ שמועס קיינ איבעריקע ווערטער ניט באנוצנ, ווי דאס איז בא אונדז אנגענומענ".

טרונקענ געוואָרנ אינעמ קאָלאָסאַלנ שטראָמ פונ דער סטיכייִשער באַוועגונג. דער שטראָמ האָט געטראָגנ גאַפּאָנענ אָנ אַנ אָפּהאַלט. די באַוועגונג פונ 9-טנ יאַנוואַר האָט, שטרענג גערעדט, ניט געהאַט ניט קײנ פירער, ניט קײנ פירערס. אונ טאַקע דערפאַר דאַרפ מענ דעמ 9-טנ (אונ לויטנ נײַעמ סטיל 22-טנ) יאַנוואַר 1905 יאָר רעכענענ פאַרנ אָנהײב פונ דער רוסישער רעוואָליוציע, ווײל די ווירקנדיקע פער-זאָנ איז דאָ געווענ אײנע: די פאָלק-מאַסע גופא.

אונ נאָר מיט דער שרעק פאַר דער דאָזיקער מאַסע, גאָר מיט דער קאָנטררע-וואָליוציאָנערער פּאַניק קאָנ מענ דערקלערנ יענעמ אומזיניקנ זשעסט, מיט וועלכנ די צאַרישע אַדמיניסטראַציע האָט געענטפערט אַפ דער ווענדונג פונ די אַרבעטער צומ צאַר. פאַר איר וואָלט מער פונ אַלצ געלוינט, אַז די אַרבעטער זאָלנ זיכ וואָס שפּעטער אָנשטויסנ אַפנ רעוואָליוציאָנערנ באַטײַט פונ זײער אַרויסטרעטונג. פאַר איר וואָלט מער פונ אַלצ געלוינט, אַז די אַרבעטער זאָלנ וואָס לענגער גלייבנ, אַז דער צאַר קאָנ אַלצ געבנ, אַפילע אַנ 8-שאָעיקנ אַרבעטטאָג, אונ אויב ער גיט ניט, איז דאָס צוליב זײַנ אויסערגעוויינלעכער קלוגשאַפט, צוליב די אינטערעסנ פונ די אַרבעטער גופא. פאַרקערט, עס איז ניט געווענ קײנ זאַכ, וואָס זאָל פאַר איר אַזוי ניט לוינענ ווי אײַנפלאַנצנ בא די אַרבעטער די איבערצײַגונג, אַז פאָדערנ יוישער קעגנ די באַלעבאַטימ הייסט בונטעווענ קעגנ דעמ צאַר. איר פּאַניק אָבער איז גע-ווענ אַזוי גרויס, זי האָט אַפ אַזויפיל פאַרלאָרנ דעמ קאָפ, אַז די דאָזיקע אײנפאַכע אונ קלאָרע זאַכנ זײַנענ געבליבנ אויסער איר באַוווּסטזײַנ — אונ מיט עטלעכע שאָסנ האָט זי אינ עטלעכע רעגעס דערקלערט די אַרבעטער דאָס, וואָס די רעוואָ-ליוציאָנערע פאַרטייענ האָבנ זיכ שוינ א היפש ביסל יאָרנ אומזיסט געמאַטערט צו דערקלערנ דער מאַסע: אַז דער וועג צו דער פרײַהײַט פונעמ אַרבעטער-קלאַס ליגט דורכנ באַרמענענ פונ דער זעלבסטהערשונג.*

נאָכ פאַר באַגינענ פונעמ פאַטאַלנ טאָג האָבנ זיכ די אַרבעטער אָנגעהויבנ

---

* אַז דאָס צעשיסנ די אַרבעטער איז ניט געווענ קײנ „פאַטאַלע מיספאַרשטייעניש”, אַז דאָס איז געווענ א באַוווּסטזיניק צוגעטראַכט שפּיצל אונ א פּאַסטקע, א פּראָוואָקאַציע אינ סאַמע ווירק-לעכנ אונ געמיינסטנ זינ פונעמ וואָרט, — דעריב קאָנ קײנ שומ צווייפל ניט זײַנ. אָט וואָס עס האָט גלײַכ דעמלט דערציילט אַנ ענגלישער קאָרעספּאָנדענט אונ א געוועזענער רוסישער פּראָפעסער, גלײַכ-צײַטיק אַנ אייגענער מענטש אינ די הויפישע קרײַזנ, וועלכער האָט זיכ געפילט אינ רוסלאַנד, ווי בא זיכ אינ דער היימ, דער דאָקטער דילאָנ.

„איכ האָב געפרעגט אײנעמ א הויפ-מענטש, פאַרוואָס האַרגעט מענ הײַנט אומבאַוואָפנטע אַר-בעטער אונ סטודענטנ, ניט אָפּהיטנדיק קײנ פאָרמאַליטעטנ. האָט ער געענטפערט: „ווײַל די ציווילע געזעצנ זײַנענ אָפּגעשאַפט געוואָרנ, אונ עס ווירקנ די קריגס-געזעצנ. אײַכ וווּנדערט, וואָס קײנער ווייסט דאָס ניט, אונ אײַער פאַרוווּנדערונג איז נאַטירלעכ, אָבער אינ רוסלאַנד קאָנענ מיר ניט קוקנ אַפ די זאַכנ אַזוי, ווי איר קוקט אַפ זיי אינ ענגלאַנד. פאָריקע נאַכט האָט זײַנ מאַיעסטעט באַשלאָסנ צו באַזײַטיקנ די ציווילע מאַכט אונ איבערצוגעבנ די זאָרג וועגנ אונטערהאַלטנ די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג דעמ גרויספירשט וולאַדימיר, וועלכער איז זייער באַלעזנ אינ דער געשיכטע פונ דער פראַנ-צויזישער רעוואָליוציע אונ וועט ניט דערלאָזנ צו קײנע שומ אומזיניקע נאָכגעבענישנ. ער וועט ניט באַגײנ די פעלערנ, אינ וועלכע עס זײַנענ שולדיק געווענ פיל מעקודאָווימ פונ לודאָוויג דעמ XVI, ער וועט ניט אַרויסווײַזנ קײנ שוואַכקײַט. ער האַלט, אַז א זיכער מיטל אויסצוהיילנ דאָס פאָלק פונ קאָנסטיטוציאָנעלע פלענער איז אויפהענגענ א הונדערט אומצופרידענע אינ דער אָנוועזנקײַט פונ זייערע כאַווײרימ; אָבער ביז איצט האָט מענ אימ ניט געפאָלגט. הײַנט האָט זײַנ הויכקײַט די העכסטע מאַכט אונ קאָנ אויספּרובירנ זײַנ מיטל In anima vili, וויפל זײַנ האַרצ גלוסט“... דער גרויספירשט וולאַ-דימיר האָט אַנ אומגעוויינלעכע געלעגנהייט אַרויסצוווײַזנ זיינע פייִקײַטנ פונ א מעלוכע-מאַנ אונ זײַנע נאַפּאָלעאָנישע אייגנשאַפטנ, אונ ער האָט קלאָל קײנ מוירע ניט פאַרנ רעזולטאַט. וואָס עס זאָל ניט

פארזאמלענ בא די אָפּטיילנ. מע האָט גערעכנט, אז עס האָבנ זיכ פארזאמלט ביז 200 טויזנט מאנ, אָבער פאר די אָנטיילנעמער גופא איז דאָס אויכ געווענ ווינציק: „ווייניק מענטשנ, ווייניק", האָט מענ געטײַנעט צווישנ האמוינ. דאָס לעצטע מאָל האָבנ זיכ געהערט רעדעס, וועלכע האָבנ זיכ געפּרוּווט אינ ווערטער אויסדריקנ די אומויסדריקלעכע צאָרעס. אָט איז איינע פונ זיי, וואָס איז פארשריבנ געוואָרנ פונ א מענטשנ, וועלכער איז געווענ דערבײַ, מיטנ גאנצנ פּלאָנטער פונ געדאנקענ, אל-טע אונ נײַע, וועלכע האָבנ זיכ געריסנ אינדרויסנ אונ האָבנ נית געפונענ קיינ אויס-דריק פאר זיכ: „באוויירים, איר ווייסט, צוליב וואָס מיר גייענ צומ צאר נאָכנ עמעס. מיר קאָנענ שוינ מער אזוי נית לעבנ. צי געדענקט איר מינינענ, וועל-כער האָט זיכ געווענדט צומ פאָלק, קעדיי צו ראטעווענ רוס? אָבער פונ וועמענ? פונ די פּאָליאקנ.* איצט דארפנ מיר ראטעווענ רוס פונ די טשינאָווניקעס, וואָס אונטער זייער יאָכ לײַדנ מיר. מע פרעסט פונ אונדז ארויס דעמ שווייס אונ דאָס בלוט. צי דארפ מענ אײַכ באשרײַבנ אונדזער ארבעטער-לעבנ? מיר לעבנ צו 10 פאמיליעס אינ איינ צימער, אונ אכוץ דעמ וווינענ נאָכ נית באווײַבטע. צי אזוי זאָג איכ?" — „ריכטיק, ריכטיק!" — הערט זיכ פונ אלע זײַטנ. „אונ אָט, באוויי-רימ, גייענ מיר צומ צאר. אויב ער איז אונדזער צאר, אויב ער האָט ליב זײַנ פאָלק, מוז ער אונדז אויסהערנ..."

אונ דערווײַל זײַנענ שוינ אלע צוגרייטונגענ צומ צעשיסנ געמאכט געוואָרנ. דאָס מיליטער איז געווענ אפ די ערטער—מע האָט זיכ נית פארלאָזנ אפנ אָרטיקנ, פּעטערבורגער מיליטער, אונ מע האָט געבראכט צו פירנ אינפאנטעריע פונ פּסקאָוו. אינ די אינטעליגענטישע קרײַזנ האָט מענ געוווּסט וועגנ דעמ אונ אינ שרעק האָט מענ זיכ געוואָרפנ פונ סוויאטאָפּאָלק-מירסקינ (וועלכער איז נאָכ נאָמינאל אלץ געווענ

געשענ, וועט ער אײַנשטילנ דעמ בונטארישנ גײַסט פונעמ האמוינ, אויב אימ זאָל אפילע אויסקומענ שיקנ צוליב דעמ קעגנ דער באפעלקערונג דאָס גאנצע מיליטער, וואָס ער האָט אינ זײַנ רעשוס".

דער רוסישער אווטער, בא וועלכנ מיר נעמענ דעמ דאָזיקנ טעקסט, גיט צו:

„אז די רעגירונג האָט ווירקלעכ לעכאטכילע געהאט בעדייע צו דערלאָזנ די פּראָצעסיע אונ זיכ צערעכענענ מיט די ארבעטער, — וועגנ דעמ זאָגנ איידעס א ריי פאקטנ: וועגנ דער פּראָיעקטירטער פּראָצעסיע האָט די רעגירונג געוווּסט פונ די באריכטנ פונ דער „אָכראנקע", פונעמ בריוו פונ גא-פּאָנענ גופא, וועגנ דעמ האָט געוווּסט דער גראדאָנאטשאלניק פולאָנ, דער געהילפ פונעמ אינערנ-מיניסטער, דער מיניסטער סוויאטאָפּאָלק-מירסקי גופא, וויטע, מוראוויאָוו, — מיט איינ וואָרט, אלע האָבנ עס געוווּסט עטלעכע טעג פאר דער שכיטע; די רעגירונג האָט נית אָנגענומענ פארויס קיינע שומ מיטלענ, זי האָט אפילע נית ארויסגעהאנגענ קיינ קאטעגאָרישע מעלדונג מיט א וואָרענונג וועגנ דער ניטדערלאָזבארקײַט פונ דער פּראָצעסיע; די רעגירונג האָט, לעסאָפּ, נית אָנגעווענדט איר באליבט פארהיטונג-מיטל, — ארעסטנ, ביפראט נאָכ, אז דער „אָכראנקע" זײַנענ גוט באוווּסט געווענ אלע אָר-גאניזאטערס פונ דער באוועגונג... פארקערט, קעדיי צו אָרגאניזירנ די צעשיסונג פונעמ אומבאוואָפנטנ האמוינ דעמ 9-טנ יאנוואר, איז פּעטערבורג אײַנגעטיילט געוואָרנ אפ ראיאָנענ, יעדערער האָט געהאט זײַנ שטאב. דער שטאב איז אָרגאניזירט געוואָרנ אפ א קריג-אויפנ. עס זײַנענ אוועקגעשטעלט גע-וואָרנ מארש-בעטלעכ, די אָפיצערנ אונ אדיוטאנטנ זײַנענ געזעסנ אינ שינעלנ, ווי בײַס א מארש, האָבנ געטרונקענ אונ געראוכערט. פונ צײַט צו צײַט פלעגט מענ קומענ מיט מעלדונגענ, פאָדערנ א „דיספּאָזיציע" אפ מאָרגנ אונ מעלדנ, ווו וועלכע טיילנ עס ווירקנ. וואָס איז שײַעכ דעמ רעכט צו שיסנ, איז עס געגעבנ געוואָרנ איינצלנע אָפיצערנ לויט זייער אײַנזענ, — וועגנ דעמ האָט זיי געזאָגט דער פירשט וואסילטשיקאָוו, דער קאָמאנדיר פונעמ גווארדיע-קאָרפּוס. דעמ האמוינ איז נית דערלויבט געוואָרנ צוצולאָזנ דעמ 9-טנ יאנוואר נעענטער פונ 50 טריט, אונ דעמ 10-טנ — פונ 300 טריט" (וו. א. נ ע וו ס ק י, „דער 9-טער יאנוואר". „קראסנאיא לעטאָפּיס", ט. 1).

* אזוי פלעגנ די צארישע לערנביכער דערקלערנ די מעהומע-צײַט. ז. טייל 1 פונ דעמ בוכ.

מיניסטער, האגאמ נאָכנ 12=טנ דעקאבער האָט ער שוינ קיינ שום באטײַט ניט געהאט), צו וויטענ (וועלכער איז אויכ איז געווענ אינ דעמיסיע אונ האָט נאָכ ניט געהאט צוריק באקומענ זײַנ פריערדיקע ווירקונג). ניט דער, ניט יענער האָבנ ניט געוואָלט, אונ האָבנ טאקע ניט געקאָנט העלפנ, אלצ איז איצט געווענ אינ די הענט פונ דער מיליטערישער מאכט, אונ זי האָט, פונ איר זײַט, געוואָלט גיט אנדערש, ווי „אָנלערנענ". די אינטעליגענטישע דעפּוטאציע, — אינ איר איז, צווישנ אנדערע, געווענ אויכ מ. גאָרקי, — האָט דערגרייכט בלויז דאָס, וואָס אפ מאָרגנ האָט מענ זי ארעסטירט... אלס „צײַטווײַליקע רעוואָליוציאָנערע רעגירונג".

די ערשטע מיליטערישע קאָרדאָנענ אונ די ערשטע שאָסנ האָבנ די ארבעטער באגעגנט שוינ בא די שטאָטישע ראָגאטקעס. אינ איינעמ פונ די געשלעגנ איז גאַפּאָנ אומגעוואָרפנ געוואָרנ, זײַנע אָנהענגער האָבנ אימ ארויסגעשלעפּט, אונ יענעמ טאָג האָט ער זיכ מער גיט באוויזנ אפ דער סצענע.* שוינ אָט די ערשטע באריִרונג מיט די צארישע דיגער איז געווענ גענוג, אַז די שטימונג פונ דער מאסע זאָל זיכ אָנהייבנ בײַטנ. „די רעדנער—די רעוואָליוציאָנערנ,—זאָגט גאַפּאָנ אינ זײַנע נאָטיצנ, דעריציילנדיק וועגנ די ערשטע צעשיסונגענ בא די ראָגאטקעס, — וואָס זײַנענ ביז יענעמ טאָג געווענ א ניט-געווונטשענער עלעמענט צווישנ די ארבעטער, האָבנ געפונענ א מאסע צוהערער. — „עס לוינט ניט גיינ צומ ווינטער-פּאלאצ, — האָבנ זיי געזאָגט,—איר זעט דאָכ, אַז דער צאר וויל ניט אָננעמענ אונדזער פּעטיציע. מיר וועלנ מיט ליידיקע הענט זיכ בא אימ גאָרניט ניט דערשלאָגנ. מיר דאַרפנ זײַנ באוואָפנט". אלס ענטפער אפ דעמ האָט דער האמוינ פונ אלע זײַטנ געשריענ: „גיט אונדז געווער!" דער האמוינ האָט זיכ צעטיילט אפ קליינע גרופּעס אונ זיכ געדוקט דורכ די שכיינעסדיקע גאסנ, אָפּשלעגנדיק די פארבײַפּאָרנדיקע אָפיצערנ אונ פּאָליציאנטנ, אָפּנעמענדיק בא זיי דאָס געווער". אָבער אינ אלגעמיינ זײַנענ נאָכ די אילוזיעס פארבליבנ בא דער מאסע. דעמ גרעסטנ טייל מאניפעסטאנטנ האָט זיכ פונדעסטוועגנ אײַנגעגעבנ צו דערקלײַבנ זיכ ביזנ פּאלאצ=פּלאצ (איצט אוריצקי-פּלאצ). דער ווינטער-פּאלאצ, א ליידיקער, איז געווענ ארומגערינגלט מיט געדיכטע מאסנ מיליטער, אפילע מיט ארטילעריע, אזוי ווי אימ וואָלט פאָרגעשטאנענ די געפאר פונ באלאגערונג. דעמ האמוינ האָט מענ געלאָזנ צונויפזאמלענ זיכ, ווי מע וואָלט אימ בעקיוונ פּארנארט. אלע האָבנ זיכ שוינ אָנגעהויבנ בארויִקנ, געמיינט, אַז די שיסערײַ בא די ראָגאטקעס איז געווענ א מיספארשטענדעניש, א רעזולטאט פונ דער נארישקײַט פונ איינצלנע קאָמאנדירנ. אָבער פּלוצעמ האָט אפנ פּלאצ אָנגעהויבנ שפּילנ דער האָרנ אונ עס האָט זיכ אָנגעהויבנ א שיסערײַ „פּעלעכווײַז". אינ די הונדערטער האָבנ זיכ געוואלגערט דערהארגעטע אונ פארווונדעטע, — אינ א געדיכטער מענטשלעכער מאסע איז לײַכט געווענ צו שיסנ אונ טרעפנ אינ ציל.

נאָכ די ערשטע רעגעס שוידער זײַנענ די צעלאָפּענע ארבעטער ארײַנ אינ צאָרנ, אונ פונ יעדנ איינצלנעמ מיליטער-מענטש אונ פּאָליציאנט, וואָס איז ארײַנגעפאלנ צו זיי אינ די הענט, האָבנ זיי גענומענ נעקאָמע פאר די פארברעכנס פונ דער גאנצער מיליטעריש-פּאָליצייִשער באנדע. דאָס האָט ארויסגערופנ א נײַע שיסערײַ, — אונ נײַע אופרײַסנ פונ ווילדנ צאָרנ באמ האמוינ.

* עטלעכע טעג האָט ער זיכ אויסבאהאלטנ אינ פּעטערבורג, דערנאָכ האָט זיכ אימ אײַנגעגעבנ צו אנטלויפנ אינ אויסלאנד. אומגעקערט האָט ער זיכ שוינ נאָכנ אָקטיאבער-שטרײַק, איז ווידער אָנגעקומענ דינענ דער רעגירונג, זײַנע געוועזענע כאווײרימ האָבנ אימ דעמאסקירט אונ געטויט אלס פּראָוואָקאטער.

איינער אנ אויסלענדישער קאָרעספּאָנדענט האָט באַשריבנ אַזוינע סצענעס:
„דער צאַרנ און די אופגעבראַכטקייט פונ די מאַסנ האָבנ דערגרייכט די העכסטע שטופע. דער האַמוינ האָט פאַרנומענ בוכשטעבלעכ אַלע גאַסנ, וואָס געפינענ זיכ בעשכיינעס מיט ניעווסקער און גאָגאָליעווער, געשלאָגנ אינ ראַכמאָנעס אַלע מיליטער-מענטשנ, וואָס זײַנענ דורכגעפאָרנ אַפ שליטנס. איכ האָב געזענ, ווי א האַמוינ האָט ביז בלוט צעמיימעסט צוויי זשאַנדאַרמישע אָפיצערנ און צוויי אַרטילערישע פּראַפּאָרשטשיקעס. בא איינעמ האָט מענ צוגענומענ דעמ שווערד און אראָפּגעריסנ די עפּאָלעטנ, דעמ צווייטנ האָט זיכ אײַנגעגעבנ צו אַנטלויפנ און אַזויאַרומ זיכ ראַטעווענ. א האַמוינ איז אָנגעפאַלנ אַפ אַנ אינפאַנטעריע-אָפיצער, אַפ א גוואַרדיי-ער און האָט בא איממ אויכ אָפּגענומענ דעמ שווערד. א באַיאָרטער גענעראַל איז פאַרוווּנדעט געוואָרנ מיט א פּלאַש אינ שטערנ, און די עפּאָלעטנ האָט מענ בא אימ אראָפּגעריסנ... איינעמ א שיפּ-קאַפּיטאַנ האָט מענ צעשלאָגנ. דאָס אַלצ איז פּאָר-געקומענ נאָענט לעבנ מיליטער, וואָס האָט גאָרניט געקאָנט טאָנ. אַפ גיעווסקי,



דער 9־טער יאַנוואַר 1905. דאָס צעשיסנ די אַרבעטער.

ניט ווײַט פונ מאָרסקאַיא, האָט א האַמוינ אײַנגעאָרדנט א גרויסע פאָלקס-פאַרזאַמ-לונג. איכ האָב געהערט צוויי פּלאַמיקע רעדעס: איינע האָט זיכ פאַרענדיקט מיטנ אויסרופ: „אראָפּ די זעלבסטהערשונג!" — מיט אַנ אויסרופ, וואָס דער האַמוינ האָט אונטערגעכאַפּט מיט ענטוזיאַזמ, א צווייטע רעדע האָט זיכ פאַרענדיקט מיט א הילכיקנ רופ: „צומ געווער!" דער האַמוינ האָט אופגענומענ דעמ דאָזיקנ רופ מיט גרויס מיטגעפיל. אָבער אָט האָט זיכ באַוויזנ איינע, און דערנאָכ א צווייטע ראָטע שיסער. דעמ האַמוינ האָט מענ צעקלאַפּט אַפ צוויי טיילנ און אָפּגעשטויסנ צומ ברעג פונעמ טײַכ מויקע. די שיסער האָבנ פאַרנומענ דעמ פּאָליציייִשנ בריק... פּלוצעמ האָט זיכ דערהערט א זאַלפּ פונעמ צווייטנ ברעג מויקע, און אינ עטלעכע מינוט אַרומ האָט מענ אָנגעהויבנ טראָגנ פאַרוווּנדעטע, באַגאָסענע מיט בלוט..."

אויב דעמ 9-טנ יאַנוואַר אינדערפרי איז דער אַלגעמיינער לאָזונג געווענ „ניט נעמענ קיינ געווער" — וועגנ דעמ, אַז מע וועט עס עפּשער דאַרפנ, האָט מענ זיכ פונדעסטוועגנ אָנגעשטויסנ אַפילע אינדערפרי, — איז אינאָוונט דער לאָזונג געווענ

„צומ געווער". עס איז קיינ שומ סאָפּעק ניט, אז די פּראָצעסיע מיט דער פּעטיציע צומ צאר האָט געקאָנט פארוואנדלט ווערנ אינ א באוואָפנטנ אופשטאנד דעמ 9-טנ יאנוואר 1905 יאָר, ווענ עס וואָלט געווענ כאָטש אוואָסער-ניט-איז אָרגאניזאציע אונ, דער איקער, ווענ עס וואָלט טאקע געווענ געווער. אָבער קיינ געווער איז ניט געווענ אינ די געווער-לאגערנ — עפּשער טאקע אדאנק דער פּאָרזיכטיקייט פונ דער פּאָליציי: זי האָט קיינמאָל ניט געגלייבט אינ דער מעגלעכקייט פארנ פאָלק פרידלעכ אונ ערלעכ צו ריידנ מיטנ צאר; געפינענ האָט מענ געקאָנט בלויז קאַלט געווער. פונדעסטוועגנ איז דער 9-טער יאנואר פארבליבנ דער ערשטער אינ דער געשיכטע רעוואָליוציאָנערער טאָג, ווענ אפ די גאסנ פונ דער צארישער הויפּטשטאָט (אפ וואסיליעווער אינדזל) זיינענ אויסגעבויט געוואָרנ באריקאדעס, אפ אזויפיל ערנסטע, אז די פּרוּוונ צו פאנאנדערטרייבנ דעמ האמוינ מיט רייטער, צו וואָס מע איז אזוי צוגעוווינט געווענ בא די פריערדיקע מאניפעסטאציעס, האָבנ זיכ איצט ניט איינגעגעבנ; אָנגעשטויסנ זיכ אפ פארצוימונגענ אונ באשאָטנ פונ אויבנ מיט ציגל אונ שטיינער, האָט די קאוואלעריע אָנגעהויבנ אָפּטרעטנ. אָבער קעגנ ביקסנ



א זאלפּ איבערנ פּאלעצ-בריק (דוואָרצאָווי מאָסט)

האָבנ ציגל, פארשטייט זיכ, ניט געקאָנט ביישטיינ, — אונ די אינפאנטעריע האָט גיכ פארנומענ די ערשטע פּעטערבורגער באריקאדעס.

אינ עטלעכע טעג ארומ איז אינ פּעטערבורג שוינ אלצ געווענ רויִק, — אפ אזויפיל רויִק, אז טרעפּאָוו, זובאטאָווס געוועזענער שעפ אונ באשיצער, וועלכער איז באשטימט געוואָרנ פאר א גענעראל-גובערנאטאָר, האָט אפילע געפונענ פאר מעגלעכ צו „פאריכטנ די לאגע", אונ האָט אויסגעפורעמט זיינע אן אייגענע דעפּוטאציע „פונ ארבעטער" צומ צאר. די דאָזיקע דעפּוטאציע, וואָס „די פּאָליציי האָט דערלויבט", האָט טאקע ניקאָליי אופגענומענ אינ צארסקאָיע סעלאָ. וועגנ דעמ דארפ מענ דערציילנ מיט די אייגענע ווערטער פונ איינעמ אן אָנטיילנעמער: „דעמ 11-טנ יאנוואר אינדערפרי איז צו אונדז אינ פאבריק געקומענ אן אָקאָלאָטאָטשנער אונ

האָט געזאָגט, אז זיי דארפנ האָבנ אנ ארבעטער אלס א פאָרשטייער פונ די פאַב-ריקנ; מע דארפ, ער זאָל זײנ רעליגיעז, אז קיינע שום אווירעס זאָל בא אימ ניט זײנ, ניט קיינ באזונדערס קלוגנ, אָבער מיט א געזונטנ פארשטאנד, ניט קיינ יונגנ

דער 9-טער יאנואר אינ פעטערבורג. מע בויט באריקאדנ

אונ ניט קיינ אלטנ. צוויי אזויגע מענטשנ האָט מענ געפונענ: מיכ אונ איוואנענ. דער אָקאָלאָטאָטשנער איז געקומענ צו אונדז אונ האָט געהייסנ גיינ אינ צירקל. איכ האָב אימ א פרעג געטאָנ: „צו וואָס? איכ האָב א ווײב מיט קינדער”. — „האָב

קיין מוירע ניט", — האָט ער געענטפערט און האָט אונדז אוועקגעפירט מיט זיך. איך האָב זייער מוירע געהאַט און געטראַכט: „רעבוינעשעלוילעם, פאַרוואָס שטראָפסטו מיך?" מיר האָבן אָבער געמעגט זיך ניט באומרויִקן, ווייל קיין שלעכטס האָט מען אונדז ניט געטאָן. מע האָט אונדז געבראַכט אין צירקל, אויסגעטאָן ביז נאַקעט און דערנאָך באַפוילן זיך ווידער אָנטאָן. דערנאָך האָט מען אונדז אַריינגעזעצט אין אַ שליטן און אוועקגעפירט צום ווינטער־פּאַלאַץ. דאָ האָבן מיר געטראָפן 30 אַנדערע מענטשן, וואָס האָבן שוין געוואַרט אויף עמעצן. מיר האָבן געוואַרט אַ שאָ, צוויי שאָ. ס'איז געוואָרן זייער אומעטיק. פּלוצעם האָט זיך די טיר אויפגעעפנט און עס איז אַריין זייער אַ שטרענגער גענעראַל. מיר אַלע האָבן זיך נידעריק פאַרנייגט. ער האָט שאַרף אויף אונדז אַ קוק געטאָן און געזאָגט: „נו, מיינע הערן, באַלד וועט איר האָבן דאָס גליק צו שמועסן מיטן צאַר. נאָר שווייגט, ווען ער וועט מיט אייך ריידן, און האַלט זיך אין איין בוקן". מיר האָבן זיך ווידער פאַרנייגט פאַרן גענעראַל. נאָך דעם האָט מען אונדז אין צאַרישע עקיפּאַזשן אוועקגעפירט פון ווינטער־פּאַלאַץ אויפן וואָקזאַל און אָפּגעשיקט מיט אַ ספּעציעלן צוג אין צאַרסקאָיע סעלאָ. מע האָט אונדז געבראַכט צו פירן אין פּאַלאַץ און איבערגעלאָזט אין זאַל וואַרטן. מיר האָבן ווידער געוואַרט זייער לאַנג. ענדלעך האָט זיך די טיר געעפנט און עס איז אַריין דער צאַר — אונדזער פאָטער, אַרומגערינגלט מיט גענעראַלן און מיט אַ בויגעלע פּאַפּיר אין די הענט. מיר אַלע האָבן זיך נידעריק פאַרנייגט, און ער האָט אַפילו ניט אַ קוק געטאָן אויף אונדז און האָט אָנגעהויבן לייענען פון זיין בלעטל. ער איז געווען זייער צעטראָגן און איבערגעלייענט האָט ער אונדז, אַז אַלץ וואָס עס איז אָנגעשריבן איז עמעס, דערנאָך האָט ער געזאָגט: „קערט זיך אום צו אייער אַרבעט. אויף ווידערזען" און איז אַוועק. מיר זיינען אַלע געשטאַנען, געוואַרט און געטראַכט פאַר זיך: נו, וואָס דאַרף איצט געשען? אָבער עס איז גאָרניט געשען. מע האָט אונדז אוועקגעפירט אין קיך און מעכאַבעד געווען מיט אַ וואַרעמעס, אַן עמעסן צאַרישן וואַרעמעס, מיט בראָנפן. דערנאָך האָט מען אונדז אַריינגעזעצט אין אַן עקיפּאַזש און אוועקגעפירט צום וואָקזאַל. אין שטאָט אַריין האָבן מיר זיך אומגעקערט מיט אַ געוויינלעכן צוג און פון וואָקזאַל אַהיים זיינען מיר געגאַנגען צופוס".

ווען די „דעפּוטאַטן" האָבן זיך אומגעקערט, האָבן זיי זיך ניט געטאָרט באַווייזן אין די פאַבריקן צוליב די אָפּשפּעטענישן און זידלערייען מיצאַד די כאַוויירים. אָבער אויב אין פּעטערבורג איז אויף די גאַסן געווען רויִק (דער שטרייק האָט ניט אויפגעהערט קימאַט אויף קיין איין טאָג), האָט איבער גאַנצן ברייטן שטעטן פון רוסלאַנד דער 9-טער יאַנואַר אַרויסגערופן אַזאַ באַוועגונג, וועלכע מע האָט נאָך קיינמאָל ניט געהאַט געזען פריער. צוויי כאַדאָשים האָט זיך דער שטרייק געקייקלט פון קאַנט צו קאַנט, ער האָט אַרומגעכאַפּט 122 שטעט און שטעטלעך און האָט אַריינגעצויגן ביז אַ מיליאָן אַרבעטער. רוסלאַנד אין יאַנואַר 1905-טן יאָר און רוסלאַנד אין מאַרט פון דעם זעלביקן יאָר זיינען געווען צוויי פאַרשיידענע לענדער. אויף וויפל דאָס ערשטע איז געווען טרייַ־אונטערטעניק, אויף אַזויפיל איז דאָס צווייטע באַשיימפּערלעך, האָגאַם נאָך ניט אָרגאַניזירט, געווען רעוואָליוציאָנער.

דירעקט באַ די גאַפּאָנישע אַרבעטער האָט זיך די דאָזיקע רעוואָליוציאָנערקייט אין דער ערשטער רעגע אויסגעדריקט אין זייער אַ נאַיִווער פאָרם: אַז זיי זיינען געקומען צו די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אויף וועלכע זיי האָבן נאָך נעכטן געקוקט

פונ אויבנ אראפ, האבנ די גאפאנער אנגעהויבנ פארלייגנ, מע זאל גיינ גלייכ דעמ קומענדיקנ זונטיק, שוינ ניט מיט קיינ הייליקע בילדער, קלויסטער־פענער אונ צאַ־רישע בילדער, נאר מיט באמבעס אונ רעוואלווערנ, נעקאמע נעמענ פארנ 9-טנ יאנ-וואר. די סאציאל-דעמאקראטנ האבנ ניט געדארפט זיינ קיינ מענשעוויקעס (אונ דאס זיינענ געווענ מענשעוויקעס), קעדיי אפצווארפנ אזא פארשלאג, וועלכער האט אינ דער פראקטיק קיינ זאכ ניט פארשפראכנ אכוץ א נייע בלוט-באד. די גאפאַ-נער זיינענ אוועק זייער אנטוישטע, זיינענ אוועק עפעס אינ א היפשנ טייל צו די סאציאליסטנ-רעוואליוציאנערנ אונ אנארכיסטנ, וועלכע האבנ, לויט זייער מיינונג, „בע־סער פארשטאנענ די רעוואליוציע”, איידער די מארקסיסטנ. אבער די מאסע, וועל־כע איז פריער געגאנגענ נאכ די גאפאנער, האט איצט, קימאט אינסטינקטיוו, זיכ א קער געטאנ גראד צו די מארקסיסטנ. די מאכט, וועלכע איז פונדעסטוועגנ צע־מישט געווארנ דערפונ, וואס די ארבעטער האבנ זיכ ניט דערשראקנ פאר דער צעשיסונג, ווי זי האט זיכ גערעכט, נאר זיי זיינענ געווארנ נאכ מער פארביטערט, וואס די שטרייקנ זיינענ ניט איינגעשטילט געווארנ מאמענטאל, נאר זיי האבנ זיכ צעגאסנ פונ פעטערבורג איבער גאנצ רוסלאנד — האט אנגעהויבנ אומגעלומפערט אונ מעגושעמדיק פארריכטנ דעמ אומגליק, וועלכנ זי האט אפ זיכ געבראכט. אפ צו שטודירנ די סיבעס פונ דער אומצופרידנקייט פונ די ארבעטער איז גע־שאפנ געווארנ א ספעציעלע קאמיסיע אונטערנ פארזיצ פונעמ סענאטער שידלאוו־סקי. צומ ערשטנ מאל אינ דער רוסישער געשיכטע זיינענ אינ דער דאזיקער קאמי־סיע דערלאזט געווארנ אויכ פארשטייער פונ די ארבעטער גופע. ארומ די וואלנ פונ די דאזיקע פארשטייער האט זיכ אינ פעטערבורג אפגעשפילט א גאנצע קאמ־פאניע, וועלכע איז אינ דער פולער מאס געווענ אינ די הענט פונ די סאציאל־דעמאקראטנ באלשעוויקעס. ביימ די וואלנ האבנ די אפגעשטאנענסטע פעטער־בורגער זאוודנ דערהערט די סאציאל־דעמאקראטישע פראפאגאנדע, אונ אלס רע־זולטאט איז קיינ איינ ארבעטער ניט געגאנגענ אפהאלטנ זיצונגענ מיט שידלאוו־סקינ. דאס האט אפ אזויפיל אלעמענ פארכאפט, אז אפילע פארפאלענע זובא־טאווצעס האבנ זיכ ניט אנטשלאסנ אפצושפאלטנ זיכ פונ דער מאסע אונ האבנ זיכ אונטערגעשריבנ אונטער די פאליטישע פאדערונגענ, וועלכע די סאציאל־דעמא־קראטנ האבנ צונויפגעשטעלט אונ אינ וועלכע עס איז שוינ אפילע ניט געווענ קיינ זייכער פונ יענער נאיווער געטריי־אונטערטעניקייט, מיט וועלכער עס איז נאכ גע־ווענ דורכגעדרונגענ גאפאנס פעטיציע. וועגנ די דאזיקע פאדערונגענ, וועלכע זיינענ אינ גרונט דערפירט געווארנ צו איינער: „טייקעפ איבערגעבנ די מעלוכע-מאכט אינ די הענט פונעמ פאלק”, האט שידלאווסקי, פארשטייט זיכ, אפילע קיינ מוט ניט געהאט צו ריידנ (מע וואלט אימ גלייכ אפ מארגנ ארויסגעטריבנ פונ זיינ שטעלע). די ארבעטער ווידער האבנ זיכ דעמלט, ווי איינ מענטש, אפגעזאגט צו באטייליקנ זיכ אינ דער קאמעדיע, וועלכע עס האט ארגאניזירט די רעגירונג.

די באוועגונג אבער אינ מאסשטאב פונעמ גאנצנ לאנד האט זיכ פונדעסט־וועגנ פאנאנדערגעוויקלט אינ א רעוואליוציע גאנצ לאנגזאמ. ביזנ ענדגילטיקנ טריומפ פונ די רעוואליוציאנערע לאזונגענ — אינעמ אקטיאבער־שטרייק — איז אוועק דריי פערטל יאר. א סאכ גיכער, אבער דערפאר אויבערפלעכלעכער, איז געווענ דער אפקלאנג פונ דער אנגעהויבענער רעוואליוציע בא דער אינטעליגענצ אונ טיילווייז בא דער בורזשואזיע.

דעמ 9-טנ יאנוואר האט די רעגירונג געמיינט צו באווייזנ איר „מעכטיקייט”.

ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט זײַנ, האָגאַמ די „מעכטיקײַט“ איז, דוכט זיכ, אָנשויליכ אַנטפּלעקט געוואָרנ דורכ הונדערטער געהאַרגעטע אונ טויזנטער פאַרוווּנדעטע, איז בא אַלעמענ (ניט אויסגעשלאָסנ, ווי מיר האָבנ געזענ, אויכ די רעגירונג גופא) געווענ דער אײַנדרוק, אַז די רעגירונג האָט זיכ בלאַמירט. די באַוואָפנטע קראַפט איז נאָכ געווענ אינגאַנצנ אינ אירע הענט, די פּאָליציאַנטנ זײַנענ געשטאַנענ אַפ זייערע ערטער, די טורמעס זײַנענ געווענ איבערפולט, קיינער אָבער האָט שוינ ניט געגלייבט, אַז דאָס אַלצ איז רעאַל, אַז הינטער דעמ אַלעמענ איז פאַראַנ אַ ווירקלעכע קראַפט. קעדיי דאָס צו פאַרשטיינ, לאָמיר דערמאָנענ, וואָס פאַר אַנ אײַנדרוק עס האָבנ געמאַכט אַפ דער „געזעלשאַפט“ די דעמאָנסטראַציעס פונ 1901-טנ יאָר (ז. אויבנ, ז.ז. 53—54). דאָס באַווײַזנ זיכ פונעמ האַמוינ אַפ די גאַסנ מונטערט אופ שטענדיק אונ אומעטומ אויכ די „צימער“-רעוואָליוציאָנערנ; אונ אינ יאַנוואַר 1905-טנ יאָר זײַנענ איבער די גאַסנ געגאַנגענ אַזעלכע מאַכנעס, וועגנ וועלכע מע האָט אַפילע ניט געקאָנט טרוימענ אינ 1901-טנ יאָר. אונ די רוסישע אינטעליגענצ, וועלכע פלעגט נאָכ אינ דעקאַבער 1904-טנ יאָר אופציטערנ פונ די געשרייענ פונ דער מאַכט אַפ די זעמסטווע-טוער, האָט מיטאַמאָל געקראָגנ דרייסטקײַט, ווי נאָר זי האָט דערזענ אַ ווירקלעכע, עמעסע מאַסנ-באַוועגונג פונ אַרבעטער.

די ערשטע דרײַ כאַדאָשימ פונ 1905-טנ יאָר זײַנענ טאַקע דעריבער באַצייכנט אינ דער געשיכטע פונ דער רוסישער רעוואָליוציע מיט דעמ, וואָס מע קאָנ אָנרופנ „דער בונט פונ די אופקלער-געזעלשאַפטנ“. שוינ צומ סאָפ XIX יאָרהונדערט האָבנ זיכ אינ רוסלאַנד אויסגעבילדעט עטלעכע צענטערס, צו וועלכע עס פלעגנ זיכ ציִענ די מיטעלע אינטעליגענטנ, די פאָרשטייער פונ די אַזוי גערופענע „פרײַע פּראָפעסיעס“. דאָס זײַנענ געווענ: די רוסישע טעכנישע געזעלשאַפט פאַר אינזשענערנ, די מאָסקווער געזעלשאַפט פאַר לאַנדווירטשאַפט אונ די פרײַע עקאָנאָמישע געזעלשאַפט אינ פעטערבורג פאַר אַגראָנאָמענ, עקאָנאָמיסטנ, סטאַטיסטיקער אאַוו., די פּעדאַגאָגישע געזעלשאַפטנ (באַזונדערס די מאָסקווער) פאַר לערער, די פּיראָגאָווישע צוזאַמענפאָרנ פאַר דאָקטוירימ, די מאָסקווער יורידישע געזעלשאַפט פאַר די יוריסטנ. די לעצטע איז פאַרמאַכט געוואָרנ אַ לאַנגע צײַט פאַר דער רעוואָליוציע (צוליב פּושקינס יובילייִ אינ 1899-טנ יאָר, ווענ דער פאָרזיצער פונ דער געזעלשאַפט מוראָמצעוו האָט ריזיקירט אַ וואָרט צו טאָנ גלײַכ אינ פּאָנעמ סערגיי ראָמאַנאָוו, וואָס איז געווענ פאָרזיצער פונ דער יובילייִ-פאַרזאַמלונג אינ מאָסקווער אוניווערסיטעט, ווערטער וועגנ „ווילקיר פונ מאַכט“); די טעטיקײַט פונ דער פרײַער עקאָנאָמישער געזעלשאַפט איז אויכ געווענ זייער אונטערדריקט, אָבער די איבעריקע געזעלשאַפטנ אונ צוזאַמענפאָרנ האָבנ געאַרבעט אינ אָנהייב 1905-טנ יאָר ענערגישער, איידער ווענ-ניט-איז. די אַלטע „אַקאַדעמישע“ אינטעליגענצ (פּראָפעסאָרנ, „באַוווּסטע“ דאָקטוירימ, אינזשענערנ, דאָקטוירימ, פּעדאַגאָגנ אונ ליטעראַטנ), וועלכע האָט געבילדעט זייער קערנ, איז שוינ פונ האַרבסט 1904 אָפּגעשטופּט געוואָרנ אינ הינטערגרונט דורכ די „לינקע אָסוואָבאָזשדענצעס“, וועלכע זײַנענ געווענ אַ סאַכ ראַדיקאַלער פונ איר. די לעצטע (זייער באַשטאַנד האָבנ מיר געזענ — ז. אויבנ, ז.ז. 101—102), טכילעס נאָכ שרעקיקע, ווײַט פונ רעוואָליוציאָנערקײַט, האָבנ גיכ געקראָגנ דרייסטקײַט אַפ וויפל די אַטמאָספער איז אָנגעגליט געוואָרנ. פונ די צוויי נעשאָמעס, וואָס לעבנ אינ האַרצנ בא יעדנ אינטעליגענט, פונ דער נעשאָמע פונ אַ „געבילדעטנ דעסיאַטניק“, וועל-

כען העלפט דעמ קאפּיטאליסט צו עקספּלואטירנ דעמ ארבעטער, אונ פונ דער גע-
שאָמע פונ א „ראזנאָטשינעצ", וועלכער שטאמט פונ דער פּאָלק-מאסע אונ פילט
בעסער אירע צאָרעס, איידער די מער באזאָרגטע אויבערשטע שיכטנ, — האָט די
צווייטע אלצ מער אונ מער אָנגעהויבנ נעמענ די אויבערהאנט איבער דער ערשטער.
דער ביישפּיל פונ די ארבעטער האָט געווירקט אָנשטעקנדיק — די אידיי פונ
אנ אינטעליגענטישנ פּאָליטישנ שטרייק האָט זיכ שוינ געטראָגנ אינדערלופטנ.

דעמ „בונט פונ די אופקלער-געזעלשאפטנ" האָט אָנגעהויבנ די מאָסקווער גע-
זעלשאפט פאר לאנדווירטשאפט, וועלכע איז אמאָל געווענ א לייטישע פּריצישע
אונ באאמטישע, אונ איצט, אינ די הענט פונ די „אסוואָבאָזשדענציעס", האָט זי
שוינ דעמ 14-טנ יאנוואר אָנגענומענ די שארפסטע פּראָטעסט-רעזאָליוציע קעגנ
די פּעטערבורגער הארוגעס. די איבעריקע אָבער זיינענ אזוי גיכ נאָכגעגאנגענ נאָכ
איר, אז אינגיכנ איז שווער געווענ פאנאנדערצוקלייבנ, וועלכע עס גייט פאָרויס.
אנ אומפאַרגעסלעכ בילד האָבנ פאָרגעשטעלט מיט זיכ די זיצונגענ פונ די דאָזיקע
געזעלשאפטנ אינ יאנוואר—מאַרט פונעמ יאָר 1905. אָנשטאָט טרוקענע, אומעטיקע
פּאָרטראגנ, געשעפטלעכע דעבאטנ, איז אומעטומ געגאנגענ א קעסיידערדיקער
טויזנטקעפּיקער מיטינג, אפ וועלכנ עס פלעגט זיכ לאָזנ דער גאנצער אינטעלי-
גענטישער אוילעמ: קיינ מיטגליד-קארטנ פלעגט קיינער ניט פרעגנ. אפנ טאָג-
סיידער שטייענ „לויפנדיקע איניאָנימ", אָבער ווענ קיינ שומ „איניאָנימ", וועלכע
זיינענ אָנגעוויזנ אינעמ סטאטוט פונ דער געזעלשאפט, פלעגט קיינער אפילע ניט
דערמאָנענ. מע פלעגט האלטנ ליידנשאפטלעכע פּאָליטישע רעדעס, מע פלעגט אָנע-
מענ רעזאָליוציעס איינע „רויטער" פונ דער צווייטער, רעזאָליוציעס, פונ וועלכע
עס האָבנ, דוכט זיכ, געדארפט איינפאלנ די ווענט פונ די בעקאָוועדיקע, דאָסראָוו
מעלוכישע געביידעס, ווו די געזעלשאפטנ פלעגנ זיכ נאָכ פריִער פארזאמלענ, אונ
פונוואנענ די גאָענטסטע מאכט-פאָרשטייער, וואָס האָבנ זיכ פארלאָרנ אונ וואָס
זיינענ געווענ צוגעוווינט מאכנ צו בלאָטע די אלטע „ליבעראלנ" בלויז מיט איינ
מאכ מיט די ברעמענ, האָבנ אפילע ניט געטרוימט ווענ ארויסווארפנ די איצטיקע
„ראדיקאלנ". די דאָזיקע מאכט-פאָרשטייער האָט מענ, אגעוו, אינערגעצ ניט גע-
זענ, אונ די פארזאמלטע פלעגנ דערמאָנענ ווענ זיי ניט מער, ווי ווענ דעמ סטא-
טוט, אויב מע פלעגט אמאָל יאָ לייענענ פּאָרטראגנ — די אָנפירער פונ דער גע-
זעלשאפט פלעגט זיכ אפ א רעגע איינגעבנ צו אָרגאניזירנ די באוועגונג — זיי-
נענ זיי געווענ געווידמעט אָדער אפ קלאָר מאכנ פאר די פארזאמלטע די גרונט-
פראגנ פונ דער דעמאָקראטישער אָרדענונג, אָדער פונ דער געשיכטע פונ דער רעוואָ-
ליוציאָנערער באוועגונג אד"ג. אונ די דעבאטנ איבער די דאָזיקע פּאָרטראגנ פלעגנ
זיכ ווידעראמאָל זייער גיכ צעגיסנ אינ אָנברעגיקע כוואליעס פונ אנ אומענדלעכנ
מיטינג.

אויב מע וואָלט זיכ צוגעקוקט צו די דאָזיקע כוואליעס, וואָלט מענ גלייכ גע-
קאָנט באמערקנ א שארפע ענדערונג אינ זייער באפארבונג, לעגאבע דעמ פאָריקנ
הארבסט, ווענ די „באנקעטנ-קאמפּאניע" האָט געגעבנ א שוואכנ פאָרגעפיל פונ
דער אינטעליגענטישער באוועגונג אינ דער צווייטער העלפט ווינטער. דעמאלט האָט
זיכ נאָכ גערעכנט פאר דער גרעסטער כוצפע צו ריידנ עפנטלעכ ווענ א קאָנ-
ס ט י ט ו צ י ע — אונ דער מער „סאָלידער" אוילעמ האָט געײלט אריבערצופירנ
דעמ שמועס אפ מער אומבאשטימטע טעמעס, ווי, אשטייגער, „געזעצלעכקייט"
„אָרדענונג" אאוו. איצט האָט מענ גערעדט, אינ טאָכ גענומענ, ווענ א ר ע פּ ו ב-

ליק — האנאמ דאָס וואָרט גופע האָט מענ אָנגעהויבנ זאָגנ ערשט פונ הארבסט.
מע דארפ ניט פארגעסנ, אז דאָס ראדיקאלע — ניט דאָס סאָציאליסטישע — רוס-
לאנד האָט עס ניט געהערט זינט די דעקאבריסטנ. אָבער די פאָדערונג וועגנ צו-
נויפרופנ א גרינדונג-פארזאמלונג, וואָס האָט פאקטיש באטײַט דעמ אי-
בערגאנג פונ דער מאכט אינ די הענט פונ דער פאָלק-מאסע (די פאָרמולע פונ
„אלגעמיינער, דירעקטער, גלײַכער אונ געהיימער אָפשטימונג" האָט זיכ באוויזנ
גלײַכ פונעמ ערשטנ טאָג אינ דער רעזאָליוציע, וואָס די מאָסקווער געזעלשאפט
פאר לאנדווירטשאפט האָט אָנגענומענ דעמ 14-טנ יאנואר) האָט בוילעט אָנגע-
מערקט די גרענעצ, איבער וועלכער די אינטעליגענצ איז אריבערגעטראָטנ: אפ
קיינ קאָנסטיטוציע, וועלכע ניקאָלײַ זאָל מיט זײַנ כעסעד שענקענ זײַנ פאָלק, האָט
שוינ קיינער ניט געוואָרט, אונ קיינער האָט אינ איר ניט געגלייבט אָדער מע
האָט ווייניקסטנס געהאלטנ פאר א כויוו צו מאכנ דעמ אָנשטעל, אז מע גלייבט
ניט. דאָס איז איינ שטריכ. דער צווייטער איז געווענ דער פראָלעטארישער שטראָמ,
וואָס האָט זיכ אלצ מער אונ אלצ אָפטער ארײַנגעגאָסנ אינ די אינטעליגענטישע מי-
טינגנ. אפ די באנקעטנ פלעגט זיכ די סטודענטנ אײַנגעבנ דורכצופירנ איינצלנע
דעלעגאציעס פונ ארבעטער; אפ די זיצונגענ פונ די אופקלער-געזעלשאפטנ זײַנענ
געגאנגענע מאכנעס, אונ אפ דער לעצטער זיצונג פונ דער מאָסקווער פעדאגאָגישער
געזעלשאפט, אינ דער צײַט, ווענ אינ זאל האָט זיכ דער אינטעליגענטישער מיטינג
דערעדט ביז א דעמאָקראטישער רעפובליק, איז פאר דעמ זאל, אינ די קאָרידאָרנ, גע-
גאנגענ א צווייטער מיטינג, ניט קיינ ווייניקער לײַדנשאפטלעכער אונ א מער אינטע-
רעסאנטער: דאָס איז געווענ א באראטונג פונ די פארשטרײַקטע מאָסקווער בעקערס.

וואָס זשע איז געווענ די סיבע פונ אזא „פאראליטש פונ דער מאכט",
וואָס האָט דעמלט פארשאפט אזוי פיל אנמעסנעפעש יערנ איבערצײַגטנ שווארצ-
מייעניק? פארשטייט זיכ, נאָכ ניט די מוירע פאר א רעוואָליוציע אינעמ איי-
גנטלעכנ זינ פונעמ וואָרט: די דאָזיקע מוירע האָט אָנגעהויבנ באהערשנ ניקאָ-
לײַענ ערשט צומ סאמע סאָפ פונעמ באשריבענעמ פעריאָד, ווענ עס האָט זיכ
ארויסגעוויזנ די אומזיכערקײַט פונ דער מיליטערישער קראפט. אינ יאנואר—מארט
איז נאָכ געווענ גאנצ ווײַט דערפונ. די הענט פונ דער רעגירונג זײַנענ געווענ
געבונדנ דורכ צוויי סיבעס, וואָס זײַנענ פונ זייער זײַט, געווענ פארבונדנ איינע
מיט דער צווייטער אונ וואָס האָבנ באדינגט איינע די אנדערע: דאָס איז געווענ
דער איבערגאנג פונ דער בורזשואזיע אינ אָפאָזיציע, וואָס האָט זיכ באשײַמפער-
לעכ אָנגעהויבנ, אונ די מאפאָלעס אינ דער יאפאָנישער מילכאָמע, וועלכע האָבנ
נאָכ אלצ געדויערט אונ זײַנענ וואָס ווײַטער געוואָרנ אלצ גרעסער.

מיר האָבנ געזענ, אז דאָס פאלנ פונ פאָרט-ארטור האָט, ווי א געוויסער צײַ-
כנ, געשפילט א ראָליע אפילע אינ די כעזשבוינעס פונ די צופעליקע פירער פונ
דער ארבעטער-באוועגונג: גאפאָנ האָט פארבונדנ זײַנ ארויסטרעטונג גראָד מיט דער
דאָזיקער געשעעניש. אפ דער בורזשואזיע אָבער, וואָס טאקע צוליב אירע אינטע-
רעסנ איז געגאנגענ די בלוטפארגיסונג, האָט עס געמוזט ווירקנ פיל שטארקער.
אויב עפעס וואָס האָט געמאכט דעמ דאָזיקנ קלאס „פאטריאָטיש", איז עס פריער
פונ אלצ געווענ די האָפענונג צו פארברייטערנ דעמ מארק. פירנ אָבער די מיל-
כאָמע אזוי, ווי עס האָט זי געפירט ניקאָלײַס רעגירונג, האָט באטײַט פאטערנ אויכ
דעמ מארק, וואָס איז פארבליבנ. „דער מעמאָראנדומ פונ די פעטערבורגער זא-
וואָד-אייגנטימער אונ פאבריקאנטנ צו דעמ הער פינאנצ-מיניסטער", וואָס איז דער-

לאַנגט געוואָרן סאָף יאַנוואַר, האָט געטראָפן פּונקט אין וואָך, ביים ער האָט אָנגעוויזן אַף דער *פאַרקלענערונג פונעם מאַרק* אין פאַרבינדונג מיט דער רויִנירונג און, דאָס הייסט, מיט דער קלענער ווערנדיקער קויפקייט פון דער באַפעלקערונג. „איר קאָנט ניט רעגירן" — אַזוי קאָן מען בעקיצער אויסדריקן דעם זינען פון אַלע מעמאָראַנדומס, וועלכע זײַנען דערלאַנגט געוואָרן וועגן דעם. און דער דורכפאַל פונעם זעלבסטהערשערישן אופן פון רעגירן האָט, נאַטירלעך, אַריבערגעוואָרפן דעם רוסלענדישן אונטערנעמער אינעם לאַגער פון די אָנהענגער פון א נײַעם, קאָנסטיטוציאָנעלן אופן. די נייטיקייט פונעם איבערגאַנג צום דאָזיקן אופן, האָט, אייגנטלעך, ניט אָפּגעלייקנט קיין איינער פון ניקאָלײַס מעשאָרים: ניט בלויז וויטע, וועלכער פלעגט דורכפירן דעם דאָזיקן געדאַנק מיט יעזויִטישע מיטלען (זעלבסטהערשונג פאַרט זיך ניט מיט אַוועלכער-ניט-איז זעלבסט-פאַרוואַלטונג, און אינגאַנצן אָפּשאַפן די זעלבסטהערשונג קאָן מען שוין ניט, וועט אויסקומען באַגרענעצן די זעלבסטהערשונג, — דאָס איז געווען דער פאַרבאַהאַלטענער זין פון וויטעס באַרימטן מעמאָראַנדום וועגן דער זעמסטווע), נאָר אויך פּלעווע, וועלכער האָט אָפן געזאָגט שיפּאָוון, אַז ווען-ניט-איז וועט מען מוזן געבן א קאָנסטיטוציע. ניט פאַרשטאַנען האָט עס, דוכט זיך, בלויז איין ניקאָלײַ. דאָס רעזערטירן פון דער בורזשואזיע האָט עס טאַקע געדאַרפט קלאָר מאַכן אַפילע פאַר אים. ווען די מאָסקווער פאַבריקאַנטן האָבן, אונטער דער אָנפירונג פון ס. ט. מאָראָזאָוון, געמאָלדן דער מאַכט, אַז די פרײַהײַט פון וואָרט, פּרעסע, פאַרזאַמלונג א.אאַו. איז א נייטיקער באַדינג פאַר דער ווײַטערדיקער עקזיסטענץ פון דער גרויסער אינדוסטריע אין רוסלאַנד, איז עס געווען אַלציינס, ווי פאָרלייגן די ברירע: אָדער קאַפּיטאַליזם, אָדער זעלבסטהערשונג. אָבער אָן דעם קאַפּיטאַליזם האָט שוין די זעלבסטהערשונג מער ניט געקאָנט עקזיסטירן. די מעמאָראַנדומס פון די פאַבריקאַנטן זײַנען געווען די אַמווייניקסטן מערקלעכע אַנטפּלעקונג פון דער „רעוואָלוציאָנערקײַט" נאָכן 9-טן יאַנוואַר 1905 יאָר, אָבער אַף די „העכסטע ספערן" האָבן זיי געווירקט שטאַרקער, איידער די גוואַלדן פון דער אינטעליגענץ. אין דעקאַבער האָט ניקאָלײַ זיך נאָך געוואַקלט: צי ער זאָל צונויפרופן פאַרשטייער אָדער ניט צונויפרופן? און דעם 18-טן פעוורואַל (לויטן אַלטן סטיל) האָט ער פאַרשריבן אין זײַן טאָג-בוך: „בײַ מיר איז פאָרגעקומען א באַראַטונג פונעם מיניסטאָרן-ראַט. איך האָב אונטערגעשריבן א רעסקריפּט אַף בוליגינס* נאָמען וועגן אויסאַרבעטן דעם אופן פון צונויפרופן אָרטיקע פאַרשטייער אַף צו באַטייליקן זיך אינעם באַטראַכטן די געזעצפּראָיעקטן, וועלכע ווערן אַרײַנגעטראָגן אין מעלוכע-ראַט. זאָל גאָט געבן, אַז דאָס דאָזיקע וויכטיקע מאָסמיטל זאָל ברענגען רוסלאַנד נוצן און דערפאָלג".

דער כיסאָרן פונעם „וויכטיקן מאָסמיטל" (שוין דער אַרט פאַרשרײַבן אַליין באַווײַזט, מיט וואָס פאַר א מאַטערניש אָט דאָס מאָסמיטל איז אַרײַנגעקראָכן אין ניקאָלײַס מויעך) איז געווען דאָס, וואָס עס האָט פאַרשפּעטיקט, אַמווייניקסטנס, אַף צוויי כאָדאָשים. א באַראַטונגס-פאַרשטייערשאַפט — דאָס איז דער קורצער נאָמען פון דעם, וועגן וואָס ניקאָלײַ דערציילט אַזוי באַריכעס און שווער אין זײַן נאָטיץ — וואָלט געקאָנט באַפרידיקן די *מינדערהייט* פון דער בורזשואזיע

* דער נײַער אינערן-מיניסטער, וואָס האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון סוויאַטאָפּאָלק-מירסקין, וועמען מ׳צ האָט ענדגילטיק אָפּגעזאָגט נאָכן 9-טן יאַנוואַר.

אינ דעקאבער; אינ פעוראל האט זי שוינ קיינעמ ניט באפרידיקט. אונ אכוצ דעמ, איז נאכ ניט אוועק קיינ וואכ פונ זינט עס איז ארויסגעגעבנ געווארנ דער מאניפעסט, וועלכער איז געווענ אזוי „וויכטיק" אינ ניקאלייס אויגנ, אונ א נייער קלאפ אפנ אויסערלעכנ פראנט, נאכ א שווערערער קלאפ, ווי אלע, וואס זיינענ געווענ ביז איצט, האט דערמאנט, אז וועגנ קיינ שומ פארברייטערונג פונעמ מארש דורכ ניצכוינעס איבערנ סוינע טאר מענ אפילע ניט טראכטנ.

מיר האבנ געזענ (ז. אויבנ, ז. ז. 98—99), אז אפ איבערצוגיינ צו א נייעמ אנגריפ האט קוראפאטקינ געווארט, ביז זיינ ארמיי וועט באקומענ אנ אנטשיידנדיקע צאל־איבערהוואג איבער דער יאפאנישער. צומ סאפ יאנואר — אנהייב פעווראל 1905־טנ יאר האט זיכ געדוכט, אז דאס איז דערגרייכט געווארנ. סאכאקל איז פונ אנהייב מילכאמע ביז דער צייט אריבערגעשיקט געווארנ קיינ מאנדזשוריע העכער 800 טויזנט מאנ. אויב מע זאל אראפרעכענענ אלע פארלוסטנ, אונ אויכ



די רוסישע ארמיי טרעט אפ פונ מוקדענ

דאס מיליטער, וואס איז געשטאנענ אינ „טיל" (הינטערלאנד), האט קוראפאטקינ הינטער מוקדענ געהאט ניט ווייניקער פונ 400 טויזנט באגנעטנ אונ שווערדנ אפנ פאפיר, לויט די רעשימעס, אונ ניט ווייניקער פונ 300 טויזנט אינ דער ווירקלעכקייט. די יאפאנער, האגאמ צו זיי איז איצט צוגעקומענ די ארמיי, וועלכע האט איינגענומענ פארט-ארטור, זיינענ געווענ באדייטנדיק שוואכער. שוינ צומ סאפ יאנואר האט די רוסישע ארמיי געפרווט איבערגיינ אינ אנגריפ (די שלאכט בא סאנדעפו), אבער די געוויינלעכע אומארגאניזירטקייט האט געבראכט דערצו, אז אלצ האט זיכ געענדיקט מיט א נוצלאזער בלוט־פארגיסונג. דאס איז אבער געווענ בלויז א טיילווייזער דורכפאל, וואס האט ניט געמאכט אפהענגיק דעמ רוסישנ

הויפּט־קאָמאַנדיר, אונ ער האָט ווײַטער געגרייט אַנ אַנטשיידנדיקע אַטאַקע אַפנ גאַנצנ פראָנט. די יאַפּאַניער זײַנענ אים פאַרלאָפנ דעם וועג אונ האָבנ אַטאַקירט די ערשטע. ווי געוויינלעכ, זײַנענ זיי אָנגעפאַלנ ניט דאָרטנ, וווּ זיי האָבנ זיכ געזאָלט דורכרײַסנ, אונ, אָפּציענדיק די אויפמערקזאַמקײַט פונ די רוסישע צום אָרט פונ זייער דעמאָנסטראַטיווער (פאַלשער) אַטאַקע, האָבנ זיי גיכ אַ רוק געטאָנ זייער מיליטער אַפ אַרומצוגיינ ביידע פלאַנגענ פונ דער רוסישער פּאָזיציע. די שלאַכטנ אַרום מוקדענ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ דעם 12/25 פעוורואַל, אונ דעם 25־טנ פעוורואַל (10 מאַרט) האָט ניקאָלײַ געשריבנ אינ זײַנ טאָגבוכ: „ווידער שלעכטע ידיעות פונעם ווײַטנ מיזרעכ: קוראָפּאַטקינ האָט דערלאָזט, מע זאָל אים אַרומגיינ, אונ שוינ אונטערנ קעגנערישנ דראַנג פונ דרײַ זײַטנ איז ער געצוווּנגענ אָפּצוטרעטנ צו טעלינ. מײַנ גאָט, ס'אַרא דורכפאַלנ!".

די מוקדענער מאַפּאָלע איז געווענ פיל שווערער פאַר דער ליאַאָיאַנער. דאָס מאָל האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ אָפּצוטרעטנ באַצײַטנס, די רוסישע אַרמיי איז צעקלאַפּט געוואָרנ אונ איז אָפּגעטראָטנ פונ מוקדענ אינ פולשטענדיקער אומאָרדענונג, פאַרלירנדיק האַרמאַטנ, אָבאָזנ (פורנ מיט אַמוניציע אונ פּראָוויאַנט) אונ צענדליקער טויזנטער געפאַנגענע. פאַר די הונדערט יאָר, זינט „אויסטערליץ",* האָט די רוסישע אַרמיי ניט געהאַט אַזאַ מאַפּאָלע. קוראָפּאַטקינ האָט פאַרלאָרנ באַכאַקל, מיט די געפאַנגענע, בײַ 120 טויזנט מאַנ, קימאַט אַ דריטבײַלעק פונ אַלע זײַנע סאָלדאַטנ, אונ דעם אָנגריפ פונ די יאַפּאַניער איז ער אומשטאַנד געווענ אָפּצושטעלנ ערשט 190 קילאָמעטער צאָפנ צו פונ מוקדענ. אינ גאַנצ דאָרעם־מאַנדזשוריע איז איצט ניט פאַרבליבנ קיינ איינ רוסישער. פונ ענדגילטיקער פאַרניכטונג האָבנ געראַטעוועט די רוסישע אַרמיי בלויז, ערשטנס, די קאָלאָסאַלע פאַרלוסטנ פונ די יאַפּאַניער גופא — זיי האָבנ אויכ פאַרלאָרנ ניט ווייניקער פונ 70 טויזנט מאַנ — אונ, צווייטנס, די שוואַכקײַט פונ דער יאַפּאַנישער קאַוואַלעריע, וואָס איז געווענ צוויי מאָל קלענער אינ צאָל פאַר דער רוסישער. די יאַפּאַניער האָבנ דעריבער ניט געקאָנט פונקט אַזוי ענערגיש יאָגנ זיכ נאָכ די רוסנ, ווי זיי האָבנ זיי אַטאַקירט.

פאַר די יאַפּאַניער איז די מילכאָמע איצט, אײַגנטלעכ, געווענ פאַרענדיקט, ווײַל פאַרקריכנ אינ דער טיפעניש פונ צאָפנ־מאַנדזשוריע, ווײַט פונ יאַם, איז קיינמאָל ניט געווענ אינ זייערע פּלענער. די רוסישע רעגירונג אָבער, אַ פאַרביטערטע פונ אירע מאַפּאָלעס, האָט זיכ ניט געוואָלט אונטערגעבנ. „פונ אַ מילכאָמע קערט מענ זיכ ניט אומ קיינ געשלאָגענע", האָבנ געטײַנעט די רוסישע גענעראַלנ (דעריקער די, וואָס זײַנענ פאַרבליבנ אינ פעטערבורג). אויסנוצנדיק דאָס, וואָס די מילכאָמע האָט זיכ געפירט ווײַט פונ די לעבנ־צענטערס פונ רוסלאַנד, אינ אַ ווײַטער ראַנד־געגנט, האָט מענ אינ פעטערבורג אויכ נאָכ מוקדענ נאָכ אַלצ זיכ געהאַלטנ גרויס, מע האָט געשיקט אַפנ ווײַטנ מיזרעכ אַלצ נײַע אונ נײַע מיליטער־טיילנ אונ מיט האָפענונג נאָכגעשפּירט נאָכ דער צווייטער עסקאַדרע, וואָס איז אַרויס פונ קראָנשטאַדט אינ אָקטיאַבער (ז. אויבנ, ז.ז. 99—100) אונ וואָס האָט זיכ דערנענטערט צום שטילנ אָקעאַנ. פאַר מוקדענ ווידער האָט מענ, פאַרשטייט זיכ, געפונענ דעם שולדיקנ, וואָס מיט זײַנע „פעלערנ" איז דערקלערט גע־

* די מאַפּאָלע, וועלכע די רוסישע אַרמיי האָט געכאַפּט פונ נאַפּאָלעאָנען אינ 1805־טנ יאָ'. באַשריבנ בײַ טאָלסטויען אינ „מילכאָמע אונ שאָלעם", באַנד I.

וואָרנ די גאַנצע זאַכ: דעמ 1/14 מאַרט איז ניקאָלײַ „דעמ גאַנצנ טאָג געווענ אינ אַ געדריקטער שטימונג", אונ דעמ 2/15 פעוראַל האָט ער פאַרשריבנ: „קוראָפּאַטקינ איז אַראָפּגעזעצט געוואָרנ אונ פאַר הויפּטקאָמאַנדיר איז באַשטימט געוואָרנ לינעוויטש". צו מײַ האָט ער זיכ אינגאַנצנ געטרייסט אונ האָט זיכ אָנגעהויבנ פאַרנעמענ מיט געוויינלעכע אומשולדיקע פאַרווײַלונגענ: דעמ 8-טנ מײַ האָט ער „דערהאַרגעט אַ קאַצ".

אַזאַ ענדערונג אינ די שטימונגענ האָט זיכ דערקלערט אויכ דערמיט, וואָס פאַר מוקדענ האָט זיכ קלוימערשט געפונענ אַ טרייסט אינ די ניצכוינעס אפנ אינערלעכנ פראָנט. אינ מעשעכ פונ דער דאָזיקער צײַט זײַנענ, ערשטנס, פאַרמאַכט געוואָרנ די צעבונטעוועטע אויפקלער-געזעלשאַפטנ, דערבײַ האָט די פּאָליציי, וועלכע האָט אַ לאַנגע צײַט ניט געקאָנט אָננעמענ זיכ מיט מוט, ניט באַגעגנט, ווי מע האָט טאַקע געדאַרפט דערוואַרטנ, קיינ שום ווידערשטאַנד, אונ, צווייטנס, איז אַרעסטירט געוואָרנ די קאַמפּ-אָרגאַניזאַציע פונ דער פּאַרטיי סאָציאַליסטנ-רעוואָליוציאָנערנ (וועלכע האָט דעמ 4-טנ פעוראַל צוגעגעבנ צו פּלעווענ דעמ רעאַקציאָנערסטנ אונ ענערגישסטנ פונ די גרויספירשטנ, סערגיי אַלעקסאַנדראָוויטשנ, וואָס האָט רעגירט איבער מאָסקווע). דער דאָזיקער אַרעסט האָט אַרויסגערופנ בײַ די שוואַרצמייעניקעס אַ באַזונדערע היספּײַלעס — מע דאַרפ ניט פאַרגעסנ, אַז זיי אַלעמענ, פּונקט ווי ניקאָלײַענ, האָט די רעוואָליוציע אויסגעוויזנ באַזונדערס שרעקלעכ גראָד אינ געשטאַלט פונ אַ „באָמבע". די „מאָסקאָווסקיע וועדאָמאָסטי" האָבנ געשריבנ וועגנ דעמ דורכפאַל פונ דער עסערישער שלאַכט-אָרגאַניזאַציע, ווי וועגנ דעמ „מוקדענ פונ דער רוסישער רעוואָליוציע", אונ האָבנ דערבײַ ניט באַמערקט, אַז מיט אַזאַ קעפּל זײַנענ זיי זיכ מודע אינ דער פולשטענדיקער צעשמעטערונג פונ דער רוסישער אַרמיי הינטערנ עמעסנ מוקדענ.

אינדערעמעסנ זײַנענ די עסערישע אַטענטאַטנ געווענ בלויז איינע פונ די אָפּשפּיגלונגענ פונ דער אינטעליגענטישער רעוואָליוציע, אונ די אינטעליגענטישע רעוואָליוציע אַלײן איז געווענ בלויז אַן אָפּשפּיגלונג פונ דעמ קאָלאָסאַלנ רוק, וואָס איז פאָרגעקומענ אינ די פאָלק-מאַסנ. דער דאָזיקער רוק איז, ווי שטענדיק, געגאַנגענ לאַנגזאַמער, איידער דאָס וואָלט זיכ געוואָלט דער אומגעדולדיקער אינטעליגענצ. אָבער אַ שלעכטער סימענ פאַר דער רעגירונג איז געווענ שוינ דאָס אַלײן, וואָס אַפילע די אינטעליגענטישע באַוועגונג האָט קיינ מוירע ניט געהאַט פאַר פּאָליצייִשע רעפּרעסיעס. דאָס פאַרמאַכנ די אויפקלער-געזעלשאַפטנ האָט בלויז מיטגעהאָלפנ דער דאָזיקער באַוועגונג איבערצוגייענ צו דער פאָלגנדיקער אָרגאַניזיר-שטופּע: די דאָזיקע שטופּע איז געווענ די אויסבילדונג פונ „פּראָפעסיאָנעל-פּאָליטישע פאַרבאַנדנ".

וואָס ווײַטער מיר וועלנ אָפּגיינ פונ דער עפּאָכע פונ דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע, אַלס שווערער וועט זײַנ צו דערקלערנ, וואָס אַזוינס זײַנענ געווענ די דאָזיקע פאַרבאַנדנ. ווי ווייניק זיי זײַנענ געווענ ענלעכ צו די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס פונעמ פּראָלעטאַריאַט (וועלכע האָבנ אויכ אָנגעהויבנ אויפקומענ אינ יענער צײַט: צו פרילינג 1905-טנ יאָר האָבנ שוינ עקזיסטירט פאַריינענ פונ דרוק-אַרבעטער, פונ בערשטער — אינ מײַרעוו-קאַנט — אונ בלויז אַ האַלב-פּראָלעטאַרישער אײַזנבאַנער-פאַריינ), איז צו זענ שוינ פונ דעמ, וואָס צווישנ זיי האָט מענ געקאָנט באַגעגענענ אויכ דעמ „פאַרבאַנד פאַר פרויענ-גלײַכבאַרעכטיקונג". אינ אַנדערע פאַרבאַנדנ, ווי די פאַרבאַנדנ פונ אינזשעניערנ אונ לערער (ביידע

זיינענ אופגעקומענ אינ אפרעל), האָט דאָס באַשיצנ די פראָפעסיאָנעלע אינטערעס. פארנומענ מער אָרט, אָבער אויכ פאַר די דאָזיקע פאַרבאַנדנ איז די זאַכ באַשטאַנענ ניט אינ דעמ. א שאַפונג פונעמ אָפּשטאַרבנדיקנ „באַפרייונג־פאַרבאַנד" (וועלכער איז פאַקטיש צעפאַלנ געוואָרנ אינ מאַרט, ווענ אפנ דריטנ צוזאַמענפאָר איז אוועק זיינ לינקער פליגל), זיינענ די דאָזיקע פאַרבאַנדנ געווענ אַנ עמבריאָנ פונ פאָליטישע פּ א ר ט י י ע נ, וועלכע האָבנ נאָכ גיט עקזיסטירט אונ צו וועלכע די רוסישע אינטעליגענצ איז נאָכ ניט געווענ צוגעוווינט. די רעגירונג האָט באַנקראָטירט — נאָכ מוקדעמ איז עס פאַר אַלעמענ געווענ באַשיימפּערלעכ קלאָר; קאָלעקטיווע „סעוואַסטאָפּאָלס" אונ „פּלעוונעס" זיינענ איבערגעשטיגנ געוואָרנ, אזאַ כאַרפּע איז נאָכ קיינמאָל ניט געווענ. זי האָט געמוזט אוועקגיינ, — דאָס איז אויכ געווענ קלאָר פאַר אַלעמענ. איז ווער וועט פאַרנעמענ איר אָרט? פאַרשטייט זיכ, מענטשנ פונ דער „געבילדעטער געזעלשאַפט", אויב מע זאָל זיכ אויסדריקנ אפנ אַמאָליקנ שטייגער, ד. ה. טאַקע די זעלביקע אינטעליגענצ. אז דאָס אָרט פונ דער אראָפּגעוואָרפענער פריציש־ביוראָקראַטישער רעגירונג קאָנ פאַרנעמענ די פּאַרטיי פונעמ פּראָלעטאַריאַט, דאָס האָט זיכ דעמלט אינ קיינעמס מויעכ ניט אריינגעלייגט (מיר האָבנ אינ זינענ די מויכעס פונ די טיפּישע אינטעליגענטנ). נאָכ מער וואָלטנ די אינטעליגענטנ איבעראַשט געוואָרנ, ווענ מע וואָלט זיי געזאָגט, אז נאָר די דאָזיקע אומגעווינלעכע געשעעניש, דער איבערגאַנג פונ דער מאַכט אינ די הענט פונעמ פּראָלעטאַריאַט, איז טאַקע דער דערפאָלג פונ דער רעוואָליוציע, אז אויב דאָס וועט זיכ ניט איינגעבנ, האָט זיכ, הייסט עס, די רעוואָליוציע ביכלאַל ניט איינגעגעבנ. טשערנישעווסקיס נעווישע ווערטער, אז אינ א רעוואָליוציע דאַרפ מענ שטענדיק דערוואַרטנ אָדער א פולשטענדיקנ טריומפ אָדער א פולשטענדיקע מאַפּאָלע, זיינענ שוינ לאַנג פאַרגעסנ געוואָרנ. אָפּלייקענענדיק עפנטלעכ יעטווידער קאָנסטיטוציע פונ אויבנ, אָפּזאָגנדיק זיכ פונ אַלערליי מינימ האַנאָכעס מיצאַד ניקאָלייענ, האָט מענ שטילערהייט פונדעסטוועגנ געהאָפט, אז די קריג־מאַפּאָלעס אונ די מאַסנבאַוועגונג וועלנ פאָרט צווינגענ ניקאָלייענ איינצורייענ אפ האַנאָכעס. דער 18־טער פעווראַל, האָט זיכ געדוכט, איז א גאַראַנטיע, אז אזוי וועט עס טאַקע זיינ. מע האָט זיכ גערארפט צופרידנ, וואָס מע זאָל טאָנ אינ אזא פאַל. וואָס זאָל מענ פאָדערנ? די „וואַרשטאַטלייט" אונ די „פּויערימ," — דאָס האָט מענ געהאַלטנ פאַר זעלבסטפאַרשטענדלעכ, — וועלנ דאָכ ניט קאָנענ מיט סייכל פאָדערנ, וואָס זיי איז נייטיק. די „געבילדעטע מענטשנ" דאַרפנ זיי העלפנ. איז ווער וועט עס טאָנ? צי דענ וועלנ עס טאָנ די אָפּגעריסענע סטודענטנ אונ קורסיסטקעס פונ דער „אונטערערד", וועלכעריידנ אזעלכע „בעפיירעשע נאַרישקייטנ" וועגנ קלאַסנקאַמפ אד״ג.?! די עמעס, סאָלידע אינטעליגענטנ דאַרפנ קומענ צוהילפ דעמ „פאָלק". די דאָזיקע ראָליע פונ דער אינטעליגענצ, אלס א זאָרגעוודיקע מוטער פונ די „ארבעטנדיקע מאַסנ", האָט שוינ געוויס דערמאָנט דעמ לייענער וועגנ דער טעאָריע פונ „קריטיש דענקענדיקע פערזענלעכקייטנ", וועלכע פירנ דאָס פאָלק נאָכ זיכ (זע טייל 2). יאָ, דאָס איז טאַקע די זעלביקע וועלטאָנשויונג. דער רעוואָליוציע פונ 1905־טנ יאָר איז באַשערט געווענ צו דערלאַנגענ אַפּ דער וועלט־אָנשויונג דעמ לעצטנ אונ ענדגילטיקנ קלאַפּ; אָבער אינ פרילינג 1905־טנ יאָר איז זי נאָכ געווענ אינ פולער בליִונג.

עס איז גאַנצ נאַטירלעכ, אז אינ שפּיצ פונ דער דאָזיקער פאַרשיידנפאַרביקער מאַסע, ווי לעבנ א פראָפעסער, א אינזשעניער מיט א געהאַלט פונ צענדליקער

טויזנט גאָלד-רובל, אַנ אַדוואָקאַט אָדער אַ דאָקטער מיט אַ צענטויזנטרובלדיקער „פּראַקטיק" איז געשטאַנענ דער דאָרפ-לערער אינ אַ רעקל, אַ ניט ווייניקער אָפּגעריסענעמ, ווי באַמ אונטערערדישנ טוער, אַ דאָרפ-לערער, וועלכער פלעגט מיט שטאָלצ דערציילנ, אַז ער איז אַנ „עכטער פּראָלעטאַריער", ווײַל אַכוצ דעמ דאָזיקנ רעקל האָט ער קיינ זאַכ ניט, — איז גאַנצ נאַטירלעכ, אַז די אָנפירער פונ די דאָזיקע „פאַרבאַנדנ" זײַנענ געוואָרנ די סאָציאַליסטנ-רעוואָלוציאָנערנ, וואָס האָבנ גיכ אָפּגעשטופּט אינ הינטערגרונט די „אָסוואָבאָזשדיענצעס" (אַפּ וויפּל יענע האָבנ זיכ אַליינ ניט פאַרוואַנדלט אינ עסערנ) אונ וואָס האָבנ וואַכזאַמ אָפּגעהיט די „פאַרבאַנדנ" פונ דער בייזער ווירקונג פונעמ מאַרקסיזמ. גאַנצ נאַטירלעכ איז אָבער אויכ, וואָס די דאָזיקע בונטע מאַסע, וועלכע האָט זיכ שוינ פונ פריער אָנגעהויבנ פאַרייניקנ אינעמ „פאַרבאַנדנ-פאַרבאַנד" (ער האָט זיכ ענדגילטיק אויסגעבילדעט אָפּנ מאָסקווער צוזאַמענפאָר אינ מײַ), האָט ניט געהאַט קיינ געמיינזאַמע פּראָגראַמ, ניט קיינ געמיינזאַמע טאַקטיק. אינעמ פּאָליטישנ געביט זײַנענ זיכ אַלע „פאַרבאַנדנ" צונויפגעגאַנגענ בלויז אַפ איינ זאַכ — אַפ דער פאָדערונג צונויפצורופנ אַ גרינדונג-פאַרזאַמלונג; דאָס האָט אונטערגעשטראָכנ זייער ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ש נ כאַראַקטער אונ אָפּגעטיילט זיי פונעמ רעכטנ פליגל פונ די „אָסוואָבאָזשדיענצעס", וועלכער איז שוינ גרייט געווענ אויסצובילדנ זיכ אינ דער „קאָנסטיטוציאָנעל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי" (אָפּנ פאַשעטנ לאָשנ „קאַדעטנ"). וואָס האָט אינ אַ מער אָדער ווייניקער ריינער פאָרמ פאַרגעשטעלט די ב ו ר ז ש ו אַ ז י ש-ל י ב ע ר אַ ל ע ריכטונג. בענגייע דער טאַקטיק האָבנ די „פאַרבאַנדנ" ניט געקאָנט ניט דערלאָזנ זייערע מיטגלידער צו האַנדלענ, אינ טאָכ גענומענ, ווי יעדערער וויל: אויב די עסערנ וואָלטנ געמאַכט פאַר אַ מוז זייער טעראָריסטישע טאַקטיק, וואָלטנ זיי פאַרלאָרנ ניינ צענטל פונ זייערע „פאַרבינדעטע"; אינ דער עלביקער צײַט האָבנ די פרײַע אינטעליגענטנ געהאַלטנ פאַר אַ דערנידערונג פאַר זיכ צו אונטערוואַרפנ זיכ אַ פּראָלעטאַרישער דיסציפּלינ. באַגרענעצנ זיכ ווידער אויסשליסלעכ מיט דער לעגאַלער טאַקטיק פונ די צוקינפטיקע קאַדעטנ וואָלט געהייסנ אָפּזאָגנ זיכ פונ דער רעוואָלוציע, די „פאַרבאַנדנ" זײַנענ אָבער אָרט געווענ רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס. אַלס אַ מעטושטעשדיקע אידיי האָט שוינ דעמלט אָנגעהויבנ אויפּלומענ דער פּלאַנ פ ו נ אַ פּ אָ ל י ט י ש נ ש ט ר ײַ ק פ ו נ ד ע ר א י נ ט ע ל י ג ע נ צ, — סאָפּקאָלסאָפּ האָט זיכ אַרויסגעוויזנ, אַז דאָס איינציקע טויגבאַרע געווער איז דאָס פּראָלעטאַרישע. באַנוצט האָט מענ אָבער דאָס דאָזיקע געווער ערשט דעמלט, ווענ דער פּראָלעטאַריאַט האָט באַוויזנ אַ בײַשפּיל, ווי מע באַנייט זיכ מיט אימ, אונ נאָכגעטאָנ דעמ בײַשפּיל האָט פריער פונ אַלע פאַרבאַנדנ דער נאָענטסטער צומ פּראָלעטאַריאַט — דער פאַרבאַנד פונ די אײַזנבאַנער.

דער בײַשפּיל איז איבערגענומענ געוואָרנ ניט גיכ — ערשט צו האַרבסט. אינ פרילינג האָבנ די פאַרבאַנדנ ערשט אָנגעהויבנ אָרגאַניזירנ זיכ, אונ דאָס, וואָס טרעפּאָוו, וועמענ מע האָט נאָרוואָס באַשטימט פאַר אַ פּאָליציייִשנ דיקטאַטער פונ רוסלאַנד, האָט ניט אָנגענומענ קיינע שומ אויסעראָרדנטלעכע מיטלענ „אײַנצוצוימענ" זיי, האָט קלאָר באַוויזנ, וואָס פאַר אַ קנאַפּנ באַטײַט מע האָט אינ די הויכע ספערנ צוגעגעבנ דער נײַער פאָרמ פונ אינטעליגענטישער אָרגאַניזאַציע. יעדנפאַלס, איז אינ צאַרסקאָיע סעלאָ די שטימונג געווענ פונקט אַזאַ פרילינגדיקע, ווי דער וועטער. מוקדענ איז ביסלעכווײַז פאַרגעסנ געוואָרנ, אונ וויבאַלד מע האָט געפונ-

און באשטראפט דעמ שולדיקנ, ד. ה. קוראפאטקינענ, איז, הייסט עס, אלצ געווענ אינ ארדענונג. דעמ 15-טנ מײַ האט ניקאלײַ פארשריבנ, אז „עס איז געווענ זייער א גוטער פיקניק". דעמ זעלביקנ טאג האבנ זיכ אפ א מעהאלעכ פונ צענ טויזנט קילאמעטער אונטערגעגעבנ די יאפאניער די לעצטע רעשטנ פונעמ רוסישנ פלאט.

אויב ליאאיאנ איז געווענ א דורכפאל, מוקדענ א מאפאלע, איז צוסימע געווענ א קאטאסטראפע. דער נאמענ צוסימע איז איצט אזוי באוווּסט יעדנ מענטשנ אינ רוסלאנד, וואס קאנ לייענענ אונ שרײַבנ, אז עס לוינט קוימ צו דערקלערנ, אז עס האנדלט זיכ וועגנ דעמ גרעסטנ פונ די אינדזלענ אינעמ דורכגוס, וואס טיילט אפ קאריע פונ יאפאניע. דער גורל פונ דער יאפאנישער מילכאמע איז געלייזט געווארנ אפ דער זעלביקער גרענעצ, אפ וועלכער עס האבנ זיכ אמאל אפגעשטעלט די באגערנ פונ די „ראמאנאווס". ווענ ניקאלײַס פלאנ — באהערשנ קאריע — וואלט פארווירקלעכט געווארנ, וואלט אפ די ברעגנ פונעמ דאזיקנ דורכגוס געפלאטערט די רוסישע פאנ. איצט איז אנטקעגנ די דאזיקע ברעגנ די רוסישע פאנ ענדגילטיק אראפגעלאזט געווארנ. רוסלאנד האט אופגעהערט צו זײַנ א גרויסע שטילאקעאנישע מעלוכע.

מיר געדענקענ, אז דאס שיקנ אפנ ווײַטנ מיזרעכ די אזויגערופענע „צווייטע" עסקאדרע, אינ אקטיאבער 1904 יאר, איז געווענ דאס לעצטע אונ פארצווייפלטע מיטל ארויסצוראטעווענ דעמ באלאגערטנ פארט-ארטור, — דורכ געבנ א קלאפ פונ הינטנ דעמ יאפאנישנ פלאט, וואס האט בלאקירט פארט-ארטור. פארט-ארטור האט זיכ אונטערגעגעבנ, ווענ די עסקאדרע איז נאכ געווענ אינ העלפט וועג, אונ גיינ ווײַטער האט פאר איר ניט געהאט, אפאנעמ, קיינ שומ מענטשלעכנ זינענ. „פונ א מילכאמע אבער קערט מענ זיכ ניט אומ קיינ געשלאגענע" ניט נאר אפ דער טריקעניש, נאר אויכ אפנ יאמ. די עסקאדרע האט געמוזט גיינ פארויס, — גיינ, אייגנטלעכ, אפ א זיכערנ אומקומ.

צו אזא סאפ איז די עסקאדרע געווענ צוגעגרייט, ווי עס קאנ ניט זײַנ בעסער. לעכאטכילע איז זי באשטאנענ פונ נײַע פאנצערשיפנ, וועלכע זײַנענ צומ אנהייב מילכאמע נאכ ניט פארטיק געווענ. דאס זײַנענ געווענ שיפנ פונעמ לעצטנ מוסטער, אבער פונ רוסישער ארבעט, אונ דאס האט באטײַט, אז באמ אויסשטאטנ זיי האט מענ א סאכ מער געגאנוועט, איידער מע האט אויסגעגעבנ אפ דער אויסשטאטונג גופע; דערבײַ האט מענ זיי פארענדיקט בויענ אינ אײַלעניש, אונ דאס האט, פארשטייט זיכ, ניט מיטגעהאלפנ זייער פעסטקײַט. זייער עקיפאזש (די אפיצערנ אונ מאטראסנ) איז, לויט דער קוואליטעט, געשטאנענ פיל נידעריקער פאר די עקיפאזשנ פונ דער פארט-ארטורער עסקאדרע; פאר דער צווייטער עסקאדרע האט מענ געמוזט אויסנוצנ די רעזערוויסטנ אזוי, אז פונ דער זײַט האט זי דערמאנט קוראפאטקינס ארמיי. די מענטשנ, וועלכע זײַנענ געווענ צוגעוווינט צו פארנ אפ אלטע שיפנ, איז שווער געווענ זיכ צוגעוווינענ צומ לעצטנ ווארט פונ דער יאמ-טעכניק. באזונדערס שלעכט איז געווענ די ארטילערישע צוגרייטונג: העיויס ווי מע האט געכארגעט אפ הארמאטנ-קוילנ, האט מענ אפ דעמ גאנצנ וועג פונ פינישנ אײַנגוס ביז די ברעגנ פונ יאפאניע סאכאקל איינ מאל אײַנגעארדנט א לערנ-שיסערײַ. דאס איז, פארשטייט זיכ, געווענ ווינציק, אז די מאטראסנ זאלנ זיכ אויסלערנענ שיסנ. א בייזער אונ אנ אכזער, זייער ניט פאפולער צווישנ די אונטערגעארדנטע, איז דער אדמיראל ראזשדעסטווענסקי געווענ אנ אלטמאדישער שיפ-מאנ, וואס האט ניט פארשטאנענ די באדינגונגענ פונ דער מאדערנער יאמ-שלאכט. אינ דער דאזיקער

שלאכט, בא די אופרײס־שטאפנ, װעלכע זײנענ דערפונדנ געװארנ פאר דער לעצטער צײט, איז געפערלעכער פונ אלצ פאר דער שיפ געװענ א סרײפע: אנ עלעמענטארער קלאל איז דעריבער געװענ ארױפצוגעמענ פונ דער שיפ, װאס גײט אינ שלאכט, אלע הילצערנע טײלנ. אזױװי ראזשדעסטװענסקי האט שטארק געהאלטנ פונ אױסערלעכער „ארדענונג” אונ שײנקײט אפ זײנע פאנצערשיפנ, האט ער שטרענג פארװערט צו ברעכנ די הילצערנע אױבערבױענ אונ צו פארניכטנ דאס מעבל. מיר װעלנ באלד זענ, װאס דערפונ איז ארױסגעקומענ.

די אײגנשאפטנ פונ דער „צװײטער עסקאדרע” האבנ זיך אינ גאנצנ גלאנצ ארױסגעװיזנ נאך א לאנגע צײט פאר דעמ, אײדער זי האט דערזענ די ברעגנ פונ מיזרעכ־אזיע. זי האט קױמ באװיזנ ארױסצוגײנ פונ באלטישנ יאמ אינ צאפנדיקנ, צװישנ דײטשלאנד אונ ענגלאנד, באנאכט, האט זי זיך אנגעשטױסנ אפ ענגלישע פישער־שיפלעכ, װאס זײנענ ארױסגעגאנגענ פונ הול אפ פישפאנג. אײנעמ פונ די װאכ־אפיצערנ האט זיך אױסגעװיזנ, אז דאס זײנענ יאפאנישע מינענ־שיפלעכ, האט ער געהײסנ שיסנ. עס האט זיך אנגעהױבנ א שענדלעכע פאניק אונ מעהומע. די רוסישע שיפנ האבנ געשאסנ אינ אלע זײטנ, געטראפנ אײנע אינ דער צװײטער, דערהארגעט אונ פארװונדעט אײגענע, רוסישע אפיצערנ אונ מאטראסנ. געכאפט א כײלעק האבנ, פארשטײט זיך, אױכ די פישער־שיפלעכ, װאס א טײל פונ זײ איז דערטרונקענ געװארנ צוזאמענ מיטנ עקיפאזש. די רוסישע רעגירונג האט דערנאכ געמוזט ענטפערנ פאר אנ אינטערנאציאנאלנ געריכט אונ באצאלנ א גרױסע באלױנונג די פאמיליעס פונ די אומגעקומענע ענגלענדער.

דאס פאלנ פונ פארט־ארטור, װאס אינדערעמעסנ האט דאס באדארפט פירנ דערצו, אז די עסקאדרע זאל זיכ אומקערנ אהײמ, האט געדינט אלס אנ איבעריקער שטױס פאר איר אומקומ. אזױװי איצט האט זי ניט געקאנט האפנ אפ דער שטיצע פונ דער פארט־ארטורער עסקאדרע, איז באשלאסנ געװארנ צו „פארשטארקנ” זי מיט דערגאנצונגענ פונ רוסלאנד. אינ רוסלאנד אבער זײנענ פארבליבנ „אלטע קאלאשנ”, װאס האבנ קױמ־קױמ געטױגט פאר ברעג־שוץ, שטילגײענדיקע, מיט א שװאכנ פאנצער אונ מיט א פארעלטערטער ארטילעריע. זײ האבנ טאקע געבילדעט, אזױ צו זאגנ, די „דריטע עסקאדרע”. דער אדמיראל נעבאגאטאװ, װעלכער איז געװענ קאמאנדיר איבער איר, איז געװענ עטװאס פארשטאנדיקער פונ ראזשדעסטװענסקינ, דאס האט אבער בלױז געגעבנ דעמ רעזולטאט, װאס ער האט ניט דערלאזט דערטרינקענ זײנע שיפנ, נאר האט זײ בעשאלעמ אפגעגעבנ אינ געפענקעניש די יאפאניער.

באלעסטיקט מיט פארשײדנארטיקנ אלטנ בראכװארג, װאס האט מיט קײנ זאכ ניט מיטגעהאלפנ, נאר מער ניט שרעקלעכ געשטערט דעמ מאנעװרירנ פונ די נײסטע רוסישע פאנצער־שיפנ, דערצו א הײפש אױסגעמאטערטע פונעמ זעקסכאדאשימדיקנ שװימענ, מיט אנ אומדערפארענעמ, ניט געשולטנ עקיפאזש, האט זיכ ראזשדעסטװענסקיס עסקאדרע צונױפגעטראפנ אינ קארײיִשנ דורכגוס מיטנ אױסגעצײכנט צונױפגעשטעלטנ יאפאנישנ פלאט, נאר װאס פונ רעמאנט, מיט אנ עקיפאזש, װעלכער איז דורכגעגאנגענ אנ אױסגעצײכנטע שול נאכ אינ אנהײב מילכאמע, אונ האט איצט געהאט הינטער זיכ א יאר שלאכט־דערפארונג. װי שטענדיק, זײנענ די יאפאניער אינ צאל געװענ שװאכער פאר די רוסנ, אבער דא האט די קװאליטעט פולקומ קאמפענסירט דעמ מאנגל אינ צאל. פאר אנ אײנפאכנ אומדערפארענעמ בליק איז געשענ אנ עמעסער נעס: די שטאלענע רוסישע שיפנ זײנענ

פ א ר ב ר ע נ ט געוואָרנ פונ די יאַפּאַנישע באָמבעס. פאַרוואָס דאָס האָט געמוזט געשענ — ווייסנ מיר שוינ. דער שולדיקער אינ דער קאַטאַסטראָפע, אַלייג א פאַרווונדעטער, האָט אָבער ניט געוואָלט אומקומענ אפ איינעמ פונ די שטיטערהייפנס, וואָס ער האָט איינגעאָרדנט, ער האָט זיכ געפּרוווט ראַטעווענ אפ א מינענ־שיפל, און, אַז די יאַפּאַניער האָבנ אימ אָנגעיאָגט, האָט ער זיכ אונטערגעגעבנ אָנ א שלאַכט. געבאַנאַטאָוו האָט אפ מאָרגנ נאָכגעטאָנ ראָזשדעסטווענסקים בײַשפּיל, נאָר, האַגאַמע האָט אימ שפּעטער געמישפּעט שטרענגער, האָט ער געהאַט מער באַרעכטיקונגענ: ערשטנס, האָט ער מיט זײַנע „זעלבסטדערטרינקער" קיינ שומ האָפענונג ניט געהאַט צו קאָגענ אַוועקגיינ פונ די גיכ־נייענדיקע יאַפּאַנישע קרייסערס, און, צווייטנס, איז דאָס געהילצ אפ די שיפנ פונ זײַנ עסקאַדרע אַרויסגעוואָרפנ געוואָרנ אינ יאַמ, און דעריבער איז קיינ איינע פונ זיי ניט פאַרברענט געוואָרנ. דאָס לעבנ פונ עטלעכע טויזנט רוסישע מאַטראָסנ איז דערמיט געראַטעוועט געוואָרנ. קימאַט דער גאַנצער עקיפּאַזש פונ דער „צווייטער" עסקאַדרע איז אומגעקומענ — די רוסנ האָבנ פאַרלאָרנ בא 8 טויזנט מאַנ, אינ דער צײַט ווענ די יאַפּאַניער האָבנ פאַרלאָרנ וויניקער פונ 600. בלויז עטלעכע קרייסערס און הילפשיפנ האָט זיכ אײַנגעגעבנ צו אַנטלויפנ און צו באַהאַלטנ זיכ אינ נייטראַלע האַפנס, און בלויז איינ קליינער קרייסער איז דערלאָפנ ביז וולאַדיוואָסטאָק.

צוסימע האָט געמאַכט אפ דער „געזעלשאַפט", ד. ה. אפנ מאַטעריעל־געזיכערטנ טייל באַפעלקערונג, א פיל שטאַרקערנ אײַנדרוק, איידער מוקדענ. די מאַכט האָט פאַרויסגעזענ דעמ דאָזיקנ אײַנדרוק און האָט אויסבאַהאַלטנ די קאַטאַסטראָפע אַזוי לאַנג, וויפל עס איז נאָר געווענ מעגלעכ: דורכלאָזנדיק אינ די צײַטונגענ פאַרשיידענע ניט געשטויגענע און ניט געפלויגענע אָבער פאַר די רוסנ גינסטיקע קלאַנגענ פונ אויסלענדישע צײַטונגענ, האָט די מיליטערישע צענזור דרײַ טעג אויסבאַהאַלטנ די אָפיציעלע טעלעגראַמעס פונעמ יאַפּאַנישנ הויפּט־קאָמאַנדיר, דעמ אַדמיראַל טאָגאָ. דעריבער איז נאָכ שטאַרקער געווענ די ווירקונג פונעם עמעס, ווענ ער איז געוואָרנ באַוווּסט. גראָד דעמלט האָט זיכ פאַרזאַמלט אינ מאָסקווע א באַראַטונג פונ זעמסטווע־טוער, וואָס זײַנענ געווענ רעכטער פונ די „אָסוואָבאָזשדיענצעס". די באַראַטונג האָט געהאַט דעמ ציל צונויפצורייטנ זיכ ווענג דער אָרגאַניזירונג פונ דער צוקינפטיקער „פאָלק־פאָרשטייערשאַפט" (אפנ סמאַכ פונעמ מאַניפעסט פונ 18-טנ פעוורואַל). צוערשט האָט זי פאַר זיכ געשטעלט די מעסיקסטע אויפגאַבנ („אָפזאָגנ זיכ פונעמ שטאַנדנ־פּרינציפּ בא די וואַלנ" אַד״ג.), און אומגעריכטערהייט פאַר זיכ אַלייג און צומ שרעק פונ דער לאָיאַלער מינדערהײַט האָט זי א שפּרונג געטאָנ צומ „באַלדיקנ צונויפרופנ די פאָלק־פאָרשטייערשאַפט", וואָס זאָל אויסגעקליבנ ווערנ „דורכ אַלגעמיינער, גלײַכער, געהיימער און דירעקטער אָפּשטימונג". דער מינדערהײַט האָט זיכ מיט גרויס מאַטערניש אײַנגעגעבנ צו פאַרשמירנ די לעצטע פאָרמולע, וואָס איז אַבסאָליוט ניט אָנשטענדיק פאַר א פּריצישער פאַרזאַמלונג, און איינער א מיטגליד פונ דער דאָזיקער מינדערהייט ווייזט אָנ מיט ביטערקייט: „עס האָט זיכ געפילט, אַז די איבערוועגנדיקע מערהײַט רעדנער, ווי ביכלאַל אָנוועזנדיקע, רעכנט זיכ ניט אַזוי מיטנ באַוווּסטזײַנ פונ דער גייטיקײַט ווייכער צו מאַכנ די רייסערײַ און די סינע צווישנ דער מעלוכע־מאַכט און דער געזעלשאַפט און אָנצושטרענגענ אַלע קויכעס אפ צו שאַפנ א מעגלעכע איינקײַט צווישנ זיי, קעדיי צו פאַרפעסטיקנ דעמ פּרעסטיזש פונ אונדזער מעלוכע־מאַכט, וויפל זי געפינט זיכ אונטער דער ווירקונג פונעמ געדעכטנ, עפשער, געפיל פונ צאָרנ קעגנ

די מײסימ פונ דער רעגירונג, וועלכע האט ארײנגעצויגנ רוסלאנד אינ דער אומ־גליקלעכער און אומפארשטענדלעכער פארנ פאלק-באוווסטזיינ מילכאמע און האט געבראכט דאס לאנד צו אנ אינערלעכנ און אויסערלעכנ כורבנ".

די פריצימ, אויפגעבראכטע פונ דער אומטויגבארקייט פונ דער רעגירונג, האבנ די ערשטע רענע געוואלט גיינ אלע — די גאנצע פארזאמלונג — צו ניקאלײען און פאדערנ פונ אימ, ער זאל צונויפרופנ פאלק-פארשטייער אפנ גרונט פונ דער פיר־גלידערדיקער פארמולע. דער מינדערהײט האט זיכ קוימ מיט צארעס אײנגעגעבנ ניט צו דערלאזנ די דאזיקע „דעמאנסטראציע" און צו פארבײטנ די רײזע פונ דער גאנצער פארזאמלונג מיט שיקנ א קליינע דעלעגאציע, וועלכע האט דערלאנגט



די מאפאלע פונ דער רוסישער עסקאדרע אינ דער שלאכט בא צוסימע

דעמ צאר אנ אדרעס, א מער אדער ווייניקער „אנשטענדיקנ", דאס הייסט אזא, וועלכער איז געווענ אנגעשריבנ אינ געוויינלעכע קנעכטישע אויסדריקנ. דעמ 6/19 יונ האט ניקאלײ פארשריבנ: „נאכ די באריכטנ האב איכ אויפגענומענ אפ דער פערמע (אינ פעטערהאפ, ווו די צארישע פאמיליע האט געווײנט „אפ דאטשע") 14 מאנ שטאטישע און זעמסקע טוער פונעמ צוזאמענפאר, וואס איז מיט א קורצער צײט צוריק פארגעקומענ אינ מאסקווע". מער גארנישט. וואס האבנ מיט אימ גערעדט די „טוער", וואס האט ער געענטפערט, — וועגנ דעמ מאכט ער א שווײג, און ערשט אינ צוויי וואכנ ארומ האט זיינ עמעסע שטימונג געפונענ א געלעגנהײט אויסצודריקנ זיכ אינ זײנ טאגבוכ. דעמ 21-טנ יונ (אלטנ סטיל) שטייט פארשריבנ: „...איכ האב אויפגענומענ אפ דער פערמע דעמ סענאטער גארישקינ, דעמ גראפ באברינסקי, קירעיעוונ, פאוועל שערעמעטיעוונ, אנדערע און עטלעכע פויערימ מיט מעלדונגענ פונעמ פארבאנד פונ רוסישע לײט אלס קעגנגעוויכט צו די זעמסקע און שטאטישע טוער..."

די „טוער" האבנ זיכ אבער פארט ניט געקאנט באגיינ אנ א געמיטלעכנ

שמועס מיטנ צאר, — זייער „אופגעבראכטקייט“ האט געקלעקט נאר אפ אזויפיל, אז זיי האבנ זיכ געקליבנ בא דער דאזיקער געלעגנהייט ארויסצוזאגנ דעמ צאר כוצפעדיקע זאכנ, די דאזיקע קאוואנע זייערע האבנ זיי אבער ניט פארווירקלעכט. די אינטעליגענצ האט שוינ אפילע „ריידנ ניט געוואלט“. דער „פארבאנדנ-פארבאנד“, וועלכער האט זיכ פארזאמלט אינ די זעלבע טעג אינ דער זעלביקער מאסקווע, האט גערופנ ניט צו ריידנ, נאר צו „טאנ“, „טאנ, ווי איינער קענ אונ קאנ, ווי איינער איז פייִק אדער האלט פאר נייטיק לויט די פאליטישע איבערצײַגונגענ, ווי ער וויל — אבי טאנ. אלע מיטלענ זײַנענ איצט געזעצלעכ קעגנ דער שרעקלעכער געפאר, וועלכע שטעקט אינ דעמ עצעמ פאקט פונ דער ווײַטערדיקער עקזיסטענצ פונ דער איצטיקער רעגירונג, אונ אלע מיטלענ דארפנ אויסגעפרוווט ווערנ. מיר ווענדנ זיכ צו אלע געזעלשאפטלעכע גרופעס, פארטייענ, פארייניקטע ארגאניזאציעס, פריוואטע קרייזלעכ, צו אלע, וואס עס איז פאראנ אינ פאלק לעבעדיקס אונ פייִקס אפצורופנ זיכ אפנ ווייטעק, אפנ ברוטאלנ קלאפ, אונ מיר זאגנ: מיט אלע קויכעס, מיט אלע מיטלענ דערשלאגט זיכ, עס זאל גלײַכ באזײַטיקט ווערנ די באנדע רויבער, וואס האט פארכאפט די מאכט, אונ שטעלט אוועק אפ איר ארט די גרינדונג-פארזאמלונג“. דער קאמפלימענט פונ פארגלײַכנ די „ראמאנאווס“ מיט א באנדע רויבער איז ניט דערגאנגענ צו ניקאלײַענ אויערנ, אונ אויב ער וואלט יא דערגאנגענ, וואלט ער זיכ קוימ דערשראקנ פאר דעמ דאזיקנ שטורעמ אינ א גלאז וואסער. אינגיכנ זײַנענ אבער צו אימ דערגאנגענ אזעלכע יעדיִעס, פאר וועלכע מע האט זיכ ניט געקאנט ניט דערשרעקנ. אויב די שטאטישע אונ די זעמסקע טוער האט ער געשענקט אינ זײַנ טאגבוכ איינ שורע, אונ דער אינטעליגענצ אפילע קיינ איינע ניט, זײַנענ גאנצע זײַטלעכ פונעמ דאזיקנ טאגבוכ געווידמעט דער פאנצער-שיפ „פאטיאמקינ טאווריטשעסקי“. דעמ דאזיקנ נאמענ האט ניקאלײַ, ניט ווי די נעמענ פונ די „טוער“, גוט פארגעדענקט.

אז די מילכאמע האט זיכ ניט געקאנט אפשפיגלענ אפ דער שטימונג קוירעמקאל פונעמ מ י ל י ט ע ר — דאס איז געווענ קלאר פונ זיכ אליינ. סימאנימ, שלעכטע פאר די „ראמאנאווס“, האבנ זיכ שוינ באוויזנ גאנצ לאנג. שוינ אינ דער מוקדענער שלאכט זײַנענ געווענ פאלנ, ווענ די סאלדאטנ האבנ צעשאסנ אפיצערנ, וואס האבנ זיכ געפרוווט מיט רעוואלווער-שאסנ אומקערנ די, וואס אנטלויפנ, אונ טרײַבנ זיי צוריק אינ פײַער. דאס גיכע אונטערגעבנ זיכ נעבאגאטאווס אונטער צוסימע האט מענ דערקלערט ניט בלויז מיט דער טעכנישער אומזיניקייט פונ דער ווײַטערדיקער שלאכט, נאר אויכ מיט דעמ, וואס די מאטראסנ פלעגנ זיכ אפזאגנ אומצוקומענ אומזיסט-אומנישט; אונ גראד אפ נעבאגאטאווס בעסטער פאנצער-שיפ זײַנענ די אפיצערנ געשטאנענ פאר דער ברייִרע: אדער אראפלאזנ די פאנ, אדער אראפגעלאזנ ווערנ אינ יאמ דורכ דער קאמאנדע. אינעמ פלאט האט זיכ די דאזיקע שטימונג, וועלכע עס איז נאכ פרי געווענ אנצורופנ „רעוואלוציאנערע“, אבער וואס האט אנ אנ אפהאלט געשטרעבט צו ווערנ אזא, ארויסגעוויזנ פיל שטארקער, איידער אינ דער יאבאשע-ארמיי. דאס האט זיכ געלאזט דערקלערנ מיטנ סאציאלנ באשטאנד פונ דער מאטראסנ-מאסע. א מאדערנע שיפ, מיט אנ א שיר קאלעריי מעכאניזמענ (אלע אירע קאלאסאלע הארמאטנ, לעמאשל, ווערנ באוועגט מיט דער הילפ פונ מאשינעס) איז זייער ענלעכ צו א פאבריק. דער זאוואד-ארבעטער וועט זיכ אנ אנ ערעכ גיכער אריענטירנ אונ באהערשנ זי, איידער דער פויער, וועלכער האט קיינמאל אינ זײַנ לעבנ ניט געארבעט ארומ מאשינעס. אכוצ דעמ, קומט קיינ-

מאָל ניט אויס צו באַנוצנ זיכ מיטנ פלאָט קעגנ דעמ „אינערלעכנ סוינע״: פאָליטישע „קאָשערקייט״ האָט מענ דעריבער געהאַלטנ ווייניקער נייטיק פאַרנ מאַטראָס, איידער פאַרנ יאַבאָשע־סאָלדאַט, וועמענ עס האָט געקאָנט אויסקומענ צו שיסנ אינ שטרײַקער אָדער מאַניפעסטאַנטנ. צוליב די דאָזיקע אַלע סיבעס פלעגט די מאַכט מיט מער כיישעק שיקנ אַרבעטער אינ פלאָט, אונ פויערימ אינ דער יאַבאָשע־אַרמײ. ניקאָלײַ דעמ II־טנס פלאָט איז דעריבער געווענ דער אמערסטנ פּראָלעטאַרישער טייל פונ זײַנ באַוואָפנטער קראַפט.

קומענדיק אינ שטענדיקער באַרירונג מיט די קאָמאַנדעס פונ אויסלענדישע שיפנ (ווו מע האָט געקאָנט באַגעגענענ אויכ רוסישע עמיגראַנטנ), מיט האַפנ־אַרבעטער, ווייניקער באַוווּסטזיניקע, איידער די זאַוואָדישע אָדער פאַבריק־אַרבעטער, אָבער מער „ברויזנדיקע״, מער דורכגעדרונגענע מיטנ סטיכייִשנ אַנאַרכיזמ פונ דער לומפּנ־פּראָלעטאַרישער מאַסע, איז דער דאָזיקער טייל פונעמ מיליטער געווענ אויכ מער רעוואָליוציאָנער. באַזונדערס די רעזערוויסטנ, וועלכע זײַנענ ערשט נעכטנ אַראָפּגענומענ געוואָרנ פונ די פאַבריקנ אונ זאַוואָדנ, פלעגנ ברענגענ אויפ דער שיפ אינ דער גאַנצער פרישקייט די „שטרײַקערישע״ שטימונג. אונ די דיסציפּלינ אינעמ פלאָט איז געווענ א מער שטרענגע אונ נאָכ מער ליבייגנטימערישע, איידער אינ דער יאַבאָשע־אַרמײ. אינ קאַזאַרמע זײַנענ די אָפיצערנ אָפּגעטיילט פונ די סאָלדאַטנ, זײ טרעפנ זיכ מיט זײ אויסשליסלעכ באַמ אויספילנ די דינסט־פליכטנ. אויפ דער שיפ לעבנ אַלע צוזאַמענ, די מאַטראָסנ האָבנ אויסגעצייכנט געוווּסט אַלע סוידעס פונעמ פּריוואַטנ לעבנ פונ די אָפיצערנ אונ פלעגנ זיכ צוגעוווינענ צו פאַראַכטנ זײ. אינ דער זעלביקער צײַט האָט זיכ דער דרוק פונעמ אָפיצערנטומ געפילט א סאַכ שטאַרקער, ער איז ווי א שווערע לאַסט געלעגנ איבערנ גאַנצנ שטײגער, איבער גאַנצנ פערזענלעכנ לעבנ פונעמ מאַטראָס, ניט נאָכ צו דערצו, אַז דאָס יאַמ־אָפיצערנטומ פונ די צאַרישע צײַטנ איז געווענ א סאַכ מער אַנ אַדעליקס, איידער דאָס יאַבאָשע־אָפיצערנטומ — די בורזשואַזע עלעמענטנ פלעגנ לויט דער טראַדיציע (אַלטער געוווינהייט) קימאַט ניט אַרײַנדרינגענ אינ יאַמ־קאָרפּוס, נאָכ א גרעסערנ פּראָצענט אָפיצערנ־אַדעליקע האָט מענ געקאָנט געפינענ בלויז אינ דער גוואַרדיע — אונ איר וועט פאַרשטײנ, פאַרוואָס דער פלאָט איז אָנ אַנ ערעכ מער געווענ גרייט צו א רעוואָליוציאָנערנ אויסברוכ, איידער וועלכער־ניט־איז אַנדער טייל פונ ניקאָלײַס שלאַכט־קראַפט.

נאָכ ביזנ 9־טנ יאַנוואַר איז אינ שוואַרציאַמישנ פלאָט פאָרגעקומענ א שטאַרקע רעוואָליוציאָנערע יווירונג אונ עס האָבנ געאַרבעט רעוואָליוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס. דער פּרווו צו מאָביליזירנ א טייל שוואַרציאַמישע מאַטראָסנ אויפ פאַרפולנ די עקיפּאַזשנ פונ ראָזשדעסטווענסקיס עסקאַדרע האָט אַרויסגערופנ דעמאָנסטראַציעס קעגנ דער מילכאָמע אונ א מינ מאַטראָסנ־שטרײַק. די מאַכט איז געצוווּנגענ געווענ אָפּצוזאָגנ זיכ פונ דער מאָביליזאַציע. אינ נאָיאַבער 1904 יאָר איז דערגאַנגענ ביז אַנ אויפרײַס. דער מאָטיוו איז געווענ די „שטרענגקייטנ״, וואָס דער נײַער קאָמאַנדיר פונ שוואַרציאַמישנ פלאָט, דער אַדמיראַל טשוכנינ, האָט אײַנגעפירט: ניט דערלויבנ אַרויסצוגײנ די מאַטראָסנ פונ די קאַזאַרמעס אאוו. די מאַטראָסנ האָבנ זיכ אויפגעהויבנ מיט דער גאַנצער קראַפט אונ — א כאַראַקטעריסטישער שטריכ — זײ האָבנ זיכ קוידעמקאָל א וואָרפ געטאָנ אויפ די אָפיצערישע קוואַרטירנ, וועלכע זײ האָבנ צעגראָמירט. די, וואָס האָבנ דאָס געזענ, דערציילנ, אַז בײַ די אָפיצערנ איז קײנ אײנ גאַנצע שויב ניט פאַרבליבנ. דאָס איז כאַראַקטעריסטיש דערפאַר, ווײַל דאָס

באווײַזט, ווי די מאטראָסנ-באוועגונג האָט פונ סאמע אָנהייב אָנגענומענ א קלאסנ-כאראקטער.

די באוועגונג איז ניט געווענ אָרגאניזירט, די מאטראָסנ האָבנ ניט געהאט קיינ גענויער, אונ עטלעכע שאָסנ פונ דער קאָמאנדע פונעמ קרייסער „פאמיאט מערקוריא", וואָס איז געבליבנ „טרײַ דעמ כוויזו" (ביימ ניקאָלײַעס רײַזעס אפנ שווארצנ יאמ פלעגט דער קרייסער דינענ פאר א צארישער יאכטע, דעריבער האָט מענ דאָרט דעמ עקי-פאזש, דאָרפ מענ גלייבנ, אָפגעקליבנ באזונדערס „זאָרגזאמ"), האָבנ צעטריבנ די אופגעשטאנענע. אָבער נאָכ דעמ האָט זיכ פאר די רעוואָליוציאָנערע אָרגאניזאציעס געעפנט נאָכ א מער ברייט פעלד פאר זייער טעטיקײַט. צו פעווראל 1905 יאָר האָט די דאָזיקע טעטיקײַט אפ אזויפיל אָנגעהויבנ באאומרויִקנ די מאכט, אז זי האָט זיכ מאטריִעב געווענ צוגויפשטעלנ א לאנגנ ספעציעלנ אופריפ, ווו זי האָט זיכ געפרווט דערקלערנ די מאטראָסנ, אפ ווי ווײַט עס זײַנענ ניט אויסגעהאלטנ די „שעדלעכע לערעס, וואָס זײַנענ זייער געפערלעכ סײַ פארנ אָפהיטנ די מאָראל סײַ פארנ געזעלשאפטלעכנ וווילשטאנד אונ אָרדענונג, וואָס זיכערט די געפארלאָזי-קײַט". דער אופרופ, וואָס האָט איידעס געזאָגט גלײַכצײַטיק סײַ וועגנ דער פאניק פונ די קאָמאנדירנ סײַ וועגנ זייער דורכויסיקער אמעראצעס, האָט געמוזט זייער פריילעכ מאכנ די מאטראָסנ אונ אופמונטערנ די רעוואָליוציאָנערע אָרגאניזאציעס, וואָס האָבנ זיכ אָנגעהויבנ אויסבילדנ צווישנ זיי.

נאָכ צוסימע, צו זומער 1905 יאָר, האָט זיכ די שטימונג אפ אזויפיל אופגע-הויבנ אונ די אָרגאניזאציעס האָבנ זיכ אפ אזויפיל פארפעסטיקט, אז אינ שווארצ-יאמישנ פלאָט הייבט זיכ אָנ אויסבילדנ א ווירקלעכע פארשווערונג, וואָס האָט זיכ געשטעלט דעמ ציל אופצוהייבנ דעמ גאנצנ פלאָט ביימ די מאנעווערס („פראק-טישע שיסערײַ"), וואָס האָבנ געדארפט פאָרקומענ אינ יונ. צו דער צײַט זײַנענ רעוואָליוציאָנערע קרײַזלעכ געווענ ניט בלויז אינ פלאָט ביכלאל, נאָר קימאט אפ יע-דער איינצלנער שיפ, — אונ אפ איינקע פאנצער-שיפנ האָט מענ מיט אייגענע מיטלענ געדרוקט אופרופנ אונ פלוג-בלעטלעכ. די „פראקטישע שיסערײַ" איז גע-ווענ א באזונדערס באקוועמער מאָמענט ניט בלויז דערפאר, וואָס אינ דער צײַט זײַנענ אלע שיפנ געווענ צוזאמענ אונ די פראָפאגאנדירטע קאָמאנדעס האָבנ לײַכט געקאָנט מיטציִענ מיט זיכ די ניט פראָפאגאנדירטע, נאָר אויכ דערפאר, ווײַל אפ דער שיסערײַ האָבנ די שיפנ גענומענ מיט זיכ א פולנ רעזערוו שרויט אונ קוילנ, אונ די אופגעשטאנענע וואָלטנ געקאָנט באקומענ ניט פאָשעט א פלאָט, נאָר א פלאָט א *באוואָפנטנ*, א גרויזאמער פאר יעטווידער האפנ פונ שווארצנ יאמ אונ אזא, וואָס איז גרייט צו אונטערשטיצנ מיט א מעכטיקער האנט דעמ אופ-שטאנד אינ איינעמ פונ די דאָזיקע האפנס. בא אזוינע באדינגונגענ האָט דער אופשטאנד פונעמ שווארציאמישנ פלאָט געקאָנט ווערנ א סיגנאל צו א באוואָ-פנטנ אופשטאנד איבער גאנצ רוסלאנד. דערופ טאקע האָט מענ אויסגערעכנט.

צומ באדויערנ, האָט אויכ אינעמ שווארציאמישנ פלאָט אינ יונ 1905 יאָר, פונקט ווי צווישנ די פעטערבורגער ארבעטער אינ הארבסט פונעמ פאָריקנ יאָר, אויסגעפעלט דער וויכטיקסטער באדינג פאר א דערפאָלג — די *איינהײַט* פונ *רעוואָליוציאָנערער האנדלונג*. צווישנ די מאטראָסנ-אָרגאני-זאציעס זײַנענ געווענ אי עסדעקישע אי עסערישע אי אנארכיסטישע. קיינ שאָ-לעמ צווישנ זיי איז ניט געווענ. די עסערנ אונ די אנארכיסטנ האָבנ, אויסרעכנ-ענדיק הויפטזאכלעכ אפ דער שטימונג, געשטרעבט צו פארגיכערנ דעמ אופרײַס.

די סאָציאַל-דעמאָקראַטן, וואָס האָבן מער פון אַלץ געזאָרגט וועגן שאַפן אַ פעסטע אָרגאַניזאַציע, האָבן אים אָפּגעצויגן. ניט קיין גרויסע פּאָליטישע פירער, ניט ווייניקסטנס קיין מענטשן, וואָס קאָנען טעכניש אָנפירן מיט אַ מיליטעריש-יאַמישער אַרויסטרעטונג, האָט קיינער פון זיי ניט געהאַט. די אָנפירער פון די קרייזלעך זיינען געווען געוויינלעכע פּראָפּאַגאַנדיסטן און אַגיטאַטאָרס, אַ פּראַכטפולע מאַטעריאַל אין די הענט פון אַ שטאַרקער, באַהעפטער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע, — אָבער זיי האָבן בעשומויפן ניט געקאָנט פאַרבייטן אַזאַ אָרגאַניזאַציע. אַלץ, וואָס זיי האָבן געקאָנט דערגרייכן, איז געווען — אונטערהאַלטן מיט זייערע רעדעס די רעוואָלוציאָנערע שטימונג. זיכערן באָטש איינס ערנסטן דערפאָלג זיינען זיי ניט געווען בעקויעך. און די מאַטראָסן-מאַסע, ווי יעטווידער אַנדער מאַסע, האָט אַלע דערפאָלגן געשאַצט העכער פון די אַלערליי רעדעס.

סאָפּקאָלסאָפּ איז די גלייכצייטיקע אַרויסטרעטונג פונעם גאַנצן פלאָט אַרונטערגעריסן געוואָרן. עס איז אויפגעשטאַנען איין שיף, — אָבער אויב דער אויפשטאַנד פון אָט דער שיף האָט געגעבן אַן עפעקט, לויט וועלכן מע קאָן אורטיילן, וואָס עס וואָלט געגעבן אַן אויפשטאַנד פונעם גאַנצן פלאָט, ווען ער זאָל געווען פאָרקומען. דער אויפשטאַנד פון דער דאָזיקער שיף איז געוואָרן איינע פון די גרעסטע דאַטעס אין דער רעוואָלוציע פון 1905 יאָר.

אויף דער דאָזיקער שיף האָט מען ווייניקער פאַר אַלץ געהאָפט און די אָנפירער פונעם אויפשטאַנד האָבן פאַר איר מער פון אַלץ מוירע געהאַט. זיי האָבן מוירע געהאַט דערפאַר, ווייל דאָס איז געווען די סאַמע נייסטע און די סאַמע שטאַרקסטע צווישן די פּאַנצער-שיפן פונעם שוואַרציאַמישן פלאָט. זי איז געווען אַ סאַך שטאַרקער פון יעטווידער אַנדער באַזונדערער פּאַנצער-שיף און איז געווען שרעקלעכער אפילו פאַר זיי אַלעמען צוזאַמען גענומען, ווייל זי האָט פאַרמאָגט האַרמאַטן פון פאַרפולקומסטן טיפּ, וואָס האָבן געשאָסן ווייטער ווי די האַרמאַטן פון די אַלטע פּאַנצער-שיפן. „פירשט פּאָטיאָמקין טאַווריטשעסקי" — אַזוי האָט געהייסן די דאָזיקע שיף — האָט געקאָנט צעשיסן יעטווידער אַלטע פּאַנצער-שיף, און אַליין בלייבן ניט אָנגערירט פון איר.

די מאַכט האָט געשעצט די דאָזיקע אייגנשאַפט פון דער נייער פּאַנצער-שיף און האָט זאָרגזאַם צוגעקליבן פאַר איר סיי די קאָמאַנדע סיי די קאָמאַנדירן. קאָמאַנדירן זיינען אַהער באַשטימט געוואָרן פון די סאַמע אַכזאָריעסדיקע טאַליאָנים פונעם שוואַרצן יאַם. זיי האָבן איינגעפירט אויף „פּאָטיאָמקין" אַן „אייזערנע דיסציפּלין" — וואָג ניט אַ פּיפּס טאָג. און קעדיי צו פאַרלייכטערן זייער אויפגאַבע, האָט מען אינעם באַשטאַנד פון עקיפּאַזש ווי ווייט מעגלעך אָנגעמערקט רעקרוטן, וועלכע די רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע האָט נאָך ניט באַוויזן אָנצורירן. אינגאַנצן האָט זיך זיי דאָס ניט איינגעגעבן צו דערגרייכן: אָן אַ גוט געשולטן אונטערשטן טעכנישן פּער-סאָנאַל איז אוממעגלעך געווען צו שווימען. און צווישן דעם דאָזיקן פּערסאָנאַל איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע, ווי אויף אַנדערע שיפן. אָבער די ווירקונג פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע אויף „פּאָטיאָמקין" איז געווען שוואַכער, איידער אויף אייניקע אַנדערע שיפן. די עסעריש-אַנאַרכיסטישע טעאָריע פון „שטימונג" האָט דאָ געהאַט פאַר זיך אַ מער רייכערן באָדן, איידער וואו-ניט-איז אַנדערש. און די סאָציאַל-דעמאָקראַטן האָבן דאָ געהאַט אַ קלענערע ווירקונג און צו אָנפירן גראַד מיט „פּאָטיאָמקינער" איז מען געווען ווייניקער פאַר אַלץ צוגעגרייט.

פונ א „שטימונג“-אופרײס, וואָס איז, פאַרשטייט זיכ, צוגעגרייט געוואָרנ דורכ דער רעוואָליוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע (ריידנ וועגנ רייִנער „סטיכייִשקײט“ קומט דאָ בעשומויפנ ניט אויס) — האָט זיכ עס אפ „פּאָטיאָמקינענ“ טאַקע אָנגעהויבנ. זײענדיק צוגעוווינט צו איזדעקעוועננ זיכ איבער דער אָנגעשראָקענער מאַסע רעקרוטנ, האָבנ די קאָמאַנדירנ איבערגעבויגנ דעמ שטעקנ. אפ דער שיפ האָט מענ געבראַכט פלייש מיט ווערעמ. די באַוווּסטזיניקע מאַטראָסנ האָבנ טייקעפ אָנגעוויזנ די כאַווייריִמ, מיט וואָס מע קלײבט זיכ זיי אָנקאָרמענ. אָבער דאָכ פלייש האָט געקויפט אַנ אָפיצער, — עס האָט אימ געלוינט, דאַרפ מענ מיינענ, — דער „פרעסטיזש פונ דער מאַכט“ האָט געפאָדערט, אַז דאָס פלייש זאָל טויגנ. דער שיפ-דאָקטער האָט טייקעפ אָנערקענט, אַז א באָרשטש פונ דעמ דאָזיקנ פלייש קאָנ מענ קאָכנ. די מאַטראָסנ האָבנ זיכ אָפּגעזאָגט צו עסנ דעמ באָרשטש. דער מאַכט האָט זיכ אויסגעוויזנ, אַז דאָס איז אַנ אויסגעצייכנטע געלעגנהײט „ארויסצווייזנ די מאַכט“. „די בונטאַרעס“ האָט מענ ארויסגערופנ אפנ שיפ-דעק אונ נאָכ א קורצער אונ אבסאָליוט ניט ווירקזאַמער „אײנרײדעניש“ האָט מענ באַשלאָסנ, אַז מע זאָל א מענטשנ דרייסיק „פאַר א מוסטער“ גלײכ אפנ אָרט צעשיסנ, — מע האָט פּאָשעט גענומענ אפנ קוק, פונעמ האַמוינ, דעמ ערשטנ, ווער עס האָט זיכ געמאַכט. די, וואָס האָבנ געזענ, פאַרזיכערנ, אַז פונ די דאָזיקע דרײסיק האָבנ א סאַכ אפילע זיכ ניט אָפּגעזאָגט צו עסנ אָט דעמ פאַסקודנעמ באָרשטש. אַזא קאָמבינאַציע פונ העכסטער אַכזאָריעס מיט דער סאַמע פּרעכער אומגערעכטיקײט האָט געקאָנט אופהייבנ די סאַמע אומבאַוווּסטזיניקסטע מאַסע אינ דער וועלט. דער ארויסגערופענער קאַראַול האָט זיכ אָפּגעזאָגט צו שיסנ, אונ די ווידער, וועמענ מע האָט געוואָלט שיסנ, האָבנ זיכ א וואָרפ געטאָנ צו די ביקסנ אונ פאַטראָנעס אינ „באַטאַרײ-דעק“ (שיפ-קאַזאַרמע, ווו עס לעבנ די מאַטראָסנ). די קאָמאַנדירנ האָבנ זיכ פאַרלאָרנ פונ אַזא אומגעריכטער מײַסע אונ האָבנ אַליינ אָנגעהויבנ שיסנ. אייניקע פונ די באַוווּסטזיניקע מאַטראָסנ איז דערהאַרגעט געוואָרנ. אָבער אינ עטלעכע רעגעס ארומ זײנענ שוינ די, וואָס האָבנ געשאָסנ, געוועזנ ארײנגעשלײדערט אינ יאַמ. „פּאָטיאָמקינ“ איז ארײנגעפאַלנ אינ די הענט צו די רעוואָליוציאָנערנ קימאַט אומגעריכט פאַר דער קאָמאַנדע אונ אבסאָליוט אויסער יעטווידער פאַרבינדונג מיטנ אופשטאַנד-פּלאַנ. ער איז בײמ-מיסע געשטאַנענ אפנ אָרט פונ דער „פּראַקטישער שיסערײ“ אײנער אַלײנ — די איבעריקע שיפנ האָבנ נאָכ ניט באַוויזנ זיכ צונויפזאַמלענ. ער האָט שוינ אָבער געהאַט א פולנ קאָמפּלעקט האַרמאַטנ-קוילנ, — עס איז געבליבנ אויסצונוצנ כאָטש אימ, אַלס א שלאַכט-קראַפט. „פּאָטיאָמקינ“ האָט זיכ אָוועקגעלאָזנ קײנ אָדעס — די „פּראַקטישע שיסערײ“ איז פאַרגעקומענ ניט ווײט פונ אָט דעמ האַפנ.

אינ אָדעס איז דעמלט פאַרגעקומענ א שטרײק, וואָס האָט דערגרייכט א גרויסע געשפּאַנטקײט אונ וואָס האָט אָנגעהויבנ סטיכייִש אריבערגײנ אינ א באַוואָפנטנ אופשטאַנד. דאָס מיליטער האָט פיל מאָל אָנגעהויבנ שיסנ, קעדײ צעטרײבנ די מאַניפעסטאַציעס פונ די ארבעטער אונ יוגנט; קאָרבאַנעס פונ דער שיסערײ האָט מענ געציילט אינ די הונדערטער. אַלס ענטפער האָט זיכ געלאָזט הערנ א שיסערײ פונ צווישנ די מאַניפעסטאַנטנ, אונ מע האָט אָנגעהויבנ וווּנימ-ווו בויענ באַריקאַדעס. אינ מיליטער זײנענ שוינ געווענ פּראָפּאַגאַנדירטע סאָלדאַטנ, וואָס האָבנ געהאָפט מיטציענ מיט זיכ די מאַסע — אַבי נאָר די כאַווייריִמ זאָלנ דערזענ, אַז די רעוואָליוציע פאַרמאָגט א רעאַלע קראַפט. צו וואָס עס

וואָלט געבראַכט, ווענ אינ אָדעסער פּאָרט זאָל געווענ קומענ דער אופגעשטאַנענער שווארציאַמישער פלאָט אינ פולשטענדיקער שלאַכט-גרייטקייט, איז שווער אפילע זיכ פאָרצושטעלנ. א באַוואָפנטער אופשטאַנד קעגנ דעמ צאַריזמ וואָלט זיכ ווירקלעכ געקאָנט אָנהייבנ מיט א האַלב יאָר פריִער, — אונ דער צאַריזמ אַליינ, ווי מיר וועלנ באַלד זענ, איז געווענ גרייט דערצו. אָבער אויכ דאָס, וואָס עס האָט זיכ באַוויזנ „פאָטיאָמקינ" אַליינ, האָט גוואַלדיק אופגעהויבנ די שטימונג פונ די שטרייקנדיקע אונ האָט אַרייַנגעבראַכט אינ א פאַנישער שרעק די „מאַכט", וואָס האָט געקעמפט קעגנ דעמ שטרייק. די פאַניק האָט זיכ באַזונדערס פאַרשטאַרקט, ווענ די אופגעשטאַנענע שיפ האָט, אַלס ענטפער אפ א געוויסנ פאַסיוונ — ווידערשטאַנד מיצאַד דער זעלביקער „מאַכט", געגעבנ עטלעכע שאָסנ אפ דער שטאָט — אַבסאָליוט רעזולטאַטלאָזע, ווייל די שיפ-אַרטילעריסטנ האָבנ בעפיירעש ניט געוואָלט שיסנ אונ האָבנ אפ פאַרשיידענע אופאַנימ סאַבאָטירט דאָס באָמבאַרדירנ די רעגירונג-געביידעס, וואָס דאָס האָט אָנ שומ סאָפעק געקאָנט מאַכנ א קאָלאָסאַלנ אייַנדרוק. דאָס איז שוינ געווענ זייער א שלעכטער סימפטאָמ. נאָכ ערגער איז געווענ דאָס, וואָס צווישנ די רעוואָליוציאָנערנ האָט זיכ ניט געפונענ קיינ איינ מענטש, וועלכער זאָל פייִק זיינ אָנצופירנ מיט דער שיפ. די מיטגלידער פונ דער שיפ-אָרגאַניזאַציע זיינענ געווענ אָדער קליינע טעכניקער אָדער פּאָשעטע מאַטראָסנ. די סאָציאַלדעמאָקראַטישע „קאָמיטעט-לייט", וואָס זיינענ געקומענ פונ שטאָט, האָבנ פאַרשטאַנענ אינ יאַמ-איניאָנימ נאָכ ווייניקער. עס איז אויסגעקומענ איבערצוגעבנ די קאָמאַנדע איינעמ פונ די נאַנצ געבליבענע אָפיצערנ, וועמענ די מאַטראָסנ האָבנ געטרויט, ווייל זיי האָבנ אימ געהאַלטנ פאַר אַנ אָנשטענדיקנ מענטשנ, אָבער ער איז לאַכלוטנ ניט געווענ קיינ רעוואָליוציאָנער. ער האָט געפאָלגט דעמ שיפ-קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנענ פונ די סאַמע באַוווּסטזיניקע מאַטראָסנ, אָבער קיינ שומ איניציאַטיוו האָט ער, פאַרשטייט זיכ, ניט אַרויסגעוויזנ.

די פאַניק פונ דער מאַכט איז, אַזוי־אַרום, געווענ א ביסל פריצייטיק, — אָבער די דאָזיקע פאַניק אַליינ איז געווענ זייער א גינסטיקער אומשטאַנד פאַר די רעוואָליוציאָנערנ, ווענ עמעצער פונ זיי וואָלט זי געקאָנט אויסנוצנ. מיט דער אופגעשטאַנענער שיפ האָט מענ אָנגעהויבנ פירנ פאָרמעלע אונטערהאַנדלונגענ, ווי מיט א „קריג-פירנדיקער מעלוכע". דעמ קערפער פונעמ רעוואָליוציאָנער דעמ מאַטראָס, וואָס איז דערהאַרגעט געוואָרנ בייסנ אופשטאַנד, האָט מענ אָפגעפירט אפנ ברעג, אונ דאָ האָט גאַנצ אָדעס אָנטייל גענומענ אינ זיינ לעווייע. עמעס, די „מאַכט" האָט געהאַט איר טאַקטיק. זי האָט אויסגעוואַרט: מיט דער יאַבאָשע האָט מענ צוגעפירט שווערע אַרטילעריע (לייכטע איז, פאַרשטייט זיכ, געווענ אָנמעכטיק קעגנ דער פאַנצער-שיפ), אפנ יאַמ האָט זיכ באַוויזנ די סעוואַסטאָפּאָלער עסקאַדרע, וואָס איז געשיקט געוואָרנ „אייַנשטילנ" די צעבונטעוועטע שיפ.

עס האָט געטראָפנ אַזוי, אַז דער אָנקומ פונ דער עסקאַדרע איז געווענ די סיבע פונעמ העכסטנ — אָבער אויכ דעמ לעצטנ — טריומפ פונעמ אופשטאַנד. מיר ווייסנ שוינ, אַז די איבעריקע שיפנ זיינענ אויכ געווענ צעפראָפּאַגאַנדירט, איינציקע בעסער, איידער „פאָטיאָמקינ". עמעס, די אומגעריכטקייט פונ „פאָטיאָמקינס" אַרויסטרעטונג האָט צעשטערט דעמ גאַנצנ פּלאַנ, אונ צו אַנ אופשטאַנד אפ אַנדערע פאַנצער-שיפנ איז מענ נאָכ ניט געווענ גרייט; אָבער נאָכ

וויניקער איז מענ, פארשטייט זיכ, גרייט געווענ אײַנצושטעלנ דעמ אופשטאנד. די יאמ-קאמאנדירנ האבנ אצינד זיכ צוגעאײַלט צו באהאלטנ דעמ וואלפישנ-פּיסק און האבנ באוויזנ דעמ פוקסענעמ עק: אפילע מיט די אופגעשטאנענע פּאטיאמקינצעס האבנ זיי גערעדט מיט סיגנאלנ און דורכנ טעלעגראפ מיט אנ אויסערגעוויינלעכער צערטלעכער שטימ, גערופנ זיי „גאלדענע שווארציאמלײַט”. פארדעכטיקע מאטראסנ האט מענ מאסנווײַז באפרײַט אינ רעזערוו און ארויסגעזעצט אפנ ברעג, ביימ פריִער איז דער שטייגער געווענ ארופזעצנ די פארדעכטיקע אינ דער ערשטער רײ אפ די שיפנ, ווו זיי זאלנ זיכ געפינענ אינ א „צוימ”. אבער מיט קיינע שומ שפּיצלעכ האט מענ ניט געקאנט צווינגענ אפילע דעמ אמווייניקסטנ באוווסטזיניקנ טייל מאטראסנ, זיי זאלנ שיסנ אינ זייערע באווייריכ. „פּאטיאמקינ” איז דרייסט ארויס אנטקעגנ די „אײַנשטילער”, וואס האבנ טכילעס פּאשעט ניט געוואגט צו דערנעענטערנ זיכ צו אימ און זײַנענ אוועק צוריק אינ יאמ. ווענ דער אדמיראל, וואס האט קאמאנדירט מיט דער עסקאדרע און וואס האט איצט געהאט אינ זײַנע הענט קימאט דעמ גאנצנ שווארציאמישנ פלאט קעגנ דער איינער פּאנצער-שיפ, האט באקומענ אונטערשטיצונג, האט ער זיכ אנגענומענ מיט דרייסטקײַט און איז דאס צווייטע מאל שוינ ניט אנטלאפנ, ער איז דערפאר שווער באשטראפט געווארנ. די מאטראסנ פונ זײַנ שיפ האבנ פארלאזנ זייערע שלאכט-פּאסטנס און האבנ זיכ א לאז געטאנ אפנ שיפ-דעק מיט א הילכיקנ „הורא” לעקאווער „פּאטיאמקינענ”. די קאמאנדירנ איז געבליבנ אויסצונוצנ דעמ אומשטאנד, וואס בא זיי אינ די הענט האט זיכ געפונענ דער רודער, — און זיי האבנ אויסגעקערעוועט זייער שיפ מיט דער נאז אינ אפענעמ יאמ ארײַנ און מיטנ שיפ-עק צו דער רעוואליוציע, וואס איז געשווומענ אפ זיי. „פּאטיאמקינ” האט זיכ גיט גענומענ זיי דעריאגנ. אבער איינע פונ די פּאנצער-שיפנ — „געארגי פּאבעדאנאסעצ” — האט ניט געפאלגט דעמ רודער און איז געבליבנ נאכ „פּאטיאמקינענ” ארײַנ אינ אדעסער האפנ.

דאס איז געווענ א מאמענט פונ העכסטנ אופשטײַג פונעמ אופשטאנד אינעמ שווארציאמישנ פלאט, ווענ בא דער מאכט איז אמערסטנ געווענ געפאלנ דער מוט און בא די צופעליקע אנפירער פונ דער באוועגונג האבנ אופגעבליט די כאמע העלסטע האפענונגענ. „דער טײַוול ווייסט וואס עס קומט פאר אינעמ שווארציאמישנ פלאט”, — האט מיט אומעט געשריבנ ניקאלײַ אינ זײַנ טאגבוכ, ביימ ער האט באקומענ די יעדיע וועגנ דעמ, וואס עס איז פארגעקומענ הינטער אדעס: „עס זאל זיכ גאר אײַנגעבנ אײַנצוהאלטנ אינ געהארכזאמקײַט די איבעריקע קאמאנדעס פונ דער עסקאדרע”.

אפנ ארט איז די פּאניק געווענ נאכ גרעסער. דער גרויזאמער קאמאנדיר פונעמ שווארציאמישנ פלאט טשוכנינ, וואס איז ביימ אופשטאנד געווענ אינ ניקאלײַעוו, האט זיכ געפילט בלאקירט פונ אלע זײַטנ. „איכ קאנ, צומ באדויערנ, מיטנ יאמ ניט אריבערקלײַבנ זיכ קיינ סעוואסטאפאל, — האט ער טעלעגראפירט דעמ יאמ-מיניסטער, — מ י ר פּ א ס ט נ י ט, מע זאל מיכ פארכאפנ (!). אפ אריבערפארנ מיט דער אײַזנבאנ דארפ מענ פאטערנ צוויי מיט א האלבנ מעסלעס. איכ בעט אנ עקסטרע-צוג”. ניקאלײַענ האט ער ראפּארטירט, דערציילנדיק וועגנ דעמ אינצידענט מיט „געארגי פּאבעדאנאסעצ”: „מע קאנ דערווארטנ דאס זעלבע אויכ אפ אנדערע שיפנ. ניט האבנדיק קיינ ידיעס ניט פונ אדעס, ניט פונ סעוואסטאפאל, האב איכ מוירע, אז דער יאמ איז אינ די הענט פונ די בונטארנ,

אונ האָב באשלאָסנ ניט ארויסצוגיינ". די לאַגע איז פאַר ניקאָלײַענ אונ זײַנ אדמי-
ראַל געווענ בעסער, איידער זיי האָט זיכ געדוכט. דאָס צושטיינ פונ „געאָרגי פּאָ-
בעדאָנאָסעצ" האָט, אייגנטלעכ, ניט פאַרשטאַרקט די אופגעשטאַנענע. די שטימונג
פונ דער קאָמאַנדע אפ דער צווייטער פאַנצערשיפ איז געווענ ווייניקער שטאַנדהאַפ-
טיק, איידער די שטימונג פונ די „פּאָטיאָמקינער". די אָפיצערנ אונ אונטער=אָפיצערנ
(„קאָנדוקטאָרנ"), וועלכע זײַנענ פאַרבליבנ אפ „געאָרגי", האָבנ גלײַכ אינ דער
שטיל אָנגעהויבנ פירנ א קאָנטררעוואָליוציאָנערע אגיטאַציע. די מאַטראָסנ, וועלכע
עס האָט אָנגעכאַפּט א מוירע, בײַם זיי האָבנ א טראַכט געטאָנ, וואָס זיי האָבנ אָפּ-
געטאָנ, האָט מענ אָנגעהויבנ אײַנריידנ, אז דאָס איז גאָרניט, עס איז נאָכ פאַראַנ א



דער אופגעשטאַנענער „פּאָטיאָמקינ"

מיטל צו ראַטעווענ זיכ: מע דאַרפ קומענ מיט א כאַראָטע צו דער נאַטשאַלסטווע
אונ ארויסגעבנ די „אופהעצער" אונ קעדיי צו מאַכנ אומשעדלעכ די שיפ גופא,
האָבנ די קאָנטררעוואָליוציאָנערנ זי ארופגעפירט אפ א זאַמד-באַנק.

„געאָרגי פּאָבעדאָנאָסעצ" האָט זיכ אונטערגעגעבנ, אונ גלײַכצײַטיק האָט גע-
פּלאַצט אויכ דער אָדעסער שטרײַק. „פּאָטיאָמקינ" איז עטלעכע טעג אָפּגעשטאַ-
נענ אינ אָדעסער האַפנ, ניט אָנגעמענדיק קיינ שום אַנטשיידנדיקע שריט צו העלפנ
דעם אופשטאַנד, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ פאַנאַנדערפלאַקערנ אפנ ברעג. ניט
באַקומענדיק קיינ שטיצע, איז דער שטרײַק צעפאַלנ געוואָרנ. אפ דער שיפ איז
געגאַנגענ אנ אומענדלעכער מיטינג, מע האָט געהאַלטנ צווישנאַיקע רעדעס, אונ

די שטימונג איז אלץ געפאלן, — אין דער צייט, ווען בא דער מאכט האט זיך אופגעהויבן. ביז ענדלעך איז די מאכט גאר דרייסט געווארן און האט באשלאסן אריבערצוגיין אין אנגריף. קיין ווידערשטאנד האט זי אין שטאט קימאט ניט באגעגנט — די לעצטע, די סאמע קאלאסאלע צעשיסונג פון די שטרייקער האט זיך ארויסגעוויזן אויך פאר דער ענדגילטיקער. די סרייפע אין האפן האט פארענדיקט די דעמאראליזאציע, — די ניט־שטאנדהאפטיקייט פון דער האלב־לומפנפראלעטארישער ארבעטער־באפעלקערונג פונעם האפן האט זיך דא געלאזט פילן אין גאנצן פארנעם. אף „פאטיאמקין" האבן דערווייל אנגעהויבן אויסגיין די קוילן און שפייז־פראדוקטן, — די פאנצער־שיף איז ארומגעפארן אונטער א רויטער פאן שוין קימאט א וואך. און זוכנדיק סיי דאס און סיי יענץ, איז „פאטיאמקין" פארגאנגען טבילעס אין רומענישן האפן קאנסטאנצע, ווו מע האט איבגענומען די פאטיאמקינצעס העפלעך, אבער מע האט זיך אפגעזאגט צו געבן זיי וואס־ניט־איז; דערנאך קיין פעאדאסיע, ווו עס האט זיך איינגעגעבן צו קריגן א ביסל פראוויזיע, אבער דער פרוו צו קריגן קוילן האט זיך ניט איינגעגעבן, דערביי האט דאס מיליטער, וואס האט געשאסן פונעם ברעג, דערהארגעט עטלעכע מאטראסן. די שטימונג פונעם עקיפאזש איז אלץ מער און מער געפאלן. דעם 25־טן יונ האט ניקאליי, וואס האט טאג נאך טאג נאכגעשפירט נאכן גאנג פונעם אופשטאנד, געקאנט מיט טריומף פארשרייבן: „פירשט פאטיאמקין" איז געקומען צוריק אין קאנסטאנצע, ווו די קאמאנדע האט זיך אונטערגעגעבן דער רומענישער מאכט און איז אראפ אפן ברעג..."

דער ערשטער אופשטאנד קעגן דער זעלבסטהערשונג מיצאד איר באוואפנטער קראפט האט זיך געענדיקט מיט א זיג פון דער זעלבסטהערשונג. די זעלבסטהערשונג האט אבער א לאנגע צייט ניט געקאנט פארגעסן איר שאנד און איר שרעק. „דערפאר וועט מען דארפן שווער באשטראפן די קאמאנדירן און הארט באשטראפן די בונטארן", — האט פארצייכנט ניקאליי אינעם מאמענט פון גרעסטן אופשטייג פונעם אופשטאנד, ווען ער האט געצווייפלט, צי עס וועט זיך איינגעבן „איינהאלטן אין געהארכזאמקייט די איבעריקע קאמאנדעס פון דער עסקאדרע". בעגעגייע די „בונטארן" איז עס אויסגעפילט געווארן, אף וויפל דאס איז פיזיש געווען מעגלעך: 67 מאטראסן פון „געארגי" זיינען צעשאסן געווארן אדער פארשיקט געווארן אף קאטערגע. די פאטיאמקינצעס האט מען גארנישט ניט געקאנט טאן, ווייל זיי זיינען געווען אין אויסלאנד. ווען איינער פון די אנפירער פונעם אופשטאנד, דער מאטראס מאטיושענקא, האט אין צוויי יאר ארום געפרווט זיך אומקערן קיין רוסלאנד, האט מען אים אופגעהאנגען, ניט געקוקט אף דעם, וואס פאר דער דאזיקער צייט איז דורכגעגאנגען אן אלגעמיינע אמניסטיע. דעם דאזיקן פאטש אין פנעם האט די זעלבסטהערשונג ניט געקאנט פארגעסן. דער נאמען גופא פון דער בונטארישער פאנצער־שיף איז אויסגעראטן געווארן פון די צעטלען פונעם פלאט, — „פאטיאמקין" האט באקומען א נייעם נאמען „פאנטעליימאן".

דער מיליטערישער בונט האט אן איבעריק מאל דערמאנט אן דעם, אז צו דער מילכאמע מוז מען מאכן א סאף. דאס איז, אגעוו, גענוג קלאר געווען אזוי אויך, גלייך נאך צוסימע: פונעם גאנצן רוסישן פלאט זיינען אינעם באלטישן יאם פארבליבן בלויז עטלעכע לערנשיפן און צוויי ניט פארענדיקטע פאנצערשיפן. דער שווארציאמישער פלאט איז, עמעס, געווען גאנץ, אבער שוין אפגע[illegible]עדט ווען דער שטימונג פון די קאמאנדעס, האט ער קיין רעכט ניט גע-

האט ארויסצוגיין פונעם שווארצן יאם.* נאָכן דעם 25־טן מײַ (אלטן סטיל) האָט ניקאָלײַ „אופגענומען" דעם אמעריקאנישן געזאנדטן מעיערן מיט אן אופטראָג פון רוזוועלטן". דער פּרעזידענט פון די פאראייניקטע שטאטן איז מיט זײַן פארמיטלערײַ-פאָרשלאָג פארלאָפן דעם וועג ענגלאנד און פראנקרײַך, מיט וועלכע די רוסישע דיפּלאָמאטיע האָט שוין אָנגעהויבן פירן אונטערהאנדלונגען וועגן דעם זעלביקן איניען. פון דער גײַוועדיקער באהויפּטונג, אז „פון א מילכאָמע קערט מען זיך ניט אום קיין געשלאָגענע", האָט מען זיך שוין פון לאנג אָפּגעזאָגט, נאָר די זאך האָט זיך נאָך אלץ געצויגן. דער אופשטאנד אפן „פּאָטיאָמקין" האָט געצוווּנגען צוצוײַלן זיך: דעם 1־טן יול האָט ניקאָלײַ „אופגענומען וויטען, וועלכער פאָרט קיין וואשינגטאָן אלס באפולמעכטיקטער צו פירן שאָלעם-אונטערהאנדלונגען מיט יאפּאָניע".

אזוי האָט „פּאָטיאָמקין" באשטימט ניקאָלײַס טאקטיק. און אין דער טאקטיק פון דער רעוואָליוציע האָט זײַן ארויסטרעטונג באשטימט א נײַעם שריט פאָרויס: פון זומער 1905־טן יאָר שטעלט זיך פּראקטיש אין טאָגסיידער די אופגאבע — ניט וועגן וועלכער מע האָט אין 1904־טן יאָר גערעדט, ווי וועגן א ווײַטער צוקונפט — די אופגאבע פון א באוואָפנטן אופשטאנד.

קאַפּיטל VI

דער אלגעמײַנער שטרײַק און דער באוואָפנטער אופשטאנד

דער געדאנק וועגן א באוואָפנטן אופשטאנד איז, פארשטייט זיך, געבאָרן געוואָרן ניט זומער 1905-טן יאָר — ער איז א סאך עלטער. מיט א סטיכייִשער קראפט האָט ער געמוזט באהערשן די מויכעס פון די פּעטערבורגער ארבעטער נאָכן 9-טן יאנואר (זע אויבן). אין מײַ, מיט עטלעכע וואָכן פאר „פּאָטיאָמקינען", האָט די' רעזאָליוציע פונעם III צוזאמענפאָר פון דער סאָציאל-דעמאָקראטישער פארטיי (א ריין באָלשעוויסטישער; די מענשעוויקעס זײַנען אפן צוזאמענפאָר ניט געקומען, פאָרויסזעענדיק זייער מאפּאָלע) אוועקגעשטעלט די צוגרייטונג פון א באוואָפנטן אופשטאנד אין טאָגסיידער פון דער פארטיי-ארבעט. און נאָך פריער פלעגט שוין די דאָזיקע פראגע פאנאנדערגעארבעט ווערן אין דער רעוואָליוציאָנערער מארקסיסטישער ליטעראטור. דאָס ערשטע מאָל האָט לענין געשריבן וועגן אן אופשטאנד אין פארבינדונג מיט דער צעשיסונג אפן אָבוכאָווער זאוואָד אין מײַ 1901־טן יאָר. דאָס צוגרייטן אן אופשטאנד האָט ער געשטעלט אלס איינע פון די אופגאבעס פון דער „איסקרא". „די זאך פונעם ארבעטערקלאס איז פארברייטערן און פארפעסטיקן זײַן אָרגאניזאציע, פארצענפאכן די אגיטאציע אין די מאסן, אויסנוצנדיק יעדע וואקלונג פון דער רעגירונג, פּראָפּאגאנדירנדיק די אידיי פון אן אופשטאנד, דערקלערנדיק די ניטיקײַט זײַנע אפן בײַשפּיל פון אלע יענע האלבלעכע און לעכאטשילע אפּ אומדערפאָלג פארורטיילטע „שריט", וועגן וועלכע מע שרײַט איצט אזוי פיל", —

* לויט דער קאָנווענצ (אויסגלײַך), וועלכע איז געשלאָסן געוואָרן נאָך אין 1841־טן יאָר, האָבן קיינע שום קריג־שיפן, אכוץ טערקישע, ניט געטאָרט דורכגיין דורך באָספאָר און דורך די דארדאנעלן.

האָט ער געשריבנ אינ נאָיאַבער 1904-טנ יאָר, אינ די טעג פונ דער באַרימטער באַראַטונג פונ די זעמסטווע=טוער, וועלכע האָבנ זיכ געאַמפּערט וועגנ „באַראַטנדיקער“ אונ „ניט-באַראַטנדיקער“ פאַרשטייערשאַפט.

סאַבאַקל עטלעכע טעג פאַר „פּאָטיאָמקינעג“ איז דער דאָזיקער געדאַנק פאַרווירקלעכט געוואָרנ אינ א גאַנצ ברייטנ פאַרנעמ. אפנ עקסטנ מערעוו פונ דער „אימפּעריע“, אינ לאָדז, האָט דער פּראָלעטאַריאַט — דאָרט איז ער א פּוילישער אונ א יידישער לויט זײַנ אָפּשטאַמונג — אפ דער צעשיסונג פונ אַנ אַרבעטער-מאַניפעסטאַציע דורכ קאָזאַקנ געענטפערט מיט א שיסערײַ פונ די בוידעמער אונ דעכער אינ די קאָזאַקנ אונ אינ די פּאָליציאַנטנ גופא. ניט געקוקט אָבער אפ דער העלדישער פאַרטיידיקונג פונ די לאָדזער אַרבעטער, איז זייער ווידערשטאַנד לײַכט דערשטיקט געוואָרנ, ווי נאָר מע האָט געבראַכט צו פירנ מיליטער פונ וואַרשע. בלויז דער איבערגאַנג כאָטש פונ א טייל מיליטער אפ דער זײַט פונ פאָלק, בלויז נייטראַליטעט (אָפּזאָגנ זיכ צו באַטייליקנ אינעמ קאַמפ) פונ דעמ גרעסטנ טייל מיליטער וואָלטנ געגעבנ דעמ פאָלק=אופשטאַנד א האָפענונג אפ דערפאָלג. „אַנ אופשטאַנד פונ פאָלק אונ א ניצאָכנ איבער אַנ אַרמיי, וואָס איז טריי דער רעגירונג, — איז א נאַרישע אוטאָפּיע, — האָט לענינ געשריבנ אינ סענטיאַבער 1905-טנ יאָר, — אָבער אַנ אופשטאַנד פונ פאָלק אונ פונ א ניט-באַדײַטנדיקנ העלפט פונ דער אַרמיי קעגנ די דעספּאָטנ רויבער — דאָס איז די ווירקלעכקײַט פונעמ מאָרגנדיקנ טאָג“.

די קריג=מאַפּאָלעס פונעמ צאַריזמ פלעגנ דעמאָראַליזירנ די אַרמיי. אָט אינ וואָס עס איז באַשטאַנענ די אָביעקטיווע באַדײַטונג פונ דער רוסיש-יאַפּאַנישער מילכאָמע, איר ווירקונג ניט אפ די „שטימונגענ“ פונ דער „געזעלשאַפט“, וואָס דאָס איז געווענ דירעקט נאָכ ליאַאָיאַנ, צוסימע אאַוו., נאָר אפנ גאַנג פונ דער רעוואָליוציע גופא. די מילכאָמע האָט צעטרייסלט די זעלבסטהערשונג, ווי דער ווינט צעטרייסלט א בוימ. נאָכ פאַרנ 9-טנ יאַנוואַר, אַרויסטרעטנדיק קעגנ דער באַהויפּטונג פונ די מענשעוויקעס, אַז די מילכאָמע איז קוידעמקאָל אַנ „אומגליק“, האָט לענינ געשריבנ: „די זאַכ פונ דער רוסישער פרײַהײַט אונ פונ קאַמפ פונעמ רוסישנ (אונ אַלוועלטלעכנ) פּראָלעטאַריאַט פאַרנ סאָציאַליזמ איז זייער שטאַרק אָפּהענגיק פונ די קריג-מאַפּאָלעס פונ דער זעלבסטהערשונג“. „קעמפנדיק קעגנ יעטווידער מילכאָמע, דאַרפנ מיר שטענדיק פאַרצייכענענ די גרויסע רעוואָליוציאָנערע ראָליע פונ דער היסטאָרישער מילכאָמע, וואָס איר ניטווילנדיקער אָנטיילנעמער איז דער רוסישער אַרבעטער“. „דאָס רוסישע פאָלק האָט געוווּנענ פונ דער מאַפּאָלע פונ דער זעלבסטהערשונג. די קאַפּיטוליאַציע פונ פּאָרט=אַרטור איז א פּראָלאָג צו דער קאַפּיטוליאַציע פונעמ צאַריזמ“.

נאָר אויב די קריג-מאַפּאָלעס פונעמ צאַריזמ זײַנענ געווענ דער ערשטער שריט צו זײַנ אומקומ, איז דער אופשטאַנד קעגנ אימ מיצאַד זײַנ אייגענער באַוואָפנטער קראַפט געווענ דער צווייטער, אונ נאָכ מער דראָענדיקער שריט. „די געשעענישנ האָבנ מיט א וווּנדערבאַרער גיכקײַט באַשטעטיקט די רעכטצײַטיקײַט פונ די צורופנ צו אַנ אופשטאַנד אונ צו אויסבילדנ א צײַטווײַליקע רעוואָליוציאָנערע רעגירונג, — האָט געשריבנ לענינ אפ מאָרגנ נאָכ „פּאָטיאָמקינענ“. — איצט האָבנ אַלע סאָציאַל-דעמאָקראַטנ אַרויסגערוקט די מיליטערישע פראַגעס, אויב ניט

אפנ ערשטנ, איז אפ איינס פונ די ערשטע ערטער, זיי האָבנ אוועקגעשטעלט אינ טאָגסיידער דאָס שטודירנ זיי אונ דאָס באקענענ מיט זיי די פאָלקמאסנ. די רעוואָליוציאָנערע ארמיי דארפ פראקטיש אָנווענדנ מיליטערישע קענטענישנ אונ מיליטערישע געצייג אפ צו לייזנ דעם גאנצנ וויטערדיקנ גורל פונעם רוסישנ פאָלק".

די ווערטער וועגנ „אלע סאָציאל-דעמאָקראטנ" זיינענ ניט געווענ קיינ גוזמע. אָט וואָס עס האָט דעמלט געשריבנ די מענשעוויסטיש-געוואָרענע „איסקרא" אינ איר פלוג בלעטל, וואָס זי האָט א נאָמענ געגעבנ „דער ערשטער זיג פונ דער רעוואָליוציע":

„עס איז געקומענ די צייט צו האנדלענ דרייסט אונ מיט אלע קויכעס צו שטיצנ דעם דרייסטנ אופשטאנד פונ די סאָלדאטנ. דרייסטקייט וועט איצט זיגנ. איז רופט־זשע איצט צונויפ אָפענע פארזאמלונגענ פונעם פאָלק אונ טראָגט אימ די יעדיע וועגנ דעמ,אז עס איז געבראָכנ געוואָרנ דער מיליטערישער אָנשפאר פונעם צאריזמ: ווו נאָר מע קאָנ, פארכאפט די שטאָטישע אנשטאלטנ אונ מאכט זיי פאר אנ אָנשפאר פונ דער רעוואָליוציאָנערער זעלבסטפארוואלטונג פונעם פאָלק. טרייבט ארויס די צארישע באאמטע אונ באשטימט אלפאָלקישע וואלנ אינ די אנשטאלטנ פונ דער רעוואָליוציאָנערער זעלבסטפארוואלטונג, וואָס זיי וועט איר איבערגעבנ די צייטווייליקע פירונג פונ די געזעלשאפטלעכע איניאָנימ ביז ענדגילטיקנ זיג איבער דער צארישער רעגירונג אונ ביז עס וועט איינגעשטעלט ווערנ א נייע מעלוכע־אָרדענונג. פארכאפט די אָפטיילונגענ פונעם מעלוכע־באנק אונ די געווער־לאגערנ אונ באוואָפנט דאָס גאנצע פאָלק. שטעלט איינ א פארבינדונג צווישנ די שטעט, צווישנ שטאָט אונ דאָרפ, אונ זאָלנ די באוואָפנטע בירגער איילנ צו הילפ איינער דעמ צווייטנ אומעטומ, ווו הילפ איז נייטיק. נעמט די טפיסעס אונ באפרייט די קעמפער פאר אונדזער זאכ, וואָס זיצנ ארעסטירט אינ זיי: מיט זיי וועט איר פארשטארקנ אייערע רייענ. פראָקלאמירט אומעטומ, אז די צארישע מאָנארכיע דארפ אראָפגעוואָרפנ ווערנ אונ פארביטנ ווערנ אפ א פרייער דעמאָקראטישער רעפובליק. שטייט אופ, בירגער! עס איז געקומענ די שאָ פונ באפרייונג. זאָל לעבנ די רעוואָליוציע! זאָל לעבנ די דעמאָקראטישע רעפובליק! זאָל לעבנ דאָס רעוואָליוציאָנערע מיליטער! אראָפ די זעלבסטהערשונג!".

אָבער וואָס איז דאָ צו ריידנ וועגנ די סאָציאל־דעמאָקראטנ — אפילע די בורזשואזיע האָט נאָכ „פאָטיאָמקינענ" אָנגעהויבנ ריידנ מיט אנ אנדער שפראָכ. סטרווע, דעמלט שוינ א רעכטער „אָסוואָבאָזשדיענעצ", האָט געשריבנ: „יעדער אופריכטיקער אונ דענקענדיקער ליבעראל פאָדערט א רעוואָליוציע". אונ אפנ זעמסטווע־צוזאמענפאָר דעמ 6/19 יול האָבנ זיכ געהערט אזעלכע רעדעס: „ווענ מיר זיינענ געפאָרנ קיינ פעטערהאָפ דעמ 6/19 יונ, האָבנ מיר — האָט געזאָגט פעטרונקעוויטש, — נאָכ געהאָפט, אז דער צאר וועט פארשטיינ די שרעקלעכע געפאר פונ דער לאגע אונ וועט עפעס טאָנ צו פארהיטנ פונ איר. איצט דארפ מענ זיכ אָפזאָגנ פונ יעטווידער האָפענונג אפ דעמ. עס איז פארבליבנ בלויז איינ אויסוועג. ביז איצט האָבנ מיר געהאָפט אפ א רעפאָרמ פונ אויבנ, פונ היינט אָנ איז אונדזער איינציקע האָפענונג דאָס פאָלק (הילכיקע אפלאָדיסמענטנ). מיר דארפנ זאָגנ דעמ פאָלק דעמ פאָשעטנ עמעס אינ פאָשעטע אונ קלאָרע ווערטער. די אומפייִקייט אונ אנמעכטיקייט פונ דער רעגירונג האָבנ ארויסגערופנ א רעוואָליוציע. דאָס איז א פאקט, וואָס אלע מוזנ אנערקענענ. אונדזער כויוו איז צו טאָנ אלצ, וואָס מיר קאָנענ, קעדיי אויסצומיידנ א בלוטפארגיסונג. א סאכ פונ אונדז האָבנ פיל יאָר־

אָפּגעגעבנ אפ דינענ דעמ פאָטערלאַנד. איצט דאַרפנ מיר דרייסט גיינ צומ פאָלק, אונ ניט צומ צאַר...". „ביז איצט האָבנ מיר געהאָפט אפ רעפאָרמעס פונ אויבנ, ביים אָבער מיר האָבנ געוואַרט, האָט די צײַט געטאָנ אירס. די רעוואָליוציע, וואָס די רעגירונג האָט אונטערגעיאָגט, האָט אונדז אַריבערגעיאָגט. דאָס וואָרט „רעוואָליוציע" האָט נעכטנ אַזוי געהאַט אָנגעשראָקנ צוויי מיטגלידער אונדזערע, אַז זיי זײַנענ אַוועק פונ צוזאַמענפאָר. מיר דאַרפנ אָבער מוטיק קוקנ דעמ עמעס אינ די אויגנ. מיר קאָנענ ניט וואַרטנ מיט צונויפגעלייגטע הענט".

אפ א „רעוואָליוציע" האָבנ שוינ די קינפטיקע קאַדעטנ מאַסקימ געווענ — אָבער אָנ א „בלוטפאַרגיסונג"... יעדנפאַלס, פונ יענער שטימונג, וועלכע האָט געשאַפנ א דעפּוטאַציע צומ צאַר פונקט א כוידעש פאַר דעמ (ווענ פּעטרונקעוויטש איז מער פונ אַלצ באומרויקט געווענ, וואָס ער האָט ניט קיינ ווײַסע הענטשקעס), איז מער קיינ זייכער ניט געבליבנ: דער בורזשוא איז גרייט געווענ אַראָפּצונעמענ ניט נאָר די ווײַסע, נאָר ביכלאַל יעדע הענטשקעס.

די באַוועגונג איז אָבער ניט געגאַנגענ אַזוי גיכ, ווי עס האָט מוירע געהאַט די בורזשואַזיע אונ ווי עס האָבנ געהאָפט די רעוואָליוציאָנערע פּאַרטייענ. ביז דער מאַסנ-אַרויסטרעטונג זײַנענ פונ „פּאָטיאָמקינער" אַוועק נאָכ דרײַ כאָדאָשימ. די דאָזיקע דרײַ כאָדאָשימ האָט דער צאַריזמ אויסגענוצט, ווי ער האָט געקאָנט: ערשטנס, אפ צו ליקווידירנ די מילכאָמע, צווייטנס, אפ צוצוגרייטנ אויב פאַר זיכ א מאַסנ-אָנשפאַר, אָרגאַניזירנדיק יענע שיכטנ פונ דער באַפעלקערונג, וועלכע ער האָט געהאַלטנ פאַר „איבערגעגעבענע".

דאָס ערשטע איז געווענ א סאַכ גרינגער פאַרנ צווייטנ. די זיגרײַכע יאַפּאַניע איז גאָר ניט געווענ גענייגט צו פאַרברייטערנ איר טעריטאָריע אפנ אַזיאַטישנ קאָנטינענט צו צאָפנ צו, אינ דער זײַט פונ סיביר. יאַפּאַניע האָט די גאַנצע מילכאָמע פאַקטיש געפירט צוליב דער הערשאַפט איבער כינע. ווענ די יאַפּאַנער האָבנ זיכ געשטעלט מיט א פעסטנ פוס אינ פּאָרט-אַרטור — צו וואָס רוסלאַנד האָט געשטערט אינ 1895-טנ יאָר, — זײַנענ זיי שוינ געווענ אַזוי נאָענט צו פּעקינ, דער הויפּטשטאָט פונ כינע, ווי דאָס איז פאַר זיי נייטיק געווענ. אַלכ א קאָלאָניע האָט זי דערווײַל פולקומ באַפרידיקט קאָרייע. ניט וועגנ אומקערנ פּאָרט-אַרטור, ניט וועגנ די פּרעטענזיעס פונ רוסלאַנד אפ קאָרייע האָט איצט, נאָכ מוקדענ אונ צוסימע, קיינ רייד ניט געקאָנט זײַנ. וואָס איז שײַכ טעריטאָריע, איז צווישנ רוסלאַנד אונ יאַפּאַניע געגאַנגענ א שטרײַט בלויז וועגנ דעמ אינדזל ס א כ א ל י נ, פונ וועלכנ די צאַרישע רעגירונג האָט גאָרנישט ניט געקאָנט מאַכנ, אַכוץ א קאַטאָרגע-טפיסע, אונ אפ וועלכנ די יאַפּאַנער האָבנ געפונענ ווערטפולע נאַטור-רײַכטימער. באַזיצנדיק סאַכאַלינ, האָט יאַפּאַניע סטראַטעגיש (פונעמ מיליטערישנ שטאַנדפּונקט) פאַרוואַנדלט דעמ אינערלעכנ יאַפּאַנישנ יאַמ אינ א יאַפּאַנישער אָזערע: דער אַרויסגאַנג פונ אימ צו דאָרעמ צו איז געגאַנגענ דורכ צוסימע, צו צאָפנ צו — דורכנ שמאָלנ דורכגאַנג, וועלכער טיילט אָפּ סאַכאַלינ פונעמ קאָנטינענט. רוסלאַנד וואָלט געוואָלט אײַנצושטעלנ זיכ פאַר סאַכאַלינ, אויב עס וואָלט געהאַט א פלאָט אפ די וואַסערנ פונעמ שטילנ אָקעאַנ, אָבער פונ 14-טנ—15-טנ מײַ אָנ איז ער געלעגנ אפנ גרונט פונעמ יאַמ... אָנ א פלאָט וואָלט רוסלאַנד סײַ-ווי-סײַ ניט געקאָנט אויסנוצנ זײַנע מיליטערישע פּריווילעגיעס — איז ווידעראַמאָל ניט געווענ צוליב וואָס צו אַמפּערנ זיכ. דער הויפּט-ענײַנ איז, כאָפּכאָלסאָפּ, געווענ וועגנ געלט: יאַפּאַניע, וועלכע האָט אויסגעגעבנ

אפ דער מילכאָמע קאָלאָסאלע סומענ, האָט זיי געוואָלט באקומענ פונ רוסלאנד אינ דער פאָרמ פונ קאָנטריבוציע. אפ דעמ איז ניקאָלײַ בעשומויפנ ניט אײַנגעגאנגענ, ניט אזוי איבער דעמ, וואָס דאָס וואָלט ארופגעלייגט אפ רוסלאנד א לאסט פונ א גײַעמ שווערנ כויוו, וויפל צוליב האָנאָר: א לאנד, וואָס צאָלט קאָנטריבוציע, איז ווי עס וואָלט זיכ דערמיט גופע צעשריבנ אינ זײַנ מאפּאָלע. ניקאָלײַ האָט זיכ ניט געוואָלט צעשרײַבנ אינ דעמ, אונ דאָ האָט ער אומדערווארט געפונענ פארבינדעטע — אינ די פארבינדעטע פונ יאפּאָניע.

ניט ענגלאנד, ניט אמעריקע האָבנ לאכלוטנ ניט געוואָלט ארויסלאָזנ יאפּאָניע פונ זייער פינאנציעלער אפּעטראָפּסעס. יאפּאָניעס זיג איז שוינ אזוי אויכ געווענ צו גרויס אונ גלענצנדיק, אינ פארגלייכ מיט זייערע דערווארטונגענ; דאָס צארישע רוסלאנד האָט זיכ געלאָזט אָנברעכנ די בייגער אזוי, ווי עס האָבנ ניט געהאפט אפילע זיינע סאָנים. געבנ נאָכ דערצו יאפּאָניע פינאנציעלע אומאָפּהענגיקײַט וואָלט געהייסנ שאפנ אפנ שטילנ אָקעאנ א נייע גרויסע מעלוכע, אונ דאָס איז גאָר ניט ארײַנגעגאנגענ אינ די פּלענער ניט פונ די ענגלענדער, ניט פונ די אמעריקאנער. ווענ ביימ די אונטערהאנדלונגענ מיט וויטע (אינ פּאָרטסמוט, אינ די פארייניקטע שטאטנ) האָבנ זיכ די יאפּאָניער אָנגעהויבנ איינאקשענענ אפ דער פראגע וועגנ קאָנטריבוציע, האָבנ זייערע קרעדיטאָרנ (די מילכאָמע האָט יאפּאָניע געפירט דעריקער אפ אמעריקאניש אונ טיילווײַז אפ ענגליש געלט) געגעבנ זיי צו פארשטיינ, אז אינ פאל, אויב די מילכאָמע וועט פאָרגעזעצט ווערנ, איז ניטאָ צו האָפנ אפ קיינ שומ שטיצע. אונ יאפּאָניע איז שוינ געווענ אינגאנצנ אויסגעשעפּט. אונ קיינ געלט האָט זי אינגאנצנ ניט געהאט. האָט זי געמוזט שאָלעמ מאכנ, באנוגענענדיק זיכ לעפּאָכעס מיט א קליינ שטיקל פעל פונעמ רוסישנ בער, אינ דער פאָרמ פונ א „באלוינונג פאר אויסהאלטנ די געפאנגענע" (רוסישע געפאנגענע איז אינ יאפּאָניע געווענ עטלעכע צענדליק טויזנט). סאכאלינ איז באשלאָסנ געוואָרנ צו צעטיילנ אפ דער העלפט: רוסלאנד האָט, זיכ אזויארומ, ארויסגעדרייט פונ דעמ איניע א סאכ ביליקער, איידער מע האָט זיכ געקאָנט ריכטנ לויט דער שווערקײַט פונ די מאפּאָלעס, וואָס עס האָט געכאפּט.

דעמ 16/29 אווגוסט האָט וויטע אונטערגעשריבנ דעמ שאָלעמ-אָפּמאכ אונ האָט מיט אָט דעמ „העלדנ-טאט" צוריק באקומענ ניקאָלײַס לײַטזעליקײַט: יענער האָט זיכ אזוי דערפרייט, אז ער האָט דערהייבנ דעמ געוועזענעמ פינאנצ-מיניסטער, וואָס ער האָט אימ ניט געקאָנט אריבערטראָגנ, ביזנ ראנג פונ א גראפ, ד. ה. ער האָט אימ פארעכנט צומ העכסטנ רוסלענדישנ אדל, וועלכער האָט ביז דעמאלט מיט גרינגשעצונג געקוקט אפנ „אופגעקומענעמ", וואָס האָט זיכ פונ א שעפ איבער אינ אײַזנבאנ-סטאנציע דערהייבנ ביז א מיניסטער-שטעלע. די „ראָמאנאָווס" ווידער,— אויב ניט די גאנצע פאמיליע אָפיציעל, איז, לעכאָלאפּאָכעס, אפ א פריוואטנ אויפנ איינציקווײַז, — האָבנ פאָרט, אפּאָנעמ, געפונענ א טרייסט פאר די פארלוירענע קאָרייִשע רײַכטימער. פונקטאינ צענ יאָר ארומ איז אינ אויסלאנד ארויסגעשוומענ ביז גאָר א מאָדנער דאָקומענט, עפּעס א מינ וועקסל, א היסכײַוועס פונ דער יאפּאָנישער רעגירונג אײַנצוצאָלנ דעמ איינגטימער (וועלכער איז ניט אָנגערופנ געוואָרנ מיטנ נאָמענ) 120 מיליאָנ יאפּאָנישע יענ (בא 100 מיליאָנ רובל גאָלד) פאר אלע, אָנ אויסנאמ, מיליטערישע סוידעס פונ דער רוסישער רעגירונג, וועלכע דער איינגטימער פונעמ וועקסל האָט געמוזט צושטעלנ. דער דאָזיקער מעשוגעדיקער דאָקומענט איז געווענ באגלייט מיט נאָכ א מער מעשוגעדיקנ צוזאָג, אז יאפּאָניע איז

מעכויעוו צו צאָלנ די גאַנצע סומע נאָר אינ דעמ פאַל, אויב אינ דעמ טערמינ, וואָס איז אָנגעוויזנ אינעמ דאָקומענט, וועט זי ווידער ניט פירנ קיינ מילכאָמע קעגנ רוסלאַנד. אַזוי ווי אינ דער צײַט האָט יאַפּאָניע ניט נאָר ניט געפירט קיינ מילכאָמע קעגנ רוסלאַנד, נאָר זי האָט צוזאַמענ מיט רוסלאַנד, ענגלאַנד אונ פראַנקרייכ געפירט א מילכאָמע קעגנ דײַטשלאַנד, האָט דער „אייגנטימער", נאַטירלעכ, קיינ אייַנגראָשנ ניט באַקומענ: דער דאָקומענט איז דערקלערט געוואָרנ פאַר א „פאַלשנ" — האַגאַמ די יאַפּאָנישע דיפּלאָמאַטנ האָבנ ניט אָפּגעלייקנט, אַז די אונטערשריפט פונעמ מאַרשאַל יאַמאַגאַטא, דעמ דעמאָלטיקנ (1905 יאָר) יאַפּאָנישנ פּרעמיער-מיניסטער, איז א ריכטיקע. וויאַזוי האָט אָפּ א פ א ל ש נ דאָקומענט געקאָנט זײַנ א ר י כ ט י ק ע אונטערשריפט, אינ דעמ וועלנ מיר זיכ ניט נעמענ פאַנאַנדערקלײַבנ, מיר וועלנ בלויז אָנווײַזנ, אַז אַזא מינ אָפּמאַכ האָט געקאָנט געשלאָסנ ווערנ בלויז מיט עמעצנ פונ די „ראָמאַנאָווס": וויסנ אַלע רוסישע מיליטערישע סוידעס, נאָכמער, צוזאָגנ, אַז רוסלאַנד וועט ווידער ניט פירנ קיינ מילכאָמע מיט יאַפּאָניע, האָט א פּריוואַטע פּערזאָנ, זאָל עס אפילע זײַנ איינער פונ די מיניסטאָרנ, ניט געקאָנט, — גלײַכ אָפּ מאָרגנ האָט מענ דאָכ אימ געקאָנט ארויסטרייבנ, אונ ער האָט געקאָנט פאַרלירנ יעטווידער ווירקונג. אונ אויכ לויט זײַנ גרויס איז דער כאַבאַר געווענ אַנ עמעס „גרויספירשטלעכער".

סאָפּקאָלסאָפּ האָט זיכ פאַר די הויצאָעס פונ דער „ראָמאַנאָווישער" אוואַנטיורע פאַנאַנדערגעצאָלט דער רוסישער סאָלדאַט.* דערפאַר האָבנ, לויט דער מיינונג פונ די „ראָמאַנאָווס", זיינע קרוויוומ, וואָס זײַנענ פאַרבליבנ אינ דער היימ, געמוזט אייביק דאַנקבאַר זײַנ די „ראָמאַנאָווס" אונ דינענ זיי אַלס א זיכערער אָנשפּאַר קעגנ דעמ „אינערלעכנ סוינע". דערינ איז באַשטאַנענ דער טאָכ פונ דער „ראָמאַנאָווישער" קאָנסטיטוציע, וועלכע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרנ צוויי וואָכנ פאַרנ שליסנ דעמ שאָלעמ, דעמ 6/19-טנ אווגוסט. דער לאַנגער אונ לאַנגזאַמער פראַכט-צוג, וועלכער האָט זיכ געלאָזנ אינ וועג דעמ 18-טנ פעווראַל, ווענ ניקאָלײַ האָט מיט אַזא מאַטערניש אויסגעקוועטשט פונ זײַנ מויעכ דעמ געדאַנק וועגנ „צוציענ די ווירדיקסטע מענטשנ, מיטנ צוטרוי פונעמ פאָלק באַשאָנקענע, אויסדערווײַלטע פונ דער באַפעלקערונג, צומ אָנטייל נעמענ אינעמ פאָרויסיקנ פאַנאַנדעראַרבעטנ אונ באַהאַנדלענ די געזעצגעבערישע פאָרשלאַגנ", איז ענדלעכ דערגאַנגענ ביז דער סטאַנציע. צו דער צײַט האָט זײַנ פראַכט לאַנג פאַרלאָרנ יעדנ ווערט.

פאַר דער רעוואָליוציע זײַנענ כאַדאָשימ, אָפּטמאָל וואָכנ, אונ אָפּטמאָל אפילע טעג געווענ א צו לאַנגער טערמינ. אונ די „ראָמאַנאָווישע" רעגירונג האָט נאָכ אַלצ געציילט אָפּ יאָרנ, אונ איר האָט זיכ מיסטאָמע געדוכט, אַז זי אײַלט זיכ זייער דערמיט, וואָס זי האָט אויסגעאַרבעט אַזא וויכטיקנ געזעצ-פּראָיעקט (א קליינינקײַט, א פאָלקפאָרשטייערשאַפט!) אינ א האַלב יאָר. אינדערעמעס איז די גרונט-אידיי פונעמ פּראָיעקט, די אידיי פונ א ב א ר א ט ו נ ג-פאָרשטייערשאַפט געווענ פאַרעלטערט שוינ אינ פעווראַל. שוינ אינ פעווראַל איז דאָס געווענ ווייניק אפילע פאַר דער בורזשואַזיע. נאָכ צוסימע, אונ באַזונדערס נאָכ „פּאָטיאָמקינענ", פלעגט מענ וועגנ דער זעמסטווע-באַראַטונג אינ נאָיאַבער פונעמ 1904-טנ יאָר דערמאָנענ, ווי וועגנ פאַרפּיאָטרישע צייטנ. ס'איז גאַנצ קלאָר, אַז אָנבינדנ רוסלאַנד די

* די רוסישע יאַבאָשע-אַרמיי האָט פאַרלאָרנ אינ דער מילכאָמע 41 טויזנט דערהאַרגעטע אונ 57 טויזנט צעקאַליעטשעטע (ניט רעכענענדיק די 148 טויזנט פאַרווונדעטע, וואָס זײַנענ געזונט געוואָרנ). דערצו דאַרפ מענ צוגעבנ א 12 טויזנט אומגעקומענע מאַטראָסנ.

„בוליגינישע דומע״* וואָלט געווענ מעגלעכ נאָר ווענ מע וואָלט זיכ געפּרוּווט פריִער דערשטיקנ די רעוואָליוציע. די פעטערהאָפער באַראַטונגענ פונעמ סאָפ יוני (אַלטנ סטיל) אונטערנ צאַרס פאָרזיצ, זײַנענ אַזוי־אַרומ לעבאַטכילע געווענ פאַר־מישפּעט אַפ צו טראָגנ אַנ „אַקאַדעמישנ״ כאַראַקטער, אונ זיי זײַנענ אינטערעסאַנט בלויז אַלס אַ מוסטער פונ די געדאַנקענ אונ אָנשויונגענ מיקויעכ דער רעוואָליוציע בײַ די, וועלכע האָבנ נאָכ דעמלט רעגירט מיטנ לאַנד. לעבאַטכילע האָבנ די דאָזיקע לײַט בעפּייִרעש אויסגערעכנט צו באַלוינענ מיט זייערע „טאַקאָנעס״ די טרײַ־אונטער־טעניקע אונ צו באַשטראָפנ די, וואָס האָבנ געבונטעוועט. די „בונטאַרעס״, די אַר־בעטער אונ אינטעליגענטנ, האָבנ, לויט דעמ דאָזיקנ לעבאַטכילעדיקנ פּראָיעקט, ניט באַקומענ קיינ שטימרעכט בײַ די וואַלנ אינ דומע. איר מערהײַט האָט געזאָלט באַ־שטיינ פונ פּריצימ (34 פּראָצ.) אונ פּויערימ (43 פּראָצ.) — די איבעריקע 23 פּראָ־צענט זײַנענ געגעבנ געוואָרנ די פאַבריקאַנטנ, זאַוואָד־אייגנטימער, די גרויסע אונ קליינע הענדלער. באַזונדערס אויסדריקלעכ איז געווענ דאָס, וואָס מע האָט פול־שטענדיק באַזײַטיקט פונ די וואַלנ די *יידנ*, אַ בונטאַרישנ אונ צוויפאַכ פאַר־האַסטנ עלעמענט. וווּנדערלעכ זעט אויס די פּאַרהעלטניסמעסיקע מערהײַט, וואָס מע האָט געגעבנ די פּויערימ. דאָ אָבער דאַרפ מענ האָבנ אינ זינענ, אַז קיינ „אומ־אָרדענונגענ״, וועלכע זאָלנ לויט זייער פאַרנעמ זײַנ ענלעכ צומ 1902-טנ יאָר, האָט דאָס דאָרפ אינ 1905-טנ יאָר נאָכ ניט געהאַט געזענ. די באַוועגונג האָט ביז זומער אַרומגענומענ 62 אויעזדנ (14 פּראָצ. פונ די אייגנטלעכ־רוסישע גובערניעס אָנ די ראַנד־געגנטנ), נאָר אינ זיי האָט דאָמינירט די שטרײַק־פאָרמ פונ קאַמפ: דאָס איז געווענ אַנ אויפשטאַנד פונ די *לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער* (באַטראַקעס) אונ נאָכ ניט פונ די פּויערימ די באַלעבאַטימ. אינ פאַרגלײַכ מיט די אַרבעטער, האָט מענ די פּויערימ־באַלעבאַטימ געהאַלטנ פאַר אַ ביז גאָר זיכערנ עלע־מענט, אונ די גרויספּריצישע מיטגלידער פונ דער באַראַטונג האָבנ זיכ ניט געקאָנט אָפּלויבנ פונ זיי. „מע מוז זיכערנ די אָנווייזנקײַט פונ פּויערימ אינ דער דומע, אַלס אַ קאָנסערוואַטיוונ עלעמענט, וועלכער איז פייִיק בעסער פונ אַלעמענ אויסצודריקנ זײַנע אייגענע נויטנ״, — האָט געזאָגט דער פירשט וואָלקאָנסקי.

„מיר אַלע זײַנענ באַגײַסטערט מיט איינ ווונטש: פאַרגרינגערנ דעמ לאַנד דעמ איבערגאַנג צו דער נײַער אָרדענונג אָנ אויפטרייסלונגענ. אַ גאַראַנטיע פאַר דער דאָ־זיקער רויִקײַט זעענ מיר אינ דער סיסטעמ פונ שטאַנדנ־וואַלנ, וועלכע מיר שטיצנ, *אָנ דער שטאַנדהאַפטיקער וואַנט פונ די קאָנסערוואַטיווע פּויערימ וועלנ צעקלאַפּט ווערנ אַלע כוואַליעס פונ דער רעד־נער־קונסט פונ די פאָרגעשריטענע עלעמענטנ*״, — האָט אימ גע־שטיצט דער גראַפ באָברינסקי.

„איכ האַלט אויכ, אַז דער פּויערשער עלעמענט איז נוצלעכ פאַר דער רויִקער אונ פריכטבאַרער טעטיקײַט פונ דער דומע. די פּויערימ קאָנ מענ צוגלײַכנ צו אַ ווערטפולנ באַלאַסט, וועלכער גיט צו שטאַנדהאַפטיקײַט דער שיפ — דער דומע — אינעמ קאַמפ קעגנ די סטיכייִשע שטרעמונגענ אונ היציקײַט פונעמ געזעלשאַפט־לעכנ געדאַנק״, — האָט זיי צוגעבאָמקעט דער הויכער באַאַמטער שוואַנעבאַכ.

אַ „ווערטפולער באַלאַסט״ האָט אָבער געקאָנט זײַנ ניט יעדער פּויער. דערמיט

* אַזוי האָט דער אוילעמ אַ נאָמענ געגעבנ דעמ פּראָיעקט, לויטנ נאָמענ פונעמ פאָרזיצער פונ דער קאָמיסיע, וועלכע האָט אימ אויסגעאַרבעט, דעמ אינערנ־מיניסטער בוליגינ.

איז פֿאַרבונדנ איינער פֿונ די פּיקאַנטסטע מאָמענטנ אינ די „פּעטערהאָפֿער באַראַטונגענ". אינ בוליגינס פּראָיעקט איז געווענ אַנ אַרטיקל, וואָס האָט געפֿאָדערט, אַז א מיטגליד פֿונ דער מעלוכע-דומע זאָל ווייניקסטנס זײַנ גראַמעטנע, דאַכט זיך, ניט קיינ גרויסע פֿאָדערונג, — אָבער דאָס האָט אַרויסגערופֿנ גרויס אומצופֿרידנקײַט מיצאַד די אַדעליקע רעכטע. „דער באַגריף גראַמעטנקײַט, — האָט געטײַנעט איינער פֿונ די לידערס, — איז צופֿיל באַדינגלעך אונ דערלאָזט גאַנצ ווידערשפּרעכלעכע אויסטײַטשונגענ" (!). „פֿאַר דער לאַנגער צײַט פֿונ מײַנ זײַנ אינ דאָרף אונ מײַנ נאָענטער באַאָבאַכטונג איבער דער גײַסטיקער וועלט פֿונעמ פּויערטומ — האָט איצ אונטערגעהאַלטנ א צווייטער רעכטער לידער, דער רײַכער פּאָרעצ נאַרישקינ, — בינ איך געקומענ צו דער טיפֿער איבערצײַגונג, אַז די ניט-גראַמעטנע פּויערימ האָבנ א מער פֿאַרגאַנצטע וועלט-אָנשויונג, איידער די גראַמעטנע. די ערשטע (ד. ה. די אַנאַלפֿאַבעטנ) זײַנענ דורכגעדרונגענ מיט א באַשיצונג-גײַסט, זיי באַזיצנ אַנ עפּישע שפּראַך, די גראַמעטנע ווערנ באַגײַסטערט פֿונ די טעאָריעס, וואָס די צײַטונגענ פֿריידיקנ, אונ שלאָגנ זיך אַראָפּ פֿונעמ עמעסנ וועג..." ניקאָלײַענ האָבנ די דאָזיקע אַרגומענטנ פֿולשטענדיק איבערצײַגט. „איך בינ מאַסקימ דערמיט, אַז אַזוינע פּויערימ מיט א פֿאַרגאַנצטער וועלט-אָנשויונג וועלנ אַרײַנטראָגנ אינ דעמ איניענ מער קלאָרנ באַרשטאַנד אונ לעבנ-דערפֿאַרונג", — האָט אַרויסגעשפּראָכנ דער קייסער. אינ דער אומגליקלעכער אַרטיקל איז באַזײַטיקט געוואָרנ פֿונעמ פּראָיעקט.

די פּירשטנ, גראַפֿנ אונ געהיימראַטנ האָט איינגיכנ דערוואַרט א ביטערע אַנטוישונג. דערווײַל אָבער האָבנ זיי זיך געקאָנט טרייסטנ מיט דער „שטאַנדהאַפֿטיקער וואַנט" אונ פֿאַרזיכנ מיטנ „וואָרטפֿולנ באַלאַסט" די ביטערע פּיל, וועלכע די געשיכטע האָט זיי פֿאַרט געצוואונגענ אַראָפּצושלינגענ שוינ איצט: סײַ די אינטעליגענטנ סײַ די ייִדנ האָט מענ געמוזט צולאָזנ אינ דער דומע. דער אַנטיסעמיטישער כאַראַקטער פֿונעמ וואַל-געזעצ איז געווענ שטאַרק אומבאַקוועמ אינ דעמ מאָמענט, ווענ עס האָבנ זיך געדאַרפֿט אָנהייבנ די שאָלעמ-אונטערהאַנדלונגענ מיט יאַפּאָניע בא דער פֿאַרמיטלונג פֿונעמ אַמעריקאַנישנ פּרעזידענט רוזוועלט. די דאָזיקע ווערטפֿולע פֿאַרמיטלונג (מיר געדענקענ, וואָס פֿאַר א מויווע אַמעריקע האָט געטאָנ רוסלאַנד באַמ שליסנ דעמ שאָלעמ) איז לאַכלותנ ניט געווענ קיינ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכע זאַך: צו רוזוועלטנ האָט מענ געמוזט באַקומענ א מינ רעקאָמענדיר-בריוו פֿונעמ קייסער ווילהעלמ. רוזוועלט אָבער האָט ניט געקאָנט ניט רעכענענ זיך מיט דער געזעלשאַפֿטלעכער מיינונג פֿונ די פֿאַרייניקטע שטאַטנ, אונ אינערגעצ האָבנ די ייִדישע פּאָגראָמענ ניט געהאַט אַרויסגערופֿנ אַזאַ אויפֿרעגונג, ווי אינ אַמעריקע. אַרויסווײַזנ דעמ אַנטיסעמיטיזמ אינ אַט דעמ מאָמענט איז געווענ מער ווי ניט צו דער צײַט, — אונ ניקאָלײַ האָט מיט האַכנאָע פֿאַרבאַהאַלטנ זײַנ האַס צו ייִדנ ביז „בעסערע צײַטנ". ווי מיר וועלנ זענ, איז ער איינגיכנ מער ווי געטרייסט געוואָרנ. אָפּ געבנ ווידער שטימרעכט דער בורזשואַזער אינטעליגענצ, זײַנענ בא שטאַנענ זײַנע מיניסטאָרנ, — אינ די קאַדעטישע אַדוואָקאַטנ אונ פּראָפֿעסאָרנ האָבנ זיי ריכטיק אײַנגעזענ זייער הויפּט-אָנשפּאַר אינעמ קינפֿטיקנ רוסלענדישנ פּאַרלאַמענט קעגנ די עקסטרעם-לינקע. פֿונ דער אינטעליגענצ האָט מענ נאָך, אַכוצ דעמ, צוגעלאָזנ די אָפּגעקליבנסטע: כּדי צו זײַנ א ווייִלער, האָט מענ אינ דער הויפּטשטאָט געמוזט צאָלנ דירע-געלט ניט ווייניקער פֿונ 1320 רובל גאָלד א יאָר, ד. ה. פֿאַרדינענ 5—6 טויזנט רובל גאָלד. ניט נאָר די לערערס פֿונ די שטאָטישע שולנ, נאָר אַפֿילע די לערערס פֿונ די גימנאַזיעס, אַפֿילע די ייִנגערע לערערס פֿונ די אוניווער-

סיטעטנ פלעגנ ניט ארײַנפאלנ אינ דער דאָזיקער קאטעגאָריע, אונ די סטודענטנ זײַנע לעבאטכילע פונ איר אויסגעשלאָסנ געוואָרנ אבוצ דעמ אויב דורכנ עלטער-צענז, — קעדיי צו זײַנ א ווײלער, האָט מענ געמוזט זײַנ ניט יינגער פונ 25 יאָר. ווי ווײַט דאָס איז אלצ געווענ פונ „אלגעמיינע וואלרעכט" (אונ כיוו איינ אויעזדישער צוזאמענפאָר פונ סטאטיסטיקער אָדער אגראָנאָמענ זומער 1905 יאָר וואָלט ניט אײַנגעגאנגענ אפ ווינציקער, — די „פירעקיקע פאָרמולע" איז געווענ אזוי פּאָפּולער, אז דאָס וואָרט האָט געוווסט אונ פארשטאנענ אפילע ניקאָלײַ!), וועלנ באוויזנ א צוויי—דרײַ ציפערנ. פעטערבורג האָט בא אָנדערהאלבנ מיליאָנ אײַנוווינער געהאט 9 מיט א האלבנ טויזנט ווײלער, מאָסקווע מיט א באפעלקערונג פונ העכער א מיליאָנ — 14 טויזנט (די זאמאָסקוואָרעטשער סאָכרימ האבנ ארויסגעהאָלפנ), אָדעס מיט 405 טויזנט אײַנוווינער — 7 טויזנט ווײלער אאזוו.

בא די ארבעטער האָט מענ אָפּגענומענ דאָס שטימרעכט אויכ אינגעמ ענדגילטיקנ פּראָיעקט, — פאר די דאָזיקע „קראמאָלניקעס" האָט זיכ רוזוועלט, גאָט צו דאנקענ, ניט אָנגענומענ, אונ די מיניסטאָרנ האָבנ זיכ אינ זיי ניט גענייטיקט. דער פּראָלעטאריאט איז דעריבער באפרײַט געוואָרנ אפילע פונ דער נייטיקײַט צו ענטפערנ אפנ דאָזיקנ וואל-געזעצ מיט א בויקאָט. אָבער די פּראָלעטארישע פּארטיי, אינ געשטאלט פונ די באָלשעוויקעס, האָט טייקעפ גערופנ צו בויקאָט אויכ יענע קלאסנ פונ דער באפעלקערונג, וועלכע האָבנ געהאט שטימרעכט בא די וואלנ. אויב מע זאָל אורטיילנ לויט דעמ, וויאזוי דער בורזשואזער אוילעמ פלעגט אופנעמענ די סאָציאל-דעמאָקראטישע רעדנערס אפ די פארזאמלונגענ אינ 1905-טנ יאָר, ווענ עס האָט זיכ געהאנדלט וועגנ דער דומע, קאָנ מענ מיינענ, אז אינ די שטעט וואָלט דער בויקאָט דורכגעגאנגענ גלענצנדיק. די „בוליגינישע דומע" איז אָבער פארבליבנ אפנ פּאפּיר, — די רעוואָליוציע האָט אפילע ניט געגעבנ קיינ צײַט צוצוטרעטנ צו די וואלנ.

אינ דער צײַט, ווענ ניקאָלײַ האָט מיט די פּריצימ אונ באאמטע אויסגעארבעט א קאָנסטיטוציע, וואָס איר איז קיינמאָל ניט באשערט געווענ פארווירקלעכט צו ווערנ, האָט דער ארבעטער-קלאס, בא וועלכנ זיי האָבנ אָפּגענומענ אלע רעכט, אויסגעארבעט זײַנ קאָנסטיטוציע, וועלכע איז פארקערפּערט געוואָרנ אינ לעבנ. עמעס, ניט גיכ, אָבער זי האָט זיכ ארויסגעוויזנ פאר א מער פעסטע. דעמ זעלביקנ זומער פונעמ 1905-טנ יאָר איז אינ רוסלאנד אופגעקומענ דער ערשטער ר א ט פ ו נ א ר ב ע ט ע ר - ד ע פּ ו ט א ט נ.

די דאָזיקע ארבעטער-קאָנסטיטוציע איז, אינ קעגנזאצ צו דער בוליגינישער, ניט באהאנדלט געוואָרנ אינ קיינע שומ קאָמיסיעס אונ וועגנ איר האָט מענ ניט אָנגעפרעגט די מיינונג פונ אווטאָריטעטע עקספּערטנ-פּראָפעסאָרנ (באמ באהאנדלענ דעמ בוליגינישנ פּראָיעקט איז צוגעצויגנ געוואָרנ דער בארימטער היסטאָריקער קליוטשעווסקי). זי איז אויסגעוואקסנ פונ לעבנ גופע — פונעמ ש ט ר ײַ ק נ - ק א מ פּ, וועלכנ עס האָבנ געפירט די ארבעטער אי קעגנ דער זעלבסטהערשונג אי קעגנ די באלעבאטימ.

מיר איז שוינ ניט איינ מאָל אויסגעקומענ צו דערמאָנענ, אז פונ יאנואר 1905-טנ יאָר אָנ האָבנ די שטרײַקנ, אויב מע זאָל נעמענ דעמ גאנצנ שעטעכ פונעמ דעמאָלטיקנ רוסלאנד, ניט אופגעהערט אפ קיינ איינ רגע, קעדיי באשײַמפּערלעכ פאָרצושטעלנ זיכ דעמ פארנעמ פונ דער שטרײַק-באוועגונג, וועלנ מיר ברענגענ אייניקע ציפערנ. אָט איז, ערשטנס, א פארגלײַכ צווישנ דער צאָל ארבעטער — אינ

טויזנטער, — וועלכע האבנ געשטרייקט אינ רוסלאנד אינ 1905-טנ יאר מיט דער מאקסימאלער צאל ארבעטער — ווידעראמאל אינ טויזנטער, — וועלכע האבנ געשטרייקט פאר די 15 יאר 1894—1908 אינ אנדערע לענדער:

רוסלאנד (1905)	די פאראייניקטע שטאטנ	דייטשלאנד	פראנקרייך
2.863	660	527	438

אינ קיינ איינעמ פונ די איבעריקע לענדער איז די צאל שטרייקער אינ קיינ איינ יאר פונעמ דאזיקנ פעריאד ניט דערגאנגענ אפילע ביז צו איינ פערטל פונ דער צאל רוסישע ארבעטער, וואס האבנ געשטרייקט אינ 1905-טנ יאר. אונ אזוי ווי לויט דער צאל איז דער רוסישער פראלעטאריאט געווענ, פארשטייט זיכ, קלענער סיי פארנ אמעריקאנישנ, סיי פארנ דייטשישנ אונ סיי אפילע פארנ פראנצויזישנ, קאנ מענ שוינ פונ דעמ דאזיקנ פארגלייכ מאכנ דעמ אויספיר, אז יעדער רוסישער ארבעטער האט פאר דעמ דאזיקנ יאר געשטרייקט ניט איינ מאל. אונ ווירקלעכ, אויב מיר וועלנ אננעמענ אלס 100 די צאל פונ אלע רוסישע ארבעטער אינעמ 1905-טנ יאר, וועט די צאל שטרייקער זיינ 164.

דאס גיט א מעגלעכקייט צו פארגלייכנ די באוועגונג פונ 1905-טנ יאר מיט די פאריקע יארנ. אינ קיינ אייגעמ פונ די דאזיקע יארנ האט די צאל שטרייקער ניט באטראפנ מער ווי 5 פראצ. פונ דער אלגעמיינער צאל ארבעטער, בלויז אינ 1903-טנ יאר האט זי קוים-קוים איבערגעשטיגנ די דאזיקע גארמע (5,1 פראצ.). אינ 1905-טנ יאר איז די באוועגונג אזויארומ געגאנגענ דריי אונ דרייסיק מאל „געדיכטער” איידער ווענ-ניט-איז פריער.

שפעטער, ווענ מיר וועלנ אונטערפירנ די סאכאקלענ פונ דער באוועגונג, וועלנ מיר זיכ נעענטער פאנאנדערקלייבנ דערינ, ווער אונ וויאזוי האט געשטרייקט: מיר וועלנ דעמלט זענ, אז עס זיינענ געווענ אזוינע קאטעגאריעס ארבעטער, וועלכע האבנ אפילע אינ 1905-טנ יאר קיינ איינ מאל ניט געשטרייקט. וואס פאר א דירעקטע רעזולטאטנ פלעגנ זיכ אבער באקומענ בא די, וואס האבנ געפירט דעמ קאמפ?

קוידעמסאל איז נאכנ 9-טנ יאנוואר מאכט דעמ איינדרוק, אז יעדער שטרייק אינ רוסלאנד איז געווענ אנ אפשפיגלונג פונעמ פאליטישנ קאמפ, א פראטעסט פונ די ארבעטער קעגנ דער זעלבסטהערשונג. פארשטייט זיכ, אז אלס אנ אנטפלעקונג פונ שארפער קלאסנ-סינע, איז יעדער שטרייק געווענ א פאליטישער פאקט, — דאס האט נאכ זשעליאבאוו געהאט באמערקט. אזא איז ער אבער געווענ אביעקטיוו, אומאפהענגיק פונעמ באוווסטזיינ פונ די ארבעטער גופע, אונ די דאזיקע אביעקטיווע זייט האט אינ זשעליאבאווס צייטנ קימאט קייגער פונ די ארבעטער ניט געהאט באמערקט. אינ 1905-טנ יאר איז שוינ, פארשטייט זיכ, געווענ אנדערש. פונדעסטוועגנ אבער האט א העלפט שטרייקנ פונעמ דאזיקנ יאר נאכ אלץ ארויסגערוקט עקאנאמישע לאזונגענ. פונ דער אלגעמיינער צאל שטרייקער האבנ מיט עקאנאמישע לאזונגענ געשטרייקט 1439 טויזנט ארבעטער, מיט פאליטישע — 1434 טויזנט.

דאס האט לאכלוטנ ניט באטייט, אז די עקאנאמישע באוועגונג אינ 1905-טנ יאר איז ניט געווענ רעוואליוציאנער — מיר וועלנ באלד זענ, אז די עקאנאמישע שטרייקנ האבנ זיכ זייער גיכ אנגעשטויסנ אנ דעמ לאזונג פונ אנ 8-שעהיקנ ארבעטסטאג, וואס איז געווענ רעוואליוציאנער ניט בלויז פאר רוסלאנד פונ 1905-טנ יאר, נאר אויכ פאר מערעוו-אייראפע. דאס האט אבער אנ שומ ספעק באטייט,

אַז דאָס באָלשעוויסטישע באַנעמענ די רעוואָליוציע, ווי אַ קאַמפ פאַר דער מאַכט, אַ קאַמפ, וואָס מוז אומפאַרמײַדלעכ ברענגענ צומ פאַרבײַטנ די זעלבסטהערשונג אױפ אַ רעוואָליוציאָנערער דיקטאַטור פונעמ פּראָלעטאַריאַט און פּויערטומ, האָט נאָכ ניט באַהערשט די ברייטסטע קרײַזנ פונעמ אַרבעטער-קלאַס. אַפילע דער טייל פונ דער אַרבעטער-מאַסע, וואָס האָט זיכ באַטייליקט אינ דער באַוועגונג, האָט נאָכ ניט געהאַט קאָנצענטרירט אַלע זײַנע קלעפּ אױפ דער זעלבסטהערשונג. ער האָט געקעמפט סײַ קעגנ צאַר סײַ קעגנ דעמ באַלעבאָס, — און קעגנ דעמ באַלעבאָס אַפילע מער, ווי קעגנ דעמ צאַר, ווײַל שטרײַקנ בלויז מיט פּאָליטישע לאָזונגענ איז געווענ ווייניק, און עקאָנאָמישע פאָדערונגענ פלעגט אַרויסרוקנ קימאַט יעדער פּאָליטישער שטרײַק. וואָס פאַר אַ שטימונג עס איז געווענ בײַ די הינטערשטע רייענ פונ דער אַרבעטער-מאַסע, אַפילע בײַ די אָטריאַדנ אירע, וועלכע האָבנ געשטרײַקט באַזונדערס פעסט און מיט מעסירעסנעפעש, איז בעסער פונ אַלצ צו באַשרײַבנ מיט די ווערטער פונ אײנעמ פונ די אָנפירער אינעמ גרעסטנ שטרײַק פונ זומער 1905-טנ יאָר, פונ דעמ באַרימטנ שטרײַק פונ די איוואַנאָוואָ-וואָזנעסענסקע-טעקסטיל-אַרבעטער, וועלכער האָט אַרומגעכאַפּט העכער 50 טויזנט מאַנ און האָט זיכ געהאַלטנ צוויי כאָדאָשימ, פונ מײַ ביז יול. לויט דער לאַנגדויערדיקײַט איז עס געווענ דער גראַנדיעזסטער שטרײַק, וועלכנ רוסלאַנד האָט געזענ.

און אָט וואָס עס דערציילט, פונדעסטוועגנ, דער דאָזיקער כאַווער:

„אינ די רעדעס פונ די רעדנער די ערשטע צײַט פונעמ שטרײַק איז ניט נאָר ניט געווענ קיינ אַנטשיידנדיקע און דרייסטע צורופנ צו אַ באַוואָפנטנ קאַמפ, נאָר עס האָט זיכ בײַכלאַל באַמערקט אַ טענדענצ צוצוגיינ זייער פאָרזיכטיק צו די שאַרפע פראַגנ פונ דער רעוואָליוציע. דאָס איז אַרויסגערופנ געוואָרנ דורכ דעמ מאָטיוו, וואָס די שטימונג פונעמ גרעסטנ טייל שטרײַקער, פונ די סאַמע אָפּגעשטאַנענע עלעמענטנ, איז געווענ אַ נעגאַטיווע בעגעגייע אָט די אַלע פראַגנ. דאָס איז צו זענ געווענ דערפונ, וואָס בײַ די פּרוּוונ פונ כאַווײרימ צו באַרירנ די דאָזיקע פראַגנ פלעגט זיכ שאַפנ אַ טומלדיקע שטימונג בײַ דער מערהײַט אָנטיילנעמער אינ דער פאַרזאַמלונג. פונ אומעטומ פלעגנ זיכ לאָזנ הערנ אויסגעשרייענ: „גענוג! מע דאַרפ ניט וועגנ דעמ! מיר ווילנ אַ פרידלעכנ קאַמפ און ניט קיינ רעוואָליוציע, בײַ אונדז איז אַנ עקאָנאָמישער שטרײַק!" אאַז.

אײנמאָל האָט פ. קוקושינ („גאָגאָל") נאָכ אַ קורצער רעדע פונ דער טריבונע אויסגעשריענ: „אַראָפּ די זעלבסטהערשונג!" דער האַמוינ איז דערפונ אַזוי שטאַרק אויפגערעגט געוואָרנ און האָט פּראָטעסטירט קעגנ דעמ, אַז אײנעמ פונ די כאַווײרימ-אינטעליגענטנ האָט זיכ מיט גרויס מאַטערניש אײַנגעגעבנ צו באַרויִקנ אימ. נאָכ דעמ דאָזיקנ פאַל איז פאַר אונדז באַזונדערס קלאָר געוואָרנ, אַז מע דאַרפ נאָכ צוגרייטנ די שטרײַקער, מע דאַרפ זיי דערציִענ אױפ אַ געהעריקנ אופנ אינ פּאָליטישער הינזיכט, און אַז צוגייענ צו דער דאָזיקער דערציִונג דאַרפ מענ זייער געניט און פאָרזיכטיק. די דאָזיקע דערציִונג פלעגט פאָרקומענ רעגולער אױפ די טעגלעכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגענ פונ די שטרײַקער, און די טאַלקע * איז פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ פולנ זינ פונ וואָרט אינ אַ „אוניווערסיטעט פונ פּאָליטישער דערציִונג פונ די שטרײַקנדיקע אַרבעטער", וועלכער האָט געאַרבעט אינטענסיוו אינ געטאָנ אָט די אַרבעט זײַנע מיט גרויס דערפאָלג".

* דער טײַכ, וואָס אױפ זײַנ ברעג פלעגנ זיכ פאַרזאַמלענ אַרבעטער.

אונ דאָכ האָט דער איוואַנאָוואָ-וואָזנעסענסקער שטרייק, אַנ סאַפּעכ, געהערט צו די פּאָליטישע שטרייקנ: ער האָט ארויסגעשטעלט פאָדערונגענ וועגנ פרייהייט פונ פרעסע, פאַראיינענ אונ פאַרזאַמלונגענ, וועגנ אומבאַרירלעכקייט פונ פּערזאָנ אונ וווינונג אונ אַפילע וועגנ צונויפרופנ א גרינדונג-פאַרזאַמלונג אפנ יעסאָד פונ אַלגעמיינעמ, גלייכנ אאַוו. וואַלרעכט. ווער עס וועט זיכ וווּנדערנ, וויאַזוי האָבנ די ארבעטער בא אַזעלכע באַדינגונגענ געקאָנט אופגערעגט ווערנ, ווענ זיי האָבנ דערהערט „אַראָפּ די זעלבסטהערשונג", דעמ וועלנ מיר דערמאָנענ גאַפּאָנס פּעטיציע, ווו עס זיינענ דאָכ אויכ געווענ אָט די אַלע פּאָליטישע פאָדערונגענ — אונ די ארבעטער זיינענ פונדעסטוועגנ געגאַנגענ מיט איר צומ צאַר. די שטימונגענ, וועלכע דער פּעטערבורגער פּראָלעטאַריאַט האָט אויסגעלעבט נאָכ אינ יאַנוואַר 1905-טנ יאָר, פלעגנ אויסגעלעבט ווערנ איבער גאַנצ רוסלאַנד זייער לאַנגזאַמ. דריט-האַלבנ כאַדאָשימ שפּעטער האָט מענ שוינ אויכ די איוואַנאָוואָ-וואָזנעסענסקער אַרבעטער, ווי עס דערציילט דער זעלביקער כאַווער, „גאָרניט געקאָנט דערקענענ". אָבער נאָכ זיי איז אויסגעקומענ דורכצומאַכנ די זעלביקע דערציִערישע ארבעט איבער אַנדערע.

אַז די איוואַנאָוואָ-וואָזנעסענסקער זיינענ געווענ ווייט ניט פונ צו זיינ די „לעצטע", באַווייזט טאַקע די קלאַסנ-קאָנסטיטוציע, וועלכע זיי האָבנ זיכ געשאַפנ. די פאַרשטרייקטע ארבעטער האָבנ, פאַרשטייט זיכ, אויסגעקליבנ דעפּוטאַטנ צו פירנ אונטערהאַנדלונגענ מיט דער מאַכט אונ מיט די באַלעבאַטימ, — דאָס איז געווענ א געוויינלעכע זאַכ. געוויינלעכ אָבער האָט יעדע פאַבריק געהאַט אירע דעפּוטאַטנ אונ האָט געפירט די אונטערהאַנדלונגענ באַזונדער. אפ דעמ האָבנ אויכ דאָ געשטויסנ די ארבעטער די פאַבריק-אינספּעקציע אונ די באַלעבאַטימ. „איכ, — פלעגט זאָגנ יעדערער פונ זיי, — בינ גרייט צו ריידנ מיט „מיינע" ארבעטער, אונ וועגנ די איבעריקע אַרט מיכ ניט". די איוואַנאָוואָ-וואָזנעסענסקער זיינענ אָבער אויסגעצייכנט אריינגעדרונגענ אינ דעמ דאָזיקנ באַליבטנ בא דער בורזשואַזיע מאַניעווער צו צעשפּאַלטנ די שטרייקנ. זיי האָבנ אויסגעקליבנ באַפולמעכטיקטע — בא 100 מאַנ — פונ דער גאַנצער פאַרשטרייקטער מאַסע אונ האָבנ געפאָדערט, אַז אַלע אונטערהאַנדלונגענ זאָלנ געפירט ווערנ מיט אַלעמענ, פונ קלאַס צו קלאַס. אונ די ארבעטער האָבנ זיכ אַזוי איינניק געהאַלטנ פאַר דעמ, אַז אַפילע ווענ איינער פונ די פאַבריקאַנטנ האָט געהאַט נאָכגעגעבנ אונ האָט פאָרגעלייגט „זיינע", זיי זאָלנ זיכ שטעלנ ארבעטנ אפ זייער לויגבאַרע באַדינגונגענ, איז די דאָזיקע איינפּערזאָניקע קאַפּיטולירונג אינ דער ערשטער ווייַלע אָפּגעוואָרפנ געוואָרנ.

אַזוי איז אופגעקומענ אינ רוסלאַנד דער ערשטער ראַט פונ ארבעטער-דעפּוטאַטנ צווישנ דעמ 13-טנ (26) אונ 15-טנ (28) מיי 1905-טנ יאָר. דאָס ערשטע מאָל זיינענ די ארבעטער ארויסגעטראָטנ אַלס „א קלאַס פאַר זיכ", שוינ אַבסאָליוט אומאָפּהענגיק פונ דער ווירקונג פונ וועלכע-ניט-איז „דעמאָקראַטנ", ווי דאָס איז געווענ מיט די גאַפּאָנער. אונ אינ פולנ העסקעמ מיט דעמ, איז די ריינ-קלאַסנווע פאָדערונג פונ אַנ אַכטשאָיִקנ ארבעטסטאָג איינשטימיק אָנגענומענ געוואָרנ דורכנ ערשטנ ראַט פונ ארבעטער-דעפּוטאַטנ.

זעלבסטפאַרשטענדלעכ, אַז די דאָזיקע פאָדערונג האָט זיכ געלאָזט הערנ ניט נאָר אינ איוואַנאָוואָ-וואָזנעסענסק, — אינ די שטרייקנ פונ 1905-טנ יאָר ווערט זי א געוויינלעכע זאַכ. א סאַכ אינטערעסאַנטער איז דאָס, וואָס אינ א גאַנצער ריי פאַלנ האָט דער שטורמישער שטרייקנ-שטראָמ פונ דעמ יאָר געטריבנ די אונטער-

געמער נאָכצוגעבנ אינ דעמ דאָזיקנ פּונקט, — די אַרבעטער פּלעגנ זיכ דער-
שלאָגנ צו דער פּאַרווירקלעכונג פונעמ דאָזיקנ לאָזונג. אינ מעשעכ פונ פרי-
לינג, זומער אונ אָנהייב הארבסט האָבנ דעראָבערט אַנ 8-שאָיִקנ אַרבעטטאָג די אַר-
בעטער פונ די צוקער-זאַוואָדנ אינ קיִעווער ראַיאָנ, די סאַמאַרער דרוקער, דער אינ-
סטרומענטאַלער ווארשטאַט אינ דער פאַבריק פונ מיליטעריש-מעדיצינישע פּרעפּאַ-
ראַטנ אונ דער פּאַטראָנענ-זאַוואָד אינ פּעטערבורג, די מעכאַנישע אָפּטיילונג פונ דער
עקספּעדיציע צו פּראָדוצירנ מעלוכע-פּאַפּירנ (איצט „גאָזנאַק"), אייניקע מעבל-פאַב-

„זײַנ אַרבעטערשע מאַיעסטעט דער אַלרוסלענדישער פּראָלעטאַריער"
(פונ זשורנאַל „פּולעמיאָט", 1905, נומ. 2)

ריקנ אונ פּוטער-זאַוואָדנ, די אַרבעטער פונ טיפליסער טראַמווײַ, די באַרג-אַרבעטער
פונעמ ווײַטנ מיזרעכ אונ די בויערער פונ די באַקוער נאַפט-געווערבנ. זאָל זײַנ, אַז
אינ אייניקע פאַלנ פלעגט בלײַבנ באַמ צוזאָג פונ די איינגנטימער פונ די אונטער-
געמונגענע אײַנצופירנ אַנ 8-שאָיִקנ אַרבעטטאָג, — שוינ די דאָזיקע „פּרינציפּיִעלע"
האַנאָכע איז געווענ אַ קאָלאָסאַלער דערפּאָלג פונעמ פּראָלעטאַריאַט. דער קרײַז אַר-
בעטער, וועלכע האָבנ זיכ דערשלאָגנ קימאַט אַנ 8-שאָיִקנ אַרבעט-טאָג, אַנ 8½ אונ אַ
9-שאָיִקנ, איז געווענ נאָכ ברייטער: אַנ 8½-שאָיִקנ אַרבעטטאָג האָט זיכ דערשלאָגנ
אַ טייל טעקסטיל-אַרבעטער (די מאָראָזאָווער פאַבריקנ) אונ די טרעגערס פונעמ

פעטערבורגער האפן, א 9-שאָיקן — די ארבעטער פון די אײַזנבאַן-ווארשטאַטן, די מערהײַט פאבריק-זאַוואָדישע ארבעטער פון ווארשע, בערדיאַנסק, די מינסקער דרוקער, לעסאָפּ, א 10-שאָיקן ארבעטסטאָג האָבן זיך דערשלאָגן די מערהײַט זאַוואָדישע ארבעטער און די מאָסקווער בעקער.

אויב מע זאָל זיך דערמאָנען, פאר וואָס פאר א דערפאָלג פונעם ארבעטער-קלאס אלע האָבן אנערקענט דאָס אײַנפירן א 10-שאָיקן ארבעטסטאָג אין די ענגלישע פאבריקן אין די 1840-קער יאָרן, וועלן מיר באקומען א מאסשטאב פאר די דערגאָבערונגען פון די רוסישע ארבעטער אינעם דאָזיקן געביט אינעם 1905-טן יאָר. פונקט ווי פריִער, זײַנען די אונטערנעמער אינעם דאָזיקן געביט געווען נאָכגעביקער, — אינעם געביט פון ארבעטלוין זײַנען זיי געווען פיל אײַנגעשפארטער. פינדעסטוועגן אָבער, האָבן זיך די ארבעטער אויך דאָ דערשלאָגן גאנץ מאמאָשעסדיקע האנאָכעס. די נאָרוואָס דערמאָנטע מאָסקווער בעקער, — דער דאָזיקער שטרײַק איז פארבײַגייענדיק דערמאָנט געוואָרן פריִער אין פארבינדונג מיטן „בונט פון די אופקלער-געזעלשאפטן”, — האָבן זיך אין אפּרעל דערשלאָגן א פארגרעסערונג פון די טאריפן אף 50 פראָצ. דער אויבן באשריבענער איוואנאָוואָ-וואָזנעסענסקער שטרײַק האָט זיך גערעכנט פאר ניט קיין געלונגענעם, און ווירקלעך, די רעזולטאטן האָבן ניט באררעכטיקט די קאָלאָסאַלע ענערגיע פון די ארבעטער, וואָס איז אף אים געפאטערט געוואָרן; פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך דערשלאָגן א פארגרעסערונג פון די סכירעס אף 15—20 פראָצ.; אכוץ דעם איז איינע פון די פאבריקן אײַנגעגאנגען אף אײַנפירן א „פאבריק-קאָנסטיטוציע”, — דאָס צונעמען און אָפּזאָגן ארבעטער איז איבערגעגעבן געוואָרן א קאָמיסיע פון פאָרשטייער פון דער פארוואלטונג און פון די ארבעטער, אף פאריטעטע יעסוידעס. אין שווער אויעזד איז פאר די וועבער און וועבערנס דער פארדינסט ביכלאל געשטיגן אף א פראָצ. 10. אין מאָסקווע, אף דער פּראָכאָראָווער מאנופאקטור, האָט זיך דער דורכשניטלעכער כוידעשלעכער ארבעטלוין געהעכערט פון 14 רובל (מײַ 1904-טן) ביז 16 רובל מיט 80 קאָפּ. (מארט 1905), 17 רובל 73 קאָפּ. (אווגוסט 1905) און 19 רובל 54 קאָפּ. (נאָיאבער 1905). מער פאר אלע האָבן אָבער, פארשטייט זיך, געוווּנען די אמערסטן קוואַליפיצירטע גרופּעס ארבעטער. אפן פוטילאָווער זאַוואָד איז דער פארדינסט געשטיגן פאר די גיסער פון 1 רובל 57 קאָפּ. (א טאָג) ביז 1 רובל 84 קאָפּ. פאר די ארבעטער פונעם מעכאנישן ווארשטאט פון 1 רובל 97 קאָפּ. ביז 2 רובל 25 קאָפּ., פארן קעסל-צעך—פון 1 ר. 43 קאָפּ. ביז 1 ר. 76 קאָפּ., פארן הארמאטן-צעך—פון 2 רובל 20 קאָפּ. ביז 2 רובל 52 קאָפּ., פארן אינסטרומענטאַלן ווארשטאט — פון 2 רובל 46 קאָפּ. ביז 2 רובל 99 קאָפּ. דאָס איז געווען די מאקסימאלסטע העכערונג פונעם ארבעטלוין — אף 17,7 פראָצ.; אינעם מעכאנישן ווארשטאט איז דער ארבעטלוין געהעכערט געוואָרן סאכאקל אף 14,2 פראָצ. אאוו. אומעטום אָבער זײַנען געשטיגן די טאריפן, און דאָס איז גלײַכצײַטיק מיט א פארקלענערונג פונעם ארבעטסטאָג ביז 10 שאָ.

אָבער די שטרײַקן זײַנען ניט געבליבן שטיין אף דער עקאָנאָמישער סטאדיע: עס זײַנען אָן אָפּהאַלט געוואָקסן אויך די פּאָליטישע שטרײַקן, די שטרײַקן שוין ניט קעגן דעם באלעבאָס, נאָר קעגן דעם צאר.

די אגיטאציע פאר אן אלגעמיינעם שטרײַק האָבן די באָלשעוויקעס געפירט שוין גאנץ לאנג — שוין פון זומער 1905 יאָר אָן. דער מאָסקווער קאָמיטעט האָט פאנאנדערגעוויקלט א ברייטע קאמפאניע אין דער דאָזיקער ריכטונג, די דאָזיקע קאמ-

פאַניע האָט געקאָסט א היפשע צאָל מאַטעריעלע מיטלענ אונ קאָרבאַנעס, אָבער זי האָט דעמלט ניט געבראַכט צו קיינ דערפאָלג. די פאַרטיי איז געוואָקסנ מיט א מוירעדיקער גיכקײַט: אינ מאָסקווע איז די צאָל ארבעטער, וואָס זײַנענ צוגעשטאַנענ צו איר, אויסגעוואַקסנ פונ 300 אינ נאָיאַבער 1904 יאָר ביז 8000 צו סענטיאַבער 1905 יאָר — ווייניקער ווי פאַר א יאָר צײַט איז די פאַרטיי אויסגעוואָקסנ אינ העכער 25 מאָל. אָבער די אָרגאַניזאַציאָנעלע ארבעט אירע האָט זיכ ניט געקאָנט נאָכיאָגנ נאָכנ צאָליקנ וווּקס. דער אידייִשער אײַנפלוס פונ דער פאַרטיי איז געווענ קאָלאָסאַל: די מענשעוויקעס זײַנענ דעמלט אינ מאָסקווע אָפגעטראָטנ אינ הינטערגרונט, די סאָציאַליסטנ-רעוואָליוציאָנערנ האָבנ זיכ געשטיצט קימאַט אויסשליסלעכ אָפ דער קלייַנבירגערלעכער אינטעליגענצ אונ אָפ דער שטודירנדיקער יוגנט, — אינ די ארבעטער-קרײַזנ איז נאָכ זיי געגאַנגענ אַנ אומבאַדײַטנדיקע מינדערהײַט. אָבער דאָס האָט נאָכ ניט באַטײַט, אַז אפילע די באָלשעוויקעס האָבנ א גוט געבויטע פראָלעטאַרישע ארמיי, וואָס פאָלגט זייערע דירעקטיוונ אונ דער רופ פונ די באָלשעוויקעס צו אַנ אַלגעמיינעמ שטרײַק אינ מאָסקווע, זומער 1905-טנ יאָר, כאָטש מיר איבער, האָט נאָכ קיינ דערפאָלג ניט געהאַט. די אידיי אָבער איז ניט פאַרלאָרנ געגאַנגענ, — אונ סאַכאַקל אינ דרײַ—פיר כאָדאָשימ ארומ, ווענ דער סטיכייִשער* וווּקס פונ דער רעוואָליוציע האָט באַשאַפנ די נייטיקע אַטמאָספער, איז די אידיי פאַרווירקלעכט געוואָרנ, האָגאַמ דאָס מאָל האָט צו אַנ אַלגעמיינעמ שטרײַק קיינער ספּעציעל ניט גערופנ. אָנ שומ גוזמע: סאַכאַקל א כווידעש פאַר דעמ האָט קיינ איינע פונ די רעוואָליוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס ניט געטראַכט, אַז מיר שטייענ ערעוו א נײַער קאָלאָסאַלער כוואַליע פונ דער ארבעטער-באַוועגונג, וואָס אישפיצ וועט זיכ אָנהייבנ א סאַכ העכער ווי דעמ 9-טנ יאַנוואַר. פאַרטאָג אינעמ לויפנדיקנ פּאָליטישנ קאַמפ, האָבנ די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס געהאַט קאָנצענטרירט זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקײַט אָפ די פאָרשטייענדיקע, ווי עס האָט זיכ געדוכט, וואַלנ אינ דער „בוליגינישער דומע" אונ אָפ דער אַגיטאַציע פאַר א בויקאָט פונ די דאָזיקע וואַלנ. אונ אַזויווי עס איז קלאָר געווענ, אַז דער בויקאָט קאָנ זיכ אײַנגעבנ אינ בעסטנ פאַל, אינ די ראַמענ פונ די ש ט ע ט, אַז דאָס דאָרפ וועט קלײַבנ סײַ אינ דער פערזאָנ פונ די פּריציִמ סײַ אינ דער פערזאָנ פונ די פויערימ, פלעגט מענ די מאַסנ-ארויסטרעטונג פונעמ פראָלעטאַריאַט צופּאַסנ צומ צ ו נ ו י פ ר ו פ נ די דומע, וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומענ דעמ 10-טנ יאַנוואַר (אַלטנ סטיל) 1906-טנ יאָר, — ווי בעקיווענ, איז עס אויסגעקומענ אָפ מאָרגנ נאָכנ יאָרטאָג פונעמ „בלוטיקנ זונטיק", אָנ וועלכנ דער רוסישער ארבעטער האָט זיכ ניט געקאָנט ניט דערמאָנענ. די פאַרבליבענע דרײַ—פיר כאָדאָשימ האָבנ, דוכט זיכ, געגעבנ די פולע מעגלעכקײַט צו אַנטוויקלענ א ברייטע אַגיטאַציע סײַ פאַרנ בויקאָט סײַ פאַר א נײַער פּאָליטישער ארויסטרעטונג פונ די ארבעטער.

---

* אַזויווי בא זײַנ גאַנצער, דוכט זיכ, קלאָרקײַט רופט דער אויסדרוק „סטיכייִשער" פונדעסטוועגנ ארויס א מיספאַרשטייעניש, אונ אייניקע כאַוויירימ פאַרשטייענ דעמ דאָזיקנ טערמינ אַזוי, אַז דער שטרײַק פונ אָקטיאַבער 1905 יאָר איז קלוימערשט נעווענ א צ ו פ ע ל י ק ײַ ט, האַלט דער אַווטאָר פאַר זײַנ כויוו צו אונטערשטרײַכנ, אַז „סטיכייִשער" באַטײַט אינ דער געשיכטע אַזא, „וואָס האָט ניט קיינ פּלאַנמעסיקע אָנפירונג", אָבער לאַכלוטנ ניט קיינ „צופעליקער". דער אָקטיאַבער-שטרײַק איז מיט אַנ אײַזערנער נויטווענדיקײַט אַנטשטאַנענ פונ דער גאַנצער פאָריקער ארבעטער-באַוועגונג — אָבער ער איז ניט געווענ פּלאַנמעסיק צוגעגרייט אונ דורכגעפירט. דערמיט אונטערשיידט ער זיכ ניט בלויז פונ דער רעוואָליוציע פונ 1917-טנ יאָר, נאָר אויכ פונעמ דעקאַבער-אויפשטאַנד פונ 1905 יאָר.

די דאָזיקע אגיטאַציע האָט זיכ, אגעוו, גלײַכ געקאָנט אָנכאַפּנ פאר דער נײַער „רעוואָליוציאָנערער מעגלעכקײַט", וועלכע האָט זיכ געשאַפנ אדאנק דעמ דעמאגאָגישנ בײנדלענ זיכ פונ ניקאָלײַ דעמ II-טנס מיניסטאָרנ צו דער בורזשואזער אינטעליגענצ, וואָס וועגנ דעמ האָבנ מיר שוינ גערעדט פריִער. אזוי ווי זי האָט קאָנצענטרירט איר גאנצע ווידערשטאנד-קראַפט אפנ קאמפ קעגנ דער א ר ב ע ט ע ר-באוועגונג, האָט ניקאָלײַס רעגירונג, וואָס האָט שוינ געהאט נאָכגעגעבנ דעמ רעכטנ פליגל פונ די זעמסטווע-טוער אינ דער פראגע וועגנ דער „בוליגינישער דומע", באשלאָסנ נאָכצוגעבנ אויכ דעמ עקסט-רעכטנ פליגל פונ דער „שטאַטישער אינטעליגענצ, אינ דער פערזאָנ פונ דער פראָפעסור, אינ דער פראגע וועגנ דער א ו נ י ו ו ע ר ס י ט ע ט-א י ו ט א נ א מ י ע. די פראָפעסור האָט זיכ שוינ פונ לאנג געוואָלט דערשלאָגנ די דאָזיקע אווטאָנאָמיע. אינ טאָכ גענומענ, איז דאָ דער שטרײַט געווענ זייער גאָענט צומ שטרײַט וועגנ א „מאכטהאָבנדיקער זעמסטווע", צו דער פראגע וועגנ דעמ, אז די אָרטיקע איניִאָנים זאָלנ זײַנ אומאָפּהענגיק פונ דער אָרטיקער באאמטישער אדמיניסטראציע. די זעמסטווע-טוער האָבנ געוואָלט, אז דער גובערנאטער זאָל זײַנ אנ אייגענער, א זעמסטווע-גובערנאטער, און ניט קיינ „ביוראָקראט", צוגעשיקט פונ פעטערבורג. די פראָפעסאָרנ האָבנ געוואָלט, אז מיטנ אוניווערסיטעט זאָל פארוואלטנ זייערער, אנ אויסגעקליבענער רעקטער, און ניט קיינ באשטימטער פונ פעטערבורג באאמטער, דער קוראטער פונעמ לערנ-קרײַז. ניט די, ניט יענע, ניט די זעמסטווע-טוער, ניט די פראָפעסאָרנ האָבנ דערבײַ ניט געמיינט אפילו אָפּצולייקענענ די זעלבסטהערשונג: אבי נאָר זיי זאָלנ זײַנ דירעקט אונטערגעאָרדנט דעמ צענטער און ניט דער אָרטיקער „ביוראָקראטיע". ווי אלע פאָליטיש באגרענעצטע מענטשנ, האָט זיכ זיי געדוכט, אז אלע אומאָרדענונגענ אינעמ אוניווערסיטעט נעמענ זיכ דערפונ, וואָס די פראָפעסאָרנ זײַנענ „ניט קיינ באלעבאטימ בא זיכ אינ דער היימ". זאָל מענ זיי נאָר געבנ די מאכט אינ די הענט, און אינ דער הויכשול וועט זײַנ „שטיל און רויִק, ווי גאָט האָט געבאָטנ". אויב מע זאָל באטראכטנ די זעמסטווע, אלס א ריינ-פּריצישנ אנשטאלט, און די הויכשולנ, אלס א קלאסנ-אנשטאלט א בורזשואזנ, זײַנענ סײַ די זעמסטווע-טוער, סײַ די פראָפעסאָרנ גערעכט געווענ אינ א געוויסער מאָס: דער אויסדערוויילטער פונ די אָרטיקע גוטבאזיצער וואָלט געהאט צווישנ זיי מער אווטאָריטעט, איידער דער צוגעשיקטער פונ פעטערבורג באאמטער: דער בורזשואזער פראָפעסער וואָלט געקאָנט מער ווירקנ אפ דער בורזשואזער יוגנט, איידער די פארהאסטע פונ דער דאָזיקער יוגנט „פאָליציי", אינ דער פערזאָנ פונעמ אינספעקטער, אָדער אינ דער פערזאָנ פונעמ קוראטער פונעמ קרײַז.

שפעטער, אינ דער שאָלעמ-צײַט, האָט טאקע די „אווטאָנאָמיע" געהאָלפנ דער זעלבסטהערשונג אינ דער דאָזיקער ריכטונג. אָבער אינ 1905-טנ יאָר איז אויכ די בורזשואזע יוגנט געווענ פארכאפט און פארטאָנ אינ דער מאסנ-באוועגונג. אירע אָנפירנדיקע קרײַזלעכ האָבנ דעמאָלט געהערט, אויב ניט צו די סאָציאַל-דעמאָקראטנ (דעריקער צו די מענשעוויקעס), איז צו די סאָציאַליסטנ-רעוואָליוציאָנערנ. ניט פונ די, ניט פונ יענע האָט די זעלבסטהערשונג ניט געקאָנט האָבנ קיינ גרויסע נוצנ. זי האָט געהאָפט איבערצוגעבנ די מאכט אינ דער הויכשול די קינפטיקע קאדעטנ און אָקטיאבריסטנ, און די אוניווערסיטעט-אווטאָנאָמיע איז גאָר ארײַנגעפאלנ אינ די הענט פונ די עסדעקנ און עסערנ. די סטודענטנשאפט, וועלכע איז זיכ צונויפגעפאָרנ נאָכ די קאניקולנ פונ 1905-טנ יאָר, האָט באשלאָסנ ניט פאָרצוזעצנ דעמ

שטרײַק, וועלכנ זי האָט ניט אָפּגעשטעלט פונעמ 9-טנ יאַנוואַר אָנ, נאָר אויסנוצנ די אוניווערסיטעט-אַודיטאָריעס פאַר דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. אינ אַלע הויכשולנ האָט מענ אָנגעהויבנ מאַכנ טויזנטקעפּיקע מיטינגענ, וועלכע די פּאָליציי האָט ניט געקאָנט שטערנ, ווײַל אינ דער „אווטאָנאָמער" שול האָט זי קיינ צוטריט ניט געהאַט אָנ דער אײַנלאַדונג פונ דער אָרטיקער מאַכט. אונ יענע וואָלט מיט סימכע א רופ געטאָנ א גאָראָדאָווי, אָבער די שטימונג פונ דער סטודענטנשאַפט האָט גיט דערלויבט צו טראַכטנ אפילע וועגנ דעמ. גלײַכ נאָכנ ערשטנ מיטינג פונ דרײַ טויזנט מאַנ האָט דער רעקטער פונ מאָסקווער אוניווערסיטעט, טרובעצקוי, אָנגעהויבנ פּראָטעסטירנ אונ האָט געוואָלט פאַרמאַכנ דעמ אוניווערסיטעט, אָבער די כוואַליעס זײַנענ אַריבער איבער זײַנ קאָפּ. אינגיכנ האָט אויכ דער פּראָפעסאָרישער, „אַקאַדעמישער" פאַרבאַנד (איינער פונ די „פּראָפעסיאָנעל-פּאָליטישע", ז. אויבנ ז.ז. 132—134) געמוזט אָנערקענענ די מיטינגענ אינ די ווענט פונ דער הויכשול פאַר א נאָרמאַלער דערשײַנונג. די רעוואָליוציע האָט זיכ דעראָבערט א פרײַע טריבונע.

די דעראָבערער גופע, כאָטש איכ איבער, האָבנ גיט געטראַכט, אַפ וויפל דאָס וועט זײַנ פונקט צו דער צײַט. קימאַט אַפ מאָרגנ נאָכ די אוניווערסיטעט-מיטינגענ איז שוינ אויפגעקומענ א נײַע כוואַליע פונ דער אַרבעטער-באַוועגונג.

אָנ אָנזאָג פונעמ אָנקומענדיקנ שטורעמ האָט זיכ געפילט שוינ א וואָכנ דרײַ פאַר דעמ. סאָפ אויגוסט (אַלטנ סטיל) איז ווידער אויסגעבראָכנ א שטרײַק אַפ די נאַפט-געווערבנ פונ באַקו; די סיבע איז געווענ דאָס, וואָס די נאַפט-אינדוסטריעלער האָבנ ניט אויסגעפילט די צוזאָגנ, וואָס זיי האָבנ געגעבנ נאָכ סאָפ 1904-טנ יאָר. אַפ צו באַקעמפנ דעמ שטרײַק איז דאָס מאָל אָנגעווענדעט געוואָרנ א מיטל, וואָס איז דעמלט געווענ א נײַס, אָבער אימ איז פאָרגעשטאַנענ א ברייטע פּאָפּולערקײַט: קעגנ די אַרבעטער האָט מענ אַרויסגעשטעלט שוואַרצמייעניקעס, וועלכע עס האָט מאָביליזירט די אַדמיניסטראַציע. אינ „קליינע פאָרציעס" איז דער דאָזיקער מעטאָד אָנגעווענדט געוואָרנ אויכ פריִער: אינ קורסק נאָכ אינ פרילינג — קעגנ א מאַניפעסטאַציע פונ דער לערנ-יוגנט, אינ ניזשני-נאָווגאָראָד זומער — קעגנ דער אינטעליגענצ אונ די אַרבעטער. אינ דער קאַווקאַזער סיטואַציע האָט עס אָנגענומענ א כאַראַקטער פונ א באַוואָפנטער שכיטע. באַקו איז געוואָרנ א טעאַטער פונ א בירגער-קריג, ביימ וועלכנ עס האָט אָפּגעברענט דער גאַנצער באַלאַכאַנ-סאַבונטשינער נעוואַרב-שטעטכ. דער ערשטער רעזולטאַט איז געווענ א שאַרפער נ א פ ט - ה ו נ ג ע ר: נאַפט איז טײַערער געוואָרנ אַפ 200—300 פּראָצ. דער צווייטער רעזולטאַט — א פאַרשאַרפטער אָפּהאַלט אינ יענע אונטערנעמונגענ פונעמ צענטראַלנ אינדוסטריע-ראַיאָנ, וועלכע האָבנ געאַרבעט אַפ נאַפט. מע דאַרפ גיט פאַרגעסנ, אַז דער קריזיס פונ די ערשטע יאָרנ פונעמ XX יאָרהונדערט איז נאָכ ניט אויסגעלעבט געוואָרנ ענדגילטיק, — דער נײַער אינדוסטריעלער אופשטײַג איז געקומענ ערשט אינ 1909-טנ יאָר. די פאַבריקנ אונ זאַוואָדנ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ פאַרמאַכנ, די אַרבעטלאָזיקײַט — וואַקסנ, אונ די יוירונג צווישנ דער אַרבעטער-מאַסע האָט זיכ אויכ פאַרשטאַרקט.

אינ דער דאָזיקער אָנגעגליטער אַטמאָספער האָבנ, ווי בעקיוונ, אָנגעהויבנ פאַלנ ט י י ל ו ו ײַ ז ע ש ט ר ײַ ק נ, וועלכע זײַנענ אויסגעבראָכנ אייגער נאָכנ אַנדערנ אינ דער צווייטער העלפט סענטיאַבער (אַלטנ סטיל). עס פאַרדינט אופמערקזאַמקײַט דאָס, וואָס טראָצ דער באַלעבעסלדיקער טעאָריע וועגנ „קיניג-הונגער", אַלס א פיִער

פונ רעוואָליוציעס, האָבנ געשטרײַקט גאָרניט די סאמע הונגעריקע — אונ די סאמע אָפּגעשטאַנענע — גרופּעס פונעמ פּראָלעטאַריאַט: פּאַרקערט, עס האָבנ זיכ אופּגעהויבנ שיכטנ, וועלכע האָבנ שוינ געהאַט א רומפּולע שטרײַק-פאַרגאַנגענהײט, וועלכע האָבנ געהאַט גרויסע דעראָבערונגענ, וואָס זייער מאַטעריעלע לאַגע איז ניט געוואָרנ ערגער, נאָר לעפּיערעכ בעסער, אָבער זיי האָבנ זיכ, פאַרשטייט זיכ, בעשומויפנ ניט געקאָנט רעכענענ פאַר באַפרידיקט. דאָ דאַרפ מענ דערמאָנענ, אַז די פאַרגרעסערונג פונעמ ארבעטלוינ אפילע בא די ארבעטער, וועלכע האָבנ געוווּנענ מער פונ אלעמענ, האָט ניט באַטראָפנ מער פונ 20 פּראָצ., אינ דער צײַט, ווענ דאָס לעבנ איז געוואָרנ טײַערער אַפ 25—30 פּראָצ.* דער שטרײַק-קאַמפּ האָט, אינ טאָכ גענומענ, קוימ-קוימ געהאָלפנ דעמ ארבעטער צו האַלטנ זיכ אַפ דעמ לעבנס-ניוואָ, וואָס ער האָט זיכ דעראָבערט צומ אָנהייב XX יאָרהונדערט.

אויב דער ארבעטער האָט ניט געוואָלט אראָפּלאָזנ זיכ, האָט ער געמוזט קעמפנ ווײַטער, שטרײַקנ אונ שטרײַקנ. די, וועמענ עס פלעגנ זיכ אײַנגעבנ די פריערדיקע שטרײַקנ, זײַנענ, נאַטירלעכ, געגאַנגענ זיכערער מיטנ דאָזיקנ וועג אונ פלעגנ גרינגער אָנהייבנ. די מאָסקווער דרוקער האָבנ שוינ אינ 1902-טנ יאָר זיכ דערשלאָגנ א גרויסע פאַרגרעסערונג פונעמ ארבעטלוינ אונ האָבנ פונ דעמלט אָנ געהאַט אַנ אייגענע אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע. דער מילכאָמע-יאָקרעס (לאָמיר ניט פאַרגעסנ, אַז דער שאָלעמ איז גאָרוואָס געשלאָסנ געוואָרנ, אונ דער דרוק פונ דער מילכאָמע אָפּנ איגערלעכנ מאַרק האָט זיכ נאָכ געפילט מיט דער גאַנצער קראַפט) האָט געמאַכט קימאַט צונישט אַלע זייערע פריערדיקע דעראָבערונגענ.

מע האָט געמוזט שטרײַקנ ווײַטער. די אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע, — וועלכע עס האָבנ שוינ דעמלט געהאַט באַהערשט די מענשעוויקעס, — האָט געשטרעבט אָפּצוציענ די ארויסטרעטונג אַלצ ביז דעמ זעלביקנ פּאַטאַלנ טאָג, ווענ מע וועט צונויפרופנ די דומע. אָבער די „אומבאַוווּסטזיניקע ארבעטער", ווי עס האָט געשריבנ דער מאָסקווער קאָרעספּאָנדענט פונעמ באָלשעוויסטישנ „פּראָלעטאַרי", „ריינע עקאָנאָמיסטנ אונ א קליינע גרופּע ארבעטער, וועלכע האָבנ דורכגעמאַכט די זובאַטאָווישע שול", ווי עס שרײַבט דער מענשעוויסטישער היסטאָריקער פונ דער באַוועגונג,** זײַנענ געשטאַנענ פעסט פאַר א באַלדיקנ ע ק אָ נ אָ מ י ש נ שטרײַק. דעמ שרײַבער פונ די דאָזיקע שורעס איז אויסגעקומענ צו זײַנ אַפ איינ זיצונג פונעמ שטרײַק-קאָמיטעט פונ די דרוקער, אונ אימ האָט זיכ ניט אויסגעוויזנ, אַז זײַנע מיטגלידער זאָלנ זײַנ „אומבאַוווּסטזיניקע" אינעמ קלאַסנ-זינ פונעמ וואָרט. זיי זײַנענ אָבער, פאַרשטייט זיכ, געווענ זייער ווײַט פונ א פּאָליטישער רעוואָליוציע. די זעצער האָבנ געפאָדערט, מע זאָל זיי צאָלנ פאַר צ יי כ נ ס, אונ די פאַרוואַלטונגענ פונ די דרוקערײַענ זײַנענ, לויט דער טראַדיציע, געווענ דערפאַר, אַז מע זאָל רעכענענ לויט א ו י ס י ע ס; דער אונטערשייד האָט באַטראָפנ בא א 12 פּראָצ.

צו די זעצער זײַנענ זייער גיכ צוגעשטאַנענ די ב ע ק ע ר, א גרופּע, וועלכע

---

* אויב מיר וועלנ אָנעמענ די פּרײַזנ פונ די יאָרנ 1890 — 1899 פאַר 100, וועלנ די פּרײַזנ פונ 1906-טנ יאָר זײַנ:

פאַר ברויט-פּראָדוקטנ	120,8
„ פלייש-פּראָדוקטנ	137,3
„ מאַנופאַקטור	139,6

** כרוסטאַליאָוו-נאָסאַר — אינ דער „געשיכטע פונעמ ראָט פונ ארבעטער-דעפּוטאַטנ".

האָט טאקע ווידעראמאָל דאָ ניט לאנג, איג אפּרעל, געהאט געוועזנ א גרויסנ שטרײַק אונ וועלכע האָט געהאט אלע גרונטנ צו קלאָגנ זיכ, אז די אונטערנעמער פּילנ ניט אויס די צוזאָגנ, וועלכע זיי האָבנ דעמלט געגעבנ. דער אויסערלעכער גאנג פונעם איציקנ איז אזוי גוט געשילדערט אינעם ארטיקל פונ „פּראָלעטארי“ (נומ. 21, דעמ 4-טנ אָקטיאבער אלטנ סטיל 1905-טנ יאָר), אַפ וועלכנ מיר האָבנ זיכ נאָרוואָס פארופנ, ווענ מע זאָל אימ אויסבעסערנ אינ דער פראגע וועגנ דער „אומבאוווסטזיניקײַט“,* אז ווײַטער גיבנ מיר איבער מיט זײַנע ווערטער.

„דעמ שטרײַק פונ די זעצער אינ מאָסקווע האָבנ אָנגעהויבנ, ווי מע טיילט אונדז מיט, די אומבאוווסטזיניקע ארבעטער. די באוועגונג גליטשט זיכ אָבער גלײַכ ארויס פונ זייערע הענט, זי ווערט א ברייטע פּראָפעסיאָנעלע באוועגונג. עס שטייענ צו די ארבעטער פונ אנדערע פאכנ. די אומפּארמײַדלעכע ארויסטרעטונג פונ די ארבעטער אַפ דער גאס, זאָל זײַנ אפילע קעדיי צו אינפאָרמירנ די כאוויירימ, וועלכע זײַנענ נאָכ ניט געווענ אינפאָרמירט וועגנ דעמ שטרײַק, ווערט פארוואנדלט זיכ אינ א פּאָליטישער דעמאָנסטראציע מיט רעוואָליוציאָנערע לידער אונ רעדעס. דער צאָרנ קעגנ דער שענדלעכער קאָמעדיע פונ די „פאָלק“-וואלנ אינ דער מעלוכע-דומע, וועלכער איז א לאנגע צײַט אײַנגעהאלטנ געוואָרנ, רײַסט זיכ ארויס אינ דרויסנ. דער מאסנ-שטרײַק וואקסט אריבער אינ א מאסנ-מאָביליזאציע פונ קעמפער פאר עמעסער פרײַהײַט. אַפ דער סצענע באווײַזט זיכ די ראדיקאלע סטודענטנשאפט, וועלכע האָט אויכ אינ מאָסקווע א קורצע צײַט פאר דעמ געהאט אָנגענומענ א רעזאָליוציע, א פולקומ אנאלאָגישע צו דער פעטערבורגער; די דאָזיקע רעזאָליוציע שטעמפּלט אינדערעמעסנ, מיט א שפּראכ פונ פרײַע בירגער, אונ ניט פונ באאמטע, וועלכע קריכנ אַפ אלע פיר, די מעלוכע-דומע, אלס א כוצפּעדיקנ בויזעק איבערנ פאָלק, זי רופט צומ קאמפ פאר א רעפּובליק, פאר צונויפרופנ דורכ דער צײַטווײַליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג א ווירקלעכ אלפאָלקישע אונ ווירקלעכ א קאָנסטיטויִרנ-דיקע (גרינדונג-) פארזאמלונג. עס הייבט זיכ אָנ א גאסנ-קאמפ פונעמ פּראָלעטאריאט אונ פונ די אוואנגארד-שיכטנ פונ דער רעוואָליוציאָנערער דעמאָקראטיע קעגנ דעמ צארישנ מיליטער אונ פּאָליציי.

אָט אזוי איז טאקע פארגעקומענ די אנטוויקלונג פונ דער באוועגונג אינ מאָסקווע. שאבעס, דעמ 24-טנ סענטיאבער (7-טנ אָקטיאבער), האָבנ, אכוצ די זעצער, שוינ ניט געארבעט די טאבאק-פאבריקנ, די עלעקטרישע טראמווײַענ; עס האָט זיכ אָנגעהויבנ דער שטרײַק פונ די בעקער. אינאָוונט זײַנענ פארגעקומענ גרויסע מאניפעסטאציעס, אינ וועלכע עס האָט זיכ, אכוצ ארבעטער אונ סטודענטנ, באטייליקט א גרויסע צאָל „זײַטיקע“ מענטשנ (די רעוואָליוציאָנערע ארבעטער אונ ראדיקאלע סטודענטנ הערט מענ שוינ אופ צו האלטנ פאר זײַטיקע איינע פאר די אנדערע בא אָפענע פאָלק-ארויסטרעטונגענ). קאזאקנ אונ זשאנדארמענ פלעגנ די גאנצע צײַט פארטרײַבנ די מאניפעסטאנטנ, די אָבער פלעגנ זיכ שטענדיק צוריק צונויפקלײַבנ. דער האמויִנ האָט געגעבנ א ווידערשטאנד דער פּאָליציי אונ די קאָזאקנ; עס האָבנ זיכ געלאָזט הערנ רעוואָלווער-שאָסנ, אונ פיל פּאָליציאנטנ זײַנענ פארווונדעט געוואָרנ.

* דעמ ארטיקל האָט אָנגעשריבנ דער כ' לענינ („ווערק“, ערשטע אויסגאבע, VI באנד, זײַט 494 אונ ווײַטער). אָבער ער אליינ נעמט דערבײַ אויס, אז ער גיט איבער ידיִעס, וועלכע זײַנענ באַקומענ געוואָרנ פונ מאָסקווע.

זונטיק, דעמ 25־טנ סענטיאַבער (דעמ 8־טנ אָקטיאַבער) נעמענ די געשעענישנ מיטאַמאָל אָנ א דראָענדיקע ווענדונג. פונ 11 אזייגער אינדערפרי האָבנ זיכ די אַרבעטער אָנגעהויבנ פאַרזאַמלענ אינ די גאַסנ. דער האַמוינ זינגט די „מאַרסעליעזע". עס ווערנ אײַנגעאָרדנט רעוואָליוציאָנערע מיטינגענ. די דרוקערײַענ, וועלכע האָבנ זיכ אָפּגעזאָגט צו שטרײַקנ, זײַנענ צעשמעטערט געוואָרנ. דער האַמוינ צעקלאַפּט בעקערײַענ אונ געוועור־מאַגאַזינענ: די אַרבעטער נייטיקנ זיכ אינ ברויט, קעדיי צו לעבנ, אונ אינ געווער, קעדיי צו קעמפנ פאַר דער פרײַהײַט (גאָר אזוי, ווי עס שטייט געשריבנ אינעמ פראַנצויזישנ רעוואָליוציאָנערנ ליד). די קאָזאַקנ גיט זיכ אײַנ צו פאַנאַנדערטרײַבנ די מאַניפעסטאַנטנ ערשט נאָכ אַנ אײַנגעשפּאַרטנ ווידערשטאַנד. אפ טווערסקאַיאַ, באַמ הויז פונעמ גענעראַל־גובערנאַטער, קומט פאָר א גאַנצע שלאַכט. בא פיליפּאָווס בעקערײַ קלײַבט זיכ צונויפ א האַמוינ בעקער־געזעלנ. ווי עס האָט דערנאָכ דערקלערט די אַדמיניסטראַציע פונ דער דאָזיקער בעקערײַ זײַנענ די אַרבעטער פרידלעכ אַרויס אינ גאַס, וואַרפנדיק די אַרבעט אויס סאָלידאַרישקײַט מיט אַלע שטרײַקער. א קאָזאַקנ־אָפּטיילונג פאַלט אָנ אפנ האַמוינ. די אַרבעטער דרינגענ אַרײַנ אינ הויז, קלעטערנ אפנ דאַכ, אפנ בוידעמ, באַשיטנ די סאָלדאַטנ מיט שטיינער. עס קומט פאָר א רעגלמעסיקע באַלאַגערונג פונעמ הויז. דאָס מיליטער שיסט אינ די אַרבעטער. עס ווערט אָפּגעשניטנ יעדער פאַרקער. צוויי גרענאַדערנ־ראָטעס גייענ אַרומ דאָס הויז, דרינגענ אַרײַנ פונ הינטנ אונ נעמענ אײַנ די פײַנטלעכע פּאָזיציע. עס ווערנ אַרעסטירט 192 געזעלנ, פונ זיי אַכט פאַרווונדעטע; צוויי אַרבעטער זײַנענ דערהאַרגעט געוואָרנ. מיצאַד דער פּאָליציי אונ דעמ מיליטער זײַנענ פאַראַנ פאַרווונדעטע; שטערבלעכ פאַרווונדעט איז א זשאַנדאַרמ־ראָטמיסטער".

די, וואָס האָבנ געזענ די דאָזיקע באַוועגונג מיט די אייגענע אויגנ, וועלנ ניט פאַרגעסנ איינ שטריכ: די אַלצ וואַקסנדיקע א ו מ ד ע ר ש ר אָ ק נ ק ײַ ט פונעמ האַמוינ. פריער פלעגט ער זיכ צעלויפנ בא איינ אויסגעשריי: „קאָזאַקנ! דראַגונער!", אונ איצט פאַלט ער אָנ אפ די קאָזאַקנ אונ אפ די דראַגונער. שוינ ניט דער האַמוינ האָט מוירע פאַר זיי, נאָר זיי הייבנ שוינ אָנ מוירע האָבנ פאַרנ האַמוינ; נאַהײַקעס אונ אַפילע שווערדנ אונ פּיקעס האָבנ שוינ קיינ שומ ווירקונג ניט, — אַלצ אָפטער אונ אָפטער הערנ זיכ קלאַנגענ פונ ביקסנ־שאָסנ, אונ אינגיכנ, פילט זיכ, וועלנ אָנהייבנ ריידנ האַרמאַטנ.

די באַוועגונג אָבער איז נאָכ דערווײַל פאַרבליבנ אַנ אָרטיקע, א מאָסקווער, „אויס מיטנעפּיל" מיט די מאָסקווער זעצער האָבנ פאַרשטרײַקט די פּעטערבורגער, — דאָס איז אָבער געווענ אַנ איינפאַכע דעמאָנסטראַציע, וואָס האָט זיכ פאַרענדיקט אינ א פּאָר טעג אַרומ. ווענ לענינ האָט געשריבנ זײַנ אַרטיקל, איז שוינ דער דרוקער־שטרײַק, אינ טאָכ גענומענ, געווענ אינ דער פאַרגאַנגענהײַט. ביזנ 5־טנ אָקטיאַבער (אַלטנ סטיל) פלעגנ די צײַטונגענ בלויז אָנווײַזנ אפ א ריי מיטינגענ אינ די הויכשולנ, אפ דעמאָנסטראַציעס אינ צוזאַמענהאַנג מיט דער לעווײַע פונעמ פּלוצלינג פאַרשטאָרבענעמ, ערשט אויסגעוויילטנ רעקטער פונעמ מאָסקווער אוניווערסיטעט, ס. נ. טרובעצקוי, אפ מאַניפעסטאַציעס פונ דער לערניוגנט אאַז. דאָס אַלצ איז שוינ אָבער, לויט די דעמאָלטיקע צײַטנ, געווענ א גאַנצ געוויינלעכע זאַכ אונ האָט ניט פאָרגעשטעלט מיט זיכ קיינ שומ נײַס. אונ ערשט דעמ 6־טנ אָקטיאַבער האָט א קורצע טעלעגראַמע פונ מאָסקווע, אינ זייער א וואָכעדיקנ טאָנ, מודיע געווענ וועגנ „עטוואָס נײַס": „אינאָוונט האָבנ פאַרשטרײַקט די מאַשיניסטנ אפ דער

מאַסקווער־קאַזאַנער אײַזנבאַנ־ליניע, פֿונ 2 אזייגער באַטאָג האָבנ פֿאַרשטרײַקט די ארבעטער אינ די ווארשטאַטנ פֿונ דער מאָסקווער־קאַזאַנער אײַזנבאַנ־ליניע".

ס'איז א סאָפֿעק, צי ווער ניט איז האָט נאָכנ איבערלייענענ די דאָזיקע קורצע יעדיע דערפֿילט, אז עס הייבט זיכ אָנ אַנ אלרוסלענדישער שטרײַק. אונ דאָכ איז עס געווענ אזוי: דער מאָסקווער שטרײַק האָט געצווּנגענ דאָס גאַנצע לאַנד צו שטרײַקנ גראָד פֿונ דעמ מאָמענט אָנ, ווענ אינ אימ זײַנענ ארײַנגעטראָטנ די אײַזנבאַנער.

די אײַזנבאַנער זײַנענ ווידעראַמאָל געווענ איינע פֿונ די גרופּעס, וועלכע האָט מיט דערפֿאָלג געפֿירט א שטרײַק־קאַמפּ אינ אָנהייב יאָר. אינ פֿעווראַל האָבנ זיי זיכ דערשלאָגנ, ווי מיר געדענקענ, א 9־שאָ'יִקנ ארבעטטאָג אינ די ווארשטאַטנ אונ א „פֿאַבריק־קאָנסטיטוציע": דעמ אָנטייל פֿונ פֿאָרשטייער פֿונ די ארבעטער באַמ צונעמענ אונ אָפּזאָגנ. דעמ ווײַטערדיקנ קאַמפּ, שוינ צוליב ארבעטלוינ, האָט די אײַזנבאַנ־מאַכט מיטאַמאָל אָפּגעריסנ דערמיט, וואָס זי האָט דערקלערט די אײַזנבאַנער פֿאַר מאָביליזירט (דעמלט איז נאָכ געגאַנגענ די מילכאָמע, — דאָס איז געווענ גראָד אינ די טעג פֿונ מוקדענ). איצט האָט זיכ די מילכאָמע געענדיקט, די מאַכט האָט דערפֿילט, אז אָפּ עפּעס האַנאָכעס מוז מענ אײַנגיינ, אונ זי האָט דערלויבט סאָפּ סענטיאַבער אינ פּעטערבורג א דעלעגאַטנ־צוזאַמענפֿאָר פֿונ די אײַזנבאַנ־אָנגעשטעלטע אונ ארבעטער, מיטנ באַשיידענעמ ציל איבערצוקוקנ דעמ סטאַטוט וועגנ פּענסיעס. ס'איז א סאָפֿעק, צי איז דאָס פּאַרקער־מיניסטעריומ געווענ אזוי נאַיִוו צו מיינענ, אז די זאַכ וועט זיכ דערמיט באַגרענעצנ: מע האָט פֿאַשעט ארומגעשניטנ די פּראָגראַמ פֿונעמ צוזאַמענפֿאָר, ווי ווײַט נאָר מעגלעכ מער, קעדיי צו געבנ דער מאַכט פֿרײַע הענט אונ געבנ איר די מעגלעכקײַט יעדע רעגע א געשריי צו טאָנ: „דאָס איז ניט דערלויבט!". די פֿאָרויסזעונג פֿונ דער מאַכט האָט זיכ באַרעכטיקט — דער צוזאַמענפֿאָר האָט, פֿאַרשטייט זיכ, געפֿאָדערט סײַ אַנ 8־שאָ'יִקנ ארבעטטאָג סײַ א גרינדונג־פֿאַרזאַמלונג סײַ א פֿולקומע אמניסטיע, — מיט איינ וואָרט, אלצ, וואָס עס פֿלעגנ געווײנלעכ פֿאָדערנ די „פּראָפֿעסיאָנעל־פּאָליטישע פֿאַרבאַנדנ", צו וועלכע עס האָט אויכ געהערט דער אײַזנבאַנער־פֿאַרבאַנד. עס האָט זיכ באַרעכטיקט אויכ די צווייטע פֿאָרויסזעונג פֿונ דער מאַכט, וואָס האָט דערלויבט דעמ צוזאַמענפֿאָר אלס אַנ „אָפּצי־פּלאַסטער": די דעלעגאַטנ, צווישנ וועלכע עס האָבנ דאָמינירט אָנגעשטעלטע אונ ניט קיינ ארבעטער, האָבנ זיכ אינ דער פּראַקטיק ארויסגעוויזנ פֿאַר א סאַכ רוּיִקערע, איידער אינ דער טעאָריע, אונ האָבנ זיכ ארויסגעזאָגט קעגנ א שטרײַק.

דאָ האָט זיכ אָבער ארויסגעוויזנ, אז וויכטיק איז ניט דאָס, וואָס עס טוט דער צוזאַמענפֿאָר אינ פּעטערבורג, נאָר דאָס, וואָס מע טראַכט וועגנ אימ אָפּ די ערטער. פֿאַר די אײַזנבאַנער איז עס געווענ אַנ אייגנאַרטיקע גרינדונג־פֿאַרזאַמלונג: די מאַסע האָט זיכ געמאָלט די טעטיקײַט פֿונעמ צוזאַמענפֿאָר אינ די רעוואָליוציאָנערסטע פֿאַרבנ — איר האָט זיכ געדוכט, אז אָט־אָט פּראָקלאַמירט ער א דעמאָקראַטישע רעפּובליק. אונ ווענ עס האָט זיכ פֿאַרשפּרייט א קלאַנג, אז דער צוזאַמענפֿאָר איז צעטריבנ געוואָרנ, אונ די דעלעגאַטנ זײַנענ ארעסטירט, האָבנ אלע געגלייבט אינ דעמ. באַ אזעלכע באַדינגונגענ, איז פֿאַר זעקס מאַשיניסטנ פֿונ דער קאַזאַנער ליניע, מיטגלידער פֿונ רעוואָליוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, ניט שווער געווענ צו אָרגאַניזירנ א שטרײַק פֿונ די מאַשיניסטנ.

צו די מאַשיניסטנ זײַנענ גלײַכ צוגעשטאַנענ, — האָבנ, כאָג זײַנ אפילע אָנ־

געהויבנ פריִער פונ זיי, — די ווארשטאטנ אונ די דעפאָען. נאָכ זיי זײַנענ ארײַנ אינ שטרײַק די טעלעגראפיסטנ אונ די פארוואלטונגענ (ד. ה. זייער „אפאראט”, פארשטייט זיכ, עס איז איבעריק צו דערקלערנ, אז די „פארוואלטונגענ”, אלס אזעלכע, ד. ה. די עלטסטע אינזשעניערנ, וועלכע האָבנ פארוואלטעט מיט די וועגנ, האָבנ ניט געשטרײַקט; זיי האָבנ אָבער, דוכט זיכ, אויכ ניט געקעמפט קעגנ שטרײַק). דאָס לעצטע איז עפשער, געווענ אַנ איבעריקער לוקסוס. וויבאלד עס איז ניט געווענ ווער עס זאָל פירנ די צוגנ, עס איז ניט געווענ ווער עס זאָל באלײַכטנ די דאָזיקע צוגנ דעמ וועג מיט טעלעגראמעס, עס איז ניט געווענ ווער עס זאָל פאַריכטנ דעמ וואגאָנעס-אונ לאָקאָמאָטיוו-פארק, האָט זיכ די באוועגונג פונ זיכ אַלײנ געמוזט אָפשטעלנ אינ עטלעכע טעג ארומ. די, וואָס האָבנ זיכ אומגעקערט קיינ מאָסקווע מיט די לעצטע צוגנ, האָבנ געקאָנט זענ לאנגע רייענ ליניע-ארבעטער, ווײַזערשטעלערס, וועכטער, וועלכע האָבנ זיכ געצויגנ אינ שטאָט ארײַנ: זיי האָבנ מער ניט געהאט וואָס צו טאָנ אָפ דער ליניע, זיי זײַנענ געוואָרנ שטרײַקער אויסער זייער אייגענעמ ווילנ. זיי פלעגנ אָבער זייער גיכ ארײַנגיינ אינ דער ראָליע. זיצנ אינ דער היימ איז געווענ אומדערטרעגלעכ, פלעגנ זיי גיינ אָפ מיטינגענ אונ פלעגנ אינ עטלעכע טעג ביז רויט אָנגעגליט ווערנ אינ יענער אטמאָספער פונ רעוואָליוציע, מיט וועלכער מאָסקווע האָט שוינ געאָטעמט א לאנגע צײַט.

אונ דאָ איז צומ ערשטנ מאָל קלאָר געוואָרנ פאר פילע, — אָנגעהויבנ פונ דער זעלבסטהערשערישער רעגירונג, וועלכע האָט ניט פארשטאנענ די מאשינ, וואָס בא איר הייבער איז זי אַלײנ געשטאנענ, — וואָס עס באטײַט אינגאנצנ אָפשטעלנ דעמ אײַזנבאנ-טראנספאָרט אינ א מאָדערנער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט.

דער גאנצער סכוירע-אומזאצ האָט זיכ אָפגעשטעלט. אלע צאָלונג-טערמינענ האָבנ געפלאצט. קיינ שום קרעדיט-געשעפטנ איז שוינ ניט מעגלעכ געווענ צו מאכנ. דער קלאפ איבערנ קרעדיט איז געווענ דער פילבארסטער קלאפ פאר דער בורזשואזיע. אָבער אויב ער וואָלט ניט אָפגעפירט געוואָרנ צו דער צײַט, וואָלט ער געווענ א טויטקלאפ אויכ פאר דער צארישער מעלוכע-קאסע. די רענטע האָט שוינ לאנג געהאלטנ אינ פאלנ, די רוסישע ווערט-פאפירנ פלעגט מענ שוינ לאנג הויפנווײַז פארלייגנ אָפ אלע אויסלענדישע בירזשעס — קיינער פלעגט זיי ניט נעמענ... אונ דאָ האָט די זעלבסטהערשונג מאמעש אינ לעבנ זיכ גענייטיקט אינ א נײַער האלוואָע אָפ „קומענ צו זיכ” נאָכ דער מילכאָמע, אָפ ווידערופשטעלנ דעמ דערטרונקענעמ פלאָט, אָפ צו דערגאנצנ די געפאטערטע קריג-זאפאסנ. ניט אומזיסט האָט מענ אָפ צו „פאריכטנ די לאגע” גערופנ א מענטשנ פונ דער בירזשע — דער צאר האָט זיכ ווידער דערמאָנט אָנ וויטענ.

גאנצ צופעליק איז, פארשטייט זיכ, געווענ דאָס, וואָס ניקאָלײַ האָט דאָס ערשטע מאָל גערופנ וויטענ גראָד גלײַכ נאָכ דעמ, ווי עס איז אויסגעבראָכנ דער אײַזנבאנ-שטרײַק — דעמ 8-טנ אָקטיאבער (אלטנ סטיל). ווי די מײַסע זאָל אָבער ניט זײַנ, איז ניקאָלײַס וואקלענ זיכ, איידער ער איז אײַנגעגאנגענ אָפ האנאָכעס דעמ פאָלק, אונ די אנטוויקלונג פונעמ שטרײַק געגאנגענ האנט בא האנט, טאָג נאָכ טאָג. האָט זיכ פארברייטערט דער שטרײַק — האָט זיכ ניקאָלײַ מער געוואקלט. אונ דער טאָג פונ 17-טנ אָקטיאבער, ווענ ער האָט אונטערגעשריבנ דעמ מאניפעסט, וואָס וויטע האָט פארפאסט, איז געווענ דער טאָג, ווענ עס האָט זיכ פולקומ אָפגעשטעלט די גאנצע אינדוסטריע אונ דער גאנצער טראנספאָרט. דעמ טאָג זײַנענ געגאנגענ טעלעגראמעס וועגנ אנ אלגעמיינעמ שטרײַק פונ סאָסנאָוויצ אָפ דער דײַ=

טשישער גרענעצ און פונ אשכאבאד אינ דער טראנסקאספּישער געגנט, פונ אָדעס און פונ יוריעוו אינ עסטלאַנד, פונ טיפליס און פונ קאַזאַנ, פונ קורגאנ הינטער׳נ אוראל און פונ נאָוואָטשערקאסק אינ דאָנער געגנט. ׳עס האָבנ שוינ געשטרייקט ניט בלויז די אייזנבאנער און פאבריקנ, עס האָבנ געשטרייקט די מיטלשולנ און די בענק, די אדוואָקאטנ און די ריכטער, די אָנגעשטעלטע אינ די שטאָטישע אופּראַוועס און די באאמטע פונ דער קאָנטראָל-קאמער. די שטרייק-שטימונג איז פאַראנדערגעטראָגנ געוואָרנ אומעטום, וואוהינ עס איז דערגאנגענ דער רעלסנ-וועג און דער טעלעגראַפנ-דראָט. אָט זיינענ צוויי צייטונג-טעלעגראמעס, וועלכע מע קאָנ האלטנ פאר טיפּישע: „טאמבאָוו, 14 אָקטיאבער. עס פילט זיכ א מאנגל אינ נאַפט, קעראָסינ און קאָלאָניאלע סכוירעס. עס האָבנ פארשטרייקט די אייזנבאנ-ווארשטאטנ און צוויי זאוואָדנ. די שילער פונ דער גייסטלעכער סעמינאריע, פונ דער מענער-גימנאזיע און פונ דער רעאַל-שול האָבנ אָפּגעשטעלט די לימודים, די אנשטאלטנ זיינענ פאַרמאכט, דער אלגעמיינער צושטאנד איז אנ אומרויִקער". „קורגאנ, 17 אָקטיאבער. היינט האָבנ פולשטענדיק אָפּגעשטעלט די ארבעט די אָנגעשטעלטע און די ארבעטער פונ דער סטאנציע קורגאנ. עס האָבנ אָפּגעשטעלט די ארבעט די שטאָטישע מילנ". די אייזנבאנער פלעגנ אומעטומ דערלאנגענ דעמ סיגנאל — און לויטנ אייזנבאנ-פייפ פלעגט זיכ אלצ אָפּשטעלנ...

וויטע האָט אוועקגעשטעלט פאר ניקאָלייענ א פראָוואָקאטערישע פראגע: אָדער *דערשטיקנ* דאָס אלצ, דערקלערנדיק א מיליטערישע דיקטאטור, אָדער גיינ אפּ האנאָכעס און געבנ א קאָנסטיטוציע. ניקאָליי האָט, פארשטייט זיכ, פונ גאנצנ הארצנ געוואָלט דאָס ערשטע. מענטשנ אָבער, וועלכע ער האָט ניט געקאָנט ניט טרויענ — דער בארימטער טרעפּאָוו, וועלכער האָט נאָרוואָס ארויסגעגעבנ זיינ באפעל „קיינ פאטראָנעס ניט קארגנ", און דער שפּעטער ניט ווייניקער בארימטער ניקאָליי ניקאָלייעוויטש, דער צוקינפטיקער הויפּטקאָמאנדיר בייס דער אימפּעריאליסטישער מילכאָמע, האָבנ איינשטימיק איידעס געזאָגט, אז פאטראָנעס איז אפילע פאראנ וויפל מע וויל, מיט זייער הילפ קאָנ מענ אָבער ניט פירנ פונ אָרט קיינ איינ צוג, וואָס די שטרייקער האָבנ אָפּגעשטעלט. אפּ א בארעטונג מיט וויטענ „האָבנ דער קריג-מיניסטער און דער גענעראל טרעפּאָוו, וואָס אימ איז געווענ אונטערגעאָרדנט דער פעטערבורגער גארניזאָנ, געמאָלדנ, אז אינ פעטערבורג איז פאראנ גענוג מיליטער, קעדיי צו דערשטיקנ א באוואָפנטנ אופשטאנד, אויב אזא וועט אויסברעכנ אינ פעטערבורג און אינ די נאָענטסטע רעזידענצנ פונעמ קייסער, *אָבער אינ פעטערבורג איז ניט פאראנ קיינ געהעריקע טיילנ, וועלכע זאָלנ צוריק אופשטעלנ די באוועגונג, זאָלנ זיינ אפילע פונ פעטערבורג ביז פעטערהאָפ*" (ווי ׳עס האָט דעמלט געוויינט ניקאָליי). די זעלבסטהערשונג איז געווענ *טעכניש* מאכטלאָז קעגנ דעמ אייזנבאנ-שטרייק, און דאָס האָט ארופגעוואָרפנ אפּ איר א פּאניק. די מיניסטאָרנ האָבנ ניט געקאָנט קומענ צו פאָרנ צומ קייסער, — זיי האָבנ געמוזט דורכגאנוועגענ זיכ אפּ קליינע דאמפּערס, וועלכע האָבנ זיכ שטארק געטרייסלט אינ די הארבסט-וועטערנ, „שיר ניט לאָזנ זיכ שווימענ". און דאָס האָט אזוי שטארק געשראָקנ איבער די לאקייִשע מויכעס, אז די גענעראל-אדיוטאנטנ האָבנ באהאנדלט די פראגע, וויאזוי זאָלנ ניקאָליי און אלעקסאנדרע פיאָדאָראָוונע אנטלויפנ קיינ אויסלאנד מיט די קינדער — קינדער זיינענ דאָכ אזא לאסט, „*א גרויסע מעניע*". און דערווייל האָבנ די סאָלדאטנ פונ סעמיאָנאָווער פאָלק און פונ דער רייטער-גווארדיע נאָכ

גאנצ פינקטלעכ געהאקט אונ צעשאָסנ דאָס פאָלק אפ די פעטערבורגער גאסנ, אונ קיינ איינ פאָלק, אפילע אינ דער פראָווינצ, האָט זיכ נאָכ ניט פאריייניקט צו די ארבעטער. אונ ווענ דער קאָמאנדיר איבער די דאָזיקע אלע פאָלקנ, ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש, האָט דערהערט, אז מע קלײַבט זיכ אימ באשטימענ פאר א מיליטערישנ דיקטאטער, האָט ער גענומענ א רעוואָלווער אונ איז אוועק מיט אימ צומ צאר אינ קאבינעט. די הויפלײַט האָבנ דערציילט, אז ניקאָלײַ דער „גרויסער" האָט געדראָט, אז ער וועט זיכ דערשיסנ פונעמ דאָזיקנ רעוואָלווער פאר ניקאָלײַ דעמ „קליינעמ" אינ די אויגנ. מיר ווייסנ ניט גענוי, וואָס פאר א זשעסטנ מיטנ רעוואָלווער דער גרויספירשט האָט געמאכט אינ צארישנ קאבינעט, אָבער דאָס איז געווענ אומיטלבאר פארנ אונטערשרײַבנ דעמ מאניפעסט.

איצט איז באוווּסט געוואָרנ (פונ וויטעס זיכרוינעס), אז, אכוצ דער אומזיכערקײַט אינעמ מיליטער, איז נאָכ ניקאָלײַ דעמ „גרויסנס" אופירונג באשטימט געוואָרנ דורכ דער זיכערקײַט אינ דעמ, אז מיט דער הילפ פונ א „קאָנסטיטוציע" קאָנ מענ איבערפירנ די ארבעטער-באוועגונג אפ פרידלעכע רעלסנ. פאר די אָקטיאבער-טעג האָט זיכ ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש „ראָמאנאָוו" באקאָנט מיט אנ עקסט-רעכטנ גאפאָנער, אושאקאָוו, קימאט פונקט אזא פראָוואָקאטער, ווי גאפאָנ גופא. דער דאָזיקער ארבעטער פונ דער עקספעדיציע צו פארגרייטנ מעלוכע-פאפירנ, וועלכער האָט אויכ פריער געהאט צו טאָנ מיט דער מאכט אונ אפילע מיט מיניסטאָרנ — ער איז געגאנגענ „באגריסנ" וויטענ, ווענ יענער האָט זיכ אומגעקערט נאָכנ שליסנ דעמ פאָרטסמוטער שאָלעמ, — האָט זיכ איצט אונטערגענומענ צו זײַנ דער פאָליטישער אייצעגעבער פונ די גרויספירשטנ. ער האָט דערציילט גיקאָלײַ ניקאָלײַעוויטשנ, אז די „קאָשער-געשטימטע" ארבעטער קעמפנ מיט קאָלערליי מיטלענ קעגנ די רעוואָליוציאָנערנ אינ דער ארבעטער-סוויווע, אָבער אָנ דערפאָלג, ווײַל די ארבעטער, וועלכע האָבנ ניט קיינ רעכט אונ קיינע שומ אנדערע אויפאנימ צו האנדלענ, אכוצ אומלעגאלע, גייענ נאטירלעכ נאָכ די רעוואָליוציאָנערנ, וועלכע פירנ אָנ מיט די דאָזיקע אומלעגאלע מײַסימ. עס איז אָבער גענוג צו געבנ די ארבעטער די מעגלעכקײַט צו האנדלענ לעגאל, וועלנ זיי קלוימערשט טייקעפ גיינ נאָכ אושאקאָוונ מיט זײַנע כאווײרימ. אפ ניקאָלײַ דעמ „גרויסנ" האָבנ די דאָזיקע אושאקאָווס רייד געמאכט א שטארקנ אײַנדרוק — בא אימ האָבנ זיכ, ווי מע זאָגט, געעפנט די אויגנ: אָט ווי אזוי, ווײַזט זיכ ארויס, מע קאָנ בײַקומענ די שטרײַקנ! אונ ער האָט זיכ ענדגילטיק פארפעסטיקט איגעמ געדאנק, אז מע דארפ גלײַכ „שענקענ דער באפעלקערונג פעסטע יעסוידעס פונ בירגערלעכער פרײַהײַט אפ די פרינציפנ פונ ווירקלעכער אומבארירלעכקײַט פונ פערזאָנ, פ ר ײַ ה ײַ ט פונ געוויסנ, פונ וואָרט, פ א ר ז א מ ל ו נ ג ע נ אונ פ א ר יי נ ע נ", ווי עס איז געזאָגט געוואָרנ אינעמ פראָיעקט פונ וויטעס מאניפעסט, וועלכנ ניקאָלײַ דער „קליינער" האָט באשטעטיקט.

סײַ אושאקאָוו אונ סײַ זײַנ יאכסאָנישער טאלמיד האָבנ זיכ אינגיכנ געמוזט ביטער אנטוישנ אינעמ דערפאָלג פונ דער דאָזיקער נײַער זובאטאָווּשטשינע. די ארבעטער האָבנ אפילע ניט געטראכט אויסנוצנ די „פעסטע יעסוידעס" פאר „פרידלעכער" ארבעט. די פרווונ צו שאפנ געלע אָרגאניזאציעס האָבנ דערמלט ניט געהאט קיינ שומ דערפאָלג, אושאקאָווס אייצע האָט נאָכ, עפשער, געהאט א זינענ פארנ 9-טנ יאנוואר, איצט אָבער, ווענ די ארבעטער האָבנ שוינ געהאט אָרגאניזאציעס, וועלכע זײַנענ אופגעקומענ אָנ א דערלויבעניש פונ דער מאכט, זײַנענ זיי געגאנגענ גאָרניט צו „פרידלעכער" טעטיקײַט אינ די ראמענ פונ א זעלבסטהערשערישער

מאָנארכיע — זיי האָבנ שוינ אָנגעהויבנ בויענ זייער אייגענע צייטווייליקע רעוואָליוציאָנערע רעגירונג.

די אידיי פונ א רעוואָליוציאָנערער רעגירונג, פונקט ווי די אידיי פונ א באוואָפנטנ אופשטאנד, איז צו יענער צייט שוינ לאנג געווענ ארויסגעזאָגט אינ דער באָלשעוויסטישער ליטעראטור. פונ דעמ מאָמענט אָנ, זינט די בורזשואזע אינטעליגענצ האָט אונטערגעכאפט אונ פארקריפלט דעמ לאָזונג פונ א „גרינדונג-פארזאמלונג”,— אָנשטאָט דעמ העכסטנ אָרגאנ פונ דער רעוואָליוציע האָט זיכ באקומענ א פארזאמלונג, וועלכע עס רופט צונויפ דער צאר אפ צו פארפאסנ א קאָנסטיטוציע,— האָט לענינ אָנגעהויבנ שארפער ארויסרוקנ די פראגע וועגנ דעמ, ווער עס רופט צונויפ די דאָזיקע גרינדונג-פארזאמלונג. עפעס א מאכט דארפ דאָכ זי צונויפרופנ: איז וועלכע מאכט? פארשטייט זיכ, אז ניט דער צאר, נאָר די מאכט, וועלכע איז ארויס פונ א באוואָפנטנ אופשטאנד, די מאכט פונ דער „צייטווייליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג”. די מענשעוויקעס האָבנ, פארשטייט זיכ, געהאלטנ די דאָזיקע אידיי פאר א צו דרייסטער, פאר אזא, וואָס איז אימשטאנד „אָפּצושרעקנ” די בורזשואזיע, — וואָס אָנ איר האָבנ זיי זיכ גאָר ניט פאָרגעשטעלט קיינ „בורזשואזע” רעוואָליוציע. זיי האָבנ זיכ דעריבער צוגעיילט ארומצושניידנ דעמ לאָזונג, ארויסדרוקנדיק די אידיי פונ א „רעוואָליוציאָנערער זעלבסטפארוואלטונג”. איבערלאָזנדיק אינ שאָטנ די פראגע וועגנ דעמ, ווער עס וועט באלעבאטעווענ אינ צענטער, פלעגנ זיי אגיטירנ פאר דעמ, אז די אופגעשטאנענע אפ די ערטער זאָלנ פארכאפנ די מאכט אינ זייערע הענט, אָפּשטופנדיק די אָרטיקע מאכט — די גובערנאטערס, די גראדאָנאטשאלניקעס, די איספראווניקעס אאוו.

אָט די אלע שטרייטנ זיינענ שוינ געווענ אינ פולנ ברענ אינ זומער 1905-טנ יאָר. א מוסטער פונ דער מענשעוויסטישער אגיטאציע האָבנ מיר שוינ געזענ אינעמ אופרופ, וועלכנ „איסקרא” האָט ארויסגעלאָזט נאָכנ אופשטאנד אפ „פּאָטיאָמקינ” (זע זייט 150). דער געשיכטע האָט זיכ, ווי בעקיוונ, געוואָלט געבנ אנ אָנשוילעכע לעקציע.

ר א ט נ פ ו נ א ר ב ע ט ע ר - ד ע פ ו ט א ט נ האָבנ געמוזט אופקומענ פונעמ שטרייק פונקט אזוי סטיכייש, ווי זיי זיינענ אופגעקומענ זומער אינ איוואנאָוואָ-וואָזנעסענסק. טיילווייז איז שוינ אזא ראט געווענ אופגעקומענ אויכ אינ די פאָר-אָקטיאבער-טעג אינ מאָסקווע, אינ דער פאָרמ פונ א ראט פונ דעפוטאטנ פונ די א ר ב ע ט ע ר א י נ ד י ד ר ו ק ע ר י י ע נ א ו נ ל י ט אָ ג ר א פ י ע ס — ער איז אָבער צעפאלנ געוואָרנ, ווי נאָר עס איז ליקווידירט געוואָרנ דער דרוקער-שטרייק. אינ פעטערבורג איז די ערשטע פארזאמלונג — אויכ א טיילווייזע — פונעמ ראט (עס זיינענ געווענ בלויז דעפוטאטנ פונ די פאבריקנ אונ זאוואָדנ פונעמ ניעווסקער ראיאָנ) פאָרגעקומענ שוינ דעמ 13-טנ אָקטיאבער. אינ זיינ נאָמענ איז ארויסגעלאָזט געוואָרנ אנ אופרופ, אינ וועלכנ עס איז געזאָגט געוואָרנ: „מיר לייגנ פאָר יעדנ זאוואָד, יעדער פאבריק אונ פראָפעסיע אויסקלייבנ דעפוטאטנ צו איינעמ אפ יעדע פינפ הונדערט מאנ. די פארזאמלונג פונ די דעפוטאטנ פונ דער פאבריק אָדער זאוואָד וועט בילדנ דעמ פאבריק-קאָמיטעט אָדער זאוואָד-קאָמיטעט. די פארזאמלונג פונ די דעפוטאטנ פונ אלע פאבריקנ אונ זאוואָדנ וועט בילדנ דעמ אלגעמיינעמ ארבעטער-קאָמיטעט פונ פעטערבורג. דער דאָזיקער קאָמיטעט וועט פאראייניקנ אונדזער באוועגונג אונ דערמיט צוגעבנ איר אָרגאניזירטקייט, איינהייט, קראפט. ער וועט זיינ דער פאָרשטייער פונ די נויטנ פונ די פעטערבורגער ארבעטער פאר דער אי-

בעריקער געזעלשאַפט, ער וועט באַשטימענ, וואָס מיר דאַרפנ טאָנ בײַ א שטרײַק, אונ וועט אָנווײַזנ, ווענ מיר זאָלנ אים אָפּשטעלנ".

אַלזאָ, צוערשט איז דאָס געווענ א שטרײַק-קאָמיטעט, וועלכער פלעגט פאַרײַניקנ דעמ שטרײַק, פּונקט ווי אינ איוואַנאָוואָ-וואָזנעסענסק. אינ פּעטערבורג אָבער איז די זאַכ גלײַכ פונ אָנהייב אָנ געווענ פיל קאָמפּליצירטער, ווײַל דער פּאָליטישער מאָמענט, וועלכער איז אינ איוואַנאָוואָ געווענ אָפּגעטראָטנ אפנ צווייטנ פּלאַנ, האָט אינעמ אַלגעמײנעמ שטרײַק אינ אָקטיאַבער 1905-טנ יאָר פאַרנומענ דאָס ערשטע אָרט. דער ערשטער שטויס צומ אײַזנבאַנ-שטרײַק איז שוינ געווענ א פּאָליטישער — דער קאַמפּ פאַר דער אומבאַרירלעכקײַט פונעמ אײַזנבאַנישנ דעלעגאַטנ-צוזאַמענפאָר, וואָס דעמ אײַזנבאַנ-פּראָלעטאַריאַט האָט זיכ געדוכט, אַז אים דראָט א געפאַר. די איבעריקע גרופּעס פונעמ פּראָלעטאַריאַט, וועלכע זײַנענ צוגעשטאַנענ צו די אײַזנבאַנער, זײַנענ געגאַנגענ אינ דער זעלביקער ריכטונג.

אָט איז, אַלס מוסטער, א רעזאָליוציע פונ *דרוק-אַרבעטער* (מיר מאַכנ אופמערקזאַמ, אַז זיי האָבנ זיכ געפונענ אונטער דער ווירקונג פונ *מענשעוויקעס*), וואָס איז אָנגענומענ געוואָרנ אונ דערלאַנגט געוואָרנ אינ פּעטערבורגער ראַט דעמ 14-טנ אָקטיאַבער:

„דער אַלגעמײנער פּאָליטישער שטרײַק, וועלכנ די רסדאַפּ האָט דערקלערט, איז די ערשטע שטופע, פונ וועלכער דער אַרבעטער-קלאַס וועט גײנ ווײַטער אפנ וועג פונ אַנטשיידנדיקנ קאַמפּ קעגנ דער צאַרישער זעלבסטהערשונג.

אָנערקענענדיק די ניט גענוגנדיקײַט בלויז פונ פּאַסיווג קאַמפּ, ד. ה. בלויז פונ אָפּשטעלנ די אַרבעט, באַשטימענ מיר: פאַרוואַנדלענ די אַרמיי פונעמ פאַרשטרײַקטנ אַרבעטער-קלאַס אינ א רעוואָליוציאָנערער אַרמיי, ד. ה. טייקעפּ אָרגאַניזירנ שלאַכט-דרוזשינעס. זאָלנ די דאָזיקע שלאַכט-דרוזשינעס זאָרגנ וועגנ באַוואָפענענ די איבעריקע אַרבעטער-מאַסנ, זאָל אַפילע זײַנ דורכ צעגראַמירנ די געווער-מאַגאַזינענ אונ דורכ אָפּנעמענ דאָס געווער בײַ דער פּאָליציי אונ בײַמ מיליטער, וווּ דאָס איז מעגלעכ".

אַזויאַרומ האָבנ אַפילע די מענשעוויסטיש געשטימטע אַרבעטער פאַרשטאַנענ, אַז עס הייבט זיכ אָנ א *קאַמפּ פאַר דער מאַכט* צווישנ דעמ צאַריזמ אונ דעמ אַרבעטער-קלאַס. דאָס האָט פאַרשטאַנענ די גאַנצע אַרבעטער-מאַסע פונ פּעטערבורג. אײנפאַכער פונ אַלע האָט אויסגעדריקט דעמ דאָזיקנ געדאַנק א טעקסטיל-אַרבעטער פונ מאַקסוועלס פאַבריק:

„ניינ, אַזוי לעבנ איז אוממעגלעכ. דערמאָנענדיק זיכ אונדזער גאַנצנ קאַמפּ פונ 1884-טנ יאָר אָנ, אַלע שטרײַקנ פונ 1885-טנ, 1888-טנ, 1896-טנ י. י.,* דעמ אָנופהערלעכנ קאַמפּ אינ מעשעכ פונ 1905-טנ יאָר, האָבנ אַלע אַרבעטער פונ אונדזער פאַבריק אפ זייער פעל געפילט, אַז אונדזער לאַגע ווערט ערגער מיט יעדנ טאָג. עס איז אָבער קײנ אַנדער אויסוועג ניט פאַראַנ, ווי נעמענ א דרענגל אינ די הענט אונ צעשמעטערנ אַלצ, וואָס עס שטערט אונדז צו לעבנ. קעמפנ פאַרנ לעבנ האָט אונדז געשטערט די זעלבסטהערשונג. דער דרוק פונעמ קאַלעבאַס איז פאַרצענפאַכט געוואָרנ דורכנ צווייקעפּיקנ אָדלער. אַזויווי מיר האָבנ דאָס אַלצ אַריבערגעטראָגנ אפ אונדזער רוקנ, האָבנ מיר צומ ערשטנ מאָל געוווּסט, אַז מע דאַרפ אַראָפּראַמענ די זעלבסטהערשונג".

* די דאָזיקע דאַטעס האָבנ א שײַכעס צו מאַקסוועלס פאַבריק.

די שטימונג פונ די פעטערבורגער ארבעטער איז, אזויארומ, געווענ א ריינ־*באָלשעוויסטישע*, א פראָלעטאריש־רעוואָליוציאָנערע — אונ די באָלשעוויסטישע אָרגאניזאציע פונ פעטערבורג איז, פארשטייט זיכ, באגאנגענ א גרויסנ פעלער, וואָס זי האָט זיכ די ערשטע רעגע באזײַטיקט פונעמ ראט, ווי פונ א זאכ, וואָס די מענשעוויקעס האָבנ געשאפנ. דער דאָזיקער פעלער איז גיכ פאריכט געוואָרנ — שוינ פונ 15-טנ אָקטיאבער (אונ די ערשטע „פלענארע" זיצונג איז פאָרגעקומענ דעמ 14-טנ) גייענ די פאָרשטייער פונ דער באָלשעוויסטישער פראקציע ארײַנ אינעמ באשטאנד פונעמ ראט. אָבער די „ערשטע פידל" האָבנ שוינ באוויזנ צו פארכאפנ די מענשעוויקעס, אונ אונטער זייער אײַנפלוס האָט דער ראט אָנגעהייבנ פונ שריט, קלאל ניט קיינ רעוואָליוציאָנערע — ווי דאָס אוועקלאָזנ זיכ אינ דער פעטערבורגער שטאָט־דומע, וועלכע איז דעמלט באשטאנענ פונ פאָרשטייער פונ רײַכע סאָכרימ אונ פונ דער פארמעגלעכער אינטעליגענצ, דעריקער, פונ מיטעלנ אונ גרויסנ באאמטנטומ. צו דער דאָזיקער בעקאָוועדיקער אָרגאניזאציע האָט זיכ דער פאָרזיצער פונ דער פראָלעטארישער אָרגאניזאציע געווענדט מיט א רעדע, אינ וועלכער ער האָט האלב געפאָדערט, האלב געבעטנ, די דומע זאָל אסיגנירנ מיטלענ אפ באוואָפענענ דעמ ארבעטער־קלאס. פונקט מיטנ זעלביקנ דערפאָלג האָט מענ זיכ געקאָנט ווענדנ מיט דער דאָזיקער פאָדערונג צו ניקאָלײַענ גופא. די בורזשואזע פארזאמלונג האָט, פארשטייט זיכ, קאטעגאָריש אָפגעזאָגט די הישטאדלעס פונ דער פראָלעטארישער.

די אָפוועזנקײַט פונ א פעסטער אָנפירונג, די נייגונג דערצו, וואָס מע האָט שפעטער אָנגעהויבנ רופנ „פשאָרעמאכערײַ", האָט זיכ אזויארומ אָנגעמערקט בא די פירער פונ דער פעטערבורגער באוועגונג אינ הארבסט 1905 יאָר גלײַכ בא די ערשטע טריט: קעדיי צו בארעכטיקנ אפ אוואָסער־ניט־איז אויפנ דאָס גיינ אינ דער שטאָט־דומע, האָט מענ שפעטער אָנגעהויבנ ריידנ, אז מע האָט, הייסט עס, געדארפט, אז די ארבעטער זאָלנ דערזענ די בורזשואזע ליבעראלנ אינ זייער גאנצער פראכט. זאָלנ די ארבעטער וויסנ, וואָס דאָס זײַנענ פאר א געפאשעס. פונקט ווי מע וואָלט דעמ פעטערבורגער פראָלעטאריאט געקאָנט כוישעד זײַנ, אז בא אימ איז פאראנ א שאָטנ פונ צווייפל דערינ! אונ ווי שטענדיק אונ אומעטומ, האָט זיכ די „פשאָרעמאכערײַ" קעסיידער קאָמבינירט מיט דער הערשאפט פונ דער רעוואָליוציאָנערער פראזע אונ מיט דער נייגונג צו דעמאָנסטראציעס פונ סאמע „אָנטשלאָסענעמ" כאראקטער, וואָס האָבנ אָבער ניט געשטעלט פאר זיכ קיינע שומ באשטימטע צילנ. אויב די פאָרגעשריטענע ארבעטער האָבנ אויסגעצייכנט פארשטאנענ, אז עס האנדלט זיכ וועגנ אראָפוואָרפנ די זעלבסטהערשונג מיט א באוואָפנטער האנט, — איז דאָס פאר זייערע מענשעוויסטישע פירער געווענ א סאכ ווײַניקער קלאָר. זיי האָבנ געטרוימט אינגאנצנ וועגנ עפעס אנדערש. אינעמ ראט פונ די ארבעטער־דעפוטאטנ האָבנ זיי געזענ, ערשטנס, „די פארקערפערונג פונ דער אידיי פונ רעוואָליוציאָנערער זעלבסטפארוואלטונג", צווייטנס, — טאקע דאָס סאמע וויכטיקסטע פאר זיי, — *אינ עמבריאָנ פונ א לעגאלער ארבעטער־פארטיי*. לענינ האָט געשטעלט פאר זיכ די אופגאבע *אראָפצושלײַדערנ* די צארישע מאכט, די מענשעוויקעס האָבנ אײַנגעזענ די אופגאבע דערינ, אז מע זאָל צווינגענ דעמ צאר, ער זאָל גיינ אפ האנאָכעס. לענינ האָט געהאלטנ דאָס אראָפשלײַדערנ דעמ צאריזמ פאר אנ אופגאבע פונ די ארבעטער אונ *פויערימ*; די מענשעוויקעס ווידער האָבנ געהאלטנ, אז עס איז לײַכטער צו

דערשלאָגנ זיכ האנאָכעמ פונעמ צאר אינ א בונד מיט דער בורזשואזיע. אָט אינ דעמ גרונט-אונטערשייד איז באשטאנענ דער טאָכ פונ דער זאכ — צוליב דעמ האָבנ די מענשעוויקעמ געפירט די ארבעטער אינ דער שטאָטישער דומע, צוליב דעמ האָבנ זיי אָפגערוקט אינ הינטערגרונט די אידיי פונ א באוואָפנטנ אופ־שטאנד. קיינער אָבער האָט אזוי ניט מיטגעווירקט דערצו, אז דער גרונט-לאָזונג פונ דער רעוואָליוציע זאָל פארוואנדלט ווערנ אינ א רעוואָליוציאָנערער פראזע, ווי דאָס האָבנ געטאָנ טאקע די מענשעוויקעס. אינ דעמ דאָזיקנ פעריאָד האָבנ זיי קע־ריידער גערופנ צו געווער, געטײַנעט וועגנ געווער; אויב עמעצער אָבער האָט וואָס־ניט־איז געטאָנ צו באוואָפענענ דעמ פעטערבורגער פראָלעטאריאט, זײַנענ דאָס געוועג די ארבעטער גופע. אפ די זאוואָדנ האָט מענ דורכגעפירט געלט־זאמלונגענ אפ צו קריגנ געווער, ערטערווײַז האָבנ זיכ די ארבעטער דערשלאָגנ בא דער זאוואָדי־שער אדמיניסטראציע גרויסע אסיגנירונגענ אפ דעמ ציל פונ די „שטראָפ־קאפי־טאלנ" (סומענ, וואָס האָבנ זיכ אופגעזאמלט פונ די שטראָפנ, וואָס מע פלעגט נעמענ בא די ארבעטער); די מעטאליסטנ האָבנ מאסנווײַז פראָדוצירט קאלט געווער פונ אײַזנ אונ שטאָל, וואָס זיי האָבנ געהאט אונטער דער האנט. אָבער דאָס אלצ איז געבליבנ ניט אָרגאניזירט, אונ ניט דערפאר, ווײַל מע האָט עס ניט געקאָנט אָרגאניזירנ, נאָר דערפאר, ווײַל מע האָט עס ערנסט גאָר ניט געוואָלט טאָנ. דער אָקטיאבער-שטרײַק האָט „איבערגעשראָקנ די גאָראָנימ", ד. ה. די צארישע זעלבסטהערשונג אונ אירע דינער, — ווי עס האָט דערקלערט איינער א מענשע־וויסטישער פירער פונעמ פעטערבורגער פראָלעטאריאט אינ יענע טעג; מע האָט געמיינט, אז די „גאָראָנימ" זײַנענ פייִק צו אומענדלעכער שרעק, — הייסט עס, אז מע דארפ זיי שרעקנ אלצ ווײַטער אונ ווײַטער, קאָלזמאנ מע וועט זיי ניט אָנ־שרעקנ אזוי, אז זיי זאָלנ לעגאליזירנ די ארבעטער־פארטיי. אונ דערנאָכ וועט שוינ גיינ, ווי אינ מײַרעוו, ווי אינ דײַטשלאנד, אינ עסטרײַכ, — פראָפעסיאָנעלע פא־ריינענ, וואלנ, א פארלאמענטארישער קאמפ ואאוו. אָבער די „גאָראָנימ" זײַנענ לאנ־לומנ ניט געווענ אזוי נאריש, ווי עס האָט זיכ אויסגעדוכט. זיי האָבנ זיכ דער־שראָקנ פאר אנ אבסאָליוט רעאלער זאכ — פאר דער מעכטיקער באוועגונג פונ די מאסנ; בלויז די פאָרזעצונג פונ דער דאָזיקער מאסנ-באוועגונג, בלויז דער איבער־גאנג אירער פונעמ שטרײַק צומ ווײַטערדיקנ, העכערנ עטאפ — צו א באוואָפנטנ מאסנ-קאמפ — האָט געקאָנט פארשטארקנ די מוירע אונ צווינגענ די „גאָראָנימ", זיי זאָלנ גיינ אפ ווײַטערדיקע האנאָכעס. אײַנזעענדיק, אז די מאסנ מאכנ טריט אונ בלײַבנ שטיינ אפ איינ אָרט, אז די מאסנ זעצנ פאָר אינ פארשיידענע וואריאנטנ אלצ דעמ זעלבנ שטרײַקנ-קאמפ, האָבנ די „גאָראָנימ" אָנגעהויבנ דרייסטער ווערנ.

דאָ שטעלט זיכ א פראגע: פארוואָס זשע האָבנ די פעטערבורגער באָלשעוויקעס ניט געשטערט די מענשעוויקעס אינ דעמ דאָזיקנ קאליעטשענ די רעוואָליוציע? פארוואָס האָבנ זיי קוידעמקאָל ארויסגעלאָזנ פונ די הענט די אָנפירונג מיט דער באוועגונג אונ, אָנשטאָט צו שטיינ אפנ ערשטנ אָרט, זײַנענ זיי געבליבנ אפנ צווייטנ? קעדיי צו געבנ אנ ענטפער אפ דער דאָזיקער פראגע, דארפ מענ נעמענ אינ אכט, אז אנ עכטע לענינישע אָנפירונג, איגעמ סאמע פינקטלעכנ זינ פונעמ דאָזיקנ וואָרט, האָבנ די פעטערבורגער באָלשעוויקעס גופע באקומענ ערשט מיט א גרויסער פארשפעטיקונג. לענינענ, וועלכער האָט געײַלט זיכ אומצוקערנ קיינ רוס־לאנד, האָבנ „צופעליקײַטנ", — עפשער ניט אזוינע סטיכיייִשע, ווי דער שטרײַק,— פארהאלטנ קימאט אפ צוויי וואָכנ אינ שטאָקהאָלמ, אונ ער האָט געקאָנט קומענ צו

פּאַרנ קיינ פּעטערבורג ערשט דעמלט, ווענ דער ראַט האָט זיכ שוינ געהאַט אָרגאַניזירט. אונ ביז לעניִנס קומענ האָט צווישנ די פּעטערבורגער באָלשעוויקעס געהערשט יענע ריכטונג, וואָס מע האָט שפּעטער אָנגערופנ „אולטימאַטיסטישע" אונ וואָס האָט עפּשער ניט קיינ סאַך ווייניקער פונ די מענשעוויקעס געליטנ אַפ א נייגונג צו רעוואָליוציאָנערער פראַזעאָלאָגיע.* די דאָזיקע ריכטונג האָט גראָב צונויפגעמישט דאָס אָנפירנ מיט דער פּאַרטיי אונ דאָס אָנפירנ מיט די מאַסנ אונ האָט נאַיִוו געשטרעבט צו פאַרוואַנדלענ די ראַטנ פונ די אַרבעטער-דעפּוטאַטנ פּאָשעט אינ פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס. לעניִנס אָנקומענ האָט שאַרפ אויסגעגלײַכט די ליניע, — אָבער דאָס דאָזיקע קומענ, כאַזערנ מיר איבער, האָט שטאַרק פאַרשפּעטיקט „צוליב אומאָפּהענגיקע סיבעס".

דערווײַל האָט די פּאַניק בא דער רעגירונג אָנגעהויבנ דורכגיינ. גלײַכ אַפ מאָרגנ נאָכנ זיג פונעמ אַרבעטער-קלאַס האָט זיכ די צאַרישע זעלבסטהערשונג באַמיט צו באַווײַזנ, אַז זי איז דאָ, אַפ אָנ אָרט, אַז זי איז אינערגעצ ניט אַוועק. דעמ 17-טנ האָט ניקאָלײַ אונטערגעשריבנ זײַנ מאַניפעסט, אונ פונ 18-טנ קײַקלט זיכ דורכ איבער גאַנצ רוסלאַנד א כוואַליע פּ אָ ג ר אָ מ ע נ, געווענדט קעגנ דער אינטעליגענצ אונ די ייִדנ, — גראָמירנ די אַרבעטער האָט מענ זיכ ניט אַנטשלאָסנ, מע פלעגט זיכ בלויז באַגרענעצנ מיט אָנפאַלנ אַפ אייִנצלנע אַרבעטער-דעפּוטאַטנ. דער פּלאַנ פונעמ פּאָגראָמ איז געווענ אַזאַ טראַפאַרעטער, פּונקט אינ פּונקט אַלצייִנער אומעטומ, אַז דאָס אַליינ וואָלט געווענ גענוג, אַז קיינ אייִנ פאַרשטאַנדיקער מענטש זאָל ניט גלייבנ אינ דער „סטיכייִשקײַט" פונ די פּאָגראָמענ. א היפּשע אָרטיקע „קאָשער-געשטימטע בירגער", קרעמער אונ ספּעקוליאַנטנ, בעראָש מיט גאַלאָכימ אונ אינ באַגלייטונג פונ א האַמוינ לומפּנ-פּראָלעטאַרישע כוליגאַנעס, וועלכער איז ביסלעכווײַז געוואָקסנ, מיט ניקאָלײַס בילד, וואָס זיי פלעגנ באַקומענ אינעמ פּאָליצייִשנ צירקל, אונ מיט דרײַפאַרביקע פאָנענ, פלעגט זיכ לאָזנ אינ א „פּאַטריאָטישער פּראָצעסיע" איבער די גאַסנ פונ שטאָט מיטנ געזאַנג: „גאָט, היט דעמ קייסער".

שוינ דאָס דאָזיקע גאַנצע בילד, אַפנ פּאָנ פונעמ נאָרוואָס געזיגטנ שטרײַק, ווענ „אַראָפּ די זעלבסטהערשונג!" האָט זיכ געהערט פונ אַלע מײַלער, ווענ די גאַסנ זײַנענ פול געווענ מיט קלאַנגענ פונ דער „מאַרסעליעזע", אונ די דרײַפאַרביקע פאָנענ פלעגנ בליצשנעל פאַרוואַנדלט ווערנ אינ רויטע (דעמ ווײַסנ אונ בלויענ פּאַס פלעגט מענ אַראָפּרײַסנ), — אַפ אַזאַ פּאָנ איז שוינ דאָס בילד פונ דער דאָזיקער „פּאַטריאָטישער מאַניפעסטאַציע" געווענ א באַשײַמפּערלעכע אונ גראָבע פּראָוואָקאַציע. די „פּאַטריאָטנ" פלעגנ פאָדערנ, פאַרשטייט זיכ, מע זאָל אַראָפּנעמענ די היטלענ פאַרנ צאַרס בילד; די, וואָס פלעגנ זיכ אָפּזאָגנ, פלעגט מענ גלײַכ שלאָגנ, אונטערוואַרעמענדיק אַפ אַזאַ אויפנ די קאַמפּ-שטימונג באַמ האַמוינ. די פּאָליציי פלעגט קוקנ מיט אומשולדיקע אויגנ, פּונקט ווי מע וואָלט גאָר ניט געשטערט די אָרדענונג, אָדער זי פלעגט געהיימניספול פאַרשווינדנ ווערנ ערגעצ ווו פונ די גאַסנ, אָט פּונקט ווי זי וואָלט אינ דער ערד אַרײַנ. ביסלעכווײַז פלעגט זיכ דער האַמוינ צעכושעווענ; מע פלעגט שוינ שלאָגנ ניט נאָר די, וואָס פלעגנ ניט אַראָפּנעמענ דאָס היטל, נאָר אויכ די, ווער עס פלעגט אַראָפּנעמענ מיט קנאַפּ כיישעק אונ ניט

* „אולטימאַטיסטנ" האָט מענ אינ די יאָרנ 1908 — 1909 אָנגערופנ א. א. באָגדאַנאָווס גרופּע (באָגדאַנאָוו איז געווענ אַנ אָנפירנדיקער מיטגליד פונ באָלשעוויסטישנ צק אינ רוסלאַנד ביז לעניִנס אָנקומענ אינ 1905 יאָר), וואָס האָט זיכ דערנאָכ פאָרמעל אָפּגעטיילט פונ די „לעניִנצעס".

גענוג גיכ. מע פלעגט זיכ דערמאָנענ, ווער עס איז ארויסגעטראָטנ אפ מיטינגענ, שלאָגנ זיי בא א באגעגעניש, דערנאָכ האָט מענ אָנגעהויבנ פארגייג צו זיי אהיימ, ווו מע פלעגט זיי שוינ ניט בלויז שלאָגנ נאָר אויכ גראָמירנ; אויב מע פלעגט טרעפנ אפנ ווענ רעוואָליוציאָנערע מאניפעסטאציעס, פלעגט דאָס שלאָגנ אָנעמענ א מאסנ-כאראקטער — אונ אינ פאל פונ א ווידערשטאנד מיצאד די „רויטע", פלעגט די פאָליציי, וועלכע איז פריער ווי אינ דר'ערד ארײַנ, ווידער זיכ באווייזנ מיט א ווונדערלעכער גיכקײַט, אונ שוינ ניט אליינ, נאָר אינ באגלייטונג פונ קאָזאקנ אונ אינפאנטעריע. דאָרט, ווו דער ווידערשטאנד איז געווענ א מער אָדער ווייניקער אָרגאניזירטער, פלעגט מענ אָנווענדנ קוילנוואָרפערס, אונ די „פאטריאָטנ" פלעגנ נאָכ דער צעמישונג אָנהייבנ גראָמירנ אונ האבעווענ שוינ אָנ שומ אָפהאלט.

אויב מע זאָל צוגעבנ, אז ניט נאָר דאָס צארישע בילד איז געווענ פונעמ פאָליציי-צירקל, נאָר אז גאנצ אָפט פלעגנ עס טראָגנ פאָליציאַנטנ (אינ אָדעס האָט עס ארומגעפירט איבער דער גאנצער שטאָט אינ א קאָטש דער גראדאָנאטשאלניק ניידהארט), אז עס זײַנענ איבערגעכאפט געוואָרנ פאָליצייִשע באפעלנ „מיטצווירקנ" די „פאטריאָטישע מאניפעסטאציעס", האָט שוינ גלײַכ פונ אָנהייב אָנ קיינ שומ צווייפל ניט געקאָנט זיינ אינ דער אָרגאניזירטקײַט פונ דער גאנצער באוועגונג. די דעמאסקירונגענ פונעמ געוועזענעמ דירעקטער פונעמ פאָליציי-דעפארטאמענט לאָפוכינ, וועלכער האָט זיכ דעמלט געהאט צעקריגט מיט זײַנע געוועזענע שעפנ אונ האָט אופגעדעקט זייערע סוידעס, האָבנ געגעבנ דאָקומענטאלע באווײַזנ דערצו. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרנ, אז די פאָגראָמ-פראָקלאמאציעס זײַנענ געדרוקט געוואָרנ אינעמ פאָליציי-דעפארטאמענט גופע, מיט דער הילפ פונ די דרוקמאטעריאלנ, וואָס מע האָט אינ פארשיידענע צײַטנ פארכאפט בא די אונטערזוכונגענ אינ די רעוואָליוציאָנערע דרוקערײַענ; אז די דאָזיקע פראָקלאמאציעס פלעגנ פארשפרייטנ די זשאנדאַרמעריע-אָפיצערנ, וועלכע פלעגנ אָפטמאָל אליינ ארויסטרעטנ אלס „אווטערס". די אָרטיקע מאכט, וואָס פלעגט אויס נאַיִווקײַט אָדער אויס צו גרויסער פאָליצייִשער געוויסנהאפטיקײַט שטערנ דעמ פאָגראָמ, פלעגט זיכ גיכ ארויסווײַזנ פאר „אומטויגבאר" אונ אראָפגעזעצט ווערנ פונ די שטעלעס. די צענטראלע מאכט ווידער „האָט גאָרנישט ניט געוווּסט", אונ דער אינערנ-מיניסטער דורנאָוואָ, אנ אלטער, דורכגעטריבענער שפיאָנ, האָט מיט „פארווונדערונג" דערהערט פונ וויטענ ווענג דעמ, וואָס עס טוט אופ דער פאָליציי-דעפארטאמענט, וועלכער איז אימ דירעקט אונטערגעוואָרפנ.

פאָגראָמענ זײַנענ פארצייכנט געוואָרנ אינ 110 באפעלקערטע פונקטנ פונ דער דעמאלטיקער „רוסלענדישער אימפעריע". ביים די פאָגראָמענ איז דערהארגעט געוואָרנ פונ פערטהאלבנ ביז פיר טויזנט מאנ, צעקאליעטשעט געוואָרנ ביז 10 טויזנט. די סאמע אכזאָריעסדיקע פאָגראָמענ זײַנענ פארגעקומענ אינ די ראנד-געגנטנ: אינ אָדעס, ווו עס איז געווענ ביז 700 דערהארגעטע; אינ טאָמסק, ווו עס איז פארשפארט אונ פארברענט געוואָרנ אינ טעאטער, פאר די אויגנ פונעמ גובערנאטער אונ פונעמ ארכיערײ, העכער טויזנט מאנ. אינ מאָסקווע אונ אינ פעטערבורג האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ צו מאכנ קיינ פאָגראָמענ, נאָר איינצלנע אינטעליגענטנ אונ ארבעטער-דעפוטאטנ האָט מענ אויכ דאָרט געשלאָגנ אונ דערהארגעט. איצט, ווענ די שולדיקע אינ די פאָגראָמענ, וואָס האָבנ דערלעבט ביזנ טריומפ פונ דער פאָלקמאסע, זײַנענ שוינ צעשאָסנ געוואָרנ (פיל פונ זיי זײַנענ דעמלט גלײַכ דערהארגעט געוואָרנ דורכ די רעוואָליוציאָנערנ די טעראָריסטנ), אונ

זייער „פאטריאָטישע" כנופיע איז אײַנגאַנצנ ארויסגעראַמט געוואָרנ פונעם לאנד מיטנ אייזערנעם כעזעם פונ דער רויטער ארמיי, איז איבעריק צו פאטערנ צײַט אפ אויסדריקנ דעמ צאָרנ־געפיל. אינ געשיכטע, ווי אינ יעדער אנדערער וויסנשאפט, דארפ מענ „ניט וויינענ אונ ניט לאכנ, נאָר פארשטיינ". איז אָט, אויב מיר וועלנ צוגיינ צו די פאָגראָמענ, ווי צו א „טאקטישנ גאנג" פונ דער זעלבסטהערשונג אינעם קאמפ קעגנ דער רעוואָליוציע, וועט זיכ אונדז ווארפנ אינ די אויגנ, אפ ווי ווײַט פעסט עס איז נאָכ געווענ דער *מעכאַניזם* פונעם צארישנ רוסלאנד. אָרגאניזירנ אינ עטלעכע טעג, לויט א סיגנאל פונ צענטער, העכער 100 „ארויסטרעטונגענ" פאר טויזנט קילאָמעטער איינע פונ דער אנדערער — דאָס איז ווערט געווענ אנ אײַזנבאנשטרײַק, מיט דעמ אונטערשייד, וואָס דער אײַזנבאנ־שטרײַק איז צוגעגרייט געוואָרנ דורכ דער שטימונג פונ דער פאָלק־מאסע, אונ דאָ איז ניטאָ וואָס צו ריידנ וועגנ א שטימונג. די צארישע אדמיניסטראציע האָט זיכ אפילע געפרווט שילדערנ די פאָגראָמענ, ווי אנ „אופרײַס פונעם צאָרנ" פונ די פראוואָסלאַוונע רוסישע מענטשנ קעגנ די רעשאָיִמ, די רעוואָליוציאָנערנ, דאָס ווערט אָבער אינגאנצנ אָפגעלייקנט דורכ דער *געאָגראַפיע* פונ די פאָגראָמענ. אויב דאָס וואָלט ווירקלעכ געווענ א סטיכיישער ענטפער פונ דער שווארצמייִשער מאסע אפ די רעוואָליוציאָנערע ארויסטרעטונגענ, וואָלטנ די פאָגראָמענ געווענ אלצ שטארקער, וואָס שטארקער עס איז געווענ אינעמ געגעבענעמ אָרט די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג. מיר האָבנ אָבער געזענ, אז גראָד אינ די *צענטערס* פונ דער דאָזיקער באוועגונג, אינ מאָסקווע אונ אינ פעטערבורג, האָט זיכ אינגאנצנ ניט אײַנגעגעבנ צו אָרגאניזירנ קיינ פאָגראָמענ, אונ אינ דער זעלביקער צײַט זײַנענ פאָרגעקומענ אכזאָרישע פאָגראָמענ אינ אָנ א שיר שטעטלעכ פונעמ „טכומ" (זע ז.ז. 90—93), וווּ עס זײַנענ ניט געווענ קיינ שומ רעוואָליוציאָנערע ארויסטרעטונגענ, וווּ עס איז אָבער געווענ דער באליבטער אונ אומבאהאָלפענער קאָרבנ פונ די פאָגראָמענ־מאכער — יידנ. טראָצ דעמ געזעצ פונ מעכאניק, אז די ווירקונג אונ די קעגנווירקונג זײַנענ שטענדיק גלײַכ איינע צו דער אנדערער, איז דאָ די „קעגנווירקונג" געווענ אלצ שטארקער, וואָס שוואכער עס איז געווענ די „ווירקונג".

די פאָגראָמענ האָבנ אָבער נאָכאמאָל באוויזנ, אז זיי זײַנענ א געווער מיט א צוויי זײַטיקנ שארפ: גראָד אונטער זייער ווירקונג איז אינ צענ מאָל שטארקער געוואָרנ די *זעלבסטבאוואָפענונג* פונ די *מאסנ*, וועגנ וועלכער מיר האָבנ פריִער גערעדט (זע ז.ז. 90—93). די פאָליציי איז איצט אבסאָליוט ניט געווענ בעקוועכ ווי פריִער צו רעגולירנ דעמ געווער־האנדל. די געווער־מאגאזינענ האָבנ אזוי וויניק געפאָלגט דער פאָליציי, ווי די צײַטונגענ אונ זשורנאלנ האָבנ געפאָלגט דער צענזור. פאשעט ווידער קאָנפיסקירנ די זאפאסנ געווער, וואָס האָבנ זיכ געפונענ אינ פריוואטע הענט, האָט זיכ די פאָליציי אנטשלאָסנ ערשט אינ דעקאבער 1905 יאָר. ביז דעמלט זײַנענ זיכ בראונינגענ, מאוזערס, ווינטשעסטערס צעגאנגענ אינ די הונדערטער אונ אפילע אינ די טויזנטער צווישנ דער באפעלקערונג פונ די גרויסע שטעט. ווענ מע זאָל געווענ געניט רעגולירנ דעמ דאָזיקנ שטראָמ געווער, וואָלט גאָרניט געווענ אזוי שווער צו שאפנ אנ ארבעטער־מיליציע, וואָס זאָל זיינ פייִק אויסצוהאלטנ א גאסנ־שלאכט מיטנ צארישנ מיליטער. צומ אומגליק איז דאָס געווער מערסטנטייל געגאנגענ ניט אהינ, וווּ מע דארפ. אופגעקויפט האָבנ עס די, וואָס האָבנ געהאט געלט, — אונ געלט האָבנ די ארבעטער געהאט וויניקער פונ אלצ. עס האָט זיכ באוואָפנט די קליינ־בורזשואזיע, טיילווײַז די בורזשואזיע ביכלאל.

די פרווונ צו שאפנ „שלאכט־ארגאניזאציעס", וואס זאלנ באוואפענענ דעמ פראלעטאריאט, זײַנענ ניט געלונגענ אפילע די באלשעוויקעס — אלצ צוליב דער זעלבער סיבע: די אידייִשע ווירקונג פונ דער פארטיי איז געווענ אָנ אנ ערעכ ברייטער פונ איר ארגאניזאציאנעלנ ארומכאפ. די באמבעס, וואס די פעטערבורגער שלאכט־ארגאניזאציע האט אויסגעפארטיקט, זײַנענ אנגעקומענ אפ די ערטער דעמלט, ווענ דער אופשטאנד איז שוינ געווענ דערשטיקט: אונ ווי עס האט נאכ זיי געגארט מאסקווע אינ דעקאבער!

בלויז צוויי באדינגונגענ האבנ נאכ אונטערגעהאלטנ די פאניק בא דער זעלבסטהערשונג נאכ דעמ, ווי דער אלגעמיינער שטרײַק האט זיכ „אײַנגעשטילט" — פונ איינ זײַט, די יעדיעס, וועלכע פלעגנ דערגיינ פונ דאָרפ, פונ דער אנדערער זײַט, די מיטיילונגענ וועגנ דעמ, וואס עס האט זיכ געטאנ אינעמ מיליטער.

די פויערשע באוועגונג איז ענג פארבונדנ מיטנ זיי־פארקער. דער אָנהייב אונ דער סאָפ פונעמ לאנדווירטשאפטלעכנ יאָר, פרילינג אונ הארבסט, פלעגנ שטענדיק באגלייט ווערנ מיט א פארשארפונג פונ דער פויערשער באוועגונג. אויב זומער איז זי שטילער געווארנ אונ האט ארויסגערופנ געוויסע איליוזיעס בא די מעכאברימ פונ דער „בוליגינישער" קאנסטיטוציע, איז צו הארבסט האט מענ זיכ געדארפט ריכטנ אפ א נײַעמ אויסברוכ, אונ דערבײַ פונ אנ אנדער מינ, איידער אינ פרילינג, ווײַל עס האט זיכ געהאנדלט ניט וועגנ אָנדינגענ זיכ אפ ארבעט, נאר וועגנ ליקווידירנ די גערעטעניש. דעמ באשטאנד, די האנדלונג־מעטאדנ אונ די צילנ פונ דער פויערשער באוועגונג וועלנ מיר אויספירלעכ אנאליזירנ אינעמ פאלגנדיקנ קאפיטל: דאָ איז פאר אונדז גענוג דער אײַנדרוק, וואס זי האט געמאכט אינ דער הייכ, אינ ניקאלײַעס אומיטלבארער ארומרינגלונג.

די באוועגונג האט זיכ אָנגעהויבנ אינמיטנ אקטיאבער, — דערינ, אז דאָס דארפ האט זיכ „אָנגעשטעקט" פונעמ אײַזנבאנ־שטרײַק, וואס האט זיכ צעגאנגענ איבער גאנצ רוסלאנד, קאנ דאָ קיינ ספק ניט זײַנ — אונ זי האט זיכ געהאלטנ ערטערווײַז ביזנ סאָפ נאָיאבער. הויפטזאכלעכ האט זי ארומגעכאפט די צענטראלע שווארצערדישע גובערניעס: טאמבאָווער, קורסקער, וואראָנעזשער; אוקראינע, — קיעווער, טשערניגאָווער; פאָדאָליער גובערניעס — אונ באזונדערס דעמ וואָלגע־קאנט — סאראטאָווער, סאמארער אונ סימבירסקער (איצט אוליאנאָווסקער) גובערניעס. אינ קעגנזאצ צו דער פרילינגדיקער באוועגונג, דעריקער א שטרײַקערישער, האבנ איצט אנטשיידנדיק דאָמינירט פאָגראָמענ. „פאר א קורצער צײַט איז פארברענט, „צעטראָגנ" אונ ביכלאל פארניכטעט געוואָרנ העכער צוויי טויזנט גיטער, דערבײַ ווערנ די העזייקעס בא די גוטבאזיצערס בלויז אינ צענ אמערסטנ בארימטע גובערניעס אָפגעשאצט, לויט די אָפיציעלע מאטעריאלנ, אינ 29 מיליאָנ רובל (גאָלד)".*

פאָגראָמענ זײַנענ געווענ אינ טאמבאָווער אונ סאראטאָווער גובערניעס, אונ דערפילט האט מענ זיי אמשארפסטנ אינ צארסקאָיע סעלאָ.

„איינמאָל, — דערציילט וויטע אינ זײַנע מעמוארנ, — בינ איכ געקומענ צופאָרנ קיינ צארסקאָיע סעלאָ מיט א באריכט צו זײַנ מאיעסטעט. אינ אופנעמ־צימער באגעגנט מיכ טרעפאָוו, פארפירט א שמועס וועגנ די דורכויסיקע אופשטאנדנ פו־

* פ. מאסלאָוו — „די אגראר־פראגע אינ רוסלאנד", II, זײַט 254.

נעמ פויערטומ און זאָגט מיר, אז קעדיי צו מאכנ א סאָפ צו דעמ דאָזיקנ אומגליק, איז דאָס איינציקע מיטל טייקעפּ און ברייט אנטייגענענ די פּריצישע ערד לעטויוועס דעמ פויערטומ. איכ האָב אויסגעדריקט מײַנ צווייפל, צי איצט, ערעוו דעמ צונויפרופנ די מעלוכע־דומע, נאָכנ 17־טנ אָקטיאַבער, זאָל מענ קאָנענ אָננעמענ אזא אײַליקנ און וויכטיק באטראכטנ מאָסמיטל. ער האָט מיר געענטפערט, אז אלע גוטבאזיצער וועלנ זײַנ שטארק צופרידנ מיט אזא מאָסמיטל.

„איכ אליינ, — זאָגט דער גענעראל, — בינ א גוטבאזיצער און וועל מיט גרויס סימכע אָפּגעבנ א העלפט פונ מײַנ ערד, ווײַל איכ בינ איבערצײַגט, אז נאָר בײַ דעמ דאָזיקנ באדינג וועל איכ ראטעווענ פאר זיכ די צווייטע העלפט”.

בייסנ באריכט האָט דער קייסער מיט מיר ניט גערעדט וועגנ דעמ אינ טאָג, ער האָט מיר בלויז איבערגעגעבנ א מעמאָראנדומ מיט פּראָיעקטנ און האָט געזאָגט דערבײַ: „באהאנדלט די דאָזיקע האשאָרעס אינ מיניסטאָרנ־ראט. דאָס איז דעמ פּראָפעסער מיגוליגס א מעמאָראנדומ און א פּראָיעקט”.

דאָס איז געווענ א מעמאָראנדומ וועגנ דער נייטיקײַט אָפּ א צוואנג־אויפנ צו אנטייגענענ די ערד לעטויוועס דעמ פויערטומ, אלס מאָסמיטל, וואָס מע מוז עס טייקעפּ אָננעמענ, „לויטנ דירעקטנ ווילנ און באפעל פונעמ זעלבסטהערשנדיקנ קייסער”.

וויטע האָט זיכ אײַנגעשפּארט ניט דערפאר, ווײַל ער איז אליינ געווענ פרײַ פונ אגראר־פּאניק — פארקערט, פונ זײַנ מיניסטעריומ איז אונדז פארבליבנ א גאנצער דיקער „איניענ” וועגנ דעמ פּראָיעקט פונ אנ אגראר־רעפאָרמ (דאָרט איז, אגעוו, פאראנ אויכ פּראָפעסער מיגולינס פּראָיעקט, וועלכנ מיר האָבנ נאָרוואָס דערמאָנט; דעמ פּראָפעסערס אונטערשריפט איז שווער איבערצולייענענ, און ניקאָלײַ האָט מיט זײַנע אייגענע הענט, מיט א קאליגראפישנ, „ראָמאנאָווישנ” קסאוו אוועקגעשטעלט לעבנ דער אונטערשריפט אינ קלאמערנ דעמ פּראָפעסערס פאמיליע — אזוי ווי עס טוענ איצט אָפּ אָפיציעלע פאפּירנ די מאשינעסטקעס, ניקאָלײַ האָט שטארק מוירע געהאט, אז וויטע וועט ניט קאָנענ איבערלייענענ אזא טײַערע פאמיליע, מע קאָנ זאָגנ, פונעמ „רעטער פונעמ פאָטערלאנד”!). אײַנגעשפּארט האָט זיכ וויטע דערפאר, ווײַל ער האָט ניט געוואָלט, עס זאָל זיכ איבערכאזערנ דער 19־טער פעווראל, ניקאָלײַס „כעסעד” פאר די פויערימ: אָט פארוואָס ער איז באשטאנענ דערויפ, אז דאָס צושנײַדנ ערד זאָל פּראָקלאמירנ ניט אנ „אלערהעכסטער” מאניפעסט, נאָר א באשטימונג פונ דער מעלוכע־דומע, וואָס ער, וויטע, האָט צונויפגערופנ און געשאפנ. פונ אלע זײַטנ האָבנ זיכ אָבער געהערט שטימענ, אז מע דארפ זיכ צוײַלנ, אז די צײַט וואַרט ניט. „דעמלט (אינ דעקאבער), — דערציילט ווײַטער וויטע, — איז געקומענ צו פאָרנ קייג פּעטערבורג דער גענעראל־אדיוטאנט דובאסאָוו, א בראווער, איידעלער און ערלעכער מענטש. ער איז געקומענ פונ טשערניגאָווער און קורסקער גובערניעס, וווּהינ ער איז באשטימט געוואָרנ מיט באזונדערע פולמאכטנ צוליב די פויערשע אומאָרדענונגענ, וועלכע האָבנ זיכ דאָרט שטארק אנטוויקלט. ער איז געקומענ צו מיר און האָט אויספירלעכ דערציילט וועגנ דער לאגע און האָט זיכ ארויסגעזאָגט אינ דעמ זינ, אז בעסער פונ אלצ וואָלט געווענ גלײַכ אנטייגענענ פאר די פויערימ יענע פּריצישע ערד, וועלכע זיי האָבנ צוגענומענ, און פאר מײַנ באמערקונג, אז איכ וועל ניט אײַנגיינ אָפּ קיינ צוואנג־אנטייגענונג אָנ דעמ, אז די זאכ זאָל באהאנדלט ווערנ אינ דער מעלוכע־דומע און אינעמ מעלוכע־ראט נאָכ זייער עפעגונג, האָט ער ארויסגעזאָגט די מיינונג, אז איצט קאָנ

מענ מיט אזא מאָסמיטל בארויִקנ דאָס פויערטום, אונ דערנאָך „וועט איר זענ: די פויערימ וועלנ פארכאפנ די גאנצע ערד, אונ איר וועט מיט זיי גאָרנישט ניט אופטאָנ".

בלויז דאָס צעקלאפנ די ארבעטער-רעוואָליוציע אינ דעקאבער האָט אופגעמונטערט צארסקאָיע סעלאָ אונ ווענ וויטע האָט אינ פעווראל ארײַנגעטראָגנ זײַנ פראָיעקט פונ אנ ערד-רעפאָרמ, האָט זיך ניקאָלײַ צו אימ באצויגנ מער ווי קאלט, אונ האָט אפילע געצוווּנגענ וויטענ, ער זאָל אָפזאָגנ פונ דער שטעלע דעמ מיניסטער. וועלכער האָט אויסגעארבעט דעמ דאָזיקנ פראָיעקט (קוטלערנ). צו דער צײַט האָט אָבער געמוזט עטוואָס אָפגעשוואכט ווערנ אויכ די צווייטע פאניק, וועלכע עס האָט געשאפנ אינ דער זעלביקער צארסקאָיע סעלאָ די מיליטערישע באוועגונג.

קוידעמקאָל האָבנ זיך אינ א גראנדיעזנ פארנעמ איבערגעכאזערט די יונ-געשעענישנ. דער סאמע פראָלעטארישער טייל פונ דער מיליטערישער קראפט האָט ניט געקאָנט בלײַבנ גלײַכגילטיק, צוזעענדיק דעמ זיג פונעמ פראָלעטאריאט. פונקט אינ א וואָכ ארומ נאָכנ מאניפעסט האָט זיך אָנגעהויבנ אנ אופשטאנד פונ מאטראָסנ אינ קראָנשטאדט. אינ באלטישנ פלאָט איז געווענ פונקט אזא רעוואָליוציאָנערע באוועגונג, ווי אינ שווארציאמישנ, — אונ פאר אָקטיאבער 1905 יאָר זײַנענ שוינ הונדערטער מאטראָסנ געווענ ארעסטירט פאר האָבנ א שײַכעס אָדער אלס פארדעכטיקע, אז זיי האָבנ א שײַכעס צו דער דאָזיקער באוועגונג. דער אָקטיאבער-שטרײַק האָט, אחוצ אלצ דאָס איבעריקע, געצוווּנגענ די צארישע רעגירונג אָפצולאָזנ אפ דער פרײַ א מאסע ארעסטירטע רעוואָליוציאָנערנ. עס איז דערקלערט געוואָרנ אפילע א ספעציעלע אמניסטיע, א גאנצ ניט קיינ פולקומע אונ ניט קיינ אופריכטיקע, אָבער זי האָט פונדעסטוועגנ צעעפנט די טירנ פונ דער שליסעלבורגער טפיסע פאר די נאָכ גאנצ-געבליבענע נאראָדנאָוואָלצעס, וואָס מע האָט דאָרט אײַנגעזעצט אינ די 80-ער יאָרנ. עס זײַנענ טיילווײַז ארויסגעלאָזנ געוואָרנ אפ דער פרײַ אויכ די מיטגלידער פונ די מיליטערישע רעוואָליוציאָנערע אָרגאניזאציעס. בענעגייע די מאטראָסנ האָט די יאמ-נאטשאלסטווע ניט צוגעטראכט קיינ קליגערע זאכ, ווי צוריק אָפשיקנ די באפרײַטע אפ די שיפנ; מער פאר אלצ האָט מענ אָפאָנעמ מוירע געהאט, אז זיי זאָלנ ניט קומענ אינ בארירונג מיטנ פעטערבורגער פראָלעטאריאט. זיי האָבנ ניט פארשטאנענ, אז דערמיט טראָגנ זיי ארײַנ אינ די קאזארמעס אנ אופרײַס-מאטעריאל פונ אזא קראפט, וואָס מע האָט נאָכ דאָרט ביז איצט ניט געזענ. אינ די יאמ-קאזארמעס פונ קראָנשטאדט האָט זיך טיף אָנגעהויבנ א יווירונג. אָנגעהויבנ האָט זיך פונ מיטינגענ אונ פונ דערלאנגענ „קאָלעקטיווע מעלדונגענ". ווענ די דערלאנגער זײַנענ ארעסטירט געוואָרנ, האָבנ די כאוויירימ זייערע אָנגעהויבנ באפרײַענ זיי מיט גוואלד, — האָבנ זיך אָנגעהויבנ צוזאמענשטויסנ מיט די מיליטערישע טיילנ, „וואָס זײַנענ געבליבנ טרײַ דעמ כייוו", דערבײַ האָט זיך די „טרײַשאפט" ארויסגעוויזנ פאר זייער ניט שטאנדהאפטיק אונ האָט גיכ געפלאצט. די אופרעגונג האָט זיך פונ איינ טייל איבערגעגעבנ אינ צווייטנ, עס איז אויסגעוואקסנ עטוואָס ענלעכעס אפ אנ אלגעמיינעמ מאטראָסנ-שטרײַק. אָבער טאקע די שנעלקײַט, מיט וועלכער עס האָט אופגעפלאקערט די מאטראָסנ-באוועגונג, האָט געהאלטנ פארבאָרגנ אינ זיך די סיבעס פונ איר דורכפאל. דער באוווּסטזיניקער טייל מאטראָסנ, וועלכער איז נעכטנ געקומענ אינ די קאזארמעס, האָט נאָכ גאָרנישט ניט באוויזנ צו אָרגאניזירנ. מיטנ אופשטאנד האָט קיינער ניט אָנגעפירט, — האָט ער זיך אויסגעגאָסנ אינ א רייִ ניט אָרגאניזירטע, איינער

מיטן אַנדערן ניט פֿאַרבונדענע, אויפֿברויזן. די מאַכט איז גיך געקומען צו זיך: זי האָט אָנגעשיקט דעם ווייניקער באַוווסטזיניקן און ווייניקער שטאַנדהאַפֿטיקן טייל אויפֿגעשטאַנענע און אַז זיי האָבן אים אַזוי אַרום אַרויסגעפֿירט פֿון די שלאַכט־רייען, האָבן זיי זיך אָן מי צערעכנט מיט דער באַוווסטזיניקער מינדערהייט, וואָס איז נאָך אויך ניט געווען אָרגאַניזירט און האָט נאָך ניט געהאַט קיין באַשטימטן פּלאַן, ווי צו האַנדלען. פֿונדעסטוועגן האָט מען אַפֿילו דעם צעשפּליטערטן בונט געקאָנט בײַקומען בלויז מיט דער הילף פֿון אויסעראָרדנטלעכע מאָסמיטלען. קיין קראָנשטאַדט איז אויסגעקומען צו שיקן צוויי גוואַרדיייִשע פּאָלקן — דעם פּרעאָבראַזשענסקער און פּאַוולאָווסקער — מיט אַרטילעריע און ערשט מיט זייער הילף איז די באַוועגונג דערשטיקט געוואָרן נאָך אַן אַקשאָנעסדיקן ווידערשטאַנד. אין דרײַ טעג אַרום איז אין קראָנשטאַדט אַלץ געווען „רויִק".

מע האָט אָבער קוים באַוויזן אין צאַרסקאָיע סעלאָ זיך צו באַרויִקן פֿון קראָנשטאַדטער בונט, ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויפֿשטאַנד אין סעוואַסטאָפּאָל.

דאָ איז געווען מער דערפֿאַרונג, מער צוגרייטונג, די באַוועגונג האָט אויסגעזען פֿיל שטאַרקער פֿאַר דער קראָנשטאַדטער און האָט דערוועקט גרויסע האָפֿענונגען. די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס האָבן שוין לאַנג געפֿירט אַן אַרבעט צווישן די מאַטראָסן, שטיצנדיק זיך אויף דער שוין שטאַרק פֿאַראַנדערגעפּראָפּאַגאַנדירטער אַרבעטער־מאַסע פֿון סעוואַסטאָפּאָלער האַפֿן. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַגיטאַציע איז געפֿירט געוואָרן, דעריקער, מיט דער הילף פֿון די דאָזיקע אַרבעטער, די אָרגאַניזאַציע גופֿא האָט געהאַט אַ שטאַרקן מענשעוויסטישן אָפּנייג. זי האָט זיך געשטעלט פֿאַר אַן אויפֿגאַבע צו שאַפֿן אַ ראַט פֿון מאַטראָסן־דעפּוטאַטן — און האָט ניט געטראַכט וועגן אַ באַוואָפֿנטן אויפֿשטאַנד. די שטימונג איז אָבער געווען אַזאַ, ווי עס דערציילט אַ ראַפּאָרט פֿון די אָרטיקע זשאַנדאַרמען, אַז „שוין אין די ערשטע ראַטעס פֿון נאָיאַבער האָבן צירקולירט קלאַנגען, אַז אינמיטן נאָיאַבער וועט זײַן אַ מאַטראָסן־בונט". די אידעאָלאָגיע פֿון דער מאַטראָסישער באַוועגונג איז געווען ביז גאָר אַ פֿאַרפּלאָנטערטע — די מאַטראָסן פֿלעגן שיסן אין קאָמאַנדירן־באַשטאַנד, פֿלעגן אַרעסטירן די גענעראַלן, און אין דער זעלבער צײַט פֿלעגן זיי גיין איבער די גאַסן אונטער די קלאַנגען פֿון „גאָט, היט דעם קייסער", האַנגאַם מיט רויטע פֿאָנען. פֿונדעסטוועגן איז אָבער געווען אַ מאָמענט, ווען די סטיכיייִשע באַוועגונג האָט זיך אויפֿגעהויבן אַזוי הויך, אַז די מאַכט האָט זיך געפֿילט אַרויסצופֿירן פֿון דער שטאָט דאָס מיליטער, וואָס איז נאָך ניט געווען צוגעשטאַנען צום אויפֿשטאַנד, און האָט זיך געקליבן אָפּטרעטן מיט אים אויף באַלאַקלאַווע. מע האָט געמוזט געבן עפּעס אַ באַשטימטן ציל דער אויפֿגערעגטער מאַסע, און דאָס האָט קיינער ניט געקאָנט. די גרעסערע באַוווסטזיניקייט פֿון דער באַוועגונג, אין פֿאַרגלײַך מיט דער קראָנשטאַדטער, האָט זיך אויסגעדריקט בלויז דערין, וואָס עס האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו דעזאָרגאַניזירן זי דורך אַזעלכע אײַנפֿאַכע מיטלען, ווי אין קראָנשטאַדט. אָבער סאָפֿקאָלסאָף איז אויך דאָ די איניציאַטיוו אַריבער אין די הענט פֿון דער מאַכט. בעראָש פֿון די אויפֿגעשטאַנענע האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ צופֿעליקער מענטש, אַ געוועזענער יאַם־אָפֿיצער שמידט, אַ נאַיִווער טרוימער, וועלכער האָט זיך געהאַלטן פֿאַר אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט און פֿאַר זײַן לערער האָט ער געהאַלטן דעם פֿאָלקיסט מיכײַלאָווסקין. ער האָט גערעדט וועגן אַ פֿאַראייניקונג פֿון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און האָט געשיקט ניקאָלײַען אַזאַ טעלעגראַמע: „דער רומפֿולער שוואַרציאַמישער פֿלאָט, אָפּהיטנדיק די געבאָטן און די איבערגע־

געבנקט דעמ קייסער, פאדערט פונ אײַכ, קייסער, איר זאָלט באלד צונויפרופנ די גרינדונג-פארזאמלונג, אונ ער ווארפט זיכ מער ניט אונטער אײַערע מיניסטאָרנ״.

די געטרײַ־אונטערטעניקע טעלעגראמע האָט אבסאָליוט ניט געשטערט ניקאָלײַענ צו אנערקענענ דעמ אומגליקלעכנ שמידטנ פאר א „פארעטער״ אונ ער האָט מיט אומגעדולד געפרעגט: „ווענ מענ שוינ גיכ מאכנ א סאָפ מיט אימ?״ סײַ פאר אימ סײַ פאר זײַנע גענעראלנ איז וויכטיק געווענ דער פאקט פונ א מאסנהאפטיקער ניטגעהאָרכזאמקײַט מיצאד די מאטראָסנ בענעגייע דער מאכט, אונ וואָס פאר א געפילנ די מאטראָסנ האָבנ פארבונדנ דערמיט, דאָס האָט זיי ווייניק געארט. דעמ מאקסימאלנ אופשטײַג האָט די באוועגונג דערגרייכט צומ 11-טנ—12-טנ נאָיאבער, ווענ דער יאבאָשע-גארניזאָנ פונ סעוואסטאָפאָל האָט זיכ צונויפגערעדט מיט די מאטראָסנ אונ האָט אָנטייל גענומענ אינ דער מאטראָסנ-דעמאָנסטראציע. אָבער שוינ אפ מאָרגנ האָט זיכ דער מאכט אײַנגעגעבנ אריבערצוציענ אפ איר זײַט די אינפאנטעריע אונ דערשטיקנ די באוועגונג, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ דער פעסטונג-ארטילעריע. פונ די עסקאדרע-שיפנ, וואָס זײַנענ געשטאנענ אינ סעוואסטאָפאָלער האפנ, האָט מענ ארויפגעפירט אפנ ברעג אלע „ניט־זיכערע״ מאטראָסנ, אונ די שיפנ, וואָס זײַנענ דורכויס „ניט-זיכערע״, ווי דער געוועזענער „פאָטיאָמקינ״, וואָס זײַנ נאָמענ האָט מענ איצט איבערגעמאכט אפ „פאנטעלייאָנ״, אונ דער נײַער קרייסער „אָטשאקאָוו״, זײַנענ קונציק אנטוואָפנט געוואָרנ — מע האָט ארויפגענומענ אָדער די סנאריאדנ אָדער די שלעסער אונ די ציגגלעכ, אָנ וועלכע עס איז אוממעגלעכ געווענ צו שיסנ. שמידט האָט דעמלט געהאלטנ רעדעס וועגנ דער אומדערלאָזבארקײַט פונ אוועלכער-ניט-איז בלוטפארגיסונג. דעמ 15-טנ נאָיאבער האָט ער שוינ אויכ פארשטאנענ, אז אויב מע וועט ניט אָנווענדנ קיינ געווער, וועט מענ גארנישט ניט קאָנענ אופטאָנ, אָבער דעמלט האָט ער אונ די אופגעשטאנענע מאטראָסנ קימאט שוינ קיינ געווער ניט געהאט. אפ זייער סיגנאל צו אנ אופשטאנד האָבנ געענטפערט מיט אופהייבנ א רויטע פאָנ בלויז 11 שיפנ — דער גרעסטער טייל קליינע אָדער אנטוואָפנטע. אפ זיי האָט מענ טייקעפ אָנגעהויבנ שיסנ פונ אלע פעסטונג-באטארייעס אונ פונ אלע שיפנ, וואָס זײַנענ געבליבנ „טרײַ״ דער מאכט אונ וואָס זײַנענ, פארשטייט זיכ, ניט אנטוואָפנט געוואָרנ. פונ די אופגעשטאנענע שיפנ האָט בלויז „אָטשאקאָוו״ באוויזנ זעקס מאָל אויסצושיסנ אונ אינ עטלעכע מינוט ארומ האָט ער שוינ געברענט. שמידט האָט זיכ געראטעוועט שווימענדיקערהייט, אָבער ער איז גלײַכ ארעסטירט געוואָרנ (שפעטער האָט מענ אימ צעשאָסנ צוזאמענ מיט דרײַ מאטראָסנ, פירער פונ דער באוועגונג). אינגאנצנ האָט מענ באָמבארדירט אונ גענומענ אפנ ברעג די יאמ-קאזארמעס. דער אופשטאנד איז דערשטיקט געוואָרנ.

די זעלבסטהערשונג האָט זיכ אויכ דאָ ארויסגעוויזנ מאטעריעל אונ אָרגאניזאציאָנעל שטארקער. זי האָט אָבער געמוזט פילנ, אז אינעמ דאָזיקנ געביט איז זי שטארק, דעריקער, איבער די פעלערנ פונ אירע קעגנער. סעוואסטאָפאָל איז געווענ אפ א האָר פונ פארוואנדלענ זיכ אינ דער ערשטער „רויטער פעסטונג״ פונ דער רוסלענדישער רעפובליק; ווענ בעראָש פונעמ אופשטאנד וואָלט געשטאנענ ניט קיינ אינטעליגענט פונ טשעכאָווישנ טיפ, וועלכער האָט געטרוימט וועגנ דורכפירנ א רעוואָליוציע אָנ א בלוט-פארגיסונג, נאָר אנ עמעסער קריגסמאנ, וואָלט ניקאָלײַ געבליבנ אָנ דעמ שווארציאמישנ פלאָט. קיינע שומ גאראנטיעס אָבער, אז אזעלכע גליקלעכע צופעליקײַטנ וועלנ זיכ שטענדיק איבערכאזערנ, האָט די מאכט ניט גע-

האט אונ יעדיעס וועגנ „מיליטערישע אומאָרדענונג“ האָבנ זיכ געטראָגנ פונ אלע זײַטנ: פונ גראָדנע אונ פונ סאמארע, פונ ראָסטאָוו-יאראָסלאווער אונ פונ קורסק, פונ רעמבערטאָוו, הינטער ווארשע אונ פונ רינע, פונ וויבאָרג אונ פונ אָסטראָלענקע (אינ פוילנ), פונ וולאדיוואָסטאָק, אירקוטסק אונ כארבינ.*

די סאמע דראָענדיקע יעדיעס זײַנענ אָנגעקומענ פונ ווײַטנ מיזרעכ. דאָרט איז נאָכ געשטאנענ א ניט דעמאָביליזירטע די נעכטיקע „ווירקנדיקע ארמיי“, ניט געקוקט אפ דעמ, וואָס דער שאָלעמ איז שוינ געשלאָסנ געוואָרנ, — דאָס איז געווענ די איינציקע אָרגאניזירטע גרויסע מיליטערישע קראפט, וועלכע איז פארבליבנ בא ניקאָלײַענ אויסער פעטערבורג: די איבעריקע מיליטער-טיילנ זײַנענ געווענ צעשטויבט אפ א קאָלאָסאלנ שעטעכ קלײנע הייפעלעכווײַז. די רעזערוויסטנ פונ די עלטערע טערמינענ, פונ וועלכע ס'איז באשטאנענ די מערהײַט פונ דער מאנדזשורישער ארמיי, האָבנ ניט פארשטאנענ, פארוואָס מע האלט זיי פאר פיל טויזנטער קילאָמעטער פונ זייער היימ, ווײַלד דער שאָלעמ איז שוינ געשלאָסנ געוואָרנ, זיי זײַנענ די גאנצע צייט געווענ אופגערעגט, אונ האָבנ, לעסאָפ, זיכ אָנגעהויבנ אלײנ דעמאָביליזירנ, סטיכײַש, אוועקגייענדיק פונ זייערע לאגערס אונ פארכאפנדיק די צוגנ, וואָס זײַנענ געגאנגענ קיינ רוסלאנד. די מאכט האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָנ אנטקעגנ דער דאָזיקער דערשײַנונג, אָבער אזוי ווי די שטימונג פונ דער גאנצער ארמיי איז געווענ א גאנצ איינמוטיקע, איז דאָ געווענ אוממעגלעכ צו שטיצנ זיכ אפ טיילנ, וואָס זאָלנ זײַנ „טרײַ דער שווּע“. מע האָט זיכ געפרווּוט שטיצנ אפ כונכוזנ (כינעזישע באנדיטנ), וועלכע עס האָט אָרגאניזירט א רוסישער גענעראל, אָבער, אכוצ זייער א גרויסער בלוטפארגיסונג, האָט זיכ דערפונ גאָרנישט ניט באקומענ. די שטימונג האָט פארכאפט אפילע דאָס אָפיצערנטום, צווישנ וועלכע עס זײַנענ אויכ געווענ ניט ווייניק רעזערוויסטנ („פראָפאָרשטשיקעס פונעמ רעזערוו“). סאָפ נאָיאבער האָט מענ טעלעגראפירט פונ אירקוטסק, דעמ ערשטנ גרויסנ צענטער אפנ וועג פונ דער מאסע, וואָס האָט זיכ סטיכײַש באוועגט קיינ רוסלאנד: „נעכטנ אינאָווענט איז אינ שטאָט-טעאטער, אינ דער אָנוועזנקײַט פונ פארשטייער פונ דער פרעסע, פאָרגעקומענ א מיטינג פונעמ גאנצנ מיליטער פונ אירקוטסקער גארניזאָנ. עס האָבנ זיכ פארזאמלט ביז פיר טויזנט סאָלדאטנ, פאָרזיצער איז געווענ אנ אונטער-אָפיצער. סאָלדאטנ אונ אָפיצערנ האָבנ געהאלטנ פיל אויסגעצייכנטע רעדעס. עס איז באשלאָסנ געוואָרנ ארויסצושטעלנ פאָדערונגענ וועגנ פארבעסערנ די עקאָנאָמישע, אמטלעכע אונ רעכטלעכע לאגע פונ די סאָלדאטנ, אונ אינ פאל, אויב זיי וועלנ ניט באפרידיקט ווערנ, אָרגאניזירנ א פרידלעכנ שטרײַק. איינשטימיק האָט אויכ דער גאנצער גארניזאָנ אויסגעדריקט דעמ ווונטש צו פארייניקנ זיכ צו די פאָדערונגענ פונעמ גאנצנ רוסישנ פאָלק וועגנ אָפשאפנ טויט-שטראָפ, קריג-צושטאנד, וועגנ צונויפרופנ א גרינדונג-פארזאמלונג דורכ פירפאכער אָפשטימונג. אינ שטאָט איז גאָר א געהויבענע שטימונג; די באפעלקערונג

---

* דעמ ווּוקס פונ דער באוועגונג אינ דער ארמיי קאָנ מענ כאראקטעריזירנ מיט אזא טאבעלע:

די צאָל סאָלדאטישע ארויסטרעטונגענ אינ 1905 יאָר

אפרעל-יונ	2
יול-סענטיאבער	8
אָקטיאבער-דעקאבער	89

אהער גייט ארײַנ בלויז די באוועגונג אינ דער יאפּאָנשע-ארמיי, אָנ דעמ פלאָט.

באַגריסט אומעטום מיט באַגײַסטערונג די סאָלדאַטנ אונ קאָזאַקנ. קײנ שוואַרצמײעניקעס איז אַזױ װי קײנמאָל ניט געװענ".

די אַזױגערופֿענע „פֿרײַהײַט-טעג" — אַזױ האָט מענ אַ נאָמענ געגעבנ די צײַט צװישנ דער אָקטיאַבערישער אונ דעקאַבערישער (פֿונ 1905-טנ יאָר) אַרױסטרעטונגענ פֿונעמ פּראָלעטאַריאַט—זײַנענ, אַזױ־אַרומ, געװענ טעג, װענ די זעלבסטהערשונג האָט געציטערט. מענטשנ װערנ אָבער צו אַלצ צוגעװױנט. באַזונדערס באַרױקנדיק האָט געמוזט װירקנ אַפֿ דער זעלבסטהערשונג דאָס, װאָס זי האָט געפֿילט די אַלצ װאַקסנדיקע זיכערקײַט אינ צענטער גופֿע, אינ פּעטערבורג. די רעװאָליוציע האָט געבושעװעט איבערנ גאַנצנ לאַנד, עס איז אָבער געװענ װי זיך צו פֿאַרבאַהאַלטנ פֿונ איר, װײַל דאָ, אינ פּעטערבורג, האָט די רעװאָליוציע געליטנ אײנ דורכפֿאַל נאָכנ אַנדערנ.

דער ערשטער פֿונ די דאָזיקע דורכפֿאַלנ איז באַשטאַנענ דעריִנ, װאָס דער רעװאָליוציע האָט זיך ניט אײַנגעגעבנ צו געבנ אַנ אײגענעמ פֿאָרזיצער דעמ ראַט, װאָס איז געװענ אַנ עמבריאָנ פֿונ דער רעװאָליוציאָנערער מאַכט. געשטערט האָבנ צװײ באַדינגונגענ. די ערשטע איז געװענ די רײַסערײַ צװישנ די דרײַ רעװאָליוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, — די סאָציאַל־דעמאָקראַטנ פֿונ דער מערהײַט, די סאָציאַל־דעמאָקראַטנ פֿונ דער מינדערהײַט אונ די עסערנ, װעגנ װעלכע מיר האָבנ שױנ גערעדט. די צװײטע איז געװענ דאָס, װאָס אַלע דרײַ אָרגאַניזאַציעס זײַנענ ערשט אינ אָקטיאַבער אַרױס פֿונ דער אונטערערד. ערשט סאָפֿ אָקטיאַבער האָבנ אינ פּעטערבורג אָנגעהױבנ אָפּנ דערשײַנענ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צײַטונגענ — די באָלשעװיסטישע „נאָװאַיאַ זשיזנ" אונ די מענשעװיסטישע „נאַטשאַלאָ", מיטנ לאָזונג „פּראָלעטאַריער פֿונ אַלע לענדער, פֿאַראײניקט זיך!". דאָס איז געװענ אַ גרױסער טריומפֿ פֿאַרנ רוסישנ פּראָלעטאַריאַט — זענ דעמ לאָזונג פֿונ אינטערנאַציאָנאַלנ פּראָלעטאַרישנ קאַמפּ, װי ער שײַנט אָפֿנ אַפֿ אַ צײַטונג, װאָס װערט מאַסנװײַז פֿאַרקױפֿט אַפֿ יעדנ ראָג. אָבער בלױז לאַנגע באַראָשימ פֿונ אַזאַ אָפֿענער פּראָפּאַגאַנדע האָבנ געקאָנט באַקענענ מאַכנ די ברײטע שיכטנ פֿונ דער מאַסע מיט דער פֿיזיאָנאָמיע פֿונ די פּאַרטײענ, װאָס האָבנ אַרױסגעגעבנ אָט די צײַטונגענ. ביז דעמלט האָט מענ געװוסט די פּאַרטײענ לױטנ נאָמענ אונ לױט די מענטשנ, װעלכע פֿלעגנ אַרױסטרעטנ אינ נאָמענ פֿונ די דאָזיקע פּאַרטײענ אַפֿ פֿאַרזאַמלונגענ אונ אינ די באַדינגונגענ פֿונ דער אונטערערד פֿלעגנ די פֿירער, פֿאַרשטײט זיך, אַרױסטרעטנ מעגלעך זעלטענער אונ בלױז אינ אַ מער ענגנ קרײַז. מיט אײנ װאָרט, יענע פּאַרטײ־כאַװײרימ, װעלכע מע װאָלט געקאָנט אַרױסרוקנ אַלס פֿאָרזיצער פֿונעמ ראַט, האָבנ צוליב די אָדער אַנדערע סיבעס ניט געקאָנט אַרױסגערוקט װערנ — אונ אַ פֿאָרזיצער איז געװאָרנ קימאַט פּונקט אַזאַ צופֿעליקער מענטש, װי דער סװאַסטאָפּאָלער שמידט, — אײנער נאָסאַר, אַנ אַדװאָקאַט, װאָס איז אַרױסגעטראָטנ נאָך בײַמ דער אַגיטאַציע מיקױעך שידלאָװסקיס קאָמיסיע אונ װאָס איז שטאַרק פּאָפּולער געװענ אינ די אַרבעטער־קרײַזנ. בײַ אײנעמ אַנ אַרבעטער, כרוסטאַליאָװ, האָט ער גענומענ די פֿאַמיליע, אונטער װעלכער ער פֿלעגט אַרױסטרעטנ, אונ דעריבער איז ער אַרײַנ אינ דער געשיכטע מיט אַ צװײענדיקער פֿאַמיליע: כרוסטאַליאָװ־נאָסאַר. זענענדיק אָט דעמ נאָמענ פֿאַרבונדנ מיט אַלע אַרױסטרעטונגענ פֿונ ראַט, האָט די שװאַרצמײעדיקע פּרעסע געמײנט, אַז דאָס איז דער עמעסער פֿירער פֿונעמ פּעטערבורגער פּראָלעטאַריאַט, אונ האָט געמאַכט כרוסטאַליאָװ־נאָסאַרנ אַ קאָלאָסאַלע רעקלאַמע. אינדערעמעסנ איז עס געװענ

א היציקער און א גענוג מעטושטשעדיקער רעדנער, פאָליטיש עטוואָס מער געבילדעט פון שמידטנ, און האגאמ ער האָט זיכ צום סאָפ פארשריבנ פאָרמעל אינ דער מענשעוויסטישער פראקציע, איז ער אינדערעמעסנ אפילע קיינ מענשעוויק אויכ ניט געוועג.

גאנצ נאטירלעכ, אז בא אזא פאָרזיצער האָבנ די כעסרוינעס פונעמ ראט אויסגעזעג ווי קאָלאָסאלע מײַלעס. „די פאָזיטיווע פאָדערונגענ האָבנ זיכ ניט מיטאמאָל באוויזנ אפ דער ראטנפאָנ", האָט ער שפּעטער געשריבנ וועגנ דעמ ראט.

„דער ראט איז ניט געוועג קיינ פאָליטישע פארטיי, ער איז ניט געוועג קיינ קרײַזל פארשווערער, ווי, אשטייגער, די קארבאָנאריער אָדער העטעריסטנ.

זײַנע מיטגלידער זײַנענ ניט רעקרוטירט געוואָרנ פונ די רייענ פונ פאָליטישע מיינונג־כאווײרימ, וואָס זײַנענ באמ סאמע אָנהײבנ מאסקימ מיט די גרונט־פאָדערונגענ פונ דער פארטיי אָדער „געזעלשאפט".

דער ראט איז געוועג אנ אויסגעווײלטע פּראָלעטארישע אָרגאניזאציע. די פּראָגראמ פונעמ ראט, זײַנ גאנצע טעטיקײט, זײַנ טאקטיק פלעגט באשטימט ווערנ דורכנ באשטאנד פונ די דעפּוטאטנ, דורכ דער ווירקונג און שטימונגנ פונ דער גאנצער ארבעטער־מאסע".*

כרוסטאליאָוו איז גאָר אפנ געדאנק ניט געקומענ, אז די טאקטיק פונ א צײַטווײַליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג, — און דער ראט איז געוועג אנ עמבריאָנ אירער, — דארפ באשטימט ווערנ ניט דורכ דער „שטימונג", נאָר דורכ די אינטערעסנ פונ דער ארבעטער־מאסע און פונ דער רעוואָליוציע, וועלכע די דאָזיקע מאסע האָט געמאכט, און אז ווענ אינ אזא פארזאמלונג זאָל געוועג זײַנ א פארטייריסציפּלינ, וואָלט זי אבסאָליוט ניט פארוואנדלט די פארזאמלונג אינ „קארבאָנאריער" אָדער „העטעריסטנ".** פארנ פּראָלעטאריאט וואָלט ניט שווער געוועג אויסצוקלײַבנ פארטיי־מענטשנ, ווענ ער וואָלט זיי געקענט. די גאנצע מײַסע באשטייט אבער דערינ, וואָס די פארטיי־אָרגאניזאציעס זײַנענ נאָרוואָס ארויס אפ דער אויבערפלאכ, און דער פּראָלעטאריאט האָט ניט געקאָנט קענענ זייערע פירער.

ניט צונויפגעפּאסט אָרגאניזאציאָנעל, ניט „געבונדנ" דורכ א באשטימטער פּאָליטישער ליניע, האָט דער ראט, נאטירלעכ, ניט געקאָנט נעמענ מיטאמאָל אויכ קיינ באשטימטנ קורס. די שטרײַק־ענערגיע האָט געברויזט אינ אימ איבער די ברעגעס, — און עס האָט זיכ גלײַכ ארויסגעוויזנ, ווי אײַליק ס'איז אפּגעשטעלט געוואָרנ דער שטרײַק נאָכנ 17־טנ אָקטיאבער: סאכאקל אינ א וואָכ ארומ האָט זיכ ארויסגעוויזנ פאר מעגלעכ און אפילע פאר נייטיק צו באנײַענ די קריג־אָפּעראציעס. דעמ ציל פארנ קלאפּ האָט דער פּראָלעטאריאט אינסטינקטיוו אָנגעמערקט פּוּלקומריכטיק. נאָכ פאר אָקטיאבער זײַנענ שויג די ארבעטער געגונ נאָענט צוגעגאנגענ צו אנ 8־שאָיקנ ארבעטטאָג (זע ז. 170); דער דאָזיקער לאָזונג איז אפנ ברייטסטנ אויפנ פּאָפּוליאריזירט געוואָרנ דעמ 9־טנ יאנוואר. די באוועגונג איז דאָ אוועקפונקט אזוי סטיכייִש, ווי דער אָקטיאבער־שטרײַק גופע: שוינ דעמ 27־טנ—28־טנ אָקטיאבער (אלטנ סטיל) האָבנ די מעטאליסטנ אפ א רעוואָליוציאָנערנ אויפנ אײַנגעפירט בא זיכ אנ 8־שאָיקנ ארבעט־טאָג (א 9־שאָיקנ האָט שויג די מערהײַט גע-

---

* כרוסטאליאָוו־נאָסאר. „די געשיכטע פונעמ ראט פונ די ארבעטער־רעפּוטאטנ".

** בורזשואזע פארשווערערישע אָרגאניזאציעס אינ אָנהייב XIX יאָרהונדערט.

האט דעראָבערט). דעם אויספירקאָמיטעט פונעם ראט איז בלויז פארבליבנ צו פאנקציאָנירנ די איניציאטיוו פונ די מעטאליסטנ, אונ ער האָט דעם 29-טנ „אָנ דעבאטנ, אָנ באהאנדלונגענ" באשטימט: פונ 31-טנ אָנהייבנ א קאמפ פאר אנ 8-שאָיקנ ארבעט-טאָג אינ אלע פעטערבורגער אונטערנעמונגענ. די באלעבאטימ, וואָס זײַנענ נאָכ געווענ צעטומלט פונעמ ניט לאנג פאָרגעקומענעמ אלגעמײַנעמ שטרײַק, וואָס זײַנענ נאָכ ניט ארויס פונ אונטערנ היפנאָז פונעמ פראָלעטאריאטס גלענצנדיקנ זיג איבער ניקאָלײַענ (דעמ זיג, וועלכנ די בורזשואזיע האָט בעסאָד מיטגעפילט, מיר וועלנ עס באלד זענ), האָבנ זיכ די ערשטע טעג געהאלטנ פאסיוו. באכאקל אָבער אינ דרײַ טעג ארומ איז דער קאמפ איבערגעריסנ געוואָרנ לויט דער איניציאטיוו פונעמ ראט גופע, וואָס האָט דערקלערט א נײַעמ פאָליטישנ שטרײַק.

גראָד ערעוו דעמ אָנהייב פונעמ קאמפ פארנ 8-שאָיקנ ארבעט-טאָג איז דערשטיקט געוואָרנ דער קראָנשטאדטער מאטראָסנ-אופשטאנד. די רעגירונג האָט זיכ געגרייט מישפּעטנ זיי אינ פעלד-געריכט; מע האָט גערעדט וועגנ דער פארשטייענדיקער צעשיסונג פונ 600 מאנ. דער פראָלעטאריאט האָט ניט געקאָנט דערלאָזנ אזא שוידער; די ש ט י מ ו נ ג פונ די ארבעטער האָט, אָנ ספּעק, געפאָדערט, מע זאָל זיכ אָנעמענ פאר די מאטראָסנ, אונ, — וואָס איז נאָכ בעסער, — דער ראט האָט עס אויסגעצייכנט געקאָנט מאָטיווירנ פאָליטיש. „אויב מיר, — האָט גערעדט איינער פונ די דעפוטאטנ, — וועלנ אָפּנעמענ די כאוויירימ-מאטראָסנ בא דער זעלבסטהערשונג אונ וועלנ זיי ראטעווענ פונ טויט, וועלנ מיר דורכ דעמ גופע צוגרייטנ דעמ טויט פונ דער זעלבסטהערשונג גופע. מיט אונדזער פארטיידיקונג דערווערבנ מיר זיכ פרײַנט צווישנ דעמ מיליטער". מיט א באזונדער קלאָרקײַט איז טאקע אינ דעמ דאָזיקנ מאָמענט ארויסגעטראָטנ די ק ל א ס נ - ס אָ ל י ד א ר י ש ק ײַ ט פונעמ פראָלעטאריאט מיט די מאטראָסנ. „א מאטראָס איז פונקט אזא ארבעטער, נאָר אָנגעטאָנ אינ א שינעל", — האָט שפּעטער געזאָגט אָפּנ פּראָצעס פונעמ ראט איינער אנ אָנטיילנעמער אינ דעמ שטרײַק. אלע זאוואָדישע רעזאָליוציעס האָבנ אינ איינ קאָל איבערגעכאזערט: „מיר וועלנ ניט לאָזנ צעשיסנ די מאטראָסנ". אונ אינ די אויגנ פונ די ארבעטער גופע זײַנענ זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסנ אָפּגעטראָטנ אָפּנ צווייטנ פּלאנ לעגאבע דער טראגעדיע, וואָס האָט זיכ געגרייט אינ קראָנשטאדט. „וואָס איז איצט פאראנ צו ריידנ וועגנ עקאָנאָמישע פאָדערונגענ, — האָט מענ גערעדט אָפּנ באלטישנ זאוואָד, ווענ עס האָט זיכ געשטעלט די פראגע, פאר וואָס מע זאָל שטרײַקנ — פאר אנ 8-שאָיקנ ארבעטטאָג אָדער פאר די קראָנשטאדטער, — ווענ מע צעשיסט אזויפיל מענטשנ. מיר דארפנ זיכ אײַנשטעלנ פאר די מאטראָסנ"..

די ארבעטער האָבנ פארשטרײַקט אויסערגעווײנלעכ סאָלידאר. „אינעמ נאָיאבער-שטרײַק איז דעמ ראט ניט אויסגעקומענ אָפּצוגעבנ צײַט אפּ צוציִענ די ניט שטרײַקנדיקע ארבעטער צו דער שטרײַק-באוועגונג. ד י א ר ב ע ט ע ר ה אָ ב נ א ל ע ג ע ש ט ר ײַ ק ט", — דערציילט כרוסטאליאָוו אינ זײַנ געשיכטע פונעמ פעטערבורגער ראט פונ 1905 יאָר. די שטימונג אלס א שטימונג איז געווענ א זיכערע, — אָבער שטרײַקנ פאר צוויי זאכנ מיטאמאָל האָט מענ פונדעסטוועגנ ניט געקאָנט: דער שטרײַק פאר די קראָנשטאטער האָט אָפּגערוקט דעמ שטרײַק פאר אנ 8-שאָיקנ ארבעטטאָג. אינ דעמ פראט, וואָס איז שייעכ די מאטראָסנ, האָט דער שטרײַק געוווּנענ. וויטעס רעגירונג, וואָס האָט זיכ געפרייט, וואָס די ארבעטער „בארויִקנ זיכ", אונ וואָס האָט געלייגט אלע האָפענונגענ אָפּנ קאָנפליקט צווישנ דעמ פראָלעטא־

ריאט מיט די אונטערנעמער(וועגנ דעמ האָט מענ אָפּנ גערעדט אינ מיניסטאָרנ־ראַט דעמ 4-טנ נאָיאַבער אַלטנ סטיל), איז געווענ געפּלעפּט פונעמ נײַעמ פּאָלי־טישנ שטרײַק, וואָס האָט אופגעפלאַקערט אומדערוואַרט פאַר איר. אַפ באַנײַענ דעמ קאָנפליקט איז זי ניט געגאַנגענ — די קראָנשטאַדטער מאַטראָסנ זײַנענ איבער־געגעבנ געוואָרנ אַ געווײנלעכנ געריכט, לויט די געזעצנ פונ פרידנ־צײַט. אָבער דער קאַמפ פאַר אַנ 8-שאָיִקנ אַרבעט-טאָג איז פאַרשפּילט געוואָרנ. די עטלעכע טעג, וואָס די אונטערנעמער האָבנ באַקומענ אינ זייער רעשוס, זײַנענ געווענ איינגאַנצנ גענוג פאַר זיי אַפּ אַרויסגײנ פונ דער פאַרגליווערטקײַט, אָנגעמענ באַשטימטע באַ־שלוסנ אונ זיכ אָרגאַניזירנ. אַ טייל זאַוואָדנ זײַנענ אָג קונצנ פאַרמאַכט געוואָרנ—„ביז די אַרבעטער וועלנ זיכ ניט שטעלנ אַרבעטנ אַפּ די אַלטע באַדינגונגענ“; אַפּ אַנדערע איז אויסגעהאַנגענ געוואָרנ אַ מעלדונג, וועלכע האָט געדראָט מיט אָפּזאָגנ פונ דער אַרבעט אינ פאַל פונ ווײַטערדיקנ אָנווענדנ אַפּ אַ רעוואָלוי־ציאָנערנ אויפנ דעמ 8-שאָיִקנ אַרבעט=טאָג.

די דערוואַרטונגענ פונ וויטעס רעגירונג, אַז דער עקאָנאָמישער קאַמפּ וועט אַרויספירנ די בורזשואַזיע פונ איר צושטאַנד פונ גינציקער נייטראַליטעט בענעגײַע דער רעוואָליוציע אונ וועט זי אויסקערעווענ קעגנ די אַרבעטער, האָבנ זיכ פול־שטענדיק באַרעכטיקט. „אינעמ אָקטיאַבער-שטרײַק האָבנ די קאַפּיטאַליסטנ ניט נאָר ניט געשטערט די אַרבעטער=מיטינגענ אינ די פאַבריקנ אונ זאַוואָדנ, — זיי האָבנ אַפילע אויסגעצאָלט דער מערהײַט אַרבעטער אַ העלפט פונעמ אַרבעטלוינ פאַר די שטרײַק-טעג, אונ אינ אייניקע אונטערנעמונגענ האָט מענ אויסגעצאָלט דעמ גאַנ־צנ אַרבעטלוינ. פאַרנ שטרײַק האָט מענ קיינעמ ניט אָפּגעזאָגט. אַפּנ פּוטילאָווער זאַוואָד אונ אַפּ אַנדערע זאַוואָדנ פלעגט די פאַבריק-אַדמיניסטראַציע אויסצאָלנ די דעפּוטאַטנ פונעמ ראַט דעמ גאַנצנ אַרבעטלוינ פאַר די טעג, ווענ זיי פלעגנ זײַנ פאַרנומענ אַפּ די זיצונגענ פונעמ ראַט. די אַדמיניסטראַציע פונעמ אָבוכאָווער זאַ־וואָד פלעגט מיט גרייטקײַט געבנ די דעפּוטאַטנ פונעמ ראַט דעמ זאַוואָדישנ דאַמ־פער צו פאָרנ אינ שטאָט אַרײַנ“.

„דער ערשטער שטרײַק“, — האָט געשריבנ „פּראַוואָ“, — וועט פאַרבלײַבנ אַ העל בלעטל אינ דער געשיכטע פונ דער באַפרײַונג-באַוועגונג, אַ דענקמאָל פונעמ גרויסנ פאַרדינסט פונעמ אַרבעטער-קלאַס אינ דער זאַכ פונ קאַמפּ פאַר דער פּאָלי־טישער אונ סאָציאַלער אַנטשקלאַפונג פונעמ פאָלק“.*

איצט איז דאָס אַלצ צעווייט געוואָרנ, ווי רויכ. „דער אַרבעטער — אָט דאָס איז דער סוינע“ — איז געוואָרנ דער לאָזונג פונ די אונטערנעמער. פּעטערבורג האָט דערזענ פאַר זיכ אַ ווילדנ ל אָ ק אַ ו ט: העכער 700 טויזנט אַרבעטער זײַנענ אַרויסגעוואָרפנ געוואָרנ אַפּ דער גאַס. אינ די זאַוואָדנ האָט זיכ אָנגעהויבנ פאַר־שפּרייטנ אַ פּאַניק=שטימונג. די אַרבעטער האָבנ מאַסנווײַז אונטערגעשריבנ, אַז זיי זײַנענ מאַסכים צו אַרבעטנ אַפּ די פריערדיקע באַדינגונגענ, — זיי האָבנ אונטער־געשריבנ זייער פולשטענדיקע קאַפּיטוליאַציע פאַר די באַלעבאַטים. אונ אָט די דאָ־זיקע אַלגעמיינע מאַפּאָלע איז זייער ווייניק קאָמפּענסירט געוואָרנ מיט יענע טייל־ווײַזע דערפאָלגנ, וואָס אויכ דער דאָזיקער שטרײַק האָט פונדעסטוועגנ געהאַט: אינ אַ רייִ אונטערנעמונגענ איז דער אַרבעט-טאָג פונדעסטוועגנ קלענער געוואָרנ אַפּ אַ

---

* כרוסטאַליאָוו-נאָסאַרס ציטירטע אַרבעט, ז. 127 אונ 160. „פּראַוואָ“ איז געווענ אַ בורזשואַזער זשורנאַל, אינ יענע צײַטנ דער הויפּט-אָרגאַנ פונ די צוקינפטיקע קאַדעטנ.

האלבע שאָ, אפ א שאָ. אונטערנעריסנ דעמ שטרײק האָבנ דעריקער די מיטעלע לײט זײער גרויס אונטערנעמונגענ, ווו פאַר די אונטערנעמער איז עקאָנאָמיש אומעגלעכ געווענ אריבערצוגײנ צו אנ 8-שאָיקנ ארבעט-טאָג אונ ניט רוינירט ווערנ. דאָ האָט זיכ אינ איבעריק מאָל באשטעטיקט, אז די רעוואָליוציע האָבנ געפירט די זאוואָדנ-גיגאנטנ, ווו עס האָט זיכ טאקע אָנגעהויבנ דער קאמפ פאַר אנ 8-שאָיקנ ארבעט-טאָג. אָבער אויכ אפ די זאוואָדנ-גיגאנטנ איז דער מאָמענט געווענ ניט קײנ באקוועמער פאַר די ארבעטער: די מילכאָמע האָט זיכ געענדיקט, די מעטאלורגישע אונטערנעמונגענ האָבנ ניט געהאט קײנ דרינגענדיקע באשטעלונגענ אונ האָבנ גרינג געקאָנט אײנגײנ אפילע אפ א גאנצ דויערדיקנ איבערײַס אינ דער פראָדוקציע.

אָבער, אויסער עקאָנאָמישע באדינגונגענ, האָבנ נאָכ שטארקער געווירקט די דירעקט פאָליטישע באדינגונגענ, אונ די ערשטע פונ זײ איז געווענ די איזאָלירטקײט פונ פעטערבורג. די ארבעטער האָבנ ריכטיק אָנגעוויזנ, אז דעמ נאָיאבער-שטרײק האָט אפילע מאָסקווע ניט אונטערשטיצט. מיר האָבנ שוינ געזאָגט, אז די פארטײ איז אָרגאניזאציאָנעל נאָכ ניט געווענ בעקויעכ ארומצוכאפנ די באוועגונג; איצט קומט אויס צוצוגעבנ, אז אויכ די באוועגונג אלײנ האָט זיכ צעצויגנ, ווי עס ציט זיכ אויס א פערד באמ גײענ. דער פעטערבורגער פראָלעטאריאט איז געגאנגענ ווײט פאָרויס דער פראָווינצ, דער פראָלעטאריאט בכלל — ווײט פאָרויס דעמ פויערטומ. דאָס איז געווענ דער הויפט-פליוס פאַר דער זעלבסטהערשונג אינ דעמ קאָלאסאלנ קאמפ, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ. מע דארפ ניט פארגעסנ, אז די האנאָכע פונעמ 17-טנ אָקטיאבער האָט ארויסגערופנ דער אלרוסלענדישער שטרײק, אונ אז אנ אלרוסלענדישנ שטרײק האָט זיכ מער ניט אײנגעגעבנ איבערצוכאזערנ. מיט דער באוועגונג אינ באזונדערע שטעט, אפילע אינ זײער גרויסע, ווי פעטערבורג, איז די זעלבסטהערשונג געווענ בעקויעכ זיכ צו ספראווענ, אפ וויפל בא איר אינ די הענט איז פארבליבנ די באוואָפנטע קראפט, אונ די באוואָפנטע קראפט אינ פעטערבורג איז געווענ די סאמע זיכערע פאַר דער זעלבסטהערשונג, אפ וויפל דאָס איז געווענ די צא־ישע גווארדיע. דאָס איז ערשטנס; אונ צווײטנס, האָט זיכ די באוואָפנטע קראפט אומעטומ אָריענטירט ניט אפ די ארבעטער, נאָר אפנ פויערטומ. דאָס האָבנ אגעוו אויסגעצײכנט פארשטאנענ די ארבעטער אלײנ. „אלצ אָפטער, אלצ אקשאָנעסדיקער, — זאָגט אינ זײנע זיכרוינעס אײנער פונ די אָנטײלנעמער אינ דער באוועגונג, — האָט זיכ דער געדאנק בא די ארבעטער אומגעקערט צו דער פראגע וועגנ פויערטומ. אז די פויערימ וועלנ מיר נאָרנישט ניט אופטאָנ, — פלעגנ זאָגנ די ארבעטער, — די גאנצע קראפט איז בא זײ. אונדז וועלנ די סאָלדאטנ ניט גלײבנ; אָט ווענ די פויערימ וועלנ מיט זײ אָנהײבנ רײדנ, דאנ וועט עס אוועק גאָר אנדערש".

קעדײ די פעטערבורגער באוועגונג זאָל ווירקלעכ ווערנ דער אוואנגארד פונ דער אלרוסלענדישער באוועגונג, האָט מענ, הײסט עס, געמוזט האָבנ פארבינדונגענ אינ צווײ ריכטונגענ, — ערשטנס, מיט אנדערע שטעט, צווײטנס, מיטנ דאָרפ. אינ דעמ האָט דער פעטערבורגער באוועגונג געדראָט אנ אומפארמײדלעכער אונ נאָענטער סאָפ. דערמיט, אפ וויפל ענערגיש עס ווערנ אײנגעשטעלט די דאָזיקע פארבינדונגענ, איז געמאָסטנ געוואָרנ די פאָליטישע געניטקײט פונ די פירער פונעמ פעטערבורגער ראט אונ די אָרגאניזאציאָנעלע רײפקײט פונעמ ראט גופע.

פונקט ווי אינעמ קאמפ פאַר אנ 8-שאָיקנ ארבעט-טאָג, אזוי אויכ אינ פראט פינ אײנשטעלנ די דאָזיקע פארבינדונגענ טאָר מענ, פארשטײט זיכ, ניט רײדנ

וועגנ א פולשטענדיקנ דורכפאל. עפעס וואס האָט מענ יאָ אופגעטאָנ. דער פויערים-פארבאנד, וואס די עסערנ האָבנ געגרינדעט, איז אינ זײַנ אויבערשיכט זייער נאָענט צוגעצויגנ געוואָרנ צומ פעטערבורגער ראט, אונ דער „פינאנצ-מאניפעסט", אשטייגער, וועגנ וועלכנ עס וועט אויסקומענ ווײַטער צו ריידנ, איז געווענ א געמיינזאמע ארויסטרעטונג, דערבײַ איז די ראָליע פונעמ פויערשנ פארבאנד נעווענ, אייגנטלעכ, אפילע אקטיווער. צומ באדויערנ, איז דער פארבאנד אליינ געווענ א גאנצ קנאפע רעוואָליוציאָנערע אָרגאניזאציע, ווײַל ער האָט פאָרגעשטעלט דעריקער דעמ פארמעגלעכנ אויבערשיכט פונ דאָרפ אונ די עסערישע אינטעליגענצ.

צו דעמ עכטנ „פויער" האָט זיכ דעמ ראט ניט אײַנגעגעבנ צו דערקלײַבנ זיכ, אונ מע זעט אפילע ניט קיינ סיסטעמאטישע פרווונ אויסצונוצנ די אויסערגעוויינלעכע ברייטע אגראר-באוועגונג טאקע אינ די טעג, ווענ עס האָט עקזיסטירט דער פעטערבורגער ראט (1590 ארויסטרעטונגענ פאר אָקטיאבער—דעקאבער 1905 יאָר לעגאבע 474 אינ פריִערדיקנ פעריִאָד, יול—סענטיאבער). די קאמפאניע צו אָרגאניזירנ ראטנ אינ דער פראָווינצ האָט זיכ באגרענעצט מיט שיקנ עטלעכע באזונדערע עמיסארנ, אונ האגאמ די פעטערבורגער גופע (אונ די עמיסארנ גופע) האָבנ צוגעגעבנ א קאָלאָסאלע באדײַטונג דער טעטיקײַט פונ די דאָזיקע עמיסארנ, איז אָבער קיינ ספאָעק ניט, אז דער מאָסקווער ראט, אשטייגער, איז אנטשטאנענ ניט „לויטנ מוסטער פונעמ פעטערבורגער", נאָר אבסאָליוט זעלבשטענדיק, טיילווײַז לויט אנ אנדער טיפ אונ מיט אנדערע אופגאבעס. אינ סאכאקל האָט זיכ די נאָיאבער-באוועגונג פארענדיקט מיט א דורכפאל. דער „שטרײַקיזמ" איז געווענ אינ א העכ: דער לאָקאוט איז געווענ א קלאָרער באווײַז, אז מיט א שטרײַק קאָנ מענ זיכ שוינ מער גאָרנישט ניט דערשלאָגנ. „אפילע לײַדנשאפטלעכע אָנהענגער פונ אנ אלגעמיינעמ פאָליטישנ שטרײַק, אלס אנ אוניווערסאלנ קאמפ-מיטל פאר מאכט, האָבנ צוגעשריבנ צו זייער פאָרמולע דעמ „באוואָפנטנ אופשטאנד". קעגנ דער קראפט איז געווענ נאָר איינ מיטל — קראפט".

„מע מוז גלײַכ איבערגיינ צו דער שלאכט-אָרגאניזירונג פונ אונדזערע פאבריקנ אונ צו זייער באוואָפענונג. אָרגאניזירט אינ יעדנ זאוואָד צענדליקער מיט אויסגעקליבענע קאָמאנדירנ, מייעס מיט קאָמאנדירנ, אונ שטעלט א העכערנ קאָמאנדיר איבער די דאָזיקע מייעס. דערפירט די דיסציפלינ פונ די דאָזיקע אָרגאניזאציעס צו אזא הויכער מאדרייגע, אז זיי זאָלנ קאָנענ ארויסטרעטנ אינ יעדנ געגעבענעמ מאָמענט לויטנ ערשטנ רופ. געדענקט, אז בא אנ אנטשיידנדיקער ארויסטרעטונג דארפנ מיר אויסרעכענענ נאָר אפ זיכ: די ליבעראלע בורזשואזיע הייבט שוינ אָנ מיט אומצוטרוי אונ אפילע פײַנטלעכ באציִענ זיכ צו אונדז. די דעמאָקראטישע אינטעליגענצ וואקלט זיכ. דער פארבאנדנ-פארבאנד, וועלכער איז אזוי גערנ צוגעשטאנענ צו אונדז אינעמ ערשטנ שטרײַק, פילט באדײַטנדיק ווייניקער מיט דעמ צווייטנ". אָבער דער, וואָס האָט אזוי גערעדט, — כרוסטאליאָוו-נאָסאר גופע — האָט פארגעסנ, אז פאר א באוואָפנטנ אופשטאנד פאָדערט זיכ א גרעסערער אופשטײַג, איידער פאר א שטרײַק. אונ נאָכ דעמ ניט-געלונגענעמ קאמפ פאר אנ 8-שאָיִקנ ארבעטסטאָג איז געפאלנ אפילע די שטרײַק-שטימונג. דערבײַ האָט דער מיטגעפיל אָדער ניט-מיטגעפיל פונ דער „ליבעראלער בורזשואזיע" אונ פונ דער אינטעליגענצ ניט געשפילט דאָ קיינ גרויסע ראָליע. די ערשטע האָט מוירע געהאט פארנ פראָלעטאריאט, די צווייטע האָט זיכ געדריקט צומ פראָלעטאריאט, קאָלזמאנ ער איז געווענ שטארק. דער באווײַז

פונ זײנ שוואכקײט האָט געמוזט אופמונטערנ די ערשטע אונ אָפשטויסנ די צווייטע.*

פונ דער צווייטער העלפט נאָיאבער (אלטנ סטיל) האָט דער פעטערבורגער ראט „געגויסעסט”, ווי מע זאָגט עס. בא אים האָט געקלעקט קויכעס נאָכ אפ אײנ שיינעמ זשעסט. דעמ 23-טנ נאָיאבער איז אינ די פעטערבורגער צײטונגענ, ניט אויסגעשלאָסנ אויכ די בורזשואזע, אָפגעדרוקט געווענ: „דער אויספיר־קאָמיטעט פונעמ ראט פונ די ארבעטער-דעפוטאטנ האָט אפ דער זיצונג פונ 22=טנ נאָיאבער אנערקענט פאר נייטיק, אז דער ארבעטער־קלאס אונ אלע אָרעמע שיכטנ פונ דער באפעלקערונג זאָלנ צוליבנ אָנקומענדיקנ באנקראָט ארויסנעמענ זייערע דעפּאָזיטנ פונ די שפּאָר־קאסעס אונ זאָלנ פאָדערנ, אז אלע צאָלונגענ, דערונטער אויכ דער ארבעטלוינ, זאָל געמאכט ווערנ מיט מעטאל-מאטבייעס”. די „רעגירונג-מיטיילונג” האָט גלײכ אנערקענט, אז די באשטימונג פונעמ ראט איז „ניט פארבליבנ אָנ א ווירקונג אפ די דעפּאָנענטנ פונ די שפּאָר-קאסעס, אונ דאָס האָט זיכ אויסגעדריקט אינ א פארשטארקטער פאָדערונג פונ די דעפּאָזיטנ”. אינ ד ע ק א ב ע ר האָט מענ פונ די פעטערבורגער שפּאָר-קאסעס אויסגעצאָלט אפ העכער 4 מיליאָנ רובל גאָלד מער, ווי עס איז אינ זיי ארײנגעקומענ. אינ גאנצ רוסלאנד האָט די דאָזיקע איבערוואָג פונ א ר ו י ס נ ע מ ע נ די דעפּאָזיטנ איבערנ א ר ײ נ ט ר א ָ ג נ דערגרייכט ביז 85 מיליאָנ גאָלד־רובל. דאָס איז געווענ שיר ניט דער פילבארסטער קלאפ, וועלכנ דעמ פעטערבורגער פראָלעטאריאט האָט זיכ אײנגעגעבנ צו דערלאנגענ דער זעלבסט-הערשונג נאָכנ 17־טנ אָקטיאבער.

פארשטייט זיכ, אז ארויסגענומענ האָט מענ ניט אויסשליסלעכ אונטער דער ווירקונג פונ דער באשטימונג פונעמ ראט — אפילע אינ פעטערבורג: די הויפט־דעפּאָנענטנ פונ די שפּאָר=קאסעס זײנענ געווענ, פארשטייט זיכ, ניט דער פראָלע-טאריאט אונ די קרויוויִשע צו אים שיכטנ פונ דער באפעלקערונג, — דאָס איז געווענ דאָס קלייגבירגערטומ, וואָס איז טײלווײז געווענ געשטימט שווארצמיי־עדיק. מע פלעגט ארויסנעמענ פאשעט דערפאר, ווײל אינ די דאָזיקע „מעהומע”=טעג פארנ קלײנבירגערטומ האָט מענ געוואָלט האָבנ דאָס געלט „בא זיכ”. אגיטא-ציאָנעל איז עס אָבער געווענ זייער א געלונגענער שריט צו פארדעקנ די דאָזיקע באוועגונג מיטנ אויטאָריטעט פונעמ ראט אונ צו צווינגענ די רעגירונג גופע צו אנערקענענ, אז די אגיטאציע פונעמ ראט האָט א ווירקונג ווײט אויסער די גרע-נעצנ פונ די ארבעטער=קרײזנ.

אפ א פאָנ פונ א פּאָליטישנ צ ו פ ל ו ס וואָלט עס געקאָנט שטארק פארגרע־סערנ דעמ אויטאָריטעט פונעמ ראט אונ די פאניק בא דער רעגירונג. איצט איז שוינ אָבער געגאנגענ דער אָ פ פ ל ו ס, די זעלבסטהערשונג האָט שוינ אָנגעהויבנ ארויסגײנ פונעמ פאניק-צושטאנד, — א דרייסטער אונ טרעפלעכער קלאפ, אָבער ניט קײנ טויט=קלאפ, האָט איר בלויז געקאָנט דערמאָנענ, אז עס איז שוינ צײט „צו מאכנ א סאָפ” מיטנ ראט. דאָס, וואָס די אָנפירער פונעמ ראט האָבנ, ענדלעכ, אָנגעהויבנ באשײמפערלעכ אריבערגײנ צו א ריכטיקער טאקטיק פונ א

---

* עס קאָנ זיכ אויסווײזנ, אז דאָס שטייט אינ ווידערשפּרוכ מיט דער אופירונג פונ דער „דע-מאָקראטישער אינטעליגענצ” אינ אָקטיאבער 1917 יאָר, ווענ זי האָט אפנ זיג פונעמ פראָלעטאריאט געענטפערט מיט א „מוטיקנ סאבאָטאזש”. מע דארפ אָבער ניט פארגעסנ, אז אינ אָקטיאבער האָט די אינטעליגענצ ט א ק ע ניט געגלייבט אינ דער קראפט פונעמ פראָלעטאריאט; אנ אקסיאָמע זײַ-נענ געווענ די בארימטע „צוויי וואָכנ”...

באוואָפנטן אופשטאנד, האָט נאָך מער געצווּנגען זיך צו אײַלן. טאַקע דערמיט האָט די פּעטערבורגער אָכראַנקע מאָטיווירט די נויטווענדיקײַט צו „ליקווידירן דעם ראַט" נאָך אין אָנהייב נאָיאַבער. קעדיי צו דערשטיקן די אַרבעטער-רעוואָליוציע, וואָס האָט נאָך אַלץ געבושעוועט איבער גאַנץ רוסלאַנד, — גראָד אין דעקאַבער האָט זי דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט אינעם מאָסקווער באַוואָפנטן אופשטאַנד, — האָט זיך וויטעס רעגירונג געמוזט שטעלן מיט אַ פעסטן פוס אין פּעטערבורג. און דאָס האָט זיך אויסגעוויזן גרינגער, ווי ערגעץ ווו אַנדערש, דעם 26-טן נאָיאַבער איז אַרעסטירט געוואָרן כרוסטאַליאָוו-נאָסאַר. אָרגאַניזאַציאָנעל איז עס ניט געווען קיין גרויסער קלאַפּ — כרוסטאַליאָווס אָרט האָט פאַרנומען „יאַנאָווסקי" (טראָצקיס דעמאָלטיקער פּסעוודאָנים). אָפן אַרעסט פון זײַער פּאָרזיצער האָבן די פּעטערבורגער אַרבעטער געענטפערט שיר ניט מיט אַ „מיטגעפיל-אויסדרוק". דער באַלטישער זאַוואָד האָט באַשטימט: „...וועגן דעם אַרעסטירטן פּאָרזיצער כ' כרוסטאַליאָוו האָבן די אַרבעטער פון דעם באַלטישן זאַוואָד געמאָלדן, אַז זיי זײַנען גרייט אַפילע אַף אַ שטרייק (!), אויב דאָס וועט באַשליסן דער אַלשטאָטישער ראַט פון די אַרבעטער-דעפּוטאַטן"...

עס איז גענוג צו פאַרגלײַכן דעם אָנהייב נאָיאַבער, ווען פּעטערבורג האָט זיך געשטעלט, ווי איין מענטש, צו פאַרטיידיקן די קראָנשטאַדטער מאַטראָסן, מיט דעם דאָזיקן האַלבן צוזאָג „אַפילע" צו פאַרשטרײַקן (און דאָס אויך אונטער דער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פונעם ראַט), קעדיי צו פאַרטיידיקן דעם אייגענעם פּאָרזיצער, קעדיי אָפּצושאַצן, ווי ווײַט עס זײַנען שוין געווען אָפּגעגאַנגען די כוואַליעס פון דער רעוואָליוציע, און ווי נאָענט צום זיג עס איז געווען די זעלבסטהערשונג אין פּעטערבורג.

דער ראַט האָט זיך אַלײן אויך געגרייט צו זײַן סאָף. דעם 2-טן דעקאַבער האָט ער אַרויסגעלאָזט דעם באַרימטן „מאַניפעסט", וואָס איז געווען אַ מין צוואָוואָע זײַנע. אָנגעהויבן האָט ער זיך מיט די ווערטער: „די רעגירונג שטייט אַפן ראַנד פון באַנקראָט" — און פאַרענדיקט האָט ער זיך מיטן איבערכאַזערן די באַשטימונג פון 22-טן נאָיאַבער וועגן פאָדערן די דעפּאָזיטן פון די שפּאָר-קאַסעס, דערגאַנצנדיק אים מיט אַ „באַשלוס" אין נאָמען פונעם פּראָלעטאַריאַט „ניט צו דערלאָזן, מע זאָל צאָלן די כובות פאַר די אַלע הלוואות, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט געהאַט געשלאָסן, ווען זי האָט בעפיירעש און אָפן געפירט אַ מילכאָמע קעגן דעם גאַנצן פאָלק".

כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס צו אַ באַוואָפנטן אופשטאַנד, וועגן וועלכן דער ראַט האָט נאָך גערעדט אין זײַן מעלדונג וועגן כרוסטאַליאָוו-נאָסאַרס אַרעסט, האָט דער מאַניפעסט ניט גערופן. די רעוואָליוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן אוועקגעשטעלט זייערע פולע אונטערשריפטן אונטערן מאַניפעסט, איז דאָס אויסגעקומען צו טאָג באַזונדער אין עטלעכע טעג אַרום נאָך דעם. אין דער אומפּאַרטיייִשער פאַרזאַמלונג, וואָס אַזאַ איז פאַרבליבן דער ראַט, איז שוין ניט געווען קיין געהעריקע „שטימונג".

אַפן מאָרגן, דעם 3-טן דעקאַבער, איז דער ראַט אַרעסטירט געוואָרן. „אַרעסטירט האָב איך אים, — האָט שפּעטער געזאָגט מיט טריומף וויטע, — אָן שום אינצידענטן און ניט פאַרגיסנדיק קיין איין טראָפּן בלוט".

נאָך דעם אַלעם, וואָס מיר האָבן דערציילט, וועט זיך דער לייענער ניט וווּנדערן, ווען ער וועט זיך דערוויסן, אַז אַפן אַרעסט שוין ניט בלויז פונעם פּאָרזי-

צער, נאָר פונ זײַנ גאנצער פאַרשטייערשאַפט,* האָט דער פעטערבורגער פראָלע־טאַריאַט געענטפערט ווײַט ניט מיט קיינ סאָלידאַרנ שטרײַק. שוינ פונ סאַמע אָנהייב אָנ איז די ציפער פונ די פאַרשטרײַקטע ווײַט אָפּגעשטאַנענ פונעמ נאָ־יאַבער־שטרײַק: 84 טויזנט לעגאַבע 105 טויזנט אינ נאָיאַבער. אַבער אויכ אָט די ציפער האָט זיכ אָנגעהויבנ פאַלנ: דעמ 12־טנ האָבנ שוינ געשטרײַקט סאַכאַקל 60 טויזנט, דעמ 17־טנ — שוינ ווייניקער פונ 20 טויזנט. אונ דאָס איז ניט גע־קומט אַפּנ אויפשטאַנד, וועלכער האָט געבושעוועט אינ מאָסקווע. די ניקאָלײַעווער אײַזנבאַנ־ליניע האָט געאַרבעט, פונקט ווי עס וואָלט גאָרניט געטראָפנ, — אונ דאָס האָט שטאַרק מיטגעהאָלפנ דער רעגירונג צו דערשטיקנ די מאָסקווער אַרבע־טער. אָרגאַניזירנ א נײַעמ באַשטאַנד פונעמ ראַט, אַפּנ אָרט פונעמ אַרעסטירטנ, האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ. דער „פּלענומ פונעמ צווייטנ ראַט האָט, דוכט זיכ, טאַ־קע קיינ איינ מאָל זיכ ניט צונויפגעקליבנ", — דערציילט אינ זײַנע זיכרוינעס איינער זײַנער א מיטגליד.

„די רעוואָלוציע (אינ פעטערבורג) האָט באַשײַמפּערלעכ געהאַלטנ אינ פאַלנ".

דער דאָזיקער פאַקט איז שוינ פונ לאַנג אָנערקענט — אונ פונ לאַנג גיט מענ אימ א דערקלערונג, וועלכע איז געוואָרנ א מינ קלאַסישע: דער פעטערבורגער פראָלעטאַריאַט איז „אויסגעצערט" געוואָרנ פאַר דער צײַט פונ די אָקטיאַבערי־שע אונ נאָיאַבערישע שטרײַקנ אונ איז שוינ מער ניט פעיִק געווענ אַפּ אַנ ערנ־סטער רעוואָלוציאָנערער אָנשטרענגונג.

אַזוי ווי מיר ווילנ „ניט וויינענ אונ ניט לאַכנ, נאָר פאַרשטיינ", מוז מענ זיכ אָפּשטעלנ אַפּ דער דאָזיקער פראַגע.

וואָס באַטײַט די „אויסצערונג" פונעמ פראָלעטאַריאַט אינ א שטרײַק־קאַמפּ? אינ די מערעוו־אייראָפּעיִשע באַדינגונגענ באַטײַט עס אָט וואָס: יעדע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע האָט איר „קאַמפּ־קאַסע", איר שטרײַק־קאַסע, פונ וועלכער עס ווערט אונטערגעהאַלטנ די עקזיסטענצ פונ די אַרבעטלאָזע בײַמ דעמ שטרײַק. די אויסליי־דיקונג פונ דער דאָזיקער קאַסע פאַרמישפּעט די פאַרשטרײַקטע אונ זייערע פאַמי־ליעס אַפּ הונגער, — אונ דאָס מיינט מענ טאַקע די „אויסצערונג פונ די אַרבעטער דורכ א לאַנגדויערנדיקנ שטרײַק", וואָס עס צווינגט זיי צו קאַפּיטולירנ.

צי האָבנ די רוסישע אַרבעטער געהאַט אַזעלכע „קאַמפּ־קאַסעס" אינ 1905 יאָר? די כאַווײרימ, וועלכע געדענקענ יענע צײַט, וועלנ, מיסטאָמע, א שמייכל טאָנ, ווענ זיי וועלנ איבערלייענענ די דאָזיקע פראַגע. מיט קיינע שומ „קאַמפּ־קא־סעס" האָט בײַ אונדז אַפילע ניט געשמעקט. אַלס אַנ עמבריאָנ זייערער קאָנ זיכ רעכענענ די „קאָמיסיע וועגנ אַרבעטלאָזע", וואָס האָט זיכ אויסגעבילדעט גראָד באַמ פעטערבורגער ראַט. עס זײַנענ ניטאָ קיינע שומ אָנווײַזונגענ, אַז די יערידע פונ דער באַוועגונג פונעמ פעטערבורגער פראָלעטאַריאַט צומ סאָפּ 1905 יאָר זאָל שטיינ אינ אַוועלכער־ניט־איז פאַרבינדונג דערמיט, וואָס די מיטלענ פונ דע־דאָזיקער קאָמיסיע האָבנ זיכ אויסגעשעפּט — מיטלענ, אַגעוו, אַזעלכע נישטיקע, אַז זיי האָבנ ניט געקאָנט האָבנ קיינ ערנסטע באַדײַטונג.

הייסט עס, אַז די דערקלערונג דאַרפּ מענ זוכנ אינעמ צושטאַנד פונ די אינ־דיווידועלע מיטלענ בײַ איינצלנע אַרבעטער. צי איז דאָ ווירקלעכ געווענ אַזא

* דער ראַט איז באַשטאַנענ פונ 562 דעפּוטאַטנ, וועלכע האָבנ פאָרגעשטעלט 147 פאַבריקנ אונ זאַוואָדנ, 34 וואַרשטאַטנ אונ 16 פּראָפעסיאָנעלע פאַרייננ. אַרעסטירט איז, אייגנטלעכ, געוואָרנ דער אויספיר־קאָמיטעט.

קאָלאָסאלע אויסגעצערעכנט, אז דערמיט קאָנ מענ דערקלערנ די פארצווייפלונג אונ דאָס אָפּשטעלנ דעמ קאמפ?

אָט זײַנע אָנגאבנ וועגנ די פארדינסטנ פונ א פעטערבורגער מעטאליסט, גענומענ פונ די ארכיוונ פונ פוטילאָווער זאוואָד.

פאר א ק ט א ב ע ר (לויטנ אלטנ סטיל, פארשטייט זיכ) אינ 1905 יאָר האָט יעדער פוטילאָווער ארבעטער באקומענ דורכשניטלעכ 44 רובל מיט 81 קאָפ. לעגאבע 45 רובל מיט 44 קאָפ. (גאָלד) פארנ געהעריקנ כוידעש פונ 1904 יאָר. פאר נ אָ י א ב ע ר 44 רובל מיט 56 קאָפ. לעגאבע 47 רובל מיט 65 קאָפ. אינ 1904 יאָר. אונ בלויז פאר ד ע ק א ב ע ר געפינענ מיר א קאָלאָסאלנ אונטערשייד— 28 רובל 84 קאָפ. לעגאבע 42 רובל 04 קאָפ. פאר דעקאבער 1904 יאָר.

דער אמערסטנ אויסצערנדיקער פארנ פעטערבורגער מעטאליסט איז געווענ ענער דעקאבער־שטרייק, אינ וועלכנ דער פעטערבורגער פראָלעטאריאט האָט זיכ אזוי ניט סאָלידאר באטייליקט „איבער דער אויסצערונג". די „אויסצערונג" אָבער פונ די פריערדיקע כאדאָשימ, די זעלביקע, וועלכע האָט קלוימערשט געשטערט דעמ פעטערבורגער פראָלעטאריאט ארויסצוטרעטנ אינ דעקאבער, איז געווענ אזא נישטיקע, אז עס וואָלט געווענ א באליידיקונג פאר דעמ דאָזיקנ פראָלעטאריאט צוצוגעבנ איר אוועלכע-ניט-איז באדייטונג. דער רוסישער ארבעטער האָט נאָכ ניט געהאלטנ באמ פארקויפנ זײַנ פרײַהייט פאר 3—4 רובל א כוידעש.

די יאָרנ 1918—1919 האָבנ אונדז באוויזנ, אפ וועלכע ליידנ עס קאָנ גיינ דער פראָלעטאריאט, ווענ ער קעמפט מיט האָפענונג אפ דערפאָלג פאר א זאכ, וואָס גייט אימ אינ לעבנ. אינ ד ע ק א ב ע ר 1905 יאָר איז אינ פעטערבורג טאקע נ י ט ג ע ו ו ע נ די ד אָ ז י ק ע ה אָ פ ע נ ו נ ג א פ א ד ע ר פ אָ ל ג. די אויסצערונג איז געווענ ניט קיינ מאטעריעלע, נאָר א פ אָ ל י ט י ש ע. דער פראָלעטאריאט איז מיד געוואָרנ צו קעמפנ, פונקט ווי עס ווערט גרינג אונ גיכ אײַנגעמאטערט א מענטש, בא וועלכנ די ארבעט קלעפט זיכ ניט. די ארויסטרעטונגענ פונ די פע-טערבורגער ארבעטער נאָכנ 17-טנ אָקטיאבער האָבנ זיכ געענדיקט מיט א דורכ-פאל, אונ דאָס האָט, נאטירלעכ, ארויסגערופנ אנטוישונג אינ די אמווייניקסטנ שטאנדהאפטיקע שיכטנ. צי לוינט נאָר ביכלאל ארויסצוטרעטנ, וויבאלד דאָס זאָגנ גאָרנישט גיט צו, אכוץ בײַלנ?

אינ וואָס זשע איז באשטאנענ די סיבע פונעמ דורכפאל פונ דער פעטערבור-גער באוועגונג? א פולשטענדיק אויסשעפנדיקנ ענטפער האָט דעמולט דערויפ גע-געבנ צוערשט לענינ, נאָכ אינ יאנואר 1906 יאָר, אפנ פרישנ קייווער פונעמ פע-טערבורגער ראט, אונ דערנאָכ די פראקציע באָלשעוויקעס אינעמ פראָיעקט פונ דער רעזאָלוציע, וואָס איז פאָרגעלייגט געוואָרנ דעמ IV פארטיי־צוזאמענפאָר (שטאָק-האָלמער, אינ אפרעל 1906 י.). קריטיקירנדיק דעמ פראָיעקט פונ די מענשעוויקעס אויסצונוצנ די וואלנ אינ דער מעלוכישער דומע, קעדיי אינ געשטאלט פונ דער פארזאמלונג פונ די וואלמענער* אונ פונ די באפולמעכטיקטע פונ די ארבעטער-קוריעס אויפצולעבנ די ראטנ פונ די ארבעטער-דעפוטאטנ, האָט לענינ געשריבנ, אז „ראטנ, וואָס פאלנ אונ ווערנ צעפאלנ", קאָנ מענ אויפלעבנ ניט מיט קיינ נײַע

* די וואלנ אינ דער מעלוכישער דומע אינ צארישנ רוסלאנד זײַנענ געווענ צ ו ו י י ־ ש ט ו פ י ק ע: די וויילער פלעגנ וויילנ ניט דירעקט ד ע פ ו ט א ט נ, נאָר ו ו א ל מ ע נ ע ר, אונ ערשט די וואלמענער פלעגנ שוינ וויילנ דעפוטאטנ. די ארבעטער־וויילער זײַנענ געווענ אויסגעטיילט אינ א באזונדערער גרופע (קוריע). ר ע ד.

זאָלנ, נאָר „מיט א נייער צוגרייטונג אונ פאַרברייטערונג פונ א באוואָפנטנ אויפ־שטאַנד". אונ דער פּראָיעקט פונ דער רעזאָליוציע האָט אונטערגעשטראָכנ, אז די ראַטנ, „וואָס שטיצנ זיכ ניט אויפ א רעוואָליוציאָנערער אַרמיי, וואָס שליידערנ ניט אַראָפּ קיינ רעגירונג־מאַכטנ (ד. ה., וואָס ווערנ ניט פאַרוואַנדלט אינ א צייטווייליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג), זיינענ אומפאַרמיידלעכ פאַרורטיילט אויפ א מאַפּאָלע".

דער פּעטערבורגער ראַט האָט ניט באַוויזנ אַריבערצופירנ די באַוועגונג אויפ א העכערנ עטאַפּ — ער האָט ניט באַוויזנ רעכטצייטיק אַריבערצוגיינ פונ א שטרייק צו א באוואָפנטנ אויפשטאַנד. צי איז מעגלעכ געווענ דער דאָזיקער איבערגאַנג? מיר האָבנ געזענ, אז מיצאַד דער שטימונג פונ די אַרבעטער איז קיינ מעניע ניט געווענ, — פאַרקערט, אינ אָקטיאַבער אונ אינ אָנהייב דעקאַבער איז אויסגעקומענ אָפּצוהאַלטנ זיי פונ א פריצייטיקער אַרויסטרעטונג. מע דאַרפ זאָגנ, אז דאָ האָבנ געטאָנ די אָנפירער פונ פּעטערבורגער ראַט אָפטמאָל אינ אַזאַ פאָרמ, וואָס מע האָט קימאַט ניט געקאָנט אונטערשיידנ פונ אַגיטאַציע קעגנ דעמ אויפשטאַנד. אַשטייגער, אינ „איזוועסטיא" נומ. 3 פונעמ ראַט (פונ 20־טנ אָקטיאַבער) האָט מענ, אינ צוזאַמענהאַנג מיט אויפדעקנ די גענעראַלנ פונ וויטענ אונ פונ זיינ רעגירונג, געקאָנט איבערלייענענ, אז קלוימערשט אָט דער דאָזיקער כיטרער מענטש „איילט זיכ אַרויסצורופנ דאָס פאָלק אויפ גאַס אונ אַריינציענ אינ אומאָרדענונגענ, קעדיי טייקעפ, קאָלזמאַנ דאָס פאָלק איז נאָכ ניט פולשטענדיק אָרגאַניזירט אונ באוואָפנט, צעשיסנ עס. א מאָמענט זייער א גינסטיקער פאַר וויטענ. ער האָט נאָכ וואָס דערקלערט דער גאַנצער וועלט, אז רוסלאַנד איז געגעבנ געוואָרנ א קאָנסטיטוציע, געגעבנ געוואָרנ קאָלערליי מינימ „ווירקלעכע" פרייהייטנ. אויב דאָס פאָלק בונטעוועט דערביי אויכ, — הייסט עס, אז עס קאָנ ניט אויסנוצנ די פרייהייטנ, אז עס איז ניט צוגעוווינט רויִק צו פירנ זיכ אָנ א בייטש, אָנ א נאַהייקע אונ אָנ קוילנ. פאַרשטייט זיכ, וויטע וועט ניט אָפּנאַרנ דערמיט אונדזערע אויסלענדישע ברי־דער אַרבעטער — די סאָציאַל־דעמאָקראַטנ, אָבער מע דאַרפ, כאַווײרימ, אז ער זאָל ניט אָפּנאַרנ אויכ אונדז, אז מיר זאָלנ זיכ ניט לאָזנ כאַפּנ אויפ דער דאָזיקער יוענטקע וויטעס, אויפ זיינ מאַניפעסט וועגנ פרייהייטנ, וואָס איז באַפּוצט מיט נאַ־הייקעס אונ צעשיסונגענ".

דאָס איז, פאַרשטייט זיכ, געווענ פאַקטיש ניט ריכטיק, — וויטע האָט אינ דער דאָזיקער מינוט זיכ מער פונ אלצ באַמיט צו „באַרויִקנ" די אַרבעטער־מאַסע, אונ לאַכלוטנ ניט אַריבערצופירנ דעמ „פרידלעכנ" שטרייק אינ א באוואָפנטנ אויפ־שטאַנד. אָבער דאָ איז וויכטיק ניט אַזוי, צי די דאָזיקע ווערטער אַנטשפּרעכנ די פאַקטנ, ווי די שטימונג, וואָס די דאָזיקע ווערטער האָבנ אויסגעדריקט. אונ די דאָזיקע שטימונג איז אַבסאָליוט ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרנ מיט די ווייטער קומענ־דיקע אייצעס אַריינצוטרעטנ אינ א פאַרבינדונג מיט די מיטגלידער פונ דער שלאַכט־אָרגאַניזאַציע פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי (די שלאַכט־אָרגאַ־ניזאַציע איז, אַגעוו, געווענ שטאַרק קאָנספּירירט אַזוי, אז אויסזוכנ אירע מיטגלידער איז ניט געווענ אַזוי לייכט), אונ באַזונדערס מיט דער אייצע, אז די אַרבעטער זאָלנ „אַליינ אָנווענדנ אַלע קויכעס בעסער זיכ צו באוואָפענענ". אָט גראָד דערמיט טאַקע האָט זיכ געדאַרפט פאַרנעמענ די שלאַכט־אָרגאַניזאַציע. די דאָזיקע פאַרפּלאָנטערטע אונ ניט אינגאַנצנ קלאָרע אייצעס האָבנ לאַכלוטנ ניט באַ־זייטיקט דעמ איקער, — אונ דעמ איקער האָט מענ אָנ גרויס אומגערעכטיקייט גע־

קאָנט אויסדריקן קורץ מיט פּלעכאַנאָווס באַוווּסטער פֿראַזע: „מע טאָרף זיך ניט נעמען צום געווער". מיר האָבן געזען, אַז צום סאָף נאָיאַבער האָט זיך די דאָזיקע שטימונג שאַרף געענדערט, — אָבער אַט די שפּעטע ענדערונג האָט עטוואָס דערמאָנט די טאַקטיק פֿונעם לייטענאַנט שמידט, וואָס האָט אָנגעהויבן שיסן ערשט דעמאָלט, ווען עס איז שוין ניט געווען פֿון וואָס און מיט וואָס צו שיסן.

מיר האָבן געזען, אַז עס זײַנען אויך ניט געווען אַזוינע מעניעס צום באַוואָפֿענען זיך, וואָס מע זאָל זיי אָביעקטיוו ניט קאָנען בײַקומען: געווער האָט מען געקאָנט באַקומען אָן באַזונדערע שוועריקייטן. און דאָס בילד פֿון אַ באַוואָפֿנטער און דעריבער געפֿערלעכער פֿאָלקמאַסע איז שטענדיק, אין אַלע רעוואָלוציעס, געווען איינע פֿון די וויכטיקסטע באַדינגונגען, וועלכע באַשטימען די שטימונג פֿונעם מיליטער: ווײַל אײן זאַך איז צעשיסן אַ ניט־באַוואָפֿנטן האַמוין, און גאָר אַן אַנדער זאַך איז גיין אונטער די קוילן פֿון די רעוואָלוציאָנערן. מיר האָבן געזען, צו וועלכע שפּיצלעך די מאַכט האָט געמוזט אָנקומען, קעדיי צו דערשטיקן דעם קראָנשטאַדטער אופֿשטאַנד, און עס איז קיין ספֿק ניט, אַז צום פּעטערבורגער פּראָלעטאַריאַט האָט מען די דאָזיקע שפּיצלעך ניט געקאָנט אָנווענדן. מע קאָן, פֿאַרשטייט זיך, ניט פֿאָרויסזאָגן, מיט וואָס עס וואָלט זיך געענדיקט דער פּעטערבורגער באַוואָפֿנטער אופֿשטאַנד, ווען עס וואָלט זיך אײַנגעגעבן אויפֿצוהייבן אַן אופֿשטאַנד אין פּעטערבורג; אָבער שוין דער פֿאַקט, וואָס דער מאָסקווער אופֿשטאַנד, וועלכער האָט געהאַט אַ סך ווייניקער שאַנסן אויף דערפֿאָלג, וואָלט פֿונדעסטוועגן, בײַ אַ בעסערער אָנפֿירונג, לאַכלומשן ניט געווען קיין האָפֿענונגלאָזער אונטערנעמונג, שוין דער פֿאַקט אַליין, באַווײַזט, אַז וועגן דער האָפֿענונגלאָזיקייט פֿון אַ פּעטערבורגער אופֿשטאַנד איז יעדנפֿאַלס ניטאָ וואָס צו ריידן. און אויב אין מאָסקווע האָט מען מיטן אופֿשטאַנד, ווי מיר וועלן זען ווײַטער, אָנגעפֿירט שלעכט, האָט מען אין פּעטערבורג אַפֿאָנעם אינגאַנצן ניט געוואָלט מיט אים אָנפֿירן. די טאַקטיק פֿון פּעטערבורגער ראַט איז געווען ניט קיין טאַקטיק פֿון אַ פֿעסטער קראַפֿט, נאָר אַ טאַקטיק פֿון דעמאָנסטראַציעס; אָבער אין פֿראַגע פֿון דעמאָנסטראַציעס האָט מען דעם 17-טן נאָיאַבער דערגרייכט דעם מאַקסימאַלן דערפֿאָלג: שטאַרקער פֿונעם אָקטיאַבער־שטרײַק וואָלט קיין דעמאָנסטראַציע שוין ניט געקאָנט זײַן, יעדע ווײַטערדיקע איז געווען אומפֿאַרמײַדלעך שוואַכער און אַנשטאָט צו שרעקן דעם קעגנער, האָט זי אים אויפֿגעמונטערט.

אײַנקורצן רעזיומירן די סיבה פֿונעם דורכפֿאַל קאָן מען דעריבער אַזוי: דעם פּעטערבורגער ראַט האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו פֿאַרוואַנדלען זיך אין אַ רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, און דאָס האָט זיך ניט אײַנגעגעבן דערפֿאַר, ווײַל אַזאַ פֿאַרוואַנדלונג האָט מען געקאָנט דורכפֿירן בלויז מיט געווער אין די הענט, און באַצײַטנס זיך נעמען פֿאַרן געווער האָט מען ניט באַוויזן. דעריבער זײַנען נאָך מער ווערטפֿול יענע עמבריאָנען פֿון רעוואָלוציאָנערער מאַכט, וועלכע עס גיט אונדז אַפֿילו דער פּעטערבורגער ראַט. מיר האָבן שוין געזען אַ ריי אַרויסטרעטונגען זײַנע מיט אַ דעמאָנסטראַטיוון כאַראַקטער, מיר ווייסן, אַז האַגאַמ אַזוינע דעמאָנסטראַציעס איז געווען ווייניק אויף צו אומוואַלגערן דעם כוינע, האָבן זיי פֿונדעסטוועגן דערלאַנגט דעם סוינע פֿילבאַרע קלעפּ. אָבער מיר האָבן אײן פֿאַל, ווען דער ראַט האָט אָנגעהויבן ריידן מיט אַן עמעסער שפּראַך פֿון אַ רעוואָלוציאָנערן דיקטאַטאָר און — דאָס איז בעסער פֿון אַלץ — ער האָט געטאָן דאָס, וועגן וואָס ער האָט גערעדט. דאָס דאָזיקע אָרט

פונ זײַנע פּראָטאָקאָלנ מוז מענ ברענגענ אינ אָריגינאַל: „די פּרײַהײַט פונ געדרוקטנ וואָרט מוזנ די ארבעטער דעראָבערנ. דער ראט פונ די דעפּוטאטנ באשטימט, אז עס קאָנענ דערשײַנענ בלויז יענע צײַטונגענ, וואָס זייערע רעדאקטאָרנ איגנאָרירנ דעם צענזור-קאָמיטעט, שיקנ ניט זייערע נומערנ אינ דער צענזור, האנדלענ ביכלאל אזוי, ווי דער ראט פונ די דעפּוטאטנ באַם ארויסגעבנ זײַנ צײַטונג. די זעצער אונ אנדערע כאוויירימ-ארבעטער, וואָס באטייליקנ זיכ אינעם ארויסלאָזנ די צײַטונגענ, טרעטנ העריבער צו צו זייער ארבעט בלויז דעמלט, ווענ די רעדאקטאָרנ פּראָקלאמירנ אונ פירנ דורכ די פּרעסע-פרײַהײַט. ביז דעם מאָמענט זעצנ פאָר די כאוויירימ צײַטונג-ארבעטער דעם שטרײַק, אונ דער ראט פונ די דעפּוטאטנ וועט אָנגעמענ אלע מאָסמיטלענ אויסצוזוכנ מיטלענ ארויסצוגעבנ די שטרײַקנדיקע כאוויירימ צײַטונג-ארבעטער זייער לוינ. די צײַטונגענ, וואָס האָבנ זיכ ניט אונטערגעוואָרפנ דער דאָזיקער באשטימונג, וועלנ קאָנפיסקירט ווערנ בײַ די צײַטונג-פארקויפערס אונ וועלנ פארניכטעט ווערנ, די דרוקערײַענ אונ די מאשינעס וועט מענ קאליע מאכנ אונ די ארבעטער, וואָס האָבנ זיכ ניט אונטערגעוואָרפנ דער באשטימונג פונעם ראט פונ די דעפּוטאטנ, וועלנ בויקאָטירט ווערנ".

ווענ דער ראט וואָלט געווענ אָפּטער ריידנ מיט אזא שפּראַכ! די פּרײַהײַט פונ דער פּעטערבורגער פּרעסע אינ נאָיאבער 1905-טנ יאָר איז געווענ אנ עמעסע דעראָבערונג פונעם ארבעטער-קלאס. די „איזוועסטיא" פונעם פּעטערבורגער ראט האָבנ קיינמאָל ניט געזעענ די צארישע צענזור. צום באדויערנ אָבער, איז דאָס געווענ קימאט די איינציקע אנטפּלעקונג פונ רעוואָלוציאָנערער מאכט, וואָס מיר טרעפנ אינ דער געשיכטע פונעם פּעטערבורגער ראט אינ 1905-טנ יאָר. דער ראט האָט געשטעלט אינ זײַנ טאָג-אָרדענונג אויכ אנדערע פראגעס — וועגנ פארמאכנ די ווײַנ-קראָמענ, וועגנ דירע-געלט (א פראגע זייער א ברענענדיקע פאר די שטרײַקער, — בײַ זיי האָט קוים געסטײַעט אפ דורכלעבנ, אונ דער באלעבאָס האָט געפאָדערט דירע-געלט). אָבער פונ די פּראָטאָקאָלנ איז ניט צו זענ, אז מע זאָל וועגנ די דאָזיקע פראגעס אָנעמענ, אונ באזונדערס עס זאָלנ דורכגעפירט ווערנ, וועלכע-ניט-איז באשלוסנ. אינ דער הינזיכט האָבנ אייניקע פּראָווינציעלע ראטנ א סאַכ אריבערגעיאָגט דעם פּעטערבורגער ראט.

פארנ איבעריקנ רוסלאנד איז די אנטשטייונג פונ א פּ ר אָ ל ע ט א ר י ש נ שלאכט-צענטער אינ פּעטערבורג געווענ א קאָלאָסאלער מוסטער, — אינ דעם פאל האָט דער פּעטערבורגער ראט געהאט א בעסערנ גוירל, איידער דער איוואנאָוואָ-וואָזנעסענסקער, וועלכער איז געבליבנ קימאט אנ איזאָלירטע (א באזונדערע, מיט גאָר-ניט פארבונדענע) דערשײַנונג.* לויטנ פּעטערבורגער מוסטער אנטשטייענ ר א ט נ פ ו נ א ר ב ע ט ע ר - ד ע פּ ו ט א ט נ אינ ראָסטאָוו-דאָנ (אינ אָנהייב נאָיאבער), אינ קיעוו (דעם 6-טנ נאָיאבער), אינ קאטערינאָסלאוו, קאָסטראָמע (אינ מיטנ נאָיאבער), אינ אָדעס, ניקאָלײַעוו, סאמארע, רעוועל, באקו, סאָרמאָווע, אפ וואָטקינסקער זאוואָד, אינ נאָוואָראָסיסק, סאראטאָוו, טאגאנראָג, יוזאָווקע, טוועראאוו.; אינ אָט די דאָזיקע אלע שטעט, — שוינ סאָפ נאָיאבער אָדער אינ דעקאבער, פיל שפּעטער ווי אינ פּעטערבורג. שפּעט (דעם 22-טנ נאָיאבער) איז אנטשטאנענ דער ראט אויכ אינ מ אָ ס ק ו ו ע.

* אינעם זעלבנ זומער 1905 איז לויט איוואנאָוואָ-וואָזנעסענסקער מוסטער אנטשטאנענ א ראט אינ קאָסטראָמע.

אײניקע פונ די דאָזיקע ראטנ זײנענ געװאָרנ א װירקלעכע רעװאָליוציאָנערע מאכט אינ זײערע שטעט. אָט זײנענ אױסצוגנ פונ די באַשלוסנ פונעמ קאטערינאָסלאװער שלאכטישנ שטרײק-קאָמיטעט, — אַזױ האָט דאָרט גע־הײסנ דער אױספירקאָמ: „דער שלאכטישער שטרײק-קאָמיטעט האָט באַשלאָסנ: אופהערנ צו דערלאנגענ עלעקטרישע ענערגיע אינ די טעאטערס אונ פארמאכנ אינ זײ די פאָרשטעלונגענ... דערלױבנ ארױסגעבנ די שפײז-פּראָדוקטנ אונ אנדערע זאכנ פונ דער ערשטער נײטיקײט, װי קעראָסינ, קױלנ, שװעבעלעכ, װעלכע געפינענ זיכ אפ דער סטאנציע קאטערינאָסלאװ... אפנ פאָרשלאג פונ די הענדלער, אז זײ װעלנ ארױסגעבנ דעמ שלאכטישנ שטרײק-קאָמיטעט 20 פראָצ. פונ זײער לײזונג, אויב ער װעט זײ דערלױבנ צו האנדלענ, איז באַשלאָסנ געװאָרנ: אָפּזאָגנ אינ זײער הי־שטאדלעס... העװיס װי דאָס רעגירונג-מיליטער האָט פארנומענ די סטאנציע קאטע־רינאָסלאװ, האָט דער שלאכטישער שטרײק-קאָמיטעט באַשלאָסנ: אופהערנ אָפּשיקנ אונ אופנעמענ צוגנ פונ דער סטאנציע קאטערינאָסלאװ ביז די סטאנציע װעט ניט אָפּגערײניקט װערנ פונ מיליטער... אלס ענטפער אפ דער הישטאדלעס פונ א גרופּע ארבעטער פונ דער גובערנאַלער דרוקערײ צו דערלױבנ זײ, צוליב די ספּע־ציעלע באַדינגונגענ, צו שטעלנ זיכ צו דער ארבעט, האָט דער שלאכטישער שטרײק־קאָמיטעט באַשלאָסנ: אלע ארבעטער מוזנ שטרײקנ בײס דעמ אלרוסלענדישנ פּאָ־ליטישנ שטרײק, אונ קײנע שום ספּעציעלע באַדינגונגענ קאָנענ ניט דינענ אלס מאָ־טיװ, מע זאָל זיכ שטעלנ צו דער ארבעט בײס דעמ אלגעמײנעמ שטרײק, אונ דערי־בער אָפּזאָגנ אינ זײער הישטאדלעס... אלס ענטפער אפ דער פראגע פונ אײניקע פּריװאטע בענק אונ באנק-קאָנטאָרנ פונ 10־טנ דעקאבער 1905 יאָר, באַשטעטיקט דער שלאכטישער שטרײק-קאָמיטעט װידעראמאָל זײנ באַשטימונג פונ 9־טנ דעקא־בער װעגנ דעמ, אז אלע רעגירונג-אנשטאלטנ אונ געזעלשאפטלעכע אנשטאלטנ, אבוצ דעמ מעלוכע־באנק אונ די שפּאָר־קאסעס, מוזנ זײנ פארמאכט. אלס ענטפער אפ דער אָנפראגע פונ די כאַװײרימ-דרוקער, װאָס ארבעטנ אינ „פּרידניעפּראָװסקי קרײ“,* צי עס איז דערלאָזבאר, עס זאָלנ דערשײנענ צײטונגענ בײס דעמ אלגעמײ־נעמ פּאָליטישנ שטרײק, האָט דער שלאכטישער שטרײק-קאָמיטעט באַשלאָסנ: בײס דעמ אלגעמײנעמ פּאָליטישנ שטרײק איז דערלאָזבאר, עס זאָלנ דערשײנענ בלױז די אױסגאבנ פונעמ שלאכטישנ שטרײק-קאָמיטעט אונ פונ די רעװאָליוציאָנערע אָרגא־ניזאציעס, דעריבער קאָנענ קײנ צײטונגענ ניט ארױסגײנ“.

װי מיר זעענ, איז דער קאטערינאָסלאװער ראט, אינ געשטאלט פונ זײנ אױס־פירקאָמ, ניט בלױז ארױסגעטראָטנ אלס א רעװאָליוציאָנערער דיקטאטער, נאָר ער איז אויכ אנערקענט געװאָרנ פאר אזא דורכ דער באַפעלקערונג, אײנגעשלאָסנ די אָרטיקע רעגירונג־באַאמטע, די באנקירנ אונ די הענדלער.

אָבער אמערסטנ פּולקומ האָט באַװומענ זײנע אופגאבנ אלס צענטראלע רעװאָ־ליוציאָנערע רעגירונג דער נאָװאָראָסיסקער ראט פונ ארבעטער-דעפּוטאטנ, װאָס איז, צומ באַדױערנ, ארױסגעטראָטנ זײער שפּעט, װענ דער באַװאָפנטער אופ־שטאנד אינ צענטראל-רוסלאנד האָט שױנ געהאלטנ באמ סאָפ. װענ עס איז פאָר־געקומענ די ערשטע זיצונג פונעמ נאָװאָראָסיסקער ראט, װײסנ מיר ניט, אָבער די צװײטע איז פארגעקומענ דעמ 17־טנ דעקאבער (אלטנ סטיל). אינ זײנ אופרופ צו דער באַפעלקערונג האָט דער נאָװאָראָסיסקער ראט געזאָגט: „בירגער!

* „פּרידניעפּרישער קאנט“ — א קאטערינאָסלאװער בורזשואזע צײטונג. רעד.

דער ארבעטער־קלאס פונ דער שטאט נאוואראסיסק האט ארויסגערוקט פונ זײנ סוויווע א ראט פונ ארבעטער-דעפוטאטנ אפ אנפירנ מיטנ ענדגילטיקנ קאמפ קעגנ דער זעלבסטהערשונג, פאר דער פולשטענדיקער פאלק-פרײהײט. צוליב די צילנ פירט דער ראט פונ די ארבעטער-דעפוטאטנ א פאליטישנ שטרײק אונ טרעט צו צו ארגאניזירנ דעמ פאלקס זעלבסטפארוואלטונג, וואס דארפ פארגרינגערנ די שווערע לאגע פונ די הארעפאשניקעס פונ דער שטאט נאוואראסיסק. עס איז נײטיק אײנצופירנ א פאלקס-געריכט מיט ריכטער, אויסגעווײלטע פונעמ גאנצנ פאלק. עס איז נײטיק א שטאטישע פאלק-דומע, וואס אויסווײלנ זאל זי ניט דער רײכער קלאס אלײנ, נאר די גאנצע באפעלקערונג, אפ צו באפרידיקנ די נויטנ פונ דער גאנצער באפעלקערונג, אונ באזונדערס צו העלפנ דער מאסע הארעפאשנע לײט, וואס לײדנ פונ דער אלגעמײנער ארבעטלאזיקײט אונ פונעמ פאליטישנ שטרײק, דורכ ארגאניזירנ ברײטע געזעלשאפטלעכע ארבעט. עס איז נײטיק טײקעפ אנהײבנ צונויפזאמלענ מיטלענ באמ פארמעגלעכנ טײל פונ דער באפעלקערונג, קעדײ צו אונטערשטיצנ די ארבעטער, וואס טראגנ אויס אפ זײערע פלײצעס די גאנצע לאסט פונ קאמפ פאר דער פרײהײט פונעמ גאנצנ פאלק. דאס אלצ קאנ מענ ריכטיק ארגאניזירנ בלויז בא דעמ באדינג, אז מיר אלע וועלנ זיכ פרײ צונויפזאמלענ אפ מיטינגענ, פרײ זיכ ארויסזאגנ, פרײ דרוקנ, וואס עס איז נײטיק, פרײ זיכ פארײניקנ אינ פארײנענ, פרײ אויסווײלנ אונזערע פארשטײער. אונ מיר פארווירקלעכנ ביז איצט די דאזיקע פרײהײט, אפהיטנדיק די פולשטענדיקע ארדענונג אינ שטאט".

די ווערטער וועגנ באשטײערנ דעמ פארמעגלעכנ טײל פונ דער באפעלקערונג לעטויוועס די שטרײקנדיקע ארבעטער זײנענ ניט געווענ קײנ פוסטע פראזע: פונעמ פראטאקאל פונ דער צווײטער זיצונג פונעמ ראט דערוויסנ מיר זיכ, אז אינ דער דאזיקער ריכטונג איז אנגענומענ געווארנ א רײ פולשטענדיק קאנקרעטע מאסמיטלענ. „באופטראגנ א מיטגליד פונ אויספיר-קאמיטעט פונעמ ראט פונ די ארבעטער-דעפוטאטנ, — לײענענ מיר דארט: — א) באשטײנ דערופ, אז דער פראגרעסיווער האכנאסע-שטײער פונ די פארמעגלעכע קלאסנ פונ דער באפעלקערונג זאל ענערגיש צונויפגעזאמלט ווערנ, אינ העסקעמ מיט דער דורכגעמאכטער שטײערנ-פארטײלונג; ב) וועקנ די שטאט-דומע, זי זאל טײקעפ ארגאניזירנ געזעלשאפטלעכע ארבעט אינ א ברײטנ מאסשטאב; ג) באופטראגנ דעמ אויספיר-קאמיטעט פונעמ ראט פונ די ארבעטער-דעפוטאטנ, ער זאל פארוואלטנ מיטנ ארגאניזירנ הילפ פאר די נויטבאדערפטיקע אינ צוזאמענהאנג מיטנ פאליטישנ שטרײק, מיטנ רעכט צו פארווענדנ דערופ ביז ⅔ פונ די זאמלונגענ לויט דער פארטײלונג פונעמ פראגרעסיווג האכנאסע-שטײער; ד) איבערגעבנ דער דומע-קאמיסיע, זי זאל פארוואלטנ מיט דער הילפ פאר די איבעריקע נויטבאדערפטיקע מענטשנ, פארווענדנדיק דערופ ⅓ פונ די זאמלונגענ פונ דער באשטײערונג אונ אנדערע מיטלענ, וואס געפינענ זיכ אינ רעשוס פונ דער שטאט-דומע, דערבײ דארפ אינ דער קאמיסיע ארײנגײנ אויכ א מיטגליד פונעמ אויספיר-קאמיטעט פונעמ ראט פונ די ארבעטער-דעפוטאטנ, אפ וועמענ עס ליגט די פליכט אכטונג צו געבנ, אז אינ פראט פונ געבנ הילפ זאלנ פולשטענדיק אפגעהיט ווערנ די אינטערעסנ פונ די ארבעטער".

אויב מע זאל גלײבנ דעמ באשולדיקונג-אקט אינעמ פראצעס וועגנ דער „נאוואראסיסקער רעפובליק", — וואס האט דערווארבנ א פארדינטנ ווילדנ האס בא

די שווארצמייעגיקעס, — האָט דער ראַט רעאַליזירט די פרײַהײַט, וואָס ער האָט אײַנגעפירט, שוין פונ אָנהייב דעקאַבער. קיינ דאָקומענטנ פונ דער דאָזיקער צײַט האָבנ מיר ניט; די פאַראַנענע זיינענ שוואַכ, ווי מיר האָבנ געזענ, א מער שפּעטערדיקנ פּעריאָד. אויב אָבער דער ראַט האָט זיכ געהאַלטנ אפילע צוויי וואָכנ (ער איז פאַנאַנדערגעלאָזנ געוואָרנ דעמ 25-טנ דעקאַבער), איז דאָס שוינ אויכ א סאַכ פאַר אַנ איזאָלירטנ אופשטאַנד אינ איינ שטאָט, דערבײַ ניט נאָר קיינ גרויסער. פונ געמ נאָוואָראָסיִיסקער ראַט האָט מענ גאָר, ניט געקאָנט דערוואַרטנ, אַז ער זאָל א סאַכ אופטאָנ, אָבער ער האָט שיר ניט פּינקטלעכער פונ אַלע אַנדערע אינ רוסלאַנד פאַרשטאַנענ, וואָס מע דאַרפ טאָנ, אונ אָט-דאָס, ווי מיר געדענקענ, האָט אָפטמאָל אויסגעפעלט אפילע באַמ ראַט פונעמ גרעסטנ רוסישנ צענטער. עמעס, א סאַכ האָט מיטגעהאָלפנ די נאָוואָראָסיִיסקער אויכ די אַבסאָליוט אויסשליסלעכע פּאַבדאָנעס פונ דער אָרטיקער מאַכט, וואָס האָט זיכ פּאָשעט באַהאַלטנ בא דער ערשטער ערנסטער אַרויסטרעטונג פונ די רעוואָליוציאָנערנ. אַפּנ פּראָצעס האָט עס געשאַפנ א גינסטיקע פּאָזיציע פאַר די פאַרטיידיקער, וואָס האָבנ דערוויזנ, אַז וויבאַלד די „געוועלטיקע״ מאַכט איז אַנטלאָפנ, — האָט דער ראַט געמוזט באַשטימענ א נײַעמ גובערנאַטער, א נײַעמ מיליטער-שעפ אאַז. די „רעפּובליק״ האָט אַזויאַרומ אָנגענומענ א באַשיידענעמ אויסזענ פונ „נויטווענדיקער זעלבסטהילפ״. דאָס אַלץ האָט, פאַרשטייט זיכ, ניט געשטערט דעמ געריכט אַרויסצוטראָגנ די סאַמע אַכזאָריעסדיקע אורטײלנ: די זעלבסטהערשונג האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנענ דעמ זינ פונ דער „גוטווענדיקער זעלבסט-הילפ״ פונ די נאָוואָראָסיִיסקער אַרבעטער, וועמענ עס האָט זיכ עטלעכע טעג אונטערגעוואָרפנ אפילע דער נאָוואָראָסיִיסקער גאַרניזאָנ.

אָבער דער גורל פונ דער רעוואָליוציע איז געלייזט געוואָרנ, פאַרשטייט זיכ, ניט אינ נאָוואָראָסיִיסק, נאָכנ פאַלנ פונ פּעטערבורג איז מאָסקווע פאַרבליבנ די הויפּט-ציטאַדעל פונ דער רעוואָליוציע. דאָ האָט זיכ אָנגעהויבנ דער אָקטיאַבער-שטרײַק, דאָ האָט די אַרבעטער-רעוואָליוציע פונעמ יאָר 1905 באַקומענ דעמ לעצטנ קלאַפּ.

דער מאָסקווער פּראָלעטאַריאַט איז לויט דער אָרגאַניזירטקײַט אונ באַוווסטזיניקייט נעגאַנגענ נאָכ דעמ פּעטערבורגער. אינ מאָסקווער ראַיאָנ האָט דאָמינירט דער טעקסטיל-אַרבעטער, אינ פּעטערבורג האָבנ קאָמאַנדירט די מעטאַליסטנ. די מעטאַליסטנ האָבנ אינ 1905 יאָר געגעבנ 811 טויזנט שטרײַקער אַפּ 252 טויזנט אַרבעטער אינ דער גאַנצער פּראָדוקציע; די טעקסטיל-אַרבעטער — 1296 טויזנט שטרײַקער אַפּ 708 טויזנט אַרבעטער. יעדער מעטאַליסט האָט געשטרײַקט 3½ מאָל פאַרנ דאָזיקנ יאָר, אונ דער טעקסטיל-אַרבעטער האָט אפילע ניט געשטרײַקט קיינ צוויי מאָל. אויב מיר וועלנ פאַרגלײַכנ די קרײַזנ, וועלנ מיר זענ, אַז דער פּעטערבורגער קרייז האָט אַפּ 298 טויזנט אַרבעטער געגעבנ 1033 טויזנט שטרײַקער, דער מאָסקווער — 540 טויזנט שטרײַקער אַפּ 567 טויזנט אַרבעטער. יעדער פּעטערבורגער אַרבעטער האָט טאַקע ווידעראַמאָל געשטרײַקט 3½ מאָל, אונ ניט יעדער מאָסקווער אַרבעטער האָט געשטרײַקט אפילע איינ מאָל. די איבעריקע פּראָווינצ איז, פאַרשטייט זיכ, געווענ אָפּגעשטאַנענ נאָכ ווײַטער (403 טויזנט שטרײַקער אַפּ 543 טויזנט אַרבעטער). דאָס איז געווענ ניט קיינ מאַנגל אינ רעוואָליוציאָנערקײַט, — דאָס איז געווענ טאַקע אָפּגעשטאַנענקײַט. אינ אָקטיאַבער האָט די גרעסטע מאָסקווער מעטאַלורגישע אונטערנעמונג, גוזשאָנס זאַוואָד, וווּ אַמאָל זײַנענ זייער שטאַרק געווענ די זובאַטאָווצעס, אופגענומענ אונדז-ע אַגיטאַ-

מערס מיט פויסטנ; אייניעמ פונ זיי האָבנ גוזשאָנס ארבעטער געשלאָגנ מאקעס רעצעכ. צום סאָפ פונעמ אלגעמיינעמ שטרייק איז שוינ „גוזשאָנ" געשטאנענ. אינ דעקאבער איז ער שוינ געגאנגענ אינ טראָט מיט אלעמענ. די אָפּגעשטאנענע האָבנ שנעל דעריאָגט. עס איז אָבער געווענ צו ווייניק צייט, אז אלע אָפּגעשטאנענע זאָלנ באוויייזנ זיך אונטערציִענ. ביים דעקאבער־שטרייק געפינענ מיר אינ די „איזוועסטיא" פונעמ מאָסקווער ראט אזוינע נאָטיצנ, צום ביישפּיל: „אָפּ שטשערבאקאָווס פאבריק איז דער מיטינג ניט פּאָרגעקומענ, ווייל דאָרט צאָלט מענ זיך פאנאנדער אונ א טייל פאָרט אוועק אינ דאָרפ". אלטע ארבעטער פונ דער געוועזענער פּראָכאָראָווער מאנופאקטור, אָנטיילנעמער אינעמ דעקאבער־אופשטאנד, דערציילנ, אז אויכ בא זיי זיינענ א סאכ ארבעטער, האלבע פויערימ פונ די דערפער פונ מאָסקווער גובערניע, אוועקגעפאָרנ צו זיכ אהיימ אינ אָנהייב פונעמ דעקאבער־שטרייק.

די דאָזיקע אונ ענלעכע פאקטנ דארפ מענ אינ זינענ האָבנ, כעדיי צו פאר־שטיינ, פארוואס „די הויפּט־פאָרמ פונ דער דעקאבער־באוועגונג אינ מאָסקווע איז געווענ א פרידלעכער שטרייק אונ דעמאָנסטראציעס. די קאָלאָסאלע מערהייט פונ דער ארבעטער־מאסע האָט זיכ אקטיוו באטייליקט בלויז אינ די דאָזיקע קאמפּ־פאָרמענ" *. דאָס איז אבסאָליוט ניט קיינ באליידיקונג פאר די מאָסקווער ארבעטער: עס איז אבסאָליוט קיינ באליידיקונג ניט פאר א דערוואקסענעמ מענטשנ, ווענ מע דערמאָנט אימ, אז ער איז געווענ א קינד. שילדערנ דעמ רוסלענדישנ פּראָלעטאריאט אפּ אייִנעמ, אונ דערביי זייער א הויכנ ניוואָ פונ רעוואָליוציאָנערער באוווּסטזיניקייט פאר דער גאנצער ערשטער רעוואָליוציע — הייסט, ערשטנס, אינגאנצנ אָפּזאָגנ זיכ פונ מארקסיסטישער דיאלעקטיק, אונ, צווייטנס, מאכנ פאר אנ אבסאָליוטער רעטעניש, פארוואָס איז נייטיק געווענ 12 יאָר אָפּ אראָפּשליידערנ ניקאלײַ דעמ צווייטנ אונ ניט קיינ 12 וואָכנ. עמעס, אינ די רעוואָליוציאָנערע כאדאָשימ איז די באוווּסטזיניקייט פונ די מאסנ געוואקסנ אויסשליסלעכ גיכ; מיר וועלנ באלד זענ ביישפּילנ דערפונ. אָבער פונדעסטוועגנ איז דאָס געווענ א וווּקס, ד. ה. א בעהאדראגיקע, האגאמ זייער א שנעלע, ענדערונג, אונ ניט קיינ איבערקערעניש אינ איינ רעגע. לענינ האָט אויסגעצייכנט געוווּסט, ווי צו געבנ א ווירקלעכע אָפּשאצונג פונ דער דיאלעקטיק פונ דער געשיכטע, אונ עס איז ניטאָ קיינ שומ נייטיקייט צו „פאריכטנ" זיינ שילדערונג פונ דער דעקאבער־באוועגונג אינ מאָסקווע. „פרילינג 1905 יאָר איז אונדזער פּארטיי געווענ א פארבאנד פונ אונטערערדישע קרייזלעכ, אינ הארבסט איז זי געוואָרנ א פּארטיי פונ מ י ל י אָ נ ע נ פּראָלעטאריאט, — האָט ער געשריבנ אינ 1908 יאָר, ענטפערנדיק אפּ די אומגעלומפּערטע ספּייקעס פונ די עסערנ אינ דער נייטיקייט — אונ אינ דער מעגלעכקייט — פונ „גרויסע שטארקע פּארטייענ" אינ רוסלאנד. „איז עס מיטאמאָל געוואָרנ אזוי, מיינע הערנ, אָדער יאָרצענדלינלעכער פונ לאנגזאמער, אקשאָנעסדיקער, ניט אָנזעעוודיקער אונ ניט טומלדיקער ארבעט האָבנ צ ו נ ע ג ר ײ ט אונ געזיכערט אזא רעזולטאט?" **

„מיטאמאָל" אופהייבנ די גאנצע מאסע פונ מאָסקווער פּראָלעטאריאט אפ דער העכסטער שטופּע פונ רעוואָליוציאָנערנ קאמפּ, וואָס אזא איז דער באוואָפנטער אופשטאנד, וואָלט געווענ איבער די קויכעס אפילע פאר דער סאמע מעכטיקער ארגאניזאציע פונ דער וועלט. די מאָסקווער אָרגאניזאציע אָבער איז צום סאָפ 1905

---

* לענינ, ווערק, באנד IIV, ט. 2, ז. 47, 1־טע אויסגאבע.

** לענינ, ווערק, באנד XI, טייל 1, זייט 95, ערשטע אויסגאבע.

יאָר לאַכלוטנ ניט געווענ שטאַרקער פונ דער פעטערבורגער. עס איז גאַנצ נאַטירלעכ, אַז אינ פעטערבורג, וואָס דאָרט איז טאַקע געווענ דער צענטער פונ דער צעניאַדיקער „לאַנגזאַמער, אקשאַנעטדיקער, ניט אָנזעעוודיקער אונ ניט טומלדיקער אַרבעט”, זײַנענ די ארבעטער געווענ פיל מער צוגעגרייט צו אַנ אופשטאַנד, איידער אינ מאָסקווע, ווו עס האָבנ נאָכ אינ 1902 יאָר אומבאַגרענעצט געהערשט די זובאַטאָווצעס. די ערשטע — אונ די איקערדיקע — סיבע פונ אונדזער דעקאַבער-דורכפאַל איז טאַקע געווענ דאָס, וואָס דעמ אופשטאַנד איז אויסגעקומענ אָנצוהייבנ ניט אינעמ ערשטנ, לויט דער רעוואָליוציאָנערער באַוווסטזיניקייט, פּראָלעטאַרישנ צענטער פונ רוסלאַנד, נאָר אינעמ צווייטנ. מאָסקווע וואָלט געקאָנט אונטערשטיצנ פעטערבורג, — זעלבשטענדיק געווינענ די רעוואָליוציע האָט זי ניט געקאָנט.

פאַרוואָס זשע איז אינ מאָסקווע פונדעסטוועגנ יאָ פאָרגעקומענ א באַוואָפנטער אופשטאַנד, אונ אינ פעטערבורג ניט? די מענשעוויסטישע אויטאָרעס, — אשטייגער, דער פאַרשטאָרבענער ג. א. ראָזשקאָוו, וואָס אַלס היסטאָריקער פונ 1905 יאָר געהערט ער אָנ סאָפעק צומ מענשעוויסטישנ לאַגער, — זײַנענ גענייגט צו דערקלערנ דאָס גראָד מיט דער פּאָליטישער אָפּגעשטאַנענקייט פונעמ מאָסקווער פּראָלעטאַריאַט. באַזונדערס איז פּראָכאָראָווער מאַנופאַקטור, לויט ראָזשקאָווס מיינונג, געוואָרנ א ציטאַדעל פונ מאָסקווער אופשטאַנד גראָד דערפאַר, ווײַל דאָרטנ זײַנענ געווענ די סאַמע אָפּגעשטאַנענע ארבעטער, — אונ, דאָס הייסט, די, וואָס זײַנענ אַמערסטנ גענייגט צו אַנ „אופשטענדלערישער” טאַקטיק. אַזוי-אַרומ באַקומט זיכ, אַז וואָס פּאָליטיש באַוווסטזיניקער עס זײַנענ די ארבעטער, אַלצ ווייניקער, הייסט עס, זײַנענ זיי גענייגט צו מאַכנ אַנ אופשטאַנד מיט געווער אינ די הענט. א טעאָריע, וועלכע איז אָנ סאָפעק זייער אָנגענעמ פאַר דער מיטעלאייראָפּייִשער בורזשואַזיע, וואָס וואָלט זייער גערנ דערקלערט די סאָציאַליסטישע איבערקערעניש אינ רוסלאַנד מיט דער „אַמעראַצעס” אונ „אָפּגעשטאַנענקייט” פונעמ רוסלענדישנ פּראָלעטאַריאַט, — אָבער די דאָזיקע טעאָריע ווערט פּונקט אַזוי לײַכט אָפּגעוואָרפנ, סײַ אינ איר אַלגעמיינער פאָרמ סײַ אינ דעמ פּריוואַטנ בײַשפּיל, וואָס ראָזשקאָוו ברענגט. אינ דער ניט געלונגענער מיטעל-אייראָפּייִשער רעוואָליוציע פונ די יאָרנ 1919—1923 האָבנ מיר די סאַמע שאַרפע פאָרמענ פונ קאַמפ געהאַט אינ דײַטשלאַנד, ווו די ארבעטער האָבנ שיר ניט צענ מאָל זיכ גענומענ צומ געווער, אונ האָבנ יעטווידער מאָל, דעריקער אַדאַנק דער אויסגעצייכנטער דעזאָרגאַניזאַטאָרישער ארבעט פונ די דײַטשישע מענשעוויקעס, געליטנ א מאַפּאָלע. ניט אינ ענגלאַנד, ניט אינ פראַנקרײַכ איז ביז געווער ניט דערגאַנגענ. אָבער ווער וועט עס גיינ אָפּלייקענענ, אַז פּ אָ ל י ט י ש איז דער דײַטשישער פּראָלעטאַריאַט, וועמענ עס האָבנ דערצויגנ ענגעלס, ווילהעלמ ליבקנעכט, בעבעל, מערינג אאַוו., געווענ באַוווסטזיניקער, איידער דער ענגלישער אָדער אַפילע דער פראַנצויזישער פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט זיכ יאָרנלאַנג געלאָזט פירנ פונ אַנ אויסגעצייכנטנ רעדנער, אָבער אינ דער טעאָריע נאָכ אַנ ערגערנ פּלאָנטערער, איידער די מענשעוויקעס,—פונ זשאָרעסנ? גראָד די פּאָליטיש סאַמע באַוווסטזיניקע ארבעטער פונ אייראָפּע האָבנ זיכ ארויסגעוויזנ פאַר די סאַמע גענייגטע צו אַנ „אופשטענדלערישער” טאַקטיק. אונ וואָס איז שײַכ די פּראָכאָראָווער מאַנופאַקטור, האָבנ מיר נאָרוואָס געזענ, אַז דער ווייניקער באַוווסטזיניקער, האַלבפויערשער טייל ארבעטער איז זיכ צעפאָרנ אינ די דערפער אונ האָט קיינ שומ אָנטייל אינעמ אופשטאַנד אינגאַנצנ ניט גענומענ, אַפילע אַלס שטרײַקער. אָפּ דער פּראָכאָראָווקע האָט זיכ געשלאָגנ דער גרונט-קאַדער פונ אירע ארבעטער, וואָס זײַנענ

שטענדיק געווענ פארבונדנ מיט דער פאבריק און וואס זיינענ שטארק פאנאנדערגעפראפאגאנדירט געווענ, פונ איינ זייט, מיצאד די עסערנ, פונ דער צווייטער, מיצאד די סאציאלדעמאקראטנ באלשעוויקעס, וואס האבנ געהאט זייער שטיצ־באזע אינ דער האנטווערקער־שול בא דער פאבריק.

אזויארום האבנ זיכ די מאסקווער ארבעטער פונדעסטוועגנ אינ א גרויסער צאל גענומענ צומ געווער — און זיי וואלטנ זיכ גענומענ אינ א נאכ א גרעסערער צאל, ווענ עס וואלטנ געווענ גרעסערע טעכנישע מעגלעכקייטנ, — ניט דערפאר, ווייל זיי זיינענ געווענ אפגעשטאנענע, נאר ניט געקוקט אפ דער פאליטישער אפגעשטאנעקייט פונ זייער גרונט־מאסע. און דא קומט אויס צו דערמאנענ וועגנ א צווייטער סיבע, וואס האט זיכ פארבייגייענדיק אופגעדעקט פאר אונדז, ווענ מיר האבנ בארירט די דייטשישע רעוואליוציע: די דעזארגאניזאטארישע טעטיקייט פונ די מענשעוויקעס. האט זיכ א סאכ וויניקער געקאנט אנטפלעקנ אינ מאסקווע, איידער אינ פעטערבורג. עס איז פאראנ א ריי אנווייזונגענ, ווי אזוי די פעטערבורגער ארבעטער האבנ געבעטנ געווער, באמבעס, פארגעלייגט די אדער יענע שלאכט־ארויסטרעטונג, לעמאשל, אופרייסנ איינציקע בריקנ אפ ניקאלייעווער (איצט אקטיאבערישער) אייזנבאנ־ליניע, וואס דאס וואלט אפ צוויי מעסלעס פארהאלטנ דאס אפשיקנ מיליטער קיינ מאסקווע צו דערשטיקנ דעמ אופשטאנד, — פלעגט מענ זיי אפגיסנ מיט קאלט וואסער, אדער מע האט זיי „געפירט" אזוי לאנג, ביז דאס פארגעלייגטע איז שוינ פיזיש אומעגלעכ געווענ אויסצופילנ. די אגיטאציע קעגנ דעמ אופשטאנד, וואס די עמבריאנענ אירע קאנ מענ אנטאפנ, ווי מיר האבנ געזענ, שוינ אינ די „איזוועסטיא" פונעמ פעטערבורגער ראט, איז איצנד געפירט געווארנ אינ די פאבריקנ און זאוואדנ מיט א צינישער אפנהארציקייט: די פארומערטע יערידע־שטימונגנ פונ די מער אפגעשטאנענע שיכטנ פונ דער ארבעטער־מאסע איז אויסגענוצט געווארנ אינ דער פולער מאס. שפעטער האבנ זיכ איינציקע מענשעוויקעס אפנ בארימט, אז זיי האבנ „אונטערגעריסנ די באלשעוויקעס דעמ אופשטאנד". און איבער אלע פרווונ פונעמ אופשטאנד אינ פעטערבורג לויערט מארטאווס פיגור (ווי עס האט אימ פארצייכנט לויט פערזענלעכע זיכרוינעס דער כ' יאראסלאווסקי), וואס איז געזעסנ אפ דער אנטשיידנדיקער פארזאמלונג פונעמ צענטראל און פעטערבורגער קאמיטעטנ, „ווי אנ אויסגעווייקטער און געמורמלט עפעס נעבעכדיק וועגנ דער אומעגלעכקייט פונ אנ „ארויסטרעטונג".* אבער, — גיט צו דער כאווער יאראסלאווסקי אינ דעמ דאזיקנ פראגמענט פונ זיינע זיכרוינעס, וואס זיינענ זייער ווערטפול פאר דער כאראקטעריסטיק פונ דער פעטערבורגער לאגע, — „אויכ אינ דער פעטערבורגער ארגאניזאציע פונ אונדזער פארטיי האט זיכ געפילט דאס פולשטענדיקע ניט קענענ אנמערקנ און געבנ קאנקרעטע הילפ דעמ אופשטאנד".

אינ פעטערבורג איז ניט נאר וואס די מענשעוויקעס זיינענ געווענ זייער שטארק, נאר אויכ די באלשעוויקעס האבנ, מאכמעס די אויבנ אנגעוויזענע באדינגונגענ (זע ז.ז. 185—187) פארמאגט וויניקער פייקייט צו געבנ א ווידערשטאנד די מארטאווס עט קאמפאניע. און אט, אויב אינ מאסקווע איז דערגאנגענ ביז א באוואפנטנ אופשטאנד, און אינ פעטערבורג ניט, קומט אויס איינצוזענ די הויפט־

* ז. „1905". געשיכטע פונ דער רעוואליוציאנערער באוועגונג אינ איינצלנע עטיודנ, ה. 3 ט. 2. יעמ. יאראסלאווסקי, דער דעקאבער־אופשטאנד, ז. 84.

סיבע דערינ, וואָס אינ מאָסקווע האָט דער באָלשעוויסטישער סאָציאַלדעמאָקראַטישער קאָמיטעט קימאַט אַלײנ אָנגעפֿירט מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג — די ווירקונג פֿונ די עסערנ צווישנ דעמ מאָסקווער פּראָלעטאַריאַט איז געווענ אַ נישטיקע, אונ אויב זײ האָבנ געמאַכט אַ גרויסנ טומל, איז אויסשליסלעכ אַדאַנק דער קלײנבירגערלעכער אינטעליגענצ אונ דער שטודירנדיקער יוגנט, וווּ זײ האָבנ, פֿאַרקערט, געהערשט קימאַט אײנע אַלײנ.* — די מענשעוויקעס אָבער זײַנענ אינ מאָסקווע געווענ ווירקלעכע „מענשעוויקעס", ד. ה. זײ האָבנ אינ דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע געהאַט אַ שוואַכע מינדערהײט. אַדאַנק דעמ האָבנ זײ ניט נאָר גאָרנישט ניט געקאָנט דעזאָרגאַניזירנ, נאָר אינ דער פֿראַגע וועגנ דעמ אויפֿשטאַנד זײַנענ זײ גאַנצ געהאָרכזאַמ געגאַנגענ נאָכ די באָלשעוויקעס.

די פֿאַרהעלטנישמעסיקע שוואַכקײט פֿונ די מאָסקווער מענשעוויקעס אונ עסערנ, וואָס האָט געזיכערט דעמ מאָסקווער פּראָלעטאַריאַט אַ פֿעסטע באָלשעוויסטישע אָנפֿירונג, איז, פֿאַרשטײט זיכ, ניט געווענ קײנ צופֿעליקײט: דאָס לאָזט זיכ דערקלערנ מיט יענער סאָציאַלער סיטואַציע, וואָס איז געווענ אינ מאָסקווע. די אַלטע אוניווערסיטעט־שטאָט מאָסקווע האָט פֿאַרמאָגט אַ גאַנצ מעכטיקנ שיכט „אַקאַדעמישע" אינטעליגענצ: פּראָפֿעסאָרנ, פּריוואַט־דאָצענטנ אאַוו. אָבער די אַקאַדעמישע אינטעליגענצ איז פּאָליטיש ניט געגאַנגענ ווײַטער פֿונ בורזשואַזנ ליבעראַליזמ, אינ בעסטנ פֿאַל פֿונ בורזשואַזנ דעמאָקראַטיזמ. צווישנ די באָלשעוויקעס איז דעמאָלט פֿונ דער אַקאַדעמישער אינטעליגענצ געווענ אַ צוויי־דרײַ מענטשנ, ניט קײנ סאַכ מערער איז געווענ עסעריש אונ אַנאַרכיסטיש געשטימטע, — אונ אַפֿילו פּראָפֿעסאָרנ מענשעוויקעס האָבנ זיכ באַוויזנ אינ אַ ווי־פֿל־ניט־איז באַדײַטנדיקער צאָל ערשט אינעמ נאָכ־רעוואָלוציאָנערנ פּעריאָד. דאָס האָט באַטײַט, אַז אויפֿ דער אַרבעטער־באַוועגונג האָט די אַקאַדעמישע אינטעליגענצ, אַלס גאַנצעס, — צומ גרויסנ גליק פֿונ דער דאָזיקער באַוועגונג, — ניט געקאָנט ווירקנ. די ניט־אַקאַדעמישע אינטעליגענצ ווידער, — די מאַסע קלײנע ליטעראַטנ, אַדוואָקאַטנ, אָנגעשטעלטע, אאַ יענער שיכט, וואָס האָט געגעבנ דעמ פּעטערבורגער ראַט כרוסטאַליאָוונ, — האָט געהאַט איר צענטער אינ פּעטערבורג, אונ ניט אינ מאָסקווע. אויפֿ קײנע שומ „אומפּאַרטײַישע" קאָמבינאַציעס איז אינ מאָסקווע ניט אויסגעקומענ צו גײנ, אונ די עצעמ אויסבילדונג פֿונעמ מאָסקווער ראַט איז געווענ אַ זיג פֿונ דער פּאַרטײ איבער דער אומפּאַרטײַישקײט, אויפֿ וויפֿל דער ראַט האָט דאָ פֿאַרביטנ דעמ „שטרײַק־קאָמיטעט", וווּ עס האָבנ געהערשט אינטעליגענטנ פֿונעמ „פֿאַרבאַנד פֿאַרבאַנדנ". פֿאַקטיש איז דער דיקטאַטער אינ דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אינ מאָסקווע געווענ דער אָנפֿירער פֿונעמ מאָסקווער סאָציאַלדעמאָקראַטישנ קאָמיטעט, דער פֿאַרשטאָרבענער כ' שאַנצער („מאַראַט"). צו דער אינטעליגענצ, אַפֿילו צו דער באָלשעוויסטישער, האָט ער זיכ באַצויגנ ניט אָנ כשאַד, אונ דאָס האָט זיכ געגעבנ באַרעכטיקט דורכ די פּעטערבורגער געשעענישנ, — אונ אויפֿ דער אַנטשײדנדיקער פּאַרטײ־קאָנפֿערענצ דעמ 5־טנ דעקאַבער האָבנ די באָלשעוויקעס אינטעליגענטנ, בוצ פֿאַראַנטוואָרטלעכע פּאַרטײ־טוער, ניט באַקומענ אַפֿילו קײנ באַראַטונג־שטימ: זײ זײַנענ דערלאָזנ געוואָרנ בלויז אַלס „געסט" אונ דעמ רעכט אַרײַנצוזאָגנ זיכ אונ ווירקנ אויפֿ די אַרבעטער.

אויב די קימאַט מאָנאָפּאָל־הערשאַפֿט פֿונ די באָלשעוויקעס איז געווענ דער

* האַגאַמ מע דאַרפֿ פֿאַרצײכענענ, אַז אינ אַלע דעמאָלטיקע מאָסקווער הויכשולנ זײַנענ געווענ שטאַרקע סאָציאַלדעמאָקראַטישע קעמערלעכ, אונ אינ מאָסקווע איז געווענ אַ ווירקונגפֿולער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פֿאַרבאַנד פֿונ די שטודירנדיקע אינ די מיטלשולנ.

ערשטער באַדינג, וואָס האָט באַשטימט די הייכ פונעמ אויפשטײַג פונ דער מאַסקווער אַרבעטער־באַוועגונג אינ דעקאַבער 1905 יאָר, איז די שוואַכקייט פונ דער אינטעליגענצ אינ מאָסקווע אונ די שוואַכקייט פונ די דעזאָרגאַניזאַטאָרישע ווירקונגענ, וואָס זײַנענ געגאַנגענ פונ איר, געווענ אָנ סאָפעק לויט דער באַדײַטונג דער צווייטער באַדינג. דער ווײַטערדיקער, דער ד ר י ט ע ר באַדינג איז געווענ דאָס, וואָס מע קאָנ אָנרופנ „די פרישלײַט" פונ דער מאָסקווער אַרבעטער־רעוואָלוציע. אינ דער צײַט, ווענ אינ פעטערבורג האָט שוינ אַלצ געזאָטנ פונ יאַנוואַר 1905 יאָר אָנ, איז אינ מאָסקווע ביז סענטיאַבער געווענ פאַרהעלטענישמעסיק רויִק, אונ אַפילע אינ אָקטיאַבער, ווי מיר האָבנ געזאָגט זענ לויט אייניקע בײַשפילנ, האָבנ אייניקע גרופנ פונעמ פּראָלעטאַריאַט ערשט איצט אָנגעהויבנ זיכ „צעוויגנ". אונ אינעמ שפּעטערדיקנ פעריִאָד האָט דער מאָסקווער פּראָלעטאַריאַט ניט געוווּסט פונ אַזוינע דורכפאַלנ, ווי דער פעטערבורגער קאַמפ פאַר אַנ 8-שאָיִקנ אַרבעטטאָג. פאַרקערט, אייניקע זאַכנ, וואָס זײַנענ ניט געלונגענ אינ פעטערבורג, האָבנ זיכ גלענצנדיק אײַנגעגעבנ אינ מאָסקווע. אינ פעטערבורג האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ פייערלעכ צו מעקאַבער זײַנ די כאַווייריִמ, וואָס זײַנענ געפאַלנ אינ די אָקטיאַבער־טעג. דער פּאָליציי האָט זיכ אײַנגעגעבנ אַראָפּצורײַסנ די לעווײַע, — טיילווײַז דערמיט, וואָס זי האָט אָנגעשראָקנ דעמ אינטעליגענטישנ אויבערשיכט פונעמ פעטערבורגער ראַט, טיילווײַז דערמיט, וואָס זי האָט פּאַשעט אַוועקגעגאַנוועט אונ שטילערהייט באַגראָבנ די קערפּערס אַזוי, אַז סאָפּקאָלסאָפּ איז ניט געווענ וועמענ פײַערלעכ מעקאַבער צו זײַנ. אינ מאָסקווע איז די לעווײַע פונעמ מיטגליד פונעמ סאָציִאַל־דעמאָקראַטישנ קאָמיטעט נ. ע. באַומאַנ, וועמענ שוואַרצמייעניקעס האָבנ דערהאַרגעט, פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ אַ גראַנדיִעזער מאַניפעסטאַציע מיט אַ הונדערט טויזנט אָנטייל־נעמער אונ עטלעכע הונדערט טויזנט צושויער. די שוואַרצמייעניקעס — דאָס איז גראָד געווענ אינ פעריִאָד פונ די פּאָגראָמענ — האָבנ זיכ ערגעצ אויסבאַהאַלטנ, אונ ערשט אינאָווענט, אינ דער פינצטער, האָבנ זיי, בײַ דער שטיצע פונ די קאָזאַקנ, געוואַגט אָנצופאַלנ אויפ די רעשטלעכ פונ דער פּראָצעסיע, וואָס האָט זיכ אומגעקערט פונ וואַגאַנקאָווער בעסוילעמ. דער דורכפאַל פונעמ פּאָסט־טעלעגראַפנשטרײַק, אויפ וועלכנ מע האָט געלייגט גראַנדיִעזע האָפענונגענ, — וועלכער האָט אָבער אויפ דער מאַכט, וואָס האָט זיכ שוינ אָנגעזענ אַ סאַכ פאַרשיידענע זאַכנ אונ האָט זיכ שוינ געגרייט דערצו, געמאַכט אַ סאַכ אַ קלענערנ אײַנדרוק, איידער דער אייזנבאַנ־שטרײַק, — דער דאָזיקער דורכפאַל האָט ניט אָנגערירט די גרונטמאַסע פונעמ פּראָלעטאַריאַט, פאַרקערט, ער האָט זי פאַרשטאַרקט, אויפ וויפל אינ דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג איז אַרײַנגעצויגנ געוואָרנ אַ נײַע — אונ זייער אַ גרויסע — גרופּע, אַ נאָענטע צומ פּראָלעטאַריאַט. די פּאָסט־טועער זײַנענ געווענ ניט די איינציקע אונ ניט די סאַמע אומדערוואַרטע גרופּע; די באָלשעוויקעס האָט זיכ אײַנגעגעבנ צו באַווירקנ דורכ אַגיטאַציע אַפילע אַזאַ גרופּע, ווי די קאַצאָווימ פונ אָכאָטני ריאַד, וואָס זײַנענ נאָכ פונ די 70-ער יאָרנ געווענ אַ היסטאָרישע שטיצע פונ דער רעאַקציע. נאָכ דעמ, ווי די דאָזיקע קאַצאָווימ האָבנ צעמיימעסט די סטודענטישע מאַניפעסטאַציע אינ 1878 יאָר, איז דער נאָמענ „אָכאָטנאָריאַדיעצ" אינ מויל בײַ דער מאָסקווער אינטעליגענצ געווענ געגליכנ צומ נאָמענ „פּאָגראָמשטשיק". איצט זײַנענ אַפילע די דאָזיקע „אָכאָטנאָריאַדצעס" געווענ אינ די רייענ פונ דער שטרײַקנדיקער מאַסע.

צולעצט, דער פערטער באַדינג, וואָס האָט פאַרלײַכטערט די מאָסקווער אַרויס-

טרעטונג, איז געווענ דאָס, וואָס דאָ איז די מעגלעכע ווידערשטאנד-קראפט געווענ — אָדער עס האָט זיכ געדוכט, אז זי איז — א סאַכ שוואַכער, איידער אינ פעטערבורג. דער פילצאָליקער גארניזאָנ פונ דער צארישער הויפטשטאָט איז באשטאנענ פונ גווארדייִשע פאָלקנ, מיט אנ אָפיצערנטום פונ פריצישע זינדלעכ פונעמ גרויסנ באאמטנטום אונ פונ דער גאָר גרויסער בורזשואזיע אונ סאָלדאטנ פונ „פעסטע", פארמעגלעכע פויערשע פאמיליעס: אינ דער גווארדיע פלעגט מענ נעמענ די סאמע ווּקסיקע אונ שיינע רעקרוטנ, אונ ווּקסיקע אונ שיינע באָכערימ פלעגנ טרעפנ אינ די זאטע באלעבאָטישע פאמיליעס אָפטער, איידער אינ די הונגעריקע אָרעמע. דערביי האָבנ די גווארדייִשע סאָלדאטנ געלעבט אָנ אנ ערעכ בעסער פאר די „ארמייִשע": זיי האָט מענ גוט געשפייזט אונ געקליידט — מע האָט דאָכ ניט געקאָנט ארויסלאָזנ קיינ פאראָרעמטע שלעפערס אפ פאראַדנ אונ דורכקולנ, פאר די אויגנ פונעמ צאר אליינ אונ פאר אויסלענדישע געזאנדטע. ענדלעכ, איז אויכ די שווארצמייִשע „פאָליטארבעט" אונ דער פאָליציייִשער שפּיאָנאזש, צוליב פארשטענדלעכע סיבעס, אינ דער גווארדיע געווענ אוועקגעשטעלט העכער, איידער ערגעצ ווּ אנדערש. די גווארדייִשע פאָלקנ איז געווענ זייער שווער צו פאַנאנדערפּראָפּאגאנדירנ, אונ דאָרט האָט זיכ אנ ערנסטע באוועגונג אָנגעהויבנ ערשט זומער 1906-טנ יאָר. אינ מאָסקווע איז די לאגע געווענ אנ אנדערע. ערשטנס, איז דער מאָסקווער גארניזאָנ געווענ אינ צוויי, אויב ניט אינ דריי, מאָל קלענער פארנ פעטערבורגער. צו הארבסט 1905 יאָר איז ער באזונדערס איינגעשרומפּנ געוואָרנ, ווייל פונ מאָסקווער מיליטערישנ קרייז האָט מענ שטענדיק גענומענ דערגאנצונגענ פאר דער מאנדזשורישער ארמיי; דעריבער פלעגט א ראָטע פונ פרידלעכנ באשטאנד ארויספירנ אינ מאָסקווע אָנשטאָט 100 באגנעטנ קוימ 50, א פאָלק איז באשטאנענ פונ 700—800 מענטשנ, אונ סאכאקל האָט דער מאָסקווער גארניזאָנ געציילט 7—8 טויזנט באגנעטנ בא א 130-טויזנטיקנ מאָסקווער פראָלעטאריאט. ליטנ באשטאנד איז דאָס געווענ, האגאמ באפוצט מיטנ נאָמענ „גרענאדירנ", געווייִנלעכע ארמייִשע אינפאנטעריע, מיט אנ אָפיצערנטום פונ דער מיטלער בורזשואזיע אָדער אינטעליגענצ אונ מיט סאָלדאטנ פונעמ מיטלנ פויערטום. צווישנ דעמ אָפיצערנטום, באזונדערס דעמ ארטילערישנ, האָט מענ געקאָנט באגעגענענ מענטשנ מיט גרויסע ראנגנ, ביז א פּאָדפּאָלקאָווניק איינגעשלאָסנ, וואָס האָבנ מאַסקימ געווענ ניט בלויז אפ נייטראליטעט, נאָר אפילע אקטיוו אונטערצושטיצנ דעמ אופשטאנד — מיט איינ באדינג, אז די אופשטענדלער זאָלנ באווייזנ, אז אפ זייער זייט איז „די ווירקלעכע קראפט, אז דער ניצאָכנ איז פאר זיי געזיכערט". *

מע קאָנ זאָגנ, אז אזוינע „רעוואָליוציאָנערנ" זיינענ געווענ א שלעכטע הילפ פאר דער רעוואָליוציע, — אָבער פונ א גווארדייער האָט מענ ניט געקאָנט הערנ אפילע אזוינע ווערטער. אונדזערע אָרגאניזאציעס האָבנ געמאכט פרווונ צוצוציִענ אפ זייער זייט אויכ דאָס אָפיצערנטומ, האָבנ ארויסגעלאָזנ ספּעציעלע אופרופנ צו זיי, ווו מיר האָבנ זיכ געפרווט שפילנ אפילע אפ די פּראָפעסיאָנעלע פארורטיילנ פונ דער דאָזיקער אייגנארטיקער אאודיטאָריע, אפ דער „ערע פונעמ מונדיר" אד״ג; אָבער אָפיצערנ סאָציאַלדעמאָקראטנ איז פונדעסטוועגנ געווענ ניט קיינ סאכ מער, איידער פּראָפעסאָרנ אונ פּריוואט-דאָצענטנ באָלשעוויקעס, אונ ארויסגעטראָטנ

* מ. וואסיליעוו-יוזשינ. מאָסקווער ראט פונ ארבעטער-דעפּוטאטנ אינ 1905 י.

זײַנען זיי ערשט צום סאָפ פונ דער רעוואָליוציע (סוועאַבאָרגער אופשטאנד אינ יול 1906 יאָר).

די הויפט-קראַפט פונ דער מיליטערישער באַוועגונג אינ דער ערשטער — אַזוי אויכ אינ דער צווייטער — רעוואָליוציע זײַנען געווענ ניט די אָפיצערנ, נאָר די ס אָ ל ד א ט נ: דערינ איז באַשטאַנענ די איקערדיקע באַזונדערקײַט, וואָס האָט אונטערשיידט דאָס 1905 יאָר פונעמ יאָר 1825 (דער דעקאַבריסטנ-אופשטאנד) אונ פונ די צײַטנ פונ דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" מיט אירע אָפיצערישע אָרגאַניזאַציעס. „עס איז ניטאָ קײנ זאַכ, וואָס זאָל זײַנ מער פעלערהאַפט, ווי די מײנונג, אַז די סיבע פונעמ דורכפאַל פונ די סאָלדאַטישע אופשטאַנדנ איז קלוימערשט געווענ די אָפּוועזנקײַט פונ אָנפירער פונ צווישנ דעמ אָפיצערנטומ, — האָט געשריבנ לענינ, — פאַרקערט, דער גיגאַנטישער פּראָגרעס פונ דער רעוואָליוציע פונ די צײַטנ פונ דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" האָט זיכ ארויסגעוויזנ טאַקע דערינ, וואָס צו דער ביקס קעגנ דער מאַכט האָט זיכ גענומענ „די גרויסע סטאַדע", וואָס איר זעלבשטענדיקײַט האָט אַזוי אָנגעשראָקנ די ליבעראַלע פּריצימ אונ דאָס ליבעראַלע אָפיצערנטומ".

לויט די ידיעות פונ דער מיליטערישער אָכראַנקע האָט זיכ די באַוועגונג אינעמ מיליטער פונעמ מאָסקווער מיליטערישנ קרײַז אָנגעהויבנ באַלד נאָכנ אָקטיאַבער־שטרײַק: שוינ דעמ ערשטנ נאָיאַבער (אַלטנ סטיל) איז אינ מאָראָזאָווס פאַבריק פאָרגעקומענ א באַראַטונג פונ דעלעגאַטנ פונ נײַנ גרענאַדיערישע פּאָלקנ, דערבײַ האָט זיכ דער פּאָליציי אײַנגעגעבנ צו פאַרהאַלטנ 8 מענטשנ פונ אײנעמ א מאָסקווער גרענאַדיערנ-פּאָלק. עס זײַנען געווענ ידיעס וועגנ פאַרבינדונגענ צווישנ די רעוואָליוציאָנערנ אפילע אינעמ סומער דראַגונער-פּאָלק, — וואָס איז אינעמ גאַנצנ מאָסקווער גאַרניזאָנ לויטנ באַשטאַנד זײַנעמ געווענ דער סאַמע נאָענטסטער צו דער גוואַרדיע. אינ דער צווייטער העלפט נאָיאַבער איז אופגעדעקט געוואָרנ א רעוואָליוציאָנערע אָרגאַניזאַציע אינעמ ערשטנ רעזערווענעמ סאַפּיאָרנ-באַטאַליאָנ, וואָס איז געשטאַנענ אינ דער שטאָט אַלעקסאַנדראָווסק אפ דער מאָסקווע-יאַראָסלאַווער (איצט צאָפנדיקער) אײַזנבאַנ. פונקט ווי אינעמ שוואַרציאַמישנ פלאָט זומער (זע ז.ז. 139—141), אַזוי איז אויכ דאָ די „סטיכייִשע" באַוועגונג געווענ פונ לאַנג אָנ אונ גאַנצ גרינטלעכ צוגעגרייט. די מאָסקווער מיליטערישע מאַכט האָט פונ אָנהייב ווינטער געלעבט לעסיידער אינ דערוואַרטונג פונ א „בונט", דערבײַ זײַנען לויט די נעמענ באַוווּסט געווענ אפילע די אָפיצערנ, וואָס זײַנען גרייט צוצושטיינ צו די אופשטענדלער, — אינ פאַל פונ זייער דערפאָלג, פאַרשטייט זיכ, — אונ וואָס זײַנען אַבסאָליוט ניט גרייט זיי „אײַנצושטילנ". דעריבער איז פאַר דער מאַכט גאָר קײנ נײַעס ניט געווענ, ווענ איר איז אויסגעקומענ צו ראַפּאָרטירנ קײנ פּעטערבורג אָנהייב דעקאַבער: „מיט צוויי טעג צוריק האָט אינ ראָסטאָווער פּאָלק אויסגעבראָכנ א בונט. די מענטשנ האָבנ זיכ באַוואָפנט, אָבער דאָס געווער האָבנ זיי ניט באַנוצט. עס גייענ ארומ קלאַנגענ, אַז מאָרגנ וועלנ זיכ צו זיי פאַרייניקנ אייניקע טײלנ פונ גאַרניזאָנ; דער אונטערשלאַק איז א פּאָליטישער".

צום גרויסנ אומגליק פאַר דער רעוואָליוציע, איז אונדזער מאָסקווער אָרגאַניזאַציע ניט גרייט געווענ צו אַזא ענדערונג אינ דער לאַגע. קאָנצענטרירנדיק איר גאַנצע אופמערקזאַמקײַט אונ איר גאַנצע אַגיטאַציע אפ דער אַרבעטער-מאַסע, — מיר ווייסנ, ווי דאָס איז לעבנסנייטיק געווענ אינ מאָסקווע, — איז זי שלעכט געווענ פאַרבונדנ מיט דער סאָלדאַטישער באַוועגונג אונ האָט באַטראַכט איר „מילי-

טערישע אָרגאניזאציע", ווי עפעס א צווייטראנגיקע זאכ, ווי א צוגאָב. דער אָנפירער פונ דער מאָסקווער אָרגאניזאציע — דאָס איז געווענ שאנצער — האָט אָ פ-ג ע ה א ל ט נ דעמ סאָלדאטישנ אויפשטאנד, אָנשטאָט אימ פ א נ א נ ד ע ר צ ו-וו י ק ל ע נ (ווי עס האָבנ געפאָדערט אייניקע מיטגלידער פונעמ מק, וואָס זיינענ, אנגעוו, געבליבנ אינ דער מינדערהייט). אז דער ראָסטאָווער אויפשטאנד וועט אויסקומענ בוכשטעבלעכ ע ר ע וו דעמ ארעסט פונעמ פעטערבורגער ראט, ד. ה. פונ אזא ארויסטרעטונג פונ וויטעס רעגירונג, וואָס האָט אונדז געמוזט צ וו י נ ג ע נ אומבאדינגט ארויסטרעטנ, אויב מיר ווילנ זיכ ניט אונטערגעבנ אָנ א שלאכט, — דאָס ווייסנ מיר איצינד, שוינ נאָכ אלעמענ, אָבער דאָס איז שווער געווענ פאָרויסצוזענ דעמ 2-טנ דעקאבער (אלטנ סטיל) 1905 יאָר.

דער אויפשטאנד איז אוועק אויסערגעוויינלעכ סאָלידאר. דער סאמע אקטיווסטער טייל פונעמ אָפיצערנטומ האָט, ווי מיר ווייסנ, אינ דער שטיל מיטגעפילט די אויפשטענדלער; די איבעריקע האָבנ זיכ פאשעט פארלאָרנ און זיינענ אָפגעטראָטנ אָנ א זייט. דעמ שעפ פונעמ מיליטער האָט מענ ניט ארייננגעלאָזט אינעמ הויפ פונ די ספאסקער קאזארמעס, ווו עס איז געשטאנענ דער ראָסטאָווער פאָלק. מיט די קאזארמעס האָט אָנגעפירט דער סאָלדאטנ-קאָמיטעט, וואָס אימ האָבנ געפאָלגט ניט בלויז די ראָסטאָווער, נאָר אויכ די אסטראכאנער, וואָס זיינענ געשטאנענ אינ די זעלביקע קאזארמעס. אפילע די „לערנ-קאָמאנדע", וואָס האָט אינ די פאָלקנ געשפילט די ראָליע פונ אנ אינערלעכער פאָליציי און וואָס איז ארויסגעפירט געוואָרנ אפ „איינשטילנ", האָט אָנשטאָט צו שיסנ אינ די „בונטארנ", זיכ געברידערט מיט זיי. די סאָלדאטנ האָבנ מיט גוואלט באקומענ שלאכט-קוילנ, — און וואָס עס איז נאָכ וויכטיקער, דער ראָסטאָווער פאָלק האָט שוינ געהאט א קוילנווארפער-ראָטע מיט 8 קוילנווארפערס, דעמלט א ניי געווער: אינ מאָסקווער גארניזאָנ איז אינ דעמ דאָזיקנ מאָמענט געווענ סאכאקל 13 קוילנווארפערס. אינ צענטער פונעמ אויפשטאנד איז אזויארומ געשטאנענ די בעסטע באוואָפנטע קראפט פונ מאָסקווע — אינ דער הינזיכט האָט דער ראָסטאָווער פאָלק אינ דעקאבער 1905 יאָר דערמאָנט „פאָטיאָמקינענ" אינ יונ פונעמ זעלבנ יאָר.

די מאכט האָט מיט רעכט געוואָרט, אז די באוועגונג וועט זיכ פארשפרייטנ אויכ אפ אנדערע טיילנ. דעמ זעלבנ טאָג אינאָוונט זיינענ אינ מאָסקווער ראט געקומענ פאָרשטייער פונ די סאפיאָרנ-באטאליאָנענ, וואָס זיינענ געשטאנענ אינ סאָקאָלניקי, הינטער סאמע מאָסקווע. בעראָש פונ דער דעפוטאציע איז געשטאנענ א פעלדפעבעל — דער העכסטער ראנג פונעמ קלענערנ קאָמאנדירנ-באשטאנד אינ יענע צייטנ: דאָס באווייזט, אז עס האָט זיכ אויפגעהויבנ דורכויס די גאנצע ס אָ ל ד א ט י ש ע מאסע, — אלע, אויסער דעמ אָפיצערנטומ. ער האָט ארויסגערופנ א פאָרשטייער פונ מאָסקווער קאָמיטעט און האָט אימ געזאָגט: „מיר ווייסנ, וואָס עס קומט פאָר אינ ראָסטאָווער פאָלק. די סאפיאָרנ ווילנ טאָנ דאָס זעלביקע. מיר האָבנ זיכ שוינ באזאָרגט מיט פאטראָנעס. אונטער אונדזער קאראול געפינט זיכ א גרויסער ארסענאל. צו יעטווידער מאָמענט קאָנענ מיר אימ אייכ איבערגעבנ. שיקט צו זיכערע ארבעטער".

עס איז מעגלעכ, אז דער, וואָס האָט גערעדט, האָט איבערגעטריבנ די קראפט און די באדייטונג פונ די באוווסטזיניקע סאָלדאטנ, האגאמ די סאפיאָרנ, טעכניש מיליטער, זיינענ זיכער געווענ דער סאמע אינטעליגענטער און באוווסטזיניקסטער טייל פונעמ צארישנ מיליטער ביכלאל. עס איז געוויס ריכטיק געווענ, אז די שטי-

מונג פונעמ מאָסקווער גאַרניזאָנ אינגאַנצנ גענומענ איז שנעל געשטיגנ. דעם זעלבנ 2-טנ דעקאַבער האָט זיכ אײַנגעגעבנ צונויפרופנ א באַראַטונג, ווו עס זײַנענ געווענ פאָרשטייער ניט בלויז פונ די ראָסטאָווער און פונ די סאַפּיאָרנ, נאָר אויכ פונ די פּאָלקנ — קאַטערינאָסלאַווער (וואָס איז געשטאַנענ אינ קרעמל), נעסוויזשער, טראָיצע-סערגייעווער רעזערוו-פּאָלק, ווו אומרוענ זײַנענ שוינ געווענ מיט א וואָכ פריִער, און אפילע פונ די קאָזאַקנ. אײניקע היסטאָריקער רופנ אָנ די דאָזיקע פאַרזאַמלונג ראַט פונ סאָלדאַטנ-דעפּוטאַטנ, און דאָס איז אָנ ספק געווענ אנ עמבריאָנ פונ אזא ראַט.

די שטימונג פונעמ מאָסקווער גאַרניזאָנ איז געווענ אזא, אז מע האָט פולקומ געקאָנט, — איצט, נאָכ אלעמענ, קאָנענ מיר זאָגנ, אז מע האָט געמוזט, — נעמענ די באַוועגונג אינ אונדזערע הענט. אָבער פאַנאַנדערוויקלענ די סאָלדאַטישע באַוועגונג האָט באַטײַט גײנ אָפּ א באַוואָפנטנ אופשטאַנד, — דאָס איז געווענ קלאָר. און א באַוואָפנטער אופשטאַנד איז אינ סעוואַסטאָפּאָל מיט דרײטהאַלבנ וואָכנ צוריק פאַרשפּילט געוואָרנ. דער מאָמענט האָט זיכ ביכלאַל גערעכנט פאַר ניט קײנ גינסטיקנ פאַר א באַוואָפנטנ אופשטאַנד. שאַנצער האָט ניט גענומענ אָפּ זיכ די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט צו ענדערנ די פּאַרטיי-ליניע — ער האָט פריִער געוואָלט זיכ צונויפריידנ מיטנ צק. די סאַפּיאָרנ האָט מענ אנ אייצע געגעבנ, זיי זאָלנ „אופוואַרטנ“. צו די ראָסטאָווער, וואָס האָבנ זיכ שוינ אופגעהויבנ, האָט מענ אוועקגעשיקט אַגיטאַטערס, — מע מוז זאָגנ, אז זיי האָבנ זייער ניט געשיקט זיכ גענומענ צו דער אַרבעט. די סאָלדאַטנ זײַנענ אופגעשטאַנענ דערווײַל קעגנ דער נאָענטסטער מאַכט זייערער — קעגנ די אָפיצערנ און גענעראַלנ. עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָס דער ראָסטאָווער פּאָלק האָט טייקעפ טאַקע אַראָפּגענומענ בא „זייער וווילגעבורט“ די דענשטשיקעס (סאָלדאַטנ באַדינער). די פאָדערונגענ פונ דער סאָלדאַטישער מאַסע זײַנענ אינ טאָכ גענומענ געווענ פּראָפעסיאָנעלע. אריבערפירנ זיי אָפּ א פּאָליטישנ באָדנ האָט מענ געקאָנט, אָבער דאָס האָט מענ געדאַרפט טאָנ געשיקט. די אַגיטאַטערס האָבנ גלײַכ אָנגעהויבנ ריידנ וועגנ דעמ צאַר, — אָנגעהויבנ ריידנ אָפּ דער טעמע „אַראָפּ די זעלבסטהערשונג“. דאָס וואָלט עפּשער ניט איבערגעשראָקנ די סאַפּיאָרנ, אָבער די ראָסטאָווער זײַנענ נאָכ דערצו ניט רייפ געווענ. און דעריקער: דאָ האָט מענ, פונקט ווי אינ סעוואַסטאָפּאָל, געדאַרפט ניט ריידנ, נאָר טאָנ, און ווי ווײַט מעגלעכ זיכער. די שטימונג פונ דער רעוואָלוציאָנער ניט רײַפער סאָלדאַטישער מאַסע איז, פאַרשטייט זיכ, געווענ ניט קיינ שטאַנדהאַפטיקע: מיר האָבנ דאָס שוינ געזענ אָפּנ בײַשפּיל פונעמ „פּאָטיאָמקינ“-אופשטאַנד, און די „פּאָטיאָמקינצעס“ זײַנענ, פאַרשטייט זיכ, געווענ באַוווּסטזיניקער פונ די מאָסקווער גרענאַדיערנ. די מאַכט ווידער, וואָס איז שוינ אָנגעלערנט געווענ פונ דערפאַרונג, האָט זיכ געפירט קלוג. זי האָט ניט אָנגעהויבנ שיסנ, ניט אָנגעהויבנ אפילע אינ דער ערשטער מינוט צו אַרעסטירנ, נאָר צוגעגעבנ פלייש אינ באָרשטש אַרײַנ, צוגעגעבנ עטלעכע קאָפּעקעס צומ סאָלדאַטס גראָשנדיקנ לוינ, און אינעמ טומל האָבנ זיי אָפּגעלאָזט אינ דאָרפ אַרײַנ די מער אומרויִקע סאָלדאַטנ פונ די עלטערע יאָרנ, וואָס זײַנענ טאַקע געווענ פאַנאַנדערגעפּראָפּאַגאַנדירט בעסער פונ אלע אַנדערע. די איבעריקע האָט מענ געגעבנ א מעגלעכקײַט צו „באַטראַכטנ זיכ“. די פעלערנ פונ דער אַגיטאַציע, די צערטלעכע רעדעס פונעמ שוואַרצמייעדיקנ אָפיצערנטומ האָבנ שוינ דערטאָנ דאָס איבעריקע. דעם 4-טנ דעקאַבער איז דער ראָסטאָווער פּאָלק „צוגעטראָטנ צומ קאַראָול“ — די מעכאַנישע

דיסציפּלינ איז צוריק אריינ אינ אירע רעכט. דעמ זעלבנ טאָג איז קיינ מאָסקווע געקומענ א ידיעה וועגנ דעמ ארעסט פונעמ פּעטערבורגער ראט.

עס איז אָנגעקומענ דער מאָמענט, ווענ מע האָט געמוזט אָדער זיכ אונטערגעבנ אָנ א שלאכט, אָדער אומבאדינגט ארויסטרעטנ. „מיר האָבנ ניט געקאָנט דערלויבנ דעמ סוינע, ער זאָל ביסלעכווייז פארניכטנ אונדזערע קויכעס אינ באזונדערע געראנגלענ, מיר האָבנ ניט געקאָנט וואַרטנ ביז ער וועט מיט גענערישע אָנפאלנ אויסראָטנ די פאָרגעשריטענע אָטריאדנ פונ אונדזער רעוואָליוציאָנערער ארמיי, — האָט געשריבנ דער פּעטערבורגער קאָמיטעט פונ אונדזער פּארטיי אינ דער פּראָקלאמאציע, וואָס ער האָט דעמלט ארויסגעלאָזנ, — אונדזערע פאריינענ האָט מענ פאנאנדערגעלאָזט, אונדזערע צייטונגענ האָט מענ פארמאכט, אונדזערע דעפּוטאטנ האָט מענ ארעסטירט, אונדזערע פארזאמלונגענ האָט מענ פארווערט. אלצ, וואָס מיר האָבנ דעראָבערט אינ אָקטיאבער, האָט בא אונדז די רעגירונג אָפּגענומענ אינ אָנהייב דעקאבער". דער מאָסקווער ראט,* וואָס איז צונויפגערופנ געוואָרנ דעמ זעלבנ טאָג, האָט זיכ ארויסגעזאָגט פאר אנ אלגעמיינעמ שטרייק אונ פאר פארוואנדלענ אימ אינ א באוואָפנטנ אויפשטאנד. אָבער די מיטגלידער פונ ראט, די פאָרגעשריטענע ארבעטער פונ מאָסקווע אונ דער־יקער די יוגנט (דער דורכשניטלעכער עלטער פונ אנ ארבעטער־דעפּוטאט איז געוועזנ 23 יאָר), האָבנ אויסגעצייכנט פארשטאנענ, אז אויפהייבנ די גאנצע מאסע מאָסקווער ארבעטער אויפ אנ אויפשטאנד איז ניט אזא לייכטע זאכ. עס איז באשטימט געוואָרנ אָפּלייגנ די ענדגילטיקע לייזונג אויפ צוויי טעג, ביזנ 6־טנ דעקאבער, דורכפירנדיק אינ די פאבריקנ אונ זאוואָדנ א ריי מיטינגענ, וואָס האָבנ געדארפט קלאָר מאכנ די שטימונג פונ די ברייטע קרייזנ פּראָלעטאריאט. אויב דער דורכגעלאָזענער מיליטערישער אויפשטאנד איז געוועזנ דער ערשטער — אונ דער סאמע גרעסטער — מינוס אינ דער ארויסטרעטונג, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ, איז דאָס דאָזיקע אָפּלייגנ אויפ צוויי טעג געוועזנ דער צווייטער, סיי לויט דער צייט סיי לויט דער באדייטונג. שוינ אויפ מאָרגנ איז געוואָרנ קלאָר, אז מע טאָר ניט אָפּלייגנ די ארויסטרעטונג, אונ די פּארטיי־קאָנפערענצ האָט אינאָווונט דעמ 5־טנ דעקאבער מיט אנ איבערוועגנדיקער מערהייט שטימענ באשלאָסנ: „פונ 7־טנ דעקאבער אָנ דערקלערנ אנ אלגעמיינעמ שטרייק, וואָס דארפ זיכ אויסגיסנ אינ א באוואָפנטנ אויפשטאנד". אנ אנטשיידנדיקע באדייטונג האָבנ געהאט צוויי מאָמענטנ: די ארויסטרעטונג פונעמ פּעטערבורגער דעלעגאט, וואָס האָט גאראנטירט אנ אויפשטאנד אינ פּעטערבורג (מיר האָבנ געזענ, אז די ש ט י מ ו נ ג פונ די פאָרגעשריטענע פּעטערבורגער ארבעטער האָט געגעבנ א גרונט צו רייד נ אזוי), אונ דער צוזאָג פונעמ אייזנבאנער־פאריינ זיכ צו פארייניקנ צומ אלגעמיינעמ פּאָליטישנ שטרייק אונ ניט צו דערלאָזנ טראנספּאָרטירנ מיליטער... אזוי ווי דעמ מאָסקווער גארניזאָנ האָט מענ, נאָכ דעמ אלעמענ, וואָס עס איז פאָרגעקומענ, ניט געקאָנט רעכענענ פאר א פעסטע שטיצע פונ דער „אָרדענונג", האָט די אוממעגלעכקייט צופירנ מיליטער קיינ מאָסקווע פונ אויסנ געגעבנ א גרויסנ שאנס לעטויוועס דעמ דערפאָלג פונעמ אויפשטאנד. וואָס דורכקאָנטראָלירנ די שטימונג אינ די גרעסטע פאבריקנ אונ זאוואָדנ האָט באשטעטיקט די גרייטקייט פונעמ מאָסקווער פּראָלעטאריאט ארויסצוטרעטנ, האָבנ די

* דער ראט איז באשטאנענ פונ 204 דעפּוטאטנ, וואָס האָבנ פאָרגעשטעלט בא 100 טויזנט ארבעטער אונ 134 פאבריקנ אָדער זאוואָדנ. דאָס איז געוועזנ זיינ ד ר י ט ע פּלענארע זיצונג.

באָרימ פונ דער אַרויסטרעטונג, — צי א שטרײַק, ווי פריִער, אָדער אַריבערגײ־
אַפ א העכערער שטופע, צו א באַוואָפנטנ קאַמפ, — איז געבליבנ ניט אינגאַנצנ
אויסגעקלאָרט. אפילע די „איזוועסטיא" פונ מאָסקווער ראט האָט נאָכ דעמ 9-טנ
דעקאבער געשריבנ: „דאָס געווער פונ אנ אלגעמיינעמ שטרײַק באַנוצט דער פראָ־
לעטאַריאַט אינ רוסלאנד ניט דאָס ערשטע מאָל. מיט דעמ דאָזיקנ געווער האָט דער
פראָלעטאַריאַט אינ אָקטיאבער דערלאנגט א פילבאַרנ קלאַפ דער זעלבסטהערשע־
רישער באַנדע און האָט זי געצוווּנגענ אַרויסצומורמלענ אנ אנערקענונג פונ די פאָלק־
פרײַהײטנ. איצט איז נייטיק געוואָרנ איבערצוכאַזערנ און פאַרשטאַרקנ דעמ דאָ־
זיקנ קלאַפ, מאַכנ אימ ווי ווײַט מעגלעכ פאַר אנ ענדגילטיקנ, פאַר א טויט־קלאַפ,
נעמענ אינ אונדזערע הענט די אַרבעט צו שאַפנ אינ רוסלאנד ווירקלעכע פאָלי־
טישע פרײַהײטנ. דאָס באַנעמענ יענע הונדערטער טויזנטער, וואָס האָבנ זיכ ווידער
גענומענ פאַרנ געווער פונ אנ אלגעמיינעמ פאָליטישנ שטרײַק דעמ 7-טנ דעקאבער".
דאָס האָט ווי צוגעזאָגט בלויז אנ איבערכאַזערונג פונ דעמ, וואָס עס איז געווענ
אינ אָקטיאבער. און בלויז די ווייטערדיקע שוואַכע אָנצוהערעניש וועגנ „א בלו־
טיקנ קאַמפ" האָט געגעבנ צו פאַרשטיינ, אַז איצט וועט זיכ עס ניט באַגרענעצנ
מיט איבערכאַזערנ דאָס, וואָס עס איז געווענ אינ אָקטיאבער.

אזויווי דער מאָסקווער ראט האָט זיכ אינגאַנצנ געפונענ אונטער דער ווירק־
קונג פונ די באָלשעוויקעס, איז נאָכנ באַשלוס פונ דער קאָנפערענצ און נאָכנ אויס־
פרעגנ די פאבריקנ דער באַשלוס זײַנער שוינ געווענ א פאַשעטע פאָרמאַליטעט.
דעמ 7-טנ דעקאבער אינדערפרי איז אַרויס דער ערשטער נומער „איזוועסטיא"
פונ מאָסקווער ראט, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ מיט אנ אנשלאָג: „דער מאָסקווער
ראט פונ די אַרבעטער-דעפוטאַטנ, דער קאָמיטעט און די גרופע פונ דער רוסלענ־
דישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי און דער קאָמיטעט פונ דער
פּאַרטיי סאָציאַליסטנ-רעוואָלוציאָנערנ האָבנ באַשלאָסנ: דערקלערנ אינ מאָס־
קווע פונ מיטוואָכ, דעמ 7-טנ דעקאבער, פונ 12 אזייגער באַטאָג אנ אלגעמיינעמ
פאָליטישנ שטרײַק און שטרעבנ אַריבערצופירנ אימ אינ א באַוואָפנטנ אויפשטאַנד".
ווײַטער איז געווענ אנ אויפרופ „צו אלע אַרבעטער, סאָלדאַטנ און בירגער", גע־
כאַסמעט פונ אלע אויסגערעכנטע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָט זיכ פאַרענדיקט מיטנ
רופנ: „איז דרייסטער אינ שלאַכט, כאַווײרימ־אַרבעטער, סאָלדאַטנ און בירגער!
אַראָפ די פאַרברעכערישע צאַרישע רעגירונג! זאָל לעבנ דער אלגעמיינער שטרײַק
און דער באַוואָפנטער אויפשטאַנד! זאָל לעבנ די אַלפאָלקישע גרינדונג־פאַרזאַמלונג!
זאָל לעבנ די דעמאָקראַטישע רעפובליק!". די אײַזנבאַנער האָבנ אַרויסגעלאָזט
זייערנ אייגענעמ, זעלבשטענדיקנ אויפרופ. פונ די „לעגאַלע" צײַטונגענ האָט
דעמ באַשלוס און דעמ אויפרופ פובליקירט בלויז די באָלשעוויסטישע „באָרבא",
וואָס האָט מיטנ זעלבנ נומער אויפגעהערט איר עקזיסטענצ, פונקט ווי, אגב,
אלע איבעריקע צײַטונגענ. לויטנ באַשלוס פונ ראט זײַנענ זיי אלע בײַמ שטרײַק
פאַרבאָטנ געוואָרנ אַפ די „איזוועסטיא".

ווי עס איז צו זענ פונ די כסימעס, האָבנ זיכ צו די באָלשעוויקעס אינעמ
אויפרופ צומ אויפשטאַנד פאַראייניקט אויכ די מענשעוויקעס (דער „קאָמיטעט"
רסדאַפ — דאָס זײַנענ די באָלשעוויקעס; די „גרופע" רסדאַפ — דאָס זײַנענ
די מענשעוויקעס) און די עסערנ. דאָס, וואָס די מענשעוויקעס האָבנ זיכ פאַראיי־
ניקט, האָט אײדעס געזאָגט וועגנ דער שטימונג פונ די מאַסנ עפשער נאָכ קלאָ־
רער, איידער אפילע די רעזאָלוציעס פונ די פאבריקנ און זאַוואָדנ. די אויפירונג

פונ די עסערנ איז געווענ באזונדערס אינטערעסאנט. „זיי האָבנ זיכ געפליסנ אויסצוראָטנ פונעמ אופרופ יעטווידער שארפנ אויסדרוק" אונ האָבנ געפאָדערט, אז אינ ערגעצ, אפילע אינ די לאָזונגענ, זאָלנ ניט דערמאָנט ווערנ די ווערטער „באוואָפנטער אופשטאנד". נאָכ מער: רודיגיעוו (איינער פונ די עסערישע פאָרשטייער, אינ 1917 יאָר, — דער לעצטער מאָסקווער שטאָט-גאָלאָווא * אונ א פארביסנסטער קעגנער פונ דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע) האָט באזונדערס אקשאָנעסדיק געפאָדערט, אז אינעמ אופרופ זאָל ניט דערמאָנט ווערנ אפילע די פאָדערונג פונ א דעמאָקראטישער רעפובליק, — ער האָט געהאלטנ, אז די דאָזיקע פאָדערונג איז זייער א ראדיקאלע אונ איז דערווײַל ניט אָנעמבאר פאר די פויערימ אונ פארנ „ליבעראלנ טייל פונ דער געזעלשאפט", ווי ער האָט זיכ אויסגעדריקט.** די באָלשעוויקעס האָבנ פארגעלייגט די עסערנ, זיי זאָלנ ארײַנטראָגנ זייערע „אויסבעסערונגענ" אפנ פלענומ פונ ראט. דערופ האָט בא די עסערנ ווידעראמאָל ניט געקלעקט קיינ מוט.

טעכניש האָבנ די מענשעוויקעס, צוליב דער אָפּוועזנקײַט סײַ פונ אייגענע שלאכט-אָרגאניזאציעס סײַ — אונ באזונדערס — פונ א שלאכט-שטימונג, גאָרניש ניט ארײַנגעטראָגנ אינעמ אופשטאנד אונ האָבנ זיכ אנטפלעקט ערשט דאָנ, ווענ מע האָט שוינ געדארפט ענדיקנ: לויט זייער פאָדערונג איז צונויפגערופנ געוואָרנ דער לעצטער, פינפטער פלענומ פונ מאָסקווער ראט, וואָס האָט באשלאָסנ ענדיקנ דעמ שטרײַק. די עסערנ האָבנ ניט באוויזנ זיכ צו אנטפלעקנ. זייער שלאכט-דרוזשינע, א ניט שלעכט באוואָפנטע אונ געשולטע (די מאָסקווער בורזשואזיע האָט זיכ באזונדערס געגרויסט מיט איר), איז גענומענ געוואָרנ אינ געפענקעניש אינ פולנ באשטאנד, גלײַכ אינעמ ערשטנ טאָג פונעמ אופשטאנד אינ איר שטאבקוואַרטיר, אינ פידלערס הויז, — דאָס געוויינלעכע אָרט פונ פארזאמלונגענ אינ די דאָזיקע טעג (דאָ איז פארגעקומענ אויכ אונדזער קאָנפערענצ דעמ 5-טנ דעקאבער). איינצלנע עסערנ האָבנ זיכ שפּעטער ארויסגעוויזנ ווי גוטע קעמפער אונ אָנפירער מיט דרוזשינעס, אָבער זייער פארטיי אינגאנצנ גענומענ איז פארבליבנ אינ שאָטנ, כאָטש דאָס האָט ניט געשטערט די עסערישע ליטעראטנ דערנאָכ צונויפצושטויסנ א העכסט אומפארשעמטע „דראמע", ווו די עסערישע פירער (א טייל פונ זיי לעבט נאָכ ביז איצט) זײַנענ געשילדערט געוואָרנ ווי אומקומענדיקע אפ די באריקאדעס. נאָר דערופ איז עס א דראמע — אינ איר ווערנ דערלאָזנ „פּאָעטישע פרײַהײַטנ". אינ דער ניכטערער ווירקלעכקײַט אָבער איז דער מאָסקווער אופשטאנד אינ דעקאבער 1905 יאָר געווענ א ריינ באָלשעוויסטישער איניען. אונדזער פארטיי געהערט אינ דער זאכ סײַ דער גאנצער רומ, סײַ די גאנצע פאראנטוואָרטלעכקײַט.

גלײַכ פונעמ ערשטנ טאָג פונעמ שטרײַק איז די מאכט קימאט אינ דער גאנצער שטאָט אריבער אינ די הענט פונעמ מאָסקווער ראט פונ די ארבעטער-דעפוטאטנ. די מאכט פונעמ גענעראל-גובערנאטער דובאסאָוו, — דעמ ענערגישנ „אײַנשטילער" פונ די פויערימ אינ דאָרעמ-רוסלאנד, ווו ער האָט דער ערשטער געלאָזט אינ גאנג ארטילעריע קעגנ אופגעשטאנענע דערפער אונ וואָס איצט האָט מענ אימ ארויסגערופנ אפ „אײַנשטילנ" מאָסקווע פארנ סאמע אָנהייב פונ שטרײַק, — האָט

---

* גאָלאָווא (ראָש) — האָט זיכ גערופנ דער פאָרזיצער פונ דער אָרטיקער זעלבסטפארוואלטונג, פונ דער שטאָטישער דומע. רעד.

** מ. וואסיליעוו-יוזשינ, מאָסקווער ראט פונ ארבעטער-דעפוטאטנ אינ 1905 יאָר.

זיכ פארשפרייט בלויז אפנ צענטער פונ דער שטאט, ווו ער האט זיכ באזעצט מיט דעמ מיליטער, וואס איז אימ געבליבנ „טרײַ“: סאכאקל בא אנדערהאלבנ טויזנט באגנעטנ אונ שווערדנ, לויט זײַנ אייגענער אפשאצונג; די איבעריקע סאלדאטנ האט ער געמוזט אלס „ניט זיכערע“ פארשליסנ אינ די קאזארמעס, אונ אפנעמענ בא זיי די ביקסנ אונ קוילנ. ער האט זיכ געבעטנ ראכמימ בא דער העכערער מאכט, מע זאל אימ צושיקנ פונ פעטערבורג „לעבאלאפאכעס איינ בריגאדע אינפאנטעריע“ (ד. ה. נאכ אנדערהאלבנ־צוויי טויזנט מאנ). אבער אינ פעטערבורג האט מענ אויכ פונ מינוט צו מינוט געווארט אפ אנ אויפשטאנד, אונ דובאסאוו האט באקומענ אנ ענטפער: „קיינ פרײַ מיליטער אפ ארויסשיקנ קיינ מאסקווע איז ניטא“.

די מאכט פונעמ גענעראל־גובערנאטער איז דערגאנגענ אומגעפער ביז דער ליניע פונ די בולווארנ. הינטער דער דאזיקער ליניע האט אינ מאסקווע רעגירט אינ דעקאבער 1905 יאר די ראטנמאכט, אונ איר האבנ זיכ אונטערגעווארפנ פיר פינפטל פונ דער מאסקווער באפעלקערונג. דאס איז לאכלוטנ ניט געווענ בלויז א נאמינעלע מאכט, וואס ווײַזט זיכ ארויס בלויז מיט אויפרופנ אונ מאניפעסטנ; דאס איז געווענ א פולשטענדיק קאנקרעטע, רעאלע מאכט, וואס פארוואלטעט מיטנ גרעסטנ טייל שטאט אזוי, ווי עס האט פארוואלטעט דער מאסקווער ראט אינ די ערשטע טעג נאכ דער אקטיאבער־רעוואליוציע אינ 1917 יאר. דער אויספירקאמ פונ ראט פלעגט דערלויבנ אדער ניט דערלויבנ האנדלענ אונ פלעגט שטעלנ באדינגונגענ פאר דער דערלויבעניש — געבנ קרעדיט די שטרײַקנדיקע ארבעטער; ער האט פארווערט צו פארקויפנ ספירט־געטראנקענ, האט באפרײַט די ארבעטער פונ צו צאלנ דירע־געלט בייסנ שטרײַק, ער האט רעגולירט די פרײַזנ, האט פארווערט צו באקנ אנ אנדער ברויט, אכוצ שווארצנ: די מאסקווער גרויסע אינטעליגענצ, מיט די אוניווערסיטעטישע פראפעסארנ אינ דער שפיצ, האבנ לאנג ניט געקאנט פארגעסנ דעמ דאזיקנ „גוואלדטאט“ פונעמ פראלעטאריאט. אזוי ווי פלייש איז געווענ א שפײַז־פראדוקט דעריקער פונ די פארמעגלעכע שיכטנ, האט מענ די שעכטהײַזער פארמאכט אונ די וועטערינארע אויפזיכט פונעמ פלייש־פארקויפ ארומגענומענ: דער בורזשואזיע איז פארגעשטאנענ אויסצוקלײַבנ אדער זיכ דערנערנ מיט פארעווער שפײַז, אדער עסנ פלייש, וואס די קוואליטעט זײַנע האט קיינער ניט גאראנטירט. אבער דער גאז־זאוואד האט ניט אויפגעהערט צו ארבעטנ מיט דער דערלויבעניש פונ ראט, ווייל א טעכנישע עקספערטיזע האט פעסטגעשטעלט, אז אויב מע וועט אימ אפשטעלנ, דראט עס מיט א גאז־אויפרײַס. עס האבנ, פארשטייט זיכ, געארבעט, ווידעראמאל מיט א ספעציעלער דערלויבעניש פונ ראט, די קאנאליזאציע אונ די וואסער־לייטונג; די אדמיניסטראציע פונ דער וואסער־לייטונג איז שוינ געווענ פארטאנ אינ די „באלוינונגענ“ צו די ניטל־טעג* אונ האט מיקויעכ דעמ זיכ אויכ געווענדט אינ ראט. אפ ווי ווײַט דער ראט האט זיכ פארנומענ מיט יעטווידער קלייניקײַט, באווײַזט איינע זײַנע א באשטימונג, וואס איז פארעפנטלעכט געווארנ אינ די „איזוועסטיא“: „באמ אפשטעלנ די דאמפ־באהייצונג אפ די פאבריקנ אכטונג געבנ, אז דאס זאל ניט ארײַנטראגנ קיינ איבעררײַס אינ דער באהייצונג פונ די ארבעטערשע וווינונגענ אונ קיכנ“.

א מוסטער פונ סאוועטישער ארגאניזאציע איז געווענ דאס דרוקנ די „איז־

---

* א קריסטלעכער יאנטעוו — דעמ 25־טנ דעקאבער. רעד.

יועסטיא" גופא. דער ראט האָט, פאַרשטייט זיכ, ניט געהאַט קיינ אייגענע דרוקעריי. אָבער דאָס האָט ניט געשטערט, אַז די צייטונג זאָל רעגולער דערשיינענ. יעדעס מאָל פלעגט מענ פאַרכאַפּנ א באַשטימטע גרויסע דרוקעריי, די דרוזשינע-מיטגלידער פלעגנ פאַרנעמענ אַלע אַרויסגענג, די זעצער, מעטראַנפּאַזשנ, קאָרעקטאָרנ, סטערעאָטיפּירער אונ דרוקער פלעגנ זיכ גיכ נעמענ צו דער אַרבעט אונ אינ א פּאָר שעה אַרומ פלעגט א נומער — ניט קיינ גרויסער, ער פלעגט אַנטהאַלטנ בלויז א לייטאַרטיקל אונ כראָניק — זיינ אויסגעזעצט, געבראַכט, אָפּגעדרוקט אונ אַרויסגעלאָזט. דער פּאָליציי האָט זיכ קיינ איינ מאָל ניט איינגעגעבנ צו פאַרכאַפּנ דעמ אַרויסלאָז אָדער שטערנ דער אַרבעט, הגמ דאָס דרוקנ איז אָפּ שריט אונ טריט פאָרגעקומענ אינעמ גענעראַל-גובערנאַטאָרס ראַיאָנ.

דער האָזיקער ביישפּיל באַווייזט, אָפּ ווי ווייט די מאָסקווער אַרבעטער האָבנ אומעטומ, אינ גאַנצ מאָסקווע אונ ניט בלויז הינטער דער ליניע פונ די בולוואַרנ, געסט אונ דיסציפּלינירט זיכ אונטערגעוואָרפנ דער ראַטנמאַכט. דער רופ צומ שטרייק איז אויסגעפילט געוואָרנ אָפּנ פּינקטלעכסטנ אויפנ: עס האָבנ פאַרשטרייקט 150 טויזנט מענטשנ, ד. ה. דער גאַנצער מאָסקווער פּראָלעטאַריאַט, פונ א קלייגעמ טייל קליינע פאַבריקנ, ווו די זובאַטאָווישע טראַדיציעס זיינענ נאָכ געווענ צו שטאַרק, האָט מענ די אַרבעטער אַראָפּגענומענ מיט גוואַלד, — אַראָפּגענומענ האָבנ די אַרבעטער גופא פונ די שכיינישע גרויסע אונטערנעמונגענ. אָנווענדנ ערגעצ ווו א מינ מיליציע איז דעמ ראַט ניט אויסגעקומענ, — די דרוזשינע-מיטגלידער פלעגט מענ שיקנ אויסשליסלעכ קעגנ מיליטער אונ קעגנ דער פּאָליציי. צווינגענ איז ניט אויסגעקומענ אַפילע די קליינ-בורזשואַזיע, — די קרעמער, די באַלעבאַטימ פונ האַנטווערקערישע וואַרשטאַטנ, די „אַנגעשטעלטע" פונ אַלע קאַטעגאָריעס האָבנ געפאָלגט דעמ ראַט פונקט אַזוי, ווי די אַרבעטער (דער ראַט האָט, אַגעוו, זיכ געשטעלט קעגנ פאַרמאַכנ די בענק, קעדיי ניט שטערנ דער באַפעלקערונג צוצונעמענ דאָס גאַנצע גאָלד, וואָס האָט זיכ דאָרט געפונענ). די גרויס-בורזשואַזיע איז געזעסנ פאַרשפּאַרט בא זיכ אינ די הייזער אונ ווילעס, איבערגעוואַרט די „באַלאַגערונג", אָבער קיינ ווידערשטאַנד האָט זי אויכ ניט אַרויסגעוויזנ. די איינציקע רעאַלע קראַפט, וואָס איז געשטאַנענ קעגנ דעמ ראַט, איז געווענ דובאַסאָוו מיט זיינע סאָלדאַטנ, קאָזאַקנ אונ גאָראָדאָווויעס.

פונעמ אויסגאַנג פונעמ קאַמפּ קעגנ דער האָזיקער קראַפט איז אָפּהענגיק געווענ אַלצ. נאָכ דעמלט, ווענ די שיסערייענ אָפּ די גאַסנ פונ מאָסקווע האָט זיכ נאָכ ניט געהאַט אָנגעהויבנ, — זי האָט זיכ אָנגעהויבנ ערשט אינאָוונט פרייטיק, דעמ 9-טנ דעקאַבער (דעמ 22-טנ לויטנ נייעמ סטיל), — האָט זיכ די ראַטנמאַכט פּאַקטיש געהאַלטנ אָפּנ ניצאָכנ פונעמ אופשטאַנד אינ די אַרבעטער-ראַיאָנענ, פונוואַנענ די פריערדיקע מאַכט איז אַליינ אַוועק. די „מאַכט" אָבער, דאָס איז געווענ זעלבסט-פאַרשטענדלעכ, איז אָפּגעטראָטנ נאָר קעדיי בעסער א שפּרונג טאָנ. די מאַכט פונעמ ראַט וואָלט זיכ געקאָנט רעכענענ אינ די גרענעצנ פונ מאָסקווע פאַר א פאַרפעסטיקטער ערשט נאָכ דעמ, ווי איר וואָלט זיכ איינגעגעבנ צו פאַרניכטנ די דובאַסאָווישע נעכט. ווענ איר וואָלט זיכ דאָס געווענ איינגעגעבנ, וואָלטנ זיכ איר אונטערגעוואָרפנ ניט בלויז די אַרבעטער אונ די קליינ-בורזשואַזיע, נאָר אויכ יענע „ניט זיכערע" סאָלדאַטנ, וועלכע דובאַסאָוו האָט געהאַלטנ פאַרשפּאַרט אינ די קאַזאַרמעס, אונ צו די „ניט זיכערע" האָבנ געהערט אַלע מאָסקווער אַרטילעריסטנ. עס איז קיינ ספק ניט, אַז איר וואָלט זיכ אונטערגעוואָרפנ אויכ א געוויסע

טייל פונעמ אָפיצערגטומ. די זיגרייכע מאָסקווע וואָלט געהאַט ניט בלויז א רעוואָליוציאָנערע רעגירונג אינ געשטאַלט פונ איר ראַט, נאָר אויכ א רעוואָליוציאָנערע אַרמיי.

אַז דער אויפשטאַנד האָט געהאַט שאַנסנ אויפ אַ דערפאָלג, ווענ ער זאָל זיכ געווענ אָנהייבנ מיט א וואָכ פריִער און ער זאָל געווענ צוגעפאַלנ מיטנ ערשטנ אויפשטייג פונ דער באַוועגונג אינעמ מאָסקווער גאַרניזאָנ, דערינ קאָנ קיינ שומ סאַפעק ניט זיינ. און פונקט אַזוי קאָנ קיינ שומ סאַפעק ניט זיינ, אַז דער ניצחונ פונעמ אויפשטאַנד אינ מאָסקווע וואָלט געווענ א סיגנאַל צו אַנ אויפשטאַנד אינעמ גאַנצנ צענטראַל-אינדוסטריעלנ ראַיאָנ, און פריִער פאַר אַלצ אינ פעטערבורג, אינ וועלכנ שומ מענשעוויסטישע שפיצלעכ וואָלטנ שוינ ניט געקאָנט אָפהאַלטנ די אַרבעטער. דאָס צעטיילנ די מיליטערישע און די פּראָלעטאַרישע באַוועגונג איז געווענ דובאַסאָווס ערשטער דערפאָלג, — פאַר אימ אַליינ אַנ אומגעריכטער און לאַכלוטנ ניט אָפהענגיק פונ זיינ ווילנ. און קומאַט אַזוינע צופעליקייטנ זיינענ געווענ דער צווייטער און דער דריטער דערפאָלג זיינע. ערשטנס, איז אינ דער נאַכט פונעמ 7-טנ אויפנ 8-טנ דעקאַבער אַרעסטירט געוואָרנ די „אינפאָרמאַציע-ביוראָ” — דער אָרגאַנ, וואָס האָט פאַראייניקט אַלע רעוואָליוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס פונ מאָסקווע און וואָס האָט פאַקטיש אָנגעפירט מיט דער גאַנצער באַוועגונג. פונ די סאָציאַלדעמאָקראַטנ באָלשעוויקעס זיינענ אינ אימ אַריינ די צוויי וויכטיקסטע מיטגלידער פונ קאָמיטעט — שאַנצער און וואַסיליעוו-יוזשינ. מיט זייער אַרעסט איז דער קאָמיטעט געבליבנ אָנ א קאָפּ — אינ אימ זיינענ פאַרבליבנ געוויינלעכע טוער, וואָס זיינענ ניט גרייט געווענ און וואָס האָבנ זיכ ניט געגרייט אָנצופירנ מיטנ אויפשטאַנד אינ אַנ אַלגעמיינ-שטאָטישנ מאַסשטאַב. דער אַרעסט איז געווענ א פולשטענדיקער צופאַל, ווי עס באַשטעטיקט די מערהייט טוער פונ יענער צייט: צוליב דער ניט-קאָנספּיראַטיווקייט פונ איינעמ פונ די פאָרשטייער פונעמ אייזנבאַנער-פאַריינ, וואָס זיינענ אַריינ אינ ביוראָ, האָט די פּאָליציי אַנטדעקט דאָס אָרט פונ דער זיצונג. עס איז געווענ אויכ א צווייטע ווערסיע, — אַז די קוואַרטיר האָט געפונענ א פרוי, וואָס האָט געדינט, ווי עס האָט זיכ שפעטער אַרויסגעוויזנ, אינ דער מאָסקווער אָכראַנקע. ווי די מייסע זאָל ניט זיינ, דובאַסאָוו איז אינ דעמ ניצחונ זיינעמ ניט שולדיק, און אינ דער ערשטער מינוט האָט ער אַפילע ניט געוווסט, וועמענ ער האָט אינ די הענט. ער האָט ראַפּאָרטירט קיינ פעטערבורג: „נאָרוואָס זיינענ אַרעסטירט געוואָרנ זעקס וויכטיקסטע אייזנבאַנ-דעלעגאַטנ”. אַפילע שפעטער האָט זיכ דער אָכראַנקע ניט איינגעגעבנ אויפצודעקנ שאַנצערנ: ווער ער איז אַזויגער און וואָס פאַר א ראָליע האָט ער געשפּילט אינעמ אויפשטאַנד, דאָס איז געבליבנ ניט אויפגעדעקט, און דערפאַר איז ער אָפּגעקומענ פאַרהעלטניסמעסיק זייער גרינג — ער איז בלויז פאַרשיקט געוואָרנ אינ אַדמיניסטראַטיווער אָרדענונג. טיילווייז האָט דערצו מיטגעווירקט דאָס, וואָס גלייכ אויפ דער צווייטער נאַכט האָבנ די עסערישע דרוזשיניקעס אויפגעריסנ די מאָסקווער אָכראַנקע, דערביי איז אומגעקומענ אַלצ, וואָס די פּאָליציי האָט פאַרכאַפּט ביימ דער אונטערזוכונג אינ דער „אינפאָרמאַציע-ביוראָ”. דאָס איז געווענ די איינציקע גרויסע זאַכ, וואָס די עסערנ האָבנ אויפגעטאָנ בייסנ מאָסקווער אויפשטאַנד.

און דערנאָכ — ווידעראַמאָל אויסער דובאַסאָווס ווילנ און אָנשטרענגונגענ — האָבנ די אייזנבאַנער ניט אויסגעפילט זייער צוזאָג אָפּצושטעלנ די ניקאָלייעווער (אָקטיאַבערישע) אייזנבאַנ. אַלע איבעריקע אייזנבאַנענ פונ מאָסקווער קנופּ האָבנ

זיך געשטעלט, אָבער די ניקאָלײַעווער האָט ווײַטער געאַרבעט. דובאָסאָוו האָט געקאָנט אומגעשטערט באַקומען אונטערשטיצונג פון פּעטערבורג, און נאָך פריִער האָט ער געקאָנט אונטערצײַען יענע טײלן פונעם מאָסקווער מיליטערישן קרײַז, וועלכע זײַנען נאָך ניט געווען פאַנאַנדערפּראָפּאַגאַנדירט און האָבן נאָך געטויגט אַף „אײַנצושטילן". גלײַך אין די ערשטע טעג האָט ער אַף אַזאַ אויפן באַקומען דעם דראַגונער־פּאָלק און אַ באַטאַרײ רײטער־אַרטילעריע פון טווער. דאָס איז געווען פאַר אים באַזונדערס ווערטפול, ווײַל די מאָסקווער אַרטילעריע, ווי מ'מיר געדענקען, איז געווען דורכויס „ניט זיכער".

אַלץ מער און מער שאַנסן איז געווען אַף דער זײַט פון דער רעגירונג און אַלץ ווייניקער און ווייניקער שאַנסן אַף דער זײַט פון די אופגעשטאַנענע. בלויז די גרעסטע גיכקײַט פון דער האַנדלונג האָט געקאָנט ראַטעווען די אופגעשטאַנענע: מיליטער האָט נאָך דובאָסאָוו פונדעסטוועגן געהאַט ווייניק, און דער ענטוזיאַזם בײַ די פאַרגעשריטענע אַרבעטער, באַזונדערס בײַ דער יוגנט, איז נאָך געווען זייער גרויס. אַ דרייסטער און אַ דערפאָלגרײַכער קלאַפּ אין צענטער האָט נאָך געקאָנט ענדערן די לאַגע. דעם דערפאָלג האָט מען, פאַרשטייט זיך, בעשומאופן ניט געקאָנט רעכענען פאַר גאַראַנטירט, אָבער דאָס איז געווען דער לעצטער שאַנס. פאַרלירן צײַט איז דאָ ווירקלעך געווען „געגליכן צום טויט".

און — דאָ ענדיקט זיך שוין דער „צופאַל" און עס הייבן זיך אָן די פעלערן פון דער אָרגאַניזאַציע — נאָך דרײַ טעג, דעם 7־טן, 8־טן, 9־טן דעקאַבער (אַלטן סטיל) זײַנען פאַרלאָרן געגאַנגען. צו אַט די אַלע טעג קאָן מען אָנווענדן דאָס, וואָס איינער פון די היסטאָריקער פונעם אָקטיאַבער־אופשטאַנד זאָגט וועגן דעם 7־טן דעקאַבער: „אַלץ לאָזט זיך פּאַסיוו אויס צום אַגיטירן און אינפאָרמירן די מאַסן; עס ווערן אָרגאַניזירט זאַוואָדישע פאַרזאַמלונגען אַף קלאָר מאַכן די לאַגע. עס קלײַבן זיך צונויף ראַיאָנע פאַרזאַמלונגען, — דער מאָסקווער ראַט פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן אָרגאַניזירט מיטינגען, לאָזט אַרויס טעגלעך די „איזוועסטיאַ". וועגן דעם אופשטאַנד אין דירעקטן זין איז קיין וואָרט ניטאָ. די פראַגע וועגן אופשטאַנד ווערט פאַרבײַגעגאַנגען".* מיר האָבן פריִער געבראַכט אַן אויסצוג פון די „איזוועסטיאַ" פאַרן 9־טן דעקאַבער, וועלכער באַשטעטיקט פולשטענדיק די דאָזיקע אָפּשאַצונג. צו די מיטינגען זײַנען צוגעקומען דעמאָנסטראַציעס, אויסערגעוויינלעך איינמוטיקע, דורכגעדרונגענע מיט עמעסן רעוואָלוציאָנערן ענטוזיאַזם, — אָבער די דאָזיקע אַרויסטרעטונגען פון אומבאַוואָפנטע אַרבעטער האָבן ניט געקאָנט פאַרבײַטן דעם באַוואָפנטן אופשטאַנד. אָט דאָס אַלץ — אי דער איינמוטיקער שטרײַק אי די איינמוטיקע מאַניפעסטאַציעס — איז געווען אַן איבערכאַזערונג פון די קאַמף־מיטלען, וועלכע מע האָט שוין אויסגענוצט אין אָקטיאַבער, וועלכע זײַנען שוין באַקאַנט געווען דער רעגירונג און האָבן זי שוין מער ניט געשראָקן און די אַרבעטער גופא האָבן זיי אָנגעהויבן דערעסן ווערן. „איך בין שוין דאָ בײַ דרײַ טעג און האָב דורכגעפירט אַן אומענדלעכע צאָל מיטינגען, — האָט געענטפערט איינער פון די וויכטיקסטע טוער פון מאָסקווער קאָמיטעט און פון דער פּאַרטיי בכלל אין יענע טעג, דובראָווינסקי („אינאָקענטי"), אַף דער פראַגע, ווי עס גייען בײַ אים די געשעפטן, — אַלץ איז שוין געזאָגט

* יאַראָסלאַווסקי, דער דעקאַבער־אופשטאַנד, ז. 141; דעם אויטערס קורסיוו.

געוואָרנ, די שטימונג צווישנ די ארבעטער האָט דערגרייכט די העכסטע שפּאַ-נונג, עס איז נייטיק טייקעף טאָנ, — אנדערש וועט זיכ אָנהייבנ א צעפאַלונג". אָבער קעדיי צו טאָנ האָט מענ זיכ גענייטיקט פריִער פאַר אלצ אינ געווער, אונ, — זאָגט דער זעלבער היסטאָריקער פונ דעקאבער, וועלכנ מיר האָבנ ציטירט, — „פאַר די דאָזיקע טעג איז ניט געמאכט געוואָרנ קיינ איינ וויפל ניט איז ערנסטער פרווו צו באַקומענ געווער". *

אונ דאָס איז דאַנ, ווענ — שוינ אָפּגערעדט וועגנ די קאַזיאָנע געווער-סקלאַדנ, צו וועלכע מע האָט זיכ געקאָנט דערקלייבנ מיט דער הילפ פונ באַוווּסטזיניקע סאָל-דאטנ, — אינ יעטווידער בורזשואַזער דירע האָט מענ געקאָנט געפינענ פייער-געווער, וואָס איז פארגרייט געוואָרנ אינ די טעג פונעמ שוואַרצמייִשנ פּאָגראָמ אונ בייס דער פּאַניק אינ סאָפ אָקטיאבער — אָנהייב נאָיאבער. שפּעטער, נאָכ-דעמ, ווי דער אופשטאנד איז צעקלאַפּט געוואָרנ, ווענ די דובאסאָווישע פּאָליציי האָט אָנגעהויבנ גיינ איבער די הייזער מאכנ אונטערזוכונגענ, האָט די בורזשואַזיע, וואָס איז ווידער ארייַנגעפאַלנ אינ פּאַניק, אָפּגעגעבנ הויפנווייז דאָס דאָזיקע גע-ווער די רעוואָליוציאָנערע אָרגאַניזאציעס, — איינ קאָמיטעט אונדזערער האָט, לויטנ באַריכט פונ זיינ סעקרעטאר, באַקומענ פונ אָט דעמ דאָזיקנ „רעזערוו" ביז אָנדערהאַלבנ טויזנט שטיק, ד. ה. מער, ווי מיר האָבנ געהאַט בייסנ אופשטאנד. דורכ ניט זייער קיינ גרויסנ דרוק מיצאַד די ארבעטער וואָלט מענ אָט דאָס אלצ געקאָנט באַקומענ אויכ מיט צוויי וואָכנ פריִער. אָבער אפילע מיט דער צאָל גע-ווער, וואָס מע האָט געהאַט אינ די הענט, האָט מענ געקאָנט עפּעס טאָנ. איינער פונ די אָנפירער פונעמ אופשטאנד, דער כאַווער דאָסער („לעשי"), שרייבט אינ זיינע זיכרוינעס: „באַוואָפנטע דרוזשיניקעס איז אָפּאָנעמ געווענ עטלעכע הונדערט, די מערהייט האָט געהאַט וויִניק טויגבארע רעוואָלווערנ, אָבער א טייל איז גע-ווענ באַוואָרנט מיט גענוג שטארקנ געווער פאַר א גאסנ-שלאכט — מיט מאַוזערס אונ ווינטשעסטערס.** אפנ באַדנ פונ דער דעזאָרגאַניזאציע פונ דער מאכט אונ פונ דער אומעגלעכקייט אקטיוו אויסצונוצנ דעמ איבערוועגנדיקנ טייל פונעמ מאָס-קווער גאַרניזאָנ וואָלט מענ געקאָנט זיכ פּרוווּנ מיט גוואַלד אנטוואָפענענ אוואָ-סער ניט איז מיליטער-טייל אונ באַוואָפענענ דאָס אופגעשטאנענע פאָלק. יעדע פראַקטישע אָנווייזונג פלעגט גלייכ אונטערגעכאַפּט ווערנ אי מיצאַד דעמ האַמוינ אי מיצאַד די דרוזשיניקעס אונ פלעגט טייקעף אויסגעפילט ווערנ. אָבער אָט דעמ דאָזיקנ קלאָר אוועקגעשטעלטנ קאָנקרעטנ ציל האָבנ טאַקע דער מאסע ניט געגעבנ די, פונ וועמענ זי האָט עס דערוואַרט".***

אנ אינסטרוקציע פאַר די דרוזשיניקעס — זייער א פּראַקטישע אונ זאַכלעכע — איז דערשינענ אינ „איזוועסטיא" ערשט דעמ 11-טנ דעקאבער, ווענ מאָסקווע

---

* יאראָסלאַווסקי, דער דעקאבער-אופשטאנד.

** א צווייטער אָנגעזעענער אָנפירער פונעמ אופשטאנד, דער כ' סעדוי, באַשרייבט אזוי אונ-דזערע קרעפטנ: „וויפל זשע איז געווענ דרוזשיניקעס אינ מאָסקווע? — וועט איר פרעגנ. — אומגע-פער, לויט די ידיעס, וואָס זיינענ בא מיר פאראנ, איז געווענ בא 700—800 מאַנ דרוזשיניקעס. באַוואָפנטע מיט רעוואָלווערנ. אינעמ אייַזנבאנ-ראיאָנ איז געווענ ניט מער פונ 100, אונ אפ דער פרעסניע, אינ כאַמאָווניקי אונ בוטירקע אינ דאָס וואָס מיר האָבנ באַקומענ בעירושע, אכוצ שמידטס דרוזשינע, האָט זיכ אָנגעקליבנ ניט מער פונ 180—200. דערביי דאַרפ מענ דאָ רעכענענ אויכ יענע בולדאָגנ אונ רעוואָלווערנ, וואָס מע האָט אָפּגענומענ בא די פּאָליציייִטש, אונ די ביקסנ, וואָס מיר האָבנ באַקומענ בא דער באַפעלקערונג" („דעקאבער 1905 יאָר אפ דער רויטער פרעסניע", ז. 184).

*** „דעקאבער 1905 יאָר אפ דער רויטער פרעסניע".

איז שוין דעם דריטן טאָג געווען באַדעקט מיט באַריקאַדעס און שוין דעם דריטן
טאָג איז געגאַנגען אַ שלאַכט. די באַריקאַדעס גופא האָבן אָנגעהויבן אויפקומען נאָך
איידער עס איז געווען עפּעס אַ דירעקטיוו פון צענטער. „מיר זײַנען אַרויס מיט
די באַוויירים פון אַ זיצונג פון דער אויספיר־קאָמיסיע, וווּ עס האָט זיך באַהאַנדלט
די פראַגע, צי זאָל מען רופן צום בויען באַריקאַדעס, — דערציילט איינער אַן
אָנטיילנעמער, — און האָבן געטראָפן די גאַנצע סאַדאָווע־טריומפאַלנע גאַס באַ־
דעקט מיט אַ לאַנגער ריי באַריקאַדעס". דאָס בויען באַריקאַדעס איז געווען אַ מין
רעפלעקסיווער (אומבאַוווּסטזיניקער) זשעסט, און אַ זשעסט אַ באַשיצע־
רישער, אַף וויפל שלאָגן זיך פון הינטער באַריקאַדעס, ווי דאָס פלעגט געטאָן
ווערן אין דער ערשטער העלפט פון XIX יה., האָט מען בײַ דער מאָדערנער
מיליטערישער טעכניק ניט געקאָנט, — און קיינער האָט זיך ניט געשלאָגן. די
אויפגאַבע פון די באַריקאַדעס איז געווען — פאַרצוימען די דובאַסאָווצעס דעם צו־
טריט אין די אַרבעטער־ראַיאָנען, און אַט די אויפגאַבע האָבן זיי אויסגעצייכנט
געלייזט. די באַריקאַדע איז געווען אַ רעאַלער גרענעץ, וואָס האָט אָפּגעטיילט די
ראַטנמאַכט פון דער צאַרישער מאַכט. אָבער די אויפגאַבע פונעם אויפשטאַנד איז
געווען ניט אָפּצוימען זיך פון די רעשטלעך פון דער צאַרישער מאַכט אין מאָס־
קווע, נאָר צעקלאַפּן די דאָזיקע רעשטלעך. דערצו האָט מען געדאַרפט ניט פאַר־
טיידיקן זיך, נאָר אָנגרייפן. דער אָנגריף אָבער האָט אַלץ געהאַלטן אין איין
פאַרשפּעטיקן. און ווען עס איז ענדלעך געגעבן געוואָרן אַ סיגנאַל צו דער שלאַכט,
האָט זיך שוין, ערשטנס, די שלאַכט פון לאַנג געהאַט, אָנגעהויבן סטיכייִש און,
צווייטנס, האָט שוין די שלאַכט־שטימונג אָנגעהויבן פאַלן. „דער אָנהייב פונעם
אויפשטאַנד איז דורכגעפירט געוואָרן גלענצנדיק, אָבער ער האָט פאַרשפּעטיקט, —
זאָגט דער באַוווּסטער דאָסער. — איז שטאָט האָט זיך שוין אָנגעהויבן פילן, אַז די
שטימונג פאַלט, די צאָל מיטינגען איז קלענער געוואָרן, זיי פלעגט שוין דורכגיין
מיט וויניקער באַגײַסטערונג, און דער שלאַכט־ראַיאָן איז באַמערקבאַר פאַרקלע־
נערט געוואָרן, אין צענטער שטאָט איז דאָס מיליטער געוואָרן באַלעבאָס".*

דאָס פאַרשפּילן דרײַ טעג, — און סאַכאַקל, פון סאַמע אָנהייב באַוועגונג,
פינף טעג, — האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אַף דעם גאַנצן גאַנג פונעם
אויפשטאַנד. די איניציאַטיוו איז אַריבער אין די הענט פונעם
קעגנער: באַקומענדיק די ערשטע אונטערשטיצונג, האָט דובאַסאָוו באַקומען די
מעגלעכקײַט איבערצוגיין אין אָנגריף. און ער האָט גלײַך אָנגעווענדט דאָס גע־
ווער, וואָס די, וועלכע האָבן געגרייט דעם אויפשטאַנד, האָבן, דעם עמעס, געזאָגט,
געטראַכט ווענן אים וויניקער פאַר אַלץ, אָבער דובאַסאָוו אַליין האָט שוין גע־
האַט אויסגעפּרוּווט אין אוקראַינע. נאָך זומער־צײַט 1905 יאָר, בײַם די דיסקו־
סיעס וועגן דער טאַקטיק פונעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד, האָט זיך געשטעלט די
פראַגע: און וואָס וועט זײַן, אויב ניקאָלײַ וועט לאָזן אין גאַנג האַר־
מאַטן? און אַט די דאָזיקע מעגלעכקײַט האָט מען שטענדיק אָפּגעוואָרפן אַלס אַ
ניט רעאַלע. אויב ניקאָלײַ וועט אָנהייבן באָמבאַרדירן זײַנע אייגענע שטעט, —
פלעגט מען זאָגן, — וועט ער דערמיט באַהעפטן די גאַנצע באַפעלקערונג זייערע
אין איין רעוואָלוציאָנערער מאַסע, — ער וועט זיך שטעלן אין אַ צושטאַנד פון
אָפענער מילכאָמע קעגן דעם גאַנצן פאָלק, דערפון וועט בײַ אים קיינמאָל קיין

* „דעקאַבער 1905 יאָר אַף דער רויטער פּרעסניע".

מיט ניט קלעקנ. מע פלעגט פארגעסנ אייניקע בײַשפּילנ, — ווי אינ 1848 יאָר, פאריזש אינ 1871 יאָר, — ווענ די רעגירונגענ, וואָס האָבנ פארלאָרנ יעטווידער כארפע, פלעגנ אָנווענדנ דאָס דאָזיקע מיטל, אונ מיט דערפאָלג. אונ ניקאָלײַ האָט פארלאָרנ יעטווידער כארפע. ווענ מיר האָבנ אינ דעקאבער דערהערט די הארמאטנ־שיסערײַ, האָבנ מיר אונדזערע אויערנ ניט געגלייבט: אונדז האָט זיכ געדוכט, אז אונדזערע דרוזשיניקעס ווארפנ דאָס באָמבעס, אָבער — צום באַדויערנ! — דאָס זײַנענ געווענ ניט אונדזערע באָמבעס, נאָר דובאסאָווס הארמאטנ.

פאר דובאסאָוונ, וואָס האָט מער פונ אלצ אינ דער וועלט מוירע געהאט פאַר דער בארירונג פונ זײַנ מיליטער מיט דער רעוואָליוציאָנערער מאסע, — די דאָזיקע בארירונג האָט אפילע אפ די קאָזאקנ געווירקט דעמאָראליזירנדיק, — איז „אָפּערירנ אפ א שטרעקע" געווענ א נאטירלעכער אויסוועג. אונ „שטעלנ קעגנ זיכ די גאנצע באפעלקערונג" האָט ער ניט געהאט וואָס מוירע צו האָבנ, ווײַל די גאנצע באפעלקערונג, כוץ א הײַפל בורזשויענ אונ באאמטע, איז געווענ אפ דער זײַט פונ די אופשטענדלער. דערמיט, וואָס ער האָט זי אָנגעהויבנ צעשיסנ פונ הארמאטנ, האָט ער גארנישט פארלאָרנ, אונ געווינענ האָט ער געקאָנט. קעגנ א הארמאט איז א בראונינג געווענ אָנמעכטיק. אינ דעמ מאָמענט האָט זיכ באזונדערס אָפּגערופנ דאָס, וואָס אפ אונדזער זײַט איז ניט געווענ קיינ ארטילעריסטנ, וועלכע האָבנ געקאָנט זײַנ. די מאכט האָט מער פונ אלצ מוירע געהאט, עס זאָל זיכ ניט ארויסווײַזנ, אז אויכ די אופשטענדלער האָבנ הארמאטנ. „אויב די רעוואָליוציאָנערנ וועלנ צונעמענ כאָטש א צוויי הארמאטנ, דעמלט וועלנ זײַנ צאָרעס, — האָט געשריבנ עמעצנ דער גענעראל, וואָס האָט קאָמאנדירט מיטנ מיליטער פונ מאָסקווער מיליטערישנ קרײַז, — אפילע אויב זיי וועלנ ניט אָפּערירנ מיט זיי, אָבער יעדנ פאלס וועט דאָס זײַנ זייערער א טראָפיי, אונ דאָס וועט מאכנ א שטארקנ אײַנדרוק. אונדזער פאַרזענ וועט זײַנ א שרעקלעכער". קעדיי צו באוואָרענענ זיכ קעגנ אזא „צאָרע" האָט מענ די מאָסקווער ארטילעריע, — וואָס האָט גארנישט ניט געטאָנ, ווײַל די ארטילעריסטנ זײַנענ געזעסנ פארשפּארט אינ די קאזארמעס, — קאָנצענטרירט אינ קרעמל, וואָס ווײַטער פונעמ אופשטאנד. אפ די גאסנ האָט אָפּערירט צוערשט די באטארײַ, וואָס מע האָט געבראכט פונ טווער, אונ שפּעטער די גווארדייִשע ארטילעריע, וואָס איז געבראכט געוואָרנ פונ פעטערבורג.

די אונטערשטיצונג פונ פעטערבורג, וואָס דובאסאָוו האָט באקומענ נאָכ לאנגע באקאָשעס, איז געווענ דער לעצטער קלאפּ איבערנ אופשטאנד, וואָס האָט אימ ענדגילטיק דערשלאָגנ. איצט זײַנענ קעגנ די מאָסקווער באריקאדעס געווענ די גארניזאָנענ פונ ביידע הויפּטשטעט.

איצט איז שוינ אויסגעקומענ צו וווּנדערנ זיכ ניט דערופ, וואָס דער אופשטאנד האָט ניט געזיגט, נאָר דערופ, וואָס אפילע בא די דאָזיקע באדינגונגענ האָט ער זיכ געהאלטנ העכער א וואָכ צײַט. די ערשטע באריקאדעס, לעבנ דעמ אקוואריום, באמ אָנהייב קודרינע־סאדאָווער אונ טווערער גאס, זײַנענ אויסגעבויט געוואָרנ — אונ אײַנגענומענ געוואָרנ — אינאָוונט פרײַטיק, דעמ 9/22 דעקאבער. שאבעס האָט די פיבערהאפטע בויונג פונ באריקאדעס אַרומגעכאפט שוינ אלע ארבעטער־ראיאָנענ, אונ שאבעס מאקע האָט דובאסאָוו אָנגעהויבנ די באָמבארדירונג זײַנע. די ערשטע קארבאָנעס אירע זײַנענ געווענ די מענגעס ארבעטער, וואָס האָבנ מאניפעסטירט אפ טווערער גאס. צווישנ דעמ פרידלעכנ, אומבאוואָפנטנ האמוינ האָט א שראפּנעל אָנגעמאכט קאלאָסאלע אומגליקנ: צענדליקערווײַז האָט מענ גע־

פירט טויטע קערפּערס אינ די מאָסקווער פּאָליציי־צירקלענ אונ הונדערטערווײַז —
פאַרוווּנדעטע אינ די מאָסקווער שפּיטאָלנ אונ אפ די אימפּראָוויזירטע סאַני־
טאַרע פּונקטנ; דער גרעסטער פונ זיי איז אײַנגעאָרדנט געוואָרנ אינ דער געבײַדע
פונ דער גובערניאַלער זעמסטווע־פאַרוואַלטונג (איצט מאָסקווער ערד־אָפּטייל, אפ
טריומפאַלנע־סאַדאָווע לעבנ טווערער גאַס), דורכ אים זײַנענ דורכגעגאַנגענ
העכער 700 פאַרוווּנדעטע. זונטיק, דעמ 10־טנ דעקאַבער, זײַנענ די אַרבעטער־ראַ־
יאָנענ פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ א רײַ קלייניקע „פּאָרט־אַרטורס", וואָס האָבנ
בלאָקירט דעמ צענטראַלנ „פּאָרט־אַרטור", ווו דובאַסאָוו האָט זיכ באַזעצט. דובאַ־



דער דעקאַבער־אויפשטאַנד אינ מאָסקווע (פונ דעמ קינסטלער סאַוויצקיס בילדער)

סאָווס מיליטער האָט פונ צײַט צו צײַט געמאַכט אַרויסטרעטונגענ, אָבער קימאַט
דורכויס ניט קיינ געלונגענע. די אויפשטענדלער זײַנענ זעלטענער באַפאַלנ דובאַ־
סאָווס ראַיאָנ — זיי זײַנענ דערגאַנגענ ביזנ טעאַטער־פּלאַץ, אָבער אינ קיינ איינ
פּונקט האָבנ זיי זיכ ניט אײַנגעהאַלטנ. די פאַרלוסטנ פונ די דרוזשינעס זײַנענ
געווענ נישטיקע, — קלענער, איידער די פאַרלוסטנ פונעמ מיליטער אונ פונ דער
פּאָליציי. די פּאַרטיזאַנישע טאַקטיק, וואָס די אויפשטענדלער האָבנ אָנגעווענדט, —
שיסנ פונ הינטער הײַזער־ווינקלענ, פונ הינטער טויערנ, פונ דעכער, — האָט זיכ
אַרויסגעוויזנ בעפּירעש צוועקמעסיק בא דער געשאַפענער סיטואַציע. ביכלאַל
איז די טאַקטישע אָנפירונג מיטנ אויפשטאַנד געווענ אָנ
אַנ ערעכ בעסער פונ זײַנ צוגרייטונג. די דרוזשינעס פלעגנ שנעל
פאַרפולט ווערנ מיט פּראָלעטאַרישער אונ טיילווײַז אינטעליגענטישער יוגנט (מיט
סטודענטנ אונ גימנאַזיסטנ, טיילווײַז מיט קורסיסטקעס). די פּראָלעטאַרישע יוגנט
האָט זיכ געשלאָגנ פאַרביסנ, האַנאַמ געהאַט האָט זי מערסטנטייל „בולדאָגנ" *

* שלעכטע טאַשנ־רעוואָלווערנ פונ דער סיסטעמ „בולדאָג", וועלכע טרעפנ בלויז אפ דער סאַמע נאָענטער שטרעקע.

און „סמיט־וועסאַנס“ פונ מוסטער פונ די 70־ער יארנ, וואָס מע האָט אָפּגענומענ בא די גאָראָדאָוויענ. די אינטעליגענטישע דרוזשינעס פלעגנ זיכ ארויסווײַזנ א סאַכ ווייניקער, און עס זײַנענ געווענ אַזוינע, וואָס זיי האָט זיכ די גאַנצע צײַט פונעם אויפשטאַנד „ניט אײַנגעגעבנ“ אָנטייל צו נעמענ אינ קיינ איינ שלאַכט. אָבער עס זײַנענ געווענ אויכ סטודענטישע דרוזשינעס, וואָס האָבנ זיכ דערוואָרבנ א גרויסנ נאָמענ, — אַזאַ איז געווענ די „קאַווקאַזער“ (דעריקער די גרוזינישע). די מאַסע ארבעטער, וועלכע איז ניט צוגעגרייט געווענ צו א באַוואָפנטנ קאַמפ ניט פּאָליטיש, ניט טעכניש, האָט אינ די שלאַכטנ קיינ אָנטייל ניט גענומענ, — די אינסטרוקציע פונעם אָנפירנדיקנ צענטער האָט גאַנצ ריכטיק טאַקע ניט רעקאָמענדירט, אַז א ניט־אָרגאַניזירטער המונ זאָל ארויסטרעטנ אפ דער גאַס: דאָס וואָלט בלויז פאַרגרעסערט די בלוט־פאַרגיסונג אָנ שום נוצנ פאַר דער זאַכ. דערפאַר אָבער איז די ארבעטער־מאַסע געווענ אַנ עמעסע „נערונגס־סוויווע“ פאַר די דרוזשיניקעס, וועלכע פלעגנ אינ די ארבעטערשע (און אָפּטמאָל אויכ אינ די קליינבירגערלעכע) דירעס זיכ אָנוואַרעמענ, אויסשלאָפנ און אָפּעסנ, און וועלכע פלעגנ געפינענ פאַר זיכ א פאַרבייט אינ געשטאַלט פונ דער ארבעטער־יוגנט, וועלכע מיר האָבנ דאַנ גערופנ „פּראָלעטאַרישע סטודענטנ“, — איצט וואָלט מענ זיי גערופנ „קאָמיוגיסטנ“. אַזוי, אַז קעמפנדיקע איז געווענ ווייניקסטנס אינ צוויי מאָל מער, איידער עס איז געווענ געווער, — דער כאַווער יאַראָסלאַווסקי באַשטימט ריכטיק די צאָל זייערע אינ צוויי טויזנט מאַנ.

די באַשײַמפּערלעכע איבערוואָג פונ די דרוזשיניקעס אינעם פּאַרטיזאַנישנ קאַמפ, דאָס לאַנגזאַמע אונטערציִענ אונטערשטיצונגענ, — ערשט צום סאָפ וואַנ זײַנענ פונ פּעטערבורג געקומענ די סעמיאָנאָוועצעס און רײַטער־גרענאַדיערנ מיט ארטילעריע און נאָכ איינ אינפאַנטעריע־פּאָלק פונ וואַרשעווער קרײַז, — האָבנ געצווּונגענ דובאַסאָוונ צו מאַכנ א ווײַטערדיקנ טראָט אינ הינזיכט פונ אויסנוצנ די ארטילעריע: פונ שיסנ „אינ לעבעדיקע צילנ“ איז ער אריבער צום באַשיסנ די שטאָט „לויט שטעכנ“. פלוצעם האָבנ זיכ פונעם הימל א שאָט געטאָנ גראַנאַטעס איבערנ קאָפּ און אינ די דירעס שוינ ניט פונ רעוואָלוציאָנערנ, נאָר פונ פּאַשעטע אײַנוווינער, דערמאָרדנדיק און קאַליעטשענדיק מענטשנ, וואָס זײַנענ ברידלעכ געזעסנ באַמ מיטיק־טיש. דאָס דאָזיקע מאַסמיטל האָט קוירעמקאָל באַוויזנ, ווי אופריכטיק און איבערצײַגט דובאַסאָוו האָט געהאַלטנ, אַז די גאַנצע באַפעלקערונג פונ מאָסקווע כוצ די רייִנ בורזשואַזע קוואַרטאַלנ זײַנענ זײַנע אָפּענע סאָנים, מיט וועלכע ער דאַרפ זיכ אומגיינ, ווי מיט א „סוינע“. דעמ פּראַקטישנ ציל אָבער — ארויסרופנ א פּאַניק און א באַוועגונג קעגנ די רעוואָלוציאָנערנ — האָט דאָס דאָזיקע מאַסמיטל אַבסאָליוט ניט דערגרייכט. די באַפעלקערונג איז פּאַשעט צוגעוווינט געוואָרנ צו די דובאַסאָווישע גראַנאַטעס, זי האָט געזענ, אַז ניט יעדע פונ זיי דערהאַרגעט, און בײַמ זי האָט געזענ דערהאַרגעטע און צעקאַליעטשעטע אַבסאָליוט אומשולדיקע מענטשנ, איז זי דורכגעדרונגענ געוואָרנ מיט סינע צו דער „מאַכט“, וואָס האָט אויכ, פונ איר זײַט, אָנגעהויבנ באַטראַכטנ זי אַלס א „סוינע“. צוגעוווינענ די באַפעלקערונג צום געדאַנק, אַז די צאַרישע מיליטערישע אוניפאָרמ, מיט עפּאָלעטנ, איז דעמ סוינעס מונדיר, — דאָס איז, פאַרשטייט זיכ, געווענ א גרויסער מינוס פאַר דער זעלבסטהערשונג און א גרויסער פּליוס פאַר דער רעוואָלוציע. ניט דערגרייכנדיק קיינ שום מיליטערישנ ציל, — ווײַל פונ דער באָמבאַרדירונג איז מיט קיינ איינ באַריקאַדע ניט ווייניקער געוואָרנ, — האָט

פּאָליטיש דובאָסאָוו דערגרייכט א ציל פּונקט א פאַרקערטנ, ווי דער, צו וועלכנ ער האָט געשטרעבט.

פונ מיטנ פונ דער צווייטער וואָכ — דעמ 14/27 דעקאַבער — האָט זיכ דער אופשטאַנד אָנגעהויבנ אויסלעשנ ניט צוליב דעמ ניצאָכנ פונעמ צאַרישנ מיליטער, — מיט אַזא ניצאָכנ האָט זיכ אפילע דובאָסאָוו ניט באַרימט, — נאָר מאַכמעס דער סיבע, ערשטנס, וואָס די קויכעס פונ די אופגעשטאַנענע האָבנ זיכ אָנגעהויבנ אויסשעפּנ, אונ, צווייטנס, צוליב דער צוועקלאָזיקייט פונעמ ווײַטער־דיקנ קאַמפ. די צאָל אַמוניציע בא די דרוזשיניקעס איז געווענ א נישטיקע, — אפ יעדנ שטיק געווער, וואָס זיי האָבנ געהאַט אינ די הענט, איז געווענ עטלעכע צענדליק, דאָס העכסטע — א הונדערט—צוויי־הונדערט קוילנ; פאַר דעמ שנעל־שיסנדיקנ אונ דערצו האַלב־אויטאָמאַטישנ געווער, וואָס איז אויסגערעכנט אפ 20—40 שאָסנ אינ א מינוט, וואָלט דאָס קוימ געסטײַעט אפ איינ ערנסטער שלאַכט. אויב די דרוזשיניקעס האָבנ זיכ געהאַלטנ מיט אַזויגע רעזערוונ פינפ — זעקס טעג, איז דאָס מעגלעכ געווענ בלויז בא דער שטרענגסטער עקאָנאָמיע פונ די קוילנ, אונ דאָס ווידער האָט אליינ פאַר זיכ איידעס געזאָגט וועגנ זייער א גרויסער באַוווסטזיניקייט אונ ניט קיינ קלענערער אויסגעהאַלטנקייט פונ די קעמפנדיקע. אונדזער רויטע אַרמיי האָט ניט קיינ שומ גרונט צו שעמענ זיכ מיט איר ווײַטנ פאַרגייער — מיט די „דרוזשינעס" פונ 1905 יאָר. אָבער ווי גרויס עס זאָל ניט זײַנ די עקאָנאָמיע, האָט וועננ־ניט־איז געמוזט אַרויסגעלאָזט ווערנ די לעצטע קויל. גלײַכצײַטיק איז קלאָר געוואָרנ, אַז דער צענטראַלער „פּאָרט־אַרטור" איז ניט צוטריטלעכ אונ ווערט אַלצ ווייניקער צוטריטלעכ מיט יעדנ טאָג; אַז אינ פּעטער־בורג איז קיינ שומ אופשטאַנד אונ אפילע קיינ אַלגעמיינער שטרײַק ניטאָ, — אפ די מאָסקווער גאַסנ האָט מענ פאַרקויפט פּעטערבורגער שוואַרצמייעדיקע צײַ־טונגענ, וועלכע פלעגנ אַרויסגיינ, פּונקט ווי עס וואָלט גאָרניט געשענ; אַז די באַהויפּטונג, וואָס מע האָט געהערט אפ דער זיצונג פונ מאָסקווער ראַט אינ דעצ־קאַבער, — „דאָס גאַנצע לאַנד איז אַרומגעכאַפּט מיט אנ אופשטאַנד", — האָט זיכ שטאַרק צוגעפּאַסט פאַרויסצוזאָגנ פאַקטנ אונ אַז מאָסקווע מיט אירע באַריקאַ־דעס איז געבליבנ אינ צענטראַל־רוסלאַנד קימאַט איינזאַמ. די מענשעוויקעס האָבנ טריומפירט עפנטלעכ. דעמ 15/28 דעקאַבער איז לויט זייער פאָדערונג צונויפ־גערופנ געוואָרנ א פלענומ פונ מאָסקווער ראַט — זייער ניט קיינ פולער. אפ מאָרגנ, דעמ 16/29, איז אַנשטאָט די „איזוועסטיאַ" דערשינענ א פלוג־בלעטל, וואָס אינ זײַנ קעפּל איז געשטאַנענ: „דער אויספיר־קאָמיטעט פונעמ מאָסקווער ראַט פונ די אַרבעטער־דעפּוטאַטנ, דער קאָמיטעט אונ די גרופּע פונ דער רוסלענ־דישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי אונ דער קאָמיטעט פונ דער פּאַרטיי סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערנ האָבנ באַשטימט: פונ מאָנטיק דעמ 19־טנ דעקאַ־בער פאַרענדיקנ דעמ אַלגעמיינעמ פּאָליטישנ שטרײַק". דער ווײַטערדיקער אופרופ האָט געבראַכט צוויי סיבעס פונעמ דורכפאַל: „ערשטנס, איז דער אַקטיווער קאַמפּ פונ די מאָסקווער אַרבעטער ניט צונויפגעפאַלנ מיט פּונקט אַזא אַנטשיידנדיקער אַרויסטרעטונג פונעמ אַרבעטער־פאָלק אינ די איבעריקע שטעט פונ רוסלאַנד. צווייטנס, זײַנענ אונדזערע ברידער־סאָלדאַטנ נאָכ ניט דערגאַנגענ ביז אַזא מאָס פונ פאַרשטיינ אונ אַנטשלאָסנקייט, אַז זיי זאָלנ גלײַכ אַריבערגיינ אפ דער זײַט פונעמ פאָלק, וואָס קעמפט פאַר דער באַפרײַונג פונ רוסלאַנד".

דער אופרופ האָט גאָרניט גערעדט וועגנ איבעררײַסנ דעמ א ו פ ש ט א נ ד,

ער האָט גערעדט בלויז וועגן ליקווידירן דעם שטרייק, אָבער אויך דאָס האָט מען אָפּגעלייגט ביז מאָנטיק דעם 19-טן דעקאַבער (1-טער יאַנוואַר 1906 יאָר לויטן נייעם סטיל). דאָס איז געווען א שפּור פון א בעפייערשן קאָמפּראָמיס מיט די באָלשעוויקעס און מיט די אייזנבאַנער, וואָס האָבן געפּאָדערט, אַז מען זאָל ווייטער פירן דעם קאַמף. מיר האָבן שוין געזאָגט, אַז קיין קריגזיין האָט די דאָזיקע פאַרזעצונג ניט געקאָנט האָבן, און אין דער מערהייט ראַיאָנען איז שוין צום 15/28 דער קאַמף אַליין אויסגעלאָשן געוואָרן. אין דער נאַכט אַפן 16/29 האָבן די קאָזאַקן צענומען די באַריקאַדעס אין סושטשעווער ראַיאָן, ניט באַגעגננענדיק קיין שום ווידערשטאַנד. די וואָקזאַלן פון די אייזנבאַנען זיינען שוין געווען בא די דובאַסאָוועס אין די הענט, וואָס פריער האָבן זיי זיך געהאַלטן בלויז אַפן ניקאָלייעווער וואָקזאַל. דאָס באַשטיין אַפ פאַרזעצן דעם קאַמף האָט געוואַקסט בלויז א פּסיכאָלאָגישן אומטערשלאַק: מען האָט ניט געוואָלט וואַרפן דאָס געווער, ביז מע איז ניט באַזיגט געוואָרן פונעם סוינע. פאַקטיש האָט פאַרגעזעצט דעם אויפשטאַנד בלויז איין ראַיאָן: די פּרעסניע, די איצטיקע „רויטע פּרעסניע". אַהין האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַלע, וועלכע זיינען ניט איינגעגאַנגען אַפן באַשלוס איבערצורייסן דעם קאַמף. דער פּרעסניע מאַקע איז באַשערט געווען אין א מיניאַטיור איבערצוחזרן דעם גורל פונעם אַרבעטער-פּאַריזש אין די טעג פון דער קאָמונע פון 1871 יאָר. דער פרווו פונעם סעמיאָנאָווער פּאָלק אַריינצורייסן זיך אַפ דער פּרעסניע מיט אָפענעם געוואַלט איז גלענצנדיק אָפּגעשלאָגן געוואָרן. דאַן איז בענגייע דער לעצטער ציטאַדעל פונעם אויפשטאַנד אַנגעווענדט געוואָרן אַן עמעסע באָמבאַרדירונג: אַפ דער פּרעסניע האָט מען אַרויסגעלאָזן העכער 600 סנאַריאַדן. צענדליקער הייזער זיינען פאַרברענט געוואָרן, דערונטער שמידטס פאַבריק, וואָס האָט אַרויסגעשטעלט די בעסטע דרוזשינע לויט דער באַוואָפענונג און שלאַכט-אייגנשאַפטן, און דעריבער איז זי באַזונדערס פאַרהאַסט געווען בא די דובאַסאָוועס. א סאַך אַרבעטער און אינטעליגענטן, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די צעווילדעוועטע סעמיאָנאָוועס, האָט מען צעשאָסן אָן א געריכט (דאָס זעלבע האָט זיך דערנאָך איבערגעחזרט אויך אַפ קאַזאַנער וועג). אָבער די דרוזשיניקעס האָבן זיך אַפילע פון דעם דאָזיקן גענעם ס'ראָוו אַרויסגעדרייט בעשאָלעם: די פּאַרטיזאַנישע טאַקטיק האָט טריומפירט ביזן סאָף.

עס איז קיין שום צווייפל ניט, אַז אויב די מאָסקווער אַרבעטער און די אַרבעטער פון א ריי אַנדערע צענטערס וואָלטן ניט אַרויסגעטראָטן אין דעקאַבער מיט געווער אין די הענט, וואָלט זייער שווער געווען צו ריידן וועגן א ר ע וו אָ ל י ו צ י ע אין 1905 יאָר; די בורזשואַזיע, וואָס האָט זייער געוואָלט, אַז אין רוסלאַנד זאָל לאַכלוטן ניט דערגיין ביז א רעוואָליוציע, און דערצו נאָך א פּראָלעטאַרישער, אַן אַרבעטערשער רעוואָליוציע, איז דערפאַר מאַקע אַזוי באַשטאַנען דערויף, אַז „אין מאָסקווע איז קיין שום אויפשטאַנד ניט געווען". ניט רופן צום געווער אין דעקאַבער — וואָלט באַטייט איבערכאַזערן און פאַרצווייפאַכן דעם פעלער, וואָס איז געמאַכט געוואָרן בענגייע צום ראָסטאָווער פּאָלק. נאָכדעם וואָלטן די מענשעוויסטישע קאָנטררעוואָליוציאָנערע שטימונגען גאַנץ לייכט באַהערשט די מאַסן, ניט אומזיסט איז דער באַוואָפנטער אויפשטאַנד נאָך דעקאַבער פאַר די מענשעוויקעס געוואָרן א „סטראַשידלע", מיט וועלכער זיי האָבן געשראָקן די אומבאַוווסטזיניקע. די מאַסן האָבן ג ע וו אָ ל ט געבן א ווידערשטאַנד דעם צאַריזם, אָבער זיי האָבן ניט געוווסט, וויאַזוי דאָס צו טאָן. די באָלשעוויקעס האָבן זיי באַוויזן,

ווי דאָס ווערט געטאָנ, באווײזנ, אז קעמפנ אָפנ קעגנ דעמ צאריזמ קאָנ מענ, — אונ דאָס איז געווענ אָנ א שיר ווײכטיקער דערפונ, צי דער ערשטער קאמפ וועט זיכ ענדיקנ מיט א טאקטישנ דערפאָלג אָדער מיט א טאקטישנ דורכפאל. נאָר אויב אפילע די באָלשעוויקעס וואָלטנ דאָס אויכ ניט געקאָנט באווײזנ, וואָלט עס באטײט, אז דער רוסישער פּראָלעטאריאט האָט ניט קײנ רעוואָליוציאָנערע אָנפירונג. דעקאבער 1905 יאָר איז פאר דער רוסישער פאָלק־מאסע געווענ די ערשטע אינ איר געשיכטע רעוואָליוציע קעגנ דעמ צאריזמ. אונ די באדײטונג פונעמ דאָזיקנ פאקט ווערט אבסאָליוט ניט אָפּגעשוואכט דערמיט, וואָס דער גאנצער מאסע אפילע פונעמ מאָסקווער פּראָלעטאריאט האָט זיכ ניט אײנגעגעבנ אָנטייל צו נעמענ אינעמ באוואָפנטנ קאמפ. אָפ דעמ אומשטאנד, — וועלכנ לענינ האָט, ווי מיר געדענקענ, קאָנסטאטירט,—אז די גאנצע מאסע מאָסקווער ארבעטער האָט אָנטייל גענומענ בלויז אינעמ שטרײק אונ אינ די מאניפעסטאציעס אונ אָפ די גאסנ האָט זיכ געשלאָגנ בלויז אנ אומבאדײטנדיקע מינדערהײט ארבעטער, — אָט אָפ דעמ אומשטאנ־ האָבנ זייער ענערגיש געשפּילט די מענשעוויקעס אונ זיי האָבנ געוואָלט דערווײזנ, אז די „אונטערנעמונג“ פונ די באָלשעוויקעס איז דורכגעפאלנ: מע האָט גערופנ צו א באוואָפנטנ אופשטאנד, אָבער די ארבעטער זײנענ אָפ א באוואָפנטנ קאמפ ניט געגאנגענ. עס איז קײנ שומ ספק ניט, אז דעמ באוווסטזײנ פונ דער אומ־באדינגטער אומפארמײדלעכקײט פונ א באוואָפנטנ קאמפ האָבנ נאָכ די ברייטע מאסנ פונ מאָסקווע אינ דעקאבער 1905 יאָר ניט געהאט, אנדערש וואָלטנ די דאָזיקע מאסנ באווײזנ צו קריגנ געווער אונ מיטרײסנ מיט זיכ די סאָל־דאטנ, — מיט אײנ וואָרט, זיי וואָלטנ זיכ געפירט אזוי, ווי זיי האָבנ זיכ געפירט אינ פּעטערבורג אינ פעוורא 1917 יאָר אונ אינ מאָסקווע אינ אָקטיאבער 1917 יאָר, אונ ניט אזוי, ווי זיי האָבנ זיכ געפירט אינ 1905 יאָר. אָבער דער גראָבסטער פעלער איז צונויפמישנ די אָפּוועזנקײט פונ רעוואָליוציאָנערער דער־פארונג מיט דער אָפּוועזנקײט פונ רעוואָליוציאָנערנ ענטוזיאזמ. מענטשנ, וואָס האָבנ אָנ מוירע מאניפעסטירט אונטער קוילנ אונ שראפּנעלנ, מענ־טשנ, וואָס האָבנ מאסנווײז געבויט באריקאדעס, מענטשנ, וואָס האָבנ געגעבנ צו עסנ אונ צו טרינקענ אונ וואָס האָבנ אָפ פארשיידענע אופנים באדינט די דרו־זשיניקעס, — קאָנ מענ גיט כוישעד זײנ ניט אז זיי האָט אויסגעפעלט דרייסט־קײט, ניט אז זיי האָט אויסגעפעלט מיטגעפיל צו דער רעוואָליוציע.

דער באוועס יאראָסלאווסקי ברענגט זייער אנ איבערצײגנדיקנ באווײז פונ דעמ דאָזיקנ מיטגעפיל. „די שטימונג פונ דער ארבעטער־מאסע כאראקטערי־זירט עפּשער בעסער פונ אלצ דער אומשטאנד, וואָס צווישנ די אופשטענדלער איז קימאט ניט געווענ קײנ פארעטער, — זאָגט ער. — ערשט שפּעטער, באוועגט פונ־נעמ געפיל פונ מוירע אונ פונעמ ווילנ אומבאדינגט צו ראטעווענ זייערע נאָענטע, האָבנ זיכ אויסגעפונענ מענטשנ, וואָס זײנענ געפאלנ ביז צו פאראט. עס איז אנ אנצווייפלדיקער פאקט, אז פיל ארעסטירטע בייסנ אופשטאנד זײנענ אינגיכנ בא־פרײט געוואָרנ בלויז דערפאר, ווײל וועגנ זייער אָנטייל אינעמ אופשטאנד זײנענ ניט געווענ קייגע שומ מאטעריאלנ. מע וואָלט געקאָנט ברענגענ אָנ א שיר דער־ציילונגענ וועגנ דעמ, וויאזוי באלעבעסלעכ, גאָר ניט קײנ פּראָלעטאריער, אָפּטמאָל באאמטע, האָבנ געהאָלפנ די אופשטענדלער בעפיירעש אינ אלצ אונ נאָכנ אופ־שטאנד האָבנ זיי אויסבאהאלטנ די דרוזשיניקעס“. * דאָס ניט קענענ שיסנ, דאָס

* יאראָסלאווסקי, דער דעקאבער־אופשטאנד, זײט 186.

ניט פארשטיינ, אז מע דארפ שיסנ, דערוויזט נאָכ לאַכלוטנ ניט, אז דער אָדער יענער מענטש איז א שלעכטער קעמפער. די מאסנ האָבנ ניט באַנומענ די באַדײַטונג פונ געווער, ערשטנס, דערפאר, ווײַל זיי האָבנ נאָכ געגלייבט אינ דער קראַפט פונ דעמ מיטל, וואָס איז אויסגעפּרווט געוואָרנ מיט אזא דערפאָלג אינ אָקטיאַבער, — אינ דער קראַפט פונעמ שטרײַק: דובאַסאָוו האָט זיי באַוויזנ, אז א שטרײַק קאָנ שוינ אָפ דער צארישער רעגירונג קיינ ווירקונג ניט האָבנ. די מאסנ האָבנ געהאַט, צווייטנס, אנ איבערגעטריבענע פאָרשטעלונג וועגנ דער טעכנישער מעכטיקייט פונ דער רעגירונג. „ווי קומענ מיר מיט הוילע הענט צו קעמפנ קעגנ קוילנוואַרפערס?!" די דאָזיקע פראַגע איז אינ דעקאַבער ניט אײַנעמ פונ אונדז אויסגעקומענ צו הערנ פונ די אַרבעטער: די דרוזשיניקעס האָבנ זיי באַוויזנ, אז אויב ניט מיט הוילע הענט, קאָנ מענ מיט רעוואָלווערנ זיכ האַלטנ קעגנ קוילנוואַרפערס — אונ אפילע קעגנ האַרמאַטנ — א גאַנצע וואָכ. סײַ אינ דער סײַ אינ דער צווייטער הינזיכט איז דעקאַבער 1905 יאָר געוועזנ א קאָלאָסאַלע פּ ר א ק ט י ש ע ל ע ק צ י ע, — אונ אָט די דאָזיקע לעקציע איז פארגעדענקט געוואָרנ. פעווראַל אונ אָקטיאַבער 1917 י. וואָלטנ אוממעגלעכ געוועזנ אָנ דער דאָזיקער לעקציע.

צומ שלוס דארפ מענ זאָגנ, אז אויב עס איז ניט ריכטיק צו שילדערנ דעקאַבער 1905 יאָר, ווי א באַוואָפנטע מאסנ-אַרויסטרעטונג פונ די מאָסקווער אַרבעטער, איז פאַרמינערנ דעמ אָנטייל זייערנ אינעמ באַוואָפנטנ קאמפ ביז עטלעכע הונדערט דרוזשיניקעס אויכ ניט ריכטיק. מיר האָבנ שוינ געזענ, אז, אַרײַנרעכענדיק דעמ „פּאַרבעט", איז אפילע דירעקטע אָנטיילנעמער אינעמ באַוואָפנטנ קאמפ געוועזנ עטלעכע טויזנט; אָבער עס איז קיינ סאָפעק ניט, אז מאַכמעס דער אָפּוועזנקייט פונ געווער האָבנ ווײַט ניט אַלע, וואָס האָבנ געוואָלט, גענומענ אָנטייל. אונ אויב מע זאָל אונטערציילנ אַלע, וואָס האָבנ באַדינט די באַוועגונג אלס אויסשפּירער, אלס רעוואָלוציאָנערע „סאַפּיאָרנ", ענדלעכ, אלס סאַניטאַרנ (זייער א געפערלעכע פונקציע אינ יענע טעג, ווײַל די דובאַסאָווצעס האָבנ זייער שטאַרק באַשאָסנ די, וואָס האָבנ צונויפגעקליבנ די פאַרווונדעטע), וועלנ מיר זײַנ נאָענט צו יענע 8 טויזנט, וועגנ וועלכע לענינ האָט גערעדט אינ זײַנ רעדע וועגנ דעמ 9-טנ יאָרטאָג פונ אונדזער ערשטער רעוואָלוציע. ד י ג א נ צ ע מ א ס ע אַרבעטער איז ניט אַרויסגעטראָטנ — הייסט ניט: „די אַרבעטער זײַנענ ניט אַרויסגעטראָטנ". די פאָרגעשריטענע אַרבעטער, די אַרבעטער-באָלשעוויקעס זײַנענ אַלע אַרויסגעטראָטנ. אָבער אינ דעקאַבער 1905 יאָר זײַנענ נאָכ ווײַט ניט אַלע מאָסקווער אַרבעטער געוועזנ באָלשעוויקעס.

אויב מאָסקווע, וועלכע איז לויט דער באַוווסטזיניקייט אונ אָרגאַניזירטקייט פונעמ פּראָלעטאַריאַט געשטאַנענ אויפנ צווייטנ אָרט נאָכ פּעטערבורג, האָט זיכ אַרויסגעוויזנ ניט אײַנגאַנצנ צוגעגרייט צו א באַוואָפנטער מאסנ-אַרויסטרעטונג, איז וואָרטנ אָפ אזא צוגעגרייטקייט פונעמ פּראָווינציעלנ פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז נאָכ געגאַנגענ הינטער דעמ מאָסקווער, געוועזנ נאָכ שווערער. אָט איז א כאַראַקטעריסטיק פונ דער באַוועגונג אינ איינעמ זייער א גרויסנ צענטער, וווּ עס איז געוועזנ א שטאַרקע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע, אינ קאַזאַנ, א כאַראַקטעריסטיק, וועלכע עס האָט געגעבנ איינער אירער אַנ אָנטיילנעמער: „אויפנ מאָסקווער אויפשטאַנד האָט זיכ דער קאַזאַנער פּראָלעטאַריאַט ניט אָפּגערופנ מיט קיינ אַקטיווער אַרויסטרעטונג: ניט מיט קיינ אויפשטאַנד (ווי אינ סאָרמאָווע), ניט מיט קיינ פּאָליטישנ שטרײַק (ווי אינ סאַמאַרע). אינ די שלאַכט-דרוזשינעס איז געוועזנ סא-

באקל עטלעכע צענדליק מאנ. א גרויסע באדייטונג האָט געהאט דאָס, וואָס די אָרטיקע רעוואָליוציאָנערע אָרגאניזאציעס זיינען געווענ צעקלאפט. די עמעסע סיבע באשטייט אָבער ניט אינ דעמ. די קאזאנער ארבעטער זיינען, אינ דער מאסע, געווענ שוואכ באהעפט, ניט אָרגאניזירט, די רעוואָליוציאָנערע כוואליע האָט שוואכ געהאט פארכאפט די מאסע. אפ אנ עקאָנאָמישנ קאמפ איז זיי אינ 1905 יאָר לייכט געווענ א רוק צו טאָנ, אָבער אפ אנ אקטיוונ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ זיינען זיי ניט געווענ פייִיק. אָט אינ וואָס עס ליגט די סיבע פונעמ אינטעליגענטישנ כאראקטער פונ דער „קאזאנער רעוואָליוציע” דעמ 19—21 אָקטיאבער אונ פונ דער פאסיווקייט פונ דער מאסע אינ דעקאבער. צווישנ די קאזאנער ארבעטער האָט מענ געדארפט ארבעטנ, ארבעטנ אונ ארבעטנ...”

באוועגונגען פונעמ „מאָסקווער” טיפ זיינען פאָרגעקומענ, אכוץ סאָרמאָווע, וועלכע איז דערמאָנט געוואָרנ אינ דער ציטאטע, נאָכ אינ א גאנצער ריי ערטער. זיי האָט זיכ אָבער ניט איינגעגעבנ צונויפגיסנ זיכ אינ אנ אופשטאנד כאָטש אינ איינ געגנט. דעמ סאמע אקשאָנעסדיקנ ווידערשטאנד האָבנ ארויסגעוויזנ די אַרבעטער-דרוזשינעס אינ גאָרלאָווקע (אינ דאָנבאס) אונ אינ טעמערניק, אונטער ראָסטאָוו-דאָנ. דאָ איז די ענלעכקייט צו פרעסניע דערגאנצט געוואָרנ מיט דעמ, וואָס דער דרוזשינע האָט זיכ איינגעגעבנ בעשאָלעמ אוועקצוגיינ, נאָכ דעמ ווי זי האָט אויסגעהאלטנ א דרייטאָגיקע באָמבארדירונג. מער דערפאָלג האָט צוגעזאָגט דער אופשטאנד אפ צ אָ פ נ ־ ק א ו ק א ז, וועלכער איז צונויפגעפאלנ מיט דער סאמע גראנדיעזער באוועגונג אינעמ מיליטער, וואָס איז וו-ניט-איז געווענ אינ יענער צייט (אכוץ דעמ וויטנ מיזרעכ): עס האָבנ זיכ אופגעהויבנ די קובאנער פלאסטונעס (פוסגייער-קאָזאקנ). דאָ אָבער האָבנ מיר זייער א כאראקטעריסטישנ מוסטער פונ דער פולשטענדיקער נ י ט צ ו ז א מ ע נ ג ע ב ו נ ד נ ק ײ ט פונ די צוויי באוועגונגענ, פונ דער מיליטערישער אונ דער ארבעטערישער: די פלאסטונעס האָבנ זיכ גיט נאָר ניט פארייניקט מיט די נאָוואָראָסיִיסקער ארבעטער, נאָר זיי זיינענ אוועק פונ שטאָט צו זיכ אינ די סטאניצעס, ווו זיי זיינענ רויִק געבליבנ זיצנ, — איינער פונ די פאָלקנ — ביז פעווראל. אונ דערווייל איז די ארבעטער-באוועגונג דערשטיקט געוואָרנ דורכ מיליטער, וואָס מע האָט געבראכט צו פירנ פונ אָנדערע ערטער.

פארקערט, בלויז מיטנ קאָנטאקט פונ דער ארבעטערשער אונ סאָלדאטישער מאסע דערקלערט זיכ דער העלער אויסבראָכ פונ דער באוועגונג אינ ס י ב י ר, ריכטיקער, לענגויס דער סיבירער איינזנבאנ. שוינ פונ אָקטיאבער איז די ליניע געווענ אינ די הענט פונ אויסגעקליבענע איינזנבאנער־קאָמיטעטנ, וואָס זייער הויפט-אופגאבע איז געווענ אָרגאניזירנ דאָס אוועקשיקנ אהיימ די דעמאָביליזירטע רעזערוויסטנ פונ דער מאנדזשורישער ארמיי. די שטימונג פונ די דאָזיקע רעזערוויסטנ איז אונדז באוווסט — אינ זייערע אופרופנ האָבנ זיי זיכ ניט צערעמאָניעט ניט מיט דער מאכט, ניט אפילע מיטנ קייסער, אונ געדראָט צו מאכנ פונ זיי „אש אונ טעל” — דער ציל איז אָבער בא זיי געווענ איינער: וואָס גיכער אומקערנ זיכ אהיימ, ד. ה. אוועקגיינ פונ סיביר. אָנשפארנ זיכ אפ זיי איז דער אָרטיקער באוועגונג געווענ שווער. אָבער אויכ די דאָזיקע „אָרטיקע” באוועגונג גופע איז פאָרגעשטעלט געווענ דורכ דעמ אָנגעקומענעמ, איינזנבאנישנ עלעמענט, צו וועלכנ דער סיבירער קליינבירגער אונ פויער, האָבנ זיכ באצויגנ פיינטלעכ: אינ ערגעצ, אכוץ דעמ „טכומ”, זיינענ ניט פאָרגעקומענ אזעלכע ווילדע פאָגראָמענ,

ווי אינ סיביר, אינ דער דאָזיקער סיטואציע ווערט פארשטענדלעכ, וויאזוי צוויי „שטראָפ-צוגנ", — רענענקאמפס אונ מעלער-זאקאָמעלסקיס — א גישטיקע אינ מיליטערישער הינזיכט קראפט, וואָס קיינ גרינגערע זאכ איז, דוכט זיכ, ניט גע-

די רעזערוויסטנ צערעכענענ זיכ מיט די אָפיצערנ

וועג, ווי אראָפצולאָזנ די צוגנ פונ די רעלסנ בא דעמ ערשטנ בעסטנ בארגאראָפ,— האָבנ מיט אומדערהערטנ טעראָר אינ משך פונ צוויי וואָכנ „געמאכט אָרדע-נונג" אפ דער גאנצער ליניע. וויטע, וועלכער האָט קאָמאנדירט די דאָזיקע צוגנ,

האָט געמעגט זײַנ צופרידנ... אָבער אויכ ער איז, אָנ סאָפעק, געווענ פאַרווונדערט, וואָס „טשיטא האָט זיכ אונטערגעגעבנ אָנ א שלאַכט", ווי ער האָט ראַפּאָרטירט ניקאָלײַענ. אינ מאָסקווע האָט די מאַסע ניט געוווּסט, ווי צו נעמענ זיכ פאַרנ געווער, זי איז אָבער געווענ שטאַרק מיט איר באַהעפטקײַט, — דער זעלביקער וויטע האָט קלוג באַשלאָסנ ניט צו רייצנ זי. אינ סיביר אָבער האָט ער אָנראַכמאָנעסדיק „פאַרניכטעט די רעוואָליוציע". דאָרט איז אינ 1905 יאָר נאָכ ניט געווענ קיינ רעוואָליוציאָנערע מאַסע.

אינ די רעוואָליוציאָנערע קרײַזנ האָט מענ ניט מיטאמאָל דערפילט, אַפ וויפל דעקאַבער איז געווענ אַנ איבערבראָכ-פונקט. אינ די רעוואָליוציאָנערע קרײַזנ האָט מענ נאָכ דעמלט ניט אָפּגעשאַצט, ווי עס באַדאַרפ צו זײַנ, די ראָליע פונ דער פּ א נ י ק בײַ דער זעלבסטהערשונג אינ די אַלע דערפאָלגנ, וועלכע זײַנענ דערגרייכט געוואָרנ פונ אָקטיאַבער אָנ. פונ דעקאַבער אָנ גייט די האָזיקע פּאַניק ענדגילטיק דורכ. ניקאָלײַ דער „קליינער" האָט פעסט באַשלאָסנ, אַז וואָס פאַר א האַנאָכעס עס זאָל בײַ אימ ניט האָבנ אַרויסגעריסנ ניקאָלײַ דעמ „גרויסנס" רעוואָלווער אינ א רעגע פונ שוואַכקײַט, — וועלנ די דאָזיקע האַנאָכעס פאַרבלײַבנ אַפנ פּאַפיר. פרײַטיק דעמ 23-טנ דעקאַבער האָט ער אופגענומענ א גרויסע דעפוטאַציע פונעמ „פאַרבאַנד פונ רוסישנ פאָלק" מיט דובראָווינענ בעראָש; די דעפוטאַציע איז געקומענ דערוויסנ זיכ — צי דענ וועט אויכ איצט פאַרבלײַבנ אינ קראַפט דער מאַניפעסט פונ 17-טנ אָקטיאַבער? „באַרויִקט זיכ, — האָט זיי געזאָגט ניקאָלײַ, — עס וועט אופגיינ די זונ פונ עמעס, אונ מיר וועלנ טריומפירנ. עס וועלנ פובליקירט ווערנ די גרונט-געזעצנ". די שוואַרצמייעניקעס זײַנענ אינ דער ערשטער מינוט צעטומלט געוואָרנ — זיי האָבנ אינ זייער נאַיִווקײַט ניט פאַרשטאַנענ, אַז די „גרונט-געזעצנ" דאָס איז טאַקע א מיטל צו דערקלערנ דעמ מאַניפעסט פונ 17-טנ אָקטיאַבער אַזוי, אַז מיט קאָנסטיטוציע זאָל אפילע ניט שמעקנ. דער אווטער פונעמ ב־יוו, פונ וועלכנ מיר דערוויסנ זיכ דאָס (אַליינ א מיטגליד פונעמ „פאַרבאַנד"), האָט געזענ ניקאָלײַענ מיט צוויי טעג פאַר דעמ אונ האָט „אַרויסגעטראָגנ דעמ אײַנדרוק", אַז דער „קייסער איז מונטער, לעבעדיק, פונקט ווי ער וואָלט זיכ באַשלאָסנ אַפ עטוואָס גוטס אונ איז איצט באַרויִקט מיטנ קומענדיקנ דערפאָלג". דאָס איז געווענ אינ צוויי טעג אַרומ נאָכ דער ענדגילטיקער צעשיסונג פונ דער פרעסניע...

ניקאָלײַ האָט זיכ א ביסל צו פרי אָנגעהויבנ פרייענ — זײַנ זעלבסטהערשונג זײַנענ נאָכ זומער 1906 יאָר פאַרגעשטאַנענ פינצטערע טעג; אינ אייניקע זאַכ איז ער אָבער געווענ גערעכט — זײַנ הויפּט-סוינע, דער פראָלעטאַריאַט, האָט ביסלעכווײַז אָנגעהויבנ אַוועקגיינ פונ שלאַכטפעלד. די מעטאַליסטנ, וואָס יעדערער פונ זיי האָט אינ פריִערדיקנ יאָר געהאַט געשטרײַקט צו 3½ מאָל, האָבנ שוינ ניט געשטרײַקט אפילע קיינ איינ מאָל אינ 1906 יאָר. אַפ 252 טויזנט אַרבעטער האָבנ מיר בלויז 213 טויזנט שטרײַקער (84,9%).

די טעקסטיל-אַרבעטער, וועלכע זײַנענ געווענ אָפּגעשטאַנענ אינ פאַבריקנ יאָר, האָבנ זיכ געהאַלטנ בעסער, — דער אַריערגאַרד האָט זיכ אונטערגעצויגנ, — אויכ זיי האָבנ אָבער געגעבנ ווייניקער פונ איינ שטרײַקער אַפ יעדנ אַרבעטער (אַפ 708 טויזנט אַרבעטער — 640 טויזנט שטרײַקער — 90%). אונ אַפ וויפל עס איז שוואַכער געוואָרנ דער פראָלעטאַרישער דראַנג, האָט די בורזשואַזיע אָנגעהויבנ אופהייבנ דעמ קאָפּ, דער אונטערנעמער איז געוואָרנ אַלץ כוצפּעדיקער אונ אײַנ-

געשפּאַרטער. זייער אויסדריקלעכ איז דאָ דער פאַרגלייכ פונ די שטרייקנ, פונ זייערע דערפאָלגנ אונ דורכפאַלנ, אינ דעם ערשטנ אונ אינעם לעצטנ פערטל פונעם 1906 יאָר. אינ דעם ערשטנ פערטל האָבנ מיר סאַכאַקל 73 טויזנט שטרייקער, פונ זיי האָבנ געזיגט 34 טויזנט, בלויז 11 טויזנט זיינענ באַזיגט געוואָרנ, אונ 28 טויזנט האָבנ זיכ דערשלאָגנ אַנ אויסגלייכ — באַ קעגנזייטיקע האַנאָכעס; אינעם לעצטנ פערטל יאָר האָבנ מיר פונ דער אַלגעמיינער צאָל 37 טויזנט בלויז 8 טויזנט אַזוינע, וואָס האָבנ זיכ דערשלאָגנ אַנ אויסגלייכ, בלויז 6 טויזנט אַרבעטער, וואָס האָבנ געזיגט, אונ 23 טויזנט איז געווענ באַזיגטע. אינעם ערשטנ פערטל יאָר האָבנ די אונטערנעמער געזיגט סאַכאַקל אינ 15% פונ אַלע צוזאַמענשטויסנ מיט די אַרבעטער, אינ דעם לעצטנ — אינ 62%.

די בורזשואַזיע האָט אָנגעגריפנ, דער פּראָלעטאַריאַט איז אָפּגעטראָטנ...

קאַפּיטל VII

פויערשע אופשטאַנדנ

דער אַרבעטער־קלאַס האָט אָנגעהויבנ די רוסישע רעוואָליוציע. ער האָט זיכ דער ערשטער אַנטשלאָסנ צו געבנ אַ שלאַכט דעם צאַריזמ — אונ האָט פאַרשפּילט די ערשטע שלאַכט. אינ טאָכ גענומענ, איז דאָס געווענ אַ פאַרלוסט ניט פונ איינ קלאַס, נאָר פונ דער גאַנצער רעוואָליוציע, ווייל קיינ אַנדערע אָרגאַניזירטע רעוואָליוציאָנערע קויכעס איז אינ רוסלאַנד אינ 1905 יאָר ניט געווענ. אַ ניט אָרגאַניזירטע רעוואָליוציע ווידער האָט די רעגירונג, אָפּ וויפל איר אייגענע אָרגאַניזאַציע איז גאַנצ געבליבנ, שטענדיק געקאָנט דערשטיקנ. דאָס איז באַזונדערס קלאָר פאַר אונדז איצט, אינ שיינ, לעמאָשל, פונ דער דייטשישער רעוואָליוציע. אָפּ איר ביישפּיל זעענ מיר, ווי די אָפּוועזנקייט פונ אַ פעסטער, באַהעפטער רעוואָליוציאָנערער פאַרטיי אינ לאַנד, ווי עס איז באַ אונדז אינ 1917 יאָר געווענ די פאַרטיי באָלשעוויקעס, רייסט אַרונטער די רעוואָליוציע אונ זיכערט אַ ניצאָכנ פאַר אירע קעגנער. אָבער אינ 1905 יאָר האָבנ פילע באַ אונדז איבערגעשאַצט די באַדייטונג פונ סטיכיישקייט אינ דער רעוואָליוציע. דערמיט זיינענ טאַקע פאַרבונדנ געווענ די האָפענונגענ, וואָס אַ סאַכ האָבנ געלייגט אָפּנ פויערטום.

דאָס, וואָס עס איז פאָרגעקומענ אינ דאָרפ אינ האַרבסט 1905 יאָר, — האָט זיכ געדוכט, — האָט באַרעכטיקט די דאָזיקע האָפענונגענ. מיר האָבנ געזענ, אַז גראָד די דאָרפישע באַוועגונג איז געווענ די הויפּטזאַכ, וואָס האָט אונטערגעהאַלטנ די פּאַניק באַ דער רעגירונג, נאָכ דעמ ווי די אַרבעטער־באַוועגונג אינ פעטערבורג האָט אָנגעהויבנ פאַלנ. איצט, נאָכ דעקאַבער, האָבנ די רעוואָליוציאָנערנ געלייגט די הויפּט־האָפענונג טאַקע אָפּ דער דאָרפישער באַוועגונג. די ערשטע אַרויסטרעטונג פונ די אַרבעטער איז אָפּגעשלאָגנ געוואָרנ, — האָבנ זיי געטראַכט, — אָבער אַז עס וועט אַרויסטרעטנ דאָס דאָרפ, וועט אָפּנ פאָנ פונ זיינ אופשטאַנד די אַרבעטער־רעוואָליוציע זיינ אומבאַזיגבאַר.

ווענ מיר וואָלטנ זיכ צוגעקוקט נעענטער אונ וואָלטנ זיכ דערמאָנט די פאַרגאַנגענהייט, וואָלטנ מיר געקאָנט ניכטערער זיכ באַציִענ צומ דאָרפישנ אופשטאַנד. מיר וואָלטנ, פריִער פאַר אַלצ, דערזענ, אַז די באַוועגונג פונעם פּראָלע־

טאריאט איז געווענ ניט בלויז אנ *ארבעטערשע*, נאָר אויכ א טיפיש *שטאָטישע*, אז זי איז, פארשטייט זיכ, געווענ א באוועגונג פונעם פּראָלע־טאריאט איז געווענ ניט בלויז אנ *ארבעטערשע*, נאָר אויכ א טיפיש *ארבעטער אינ די גרויס־קאפּיטאליסטישע אונטערנעמונגענ*, אינ דער צײַט, ווענ דער פּראָצענט שטרײַקנ לעגאבע דער אלגעמיינער צאָל אונטערנעמונגענ איז פאר די קליינע פאבריקנ — ביז 20 ארבעטער — געווענ 47, מיט אנדערע ווערטער, *ניט אלע קליינע פאבריקנ האָבנ געשטרײַקט אפילע אינ 1905 יאָר*, — איז דער פּראָצענט שטרײַקנ לעגאבע דער צאָל אונטערנעמונגענ, וואָס האָבנ געהאט פונ 500 ביז 1000 ארבעטער, געווענ שוינ 163,8: יעדע גרויסע פאבריק האָט געשטרײַקט מער ווי איינ מאָל, אונ פאר די פאבריקנ־ריזנ, וווּ די צאָל ארבעטער איז מער פונ טויזנט, איז דער דאָזיקער פּראָצענט געווענ 231,9: *יעדע פונ די גרעסערע פאבריקנ האָט געשטרײַקט מער ווי צוויי מאָל*. דער פארגלײַכ צווישנ דער צאָל שטרײַקנ אינ שטאָט אונ אינ *דאָרפ* גיט א מעגלעכקײַט צוצוגעבנ נאָכ איינ דעטאל. האגאמ *אויסער די שטעט געפינט זיכ העכער א העלפט* פונ די רוסישע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ (בא 60 פּראָצ.), איז די צאָל דאָרפישע שטרײַקנ שטענדיק געווענ קלענער פונ דער צאָל שטאָטישע. אינ די צענ יאָר ווידער פאר דער רעוואָליוציע, ווענ די באוועגונג איז, דעריקער, געווענ אנ *עקאָנאָמישע*, פלעגנ די שטרײַקנ אויסער די שטעט פונדעסטוועגנ באטרעפנ קימאט א פערטל פונ דער אלגעמיינער צאָל: פאר די צענ יאָר 1895—1904 זײַנענ 24,8 פּראָצ. פונ אלע שטרײַקנ פארגעקומענ אינ אונטערנעמונגענ, וועלכע געפינענ זיכ אינ דאָרפ. אָבער ביים דער *פּאָליטישער* באוועגונג פונ 1905 יאָר זײַנענ די „דאָרפישע” שטרײַקנ *געפאלנ* ביז 15,7 פּראָצ. אזויארום באקומט זיכ, ערשטנס, אז וואָס די פּראָדוקציע איז געווענ קלענער, אלץ ווייניקער רעוואָליוציאָנער איז זי געווענ; צווייטנס, אז דאָס דאָרפ — אפילע אינ געשטאלט פונ זײַנ פּראָלעטאריאט — איז געווענ געשטימט נאָכ מער „עקאָנאָמיסטיש”, אײדער די שטאָט, אינ דער צײַט, ווענ אפילע די שטאָט איז, אינ געשטאלט פונ אירע ברייטע שיכטנ, נאָכ געווענ, ווי מיר האָבנ געזענ, אינ א גענוגער מאָס „עקאָנאָמיסטיש”.

דערפירנ דערפאָלגרײַכ די באוועגונג ביזנ סאָפ האָט געקאָנט בלויז די שטאָט. דאָס דאָרפ האָט איר געקאָנט דערינ *מיטהעלפנ*, — אָנ דער הילפ פונ דאָרפ האָט מענ קיינ ניצאָכנ ניט געקאָנט אָפּהאלטנ. דאָס יאָר 1917 האָט אינ דער הינזיכט אינגאנצנ באשטעטיקט די דערפארונג פונ 1905 יאָר: די ערשטע ניצכוינעס האָט די רעוואָליוציע אָפּגעהאלטנ אינ די גרויסע צענטערס — אינ לענינגראד (פּעטערבורג), מאָסקווע; ערשט פונ דאָרט האָט די רעוואָליוציע ארומגעכאפּט דאָס דאָרפ. דאָס, וואָס די צארישע מאכט האָט זיכ אײַנגעהאלטנ אינ פּעטערבורג אונ אינ מאָסקווע אינ 1905 יאָר, אָט דאָס האָט טאקע באטײַט איר ניצאָכנ, פונקט ווי דאָס, וואָס זי האָט פארלאָרנ פּעטערבורג אונ מאָסקווע אינ פעווראל—מארט 1917 יאָר, האָט באטײַט איר מאפּאָלע. אינ 1905 יאָר איז די פראגע וועגנ באנײַענ די רעוואָליוציע טאקע געווענ א פראגע וועגנ אופלעבנ די *שטאָטישע* רעוואָליוציע; אפ וויפל דאָס איז אומעגלעכ געווענ, האָט די רעוואָליוציע געמוזט פאלנ.

די פאָרשטעלונג וועגנ דער סטיכייִשקײַט פונ דער דאָרפישער באוועגונג איז געווענ א פעלער ניט בלויז פונ א געוויסנ טייל באָלשעוויקעס, נאָר אויכ — נאָכ

מער — א לעגענדע, וואָס די מענשעוויקעס אונ עסערנ האָבנ שטאַרק פאַרשפּרייט. פאַקטיש האָבנ די מענשעוויקעס ניט געהערשט אינ קיינ איינ שטאָט, אַחוצ פּעטערבורג, אונ זיי האָבנ אינערגעצ, אינ קיינ איינ גרויסנ צענטער, ניט געהאַט קיינ וויפל ניט איז ערנסטנ איינפלוס אפ דער אַרבעטער-באַוועגונג; די ראָליע ווידער פונ די עסערנ אינ דער דאָזיקער באַוועגונג איז געווענ אינגאַנצנ א צווייטראַנגיקע, אונ סײַ די סײַ יענע האָבנ — יעדערער אפ זײַנ שטייגער — עקספּלואַטירט דאָס דאָרף. די עסערנ האָבנ געמיינט זיכ צו שטיצנ אפנ דאָרף, ווי אפ דער וויכטיקסטער רעוואָליוציאָנערער קראַפט; די מענשעוויקעס האָבנ געזענ אינעמ דאָרף א קראַפט א קאָנטררעוואָליוציאָנערע, וואָס ציט די רעוואָליוציע אפ צוריק אונ אַראָפּצו: די פּויערשע סטיכיי האָט געקאָנט בלויז קאַליע מאַכנ די רעוואָליוציע — אונ זי האָט קאַליע געמאַכט; די באָלשעוויקעס אָבער זעענ אינ דער דאָזיקער פּויערשער סטיכיי א פאַרבינדעטנ פונעמ אַרבעטער-קלאַס.

די אומיטלבאַרע באַקאַנטשאַפט מיט די פאַקטנ פונ דער דאָרפישער באַוועגונג, וועלכע זײַנענ אונדז א לאַנגע צײַט באַוווּסט געווענ בלויז אינ א מענשעוויסטיש-עסערישער באַפאַרבונג, האָט באַוויזנ, אַז די באָלשעוויקעס זײַנענ גערעכט געווענ ניט בלויז טאַקטיש, — אַז די רעוואָליוציע האָט מענ געדאַרפט פירנ טאַקע אינ א בונד מיטנ פּויערטומ, — זיי זײַנענ גערעכט געווענ אויכ היסטאָריש: אַזוי איז טאַקע די רעוואָליוציע געגאַנגענ. אויב מע זאָל אויסשליסנ די גאַנצ זעלטענע פאַלנ, ווענ אָרגאַניזאַטערס פונ דער דאָרפישער באַוועגונג זײַנענ געווענ דאָרפישע דעמאָקראַטנ אינ געשטאַלט פונעמ פאַרמעגלעכנ פּויערטומ, — איז די דאָזיקע באַוועגונג געשטויסנ געוואָרנ פאָרויס טאַקע דורכ דער אַרבעטער-באַוועגונג.

שוינ אינ 1902 יאָר האָט איינער פונ די פּראָקוראָרנ (זע קאַפּיטל III „דער אָנהייב פונ דער מאַסנ-באַוועגונג אינ דאָרף") פאַרצייכנט די ווירקונג, וואָס עס האָט געהאַט אפ די כאַרקאָווער—פּאָלטאַווער „אומאָרדענונגענ" דער אינדוסטריעלער קריזיס, וועלכער האָט אַרויסגעטריבנ פונ די פאַבריקנ אונ זאַוואָדנ צוריק אינ דאָרף אַרײַנ זייער פיל אַרבעטער. אינ 1905 יאָר האָט זיכ די דאָזיקע פאַרקערטע שטרעבונג פונ שטאָט אינ דאָרף אַרײַנ פאַרשטאַרקט אינ צענדליקער מאָל אונ האָט אינ צענדליקער מאָל מער געווירקט אפ דער פּויערשער באַוועגונג.

ווענ מיר קוקנ דורכ איינס נאָכנ אַנדערנ די פּאָליציייִשע ראַפּאָרטנ, זעענ מיר, אַז די „סטיכייִשע" אַרויסטרעטונגענ פונ די פּויערימ זײַנענ אָפטמאָל געווענ ניט שלעכט אָרגאַניזירט: לויט אַנ אַליאַרמ פלעגט זיכ שנעל צונויפזאַמלענ א האַמוינ, ניט פאַרלירנדיק קיינ צײַט, קימאַט מיט א מעכאַנישער פּינקטלעכקײַט, פלעגט ער צעשמעטערנ, צעפירנ אונ צעטראָגנ דעמ פאַרמעגנ; ווענ עס פלעגנ קומענ סטראַזשניקעס אָדער קאָזאַקנ, — פלעגט שוינ זײַנ נאָכ אַלעמענ. ווער האָט דאָס אַלצ אָרגאַניזירט? דאָס האָט ניט געקאָנט ניט באַמערקנ אַפילע די פּאָליציי. „די באַוועגונג ווערט אָנ סאָפעק אָנגעפירט פונ אויסנ. זייער באַהאַלטנ אונ געניט, — האָט געשריבנ דער קורסקער גובערנאַטער באָרזענקאָ, — די פּויערימ באַהאַלטנ זאָרזאַמ אויס זייערע פירער". די דערקלערונג וועגנ דער „סטיכייִשקײַט" פונ דער פּויערשער רעוואָליוציע אינ 1905 יאָר איז ניט בעסער פונ די געשפּרעכנ וועגנ דער „סטיכייִשקײַט" פונעמ „אומזיניקנ" פּוגאַטשאָווישנ בונט. דאָרט זײַנענ ווי מיר וויסנ, די אָרגאַניזאַטערס געווענ דעריקער הויפּדינער—אָט דאָס דאָזיקע הויפּט-

ואכלעכ אינדוסטריעל, האנטווערקעריש קעמערל פונעם לײַבייגנטימערישנ דאָרפ. ווער האָט פאַרביטנ די דאָזיקע אוראַלטע אַגיטאַטערס אינ הונדערט מיט דרײַסיק יאָר אַרומ?

צוערשט הערנ מיר בלויז א ווידערקאָל פונ דער נײַער קראַפט. אינ ריאַזאַנער גובערניע איז, לויט די ווערטער פונ דער דעמלטיקער קאַזאַנער מאַכט, דער קוואַל פונ די אומרועס געווענ, אַגעוו, „די קלאַנגענ, וועלכע עס האָבנ געבראַכט די דאָרפ-אײַנוווינער, וואָס זײַנענ געקומענ פונ די שטעט אונ באַזונדערס פונ די פאַבריק-ראַיאָנענ”. אינ לגאָווער אויעזד, קורסקער גובערניע, האָט זיכ „אָנגעהויבנ באַמערקנ א יוירונג, וואָס איז אַרויסגערופנ געוואָרנ דורכ די אומרויִקע געשעענישנ אינ ס.-פּעטערבורג אונ דורכ די שטרײַקנ פונ די אַרבעטער אינ א סאַכ שטעט פונ דער אימפּעריע”. דאָס איז געווענ נאָכ אינ פרילינג 1905 יאָר. גלײַכצײַטיק האָבנ אויכ אינ וואָראָנעזשער גובערניע די „יעדיעס... וועגנ דער אַרבעטער-באַוועגונג אינ פּעטערבורג אונ אינ אַנדערע ערטער” אַרויסגערופנ „שמועסנ אונ א נערוועזע שטימונג צווישנ די פּויערימ” (פרג. דעמ ראַפּאָרט פונ קאַטערינאָסלאַווער גובערנאַטער: „די שטרײַקנ פונ די אַרבעטער אפ די אײַזנבאַנענ אונ זאַוואָדנ שפּיגלענ זיכ אָנ שומ ספּעק אָפּ אפ די פּויערימ”). דער 9-טער יאַנוואַר האָט צעוויגט ניט בלויז די שטאָט אונ די אינדוסטריעלע ראַיאָנענ, — דעמ שטוימ זײַנעמ האָט מענ דערפילט אויכ אינ דער שוואַרצערדישער טיפער פּראָווינצ.

דאָ האָט נאָכ ערשט אָנגעהויבנ רויטלענ אנ אָפּגעשפּיגלטע שײַנ פונ דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע. אינ אַנדערע גובערניעס איז די פאַרבינדונג געווענ א מער דירעקטע. אינ קאַלוגער גובערניע איז א סיגנאַל צומ אופשטאַנד געווענ דאָס, „וואָס די פּויערימ זײַנענ מאַסנווײַז צוריקגעקומענ פונ די אויסערדאָרפישע געווערבנ צוליב דער אַרבעטלאָזיקײַט אפנ דאָרעמ, אונ דאָס, וואָס עס האָבנ זיכ אָפּגעשטעלט א סאַכ פאַבריקנ אונ זאַוואָדנ, אונ אויכ די פאַרשיידענע מינימ שטרײַקנ אינ מאָסקווע”. ווענ דער אַרבעטער, וואָס איז פאַנאַנדערגעפּראָפּאַגאַנדירט געוואָרנ אינ שטאָט, פלעגט ווערנ אַרבעטלאָז, פלעגט ער ברענגענ די פּראָפּאַגאַנדע צו זיכ אינ היימישנ דאָרפ אַרײַנ. דאָס זעלביקע איז געווענ אויכ אינ סימבירסקער גובערניע, ווו „פאַרשפּרייטער פונ פּראָקלאַמאַציעס” זײַנענ געווענ „הויפּטזאַכלעכ טאַקע די אָרטיקע פּויערימ, וואָס פלעגנ זיכ אומקערנ פונ די פאַרדינסטנ פונ סאַמאַרע אינ פונ די נידערוואָלגער שטעט”.

„די אומרויִקע שטימונג פונ די פּויערימ פונ דאָרפ סאַלנאָיע (טשערניגאָווער גובערניע, אינ שכיינעס מיט טערעשטשענקעס כוטער, וואָס איז צעגראַמירט געוואָרנ אינ 1905 יאָר), וואָס איז געשטיצט געוואָרנ מיצאַד דעמ אָרטיקנ פּויערישנ עוודאָקימ קוזמיטש מיט זײַנע זינ, וועלכע האָבנ געהאַט א ווירקונג אפ די פּויערימ, — האָט זיכ באַדײַטנדיק פאַרשאַרפט אינ אָנהייב פעוורואַל 1905 יאָר נאָכ דעמ, ווי אינ דאָרפ סאַלנאָיע האָט זיכ צו יענער צײַט אומגעקערט פונ די פאַרדינסטנ אפנ דאָרעמ דער אָרטגעבוירטיקער פּיער לאַוכינ אונ אַנדערע, אונ איז דערנאָכ אַריבערגעוואָקסנ אינ א יוירונג — די פּויערימ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ גרופּעסווײַז צונויפקלײַבנ אפ דער גאַס אונ פירנ צווישנ זיכ שמועסנ”.

בײַשפּילסווײַז ווערט קאָנקרעטער דאָס פּאָנעמ פונעמ פּויער, וואָס „האָט זיכ אומגעקערט פונ די פאַרדינסטנ”. אינ קאַראַטשעווער אויעזד, אָריאָלער גובער-

ניע, „רײדנ אונטער די ארבעטער, וואָס קערנ זיכ אומ פונ די שאכטעס, אַז מע זאָל טאָנ דאָס, וואָס עס טוט זיכ אפ די זאוואָדנ: „טרײבט די פּאַרוואַלטערס, — זאָגנ זײ, — אונ שטעלט זיכ אַלײנ אפ זײערע ערטער, נעמט אראָפּ די ארבעטער". אינ דמיטראָווער אויעזד פונ דער זעלבער גובערניע „נוצנ אויס די צוריקגעקומענע רעזערוויסטנ אונ די ארבעטער פונ די שאכטעס דעמ נידעריקנ ניוואָ פונ דער באפעלקערונג, רעגנ זײ אופ, אונ דעריבער נעמט אָנ די שטימונג פונ די פּויערימ אָפּטמאָל א דראָענדיקנ כאראקטער". אינ טשערניגאָווער גובערניע „זײנענ באקומענ געוואָרנ ידיעות פונעמ מארשאלעק (אָנפירער פונעמ אדל), פונ די ערדבאזיצער פונ סוראזשער אויעזד, אז צווישנ די פּויערימ האָט זיכ באנײט די יוירונג, וואָס ווערט אונטערגעהעצט דורכ די באוואָפנטע שאכטיאָרנ, וואָס האָבנ זיכ אומגעקערט פונ די געווערבנ אונ וואָס גײענ ארומ באנדעסווײז אונ סקאנדאלעווענ". אינעמ דאָרף צינקע, מגלינער אויעזד, — דערציילט א היסטאָריקער פונ דער באוועגונג אינ טשערניגאָווער גובערניע, — איז „לויט א זשאנדארמישנ ראפּאָרט, אלצ געווענ רויִק ביז יונ 1906 יאָר. אָבער אָט האָט זיכ באוויזנ אינ דאָרפ דער פּויער שטירכונאָוו, וועלכער האָט זיכ אומגעקערט פונ דער ארבעט אינ די שאכטעס, אונ... „עס איז אוועק שלעכט"... לויט דער פאָדערונג פונ די „אגיטאטערס" איז פאָרגעקומענ א דאָרפ-פארזאמלונג, אפ וועלכער עס זײנענ אויסגעארבעט געוואָרנ די באדינגונגענ פונ ארבעט באמ פּאָרעצ. עס איז אויסגעוויילט געוואָרנ אַנ „ארבעטער-קאָמיטעט", וואָס האָט געהאט די אויפגאבע נאָכצושפּירנ, אז די דאָזיקע באדינגונגענ זאָל קײנער ניט ברעכנ. די ארבעט איז געווענ אוועקגעשטעלט אזוי: אויסער דעמ קאָמיטעט האָט די עקאָנאָמיע ניט געקאָנט באקומענ קײנ ארבעטער אפילע פאר הויכע פּרײזנ. „דער קאָמיטעט האָט ארײנגענומענ צו זיכ אינ די הענט דאָס גאנצע דאָרפ", — האָט ראפּאָרטירט די פּאָליציי. אינ דאָרפ פלעגנ אײנגעלאדנ ווערנ „אָנגעפאָרענע אגיטאטערס", דערבײ איז אפ צו דעקנ די הוצאָות פאר דער אײנלאדונג פלעגט דער קאָמיטעט דורכפירנ באשטימטע אראָפּרעכענונגענ בא יעדנ פּויער. פאר א דאָרפישנ סטארעסטע האָט מענ אויסגעוויילט דעמ דערמאָנטנ שטירכונאָוו".

דער דאָזיקער אָנטייל פונ די שאכטיאָרנ גיט טשיקאווע אָפּקלאנגענ אינ דעטעכניק פונעמ פּויערשנ אופשטאנד. פונ באכמוט האָט מענ דעמ 7-טנ יול 1905 יאָר טעלעגראפירט: „אינעמ דאָרפ טשערוואָנאָוקע, באכמוטער אויעזד, האָבנ די פּויערימ פארברענט באמ ערדבאזיצער וואסיליעוו אינ דער עקאָנאָמיע דעמ פיהויפ מיטנ פי, וואָס האָט זיכ אינ אימ געפונענ, דעמ שפּײכלער אינ האָבנ אויפגעריסנ די וואסער-מיל מיט דינאמיט".

פונקט ווי אינ די טעג פונ פּוגאטשאָווישנ אופשטאנד דער לײביגענער בארג-ארבעטער, אזוי ווײזט זיכ איצט ארויס, אז דער האלב-לײביגענער פּויער-שאכטיאָר איז דער סאמע נאָענטסטער צומ דאָרפ מוסטער פונ דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע. ניט אומזיסט האָבנ נאָכ אינ 1918 יאָר די ווײסע גענעראלנ — קראסנאָוו, אונ דעניקינ — אזוי געהאסט דעמ שאכטיאָר. עס איז געווענ פאר וואָס. „דער נידעריקער ניוואָ פונ דער באפעלקערונג" האָט אומעטומ לײכט געמאכט די באהעפטונג צווישנ אלע שיכטנ פונ דער האָרעפּאשנער מאסע — ניט אומזיסט האָבנ די גענעראלנ געהאלטנ די דאָזיקע מאסע אומעטומ אפ אײנ אונ דעמ זעלבנ „נידעריקנ ניוואָ". אָבער מיטנ שאכטיאָר, דעמ אורייניקל פונעמ אוראלער פּוגאטשאָווער, פלעגט זיכ עס אויכ דאָ ווידעראמאָל ניט באגרענעצנ. ביסלעכווײז

וואַקסנ אויס אינ די זעלבע גובערנאַטערישע ראַפּאָרטנ איינע נאָכ דער אַנדערער פיגורנ שוינ פונעמ קוואַליפיצירטנ פּראָלעטאַריאַט.

אינ פּראָנסקער אויעזד, ריאַזאַנער גובערניע, האָט „די אויספאָרשונג", ווי עס האָט ראַפּאָרטירט דער שעפ פונ דער זשאַנדאַרמענ-פאַרוואַלטונג אינ נאָיאַבער 1905 יאָר, „פעסטגעשטעלט, אַז די פּויערימ האָבנ געהאַנדלט אונטער דער ווירקונג פונ א פאַבריק-אַרבעטער, אַנ אָרטיקנ פּויער, טימאָפּיי קאָמאַראָוו, וועלכער איז געקומענ צו פאָרנ פונ מאָסקווע. ער האָט זיי דערציילט, אַז איצט קאָנ מענ אַלצ טאָנ און די ערד געהערט די פּויערימ". פונ קאָוראָווער אויעזד, וולאַדימירער גובערניע, האָט דער זעמסקער נאַטשאַלניק ראַפּאָרטירט: „פיל אַרבעטער פונ צווישנ די פּויערימ (איכ בינ איבערצייגט, אַז זיי באַקומענ א באַלוינונג פונ די אַגיטאַטערס) ווערבירנ זייערע לאַנדסלייט, צוזאָגנדיק זיי פאַרשיידענע לגאָטעס אינ דער צוקונפט, און יענע באַציִענ זיכ, ווי באַוווּסט, מיט גרויס צוטרוי צו די דערציילונגענ און לערעס פונ זייערע דאָרפ-כאַוויירימ". אינ באָלכאָווער אויעזד, אָריאָלער גובערניע, איז „דעמ 4-טנ דעקאַבער אינ דאָרפ סיפּאַניעוו אינ דער קירכלעכער געמיינדע-שול פאָרגעקומענ א פאַרזאַמלונג פונ די יונגע איינוווינער פונ די ישוווימ סופּאָניעוו און טימאָנאָווקע; פיל פונ זיי אַרבעטנ אַפנ בריאַנסקער זאַוואָד און אינ אַרסענאַל. אַפ דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג האָבנ די אַרבעטער פונ בריאַנסקער אַרסענאַל — איוואַנ באָגאַטיריאָוו און אַנדריי גאַלימשעוו — גערעדט וועגנ דעמ, אַז מע דאַרפ ניט קיינ פּאָליציי, ניט קיינ ווירקלעכע רעגירונג, אַז מע דאַרפ אָפּנעמענ לעטויוועס די פּויערימ די ערד בא די ערדבאַזיצער, בא די מאָנאַסטירנ און קלויסטערס און די קאַזיאָנע וועלדער, קיינ שטייערנ ניט צאָלנ".

די ערשטע געזעלשאַפטלעכע גרופּע, וועלכע האָט אָנגעפירט מיט דער דאָרפישער באַוועגונג, זיינענ אַזויאַרומ געווענ אַרבעטער, וואָס האָבנ זיכ געשטיצט אַפ די פּראָלעטאַרישע און האַלב-פּראָלעטאַרישע עלעמענטנ פונ דאָרפ.

די דאָזיקע פאַרבינדונג צווישנ דער אַרבעטערשער און פּויערשער באַוועגונג האָט שוינ אינ 1905 יאָר באַשאַפנ א פּאָליטישנ צוזאַמענשלוס צווישנ דעמ פּראָלעטאַריאַט און דעמ פּויערטומ, וואָס האָט געפונענ פאַר זיכ די סאַמע פאַרשיידנאַרטיקע אויסדריקנ. אָט האָבנ די פּויערימ פונ א פאַרוואָרפענעמ סימבירסקער דאָרפ געפאָדערט, אַז מע זאָל באַשטימענ א געריכט-אויספאָרשונג וועגנ דער צעשיסונג פונ די אַרבעטער אינ פּעטערבורג דעמ 9-טנ יאַנוואַר, דערביי האָט די טעלעגראַמע וועגנ דעמ צומ אינערנ-מיניסטער געכאַסמעט דער אָרטיקער דאָרפישער סטאַראָסטע. אָט האָבנ פּויערימ פונ א צווייטנ סימבירסקער דאָרפ געכאַסמעט א ווענדונג צו דער אָרטיקער גוטבאַזיצערנ: „די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַרבעטער-פּאַרטיי", האַגאַמ פונעמ אינהאַלט פונעמ בריוו, אַנ אויסערגעוויינלעכ עכט-פּויערישנ, איז פולשטענדיק קלאָר, אַז קיינ שומ פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע האָט ניט גענומענ און האָט ניט געקאָנט נעמענ קיינ אָנטייל אינעמ צונויפשטעלנ דעמ דאָזיקנ בריוו (דער בריוו הייבט זיכ אָנ מיט פאַרופנ זיכ אַפנ אויטאָריטעט פונעמ „פאַרבאַנד פונ די רוסישע לייט"). אָט האָבנ די פּויערימ אינ ניזשני-נאָווגאָראָדער גובערניע — און דאָס איז נאָכ אינ יול 1905 יאָר, נאָכ לאַנג פאַרנ אָקטיאַבער-שטרייק — איינגעאָרדנט „א דעמאָנסטראַטיווע פּראָצעסיע מיט א רויטער פאָנ". אָט איז אינ טשערניגאָווער גובערניע רופנ זיכ די יונגע פּויערימ, וואָס טרעטנ אַרויס אַפ א פאַרזאַמלונג, סאָציאַל-דעמאָקראַטנ (עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס

ניט סאָציאַליסטנ־רעוואָלוציאָנערנ). אַנדערע פויערימ — דאָס איז שוינ געווענ אינ 1906 יאָר — דראָענ דעמ סטאַנאָווויי פריסטאַוו, אַז זיי וועלנ שיקנ אַ טעלעגראַמע דער „אַרבעטער־גרופע פונ דער מעלוכע־דומע" אאַוו. אאַוו., — האַרט ביז צו דעמ אויסגעצייכנטנ אָנזאָג פונ די פויערימ פונ דער סלאָבאָדע פאָקראָווסקאַיאַ, סאַמאַרער גובערניע, ווו עס איז געזאָגט געוואָרנ: „דער אויסגעוויילטער פונ די פויערימ דאַרפ שטענדיק זײַנ פאַרייניקט מיט די אויסגעוויילטע פונ די פאַבריק־אַרבעטער אינ יענע פאַלנ, ווענ מע דאַרפ פאָדערנ אַרויסצוגעבנ געזעצנ, וואָס זײַנענ גינסטיק פאַר די אָרעמע מענטשנ".

פונ דער אַנדער זײַט, ווידער, איז אינ קאָנאָטאָפער אויעזד, טשערניגאָווער גובערניע, ווענ עס איז אַרעסטירט געוואָרנ דער פויערשער פירער וואַסילעצ, האָט „די באַפעלקערונג פונעמ דאָרפ פאָדליפנע, דערוויסנדיק זיכ וועגנ וואַסילעצעס אַרעסט, אָנגעהויבנ אַליאַרמירנדיק קלינגענ אינ די קלויסטער־גלעקער אונ האָט זיכ צונויפגעזאַמלט צומ הויפ פונעמ זעמסקנ נאַטשאַלניק נ. אי. קאָנסטאַנטינאָוו מיט אַ פאָדערונג צו באַפרײַענ וואַסילעצנ, אינ קעגנפאַל וועלנ זיי אימ (דעמ זעמסקנ) האַרגענענ אונ צעגראָמירנ דעמ גאַנצנ הויפ. די אײַזנבאַנ־אַרבעטער האָבנ פאַרמאַכט זייערע וואַרשטאַטנ אונ זײַנענ אַוועק אינ דאָרפ פאָדליפנע, ווו זיי האָבנ זיכ פאַרייניקט צו די צונויפגעזאַמלטע בײַ נ. אי. קאָנסטאַנטינאָווס הויפ". „אַז איכ האָב זיכ דערוווסט וועגנ דעמ, — ראַפאָרטירט אַ פאָליצייִשער באַאַמטער, — האָב איכ אַוועקגעשיקט אינ דאָרפ פאָדליפנע אַ וואַכמײַסטער, הויבנ פראַצ־ קאַזאַקנ פונ שטאָט, אונטער דער קאָמאַנדע פונ אַ יינגערנ אָפיצער. אינ שטאָט האָב איכ געלאָזנ בלויז איינ וואַכמײַסטער מיט אַ ראָטע־קאָמאַנדיר; אינ דער צײַט זײַנענ צו מיר געקומענ באַפולמעכטיקטע פונ די וואַרשטאַטנ מיט אַ ביטע, איכ זאָל באַפרײַענ וואַסילעצנ, אינ קעגנפאַל וועט די צווייטע וואַכטע אַרבעטער באַלד קומענ אונ צעשמעטערנ די טפיסע; אַזויאַרומ איז מיר אויסגעקומענ אויסצוקלײַבנ — אָדער מאַקריוו זײַנ דאָס לעבנ אונ דעמ פאַרמעגנ פונעמ זעמסקנ נאַטשאַלניק אונ אָפרופנ פונ פאָדליפנע דאָס מיליטער צוריק אינ שטאָט אַרײַנ, אָדער לאָזנ צעקלאַפנ די טפיסע, ווײַל איינ וואַכמײַסטער איז ניט בעקויעכ זי צו פאַרטיידיקנ. גלײַכצײַטיק האָב איכ באַקומענ פונעמ זעמסקנ נאַטשאַלניק אַ בריוו, דורכ צוויי באַפולמעכטיקטע פונעמ האַמויג, וואָס האָט זיכ צונויפגעזאַמלט אינ פאָדליפנע, מיט אַ ביטע, איכ זאָל טייקעפ באַפרײַענ וואַסילעצנ אונ ניט אַרעסטירנ די שליכימ. איכ בינ געצוווּנגענ געווענ אָפצוגעבנ וואַסילעצנ די באַפולמעכטיקטע אָפ אָרוועס, מיט אַ היסכײַוועס, אַז לויט דער ערשטער פאָדערונג פונעמ געריכט אָדער פונ דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט זאָל מענ אימ צושטעלנ, וואָהינ עס וועט אָנגעוויזנ ווערנ".

אָבער די רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר איז נאָכ געווענ אַ בורזשואַזע רעוואָליוציע, אונ עס וואָלט געווענ מאָדנע, ווענ די דאָרפישע בורזשואַזיע וואָלט ניט גענומענ אינ איר קיינ שומ אָנטייל. אַזאַ מינ זאַכ האָט, פאַרשטייט זיכ, טאַקע ניט געטראָפנ — באַגלײַכ מיטנ פראָלעטאַרישנ שטראָמ האָבנ מיר אינ דער פויערשער באַוועגונג פונ 1905 יאָר אויכ אַ קליינבירגערלעכנ שטראָמ, וועלכער האָט זיכ אָנטפלעקט מיט אַ געגוונגדיקער דײַטלעכקײַט. אָנפירער פונ דער באַוועגונג זײַנענ ניט שטענדיק געווענ אַרבעטער. אינ שעניקורסקער אויעזד, אַרכאַנגעלסקער גובערניע, ווו די באַוועגונג האָט אָנגענומענ, ווי מיר וועלנ זענ ווײַטער, זייער אַ שאַרפ־דעמאָקראַטישנ כאַראַקטער, רופנ אָנ די זשאַנדאַרמענ צווישנ אַזוינע אָנפי־

דער, צוגלײַכ מיט די פאַרוואַלטערס פונ די וואַלד־באַצירקנ, מיט די אָרטיקע קלײנע באַאַמטע, פאַרשיקטע סטודענטנ, לערער, אויכ אַ גאַנצע רײ הענדלער, ד. ה. אָרטיקע קרעמער, אונ אויכ דעמ וואָלאָסט־סטאַרעסטע, וואָס האָבנ פאַרשטײט זיכ, בעשומויפנ ניט געהערט צומ האַלב־פּראָלעטאַריאַט. אינ וואָראָנעזשער גובערניע, „אינעמ דאָרפ דאָלגושע, האָט מענ פונ פרילינג אָנגעהויבנ שמועסנ וועגנ אָפּנעמענ די ערד באַמ פּאָרעצ גלאָוואַצקי. די סיבע דערצו, אַז אַזוינע רײדערײַענ זאָלנ אַנטשטײנ, איז געווענ דאָס, וואָס דער אָרטיקער הענדלער אַלעקסאַנדער מאַליקאָוו האָט געלײענט די פויערימ וועגנ די אומאָרדענונגענ אינ קורסקער אונ אינ אַנדערע גובערניעס; מאַליקאָוו לײענט שטענדיק צײַטונגענ און דערצײלט אָפּט דאָס דורכגעלײענטע אינ אַ פאַרקריפּלטער פאָרמ".

אינ אַנ אַנדער אויעזד פונ דער זעלבער גובערניע זײַנענ „די אָנפירער פונעמ פּאָגראָמ געווענ די פויערימ פונעמ כוטער באָסטאָיאַלי (עס קומענ די פאַמיליע־נעמענ פונ די פויערימ). די אַלע פּערזאָנענ האָבנ געהאַנדלט אַזוי: צו־ערשט גײענ זײ באַרטאָג ארומ איבערנ דאָרפ אונ לאָדנ אײַנ די, וואָס ווילנ, זײ זאָלנ פאָרנ גראַמירנ עקאָנאָמיעס. דערבײַ וואָרענענ זײ, אַז לויטנ ערשטנ ביקסנ־שאָס דאַרפנ זײ זיכ גרײטנ, לויטנ צווײטנ — אײַנשפּאַנענ די פערד, אונ לויטנ דריטנ — אַרויספאָרנ פונ הויפ. אַזוי פלעגנ די פויערימ טאַקע טאָנ אינ דער ווירקלעכקײַט. אינ די שכײנישע ישוווימ פלעגט פאָרנ מעלדנ וועגנ דעמ דער פויער פונ דער סלאָבאָדע באַרקאָווסקאַיאַ, גאַווריִלאַ מיכײַלענקאָ, וואָס פלעגט פירנ פלײש צו פאַרקויפנ די פויערימ". אינ מיכײַלאָווער אויעזד, ריאַזאַנער גובערניע, איז אינ דער ראָליע פונ אַנ אַגיטאַטער אַרויסגעטראָטנ דער וואָלאָסט־ריכטער, וואָס פלעגט לײענענ צײַטונגענ פאַר די פויערימ אונ פלעגט „פלוימערהשט פונעמ דורכגעלײענטנ אינ דער צײַטונג" זאָגנ זײַנע צוהערער: „איז אָט, עס איז געקומענ די צײַט, אונ אינ די צײַטונגענ שרײַבט מענ — עס וועט זײַנ גלײַכהײַט, פאַרנ פאָלק וועט זײַנ אַ פרײד אַזאַ, ווי עס טרעפט בלויז פײַסעכ, דאָס פאָלק וועט זיכ פרײענ אונ קושנ זיכ; די ערד וועט מענ בײַ די פריצימ אײַנגיכנ צונעמענ אונ פאַנאַנדערטײלנ צווישנ די פויערימ אַפּ גלײַכ, אונ די פריצימ, בײַ וועמענ מע וועט אָפּנעמענ די ערד, וועט מענ צאָלנ געהאַלט".

אינ צענטער פונ דער פויערשער באַוועגונג — אינ מאָרשאַנסקער אויעזד, טאַמבאָווער גובערניע, „אינ דאָרפ שאַטשי צײלט מענ 70 הויפנ; אַ העלפט דאָרפ זײַנענ מאָלאָקאַנער, אַ העלפט — פּראַוואָסלאַווע. די מאָלאָקאַנער זײַנענ זײער אַנטוויקלט, רײַכ. זײ שרײַבנ אויס צײַטונגענ פונ פאַרשײדענע ריכטונגענ, זײ זײַנענ באַקאַנט מיט די ווערק פונעמ גראַפ טאָלסטוי. זוכנדיק פאַרדינסטנ, זײַנענ זײ אויסגעווענ אינ פאַרשײדענע שטעט פונ רוסלאַנד. אינ אַ באַזונדערס ענגנ פאַרקער האָבנ זײ זיכ געפונענ מיט דער שטאָט טאַמבאָוו. בײַ זײ פלעגט מענ אָפּט איבערכאַפּנ פּראָקלאַמאַציעס".

פאָליטיש האָט די דאָזיקע באַוועגונג, ווי מיר האָבנ פריִער דערמאָנט, געקאָנט זײַנ פאַרשאַרפט. אינ שענקורסקער אויעזד האָבנ די דעלעגאַטנ פונ דער גרויס־ניקאָלײַעווער וואָלאָסט „געפאָדערט פאַר רוסלאַנד אַ רעפּובליקאַנישנ פאַרוואַלטונג־סיידער", דערבײַ איז פונ זײ ניט אָפּגעשטאַנענ אויכ דער גאַלעכ פונ אָפּאַנאַסיעווער געמײנדע, „וועלכער האָט גלײַכ מיט זײַנע ערשטע ווערטער אַרויסגערופנ פאַרווונדערונג בײַ דער מערהײַט צונויפגעזאַמלטע פויערימ מיט זײַנע לײַדנשאַפטלעכע אָנפאַלנ אַפּ דער רעגירונג אונ מיט זײַנע כוצפעדיקע אויסדריקנ קעגנ דעמ קײסער, דערמיט, וואָס ער האָט אָנגערופנ זײַנ מאַיעסטעט בלוטזויגער אונ

טיראַנ פונעמ פאָלק, דערבײַ האָט ער גערעדט וועגנ דער נייטיקײַט צו האָבנ אַ אויסגעווײלטנ רעגירער". עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז די פויערימ — געוועזענע „אודיעלנע", ד. ה. געוועזענע לײַבייגענע פונ דער צאַרישער פאַמיליע, — האָבנ דאָס אויסגעהערט, אונ בלויז איינער פונ זיי האָט פאַרגעלייגט, אַז מע זאָל דעמ גאַלעכ אַרײַנוואַרפנ אינ אַ פּאָלאָנקע. ער האָט אָבער ניט געפונענ קיינ מיטגעפיל בײַ די איבעריקע.

די דעמאָקראַטישע לאָזונגענ האָבנ געקאָנט געפינענ אַנ אָפּקלאַנג אינ דער דאָזיקער סוויווע אונ האָבנ אימ געפונענ ניט איינ מאָל. די פויערשע רעוואָליוציע איז דאָ מיט ניט קיינ גרויסער פאַרשפּעטיקונג דורכגעלאָפנ די זעלבע עטאַפּנ, וואָס די בורזשואַזע רעוואָליוציע בכלל. אָנגעהויבנ האָט זיכ פונ אַנ אומקלאָרער אומצופרידנקײַט מיט די „עקזיסטירנדיקע פאַראַנדקעס", ווי, אַשטייגער, יענע ריידערײַענ, וועגנ וועלכע עס האָט נאָכ אינ מאַרט 1905 יאָר ראַפּאָרטירט דער סאַמאַרער זשאַנדאַרמ, וואָס האָט געשריבנ אינ פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט: „אינ בוגורוסלאַנער אויעזד איז די שטימונג פונ די פויערימ אַנ אומרויִקע; צווישנ זיי גייענ אַרומ פאַרשיידענע געשפּרעכנ; עס ווערט אַרויסגעזאָגט אַנ אומצופרידנקײַט קעגנ דער מילכאָמע מיט יאַפּאָניע; די מאַכט-פאַרשטייער רופט מענ גאַנאָווימ אונ פאַרעטער; מע איז ניט צופרידנ מיטנ שפּײַז-געלט, וואָס ווערט אַרויסגעגעבנ די פאַמיליעס פונ די סאָלדאַטנ, וואָס זײַנענ אוועק אַפ מילכאָמע, דערבײַ ווײַזט מענ אָנ, אַז דאָס שפּײַז-געלט ווערט אַרויסגעגעבנ בלויז פאַרמעגלעכע אונ רײַכע פאַמיליעס, אונ די אָרעמע — ניט; אַז אַפ דער מילכאָמע נעמט מענ פויערימ, וואָס האָבנ ווייניק ערד, אונ קיינ פּריצימ — ניט. די זעמסקע נאַטשאַלניקעס רופט מענ פּאַראַזיטנ, ווײַל ביז זיי האָט זיכ געלעבט בעסער; אונ איצט ווערנ גרעסער אַלע שטײַערנ אונ די זעמסקע נאַטשאַלניקעס דערקלערנ ניט, אַפ וואָס אונ וווּהינ גייענ אַוועק די דאָזיקע שטייערנ; אַז אינגיכנ וועט מענ שלאָגנ סטודענטנ אונ בכלל אַלע געבילדעטע, אַז זיי זאָלנ ניט בונטעווענ קעגנ דעמ קריסטלעכנ גלויבנ אינ זאָלנ ניט גיינ קעגנ דעמ קייסער".

צומ סאָפ יאָר ווערט די שטימונג אַלצ דײַטלעכער, אונ אינ נאָיאַבער—דעקאַבער האָבנ מיר שוינ פויערשע „פּריגאָוואָרנ" (באַשלוסנ), וועלכע פאָדערנ טייקעפּ צונויפצורופנ די גרינדונג-פאַרזאַמלונג, פּראָפּאָרציאָנעלע פאָרשטייערשאַפט, „אַנטייגענונג פונ אַלע פּריוואַט-באַזיצערישע ערדנ אונ זייער איבערגאַנג פונ פּריוואַט-אייגנטומ אינ אַנ אַלגעמיינ נאַציאָנאַל אייגנטומ" אאַוו., אונ מיר הערנ, פאַרשטייט זיכ, מער עכטע (די פאָרמולירונגענ פונעמ ציטירטנ באַשלוס זײַנענ אָנ סאָפּעק עסערישע) רעדעס פונ פויערימ פונ אַזאַ מינ שטייגער: „אונדז האָט די רעגירונג צונויפגעפרעסט; שולדיק אינ דעמ אַלעמענ איז די מישפּאָכע ראָמאַנאָווס, דער קייסער האָט פאַרקויפט רוסלאַנד צו יאַפּאָניע. די ראָמאַנאָווס האָבנ פאַר 300 יאָר גאָרנישט ניט אָפּגעטאָנ פאַר די פויערימ, די פירשטנ ווידער שיקערנ בלויז; אונ אויב מע האָט פונ רוסלאַנד אַוועקגעפירט קיינ אויסלאַנד דעמ יוירעש, טאָ זאָל ער זיכ אויכ מאַטערנ ווי עס לײַדנ די פויערימ; מיר האָבנ ניט אַפ וואָס צו האָפנ, נאָר מע דאַרפ אַלצ נעמענ מיט קראַפט" (מאַמאַדישער אויעזד, קאַזאַנער גובערניע).

פונ יענע צײַטנ, ווענ דער פויער האָט, אויפהערנדיק אַפילע צו גלייבנ אינ גאָט, נאָכ אַלצ געגלייבט אינ קייסער, זײַנענ מיר אַוועק ווײַט... אינ דאָרפ איז אָנ סאָפּעק פאָרגעקומענ שוינ ניט בלויז אַ ס אָ צ י אַ ל ע, נאָר אויכ אַ פּ אָ ל י-

טישע רעוואָליוציע; אָבער ווי נאָר עס פלעגט דערגיינ צו א סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע, — פלעגט זיכ דאָס בילד טייקעפ שאַרפ ענדערנ. צו פאַרטיידיקנ דאָס „הייליקע אייגנטומ" פלעגט זיכ די דאָרפישע בורזשואַזיע אופהייבנ אינ דער גאַנצער מאַסע, — אונ ווי איז געווענ צו די, ווער עס האָט געוואַגט זיכ פאָרצישטעלנ, אַז אויב מע דאַרפ ניט קיינ קייסער, קאָנ מענ שוינ דעמ באַלעגופ אויכ אָפשאַפנ. אינ אַלאַטירער אונ בוינסקער אויעזדנ סימבירסקער (אוליאַנאָווסקער) גובערניע, איז די שטימונג נאָכנ צעטרייבנ די ערשטע דומע געוואָרנ א פולשטענדיק רעוואָליוציאָנערע. „די ריידערייענ צווישנ די פויערימ האָבנ מיטאַמאָל אָנגענומענ א שאַרפנ אַנטידינאַסטישנ כאַראַקטער", — האָט ראַפּאָרטירט דער באַאמטער פאַר באַזונדערע שליכעסנ באַמ פינאַנצ־מיניסטעריומ, — אונ וואָס איז שייעכ די פריצימ, האָבנ די פויערימ „גערעדט וועגנ דעמ, אַז מע דאַרפ שלאָגנ אַלע פריצימ אָנ אויסנאַמ, קעדיי נעקאָמע נעמענ פאַר די עלטער־זיידעס, וועמענ די פריצימ האָבנ געפייניקט בייסנ לייבאייגנטומ". צוגלייכ דערמיט איז דער פריצישער „וואַלד אויסגעהאַקט געוואָרנ ביזנ לעצטנ ריטעלע", אונ די פריצישע הויפנ האָט מענ געצונדנ, ניט מוירע געהאַט אַפילע פאַר קאָזאַקנ: באַ איינ פאָרעצ האָט מענ „גלייכ נאָכ דעמ, ווי די קאָזאַקנ זיינענ אַוועק, פאַרברענט די הויפ־געביידעס". „די סרייפעס זיינענ אַזוי אָפט געוואָרנ, אַז אינ אווגוסט האָט מענ יעדנ אָוונט געזאָנט זענ א פייער־שיינ".

אונ אָט אפנ פאָנ פונ דער דאָזיקער העלער פויערשער רעוואָליוציע טרעפנ מיר אַזא פאַקט: „אינעמ שכייניש גרויסנ האַנדל־דאָרפ אסטראַדאַמאָווקע האָט מענ אָרגאַניזירט א דרוזשינע פונ הונדערט מאַנ, אויסגעוויילט א קאָמיטעט אונ אויסגעאַרבעט א קרימינעלנ קאָדעקס פאַר אויוועער זיינ אפ די פערזאָנענ־אונ פאַרמעגנ־רעכט; אינ דעמ קאָדעקס זיינענ פאַראַנ קערפער־שטראָפנ, ביז אויסדרייענ די הענט מיט די פיס. אַזוינע דרוזשינעס פונ אָרטיקע איינוווינער קאָנענ, פאַרשטייט זיכ, מאַכנ אָרדענונג, — באַמערקט דער באַאמטער פונעמ פינאַנצ־מיניסטעריומ, — ווייניקסטנס, אינ אַסטראַדאַמאָווקע האָבנ זיכ די פרוונ צו צעקלאַפנ די קלייטנ ניט איבערגעכאַזערט, אָבער עס איז א פראַגע, צי זיי וועלנ באַשיצנ די פריצימ".

קעדיי צו דערגאַנצנ דאָס בילד, דאַרפ מענ זאָגנ, אַז אינ דער געגנט איז שטאַרק פאָפולער געווענ דער וויבאָרגער אופרופ פונ דער ערשטער מעלוכע־דומע. מאַטעריאַל פאַר א „דעמאָקראַטישער קאָנטררעוואָליוציע" איז שוינ געווענ אינ 1905 יאָר. אונ ניט שטענדיק פלעגט זיכ די מייסע ענדיקנ בלויז מיט דראָונגענ „אויסצודרייענ הענט אונ פיס" אונ מיט מישפעטנ די שטערער פונעמ הייליקנ אייגנטומ־רעכט מיטנ „לינטש־געריכט". אינ טשערניגאָווער גובערניע, אינ אָקטיאַבער 1904 יאָר, ווענ די אָרעמשאַפט האָט זיכ ניט באַפרידיקט מיטנ צעגראַמירנ דעמ פאָרעצ אונ האָט אָנגעהויבנ „אָפנעמענ באַ די רייכע פויערימ די פערד" אונ „פאָדערנ באַ זיי געלט", זיינענ די אומרועס גיכ דערשטיקט געוואָרנ „דורכ די פויערימ אַליינ", ד. ה. דורכ זייער באַלעבאַטישנ טייל, דערביי האָט מענ באַרבאַריש דערמאָרדעט 15 מענטשנ פונ דער אָרעמשאַפט.* אונ פאַר דעמ האָבנ אַלע צוזאַמענ ראַיעל גראַמירט די פריצימ.

* גענויער זע די דאָזיקע „וויכוואָסטאָווער טראַגעדיע" באַ א. נ. דראָזדאָוו, אַגראַר־אומרוענ אינ טשערניגאָווער גובערניע, זייט 98 אונ ווייטער.

די פּאַניק צווישנ די פּריצימ קעגנ דער דאָזיקער פּויערשער כוואַליע, וואָס האָט זיכ אויפגעהויבנ אומגעריכט פאַר זיי, לאָזט זיכ גאָרניט באַשרייבנ. מע דאַרפ זענ דעמ האָגל טעלעגראַמעס, וואָס האָט זיכ געשאָטנ פונ די ערטער אינ צענ-טער אינ די סאַמע קריטישע מאָמענטנ פונ דער באַוועגונג — אינ אָקטיאַבער — דעקאַבער 1905 יאָר, אינ יונ 1906 יאָר. דער טאַמבאָווער אַדל-פירער האָט דעמ 29-טנ אָקטיאַבער טעלעגראַפירט צו וויטענ: „די גובערניע איז אינ געפאַר; אינ קירסאַנאָווער אונ באָריסאָגלעבסקער אויעזדנ זיינענ פאַרברענט אונ צעראַבירט געוואָרנ העכער 30 גוטבאַזיצערישע הויפנ; טאָג טעגלעכ באַקומענ זיכ יעדיעס וועגנ נייע פּאָגראָמענ. די מעגלעכע מאָסמיטלענ האָט מענ אָנגענומענ, אָבער מי-ליטער איז ווייניק, א טייל האָט מענ אָפּגערופנ". אינ צוויי טעג ארומ איז געפלויגנ א טעלעגראַמע פונעמ טאַמבאָווער גובערנאַטער: „אינ איינציקע ערטער פונ טאַמ-באָווער אויעזד ריכט מענ זיכ באַנאַכט אויפ פּאָגראָמענ, עס איז ארויסגעשיקט גע-וואָרנ מיליטער; אינ קירסאַנאָווער אויעזד הערנ ניט אויפ די פּאָגראָמענ אונ סריי-פעס; דער וויצע-גובערנאַטער, דער ראַטמאַנ פונ דער גובערניאַלער פאַרוואַלטונג לוזשענאָווסקי * אָפּערירנ מיט דערפאָלג, אָבער די קליינע צאָל מיליטער איז די סיבע פונ דער אומעגלעכקייט צו דערשטיקנ מיטאַמאָל די פּאָגראָמענ... אז דאָס מיליטער גייט אַוועק, הייבנ זיכ די רויבערייענ אָנ אָפּסניי... די באַנדעס באַשטייענ פונ גוט באַוואָפנטע פּויערימ, רייטער, הויפּטזאַכלעכ באַלאַשאָווער (ד. ה. פונ דער שכיינישער סאַראַטאָווער גובערניע, — דער גובערנאַטער האָט זיכ ניט אָפּגעזאָגט ארופצוואַלגערנ די שולד אויפנ שאָכנ. — מ. פ.); די אונטערצינדונגענ קומענ פאָר מיט דער הילפ פונ ספּעציעלע כימישע פּרעפּאַראַטנ... די קנאַפּקייט פונעמ מילי-טער, באַזונדערס פונ קאַוואַלעריע, פאַרמאָזירט די אַרבעט..." אויפ מאָרגנ גייט א טעלעגראַמע פונ דער גובערניאַלער זעמסקער אופּראַווע. דער צענטער פונעמ אַר-טיקנ ליבעראַליזמ האָט געיאָמערט: „די אַגראַר-באַוועגונג וואַקסט שנעל, א מאַסע הויפנ איז פאַרניכטעט געוואָרנ; די ערד-באַזיצער אַנטלויפנ; די צאָל מילי-טער איז זייער קנאַפּ. דער וועג פונ איבערצייגונגענ ווירקט ניט אויפ די מאַסנ. עס איז נייטיק מיליטער אונ טייקעפּ פאַרבייטנ די איינגעפירטע אינ דער גובערניע פאַרשטאַרקטע שוץ אויפ א קריג-צושטאַנד". אונ אויפ דעמ אַלעמענ האָט דאָס אי-נערנ-מיניסטעריומ מאַכטלאָז אָנכאַפּנדיק זיכ פאַרנ קאָפּ, געקאָנט ענטפערנ בלויז: „צומ באַדויערנ, בלייבנ אַלע מיינע (דעמ מיניסטער דורנאָוואָס — מ. פ.) פּאָרע-דונגענ וועגנ צושיקנ מיליטער אָנ דערפאָלג, ווייל עס איז ביכלאַל ניטאָ קיינ מיליטער אינ דער אימפּעריע. מע דאַרפ זיכ דערווייל באַנוגע-נענ מיט דעמ, וואָס עס איז פאַראַנ, האַנדלט שטרענג אונ האַרב..."

אויפ א צווייטער טעלעגראַמע האָט דאָס זעלביקע מיניסטעריומ געענטפערט גאַנצ לאַקאָנישער: „דאָס אַלצ איז באַוווּסט, אָבער מע קאָנ גאָרניט טאָנ". אונ שפּעטער א ביסל האָבנ זיכ געטראָגנ טעלעגראַמעס פונ סימבירסקער (איצט אוליאַנאָווסקער) גובערניע. אָנגעהויבנ האָט דער איספּראַווניק פונ אַרדאַטאָווער אויעזד: „אינ אויעזד איז שלעכט, איינשטילנ די פּויערימ קאָנ בלויז קריג-צו-שטאַנד. דער סערגאַטשער אונ קורמישער איספּראַוויקעס בעטנ איצט מיליטערי-שע הילפ, ארומ אונ ארומ איז א פּאָגראָמ אונ רויבירונג. דאָס פרידלעכע פאָלק איז אינ פּאַכעד; איכ ווייס ניט, וואָס מע טוט". פאַרגעזעצט האָבנ די פּריצימ: „דער

* שפּעטער האָט אימ מאַריע ספּירידאָנאָווא דערהאַרגעט.

ראטן פון ארבעטער־ סאלדאטן און פויערים־דעפוטאטן
שטעט, וווּ עס האבן זיך געפונען קאמיטעטן פון ר.ס.ד.א.פ
אנדערע פונקטן פון דער ארבעטער־באוו.
אונטערגעשטראכן די וויכטיקסטע פונקטן פון דער ארב. באוו.
ראיאנען פון אינטענסיווער שטרייק־באוו.
אופשטאנדן אין פלאטן אין 1905-1906:
ראיאנען פון אגרער באוועגונג.
ראיאנען פון דער אגרער באוו. מיט אן אויסגעדריקטער שטרייק־באוו. פון באטראקעס.
ראיאנען פון ארב.־פויערישע אופשטאנדן אין באלטיק און פינלאנד.
די גרענעצן פון דער רוסלענדישער אימפעריע.
שווארצער ים
קאספישער ים
טערקיי
אזיאטישע טערקיי
בולגאריע
רומעניע
עסטרייך־אונגארן
פערסיע
ליובלין
קיעוו
פאלטאווע
כארקאוו
קורסק
צאריצין
אסטראכאן
ראסטאוו אויף דאן
אדעס
כערסאן
סעוואסטאפאל
סימפעראפאל
קערטש
נאוואראסיסק
סטאווראפאל
באטום
טיפליס
באקו
יעליזאוועטפאל

ראַטן פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן, שטרייקן, אויפשטאַנדן אין פאַרשידענע ערטער אין די יאָרן 1905—1906



גאַנצער קורמישער אויעזד איז ארומגעכאַפּט מיט אַגראַרע אומאָרדענונגענ. העכער 20 גיטער זײַנענ צעראַבירט און רויִנירט. די גוטבאַזיצער ראַטעווענ זיכ דורכ אַנטלויפנ. שיקט טייקעפּ צו מיליטער. ערדבאַזיצער וואָלקאָוו". „אינ אויעזד הערשט פולשטענדיקע אומאָרדענונג, עס זײַנענ צעראַבירט געוואָרנ פּאַנאָוומ, וואָלקאָוס, טאָושעווס גיטער און אַלע כוטערס לעבנ אַנאַסטאַסאָווע. די באַוועגונג גייט פונ אַנאַסטאַסאָווע צו יאַזיקאָווע; מיר בעטנ טייקעפּ צושיקנ מיליטער. אַנדריי-עווסקי, באַבאַיעדאָוו, פאַגאָוו, בראַנדט, וואָלקאָוו, דאַוולעט-קילדייעוו". פונ פּענזע: „אינ פּעטראָווסקער און סערדאָבסקער אויעזדנ צינדט מענ די הויפנ, מע ראַבירט, די אַגיטאַטערס פאָרנ ארומ און אינ מיליטערישע מונדירנ, קיינ שוץ איז ניטאָ, מיליטער איז ווייניק; מיר בעטנ זייער פאַרגרעסערנ די צאָל מיליטערישע טיילנ און קאָזאַקנ אינ רעשוס פונ פּענזער און סאַראַטאָווער גובערנאַטערס; מיר בעטנ ראַבמימ — העלפט אונדז, אַנדערש וועט מענ פולשטענדיק פאַרוויסטנ די גובערניע". עס האָבנ זיכ אונטערגעכאַפּט אַנ אָנדערהאַלבנ טוזנט פּריצימ, צווישנ זיי האָבנ געשײַנט די סאַמע באַוווּסטע אַדעליקע פאַמיליעס פונ רוסלאַנד.

זומער 1906 יאָר האָבנ זיכ באַנײַט די זעלבע בילדער. דעמ 28-טנ יונ האָט פונ וואָראָנעזש א צווייטער בוקעט אַדעליקע געבעטנ זיכ באַמ אינערנ-מיניסטער: „אינ באָבראָווער אויעזד גראַמירנ די פּויערימ די גיטער, מע ראַבירט, מע פירט אַוועק דאָס גאַנצע פאַרמעגנ, מע ברענט די געביידעס, סקירדעס טוווּע, די טוווּע פונ דער אַרענדירטער ערד, מע פירט אַוועק אויכ גוטבאַזיצערישע טוווּע, מע פאַרניכטעט די פערד-זאַוואָדנ,* ווי, אַשטייגער, אינעמ פירשט אָרלאָווס גוט, מע פאַרניכטעט גאַנצע הויפנ, עס ווערנ אויסגעהאַקט דווירעסדיקע סעדער; די העזייקעס זײַנענ מיליאָניקע; א מאַסע מישפּאָכעס פונ גוטבאַזיצער, אַרענדאַטערס, אַנגעשטעלטע זײַנענ געבליבנ אָנ א ברעקל ברויט, עס איז זיכ ניט באַטאַנגענ אָנ א מאַסע האַריגעס. דער ביאַליסטאָקער פּאָגראָמ ווערט בלייכ קעגנ דעמ באָבראָווער. מיר בעטנ די דומע, וואָס האָט זיכ פאַרינטערעסירט מיט די אומגליקנ פונ ביאַליסטאָק, זי זאָל ניט פאַרלאָזנ אויכ אונדז, באָבראָווער". מיט וואָס פאַר א האַרצ האָט דאָס געלייענט סטאָליפּינ, — דעמאָלט איז ער שוינ געווענ אינערנ-מיניסטער און אינ זײַנע צײַטנ האָבנ עס די רוסלענדישע איידעלע אַדעליקע געדאַרפט מעקאַנע זײַנ דעמ גורל פונ די ביאַליסטאָקער יידנ.

די פּאַניק אינ 1906 יאָר איז געווענ, עפּשער, נאָכ גרעסער, איידער אינ 1905 יאָר, דעריבער קאָנ מענ אינ דער ליטעראַטור טרעפנ פאַלשע באַהויפּטונגענ, אַז די הויפּט-כוואַליע פונ דער האָרפּישער רעוואָליוציע איז קלוימערשט געווענ די צווייטע, זומער-צײַט פונ 1906 יאָר (די דאָזיקע באַהויפּטונג איז, אַגעוו, געווענ אויכ אינ די ערשטע אויפלאַגעס פונ דעמ דאָזיקנ בוכ). אינדערעמעסנ, איז סײַ לויט דער צאָל אַרויסטרעטונגענ און סײַ לויט דער צאָל אויעזדנ, וואָס זײַנענ ארומגעכאַפּט געווענ פונ דער באַוועגונג, פאַלט צונויפּ דער מאַקסימומ פויערישע אויפשטאַנדנ מיטנ מאַקסימאַלנ אויפשטײַג פונ דער גאַנצער רעוואָליוציע — מיט די לעצטע כאָדאָשימ פונ 1905 יאָר (קימאַט 800 אַרויסטרעטונגענ און 261 אויעזדנ; אינ 1906 יאָר — פונ מײַ ביז אויגוסט — באַ 750 אַרויסטרעטונגענ און 250 אויעזדנ; עמעס, אינ איינציקע, אַשטייגער, אינעמ נאָרוואָס דערמאָנטנ באָבראָווער אויעזד, האָט זיכ די באַוועגונג פונ 1906 יאָר אויסגעצייכנט מיט א

* ווי עס ווערנ געהאָדעוועט ראַסעווע פערד. רעד.

אויסשליסלעכ דורכויסיקנ כ..יאקטער; דורכשניטלעכ איז די צאל ארויסטרעטונגענ געווענ פונ דריי ביז פיר אפ אנ אויעזד). אויב דא האט די העגעמאניע פונעמ פראלעטאריאט אינ דער דארפישער באוועגונג געפונענ נאכאמאל אנ אויסדריק: אינ די כאראשימ פונעמ העכסטנ אויפשטייג פונ דער ארבעטער-רעוואליוציע האט דאס דארפ געבונטעוועט מער פאר אלצ.

די גוטבאזיצערישע פאניק האט געהאט אייניקע אביעקטיוו-נוצלעכע רעזולטאטנ: די איבערגעשראקענע אדעליקע האבנ געאיילט צו ליקווידירנ זייערע מאיאנטקעס, אונ אינ די נאענטסטע יארנ נאכ דער רעוואליוציע איז בא צענ פראצענט פונ דער פריצישער ערד געקומענ אפנ מארק — מערסטנטייל אינ די גובערניעס, ווו עס איז באזונדערס שטארק געווענ דער אויפשטאנד: אינ וואראנעזשער אונ טאמבאווער — ביז 30 פראצענט, אינ סימבירסקער — ביז 35 פראצ., אינ סאמארער — ביז 37 פראצ. אונ אינ סאראטאווער — ביז 40 פראצ. אבער אפ וויפל איז די פריצישע שרעק פאר דער „פארניכטונג פונ יעטווידער קולטור“ געווענ אביעקטיוו באגרינדעט? מיר האבנ געזענ, אז די פויערשע באוועגונג גופע איז געווענ ניט שלעכט ארגאניזירט, אבער צי האט די דאזיקע ארגאניזאציע געהאט בלויז אנ עלעמענטארנ פאגראמ-ציל — פארברענענ אונ צעראבירנ וואס מער אונ וואס גיכער?

קוידעמקאל, צי זיינענ די *אונטערצינדונגענ* געווענ אקטנ פונ אומזיניקנ וואנדאליזמ? אט ווי עס באשרייבט די פויערשע טאקטיק איינער א באאבאכטער פונ יענער צייט: „די הויפט-מאמענטנ פונ די פויערשע מעסימ זיינענ באלגנדיקע: 1) דערווייטערנ די פריצימ מיט דער פאמיליע פונעמ גוט; 2) צענעמענ אונ צעטיילנ די טוווע אונ די פראדוקטנ, אונ אפטמאל אויכ די שטובזאכנ; 3) ארויספירנ די בעהיימעס; 4) צערעכענענ די באטראכעס אונ די הויז-דינערשאפט אונ 5) אפטמאל אונטערצינדנ די געביידעס פונ דער עקאנאמיע. די פריצימ פארנ ארויס לויט א ווארענונג פונ די פויערימ, אונ קיינ שומ געוואלט איבער זיי ווערט ניט דערלאזט. גלייכצייטיק מיטנ צעשמעטערנ די עקאנאמיעס, באשליסנ די פויערימ אינ פרינציפ איבערצוגעבנ פונ פרילינג אנ די פריצישע ערד דער געמיינדע אינ אנ אויסגלייכערישנ באנוצ, אונ וועגנ דעמ ווערנ אינ פיל ערטער צוזאמענגעשטעלט געזעלשאפטלעכע באשלוסנ. די אוריאדניקעס, סטראזשניקעס פארבאהאלטנ זיכ, אונ ערטערווייז ארעסטירנ די פויערימ זיי אויכ. בעראש פונ די פויערימ, וואס פאלנ אנ אפ די פריצישע גיטער, שטייט געוויינלעכ א באוואפנטע דרוזשינע; מיטנ צעטיילנ די טוווע אונ די פראדוקטנ אונ מיטנ געלט פארוואלטנ קאמיטעטנ אדער ברודערשאפטנ פונ די ארטיקע פויערימ. די סומעס, וועלכע מע פארכאפט אינ די קאנטארנ פונ די עקאנאמיעס, אינ די מאנאפאל-קראמענ אדער בא די זאמלער פונ די בראנפנ-האכנאסעס, ווערנ פארוואנדלט אינ א געזעלשאפטלעכ אייגנטומ. *דאס אונטערצינדנ די פריצישע געביידעס מאטיווירנ די פויערימ מיט צוויי ארגומענטנ*: א) *אויב די געביידעס וועלנ פארברענט ווערנ, וועלנ די פריצימ ניט זיינ אימשטאנד אומצוקערנ זיכ אינגיכנ אינ דארפ, אונ עס וועט זיכ, הייסט עס, גרינגער פארפעסטיקנ די נייע ארדענונג פונעמ ערד-באזיצ*; ב) אויב די געביידעס וועלנ בלייבנ גאנצ, וועלנ זיי דינענ אלס א באקוועמע דירע פאר די קאזאקנ, צו וועלכע אלע פויערימ פילנ א האס. אלס רעזולטאט זיינענ דורכ סרייפעס פארניכטעט

געוואָרנ ביזנ גרונט אַלע געבײַדעס אינ אַזעלכע קאָלאָסאַלע מאַיאָנטקעס, ווי דעמ הערצאָג פונ לײַכטענבערגס, דעמ פירשט וויאַזעמסקיס, אַזעלכע הײַזער-פּאַלאַצנ, ווי דעמ פירשט פּראָזאָראָווסקיס אונ דעמידאָווס. אָפט ווערנ פאַרברענט מאַיאָנט-קעס אָנ אַ שפּור צו די אָנשווינגענ פונ די פּריצימ; עס זײַנענ פאַרברענט גע-וואָרנ די געבײַדעס פונ די באַוווּסטע אָרטיקע ליבעראַלע זעמסטוואָ-טוער — לוואָוו, יערמאָלײַעוו, וועסעלאָווסקי אונ אַנד.; ביזנ גרונט זײַנענ רויִנירט געוואָרנ צענד-ליקער אַלטע אַדעליקע גיטער מיט ווערטפולע ביבליאָטעקנ, בילדער אאַוו. אינ באַלאַשאָווער, אַטקאַרסקער, פּעטראָווסקער אונ סערדאָבסקער אויעזדנ זײַנענ גאַנצ געבליבנ בלויז אײנצלנע פּריצישע גיטער"*.

די געבראַכטע אונטערגעשטראָכענע ווערטער זײַנענ ניט קײנ צופעליקער פּרוּוו צו טרעפנ מיצאַד דעמ קאָרעספּאָנדענט פונ „רוסקיִע וועדאָמאָסטי". דאָס איז געווענ אַנ אַלגעמײנ פאַרשפּרײטע מאָטיווירונג. אײנער אַ וואָראָנעזשער גוטבאַזיצער האָט אינ 1906 יאָר געשריבנ צו סטאָליפּינענ וועגנ דער זיכע-לײַט, וואָס עקזיסטירט צווישנ פּויערטומ, אַז „די פּריצישע ערד וועט אומבאַדינגט אַריבערגײנ אינ באַזיצ פונ די פּויערימ אונ אַז, פ אַ ר נ י כ ט נ ד י ק די פּ ר י-צ י ש ע ג י ט ע ר אונ רויִנירנדיק די פּריצימ, וועלנ זיכ די פּויערימ גיכער דער-שלאָגנ צו דעמ דאָזיקנ איבערגאַנג". דער ריאַזאַנער זשאַנדאַרמ ראַפּאָרטירט: „אינ די יִשוּווימ בלאַגיכ אונ קאָנישטשעווע האָבנ זיכ אויסגעבילדעט באַנדעס פונ אָרטיקע פּויערימ, וועלכע האָבנ זיכ געשטעלט אַ ציל צו אונטערצינדנ גיטער אונ אויכ די פאַרמעגלעכע אָרטיקע פּויערימ, קעדײ צו ראַבירנ בײַמ דער סרײפע. די פּערזאָנענ, וואָס האָבנ געבילדעט די באַנדעס, דעקנ זיכ צו מיטנ ציל פּאַטער צו ווערנ פונ די פּריצימ דורכ אונטערצינדונגענ. דאָס איבעריקע פּויערטומ פילט מיט אינ דער שטיל די דאָזיקע רויבער אונ גיט זײ ניט אַרויס, האַגאַמ דאָ קומט נאָכ צו די מוירע פונ נעקאָמע מיצאַד די אונטערצינדער". דער ריאַזאַנער גובערנאַטאָר האָט געשריבנ: „די סרײפעס האָבנ אָנגענומענ אַ דראָענדיקנ מאַסנ-כאַראַקטער; דער דערפאָלג פונ אַזאַ באַוועגונג איז באַדינגט געוואָרנ הויפּטזאַכלעכ דערמיט, וואָס אַלצ פלעגט אָפּגעטאָנ ווערנ אינ געהײמ, אינ דער פינצטער אונ צוזאַמענ דער-מיט באַ אַ בעפײרעשנ מיטגעפיל מיצאַד גאַנצע פּויערשע געזעלשאַפטנ. פירנ אַנ אָפענעמ קאַמפ קעגנ אַזאַ מינ דערשײַנונג איז אוממעגלעכ; די אַלערלײ אָפענע פאָר-דערונגענ פונ דער מאַכט זײַנענ געבליבנ רעזולטאַטלאָז, געוויינלעכע אויספרעגע-נישנ באַמ צונויפשטעלנ די פּראָטאָקאָלנ האָבנ ניט געגעבנ קײנ שומ מאַטעריאַלנ צו באַשולדיקנ וועמענ-ניט-איז אינ דער אונטערצינדונג, אונ דאָכ איז לויט אַלע אומשטענדנ פונ דער סרײפע געווענ קלאָר, אַז דאָס איז אַנ אונטערצינדונג. אינ ראַניענבורגער אונ אינ ריאַזשסקער אויעזדנ איז אויסגעקומענ צו מאָביליזירנ ספּעציעלע אויסשפּיר-קרעפטנ, צוגעבנ דער אויסשפּירונג פונ די דאָזיקע סרײפעס אַ ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע, אַרויסשיקנ אויפנ אָרט ספּעציעל סײַ באַזונדערע באַ-אַמטע סײַ אויסשפּיר-אַגענטנ, אונ אויכ ספּעציעלע אָטריאַדנ סטראַזשניקעס אויפ אוועקשטעלנ אינ אַ סאַכ ערטער אַ רײַטער-וואַכ אונ קאַראַולנ. בלויז אויפ אַזאַ אופנ האָט זיכ אײַנגעגעבנ אַ סאָפ מאַכנ צו דער אַנטוויקלונג פונ די אונטערצינדונגענ אונ סרײפעס אונ צוזאַמענ דערמיט כאָטש וויפל-ניט-איז אויסקלאָרנ דאָס גאַנצע ניט פרײלעכע בילד פונ אָרגאַניזירנ זײ. עס האָט זיכ אַ ר ו י ס ג ע ו ו י ז נ, אַז

* „רוסקיִע וועדאָמאָסטי", דעמ 7-טנ נאָיאַבער 1905 יאָר.

גאַנצע דערפער, באַזונדערס די יוגנט, האָבנ געהאַלטנ די אונטערצינדונגענ און סטרייפעס פאַר א זיכער מיטל אינ קאַמפ קעגנ די פּריצימ, די באַזיצער פונ דער ערד, וועלכע זיי האָבנ שוינ לאַנג זיכ אָפּגעקליבנ". אינ א סאַכ ערטער האָט מענ געזאַמלט געלט פאַרנ דויטנ האַנ, קעדיי אופצומונטערנ די אונטערצינדער. ענגלעכ, אויב די פּויערימ אַלייג האָבנ אַזוי מאָטיווירט זייער האַנדלונג. אינ סימבירסקער גובערניע: „אינ אָנהייב זומער האָבנ די פּויערימ זיכ געהאַלטנ גאַנצ פרידלעכ, נאָר צו דער צייט פונעמ היי-שניט (15-טנ יונ) האָבנ זיי אָנגעהויבנ פאָדערנ בא די פּריצימ, מיט וועלכע זיי האָבנ זיכ ניט אויסגעגליכט בענוגע דער ערד, אינ צוויי מאָל גרעסערע פרייזנ פאַר די אַרבעט-הענט, איידער געוויינלעכ, און אינ אייניקע ערטער האָבנ זיי זיכ אינגאַנצנ אָפּגעזאָגט אַראָפּצונעמענ די היי. אינ עטלעכע טעג אַרומ האָט מענ אָנגעהויבנ שטעלנ די פאָדערונג אינ א מער קאַטעגאָרישער פאָרמ: זיי פלעגנ געוויינלעכ זאָגנ, אַז אויב דער פאָרעצ וועט זיכ מיט זיי ניט אויסגלייכנ, וועלנ זיי אימ אינגאַנצנ ניט לאָזנ אַראָפּנעמענ די טאַוועס און וועלנ פאַרברענענ דעמ הויפ. די פאָדערונג אָפּ ערד פלעגנ די דערפער אַרויסשטעלנ אָפּ יענער ערד, וועלכע זיי פלעגנ באַאַרבעטנ בייס ליבייגנטומ. די לאַגע פונ די פּריצימ איז געווענ אַנ אויסוועגלאָזע, און ביסלעכווייַז האָבנ אַלע אונדזערע שכנימ אָפּגעגעבנ די פּויערימ זייערע פאַרזייענ פונ האַלב".

אַזויאַרומ זיינענ אַפּילע די סאַמע „פונאַטשאַוויישע" לויט דער פאָרמ אַקטנ פונ די פּויערימ געווענ אינ טאָכ לאַבסאָלוטנ ניט קיינ „סטיכיייִשע", נאָר פולשטענדיק באַטראַכטע און באַוווסטזיניקע. מיר וואָלטנ אָנ סאָפּעק געהאַט א סאַכ מער מוסטערנ פונ דער דאָזיקער באַטראַכטקייט און באַוווסטזיניקייט פונ די פּויערימ, ווענ אונדזער קוואַל — די גובערנאַטערישע און זשאַנדאַרמישע ראַפּאָרטנ — וואָלט זיכ מער אינטערעסירט מיט די פּראַקטיקעס, וועלכע די פּויערימ האָבנ איינגעפירט אינ די פאַרכאַפּטע הויפנ, איידער מיט די „אומאָרדענונגענ", וועלכע זיי האָבנ געמאַכט. אָבער אייניקע גאַנצ אויסדריקלעכע ביישפּילנ זיינענ פאַראַנ אַפּילע אינ די גובערנאַטערישע ראַפּאָרטנ. אָט איז, אַשטייגער, א מוסטער פונ א באַטראַכטנ-באַוועגונג אינ אָריאָלער גובערניע: אינ ליטיזשער מאַיאָנטעק, וואָס געהערט צו וואָיעמקאָווג, סעווסקער אויעזד, האָבנ די אַרבעטער דעמ 30-טנ מיי אָפּגעשטעלט די גאַנצע אַרבעט און אַרויסגעשטעלט דעמ מאַיאָנטעק עקאָנאָמישע פאָדערונגענ, געמלעכ: פאַרבעסערנ די שפּייז, פאַרבעסערנ זייער לאַגע, פאַרקירצנ די אַרבעט-צייט, פאַרגרעסערנ דעמ לוינ. אָפּנ צווייטנ טאָג האָבנ פאַרשטרייקט די אַרבעטער פונ יואַיעקאָוועס וולאַדימירער כוטער, און דערנאָכ פונ טאַטיאַנישנ; די פאָדערונגענ זיינענ אַרויסגעשטעלט געוואָרנ די זעלבע, וואָס אינ ליטיזשער גוט. ביימ די אונטערהאַנדלונגענ האָבנ זיכ די אַרבעטער אָפּגעזאָגט פונ אייניקע זייערע פאָדערונגענ, דערונטער אויכ פונ פאַרקירצנ זייער אַרבעטצייט. די אַדמיניסטראַציע פונעמ גוט האָט מסכים געווענ אויסצופילנ זייערע קליינינקע פאָדערונגענ וועגנ פאַרבעסערנ זייער לאַגע און פאַרבעסערנ די שפּייז, אַרויסגעבנדיק אָנשטאָט א פערטל פונט — א האַלב פונט פלייש; וואָס איז שייַכ אָבער צו פאַרגרעסערט דעמ געהאַלט, איז נאָכ קיינ אויסגלייכ ניט פאָרגעקומענ, ווייל די לעצטע פאָדערונג פונ די אַרבעטער איז געווענ — פאַרגרעסערנ דעמ געהאַלט אָפּ 50 פּראָצ. און דער גוטסבאַזיצער האָט מסכים געווענ צו געבנ א הויסאָפּע 25

פּ״אָצ. די אַרבעטער פֿונ װלאַדימירער און פֿונ טאַטיאַגישנ בוטערס האָבנ אָנגענומענ דעמ דאָזיקנ פֿאָרשלאָג און זײַנענ צוגעטראָטנ צו דער אַרבעט, אָבער באַ אַנ אומבאַדינגטנ טנאַי, אַז זײ װעלנ באַקומענ דאָס אײגענע, װאָס עס װעט געגעבנ װערנ די ליטיזשער אַרבעטער. אינ ליטיזשער גוט האַלטנ זיכ די אַרבעטער באַ דער הױסאָפּע פֿונ 50 פּראָצ., און דער שטרײַק װערט פֿאָרגעזעצט. לױט דער ביטע פֿונ דער אַדמיניסטראַציע האָבנ די אַרבעטער מאַסקימ געװענ צו באַשטימענ װאַכטעס אַרבעטער, װאָס זאָלנ אַרומגײנ אַרומ דעמ פֿי”.

אינ די 80-ער יאָרנ האָט מענ אינ די פֿאַבריקנ אַמאָל געשטרײַקט ניט אַזױ אָרגאַניזירט... און אָט איז אַ מוסטער דערפֿונ, װיאַזױ די פּױערימ האָבנ אױסגענוצט די ערד, װאָס זײ האָבנ פֿאַרכאַפּט אינ אַ גוט. אינ װאָראָנעזשער אױיעזד, אינ 1906 יאָר, האָבנ „די פּױערימ פֿונעמ דאָרפֿ מאַריעװקע, װערכניעכאַװסקער װאָלאָסט, דעמ 3-טנ יונ צעטײלט צװישנ זיכ דעמ גוטבאַזיצער פּאָטאַמאָשניעװס ערד („אַ קאַרגער, אַ מעשוגענער מענטש, װאָס האָט געװיסנלאָז עקספּלואַטירט די פּױערימ”, װי עס רופֿט זיכ אָפּ װעגנ אימ דער אָרטיקער זשאַנדאַרמ) צו 4 דעסיאַטינ אױפֿ אַ נעפֿעש, דערבײַ האָט מענ פּאָטאַמאָשניעװנ אַלײנ געלאָזנ 5 דעסיאַטינ”. מע דאַרפֿ געדענקענ די דאָזיקע, נאָרװאָס געבראַכטע פּאָטאַמאָשניעװס כאַראַקטעריסטיק, קעדײ אָפּצושאַצנ די האַנדלונג פֿונ די פּױערימ.

די פּױערימ האָבנ געהאַט אַ פֿולשטענדיק באַשטימטנ ציל, װעלכנ עס האָבנ קלאָר געזענ אַפֿילע אַ ביסל קליגערע פּאָליציײשע באַאָבאַכטער. בעסער און קירצער פֿונ אַלע האָט עס אױסגעדריקט דער באַרימטער אַדמיראַל דובאַסאָװ, װאָס האָט אײַנגעשטילט אַ רײ אױפֿשטענדלערישע גובערניעס. אינ נאָיאַבער 1905 יאָר האָט ער פֿונ קורסקער גובערניע געשריבנ: „די הױפּט־סיבע פֿונ דער באַװעגונג, װאָס איז דאָ אַנטשטאַנענ, — איז די פֿונ לאַנג שױנ פֿאַרשאַרפֿטע ערד־פֿראַגע; די פּױערימ האַלטנ, אַז דער קװאַל פֿונ אַלע זײערע לאַסטנ איז דער ערד־מאַנגל; די פּריצימ האָבנ אַ סאַכ ערד, האָבנ זײ באַשלאָסנ פּאַטער װערנ פֿונ די פּריצימ, פֿאַרנעמענ זײער ערד. די אַקטיװע פּראָפּאַגאַנדע האָט זײ אױפֿגעהױבנ דערצו; אַגיטירט האָבנ אָרטיקע עלעמענטנ, טײלװײַז געקומענע; דער מאַניפֿעסט פֿונעמ 17-טנ אָקטיאַבער איז געװענ אַ שטױס דערצו, װײַל זײ האָבנ געװאַרט אױפֿ ערד, נאָר זײ האָבנ זי ניט באַקומענ”.

עס איז זײער כאַראַקטעריסטיש װיאַזױ דער מאַניפֿעסט פֿונ 17-טנ אָקטיאַבער האָט זיכ איבערגעבראָכנ אינעמ פּױערשנ באַװוסטזײַנ. די אינטעליגענץ האָט געװאַרט פֿונ אימ „אַנ עמעסע קאָנסטיטוציע”; די אַרבעטער האָבנ אױפֿ גאָרנישט ניט געװאַרט; די פּױערימ האָבנ געװאַרט אױפֿ ערד.

אײניקע „אײַנשטילער” האָט די דאָזיקע באַאָבאַכטונג געבראַכט צו אַ גאַנצ לאָגישנ אױספֿיר — ליקװידירנ די פּױערשע באַװעגונג מיט דער הילפֿ פֿונ „אַ באַלדיקער און ראַדיקאַלער אַגראַר־רעפֿאָרמ, װאָס זאָל דורכגעפֿירט װערנ אינ לעבנ בעשומױפֿנ ניט שפּעטער פֿונעמ קומענדיקנ 1906 יאָר”. „צוליב דעמ ציל, — האָט פֿונ טאַמבאָװער גובערניע געשריבנ דער גענעראַל סטרוקאָװ, — דאַרפֿ מענ אינ אַלע אױיעזדנ אָרגאַניזירנ ספּעציעלע קאָמיסיעס, װעלכע זאָלנ באַמ אָנטײל פֿונ באַפֿולמעכטיקטע פֿונ יעדער דאָרפֿישער געזעלשאַפֿט און פֿאָרשטײער פֿונ אָרטיקע

ערדבאזיצער אויספארשנ די עקאנאמישע לאגע פונ יעדער דארפישער געזעלשאפט אונ אנמערקנ יענע סאמע וועזנטלעכע נויטנ פונ יעדערנ פונ זיי, וועלכע עס איז דרינגענדיק נייטיק צו באפרידיקנ. ווײַטער וואלט געווענ העכסט געווונטשנ איצט טאקע ארויסצוגעבנ א פאראָרדענונג, אז דער פויערשער באנק זאל באפרידיקנ די הישטאדלעסנ פונ די פויערימ וועגנ קויפנ ערד ווי ווײַט מעגלעכ טייקעפ, בא א מיגימום פארמאליטעטנ, ניט אפליוגדיק דאס אפשאצנ די געקויפטע ערד, ניט פאָדערנ באמ קויפנ אונ פארקויפנ קיינ באשלוסנ פונ די אָרטיקע זעמסקע אופראוועם".

אזוי האָבנ זיכ געײַלט די טאמבאָווער פריצימ פאָטער צו ווערנ פונ דער ערד. די טאמבאָווער אדל-פארזאמלונג האָט פונ איר זײַט פארגעלייגט „אנערקע-נענ, אז דאס בעסטע נייטיקע מיטל צו באַרויקנ די אנטשטאנענע אומאָרדענונגענ איז צונויפרופנ וואס גיכער די מעלוכע-דומע אפנ פינקטלעכנ סמאכ פונעמ מאניפעסט פונ 17-טנ אָקטיאבער, דערבײַ אנערקענענ פאר נייטיק, אז די פויערשע פראגע זאָל אינ דער דומע אויפגעשטעלט ווערנ אינ דער ערשטער ריי. בעטנ דעמ גובערניאלנ אדל-אָנפירער, אז ער זאָל דעמ דאָזיקנ באשלומ פונ דער פארזאמלונג מודיע זײַנ דעמ פאָרזיצער פונ מינסטאָרנ-ראט, דעמ גראפ וויטע".

אלס דענקמאָל פונעמ דאָזיקנ בילד פונ פריצישער פאניק איז געבליבנ דער „איגיענ" פונעמ מיניסטאָרנ-ראט פונ 1906 יאָר וועגנ דער אגראר-רעפאָרמ, מיט א גאנצער ריי פראָיעקטנ פונ אנ אלערהעכסטנ מאניפעסט וועגנ צוגאָבלעכנ באטיילנ די פויערימ מיט ערד. אָבער די פראָיעקטנ זײַנענ פארבליבנ פראָיעקטנ, אונ צו יענער צײַט, ווענ עס האָט זיכ צונויפגעקליבנ די ערשטע מעלוכע-דומע, איז געווענ פעסט באשלאָסנ צו צעטרײַבנ די דומע, אויב זי וועט וואגנ בלויז אָנהייבנ ריידנ וועגנ דער אגראר-פראגע.

די סיבע איז געווענ לאַבלוטנ ניט דאָס, וואָס די אגראר-אומרוענ האָבנ אויפגעהערט, — פארקערט, גראָד בײַמ די זיצונגענ פונ דער ערשטער דומע האָבנ זיי אויפגעפלאקערט דאָס לעצטע מאָל מיט א העלנ פלאמ. דער דאָזיקער פלאמ האָט געהאט א ריי סיבעס, וואָס האָבנ קיינ שומ שײַכעס ניט צו דער דומע. דאָ איז געווענ סײַ דער „מאנדזשורישער סאָלדאט" — דער דעמאָביליזירטער ארמייער, וואָס האָט זיכ אומגעקערט פונעמ ווײַטנ מיזרעכ. זײַנ אָנווועזנקײַט ווערט באשטעטיקט אויכ אינ די גובערנאטערישע ראפּאָרטנ, וואָס דערמאָנענ אמאָל, אז דער אָדער יענער פויערשער אגיטאטער האָט זיכ אָנגענומענ מיט פרײַע געדאנקענ „בײַמ ער איז געווענ אינ דער ווירקנדיקער ארמיי אפנ ווײַטנ מיזרעכ". דאָ האָט זיכ אָפּגערופנ אויכ די אומגערעטעניש: אינ 1905 יאָר האָט טווע אינ פארגלײַכ מיטנ 1904 יאָר (ווענ די גערעטעניש איז געווענ העכער פונ א מיטעלער) גערעטנ ווייניקער אפ 15 פראָצ. פאר אלע ערדנ — פריצישע אונ פויערשע; אונ מיר ווייסנ דאָכ, אז אינ די געוויינלעכע יאָרנ איז די פויערשע גערעטעניש געווענ קלענער פונ דער פריצישער. אָבער צעוויגט די פויערימ האָבנ, פארשטייט זיכ, אויכ די וואלנ אינ דומע, אונ דאָס האָט זיכ אָפּגעשפּיגלט, אגעוו, אינ א ריי פויערשע אָנזאגנ, וואָס זײַנענ, צומ באדויערנ, נאָכ ביז איצט ווייניק דערלערנט, — בײַכ זיי זײַנענ ניט ווייניקער אינטערעסאנט, איידער די פראנצויזישע אָנזאָגנ פונ 1789 יאָר. אָבער צווישנ די אלע פארשיידנארטיקע סיבעס פונ דער פויערשער באוועגונג אינ 1906 יאָר איז ניט געווענ איינע: עס איז ניט געווענ קיינ ארבעטער-רעוואָליוציע. צעקלאפט אָפּ די באריקאדעס אינ דעקאבער, האָט זי זיכ אויכ ניט

געקאָנט אופהייבנ, אונ האָגאַמ די קרומע פונ די שטרייקנ אינ פרילינג 1906 יאָר האָט געגעבנ א גרויסנ שפרונג ארופ, איז גאָר קיינ ענלעכס צו אָקטיאַבער אָדער דעקאַבער שוינ מער ניט געווענ. אונ דאָס איז געווענ גענוג, אז די רעגירונג זאָל ווערנ דרייסטער.

עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָס גלייכ די ערשטע „אנטשיידענע" טעלעגראַמעס פונעמ איבערנ־מיניסטער קומענ דירעקט נאָכנ דערשטיקנ דעמ מאָסקווער אופשטאַנד. מיר האָבנ געזענ, ווי דורנאָוואָ האָט געענטפערט די איבערגעשראָקענע פריצימ נאָכ אינ נאָיאַבער—דעקאַבער 1905 יאָר: „אַלצ ווייס איכ. אָבער איכ קאָנ גאָרנישט ניט טאָנ". אונ אפנ נייעמ 1906 יאָר לייענענ מיר אזא טעלעגראַמע צומ קורסקער גובער־נאַטער: „קעדיי צו מאַכנ א סאָפ צו די אומאָרדענונגענ, נעמט אָנ די סאַמע שטרענגסטע מיטלענ; דאָס דאָרפ פונ די בונטאַרעס איז נוצלעכ אראָפצומעקנ פונ דער ערד, אונ זיי אליינ פארניכטנ אָנ ראַכמאָנעס מיט דער קראַפט פונ געווער". אָט ווי דורנאָוואָ איז דרייסט געוואָרנ, ווענ ער האָט זיכ ספראַוועט מיט די מאָסקווער ארבעטער. אונ צו פעווראַל האָט דער קורסקער גובערנאַטער שוינ ראַפאָרטירט וועגנ „אויסערסט איבערגעפילטע טפיסעס", וואָס האָט ארויסגערופנ בא אימ אפילע א מוירע, אפ וויפל אינ די טפיסעס האָט זיכ צונויפגעזאַמלט „דער סאַמע אומרויִקער עלעמענט". מע קאָנ מיינענ, אז פריִער פלעגט מענ ארעסטירנ בלויז דעמ סאַמע רויִקנ טייל פונ דער באַפעלקערונג.

דעמ גובערנאַטערס מוירע איז געווענ מער באַגרינדעט, איידער דעמ מיניסטערס זיגרייכער טאָנ. אינ יונ האָט דער גובערנאַטער טעלעגראַפירט — שוינ צו סטאָליפינענ אונ ניט צו דורנאָוואָנ: „אינ קורסק איז די שטימונג א געהעכערטע, עס רופנ ארויס אומרו די אומאָרדענונגענ אינעמ מיליטער, וואָס האָבנ זיכ אָנגעהויבנ פונ זינט עס איז געקומענ פונ מיזרעכ דער קאָזלאָווסקער פאָלק. די פראַכטע סאָלדאַטנ גייענ אוועק אָנ א דערלויבעניש פונ די לאַגערנ, בא זייער אָנטייל ווערנ איינגעאָרדנט אימפראָוויזירטע מיטינגענ. כוצ דעמ פאַל מיטנ קאָזלאָווסקער פאָלק זיינענ דערווייל קיינ באַשיימפערלעכע אָנטפלעקונגענ פונ אומגעהאָרכזאַמקייט ניט געווענ, נאָר די ווירקונג פונ דער פראָפאַגאַנדע אונ פונ דער רעוואָלוציאָנערער פרעסע איז אָנ סאָפעק זייער גרויס, אונ די שטימונג אינ די טפיסעס איז אויכ זייער א געהויבענע אונ מע קאָנ זי קוימ איינהאַלטנ".

אונ דאָס איז לאַכלוטנ ניט געווענ קיינ אָרטיקע דערשיינונג. אינ טאַמבאָווער גובערניע האָט דער אוריאַדניק, דער קאָמאַנדיר פונ די סטראַזשניקעס, ראַפאָרטירט, אז די סאָלדאַטנ, וואָס מע האָט גערופנ איינצושטילנ די אומאָרדענונגענ, „האָבנ געשאָסנ אינ דער וואַכ, ווייל ווענ זיי וואָלטנ געשאָסנ אינ די פויערימ, וואָלטנ די קוילנ זיכ ניט געלאָנט שיטנ אפ די קעפ פונ דער וואַכ, וואָס איז געשטאַנענ הינטערנ האָמוינ. אַלס באַווייז דערצו דינט די קויל, וואָס מע האָט געפונענ אינ דער מיל, וואָס געפינט זיכ אפ א שטרעקע פונ א האַלב ווערסט פונ דאָרפ; וועגנ דעמ האָט מענ אינפאָרמירט דעמ קאָמאַנדיר פונ דער ראָטע. איינ־יקע סטראַזשניקעס האָבנ בייִמ דעמ שמועס צווישנ די סאָלדאַטנ מיט די פויערימ געהערט, אז די סאָלדאַטנ וועלנ ניט שיסנ אינ די פויערימ, זיי האָבנ געראָטנ די סטראַזשניקעס, זיי זאָלנ אויכ ניט שיסנ אינ די פויערימ, אונ זיכ ארויסגעזאָגט: צו וואָס זאָל מענ עס שיסנ אינ אייגענע ברידער, — די פויערימ האָבנ אומבאַדינגט געמוזט בונטעווענ, ווייל זיי פאַרמאָגנ ווייניק ערד. די סאָלדאַטנ האָבנ גערופנ די וואַכ־פאַרקויפטע פעל".

דער פענזער גובערנאטער האט שוין אין אווגוסט געשריבן, אז „אינ־פאנטעריע האט ער דריי זיכערע באטאליאנען פוטילאווער. די אראווייער, די פי־סארער זיינען ניט קיין זיכערע, באזונדערס די ערשטע, וואס דער מיליטער־שעפ זאגט אוידעס, אז מיט זיי טאר מען זיך ניט באנוצן. די ערנסטע לאגע צווינגט מיך צו מישטאדל זיין זיך, מע זאל עקסטרע צושיקן קאוואלעריע".

אבער די זעלבסטהערשונג, וועלכע האט זיך שוין געהאט באפרייט פון דער ארבעטער־רעוואליוציע, האט געהאט אפ אזויפיל צובונדענע הענט, אז זי איז סאפקאלסאפ אימשטאנד געווען זיך צו ספראווען גלייכצייטיק אי מיט דער פויער־שער אי מיט דער מיליטערישער באוועגונג. קעדייי אויסצומיידן אן אומיטלבארע בארירונג פון די סאלדאטן מיט די פויערים, האט זי געלאזן אין גאנג די אר־טילעריע. די גרויסע באוועגונג אין סטאווראפאלער גובערניע, — נאכן צע־טרייבן די ערשטע דומע אין אווגוסט 1906 יאר, — ווו עס האט זיך ארויסגע־וויזן, אז אפילע די קאווקאזער בארג־קאוואלעריע איז „ניט זיכער", האט זיך גע־מוזט אונטערגעבן גראה פארן „לעצטן מיטל פון די קייסארים".* דער דארטיקער גובערנאטער האט געשיקט, אשטייגער, אזוינע ראפארטן: „איך בין געכטן אנגע־קומען אין דארף פעטראווסקאיע, אן ערנסטער רעוואליוציאנערער צענטער. די ארטילעריע האט ארויסגעלאזן זיבן גראנאטעס. די באפעלקערונג איז אבער יאיינ־געשפארט, גיט ניט ארויס די מיטגלידער פונעם קאמיטעט. היינט איבערמארגן וועל איך ווידער אנהייבן באשיסן. אינעם שכייניש דארף קאנסטאנטינאווקע בין איך אפגעווען דריי טעג. די ארטילעריע האט געגעבן 11 שאסן; נאך דעם האבן די פויערים צונויפגעשטעלט א באשלוס, אז זיי גיבן זיך אונטער און האבן דעם 1-טן סעפטיאבער ארויסגעגעבן די איבעריקע מיטגלידער פונעם קאמיטעט; קיין געהארגעטע און פארווונדעטע איז ניטא". פון פעטערבורג האט מען געענטפערט מיט א פולשטענדיקער באגיטיקונג: „דערשטיקט די באוועגונג אומבאדינגט, אפילע מיט די סאמע הארבסטע מיטלען. אנווענדן אפן ארט מיליטערישן פעלד־געריכט".

קעגן הארמאטן וואלטן, פארשטייט זיך, אנמעכטיק געווען ניט בלויז פויערים.** פאלן פון א באוואפנטן ווידערשטאנד קעגן דעם מיליטער טרעפן מיר. אבער זייער ווייניק, און דער ווידערשטאנד איז מערסטנטייל געווען א גאנץ שוואכער, גיכער זיינען עס געווען בלויז פרווון פון א ווידערשטאנד. איי־נער פון די סאמע העלע פאלן איז געווען אין וויאטקער גובערניע אין 1906 יאר: „דער וויאטקער גובערנאטער טעלעגראפירט דעם 5-טן מארט, אז היות ווי די פויערים פונעם דארף וואסקינע, יאראנסקער אויעזד, האבן ניט דערלאזן צו ארע־

---

* אזא אופשריפט פלעגט מען אמאל אייסשטעמפלען אף די הארמאטן.

** שיסן פון הארמאטן איז, אגעוו, אויך געווען ניט אזוי פאשעט. דער ארטיקער זשאנדארם האט ראפארטירט: „בייס גענעראל ליטווינאוו האט באגעגנט א ווידערשטאנד, האט ער באפוילן די קאזאקן, זיי זאלן שיסן, דאס האט די מייע ניט אויסגעפילט; אפן באפעל דעד ארטיליעריע צו שיסן איז אויך דארט פארגעקומען א צעמישונג. דאן האט דער גענעראל ליטווינאוו באפוילן דער קובאנער מייע טייקעף אוועקצוגיין, הינטער דער ארטילעריע האט ער אוועקגעשטעלט א מייע פון אסעטינער דיוויזיאן, וועלכע איז צו יענער צייט אנגעקומען אין דארף קאנסטאנטינאווקע, האט ארעסטירט דעם פעלדפעבעל, דעם וואכמייסטער פון ערוועקער און 4 סאלדאטן, וואס מע האט באמערקט, אז זיי אג טירן, און האט אפסניי באפוילן דער ארטילעריע צו שיסן, דראענדיק די, וואס וועלן ניט אויספילן דעם באפעל, מיט די אסעטינער, וועלכע זיינען אוועקגעשטעלט געווארן הינטער זיי, מיט די ביקסן גרייט צום שיסן. נאכדעם האט מען אין דארף ארייגעווארפן 14 גראנאטעס, מיט וועלכע דאס דארף איז אין אייניקע ערטער אונטערגעצונדן געווארן".

סטירנ דעמ פויער קאָגאָוואלאָוו, דעמ אונטערהעצער צו צונויפשטעלנ אנ אנטיגע־זעצלעכע באשטימונג, האָט מענ אינ דאָרפ וואסקיגע קאָמאנדירט דעמ געהילפ־איכפּראווניק מיט 34 רײטער־סטראזשניקעס, זיי זאָלנ ארעסטירנ קאָגאָוואלאָווג. די פויערימ, אינ א צאָל פונ 400 מאנ, באוואָפנטע מיט ביקסנ, רעוואָלווערנ, העק אונ דרענגלעכ, זײנענ אָנגעפאלג אפנ אָטריאד סטראזשניקעס, דערבײ האָט מענ שווער פארוואונדעט דעמ וואָלאָסט־סטארשינא, 10 סטראזשניקעס, פונ וועלכע איינעו האלט באמ שטארבנ, אונ מע האָט צעשעדיקט די האנט דעמ סטאנאָוווי־פריסטאוו; די סטראזשניקעס זײנענ, פארטיידיקנדיק זיכ, אָפגעטראָטנ. די צאָל גע־הארגעטע בוגטארנ איז ניט באוווסט. דער גובערנאטער רופט ארויס אפנ אָרט פונ דער געשעעניש א מיליטער־טייל אונ קאָמאנדירט דעמ וויצע־גובערנאטער".

עס איז א פראגע, צי דאָס איז ניט דער איינציקער פאל פונ אָ נ ג ' ב פ ג־ד י ק ע אקטנ מיצאד די פויערימ. א „באוואָפנטער אופשטאנד" אינעמ ווירקלעכנ זינ פונ דעמ דאָזיקנ וואָרט איז די פויערשע רעוואָליוציע געווענ בלויז אינ לעט־לאנד אונ אפ קאווקאז. וועגנ דעמ וועלנ מיר ריידנ ווײטער. אינ רוסלאנד איז א באוואָפנטע געווענ בלויז די ארבעטער־רעוואָליוציע.

איינע פונ די אילוזיעס, וואָס זײנענ סײ בא די מענטשנ פונ יענער צײט סײ אינ דער שפּעטערדיקער ליטעראטור פארבונדנ מיט דער פויערשער באוועגונג פונ דער ערשטער רעוואָליוציע, איז געווענ די איבערצײגונג, אז מיטנ אופלאָמ זומער 1906 יאָר האָט זיכ די באוועגונג פארענדיקט — ווײטער זײנענ ווידער אוועק „איינצלנע פאלנ". אינדערעמעסנ איז געווענ גאָרניט אזוי: פולשטענדיק שטיל איז געוואָרנ ערשט אינ ה א ר ב ס ט 1907 י אָ ר, דערבײ זײנענ אפילע פאר דעמ יאָר פארגיסטרירט העכער 2 טויזנט פויערשע אומרועס פונ פארשיידענע מינימ, ד. ה. קימאט אזויפיל, וויפל עס האָט באגלייט די „פרײהײט" אינ אָנהייב 60־ער יאָרנ. אהער גייענ, עמעס, ארײנ, אויכ גאָר קליינע אינדיווידועלע ארויסטרעטונגענ, אזויגע, ווי איינצלנע אונטערצינדונגענ, — אָבער אויב מיר וועלנ נעמענ אינ אכט, פונ איינ זײט, אז פארנ פאַריקנ פעריאָד האָט די צאָל פונ אלע ארויסטרע־טונגענ קיינמאָל ניט איבערגעשטיגנ קיינ 300—400 א יאָר, אונ פונ דער צווייטער, — אז שוינ אינ 1910 יאָר האָט די דאָזיקע צאָל ווידער איבערגעשטיגנ איבער 6 טויזנט (דערונטער קימאט טויזנט ארויסטרעטונגענ, וואָס האָבנ גע־טראָגנ א מאסנ־כאראקטער, — לעגאבע העכער 3 טויזנט אזויגע ארויסטרעטונגענ אינ 1905 יאָר), וועלנ מיר אָפשאצנ, וואָס פאר א גראנדיעזנ קאָרבנ דאָס 1905 יאָר האָט פארשניטנ אינ דער געשיכטע פונעמ רוסישנ פויערטומ.

נאָכ דעמ איז די פויערשע באוועגונג אינ אונדזער לאנד צײט אײנגעשטילט געוואָרנ אפ קיינ איינ מינוט, פונקט ווי עס איז אפ קיינ איינ מינוט ניט אײנ־געשטילט געוואָרנ אויכ די ארבעטער־באוועגונג. סײ די ערשטע סײ די צווייטע האָט מענ געקאָנט אפ א צײט צושטיקנ, — דערשטיקנ זיי האָט קיינ שומ קראפט שוינ ניט געקאָנט.

קאפיטל VIII

די קאָנסטיטוציאָנעלע אָנשטרענגונגענ פונ דער בורזשואזיע

די מאסנ־באוועגונג, סײ די ארבעטערשע סײ די פויערשע, האָט זיכ פאר־ענדיקט אזויארומ אינ די יאָרנ 1905—1906 מיט א ד ו ר כ פ א ל. וואָס זשע זײנענ

די סיבעס פונ דעמ דאָזיקנ דורכפאל? א לאנגע צײַט האָט מענ געהאלטנ, אז איינע פונ די גרונט־סיבעס איז באשטאנענ דערינ, וואָס די ביידע באוועגונגענ זײַנענ ניט צונויפגעפאלנ אינ דער צײַט: די אויסערגעוויינלעכע ענערגיע, די העלע רעוואָליוציאָנערקײַט פונ באזונדערע פויערשע ארויסטרעטונגענ זומער 1906 יאָר האָבנ געשאפנ א פאלשע פאָרשטעלונג, אז די דאָרפישע רעוואָליוציע האָט דעמ העכסטנ פונקט דערגרייכט קלוימערשט גראָד צו יונ 1906 יאָר, אונ זי איז אזוי־ארומ אפ א האלב יאָר אָפּגעשטאנענ פונ דער שטאָטישער רעוואָליוציע, פונ דער פּראָלעטארישער, וואָס איר העכסטער פונקט איז געווענ דער דעקאבער־אופשטאנד אינ 1905 יאָר. די סטאטיסטיק פונ די פויערשע אופשטאנדנ אָבער האָט באוויזנ, אז ווי מיר האָבנ געזענ, אז דאָס איז ניט אזוי. אינדערעמעסנ זײַנענ פויערשע אופשטאנדנ פאָרגעקומענ אָפטער פאר אלצ טאקע אינ דעמ זעלבנ פּעריאָד, ווענ עס האָבנ געשטרײַקט אונ אופגעשטאנענ די ארבעטער: אינ הארבסט אונ אינ דער ערשטער העלפט ווינטער 1905 יאָר. נאָכ ווענ יאָ געוויסער אָפּגעשטאנענקײַט פונ דער פויערשער באוועגונג קאָנ מענ יאָ ריידנ: אז ארבעטער־רעוואָליוציע האָבנ מיר שוינ, אייגנטלעכ, אינ יאנואר 1905 יאָר, די פויערימ יודער זײַנענ נאָכ דעמאָלט געווענ אזוי ווייניק רעוואָליוציאָנער, אז אפילע זומער־צײַט 1905 יאָר האָבנ נאָכ די רעאקציאָנערע קרײַזנ געלייגט אפ זיי געוויסע האָפענונגענ (די פּעטערהאָפער בעראטונג וועגנ דער „בוליגינ־דומע”, זע פריִער). פונ דער צווייטער זײַט, האָבנ מיר שוינ זומער 1906 יאָר ניט געהאט קיינ גרויסע ארבעטער־ארויסטרעטונגענ, אונ פויערשע האָבנ מיר יאָ געהאט; אזוי, אז א געוויסע גרעסערע צעצויגנקײַט פונ דער דאָרפישער רעוואָליוציע אינ פארגלײַכ מיט דער שטאָטישער איז אָנ ספק געווענ. אָבער די הויפּט־סיבע איז ניט געווענ אָט דאָס מעכאנישע ניט צונויפפאלנ פונ די ביידע באוועגונגענ. ריכטיקער איז געווענ אנ אנדער זאכ. אויב אפילע דער ארבעטער־קלאס האָט נאָכ אינ 1905 יאָר ניט געהאט ענדגילטיק אויסגעלעבט דעמ עקאָנאָמיזמ, האָט דאָס פויערטומ אפילע אינ 1906 יאָר נאָכ ניט געהאט אָנגעהויבנ אויסלעבנ אימ. דאָ האָט אפילע דער אָנפירנדיקער שיכט ניט געהאט דעמ באוווסטזײַנ, אז דער קאמפּ גייט פאר דער מאכט אונ ניט פאר רעכט: איינער פונ די לידערס פונ דער „ארבעט־גרופּע” אלאדינ האָט פונ דער טריבונע פונ דער ערשטער מעלוכע־דומע געהאלטנ פאר מעגלעכ צו לייענענ פויערשע בריוו, אינ וועלכע עס פלעגט זיכ ריידנ וועגנ די האָפענונגענ פונעמ פאָלק אפנ „צאר — דעמ פאָטער”, וועגנ דעמ, אז „אונדזער צאר איז א פאָלק־צאר אונ ניט קיינ צאר פונ די באאמטע אונ הויפלײַט” אונ ענלעכע נארישקײַטנ. די פויערשע שיכטנ, וועלכע האָבנ דעמאָלט אָנגעפירט, האָבנ נאָכ פעסט געהאָפט, אז דאָס איינציקע רעכט, אינ וועלכנ זיי האָבנ געפילט א ברענענדיקע באדערפעניש, — דאָס רעכט אפ ערד, — קאָנענ זיי באקומענ פונ די הענט פונ דער אלטער מאכט.

די רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר איז ניט דערפירט געוואָרנ ביזנ סאָפ דערפאר, ווײַל די אופגעשטאנענע מאסע איז ניט געווענ רעוואָליוציאָנער ביזנ סאָפ. אונ דאָס האָט זיכ אָפּגערופנ אפ דער אָנפירונג מיט דער רעוואָליוציע. די איינציקע ביזנ סאָפ רעוואָליוציאָנערע פארטיי זײַנענ געווענ די באָלשעוויקעס, אָבער זיי זײַנענ ניט נאָר ניט געווענ די איינציקע אָנפירער פונ דער אופגעשטאנענער מאסע (ווי דאָס איז געווענ דערנאָכ, אינ אָקטיאבער 1917 יאָר),— זיי זײַנענ נאָכ ניט געווענ, — דאָס טאָרפ מענ ניט פארגעסנ, — אפילע קיינ פולקומ

זעלבשטענדיקע פארטיי. די באָלשעוויקעס זײַנענ דעמאָלט געווענ דער לינקער פליגל פונ דער רסדאַפ, וואָס איר רעכטער פליגל, — די מענשעוויקעס — זײַנענ ניט בלויז ניט געווענ רעוואָלוציאָנער ביזנ סאָפ, נאָר זיי האָבנ ביכלאַל אַפילע ניט מיטגעפילט די רעוואָלוציאָנערע מעטאָדנ פונ קאַמפ, באַזונדערס נאָכנ דורכפאַל פונעם דעקאַבער־אופשטאַנד. די באָלשעוויקעס אונ מענשעוויקעס זײַנענ אָבער דעמאָלט געווענ צוויי פראַקציעס פונ איינ פארטיי, אונ אַפ די פארטיי־צוזאַמענפאָרנ האָט די איבערוואָג געקאָנט אַריבערגיינ אויכ צו די מענשעוויקעס, אונ אַזוי איז טאַקע געשענ אינ 1906 יאָר אַפנ שטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָר. דער צק איז נאָכ דעם דאָזיקנ צוזאַמענפאָר געוואָרנ א מענשעוויסטישער, ד. ה. אַנ אַנטי־רעוואָלוציאָנערער. וויאַזוי דאָס האָט זיכ געמוזט אָפשפיגלענ אַפ דער ענערגיע פונעם רעוואָלוציאָנערנ קאַמפ אונ אַפ דער ריכטיקײַט פונ דער אָנפירונג מיט די מאַסנ, דאָס איז ניט שווער זיכ פאָרצושטעלנ.

מע דאַרפ זיכ אָבער ניט פאָרשטעלנ דעם היסטאָרישנ פראָצעס ווי עטוואָס אויטאָמאַטישעס, וואָס ווירקט אויסער אונ אומאָפהענגיק פונעם ווילנ פונ די מענטשנ, וועלכע באַטייליקנ זיכ אינעם דאָזיקנ פראָצעס אונ וואָס פונ זייערע מײַסימ בילדעט ער זיכ אויס. אינעם קאַמפ צווישנ קלאַסנ, ווי אינעם קאַמפ צווישנ איינצלנע מענטשנ, נוצנ די קעמפנדיקע אויס איינער דעם צווייטנס כעסרוינעס אונ שוואַכקײַטנ. די ניט גענוגע רעוואָלוציאָנערקײַט פונ דער אויפגעשטאַנענער מאַסע האָט אויסגענוצט, ווי מיר האָבנ געזענ, אויכ די רעגירונג, ד. ה. די פריצימ, וואָס אַמאָל האָט זי זיכ געפרוווט זיי אונטערקויפנ (די בוליגינישע דומע, דער 17טער אָקטיאַבער), אַמאָל אָנשרעקנ (דער 9־טער יאַנוואַר, דעקאַבער 1905 יאָר). די דאָזיקע ניט גענוגע רעוואָלוציאָנערקײַט האָט נאָכ מער אויסגענוצט אויכ די בורזשואַזיע, וועלכע האָט זיכ געפרוווט דעמאָראַליזירנ די באַוועגונג. די מאַסע האָט געקעמפט פאַר רעכט צוליב איר אומבאַוווסטזיניקײַט, ווײַל זי האָט ניט פאַרשטאַנענ, אַז פונ דער אַלטער מאַכט איז גיטאָ וואָס צו וואַרטנ אַפ קיינ רעכט, אַז מע דאַרפ אַליינ ווערנ די מאַכט, אונ דעמאָלט וועלנ די רעכט שוינ בעמיילע קומענ. די בורזשואַזיע האָט זיכ באַמיט אײַנצוריידנ די מאַסע, אַז דער דאָזיקער קאַמפ פאַר רעכט איז טאַקע די עמעסע „ריכטיקע" רעוואָלוציע, אונ אַז דער קאַמפ פאַר דער מאַכט איז „אַנאַרכיע". אָבער, דעמאָראַליזירנדיק די מאַסע, האָט די בורזשואַזיע גלײַכצײַטיק אויסגענוצט זי, זי האָט זי אויסגענוצט אַפ אָנצושרעקנ די מאַכט, ד. ה. די פריצימ, וועלכע האָבנ זיכ מיט קיינעם ניט געוואָלט טיילנ מיט זייערע „רעכט", אַפילע מיט דער בורזשואַזיע.

דאָס, וואָס עס איז געווענ דער הויפט־כיסאָרנ פונ אונדזער ערשטער רעוואָלוציע, — איר ניט־פאַרענדיקטקײַט, — איז געווענ דער הויפט־טרומפ אינ די הענט פונ דער בורזשואַזיע. שטיצנדיק זיכ דערויפ, האָט די בורזשואַזיע געהאָפט צו פאַרוואַנדלענ די גרויסע רעוואָלוציע, וועלכע האָט זיכ געהאַט אָנגעהויבנ, אינ א קליינער, אונטערשטעלנ דאָס 1848־טע יאָר אָנשטאָט דעם 1789־טנ. אונ איינ צײַט האָט זיכ געקאָנט דוכטנ, אַז רוסלאַנד וועט זיכ אָפשטעלנ אַפנ 1849 יאָר. בלויז אָקטיאַבער 1917 יאָר האָט ענדגילטיק צעקלאַפט די האָפענונגענ פונ דער רוסישער בורזשואַזיע.

צומ שלוס פונ דער כאַראַקטעריסטיק פונ דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע פאַרבלײַבט אונדז נאָכ טאַקע צו באַטראַכטנ די ראָליע, וועלכע עס האָט אינ איר

באָלשעוויקעס—דעלעגאַטנ אפנ שטאָקהאָלמער צוזאמענפאָר

וו. אי. לענינ

י. וו. סטאַלינ

ק. י. וואָראָשילאָוו

נ. ק. קרופסקאיא

א. ס. בובנאָוו



מ. מ. ליטווינאָוו

געשפּילט די בורזשואזיע. מיר וועלנ זען, אז די דאָזיקע ראָליע איז אינ פיל פּראָטימ געווענ א נעווינשע: די רוסישע בורזשואזיע פונ 1905 יאָר האָט געגעבנ א מעגלעכקייט פאָרויסצוזענ די בורזשואזיע פונעמ 1917 יאָר.

דאָס, וואָס עס טרעט ארויס פאַר אונדז אינ די יאָרנ 1905—1906, אלס רוסישע בורזשואזיע, איז געווענ איינ גאַנצעס נאָר בענעגייע צומ פּראָלעטאריאט. דאָ איז, ווי מיר וועלנ זען, קיינ אונטערשייד ניט געווענ: אלע גרופּעס פונ דער בורזשואזיע, אָנ אויסנאַמ, האָבנ אפּלאָדירט דעמ פּראָלעטאריאט, ווענ ער האָט אָנגעהויבנ זײַנ רעוואָליוציאָנער, אלע האָבנ אימ אינ א גלײַכער מאָס פאַרורטיילט, ווענ ער האָט געוואָלט דערפירנ די רעוואָליוציע ביזנ סאָפ. אלײנ אָבער אָנ אונ פאַר זיכ איז די בורזשואזיע געווענ א געזאַמל פונ פאַרשיידענע גרופּעס, אונ דאָס פאַנאנדערגייִנ זיכ פונ זייערע אינטערעסנ פלעגט זיכ שאַרפער פונ אלצ אנטפּלעקנ אינ זייערע באַציִונגענ צו דער מאַכט. מיט דעמ דאָזיקנ פאַנאנדערגייִנ זיכ דערקלערנ זיכ אויכ דאָס, וואָס די בורזשואזיע האָט ניט געבילדעט בײַ אונדז קיינ אייניקײַטלעכע פּאָליטישע פּאַרטיי, זאָל זײַנ אפילע א צעשפּאָלטענע אָפּ „פראַקציעס", ווי דאָס איז געווענ מיטנ פּראָלעטאריאט, נאָר זי האָט זיכ צעטיילט אָפּ עטלעכע פּאַרטייענ, וואָס די קעגנזײַטיקע סינע צווישנ זיי איז געווענ שאַרפער ניט נאָר ווי צווישנ די באָלשעוויקעס מיט די מענשעוויקעס, נאָר אפילע ווי צווישנ די סאָציאַלדעמאָקראַטנ מיט די סאָציאַליסטנ-רעוואָליוציאָנערנ.

פונ לינקס אָפּ רעכטס זײַנענ די דרײַ בורזשואזע גרונט-גרופּעס געגאַנגענ אינ אזא סיידער: אָפּנ עקסטרע-לינקנ פליגל איז געשטאַנענ די בורזשואזע אינטעליגענצ, — טיילווײַז דער אָנפירנדיקער אפּאַראט פונ דער אינדוסטריע, טיילווײַז די פאָרשטייער פונ די אמערסטנ קוואַליפיצירטע פּראָפעסיעס, וואָס ווערנ באַזונדערס הויכ געשאַצט אינ א בורזשואזער געזעלשאַפט: אינזשעניערנ, זשורנאַליסטנ, אדוואָקאטנ, דאָקטוירימ. די דאָזיקע גרופּע האָט פאָרגעשטעלט די בורזשואזע אידעאָלאָגיע אינ איר רייִנסטער פאָרמ, אונ אזוי ווי די קאָנקרעטע פאַרקערפּערונג פונ דער דאָזיקער אידעאָלאָגיע איז דאָס רעכט פונ דער בורזשואזער געזעלשאַפט, וואָס איז באַגרינדעט אָפּנ פּערזענלעכנ אייגנטומ, אונ איר טעאָרעטישע פאַנאנדעראַרבעטונג פירט די בורזשואזע געזעלשאַפט-קענטעניש, זײַנענ די טעאָרעטיקער אונ פּראַקטיקער פונ דער בורזשואזער געזעלשאַפט-קענטעניש אונ פונ בורזשואזנ רעכט, — די פּראָפעסאָרנ אונ אדוואָקאטנ, — געווענ די נאַטירלעכע פירער פונ דער דאָזיקער גרופּע. די „קליינע אינטעליגענצ", — די זעמסקע דאָקטוירימ, לערער, אַגראָנאָמענ, סטאַטיסטיקער, טעכניקער — זײַנענ געווענ אָדער דער לינקער פלאַנג פונ דער דאָזיקער גרופּע, אָדער דער צווישנרינג צווישנ איר אונ די רעוואָליוציאָנערע פּאַרטייענ.

אומיטלבאַר אָפּ רעכטס פונ דער בורזשואזער אינטעליגענצ זײַנענ מיר גרייט צו דערוואַרטנ פאָרשטייער פונעמ אינדוסטריע-קאַפּיטאַל; אזוי איז עס טאַקע געווענ אומעטומ אינ אייראָפּע, אָבער ניט בײַ אונדז. די רעוואָליוציע האָט פאַרכאַפּט רוסלאַנד אָפּ א סאַכ א שפּעטערדיקער שטופּע פונ עקאָנאָמישער אנטוויקלונג, איידער וואָסער ניט איז אייראָפּייִש לאַנד. די דײַטשישע רעוואָליוציע פונ 1848 יאָר האָט זיכ געענדיקט מיט א רופ פונ די קליינצאָליקע דײַטשישע

קאָמוניסטנ צו בילדנ א זעלבשטענדיקע ארבעטער-פּארטיי; דערבײַ איז דער דאָזיקער רופ פּראַקטיש פאַרווירקלעכט געוואָרנ ערשט אינ 20 יאָר אַרומ. בײַ אונדז איז שוינ געווענ א זעלבשטענדיקע פּארטיי פונעמ פּראָלעטאריאַט, ווענ עס האָט זיכ אָנגעהויבנ די רעוואָליוציע. עס איז גענוג אָט די צוויי פאַקטנ קעדיי צו זענ, אַפ וויפל די קלאַסנ-פאַנאַנדערשיכטונג איז אינ רוסלאַנד, אינ דער עפּאָכע פונ דער רעוואָליוציע, געווענ טיפער, איידער אַפילע אינ דײַטשלאַנד אינ 1848 יאָר. וועגנ פראַנקרײַכ פונ דער עפּאָכע פונ דער „גרויסער רעוואָליוציע" איז ניטאָ אפילע וואָס צו ריידנ: דאָרט איז אפילע אינ אָנהייב פונ דער רעוואָליוציע ניט נאָר קיינ ארבעטער-פּארטיי, נאָר אפילע קיינ ארבעטער-קלאַס, אלס א באַזונדער גאַנצעס, איגגאַנצנ נאָכ ניט געווענ — דער פראַנצויזישער פּראָלעטאַריאַט איז ניט עלטער פונעמ אָנהייב פונעמ XIX יאָרהונדערט, די רעוואָליוציע האָט אימ טאַקע געשאַפנ. די דאָזיקע פיל גרעסערע רייפקײַט פונ די רוסישע קלאַסנ-פאַרהעלטענישנ פירט טאַקע דערצו, וואָס אונדזער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל האָט ניט געקאָנט אָנשפּאַרנ זיכ אַפ דער מאַסנבאַוועגונג, קעדיי צו דערשלאָגנ זיכ צו זײַנע צילנ, צו דער „רעכטלעכער אָרדענונג", אינ וועלכער ער נייטיקט זיכ. עמעס, אינעמ ערשטנ מאָמענט האָט ער עס ניט פאַרשטאַנענ, ער האָט געהאָפט אויכ בײַ אונדז אויסנוצנ די ארבעטער אַזוי, ווי זײַנע פאָרגייער אינ פראַנקרײַכ האָבנ געהאַט אויסגענוצט דאָס „פאָלק", וואָס איז נאָכ ניט געווענ דיפערענצירט, וואָס איז נאָכ ניט געווענ צעפאַלנ, ווי עס דאַרפ צו זײַנ, אַפ קלאַסנ. זומער 1905 יאָר פלעגנ זיכ איינצלנע פאַבריקאַנטנ דעריידנ ביזנ פאָרשלאָג צו דערקלערנ אַנ אַלגעמיינעמ לאָקאַוט, ארויסצוטרײַבנ די ארבעטער אַפ דער גאַס אונ פאַרגיכערנ אַזוי אַרומ די רעוואָליוציע. די מערהײַט אָבער האָט שוינ דעמלט ניט געוואָלט גייג מיט אַזאַ מינ וועג, אונ ווענ דער אָקטיאַבער-שטרײַק איז קיימאַט סטיכייִש אַריבערגעגאַנגענ אינ א קאַמפ פאַר אַנ 8-שאָיִקנ ארבעטטאָג, האָט זיכ די פּאָליטישע פּאָזיציע פונעמ אינדוסטריעלנ קאַפּיטאַל פולקומ באַשטימט: ער האָט געקאָנט זײַנ נאָר מיט די, וואָס האָבנ „אײַנגעשטילט", אונ ניט מיט די, וועמענ מע האָט „אײַנגעשטילט".

אלס גאָנצסטער שאָכנ פונ דער בורזשואַזער אינטעליגענצ האָבנ זיכ בײַ אונדז, אַזויאַרומ, אומדערוואַרט ארויסגעוויזנ די אמערסטנ פאָרגעשריטענע גוטבאַזיצער. דער דאָזיקער גרופּע איז אינ די מיטלאַלטערלעכע באַדינגונגענ פונעמ רוסישנ דאָרפ אויסגעקומענ ניט אַזוי צו פירנ א קאַפּיטאַליסטישע, אונטערנעמערישע ווירטשאַפט, ווי צו שאַפנ די נייטיקע באַדינגונגענ פאַר אַזאַ ווירטשאַפט. אַדאַנק דעמ פלעגנ די זעמסטוועס, וועלכע זײַנענ באַשטאַנענ פונ אַזעלכע אָרטיקע באַזיצערס, אויספילנ אינעמ רוסישנ דאָרפ די פונקציעס, וועלכע עס פלעגנ אויספילנ די מיסיאָנערנ אינ די ניט-קאָלאָניזירטע לענדער אינ אַזיע אונ אַפריקע. דאָרט פלעגנ זיכ צוערשט באַווײַזנ גאַלאָכימ, פּראָטעסטאַנטישע אונ קאַטוילישע, זיי פלעגנ בויענ שולנ, שפּיטאָלנ, פלעגנ צוגעווינענ, אַזוי צו זאָגנ, די אָרטיקע באַפעלקערונג; דערנאָכ פלעגנ שוינ קומענ די קאַפּיטאַליסטנ, קעדיי צו עקספּלואַטירנ די דאָזיקע באַפעלקערונג. בײַ אונדז האָבנ די גאַלאָכימ אונ מאָנאַכנ געשפּילט די דאָזיקע ראָליע נאָר בײַמ סאַמע אָנהייב פונעמ רוסישנ קאַפּיטאַליזמ, אינ XV—XVI יאָרהונדערטנ. אינ דער נײַסטער צײַט זײַנענ זיי שוינ געווענ אַבסאָליוט אומפעייִק דערצו. דעמ גוטבאַזיצער דעמ אונטערנעמער פלעגט אויסקומענ צו נעמענ די מיסיאָנערישע פליכטנ אַפ זיכ. אָבער ער פאַרזענלעכ האָט זיי, פאַרשטייט זיכ, ניט געקאָנט אויספילנ — ער האָט זיכ גענייטיקט אינ אינטעלי-

גענטע מיטהעלפער. אט פאראוואס די קליינע אינטעליגענצ ווערט אנ עלעמענט, וועלכער איז אבסאליוט נייטיק פאר דער זעמסטווע (פונדאנענ נעמט זיכ אויכ דער נאמענ פונ דער דאזיקער אינטעליגענצ: דער „דריטער עלעמענט", אלס דערגאנצונג צו די צוויי גרונט-עלעמענטנ פונ דארפ, די גוטבאזיצער אונ פויערים). די דאזיקע ראליע פונעמ „דריטנ עלעמענט" אונ זיינ נייטיקייט פאר די גוטבאזיצער גופא האט אויסגעצייכנט כאראקטעריזירט דער באוווסטער זעמסטווע-טוער ד. נ. שיפאוו (פארזיצער פונ דער מאסקווער גובערניאלער אופראווע, אינ 1917 יאר פארזיצער פונ איינער פונ די ווייסגווארדייישע הויפט-ארגאניזאציעס אינ מאסקווע, פונעמ אזויגערופענעמ „נאציאנאלנ צענטער"). פלעגנ האט ער געזאגט: „איצט קאנ קיינ איינ שטאנד-גרופע, אלס אזעלכע, ניט פרעטענדירנ אפ אנ אנפירנדיקער ראליע אינעמ לעבנ פונ דער געזעלשאפט. די דאזיקע ראליע קאנ איצט אונ אינ דער צוקונפט געהערנ נאר יענע געזעלשאפטלעכע גרופעס, וועלכע זיינענ דער קאנצענטריר-פונקט פונ די אינטעלעקטועלע אונ גייסטיקע קויכעס, אונ די דאזיקע קויכעס זיינענ דעריקער קאנצענטרירט אינעמ „דריטנ עלעמענט". צווישנ דעמ „דריטנ עלעמענט" זיינענ אנ סאפעק פאראנ מענטשנ ניט קיינ זיכערע אינ פאליטישער הינזיכט, פונקט ווי אזעלכע זיינענ פאראנ אינ דער זעמסטווע-סוויווע, אבער מע קאנ קוימ פאראלגעמיינערנ דעמ אויספיר וועגנ דער פאליטישער אומזיכערקייט פונ דער מערהייט פערזאנענ, וואס בילדנ דעמ „דריטנ עלעמענט". מע מוז נעמענ אינ באטראכט, אז די געוויסע אומרויקע אונ לייכט אופרעגלעכע שטימונג פונ דער דאזיקער סוויווע איז אינ א באדייטנדיקער מאס אפהענגיק דערפונ, וואס זייער לאגע ניט נאר אינ , ער מעלוכע, נאר אויכ אינ דער זעמסטווע איז גאנצ אפט אומבאשטימט. אינ זייער מערהייט אבער גיבנ די דאזיקע מענטשנ אפ זייער מי דער געזעלשאפטלעכער זעמסקער ארבעט אינגאנצנ אנ שומ אייגננוצנ". אונ א צווייטנ ארכירעאקציאנער, שטיורמערנ, — ניקאלייס צוקינפטיקנ מיניסטער בייס דער מילכאמע, אינעמ ברענ פונ דער „מייסע ראספוטינ",—האט ער מיט רירנדיקער נאיווקייט פארגעלייגט צו שטיצנ זיכ אפ דעמ דאזיקנ „דריטנ עלעמענט", נאכצוטאנ דעמ ביישפיל פונ דער זעמסטווע. „דער רעגירונג דאכט זיכ, אז די אלשטאנדישע אינטעליגענצ, וועלכע איז געבארנ געווארנ אונ ווערט אלצ שטארקער, איז באדנלאז אונ געפערלעכ. אויב אבער דער אדל האט נאכ די רעפארמעס פונ די 60-ער יארנ פארלארנ זיינ באדייטונג, איז פאר דער רעגירונג אומבאדינגט נייטיק צו געפינענ אנ אנשפאר אינ נייע געזעלשאפטלעכע גרופירונגענ. מע קאנ זיכ ניט אייביק באציענ נעגאטיוו צו דער אלשטאנדישער אינטעליגענצ. די מעלוכע גופא שאפט זי דערמיט, וואס זי צעעפנט ברייט די טירנ אינ די מיטעלע אונ הויכע לערנ-אנשטאלטנ אונ לאזט יערלעכ ארויס טויזנטער מענטשנ פונ אלע שטאנדנ מיט א פארברייטערטנ האריזאנט אונ מיט העכערע פאדערונגענ צומ לעבנ. מע דארפ אוטיליזירנ די אינטעליגענטע קויכעס, מע דארפ זיי מאכנ, אפ וויפל עס איז מעגלעכ, קאנסערוואטיוו, אונ ניט שטויסנ זיי אינ אפאזיציע, ניט אופוועקנ אינ זיי קיינ גערעכטע אומצופרידנקייט דורכ דעמ, וואס מע באליידיקט שטענדיק זייער אייגנליבע אונ מע מאכט שווער פאר זיי אנצוווענדנ זייערע קויכעס אונ קענטענישנ צומ נוצנ פונעמ געזעלשאפטלעכנ אונ מעלוכישנ לעבנ".

שטיורמער וואלט אימ שוינ דעמלט געקאנט באווייזנ, אפנ ביישפיל פונ די לינקע זעמסטווע-טוער, וויאזוי אזא מינ „אנשפאר" דרייט איבער אפ דער לינקער

זײַט אָט דעמ טאַקע, וואָס שפּאַרט זיכ אָנ, אינעמ „באַפרײַונג-פאַרבאַנד", וועלכער איז געגרינדעט געוואָרנ פּאַרנ געלט פונ די לינקע זעמסטווע=טוער, האָט, ווי מיר געדענקענ, געקאָמאַנדעוועט טאַקע דער „דריטער עלעמענט". דער צופיל נייטיקער דינער האָט זיכ אַרויסגעוויזנ שטאַרקער פּאַרנ באַלעבאָס. אָבער אָנ דעמ „דריטנ עלעמענט" איז גאָר ניט געווענ וואָס צו טראַכטנ וועגנ אַ קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט אינ דאָרפ; ווענ די זעמסטווע-טוער האָבנ, נאָכ 1905 יאָר, דערזענ די געפאַר פונעמ „דריטנ עלעמענט", איז זײ קיינ זאַכ ניט פאַרבליבנ, ווי צו ליקווידירנ אַלע זייערע „קולטורעלע אָנהייבנ", פאַרקירצנ די צאָל שולנ, שפּיטאָלנ אדג., ליקווידירנ די זעמסטווע-אַגראָנאָמיע אונ זעמסטווע-סטאַטיסטיק, — מיט אַנדערע ווערטער, אָריענטירנ זיכ אַפנ ווילדנ פּאָרעצ אונ אַרופלייגנ אַלע האָפענונגענ אַפ די רעשטלעכ פונעמ לײַבייגנטומ, אָדער עמיגרירנ פונ דאָרפ, איבערלאָזנדיק עס אַלנ קאָרבנ פּאַרנ „שמוציקנ" (פּאַרנ הענדלער).

אַזוי-אַרומ איז פונ די צוויי גרונט-גרופּעס פונ דער רוסישער בורזשואַזיע לינקס געשטאַנענ די בורזשואַזע אינטעליגענצ צוזאַמענ מיטנ אַמערסטנ פּראָגרעסיוונ טייל פונעמ גוטבאַזיצערישנ אַדל, רעכטס — דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל, וועלכער האָט זיכ פּאָליטיש ניט געהאַט אָפּגעטיילט פונעמ האַנדלשנ אונ באַנקישנ קאַפּיטאַל; נאָכ רעכטער איז געשטאַנענ דער גרויסער ערד=באַזיצ פונעמ אַלטנ טיפּ, וועלכער האָט געלעבט פונ אָפּשניטנ אונ אָפּאַרבעטונגענ אונ וועלכער האָט שוינ ניט געהערט צו דער בורזשואַזיע אינעמ אייגנטלעכנ זינ פונ וואָרט. דער לאָזונג פונ דער לינקער גרופּע איז געווענ פאַרוואַנדלענ רוסלאַנד אינ אַ „נאָרמאַל" קאָנסטיטוציאָנעל לאַנד, ווו דער מאָנאַרכ עקזיסטירט „פאַר גרויסע פּאַלנ", נאָרמאַל אָבער געפינט זיכ די פאַרוואַלטונג אינ די הענט באַ אַ מיניסטעריומ, וואָס קומט פונ דער פּאַרלאַמענט-מערהײַט. דער פאַרוואַלטונג-מעטאָד פונ אַזאַ מינ מעלוכע איז דאָס פּאָליטישע אָפּנאַרנ די מאַסנ, מיט דער הילפ פונ די צײַטונגענ, שולנ, פאַרשיידענע אופקלערישע אונ פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, וואַל-פאַרזאַמלונגענ אאַוו. נאַרט מענ קעסיידער אָפּ די מאַסע בענעגייע אירע ווירקלעכע אינטערעסנ, מע רעדט זי אײַנ, אַז זי נייטיקט זיכ אונ איר לוינט דאָס, אינ וואָס עס נייטיקט זיכ אינדערעמעסנ אונ וואָס עס לוינט בלויז פאַר דער בורזשואַזיע. מע דערקלערט איר, לעמאָשל, אַז פאַר איר לוינט אונ איר איז נייטיק אַ צווייקאַמער-סיסטעמ, ווײַל איינ קאַמער נעמט, קלוימערשט, אָנ באַשלוסנ אינ צו גרויסער „אײַלעניש", איז אָט, פאַר אויסבעסערונגענ איז נייטיק אַ צווייטע, אונ די צווייטע אָרגאַניזירט מענ שטענדיק, ווי אומגערנ, אַזוי, אַז די אויבערוואָג אינ איר זאָל זײַנ אַפ דער זײַט פונ דער בורזשואַזיע. דאָס דאָזיקע מיטל איז, ווי עס באַווײַזט דער בײַשפּיל פונ מײַרעוו=אייראָפּע אונ אַמעריקע, זייער אַ זיכערס, אונ מיט זײַנ הילפ קאָנ מענ זיכ האַלטנ לאַנג. דערצו איז אָבער, אַלס אומבאַדינגטער טנאַי, נייטיק די קולטורעלע אויבערוואָג פונ די, וועלכע נאַרנ אָפּ, איבער די, וועמענ מע נאַרט אָפּ: די ערשטע דאַרפנ זײַנ געבילדעטער פאַר די צווייטע. אָט פאַרוואָס צומ דאָזיקנ מיטל האָט, נאַטירלעכ, געפילט באַ אונדז אַ דראַנג אונדזער בורזשואַזע אינטעליגענצ. גלײַכצײַטיק אָבער, אַלס מענטשנ „ציווילע", ניט קיינ מיליטער-לײַט, האָבנ די בורזשואַזע אינטעליגענטנ ניט געפילט קיינ געטיִע צו אָפענער קראַפט: עס וואָלט אויסגעקומענ אָנצוווענדנ זי מיט פרעמדע הענט, מיט די הענט פונ מיליטערלײַט; די דערפאַרונג ווידער האָט באַוויזנ, אַז די מיליטערלײַט ווערנ באַ אַזעלכע באַדינגונגענ גאַנצ לײַכט פאַרוואַנדלט פונ דינערס אינ הארנ.

618 — 17

גראד אפ דעמ סמאכ האט די רעכטע גרופע, וואס האט אינ אירע הענט געהאט די ארמיי, געלייגט אלע האפענונגענ אפ געוואלט. אָבער, אַנערקענענדיק איר אייגענע אומוויסנקייט, האט זי ניט געהאפט אפצונארנ די מאסנ; די מיטלענ, וועלכע זי פלעגט אַנווענדנ דערצו, די פארשיידענע „פארבאנדנ פונ רוסישע מענטשנ" אונ פונעמ „רוסישנ פאלק", האבנ געקאנט אפנארנ נאר די שיכטנ באפעלקערונג, וועלכע זיינענ געווענ אזוי אומוויסנדיק, אז זיי האט אפילע ניט געלוינט אפצונארנ, — אַלציינס וואלטנ זיי געקאנט אויסגענוצט ווערנ נאר אלס פיזישע קראפט. אונ אזוי ווי דער לאזונג פונ דער דאזיקער גרופע איז געווענ אײַנהאלטנ די אלטע אָרדענונג אינ איר גאנצער אומבארירלעכקייט אונ אומ יעדנ פרייז, האט זי דעריבער ניט געקאנט האפנ אפ קיינע שומ אנדערע מיטלענ, אכוץ הוילער געוואלט.

די מיטעלע גרופע האט ניט געקאנט מיטפילנ די מעטאדנ פונ אויסשליסלעכ הוילער געוואלט, ווײַל הוילע געוואלט דעזארגאניזירט די פראדוקציע, אונ דאס איז געווענ א גרופע קאפיטאליסטנ-אונטערנעמער, וועלכע זיינענ פארינטערעסירט אינ דעמ, אז די פראדוקציע זאל גיינ אנ איבעררײַסנ. אבער אויכ אפ אפצונארנ די מאסע האט זי געהאט ווייניק מיטלענ. די פיגור פונ „קיט קיטיטשנ"* איז א צו באשטימטע, זײַנ אַלטעגלעכע טעטיקייט גייט דורכ בא אלעמענ פאר די אויגנ, אונ בלויז זייער געשיקטע מענטשנ פונ דער דאזיקער סוויווע האבנ געקאנט שפילנ די ראליע פונ „פרײַנט פונ פאלק", אונ דאס אויכ פאר זייער פאשעטע מאסנ. אפנ גוירל פונ די פארשטייער פונ דער דאזיקער גרופע זיינענ ניט אויסגעפאלנ קיינ שײַנענדיקע וואל־דערפאלגנ, ווי בא זייערע שכיינימ פונ לינקס, אָבער שטילינקערהייט אונ פאמעלעכ פלעגנ זיי ארײַנעמענ די מאכט אינ זייערע הענט דורכ עקאנאמישנ צוואנג. מאסנ מענטשנ זײַנענ געווענ מאטעריעל אָפהענגיק פונ זיי; די דאזיקע מאטעריעל אָפהענגיקע מענטשנ קליענטנ, האבנ ווילנדיק־ניט־ווילנדיק געמוזט דינענ זייערע „באלעטוויוועס" אונ אנדערע האבנ, מוירע האבנדיק צו פארלירנ דעמ פארדינסט, קיינ מוט ניט געהאט ארויסצוטרעטנ קעגנ זיי. אינ רעזולטאט האט זיכ טאקע די דאזיקע פארטיי ארויסגעוויזנ פארנ סאמע שטאנדהאפטיקנ בורזשואזנ צענטער. דער מאנארכ איז פאר איר געווענ ניט פאשעט א צירונג — זי האט זיכ געניטיקט אינ א „פעסטער מאכט", אונ זי וואלט געווענ א באלנ אײַנצוהאלטנ פונ דער זעלבסטהערשונג אלצ, וואס עס איז מעגלעכ, אבי נאר זי זאל דינענ דעמ קאפיטאל. היסטאריש זײַנענ די בארימטע „טוער פונ די 60־ער יארנ", — אט די אלע מיליוטינס, סאמארינס אונ טשיטשערינס,— געווענ טאקע שטאמפאטערס פונ די שפעטערדיקע אָקטיאבריסטנ, ווײַל זייער אופגאבע איז געווענ אוועקשטעלנ די זעלבסטהערשונג צו דינסט פונעמ קאפיטאליזמ.

אָבער די היסטאריש סאמע עלטסטע בורזשואזע גרופירונג אינ רוסלאנד, דער „פארבאנד פונ 17־טנ אָקטיאבער" (עס איז איבעריק צו דערקלערנ, אז אינ אזא פארמ האט ער געקאנט ארויסטרעטנ ערשט נאכנ 17־טנ אָקטיאבער 1905 יאר), האט בעשומויפנ ניט געקאנט פארנעמענ קיינ קאמאנדירנדיקע לאגע אינ דער בורזשואזער רעאקציע. דאס איז געווענ דער צענטער, אונ אינ קריטישע מאמענטנ ריקנ זיכ שטענדיק ארומ די פליגלענ. דער פאשעטער אוילעמ האט געזענ אפ

* א פערסאנאזש פונ אָסטראָווסקיס א קאָמעדיע, א טיפ פונ א ברוטאלנ מעגושעמדיקנ סוחער־עקספלואטאטער. רעד.

דער סצענע בלויז די רעכטע מיט זייערע פראָגראמענ, אונ די לינקע מיט זייערע זיסינקע ריידעלעכ וועגנ „פאָלק־פרייהייט“ אינ „פרידלעכנ אנטוויקלונג־וועג“; אינ דער ווירקלעכקייט אָבער האָט די רעגירונג, וועלכע האָט זיכ איינגעפעסטיקט אונטערנ טומל פונעמ האָזיקנ שטרייט, געפירט גראָד אנ אָקטיאבריסטישע ליניע. דערמיט וועלנ מיר זיכ פארנעמענ אויספירלעכער, ווענ מיר וועלנ שטודירנ די *סטאָליפיניאדע*.

נאָכ דער צעפאלונג פונעמ „באפרייונג־פארבאנד“ (פאקטיש איז עס פארגעקומענ, ווי מיר געדענקענ, אינ פרילינג 1905 יאָר) האָט די בורזשואזיע ביז אָקטיאבער ניט געהאט קיינ באשטימטע פאָליטישע גרופירונגענ. איר אלטע אָרגאניזירטע פאָרמ זיינענ געווענ די זעמסטווע־צוזאמענפאָרנ, וועלכע האָבנ זיכ ענערגיש באמיט צו דעריאָגנ די בורזשואזע אינטעליגענצ, וואָס איז אלצ ווייטער אונ ווייטער אוועק אפ לינקס. וועגנ דער שטימונג פונעמ יול־צוזאמענפאָר האָבנ מיר שוינ א פאָרשטעלונג (זע אויבנ). אָבער אינ אווגוסט (לויטנ אלטנ סטיל) איז דערשינענ דער מאניפעסט וועגנ דער „בוליגינישער דומע“. עס האָבנ זיכ דערנעענטערט די וואלנ — מע האָט דאָכ ניט געקאָנט ארויסטרעטנ אפ זיי אינעמ נאָמענ פונעמ „זעמסטווע־צוזאמענפאָר“, אָדער פונעמ „באפרייונג־פארבאנד“, וועלכער האָט שוינ קימאט ווי ניט עקזיסטירט אונ וועלכער איז נאָכ, אכוצ דעמ, ניט געווענ געבונדנ דורכ פארטיי־דיסציפלינ אונ האָט ניט געקאָנט געבנ זיינע מיטגלידער קיינ באשטימטע פאָליטישע דירעקטיוונ. אינ אָקטיאבער 1905 יאָר, אינ סאמע ברענ פונעמ פראָלעטארישנ שטרייק, האָט זיכ דער „פארבאנד“ צונויפגעקליבנ אפנ לעצטנ צוזאמענפאָר, קעדיי אָפיציעל צו פארענדיקנ זיינע טעג, אלס א „פארבאנד“, אונ צו פארוואנדלענ זיכ אינ אנ עמעסער פארטיי. נאָכ דעמ, ווי ער האָט שוינ אפנ מארט־צוזאמענפאָר פארלאָרנ זיינ לינקנ פליגל, האָט דער פארבאנד אפנ אָקטיאבער־צוזאמענפאָר פארלאָרנ זיינ *צענטער* — פראָקאָפאָוויטש, קוסקאָווע, באָגוטשארסקי אונ אנד. האָבנ זיכ אָפגעזאָגט אריינצוגיינ אינ באשטאנד פונ דער „נייער פארטיי“, וועלכע האָט זיכ אויסגעבילדעט אפנ צוזאמענפאָר, אונ זיי האָבנ געבילדעט א באזונדערע גרופע „אָנ א נאָמענ“, וועלכע האָט ניט געהאט קיינ שומ פאָליטישנ באטייט. אינ א *פארטיי* איז דער „באפרייונג־פארבאנד“ איבערגעגאנגענ, אזוי־ארומ, *בלויז מיט זיינ רעכטנ פליגל*.

פונדעסטוועגנ איז די אָקטיאבער־שטימונג געווענ אזא, אז אָט דער געוועזענער רעכטער פליגל פונעמ „פארבאנד“ פלעגט ריידנ אונ אָנעמענ רעזאָליוציעס קימאט „אינ גייסט פונ די סאָציאליסטנ“. דער געוועזענער לידער פונעמ רעכטנ פליגל אונ איצטיקער לידער פונ דער „קאָנסטיטוציאָנעל־דעמאָקראטישער“ פארטיי, פ. נ. מיליוקאָוו, האָט זיכ פריער פאר אלצ באמיט אָפצוגרענעצנ זיכ פונ דער בורזשואזיע. „דער עמעסער גרענעצ... — פלעגט ער זאָגנ, — איז דאָרט, ווו זיי („אונדזערע קעגנער פונ רעכטס“) טרעטנ ארויס *אינ נאָמענ פונ שמאָלע קלאסנ־אינטערעסנ פונ די רוסישע אגראריער אונ אינדוסטריעלער*. אונדזער פארטיי וועט קיינמאָל ניט שטיינ אפ דער וואכ פונ די „דאָזיקע אינטערעסנ“. פארקערט, פונ לינקס איז ניטאָ אזא באשטימטער גרענעצ, אונ עס איז, אייגנטלעכ, ניטאָ אפילע קיינ „קעגנער“. „צווישנ אונדז אונ אונדזערע, מיר וואָלטנ געוואָלט זאָגנ, ניט קעגנער, נאָר פארבינדעטע פונ לינקס, — פלעגט זאָגנ מיליוקאָוו, — עקזיסטירט אויכ א געוויסער גרענעצ, ער טראָגט אָבער גאָר אנ אנדער כאראקטער, איידער דער, וועלכנ מיר פירנ דורכ פונ רעכטס. מיר

שטייענ, פּונקט ווי זיי, אַפ דעמ זעלביקנ לינקנ פליגל פונ דער רוסישער פּאָליטישער באַוועגונג. אָבער מיר פאַרייניקנ זיכ ניט צו זייערע פאָדערונגענ פונ א דעמאָקראַטישער רעפּובליק און פונ פאַרגעזעלשאַפטלעכנ די פּראָדוציר-מיטלענ. אייניקע פונ אונדז פאַרייניקנ זיכ ניט צו די דאָזיקע לאָזונגענ דערפאַר, ווײַל זיי האַלטנ זיי בּיכלאַל פאַר ניט אָנעמבאַר, אַנדערע, ווײַל זיי האַלטנ זיי פאַר אַזעלכע, וואָס שטייענ אויסער די ראַמענ פונ דער פּראַקטישער פּאָליטיק. קאָלזמאַנ עס וועט זײַנ מעגלעכ צו גיינ צומ געמיינזאַמענ ציל אײַנינעמ, ניט געקוקט אַפנ דאָזיקנ אונטערשייד פונ די מאָטיוונ, וועלנ ביידע גרופּעס פונ דער פּאַרטיי אַרויסטרעטנ אַלס איינ גאַנצעס; יעדער פּרווו אָבער אונטערצושטרײַכנ די נאָרוואָס אָנגעוויזענע שטרעבונגענ און אַרײַנצופירנ זיי אינ דער פּראָגראַמ וועלנ פירנ צו א באַלדיקער שפּאַלטונג. מיר צווייפלענ אָבער ניט, אַז צווישנ אונדז וועט זיכ געפינענ גענוג פּאָליטישע וויכטיקײַט און סייכל, קעדיי אויסצומײַדנ אינ דעמ איצטיקנ מאָמענט די דאָזיקע שפּאַלטונג".

עס איז אַוודע איבעריק צו דערמאָנענ דעמ לייענער, אַז צו דער „פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פונ די פּראָדוציר-מיטלענ" האָט פּראַקטיש דערמלט גאָר ניט געשטרעבט קיינ איינ פּאַרטיי, סײַ די באָלשעוויקעס סײַ די מענשעוויקעס זײַנענ געווענ מאַסקימ, אַז דערווײַל איז אינ רוסלאַנד א בורזשואַזע רעוואָליוציע, און געשטריטנ האָט מענ בלויז וועגנ דעמ, וויאַזוי מע דאַרפ פאַרשטיינ די „בורזשואַזע רעוואָליוציע". דאָס אָפּנאַרנ האָט זיכ שוינ אָנגעהויבנ. אינ דעמ מאָמענט פונעמ העכסטנ אויפשטײַג פונ דער אַרבעטער-באַוועגונג האָבנ די נײַ-געבוירענע קאָדעטנ געאײַלט צו מעלדנ: „מיר זײַנענ אויכ סאָציאַליסטנ, אָבער פאַרשטאַנדיקע, מיר פאָדערנ ניט קיינ פויגל-מילכ; און די ווידער, וואָס אַפ ליעקס, זיי זײַנענ אומפאַרשטאַנדיקע. אָט דאָס איז דער גאַנצער אונטער-שייד". און אינ פולנ הסכּמ מיט דעמ, האָט דער צוזאַמענפאָר אָנגענומענ וועגנ דעמ שטרײַק, וואָס איז דערמלט פאָרגעקומענ, א נ עמעסע מיטגעפיל-רעזאָליוציע. „די פאָדערונגענ פונ די שטרײַקער, ווי זיי זײַנענ פאָרמולירט געוואָרנ דורכ זיי גופא, — ווערט געזאָגט אינ דער דאָזיקער רעזאָליוציע, — באַשטייענ, דעריקער, אינעמ באַלדיקנ אײַנפירנ די גרונט-פרײַהײַטנ, אינעמ פרײַענ אויסקלײַבנ פאָלק-פאָרשטייער אינ דער גרינדונג-פאַרזאַמלונג אַפנ גרונט פונ אַלגעמיינעמ, גלײַכנ, דירעקטנ און געהיימענ וואַלרעכט און אינ אַלגעמיינער פּאָליטישער אַמניסטיע. עס קאָנ קיינ שומ ספק ניט זײַנ, אַז אָט די אַלע צילנ זײַנענ באַ זיי געמיינזאַמ מיט די פאָדערונגענ פונ דער קאָנסטיטוציאָנעל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. צוליב דער דאָזיקער אײַנפאַרשטאַנדיקײַט בענעגייע די צילנ האַלט דער גרינדונגס-צוזאַמענפאָר פונ דער קאָנסטיטוציאָנעל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פאַר זײַנ כויוו צו מעלדנ וועגנ זײַנ פולשטענדיקסטער סאָלידאַרישקײַט מיט דער שטרײַק-באַוועגונג. אַפ זייער אָרט און דורכ צוטריטלעכע פאַר דער פּאַרטיי מיטלענ, שטרעבנ אירע מיטגלידער צו פאַרווירקלעכנ די זעלביקע אויפגאַבנ און, פּונקט ווי אַלע איבעריקע קעמפנדיקע גרופּעס, האָבנ זיי זיכ קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט פונעמ געדאַנק צו דערשלאָגנ זיכ צו זייערע צילנ דורכ פירנ אונטערהאַנדלונגענ מיט פאָרשטייער פונ דער מאַכט".

פאַרשטייט זיכ, אויכ אינ דער „בוליגינישער" דומע זײַנענ די קאָדעטנ געגאַנגענ „אויסשליסלעכ מיטנ ציל צו קעמפנ פאַר פּאָליטישער פרײַהײַט און פאַר א

ריכטיקער פאָרשטייערשאַפט. עס קאָנ קוים זײַנ א סאָפעק דערינ, אַז באַם דערשלאָגנ זיכ צו אונדזער ציל, קאָנענ מיר ניט אויסרעכענענ אפ קיינע שום אויסגלײַכנ אָדער קאָמפּראָמיסנ אונ דאַרפנ הויכ האַלטנ די פאָנ, וועלכע איז שוינ אופגעהויבנ געוואָרנ דורכ דער רוסישער באַפרײַונג-באַוועגונג אינגאַנצנ גענומענ, ד. ה. שטרעבנ צום צונויפרופנ א גרינדונג-פאַרזאַמלונג, וועלכע זאָל אויסגעקליבנ ווערנ אפנ יעסאָד פונ אַלגעמיינער, דירעקטער, געהיימער אונ גלײַכער אָפּשטימונג", — האָט געזאָגט מיליוקאָוו.

מיט איינ וואָרט, ניט נאָר קימאַט-סאָציאַליסטנ, נאָר אויכ קימאַט-רעפּובליקאַנער, שטרעבנ אויסשליסלעכ צו „פאָלק-פרײַהײַט" (אונ דער צווייטער נאָמענ פונ דער פאַרטיי איז טאַקע געווענ אזא: „פאַרטיי פונ פאָלק-פרײַהײַט") אונ גייענ ניט אפ קיינע שום קאָמפּראָמיסנ מיטנ צאַריזם. ניט סיינ איבערגעשפּיצטע מענטשנ האָבנ געקאָנט ניט באַמערקנ, אַז שוינ דער נאָמענ גופע פונ דער פאַרטיי איז געווענ א קאָמפּראָמיס (א פּשאָרע): מיטנ וואָרט „קאָנסטיטוציע" האָבנ אַלע אינעם אומגאַנגלעכנ וואָרט-באַנוצ פאַרשטאַנענ א מאָנאַרכיסטישע קאָנסטיטוציע, ד. ה. די צאַרישע מאַכט, באַגרענעצט דורכ א פאָלקפאָרשטייערשאַפט, ענלעכ צו דעמ, ווי דאָס איז געווענ אינ יענע צײַטנ אינ אַלע מאָנאַרכיעס פונ מערעוו-אייראָפּע; אונ „דעמאָקראַטיע" האָבנ אַלע שטענדיק געמיינט א רעפּובליק. דער נאָמענ „קאָנסטיטוציאָנעל-דעמאָקראַטישע" האָט אייגנטלעכ באַטײַט „מאָנאַרכיסטיש-רעפּובליקאַנישע", ד. ה. ניט דאָס, ניט יענצ; ניט צוויי, ניט אָנדערהאַלבנ; ניט קיינ מאָנאַרכיע, ניט קיינ רעפּובליק. אונ פּראַקטיש האָט עס באַטײַט: „ווי עס וועלנ זיכ א דריי טאָנ די אומשטענדנ. וועלנ זיכ די כוואַליעס פונ דער רעוואָליוציע אופהייבנ נאָכ העכער, וועלנ מיר זײַנ רעפּובליקאַנער. וועלנ זיי אַראָפּפאַלנ — וועלנ מיר זיכ ווידער אומקערנ צו דער מאָנאַרכיע". אפנ יאַנוואַר (1906)-צוזאַמענפאָר פונ די קאַדעטנ, גלײַכ נאָכ דעמ, ווי עס איז צעקלאַפּט געוואָרנ דער אַרבעטער-אופשטאַנד, איז די דאָזיקע ענדערונג פאַרווירקלעכט געוואָרנ מיט גרויס קונציקײַט. די פּראָגראַמ איז דערגאַנצט געוואָרנ מיט דער פראַזע: „רוסלאַנד דאַרפ זײַנ א קאָנסטיטוציאָנעלע אונ פּאַרלאַמענטאַרישע מאָנאַרכיע". אונ קעדיי אָפּצוגרענעצנ זיכ פונ די „סקאַנדאַליזירטע" „פאַרבינדעטע פונ לינקס", איז אפנ יאַנוואַר-צוזאַמענפאָר געזאָגט געוואָרנ וועגנ דער קאַדעטישער טאַקטיק: „די פּאַרטיי קאַדעטנ האַלט, אַז די גאַנצע קראַפט איז אינ דער ברייטער אָרגאַניזירונג פונעמ געזעלשאַפטלעכנ באַוווסטזײַנ מיט אַלע מיטלענ, אַכוץ א באַוואָפנטנ אופשטאַנד".

די נײַע פאַרטיי, וועלכע האָט אײַנגעשלאָסנ אינ זיכ די בורזשואַזע אינטעליגענצ, מיט די פּראָפעסאָרנ אונ אַדוואָקאַטנ בעראָש, אונ די אַמערסטנ ליבעראַלע פּריצימ פונ פּעטרונקעוויטשעס אונ די ברידער פירשטנ דאָלגאָרוקאָווס טיפּ, האָט גלײַכ פונ אירע ערשטע טריט אינ דער גאַנצער ברייט פאַנאַנדערגעוויקלט איר טאַקטיק פונ אָפּנאַרנ די מאַסנ. גלײַכ פונ אָנהייב אָנ איז אינ איר אַלצ, אָנגעהויבנ פונ איר נאָמענ, געווענ פאַלשקײַט. אָבער די מאַסע האָט מענ געגאַרט גראָד דערפאַר, ווײַל אפ איר האָט מענ זיכ אָנגעשפּאַרט, מע האָט זי געהאַלטנ פאַר א קראַפט. ווענ וויטע האָט אינעם פעריאָד פונ דער רעגירונגס-פּאַניק, זוכנדיק אנ אָנשפּאַר-פּונקט, זיכ געווענדט, צווישנ אַנדערע, אויכ צו די בײַגעבוירענע קאַדעטנ אונ אײַנגעלאַדנ זייערע לידערס אַרײַנצוטרעטנ אינ באַשטאַנד פונ דער רעגירונג, האָט מענ אימ אָפיציעל געענטפערט מיט שטאָלצ: „מיר וועלנ אַרײַנטרעטנ נאָר

אינ באשטאנד פונ אזא רעגירונג, וועלכע וועט זיכ מיסכייעוו זײַנ צונויפצורופנ די גרינדונג-פארזאמלונג". ניט-אָפיציעל זײַנענ די קאדעטנ געווענ אָפנהארציק. ווענ העסענ, איינער פונ די קאדעטישע פירער, איז געקומענ צו וויטענ, „קעדיי צו דערוויסנ זיכ, — דערציילט וויטע, — ווי איכ וועל זיכ באציענ צו דער קא-דעטישער פארטיי", — האָט אימ וויטע געזאָגט: „ביכלאל באצי איכ זיכ סימ-פאטיש צו די אָנשויונגענ פונ דער דאָזיקער פארטיי און איכ בינ מאסקימ מיט א סאכ אירע אָנשויונגענ, און איכ בינ דעריבער גרייט צו שטיצנ זי, נאָר בא איינ אומבאדינגטנ טנײַ, אז זי זאָל אָפּשנײַדנ דעמ רעוואָליוציאָנערנ עק, ד. ה. זי זאָל זיכ שארפ און אָפנ שטעלנ קעגנ דער פארטיי פונ רעוואָליוציאָ-נערנ (דעמלט איז נאָכ ניט געווענ קיינ רעכטע רעוואָליוציאָנערנ, עס זײַ-נענ געווענ בלויז לינקע), וועלכע ארבעטנ מיט באָמבעס און בראַונינגס (רעוואָל-ווערנ). דערויף האָט מיר העסענ געענטפערט, אז זיי קאָנענ דאָס ניט טאָנ, און אז מײַנ פאָרשלאָג איז געגליכנ דערצו, ווי זיי וואָלטנ אונדז פאָרגעלייגט אָפּ-צוזאָגנ זיכ פונ אונדזער פיזישער קראפט, ד. ה. פונעמ מיליטער אינ אלע זײַנע מינימ".

אזוי אַרום האָבנ די קאדעטנ ביז דעקאבער 1905 יאָר גע-שפּילט, אויב מע זאָל באַנוצנ די בירזשע-טערמינעס, אפנ אופשטײַג פונ דער רעוואָליוציע. זיי האָבנ פאָרויסגעזעענ די מעגלעכקײַט פונ אזא זאכ-לאגע, וועלכע האָט זיכ געשאפנ פיל שפּעטער, אינ פעברואל 1917 יאָר, ווענ די זיגערישע פאָלק-מאסע האָט, אונטער דער ווירקונג פונ דער קליינ-„דעמאָקראטי-שער" אינטעליגענצ, איבערגעגעבנ די מאכט לוואָווס קאדעטישנ מיניסטעריומ. עס איז קיינ ספּעק ניט, אז אויכ אינ דעקאבער 1905 יאָר, אויב דאָס פאָלק וואָלט געזיגט, וואָלטנ די מענשעוויקעס און עסערנ זיכ באמיט, אז צו דער מאכט זאָלנ גערופנ ווערנ די „געבילדעטע" און „דערפארענע" קאדעטישע פירער. אינ קלא-מערנ געזאָגט, — באווײַזט עס, אז אינעמ באוואָפנטנ אופשטאנד האָבנ ביז דעקא-בער געגלייבט ניט בלויז די „אומפארשטאנדיקע" באָלשעוויקעס, נאָר אויכ די „פארשטאנדיקע" בורזשואַ, נאָר זיי האָבנ, פארשטייט זיכ, בעסער געוואָלט, אז אפ די באריקאדעס זאָל זיכ שלאָגנ עמעצער אנ אנדערער, און ניט זיי... אָבער ווי די מײַסע זאָל ניט זײַנ, איז אינ דער קאדעטישער שפּיל אפ אנ אופשטײַג געווענ א געוויסע ריכטיקע אויסרעכענונג. און ווענ די „שטימונג" האָט זיכ גע-ענדערט, האָבנ די קאדעטנ מיט דער זעלביקער גרינגקײַט געקאָנט שפּילנ אויכ אפּ דער יערידע, ווי מיר וועלנ עס באלד זענ.

אָבער איידער מיר וועלנ אריבערגײַנ צומ דאָזיקנ מאָמענט, דארפנ מיר א קוק טאָנ אפ די צוקינפטיקע אָקטיאבריסטנ. די האָבנ, פארשטייט זיכ, בענגייע צו דער רעוואָליוציע געהאלטנ אנדערע רעדעס און, מע דארפ זאָגנ, רעדעס א סאכ מער אופריכטיקע, איידער די קאדעטנ. דער צוקינפטיקער לידער פונ די אָקטיאב-ריסטנ, א. גוטשקאָוו, האָט געזאָגט אפנ צוזאמענפאָר פונ די זעמסטוועס און שטעט אינ נאָיאבער 1905 יאָר: „קיינ איינ לאנד קאָנ זיכ אינ אויסשליסלעכע מאָ-מענטנ ניט באגיינ אָנ קריג-צושטאנד. די פאָרשטייער פונ פוילנ זאָגנ, אז דאָס אײַנפירנ קריג-צושטאנד בא זיי איז מיט קיינ זאכ ניט ארויסגערופנ געוואָרנ. דאָס איז אָבער ניט אזוי, איכ ווייס: אינ פוילנ איז א באוואָפנטער אופשטאנד. ווײַטער, וואָס מיינט מענ אינ דער רעזאָליוציע מיט די ווערטער וועגנ באשיצנ פונ גוואלדטאטנ? גוואלדטאטנ האָבנ זיכ דאָכ אָנגעהויבנ מיצאד די רעוואָליו-

ציאָנערנ אויב מע רעדט וועגנ באשיצנ, דארפ מענ באשיצנ פונ ביידע צדאָדימ. אונ דאָ לייגט מענ פאַר איינ צאַד באשטראָפנ, דעמ צווייטנ אמניסטירנ... מיר וועלנ, פאַרשטייט זיכ, ניט אויסשטרעקנ די האַנט די עקסטע פאַרטייענ". דער פירשט יע. טרובעצקוי, וועלכער איז געווענ זייער נאָענט צו די אָקטיאַבריסטנ, האגאמ ער האָט פאָרמעל ניט אָנגעהערט צומ „פאַרבאַנד פונ 17-טנ אָקטיאַבער" (וועלכער האָט שפּעטער געגרינדעט די פּאַרטיי פונ „פרידלעכער באַנייונג", פּונקט אזא לעבנלאָזע, ווי די גרופּע „אָנ א נאָמענ"), האָט דעמלט טאקע געשריבנ אינ „רוסקיע וועדאָמאָסטי": „פאַר דער רוסישער געזעלשאַפט שטעלט זיכ איצט אזא אַלטערנאַטיוו: אָדער גייג מיט יענעמ גוואַלדטאַטנ-וועג, וואָס זיינ אומפאַרמיידלעכער לאָגישער סאָפ איז אנאַרכיע, ד. ה. אַלגעמיינע פאַרניכטונג, אָדער פּרוונ זיכ אָפּ א פרידלעכנ אויפנ איבערבויענ, פאַרבעסערנ אונ דורכ דעמ גופע פאַרפעסטיקנ די איצטיקע שוואַכע, ניט-אויסגעהאַלטענע אונ אָפּ אָזויפיל, פאַרשטייט זיכ, שלעכטע רעגירונג. קיינ מיטעלער וועג קאָנ ניט זיינ. זעצנ זיכ צווישנ צוויי שטולנ איז איצט געפערלעכער פונ אַלצ, ווייל גראָד צווישנ צוויי שטולנ געפינט זיכ דער טהאָמ, וועלכער דראָט איינצושלינגענ אפּריער דעמ רוסישנ ליבעראַליזמ, אונ דערנאָכ די גאַנצע רוסישע אינטעליגענצ אונ קולטור... פאַרנעמענדיק אזא לאַגע בענעגייע צו דער רעגירונג, פירנ מיר, פאַרשטייט זיכ, דערמיט גופע דורכ א שאַרפע גרענעצ-ליניע צווישנ אונדז אונ די עקסטרעמע פאַרטייענ. עס איז אָבער צייט סאָפּקאַלסאָפּ צו אנערקענענ, אַז אָפּ וויפל מיר זיינענ ניט מאַקסימאַלע אונדזער פּרינציפּ, איז די דאָזיקע גרענעצ-ליניע אומפאַרמיידלעכ".

עס איז גאַנצ נאַטירלעכ, אַז אויב די קאַדעטנ האָבנ, מיטנ ציל אָפּצונאַרנ די מאַסנ, זיכ באַמיט וואָס בוילעטער דורכצופירנ א גרענעצ צווישנ זיכ אונ די „רעכטע" אונ צו פאַרטושנ דעמ גרענעצ צווישנ זיי מיט די „לינקע", האָבנ די אָקטיאַבריסטנ, אַלס ריינע פאַרשטייער פונעמ גרויס-קאַפּיטאַל אונ פונעמ גרויסנ אָבער ניט אָפּגעשטאַנענעמ ערדבאַזיצ, — זיכ בוילעט אָפּגעגרענעצט דאַפּקע פונ לינקס. די קאַדעטנ האָבנ אנערקענט פאַר געוווּנטשנ איינצופירנ א 8-שאָיקנ ארבעטסטאָג „דאָרט, ווו דאָס איז מעגלעכ" (פּונקט ווי אַוועלכע ניט איז סאָציאַליסטישע פאַרטיי האָט געפאָדערט, אַז דער דאָזיקער טאָג זאָל גלייכ איינגעפירט ווערנ קעסיידער אונ אומעטומ!),—די אָקטיאַבריסטנ האָבנ וועגנ דעמ קיינ איינ וואָרט ניט געזאָגט. די קאַדעטנ פלעגנ דערקלערנ, אַז זיי זיינענ פאַר אָפּנעמענ מיט צוואַנג די פּריצישע ערד לעטוויועס די פּויערימ „לויט א גערעכטער אָפּשאַצונג" (שפּעטער, נאָכ דעקאַבער, האָבנ זיי דערקלערט, אַז א „גערעכטע" אָפּשאַצונג הייסט אזא, וועלכע רעכנט זיכ מיט די קינסטלעכ אויפגעבלאָזענע ארענדע-פּרייז, אָבער דאָס, וואָס די ערד קאָסט אינ דער ווירקלעכקייט, דאָס צאָל, הייסט עס, א רובל פאַר א רובל), — די אָקטיאַבריסטנ ווידער פלעגנ בלויז „אינ פאַלנ פונ מעלוכישער וויכטיקייט" אנערקענענ „פאַר דערלאָזבאַר אָפּצונעמענ מיט צוואַנג א טייל פּריוואַט-אייגנטימערישע ערד אָפּ גערעכטע באַדינגונגענ פונ באַלוינונג". אינ איינעמ א דאָקומענט, וועלכנ עס האָט אונטערגעשריבנ אייגער פונ די גרינדער פונעמ „פאַרבאַנד", דער פאַבריקאַנט קרעסטאָווניקאָוו, ווערט דערקלערט די גאַנצע געפאַר פונ „אָפּנעמענ מיט צוואַנג". „אינ זייערע פּראָגראַמעס ריידנ זיי (די סאָציאַל-דעמאָקראַטנ אונ די סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערנ), — ווערט געזאָגט אינעמ דאָזיקנ דאָקומענט, — דערווייל דאָסראָוו נאָר וועגנ נאַציאָנאַליזירנ (אָפּנעמענ פאַר דער מעלוכע) די פּריצישע ערד, די קרוינ-ערד, אָבער דאָס איז בלויז אנ

אָנהייב, אונ דערנאָכ וועלנ זיי פאָדערנ, מע זאָל בא אלעמענ אָפנעמענ פאר דער מעלוכע אויכ יעדער אנדערנ פארמעגנ. דעריבער קאָנענ מיר זיכ ניט צונויפגיינ מיט די אלע, וואָס ריידנ וועגנ געבנ די פויערימ ערד אומזיסט, וועגנ אָפנעמענ די ערד בא די פריצימ".

אזויארומ דארפ מענ דאָס „הייליקע אייגנטומ" אָנרירנ ווי ווײַט מעגלעכ פאָרזיכטיקער, אונ קעגנ אלע די, ווער עס פארמעסט זיכ אפ דעמ, דארפ מענ פירנ אנ אומבעשאָלעמדיקנ קאמפ. מיר האָבנ שוינ געזענ, וויאזוי גוטשקאָוו פלעגט באטראכטנ די רעגירונג-רעפרעסיעס, דעמ קריג-צושטאנד אד״ג. נאָכ פאר דעקאבער. דער ערשטער צוזאמענפאָר פונעמ „פארבאנד פונ 17-טנ אָקטיאבער", וועלכער האָט זיכ צונויפגעקליבנ אינ פעווראל, האָט שיר ניט אָפגעוואָרפנ די רעזאָליוציע, אינ וועלכער דער צענטראל-קאָמיטעט פונעמ „פארבאנד" האָט, צופאסנדיק זיכ צו די שטימונגענ פונ דער קלייניבירגערלעכער שטאָטישער מאסע, פאר וועלכער ער האָט געזאָלט איינגיכ ארויסטרעטנ אלס קאנדידאט בא די דומע-וואלנ, פארגעלייגט צו זאָגנ: „דאָס אײַנפירנ קריג-צושטאנד קאָנ ארויסגערופנ ווערנ נאָר דורכ א באוואָפנטנ אופשטאנד אָדער דורכנ גרייטנ זיכ צו אימ אונ דארפ אָפגעשאפט ווערנ, ווי נאָר עס וועט פארבײַגיינ די עקסטע נייטיקײַט אינ אימ. מע דארפ ניט מיסברויכנ מיטנ דאָזיקנ אכזאָרישנ רעכט, אונ נאָכ ווייניקער מיסברויכנ מיטנ אָנווענדנ עס דאָרט, וו‍ו עס איז אײַנגעפירט געוואָרנ אויס נויטווענדיקײַט. יעדנפאלס דארפ דאָס אָנווענדנ טויטשטראָפ אָנ א געריכט-אורטייל אינ וועלכע עס זאָל ניט זײַנ פאלנ גלײַכ אָפגעשטעלט ווערנ". פאר דער רעזאָליוציע איז געווענ 142 שטימענ, אונ קעגנ — 140. איינ דעלעגאט האָט אויסגערופנ: „האָט דאכמאָנעס, מיר האָבנ ערשט נאָרוואָס אָנגעהויבנ ריידנ, האָט מענ גלײַכ אײַנגעפירט קריג-צושטאנד!"

בא אזא שטימונג קומט אויס צו וווּנדערנ זיכ, פארוואָס זשע האָבנ זיכ די אָקטיאבריסטנ ניט אָפגערופנ אפ וויטעס רופ נאָכ אָקטיאבער, ווענ ער האָט אויכ זיי, פונקט ווי די קאדעטנ, אײַנגעלאדנ ארײַנצוטרעטנ אינ זײַנ קאבינעט. אפ דער דאָזיקער פראגע איז קעדײַ זיכ אָפצושטעלנ אפ א ווײַלע דערפאר, ווײַל אפ איר קאָנענ מיר גוט זענ, אפ וויפל די אָקטיאבריסטנ זײַנענ געווענ קליגער פונ וויטעס רעגירונג, אונ אפ וויפל זיי זײַנענ געווענ באוווּסטזיניקער אינ קלאסנ-הינזיכט. צווישנ די אָקטיאבריסטנ אונ וויטענ האָט, פארשטייט זיכ, ניט געקאָנט זײַנ קיינ שטרייטנ וועגנ א „גרינדונג-פארזאמלונג" — דער בורזשואזער צעגמער האָט זיכ ניט גענייטיקט אינ דער דאָזיקער פראזע, ניט אפ פראזעס האָט ער געבויט זײַנ פאָליטיק, ווי די קאדעטנ, עס איז אויכ ניט געווענ קיינ מיינונג-פארשיידנהײַט, ווי מיר האָבנ געזענ, דערינ, אז די רעוואָליוציאָנערנ דארפ מענ גוט צוקוועטשנ. פונדעסטוועגנ זײַנענ פאָרט געווענ צוויי זייער ערנסטע פונקטנ, אינ וועלכע זיי זײַנענ זיכ פאנאנדערגעגאנגענ. ערשטנס, האָט מענ נאָכ אָקטיאבער שוינ ניט געקאָנט אָפזאָגנ אינ שטימרעכט בא די וואלנ די ארבעטער, ווי דאָס האָט געטאָנ די „בוליגינישע" קאָנסטיטוציע. מיר האָבנ געזענ, אז דער מאניפעסט גופע פונ 17-טנ אָקטיאבער איז אינ א געוויסער מאָס געווענ א פרווו צוצוגיינ טאקע צו דער ארבעטער-מאסע. וועגנ דעמ האָבנ זיכ וויטע אונ די אָקטיאבריסטנ ניט געאמפערט. אָבער אינ דער צײַט, ווענ וויטע האָט מער פונ אלצ מוירע געהאט, אז אינ דער דומע זאָלנ האָבנ איבערהאנט די „עקסטרעמע" פארטייענ, וועלכע זײַנענ געווענ שטארק צווישנ דעמ פראָלעטאריאט, אונ ער האָט דעריבער געזענ, מע זאָל געבנ די ארבעטער וואָס ווייניקער ערטער אינ דער דומע

און האָט זיי דערצו פאַרשאַפט אינ א באַזונדערער, זייער א קלייניצאַליקער „קאָריע", דערפאַר אָבער א קוריע מיט א ריינעמ קלאַסנ-באַשטאַנד, ווו עס האָבנ געשטימט אַלע פוליאַריקע ארבעטער,—פלעגנ די לידערס פונ די אָקטיאַבריסטנ אַפ די באַראַטונגענ וועגנ דעמ נייעמ וואַל-געזעצ (וועלכער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרנ שפעטער, אינעמ ברענ פונעמ דעקאַבער-אופשטאַנד, דעמ 11-טנ דעקאַבער) פאָדערנ פאַשעט אַלגעמיינע וואַלרעכט, אָבער בלויז פאַר בירגער, וועלכע האָבנ דערגרייכט צומ עלטער פונ 25 יאָר (ווי אינ פרייסנ). דערטרינקענ די פראָלעטאַרישע מינדערהייט אינ דער פויערשער און קליינבירגערלעכער מאַסע, האָט זיך זיי אויסגעדוכט, איז א פיל מער „זיכער" מיטל, איידער די פראָלעטאַרישע קוריע. „איצט זיינענ צוגעשטעלט געוואָרנ צוויי פראָיעקטנ, — האָט געזאָגט גוטשקאָוו אַפ דער באַראַטונג אינ צאַרסקאָיע סעלאָ אונטער ניקאָלייס פאָרזיצ. — דער ערשטער איז באַגרינדעט אַפנ צענז-פרינציפ, נאָר אינ דער זעלביקער צייט ווערנ צוגעצויגנ צומ באַטייליקנ זיך אינ די וואַלנ די ארבעטער, פונ זיי אָבער דעריקער די, וועלכע זיינענ פאַר דער לעצטער צייט געווענ אַמערסטנ אומרויִק; די מאַסע אָבער פונעמ אַזויגערופענעמ שטאָטישנ האַמוינ—די הויז-וועכטער, די נאַכט-וועכטער, באַלעגאָלעס, האַנטווערקער אאַוו. ווערנ באַזייטיקט. די ארבעטער באַקומענ א באַזונדערע פאָרשטייערשאַפט אינ געשטאַלט פונ 14 דעפוטאַטנ, וועלכע וועלנ האַלטנ אינ זייערע הענט די פעדעמ פונ דער ארבעטער-באַוועגונג און וועלנ פאָרשטעלנ מיט זיך א לעגאַליזירטנ שטרייק-קאָמיטעט. מע דאַרפ קיינ מוירע ניט האָבנ פאַר די פאָלקמאַסנ; דורכ צוציִענ זיי צומ באַטייליקנ זיך אינעמ פאָליטישנ לעבנ פונעמ לאַנד וועט דערגרייכט ווערנ די אַמערסטנ פעסטע באַרויִקונג. שענקענ אַלגעמיינע וואַלרעכט איז אומפאַרמיידלעכ, און אויב מע זאָל עס ניט געבנ איצט, וועט עס אינ דער נאָענטסטער צוקונפט פאָרט ארויסגעריסנ ווערנ. פראָקלאַמירנ אָבער דעמ דאָזיקנ פרינציפ איצט וועט זיינ אַנ אַקט פונ צוטרוי, גערעכטיקייט און גנאָד".

דער דאָזיקער מאָטיוו, — אַז בא אַלגעמיינעמ וואַלרעכט וועט זיך איינגעבנ צו דערטרינקענ דעמ באַוווּסטזיניקנ טייל פונעמ פראָלעטאַריאַט („די, וועלכע זיינענ פאַר דער לעצטער צייט געווענ אַמערסטנ אומרויִק") אינ דער מאַסע פונ „הויז-וועכטער, נאַכט-וועכטער און באַלעגאָלעס", — האָט אויסגעזעענ אַזוי איבערצייגנדיק, אַז צו גוטשקאָוו און שיפאָוו האָט זיך פאַראייניקט איינער פונ די פאָרשטייער פונעמ גרעסטנ ערדבאַזיצ — גלייכצייטיק א גרויסער צוקער-פאַבריקאַנט — דער גראַפ באָברינסקי: „נאָכ גאָר ניט לאַנג, ווענ איך בינ געפאָרנ אַהער, און אויך אינ מינימ-סטאָרנ-ראַט בינ איך געווענ פאַר וואַלנ בא א קלאַסנ-גרופירונג פונ די וויילער,— האָט געזאָגט באָברינסקי,— איצט אָבער, אַז איך האָב אויסגעהערט די נאַרוואָס געהאַלטענע רעדעס און די אַרגומענטנ, וועלכע זיינענ אינ זיי געבראַכט געוואָרנ, זאָג איך זיך אָפ פונ מיינ פריִערדיקער מיינונג און זאָג זיך ארויס פאַר אַלגעמיינעמ וואַלרעכט".

אָט אַזוי האָט די בורזשואַזיע שוינ אינ 1905 יאָר אויסגעצייכנט פאַרשטאַנענ, וואָס פאַר א נוצלעכע קונצשטיק עס קאָנ פאַר איר זיינ דאָס באַרימטע „אַלגעמיינע וואַלרעכט". די באַאַמטע אָבער, פונ וועלכע עס איז באַשטאַנענ די מערהייט פונ דער באַראַטונג, זיינענ געווענ אָפגעשטאַנענע מענטשנ. נאָכ פונ די אַלטע צייטנ, נאָכ פונ פלעווס צייטנ, האָבנ זיי מער פונ אַלצ מוירע געהאַט, אַז אינ דומע זאָל גאָר כאָטש באַלעבאָליע ניט אריינפאַלנ אינ א גרויסער צאָל דער פאַרשאָלטענער „דריטער עלעמענט" און זיי האָבנ זיך געיילט צו פאַרשפאַרנ די ארבעטער

און פויערים אינ א שטאנדנ-קעסטל. פונ די פויערים זאָל זײַנ א פויער, פונ די ארבעטער — אנ ארבעטער, און גאָר. דעמ דאָזיקנ שטאנדפונקט האָט מיט א באזונדער היצ פארטיידיקט דער אינערנ-מיניסטער דורנאָוואָ, וואָס מיט זײַנ רעדע האָט זיכ פארענגדיקט דער דאָזיקער טייל פונ דער באראטונג אינ צארסקאָיע סעלאָ.

דורנאָוואָ איז טאקע געווענ די סיבע דערפונ, וואָס די אָקטיאבריסטנ (אָדער ווי מע האָט זיי דעמלט מיט גאדלעס גערופנ, די „געזעלשאפטלעכע טוער”) האָבנ זיכ אָפּגעזאָגט ארײַנצוגייענ אינ וויטעס קאבינעט, וויטע האָט זיי פאָרגעלייגט וועלכע פאָרטפעלנ זיי ווילנ, אָבער דער פאָרטפעל פונעמ אינערנ-מיניסטער איז געווענ פארפאנצערט פאר דורנאָוואָנ. און די אָקטיאבריסטנ האָבנ דאָ טאקע באוויזנ, אז זיי זײַנענ ניט קיינ נאראָנימ; זיי האָבנ אויסגעצייכנט פארשטאנענ, אז אינעמ מאָמענט פונ קאמפ קעגנ דער רעוואָליוציע איז דער אינערנ-מיניסטער, דער הויפּט-שעפ פונ דער פּאָליציי — אלצ. און ווירקלעכ, דורנאָוואָ האָט זיכ אינ דער פראקטיק ארויסגעוויזנ שטארקער פאר וויטענ גופע. און פאָרשטעלנ מיט זיכ א „געזעלשאפטלעכע” דעקאָראציע בא דורנאָוואָנ האָט פאר די אָקטיאבריסטנ בעשומויפנ ניט געלוינט.

דער פּראָלעטאריאט האָט אָבער ניט מיטאמאָל באשלאָסנ אויסנוצנ דאָס רעכט, וואָס עס האָט אימ געגעבנ דער באפעל פונ 11-טנ דעקאבער 1905 יאָר. זייענדיק פעסט זיכער דערינ, אז די אָקטיאבער — דעקאבערישע רעוואָליוציאָנערע בוואליע איז אבסאָליוט ניט די לעצטע, אז עס שטייט נאָכ פאָר א נײַער אויפשטײַג פונ דער רעוואָליוציע אינ צוזאמענהאנג מיטנ אופשטאנד אינ דאָרפ, האָט די פּראָלעטארישע אָנפירונג באשלאָסנ, אז עס איז קיינ שומ נויט ניט פאראנ צו האלטנ זיכ בענגייע וויטעס דומע בא אנ אנדער טאקטיק, איידער די, וואָס איז באשלאָסנ געוואָרנ בענגייע בוליגינס דומע. די באָלשעוויקעס האָבנ דערקלערט אנ אבסאָליוטנ בויקאָט די וואלנ. אינ זיי האָבנ זיכ באטייליקט בלויז די אָפּגעשטאנענסטע שיכטנ פונעמ פּראָלעטאריאט און ווער־ניט־ווער פונ די מענשעוויקעס — ניט אָפיציעל, אָפיציעל האָבנ אויכ די מענשעוויקעס זיכ ניט אנטשלאָסנ אײַנצוברעכנ די טאקטיק פונעמ בויקאָט, ביז עס האָט זי ניט אָפּגעשאפט דער שטאָקהאָלמער „פארייניקונג”-צוזאמענפאָר פונ דער פארטיי (ער האָט געזאָלט פארייניקנ די פראקציעס פונ דער „מערהײַט” און פונ דער „מינדערהײַט”). דאָס איז שוינ געווענ צומ סאמע סאָפ פונ דער וואל-פּראָצעדור — דער גרעסטער טייל וואלנ איז דורכגעגאנגענ אינ מארט. דער רעזולטאט איז געווענ אזא, אז די לינקסטע פארטיי בא די וואלנ זײַנענ געווענ די קאדעטנ.

די קאדעטנ, וועלכע האָבנ אינ נאָיאבער ספעקולירט אפנ באוואָפנטנ אויפשטאנד, אפ באָמבעס און בראונינגס, האָבנ איצט אויסגעצייכנט א „ספּעקולירגעטאָנ” דערופ, וואָס דער דאָזיקער אופשטאנד איז צעקלאפּט געוואָרנ. נאָכ דעמ ווי זיי האָבנ געשפּילט אפ אנ אופשטײַנ ניט געלונגענ, זײַנענ זיי ניט ארויפגעפאלנ בא זיכ און האָבנ איצט געשפּילט אפ א יערידע. פאר זיי האָט ביז גאָר געלוינט די שטימונג פונ דער שטאָטישער קליינבירגערלעכער מאסע, וועלכע האָט געבילדעט אינ די שטעט די איבערוועגנדיקע מערהײַט ווײַלער (לויט וויטעס געזעצנ, האָבנ געהאט שטימרעכט אלע „לאָקאטאָרנ”, — מענטשנ, וואָס דינגענ זעלבשטענדיקע דירעס, — פונ ארבעטער, הייסט עס, א נישטיקע מינדערהײַט, וועלכע האָט געוווינט ניט אינ קעמערלעכ, נאָר פארגוי

מענ זעלבשטענדיקע דירעס). די שטאָטישע קליינבורזשואזיע איז אָבער גלײַכצײַטיק געווענ פארביטערט סײַ קעגנ דער רעגירונג פאר אירע רעפרעסיעס, — אינ מאָסקווע, ווו דאָס באלעבעסל האָט אזוי שטארק געליטנ פונ די דובאסאָווישע הארמאטנ, איז דער צאָרנ געווענ באזונדערס גרויס, — סײַ קעגנ די לינקע פארטייענ, וועלכע האָבנ מיט זייער „אומבאטראכטקײַט" ארויסגערופנ די דאָזיקע רעפרעסיעס. סאָציאליסטנ — אָבער „פארשטאנדיקע", רעפובליקאנער — אָבער „מעסיקע", דאָס איז פונקט געווענ דאָס געשמאקע ווערטל, אופ וועלכנ עס האָט זיכ איצט געלאָזט כאפנ דאָס קליינבירגערלעכע פישל. די קאדעטנ האָבנ זיכ ארויסגעוויזנ פאר אויסגעצייכנטע פישפאנגער. זיי האָבנ מוטיק צוגעזאָגט אלצ אינ דער וועלט — זיי האָבנ צוגעזאָגט „אראָפצודרייענ דעמ קאָפ דער שלאנג", ד. ה. דער זעלבסטהערשונג, דורכ די וואל-ביולעטענענ. דער צענטראל-אָרגאנ פונ דער קאדעטישער פארטיי, „רעטש", האָט געשריבנ: „ווי נאָר מיר וועלנ ארײַנקומענ אינ דער דומע, וועלנ מיר זיכ נעמענ פאר אונדזער אופגאבע אונ וועלנ אָנהייבנ פונ אָפליקענענ די דומע גופע". אופנ דריטנ צוזאמענפאָר פונ די קאדעטנ, אינ אפרעל, איז אָנגענומענ געוואָרנ א רעזאָליוציע, אינ וועלכער עס איז געזאָגט געוואָרנ, אז „די פארטיי וועט זיכ ניט אָפשטעלנ אפילו פאר דער מעגלעכקײַט פונ אנ אָפענעמ אײַנרײַס מיט דער רעגירונג". מיט איינ וואָרט, דאָס באלעבעסל האָט געמעגט זײַנ צופרידנ: די קאדעטנ וועלנ זיכ שוינ אָפרעכענענ מיט דובאסאָוונ פאר זײַנע צעשיסונגענ. אונ דאָס, וואָס זיי זײַנענ קעגנ א באוואָפנטנ אופשטאנד, דאָס באווײַזט בלויז, אז זיי זײַנענ קלוגע מענטשנ: דער קליינבורזשוא האָט איצט אָנ שומ אופ די ליפנ ניט געקאָנט ריידנ וועגנ א באוואָפנטנ אופשטאנד.

אונ דער קליינבירגער האָט באלוינט די קאדעטנ מער אפילו, ווי זיי האָבנ אליינ געהאָפט. אינ די שטעט זײַנענ דורכגעגאנגענ קימאט אויסשליסלעכ קאדעטנ, אונ אפילו די פויערימ האָבנ געשיקט, ווי מיר האָבנ געזענ, 24 קאדעטישע רעפוטאטנ.* סאכאקל האָבנ די קאדעטנ באקומענ 179 ערטער (אונ מיט די זייער נאָענטע צו זיי פראָגרעסיסטנ אונ דער פארטיי פונ דעמאָקראטישע רעפאָרמעס — 197). אָבער אזוי ווי אינ דער דומע איז געווענ 478 דעפוטאטנ, האָבנ זיי פונדעסטוועגנ ניט געהאט קיינ אבסאָליוטע מערהײַט.

אָט אינ דעמ איז באשטאנענ די הויפט-שוועריקײַט פונ דער לאגע. וואָלטנ די קאדעטנ געווענ אינ דער דומע א מערהײַט — וואָלטנ זיי גיכ אָפגענארט זייער ווײַלער אונ וואָלטנ אָנגעהויבנ דורכקומענ מיט דער רעגירונג; וואָלטנ זיי געווענ א גישטיקע מינדערהײַט, וואָלטנ זיי ווײַטער „דרייסט" איבערגעכאזערט די הויכקלינגענדיקע פראזעס, מיט וועלכע זיי האָבנ בא די וואלנ באצויבערט דעמ קליינבירגער, אונ אויב די פראזעס גיבנ ניט קיינ שומ רעאלע רעזולטאטנ, איז דאָכ עס, הייסט עס, נאטירלעכ: מיר זײַנענ דאָכ אינ אזא קליינער צאָל. די קאדעטנ זײַנענ אָבער ניט געווענ ניט קיינ איבערוועגנדיקע מערהײַט, ניט קיינ גישטיקע מינדערהײַט; זיי זײַנענ געווענ די אָנפירנדיקע פארטיי אינ דער דומע; זיי איז אויסגעקומענ צו בילדנ א מערהײַט, צו שאפנ א מערהײַט פונ זייער א פארשיידנפארביקנ מאטעריאל, וואָס זײַנ אומבאקוועמסטער טייל איז געווענ דער קאָלאָסאלער לינקער פליגל, אינ געשטאלט פונ די ט ר ו ד אָ ו ו י ק ע ס (מיטגלידער פונ

* די לינקע גוטבאזיצערס האָבנ געגעבנ 29 קאדעטנ — א העלפט פונ אלע גרויסע ערד-אייגנטימער, וואָס זײַנענ אויסגעקליבנ געוואָרנ אינ דער דומע.

דער „ארבעט-גרופע" — 94 מאנ), וועלכע זיינענ אופגעקומענ אומגעריכט ניט בלויז פאר די קאדעטנ. די ט־ודאָוויקעס זיינענ געווענ, ווי מיר האָבנ געזענ, זייער נאיוו אונ ווייניק באוווּסטזיניק פּאָליטיש, אָבער — דער הויפּט־אומגליק פאר די קאדעטנ — זיי זיינענ געווענ אופריכטיק. זיי האָבנ בעעמעס געגלייבט, אז דורכ דער דומע קאָנ מענ „פויעלנ" רעכט אפ ערד. די קאדעטנ האָבנ אויכ צוגעזאָגט „פויעלנ", בא זיכ אָבער האָבנ זיי אויסגעצייכנט געוווּסט, אז דאָס איז אנ אומעגלעכע זאכ, אונ זיי זיינענ פולקומ גרייט געווענ צו פאנאנדערצאָלנ זיכ מיט זייערע ווילער „צו א גריוונע פאר א רובל", ווי עס האָט זיכ ציניש מוידע געווענ אייגער זייערער א גוטער פריינט (מיר וועלנ עס באלד זענ). די טרודאָוויקעס האָבנ אָבער קיינ שום באגריפ ניט געהאט וועגנ „איבערדרייענ דעמ פעלצ". „פירנ" נאָכ זיכ אזא מינ אוילעמ איז געווענ אומגעהייער שווער.

די לאגע איז געווענ נאָכ שווערער דערמיט, וואָס די אטמאָספער אויסער דער דומע איז אָנגעגליט געוואָרנ מיט אזא גיכקייט, אפ וועלכער קיינער האָט זיכ ווידעראמאָל ניט געריכט. מיר האָבנ געזענ, ווי עס איז געפאלנ די צאָל שטרייקנ אונ שטרייקער פונ אָנהייב צום סאָפ 1906 יאָר. נאָר דעמלט האָב איכ בעקיוונ געהאט דורכגעלאָזט דאָס צווייטע פערטל פונעמ יאָר, וואָס נעמט ארומ די כאדאָשימ, ווענ עס איז אויסגעקליבנ געוואָרנ, עס האָט זיכ פארזאמלט אונ האָט אָנגעהויבנ איר ארבעט די ערשטע דומע.* אינ דער צייט, ווענ פארנ ערשטנ פערטל פונ 1906 יאָר האָבנ מיר בלויז 73 טויזנט שטרייקער, האָבנ מיר פארנ צווייטנ מער ווי אינ דריי מאָל אזוי פיל, 222 טויזנט און כימאט צוויי דריטל פונ זיי (144) האָבנ זיכ געענדיקט אָדער מיט א זיג פונ די ארבעטער, אָדער מיט א „קאָמפּראָמיס" ד. ה. יעדנפאלס מיט האנאָכעס פונ די באלעבאטימ. די צאָל שטרייקנ לויט די כאדאָשימ איז געוואָקסנ אזוי: אינ פעווראל — 17, אינ מארט — 92, אינ אפּרעל 1026, אינ מיי — 449, אינ יונ — 86. די כוואליע איז, ווי מיר זענ, געווענ א קורצע, זי איז אָבער כאראקטעריסטיש, ווי אנ איבעריקער מוסטער פונ די איליוזיעס, וועלכע האָבנ נאָכ אפילע אינ 1906 יאָר עקזיסטירט אינ די ברייטע קרייזנ פונעמ פּראָלעטאריאט. פונ דער דומע האָבנ אויכ די ארבעטער עפּעס וואָס דערווארט, יעדנפאלס האָט זיכ זיי אויסגעדוכט דאָס צונויפרופנ זי אלס עטוואָס באדייטנדיקס. אינדערעמעסנ אָבער איז די דומע צונויפגערופנ געוואָרנ פּאָשעט קעדיי אויסצופילנ דעמ אויסגלייכ מיט דער פאריזשער בירזשע, וועלכע האָט נאָר וואָס געגעבנ עגדלעכ ניקאָלייענ געלט אפ „קומענ צו זיכ". די פאריזשער בירזשע האָט ניט געשטעלט קיינ באדינג, אז די האלוואָע זאָל געמאכט ווערנ מיטנ העסקעמ פונ דער דומע—נאָכ דער דעקאבער-צעשיסונג האָט מענ דעמ פערזענלעכנ קרעדיט פונ די „ראָמאנאָווס" געקענט האלטנ פאר צוריק אופגעשטעלט. אָבער פאר די קליינבירגערלעכע אבאָנענטנ אפ דער נייער האלוואָע האָבנ זיכ די פראנצויזנ דאָכ גענייטיקט אינ א פייגנבלעטל: מיר גיבנ, קלוימערשט, א האלוואָע ניט דער זעלבסטהערשונג, נאָר דעמ „קאָנסטיטוציאָנעלנ" רוסלאנד. פּואנקארע, דער דעמאלטיקער פראנצויזישער פינאנצ־מיניסטער, האָט טאקע געגעבנ די אייצע ניט אוועקצוראמענ צו זיכ אינ שפּייכלער די נוצלעכע דעקאָ־ראציע אונ פּאָרט שטעלנ אפ דער סצענע די צוגעזאָגטע פּיעסע — „דאָס צונויפרופנ די פאָלק־פאָרשטייער". אזוי

---

* די זיצונגענ האָבנ זיכ געעפנט דעמ 27־טנ אפּרעל (לויטנ אלטנ סטיל).

ווי אזא זאַך איז אויך געווענ דער ווונטש פונ די רוסישע קאפּיטאליסטישע קרײַזנ (וועלכע זײַנענ קימאט ניט ארײַנגעפאלנ אינ דער ערשטער דומע: די אָקטיאבריסטנ האָבנ בא די ערשטע וואלנ געכאפּט א שווערע מאַפּאָלע), האָט מענ אינ צארסקאָיע סעלאָ באשלאָסנ צונויפרופנ די דומע. קײנ שום געפאר, האָט מענ געטראכט, קאָנ דאָ ניט זײַנ, — דאָס געלט איז דאָך שוינ געווענ אינ קעשענע. נאָר עס איז פריער באשלאָסנ געוואָרנ — אויב די דומע וועט זיך דערוועגנ אויפצוהייבנ די אגראר-פראגע, זאָל מענ זי גלײַך צעטרײַבנ. פּואנקארע האָט ניט געקאָנט האָבנ קײנ פּרעטענזיעס: ער האָט דאָך ניט געפאָדערט, מע זאָל דער דומע ווירקלעכ געבנ רעכט, נאָר מער ניט, מע זאָל זי צונויפרופנ...

די דאָזיקע גאנצע הינטערקוליסנ-געשיכטע פונ דער ערשטער דומע איז באַוווּסט געוואָרנ ערשט איצט — דעמלט אָבער, באַזוערנ מיר איבער, האָבנ אפילע אײַניקע ארבעטער זיך ערנסט באַצויגנ צו דער דומע, האָבנ אײַנגעזענ אינ איר עפּעס א מינ „עטאַפּ" אינ דער רעוואָליוציע. די נאַיווע צוטרויעלעכקײַט פונ די קלײנבירגערלעכע מאסנ האָבנ מיר שוינ געזענ. געזענ האָבנ מיר אויך, אז די פויערשע באוועגונג האָט זיך צעפלאַקערט אינ א גרויסער סרײַפע גראָד צו פרילינג—זומער 1906 יאָר, ד. ה. אויך צו דער ערשטער דומע. די פויערשע באוועגונג ווידער האָט געהאט א קאָלאָסאלע ווירקונג אפנ מיליטער. יעדיעס וועגנ „אומאָרדענונגענ" אינ פארשיידענע פאָלקנ האָבנ אָנגעהויבנ אָנקומענ מאמעש אינ די צענדליקער. אונ דאָס מאָל האָט די באוועגונג פארכאפּט אויך דעם פעטערבורגער גארניזאָנ: אפילע דער ערשטער גווארדיע-פאָלק, דער פּרעאָבראזשענסקער, האָט אויסגעדריקט זײַנ סאָלידארישקײַט מיט דער „ארבעט-גרופּע". די סיבע דערפונ האָבנ מיר ווידעראמאָל געזענ: די „ארבעט-גרופּע" האָט אויסגעדריקט די אינטערעסנ פונעמ „ווירטשאפטלעכנ פויערל", וועלכער פלעגט געבנ דעמ הויפּט-פּראָצענט פונ דער סאָלדאטישער מאסע אינ די הויפּטשטאָטישע פאָלקנ (כאראקטעריסטיש איז, וואָס שוינ מיט אײנעמ פונ די ערשטע פויערימ-אויפשטאנדנ אינ 1902 יאָר האָט אָנגעפירט אנ אונטעראָפיצער אינ רעזערוו פונ פּרעאָבראזשענסקער פאָלק). פאר דער רעגירונג האָט עס, פארשטײט זיך, פארגעשטעלט א קלענערע געפאר, אײדער די ווײניקער אָפטע סאָלדאטישע בונטנ אינ האַרבסט 1905 יאָר, ווײַל נאָר אפנ פּאָנ פונ א רעוואָליוציאָנערער ארויסטרעטונג פונעמ פּראָלעטאריאט קאָנ דער סאָלדאטישער בונט באַקומענ א גרויסע רעוואָליוציאָנערע באדײַטונג. אָבער אפ דער קלײנבירגערלעכער מאסע האָט עס שטארק געווירקט; שטארק געווירקט האָט עס, ווי מיר וועלנ באַלד זענ, אויך אפ דער רעגירונג.

דאָס אלצ האָט אינ פיל מאָל שווערער געמאכט די לאַגע פונ די דומע-קאדעטנ. מע האָט געמוזט „אנטשפּרעכנ" ניט נאָר די „טרודאָוויקעס" אינ דער דומע גופע— מע האָט געמוזט גײנ אינ טראָט אויך מיט דער באוועגונג פונ די ברײטע מאסנ אויסער דער דומע. די קאדעטנ — זײ האָבנ זיך אלײנ דערינ מודע געווענ — זײַנענ געגאנגענ אינ דומע ארײַנ לעשנ די רעוואָליוציע, אונ דאָ האָט זי גראָד פונ דער דומע, האָט זיך געדוכט, אָנגעהויבנ אויפלאקערנ. אינעמ רײנ-פּאָליטישנ געביט פלעגנ זיך נאָך די קאדעטנ ווי-ניט-איז אויסדרײענ, אויסנוצנדיק די קנאַפּע באַוווּסטזיניקײַט פונ די טרודאָוויקעס אונ די אבסאָליוטע אומבאַוווּסטזיניקײַט פונ דער אויסער-דומישער מאסע. זײ האָבנ אונטערגערוקט די טרודאָוויקעס א קנעכ-

טישנ אדרעס צום קייסער און יענע האָבנ אים געהאָרכזאם אָנגענומענ. אָבער אינ ספּעציאַלנ געביט איז שוינ געווענ שווערער אײַנצושטעלנ איבערלעבנ שאָלעמ. די לינקע גוטבאזיצער זײַנענ געווענ אדעליקע און האָבנ געוואָלט פארבלײַבנ אזעלכע. איז אָט, ווענ עס האָט זיך געשטעלט די פראגע וועגנ פארניכטנ די שטאנדנ, האָבנ זיך פונעמ מויל פונ די פאָרשטייער פונ דער קאָנסטיטוציאָנעל־דעמאָקראטישער פּארטיי געלאָזט הערנ גאָר מאָדנע רעדעס. דער קאדעטישער ספּעציאליסט פאר מעלוכע־רעכט, קאָקאָשקינ, האָט געזאָגט: „מיר ווילנ אײַנהיטנ די שטאנדנ, אָבער דער גאנצער רעאלער אינהאלט פונ די שטאנדנ ווערט באדינגט און לאָזט זיך אויס צו אומגלײַכקײַט אינ רעכט, צו געוויסע פּריווילעגיעס אָדער באגרענעצונגענ. ווײַבאלד די פּריווילעגיעס און באגרענעצונגענ וועלנ פארניכטעט ווערנ, וועט קיינ רעאלער אונטערשייד שוינ ניט עקזיסטירנ. עס פארבלײַבט בלויז איינ פראגע, — די פראגע וועגנ דעמ נאָמענ, וועלכער פארדינט ניט קיינ אויפמערקזאמקײַט". זאָלנ די אדעליקע פאָרט הייסנ אדעליקע, און די פּויערימ — פּויערימ... און ווענ מע האָט די אדעליקע דורכגעוואָרפנ אינ טאמבאָווער גובערניע, האָבנ זיך די קאדעטנ דערשלאָגנ, די דומע זאָל קאסירנ די וואלנ, אינ צוזאמענהאנג דערמיט האָבנ צענ דעפּוטאטנ־פּויערימ געמוזט אוועקגיינ. די פּויערימ האָבנ עס באמערקט.

אָבער מיט דער גאנצער אומבעשאָלעמדיקײַט האָבנ געמוזט ארויסטרעטנ די ווידערשפּרוכנ, ווענ עס האָבנ זיך אָנגעהויבנ די דעבאטנ איבער דער פארוואָרטער פאר דער דומע — זי האָט עס אָבער ניט געוווּסט — אגרארפראגע. מיר ווייסנ, אז עס איז באשלאָסנ געוואָרנ פאנאנדערצוטרײַבנ די דומע, אויב זי וועט ביכלאל באַרירנ די דאָזיקע פראגע — די דומע אָבער האָט קימאט ווי ניט גערעדט וועגנ קיינ שומ אנדער זאכ. די אגראר־פראגע האָט פארנומענ ¾ צײַט פונ דער גאנצער קורצער דומע־סעסיע. צונויפריידנ זיך איז, דוכט זיך, געווענ גיט שווער: מיר געדענקענ, אז אויך דער עקסט־לינקער פליגל, די „טרודאָוויקעס", זײַנענ אינ דער דאָזיקער פראגע געשטאנענ אויפ א פּשאָרעמאכערישער פּאָזיציע — קיינ עמעסע אגראר־רעוואָלוציאָנערנ איז אינ דומע גאָרניט געווענ. די טרודאָוויקעס זײַנענ אָבער אויך דאָ געווענ אויפריכטיקע פּשאָרעמאכערס: גיט די גאנצע גוטבאזיצערישע ערד, און ניט אומזיסט, אָבער דאָך האָבנ זיי געהאָפּט צו באקומענ ערד. די קאדעטנ ווידער האָבנ, אונטערנדרוק פונ זייער גוטבאזיצערישנ פליגל, זיך באמיט, אז דער גרעסטער טייל ערד זאָל פארבלײַבנ בא די גוטבאזיצער און. די גוטבאזיצער זאָלנ בעשומויפנ ניט פארלירנ די נייטיקע פאר זיי ארבעט־הענט. זיי זײַנענ אײַנגעגאנגענ אויפ ברענגענ פאר א קאָרבנ בלויז דעמ „ווילדנ פּאָרעצ", דעמ ערדוועכערניק. „אָנ שומ באגרענעצונגענ דארפ אנטייגנט ווערנ די גאנצע ערד, — ווערט געזאָגט אינעמ קאדעטישנ פּראָיעקט, — וועלכע פלעגט ביזנ 1־טנ יאנוואר 1906 געוויינלעכ אָפּגעגעבנ ווערנ אינ ארענדע פאר געלט, פאר א טייל פונ דער גערעטעניש אָדער פאר אָפּארבעט, און אויך די ערד, וועלכע פלעגט באארבעט ווערנ הויפּטזאכלעכ מיט פּויערשנ אינווענטאר, — און די ערד, וועלכע שטייט ליידיק, וואָס איז אָבער אנערקענט געוואָרנ, אז זי טויג אויפ באארבעט צו ווערנ", אָבער עס דארפ בעשומויפנ ניט אנטייגנט ווערנ „די ערד, אויפ וועלכער עס געפינענ זיך פאבריק־זאוואָדישע אָדער לאנדווירטשאפטלעכע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ, דאָס הייסט, די ערד, וועלכע איז טעכניש פאר זיי נייטיק, וועלכע געפינט זיך אונטער געבײַדעס, לאגערס, אײַנריכטונגענ אאוו.".

אלזא, די גוטבאזיצערישע ערד, אפ וועלכער דער פארעצ אליינ האט ניט געפירט קיינ ווירטשאפט, — די איז מאכטייסע, אבער די גרויסע ווירטשאפט, — זאל גאט אפהיטנ! — דאס טאר מענ ניט טשעפענ. אונ מיר געדענקענ דאכ, אז די גאנצע קאנקורענצ איז געווענ צווישנ דער גרויסער אונ דער קליינער ווירטשאפט, אז די פאגראמענ האבנ די פויערימ אנגעהויבנ טאקע פונ די ארענדאטערס די קאפיטאליסטנ. אבער מיקויעכ דעמ איז אינ דער קאדעטישער פראגראמ געזאגט געווארנ גאנצ קאטעגאריש: „דערביי איז געווונטשנ צו דערפירנ די גרייס פונ דער פארזארגטקייט ביז א געברויכ-נארמע, ד. ה. ביז אזא סכומ ערד, וועלכער זאל לויט די ארטיקע באדינגונגענ אונ נעמענדיק אינ באטראכט די איבעריקע געווערב-האכנאסעס, ווי אזעלכע זיינענ פאראנ, — זיינ גענוג צו דעקנ די דורכשניטלעכע באדערפענישנ אינ דערנערונג, וווינונג, קליידונג אונ אפ צאלנ שטייערנ".

א „געברויכערישע" פויערשע ווירטשאפט זיינענ די קאדעטנ מאסקימ געווענ צו דערלאזנ: זאל דער פויער ניט הונגערנ; אבער לאזנ אימ קאנקורירנ אפנ מארק מיטנ גוטבאזיצער, אלס פראדוצירער — דאס האט קיינ פאריבל ניט. איינער פונ די אמערסטנ אופריכטיקע קאדעטנ, יע. נ. שטשעפקינ, האט זיכ אפנהארציק מוידע געווענ, אז דער קאדעטישער פראיעקט איז אנ „איבערכאזערונג פונ דער רעפארמ פונ 1861 יאר". דארט איז געווענ א „באפרייונג" אינ פיסלעכ, איצט וועט זיינ א „באטיילונג מיט ערד" אויכ אינ פיסלעכ. די פויערימ זיינענ שוינ אבער געווענ ניט די, וואס אינ די צייטנ פונ דער „גרויסער רעפארמ". „איצט דארפנ מיר זיכ ניט אפשטעלנ אפ האלבע מאסמיטלענ, ווי דאס איז געווענ אינ 1861 יאר", האט אפנ געזאגט אייגער א פויערשער דעפוטאט אינ דער דומע. „אויב די ערדבאזיצער זיינענ ניט מאסקימ אפצוטרעטנ זייער ערד (ער האט געמיינט אפ די באדינגונגענ פונ דער „ארבעט-גרופע"), — האט געזאגט א צווייטער, — וועט זי דאס פאלק אליינס צונעמענ אונ וועט גארנישט ניט באצאלנ".

פונעמ שטאנדפונקט פונ דער רעגירונג האבנ אזעלכע רעדעס בעפייערעש פראוואצירט אפ צעטרייבנ די דומע. דאס איז שוינ ניט געווענ וויטעס רעגירונג — ניקאליי האט זיכ צוגעיילט פאטער צו ווערנ פונ דעמ מיניסטער, צו וועלכנ ער האט ניט געפילט קיינ סימפאטיע, ווי נאר עס איז געשלאסנ געווארנ די האלוואע, וואס דעריקער צוליב איר האט מענ אוועקגעשטעלט וויטענ בעראש פונעמ קאבינעט; דער מאטיוו איז געווענ — די „לינקע" מערהייט פונ דער דומע (קאדעטנ אונ טרודאוויקעס), — אבער שפעטער האט מענ סטאליפינעס פונדעסטוועגנ ניט אפגעזאגט פאר דער נאכ מער „לינקער" צווייטער דומע. דער דאזיקער סטאליפינ, א געוועזענער סאראטאווער גובערנאטער, וועלכער האט זיכ דארט גערעכנט פאר א „ליבעראל" (ער האט זיכ שפעטער טאקע ארויסגעוויזנ פאר א רעכטנ אקטיאבריסט), איז, אייגנטלעכ, געווענ די נעשאמע פונעמ גאנצנ קאבינעט — דער פרעמיער איז פארמעל געווענ אנ אלטער באאמטער גארעמיקינ, וועלכער פלעגט שטענדיק ארויסגערוקט ווערנ אפ א פאסטנ, ווענ פונ דעמ, וואס פלעגט אימ פארנעמענ, פלעגט זיכ פאדערנ קוידעמקאל, פולשטענדיקע כאראקטער-לאזיקייט. סטאליפינעס האט מענ ארויסגערוקט אינ יונ, צוגלייכ מיט דעמ, ווי דער צוזאמענפאר פונ די אדעליקע האט זיכ אנגעזעצט אפ ניקאלייענ מיט דער פעסטער פאדערונג, מע זאל מאכנ א סאפ צו די שמועסנ, וועלכע האבנ זיכ געהערט איבער גאנצ רוס-

לאנד וועגנ אפגעמענ באמ אדל זיינ ערד. די דומע האט „אויסגעפילט דעמ טנאי", זי האט אנגעהויבנ ריידנ וועגנ דער אגראר־פראגע אונ האט אפילע גערעדט אויסשליסלעכ וועגנ איר — קלאר, אז מע דארפ די דומע צעטרייבנ, דער אדל האט שוינ מער ניט געקאנט אריבערטראגנ.

סטאליפינ — ער איז גראד געווענ אינערנ־מיניסטער — האט זיכ גענומענ דורכפירנ דאס דאזיקע פאנאנדערטרייבנ מיט אייגענע מיטלענ. דערצו איז אבער נייטיק געווענ פולשטענדיקע זיכערקייט פונ דער מאכט אינ איר באוואפנטער קראפט אונ די דאזיקע זיכערקייט האט טרעפאוו, וועלכער איז נאכ ווי פריער געשטאנענ הינטער ניקאלייענ (טרעפאוו איז געשטארבנ ערשט סאפ זומער 1906 יאר), ניט געהאט. אויב עס האט זיכ ארויסגעוויזנ, אז אפילע די פרעאבראזשענצעס זיינענ ניט זיכער, וואס זשע קאנ מענ שוינ טראכטנ וועגנ די איבעריקע פאלקנ! איז אט טרעפאוו איינגעפאלנ דער געדאנק — אויסצונוצנ צוליבנ פאנאנדערטרייבנ די קאדעטנ. די רעגירונג האט ניט געקאנט אפשאצנ די געשיקטקייט, מיט וועלכער די קאדעטנ האבנ אפגענארט זייערע וויילער אינ מארט. פארוואס זאל זיכ דאס זיי ניט איינגעבנ אינ יולי? די דומע וועט מענ פאנאנדערלאזנ, עס וועט אבער פארבלייבנ א „דומיש" מיניסטעריומ, א קאמיטעט פונ באפולמעכטיקטע פונ דער „פאלק־פארשטייערשאפט" — מע קאנ אפילע פארשטעלנ עס פאר טאמעוואטע מענטשנ ווי א גרויסנ „שריט פארויס".

סטאליפינענ האט זיכ זייער ניט געוואלט אפטרעטנ דאס ארט די קאדעטנ, האט ער אנגעהויבנ איינרעדנ ניקאלייענ, מע זאל אויסבילדנ א „קאאליציע"־קאבינעט פונ באאמטע (קוידעמקאל אימ אליינ) מיט „געזעלשאפטלעכע טוער", איבערכאזערנדיק, אפ אזא אויפנ, וויטעס פרווו פונ נאיאבער 1905 יאר. אבער די „געזעלשאפטלעכע טוער" אינ דער פערזאנ פונ שיפאוונ, וואס איז איינגעלאדנ געווארנ אלס פרעמיער פונעמ נייעמ קאבינעט, האבנ זיכ קאטעגאריש ארויסגעזאגט פאר רופנ צו דער מאכט גראד די קאדעטנ. בא זייער פערזענלעכע באגעגעניש אינ פעטערהאפ האט שיפאוו געזאגט ניקאלייענ: „איצט, בא די געשאפענע באדינגונגענ, איז מעגלעכ אויסצובילדנ א קאבינעט נאר פונ פארשטייער פונ דער מערהייט פונ דער מעלוכע־דומע. דער אפאזיציאנעלער גייסט, וועלכער אנטפלעקט זיכ איצט בוילעט בא דער קאנסטיטוציאנעל־דעמאקראטישער פארטיי, קאנ ניט ארויסרופנ קיינ ערנסטע מוירע. אזא מינ כאראקטער אידער ווערט אינ א באדייטנדיקער מאס באדינגט דורכ דער לאגע פונ אנ אומפאראנטווארטלעכער אפאזיציע, וועלכע זי פארנעמט. אויב אבער די פארשטייער פונ דער פארטיי וועלנ צוגעצויגנ ווערנ צומ פארווירקלעכנ ידי רעגירונג־מאכט אונ וועלנ נעמענ אפ זיכ די שווערע פאראנטווארטלעכקייט, וועלכע איז מיט איר פארבונדנ, וועט זיכ די איצטיקע באפארבונג פונ דער פארטיי, אונ סאפעק, ענדערנ, אונ אירע פארשטייער, וועלכע וועלנ ארייננגייננ אינ באשטאנד פונעמ קאבינעט, וועלנ האלטנ פאר זייער כויוו באדייטנדיק צו באגרענעצנ די פאדערונגענ פונ דער פארטיי־פראגראמ באמ דורכפירנ זיי אינ לעבנ, אונ וועלנ צאלנ די וועקסלענ, וואס זיי האבנ ארויסגעגעבנ אפ די פעוורא־פארזאמלונגענ ניט אינגאנצנ, נאר צו 20 אדער 10 קאפעקעס פאר א רובל".

ניקאליי האט געוואלט וויסנ, וויאזוי וועלנ טאקע די קאדעטנ אפנארנ זייערע וויילער. אונ שיפאוו האט באפרידיקט זיינ נייגעריקייט אונ האט אימ דערקלערט, וויאזוי מע קאנ דאס טאנ בענעגייע די פינפ הויפט־פונקטנ: בענעגייע אפשאפנ טויט

שטראָפ, פּאָליטישער אַמניסטיע, אַגראַר־פּראַגע, גלײַכבאַרעכטיקונג פונ אַלע נאַציאָנאַליטעטנ אונ אויטאָנאָמיע פונ פּוילנ. אַלס דערגאַנצונג האָט שיפּאָוו געזאָגט, אַז „אויב די פּאָרשטייער פונ דער קאָנסטיטוציאָנעל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי וואָלטנ גערופנ געוואָרנ צו דער מאַכט, איז גאַנצ וואַרשײַנלעכ, אַז אינ דער נאָענטסטער צוקונפט וואָלטנ זיי אַנערקענט פאַר נייטיק פאַנאַנדערצולאָזנ די מעלוכע־דומע אינ דורכפירנ נײַע וואַלנ מיטנ ציל פּאָטער צו ווערנ פונעמ פּילצאָליקנ לינקנ פליגל אונ צו שאַפנ אַ קאַמער פונ באַהעפטע פּראָגרעסיווע עלעמענטנ פונעמ לאַנד. דער קייסער איז, ווי מיר האָט זיכ געדוכט, געווענ באַפרידיקט מיט די דערקלערונגענ, וועלכע איכ האָב אימ געגעבנ, אונ האָט געפרעגט, ווער פונ די מיטגלידער פונ דער קאָנסטיטוציאָנעל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי האָט אינ איר דעמ גרעסטנ אויטאָריטעט אונ איז פייִק צו אַנ אָנפירנדיקער ראָליע“.

אינ זײַנ אַרטיקל וועגנ שיפּאָווס זיכרוינעס לייקנט מיליוקאָוו ניט אָפּ די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק אונ באַשטעטיקט זי אַפילע קימאַט. ער זאָגט: „שיפּאָוו איז אָנ סאָפעק געווענ גערעכט, אַז די קאַדעטנ וואָלטנ בײַ דער מאַכט גאָרניט געווענ אַזעלכע צעשטערער אונ רעוואָליוציאָנערנ, ווי עס האָט זיכ פאָרגעשטעלט סטאָליפּינ אונ די אַלע, פאַר וועמענ דאָס איז געווענ נייטיק. עס איז קיינ סאָפעק ניט, אַז אינ סיידער פונ פּראַקטישנ פאַרווירקלעכנ די פּראָגראַמ וואָלטנ אַרײַנגעפירט געוואָרנ אַלע אויסבעסערונגענ אונ דערגאַנצונגענ, וועלכע וואָלטנ דיקטירט געוואָרנ דורכ מעלוכישע טײַמימ“.

„אָבער,— גיט ער צו,— די קאַדעטנ וואָלטנ, פאַרשטייט זיכ, ניט געקאָנט אָפּזאָגנ זיכ אינ אַנ אַמניסטיע פאַר די טעראָריסטנ (דאָס איז געווענ דער גרונט־פּונקט, וועגנ וועלכנ מע איז זיכ פאַנאַנדערגעגאַנגענ, אַ פ י ל ע אַ מער ערנסטער, איידער די אַגראַר־רעפאָרמ)...“ די פויערישע ערד זײַנענ די קאַדעטנ גרייט געווענ מאַקריוו צו זײַנ, אָבער ברענגענ פאַר אַ קאָרבנ זייערע אייגענע קעפּ, קעדיי אונטערצופאַלנ, באַמ ווידערופשטעלנ די „אָרדענונג“, אונטער עסערישע באָמבעס אונ בראַונינגס, — דאָס איז שוינ גאָר לוי מיט אַנ אַלעפּ. אונ דאָס איז געווענ זייער אַ וויכטיקער פּונקט, אינ וועלכנ מע איז זיכ פאַנאַנדערגעגאַנגענ. פאַר ניקאָלײַענ זײַנענ באָמבעס אונ בראַונינגס געווענ די „עמעסע רעוואָליוציע“, ווי מיר וויסנ, אונ די טעראָריסטנ זײַנענ געווענ די „עמעסע רעוואָליוציאָנערנ“: ווער עס איז געגאַנגענ קעגנ זיי, דער איז בעעמעס איבערגעגעבנ דעמ טראָנ אונ דעמ פאָטערלאַנד. סטאָליפּינ האָט ריזיקירט מיט זײַנ קאָפּ, האָט אַרויסגעוויזנ איבערגעגעבנקײַט — דאָס, וואָס אָט די איבערגעגעבנקײַט האָט אויסגעפעלט בײַ די קאַדעטנ, איז געווענ אַ שלעכטער סימענ פאַר זייער מיניסטעריומ.

דער צווייטער פאַטאַלער אומשטאַנד פאַר די קאַדעטנ איז געווענ דאָס, וואָס די בורזשואַזע אינטעליגענצ, איידער זי האָט נאָכ אָפּגענומענ די מיניסטאָרישע פּאָרטפעלנ בײַ דער ביוראָקראַטיע, איז שוינ גרייט געווענ צו צעשלאָגנ זיכ פאַר די דאָזיקע פּאָרטפעלנ... מוראָמצעוו, דער קאַדעטישער פּאָרזיצער פונ דער דומע, האָט אַרויסגערופנ צו זיכ מיליוקאָוונ, — דעמ פאַקטישנ לידער פונ דער פּאַרטיי, וועלכער איז אָבער דורכגעפאַלנ בײַ די וואַלנ, — אונ, דערציילט מיליוקאָוו, „נאָכ אייניקע פאָר פראַגנ האָט ער מיר געשטעלט אָפנ די פראַגע: ווער פונ אונדז צווייענ וועט זײַנ פּרעמיער“. שיפּאָוו האָט זיכ דאָ אויכ געפּרוווט אַרויסטרעטנ אינ דער ראָליע פונ אַנ „ערלעכנ מעקלער“ אונ האָט פאָרגעלייגט אַזאַ מינ קאָמבינאַציע: מוראָמצעוו — פּרעמיער, אונ מיליוקאָוו — אויסערנ־מיניסטער. מוראָמצעוו

האָט אָבער אַפ דעמ געענטפערט: „צוויי בערג אינ איינ נאָרע איז זייער שווער זיכ צונויפלעבנ". אונ דאָ האָט מיליוקאָוו, ווי עס גיבנ איבער מענטשנ, וועלכע האָבנ אימ געזענ אינ יענער צײַט, „שוינ געקוקט אַפ זיכ, ווי אַפ אַ פּרעמיער".

סאָפּקאָלסאָפּ וואָלטנ אָבער אָט די קלייניקײַטנ — זייער כאַראַקטעריסטישע — ווי ס'ניט איז פאַרגלעט געוואָרנ, ווענ די קאַדעטנ וואָלטנ ניט דורכגעפאַלנ אַפנ איקער; אינ דעמ אַנטשיידנדיקנ מאָמענט האָט זיכ אַרויסגעוויזנ, אַז זיי זײַנענ גאָרניט די באַלעבאַטימ אינ דומע, אונ אַז פונ זייער אַרײַנטרעטנ אינ מיניסטעריומ וועט ניקאָלײַ אַבסאָליוט קיינ זאַכ ניט געווינענ.

דאָס איז קלאָר געוואָרנ אַפ אַזאַ אויפנ. אונטערנ דרוק פונעמ צוזאַמענפאָר פונ די אַדעליקע האָט גאָרעמיקינ-סטאָליפּינס רעגירונג אַרויסגעלאָזט אַ „מיטיילונג", אינ וועלכער עס איז געזאָגט געוואָרנ, אַז קיינ שומ אָפּנעמענ מיט צוואַנג די פּריוואַט-אייגנטימערישע ערד וועט ניט זײַנ. דאָס איז געווענ אַ גראָבע אַרײַנמישונג אינ דער אַרבעט פונ דער דומע, וועלכע האָט נאָכ ווײַט ניט געהאַט פאַרענדיקט באַהאַנדלענ די אַגראַר-פּראַגע. די „צוואַנג-אַנטייגענונג" איז געשטאַנענ אינ אַלע פּראָיעקטנ — אונ דאָ מיטאַמאָל מעלדעט דאָס מיניסטעריומ, אַז ווי די דומע זאָל ניט באַשליסנ, אָבער די פּריצישע ערד וועט מענ סײַ-ווי-סײַ ניט טשעפּענ. די אויפגערעגטע „פאָלק-פאָרשטייערשאַפט" האָט באַשלאָסנ צו ענטפערנ אַפ דער „מיטיילונג" פונ דער רעגירונג מיט אַ „ווענדונג צומ פאָלק", וועלכע לייקנט אָפּ די מיטיילונג אונ שטעלט די זאַכנ אַפ זייער אָרט, די קאַדעטנ האָבנ זיכ שטאַרק דערשראָקנ — די קאַדעטישע יוריסטנ האָבנ זיכ גלײַכ אָנגעשטויסנ, אַז אַזאַ מינ שריט פונ דער דומע קאָנ אינ סטאָליפּינס הענט אויסגעצייכנט שפּילנ די ראָליע פונ אַ פאָרמעלנ אויסרייד אַפ פאַנאַנדערצולאָזנ די דומע. אָבער די שטימונג פונ די דעפּוטאַטנ איז געווענ אַזאַ, אַז שטעלנ זיכ דירעקט קעגנ דער „ווענדונג צומ פאָלק" האָבנ זיכ די קאַדעטנ פונדעסטוועגנ ניט אַנטשלאָסנ. זיי האָבנ געפּרוּווט סאַבאָטירנ די „ווענדונג", אונטערוקנ דער דומע אַזאַ טעקסט, „וואָס זײַנ הויפּט-זינענ איז, — לויט די רייד פונעמ פאָרשטייער פונ דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פראַקציע, — באַשטאַנענ אינ מוסער זאָגנ דעמ פאָלק אונ רופנ עס צו רויִקײַט, אונ ניט אינ דעמאַסקירנ די גוואַלדטוער פונ דער רעגירונג, וועלכע האָבנ געמאַכט די דומע מאַכטלאָז. אונ דאָ, באַמ אָפּשטימענ אָט דעמ מעשונעדיקנ „רעוואָליוציאָנערנ דאָקומענט", וועלכער האָט גערופנ דאָס פאָלק צו רויִקײַט, איז טאַקע פאָרגעקומענ דער סקאַנדאַל: דער פּראָיעקט האָט באַקומענ בלויז די קאַדעטישע שטימענ (124). די רעכטע אונ די סאָציאַל-דעמאָקראַטנ (52 שטימענ) האָבנ געשטימט קעגנ, אונ 101 טרודאָוויקעס האָבנ זיכ אָפּגעהאַלטנ. עס זײַנענ שוינ געהאַט אַוועק יענע צײַטנ, ווענ די דאָזיקע נאַיווע מענטשנ האָבנ געשטימט פאַרנ קאַדעטישנ אַדרעס צומ קייסער — צוויי כאָדאָשימ דומע-זיצונגענ האָבנ אַפילע זיי עפּעס וואָס אויסגעלערנט.

פאַר טרעפּאָוונ האָט עס געמוזט זײַנ, ווי אַ דונער פונ לויטערנ הימל. זיי האָבנ דאָכ גאָר ניט קיינ מערהײַט אינ דער דומע, די דאָזיקע קאַדעטנ! איז וואָס פאַר אַ זינ האָט זייער מיניסטעריומ? סטאָליפּינ האָט געקאָנט טריומפירנ. דעמ 8-טנ יולי (אַלטנ סטיל) איז אַרויסגעגעבנ געוואָרנ דער צאַרישער באַפעל וועגנ פאַנאַנדערלאָזנ די דומע, וועלכער איז מאָטיווירט געוואָרנ דערמיט, וואָס די דומע האָט זיכ אָנגעהויבנ אַרײַנמישנ ניט אינ אירע איניאָנימ. גלײַכצײַטיק זײַנענ באַשטימט געוואָרנ נײַע וואַלנ אַפ יאַנוואַר 1907 יאָר. עס איז אויכ אויסגעבילדעט געוואָרנ

אַ נײַע רעגירונג, גאָרעמיקינ איז אוועק אינ דעמיסיע, אָבער פּרעמיער איז געוואָרנ ניט מיליוקאָוו, נאָר סטאָליפּינ. קעדיי צו פאַרפּוצנ דעמ נײַעמ קאַבינעט, האָט ער ווידער געפּרווּט אײַנלאַדנ „געזעלשאַפטלעכע טוער". אָבער איצט איז עס שוינ אַזויפיל ענלעכ געווענ אַפּ כויזעק, אַז אַפילע די אָקטיאַבריסטנ האָבנ זיכ באַלייִדיקט. מיט דער שפּעטערדיקער פּאָליטיק פונ סטאָליפּינס קאַבינעט האָבנ זיי, אַגעוו, ניט געקאָנט זײַנ באַזונדערס אומצופרידנ.

טרעפּאָווס מוירע פאַר דער „אָרדענונג אונ רויִקײַט" האָט זיכ באַרעכטיקט בלויז אינ אַנ אומבאַדײַטנדיקסטער מאָס. דער ערעסט פונעמ פּעטערבורגער ראַט פונ אַרבעטער-דעפּוטאַטנ האָט געגעבנ אַ פּיל מער הילכיקנ אָפּקלאַנג, איידער דאָס פאַנאַנדערטרײַבנ די ערשטע דומע. אינ סוועאַבאָרג אונ קראָנשטאַדט זײַנענ אויסגעבראָכנ מיליטערישע אופשטאַנדנ, — די רעגירונג איז אָבער געווענ צוגעגרייט צו זיי אונ האָט זיי דערשטיקט מיט אַ סאַכ ווייניקער מי, איידער דעמ סעוואַסטאָפּאָלער אופשטאַנד אינ נאָיאַבער 1905 יאָר. דאָס פויערטומ האָט געענטפערט מיט אומאָרדענונגענ פונ אַ גאַנצ גרויסנ פאַרנעמ — באַזונדערס גרויס איז געווענ די באַוועגונג אינ סטאַווראָפּאָלער גובערניע, וואָס איר דעפּוטאַט, אַניקאָ, האָט געדראָט טויטשטראָפ פאַר באַטייליקנ זיכ אינ קראָנשטאַדטער אופשטאַנד, אָבער אויכ דאָס איז לאַכלוטנ ניט געווענ שרעקלעכער פונ דעמ, וואָס די רעגירונג האָט שוינ פריער געזענ. דער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט בויקאָטירט די דומע, האָט פונדעסטוועגנ דערמאָנט דער טריומפירנדיקער זעלבסהערשונג וועגנ זײַנ עקזיסטענצ דורכ אַ פּרווו פונ אַנ אַלגעמיינעמ שטרײַק. מאָסקווע אונ פּעטערבורג האָבנ פאַרשטרײַקט גאַנצ אייניק — אָבער פאַר די שטרײַקער גופע איז עס געווענ אַ ריינע דעמאָנסטראַציע, וועלכע האָט זיכ ניט געוואָלט דערשלאָגנ צו קיינע שומ קאָנקרעטע צילנ. דער נעבעכדיקסטער איז געווענ דער ענטפער פונ די העלדנ פונ דער צעטריבענער דומע — פונ די קאַדעטנ. זיי האָבנ זיכ פאַרזאַמלט אינ וויבאָרג, הינטער דער פינלענדישער גרענעצ, אונ האָבנ אַרויסגעלאָזט נאָכ איינ „אויפרופ צומ פאָלק". כאַראַקטעריזירנ זײַנ זינ אונ באַדײַטונג איז בעסער פאַר אַלצ מיט די בוכשטעבלעכע רייד פונ זייער לידער:

„דער וויבאָרגער מאַניפעסט, וועגנ וועלכנ מע האָט אָנגערעדט אַזויפיל נאַרישקײַטנ, איז געווענ דער מינימומ פונ דעמ, וואָס מע האָט געקאָנט טאָנ, קעדיי צו געבנ אַנ אויסוועג דער אַלגעמיינער שטימונג. פאַר די מיטגלידער פונ דער „פּאַרטיי פונ פאָלק-פרײַהײַט" איז ער געווענ אַ פּרווו צו פאַרהיטנ פונ אַ באַוואָפנטנ צוזאַמענשטויס אַפּ די גאַסנ פונ פּעטערבורג, וועלכער איז אַפּ געוויס געווענ פאַרמישפּעט אַפּ אַ דורכפאַל, אונ צו געבנ דעמ אַלגעמיינעמ צאָרנ אַזאַ אויסדרוק-פאָרמ, וואָס זאָל ניט ווידערשפּרעכנ דעמ קאָנסטיטוציאָנאַליזמ, ווײַל זי שטייט אַפּנ סאַמע גרענעצ פונ אַ געזעצלעכנ ווידערשטאַנד די שטערער פונ דער קאָנסטיטוציע אונ פונ דער רעוואָליוציע. אַ בײַשפּיל פונ אַזאַ ווידערשטאַנד אינ אונגאַרנ איבער אַ קאָנפליקט וועגנ די פראַגנ פונ פאָלק-בילדונג האָבנ מיר געהאַט פאַר זיכ.

אײַנשטימיק מיטנ לינקנ פליגל פונ דער דומע אַפּ אַ געמיינזאַמער קאָנסטיטוציאָנעלער אַרויסטרעטונג אינ וויבאָרג, האָבנ די קאָנסטיטוציאָנעלע עלעמענטנ גלײַכ נאָכ וויבאָרג, אַפּ אַ באַראַטונג אינ טעריאָקי, אָפּגעוואָרפנ די רעוואָליוציאָנערע אַרויסטרעטונגענ, ווי אויכ די אופשטאַנדנ אינ קראָנשטאַדט, סוועאַבאָרג אאַוו., וועלכע זײַנענ געקומענ נאָכ דעמ.

די וועגדונג גופע צום פאָלק — ניט צו צאָלן קיין שטייערן און ניט צו געבן קיין סאָלדאטן — האָט געהאט א כיטרעוואטע באדייטונג, אין פאל, אויב עס וועלן ניט באשטימט ווערן קיין וואלן אין א נייער מעלוכע־דומע—און די אָנווענדונג פון די דאָזיקע מאָסמיטלען האָט זיך געדארפט אָנהייבן ניט גלייך, נאָר נאָכן קלאָר מאכן די שטימונגען אינעם פאָלק און ניט פריער פונעם האַרבסט־פריזיוו. אזויארום איז דער וויבאָרגער אופרוף, אין טאָג געגומען, פארבליבן א פאָליטישע מאניפעסטאציע און א מאָסמיטל אפן עקסטן פאל, וועלכער איז ניט געקומען, ווייל וואלן צו דער נייער דומע זיינען באשטימט געוואָרן".*

די דאָזיקע שורעס האָט מיליוקאָוו אָנגעשריבן אין 1921 יאָר — ווען ער האָט קיין שום גרונט ניט געקאָנט האָבן צו פארבאהאלטן זיין רעוואָלוציאָנערקייט פון 1906 יאָר, ווי ער האָט, פארקערט, געהאט אלע גרונטן צו מאכן זי נאָך גרעסער. ער איז דאָך איצט דער לידער פונעם לינקן „רעפובליקאנישן" פליגל פון די קאדעטן. דאָס מאָל אָבער האָט דער געוויסנהאפטער היסטאָריקער נויווער געווען אין אים דעם פאָליטיקער. און ער האָט ניט געקאָנט פארבאהאלטן, אז אפילע דער איינציקער „רעוואָלוציאָנערער" אופרוף פון די קאדעטן האָט זיך געשטעלט קאָנטררעוואָלוציאָנערע צילן.

די בורזשואזע אינטעליגענץ האָט שוין אזוי ווי אפ שטענדיק געהאט אָפגעשפילט איר פאָליטישע ראָליע. עס האָט זיך אָנגעהויבן א שארפע אדעליקע רעאקציע, זי האָט שוין אָבער געארבעט ניט פאר זיך: זי האָט אָפגעריייניקט דעם וועג דער בורזשואזער רעאקציע. אנאליזירנדיק דעם סאָציאלן זין פון דער „סטאָליפינידע", וועלן מיר זען, אז די שפיל איז אבסאָליוט ניט געווען אינגאנצן פארשפילט, ניט געקוקט אפ דער מאפאָלע פון די קאדעטן.

קאפיטל IX

די רעוואָלוציע פונעם 1905 יאָר אין די ראנדגעגנטן

די אימפעריע פון די „ראָמאנאָווס" איז, ווי עס איז אלעמען באוווּסט, ניט געווען קיין נאציאָנאל גאנצעס: פונקט ווי אלע מעלוכעס, וועלכע שטיצן זיך אפן האנדל־קאפיטאל, האָט זי פארייניקט אונטער איין מאכט די פארשיידנארטיקסטע לויט דער אָפשטאמונג פעלקער, וועלכע האָבן געהאט דאָס אומגליק צו וווינען לעבן די האנדל־וועגן, אין וועלכע דער רוסישער האנדל־קאפיטאל האָט זיך דירעקט אָדער אומדירעקט געניייטיקט. די איינוווינער פון די מיזרעכ־ברעגן—פונעם באלטישן יאם, פון די צאָפנדיקע און מיזרעכדיקע ברעגן—פונעם שווארצן יאם, פון די מיירעווודיקע ברעגן—פונעם קאספישן יאם, די שוואָטים, וועלכע האָבן באפעלקערט די באסיינען פון דער ווייסל, פון ניעמאן, מייערעוו־דווינע, דניעסטער אָדער פרוט, מענטשן, וועלכע האָבן געוועדט אפ שפראכן, אבסאָליוט פרעמדע ניט נאָר דער רוסישער, נאָר אויך איינע דער אנדערער, גרוזינער און פאָליאקן, פינלענדער און קרימער טאָטערן, לעטן און קירגיזן, — אלע זיינען זיי געווען אונטערטעניק פונעם רוסישן קייסער און — מיט קליינע אויסנאמען — אפ אבסאָליוט גלייכע

---

* „דריי פרוווּנג" (פון דער געשיכטע פונעם רוסישן פסעוודאָ־קאָנסטיטוציאָנאליזם), זייט 63—64.

פּאָליטישע באַדינגונגען, ד. ה. אַן שום רעכט בענגייע צו דער צענטראַלער מאַכט, וועלכע האָט זיך געהאַלטן פאַר א רוסישער, האַגאַם אירע לעצטע — פון מיטן פונעם XVIII יאָרהונדערט — טרעגער זײַנען לויט דער אָפּשטאַמונג געווען עמעס דײַטשן.

דער דאָזיקער פאַקט האָט זיך אַזוי פיל געוואָרפן אין די אויגן, אַז אים האָבן באַנומען אַפילע די אַמערסטן קלוגע דינער פון די רוסלענדישע זעלבסטהערשער. וויטע האָט געשריבן אין זײַנע שריפטן (אַגערעך אין 1910 יאָר): „דער גאַנצער יטאָעם פון אונדזער פּילצענדליקיאָריקער פּאָליטיק איז דאָס, וואָס מיר האָבן ביז איצט נאָך ניט באַנומען, אַז פון פּיאָטער דעם גרויסנס און יעקאַטעריגע דער גרויסערס צײַטן אָן איז ניטאָ קיין רוסלאַנד, נאָר עס איז פאַראַן א רוסלענדישע אימפּעריע. ווען בא 35% פון דער באַפעלקערונג זײַנען פרעמדפעלקערדיקע (און די רוסן טיילן זיך אַף גרויסרוסן, קליינרוסן און ווײַסרוסן), איז אין XIX און XX י. ה. אומעגלעך צו פירן א פּאָליטיק, וואָס זאָל איגנאָרירן דעם דאָזיקן היסטאָרישן פאַקט פון קאַפּיטאַלער וויכטיקײַט, איגנאָרירן די נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, וועלכע זײַנען אַרײַן אין דער רוסלענדישער אימפּעריע — זייער רעליגיע, זייער שפּראַך אאַוו."

ניט פאַרשטאַנען האָבן עס בלויז די „ראָמאַנאַוום" גופע. בא פוילן האָט נאָך אַלעקסאַנדער II אָפּגענומען די לעצטע רעשטן פון זעלבשטענדיקײַט (זע טייל 2). בא טראַנסקאַווקאַז האָט מען זי נאָך פריער אָפּגענומען. אַלעקסאַנדער דעם III-טן איז פאַרבליבן צו פאַרנעמען זיך מיט „לערנען" דעם באַלטישן קאַנט; אין די איצטיקע לעטלאַנד און עסטלאַנד איז די זאַם איינגיכן בעשאָלעם דערגאַנגען דערצו, אַז אין א קולטורעלן לאַנד, ווו קימאַט די גאַנצע באַפעלקערונג האָט געקענט לייענען און שרײַבן, האָט געהאַט איר ליטעראַטור, צײַטונגען אאַוו. פלעגט דער ריכטער ריידן מיט די אָנגעקלאָגטע אָדער מיט די אײַדעס דורך אַן איבערזעצער, ניט ערגער, ווי אין די אייראָפּייִשע קאָלאָניעס פון צענטראַל-אַפריקע. ניקאָלײַ דעם II-טן איז פאַרבליבן צו „פאַרוסישן" פינלאַנד, און ער האָט זיך גענומען דערפאַר מיט אַזא היץ, וועלכע האָט איינגיכן געשענקט דער רעוואָליוציע דאָס דאָזיקע קליינע לאַנד, וואָס איז נאָך אין אַלעקסאַנדער דעם II-טנס צײַטן געווען א מוסטער פון „לאָיאַלקײַט".

אַדאַנק דעם דאָזיקן שערן אַלץ און אַלעמען מיט איין „ראָמאַנאָווישער" שער, האָט דער אופרײַס קעגן דער זעלבסטהערשונג אין 1905 יאָר געמוזט אַרומכאַפּן ניט בלויז דעם רוסישן צענטער פון דער „אימפּעריע", נאָר אויך אירע ניט-רוסישע ראַנד-געגנטן, דערבײַ, אַף וויפל די באַפעלקערונג פון די דאָזיקע ראַנד-געגנטן איז פון לאַנג אָן געווען קולטורעלער פאַרן צענטער, האָט די באַוועגונג געמוזט דאָרט אָננעמען א מער באַוווסטזיניקן, א מער באַשטימט-פּאָליטישן כאַראַקטער, איידער אין דעם דאָזיקן צענטער גופע. אַפן 9-טן יאַנוואַר האָבן, אַכוץ פּעטערבורג, בלויז די ראַנד-געגנטן געענטפערט מיט ריין-פּאָליטישע שטרײַקן — אין צענטראַל-רוסלאַנד איז די באַוועגונג נאָך פאַרבליבן א האַלב-עקאָנאָמישע.

אָבער דער זין אָדער די מאָפּאָלע פון דער רעוואָליוציע זײַנען געווען אָפּהענגיק גראָד פונעם דאָזיקן צענטער. אַף וויפל די זעלבסטהערשונג האָט געזיגט אינעם צענטער האָט זי געקאָנט ניט מוירע האָבן פאַר די ראַנד-געגנטלעכע רעוואָליוציעס — די דערפאַרונג פונעם XIX יאָרהונדערט איז געווען א גאַראַנטיע, אַז ווײַבאַלד מע וועט שטיין פעסט אין צענטער, וועט מען זיי לײַכט בײַ-

קומענ. דער סאָפּ פונעמ פּוילישנ אופשטאַנד אינ די יאָרנ 1830—1831 איז פונ פאַרויס באַשלאָסנ געווענ דורכ דעמ צעגראַמירנ די דעקאַבריסטנ אינ 1825 יאָר, דער אופשטאַנד פונ 1863 יאָר האָט זיכ ניט געקאָנט אײַנגעבנ, ווײַבאַלד עס איז ניט פאָרגעקומענ קײנ פּויערימ-אופשטאַנד אינ צענטראַל-רוסלאַנד. אָט פאַרוואָס מע האָט, נאָכשפּירנדיק נאָכנ *אַלגעמײנעמ* גאַנג פונ די דערפאָלגנ אונ אומדערפאָלגנ פונ דער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר, געקאָנט ניט אַרויסגײנ פונ די ראַמענ פונעמ צענטראַלנ ראַיאָנ. די באַוועגונג אינ די ראַנד-געגנטנ האָט מיט איר גאַנג געקאָנט אינ אַ געוויסנ גראַד העלפנ אָדער שטערנ, אָפּשוואַכנ אָדער פאַרשטאַרקנ די צענטראַלע, פאַרבײַטנ זי אָבער האָט זי ניט געקאָנט. דעריבער איז ניט קײנ נאַציאָנאַליזמ, נאָר די פולקומ רעאַלע אופגאַבע די זאַכ היסטאָריש צו דערקלערנ, צווינגענ צו דערציילנ וועגנ דעמ 1905 יאָר, ווי וועגנ אַ קייט פונ געשעענישנ, קוידעמקאָל *רוסישע* — אָדער אפילע גאָר ענגער, פּעטערבורג—מאָסקווער. אָבער ניט זאָגנ צומ שלומ עטלעכע ווערטער וועגנ דער רעוואָליוציע אינ די ראַנד-געגנטנ קאָנ מענ ניט, אַכוץ אַלעמ איבעריקנ, אויכ דערפאַר, ווײַל די ראַנד-געגנטנ האָבנ, ווי מיר וועלנ באַלד זענ, עטוואָס *אַרײַנגעטראָגנ* אינ דער צענטראַלער רעוואָליוציע.

שווערער פונ אַלצ — אינ אַ קורצ-געפאַסטער געשיכטע אפילע אומגעלעכ — איז אויסצוטײלנ פונ דער צענטראַלער רעוואָליוציע *אוקראַינע*. די אוקראַינישע באַוועגונג פונ יענע טעג פלעכט זיכ איבער מיט דער אַלגעמײנ-רוסישער אַזוי, אַז עס איז זי קימאַט ניט אָפּצורײַסנ. דער ערשטער צוזאַמענפאָר פונ דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי איז צונויפגערופנ געוואָרנ לויט דער איניציאַטיוו פונעמ קיעווער פאַרבאַנד צו קעמפנ פאַר דער באַפרײַונג פונעמ אַרבעטער-קלאַס. די ערשטע *דעמאָנסטראַציעס*, דער ערשטער אַרויסטריט פונ דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אפּ דער גאַס, אינ 1901 יאָר, איז פאָרגעקומענ אינ *כאַרקאָוו*. די ערשטע גרויסע פּויערשע *אומרוענ* זײַנענ פאָרגעקומענ פרילינג 1902 יאָר אינ *פּאָלטאַווער* אונ *כאַרקאָווער* גובערניעס. דער טעאַטער פונעמ ערשטנ *אַלגעמײנעמ שטרײַק* זומער 1903 יאָר איז געווענ דאָרעמ-רוסלאַנד, ד. ה. פריער פאַר אַלצ טאַקע ווידעראַמאָל *אוקראַינע*. דער גרויסער *מיליטערישער אופשטאַנד*, די אַרויסטרעטונג פונ „פּאָטיאָמקינענ”, איז פאַרבונדנ מיט *אָדעס* אַאַוו. אַאַוו. אָבער וועגנ דעמ אַלעמ קומט אויס צו דערציילנ, ווי וועגנ מאָמענטנ פונ דער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר בכלל, ווי וועגנ מאָמענטנ פונ דער *אַלגעמײנ-רוסישער* רעוואָליוציע. אויב מע זאָל דערצו צוגעבנ, אַז די נאַציאָנאַלע לאָזונגענ האָבנ אינ דער אוקראַינישער באַוועגונג פונ 1905 יאָר קימאַט ניט געשפּילט קײנ שומ ראָליע, — עס איז בלויז אַרויסגעשטעלט געוואָרנ די פאָדערונג וועגנ אײַנפירנ די אָרטיקע שפּראַכ אינ די שולנ אונ אינעמ געריכט, ד. ה. וועגנ „נאַציאָנאַל-קולטורעלער” אויטאָנאָמיע, — די פאָדערונג פונ פּאָליטישער זעלבשטענדיקײט איז געקומענ ערשט אינ 1917 יאָר, — וועט דער לייענער מאַסקימ זײַנ, אַז אינ אַ „קורצ-געפאַסטער געשיכטע” איז שווער צו געבנ אַ באַזונדערנ אָפּטייל פונ דער אוקראַינישער באַוועגונג אינ 1905 יאָר. מע קאָנ זיכ גיכער פאָרשטעלנ אַ געשיכטע פונ דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע, וועלכע זאָל זײַנ אָנגעשריבנ פונ אוקראַינישנ שטאַנדפּונקט, דאָס איז שוינ אָבער אַנ אַרבעט פאַר אַנ אוקראַינישנ היסטאָריקער.

גאָר אַ פֿאַרקערטע לאַגע באַקומט זיך פֿאַר פּוילן און פֿאַר פֿינלאַנד. ווען דאָס דאָזיקע ביכל וועט אַרײַנפֿאַלן אין די הענט פֿון אַ לייענער, וועלכער איז געבאָרן געוואָרן נאָכן 1914 יאָר, וועט דער דאָזיקער יונגערמאַן פּשוט ניט פֿאַרשטיין, צו וואָס ווערט עס אין אַ רוסישער געשיכטע גערעדט וועגן אויסלענדישע מעלוכעס, און גראָד וועגן די. אויב דער אויטער וויל שוין ריידן וועגן די „שכנים” — דעמלט וואָלט מען געדאַרפֿט ריידן אי וועגן רומעניע, אי וועגן טערקײַ, אי וועגן פּערסיע. ווירקלעך, איצט זײַנען פֿאַר אונדז פּוילן און פֿינלאַנד ניט ווייניקער „אויסלענדישע מעלוכעס”, איידער, לעמאָשל, דײַטשלאַנד. און שווער שטעלט זיך פֿאָר יענע צײַטן, ווען וואַרשע איז געווען די ערשטע „רוסישע” שטאָט פֿאַרן רוסלענדער, וועלכער קערט זיך אום פֿון אויסלאַנד, און אין וועלכן ניט־איז העלסינגפֿאָרסער געשעפֿט פֿלעגט דער דאָזיקער רוסלענדער, נאָך אומדערפֿאָלגרײַכע פּרוּוון צונויפֿצורייד זיך אין אַ געבראָכענעם דײַטש, מיטאַמאָל דערהערן פֿון דער פֿאַרקויפֿערן, וואָס איז פֿאַרכידעשט געווען פֿון אָט די לינגוויסטישע אָנשטרענגונגען, די פֿראַגע: „און אַף רוסיש רעדט איר דען ניט?”.

אָבער ווי עס זאָלן זיך ניט האָבן אָפּגעזונדערט פֿון רוסלאַנד די דאָזיקע צוויי געוועזענע טיילן פֿון דער רוסלענדישער „אימפּעריע” פֿאַר די לעצטע 12 יאָר,— פּוילן אַפֿילע פֿאַר די לעצטע 15 יאָר, — פֿאַרנעמען זיי פּונדעסטוועגן ביידע אַ באַשטימט אָרט אין דער רעוואָליוציע פֿון 1905 יאָר. ניט אָן פּוילן, ניט אָן פֿינלאַנד קאָן מען זי זיך ניט פֿאָרשטעלן, האַגאַם פּונקט ווי די פּוילישע אָדער פֿינלענדישע רעוואָליוציעס קאָן מען ניט דערקלערן פֿון דער רוסישער, אַזוי איז אויך פֿאַרקערט— צו דערקלערן די רוסישע וועלן פּוילן און פֿינלאַנד קיין סאַך ניט געבן.

די פּוילישע רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג, אַלס אַן אַרבעטערשע באַוועגונג, האָט זיך אַ לאַנגע צײַט גערעכנט עלטער פֿון דער רוסישער. קאָלזמאַן עס זײַנען פֿאַרבליבן אין שאָטן אונדזערע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס פֿון די 1870־ער יאָרן (דער דאָרעם־רוסישער און צאָפֿן־רוסישער אַרבעטער־פֿאַרבאַנדן), איז די פּוילישע פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט” (אין די 1880־ער יאָרן) פֿאַררעכנט געווען אַלס פֿאָרגייערן פֿון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. איצט ווייסן מיר, אַז די ביידע באַוועגונגען זײַנען פֿון איין עלטער: אַנטוויקלט האָט זיך אָבער די פּוילישע אַרבעטער־באַוועגונג, אַדאַנק דעם מער אייראָפּעיִשן טיפּ פֿון דער פּוילישער אינדוסטריע און דער גרעסטער נאָענטקייט צו דער מערעוו־אייראָפּעיִשער באַוועגונג, גיכער פֿאַר דער רוסישער. די דאָזיקע גרעסערע גיכקייט פֿון דער אַנטוויקלונג האָט זיך קלאָר אַרויסגעוויזן, לעמאָשל, אין אַזאַ מין פֿאַקט: דעם 1־טן מײַ 1891 יאָר האָבן די וואַרשעווער אַרבעטער באַצייכנט דורך גאַסן־דעמאָנסטראַציעס, אין דער צײַט, ווען בײַ די פּעטערבורגער האָט קוים געקלעקט קויכעס אַף אַ זייער קאָנספּיראַטיווער פֿאַרזאַמלונג פֿון אַ מאָל הונדערט. אין דער צײַט, ווען אין פּעטערבורג, אין אָנהייב 1905 יאָר, האָט דער גרויספֿירשט וולאַדימיר מיט אַ ביקס־שיסערײַ פֿאַרטריבן אין דער רעוואָליוציע די אַרבעטער, וועלכע זײַנען געגאַנגען מיט אַן אונטערטעניקער באַקאָשע צים קייסער, איז שוין וואַרשע געווען אַרומגעכאַפּט מיט אַ העלער פּאָליטישער באַוועגונג, און אַף דער צעשיסונג פֿון 9־טן יאַנוואַר האָט דער וואַרשעווער פּראָלעטאַריאַט געענטפֿערט מיט אַן איינמוטיקן שטרײַק און גאַסן־מאַניפֿעסטאַציעס, וואָס האָבן זיך געענדיקט מיט אַ צעשיסונג, וועלכע איז געווען קלענער בלויז פֿאַר דער פּעטערבורגער. ביז אָקטיאַבער 1905 יאָר האָט וואַרשע פֿיר מאָל געזען אַן אַלגעמיינעם שטרײַק — און יעדעס מאָל פֿלעגן די כוואַליעס פֿון דער רעוואָליוציאָנערער

באוועגונג אופשטײגנ אזוי הויכ, אז די צארישע אדמיניסטראציע פלעגט זיי בײקומענ נאר מיט דער הילפ פונ אפענער קראפט.

צומ באדויערנ, האט די צארישע אדמיניסטראציע גראד פונ דער זײט געהאט אינ פוילנ גרויסע פארצוגנ. אלס א גרענעצ-געגנט איז פוילנ געווענ איבערגעפולט מיט מיליטער. דערבײ האט זיכ די צארישע רעגירונג זייער אפגעהיט צו אנפילנ דאס מיליטער מיט רעקרוטנ פונ דער ארטיקער באפעלקערונג. די רעקרוטנ-פאליאקנ פלעגט מענ שיקנ דינענ ווו איר ווילט — אינ סיביר, אפ קאווקאז, אבער אינ פוילנ פלעגט מענ זיי ניט איבערלאזנ; אפיצערנ-פאליאקנ האבנ אויכ קיינ רעכט ניט געהאט צו דינענ אינ זייער היימלאנד. די רוסישע פאלקנ, וועלכע זײנענ געשטאנענ אינ פוילנ, פלעגט אנגעפילט ווערנ מיט גרויס-רוסנ, אוקראינער, טאטערנ, עס איז געווענ פיל קאזאקנ, אונ דער גארניזאנ פונ ווארשע גופע איז, לויט זײנ סאציאלנ באשטאנד, געווענ זייער נאענט צומ פעטערבורגער: אינ ווארשע איז געשטאנענ א טייל פונ דער צארישער גוואדריע. די באוועגונגענ, וועלכע פלעגנ אופקומענ אינעמ מיליטער אויכ דא, פלעגנ געוויינלעכ ניט זײנ פארבונדנ מיט די ארטיקע רעוואליוציאנערע ארגאניזאציעס אונ פלעגנ פארבלײבנ אבסאליוט פרעמד דער פוילישער רעוואליוציע.

די פוילישע רעוואליוציע האט, צוליב דער גאנצער היסטארישער סיטואציע, אומפארמיידלעכ געמוזט טראגנ אונ האט ווירקלעכ געטראגנ א שטעמפל, וועלכער האט זי שארפ אויסגעטיילט פונ דער רוסישער רעוואליוציאנערער באוועגונג: אינ פוילנ זײנענ פאר אלע קליינבירגערלעכע רעוואליוציאנערע גרופעס אונ פאר א באדײטנדיקנ טייל פונעמ פראלעטאריאט אפנ ערשטנ ארט געשטאנענ די *נאציאנאלע לאזונגענ*, קורדעמקאל, די לאזונגענ וועגנ באפרײענ פוילנ פונ דער רוסישער הערשאפט. אויכ אינ פוילנ איז געווענ אנ אינטערנאציאנאליסטישע ארבעטער-ארגאניזאציע—„די סאציאל-דעמאקראטיע פונ פוילנ אונ ליטע" (פארקירצט פסד), אבער די ווירקונג אפ די ארבעטער האט בא איר באשטריטנ די „פוילישע סאציאליסטישע פארטיי" (פארקירצט פפס). אונ צווישנ דער קליינבורזשואזיע האט די פפס אינגאנצנ געהערשט. פאר די „פעפעעסאווצעס", די פאקטישע שעפער פונעמ איצטיקנ בורזשואזנ פוילנ, איז דאס פארטרײבנ די „מאסקאלנ" געשטאנענ אפנ ערשטנ פלאנ. זייער ווירקונג איז געווענ באזונדערס ערנסט דערמיט, וואס פוילנ האט, צומ אונטערשייד פונ רוסלאנד, געהאט א מעכטיקנ שיכט שטאטישע קליינבורזשואזיע, אפ וועלכנ עס האט זיכ געהאלטנ דער אופשטאנד פונ 1863 יאר אונ וועלכער האט אנגעשטעקט מיט זײנ אידעאלאגיע די נאענטע צו אימ שיכטנ פוילישע ארבעטער. ווענ די רעוואליוציע האט געליטנ א מאפאלע, איז דער נאציאנאליזמ געווענ דאס לעצטע, וואס איז פארבליבנ פונ איר באמ פוילישנ קליינבירגער, אונ ער האט זיכ א וויג געטאנ צומ איינגארטיקנ פוילישנ „אקטיאביזמ". צו דער פארטיי „נאראדאווע דעמאקראטי," („פאלק-דעמאקראטנ", — אפנ פאשעטנ לאשנ, — „ענדעקעס"), בא וועלכע עס האט זיכ קאמבינירט א פארביסענער האס צומ סאציאליזמ מיטנ לאזונג פונ אומאפהענגיקײט פונ פוילנ אונ מיט אנטיסעמיטיזמ.*

די אויסערלעכע סיטואציע, אינ וועלכער עס איז אויסגעקומענ צו קעמפנ די פוילישע רעוואליוציאנערע פארטייענ, איז געווענ אנ אנ ערעכ שווערער פאר דער

* אויספירלעכער וועגנ די אינערלעכע פוילישע פארהעלטענישנ וועט אונדז אויסקימענ צו ריידנ אינ צוזאמענהאנג מיט סטאליפינס פאליטיק אונ מיט דער אימפעריאליסטישער מילכאמע.

רוסישער. פוילנ פלעגט קימאט ניט ארויסגיינ פונ „קריג-צושטאנד". טויט-שטראָפנ
אָנ א געריכט, וועלכע צענטראל-רוסלאנד האָט געזענ בלויז אינ דעקאבער 1905
יאָר, זײַנענ דאָ געווענ א געוויינלעכע דערשײַנונג, אונ דער ווארשעווער גענעראל-
גובערנאטער פלעגט אפילע דערווײַזנ, אז ער האָט אפ דעמ „רעכט". ווענ עס פלעגט
אופקומענ די פראגע וועגנ אָפּשאפנ דעמ קריג-צושטאנד, פלעגט דער זעלבער גענע-
ראל-גובערנאטער מעלדנ, אז דעמלט האָט ער קיינ אנדער בריירע ניט, ווי דערלאנ-
גענ אינ דעמיסיע, — אזוי איז ער געווענ צוגעוווינט צומ דאָזיקנ „צושטאנד". די
ווארשעווער „אָכראנקע" איז אינ הילכעס פײַניקונגענ בארימט געווענ אפ דער
גאנצער „אימפּעריע" — דאָס ערשטע אָרט האָט בא איר געקאָנט באשטרײַטנ בלויז
די ריגער.

בא דער גרויסער פּאָליטישער באוווסטזיניקײַט פונ דער באוועגונג האָט דאָס
אלצ געמוזט פירנ צו א גוואלדיקער פארשארפונג פונ איר פאָרמ. עס איז קיינ סאָ-
פעק ניט, אז אויב אינ פוילנ וואָלטנ געווענ די אויסערלעכע באדינגונגענ פונ 1863
יאָר (ווענ פרײַסנ האָט זיכ גערעכנט פאר דעמ זיכערסטנ פארבינדעטנ, אונ די
פרײַסישע גרענעצ האָט מענ קימאט ווי ניט געהיט), וואָלט זיכ די באוועגונג דאָרט
אויסגעגאָסנ אינ דער פאָרמ פונ אנ עמעסנ באוואָפנטנ אופשטאנד. אָבער זינט דעמ
אײַנרײַס מיט דײַטשלאנד, צומ סאָפ פונ די 1880-ער יאָרנ, זײַנענ אינ פוילנ גע-
שטאנענ 400 טויזנט רוסישע סאָלדאטנ, אונ זיי זײַנענ געווענ צעשפּרייט איבערנ
גאנצנ לאנד אינ אזא גרויסער צאָל, אז דער פרווו צו בילדנ „באנדעס" וואָלט דער-
שטיקט געוואָרנ באמ סאמע געבאָרנ ווערנ. די ענערגיע פונ א באוואָפנטנ אופ-
שטאנד, וועלכער האָט ניט געפונענ קיינ פארקערפּערונג פאר זיכ, פלעגט זיכ אָנ-
זאמלענ אינ די ארבעטער-מאסנ אונ צעשטויבט ווערנ אינ ט ע ר אָ ר, — אינ פראט
פונ טעראָריסטישע אטענטאטנ האָט פוילנ ווײַט געהאַט איבערגעשטיגנ רוסלאנד,
ווו זיי זײַנענ פונדעסטוועגנ אינ מעשעכ פונ 1905 יאָר געוואָרנ א טאָגטעגלעכע
דערשײַנונג.* אָבער דער טעראָר האָט אויכ דאָ, ווי אומעטומ, אליינ פאר זיכ ניט
געקאָנט געבנ קיינע שומ רעזולטאטנ — ער האָט בלויז געקאָנט פארגרעסערנ בא
דער מאכט די פאניק, וועלכע איז געשאפנ געוואָרנ דורכ דער מאסנ-באוועגונג. אז
די באוועגונג פלעגט זיכ ניט אײַנגעבנ, פלעגט די מאכט אופגעמונטערט ווערנ, אונ
די טעראָריסטישע אטענטאטנ, וועלכע פלעגנ, בא זייער גאנצער אָפטקײַט, דאָכ ניט
שטארק שיטער מאכנ אירע רייענ (נאָכ פלעוועס טויט פונ אנ עסערישער באָמבע
איז קיינ איינ אינערנ-מיניסטער פאר דער גאנצער צײַט פונ דער רעוואָליוציע ניט
געפאלנ אלס קאָרבנ פונ אנ אטענטאט; דער פרווו צו דערהארגענענ דעמ מאָסקווער
גענעראל-גובערנאטער דובאסאָוו האָט זיכ געענדיקט מיט א דורכפאל — ער איז
בלויז פארוווּנדעט געוואָרנ, — אינ פארנ אטענטאט אפ אימ האָבנ באצאָלט מיטנ
לעבנ עטלעכע טעראָריסטנ, דער אָרגאניזאטער פונעמ 9-טנ יאנוואר, דער גרויספירשט
וולאדימיר ראָמאנאָוו האָט אפילע קיינ שראמ ניט באקומענ; פארנ פרווו אופצו-
רײַסנ סטאָליפּינענ האָבנ באצאָלט מיטנ לעבנ פיל מענטשנ, אָבער ער איז געבליבנ
גאנצ אאוו. אאוו.), פלעגנ בלויז געבנ א מאָראלישע בארעכטיקונג די אכזאָריעסנ,
וועלכע זי פלעגט באגיינ. „מיט אונדז צערעמאָניעט מענ זיכ ניט, איז וואָס וועלנ
מיר זיכ צערעמאָניענ". אינ פוילנ האָט ניט געקאָנט זײַנ אנדערש, ווי אינ רוס-

* בלויז פאר אפּרעל אונ מײַ פונעמ דאָזיקנ יאָר איז אינ רוסלאנד געווענ 116 אטענ-
טאטנ אפ פארשיידענע פאָרשטייער פונ דער אדמיניסטראציע, דערבײַ זײַנענ 42 מאנ פונ זיי דער-
הארגעט געוואָרנ אונ 62 פארוווּנדעט.

לאַנד: דער פּוילישער טעראָר פּלעגט געבנ אַנ אויסוועג דעמ אָנגעזאַמלטנ נעקאָמע־געפיל, פונ איינ זײַט, אונ א באַרעכטיקונג פאַר די באַגאַנגענע אַכזאָריעסנ, פונ דער אַנדערער זײַט, אָבער די רעוואָליוציע פּלעגט ער פאָרויס ניט שטויסנ. די באַוועגונג פּלעגט אויכ דאָ ווערנ שטילער, אַפּ וויפל זי פּלעגט ווערנ שטילער אינ רוסלאַנד גופע, אונ צומ סאָפּ זײַנענ די „ענדעקעס" דערגאַנגענ ביז אַנ אַבסאָליוט אומזיניקער האָפענונג — צו באַקומענ כאָטש אַנ אויטאָנאָמיע פאַר פּוילנ פונ ניקאָלײַס הענט. מיר וועלנ שפּעטער זענ, אַז אָפּנ דאָזיקנ באָדנ האָט ניקאָלײַ באַוויזנ אָפּילע צו פאַרנעמענ זיכ מיט געוויסער דעמאַגאָגיע.

פאַר דער רוסישער רעוואָליוציע איז פונדעסטוועגנ די פּוילישע באַוועגונג ניט דורכגעגאַנגענ אָנ שפּורנ. ערשטנס, איז נאָכ פאַרנ 1905 יאָר, אינ דעמ אונטערערדישנ פּעריאָד פונ דער באַוועגונג (אונ די אונטערערד האָט צוריק אויפגעלעבט נאָכנ 1907 יאָר, ווענ די באַוועגונג האָט ווידער געמוזט אַוועקגיינ אינ אונטערערד), האָט פּוילנ געדינט אַלס אַנ אויסגעצייכנטער בריק צווישנ די אויסלענדישע עמיגראַנטישע צענטערס פונ דער רעוואָליוציע אונ די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבנ געאַרבעט אינווייניק אינ רוסלאַנד. דורכ פּוילנ האָבנ געפירט די קורצסטע פאַרקער־וועגנ צווישנ רוסלאַנד אונ מערעוו־אייראָפּע. ווענ אינ פּוילנ וואָלט געווענ „שטיל אונ רויִק", וואָלט פאַר דער רוסישער פּאָליציי קיינ גרינגערע זאַכ ניט געווענ, ווי נאָכשפּירנ נאָכ די דאָזיקע וועגנ. אינ פּוילנ איז אָבער דער רוסישער רעוואָליוציאָנער פונ אַלע זײַטנ געווענ אַרומגערינגלט מיט אַזאַ פרײַנטלעכער, מיטפילנדיקער אַטמאָספער, ער פּלעגט אַזוי גרינג געפינענ דאָרט א מעגלעכקײַט אַריבערצופּעקלענ זיכ קיינ אויסלאַנד אָדער פונ אויסלאַנד קיינ רוסלאַנד, אַריבערפירנ א טראַנספּאָרט מיט ליטעראַטור אד"ג., אַז די פּוילישע באַוועגונג האָט געטאָנ דער רוסישער א כאַוועריש טויווע ניט אָפּצושאַצנ. פונ דער אַנדערער זײַט, פּלעגט די פּוילישע באַוועגונג, וועלכע איז גיכער רײַפ געוואָרנ, וועלכע איז ענגער פאַרבונדנ געווענ מיט מערעוו־אייראָפּע, געבנ אויסגעהאַלטענע רעוואָליוציאָנערנ־מאַרקסיסטנ, וואָס האָבנ געשפּילט א ראָליע אויכ אינ דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, — אָבער דורכ פּוילנ פלעגנ זיי זײַנ ענג פאַרבונדנ אויכ מיט רוסלאַנד. עס איז גענוג אָנצורופנ ראָזע ליוקסעמבורג, וועלכע איז דערצויגנ געוואָרנ אינ איינער פונ די וואַרשעווער גימנאַזיעס, וועלכע האָט גערעדט רוסיש בעסער פונ אַנ אַנדער רוס. שפּעטער האָט זיכ אַזאַ מינ צוזאַמענבונד פונ דער פּוילישער באַוועגונג מיט דער רוסישער נאָכ מער פאַרשפּרייט, אונ רוסלאַנד האָט באַקומענ פונ פּוילנ א ריי אָנגעזעענע רעוואָליוציאָנערנ: וועגנ דעמ פאַרשטאָרבענעמ כאַווער דזערזשינסקי ווייסנ אַלע.

די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג אינ פ י נ ל א נ ד האָט געהאַט מיט דער פּוילישער געמיינזאַמס דאָס, וואָס אויכ זי איז געווענ שאַרפּ פאַרשפּיצט אינ דער זײַט פונ נ א צ י אָ נ א ל ע לאָזונגענ. אויכ די פינלענדער* האָבנ אינ זייער קלייגבירגערלעכער מאַסע (אונ זי איז דאָ געדיכטער אונ שטאַרקער פאַר דער פּוילישער) אינ דער ערשטע ריי געקעמפּט קעגנ דער זעלבסטהערשונג פאַר נ א צ י אָ נ א ל ע ר אומ־אָ פּ ה ע נ ג י ק ײַ ט. זיי איז דאָס געווענ גרינגער, איידער די פּאָליאַקנ, ווײַל געוויסע ר ע ש ט נ פונ דער דאָזיקער אומאָפּהענגיקײַט זײַנענ בײַ זיי נאָכ געווענ. בײַכ אַלעקסאַנדער I האָט פאַראייניקט פינלאַנד אינ 1809־טנ יאָר, האָט ער זיכ

* עס קומט אויס צו באַנוצנ דעמ דאָזיקנ טערמינ, ווײַל די פינ־נ לעבנ ניט בלויז אינ פינלאַנד, אונ אינ פינלאַנד זײַנענ פאַראַנ, אַכוצ די פינענ, שוועדנ אָפּנ דאָרעמ אונ מײַרעוו אונ לאַפּאַרנ אָפּנ צאָפנ.

שוינ געגרייט צו דער מילכאָמע מיט נאפּאָלעאָנענ (אינ 1812־טנ יאָר) אונ האָט מער פונ אלצ געזאָרגט וועגנ באשיצנ דאָס הינטערלאנד פונ פּעטערבורג אונ וועגנ זיכערנ פאר זיכ א פארקער אָנ שום שטערונגענ מיט ענגלאנד דורכנ באלטישנ יאמ אונ דורכ שוועדנ. צו דעמ אלעמ איז אימ נייטיק געווענ צו האָבנ פינלאנד אפ זײנ זײט, אונ דעריבער האָט אלעקסאנדער, כעדיי „צוגעווינענ" די פינלענדער, געלאָזנ זיי פּ אָ ל י ט י ש ע א ו ו ט אָ נ אָ מ י ע. אינ פינלאנד איז געווענ עפּעס א מינ קאָנסטיטוציע, האגאמ, עמעס, פונ זייער א פארעלטערטנ, מיטלאלטערלעכנ מינ: עס איז געווענ א שטאנדנ־ס י י מ. אינ די געריכטנ, אינ דער אָרטיקער פארוואלטונג, אינ דער שול, אינ קלויסטער האָבנ געהערשט די אָרטיקע שפּראכנ, טכילעס בלויז די ש וו ע ד י ש ע, די אָפיציעלע שפּראכ פונ פינלאנד ביז די רוסנ האָבנ עס דעראָבערט, דערנאָכ האָט די רוסישע רעגירונג, ניט אָנ דעמאגאָגישע צילנ (צעטייל אונ הערש!) געגעבנ בירגער־רעכט אויכ דער פ י נ י ש ע ר ש פּ ר א כ — דער שפּראכ פונ דער איבערוועגנדיקער מערהײט דאָרפישער באפעלקערונג. לעסאָפ, האָט פינלאנד פאקטיש געהאט אויכ אנ אייגנ מ י ל י ט ע ר. עמעס, עס האָט ניט געבילדעט קיינ באזונדער ארמיי מיט א באזונדערער מיליטערישער פארוואלטונג, אָבער די רוסישע פּאָלקנ, וועלכע זײנענ געשטאנענ אינ פינלאנד, פלעגנ אָנגעפילט ווערנ מיט אָרט־געבוירטיקע, אונ זייער קאָמאנדירנ־באשטאנד איז אויכ געווענ א טוישעוודיקער (דעריקער א שוועדישער). אויסער פינלאנד האָבנ די פינלענדער ניט געדינט.

פונ דער דאָזיקער זײט איז טאקע אריבער אינ אָנגריפ קעגנ זיי ניקאָלײ II, אונטערגעשטויסנ פונ זײנ קריג־מיניסטער קוראָפּאטקינענ. אפ עפּעס מאגיעוורעס האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז די פינלענדישע סאָלדאטנ פארשטייענ ניט די רוסישע קאָמאנדע. נײנציק יאָר איז אזוי געווענ, רוסלאנד האָט פאר דער צײט געפירט מילכאָמעס, אינ וועלכע עס פלעגנ זיכ באטייליקנ אויכ די פינלענדער (די קרימער, למעשל; אינ 1877 יאָר איז קיינ בולגאריע געגאנגענ אויכ דער פינלענדישער גווארדיע־באטאליאָנ), אונ קיינער האָט דערינ ניט אײנגעזענ קיינ אומגליק. דאָ איז מענ אָבער מיטאמאָל געקומענ צומ סייכל, אז דאָס איז שרעקלעכ געפערלעכ אינ פאל פונ א מילכאָמע, אונ אָט האָט מענ אינ 1899 יאָר איבערראשט די פינלענדער מיט א געזעצ, לויט וועלכנ זיי דארפנ אָפּקומענ מיליטער־פליכט אינ רוסלאנד צוגלײכ מיט אלע אונטערטאנענ פונעמ קייסער. מע קאָנ זיכ פאָרשטעלנ, וואָס עס האָט באטײט פארנ פינישנ פויער, וועלכער האָט קיינ איינ וואָרט רוסיש ניט פארשטאנענ, ארײנצופאלנ מיטאמאָל אינ א רוסישער קאזארמע ערגעצ־ווו אינ טולע אָדער אינ סאראטאָוו. שוינ אָפּגערעדט וועגנ דעמ קאָלאָסאלנ פּרינציפּיעלנ באטײט פונ אָט דעמ געזעצ, וועלכנ די פינלענדער האָבנ ניט לאנג געטראכט, צוגעגעבנ א באטײט פונ א „מעלוכע־איבערקערעניש", דורכ אימ איז פארניכטעט געוואָרנ דער גרונט־סימענ פונ פּאָליטישער אווטאָנאָמיע.

דער רעזולטאט פונעמ געזעצ איז געווענ אזא, אז אפנ צווייטנ יאָר איז קיינ איינ פינלענדער ניט געקומענ צומ פּריזיוו. עס האָט זיכ אָנגעהויבנ דער באריממטער „פאסיווער ווידערשטאנד". אינעמ קאמפ קעגנ אימ האָט די צארישע רעגירונג ביסלעכווײז צעבראָכנ אלע רעשטנ פונ דער אווטאָנאָמיע אונ האָט זיכ בלויז ניט אנטשלאָסנ אײנצופירנ די רוסישע שפּראכ אינ דער שול אונ אינעמ געריכט (אינ פּאָטשט אונ אפ דער אײזנבאנ זײנענ אלע געווענ מעכויעוו צו פארשטיינ רוסיש). מיט איינ וואָרט, די פינלענדער האָט מענ דערווײל איבערגעלאָזנ א ק ו ל ט ו ר ע ל ע אווטאָ־

נאָמיע, אָבער די רוסלענדישע נאַציאָנאַליסטנ האָבנ געגעבנ צו פאַרשטיינ, אַז דאָס איז אויכ בלויז „דערוויל", אַז דאָס ענדגילטיקע פאַרוסישנ פינלאַנד איז נאָר אַ פראַגע פונ צײַט; אַלס פּראַט, איז ספּעציעל אַרויסגערוקט געוואָרנ דער פּראָיעקט דירעקט צו פאַרייניקנ מיט דער „אימפּעריע" די וויבאָרגער גובערניע, די נאָענט-סטע צו פּעטערבורג.

דער קאַמפּ, וועלכער איז אָנגעהויבנ געוואָרנ אָנ שומ גרונט, פונעמ שטאַנד-פּונקט פונ די אינטערעסנ פונעמ צאַריזמ,—ווײַל די פינלענדער זײַנענ ביז דעמלט געווענ מוסטערהאַפטע „טרײַע-אונטערטאַנענ", — איז געוואָרנ אַלצ פאַרביטערטער; פונעמ „פּאַסיווג" ווידערשטאַנד האָט די לאָגיק געפירט צו אַנ „אַקטיווג". אינ יונ 1904 יאָר איז דערהאַרגעט געוואָרנ דער פינלענדישער גענעראַל-גובערנאַטער באָב-ריקאָוו, וועלכער איז געשיקט געוואָרנ דורכצופירנ די נײַע פּאָליטיק.

אָבער די דאָזיקע פאָרמ פונ באַוואָפנטנ קאַמפּ — דער טעראָר — האָט זיכ אינ פינלאַנד ניט צוגענומענ: אַכוצ דער דערמאָרדונג פונ באָבריקאָוו, איז דאָ פאַר דער גאַנצער צײַט פונ דער רעוואָליוציע באַגאַנגענ געוואָרנ בלויז איינ טעראָריסטי-שער אַטענטאַט. אינ פאַרבינדונג מיטנ וווּקס פונ דער פינלענדישער אינדוסטריע, איז דאָ גיכ געוואַקסנ דער פּראָלעטאַריאַט (דורכויס אַ פינישער לויט דער שפּראַכ) אונ עס האָט זיכ אַנטוויקלט די אַרבעטער-באַוועגונג. אינ 1903 יאָר האָט זיכ אויס-געבילדעט די פינישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. דער אַוואַנגאַרד פונ דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג איז געוואָרנ טאַקע די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַר-טיי, אונ ניט די שוועדיש-פינלענדישע „אַקטיוויסטנ", וואָס זייער הויפּט-אויפגאַבע איז פאַרבליבנ דאָס דערמאָרדנ באָבריקאָוו. די אַרבעטער-באַוועגונג איז דאָ ווי אינ פוילנ, ניט פאַרבליבנ אויפ דער עקאָנאָמישער סטאַדיע, נאָר זי איז גיכ איבערגעגאַנ-גענ אינ אַ פּאָליטישער, אונ שוינ אינ אָקטיאַבער 1905 יאָר איז דאָ געווענ מעג-לעכ דאָס, וואָס עס האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ צו פאַרווירקלעכנ אינ רוסלאַנד גופא אינ דעקאַבער — אַ באַוואָפנטער מאַסנ-אויפשטאַנד.

אינ פינלאַנד זײַנענ געווענ אויסשליסלעכ גינסטיקע באַדינגונגענ דערצו. אינ דעמ וואַלדיקנ פינלאַנד איז יעדער פויער אַ יעגער אונ קאָנ זיכ אויסגעצייכנט באַ-גייג מיט אַ ביקס; ביימ דער דעראָבערונג זײַנענ די פינישע פּאַרטיזאַנער געווענ פאַר די רוסנ עפּשער געפערלעכער, איידער די שוועדישע אַרמיי. דער קאָלאָסאַלער יאַמ-גרענעצ, וואָס היטנ אימ וואָלט שווער געווענ אפילו פאַר אַ פלאָט אַ בעסערנ פאַרנ דעמאָלטיקנ רוסישנ, האָט זייער פאַרגרינגערט דאָס קאָנטראַבאַנדישע אַרייַנפירנ גע-ווער, עטלעכע דאַמפּערס האָבנ זיכ ספּעציעל מיט דעמ פאַרנומענ, אונ די רוסישע טאַמאָזשנע-קרייסערס פלעגנ זיכ זעלטנ ווענ אײַנגעבנ צו כאַפּנ זיי. אינ קעגנזאַצ צו פוילנ איז רוסיש יאַבאָשע-מיליטער אינ פינלאַנד געווענ זייער ווייניק; דער נאָענטסטער שאָכנ, שוועדנ, האָט שוינ לאַנג געהאַט פאַרלאָרנ די באַדײַטונג פונ אַנ ערנסטנ מיליטערישנ קעגנער, אונ פאַרוועטנ מיליטער אויפ באַשיצנ זיכ קעגנ אימ האָט ניט געלוינט. דער פלאָט ווידער, וואָס פאַר אימ איז די הויפּטשטאָט פונ פינ-לאַנד, העלסינגפאָרס, געווענ איינער פונ די הויפּט-האַפנס, איז געווענ אַזוי גע-שטימט, אַז מע האָט גיכער געדאַרפט מוירע האָבנ, אַז ער וועט צושטיינ צומ אויפ-שטאַנד, איידער האָפנ, אַז ער וועט אימ דערשטיקנ. צולעצט, דער לעצטער באַדינג: די פינישע שפּראַכ, וועלכע האָט נאָכ אַלצ געהערשט איבער אומגאַנג פונ די מאַסנ, איז געווענ אַ פעסטער פאַרהאַנג, וועלכער האָט אָפּגעטיילט דעמ רוסישנ זשאַנדאַרמ פונעמ אָביעקט, נאָכ וועלכנ ער פלעגט דאַרפנ נאָכשפּירנ אינ פינלאַנד — אַז

שווערדיש פלעגט ער נאָכ ווי ס'גיט איז פאַנאַנדערקלײַבנ זיכ, אָבער אפ פיניש האָט מענ אימ געמעגט אונטער דער נאָז א געשריי טאָנ „אראָפּ די זעלבסטהערשונג!”, וואָלט ער בלויז געגלאָצט מיט די אויגנ.

אדאנק די דאָזיקע אַלע באַדינגונגענ, האָט זיכ די פינענ אײַנגעגעבנ צו אָרגאַניזירנ זיכ אונ באַוואָפענענ זיכ אַזוי, ווי דאָס איז ניט געווענ אינערגעצ אפנ גאַנצנ שעטעכ פונ דער „אימפּעריע”. אונ ווענ דער נײַער גענעראַל־גובערנאַטער, וואָס איז צוגעשיקט געוואָרנ אפ באַבריקאָווס אָרט, פּירשט אָבאָלענסקי (דער זעלביקער, וואָס האָט אַזוי ענערגיש געשמיסנ די פּאָלטאַווער אונ כאַרקאָווער פּויערים אינ 1902 יאָר), האָט דערזענ פאַר זיכ א דורכוויסיקע מאַסע באַוואָפנטע ארבעטער אונ פויערים, האָט ער קיינ אנדער ברירע ניט געהאַט, ווי קאַפּיטולירנ. לויט זײַנ פאָדערונג, האָט ניקאָלײַ אינ אָקטיאַבער 1905 יאָר אונטערגעשריבנ א באַפעל, וואָס לויט אימ איז ניט נאָר צוריק אופגעשטעלט געוואָרנ די פינלענדישע פּאָליטישע אווטאָנאָמיע (אכוצ, פונדעסטוועגנ, דער אַרמיי!), נאָר אויכ דער מיטלאַלטערלעכער סיימ איז פארביטנ געוואָרנ אפ א פאָרזאמלונג, וועלכע ווערט אויסגעקליבנ אפנ יעסאָד פונעמ רוסישנ „פּירעק”. די אַרמיי איז צוריק ניט אופגעשטעלט געוואָרנ, אָבער דער פּראָלעטאריאַט איז פארבליבנ אונטער דער ביקס אונ ער האָט צומ ערשטנ מאָל אינ דער געשיכטע פונ דער רוסישער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אויסגעבילדעט א ר ו י ט ע ג וו א ר ד י ע.

די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט זיכ געהאַלטנ ביז יול 1906, ווענ זי איז צעקלאַפּט געוואָרנ אינ צוזאַמענהאַנג מיטנ דערשטיקנ דעמ סוועאַבאָרגער אופשטאַנד, באַמ אָנטייל פונ דער ווײַסער ג וו א ר ד י ע, וואָס די שווערדישע בורזשואַזיע פונ העלסינגפאָרס האָט אָרגאַניזירט. די ביידע נעמענ שטאַמענ פונ יענער צײַט.

די צוריק אופגעשטעלטע אַווטאָנאָמיע האָט זיכ געהאַלטנ נאָכ לענגער: פאַקטיש האָט זיכ ניקאָלײַ אײַנגעגעבנ צעברעכנ זי ערשט אינ 1909 יאָר (טײלווײַז האָט מענ אָנגעהויבנ ברעכנ זי שוינ פונ 1907 יאָר). די דאָזיקע אווטאָנאָמיע האָט אויכ איצט געשפּילט די ראָליע פונ אַנ אומפארבײַטלעכנ אריערגאַרד, אָבער שוינ פאַר דער רוסישער רעוואָליוציע. אפ דער פינלענדישער טעריטאָריע, וועלכע האָט זיכ אָנגעהויבנ אפ א מעהאַלעכ פונ 50 מינוט פאָרנ פונ פּעטערבורג, פלעגט אומגעשטערט דורכגעפירט ווערנ אַלצ, וואָס עס איז געווענ „אפנ שטרענגסטנ אויפנ פארווערט” אינ דער „אימפּעריע”: צוזאַמענפאָרנ פונ די פּראָפעסיאָנעל־פּאָליטישע פארבאַנדנ, קאָנפערענצנ פונ רעוואָליוציאָנערע פּאַרטייענ, זיצונגענ פונ רעוואָליוציאָנערע קאָמיטעטנ, דאָס דרוקנ רעוואָליוציאָנערע ליטעראַטור אאַוו. אאַוו. ערשט צומ סאָפ 1907 יאָר האָט סטאָליפּינס רעגירונג באַשלאָסנ צו פארמעסטנ זיכ אפ דער דאָזיקער באַזע פונ דער רוסישער רעוואָליוציע, אונ בלויז פונ 1909 יאָר האָט די אווטאָנאָמיע פונעמ פינלענדישנ פאָלק אופגעהערט צו געבנ א מאָקסימ־מיקלעט די רוסישע רעוואָליוציאָנערנ. די אווטאָנאָמיע איז פאַקטיש באַשיצט געוואָרנ אויסשליסלעכ מיט די ביקסנ פונ די פינישע ארבעטער אונ פויערים. אַזוי פעסט זײַנענ געווענ די רעזולטאַטנ פונ א באַוואָפנטנ אופשטאַנד דאָרט, ווו עס האָט זיכ אימ אײַנגעגעבנ צו אָרגאַניזירנ, זאָל אפילע זײַנ אפ אַ ענגנ שעטעכ פונ איינעמ פונ די ווינקעלעכ פונ דער ראָמאַנאָווישער „אימפּעריע”.

די פּוילישע אונ פינלענדישע רעוואָליוציעס זײַנענ ניט געווענ, ווי מיר זעענ, אָ ר ג א נ י ש, דורכ אַ ענגנ אינערלעכנ צוזאַמענבונד, פארבונדנ מיט דער רוסישער רעוואָליוציע, אויב מע זאָל ניט רעכענענ דאָס, וואָס די אָנפירנדיקע ראָליע

אין ביידע האָט געשפּילט דער פּראָלעטאַריאַט, און וואָס די פּראָלעטאַרישע באַוועגונג פון דער גאַנצער וועלט איז פאַרייניקט דורך אַן ענגן צוזאַמענבונד. אָבער אַלס בורזשואַזע רעוואָלוציעס, האָבן די פּוילישע און פינלענדישע געקאָנט אַפילו זײַן געווענדט קעגן דער רוסישער, און דאָס האָט זיך טאַקע געטראָפן אין אונדזערע צײַטן. זייער צוזאַמענבונד מיט דער באַוועגונג פון צענטראַל-רוסלאַנד איז מער געווען אַן אויסערלעכער. די רעוואָלוציע האָט אויפגעוועקט דעם גאַנצן האַס קעגן די „ראָמאַנאָווס". צוליב מיטן האַס צום רוסישן קייסער, זײַנען ניט ווייניקער געווען פאַרדינט אויך דער האַס צום „פּוילישן צאַר" און צום „פינלענדישן גרויספירשט".

מיט קאַווקאַז פאַלן מיר אַרײַן אין אַ שטראָם פון רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וועלכער איז שוין אַ סך מער אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער רוסישער רעוואָלוציע. קידעמקאָל איז אין קאַווקאַז, צווישן אַ נאַטור, וועלכע איז ווייניקער פון אַלץ ענלעך צו דער רוסישער און אַפילו ביכלאַל צו דער אייראָפּעיִשער, אויסגעוואַקסן איינער פון די צענטערס פון דער אַלגעמיין-רוסישער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג, וועלכער האָט געשפּילט אין איר אַ ראָליע, וואָס גרעסער פון איר וועלן מיר, עפּשער, ניט געפינען אין רוסלאַנד גופא, אויסער פעטערבורג, דעם צענטראַלן אינדוסטריעלן ראַיאָן און אוראַל — דאָס איז באַקו. ארום די ערשטע נאַפט-געווערבן, וואָס זײַנען געעפנט געוואָרן אין די גרענעצן פון דער „רוסלענדישער אימפּעריע", איז אויסגעוואַקסן אַ קאָלאָסאַלע שטאָט מיט אַן אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-באַפעלקערונג, ווו עס זײַנען געווען פאַרגעשטעלט אַלע פעלקערשאַפטן פון קאַווקאַז, אָבער גראָד דער אַמערסטן קוואַליפיצירטער שיכט איז דאָרט געווען דער אַלגעמיין-רוסישער. באַקו האָט גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין דעם דאָרעמדיקן אַלגעמיינעם שטרײַק פון 1903 יאָר. אַזוי ווי די האַנאַכעס, וועלכע די אונטערנעמער האָבן דעמאָלט צוגעזאָגט, זײַנען ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן, האָט זיך דער שטרײַק באַנײַט אין דעצעמבער 1904 יאָר. די נײַע אָפּנאַרערײַען פון די אונטערנעמער האָבן אַרויסגערופן נײַע אויפרײַסן, וועלכע האָבן זיך געענדיקט מיט אַ גראַנדיעזן פּאָגראָם און מרייפע אין אויגוסט 1905 יאָר, וועגן וועלכע מיר האָב שוין אויבן דערמאָנט; ווי־אַזוי דאָס האָט זיך אָפּגערופן אַפ דער אינערלעכער רוסישער באַוועגונג, איז אונדז שוין באַוווּסט.

דורך באַקו, ווו עס זײַנען, ווי כאָטש איבער, געווען פאַרגעשטעלט אין פאַרשיידענע באַדינגונגען מוסטערן פון דער באַפעלקערונג פון גאַנץ קאַווקאַז, איז קאַווקאַז געווען, אַזויאַרום, פאַרבונדן מיט דער אַלגעמיין-רוסישער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג. אָט פאַרוואָס, ביים מע רעדט וועגן דער קאַווקאַזער רעוואָלוציע, מיינט מען דערמיט געוויינלעך ניט באַקו, נאָר דאָס לאַנד, וואָס איז אויפן ערשטן קוק געווען פיל מער אָפּגעשניטן פונעם איבעריקן רוסלאַנד דורך זײַן גאַנצער פאַרגאַנגענהייט, איידער אַפילו פּוילן אָדער פינלאַנד, און וואָס איז פונדעסטוועגן געווען פאַרבונדן מיט דער רוסישער רעוואָלוציע עפּשער ענגער, איידער זיי. דאָס דאָזיקע לאַנד איז געווען גרוזיע, ריכטיקער אַפילו, איר מערעוו-טייל, אַ קליין ווינקעלע, וואָס זײַן באַפעלקערונג האָט זיך געציילט אַפילו ניט אין די מיליאָנען, נאָר בלויז אין די הונדערטער טויזנטער, — גוריע, וואָס האָט געגעבן דער רוסישער רעוואָלוציע צוויי מוסטערן: די באָלשעוויקעס — אַן אילוסטראַציע צום לאָזונג פון אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד, די מענשעוויקעס — אַ מוסטער פון זייער „רעוואָלוציאָנערער זעלבסטפאַרוואַלטונג".

גרוזיע, א לאנד מיט גאר אנ אלטער קולטור (די גרוזישע געשיכטע הייבט זיכ אנ פונ אלעקסאנדער מוקדענס צייטנ, ד. ה. העכער טויזנט יאר פארנ אנהייב פונ די ערשטע יעדיעס וועגנ רוסלאנד), האט געהאט דאס אומגליק צו געפינענ זיכ אפנ קרייצפונקט פונ צוויי באלעבטע האנדל-וועגנ, פונ שווארצנ יאמ צומ קאספישנ און פונ אייראפע קיינ אזיע. צוליב דער דאזיקער סיבע איז איר געשיכטע א געשיכטע פונ קעסיידערדיקע אינוואזיעס און דעראבערונגענ. נאכ דעמ מאקעדאנישנ דעראבערער פלעגנ אהער קומענ אי די רוימער אי די פערסנ, אי די ביזאנצער אי די טערקנ און ווידער די פערסנ. די לעצטע צוויי מיגימ באצווינגע-האבנ אנגעמאכט באזונדערס שטארקע כורבונעס: די פערסנ האבנ צומ סאפ XVIII יארהונדערט איבערגעלאזט אינ טיפליס סאכאקל צוויי הייזער, אלע איבעריקע זיינענ פארברענט געווארנ. נאכדעמ איז שוינ רוסלאנד ניט אויסגעקומענ איינצונעמענ גרוזיע — דאס צארישע מיליטער האט זי פאשעט פארנומענ (אינ 1801 יאר): די גרוזינער זיינענ געווענ צו אפגעשוואכט, זיי זאלנ קאנענ ארויסווייזנ אוועלכנ ניט איז ערנסטנ ווידערשטאנד. די צארישע רעגירונג פלעגט פארזיכערנ, אז זי האט פארנומענ גרוזיע מיט איר מיליטער, כדיי צו „באשיצנ" זי. די „באשיצער" האבנ, פארשטייט זיכ, קיינ שומ באגריפ ניט געהאט וועגנ דער גרוזישער פארגאנגענהייט, וועגנ דער גרוזישער קולטור. מיט גרוזיע פלעגט מענ פארוואלטנ, ווי מיט איינער פונ די רוסישע גובערניעס, דערביי ווי מיט א גובערניע, וועלכע געפינט זיכ אינ קריג-צושטאנד. בלויז איינ ארטיקער אנשטאלט האט זיכ ארויסגעוויזנ פולקומ פארשטענדלעכ פאר די רוסישע גענעראלנ פונ צווישנ די פריצימ: אינ גרוזיע זיינענ פארבליבנ גרויסע רעשטנ פונעמ פעאדאליזמ, עס איז געווענ א פילצאליקער אדל און לייביגנטומ. די רוסישע גענע-ראלנ האבנ מסכימ געווענ צו רעכענענ די גרוזישע אדעליקע פאר מענטשנ, הגאמ פונ צווייטנ סארט: דער פילצאליקער גרוזישער פריצישער שטאנד, וועלכער איז לויט זיינ באשטאנד זייער ענלעכ צו דער פוילישער שליאכטע, — א קליינע צאל מאגנאטנ, וועלכע האבנ באקומענ א רוסישנ פירשטלעכנ טיטל, און אנ א שיר קלייגגיטערישע אייגנטימער פונ צענדליקער העקטארנ, — איז געווארנ דער אפאראט פונ דער רוסישער פארוואלטונג, דער אפאראט, וואס מיט זיינ הילפ האבנ די רוסישע מאכטפארשטייער, וועלכע האבנ ניט געוווּסט די גרוזישע שפראכ, געקאנט „איינפירנ ארדענונג" אינ גרוזיע. די מאגנאטנ פלעגנ ווערנ רוסישע גענעראלנ און גובערנאטערס, אדער וויצע-גובערנאטערס בא די רוסנ, און די קלייגגיטערישע פלעגנ זיכ באנוגענענ מיט שטעלעס אלס פריסטאווס און אפילע אלס אוריאדניקעס.

אינ 1864 יאר איז דאס לייביגנטומ אפגעשאפט געווארנ אויכ אינ גרוזיע, אבער די גרוזישע אדעליקע האבנ דערביי אפנ ברייטסטנ אויפנ אויסגענוצט סיי זייער לאגע אינעמ קאנט, סיי די פולשטענדיקע אומוויסנקייט פונעמ רוסישנ צענטער מיקויעכ די גרוזישע פאראנדקעס. אינערגעצ האט די „באפרייונג" ניט פארדינט אזעלכע פיסלעכ, ווי דא. אייניקע רוסישע אווטערס פלעגנ אפילע פארזיכערנ, אז אינ גרוזיע איז בכלל ניט אפגעשאפט געווארנ דאס לייביגנטומ, אז עס איז בלויז עטוואס פארווייכערט געווארנ, און זיי זיינענ ניט אזוי ווייט געווענ פונ עמעס. אפ וויפל אפ די גרוזישע פויערימ איז געבליבנ ליגנ די לאסט פונ אנ א שיר מיטלאלטערלעכע פליכטנ. ערד האבנ זיי באקומענ אומגעהייער ווייניק, דורכשניטלעכ ניט מער פונ 1,5 הא אפ א הויפ. אפ די 1,4 מיליאנ הא, וואס זיינענ פארבליבנ בא די ארעליקע אינ טיפליסער גובערניע, האבנ די פויערימ באקומענ ווייניקער פונ 0,8

מיליאָנ האָ. די האכנאָסע ווידער איז, לויט די „סטאטוט-גראמעטעם", בא דער „באפרײונג" פארטײלט געוואָרנ אזוי: אינ טיפליסער גובערניע איז אפנ כײלעק פונעם גוטבאזיצער אויסגעקומענ, אינ דער פאָרמ פונ פארשײדענע אָפּצאָלונגענ, 12 רובל 38 קאָפּ. געלד פונ א העקטאר, אונ אפנ כײלעק פונעם פויער — 7 רובל 80 קאָפּ.; אינ קוטאיִסער גובערניע (די דאָזיקע צװײ גובערניעס אײנײנעם האָבנ עס געבילדעט גרוזיע) פלעגט אפנ כײלעק פונעם גוטבאזיצער אויסקומענ 15 רובל 23 קאָפּ., אפנ פויער — 12 רובל 26 קאָפּ. די פּילצאָליקע קאטעגאָריע פויערימ „אי-בערוואנדערער" (כיזאנענ) האָט גאָרניט באקומענ קײנ ערד אינ אײגנטומ, אונ דער גוטבאזיצער האָט זײ געקאָנט ארויסטרײבנ, װענ אימ װעט זיכ פארגלוסטנ.

ס'איז גאנצ פארשטענדלעכ, אז דאָס פויערטום, װאָס איז געװענ אװעקגע-שטעלט אינ אזעלכע באדינגונגענ, האָט געקאָנט דורכלעבנ נאָר מיט אויסער-דאָרפישע געװערבנ. „די קאָלאָסאלע מערהײט פונעמ גורישנ פויערטום זײ-נענ ניט קײנ זעלבשטענדיקע באלעבאטימ, דאָס זײנענ גיכער האלב פּראָלעטאריער אָדער אפילע עמעסע פּראָלעטאריער; בא אזוינע עהר-פּארהעלטענישנ, װי די, װאָס האָבנ זיכ אויסגעבילדעט נאָכנ פארניכטנ דאָס לײבײגנטומ, גיט זײער ערד-ארבע-טערשע װירטשאפט אינ בעסטנ פאל א מעגלעכקײט בלויז ניט צו שטארבנ פונ הונגער".

„אזעלכע יִשוּוימ, װי כידיסטאװי, אמאגלעבא, סורעבי, טשאָכאטאורי אונ אנד., שיקנ אָפּ דעמ גרעסטנ טײל פונ זײערע ארבעט-הענט אינ די אינדוסטריִעלע צענטערס פונ קאװקאז, הױפּטזאכלעכ אינ באטומ, פּאָטי, נאָװאָראָסיִסק. די גוריער בילדנ א באדײטנדיקנ טײל פונ די אינדוסטריִעלע ארבעטער אפנ גאנצנ ברעג פונ שװארצנ יאמ; פיל פונ זײ גײענ אויכ אפ די באקוער געװערבנ, אונ אויכ קײנ טיפליס אונ אנדערע שטעט. די נויט האָט זײ צעװאָרפנ איבער גאנצ רוסלאנד אונ האָט זײ פארטריבנ אפילע קײנ מיזרעכ-אזיע, װו זײ זײנענ פאראנ אינ דער צאָל פונ עטלעכע צענדליק טויזנט נעפאשעס".* װעגנ דער גרײס פונ אָט דער אויסער-דאָרפישער ארבעט װעלנ געבנ א באגריף עטלעכע ציפערנ: פונ אײנ גורישער דאָרף-געמײנדע פלעגנ אפ 520 „רויכנ" (הויפנ) אװעקגײנ אפ פארדינסטנ 322 מאנ, אינ א צװײטער, מיט 350 „רויכנ" — 266, אינ א דריטער מיט 473 — 300 מאנ.**

דער שכײנישער באטומ איז געװענ איבערפולט מיט גורישע ארבעטער, אונ דער גרויסער באטומער שטרײק אינ פעװראל 1902 יאָר, װעלכער האָט זיכ געענ-דיקט מיט א צעשיסונג (19 ארבעטער זײנענ דערהארגעט געװאָרנ), האָט געגעבנ דעמ ערשטנ שטויס דער רעװאָליוציאָנערער באװעגונג אינ גוריע. די פויערימ האָבנ אויכ פריִער געהאט געקעמפט קעגנ די פּריצימ מיט געװײנלעכע דאָרפישע מיטלענ: מיטנ „רויטנ האָנ", מיט אויסהארגענענ דאָס פי, מיט פיטערנ אפ די פּריצישע פעל-דער, האקנ די װעלדער. די ארבעטער, װעלכע זײנענ ארויסגעשיקט געװאָרנ פונ באטומ „אהײמ", האָבנ ארײנגעטראָגנ אהער א זינ אונ א געװיסע אָרגאניזאציע (װעגנ דער װירקונג גראָד פונ די ארבעטער װעלנ מיר נאָכ האָבנ א געלעגנהײט צו ברענגענ אינטערעסאנטע „גװיִעס-אײדעס פונ א מענטשנ, װאָס איז געװענ דער-בײ"). שוינ אינ אפּרעל 1903 יאָר פלעגט אינ די גורישע דערפער אײנגעאָרדנט

* קאלאנדאדזע אונ מכעידזע. „סקיצנ פונ דער רעװאָליוציאָנערער באװעגונג אינ גוריע".

** שאכנאזאריאנ, די פויערימ-באװעגונג אינ גרוזיע.

ווערנ הונדערטקעפּיקע מאַניפעסטאַציעס פונ פויערימ אונטער רויטע פאָנענ אונ מיט סאָציאַל-דעמאָקראַטישע לאָזונגענ. אינ יאַנוואַר פונעמ פאָלגנדיקנ יאָר איז די גורישע אָרגאַניזאַציע פאָרמעל אַרײַנגעטראָטנ אינ באַשטאַנד פונ דער פּאַרטיי. פּאָליטישע מיטינגענ זײַנענ אַפּ אַזויפיל געוואָרנ א געוויינלעכע זאַכ, אַז דאָס, וואָס די פּאָליציי האָט צעטריבנ איינעמ פונ זיי, אינ אַפּרעל 1904 יאָר, האָט אַרויסגערופנ אַנ אַלגעמיינע אויפרעגונג, ווײַל דאָס האָט אָנגערירט געוויסע שוינ דעראָבערטע רעכט. די לעווײַע פונ די פויערימ, וועלכע זײַנענ דערבײַ דערמאָרדעט געוואָרנ, איז פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ א גראַנדיעזער מאַניפעסטאַציע. אונ אינ א כוידעש אַרומ איז דער גורישער פּאָליציי אויסגעקומענ האָבנ צו טאָנ מיט א געשעעניש, ניט גאָר קיינ געוויינלעכער אינ רוסלאַנד: מיט א פ ו י ע ר י ש ע ר מ ײַ-פ ײ ע ר ו נ ג. אינ דעקאַבער פונעמ דאָזיקנ יאָר (לאָמיר דערמאָנענ, אַז דאָס איז געווענ אינ סאַמע ברענ פונ דער רוסיש-יאַפּאַנישער מילכאָמע) האָט גוריע שוינ ניט געגעבנ קיינ רעקרוטנ אונ האָט ניט געצאָלט קיינ שטײַערנ. דער 9-טער יאַנוואַר 1905 יאָר איז באַצייכנט געוואָרנ מיט שטורמישע מיטינגענ אונ מאַניפעסטאַציעס.

דעמ 18-טנ פעווראַל פונעמ זעלביקנ יאָר איז אינ גוריע דערקלערט געוואָרנ קריג-צושטאַנד. גלײַכצײַטיק איז אָבער קיינ גוריע געשיקט געוואָרנ א גובערנאַטאָרישער באַאַמטער אַפּ אויסצופאָרשנ די „פּרעטענזיעס" פונ די פויערימ. דער באַאַמטער האָט, פאַרשטייט זיכ, מיט די פויערימ זיכ ניט צונויפגערעדט — אַלס פויערשע פאָדערונגענ האָט ער באַקומענ די פּראָגראַמ-מינימומ פונ דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פּאַרטיי. דער באַאַמטער איז אַוועקגעפאָרנ, אונ די פויערימ האָבנ אָנגעהויבנ פאַרווירקלעכנ די פּראָגראַמ, „ניט וואַרטנדיק אַפּ קיינע דערלויבענישנ". עס זײַנענ איינע נאָכ דער אַנדערער פאַרברענט געוואָרנ אַלע „דאָרפישע פאַרוואַלטונגענ" (בלויז פאַר 10 טעג, פונ 1-טנ ביזנ 11-טנ מאַרט 1905 יאָר, איז פאַרברענט געוואָרנ 16 אַזעלכע פאַרוואַלטונגענ), עס זײַנענ אַרויסגעטריבנ אָדער אויסגעראָטנ געוואָרנ די פּריסטאַווס אונ די אוריאַדניקעס. די פריצימ האָבנ זיכ אונטערגעגעבנ אונ האָבנ אָנגעהויבנ שליסנ מיט די פויערימ אָפּמאַכנ, לויט וועלכע די פויערשע צאָלונגענ זײַנענ פעסטגעשטעלט געוואָרנ אינ דער גרייס פונ א צענטל פונ דער האַכנאָסע פונ דער ערד, — די פריצימ זײַנענ געווענ צופרידנ, וואָס די פויערימ זײַנענ ביכלאַל מאַסקימ צו צאָלנ... די פּרוּוונ צו דערשטיקנ די באַוועגונג מיט דער הילפ פונ קאָזאַקנ פלעגנ ניט געבנ קיינע שומ רעזולטאַטנ, ווײַל אַלע גוריער, ביז איינעמ, זײַנענ געווענ באַוואָפנט, האַגאַמ שלעכט. האָט מענ געשיקט אינפאַנטעריע אונ אַרטילעריע. אָבער אַפּ קאַווקאַז איז ניט אָנגענומענ געוואָרנ יענער פאָרזיכטיקײַט-מיטל, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט אָנגענומענ אינ פוילנ: אינ די פאָלקנ, וועלכע זײַנענ געשטאַנענ אַפּ קאַווקאַז, זײַנענ געווענ פיל אָרטגעבוירטיקע, דאָס מיליטער, וואָס איז א לאַנגע צײַט געשטאַנענ בײַ די גרענעצנ פונ גוריע, — זײַנ אָנגריפּ איז טיילווײַז פאַרהאַלטנ געוואָרנ דורכ די גוטבאַזיצער גופע, וועלכע האָבנ מוירע געהאַט, מע זאָל זיי ניט אויסקוילענ, — האָט זיכ אַרויסגעוויזנ שטאַרק באַווירקט פונ פּראָפּאַגאַנדע, אונ אינ יול האָט די מאַכט, וועלכע האָט שוינ מוירע געקראָגנ פאַר א סאָלדאַטישנ בונט, אַוועקגעפירט דאָס מיליטער ווײַט פונ די גרענעצנ פונ גוריע. גוריע איז פאַקטיש פאַרבליבנ אינ די הענט פונ דער אויפגעשטאַנענער באַפעלקערונג.

די פּאָראַנדקעס, וועלכע זײַנענ דאָ איצט אײַנגעפירט געוואָרנ, איז בעסער פונ אַלצ צו באַשרײַבנ מיט די ווערטער פונ אַנ אַבסאָליוט אָביעקטיוונ איידעס, פונ דעמ

פראפעסער נ. יא. מאר. אכוצ דעמ איז מאר אליינ געבארנ געווארנ אינ גוריע אונ קענ אויסגעצייכנט איר שפראכ אונ דעמ גאנצנ לעבנשטייגער. איז אט וואס ער דערציילט וועגנ די דאזיקע ערטער, ווי זיי האבנ אויסגעזענ אינ א ו ג ו ס ט 1905 יאר:

„אינ די דערפער גייט אנ אינטענסיווו געזעלשאפטלעכ לעבנ, עס גייט א פאר־זאמלונג נאכ א פארזאמלונג, אונ דו וווּנדערסט זיכ, וויאזוי די פויערימ, וועלכע זײנענ באלעסטיקט מיט פעלד־ארבעט, באווײזנ אומעטומ צו זײנ, וויאזוי זיי נעמענ א לעבהאפטנ אנטייל אינ די דעבאטנ אונ זיצנ אויס גאנצע שאענ, אפט־מאל טעג אפ זיצונגענ. הײנט — א געריכט, מארגנ ווערנ באהאנדלט פרינציפיעלע געזעלשאפטלעכע פראגנ אונ עס רעדט א בארימטער ארומפארנדיקער רעדנער, אי־בערמארגנ ווערנ באשלאסנ ארטיקע איניאנימ, דאס שול־וועזנ, דער וועג־איניענ, די ערד־פראגע א.א.וו. איכ כאזער איבער, קיינ מאכט פונעמ אלטנ רעזשימ איז אפנ ארט ניט פאראנ, אונ ווו זי איז יא פאראנ, פונקציאנירט זי ניט אונ זעט צו בלײבנ אומבאמערקט. זי בילדעט א מינ געהיימע געזעלשאפט. דעריבער האבנ די ארטיקע אײנוווינער רעכט צו פארשטיינ פונקט פאריקערט, ווענ אינ דעמ נײסטנ אופרופ פונעמ וויצע־קיניג ווערט פראקלאמירט, אז עס איז צײט מאכנ א סאפ צו דער עקזיסטענצ פונ געהיימע געזעלשאפטנ אונ ארגאניזאציעס. אינ גוריע פארשטייט מענ איצט אונטער געהיימע געזעלשאפטנ די פאליציי, די געזעלשאפט פונ באאמטע א.ד.ג. —"

גוריע איז גאנצ אפנ אײנגעטיילט אינ ראיאנענ, וואס יעדערער פונ זיי געפינט זיכ אינ רעשומ פונ א באזונדערער פעריאן. דעמ ראיאנ־שעפ, וואס די גוריער רופנ אימ פאשעט „ראיאנ", זײנענ אונטערגעארדנט די „פארשטייער" (צארמאמאדענעלנ). אינ רעשומ פונ יעדנ פארשטייער געפינענ זיכ דרײ ישוּווימ, בעראש פונעמ ישעוו שטייט א שעפ איבער הונדערט (אסיסטאווי — „שעפ פונ הונדערט"), וועמענ עס זײנענ אונטערגעארדנט די שעפנ איבער צענדליקער (אטימ־טאווי — „שעפ פונ צענ"). דער שעפ איבער א צענדליק שטייט בעראש פונ א קרײזל (טצרע) פונ צענ, ווו ער אליינ איז דער צענטער. ער טיילט מיט מינדלעכ יעדנ מיטגליד פונעמ קרײזל וועגנ א פארשטייענדיקער זיצונג, קלײבט די מיט־גליד־אפצאלנ פונ זײנ קרײזל, פונ יעדנ מיטגליד — 10 קאפ. א כוידעש (פריער איז געווענ 20 קאפ.), גיט אפ אפ א פארזאמלונג א באריכט פאר דער געזעלשאפט, ד. ה. פאר די אײנוווינער פונעמ געגעבענעמ דארפ אדער פונ עטלעכע דערפער, גע־ווענדט אנ דער פראגע, וועגנ אנ אנקלאגע פונ עמעצנ פונעמ קרײזל. די געשעפט־פירונג אפנ פאפיר איז אינגאנצנ באזײטיקט געווארנ. אלע איניאנימ ווערנ געפירט מינדלעכ. דאס געריכט נעמט אנ אלערליי אנקלאגעס אונ באשליסט איניאנימ אונ מאנט דערבײ קיינ אײנ קאפעקע ניט. דער באשלוס ווערט אויסגעפילט, אנ שומ טײנעס, אויב ער ווערט ניט אויסגעפילט, טרעט די געזעלשאפט אליינ ארויס קעגנ דעמ אומגעהארכזאמענ...

אפ די פארזאמלונגענ קומענ צו גיינ פרויענ צוגלייכ מיט מאנצבילנ. די פאר־זאמלונגענ קומענ פאר, אפהענגיק פונעמ וועטער, אונטערנ פרײענ הימל אדער אינ א לאקאל, לעמאשל, אינ א שול אדער אינ א קלויסטער. די, וואס פארשפעטיקנ, אײלט מענ צו דורכ קלינגענ אינ קלויסטער־גלאק. אנ אינטערעס שטעלנ פאר די פארזאמלונגענ אפ וועלכע עס ווערנ באהאנדלט פרינציפיעלע, געזעלשאפטלעכע אינ אפילע וויסנשאפטלעכע פראגעס, אונ אפ אזעלכע פארזאמלונגענ קלײבנ זיכ צונויפ

אַלע פּויערימ און פּויערטעס, האָבּנ אַקטיוו קאָנענ זיכ באַטייליקנ אינ זיי נאָר די אַמערסטנ אַנטוויקלטע, — געווייִנלעכ די אַרבעטער פונ שטאָט, וועלכע האָבּנ זיכ פאַרנומענ מיט זעלבּסטבילדונג, און די אָרטיקע אינטעליגענטנ. צווישנ די אַנטוויקלטע אַרבעטער אינ דאָרפ זײַנענ פאַראַנ העכסט סימפּאַטישע טיפּנ, וועלכע דורשטנ נאָכ קענטענישנ און שטעלנ הויכ די וויסנשאַפט, אומאָפּהענגיק פונ איר פּראַקטישנ, אוטיליטאַרנ באַטײַט. אַפ מײַנ פאַרווּנדערונג און באַמערקונג, אַז אַזאַ קוק טרעפט זעלטנ בײַ דער אינטעליגענצ, אַז די וויסנשאַפט ווערט געשאַצט אויכ אינ דער געבילדעטער געזעלשאַפט לויט דער מאָס פונ איר מאַטעריִעלער נוצלעכקײַט, האָט מיר איינער אַזאַ אַרבעטער באַמערקט, אַז קיינ אַנדער באַציִונג האָט מענ ניט געקאָנט דערוואַרטנ פונ די איצטיקע אינטעליגענטנ, ווײַל די איצטיקע אינטעליגענטנ שטאַמענ פונ דער בורזשואַזיע אָדער זײַנענ טרעגער פונ דער בורזשואַזער וועלט־אַנשויונג; נאַטירלעכ, אַז אויכ אַפ דער וויסנשאַפט קוקנ זיי פונ בורזשואַזנ, אוטיליטאַריסטישנ שטאַנדפּונקט...

מע דאַרפ אָבער פאַרצייכענענ, אַז אייניקע טוער פילנ אויב ניט דעמ דאָזיקנ וויכטיקנ בלויז אינ פראַט פונ גײַסטיקער אַנטוויקלונג, איז דעמ מאַנגל פונ בילדונג בײַמ פאָלק, וואָס דערגייט אָפט ביז דער גרעסטער אומוויסנקײַט. און די דאָזיקע אייניקע זײַנענ, צו מײַנ פאַרווּנדערונג, ניט פונ דער אינטעליגענצ, נאָר פונעמ אַרבעטער־שטאַנד: אַנטוויקלטע אַרבעטער באַווײַזנ מיט אַ באַזונדערער ביטערקײַט דעמ דאָזיקנ בלויז, ווײַל זיי שטייענ נענטער צומ פאָלק און שאַצנ בעסער אָפּ די מעגלעכע רעזולטאַטנ פונ אַזאַ בלויז בײַ דער פאַרפעסטיקונג פונעמ פּראָגרעס. „אונדזער אומגליק באַשטייט דערינ, — פלעגט מיר זאָגנ איינער אַזאַ אַנטוויקלטער אַרבעטער, — וואָס די פרײַהייט איז געקומענ אומגעריכטערהייט פאַר אונדז: זי איז געקומענ צו אונדז פריִער, אײדער די בילדונג". און דעריבער פאַרנעמענ זיי זיכ, די דאָזיקע אַרבעטער, באַזונדערס לײַדנשאַפטלעכ מיט זעלבּסטבילדונג, שאַפנדיק צוליב דעמ ציל קרײַזלעכ און געזעלשאַפטנ, זיי לערנענ זיכ אַפילע איצט, אינעמ מאָמענט פונ קאַמפ... זייער גײַסטיקנ האָריזאָנט זעענ זיי צו פאַרברייטערנ דורכ אויפהערנ פּרינציפּיִעלע דעבאַטנ אַפ פאַרשיידענע פאַרזאַמלונגענ, וואָס זײַנענ די עמבריִאָנענ פונ אייגנאַרטיקע פאָלק־אוניווערסיטעטנ. אַפ איינער אַזאַ פאַרזאַמלונג האָט גאַסטראָלירט דער באַוווּסטער אינעמ ראַיאָנ רעדנער כטיס־צקאַלאָבאַ, וועלכער האָט זיכ ווירקלעכ אויסגעצייכנט מיט דער קלאָרקײַט פונ זײַנע רייד און מיט קענענ די פראַגע. עס איז געגאַנגענ אַ שטרייט צווישנ די צוויי פראַקציעס פונ דער סאָציִאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, צווישנ דער אַזויגערופענער „מערהײַט" און דער „מינדער־הײַט". כטיס־צקאַלאָבאַ איז געווענ אַ רעדנער פונ דער „מערהייט", אָבער דער אייניציקער רעדנער. קעגנ אימ איז אַרויסגעטראָטנ אַ ריי קעגנער. די דעבאַטנ האָבּנ דערמאָנט אָנ אַנ אוניווערסיטעט־דיספּוט פונ אַ דיסערטאַנט, וועלכער האָט ספּעציִעל דורכגעאַרבעט זײַנ טעמע, אינ גאַנצנ מיט פילצאָליקע פּרינציפּיִעלע אָפּאָנענטנ פונעמ פּובליקומ. כטיס־צקאַלאָבאַס אָפּאָנענטנ האָבּנ געזענ צוציִענ אַפ זייער זײַט דעמ ניט צוגעגרייטנ און ווייניק פאַרשטייענדיקנ עולמ מיט הויכקלינגענדיקע, כניפּעדיקע פראַזעס וועגנ די געזעלשאַפטלעכע פּראָגעס, וואָס אינטערעסירנ אימ. אונדזער רעדנער האָט אָבער ניט פאַרלאָרנ די רויִקײַט און האָט טראָט נאָכ טראָט געזענ צו צעקלאַפּנ זײַנע אָפּאָנענטנ. פיל פונ די אָנוועזנדיקע האָבּנ געגענעצט, ווי בײַ אונדז אַפ לעקציעס און דיספּוטנ, פיל אָבער האָבּנ געהערט מיט אַ פאַרכאַפּטנ אָטעמ. די טעמע איז אינ אַ באַדײַטנדיקער מאָס געווענ די פראַגע וועגנ דער ראָליע פונ די

ארבעטער און פונ מארקסנ אינעמ אויסארבעטנ דעמ וויסנשאפטלעכנ סאָציאַליזמ. וועגנ דעמ אלגעמיינעמ אינטערעס פונעמ פאָלק קאָנ מענ אורטיילנ לויט דעמ, וואָס די דעבאטנ האָבנ געדויערט פונ צוויי אזייגער באטאָג ביז איינס באנאכט, און די מערהײט פונ דער פארזאמלונג איז אויסגעזעסנ ביזנ סאָפ"*.

פונ דער ווייטערדיקער דערציילונג וועגנ איינער א דעמאָנסטראציע איז צו זענ, אז די מאכט איז אינ גוריע, איינגנטלעכ, פארבליבנ, אָבער געשפילט האָט זי נאָר אנ אייגנארטיקע ראָליע: „מע פלעגט דערציילנ, אז דער פריסטאוו האָט זייער מוירע געהאט, מע זאָל אימ ניט צווינגענ צו טראָגנ די רויטע פאָנ אינ שפיצ פונ דער דעמאָנסטראציע".

דאָס דאָזיקע באפרײענ זיכ מיט אייגענע קויכעס פונ אונטער דעמ צארישנ יאָכ מיצאד א קליינעמ לאנד מיט עטוואָס מער פונ א הונדערט טויזנט אײנוווינער האָט אָנגעפילט מיטנ גרעסטנ ענטוזיאזמ אלע, אונהזערע כאווייריממ זומער און הארבסט 1905 יאָר. די מענשעוויקעס האָט זיכ געדוכט, אז דאָ איז פארווירקלעכט געוואָרנ זייער אידעאל פונ א „רעוואָליוציאָנערער זעלבסטפארוואלטונג": אינ טיפליס זיצט א צארישער וויצע־קיניג, און אינ גוריע, אונטער דער נאָז בא טיפליס, הערשט פולשטענדיקע פרײהײט! און פרײהײט, וועלכע איז דעראָבערט געוואָרנ מיט געווער, — פלעגנ צוגעבנ די באָלשעוויקעס, — אָט האָט איר א בײשפיל, אז אינ רוסלאנד איז מעגלעכ א דערפאָלגרײכער באוואָפנטער אופשטאנד.

סײ די סײ יענע האָבנ זיכ אָנ סאָפעק צוגעײלט אײנצוזענ די פארווירקלעכונג פונ זייער אידעאל. קוידעמקאָל האָט מענ גוריע, וועלכע איז דורכגעשניטנ מיט בערג, באדעקט מיט וועלדער, לויט די נאטור־באדינגונגענ ניט געקאָנט פארגלײכנ מיט צענטראל־רוסלאנד: אינ גוריע איז אָנ שומ באריקאדעס געווענ שווערער ארײנצודרינגענ, איידער אינ אוועלכער־ניט־איז פארבאריקאדירטער מאָסקווער גאס, און, צווייטנס, האָט בלויז פונדערווײטנס זיכ געקאָנט אויסדוכטנ, אז די גורישע זעלבשטענדיקײט איז אײנגענומענ געוואָרנ נאָכ א שלאכט קעגנ דער רעגולערער מיליטערישער קראפט. עמעס, בא יעדער „ליקווידירונג" פונ א דאָרפישער פארוואלטונג פלעגנ „ריידנ" ביקסנ און רעוואָלווערנ. אָבער אפנ קעגנערס זײט זײַנענ געווענ קליינע אָטריאדנ סטראזשניקעס און קאָזאקנ: אינ דער גרעסטער שלאכט, בא נאָסאקעראלי (אינ אָקטיאבער 1905 יאָר) האָט געארבעט איינ מיע פלאסטונעס (קאזאקנ־פוסגייער) קעגנ דרײסיק גוט באוואָפנטע גורישע דרוזשיניקעס און עטלעכע הונדערט ווי־ניט־איז באוואָפנטע פויערימ. אינ טאָכ גענומענ, איז דאָס ניט געווענ גרעסער פונ די שלאכטנ, וועלכע פלעגנ פאָרקומענ אינ דעקאבער דעמ זעלביקנ יאָר אפ די גאסנ פונ מאָסקווע, ווו עס האָט, אגעווורכע, ניט קיינ קליינעמ אנטייל גענומענ א גרוזישע דרוזשינע. קיינ גרויסע קויכעס האָט זיכ אָבער דער קאווקאזער וויצע־קיניג ניט אנטשלאָסנ ארויסצושיקנ, — מיר ווייסנ פארוואָס. ווענ מע האָט אימ צוגעשיקט פונ רוסלאנד „פרישע", ניט קיינ פאנאנדערגעפראָפאגאנדירטע מיליטער־טיילנ, איז ער — אינ דעקאבער — אריבער אינ אָנגריפ און האָט אָנ גרויסע פארלוכטנ פונ זײַנ זײַט אײנגעשטעלט „אָרדענונג", וואָס איר מארש איז אינ גוריע באצייכנט געוואָרנ דורכ ברענענדיקע ייִשוווימ און טויטע הערפערס פונ דערשאָסענע מענטשנ. און א קנאפע טרייסט פאר די גוריער איז געווענ דאָס, וואָס דער פירער פונ די צארישע טאליאָנימ, גענעראל אליכאנאָוו, וועלכער איז געווענ קאָ־

* פראָפ. נ. מאר. „פונ די גורישע באָבאכטונגענ און אײנדרוקנ".

מאנדיר בא דער דאָזיקער „איבנשטילונג“, איז שפּעטער דערהארגעט געוואָרנ דורכ א באָמבע פונ א טעראָריסט. אינ גוריע האָט שוינ דעמלט געהערשט די רויִקייט פונ א בעסאָלמענ.

די גוריער געשעענישנ האָבנ דעריבער ניט געקאָנט דינענ אלס ביישפּיל ניט פאר דער מעגלעכקייט פונ א באוואָפנטנ אופשטאנד, ניט פאר א רעוואָליוציאָנערער זעלבסטפארוואלטונג. זייער באדייטונג באשטייט דערינ, וואָס עס האָט זיכ געוואָרפנ אינ די אויגנ אפילע א בורזשואזנ (דעמלט) פּראָפעסער: דאָס איז געווענ א זעלטנ ריינער מוסטער פונ א פּויערשער באוועגונג, מיט וועלכער עס פירט אָנ דער פּראָלעטאריאט.

עס איז אָבער געווענ נאָכ איינ ראנד־געגנט פונ רוסלאנד, ווו דער דאָזיקער צוזאמענבונד צווישנ דער פּראָלעטארישער אונ דער פּויערישער באוועגונג איז געווענ קימאט פּונקט אזא ענגער: די דאָזיקע ראנד־געגנט איז געווענ לעטלאנד.

לעטלאנד איז געוואָרנ א נאכלע פונ די „ראָמאנאָווס“ א סאכ פריִער, איידער פּוילנ, פינלאנד אָדער גרוזיע. דאָס ערשטע ארײנדרינגענ פונעמ צארישנ מיליטער קיינ לעטלאנד איז פאָרגעקומענ נאָכ אינ דער פאר־ראָמאנאָווישער צייט, אינעמ XVI יאָרהונדערט (די „ליוואָנישע מילכאָמע“). דער צווייטער ראָמאנאָוו (אנ עמער, אָנ פּיסלעכ), אלעקסיי, האָט אינמיטנ XVII יאָרהונדערט זיכ געפּרווט איינעמענ ריגע, ער האָט אָבער ניט געהאט קיינ דערפאָלג. אינ אָנהייב XVIII יאָרהונדערט, גראָד אינ דעמ מאָמענט, ווענ עס האָט זיכ אויסגעבילדעט די „רוסלענדישע אימפּעריע“, זיינענ לעטלאנד אונ עסטלאנד ארײנ אינ איר באשטאנד אונ האָבנ זיכ אָפּגעטיילט ערשט נאָכ דעמ, ווי עס איז כאָרעוו געוואָרנ די „אימפּעריע“, אינ XX יאָרהונדערט. די הערשאפט פונ די „ראָמאנאָווס“ איז דאָ געווענ באזונדערס פעסט דערפאר, ווייל זי האָט געפונענ א צוגעגרייטנ באָדנ: ביידע לענדער זיינענ שוינ פונ לאנג ניט געווענ פריי, זיי זיינענ נאָכ פונ XIII יאָרהונדערט איינגענומענ געוואָרנ דורכ די דייטשישע „קרייצטרעגער“, וועלכע זיינענ געוואָרנ דער הערשנדיקער קלאס, אונ די נייע דערהאָבערער האָבנ זיכ געקאָנט אָנשפּארנ אפ די אלטע. דער דייטשישער אדל פונ לעטלאנד אונ עסטלאנד האָט זיכ פארוואנדלט אינ נאָכ מער איבערגעגעבענע „ראָמאנאָווישע“ דינער, איידער דער גרוזישער: די לעצטע קייסאָרימ האָבנ אימ אפילע געהאלטנ פאר זיכערער, ווי דעמ רוסישנ, אונ די הויפלייט אונ אויכ די העכסטע פּאָליציי־שטעלעס זיינענ געווענ פארפולט מיט מענטשנ פונ „אָסטזייִשנ“ * אדל. איינער פונ די נאָענטסטע מענטשנ צומ לעצטנ קייסער איז געווענ דער באראָנ פרעדעריקס, דער הויפ־מיניסטער, — אנ אבסאָליוט אומפייִקער מענטש, וואָס איז אָבער געווענ אנ אבסאָליוט „אייגענער מענטש“ אינ דער צארישער פאמיליע.

די אָסטזייִשע אדעליקע זיינענ געווענ לערערס פונ די רוסנ אינ פיל „גוטע“ זאכנ: פונ זיי זיינענ, לעמאָשל, אריבערגעגאנגענ אינ צענטראל־רוסלאנד ריטער, אָנשטאָט די מאָסקווער „באטאָגעס“, ד. ה. שטעקנס. פונ זיי טאקע האָבנ זיכ די רוסישע פּריצימ אויסגעלערנט, אפ וויפל עס לוינט בעסער איבערצוטרייבנ די גאנצע טוווע אינ בראָנפנ, איידער פירנ עס אפנ מארק אינ דער פאָרמ פונ קערנער אָדער מעל: „איינ פערד וועט אוועקפירנ אפ פּונקט אזויפיל בראָנפנ, וויפל זעקס

* „אָסטזיי“ — „מיזרעכ־יאמ“ — די דייטשנ רופנ אזוי דעמ באלטישנ יאמ, ווייל ער געפינט זיכ צו מיזרעכ צו פונ דייטשלאנד. פונדאנענ שטאמט דער נאָמענ פאר עסטלאנד אונ לעטלאנד — „אָסטזייִשע פּראָווינצנ“.

פּערד טוועי“. זיי האָבנ די ערשטע אויכ באַוויזנ א בײַשפּיל, ווי מע דאַרפ „באַ-
פרײַענ“ די פּויערימ: בײַ דער „באַפרײַונג“ פונ די לײַבאייגענע אינ לעטלאַנד אונ
עסטלאַנד אינ 1819 יאָר האָט מענ בײַ זיי אָפּגענומענ די גאַנצע ערד אזוי, אז
פונ דעמלט אָנ האָבנ די עסטאָנישע אָדער לעטישע פּויערימ געקאָנט זײַנ אָדער
אַרענדאַטערס פונ דער פּריצישער ערד אָדער לוינ-ארבעטער אפּ איר.

דאָס דאָזיקע פּויערטומ איז אינ די אויגנ פונ די דײַטשנ די באַראָנענ געווענ מאַ-
מעש א נידעריקערע ראַסע. די קינדסקינדער פונ די „ריטערס“, וועלכע האָבנ
אײַנגענומענ דעמ קאַנט אינ מיטלאַלטער, האָבנ זיכ אַפילע ניט געקאָנט צוגעווינענ
צומ געדאַנק, אַז דער לעט אָדער עסט איז אויכ א מענטש. אינ דער לײַבאייגנטומ-
צײַט זײַנענ די באַציִונגענ געווענ בערערכ די זעלביקע, ווי אינ אַמעריקע צווישנ די
ווײַסע פּלאַנטאַטערס אונ די קנעכט די נעגערס, אונ, פּונקט ווי דאָרט, פלעגט צו
הילפ דעמ פּלאַנטאַטער קומענ דער גאַלעכ (אינעמ געגעבענעמ פאַל טכילעס דער
קאַטוילישער גאַלעכ, ביזנ XVI יאָרהונדערט, דערנאָכ דער ליוטעראַנישער) אונ
פלעגט זאָגנ מוסער די קנעכט מיקויעכ האַכנאָע אונ רויִקײַט. אינ די צײַטנ פונ
די רוסישע קייסאָרימ האָט מיט זיי אָנגעהויבנ קאָנקורירנ דער פּראַוואָסלאַוונער גאַ-
לעכ. די פּויערימ, אַז זיי האָבנ דערזענ, ווי די צוויי גאַלאָכימ רײַסנ זיכ צווישנאַ-
נאַנד, האָבנ זיי זיכ געהאַט דערפרייט אונ האָבנ אָנגעהויבנ האָפנ אפּ א פאַרבעסע-
רונג פונ זייער גוירל; באַזונדערס די לעטנ האָבנ אָנגעהויבנ אָננעמענ דעמ פּראַוואָס-
לאַוונעמ גלויבנ. אינגיכנ אָבער האָבנ זיי זיכ געמוזט איבערצייגנ, אַז ווי עס זאָלנ
זיכ ניט רײַסנ צווישנ זיכ די גאַלאָכימ, דראָט ניט דעמ פּאָרעצ קיינ שומ קאָנקו-
רענצ, אונ אויב מע וועט אַפילע אינגאַנצנ ארויסטרײַבנ דעמ „פּאַסטאָר“, וועט דער
„באַראָנ“ (אַזוי האָט מענ אינ יענעמ קאַנט גערופנ דעמ „האַר“) אַלציינס פאַר-
בלײַבנ. נאָכ דעמ זײַנענ די פּויערימ אָפּגעקילט געוואָרנ צומ פּראַוואָסלאַוונעמ גלויבנ.
דאָס „פּאַרוסישנ“ האָט זיכ דעמלט אויסגעלאָזנ, ווי עס איז שוינ דערמאָנט גע-
וואָרנ, צו רעדיפעס אפּ די אָרטיקע שפּראַכנ* אונ צומ פאַרפּלייצנ דאָס לאַנד מיט
רוסישע באַאַמטע, וועלכע פלעגנ ריידנ מיט דער באַפעלקערונג דורכ איבערזעצער.

דאָס איז פּאָרגעקומענ אינ א לאַנד פונ שיר ניט דעמ סאַמע אַ יי ר אָ פּ יי ִ ש נ
טיפּ אינ דער גאַנצער אימפּעריע: אינ דער צײַט, ווענ דער פּראָצענט שטאָטישער
באַפעלקערונג האָט אינ אייראָפּייִשנ רוסלאַנד צומ סאָפּ XIX יאָרהונדערט באַ-
טראָפנ ניט מער פונ 13, האָט ער אינ לעטלאַנד באַטראָפנ 31. דאָ איז קימאַט א
דריטל פונ דער באַפעלקערונג געווענ שטאָט-אײַנוווינער. אונ אַנ איבערוועגנדיקע
מערהײַט צווישנ די דאָרפ-אײַנוווינער האָט געבילדעט דער פּראָלעטאַריאַט. אפּ 3
מיליאָנ באַפעלקערונג פונעמ קאַנט איז געווענ ניט מער פונ 600 טויזנט (רעכענענ-
דיק מיט די פאַמיליעס) פּויערימ ארענדאַטערס, אונ ריינע פּראָלעטאַריער איז
געווענ ניט ווייניקער פונ א מיליאָנ מיט 300 טויזנט, די איבעריקע זײַנענ געווענ
באַטראַקעס, אַפילע אָנ א נאַכלע ערד, בלויז מיט הויפנ. דער פּריצישער ערד-באַזיצ
האָט געטראָגנ אזא בורזשואַזנ כאַראַקטער, ווי אינערגעצ ניט אינ רוסלאַנד; די גי-
טער פונ די „באַראָנענ“ זײַנענ געווענ קאָלאָסאַלע לאַנדווירטשאַפטלעכע אונטער-
נעמונגענ, ווו עס פלעגנ אָפטמאָל זײַנ פאַרנומענ הונדערטער ארבעטער. אַנטשפּרע-
כיק דערצו זײַנענ די קלאַסנ-ווידערשפּרוכנ אינ דאָרפ ארויסגעטראָטנ זייער בוילעט:

* אָרטיקע שפּראַכנ זײַנענ געווענ דרײַ: דײַטש, די שפּראַכ פונ די הערשנדיקע קלאַסנ; לע-
טיש, פונ דער אַרישער פאַמיליע, א נאָענטסטער קאָרעוו פונ ליטוויש, אונ עסטיש, וואָס איז אזוי
נאָענט צו פיניש, אַז פינער אונ עסטנ פאַרשטייענ פרײַ איינער דעמ צווייטנ.

קיינ דאָרפ, אפילו דאָס גורישע, איז ניט געווענ אזוי צוגעגרייט דורכ זיינ גאנצער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג צו סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּראָפּאַגאַנדע, ווי דאָס לעטישע. דערצו נאָכ האָט די דאָזיקע ראַנד־געגנט געהאַט צוויי גרויסע שטאָטישע צענטערס, די צוקינפטיקע הויפּטשטעט פונ דער לאַטווישער אונ עסטאָנישער רעפּובליקנ. פונ זיי האָט ר י ג ע געהערט צו דער צאָל גרויסע אינדוסטריעלע אונ פּראָלעטאַרישע צענטערס פונ דער „אימפּעריע"; ר ע וו ע ל איז געווענ ווייניקער באַדייטנדיק אינ אינדוסטריעלער הינזיכט, דאָס איז אָבער אויכ געווענ א גרויסער יאַמהאַפנ מיט א גרויסנ פּראָצענט אַרבעטער־באַפעלקערונג.

די אַרבעטער־באַוועגונג האָט דאָ דערגרייכט צו זייער א גרויסער אנטוויקלונג שוינ פונעמ סאָפ XIX יאָרהונדערט. אינ 1903 יאָר איז אופגעקומענ די לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, קימאַט דורכויס א באָלשעוויסטישע,— די מענשעוויקעס האָבנ אינ לעטלאַנד קיינ שום ראָליע ניט געשפּילט. נאָר גיכ איז די דאָזיקע פּאַרטיי געוואָרנ די פּאַרטיי פונעמ לעטישנ פּראָלעטאַריאַט אינטאַנצנ גענומענ, ניט נאָר פונעמ שטאָטישנ. זי האָט געפונענ אנ אייגנאַרטיקנ אָנשפּאַר־פּונקט פאַר איר אגיטאַציע. אזויווי די „באַראָנענ" האָבנ אַלס איינציקע גייסטיקע באַדערפעניש פונ זייערע קנעכט געהאַלטנ די רעליגיע — די „נעשאָמע ראַטעווענ" דאַרפ אפילו א פּויער! — זיינענ די קירכעס געווענ די איינציקע געזעלשאַפטלעכע צענטערס פונ דאָרפ, וווּ די פּויערימ האָבנ זיכ געמעגט צונויפקלייבנ אונ דורכשמועסנ זיכ. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אגיטאַטערס פלעגנ אויסנוצנ די קירכעס אָדער די גאָרטנ, וואָס זיינענ געווענ ניט ווייט פונ זיי (ווייל אינ קירכע גופא פלעגט שטערנ דער פּאַסטאָר, אונ עס זיינענ געווענ איבעריקע „אויערנ"— פונעמ אונטערגאָלעכ, וועכטער אד"ג.), אַלס ק ל ו ב נ. די גאָטעסדינסט פלעגט אלצ מער אונ מער ווערנ א באַקוועמער אויסרייד אפ צונויפקלייבנ א מ י ט י נ ג. גאַנצ אָפט פלעגט זיכ ביימ דער דראָשע פונעמ פּאַסטאָר אופהייבנ א מענטש פונעמ עולעמ אונ פלעגט פאָרלייגנ אויסהערנ אימ אָנשטאָט דער האָזיקער פּלוידעריי. דער עולעמ פלעגט זיכ א לאָז טאָנ נאָכ אימ אינ פּאָליש אונ אָפּנ פּלאַצ פאַרנ קלויסטער, אונ די ליוטעראַנישע דראָשע פלעגט פאַר די אויגנ פונעמ צעטומלטנ פּאַסטאָר פאַרביטנ ווערנ אפ סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע. דעריבער איז דער וווּקס פונ דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אינ לעטלאַנד באַגלייט געוואָרנ מיט א גאַנצ אומדערוואַרטער דערשיינונג— מיט פ א ר מ א כ נ די ק י ר כ ע ס. אינ ברענ פונ דער לאַטווישער באַוועגונג פונ 1905 יאָר פלעגט די מאַכט פאַרמאַכנ די קירכעס צענדליקערווייז.

אינ אָפענע באַוועגונג האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ די שטעט. ריגע האָט אינ יאַנוואַר 1905 יאָר איבערגעלעבט קימאַט אזעלכע טעג, ווי וואַרשע; רעוועל איז אינ אָקטיאַבער 1905 יאָר געווענ איינע פונ דער קליינער צאָל שטעט אינ דער „אימפּעריע", וווּ דער פּראָלעטאַריאַט איז אפ עטלעכע טעג געוואָרנ פולשטענדיקער באַלעבאָס אונ האָט געצוווּנגענ דעמ גובערנאַטאָר צו קאַפּיטולירנ. נאָר האַגאַמ סיי דאָ ביי דאָרט פלעגנ זיכ די אַרבעטער באַוואָפענענ, אונ אינ ריגע איז אפילו דערגאַנגענ ביז באַריקאַדעס, האָט דאָ ניט געקאָנט פאָרקומענ קיינ באַוואָפנטע ארויסטרעטונג, אזא ווי די פוילענדישע אָדער לעפּאָכעס די גורישע, צוליב דער זעלביקער סיבע, וואָס אינ פוילנ: סיי ריגע סיי רעוועל זיינענ געווענ מיליטערישע פעסטונגענ (פאַר ריגע איז די פעסטונג געווענ אוסט־דווינסק, זי געפינט זיכ אָבער אפ א מעהאַלעכ פונ 18 קילאָמעטער), אינ זיי זיינענ געווענ קאָנצענטרירט גרויסע מיליטערישע קויכעס, — וועלכע זיינענ באַשטאַנענ פונ אַנ עלעמענט אַנ אָנגעקומענעמ, א

ברעמזנ פאר דער אָרטיקער באַפעלקערונג, אונ צוציִען אים אַפ דער זײַט פונ דער דאָזיקער באַפעלקערונג איז געווענ שווער. אַט פאַרוואָס, בא דער גאַנצער רעוואָליוציאָנערקײַט פונ דער שטימונג, באַזונדערס פונעמ לעטישנ פראָלעטאַריאַט, האָט ער ניט א האָפענונג אַפ דערפאָלג געקאָנט אַרויסטרעטנ מיט א באַוואָפנטער האַנט בלויז אינ דאָרפ.

דאָס לאַטווישע אונ, אינ עטוואָס א קלענערער מאָס, דאָס עסטאָנישע דאָרפ זײַנענ איזוואַרומ געוואָרנ דאָס אײנציקע אָרט אינ דער „אימפעריע", וווּ דער באַוואָפנטער אופשטאַנד איז פאַרווירקלעכט געוואָרנ אַפ א גרויסנ שטעטל אויסער די גרויסע אינדוסטריעלע צענטערס. די כאַראַקטעריסטישע באַזונדערקײַט פונ דער דאָזיקער באַוועגונג איז געווענ איר שאַרפ אויסגעשפּראָכענער קלאַסנ־כאַראַקטער. אינ מאָסקווע, ראָסטאָוו, אַפ דער סיבירער ליניע, אינ גוריע האָבנ זיכ די אַרבעטערישע אונ פויערישע טײלנ געשלאָגנ קעגנ צאַרישנ מיליטער; דאָ האָבנ די פויערימ דירעקט געפירט א מילכאָמע קעגנ די פּריציִמ אונ קעגנ זײערע מיליטעריש־אָרגאַניזירטע הויפּ־דינער. אַלס דערגאַנצונג צו די דינער, פלעגט זיכ דער אור־אײניקל פונ די קרײצטרעגער געווײנלעכ אויסשטאַרלענעג א דראַגונער־טײל — אונ מיט דער דאָזיקער גאַנצער קראַפט פלעגט ער פירנ א פּאַרטיזאַנישע מילכאָמע קעגנ די באַוואָפנטע פויערימ. אָבער די צײַטנ פאַר קרײצ־צוגנ זײַנענ אַוועק, אונ די פויערימ פלעגנ זיכ אינ XIX י. ה. אַרויסווײַזנ שטאַרקער פונ די „ריטערס". ביז 300 באַראָנישע גיטער האָבנ די אופשטענדלער אײַנגענומענ, פאַרברענט אונ כאָרעוו געמאַכט. דער עסטזײַשער אַדל איז אינ שרעק געלאָפנ אינ שכײנישנ פרײַסנ, אונ ווילהעלמ האָט מיט ביטערקײַט אונ צאָרנ געשריבנ ניקאָלײַענ וועגנ דעמ, ווי אײדעלע באַראָנעסעס מוזנ אָנקומענ דינענ אַלס שטובמײדלעכ אונ וועשערנס, קעדײ צו פאַרדינענ אַפ בעיונע. מיט אַלע אירע זײַטנ, אפילע מיט דער דאָזיקער זײַט, האָט די לאַטווישע באַוועגונג שטאַרק אָנגעהויבנ צו דערמאָנענ, ווי מיר זעענ, דאָס, וואָס עס האָט זיכ אינ 1917 יאָר איבערגעכאַזערט אינ א קאָלאָסאַלנ פאַרנעמ אינ גאַנצ רוסלאַנד.

די צאַרישע רעגירונג האָט, פאַרשטײט זיכ, ניט געקאָנט פאַרבלײַבנ גלײַכגילטיק צו דעמ דאָזיקנ בילד. אינ די „אָסטזײַישע" גובערניעס זײַנענ אָוועקגעשיקט געוואָרנ, פונקט ווי קײנ מאָסקווע, אויסגעקליבענע גוואַרדיע־טײלנ; עס האָט זיכ דאָכ געהאַנדלט וועגנ ראַטעווענ די איבערגעגעבנסטע דינער פונעמ צאַרישנ הויז. קײנ עסטלאַנד איז קאָמאַנדירט געוואָרנ א ספּעציעלער אָטריאַד פונ די קראָנשטאַדטער מאַטראָסנ, וועלכע זײַנענ אופגעשטאַנענ אינ אָקטיאַבער 1905 יאָר; די אומגליקלעכע מענטשנ, וועלכע מע האָט דעמלט פאַרשיקערט מיט בראָנפנ, האָט מענ איצט פאַרטומלט מיט דער האָפענונג אַפ „מעכילע" אינ פאַל, אויב זײ וועלנ געטרײַ דינענ קעגנ זײערע ברידער — די פויערימ, וואָס זײער שפּראַכ האָבנ די מאַטראָסנ ניט פאַרשטאַנענ. בעראָש פונ דער דאָזיקער גאַנצער מאַכנע זײַנענ געגאַנגענ די זעלביקע אָסטזײַישע באַראָנענ אינ גענעראַלישע אונ אָפיצערישע קלײדער — א גרויסע צאָל זײערע איז געווענ אַפ צאַרישער דינסט אונ אינ דער דאָזיקער עקספּעדיציע האָבנ זײ זיכ באַטײליקט מיט א באַזונדערנ פאַרגעניגנ.

קעגנ גרויסע רעגולערע מיליטערישע אָפּטײלונגענ האָבנ זיכ די אָטריאַדנ לעטישע אונ עסטאָנישע פויערימ, פאַרשטײט זיכ, ניט געקאָנט האַלטנ. די אַמערסטנ דרײסטע זײַנענ אַנטלאָפנ אינ די וועלדער, אונ פונ דאָרטנ האָבנ זײ א געוויסע צײַט געפירט א קלײנע פּאַרטיזאַנישע מילכאָמע. אָנ א שיר פונ זײ זײַנענ צעשאָסנ געוואָרנ „אַפנ ווידערשטאַנד־אָרט". טויטשטראָפנ אָנ א געריכט, וועלכע זײַנענ אינ צענ-

טראל־רוסלאנד געווענ א זעלטענער אויסנאם, וועלכע האָבנ אינ פּוילנ אָנגעהויבנ ווערנ א כּלל, זײַנענ דאָ געווענ א כּלל אָנ אויסנאמענ. די אכזאָריעס פונ די „אײַנשטילער" פונ די אָסטזייִשע באראָנענ, וועלכע זײַנענ געווענ די קאָ־מאנדירנ פונ די אָטריאדנ, האָבנ ארויסגערופנ א צאָרנ אפילע בײַ ווײַטע. סאכאקל זײַנענ בײַ דער „אײַנשטילונג" אומגעקומענ ביז צ ע נ ט ו י ז נ ט מאנ. א באזונדערנ האס פלעגנ די באראָנענ ארויסווײַזנ צו דער לעטישער סאָציאל־דעמאָקראטיע: פּאשע־טע אָנגעהעריקײַט צו דער דאָזיקער פּארטיי פלעגט באשטראָפט ווערנ מיט קאטערגע. א ביטערע שול האָט דורכגעמאכט דער לעטישער פּראָלעטאריאט ווינטער 1905—1906. ניט אומזיסט האָט ער שפּעטער געגעבנ אזעלכע אויסגעהאלטענע קעמפער דער אָקטיאבער־רעוואָלוציע.

קאפּיטל X

די סטאָליפּינאדע

לײַכטזיניקע מענטשנ האָט זיכ געדוכט, אז די ערשטע רעוואָלוציע האָט גע־געבנ א ריינ נעגאטיווג רעזולטאט. „א ווירבל־ווינט האָט זיכ א דריי געטאָנ, אונ אלצ איז פארבליבנ, ווי געווענ", — האָט זיכ בייז געוויצלט איינער, א רעכט־מענשעוויס־טישער צי קאדעטישער פּובליציסט (אונטערשיידנ די דאָזיקע צוויי מינימ איז שוינ אינ יענע צײַטנ געווענ שווער). א צווייטער געוועזענער „לינקער" איז דער־גאנגענ ביז נאָכ א גרעסערער פּערעכקײַט אונ האָט פארגליכנ דאָס רוסישע פאָלק מיט גאָגאָלס פּאָפּרישטשינ, וואָס האָט זיכ אײַנגערעדט, אז ער איז דער שפּאנישער קיניג, אונ די רעוואָלוציאָנערע פּראָגראמעס האָט ער פארגליכנ מיט א זייפנבלאָז, אינ וועלכנ דער גאָראָדאָווי האָט א קלאפּ געטאָנ מיטנ נעזל פונ זײַנ שטיוול, — האָט דער זייפנבלאָז געפּלאצט.

צי לוינט דערמאָנענ די דאָזיקע אלע מיעסע שטיק? עס לוינט זייער. ערשטנס, דערפאר, ווײַל זיי באצייכענענ אָנ אָנהייב פונ יענעמ קער בײַ דער רוסלענדישער אינ־טעליגענצ, וועלכער האָט זיכ מיט א באזונדערער קראפט אונ שארפקײַט געלאָזט פילנ נאָכ אָקטיאבער 1917 יאָר, ווענ די דאָזיקע גאנצע אינטעליגענצ, כּוצ נישטיקע אויס־נאמענ, האָט זיכ ארויסגעוויזנ אינעמ לאגער פונ דער קאָנטררעוואָלוציע. אונ, צווייטנס, דערפאר, ווײַל מיר האָבנ דאָ א גלענצנדיקנ מוסטער דערפונ, וויאזוי אויס־בערפלעכע באאָבאכטונגענ ברענגענ לײַכטזיניקע מענטשנ צו אויספירנ, וואָס זײַ־נענ גאנצ ווײַט פונ דער אָביעקטיווער ווירקלעכקײַט. אינ דער מינוט, ווענ די שוואכמוטיקע „לינקע" אינטעליגענטנ האָבנ אָנגעהויבנ באשפּײַענ דאָס, צו וואָס זיי האָבנ זיכ נעכטנ געבוקט, האָבנ זיכ די אײַנשטילער פונ דער רעוואָלוציע דער־פילט ווײַט ניט רויִק. זיי — בעסער אינפאָרמירטע, איידער די אינטעליגענצ — האָט זיכ געדוכט, אז די מאסנבאוועגונג וועט אָט־אָט ווידער אויפלאקערנ, — האָבנ זיי זיכ אָנגעכאפּט פאר טעראָר, שטרעבנדיק מיט א צעשמעטערנדיקנ קלאפּ אָנצושרעקנ די אָפּטרעטנדיקע, דעמ ווײַט נאָכ ניט פארניכטעטנ פײַנט. אָבער גלײַכצײַטיק האָבנ זיי זיכ געגרייט צו קאָמפּליצירטע אונ אויפ זייער שטייגער דרייסטע מאנעוורעס, וועל־כע האָבנ געדארפט צעשפּאלטנ דעמ דאָזיקנ קעגנער אונ גאראנטירנ אויפ ווײַטער שוינ קעגנ דער מעגלעכקײַט אלײנ, אז עס זאָל אנטשטיינ אָנ אלנאציאָנאלע רעוואָלוציע אינ רוסלאנד. טעראָר אונ האנאָכעס, א בײַטש פאר די ווידערשפּעניקע אונ א לעקעכל

פאַר די, וואָס האָבנ זיכ אונטערגעגעבנ,—דערינ איז באַשטאַנענ דער טאָכ פונ דער פּאָליטיק, וואָס איז געפירט געוואָרנ אינ נאָמענ פונ ניקאָלײַ דעמ צווייטנ אינ די ערשטע דרײַ־פיר יאָר נאָכנ דערשטיקנ די מאַסנ־באַוועגונג. זי איז געפירט געוואָרנ אינ ניקאָלײַס נאָמענ, אָבער ניט ער איז געווענ איר עמעסער אויטער. דער שעפע־פונ דער נאָכ־רעוואָליוציאָנערער פּאָליטיק, וואָס האָט זיכ שאַרפ אונטערשיידט פונ דער פּאָליטיק פונ דער זעלבסטהערשונג ביז דער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר,— אַפ אַזויפיל שאַרפ, אַז די זעלבע לײַכטזיניקע באַאָבאַכטער האָבנ אינ עטלעכע יאָר אַרומ אָנגעהויבנ שרײַענ וועגנ דער פולשטענדיקער איבערגעבורט פונעמ צאַריזמ אונ וועגנ דער פאַרוואַנדלונג זײַנער אינ א בורזשואַזער מאָנאַרכיע, — איז געווענ דער „צע־טרײַבער“ פונ דער ערשטער מעלוכע־דומע, דער דעמאָלטיקער אינערנמיניסטער ס ט אָ־ל י פּ י נ. פונדאַנענ שטאַמט אויכ דער נאָמענ פונעמ נײַעמ פּעריאָד אינ דער רוסי־שער געשיכטע, וואָס ליגט צווישנ דער ערשטער רעוואָליוציע אונ דער אימפּעריאַליס־טישער מילכאָמע. ער איז ריכטיק באַקרוינט געוואָרנ מיטנ נאָמענ „סטאָליפּיניאַדע“. אָנ אַנאַליז פונ דער סטאָליפּיניאַדע וואָלטנ מיר ניט געהאַט קיינ פולשטענדיק בילד פונ אונדזער ערשטער רעוואָליוציע, ווײַל מיר וואָלטנ ניט געהאַט אירע אָביעק־טיווע ר ע ז ו ל ט א ט נ, יענע ענדערונגענ, וואָס זי האָט ווירקלעכ אַרײַנגעטראָגנ אינ־נעמ לעבנ פונעמ אימפּעראַטאָרישנ רוסלאַנד, — ענדערונגענ, גאַנצ ווייניק ענלעכע אַפ די אידעאַלנ פונ די רעוואָליוציאָנערנ, אָבער וואָס האָבנ פונדעסטוועגנ אינ גרונט אָפּגעוואָרפנ די לײַכטזיניקע באַהויפּטונג, אַז נאָכ דער רעוואָליוציע איז קלוימערשט „אַלצ געבליבנ, ווי געווענ“.

(סטאָליפּינס נאָמענ איז ענג פאַרבונדנ אינ אונדזער זיקאָרנ מיטנ „סטאָליפּי־נישנ האַלדזטוכ“—א רעוואָליוציאָנערע פראַזע, וואָס האָט זיכ אומגערנ אַרויסגעריסנ פונעמ מויל בײַ א קאַדעטישנ רעדנער (אַט האָט זיכ עס דער דאָזיקער שימאַזל דערשראָקנ!). „סטאָליפּינ דער טאַליענ“ שטעלט זיכ בוילעט אויפ אינ אונדזער זיקאָרנ, זוענ מיר הערנ דעמ דאָזיקנ נאָמענ. אונ ריכטיק — ווײַל די טליע איז געווענ גראָד פאַר סטאָליפּינענ פונקט אַזא ספּעציפישע, אייגנטימלעכע פאָרמ פונ קאַמפּ קעגנ דער רעוואָליוציע, ווי פריער א פּאָגראָמ פאַר טרעפּאָווּ. טרעפּאָוו איז אַרויסגעטראָטנ אינעמ פּעריאָד פונ אופשטײַנ פונ דער מאַסנ־באַוועגונג אונ ער האָט געמוזט אַנט־קעגנשטעלנ, לעבאָלאָפּאָכעס פרוּוונ אַנטקעגנשטעלנ, איינ מאַסע דער אַנדערער. די סטאָליפּיניאַדע איז אַנטשטאַנענ בײַסנ אָפּפאַל פונ דער מאַסנ־באַוועגונג: די מאַסנ זײַנענ אויפגעשטאַנענ אַלצ זעלטענער אונ זעלטענער, אַלצ שוואַכער אונ שוואַכער; מע האָט באַדאַרפט דערשלאָגנ די שוינ אַנטוישטע אונ פאַרמאַטערטע, אַרויספירנדיק אונ קעפּנדיק די „פירער“ אָדער פּאַשעט די סאַמע דרייסטע אונ די ווייניקער פאַר-מאַטערטע. דאָ איז טאַקע דאָס סאַמע פּאַסיקע מיטל געווענ א י נ ד י ו ו י ד ו ע ל ע ר ט ע ר אָ ר. די ערשטע דומע איז צעטריבנ געוואָרנ דעמ 9־טנ יול (אַלטנ סטיל) 1906 יאָר, אונ שוינ אינ אויגוסט האָט ניקאָלײַ אונטער סטאָליפּינס דיקטאַט געשריבנ: „די ניט־אויפהערנדיקע אַטענטאַטנ אונ דערמאָרדונגענ פונ אַמט־פּערזאָנענ אונ די טאָג־טעגלעכע כוצפּעדיקע רויבערײַענ דערפירנ דאָס לאַנד צו א צושטאַנד פונ פולשטענ־דיקער אַנאַרכיע. ניט בלויז דאָס פאַרנעמענ זיכ מיט ערלעכער אַרבעט (!), נאָר אַפילע דאָס לעבנ גופע פונעמ מענטשנ איז אינ געפאַר“. קעדיי ניט צו שטערנ דער „ערלעכער אַרבעט“ פונ די שפּיאָנענ אונ פּראָוואָקאַטערס אונ זיכערנ דאָס לעבנ פונ די גובערנאַטערס אונ פּאָליציימייסטערס, זײַנענ, פאַרשטייט זיכ, נייטיק געווענ „עקסטרע מאָסמיטלענ“. „אַפּאַנעמ, אַז בלויז דער אויסנאַמ־געזעצ, וואָס איז אַרויסגע־

געבנ געוואָרנ אפ א צײַט, ביזוואַנענ די רױקײַט װעט ניט אײַנגעשטעלט װערנ, װעט געבנ די זיכערקײַט, אז די רעגירונג האָט אָנגענומענ אנטשײדנדיקע מאָסמיטלענ אונ װעט אַלעמענ בארויִקנ" — האָט ניקאָלײַ פארענדיקט זײַנ „היסטאָרישע" װענדונג.

אינ פינפ טעג ארום, דעמ 19־טנ אװגוסט, זײַנענ אינ גאנצ רוסלאנד אײַנגעפירט געוואָרנ פעלד־געריכטנ, װאָס האָבנ אָפּערירט ביז דעמ 20־טנ אפּרעל 1907 יאָר. אינ די הענט פונ עטלעכע אָפיצערנ, אָנ שומ יורידישער בילדונג, אונ אָפּטמאָל בכלל אָנ שומ בילדונג, באַנײַסטערטע אויסשפּײַסלעכ פונ דער װילדער פײַנטשאפט מיצאַד דעמ פאָרעצ צו דער ארבעטערשער אונ פויערשער רעװאָליוציע, איז אָפּגעגעבנ געוואָרנ דאָס לעבנ פונ יעטװידער בירגער, בא װעלכנ מע האָט געפונענ א בראונינג אינ קעשענע. א בראונינג הײסט — „באװאָפנטער װידערשטאנד"; באװאָפנטער װידערשטאנד באטײַט טליִע. קעדײ צו דערטרינקענ די רעװאָליוציע ניט בלויז אינ בליט, נאָר אויכ אינ שמוצ, אונ אגעװ אויכ קעדײ צו שאפנ אינ די אויגנ פונ די קלײנבירגער א שײַנבארקײַט פונ „צוריק אופשטעלנ די אָרדענונג", פלעגט מענ אָפּטמאָל איבערגעבנ אלס קאָרבאָנעס פאר די פעלד־געריכטנ אפילע געװײנלעכע קרימינעלע פארברעכער — װײַט ניט אלע, אגעװ: װי נאָר עס פלעגנ קלאָר װערנ די עדשטע סימאָנימ פונ „רײנער" קרימינעליקײַט, פלעגנ די ציװילע פּראָקוראָרנ ארויספאָדערנ די באשולדיקטע צו זיכ, אונ פאר זײ פלעגט מענ געװײנלעכ גײנ אפ האנאָכעס. די מערהײַט געקעפּטע לויט אורטײלנ פונ די פעלד־געריכטנ פאלט אויס אפ די פאלנ פונ א באװאָפנטנ װידערשטאנד — אפ דער דעגענערירטער, אינדיװידואליזירטער פאָרמ פונ א באװאָפנטנ אופשטאנד — אָדער אפ „עקספּראָפּריאציעס", א רעגענערירטע פאָרמ פונ פארכאפנ דאָס פארמעגנ בא קאָנטררעװאָליוציאָנערנ — בא רעגירונג־אנשטאלטנ, בענק, בורזשואזיע אונ פּריצימ. די עקספּראָפּריאציעס פלעגנ ארײַנברענגענ די קלײנבירגער אינ שרעק, אונ דאָס האָט זײער פארלײַכטערט דעמ סטאָליפּינישנ טעראָר. סוביעקטיװ זײַנענ די עקספּראָפּריאטערס געװענ געװײנלעכ אופּריכטיקע רעװאָליוציאָנערנ, האגאמ זײ זײנענ געשטאנענ, פארשטײט זיכ, אפ א פאלשנ װעג. באזונדערע גרויסע „עקסנ" פלעגנ, אגעװ, געבנ ערנסטע מאטעריעלע אונטערשטיצונג דער רעװאָליוציאָנערער באװעגונג אזוי, אז רײדנ װעגנ א „פאלשנ װעג" אָנ רעזערװאציעס קומט ניט אויס. סטאָליפּינ איז פונ זײַנ שטאנדפּונקט געװענ גערעכט, װער ער האָט אָנראכמאָנעסדיק אויסגעראָטנ די „עקסיסטנ", װענ ער האָט געשטרעבט צו דערטרינקענ זײ פיזיש אונ מאָראַליש אינעמ הויפנ „באנדיטנ". דאָס איז געװענ דאָס סאמע דרײסטע, װאָס איז פארבליבנ פונ דער רעװאָליוציאָנערער באװעגונג — דאָס סאמע געפערלעכע אינ פאל פונ דער אנטשטײונג פונ א נײַער רעװאָליוציע.

פאר דער צײַט פונ דער סטאָליפּינישער דיקטאטור זײַנענ ארויסגעטראָגנ געװאָרנ העכער 5 טויזנט טויט־אורטײלנ אונ עס זײַנענ װירקלעכ געקעפּט געװאָרנ בא 3,5 טויזנט מענטשנ — יעדנפאלס אינ דרײַ מאָל מער, אײדער פארנ גאנצנ פעריִאָד פונ דער מאסנ־באװעגונג (אויב מע זאָל ניט רעכענענ, פארשטײט זיכ, די ציִשיסונגענ אָנ א געריכט נאָכנ דערשטיקנ דעמ באװאָפנטנ אופשטאנד). סטאָליפּינ איז געװענ ניט צופרידנ מיט דער „װײכקײַט" פונ די פעלד־געריכטנ אונ האָט פארעכנט די שװאכקײַט פונ זײערע מײַסימ אפנ כעזשבנ פונ סאָבאָטאזש מיצאַד דער העכסטער מיליטער־מאכט, פונ װעמענ עס איז אָפּהענגיק געװענ די באשטעטיקונג פונ די אורטײלנ. די פאָרמ פונ א מיליטערישנ געריכט האָט דאָ געבונדנ די פּאָליציי. אפ אײנ גענעראַל האָט זיכ סטאָליפּינ אפילע פאָרמעל באקלאָגט,

און דער פארבליבענער בריוו־אויסטויש מיקויעב דעם רינט אלס גלענצנדיקע באַשטעטיקונג פונעם ווערטל וועגן דעם „סטאָליפינישן האלדזטוך". האגאמ דאָס ווערטל איז א קאדעטישס, איז עס אבער געזאָגט געוואָרן שארפ און צו דער רעכטער צײַט—פונקט ווי עס איז שארפ געווען די כאראקטעריסטיק, וואָס א צווייטער קאדעט האָט געגעבן סטאָליפינען. „אין זײַן גאנצער גרויסער פיגור, — האָט דער דאָזיקער קאדעט געשריבן וועגן סטאָליפינען — אין די שארפע און אנטשלאָסענע באוועגונגען, אין דער קאלטער שטים, וואָס הילכט אָפ מיט מעטאל, אינעם שווערן בליק פון די בייזע אויגן, אין די אומאָנגענעמע שטריכן פון די גרויסע רויטע ליפן אפן בלאסן גזיכט, — אין אלץ איז געווען עפעס שווערס, מעכטיק־טעמפס און אבזאָריעסדיקס".

אַט די דאָזיקע פיגור פונעם „טאַליען" טאָר מען אָפ קיין איין מינוט ניט פארגעסן ביים מע שטודירט סטאָליפינס בורזשואזע „רעפאָרמעס". ארײַנפאלן אין סענטימענטאלקײַט מיקויעב דעם בורזשואזן כאראקטער פון די דאָזיקע רעפאָרמעס, אײַנזען דעריקער אין סטאָליפינס עטוואָס „פראָגרעסיוועס" וואָלט געווען פונקט אזוי ווילד, ווי אײַנזען א פאָרשטייער פון פראָגרעס אין ניקאָלײַ דעם ערשטן, וועלכער האָט דאָך אויך ניט ווייניק אופגעטאָן פאר דער אנטוויקלונג פונעם אינדוסטריעלן קאפיטאליזם אין רוסלאנד. א „פראָגרעס" האָט זיך סײַ אינעם ערשטן סײַ אינעם צווייטן פאל באקומען אָביעקטיוו, אומאָפהענגיק פונעם ווילן פון די פערזאָנען. פאר סטאָליפינען איז אפן פאָדערגרונט געשטאנען — דערשטיקן די רעוואָליוציע און אופשטעלן די צעוואקלטע מאכט פונעם קלאס גוטסבאזיצער. איבער די געוויינלעכע אײַנשטילער האָט אים אופגעהויבן דאָס, וואָס ער האָט באנומען די אומעגלעכקײַט צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל אָפ דער אלטער סאָציאַלער באזע. דער גוטסבאזיצער האָט זיך שוין אליין ניט געקאָנט האלטן — ער האָט געמוזט האָבן אן אונטערשטיצונג; דאָס האָט פארשטאנען אויך טרעפאָוו אין 1905 יאָר; אָבער טרעפאָוו האָט ביז די פויערשע ארויסטרעטונגען אין הארבסט 1905 און אין 1906 יאָר אויסגערעכנט, אז די גאנצע פויערשע מאסע וועט זײַן אן „אונטערשטיצונג". בא סטאָליפינען האָט די דאָזיקע איליוזיע שוין ניט געקאָנט זײַן.

פארניכטנדיק די רעוואָליוציע פיזיש, איז דער „סטאָליפינישער האלדזטוך" געווען א שלעכט מיטל צו דערשטיקן די רעוואָליוציאָנערע שטימונג. אין סאמע ברען פון דער ארבעט פון די פעלד־גריכטן האָט זיך ניקאָלײַ געפילט ניט אָפ קיין סאך היימלעכער, איידער אין די טעג פון דעקאבער־אופשטאנד. „דו פארשטייסט מײַנע געפילן, ליבע מוטער, — האָט ער געשריבן צו מאריע פיאָדאָראָוונע אין צוויי וואָכן ארום נאָך דעם, ווי עס איז ארויסגעגעבן געוואָרן יענער „אויסנאם־געזעץ", וואָס ער האָט געפאָדערט בא סטאָליפינען אָדער וואָס סטאָליפין האָט ארויסגעפאָדערט בא אים: — ניט האָבן די מעגלעכקײַט ניט פאָרן רײַטנדיק, ניט ארויספאָרן אָפ יענער זײַט טויערן וווּהין־ניט־איז. און דאָס איז בא זיך אין דער היים, אינעם שטענדיק רויִקן פעטערהאָף! איך ווער רויט, ווען איך שרײַב דיר וועגן דעם, אי פון כארפע פאר אונדזער פאָטערלאנד אי פון אופגעבראכטקײַט, וואָס אזא זאך האָט געקאָנט טרעפן לעבן סאמע פעטערבורג. דעריבער גייען מיר מאָרגן מיט אזא פרייד אוועק אפן „שטאנדארט" אין יאם, כאָטש אָפ עטלעכע טעג ווײַטער פון אָט דער דאָזיקער גאנצער שאנד".

אין סאמע ברען פונעם ווײַסן טעראָר איז דער צאר פאָשעט געלאָפן פון די רויטע טעראָריסטן... און עס האָבן ניט געהאָלפן זײַנע צאָרנדיקע בריוו צו סטאָליפי־

נען, אין וועלכע ער האָט געיאָמערט, אַז „דאָס, וואָס ער איז קעגן זײַן ווילן פֿאַרשפּאַרט אין „אַלעקסאַנדריע“*, האַלט ער ניט בלויז פֿאַר אַ באַליידיקונג, נאָר בעפֿירעש פֿאַר אַ ש אַ נ ד“. עס איז אויסגעקומען צו אַנטלויפֿן. און וואָס האָט ער באַדאַרפֿט דערפֿילן דערנאָך, ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויך אַפֿן זיכערן „שטאַנדאַרט“ זײַנען פֿאַראַן פֿאַרשווערער! מיט סטאָליפּינס זומער־וווינונג אַליין אַפֿן אַפּטייקער־אינדזל האָט געטראָפֿן נאָך ערגער: די רעוואָליוציאָנערן האָבן זי אויפֿגעריסן, דערבײַ זײַנען אומגעקומען א סאַך מענטשן, אָבער דער „טאַליען“ אַליין איז גאַנץ געבליבן. ער האָט באַקומען אַ געזעצלעכע שטראָף ערשט אין פֿיר יאָר אַרום פֿון די הענט פֿון איינעם אַ געוועזענעם אַנאַרכיסט, וואָס האָט זיך פֿאַרקויפֿט דער אָכראַנקע און וואָס האָט געהאָפֿט דורכן דערמאָרדן סטאָליפּינען אויסצוקויפֿן זײַן שולד פֿאַר דער רעוואָליוציע.

אָבער דער אינדיווידועלער טעראָר האָט געקאָנט אָפּשרעקן און פֿאַרניכטן איינצלנע פֿערזענלעכקייטן; ער איז ניט שרעקלעך געווען פֿאַר דער אָרדענונג. שרעקלעכער זײַנען געווען יענע סימאָנים פֿון מאַסנהאַפֿטיקער רעוואָליוציאָנערקייט, וואָס האָבן באַוויזן, אַז די רעוואָליוציע איז לאַנג ניט דערשטיקט, נאָר זי איז בלויז „אַוועק אין זיך“. איינער פֿון די דאָזיקע סימאָנים זײַנען געווען די וואַלן צו דער צווייטער דומע, וואָס זײַנען פֿאָרגעקומען אין יאַנואַר 1907 יאָר, און די דאָזיקע דומע גופֿא, וואָס האָט עקזיסטירט פֿון פֿעברואַל ביז אָנהייב יוני. די וואַלן זײַנען דורכגעגאַנגען אונטערן לאָזונג פֿון קאַמף קעגן די קאַדעטן—סטאָליפּינס, ווי מיר געדענקען, הויפּט־קאָנקורענטן אין פֿראַגע פֿון אײַנשטילן די רעוואָליוציע. די מעטאָדן פֿון אײַנשטילן, וואָס סטאָליפּין האָט אָנגעווענדט,—און וואָס די קאַדעטן אַליין וואָלטן זיכער געווען אָנגעווענדט, ווען זיי וואָלטן געשטאַנען בײַ דער מאַכט, בלויז אין מער צוויליזירטע פֿאָרמען,—האָבן באַשאַפֿן צווישן דעם שטאָטישן קלייןבירגערטום אַ פּלאַטפֿאָרמע פֿאַר די קאַדעטן, וואָס אַזאַ האָט מען זיך נאָר געקאָנט ווינטשן: אין די ש ט ע ט האָבן די קאַדעטן באַקומען 74 טויזנט שטימען פֿון 167 טויזנט, ד. ה. העכער 40 פּראָצ. דערבײַ זײַנען אויפֿן צווייטן אָרט דורכגעגאַנגען ניט די אָקטיאַבריסטן, וועמען סטאָליפּין האָט באַשיצט, נאָר „דער לינקער בלאָק“, ד. ה. דער בלאָק פֿון די באָלשעוויקעס און עסערן,** וואָס האָט באַקומען 41 טויזנט שטימען. דרײַ פֿערטל שטאָטישע וויילער האָבן זיך אַזוי אַרום אַרויסגעזאָגט פֿאַר דער אָפּאָזיציע — וויילער־קליינבירגער, דאַרף מען צוגעבן, ווײַל די אַרבעטער, ווי מיר ווייסן, זײַנען געווען אײַנגעשלאָסן אין אַ באַזונדערער „קוריע“. פֿון דער דאָזיקער קוריע, וואָס האָט, פֿאַרשטייט זיך, אַרומגעכאַפּט פֿאַקטיש די מערהייט פֿון דער שטאָטישער באַפֿעלקערונג, זײַנען דורכגעגאַנגען אויסשליסלעך עקסטרע־לינקע: אין מאָסקווע קימאַט דורכויס באָלשעוויקעס, אין פּעטערבורג מיט אַ צומיש פֿון 40 פּראָצ. עסערן. אין סאַכאַקל האָט זיך אַזוי אַרום די איבערוועגנדיקע מערהייט פֿון דער שטאָטישער באַפֿעלקערונג אַרויסגעזאָגט קעגן סטאָליפּינען. אָבער נאָך „ערגער“ איז געווען אין דאָרף: די פּויערים האָבן געגעבן 49 פּראָצ. עקסטרע דעפּוטאַטן און קימאַט 40 פּראָצ. פּויערשע דעפּוטאַטן האָבן זיך דערקלערט פֿאַר קאַדעטן אָדער „פּראָגרעסיסטן“. „דער קייסער — דער פֿאָטער“ האָט באַקומען בײַ אַ דריטל פּויערשע „וואַלמענער“, אָבער אַדאַנק דעם איבערוואָג פֿון די איבעריקע

* דעם צאַרס זומער־וווינונג הינטער פּעטערהאָף.

** די מענשעוויקעס האָבן בײַ די וואַלן געשטיצט די קאַדעטן.

צוויי דריטל איז אפנ ביילעק פונ די מאָנארכיסטנ אָנגעקומענ וויניקער פונ 8 פראָצ. פונ אלע פויערשע דעפוטאטנ. דער מאָנארכיסטישער קאָשמאר, וואָס איז געהאנגענ איבערנ רוסישנ דאָרפ נאָכ אינ די טעג פונ די וואלנ אינ דער ערשטער דומע (אינ פרילינג 1906 יאָר), איז איצט צעוויט געוואָרנ מער ווי אפ העלפט. שוינ אינ יאנואר 1907 יאָר איז זײַט־בא־זײַט מיט די באוווסטזיניקע ארבעטער געשטאנענ דער באוווסטזיניקער פויער.

די פויערשע רעוואָליוציע איז געווענ צעשאָסנ אונ פארשמיסנ. זי איז געווענ צוגעשטיקט, אָבער לאכלוטנ ניט דערשטיקט. אירע לאָזונגענ זײַנענ אינגעמ באוווסטזײַנ פונ די מאסנ געוואָרנ בלויז העלער אונ האָבנ זיכ שטארקער פארפעסטיקט: דאָס האָט זיכ טיקעפ געלאָזט פילנ אינ די רעדעס פונ די דעפוטאטנ אינ דער צווייטער דומע. אָנגעהויבנ פונ די עקסטרע־רעכטע, וועלכע האָבנ גלײַכ אינ די ערשטע ווערטער דערקלערט, אז זיי וועלנ „ביזנ טויט פארטיידיקנ דעמ קייסער אונ דאָס פאָטערלאנד", אונ געענדיקט מיט די פויערימ די עסערנ — האָבנ זיי אלע, אינ טאָכ גענומענ, געזאָגט איינס אונ דאָס זעלבע. א פויער — א „רעכטער" — האָט געזאָגט: „...די פריוואט־באזיצערישע ערד טאָר מענ לויטנ געזעצ ניט אָנרירנ. איכ בינ, פארשטייט זיכ, מאסקימ דערמיט, אז דעמ געזעצ דארפ מענ אויספילנ, אָבער קעדיי צו באזײַטיקנ די קנאפעדישקײַט מוז מענ אָנשרײַבנ אזא געזעצ, אז דאָס אלצ זאָל מענ מאכע טאָנ לויטנ געזעצ..." דער דאָזיקער פויער — דער מאָנארכיסט איז אײַנגעגאנגענ אפ אויסקויפ־געלט, אָבער ער האָט געהאלטנ, אז קוטלער (דער אווטער פונ קאדעטישנ אגרארנ געזעצ־פראָיעקט), „אלס א מענטש א רײַכער, האָט טײַער געבאָטנ, אונ מיר, פויערימ אָרעמע, קאָנענ אזויפיל ניט באצאָלנ..." אנ אומפארטייִשער פויער האָט געזאָגט: „מיר — ערלעכע בירגער, מיר פארנעמענ זיכ ניט (!) מיט קיינ פאָליטיק... זיי (די פריצימ) גייענ בלויז ארומ אונ האָבנ זיכ אָנגעפרעסנ בײַכער פונ אונדזער בלוט, פונ אונדזערע זאפטנ. מיר וועלנ עס דערמאָנענ, מיר וועלנ זיי אזוי ניט באלײַדיקנ, מיר וועלנ זיי אויכ ערד געבנ. אויב מע זאָל אויסרעכענענ, וועט בא אונדז אפ יעדער הויפ אויסקומענ צו 16 דעסיאטינ, אונ פאר די הערנ גרויסע ערד־באזיצער וועט נאָכ בלײַבנ צו 50 דעסיאטינ..." „ווייסט, הערנ פאָלק־פארשטייער, — האָט געזאָגט א צווייטער „אומפארטייִשער", — א הונגעריקער מענטש קאָנ ניט אײַנזיצנ רויִק, אויב ער זעט, אז ניט געקוקט אפ זײַנע צאָרעס איז די מאכט אפ דער זײַט פונ די הערנ גוטבאזיצער. ער קאָנ ניט ניט וועלנ קיינ ערד, אפילע ווענ דאָס זאָל זײַנ קעגנ געזעצ: זײַנ נויט צווינגט אימ. א הונגעריקער מענטש איז גרייט אפ אלצ, ווײַל זײַנ נויט צווינגט אימ, ער זאָל זיכ מיט גארניט ניט רעכענענ..." א־דריטער האָט פּאָשעט דערקלערט: „מע דארפ די ערד אָפּנעמענ בא די גאלאָכימ אונ גוטבאזיצער". פארופנדיק זיכ אפ יעוואנגעלישע ווערטער „קלאפט, וועט זיכ עפענענ", וואָס די גאלאָכימ ברענגענ אָפט, זאָגט ער ווײַטער: „מיר בעטנ, בעטנ, אונ מע גיט אונדז ניט, מיר קלאפנ, אונ מע גיט ניט; מיילע, — וועט אויסקומענ ברעכנ די טיר אונ אָפּנעמענ. מײַנע הערנ, דערלאָזט ניט, אז מע זאָל ברעכנ די טירנ, גיט אָפּ פרײַוויליק, אונ דאנ וועט זײַנ פרײַ, פרײַהײַט, אי אײַכ וועט זײַנ גוט אי אונדז".

די „לינקע" פויערימ האָבנ בלויז דײַטלעכער אויסגעדריקט די זעלביקע געדאנקענ אונ האָבנ געמאכט פונ זיי יענע אויספירנ, צו וועלכע עס האָבנ זיכ נאָכ ניט געהאט דערטראכט די „אומפארטייִשע". „איצט ריידנ מיר מער וועגנ גארניט, אכוצ וועגנ ערד; אונדז ווידער זאָגט מענ: „הייליק, אומבארירלעכ". איכ מיינ, אז עס

קאָנ ניט זײַנ, ווי זאָל זײַנ אומבארירלעכ: וויבאלד דאָס פאָלק וויל עס, קאָנ קײנ שום מאַכט ניט זײַנ אומבארירלעכ. הערנ אדעליקע, איר מײנט, אז מיר ווייסנ ניט וועג איר פלעגט אונדז אפ דער קאָרט שטעלנ, וועג איר פלעגט אונדז אפ הינט בײַטנ? מיר ווייסנ, דאָס אלצ איז געווענ אײַער הייליק, אומבארירלעכ אײגנטום... בא אונדז האָט מענ די ערד אוועקגעגאנוועט... די פויערימ, וואָס האָבנ מיכ געשיקט האָבנ אזוי געזאָגט: „די ערד איז אונדזערע, מיר זײַנענ געקומענ אײַער ניט קויפנ זי, נאָר נעמענ". „מיר זעענ דאָ אינ דער פערזאָנ פונעמ פאָרזיצער פונעמ מיניס־טאָרנ־ראט ניט קײנ מיניסטער פונעמ גאנצנ לאנד, נאָר א מיניסטער פונ 130 טויזנט גוטבאזיצער,—האָט געזאָגט א צווייטער „לינקער" פויער,—90 מיליאָנ פויערימ באטרעפנ פאר אימ גאָרניט. איר (ווענדנדיק זיכ צו די רעכטע) פארנעמט זיכ מיט עקספּלואטאציע, איר פארדינגט אײַער ערד פאר א טײַערנ פרײַז אונ שינדט די לעצטע הויט פונעמ פויער... איז ווייסט, אויב די רעגירונג וועט ניט באפרידיקנ די נויט, וועט דאָס פאָלק ניט פרעגנ אײַער האסקאָמע, עס וועט צונעמענ די ערד".

„אנ אלגעמײנער שטריכ בא די פויערימ־טרודאָוויקעס אונ בא דער פויערשער אינטעליגענצ איז די לעבהאפטיקײט פונ די דערינערונגענ וועגנ לײַבאײגנטומ, — האָט געזאָגט לענינ, בא וועמענ איכ נעמ די ציטאטעס.—זיי אלע פארײניקט דער האס, וואָס שלאָגט ווי פונ א קוואל, דער האס צו די פּריצימ אונ צו דער פּריצישער מעלוכע. אינ זיי אלע ברויזט די רעוואָליוציאָנערע לײַדנשאפט... אלע האסנ דעמ קאָמפּראָמיס מיטנ אלטנ רוסלאנד, אלע קעמפנ דערפאר, אז מע זאָל ניט איבערלאָזנ פונעמ פארשאָלטענעמ מיטלאלטער קײנ שטײנ אפ א שטײנ". *

קעגנ אזא אײַנארטיקער „מאסנ"־ארויסטרעטונג האָבנ ניט געקאָנט העלפנ קײנע שום פעלד־געריכטנ, קײנ שום טעראָר. „איכ פארנעמ זיכ ניט מיט קײנ פּאָליטיק,—האָט דער פויער געטענהעט,—אונ ערד גיב". עמעצנס ערד האָט מענ באדארפט געבנ, אויב מע האָט ניט געוואָלט, אז די רעוואָליוציע זאָל ווידער אויפלאָקערנ אינ א יאָר — צוויי ארומ, אפ וואָס עס האָבנ טאקע געוואָרט אײניקע רעוואָליוציאָנערנ, וואָס האָבנ צו עלעמענטאר באנומענ די רעוואָליוציע. זיי זײַנענ געווענ גערעכט אינ דעמ זינ, אז די ניט־געלייזטקײט פונ דער אגראר־פראגע האָט באטײַט, אז די בורזשואזע רעוואָליוציע אינ רוסלאנד איז ניט פארענדיקט, אז דאָס שליסט אויס די מעגלעכקײט, עס זאָל ווײַטער גײנ מיט א פרידלעכנ וועג, אָבער זיי האָבנ גערעכנט זייער קורצע טערמינענ, אונ דער גאנג פונ דער געשיכטע האָט זיכ זיי פאָרגעשטעלט צו גראָדליניק. סטאָליפּינ האָט ניט געקאָנט אײַנשטילנ דעמ ערד־הונגער פונ די פויערימ, אָבער ער האָט געפונענ א מיטל אָפּצוציִענ די לייזונג פונעמ קריזיס אפ גאנצע צענ יאָר; ער וואָלט מיסטאָמע אָפּגעצויגנ נאָכ אפ א לענגערנ טערמינ, ווענ עס זאָל ניט געווענ פאָרקומענ די מילכאָמע פונ 1914 י. ער האָט גוט גערעכנט, — אינ זײַנ פערזאָנ האָט דער פּריצישער קלאס גוט גערעכנט, — אז די פויערימ האָט זיכ אײנ מאָל אינ דער געשיכטע אײַנגעגעבנ אָפּצונארנ, אינ 1861 יאָר, אונ דער שווינדל האָט געסטײַעט אפ צוויי יאָרצענדליק: די פויערימ האָבנ ניט געענטפערט אפ די צורופנ פונ די רעוואָליוציאָנערנ די פאָלקיסטנ. עפשער קאָנ מענ איבערכאזערנ דעמ שווינדל אונ עפשער וועט ער האָבנ פונקט אזא דערפאָלג?

עס איז זעלבסטפארשטענדלעכ, אז שווינדל, אזוי צו זאָגנ, אינ א „רײנער" פאָרמ וואָלט קײנמאָל ניט געקאָנט האָבנ קײנ דערפאָלג. ווענ די פויערימ וואָלטנ

---

* לענינ, ווערק, ב. IX, ט. 2, ז. 595, ערשטע אויסגאבע.

אינ 1861 יאָר אינגאַנצנ גאָרניט באַקומענ, וואָלט די פויערשע רעוואָליוציע אויסגעבראָכנ נאָכ אינ די 60־קער יאָרנ. אינדערעמעסנ האָבנ די פויערימ עפּעס וואָס יאָ באַקומענ פונ דער „פויערשער רעפאָרמע" — פאַרנ פּרײַז פונ פאַרלירנ א פּינפטכײַליק פונ זייער ערד און פונ באַצאָלנ פאַר דער איבעריקער מעשוגענע געלטער האָבנ זיי אופגעהערט צו זײַנ דעמ פּאָרעצס א באַוועגלעכ פאַרמעגנ, מע האָט זיי מער ניט געטאָרט בײַטנ אפ הינט און פאַרשפּילנ אינ קאָרטנ. אז פאַרנ פּאָרעצ איז זײַנ „באַוועגלעכ פאַרמעגנ" געווענ אצינד א לאַסט, אז ער האָט איצט א סאַכ מער געשאַצט דעמ „ומבאַוועגלעכנ",—דאָס האָבנ די פויערימ אינ 1861 י. ניט פאַרשטאַנענ,—זיי האָבנ עס פאַרשטאַנענ א סאַכ שפּעטער, ווענ די „אָפּשניטנ" האָבנ זיי אָפּסנײַ פאַרקנעכטעט. אינ די יאָרנ 1906—1910 האָט מענ די פויערימ אויכ עפּעס וואָס באַדאַרפט ווירקלעכ געבנ. פריער פאַר אַלצ האָט מענ דעמ פויערשנ באַנק איבערגעגעבנ „אפ צו פאַרקויפנ די קנאַפּערדיקע" א געוויסנ סכומ ערד פונ דער מעלוכישער און „אודיעלנער" (וואָס האָט געהערט צו דער צארישער פאַמיליע). פאַרקויפנ האָט מענ געדאַרפט מיט א האַנאָכע לעגאַבע דעמ נאָמינעלנ ווערט אפ 20 פּראָצ. (די באַפעלנ פונ 12־טנ און 27־טנ אווגוסט אַלט. סט. 1906 יאָר). מע האָט גערעכנט „איבערגעבנ" (ד. ה. פאַרקויפנ, פּאַשעטער גערעדט) אפ אזא אויפנ די פויערימ 10 מיליאָנ הא, — פאַקטיש האָט מענ פאַרקויפט ניט מער פונ 3,3 מיליאָנ הא, דערונטער בא 1,4 מיליאָנ הא „אודיעלנע" ערד.

דאָס איז געווענ א טראָפּנ אינ יאַמ. 3,3 מיליאָנ הא האָבנ בעשומויפנ ניט געקאָנט ווײַפל ניט איז באַמערקלעכ פאַרגרעסערנ דעמ 140־מיליאָניקנ ערדכײַלעדיקנ פאָנד, אפ וועלכנ דער פויער האָט זיכ געשטיקט. עטוואָס ברייטהאַרציקער, ווי דער פאָטער—דער קייסער, האָבנ זיכ ארויסגעוויזנ די פּריצימ גופא, וואָס האָבנ אָנגעהויבנ גאַנצ ענערגיש אויספאַרקויפנ זייער ערד, באַזונדערס אינ די ערטער פונ דער סאַמע אינטענסיווער פויערשער באַוועגונג. אינ איינ 1906 י. האָבנ די פּריצימ ארויסגעוואָרפנ אפנ מאַרק 8,3 מיליאָנ הא ערד. קיינ קוניִמ אפ אזא מאַסע מיטאַמאָל האָט זיכ ניט געפונענ, און אינ מעשעכ פונ פיר יאָר — 1906—1910 — האָבנ די פויערימ געקויפט דורכנ באַנק סאַכאַקל 7,2 מיליאָנ הא; דרײַ פערטל דערפונ אינעמ שוואַרצערדישנ פּאַס. געקויפט האָבנ לאַכלוטנ ניט קיינ „קנאַפּערדיקע", שוינ צוליב דער פּאַשעטער סיבע, וואָס „באַנק־ערד" איז געווענ מער פאַר אַלצ דאָרטנ, ווו דאָס פויערטומ פאַרמאָגט א סאַכ ערד און ווייניקער פאַר אַלצ דאָרטנ, ווו דאָס פויערטומ פאַרמאָגט ווייניק ערד. ד.ה. ווו עס איז געווענ מער אָרעמשאַפט".* דער פּאָרעצ ווידער האָט געפּאָדערט פאַר דער ערד אינ דרײַ מאָל טײַערער אזוי, אז די יערלעכע צאָלונגענ לויט דער האַלוואָע זײַנענ געווענ בלויז עטוואָס נידעריקער פונ די ארענדע־צאָלונגענ, וואָס האָבנ עקזיסטירט אינעמ דאָזיקנ אָרט, און אָפּטמאָל אפילע העכער. דערמיט האָט זיכ אויכ דערקלערט דאָס, וואָס עס איז „פאַרגעלייגט" געוואָרנ ערד א סאַכ מער, איידער עס איז ווירקלעכ פאַרקויפט געוואָרנ. די גוטבאַזיצער האָבנ באַשולדיקט דערינ, פאַרשטייט זיכ, די ניטגעניטקײַט פונעמ פויערשנ באַנק, וואָס איז, לויט די אָנקלאָגעס פונ אדל, טאַקע גענומענ געוואָרנ אונטער א ספּעציעלער אופזיכט פונ ניקאָלײַענ אליינ.

האַגאַמ די גוטבאַזיצער האָבנ פאַרקויפט די פויערימ פאַר זייער הויכע פרײַזנ צוויי מאָל אזויפיל ערד, וויפל די קאַזנאַ און די אודיעלנ, פונדעסטוועגנ איז דאָס

* ס. דובראָווסקי, „די סטאָליפּינישע רעפאָרמ", ז. 201. בא דעמ דאָזיקנ אווטער נעמ איכ דעמ גרעסטנ טייל ציפער־מאַטעריאַל.

אויכ געוועזנ ניט מער ווי א טראָפּנ אינ יאַמ צו שטילנ דעמ פּויערשנ ערד־הונגער. דאַנ איז אינ די פּריצישע קרײַזנ אופגעקומענ אזא געדאַנק: אינ 1861 יאָר האָבנ מיר פאַרקויפט די פּויערימ זייערע אייגענע נאַכלעס פאַר זייער א גוטנ פּרײַז, עפּשער קאָנ מענ זיי איצטער געבנ „צוגאָב־נאַכלעס“ טאַקע פונ זייער אייגענער, פּויערישער ערד? דאָ האָבנ זיי זיכ דערמאָנט דעמ בײַשפּיל פונ מערב־אייראָפּע; דאָרט איז דער גרויסער ערד־באַזיץ אינ א באַדײַטנדיקער מאָס אופגעקומענ אפ אזא מינ אופנ — דורכ באַרויבנ געמיינדישע ערד; עפּשער קאָנ מענ בא אונדז טאַקע מיט אזא וועג פונ רויבערײַ באַשאַפנ א קליינעמ אינדיווידועלנ ערד־באַזיץ אונ אינ זײַנ פּערזאָנ שאַפנ א פעסטנ פאַרבינדעטנ פאַרנ גוטבאַזיצער אינ פּראַט פונ פּאַרטיידיקנ דאָס „אייביקע, אומבאַרירלעכע“ ערד־אייגנטומ?

דער דאָזיקער גרונטגעדאַנק פונ דער סטאָליפּיניאַדע, — צעקלאַפּנ די געמיינדע, שאַפנ אפ איר אָרט א פעסטנ באַלעבאַטיש פּויערטומ אונ פאַרוואַנדלענ די איבעריקע פּויערישע מאַסע אינ א גראַנדיעזער רעזערוונער אַרבעט־אַרמיי, וועלכע זאָל גלײַכצײַטיק זיכערנ אויכ דעמ נאָכפרעג אפ אַרבעטער פונ דער וואַקסנדיקער גרויסער אינדוסטריע אונ די באַדערפעניש פונ דער „יונקערישער“ ווירטשאַפט אינ א באַטראַכ, — דער דאָזיקער געדאַנק האָט ניט געהערט סטאָליפּינענ פּערזענלעכ אונ מיר באַגעגענענ אימ א סאַכ פריער פאַר סטאָליפּינענ. צומ ערשטנ מאָל האָט אימ דײַטלעכ פאָרמולירט וויטעס „באַראַטונג וועגנ די נויטנ פונ דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אינדוסטריע“ (זע פריער). שטיצנדיק זיכ אפנ ווונטש פונ דער מערהײַט אָרטיקע קאָמיטעטנ, האָט די באַראַטונג אַרויסגערוקט א האַנאָכע: „מיטווירקנ דעמ אַריבערגאַנג פונ די דאָרפישע געמיינדעס צו א הויפישנ אונ כוטערישנ באַזיץ, דערלויבנדיק איינצלנע פּויערימ אויסצוטיילנ זייער נאַכלע פונעמ געמיינדישנ ערד־באַנוצ, *אָנ דער האַסקאָמע פונ קאָהאָל*“.

סטאָליפּינ האָט דעריבער ניט אַנטדעקט קיינ שומ אַמעריקע, ווענ ער האָט, נאָכ אַלס סאַראַטעווער גובערנאַטער, אינ זײַנ באַריכט צו ניקאָלײַענ פאַרנ 1904 יאָר, „זוכנדיק די סיבעס פונעמ בײַז“, וואָס פאַרהאַלט די אַנטוויקלונג פונ דער לאַנדווירטשאַפט אינ רוסלאַנד, אָנגעוויזנ „אפ דער אַלצ איבערשלינגענדיקער ווירקונג, וואָס עס האָט אפנ גאַנצנ שטייגער פונעמ דאָרפישנ פּויערישנ לעבנ דער געמיינדישער ערד־באַזיץ, די געמיינדע־אָרדענונג. די דאָזיקע אָרדענונג האָט זיכ אײַנגעוואָרצלט אינעמ באַוווסטזײַנ פונ פאָלק. מע קאָנ ניט זאָגנ, אז דאָס פאָלק זאָל זי ליב האָבנ: קיינ אַנדער אָרדענונג פאַרשטייט עס פּשוט ניט אונ האַלט ניט פאַר מעגלעכ. צוזאַמענ דערמיט איז באַמ רוסישנ פּויערטומ פאַראַנ א לײַדנשאַפט אַלעמענ אויסצוגלײַכנ, אַלצ דערפירנ צו איינ ניוואָ, אונ אַזויווי די מאַסע קאָנ מענ ניט אופהייבנ צומ ניוואָ פונעמ סאַמע טיכטיקנ אונ קלוגנ, דאַרפנ די בעסערע עלעמענטנ אַראָפּגעזעצט ווערנ ביז פאַרשטיינ, ביז דער שטרעבונג פונ דער ערגערער, אינערטער מערהײַט... דער ערד־הונגער, די אַגראַרע אומרוענ ווײַזנ אַלײנ אָנ אפ יענע מאָסמיטלענ, וועלכע קאָנענ אַרויספירנ די פּויערישע באַפעלקערונג פונ דער איצטיקער אומנאָרמאַלער לאַגע. א נאַטירלעכער קעגנגעוויכט קעגנ דעמ געמיינדישנ מעטאָד איז דאָס אינדיווידועלע אייגנטומ. דאָס דינט אויכ אַלס גאַראַנטיע פונ אָרדענונג, ווײַל דער קליינ־אייגנטימער שטעלט מיט זיכ פאָר יענע קעמערל, אפ וועלכנ עס באַזירט זיכ א שטאַנדהאַפטיקע אָרדענונג אינ דער מעלוכע“.

סטאָליפּינ איז דעריגנ ניט געוועזנ אפילע צווישנ זײַנע נאָענטסטע „קאָלעגעס“ — די גובערנאַטערס. אינעמ באַריכט פאַרנ זעלבנ 1904 יאָר האָט דער כער־

סאַנער גובערנאַטער געשריבנ: „דער צײַטווײַליקער כאַראַקטער פונ באַנוצנ זיכ מיט ערד בײַ דער געמיינדע־סיסטעמ, כוץ דעמ, וואָס ער איז אַ שטערונג פאַר דער פאַרבעסערונג פונ דער ערד־קולטור, גיט ער ניט קיינ פעסטנ באַגריפ וועגנ אייגנטומ, דינט פאַר אַ קוואַל פונ שטרײַטנ, רײַסערײַענ אונ אומאָרדענונגענ... קעדיי צו דערגרייכנ אַ וווילאײַנאָרדענונג פונ ערד בײַ די פויערימ, קאָנענ רעקאָמענדירט ווערנ אַזוינע מאָסמיטלענ: 1) אײַנפירנ באַדינגונגענ, וואָס פאַרלײַכטערנ דעמ אַריבערגאַנג פונ געמיינדישנ ערד־באַזיצ צו אַ הויפישנ, אונ אויפמונטערונג־מאָסמיטלענ מיצאַד דער רעגירונג צו פאַנאַנדערזעצנ די פויערימ אינ די גרענעצנ פונ דער נאָכלע מיטנ צוועק אַריבערצוגיינ צו אַ כוטערישער ווירטשאַפט..." אונ נאָכ ווינציקער אײַנזאַמ איז סטאָליפינ געווענ צווישנ די מיטגלידער פונ זײַנ קלאַס — די פריצימ. די סאַמע פאָרגעשריטענע גרופע זייערע, וועלכע האָט אַנטשפּראָכנ אומגעפער יענער גרופע אַדעליקע פונ 1861 יאָר, וואָס האָט האַנ דורכגעפירט די „באַפרײַונג" מיט אָפּשניטנ אונ מיט קאָלאָסאַלע אויסקויפ־געלטער, האָט פולשטענדיק מאַסקימ געווענ מיט סטאָליפינס שטאַנדפונקט. באָברינסקי, וואָס איז אונדז שוינ באַקאַנט לויט די שטרײַטנ וועגנ אַלגעמיינעמ וואַלרעכט (זע פריִער), האָט געזאָגט דער צווייטער דומע: „מיט אַ וועלכע 100—150 יאָר צוריק האָבנ די פויערימ פונ מייערוו־אייראָפּע קימאַט אומעטומ געלעבט פונקט אַזוי אָרעמ, פונקט אַזוי אונטערגעדריקט אונ אומוויסנדיק, ווי בײַ אונדז איצט. עס איז געווענ די זעלבע געמיינדע, ווי בײַ אונדז אינ רוסלאַנד, מיטנ איבערפאַרטיילנ די ערד לויט די נעפּאַשעס, אַט דאָס טיפּישע רעשטל פונ דער פעאָדאַלער אָרדענונג. אונ איצט האָט זיכ דער „אָרעמער, דערנידעריקטער פויער" פאַרוואַנדלט אינ אַ „נוצלעכנ, פאַרמעגלעכנ בירגער, וואָס אַכטעט זיכ אונ אַנדערע". וויאַזוי איז דאָס געשענ? דאָ איז פאַראַנ בלויז איינ ענטפער: *דעמ דאָזיקנ ווונדער האָט געשאַפנ דאָס פויערשע פערזענלעכע אייגנטומ*, וואָס מיר, רעכטע, וועלנ פאַרטיידיקנ מיט אַלע קרעפטנ פונ אונדזער סייכל, מיט דער גאַנצער מעכטיקײַט פונ אונדזער אויפריכטיקער איבערצײַגונג, ווײַל מיר ווייסנ, אַז אינעמ אייגנטומ ליגט די קראַפט אונ די צוקונפט פונ רוסלאַנד".

„די רעאַקציאָנערקײַט פונ דער שוואַרצמייִשער פּראָגראַמ באַשטייט ניט אינעמ פאַרפעסטיקנ וועלכע־ניט־איז פאַר־קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישנ אָדער פאַראַנדכעס (אינ דער הײַנטיקער שטייענ שוינ, אינ טאָכ גענומענ, אַלע פאַרטייענ אינ דער עפּאָכע פונ דער צווייטער דומע אויפנ באָדנ פונ אָנערקענענ דעמ קאַפּיטאַליזמ אַלס אַ געגעבענעמ), — זאָגט לענינ מיקויעכ דער אַרויסטרעטונג באָברינסקיס, — נאָר אינ דער אַנטוויקלונג פונעמ קאַפּיטאַליזמ לויטנ *יונקערישנ* טיפּ, קעדיי צו פאַרפעסטיקנ די מאַכט אונ די האַכנאָסעס פונעמ גוטבאַזיצער, קעדיי אונטערצופירנ אַ נײַעמ, מער פעסטנ פונדאַמענט אונטערנ בינינ פונ דער זעלבסטהערשונג".*

„...איצט איז די גאַנצע *רעגירונגס־פּאָליטיק געווענדט צומ אײַנפלאַנצנ קליינעמ פּריוואַט־אייגנטומ*", — אַזוי האָט סטאָליפינ רעזומירט זײַנ גרונט־אויפגאַבע אינ איינעמ אַ בריוו צו ניקאָלײַענ, פּראָטעסטירנדיק קעגנ באַשטימענ איינעמ אַ מיטגליד פונעמ מעלוכע־ראַט טאַקע דערפאַר, וואָס יענער איז אַ סלאַוואָפיל אונ אַנ אָנהענגער פונ דער געמיינדע. דער רוסישער יונקער האָט זיכ מער ניט געניייטיקט אינ מיטלאַלטערלעכע געצייג, קעדיי אײַנצוהאַלטנ זײַנ

---

* *לענינ*, ווערק, ערשטע אויסגאַבע, באַנד XI, ט. 2, ז. 571. מײַנ קורסיוו. — מ. פ.

הערשאפט איבער די פויערים. אָבער דאָס האָט, זעלבסטפארשטענדלעכ, ווייניקער פאר אלצ באטײַט, אז ער זאָגט זיכ אָפּ פונ דער דאָזיקער הערשאפט. דאָ האָבנ מיר יענעמ וואסערשייד, וועלכער האָט דײַטלעכ אָפּגעטיילט סטאָליפינס פאָליטיק פונ וויטעס פאָליטיק. די „באראטונג וועגנ די נויטנ פונ דער לאנדווירטשאפטלעכער אינדוסטריע“ האָט געשטרעבט ניט בלויז אויסצוראָטנ די געמיינדע אונ פארבײַטנ זי אָפּ א „כוטערישנ באזיצ“, — זי האָט ארײַנגעשטעלט אינ איר פראָגראמ אויכ „דאָס באזײַטיקנ די אָפּגעזונדערטקײַט פונ די פויערימ אינ די בירגערלעכע אונ פערזענלעכע רעכט לויטנ פארמעגנ, באזונדערס אינ ס יידער פונ פאר-וואלטונג אונ געריכט“. אינ דער דאָזיקער ריכטונג האָט די סטאָליפיניא־רע גאָרנישט ניט אופגעטאָנ: סײַ דער זעמסקער נאטשאלניק סײַ דאָס פויערשע וואָלאָסטישע שטאנדנ־געריכט זײַנענ געבליבנ אָפּ זייער אָרט; מער ניט, וואָס דאָס געריכט האָט פארלאָרנ דאָס רעכט צו שמײַסנ די פויערימ מיט ריטער אונ עס זײַנענ אָפּגעשאפט געוואָרנ די באגרענעצונגענ פאר די פויערימ באמ אָנקומענ אינ די מיטלשולנ אונ הויכשולנ. דאָס איז אָבער געווענ א נייטיקע דערגאנצונג צומ באשאפנ „א פויער—אנ אייגנטימער“: דער באלעגופ האָט געוואָלט, אז זײַנע קינדער זאָלנ „מאכנ א קאריערע“ — וועט ער דאָכ ניט באליידיקנ צוליב אזא קלייניקײַט זײַנ צוקינפטיקנ פארבינדעטנ, זײַנ האָפענונג אונ אָנשפאר. וואָס איז שײַעכ די שמיצ, האָבנ זיי נאָכ די גראנדיעזע עקזעקוציעס אונ עקזעקוציעס פונ די יאָרנ 1905—1906 פאָשעט פארלאָרנ יעטווידער שרעקנדיקע קראפט. דער יונקער איז שוינ געווינט געוואָרנ דערצו, אז דער פויער „פאָלגט“ בלויז דער נאהײַקע, באגנעט אונ קויל, אונ די שמיצ זײַנענ אָפּגעגעבנ געוואָרנ אינ ארכיוו צוזאמענ מיטנ גאנצנ איבעריקנ „מיטלאלטער“.

אָפּ וויפל סטאָליפינ האָט אויסגעדריקט בלויז די אלגעמיינע מיינונג פונעמ רוסלענדישנ „יונקערטומ“, איז דער אריבערגאנג פונ דער מאכט אינ זײַנע הענט ניט געווענ קיינ גרויסער איבערבראָכ אינ דער געשיכטע פונ דער אגראר־פראגע: די גרונטיקע מאָסמיטלענ זײַנענ נאָכ צוגעגרייט געווענ דורכ א קאָמיסיע, וואָס האָט געארבעט אינ יאנואר 1906 יאָר, נאָכ אינ וויטעס צײַטנ. אָבער וויטע אונ זײַנ רעגירונג האָבנ ניט געפונענ פאר מעגלעכ צוצוטרעטנ צו ברעכנ די געמיינדע אָנ א סאנקציע פונ דער דומע; די ערשטע דומע וויִדער איז געשטאנענ אפנ שטאנדפונקט פונ „צוואנג־אנטייגענונג“ פונ דער פריוואַטער ערד. סטאָליפינס אָריגינעלקײַט איז באשטאנענ דערינ, וואָס בא אימ האָט געקלעקט דרייסטקײַט דורכצופירנ די פראגע אָנ דער דומע. אינ דער צווישנצײַט צווישנ דער ערשטער אונ צווייטער דומעס, צוויי כאדאָשימ פאר די וואלנ אינ דער צווייטער דומע, איז ארויסגעגעבנ געוואָרנ דער באפעל פונ 9־טנ נאָיאבער 1906 יאָר, וועלכער האָט געגעבנ דאָס רעכט „יעדנ הויז־באלעבאָס, וואָס באזיצט ערד אָפּ געמיינדע־רעכט, צו יעטווידער צײַט צו פאָדערנ, אז מע זאָל פארפעסטיקנ פאר אימ אלס אייגנטומ דעמ טייל פונ דער אָנגעוויזענער ערד, וואָס קומט אימ“. דאָרט, וווּ עס איז אינ משך פונ 25 יאָר ניט פאָרגעקומענ קיינ איבערפארטיילונג, ד. ה. ווּ די געמיינדע איז געווענ בלויז א פוסטע יורידישע פאָרמ, איז אזא אויסטיילונג געווענ אָבליגאטעריש. אָבער אויכ אינ יעדער אנדער געמיינדע האָט די אויסטיילונג געקאָנט ווערנ אָבליגאטעריש לויט דער פאָדערונג פונ איינ פינפטכיילעק פונ אלע הויז־באלעבאטימ, אויב די צאָל זייער־ע איז געווענ ווייניקער פונ 250 מענטשנ, אָדער לויט דער פאָדערונג פונ 50 הויז־באלעבאטימ אינ די געמיינדעס, וואָס האָבנ מער פונ

250 הויז־באַלעבאַטימ. אינ פאַל פונ אַנ איבערפאַרטיילונג האָט אַפילע יעדער באַזונדערער הויז־באַלעבאָס געקאָנט פאָדערנ, מע זאָל אימ אויסטיילנ. די צווייטע דומע האָט זיכ באַצויגנ צומ יונקערישנ געזעצ נאָכ מער פײַנטלעכ, איידער די ערשטע, אָבער די איבערוואָג פונ דער פ י ז י ש ע ר קראַפט איז אַצינד, נאָכנ צעגראָמירנ די אַרבעטערשע אונ פויערשע רעוואָליוציע, געווענ אַפ דער זײַט פונ דער רעגירונג, אונ סטאָליפינ האָט עס אויסגענוצט אַפ אַלע הונדערט פראָצענט. די צווייטע דומע איז צעטריבנ געוואָרנ מיט נאָכ ווייניקער צערעמאָניעס, איידער די ערשטע (אַלס אויסרייד האָט געדינט די „פאַרשווערונג" פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע פונ דער דומע, וועלכע איז געמאַכט געוואָרנ מיט דער הילפ פונ סאַמע גראָבער פּראָוואָקאַציע, אָבער אײַנדערעמעסנ איז דאָס צעטרײַבנ באַשלאָסנ געווענ שוינ לאַנג *, אונ אַלע גײַטיקע „דאָקומענטנ" זײַנענ געווענ ניט בלויז אָנגעשריבנ, נאָר אויכ אָ פ ג ע ד ר ו ק ט, ניט וואַרטנדיק אַפנ אויספילנ אַלע „פאָרמאַליטעטנ"; ניקאָלײַ האָט געכאַסמעט שוינ געדרוקטע...), אונ קעדיי צו באַוואָרענענ, אַז עס זאָל ניט אופקומענ אַ דריטע, רעוואָליוציאָנערע דומע אָנ אַ דערלויבעניש, איז פונקט ווי דער באַפעל פונ 9-טנ נאָיאַבער, ארויסגעגעבנ געוואָרנ אַ נײַער וואַל-געזעצ (דעמ 3-טנ יונ 1907), וואָס האָט געזיכערט אַפ די וואַלנ אַנ אַנטשיידנדיקע איבערוואָג פונ די פּריצימ איבער די פויערימ. מע האָט ניט בלויז פאַרקלענערט די צאָל פויערשע וואַלמענער אונ דעפוטאַטנ, נאָר אינ דער מערהײַט גובערניעס האָבנ די פּריצימ, האָבנדיק אַנ איבערוואָג אינ דער צאָל וואַלמענער, געהאַלטנ אינ די הענט דעמ פולשטענדיקנ קאָנטראָל איבער די וואַלנ פונ די דעפוטאַטנ — זיי האָבנ דורכגעלאָזט פונ צווישנ די פויערימ בלויז דעמ, וועמענ זיי האָבנ געוואָלט. דעריבער זײַנענ די פויערימ פונ דער דריטער דומע (וואָס האָט זיכ צונויפגעקליבנ אינ נאָיאַבער 1907 יאָר) געווענ, ניט אינ פאַרגלײַכ מיט די ערשטע צוויי דומעס, זייער „רויִקע", — אונ דער באַפעל פונ 9-טנ נאָיאַבער איז פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ דעמ געזעצ פונ 14-טנ יונ 1910 יאָר, וועלכנ די דומע האָט באַשטעטיקט. דער איינציקער קאָרעקטיוו, וואָס די דומע האָט אַרײַנגעטראָגנ, איז געווענ דאָס באַגרענעצנ די רעכט אויפצוקויפנ אינ איינע הענט די נאַכלעס, וואָס זײַנענ פאַרפעסטיקט אַלס „פולשטענדיק אייגנטומ": די יונקערס האָבנ זיכ געוואָלט דערשלאָגנ צו שאַפנ אַ „פעסט פויערטומ", אָבער ניט קיינ פּריצימ פונ צווישנ די „שמוציקע". אַזוינע קאָנקורענטנ האָבנ זיי אַבסאָליוט ניט באַדאַרפט האָבנ, אונ כוצ דעמ וואָלטנ זיי לויט דער צאָל געווענ אַ צו דינער שיכט, אַז מע זאָל זיכ קאָנענ אַפ אימ אָנשפאַרנ.

סטאָליפינס פיגור איז געווענ לעבאַטבילע אַ גאַראַנטיע דערפאַר, אַז דאָס אײַנפלאַנצנ פערזענלעכ ערד־אייגנטומ צווישנ די פויערימ וועט דורכגעפירט ווערנ מיט מיטלענ פונ פאָליצייִשער דיקטאַטור. עמעס, מע האָט אַסיגנירט 100 טויזנט רובל „אַפ ארויסגעבנ ביכער אונ בראָשורנ, וואָס שטעלנ אײַנ אַ ריכטיקנ קוק אַפ דער אַגראַר־פראַגע אונ וואָס דערקלערנ דעמ טאַכ פונ דער רעגירונגס פאַראָרדענונג". אָבער דער דאָזיקער נײַער מעטאָד, וואָס איז פאַרבליבנ בעיערושע פונ דער רעוואָליוציע מיט איר גראַנדיעזער פראָפּאַגאַנדיסטישער ליטעראַטור וועגנ דער

* דעמ 9־טנ אַפּרעל האָט שוינ סטאָליפינ געשריבנ צו ניקאָלײַענ, אַז די „דומע פוילט לעבעדיקערהייט"; די פראַגע וועגנ צעטרײַבנ האָט זיכ פאַרצויגנ טאַקע צוליב צונויפשטעלנ דעמ נײַעמ וואַל־געזעצ, אַפ וועלכנ מע האָט מוירע געהאַט „דורכפאַלנ".

אגראר־פראגע (לויטנ מוסטער פונ דער דאָזיקער ליטעראטור זײנענ די רעגירונג־צײטונגענ אונ פלוג־בלעטלעכ אויכ פארשפרייט געוואָרנ אומזיסט, אָבער די פויערימ האָבנ זיי ניט שטענדיק גענומענ), האָט זיכ א סאכ זעלטענער געלאָזט פילנ, איידער די אלטע, די אויסגעפרוווטע. העיוויס ווי דאָס צעשטערנ די געמײנדע, דאָס ארויסזעצנ אפ „אָפּשניטנ" („אָטרובעס" — אזוי האָבנ געהייסנ די ערדכאלאָקימ, וואָס מע האָט אויסגעטײלט אפ אײנ אָרט) אונ „כוטערס" (פולשטענדיקע, אפכנײ אײנגעפירטע אינדיווידועלע ווירטשאפטנ) האָבנ פונדעסטוועגנ אינ דער גרעסטער מערהײט פאלנ געפאָדערט א האסקאָמע אויב ניט פונ אלע, איז פונ א באדײטנדיקנ טײל פויערימ, — האָט מענ געלאָזנ אינ גאנג דעמ 1445־טנ ארטיקל פונעמ קרימינעלנ קאָדעקס, וועלכער האָט געשטראָפט מיט קאטערגע פאר ארויסווײזנ א גוואלד־ווידערשטאנד קעגנ דעמ, אז ווער עס איז זאָל פארווירקלעכנ זײנ „געזעצלעכ רעכט". נאָכ דעמ האָט זיכ שטארק געמוזט פארקלענערנ די צאָל אזוינע, וואָס האָבנ זיכ אָפּנ אנטקעגנגעשטעלט דער סטאָליפינישער „ערד־אײנאָרדענונג". אָבער פונקט ווי פריער די מיליטערישע מאכט מיט די פעלד־געריכטנ, אזוי האָבנ איצט אונטערגעפירט סטאָליפינענ די קרוינ־יוריסטנ, די פאָרזיצערס אונ די פּראָקוראָרנ, וואָס האָבנ זייער „שמאָל" אויסגעטײטשט דעמ דאָזיקנ ארטיקל. עס איז אויסגעקומענ אָנצוווענדנ דעמ אפאראט פונעמ אינערנ־מיניסטעריומ, אונ דער האָט זיכ בארעכטיקט ווי טאָמעד. פויערימ, קאָרעספּאָנדענטנ פונ דער פרײער עקאָנאָמישער געזעלשאפט, האָבנ זיכ געקלאָגט, אז די „זעמסקע נאטשאלניקעס (ניט אומזיסט זײנענ זיי געבליבנ) טרײבנ מיט אלערליי מיטלענ צו פארפעסטיקונג". די וואָלאָסט־שרײבערס האָבנ לויטנ באפעל פונ די זעמסקע נאטשאלניקעס מיט גוואלט געצוווּנגענ די פויערימ צונויפצושטעלנ באשלוסנ („פּריגאָוואָרנ") ווענג פארפעסטיקנ אלס אײגנטומ די ערד אונ צו זיי האָט מענ, פארשטײט זיכ, דעמ ארטיקל 1445 ניט אָנגעווענדט. „די פויערימ האָבנ א לאנגע צײט ניט געוואָלט, האָט מענ זיי אָבער אָנגעשראָקנ, אז מע וועט צושיקנ קאָזאקנ אונ זיי וועלנ אכוצ דעמ צוגעצויגנ ווערנ צו פאראנטוואָרטלעכקײט לויט עפּעס אנ ארטיקל, וואָס שטראָפט פאר ניט אויספילנ דעמ באפעל פונ 9־טנ נאָיאבער מיט א טפיסע־שלאָס, אויב ניט מיט סיביר". דאָס זײנענ געווענ די „אופמונטערונג"־מיטלענ, אונ אלס רעפּרעסיעס פלעגנ די גובערנאטערס אינ אדמיניסטראטיווער אָרדענונג צענדליקערווײז פארשיקנ די, וואָס האָבנ אגיטירט קעגנ אויסטײלנ. דאָס אלצ פארקלענערט דעמ ווידערשטאנד פונ די פויערימ ביזנ מינימומ. אָבער דאָס אלצ דערקלערט אונדז אויכ, פארוואָס די געמײנדע האָט אזוי גיכ צוריק אופגעלעבט אינ א סאכ ערטער, ווי נאָר די רעוואָליוציע פונ 1917 יאָר האָט צעשמעטערט די אײזערנע פענטעס פונ דער סטאָליפיניאדע, אונ אויכ פארוואָס די רעוואָליוציאָנערע שטימונג אינ דאָרפ, באזונדערס אינ די ערשטע יאָרנ פונ דער סטאָליפיניאדע, איז ניט געפאלנ, נאָר, פארקערט, געשטיגנ, ניט געקוקט דערופ, וואָס די אָפענע פאָרמענ פונ דער באוועגונג זײנענ געווענ צעקלאפט. פארנ יאָר 1907 האָבנ מיר אינ גאנצ רוסלאנד 2.557 פאלנ פונ פויערשע ארויסטרעטונגענ (ארײנגערעכנט אויכ זייער קלײנע — אונטערצינדונגענ, פאלנ פונ וואלד־אויסהאקנ אאוו.) אונ פארנ יאָר 1910 — שוינ 6.275 פאלנ, מער ווי צוויי מאָל אזויפיל. פארנ יאָר 1911 — 4.567 פאלנ, קימאט אינ צווייענ. ווײטער האָט די צאָל אזוינע פאלנ (אָדער די צאָל פאלנ, וואָס זײנענ באוווּסט געווענ?) ווידער אָנגעהויבנ גײנ אראָפּ, — די מאסע האָט זיכ איבערצײגט, אז די קראפט איז דערווײל ניט אפ איר זײט אונ האָט זיכ אָנגעהויבנ

אונטערגעבנ דעמ געשעענעמ פאקט. אפ ווי לאנג אונ ווי פעסט, דאָס האָט באַ-
וויזנ דאָס 1917 יאָר.

אָבער נאָכ א לאנגע צײַט פאר דעמ האָט די סטאָליפינישע „ערד-אײַנאָרדע-נונג" ארויסגערופנ אנ עמעסע פאניק צווישנ די מער נאַיווע גוטבאזיצער, וואָס האָבנ געגלייבט אינ דער „בארויִקונג" אונ וואָס האָבנ געזענ, וואָס פונ איר איז געבליבנ בא דער סטאָליפינישער פאָליטיק. „ווייסט איר, פאר וואָס איכ האָב מוירע? — האָט געשריבנ א פריצטע צו ריטיכנ, וואָס האָט פארוואלטעט מיטנ ערד-אײַנאָרדענונג-איניענ: — אז סאָפקאָלסאָפ וועט זיכ אָנהייבנ א שכיטע צווישנ די כוטעראנער אונ די געמיינדלער... אונ וואָס דאָס באטײַט, פארשטייט איר אַליינ... אומ גאָטעס ווילנ, טײַערער אלעקסאנדער אלעקסאנדראָוויטש, העלפט. אונ פריִער פאר אלצ, שאפט אָפ די ארעסטנ פאר אגיטירנ קעגנ די אָפשניטנ. דאָס איז דאָכ א סקאנדאליעזע אומגעזעצלעכקײַט!" אויב צו סטאָ-ליפינענ פלעגט דערגיינ אזעלכע בריוו, פלעגט ער, לייענענדיק זיי, געוויס שמייכלענ אינ בארד ארײַנ: די שכיטע, וואָס וואָלט זיכ אָנגעהויבנ צווישנ די פויערימ, וואָלט בעפייערעש אָפגעצויגנ זייער אויפמערקזאמקײַט פונ די גוטבאזיצער. אינ 1910 יאָר האָבנ מיר אינעמ שווארצערדישנ פאס — דער הויפט-טעאטער פונ די פויערשע אומרוענ אינ די יאָרנ 1905—1906 אונ פונ דער „ערד-אײַנאָרדענונג" בײַמ סטאָליפינענ — 647 אונטערצינדונגענ פונ פריציימ אונ 2.993 אונטערצינדונגענ פונ „אָטרובניקעס" אונ „כוטעריאנצעס". דאָס „הייליקע אייגנטומ", וואָס איז ארײַנגע-טראָגנ געוואָרנ אינ דער פויערשער סוויווע, האָט אָנגעהויבנ געבנ זײַנע פרוכט.

ביז דעמ ערשטנ יאנואר 1916 יאָר האָט מענ פאקטיש אויסגעטיילט העכער 2 מיליאָנ הויז-באלעבאטימ פונ די 2,8 מיליאָנ, וואָס האָבנ דערקלערט, אז זיי ווילנ זיכ אויסטיילנ, — דאָס האָט באטראָפנ 21,8 פראָצענט פונ אלע הויז-באלע-באטימ—געמיינדע-מיטגלידער פונ רוסלאנד; די ערד, וואָס האָט זיכ גערעכנט פאר זייערע כאלאָקימ, האָט באטראָפנ 16,4 פראָצענט פונ דער גאנצער געמיינדע-ערד (מע דארפ אינזינענ האָבנ, אז בא 2,8 מיליאָנ פויערימ האָבנ ביז סטאָליפינס „ערד-אײַנאָרדענונג" פארמאָגט די ערד לויטנ הויפ-רעכט — הויפטזאכלעכ אפנ מײַרעוו אונ אפנ דאָרעמ-מײַרעוו). אָבער די דאָזיקע דורכשניטלעכע ציפערנ גיבנ ניט קיינ באגריפ וועגנ דעמ, ווי אינטענסיוו עס איז צוגעגאנגענ די צעפאלונג פונ דער געמיינדע. די מײַסטע באשטייט דערינ, וואָס דאָס יונקערטומ האָט זיכ ניט אינ א גלײַכער מאָס אינטערעסירט מיטנ ליקווידירנ די רעשטלעכ „מיטלאלטער" אינ פארשיידענע ראַיאָנענ. די פריצימ פונעמ ניט-שווארצערדישנ פאס זײַנענ אינ אלגעמיינ געווענ קעגנ סטאָליפינס רעפאָרמע: פאר זיי איז די פאבריק פונ לאנג אָנ געווענ דער סאמע געפערלעכער קאָנקורענט, אונ זיי האָבנ געהאט אלע גרונטנ מוירע צו האָבנ, אז דאָס אָפפעסטיקנ פונ דער ערד דעמ גרעסטנ טייל פויערימ — דאָס איז, ווי מיר וועלנ זענ, געווענ דער אומפארמײַדלעכער סאָפ פונ דער „ערד-אײַנאָרדענונג" — וועט אָפנעמענ בא זיי דעמ וואָלוועלנ באטראַק, וואָס די גע-מיינדישע מילכנ-נעסטנ פלעגנ געבנ. אינעמ ניט-שווארצערדישנ פאס איז דערי-בער די רויבערײַ פונ די געמיינדישע ערדנ גאָר קנאַפ געשטיצט געוואָרנ, אונ דער פראָצענט אויסגעטיילטע איז דאָ ניט אריבערגעשטיגנ 15—17, אונ אפנ צאָפנ איז ער געפאלנ ביז 6. ניט גאָר קיינ סאכ אויסגעטיילטע איז געווענ אויכ אינ וואָלגער קאנט, ווו עס איז באזונדערס אינטענסיוו אויסגעפארקויפט געוואָרנ די פריצישע ערד (אינ סימבירסקער — איצט אוליאנאָווסקער — גובערניע האָט מענ

פּאַרקויפט 35 פּראָצענט פּריצישע ערד, און אין סאַמאַרער — 37 פּראָצ. און אין סאַראַטאָווער — ביז 40 פּראָצ.): דאָ איז דער „יונקער" פּאַשעט געלאָפנ פונעמ שלאַכט־פעלד. די צאָל אויסגעטיילטע האָט זיך דאָ געוואַקלט אַרומ דעמ דורכשניט פאַר גאַנצ רוסלאַנד, ד. ה. אַרומ 20—21 פּראָצ. אַמערסטנ געדיכט איז די צעפּאַלונג פונ דער געמיינדע צוגעגאַנגענ האַרט, ווו עס האָט זיך שוינ לאַנג אַנטוויקלט די קאַפּיטאַליסטישע לאַנדווירטשאַפט און ווו דער גוטבאַזיצער האָט ווייניקער פאַר אַלצ געקאָנט מוירע האָבנ פאַר קאָנקורענצ מיצאַד דער פאַבריק: אַפנ האַרעמ־מייִרעוו, אין „נייִ־רוסלאַנד", אין ווייסרוסלאַנד און אין די צענטראַלע שוואַרצערדישע גובערניעס. דאָ האָט די צאָל אויסגעטיילטע באַטראָפנ בא אַ דריטל פונ אַלע געמיינדע־מיטגלידער און האָט זיך אַפנ דאָרעמ־מייִרעוו דערנענטערט צו אַ העלפט (48,6 פּראָצענט פונ אַלע הויז־באַלעבאַטימ). דאָרט, ווו פאַרנ יונקערטומ איז געווענ נייטיק און מעגלעך צו צעלייגנ די געמיינדע, איז זי צעלייגט געוואָרנ אומגעפער אַפ 30 פּראָצ. דער דאָזיקער רעזולטאַט איז דערגרייכט געוואָרנ אין משך פונ 8 יאָר; סטאָליפּינ האָט גערעכנט, אַז אַפ דורכפירנ די „רעפאָרמ" ביזנ סאָפ וועט ער דאַרפנ 20 יאָר. העיוויס ווי די צאָל מעלדונגענ וועגנ אַרויסטרעטנ פונ דער געמיינדע איז, אָנהייבנדיק פונ 1914 יאָר, סיסטעמאַטיש געפאַלנ, — אין 1914 יאָר איז די צאָל אַזוינע, וואָס האָבנ געוואָלט זיך אויסטיילנ, שוינ געווענ אין פינפ מאָל קלענער, איידער אין 1909 יאָר, — איז קלאָר, אַז וועגנ אויספילנ די סטאָליפּינישע פּראָגראַמ אַפ אַלע הונדערט פּראָצענט האָט קיינ רייד ניט געקאָנט זיינ — און אין דעמ זינ קאָנ מענ ריידנ וועגנ אַ „דורכפאַל" פונ דער גאַנצער אונטערנעמונג. אָבער איבערטרייבנ די גרייס פונ דעמ דאָזיקנ דורכפאַל טאָרפ מענ ניט: אַזאַ קלאַפּ די מיטלאַלטערלעכע פאָרמענ פונ ערד־באַזיצ, ווי דער, וואָס איז דערלאַנגט געוואָרנ אין די יאָרנ 1906 — 1910, איז אין רוסלאַנד נאָך קיינ מאָל ניט דערלאַנגט געוואָרנ, און לויט דער ברייט פונעמ פאַרנעמ האָט די סטאָליפּינישע רעפאָרמ אין דער פאַרגאַנגענהייט בלויז איינ קאָנקורענט — די „גרויסע רעפאָרמע" פונ 1861 יאָר.

דער סאַכאַקל פונ דער „גרויסער רעפאָרמ" איז, ווי מיר ווייסנ, געווענ די טיילווייזע אָפּפּעסטיקונג פונ די פּויערימ פונ דער ערד — די טיילווייזע פּראָלעטאַריזאַציע פונעמ פּויערטומ. די רעזולטאַטנ פונ דער סטאָליפּינישער רעפאָרמע, וואָס איז געגאַנגענ אין דער זעלבער ריכטונג, האָבנ ניט געקאָנט זיינ קיינ אַנדערע. פונ די צוויי מיליאָנ אויסגעטיילטע פּויערימ האָבנ 1.200 טויזנט פאַרקויפט זייערע ערד־כאַלאָקימ — פּונקט 60 פּראָצענט. באַזונדערע אַנקעטעס גיבנ העכער אַ העלפט פאַלנ ווענ דער מאָטיוו אַפ אויסטיילנ זיך איז געווענ טאַקע דער ווילנ צו פאַרקויפנ דעמ ערד־כיילעק. די סטאָליפּינישע געזעצגעבונג האָט צעעפנט די טירנ פאַר אַלע, ווער עס איז געווענ פאַרבונדנ מיט דער ערד בלויז דורכ די טשינשנ, בא וועמענ דער קוואַל פאַר עקזיסטענצ איז שוינ לאַנג געווענ ניט די ערד, נאָר „געווערבנ", באַזונדערס, פאַבריק־אַרבעט. אַז דער דאָזיקער מאָטיוו אָבער איז ניט געווענ דער וויכטיקסטער און דער גרונטלעכער, באַווייזט דער פאַקט אַליינ, וואָס אינעמ צענטראַל־אינדוסטריעלנ ראַיאָנ, ווו ער וואָלט באַדאַרפט פּרעוואַלירנ, האָבנ אינגאַנצנ 2,2% פונ אַלע הויז־באַלעבאַטימ פונעמ ראַיאָנ פאַרקויפט זייערע ערד־כאַלאָקימ (און סאַכאַקל האָבנ זיך דאָרט אויסגעטיילט 16,7 פּראָצ פונ אַלע הויז־באַלעבאַטימ — הייסט עס, אַז ווייניקער פונ 20 פּראָצענט אויסגעטיילטע האָבנ פאַרקויפט זייער ערד). דערפאַר אָבער האָבנ אינעמ

צענטראלנ ערד־ארבעטערישנ ראיאנ פארקויפט זייערע ערד־כאלאקימ 7 פראצ. פונ אלע הויז־באלעבאטימ, ד. ה. העכער א פערטל פונ אלע אויסגעטיילטע, אונ אינ „נייַרוסלאנד“ (די איצטיקע מיירעוו־אוקראינע אונ טיילווייַז קרימער רעפובליק) — אפילע 12,3 פראצ., ד. ה. קימאט א דריטל פונ אלע אויסגעטיילטע. דא האבנ שוינ פארקויפט לאכלוטנ ניט נאר יענע, וואס זייַנענ געווענ פארבונדנ מיט דער ערד בלויז נאמינעל אונ געוואלט פונ איר פטער ווערנ. עס האט פארקויפט די ארעמשאפט, וועמענ עס האט טכילעס צוגעצויגנ די אינדיווידועלע ווירטשאפט אונ וואס האט זיכ גיכ איבערצייַגט, אז אפ א פיטשינקנ ערד־בייַלעכל, כאטש ער איז אפילע געווארנ א „הייליק אייגנטומ“, קאנ מענ ניט פירנ קיינ באלעבאטישקייַט. „דער אנגערופענער געזעצ (ד. ה. דער באפעל פונ 9־טנ נאיאבער) האט געגעבנ די רייַכע פויערימ די מעגלעכקייַט צו קויפנ ערד פונ די פויערשע ערד־כאלאקימ אונ דערופ גיכער ווערנ, די ארעמע ווידער האט ער געגעבנ די מעגלעכקייַט צו פארקויפנ, אונ דערפאר ווערט דער ארעמפויער א „באביל“ (א מענטש אנ א באלעבאטישקייַט), אונ דאס באקומט זיכ ניט אויס נארישקייַט אדער פארשווענדערישקייַט, נאר צוליב אומגינסטיקע דורכפאלנ“, — האבנ די פויערימ פונ ריאזאנער גובערניע געשריבנ. „דאס פארקויפנ די ערד־כאלאקימ האט צומאל איבערגעלאזנ אנ ערד גאנצע פאמיליעס, — האט מענ געשריבנ פונ טאמבאווער גובערניע. — די פויערימ, וואס האבנ פארקויפט זייערע ערד־כאלאקימ, האבנ איבערגעלאזט צו צוויי־דרייַ זינ, זייערע מיט די פאמיליעס אנ ערד אונ אנ א הויפ“.

די ציפער־אנגאבנ באשטעטיקנ אט דאס בילד פונ פארקויפנ די ערד מיצאד דער ארעמשאפט. אינ 12 ספעציעל אויסגעפארשטע אויעזדנ פונ פארשייד'ענע גובערניעס האבנ העכער א העלפט (52,8 פראצ.) פונ אלע די, וואס האבנ פארקויפט די ערד־כאלאקימ, געהאט ניט מער פונ 5 הא אפ א ווירטשאפט, אונ סאכאקל איז אזוינע ווירטשאפטנ געווענ ווייניקער פונ א דריטל, אינ דער צייַט, ווענ אזוינע, וואס האבנ העכער 10 הא אפ א ווירטשאפט, איז געווענ בא 18 פראצענט, אונ צווישנ די פארקויפער — ווייניקער פונ 10 פראצענט. אינ דרייַ וואלאסטנ פונ טולער גובערניע האבנ פונ די, וואס האבנ געהאט העכער 12 הא, פארקויפט זייערע ערד־כאלאקימ ווייניקער פונ איינ פראצענט, אונ פונ די, וואס האבנ געהאט ביז 3 הא — 64,6 פראצענט. די סטאליפינארע האט אפעלירט לויט יעוואנגעלישנ קלאל: „דעמ פארמעגלעכנ וועט געגעבנ ווערנ, באמ אומפארמעגלעכנ וועט אפגענומענ ווערנ“. ווייַל די זעלבע ציפערנ באווייַזנ, אז די ערד האבנ אופגעקויפט הויפטזאכלעכ די רייַכע, אפטמאל בא זייערע לאנדסלייַט, וואס האבנ זי פארקויפט, האגאמ עס זייַנענ פאראנ אנווייַזונגענ אויכ אפ ספעציעל אנגעפארענע, אמאל פונ ווייַטע גובערניעס. אינ ניקאלייַעווער אויעזד, סאמארער גובערניע, האבנ 86 פראצענט פונ אלע פארקויפטע ערד־כאלאקימ אופגעקויפט די פויערימ, וואס האבנ שוינ געהאט העכער 10 הא אפ א ווירטשאפט; לויט די דערמאנטע דרייַ וואלאסטנ פונ טולער גובערניע האבנ 44 פראצענט פונ דער גאנצער ערד אופגעקויפט די פויערימ, וואס האבנ געהאט מער פונ 22 הא אפ א הויפ. דערבייַ זייַנענ די פויערשע ערד־כאלאקימ אינ פארגלייַכ מיט דער פריציש̣ער ערד — מיר געדענקענ, זייער א טייַערע, — פארקויפט געווארנ שפאט־ביליק: דארט, ווו די פריצישע ערד האט געקאסט 121 רובל א הא, האט די פויערשע זיכ געשאצט אינ 79; די פריצישע — 124, די פויערשע — 96 פאר א העקטאר אאוו.

עס איז גאנצ נאטירלעכ, אז פאר די מאסנ באפעלקערונג האט די יונקערישע רעפארמ באטײט רויִנירונג. דאס באווײזט זייער רעליעפ פאלגנדיקע טאבעלע: *

אפ 100 נעפאשעס פונ דער באפעלקערונג איז אויסגעקומענ:

יארנ	פערד	גרויסע הארנפי	שעפסנ, באראנעס, ציגנ	כאזיירימ
1905	22	35	45	11
1914	20	29	32	10

יעדער פויער באזונדער איז ארעמער געווארנ פונ דער סטאליפיניאדע. די צילנ, וואס די סטאליפיניאדע האט דערגרייכט, זײַנענ געווענ דיאמעטראל קעגנזעצלעכ צו יענע צילנ, וואס עס האט זיכ געשטעלט די רעוואליוציע. די מאסע האט געוואלט אופהייבנ איר מאטעריעלנ וווילשטאנד, ארופווארפנדיק דעמ יאכ פונ די פריצימ; די פארפעסטיקונג פונ דעמ דאזיקנ יאכ האט געדארפט באטײַטנ א פאלנ פונעמ מאטעריעלנ וווילשטאנד פונ די מאסנ. די דאזיקע קעגנזעצלעכקײַט פונ דער סטאליפיניאדע אונ פונ דער רעוואליוציע ווערט באזונדערס גוט געשילדערט אינ דער טאבעלע, וואס ווײַזט די ענדערונג אינ דער צאל פויערימ, וואס האבנ אויסגעדריקט דעמ ווונטש ארויסצוטרעטנ פונ דער געמיינדע, פונ יאר צו יאר".**

די צאל הויז־באלעבאטימ, וואס האבנ ארויסגעשטעלט א פאדערונג, מע זאל פארפעסטיקנ פאר זיי ערד אלס אייגנטומ

יארנ	צאל
1907	211 922
1908	840 059
1909	649 921
1910	341 884
1911	242 328
1912	152 697
1913	160 304
1914	120 321
1915	36 497
סאכאקל	2.755·633

די לעצטע ציפערנ זײַנענ שוינ שײַכ די מילכאמע־יארנ, ווענ די „ערד־אײַנארדענונג" איז אויסגעקומענ אפצושטעלנ, קעדיי אײַנצוהיטנ דעמ „בירגערלעכנ פרידנ": די סאלדאטנ האבנ זיכ זייער נערוועז באצויגנ צו יעטווידער איבערפארטיילונג אינעמ הינטערלאנד אנ זייער אנטייל, אונ אפ דער זײַט פונ די סאלדאטנ האבנ זיכ געשטעלט אויכ זייערע קאמאנדירנ: דער הויפט־קאמאנדיר איבער די ארמייענ פונ צאפנ־פראנט האט געהאלטנ פאר נייטיק „א שריפטלעכנ העסקעמ פונ די פארינטערעסירטע סאלדאטנ אדער זייער פערזענלעכע אנוועזנקײַט באמ דורכפירנ די ערד־אײַנארדענונג", אונ ער האט אפילע פארגעלייגט, מע זאל געבנ די סאלדאטנ אורלויב אפ 4—6 וואכנ צוליב דעמ דאזיקנ ציל.

אויב מיר וועלנ ארופווארפנ די דאזיקע מילכאמע־יארנ, ווענ די סטאליפיניאדע האט אנגעהויבנ לײַדנ דורכפאלנ אי אפנ אינערלעכנ אי אפנ אויסערלעכנ פראנט, וועלנ מיר לײַכט באמערקנ אינ דער טאבעלע צוויי אופשטײַג־כוואליעס. די ערשטע אנטשפרעכט דעמ 1908 יאר, ווענ די צאל מעלדונגענ האט זיכ פארגרעסערט אינ פארגלײַכ מיט די פריִערדיקע יארנ קימאט אינ 4 מאל. דאס איז געווענ דער קראכ פונ דער צווייטער דומע, דאס ענדגילטיקע דערשטיקנ די מאסנ־באוועגונג אונ דאס פארלירנ אלע האפענונגענ דערופ, אז מע זאל אפ א רעוואליוציאנערנ אויפנ נעמענ

* איכ נעמ די טאבעלע פונ ס. דובראווסקיס ציטירטנ ווערק „די סטאליפינישע רעפארמ", ז. 35.
** דארטנ, ז. 106.

די ערד. די מאסע שוואכמוטיקע האט זיכ א לאז געטאנ אינ די גאענטסטע צוויי יאר מיטנ „לעגאלנ“ וועג. עס האט זיכ אבער ארויסגעוויזנ, אז דער וועג איז באשאטנ מיט דערנער, אונ שוינ פונ 1910 יאר אנ שטייגט, ווי מיר געדענקענ, די צאל רעוואליוציאנערע ארויסטרעטונגענ אינ דארפ אונ עס פאלט די צאל מעלדונגענ וועגנ ארויסטרעטנ פונ דער געמיינדע, עס פאלט די צאל אזוינע, וואס ווילנ גיינ מיטנ „לעגאלנ“ וועג. דערנאכ ווערנ די רעוואליוציאנערע האפענונגענ ווידעראמאל בלייכער, אונ פונ יאר 1913 אנ פארגרעסערט זיכ ווידער די צאל מעלדונגענ וועגנ ארויסטרעטנ. אבער דא קומט דער גרויסער פארניכערער פונ דער רעוואליוציע — די מילכאמע, אונ די באוועגונג מיטנ „לעגאלנ“ וועג שטארבט אפ ענדגילטיק, קעדיי מער ניט אופצושטיינ קיינ טכיעס-האמייסים.

אזויארומ האט די סטאליפיניאדע רוינירט דאס רוסישע פויערטומ אינ דער מאסע. צי באטייט דאס, אז זי האט געגעבנ בלויז נעגאטיווע רעזולטאטנ? נאכאמאל אונ ווידעראמאל — אזוינס באטייט עס ניט. זי האט געפירט די רוסישע פאלקווירטשאפט פארויס מיט א וועג, וואס איז פאר דער מאסע אנ אנ ערעכ שווערער אונ טייערער, איידער עס וואלט געווענ א געלונגענע רעוואליוציע, — זי האט אבער געפירט די רוסישע פאלקווירטשאפט פארויס, אונ ניט צוריק. זי האט דעמ פראגרעס געקויפט פארנ פרייז פונ עקאנאמישנ, אונ אפטמאל אויכ פיזישנ, אומקומ פונ די „שוואכסטע“, ד. ה. פונ דער מערהייט, אבער די מינדערהייט „שטארקסטע“ האט זי ווירקלעכ פארוואנדלט אינ יענע „פעסט פויערטומ“, וועגנ וועלכנ די יונקערס האבנ געטרוימט, ווי וועגנ זייערנ א פארבינדעטנ. אונ די באלעגופישע אופשטאנדנ אינ 1918—1919 האבנ באוויזנ, אז די טרוימענ זיינענ געווענ ניט קיינ פוסטע.

מיר האבנ געזענ, אז אינ אלגעמיינ האט זיכ די צאל ארבעט-פי בא די פויערימ פארקלענערט פארנ סטאליפינישנ פעריאד, אבער ניט בא אלעמענ אלציינס. אינ יעפיפאנער אויעזד, טולער גובערניע, אשטייגער, האט דער פראצענט ווירטשאפטנ אנ פערד צווישנ די געמיינדע-מיטגלידער דערגרייכט צומ 1911 יאר 40 פראצענט, אונ צווישנ די „אויסגעטיילטע“ — בלויז 12; אפ איינ ווירטשאפט איז בא די ערשטע געווענ ווייניקער פונ איינ פערד (0,91), בא די צווייטע—קימאט צוויי (1,64). אבער דא דארפ מענ איינזינענ האבנ, אז באמ פארייניקנ די אקער-ערד אינ איינ ארט דארפ מענ האבנ ווייניקער ארבעט-פי, איידער דעמלט, ווענ די ערד ליגט צעווארפנ שטיקערווייז; אט פארוואס מיר זעענ אינ איינצלנע פאלנ אפילע א פארקלענערונג פונ דער צאל פערד בא די אויסגעטיילטע, וואס דאס באטייט לאכלוטנ ניט, אז די ווירטשאפט זייערע איז אומבאדינגט אפגעשוואכט געווארנ.

אנשוילעכ זיינענ די ענדערונגענ אינעמ באשטאנד פונעמ טויטנ אינווענטאר אפ הונדערט ווירטשאפטנ איז אויסגעקומענ:

	ביז דער אויסטיילונג	נאכ דער אויסטיילונג
אקערס	60	84
אייזערנע בעראנעס	5	12
זייעלקעס	2	3,5
שניידמאשינעס אונ היי-שניטערס	8	12
דרעשמאשינעס	3	5

אינ סימבירסקער (אוליאנאווסקער) גובערניע איז דער פראצענט ווירטשאפטנ מיט פארפולקומטנ אינווענטאר בא די געמיינדע-מיטגלידער געווענ נידעריקער פונ

70, בא די „אויסגעטיילטע” — 86,1; צווישנ די ערשטע האָבנ באַמיסטיקט די ערד 72,5 פּראָצ., צווישנ די צווייטע — 94,4 פּראָצ. אינ באָגאָראָדיצקער אויעזד, טו-לער גובערניע, האָט דער דורכשניטלעכער ווערט פונעמ אינווענטאַר אַפּ א ווירטשאַפט ביז דער אויסטיילונג באַטראָפנ 27 רובל, נאָכ דער אויסטיילונג — 48 רובל. דער-בײַ אָבער זײַנענ די נידעריקע גרופּעס אויסגעטיילטע — ביז 3 הא — געווענ קימאַט אַפּ 70 פּראָצ. אָנ שומ אינווענטאַר (ביז דער אויסטיילונג — ווייניקער פונ 60 פּראָצ.), דאַנ ווענ בא די העכערע גרופּעס, וואָס האָבנ געהאַט העכער 20 הא אַפּנ א הויפ, האָט זיכ דער ווערט פונ אינווענטאַר פאַרגרעסערט קימאַט אינ צווייענ (107 רובל אונ 207 רובל אַפּ א ווירטשאַפט).

דער איקער אָבער איז דאָס, וואָס די אויסגעטיילטע זײַנענ אינ לעצטנ סאַכאַקל (אַדאַנק דעמ אויבנ אָנגעוויזענעמ מאַסנהאַפטיקנ אויספאַרקויפנ די קלענערע „פאַרפעסטיקטע” ערדכאַלאָקימ) געווענ בעסער באַזאָרגט מיט ערד איידער די געמיינדע-מיטגלידער. אינ יעפּיפאַנער אויעזד, טולער גובערניע, איז בא די כוטעראַנער געווענ 8,3 הא פאַרזיי אַפּ איינ ווירטשאַפט, בא די געמיינדע-מיטגלידער — עטוואָס מער פונ 4 הא. אינ פּסקאָווער גובערניע איז בא די כוטעראַנער אויסגעקומענ 26 הא אַפּ א הויפ, בא די איבעריקע פּויערימ — 10; אינ טווערער גובערניע: בא די ערשטע — אויכ 26, בא די צווייטע — 15,7. אינ באָגאָראָדיצקער אויעזד, טולער גובערניע, איז בא די כוטעראַנער אויסגעקומענ 20,2 הא אַפּ א הויפ, בא די, וואָס זײַנענ געזעסנ אַפּ „אָפּשניטנ” — 10, אונ בא אַלע פּויערימ אינ אַלגעמיינ — ווייניקער פונ 8,2. אויב מיר וועלנ זיכ דערמאָנענ, אַז די מערהײַט „פאַרפעסטיקטע” פלעגט פאַרקויפנ זייערע ערדכאַלאָקימ דערפאַר, ווײַל עס איז ניט געווענ בא וואָס אונ מיט וואָס צו פירנ די ווירטשאַפט, וועלנ מיר לײַכט פאַרשטיינ די מעכאַניק פונ אָט דעמ דאָזיקנ „נאַטירלעכנ אָפּקלײַב”. אָבער דאָס איז געווענ ניט בלויז א מעכאַניק. דער אויפנ פונ דורכפירנ די סטאָליפּינשע רעפאָרמע — מיט א פּאָליציייִשנ דרוק פונ אויבנ — האָט אַרײַנגעטראָגנ אינ דער דאָזיקער „מעכאַניק” א גאַנצ באַשטימטנ סאָציאַלנ בײַגעשמאַק; מע האָט אימ גוט געקאָנט דערפילנ אַפּ איינ לעבעדיקנ בײַשפּיל, — דאָס, וואָס ער איז שײַעכ ניט צו קיינ ערד פונ די פּויערשע כאַלאָקימ, נאָר צו אַזא ערד, וואָס איז געקויפט געוואָרנ אינ באַנק, — דאָס איז ניט וויכטיק. וועגנ די כוטעראַנער פונ קאַזאַנער גובערניע האָט איינער א קאָרעספּאָנדענט געשריבנ: „דער באַשטאַנד פונ די כוטעראַנער איז אינ דער ערשטער ריי: אָרטיקע — דער וואָלאָסט-שרײַבער, דער דאָרפישער לערער, דער פּאָליציייִשער אוריאַדניק אונ דער געוועזענער פאַרקויפער פונ דער קאַזיאָנער בראָנפנ-קראָמ... אָט די אַלע פּערזאָנענ, וואָס האָבנ זיכ ביז איצט פּערזענלעכ ניט פאַרנומענ מיט פירנ א לאַנדווירטשאַפט, ד. ה. ווי די פּויערימ זאָגנ וועגנ זיי, „וואָס האָבנ ניט געהאַלטנ אינ זייערע הענט ניט קיינ אַקער, ניט קיינ באָראָנע”, האָבנ פונדעסטוועגנ צוליב עפּעס א סיבע פאַרכאַפּט, — ניט האָבנדיק בא זיכ אינ די פאַמיליעס קיינ רעאַלע אַרבעטער — צו צוויי ערד-כאַלאָקימ פונ 14 קאַזיאָנע דעסיאַטינ יעדערער, זיי האָבנ זיכ אײַנגעאָרדנט באַפרידיקנדיק, פאַרווענדנדיק דערויפ צו 300—500 רובל, אונ דערצו נאָכ אַפּ לעבעדיקנ אונ טויטנ אינווענטאַר צו 150—200 רובל”.

אַזוי אָדער אַנדערש, אָבער א דאָרפישע בורזשואַזיע איז אויפגעקומענ. וואָס האָט זי מיט זיכ פאָרגעשטעלט אינ עקאָנאָמישער הינזיכט? קוידעמקאָל, אויב מיר וועלנ נעמענ דעמ פּעריאָד פאַר דער סטאָליפּיניאַדע — די יאָרנ 1901—1905 — אונ דעמ פּעריאָד נאָכ דער סטאָליפּיניאַדע — די יאָרנ 1911—1915, — האָבנ מיר

א פארברייטערונג פונעם פארזיי־שעטעכ, וואס דערגייט ערטער־וויַז ביז 55, אפילע ביז 75 פראצ. אפ וויפל די דאזיקע פארגרעסערונג פאלט אויס אפ די „קאלאניעס" (צאפנ־קאווקאז, סיביר, סטעפישער קאנט) האט דא, פארשטייט זיכ, די הויפט־ראליע געשפילט די קאלאניזאציע: דא איז געווענ א קאלאסאלער ניט אויסגענוצטער פאנד, אונ די ווירטשאפט, וואס איז פארבליבנ זייער אנ עקסטענסיווע, האט דאכ געהאט א מעגלעכקייט צו פארברייטערנ דעמ שעטעכ פונ איר עקספלואטאציע אפנ כעזשבנ פונ אומבארירטער רויערד. נאר אויב מיר וועלנ אפווארפנ די דאזיקע ערד אונ מיר וועלנ נעמענ דעמ אלטנ שווארצערדישנ צענטער, ווו אלצ, האט זיכ געדוכט, איז שוינ געווענ צעאקערט צומ סאפ XIX י. ה., וועלנ מיר אויכ דא געפינענ א פארגרעסערונג פונעמ פארזיי־שעטעכ קימאט אפ 8 פראצענט. דאס איז שוינ אנ סאפעק געווענ אנ אנהייב פונ אינטענסיפיקאציע, אנ איבערגאנג צומ באארבעטנ מיט נייע מעטאדנ די ערד, וואס מע האט בא די אלטע מעטאדנ פונ באארבעטנ געהאלטנ פאר „ניט קיינ באקוועמע" אונ וועלכע דער נייער, שטארקערער באלעבאס האט געקאנט לאזנ אינ פארקער. אויב מיר וועלנ נעמענ די גראטנקייט אי פונעמ נייעמ אי פונעמ אלטנ פארזיי־שעטעכ אינ צענטנערס פונ א העקטאר, וועלנ מיר באקומענ:

	דורכשניטלעכ	קארנ	ווייצ	האבער	גערשטנ
פאר די יארנ	1901—1905	7,28	6,67	7,15	7,38
„ „	1911—1915	7,96	6,66	7,69	7,90

עס איז כאראקטעריסטיש, אז מער פונ אלצ שטייט אפ ווייצ, וואס איז געזייט געווארנ מער פונ אלצ גראד אינ די „קאלאניעס", ווו עס האט געהערשט די סאמע עקסטענסיווע קולטור, אונ מער פונ אלצ האט זיכ פארגרעסערט די גראטנקייט פונ קארנ — פונ דער אלטער פויערישער גרונט־טוווע. עס איז זעלבסטפארשטענדלעכ, אז דער אופקומ פונ א דארפישער בורזשואזיע האט זיכ געקאנט אפשפיגלענ אפ די דורכשניט־ציפערנ בלויז אינ ניט קיינ גרויסער מאס, אפ וויפל די אינדיווידועלע ווירטשאפטנ, אויב מע זאל אראפרעכענענ די פארקויפטע ערדבאלאקימ, האבנ באטראפנ ניט מער פונ 10 פראצענט פונ אלע פויערשע ווירטשאפטנ. באאבאכטונגענ איבערנ אומיטלבארנ אונטערשייד צווישנ די כוטערישע אונ געמיינדישע גערעטעניש איז געמאכט געווארנ צו ווייניק, אז מע זאל קאנענ מאכנ אויספירנ אינ מאסשטאב פונעמ גאנצנ לאנד, אבער דאס, וואס עס זאגנ באזונדערע באאבאכטונגענ, באשטעטיקט דעמ אלגעמיינעמ אויספיר. אינ טולער גובערניע, אינ 1912 יאר, בא א דורכשניטלעכער גערעטעניש פונ 5,2 צענטנער קארנ פונ העקטאר פאר אלע פויערישע ערדנ, האבנ די כוטעראנער אראפגענומענ 9,8 צענטנער; פאר האבער וועלנ די אנטשפרעכיקע ציפערנ זיינ 7,7 אונ 13,5 צענטנער. אפ דארעמ, אינ בערדיאנסקער אויעזד, האט די געמיינדישע אקער־ערד געגעבנ פאר די יארנ 1912—1913 דורכשניטלעכ צו 6,5 צענטנער ווינטער־ווייצ אונ צו 8,1 צענטנער גערשטנ, אונ די כוטעראנער האבנ אראפגענומענ צו 10,2 צענטנער ווייצ אונ צו 10,4 צענטנער גערשטנ. אינ ניקאלייעווער אויעזד איז בא די געמיינדע־מיטגלידער געראטנ ווינטער־ווייצ צו 4,7 צענטנער, אונ בא די כוטעראנער 7,5 צענטנער אפ א העקטאר.

מיט גלייכע אונ קרומע וועגנ האט סטאליפינ אנגעהויבנ שאפנ א דארפישע בורזשואזיע, אונ דאס האט זיכ געלאזט פילנ אינ א גאנצער ריי סימאנימ שוינ

אויסער דעם געביט פונ לאַנדווירטשאַפט אינעם ענגנ זינ פונעם דאָזיקנ וואָרט. דער געברויכ פונ דאַכ־בלעכ האָט זיכ אינ רוסלאַנד פונ 1905 ביז 1913 יאָר פאַר־גרעסערט קימאַט אינ צוויי מאָל (219 טויזנט אונ 414 טויזנט טאָנ). דער געברויכ פונ צוקער אַפ אַ נעפעש האָט זיכ פונ 6 קילאָגראַם אַ יאָר אינ 1905—1906 יאָר פאַרגרעסערט ביז 7,8 קילאָגראַם אינ 1912—1913 יאָר. דער אימפּאָרט פונ „איינפאַכע" לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס, ד. ה. אַזוינע, וואָס עס געברויכט הויפּטזאַכלעכ די קליינע ווירטשאַפט, איז פונ 17,1 מיליאָנ רובל אינ 1909 יאָר אויסגעוואַקסנ ביז 23,7 מיליאָנ רובל אינ 1913 יאָר. צוזאַמענ מיט דער דאָרפישער בורזשואַזיע איז געוואַקסנ דער מאַרק, — צוזאַמענ מיטנ מאַרק איז געוואַקסנ די אינדוסטריע. דאָס איבעראַרבעטנ בוימוואָל איז פונ 324 טויזנט טאָנ אינ 1908/09 יאָר דערגאַנגענ ביז 391 טויזנט טאָנ אינ 1912. טשוהונ־אויסשמעלצונג — פונ 2,8 ביז 4,6 מיליאָנ טאָנ; דער קוילנ־אַרויסבאַקום — פונ 26,3 מיליאָנ ביז 36,3 מיליאָנ טאָנ. דער טווע־עקספּאָרט האָט זיכ אינ פאַרגלײַכ מיטנ אָנהייב יאָרהונ־דערט פאַרגרעסערט קימאַט אינ צוויי מאָל (אויב מיר זאָלנ אָננעמענ דאָס 1900 יאָר פאַר 100, וועלנ מיר באַקומענ 196 אינ 1911 יאָר). די צאָל פּראַכטנ, וואָס די רוסישע אײַזנבאַנענ האָבנ אָנגענומענ, איז אויסגעוואַקסנ פונ 17,4 מיליאָנ טאָנ אינ די יאָרנ 1905—1909 ביז 20 מיליאָנ טאָנ אינ די יאָרנ 1910—1914 — אַפ 23 פּראָצענט, דערבײַ איז אינעם ערשטנ פאַל אַרויסגעפירט געוואָרנ קיינ אויסלאַנד־12,4 מיליאָנ טאָנ אונ אינ צווייטנ — בלויז 11,5, ד. ה. דער אינערלעכער מאַרק האָט אינעם ערשטנ פאַל אײַנגעשלונגענ סאַכאַקל 5 מיליאָנ (ניט רעכענענדיק, פאַרשטייט זיכ, דאָס קויפנ אונ פאַרקויפנ אַפנ אָרט, אַפ די אויעזדישע מערק), אונ אינ צווייטנ — קימאַט 10 מיליאָנ טאָנ.

עס וואָלט געווענ, פאַרשטייט זיכ, זייער נאַיִוו צו פאַררעכענענ די דאָזיקע אַלע דערגרייכונגענ אַפנ כעזשבנ פונ דער סטאָליפּינישער פּאָליטיק. אָבער זי האָט פונדעסט־וועגנ געשאַפנ אַנ אילוזיע פונ אַ שנעלנ אונ זיכערנ מאַרש אַפ בורזשואַזע רעלסנ, אונ עס איז קיינ ספק ניט, אַז די סטאָליפּיניאַדע האָט ניט פאַרהאַלטנ, נאָר זי האָט אונטערגעשטויסנ די באַוועגונג, וואָס איז געשאַפנ געוואָרנ דורכ אַ גאַנצע ריי סיבעס, קוידעמקאָל דורכ דער גינסטיקער קאָניונקטור אַפנ טווע־מאַרק, דורכ די הויכע פּרײַזנ אַפ טווע. אונ בײַ יענע אויבערפלעכלעכע באַאָבאַכטער, וואָס זײַנענ אַרײַנגעפאַלנ אינ אַזאַ יִיִעש פונ די ערשטע דערפאָלגנ פונ דער סטאָליפּיני־אַדע, פונעם בילד פונעם אומבאַשטראָפטנ צעטרײַבנ די ערשטע צוויי דומעס, פונ דער קנעכטישקײַט פונ דער דריטער דומע, פונ דער צעיושעטער אָרגיע פונ די פעלד־געריכטנ, — בײַ זיי האָט דאָס בילד פונ דעם דאָזיקנ בורזשואַזנ פּראָגרעס, וואָס בעראָש פונ אים שטייט סטאָליפּינ, געשאַפנ גאָר אַ מעשונעדיקנ אונ פול־שטענדיק קאָנטררעוואָליוציאָנערנ ענטוזיאַזם. די דאָזיקע מענטשנ האָבנ זיכ געריכט, אַז די „קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג פונעם דאָרפ וועט גיינ פאַרויס קעסיידער, אַז פּאַראַלעל דערמיט וועלנ אָפּשטאַרבנ די רעשטלעכ פונ דער לײַבייגנטימערישער ווירטשאַפט". קיינ שום נײַער „שטורעמ", קיינ שום רעוואָליוציע אַפ אַראָפּראַמענ די דאָזיקע „רעשטלעכ" וועט ניט נייטיק זײַנ: אַנ אַגראַרע רעוואָליוציע אינ רוס־לאַנד איז שוינ מער אוממעגלעכ, אונ פאַר די אַרבעטער בלײַבט איבער בלויז „אַפ אַ פרידלעכנ אופנ" צו פאַרטיידיקנ זייערע רעכט.

בײַ די שרײַבער פונ דעם דאָזיקנ טיפּ, — די ווערטער, וועלכע איכ האָב נאָר וואָס ציטירט אונ עטוואָס פאַרקירצט, געהערנ דעם פאַרשטאָרבענעם נ. א.

ראָזשקאָוונ, — האָט זיכ דער נאַיווער אָפּטימיזם בענעגייע דער סטאָליפּינ־יאַדע כאַראַקטעריסטיש צונויפגעמישט מיט פּונקט אַזאַ נאַיווענ פּעסימיזם בענעגייע די מאַסנ. זיי האָבנ זיכ ניט דערעדט ביז צו א „פּאָפּרישטשיע", אָבער אינ גערדאַנק זיינענ זיי געווענ ניט ווײַט דערפונ. זיי האָט זיכ געדוכט, אַז די מאַפּאָלע פונ די מאַסנ אינ דער אָפּענער שלאַכט איז געווענ א פולשטענדיקע אונ ענדגילטיקע. טו מיט זיי, וואָס דו ווילסט. זיי האָבנ פאַרגעסנ, אַז דער פויער האָט אָנגעהויבנ דעמ קאַמפּ קעגנ די פּריצימ פאַר ערד ניט אינ 1905 יאָר, נאָר אינ 1605 יאָר, אונ ער האָט אימ ניט אופגעהערט, ווי מיר האָבנ געזענ, אַפילע אינ ברענ פונ דער סטאָליפּינ־יאַדע, אונ ניט מיט קיינ פּאָליציייִשע מאַסמיטלענ האָט מענ געקאָנט אָפּשטעלנ לעטוויוועס די פּריצימ אָט דעמ דווירעסדיקנ פּראָצעס. זיי האָבנ פאַרגעסנ, אַז אינ מיזרעו־אייראָפּע איז די „פרידלעכע" ליזונג פונ דער אַגראַר־פראַגע געווענ פאַרבונדנ מיטנ פולשטענדיקנ אַריבערגאַנג אַפ בורזשואַזע רעלסנ, סטאָליפּינ אָבער האָט זיכ ניט געקאָנט אָפּזאָגנ אַפילע פונעמ זעמסקנ נאַטשאַלניק.

„איכ לייקנ ניט אָפּ די מעגלעכקײַט פונעמ „פּרײַסישנ" וועג (ד. ה. פונ א ניצאַכנ פונ דער יונקערישער פּאָליטיק), — האָט געשריבנ לענינ אינ דעקאַבער 1909 יאָר, — איכ אַנערקענ, אַז סטאָליפּינס פּאָליטיק מאַכט נאָכ א טראָט פאָרויס מיטנ „פּרײַסישנ" וועג אונ אַז אַפ דעמ דאָזיקנ וועג קאָנ אַפ א געוויסער שטופּע אָנקומענ א דיאַלעקטישער איבערבראָכ, וואָס נעמט אַראָפּ פונעמ טאָג־סיידער אַלע האָפענונגענ אונ אויסזיכטנ אַפ אַנ „אַמעריקאַנישנ" (ד. ה. רעוואָליוציאָנערנ. — מ. פ.) וועג. אָבער איכ באַהויפּט, אַז איצט איז דער דאָזיקער איבערבראָכ זיכער נאָכ ניט געקומענ... בא אונדז גייט נאָכ א קאַמפּ. עס האָט נאָכ ניט געזיגט קיינ איינער פונ די צוויי אַגראַרע וועגנ. בא אונדז וועט בא יעטווידער קריזיס פונ אונדזער עפּאָכע (די יאָרנ...1905) אַרויסטרעטנ, אומבאַדינגט אַרויסטרעטנ די „אַלגעמיינ־דעמאָקראַטישע" באַוועגונג פונעמ „פויערל", אונ איגנאָרירנ דאָס וואָלט געווענ א קאַרדינאַלער פעלער".*

---

* לענינ, ערשטע אויסגאַבע, צוגאָב־באַנד XX, טייל 1, ז. 313 אונ 317.

כראָנאָלאָגישע טאַבעלעס

כראָנאָלאָגישע טאַבעלעס (אַלע דאַטעס פון די כאַדאָשימ זיינענ לויטנ אַלטנ סטיל).

יאָרנ	די ארבעטער־באוועגונג	די פויערים־באוועגונג	די בורזשואזע אָפּאָזיציע	די פּאָליטיק פון דער צארישער רעגירונג: א) אינערלעכע	די פּאָליטיק פון דער צארישער רעגירונג: ב) אויסערלעכע
1896	דער גרויסער שטרייק פון די טעקסטיל־ארבעטער אין פּעטערבורג (מיי); דער פּעטערבורגער „פאַרבאַנד פון קאַמף פאַר דער באַפרייונג פונ׳ם ארבעטער־קלאַס"; דער „מאָסקווער ארבעטער־פאַרבאַנד".	טיילווייזע אויסברוכנ פון דער פויערישער באוועגונג, דעריקער אפּנ דאָרעמ.	—	פאַרקלענערונג פון די אויסקויפ־צאָלונגען (פּרווונ אונטערצוקויפן דאָס פויערטומ); די געריכט־רעפאָרמע אין סיביר (די צוגרייטונג פון דער באוועגונג אפנ ווייטנ מיזרעכ). די כאָדינקער קאַטאַסטראָפע (מיי).	די קאָנווענצ מיט כינע וועגנ בויענ די מאַנדזשורישע אייזנבאַנ (מיי); ניקאָלייס רייזע קיינ פאַריז.
1897	גרויסע שטרייקנ אין פּעטערבורג (יאַנואַר) זון אין אָרעכאָוואָ־זויעוואָ; „קאַמפּ־פאַרבאַנדנ" אין קיעוו, קאַטערינאָסלאַוו און ניקאָלייעוו; די אויסבילדונג פונעמ יידישנ ארבעטער־בונד („בונד") (אָקטיאַבער); דער אָנהייב פונ „עקאָנאָמיזמ"; „ראַבאָטשאַיאַ מיסל"; דער אַלגעמיינער שטרייק אין איוואַנאָוואָ־וואָזנעסענסק (דעקאַבער).	—	די ערשטע אַרויסטרעטונג פונעמ „לעגאַלנ מאַרקסיזמ"; דער זשורנאַל „נאָוואָיע סלאָוואָ".	אנ 11½־שאָיקער ארבעטטאָג (דעמ 2־טנ יונ; דער אָנהייב פונ דער פּאָליטיק פונ אונטערקויפנ די ארבעטער); די „קלאָלימ" וועגנ איבערשאָענ־ארבעט (דעמ 20־טנ סענטיאַבער) מאַכנ דעמ געזעצ קימאַט ווי צונישט. וויטעס געלט־רעפאָרמע — די ענדגילטיקע איינפירונג פונ דער גאָלדוואַליוטע אין רוסלאַנד (דער באַפעל פונ 3־טנ יאַנוואַר; די רעפאָרמע איז צוגעגרייט געוואָרנ פונ 1895־טנ יאָר).	דער אויסגלייכ מיט עסטרייכ וועגנ דער באַלקאַנישער פּאָליטיק (דאָס זיכערנ דאָס הינטערלאַנד פאַר דער ווייטמיזרעכדיקער אוואַנטורע); דער פּרעזידענט פאַר אינ פּעטערבורג — אָפענע פראָקלאַמירונג פונעמ רוסיש־פראַנצויזישנ בונד.
1898	די אויסבילדונג פונ דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ארבעטער־פאַרטיי (מאַרט); דער	דער צירקוליאַר פונעמ אינערנ־מיניסטער וועגנ די פויערישע אימרוענ (17־טנ יול).	באַראַטונגענ פונ זעמסטווע־טוער אין פּעטערבורג; פאַרזאַמלונגען אין דער פריי־	—	עס איז באַשלאָסנ געוואָרנ צו בויענ א גרויסנ פלאָט (אַסיגנירט 90 מיליאָנ

	גרויסער שטרײַק און דער פּאָגראָם פֿון די טעקסטיל־פֿאַבריקן אין טווער (אָקטיאַבער); דער אופֿבלי פֿונעם „עקאָנאָמיזם"; „ראַבאָטשעיע דעלאָ"; די באַוועגונג צווישן די מעטאַליסטן פֿון דאָרעם־רוסלאַנד (שטרײַקן אַפֿן פֿראַנצויזיש־רוסישן, בריאַנסקער און אַנדערע זאַוואָדן).		עקאָנאָמישער געזעלשאַפֿט (אַרויסטרעטונגען פֿון די „לעגאַלע מאַרקסיסטן").		רובל אַפֿ שיפֿבויונג, אָנהייב מאַרץ); פֿאַרנומען פּאָרט־אַרטור (דעם 27־טן מאַרץ); רוסלאַנד רופֿט צונויף אַ קאָנפֿערענץ וועגן אַלגעמיינעם שלום (אויגוסט).
1899	דער שטרײַק אין ריגע (אָנגע־הויבן זיך דעם 1־טן מײַ) און אין סאָרמאָוואָ (יוני); די פֿאַרזעצונג פֿון דער באַוועגונג אין דאָרעם־רוסלאַנד (מאַריופּאָל); דער אָנטייל פֿון די מעטאַליסטן וואַקסט. די איבערכאַ־זערונג פֿונעם שטרײַק פֿון די טעקסטיל־אַרבעטער.	עס קומען ווײַטער פֿאָר אויסברוכן פֿון דער פּויע־רישער באַוועגונג. די אויס־בילדונג פֿון די ערשטע עסע־רישע גרופּעס.	דער אַלרוסלענדישער סטו־דענטן־שטרײַק (האָט זיך אָנגעהויבן אין פֿעברואַר, אין פּעטערבורג); די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג פֿונעם „לעגאַלן מאַרקסיזם" (די זשור־נאַלן „נאַטשאַלאָ" און „זשיזן").	די „צײַטווײַליקע קלאַ־לים" וועגן אָפּגעבן די סטודענטן פֿאַר סאָלדאַטן פֿאַר באַטייליקן זיך אין אומאָרדענונגען (דעם 29־טן יולי, לויט ווײַטעס איניציאַ־טיוו). פֿאַרמאַכט די מאָסקווער יורידישע געזעלשאַפֿט. ענ־דערונג פֿון דער פֿינלענדי־שער קאָנסטיטוציע (פֿעוו־ראַל).	רוסלאַנד עפֿנט די האַא־גער „שלום"־קאָנפֿערענץ (מײַ); אויסגלײַך [illegible] ענג־לאַנד וועגן צי[illegible] ווירקונג־ספֿערן.
1900	אַן אַלגעמיינער שטרײַק אין כאַרקאָוו דעם 1־טן מײַ; אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס מיט רויטע פֿאָנען (זאַוואָד־אַרבעטער און אײַזנבאַן־וואַרשטאַטן); עס דערשײַנט דער 1־טער נומער „איסקראַ" (דעקאַבער).	דער קאַמף פֿון די פּויערים קעגן די פּריצים פֿלאַקערט זיך אַלץ מער פֿאַנאַנדער, באַזונדערס מיט דער הילף פֿונעם „רויטן האָן" (וואָראָנעזשער גובער־ניע). די עסערישע קרײַז־לעך הייבן זיך אָן צונויפֿ־גיסן אין אַ פּאַרטיי. דער אָנהייב פֿון דער פּויערים־באַוועגונג אין גוריע.	אומאָרדענונגען אין קיִע־ווער אוניווערסיטעט: 183 סטודענטן ווערן אָפּגעגעבן פֿאַר סאָלדאַטן.	באַגרענעצונגען פֿון די רעכט פֿון דער זעמסטוואָ; דער געזעץ פֿון 12־טן יוני וועגן דער באַגרענעצטקייט פֿון דער זעמסטוואָ־באַשטײַ־רונג; דער דערנערונג־איניציאַ־טיוו ווערט אַרויסגענומען פֿון דער קאָמפּעטענץ פֿון דער זעמסט־וואָ; פֿאַרמאַכט די פֿרײַ־עקאָנאָמישע געזעלשאַפֿט.	דער „באָקסער"־אויפֿ־שטאַנד אין כינע (יוני). דאָס רוסישע מיליטער פֿאַרנעמט מאַנדזשוריע; 7 טויזנט כי־נעזער דערטרונקען אינעם טײַך אַמור.

יאָרן	די אַרבעטער־באַוועגונג	די פּויערים־באַוועגונג	די בורזשואזע אָפּאָזיציע	די פּאָליטיק פון דער צאַרישער רעגירונג: א) אינערלעכע	די פּאָליטיק פון דער צאַרישער רעגירונג: ב) אויסערלעכע
1901	דער אָנהייב פון מאַסעווע גאַסנ־דעמאָנסטראַציעס (סטודענטן און אַרבעטער; די ערשטע — דעם 19־טן פעברואַר אין כאַרקאָוו, די ווייטערדיקע — אין מאָסקווע, פּעטערבורג און קאַזאַן, אַלע אין פרילינג; אין האַרבסט — אין קישענעוו און קאַטערינאָסלאַוו); די פייערונג פון 1־טן מיי אין טיפליס (א 3־טויזנטקעפּיקע דעמאָנסטראַציע), כאַרקאָוו און פּעטערבורג (באַריקאַדן באַם אָבוכאָווער זאַוואָד, די צעשיסונג פון אַרבעטער); דער קאַמף פון דער „איסקרא" קעגן „ראַבאָטשאַיע דיעלאָ". פאַרזאַמלונגען פון מאָסקווער אַרבעטער אונטער דער אָנפירונג פון פּראָפעסאָרן מיט דער דערלויבעניש פון דער „אָכראַנקע".	—	דער צוזאַמענפאָר פון זעמסטוואָ־טוער פאַר אַגראַנאָמישער הילף דער באַפעלקערונג (פעברואַר).	צירקולאַר פונעם אינערן־מיניסטער וועגן פאַרבאָט פון קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן די זעמסטוואָס און די שטאָטישע דומעס וועגן איניאַנים, וועלכע האָבן א שייכעס צו די אַלגעמיינע רעגירונג־פאַראָרדענונגען (דעם 25־טן אויגוסט). דער נייער סטאַטוט וועגן מיליטער־פליכט אין פינלאַנד (די אָפּשאַפונג פון דער פינלענדישער אַרמיי, יון).	די באַגעגעניש צווישן ניקאָלײַען מיט ווילהעלם II אין דאַנציק. ניקאָלײַ טיילט מיט זײַן פריינט, אַז רוסלאַנד גרייט זיך צו א מילכאָמע קעגן יאַפּאַניע.
1902	דער אָנהייב פון דער „זובאַטאָווטשינע". אין מאָסקווע ווערט געגרינדעט „דער ראַט פון אַרבעטער פון דער מעכאַנישער פּראָדוקציע" (דעם 14־טן פעברואַר; דעם 19־טן — א מאַניפעסטאַציע פון די זובאַטאָווצעס בא אַלעקסאַנדער דעם II־טנס דענקמאָל אין קרעמל).	דער אָנהייב פון א פּויערשער מאַסנ־באַוועגונג (אין פּאָלטאַווער און כאַרקאָווער גובערניעס, מאַרץ; עס איז „צעטראָגן" געוואָרן העכער 80 גיטער פון פּריצים און גרויסע אַרענדאַטאָרס).	דער ערשטער אַלזעמסקער צוזאַמענפאָר (דעם 2־טן מײַ); אין אויסלאַנד הייבט אָן דערשײַנען דער אָרגאַן פון די „לינקע זעמסטוואָ־טוער" „אָסוואָבאָזשדעניע" (יול).	„ספּעציעלע באַראַטונג וועגן די נויטן פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אינדוסטריע" (אונטער וויטעס פּאָרזיץ; יאַנואַר). פּלעווע ווערט באַשטימט פאַר אַן אינערן־מיניסטער (אַפּריל); רעפּרעסיעס קעגן די אַרטיקע קאָמיטעטן פון דער „ספּעצ־	די באַגעגעניש צווישן ניקאָלײַען מיט ווילהעלמען אין רעוועל; ניקאָלײַ מעלדעט, אַז די מילכאָמע מיט יאַפּאַניע ווערט אָפּגעלייגט ביז 1904 יאָר.

				ציילער באראטונג וועגן די נויטן פון דער לאנדווירט־שאפטלעכער אינדוסטריע״; די צעגראמירונג פון דער זעמסטווע־סטאטיסטיק.	
	עס כאזערן זיך איבער די דע־מאנסטראציעס אין מאסקווע און קיעוו (פעווראל). א שטרייק און צעשיסונג פון ארבעטער אין באטום (מארט). די פייערונג פונעם 1־טן מיי אין באקו, כארקאוו, סאר־מאווע און סאראטאוו. א גראנדיעזער אלגעמיינער שטרייק אין ראס־טאוו (נאיאבער; טויזנטקעפיקע מי־טינגען אונטערן פרייען הימל).	די ארגאניזירונג פון דער עסערישער פארטיי (צענט־ראל־ארגאן „רעוואליוציא־נאיא ראסיא").	א סטודענטישע דעמאנ־סטראציע אין מאסקווע (פעוו־ראל); דער ערשטער אלרוס־לענדישער סטודענטן־צוזא־מענפאר (מארט).	—	—
	צוגרייטונג צום צונויפרופן דעם 2־טן צוזאמענפאר פון דער רסדאפ, קאנפערענץ אין ביאליסטאק (אפרעל און אקטיאבער). פראיעקט פון דער פארטיי־פראגראם.	דער אינערן־מיניסטער סיפיאגין איז דערהארגעט געווארן פון באלמאשאוו (אפרעל). דער ניט־געלונגע־נער אטענטאט אפן איינ־שטילער פון די כארקאווער פויערים, דעם גובערנאטאר אבאלענסקי (די „קאמף־אר־גאניזאציע פון דער פארטיי סאציאליסטן־רעוואליוציא־נערן״; גערשוני).	—	—	—
1903	דער גראנדיעזער אלגעמיינער שטרייק אין דארעם־רוסלאנד (מיי—יול) און דער קראך פון דער „זו־באטאווששינע״. אנהייב פון דער	„אומארדענונגען״ אין סאראטאווער, וואראניעזשער, פענזער, טאמבאווער, קיע־ווער און פאדאליער גובער־	די אויסבילדונג פונעם „באפרייונג־פארבאנד״ (דער צוזאמענפאר אין דער שווייץ, אין יול). דער ערשטער	פרווון איינצולעשן די ארבעטערשע און פויערשע באוועגונג דורך קליינע הא־נאכעס: דער געזעץ וועגן	די גרינדונג פון וויייט־מיזרעכדיקן וויצע־קיניגטום (אויגוסט). דער מיורצשטעג־נער אויסגלייך מיט עסטרייך

יאָרן	די ארבעטער־באוועגונג	די פּויערים־באוועגונג	די בורזשואזע אָפּאָזיציע	די פּאָליטיק פון דער צארישער רעגירונג: א) אינערלעכע	די פּאָליטיק פון דער צארישער רעגירונג: ב) אויסערלעכע
1903	באוועגונג אין אָדעס (דער מײַ שטרײַק, וואָס די אָרטיקע זובאַטאָווצעס האָבן אָרגאַניזירט), שטרײַקן אין באַקו (יול), טיפליס און באַטום (יול), קיִעוו (יול, צעשיסונג פון ארבעטער), דאָס צווייטע מאָל אין אָדעס (יול). שטרײַקן פון די דרוקער אין מאָסקווע (סענטיאַבער); דער אופקום (אומלעגאַל) פונעם פּראָפעסיאָנעלן פאַרײַן פון דרוקער.	ניעס; שטרײַקן פון באטראַקעס און אונטערצינדונגען פון גיטער; פּויערים־אומרוען ווערן א געוויינלעכע דערשײַנונג.	צוזאמענפאָר פון די „זעמסטווע־טוער" „קאָנסטיטוציאָנאַליסטן" (נאָיאַבער).	פאַבריק־עלטסטע (סטאַראָסטעס) און דער געזעץ וועגן „באַלוינען מיצאַד די אונטערנעמער פאַר די ארבעטער, וועלכע האָבן געליטן פון אומגליק־פאַלן" (יונ). די אָפּשאַפונג פון קעגנזײַטיקער אָרוועס אין דאָרף (מאַרט). באַגלײַך מיט דעם גייען רעפּרעסיווע מאָסמיטלען: די פאַבריק־אינספּעקציע אונטערגעאָרדנט די גובערנאַטערס (מײַ); די גרינדונג פון אויעזדישער פּאָליציישער וואַכ. דאָס אָפּנעמען לעטויוועס דער מעלוכע דאָס פאַרמעגן פון דער ארמענישער קירכ פאַר שטיצן די נאַציאָנאַלע אַרמענישע באוועגונג. אין אַפּרעל — דער קישענעווער פּאָגראָם. וויטעס דעמיסיע (אווגוסט). פּלעווע אלײנהערשאַפט.	וועגן מאַקעדאָניע (אָקטיאַבער; פאַרזיכערונג פונעם הינטערלאנד צום צווייטן מאָל אפּגן פאַל פון א ווײַטמיזרעכדיקער מילכאָמע). אונטערהאנדלונגען מיט יאַפּאָניע וועגן קאָרייע; די פאַרשטארקונג פון דער ווירקונג פון דער מיליטערישער פּארטיי (בעזאָבראַזאָוו און אבאזא) אין פעטערבורג, אין צוזאמענהאנג מיט וויטעס אוועקגיין. פונדעסטוועגן טיילט מיט ניקאָלײַ ווילהעלמען (אין וויסבאַדן, אין אָקטיאַבער), אז קיין מילכאָמע וועט אויך אין 1904 יאָר נאָך ניט זײַן, ווײַל רוסלאנד איז נאָך „ניט גרייט".
	דער צווייטער צוזאמענפאָר פון דער רסדאַפּ (בריוסעל — לאָנדאָן; יול—אווגוסט); באַשטעטיקונג פון	גערשוניס ארעסט; בעראָש פון דער „קאמפּ־אָרגאניזאציע" פון די עסערן	—	—	—

1904

דער פּאַרטיי־פּראָגראַם און די אָרגאַניזירונג פון דער פּאַרטיי. שפּאַלטונג איבער דער אָרגאַניזיר־פראַגע: „באָלשעוויקעס“ און „מענשעוויקעס“. דער צענטראַל־אָרגאַן פון דער פּאַרטיי „איסקרא“ גייט איבער אין די הענט פון די מענשעוויקעס.

שטעלט זיך אויף. די „קאַמפּ־אָרגאַניזאַציע“ דערמאָרדעט דעם אויפער גובערנאַטער באָגדאַנאָוויטש פאַר צעשיסן דעם שטרייק אין זלאַטאָוסט.

בעערעכדיקער שטילשטאַנד אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מילכאָמע (אין 1902 יאָר איז די אַלגעמיינע צאָל שטרייקער, לויט די אָפיציעלע מאַטעריאַלן, 37 טויזנט, אין 1903 יאָר — 87 טויזנט, אין 1904 — בלויז 25 טויזנט, א מינימום פאַרן גאַנצן יאָרצענדליק); א קאָלאָסאַלער שטרייק אין באַקו, אין דעקאַבער. דערמלט אויך דער אָנהייב פון דער באַוועגונג אין פּעטערבורג (די צוגרייטונג פון דעם 9־טן יאַנוואַר 1905). די גאַפּאָנישע „פאַרזאַמלונג פון די פאַבריק־זאַוואָדישע אַרבעטער“, באַשטעטיקט אין אַפּרעל.

דער קאַמף צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס. פון דעקאַבער דערשיינט די באָלשעוויסטישע צייטונג „וופּעריאָד“.

ווייטער דוירנדיקע פּויערים־אומרוען אין צען גובערניעס. סאַזאָנאָוו דערהאַרגעט פּלעווען (דעם 15־טן יול).

דער גרינדונג־צוזאַמענפאָר פונעם „באַפרייונג־פאַרבאַנד“ (יאַנוואַר).

די פּאַריזשער קאָנפערענץ פון אַלע אָפּאָזיציאָנעלע און רעוואָליוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, אַחוץ דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער (סענטיאַבער).

דער צווייטער צוזאַמענפאָר פונעם „באַפרייונג־פאַרבאַנד“ (אָקטיאַבער); דער צוזאַמענפאָר פון זעמסטווע־טוער אין פּעטערבורג (6—8 נאָיאַבער). די באַנקעטן־קאַמפּאַניע.

שטורמער צעטרייבט די טווערער זעמסטווע (יאַנוואַר).

דער קראַך פון פּלעוועס סיסטעם נאָך זיין טויט (יול), אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ליאַאָיאַנער מאַפּאָלע (אווגוסט).

די באַשטימונג פון סוויאַטאָפּאָלק־מירסקין און די „צוטרוי־ערע“. באַראַטונגען אונטער ניקאָלייס פאָרזיץ וועגן איינפירן א פאָלקפאָרשטייערשאַפט (נאָיאַבער — דעקאַבער).

אונטער וויטעס און פּאָבעדאָנאָסצעווס ווירקונג ענדיקן זיי זיך מיט גאָרנישט (דער רעסקריפּט פון 12־טן דעקאַבער וועגן „אַדמיניסטראַטיווע רעפאָרמעס“.

די יאַפּאַנישע מילכאָמע (דאָס איבערייסן די דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען דעם 24־טן יאַנוואַר; אין דער נאַכט פון 26־טן אויפן 27־טן דער אָנפאַל פון די יאַפּאַנער אויף דער רוסישער עסקאַדרע אין פּאָרט־אַרטור; די יאַפּאַנער גייען אַריבער דעם טייך יאַלו דעם 18־טן אַפּרעל; דערמיט האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע אויף דער יאַבאַשע; דאָס פאַלן פון פּאָרט־אַרטור דעם 20־טן דעקאַבער (אַנדערע וויכטיקע דאַטעס זע אין טעקסט).

יאָרנ	די אַרבעטער־באַוועגונג	די פּויערים־באַוועגונג	די בורזשואַזע אָפּאָזיציע	די פּאָליטיק פונ דער צאַרישער רעגירונג: א) אינערלעכע	די פּאָליטיק פונ דער צאַרישער רעגירונג: ב) אויסערלעכע
1905 יאַנואַר	דעמ 3־טנ — דער שטרייק אפנ פּוטילאָווער זאַוואָד. דעמ 6־טנ — גאַפּאָנ פאַרעפנט־לעכט זיינ פּעטיציע. דעמ 9־טנ — פּראָצעסיע פונ די אַרבעטער צומ ווינטער־פּאַלאַצ אונ די צעשיסונג. אינ מעשעכ פונ יאַנואַר אונ פעוורואַל קייקלט זיכ דער שטרייק דורכ איבער גאַנצ רוסלאַנד. צעשי־סונגענ אינ ריגע אונ וואַרשע.	—	די באַוועגונג פונ די „אופקלער־געזעלשאַפטנ" (אָנ־געהויבנ האָט די מאָסקווער געזעלשאַפט פאַר לאַנ ווירט־שאַפט מיט דער רעזאָליוציע פונ 14־טנ יאַנואַר). די אָרגאַניזירונג פונעמ אינזשעניערנ־פאַרבאַנד אינ פּעטערבורג; גלייכ נאָכ די אינזשעניערנ פאַרייניקנ זיכ אינ פאַרבאַנדנ די איבע־ריקע גרופּעס פונ דער פּעטע־בורגער אינטעליגענצ (פּראָפעסאָרנ, דאָקטוירימ, קינסטלער, בוכהאַלטערס אונ אזוי ווייטער).	דעמ 18־טנ נעמט ני־קאָלײַ אופ אינ צאַרסקאָיע סיעלאָ א „דעפּוטאַציע" פונ פּעטערבורגער אַרבעטער; ני־קאָלײַ איז זיי מוחל דעמ „פאַרברעכנ פונ 9־טנ יאַנ־וואַר" אונ דריקט אויס די זיכערקייט אינ דער איבער־געגעבנקייט פונעמ אַרבעטער־קלאַס צו אימ. דעמ 29־טנ איז געבילדעט געוואָרנ די קאָמיסיע אונטער שידלאָוו־סקיס פאָרזיצ אפ אויסצו־פאָרשנ די סיבעס פונ דער אומצופרידנקייט פונ די אַר־בעטער.	דעמ 12־טנ — 19־טנ — דער אָנהייב פונ קוראָפּאַט־קינס ניט־געלונגענעמ אָנ־גריפ, די שלאַכט בא סאַנ־דעפּו.
פעוורואַל	די „ביוראָ פונ די קאָמיטעטנ פונ דער מערהייט", וואָס האָט זיכ אויסגעבילדעט סאָפ פאַריקנ יאָר, שיקט פאַנאַנדער צו די אָרגאַניזאַ־ציעס אײַנלאַדונגענ אפנ III פּאַר־טיי־צוזאַמענפאָר. די באָלשעוויקעס גיבנ אַרויס דעמ „וופּעריאָד".	אַגראַר־אומרוענ; שטרייק־באַוועגונג פונ די דאָרפישע באַטראַקעס, דעריקער אפנ דאָרעמ אונ דאָרעמ־מײַרעוו; פּאָגראָמענ פונ גיטער אינ סאַראַטאָווער, אָריאָלער אונ קורסקער גובערניעס.	שטרייק פונ דער סטו־דענטנשאַפט. צוזאַמענפאָר פונ זעמ־סטווע־טוער, די פּעטערבור־גער פאַרבאַנדנ פונ דער אינטעליגענצ גיסנ זיכ צונ־ויפ אינ דעמ „פאַרבאַנדנ־פאַרבאַנד". דער אינזשעניערנ־פאַר־באַנד ווערט ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט אינ א אַל־	דעמ 4־טנ איז דערהאַר־געט געוואָרנ דער גרויס־פירשט סערגיי ראָמאַנאָוו. דעמ 18־טנ — ניקאָלײַס באַ־פעל וועגנ צוציענ די „ווירדיקסטע, מיטנ צוטרוי פונעמ פאָלק באַפולמעכטיק־טע, אויסגעקליבענע דורכ דער באַפעלקערונג מענטשנ צומ אויסאַרבעטנ אונ באַהאַנדלענ געזעצגעבערישע פּראָיעקטנ.	דעמ 11 — 25־טנ — מוק־דענער שלאַכט.

			רוסלענדישער אָרגאַני־זאַציע.		
מאַרט	גרויסע שטרײַקן אין מאָסקווע. שטרײַקן אַף דער דאָרעם־מײַרעווידי־קער אײַזנבאַן (קיִעוו).	—	איינער נאָכן אַנדערן קומען אויף אַנדערע פּראָ־פעסיאָנעל־פּאָליטישע פאַר־באַנדן, אָנגעהויבן פון אַקאַ־דעמישן (סאָף מאַרט). אין מאַרט — דער דריטער צוזאַ־מענפאָר פון „באַפרײַונג־פאַרבאַנד“.	ד״מ 16־טן איז באַשטע־טיקט געוואָרן דער פּראָ־יעקט פון אויסאַרבעטן די „בוליגינישע“ קאָנסטיטוציע (צוערשט אין מיניסטאָרן־ראַט, דערנאָך אין דער ספּע־ציעלער באַראַטונג).	דעם 3־טן — קוראָפּאַט־קינס דעמיסיע; אַלס הויפּט־קאָמאַנדיר ווערט באַשטימט ליניעוויטש.
אַפּרעל	די אויסבילדונג פונעם אײַזנבאַ־נער־פאַריין.	—	עס ווערן קאָנסטרויִרט די אַלרוסלענדישע פּראָפעסיאָ־נעל־פּאָליטישע פאַרבאַנדן פון שרײַבערס, לערערס, אינזשע־ניערן אאַז.	דעם 17־טן — דער באַ־פעל וועגן „פרײַהייט פון געוויסן“ (דאָס אָפּפאַלן פון פּראַוואָסלאַווישן גלויבן הערט אויף צו זײַן א באַשטראָפּ־באַרער פאַרברעכן; די ראַס־קאָלניקעס באַקומען דאָס רעכט אַף אָפּצוריכטן גאָטעס־דינסט). אַלס א רעפּרעסיע בע־נגייע די סטודענטן, זײַנען אָפּגעשאַפט געוואָרן די עק־זאַמענעס, ד. ה. אַלע סטו־דענטן זײַנען „איבערגע־לאָזט געוואָרן אַף א צווייטן יאָר“.	—
מײַ	דער III צוזאַמענפאָר פון דער רסדאַפּ אין לאָנדאָן (אָן די מענ־שעוויקעס, וועלכע מאַכן א באַ־זונדערע קאָנפערענץ אין זשענעווע).	אין מײַ איז אויפגעקו־מען דער אַלרוסלענדישער פּויערים־פאַרבאַנד.	די אויסבילדונג פונעם אַלרוסלענדישן פאַרבאַנד־פאַרבאַנד. דער זעמסטווע־צוזאַמענפאָר אין מאָסקווע.	—	דעם 14—15־טן מײַ — די צושימער שלאַכט. דעם 21־טן — וויל־העלם לייגט פאָר ניקאָ־

יאָרן	די ארבעטער־באַוועגונג	די פּויערים־באַוועגונג	די בורזשואַזע אָפּאָזיציע	די פּאָליטיק פון דער צאַרישער רעגירונג: א) אינערלעכע	ב) אויסערלעכע
מײַ	רעוואָליוציע וועגן דעם באַוואָפנטן אופשטאַנד.		וועלכער באַשליסט שיקן א דעפּוטאַציע צו ניקאָלײַען.		לײַען רוזוועלטס פאַרמיטלונג. דעם 26־טן — רוזוועלטס נאָטע צו רוסלאַנד און יאַפּאָניע וועגן פאַרמיטלונג.
	דער אָנהייב פון אַלגעמיינעם שטרײַק אין איוואַנאָוואָ־וואָזנעסענסק; דער ערשטער ראַט פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן.	—	—	די פּויערים האָט מען „מוחל געווען" 75 מיליאָן ניט אײַנגעצאָלטן אויסקויפּ־געלט (אַפּרעל).	—
יוני	באַריקאַדן אין לאָדז (דערהאַרגעט העכער 500 מאַן), דער אופשטאַנד אויף דער פּאַנצער־שיף „פּאָטיאָמקין"; דער שטרײַק אין אָדעס, די צעשיסונג.	—	דעם 6־טן — די דעפּוטאַציע פונעם זעמסטווע־צוזאַמענפאָר בײַ ניקאָלײַען.	סאָף יוני — די פּעטערהאָפער באַראַטונגען וועגן דער בוליגינישער קאָנסטיטוציע; דער באַשלוס אַנטקעגנצושטעלן דער רעוואָליוציע „א שטאַנדהאַפטיקע וואַנט פון די קאָנסערוואַטיווע פּויערים".	—
יולי	דער אָנהייב פון שוואַרצמײַיִשע פּאָגראָמען; געשלאָגן רעוואָלוציאָנערן אין ניזשני־נאָווגאָראָד, די אַרבעטער אָרגאַניזירן א זעלבסטשוץ.	דער אָנהייב פון דער באַוועגונג פונעם דאָרפישן פּראָלעטאַריאַט אין לעטלאַנד.	אין יולי — דער צוזאַמענפאָר פון די זעמסטווע־טוער און פאָרשטייער פון די שטעט, וועלכער באַשליסט „ווענדן זיך צום פאָלק".	—	דעם 11־טן — די באַגעגעניש צווישן ניקאָלײַען מיט ווילהעלמען אין ביאָרקע; דער פּראָיעקט פון א רוסיש־דײַטשלענדישן בונד קעגן ענגלאַנד. דעם 27־טן — דער אָנהייב פון די רוסיש־יאַפּאַנישע אונטערהאַנדלונגען

אויגוסט	אַלגעמיינער שטרייַק און קריג־צושטאַנד אין וואַרשע. א שטרייַק און א פּאָגראָם אין באַקו, העכער הונדערט דערהאַרגעטע. די סרייפּע פון די באַלכאַנא־סאַבונטשינער גע־ווערבן.	דער פּויערים־פֿאַרבאַנד קאָנסטיטויִרט זיך ענדגילטיק אונטער דער אויבערהאַנט פון די עסערן.	—	דעם 6־טן — דער באַפעל וועגן דער געזעצגעבערישער („בוליגינישער״) דומע. דעם 27־טן — די אוניווער־סיטעט־אויטאָנאָמיע.	אין פּאָרטסמוט (פֿאַראייניקטע שטאַטן). דעם 23־טן — דער פּאָרט־סמוטער שאָלעם.
סעפּטעמבער	דעם 19־טן — דער אָנהייב פון א גרויסן שטרייַק אין מאָסקווע (דער שטרייַק פון די דרוקער); דעם גאַנצן כוידעש — מיטינגען אין די געבייַדעס פון די הויכשולן.	—	דעם 13־טן — דער זעמסטווע־שטאָטישער צוזאַ־מענפֿאָר אין מאָסקווע זאָגט זיך אַרויס קעגן דער „בו־ליגינישער״ דומע.	—	—
אָקטיאַבער	דעם 6־טן — דער שטרייַק פון די אײַזנבאַנער; דער מאָסקווער שטרייַק ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אַן אַלרוסלענדישן. דעם 13־טן — דער אופקום פֿון געם פּעטערבורגער ראַט פון אַרבע־טער־דעפּוטאַטן. דעם 19־טן — דער פּעטערבורגער ראַט האָט פּראָקלאַמירט פּאַקטישע פרייַהייַט פון פרעסע. דעם 26־טן און 28־טן — דער אופשטאַנד פון די מאַטראָסן אין קראָנשטאַדט. דער 29־טן — דער אָנהייב פונעם קאַמף פונעם פּעטערבורגער פּראָלעטאַריִאַט פאַר אַן 8־שעהיקן אַרבעטטאָג.	אָנהייב פון א מאַסעווער פּויערים־באַוועגונג; דאָס כאַ־רעוו מאַכן 2 טויזנט גיטער, דעריקער אין די שוואַרץ־ערדישע גובערניעס.	דעם 12—18־טן — דער גרינדונג־צוזאַמענפֿאָר פון דער קאַדעטישער פּאַרטיי.	דעם 8־טן — ניקאָלײַ רופט דאָס ערשטע מאָל וויטען. דעם 17־טן — אונטערגע־שריבן געוואָרן דער מאַני־פעסט וועגן א קאָנסטיטו־ציע. וויטע איז פּרעמיער. דעם 18־טן — דער אָנהייב פון פּאָגראָמען אין גאַנץ רוסלאַנד. דעם 21־טן — אַמניסטיע פאַר די פּאָליטישע פאַר־מישפּטע. דעם 24־טן — עס ווערט צוריק אופגעשטעלט די פינ־לענדישע אויטאָנאָמיע.	ניקאָלײַ זאָגט זיך אָפּ צו ראַטיפיצירן דעם אָפּמאַך אין ביאָרקע; רוסלאַנד בינדט זיך א קער צו א בונד מיט ענגלאַנד קעגן דייַטשלאַנד.

יאָרן	די אַרבעטער־באַוועגונג	די פּויערים־באַוועגונג	די בורזשואַזע אָפּאָזיציע	די פּאָליטיק פון דער צאַרישער רעגירונג: א) אינערלעכע	די פּאָליטיק פון דער צאַרישער רעגירונג: ב) אויסערלעכע
1905 נאָיאַבער	דעם 2—5־טן — דער פּראָטעסט־שטרייק קעגן דער פּראָיעקטירטער צעשיסונג פון די קראָנשטאַדטער מאַטראָסן. דעם 8־טן — אָפּגעשטעלט דער קאַמף פאַרן 8־שאָיקן אַרבעטסטאָג. דעם 14—15־טן — דער אויפשטאַנד פון שוואַרציאַמישן פלאָט (לייטענאַנט שמידט). דעם 15־טן — אַלרוסלענדישער פּאָסט־טעלעגראַפישער שטרייק. דעם 22־טן — די אויסבילדונג פונעם מאָסקווער ראַט פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן. דעם 26־טן — דער אַרעסט פון פּאָרזיצער פונעם פּעטערבורגער ראַט כרוסטאַליאָוו־נאָסאַר.	—	דער לעצטער אַלגעמייִנער זעמסטווע־צוזאַמענפאָר; די רעכטע בורזשואַזיע טיילט זיך אויס אין עם צוקינפּטיקן „פאַרבאַנד פון 17־טן אָקטיאַבער“.	דעם 11־טן — אָפּגעשאַפט דער קריג־צושטאַנד אין פּוילן. די אונטערהאַנדלונגען פון די „געזעלשאַפטלעכע טוער“ (די צוקינפטיקע אָקטיאַבריסטן) וועגן אַרייַנטרעטן אין קאַבינעט. דעם 26־טן איז אָפּגעשאַפט געוואָרן די פּאָרלויפיקע צענזור.	—
דעקאַבער	דעם 2־טן — דער אויפשטאַנד פון ראָסטאָווער פּאָלק אין מאָסקווע; דער מאַניפעסט פונעם פּעטערבורגער ראַט וועגן אָפּזאָגן זיך פון צאָלונגען אַאַוו. דעם 3־טן — דער אַרעסט פון פּעטערבורגער ראַט; אַ שטרייק (ניט קיין אַלגעמייַנער) אין פּעטערבורג. דעם 4־טן — דער מאָסקווער ראַט	אין דעקאַבער — דער ברעג פון דער פּויערים־באַוועגונג.	—	אָנהייב דעקאַבער — באַראַטונגען אין צאַרסקאָיע סיעלאָ וועגן ענדערן די „בולינגישע“ קאָנסטיטוציע. דעם 11־טן — דער נייַער וואַלגעזעץ, וואָס גיט שטים־רעכט די אַרבעטער, וועלכע ווייַנ אייַנגעשפּאַרט אין אַ באַזונדערע קוריע.	—

	באשליסט צו דערקלערן אן אלגעמיינעם שטרײַק. דעם 5־טן — די מאָסקווער פאַרטיי־קאָנפערענץ פון די באָלשעוויקעס באשליסט א באוואָפנטע ארויסטרעטונג. דעם 6־טן — דער אופרוף פון מאָסקווער ראט און פון די רעוואָלוציאָנערע אָרגאניזאציעס, די סאָציאַל־דעמאָקראטן און עסערן, וועגן אן אלגעמיינעם שטרײַק מיטן איבערגאנג אין א באוואָפנטן אופשטאנד. דעם 10־טן — די מאָסקווער באריקאדעס. דעם 17—19־טן — דער כורבן פון פרעסניע און דאָס ענדגילטיקע דערשטיקן דעם אופשטאנד.				
1906 יאנואר	די צוגרייטונג פונעם „פארייניקונג"־צוזאמענפאָר פון דער רסדאפּ (א פאראייניקטער צק פון דרײַ באָלשעוויקעס און דרײַ מענשעוויקעס).	דער ערשטער צוזאמענפאָר פון דער פארטיי סאָציאליסטן־רעוואָלוציאָנערן.	דער צווייטער צוזאמענפאָר פון דער קאדעטישער פארטיי; די קאדעטישע פארטיי נעמט ענדגילטיק אָן א מאָנארכיסטישע פראָגראם.	דאָס ווילדעווען פון שטראָף־עקספּעדיציעס אין באלטישן קאנט און אין סיביר (מעלער־זאקאָמעלסקיס און רענענקאמפס „שטראָף־צוגן").	די קאָנפערענץ אין אלזשעזיראס איבער די מאראָקאנישע איניאָנים (יאנואר — אפּרעל); רוסלאנד שטיצט די פּרעטענזיעס פון פראנקרײַך אף מאראָקאָ, כדי צו באקומען דערפאר א האלוואָע אף דער פּאריזשער בירזשע.
פעברואר	די קאמפאניע פאר בויקאָטירן די וואלן אין דער מעלוכע־דומע.	פון יאנואר ווערן אלץ שטארקער די אויסברוכן פון דער פויערים־באַוועגונג, אי־	דער ערשטער צוזאמענפאָר פונעם „פארבאנד פון 17־טן אָקטיאבער".	דעם 20־טן — די „טאקאָנעס" וועגן דער מעלוכע־דומע. ניקאָלײַ ווארפט אָפּ	אונטערהאנדלונגען אין פּאריזש וועגן א האלוואָע.

יאָרן	די ארבעטער־באַוועגונג	די פּויערים־באַוועגונג	די בורזשואזע אָפּאָזיציע	די פּאָליטיק פון דער צארישער רעגירונג: א) אינערלעכע	די פּאָליטיק פון דער צארישער רעגירונג: ב) אויסערלעכע
פעוורואַל		בערהויפּט אין אוקראַיִנע און אין די שווארצערדישע גובערניעס.		וויטעס פּראָיעקט איבער דער אגראר־פראגע און זאָגט אָפּ פון זײַנע שטעלע קוטלערן, דעם אויטער פונעם פּראָיעקט.	
מאַרט	די וואלן אין דער דומע: דער פּראָלעטאַריאַט קלײַבט אויס דעם „פאבריק־קוימען", דאָס „הינטל ראָזקע" אדג. דער ניט־אָרגאַניזירטער אָנטייל פון די עקאָנאָמיש־געשטימטע ארבעטער בײַ דער הינטערקוליסנדיקער שטיצע פון די מענשעוויקעס.	—	דער זיג פון די קאַדעטן בײַ די וואלן אין דער מעלוכע־דומע; אין פּאַריזש פירן די קאַדעטן אַן אַגיטאַציע קעגן דער רוסישער הלוואָע.	דעם 4־טן — דער געזעץ וועגן פּראָפעסיאָנעלע ארבעטער־פאַריינען.	עס ווערן ווײַטער געפירט אונטערהאנדלונגען וועגן א הלוואָע; דער נײַער פראַנצויזישער פינאַנצמיניסטער פּואַנקאַרע באַדערט, אַז די הלוואָע זאָל סאַנקציאָנירט ווערן דורך דער מעלוכע־דומע אײדער די לעצטע זאָל צונויפגערופן ווערן.
אַפּריל	דער שטאָקהאָלמער „פאַרייניקונגס־צוזאַמענפאָר" (דער IV־טער פון 1898־טן יאָר); די „מינדער־הײט" ווערט א „מערהײט" (דער צק פון 3 באָלשעוויקעס און 7 מענשעוויקעס). דאָס אָפּזאָגן זיך פון דער בויקאָט־טאַקטיק בנוגע דער מעלוכע־דומע; דער באַשלוס צו בילדן אין דער דומע א סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פראַקציע.	—	דער דריטער צוזאַמענפאָר פון דער קאַדעטישער פּאַרטיי.	דעם 22־טן — וויטעס דעמיסיע; פּרעמיער ווערט גאָרעמיקין. דעם 23־טן — עס ווערן ארויסגעגעבן די „גרונט־געזעצן", וועלכע באַשטעטיקן, אַז, ניט געקוקט אויפן 17־טן אָקטיאַבער, פאַרבלײַבט רוסלאַנד א זעלבסטהערשנדיקע מאָנאַרכיע. דעם 24־טן — די טאַקאָנעס וועגן דעם פּריציש־	דער סאָף פון דער אַלזשעזיראַסער קאָנפערענץ און פון די אונטערהאנדלונגען וועגן א הלוואָע; ניקאָלײַ II באַקומט 850 מיליאָן גאָלד־רובל אָן שום באַדינגונגען.

				באאמטישן מעלוכע־ראט (א צוים פאר דער דומע), דעם 27־טן — די פײַערלעכע עפענונג פון דער מעלוכע־דומע.
מײַ	די אופלעבונג פון דער שטרײַק־באוועגונג (מער שטרײַקן, איידער פאר אלע פיר פאָריקע כאראָשים).	די פויערים־באוועגונג דערגרייכט אין מײַ—יונ צו איר מאקסימום.	די אויסבילדונג פון אן עקסט־לינקן פליגל אין דומע (די „טרודאָוויקעס"); פון אים טיילט זיך ביסלעכווײַז אויס א סאָציִאל־דעמאָקראַטישע פראקציע פון די ארבעטער, וועלכע זײַנען ארײַנגעפאלן אין דער דומע, און פון די קאווקאזער מענשעוויקעס (ראמישווילי און אנד.). אדרעס־באקאָשע פון דער דומע צום קייסער, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן דורך אלעמען קעגן די עקסט־רעכטע און דער סאָציִאל־דעמאָקראַטישער פראקציע.	דעם 13־טן — די מעלדונג אין נאָמען פון דער רעגירונג אלס ענטפער אפן „אדרעס" פון דער דומע, מיט דער אָנווײַזונג, אז די דומע הייבט אָן ארײַנרוקן די נאָז ניט אין אירע ענינים.
יונ	עס קאָנסטרויִרט זיך ענדגילטיק די סאָציִאל־דעמאָקראַטישע פראקציע פון דער מעלוכע־דומע (דעקלאר. ציע פון 16־טן).	אלץ אָפטער ווערן פאָגראָמען פון די פריצישע גי־טער, צו וועלכע עס קומען צו אלץ נײַע און נײַע פאלן פון אומרועס אינעם מיליטער; דער פרעאָבראזשענסקער פאָלק זאָגט ארויס זײַן	אונטערן דרוק פון די „טרודאָוויקעס" גיט אָפּ די דומע אלץ מער און מער צײַט דער אגראר־פראגע.	דעם 20־טן — די רעגירונג־מיטיילונג וועגן דער ערד־פראגע, וועלכע באשטעטיקט, אז ווי די דומע זאָל ניט באשליסן, וועט די ערד פון די פריצים בלײַבן בא זיי.

<table dir="rtl">
<tr><th rowspan="2">יאָרן</th><th rowspan="2">די ארבעטער־באַוועגונג</th><th rowspan="2">די פּויערים־באַוועגונג</th><th rowspan="2">די בורזשואזע אָפּאָזיציע</th><th colspan="2">די פּאָליטיק פון דער צארישער רעגירונג</th></tr>
<tr><th>א) אינערלעכע</th><th>ב) אויסערלעכע</th></tr>
<tr><td>יונ</td><td></td><td>סאָלידאַרישקייט מיט דער ארבעט־גרופּע פון דער מעלוכע־דומע.</td><td colspan="2">אונטערהאנדלונגען פון די קאדעטן מיט טרעפּאָוון און סטאָליפּינען וועגן אויסבילדן א קאדעטיש מיניסטעריום אפ פאנאנדערלאָזן די דומע. דער דורכפאל פון די אונטערהאנדלונגען (דער איינרייס אין די פראגן וועגן אָפּנעמען א טייל פון דער פּריוואטער ערד מיט צוואנג און וועגן אן אמניסטיע).</td><td></td></tr>
<tr><td>יול</td><td>דער פּרווו פון אן אלגעמיינעם שטרייק אין מאָסקווע און פּעטערבורג אין פארבינדונג מיטן פאנאנדערטרייבן די מעלוכע־דומע און אפ צו שטיצן דעם סוועאבאָרגער אופשטאנד.</td><td>אומרוען נאָכן פאנאנדערטרייבן די מעלוכע־דומע, פּויערשע (באזונדערס אפ צאָפן־קאווקאז) און מיליטערישע (אין סוועאבאָרג און קראָנשטאדט).</td><td>דעם 6־טן — אלס ענטפער אפ דער „רעגירונג־מיטיילונג“, לאָזט די דומע ארויס א ווענדונג צום פאָלק, וועלכע רופט „אָפּצוהיטן די אָרדענונג“; די „ווענדונג“ ווערט אָנגענומען מיט די שטימען בלויז פון די קאדעטן קעגן אלע איבעריקע,— סיי די רעכטע סיי די לינקע.
דעם 10־טן — דער „ווי־באָרגער אופרופ“.</td><td>דעם 9־טן — דער מאניפעסט וועגן פאנאנדערלאָזן די I מעלוכע־דומע.</td><td>—</td></tr>
</table>

בײַלאגע 1

וועגנ דעמ רוסישנ פעאָדאליזמ, דער אנטשטייונג און דעמ כאראקטער פונעמ אבסאָליוטיזמ אינ רוסלאנד*

I

עס קאָנ זיכ אויסדוכטנ, אז די פראגע וועגנ דעמ רוסישנ פעאָדאליזמ און וועגנ דער זעלבסטהערשונג איז גאנצ ווייניק אקטועל נאָכנ 1917 יאָר. אינ פעווראל פונ דעמ דאָזיקנ יאָר איז אראָפגעשליידערט געוואָרנ די זעלבסטהערשונג, און די אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט ענהגילטיק ארויסגעריסנ די לעצטע וואָרצלענ פונעמ פעאָדאלנ רעזשימ אינ יענעמ טייל פונ אונדזער לאנד, ווו די מאסע באפעלקערונג רעדט אפ רוסיש. אזוי אז וועגנ דעמ „רוסישנ“ פעאָדאליזמ איז, דאכט זיכ, פונ דעמלט אָנ ניטאָ וואָס צו ריידנ. אויב דער האטנמאכט איז א סאכ שפעטער נאָכ אויסגעקומענ צו האָבנ צו טאָנ מיט רעשטלעכ פונ פעאָדאליזמ, איז דאָס געווענ דערעיקער אינ אזיע, אָבער ניט אינ אייראָפע, און די דאָזיקע רעשטלעכ האָבנ מיטנ „רוסישנ“ פעאָדאליזמ היסטאָריש קיינ שומ שײַכעס ניט געהאט, יעדנפאלס האָבנ זיי קיינ שומ שײַכעס ניט צו די שטרײַטנ צווישנ די מארקסיסטנ און די בורזשואזע היסטאָריקער וועגנ דעמ, צי עס האָט אינ רוסלאנד עקזיסטירט דער פעאָדאליזמ אָדער ניט. יעטווידער בורזשואזער היסטאָריקער, וואָס לייקנט אָפ די אָנוועזנקײַט פונעמ פעאָדאליזמ אינ רוסלאנד, וועט גאָרניט אָנהייבנ שטרײַטנ, אז אינ אזערבײַדזשאנ, אשטייגער, האָבנ ביז דער רעוואָליוציע עקזיסטירט פעאָדאלע פארהעלטענישנ.

מיר וועלנ באלד זענ, צי די בורזשואזע הסטאָריקער זײַנענ גרייט אונדז נאָכצוגעבנ מער ניט ווי דאָס, אָדער זיי גייענ אינ זייערע האנאָכעס א סאכ וויַטער. נאָר לאָמיר פריִער פארענדיקנ מיט דער פראגע וועגנ דער אקטועלקײַט.

איכ וועל ניט באהאלטנ, אז ביז די יאָרנ 1922—1924 האָט זיכ מיר אליינ אויסגעדוכט, אז די פראגע וועגנ דעמ רוסישנ פעאָדאליזמ און וועגנ דער זעלבסטהערשונג איז געלייזט איינמאָל פאר אלע מאָל. אָבער אינ 1922 יאָר האָט טראָצקי ארויסגעלאָזנ זײַנ בוכ וועגנ 1905 יאָר און אינעמ פאָרוואָרט צו אימ האָט ער קימאט וואָרט אינ וואָרט איבערגעכאזערט דאָס, וואָס מיליוקאָוו האָט געזאָגט וועגנ דער אנטשטייונג פונ דער זעלבסטהערשונג אינ זײַנע „עטיודנ“. און אינ 1924 יאָר האָט זיכ אינ א גאנצער ריי פונקטנ, עמעס ניט אינ אלצ, פארייניקט צו טראָצקינ כ׳ סלעפקאָוו.

---

* אָט דער ארטיקל מ. נ. פאָקראָווסקיס איז צומ ערשטנ מאָל אָפגעדרוקט געווענ אינעמ כוידעשלעכנ מאסנ־זשורנאל פונ דער געזעלשאפט היסטאָריקער—מארקסיסטנ בא דער קאָמאקאדעמיע פונ צאק פסכר „באָרבא קלאסאָוו“ (נומ. 2 פארנ 1931 יאָר). דאָס איז א געפּעסטע פאָרמולירונג פונ זײַנע שלוס־ווערטער אפ דרײַ סעמינארנ איבערגעשיכטע פונ די פעלקער פונ פססר אינעמ געשיכטע־און רעכט־אינסטיטוט פאר רויטער פראָפעסור — דעמ 20־טנ נאָיאבער און 24־טנ דעקאבער 1930 יאָר און דעמ 16־טנ פעווראל 1931 יאָר.

צוערשט האָט זיכ מיר געדוכט, אז דאָס איז א צופעליקײַט — א רעזולטאט פונ דער פאַקטישער ניט באהאַוונטקײַט פונ די דאָזיקע אווטערס. האָב איכ זיכ גענומענ, גאנצ נאַיִװ, פאריכטנ זיי, דערקלערנדיק, ווי עס האַלט מיטנ איניענ אינ דער ווירקלעכקײַט. אָבער שוינ אינ דער פּאָלעמיק מיט טראָצקינ אינ 1922 יאָר איז מיר מײַנ נאַיִװקײַט געוואָרנ קלאָר. פונ טראָצקיס ענטפער איז געוואָרנ אבסאָליוט קלאָר, אז מע קאָנ ריידנ ניט וועגנ א צופעליקנ פאַקטישנ פעלער, נאָר בלויז וועגנ א געוויסער וועלט־אָנשויונג, וואָס איז ענג פארבונדנ מיט טראָצקיס פּראַקטישער פּאָליטיק. טראָצקי האָט טאַקע אזוי אָפנ געזאָגט: מיט מײַנ באנעמענ די רוסישע געשיכטע, — האָט ער געזאָגט, — שטייט אונ פאַלט מײַנ באנעמענ די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע אונ די אַלע פּראָגנאָזנ, וועלכע איכ האָב מיקויעכ דעמ געמאכט. כ' סלעפּקאָוו האָט אזא דעקלאַראַציע ניט געמאכט, אָבער דאָס דינט בלויז אלס אנ איבעריקנ באווייז פונ דער עקלעקטישקײַט פונ זײַנ גאנצער פּאָזיציע. ער האָט עפּעס וואָס גענומענ בא טראָצקינ, עפּעס וואָס צוגעגעבנ פונ זיכ, אָבער סײַ דאָס אונ סײַ יענצ איז אַלצאיינס געגאנגענ קעגנ יענער קאָנצעפּציע פונ דער רוסישער געשיכטע, וועלכע מיר זײַנענ ביז דעמלט געוווינט געווענ צו רופנ מאַרקסיסטישע.

אזוי ווי סײַ טראָצקיס, סײַ סלעפּקאָווס פּאָליטישע פעלערנ זײַנענ שוינ לאַנג אויסגעקלאָרט, איז ניטאָ קיינ שום נייטיקײַט צו פארנעמענ זיכ דאָ מיט דער קריטיק פונ די אַלגעמיינע אײַנשטעלונגענ זייערע. אָבער אַפ וויפל די ארגומענטנ פונ געשיכטע פארנעמענ אנ אָנגעזעענ אָרט צווישנ זייערע ארגומענטנ, איז אויסגעקומענ אָט די דאָזיקע ארגומענטנ קעסיידער צו באַרירנ. ביפראַט נאָכ, אז, ערשטנס, האָט דאָס טראָצקיסטיש־סלעפּקאָווישע באנעמענ די רוסישע געשיכטע געהאַט א געוויסנ דערפאָלג, אונ זייער ארגומענטאַציע איז איבערגעכאַזערט געוואָרנ אונ כאַזערט זיכ נאָכ אַלצ איבער אינ פאַרשיידענע פּאָרטראַגנ, טעזיסנ א.א.וו., אונ, צווייטנס, האָט די דאָזיקע ריכטונג פונ סלעפּקאָווס לייכטער האַנט אָנגעהויבנ ארויסטרעטנ, ווי אָרטאָדאָקסאַלער לעניניזמ (טראָצקי האָט דאָס ניט געטאָנ — ער האָט אָנערקענט, אז זײַנ קאָנצעפּציע איז דער היפּעכ פונ דער לענינישער). מיט דער הילפ פונ באזונדערע פראַזעס לענינס, וואָס זײַנענ ארויסגעריסנ פונ קאָנטעקסט, אונ אָפטמאָל אפילע א ביסל „אויסגעבעסערטע" (פארשמירט דעמ סאָפ, דורכגעלאָזנ דעמ אָנהייב אא.ג.) האָט מענ זיכ באמיט צו שאפנ באמ לייענער א באגריפ, אז לענינ האָט קלוימערשט פּונקט אזוי געקוקט אַפ דער רוסישער געשיכטע, ווי סלעפּקאָוו, אונ אז אַלנפאַלס האָט יענע סכעמע, וועלכע עס איז אָנגענומענ אָנצורופנ מאַרקסיסטישע, קיינ שום שײַכעס ניט מיט לענינס לערע.

דער שטרײַט וועגנ דעמ אָדער יענעמ באנעמענ די רוסישע געשיכטע האָט זיכ, אזוי־ארומ, פארוואַנדלט אינ א שטרײַט וועגנ דעמ אָדער יענעמ באנעמענ דעמ לעניניזמ: שוינ דאָס אַליינ איז גענוג אַפ צוצוגעבנ דעמ דאָזיקנ שטרײַט די גרעסטע אַקטועלקײַט, ווי ווײַט עס זאָלנ ניט זײַנ פונ אונדזער צײַט יענע פאַקטנ, אַפ וועלכע עס קומט אויס אינ דעמ דאָזיקנ שטרײַט זיכ צו פארופנ. ווײַל דאָס ריכטיקע באנעמענ די רוסישע געשיכטע קאָנ זיכ שטיצנ בלויז אַפ לענינס באנעמענ די געשיכטע: אויב טראָצקי האָט ניט מאַסקימ געווענ מאַקריוו צו זײַנ זײַנ סכעמע, וויבאַלד זי איז געווענ א טייל פונ זײַנ וועלט־אָנשויונג, איז וויאזוי־זשע קאָנענ מיר, לענינצעס, ארויסוואַרפנ פונ אונדזער וועלט־אָנשויונג די לענינישע היסטאָרישע קאָנצעפּציע?

די קאָנצעפציע פונ דער רוסישער געשיכטע, וועלכע איכ האָב פריִער אָנגערופנ מאַרקסיסטישע, איז זיכ אינ גרונט, פאַרשטייט זיכ, קיינמאָל ניט פונאַנדערגעגאַנגענ מיט דער לענינשער, — אַנדערש וואָלט אבסאָליוט ניט געווענ פאַרשטענדלעכ וולאַדימיר איליטשעס מיינונג וועגנ דער „רוסישער געשיכטע, זייער קורצ געפאַסט“, א בוכ, ווו די דאָזיקע קאָנצעפציע איז געגעבנ געוואָרנ אינ זייער א פּאָפּולערער פאָרמ אונ טאַקע דערפאַר זייער א פאַרשאַרפטער פאָרמ. עס איז אָבער אבסאָליוט קלאָר, אַז אינ א ריי איינצלנע פאָרמולירונגענ, צומאָל זייער וויכטיקע, האָבנ די אַלטע פאָרמולירונגענ פונ דער דאָזיקער קאָנצעפציע געקלונגענ גאַנצ ניט לענינייסטיש, אונ צומאָל זיינענ זיי געווענ פּשוט טעאָרעטיש ווייניק געראָטענע.

אזוי, אשטייגער, איז אמעראַציש דער אויסדרוק „האַנדל־קאַפּיטאַליזמ“: קאַפּיטאַליזמ איז א פּראָדוציר־סיסטעמ, אונ דער האַנדל־קאַפּיטאַל פּראָדוצירט גאָרניט. „די זעלבשטענדיקע אונ האָמינירנדיקע אנטוויקלונג פונעמ קאַפּיטאַל אינ דער פאָרמ פונ סאָכרישנ קאַפּיטאַל איז געגליכנ דערצו, אַז די פּראָדוקציע ווארפט זיכ ניט אונטער דעמ קאַפּיטאַל, ד. ה. עס איז געגליכנ צו דער אנטוויקלונג פונ קאַפּיטאַל אפ דער באַזע פונ א געזעלשאַפטלעכער פּראָדוציר־פאָרמ, וועלכע איז אימ פרעמד אונ ניט אָפּהענגיק פונ אימ. הייסט עס, אַז די זעלבשטענדיקע אנטוויקלונג פונעמ סאָכרישנ קאַפּיטאַל שטייט אינ א פאַרקערטער פאַרהעלטעניש צו דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג פונ דער געזעלשאַפט... די געלט־אונ סכוירע־צירקוליאַציע קאָנ באַדינענ די פּראָדוציר־ספערעס פונ די סאַמע פאַרשיידנאַרטיקע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבנ נאָכ אַלצ לויט זייער אינערלעכער סטרוקטור אַלס הויפּט־צוועק דאָס פּראָדוצירנ געברויכ־ווערט“.*

אינ יעסאָד פונ דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור ליגט אָבער גראָד די פּראָדוקציע. „דערווערבנדיק נייע פּראָדוציר־קויכעס, ענדערנ די מענטשנ זייער פּראָדוציר־אויפנ, אונ מיט דער ענדערונג פונעמ פּראָדוציר־אויפנ, פונעמ אויפנ פונ זיכערנ זייער לעבנ, ענדערנ זיי אַלע זייערע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישנ. א האַנטמיל גיט איינ א געזעלשאַפט מיט א סיוזערענ אינ דער שפּיצ, א דאַמפמיל — א געזעלשאַפט מיט אנ אינדוסטריעלנ קאַפּיטאַליסט“.** דער האַנדל־קאַפּיטאַל, וואָס פּראָדוצירט גאָרניט, קאָנ ניט באַשטימענ מיט זיכ דעמ כאַראַקטער פונ דעמ פּאָליטישנ אויבערבוי פונ דער געגעבענער געזעלשאַפט: אָט פאַרוואָס עס איז אבסאָליוט ניט ריכטיק צו פאָרמולירנ די זעלבסטהערשונג אַלס א „האַנדל־קאַפּיטאַל אינ א מאָנאַרכישער היטל“. ווי גרויס עס זאָל ניט זיינ אינ דער אָדער אינ יענער עפּאָכע די ווירקונג פונעמ האַנדל־קאַפּיטאַל (די קאָלאָסאַלקייט פונ דער דאָזיקער ווירקונג אינ געוויסע עפּאָכעס אָנערקענענ, ווי מיר וועלנ ווייטער זענ, אי מאַרקס, אי ענגעלס אי לענינ), ווערט דאָכ דער כאַראַקטער פונעמ פּאָליטישנ אויבערבוי באַשטימט דורכ די פּראָדוציר־פאַרהעלטענישנ, אונ ניט דורכנ אויסטויש; „די מאָנאַרכישע היטל“ איז א פעאָדאַלע באַציִונג, אונ ניט קיינ קאַפּיטאַליסטישע.

עס איז ווייטער קיינ שומ ספעק ניט, אַז מיינע אַלטע פאָרמולירונגענ זינדיקנ צומאָל דערמיט, וואָס זיי מישנ צונויפ אָט דעמ „האַנדל־קאַפּיטאַליזמ“ מיט דער „סכוירע־פּראָדוקציע“. עמעס, די געפאַר פונ אָט דער צונויפמישונג האָב איכ

* ק. מאַרקס, „קאַפּיטאַל“, ב. III, ט. I אונ II, ז. ז. 313—314 רוס. אויסגאַבע פונ 1931 יאָר

** ק. מאַרקס. דער דאַלעס פונ דער פילאָסאָפיע, ז. 105 אויסגאַבע 1928 י.

נאָכ פארשטאנענ דעמלט, ווענ איכ האָב געשריבנ די „רוסישע געשיכטע פונ די אוראלטע צייטנ אָנ", ד. ה. מיט א יאָר 20 צוריק, אונ ערטערווייז מאכ איכ די אנטשפרעכיקע רעזערוואציעס, אָבער ניט גענוג דייטלעכ אונ ניט גענוג אָפט. פונדאנענ שטאמענ די געוויינלעכע מיספארשטייענישנ: דאָס דערקלערנ, אשטייגער, די פארשטארקונג פונ דער פעאָדאלער עקספּלואטאציע פונ די פויערימ סאָפ XVI יאָרהונדערט מיט דער ווירקונג פונעמ „האנדל-קאפיטאל". דער עצעמ פאקט פונ דער פארשטארקונג פונ דער פעאָדאלער (אָדער שקלאפנבאזיצערישער) עקספּלואטאציע אונטער דער ווירקונג ניט פונעמ **הענדלערישנ**, נאָר פונעמ **וווּכערישנ** קאפיטאל האָט מארקס געגעבנ שוינ לאנג אינ דער פאָרמ פונ אנ אלגעמיינער סכעמע.

„קאָלזומאנ עס הערשט שקלאפעריי אָדער קאָלזומאנ דער פעאָדאל אונ זיינע דינער עסנ אופ דעמ מערפּראָדוקט אונ צומ וווּכערניק אינ די הענט פאלט אריינ דער שקלאפנבאזיצער אָדער דער פעאָדאל, פארבלייבט דער פּראָדוציר-אויפנ אלצ דער אייגענער, ער הייבט בלויז אָנ שווערער צו דריקנ אפנ ארבעטער. א באלעסטיקטער מיט כויוועס, זויגט אויס דער שקלאפנבאזיצער אָדער דער פעאָדאלער סעניאָר מער, ווייל פונ אימ אליינ זויגט מענ אויס מער. אָדער ער טרעט אָפּ סאָפקאָלסאָפ דאָס אָרט דעמ וווּכערניק, וועלכער ווערט אליינ אנ ערדבאזיצער אונ א שקלאפנבאזיצער, ווי די רייטער פונ דעמ אוראלטנ רוימ. אפנ אָרט פונעמ אלטנ עקספּלואטאטער, וועמעס עקספּלואטאציע עס האָט געטראָגנ א מער אָדער ווייניקער פּאטריארכאלנ כאראקטער, ווייל זי איז דעריקער געווענ א געצייג פונ פּאָליטישער מאכט, טרעט ארויס אנ אופגעקומענער, אנ אכזער, א זשעדנער צו געלט. אָבער דער פּראָדוציר-אויפנ גופע ענדערט זיכ ניט".*

די פאקטנ, וואָס איכ ברענג אינ דער „רוסישער געשיכטע", לייגנ זיכ אריינ, אינ טאָכ גענומענ, אינ דער דאָזיקער מארקס סכעמע. אָבער דער האנדל-קאפיטאל האָט אהער קיינ שייכעס ניט אָדער ער האָט קימאט קיינ שייכעס ניט (אפ וויפל דער הויפט-וווּכערניק פונ יענער צייט — די מאָנאסטירנ — האָבנ זיכ אגעוווּרכע פארנומענ אויכ מיט האנדל אינ גרויסע מאסשטאבנ). דעמ מארק פונ לאנדווירטשאפטלעכע פּראָדוקטנ האָט דער האנדל-קאפיטאל באהערשט ערשט א סאכ שפּעטער.

עס איז ניטאָ, צולעצט, וואָס צו באהאלטנ, אז אינ די ערשטע רעדאקציעס פונ מיינ סכעמע איז ניט גענוג געווענ דיסקאָנטירט אויכ דער פאקט פונ **פארהעלטנישמעסיקער אומאָפּהענגיקייט** פונעמ פּאָליטישנ אויבערבוי בענעגייע דעמ עקאָנאָמישנ באזיס — עס זיינענ פארגעסנ געוואָרנ ענגעלסעס ווערטער: „צוליב וואָס זשע שלאָגנ מיר זיכ דאנ פאר דער פּאָליטישער דיקטאטור פונעמ פּראָלעטאריאט, אויב די פּאָליטישע מאכט איז עקאָנאָמיש אָנמעכטיק? די קראפט (ד. ה. די מעלוכע-מאכט) — איז אויכ אנ עקאָנאָמישע פּאָטענצ".** דעמ „עקאָנאָמישנ מאטעריאליזמ" האָב איכ נאָכ אפ אלע הונדערט פּראָצענט ניט געהאט אויסגעלעבט. ווענ איכ האָב געשריבנ סיי די „רוסישע געשיכטע" סיי די „עטיודנ צו דער געשיכטע פונ קולטור", אונ אפילע די „קורצ געפאסטע געשיכטע". איר וועט זענ, ווי מיר וועט אצינד אויסקומענ צו באשטיינ אפ די דאָזיקע ענגעלסעס ווערטער (אינ אנ

---

* ק. מארקס, קאפיטאל, ב. III, ט. 2, ז. 137.

* ק. מארקס אונ פ. ענגעלס, בריוו, אדראַטסקיס איבערזעצונג (רוסיש), ז. 313, אויסגאבע 1923 י.

אנדער קאמבינאציע כאָזערט זיי איבער אויכ לענינ), פאַרטיידיקנדיק מײַנ סכעמע אינ איר ענדגילטיקער פאָרמ.

צי איז די דאָזיקע „ענדגילטיקע" סכעמע פרײַ פונ פעלערנ? דאָס קאָנ איכ בעשומו־אופנ ניט זאָגנ. זי איז פרײַ פונ יענע פעלערנ, וועלכע איכ האָב באַוויזנ צו באַמערקנ אונ אויספּאַריכטנ, עס קאָנענ אָבער זײַנ פעלערנ, וועלכע איכ האָב נאָכ ניט באַמערקט. מײַנ טרייסט איז דאָס, כאָזער איכ איבער, וואָס אינ גרונט איז די סכעמע ניט געווענ קיינ אַנטילענינישע שוינ פונ סאמע אָנהייב אָנ, ווענ אינ איר האָבנ זיכ נאָכ געפונענ אַלע אויבנ אויסגערעכנטע אָמעראַצעסנ. אינעמ אויספּאַריכטנ די דאָזיקע אָמעראַצעסנ האָבנ מיר ביז גאָר מיטגעהאָלפנ די סעמינאַרנ אינעמ אינסטיטוט פאַר רויטער פּראָפעסור, אָבער זייער וויניק האָבנ מיר מיטגעהאָלפנ מײַנע קעגנער. דאָס פראַנצויזישע גלײַכווערטל, אַז „פונ א מיינונגענ־צוזאַמענשטויס ווערט געבאָרנ דער עמעס", האָט זיכ דאָ אַבסאָליוט ניט באַרעכטיקט. אויסער דעמ אײַנציקנ אויסנאַמ — וועגנ דעמ „האַנדל־קאַפּיטאַליזמ" — האָב איכ פונ מײַנע קעגנער קיינע שומ נוצלעכע אָנווײַזונגענ ניט באַקומענ. אָנשטאָט צו קריטיקירנ מײַנע פעלערנ, אַרויסגייענדיק פונ מאַרקסנ אונ לענינענ, האָבנ זיי זיכ פאַרנומענ מיט דערווײַזנ אַבסאָליוט ניט דערווײַזלעכע זאַכנ: אָדער אַשטייגער, אַז צו דער אַנטשטייונג פונ דער רוסישער זעלבסטהערשונג אונ פונ דעמ אַבסאָליוטיזמ בכלל האָט דער האַנדל־קאַפּיטאַל קיינ שומ שײַכעס ניט געהאַט, אָדער אַז די זעלבסטהערשונג האָט פאָרגעשטעלט ניט דעמ האַנדל־קאַפּיטאַל, נאָר דעמ אינדוסטריעלנ קאַפּיטאַל (זי האָט ניט פאָרגעשטעלט, פאַרשטייט זיכ, דירעקט ניט דאָס אונ ניט יענס), אָדער אַז די פעאָדאַלע פּראָדוציר־מעטאָדנ האָבנ אויסגעשלאָסנ יעטווידער מעגלעכקײַט פונ א סכוירע־ווירטשאַפט, אָדער אַז בא אונדז איז קיינ פעאָדאַליזמ בכלל ניט געווענ, נאָר עס איז געווענ עפּעס א ספּעציעלע פאָרמאַציע פונ א „לײַבייגנטימערישער ווירטשאַפט". אינ יעסאָד פונ דעמ אַלעמ איז געלעגנ א ריינ מעטאַפיזישע, אַנטידיאַלעקטישע פאָרשטעלונג וועגנ דעמ, אַז אינ יעדנ געגעבענעמ לאַנד, אינ יעדנ געגעבענעמ פעריאָד מוז אומבאַגרענעצט הערשנ אוואָסער ניט איז אייג ווירטשאַפט־סיסטעמ: ווי נאָר עס באַווײַזנ זיכ סימאָנימ פונ אוואָסער ניט איז אַנדער סיסטעמ, הייסט עס, אַז די גאַנצע סכעמע איז ניט ריכטיק. פונדאַנענ שטאַמט דאָס יאָגנ זיכ נאָכ א „ריינעמ" אימפּעריאַליזמ, נאָכ א „ריינעמ" פעאָדאַליזמ אאַוו. עס איז פאַרגעסנ געוואָרנ א קלייניקײַט — דאָס, וואָס לויט לענינענ איז דאָס די „לעבעדיקע נעשאָמע" פונעמ מאַרקסיזמ: „די לערע וועגנ דער אַלזײַטיקער אונ ווידערשפרוכנפולער היסטאָרישער אַנטוויקלונג".*

אַלע פראַגעס, וואָס זײַנענ שײַעכ אַהער, זײַנענ באַטראַכט געוואָרנ אַפ די סעמינאַרנ אינעמ אינסטיטוט פאַר רויטער פּראָפעסור סאָפ 1930 — אָנהייב 1931 יאָר אינ סיידער פונ יענע טעמעס, וועלכע זײַנענ באַהאַנדלט געוואָרנ אַפ דעמ אָדער יענעמ סעמינאַר. אינ דעמ זעלבנ סיידער זײַנענ געגאַנגענ אויכ די „שלוס־ווערטער". אָבער אַזוי ווי די סטענאָגראַמע פונ די דאָזיקע שלוסווערטער איז אַפ אַזויפיל ניט באַפרידיקנדיק, אַז אָפּדרוקנ זי האָט זיכ אַרויסגעוויזנ פאַר אוממעגלעכ, איז פרווונ זיכ אויפשטעלנ די געגעבענע דערקלערונגענ גראָד אינ דעמ סיידער, אינ וועלכנ זיי זײַנענ געגעבנ געוואָרנ אַפ די סעמינאַרנ, וואָלט באַטײַט נעמענ אַפ זיכ אַנ

---

* לענינ, וועגנ אייניקע באַזונדערקײַטנ אינ דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פונעמ מאַרקסיזמ, ווערק, ב. XV, ז. 71. 3־טע אויסגאַבע, מײַנ קורסיוו — מ. פ.

איבעריקע און אבסאָליוט ניט נייטיקע אַרבעט. איך האַלט דעריבער פאַר בעסער צו שטעלנ פראַגעס און ענטפערנ אין זייער לאָגישער אָרדענונג, ווי זיי זיינענ אַרויסגעדרונגענ איינע פונ דער אַנדערער.

III

נאָר פריִער פאַר אַלע פראַגעס איז נייטיק קוידעמקאָל צו זאָגנ א פּאָר ווערטער וועגנ דעמ טערמינ גופע — „פעאָדאַליזמ“. ער האָט א פאַרשיידענעמ זינענ אינ דער היסטאָרישער ליטעראַטור און אינ דער מאַרקסיסטישער טעאָרעטישער ליטעראַטור. פאַר דער מאַרקסיסטישער טעאָרעטישער ליטעראַטור איז דער פעאָדאַליזמ א געזעלשאַפטלעכ-עקאָנאָמישע פאָרמאַציע, וואָס ווערט כאַראַקטעריזירט מיט באַשטימטע פּראָדוציר-מעטאָדנ. פאַר די היסטאָריקער פונ פעאָדאַליזמ — איז עס ניט בלויז דאָס, נאָר אויכ א באַשטימטע פּאָליטישע סיסטעמ, א געוויסע מעלוכע-פאָרמ. בא מיר זיינענ דעריבער אינ דער דעפיניציע „פעאָדאַליזמ“ אַריינגעפירט אויכ פּאָליטישע סימאָנימ: די פאַרבינדונג פונ דער מעלוכישער מאַכט מיטנ ערד-באַזיצ און מיט דער היִעראַרכיע פונ די ערדבאַזיצער.

פאַרוואָס די בורזשואַזע היסטאָריקער נעמענ דעמ פעאָדאַליזמ פונעמ פּאָליטישנ עק, דאָס פאָדערט ניט קיינ דערקלערונגענ. אָבער פאַרוואָס עס איז אויכ די מאַרקסיסטנ — „רוסישע היסטאָריקער“ אויסגעקומענ טיילווייז צו אונטערוואַרפנ זיכ דער דאָזיקער שטעלונג, דאָס דאַרפ מענ דערקלערנ. די מייסטע באַשטייט דערינ, וואָס די הערשאַפט פונ פעאָדאַלע פּראָדוציר-מעטאָדנ בא אונדז אינ די אַלטע צייטנ האָבנ די בורזשואַזע היסטאָריקער ניט באַשטריטנ. ניט קיינ אַנדערנ, נאָר ווינאָגראַדאָוו, געהערט די געוויסע דעפיניציע, אַז „אינ XIII יאָרהונדערט האָט פונ די ברעגעס פונ דער טעמזע ביז די ברעגעס פונ אָקא געהערשט איינ און די זעלבע ווירטשאַפט-סיסטעמ“. דאָ איז ניט געווענ וואָס צו שטרייטנ. זיי האָבנ אָבער באַהויפּט, אַז קיינ פּאָליטישע פּרוכטנ האָט בא אונדז די דאָזיקע סיסטעמ ניט געגעבנ, אַז בא אונדז האָט זיכ אפ דער באַזע פונ די פעאָדאַלע פּראָדוציר-מעטאָדנ אַנטוויקלט ניט קיינ פעאָדאַלע מעלוכע, ווי אינ פראַנקרייכ, ענגלאַנד אָדער דייטשלאַנד, נאָר אינגאַנצנ א באַזונדערער טיפּ פונ איבערקלאַסנדיקער מאַכט, וואָס האָט פאַראייניקט די גאַנצע געזעלשאַפט אָנ אונטערשייד פונ קלאַסנ אפ דער אויפגאַבע צו באַשיצנ דאָס לאַנד קעגנ דעמ אויסערלעכנ סוינע. דערינ, הייסט עס, באַשטייט די גרונטלעכע „אייגנאַרטיקייט“ פונעמ רוסישנ היסטאָרישנ פּראָצעס. קעדיי דורכצופיִרנ א וועג פאַרנ מאַרקסיסטישנ באַנעמענ דעמ צאַריזמ אַלס א פעאָדאַלע מאַכט לויט איר אָפּשטאַמונג, איז טאַקע אויסגעקומענ אָפּצוגעבנ אַזוי פיל אָרט אפ צו דערווייזנ, אַז בא אונדז איז געווענ אויכ א פּאָליטישער פעאָדאַליזמ און ניט בלויז פעאָדאַלע מעטאָדנ פונ ווירטשאַפט-פירונג.

איצט גיי איכ אַריבער צו די פראַגעס און צו די ענטפערס אפ זיי.

אינעמ גרונט פונ די פעאָדאַלע פּראָדוציר-מעטאָדנ ליגט די נאַטוראַלע ווירטשאַפט. דער פעאָדאַלער גוט שטעלט פאַר זיכ געברויכערישע אייגנאַבנ — באַפרידיקנ זיינע באַדערפענישנ. דערפונ, — זאָגט מענ, — איז גאַנצ קלאָר, אַז די פעאָדאַלע פאָרמאַציע און די סכוירע-ווירטשאַפט — זיינענ צוויי זאַכנ, וואָס פאַרנ זיכ אבסאָליוט ניט. און אפ וויפל די פעאָדאַלע פּראָדוציר-מעטאָדנ האָבנ בא אונדז געהאַט זייער א גרויסנ שעטעכ ביזנ סאַמע אָנהייב XX-טנ יאָרהונדערט, באַטייטש עס, — זאָגט מענ, — אַז אונדזער דאָרפ האָט לעבנ לאַפּאַכעס

ביז דער דאָזיקער צײַט געלעבט אינ די באדינגונגענ פונ א נאטוראלער ווירטשאפט. אונ אפ וויפל די לאנדווירטשאפטלעכע פּראָדוקציע איז געווענ די גרונטלעכע אינ אונדזער לאנד, איז דער גאנצער טיפּ פונ דער ווירטשאפט געווענ בא אונדז נעענטער צו דער נאטוראלער, מיטלאלטערלעכער, איידער צו דער מאָדערנער, צו דער קאפּיטאליסטישער.

די דאָזיקע באהויפּטונג האָט א קאָלאָסאלע פּראקטישע באדײַטונג. „די פּרימיטיווע עקאָנאָמישע באזע“ ליגט אינ גרונט פונ אלע טראָצקיס קאָנסטרוקציעס. פונ דער צווייטער זײַט, איז כאווער בוכארינס באהויפּטונגענ, אז בא אונדז האָט די סאָציאליסטישע רעוואָלוציע אויסגעבראָכנ פריִער, איידער אינ אנדערע לענדער, טאקע דערפאר, ווײַל דאָ איז געווענ דער „סאמע שוואכסטער רינג אינ דער קייט“— רוסלאנד איז געווענ דאָס אמווייניקסטנ אנטוויקלטע קאפּיטאליסטישע לאנד (לענינ האָט קעגנ דעמ דאָזיקנ אָרט אָנגעשריבנ, ווי באוווּסט: „ניט ריכטיק: „פונ די מיטל-שוואכע“. אָנ א געוויסער הייכ פונ קאפּיטאליזמ וואָלט בא אונדז גאָרניט ניט ארויסגעקומענ“), גייט ארויס, אינ טאָכ גענומענ, פונ אנ אנאלאָגישער פאָרשטעלונג. באזירנדיק זיכ אפ דעמ, האָט טראָצקי באהויפּטעט, אז ריידנ וועגנ דעמ איבערגאנג פונ רוסלאנד צומ סאָציאליזמ אָנ דער מעלוכישער הילפ פונעמ מערעוו־אייראָפּייִשנ פּראָלעטאריאט, וואָס האָט דעראָבערט די מאכט, קאָנענ בלויז מיינענ „מיט אנ אבסאָלוט ספּעציעלער קאָנסטרוקציע פונעמ מויעכ“. דער כ׳ בוכארינ האָט אינ די פראגעס פונ דער סאָציאליסטישער בויונג ארויסגעוויזנ אנ אויסערגעוויינלעכע „פאָרזיכטיקײַט“ אונ דעמ סאמע עקסטרעמענ סקעפּטיציזמ. סײַ דאָס ערשטע סײַ דאָס צווייטע איז ענג פארבונדנ מיט דער היסטאָרישער קאָנצעפּציע, וואָס איז דאָ נאָרוואָס כאראקטעריזירט געוואָרנ.

פרעגט זיכ: צי איז ריכטיק, אז די הערשאפט פונ די פעאָדאלע פּראָדוצירמעטאָדנ, די אָנוועזנקײַט פונעמ פעאָדאליזמ אלס א געזעלשאפטלעכ־עקאָנאָמישע פאָרמאציע שליסט אויס די מעגלעכקײַט פונ א סכוירע־ווירטשאפט אינ א וועלכער ניט איז מאָס?

לאָמיר נעמענ בא לענינענ איינע פונ די סאמע באוווּסטע כאראקטעריסטיקעס פונ דער אנטוויקלונג פונ דער לײַבאייגנטימערישער ווירטשאפט. „לאָמיר נעמענ אלס אויסגאנג־פּונקט די פאררעפאָרמישע לײַבאייגנטימערישע ווירטשאפט. דער גרונט-אינהאלט פונ די פּראָדוציר־פארהעלטענישנ איז געווענ דערבײַ אזא: דער גוט-באזיצער פלעגט געבנ דעמ פויער ערד, געהילצ צומ בויענ, ביכלאל פּראָדוציר־מיטלענ (אמאָל אויכ פאָשעט לעבנסמיטלענ) פאר יעדנ הויפ באזונדער, אונ לאָזנדיק דעמ פויער אליינ צו קריגנ פאר זיכ כעיונע, פלעגט ער אימ צווינגענ, ער זאָל די גאנצע מערצײַט ארבעטנ אפ פאנשטשינע. איכ שטרײַכ אונטער „די גאנצע מערצײַט“, קעדיי צו באטאָנענ, אז וועגנ „זעלבשטענדיקײַט“ פונעמ פויער קאָנ בא דער דאָזיקער סיסטעמ גאָר קיינ רייד ניט זײַנ. דער „ערד־ביילעק“, מיט וועלכנ דער גוטבאזיצער פלעגט „באזאָרגנ“ דעמ פויער, פלעגט זײַנ ניט מער ווי נאטוראלער ארבעטלוינ, ער האָט געדינט אינגאנצנ אונ אויסשליסלעכ דערצו, אז דער גוטבאזיצער זאָל עקספּלואטירנ דעמ פויער, צו „באזאָרגנ“ פארנ גוטבאזיצער ארבעט-הענט אונ קיינמאָל ניט קעדיי ווירקלעכ צו באזאָרגנ דעמ פויער גופע. אָבער אָט רײַסט זיכ ארײַנ די סכוירע-ווירטשאפט. דער גוטבאזיצער הייבט אָנ פּראָדוצירנ טווּע פארנ פארקויפ אונ ניט פאר זיכ. דאָס רופט ארויס א פארשטארקונג פונ דער עקספּלואטאציע פונעמ פויערס ארבעט, דער־

נאָכ א פאַרשווערונג פונ דער ערדבאַלאָקימ־סיסטעמ, ווײַל דעמ גוטבאַזיצער לוינט שוינ ניט צו באַטײַלנ דעמ אונטערוואַקסנדיקנ דאָר פויערימ מיט נײַע ערדבאַלאָקימ און עס קומט אויפ א מעגלעכקײַט זיכ פאַנאַנדערצוצאָלנ מיט געלט. עס ווערט באַקוועמער אָפּצוגרענעצנ אײַנמאָל פאַר אַלעמאָל די פויערישע ערד פונ דער פריצישער (באַזונדערס, אויב מע זאָל אָפּשנײַדנ דערבײַ א טייל ערדבאַלאָקימ און באַקומענ „יוישערדיקע" אויסקויפ־געלט) און באַנוצנ זיכ מיט דער מי פונ די *זעלבע* פויערימ, וואָס זײַנענ אַוועקגעשטעלט מאַטעריעל אינ ערגערע באַדינגונגענ און וואָס זײַנענ געצווּנגענ צו קאָנקורירנ אי מיט די געוועזענע הויפלײַט אי מיט די „געשאָנקענע" אי מיט די מער באַזאָרגטע געוועזענע מעלוכישע און אודיעלנע פויערימ אאַוו. — דאָס לײַבייגנטומ פאַלט.*

ווענ „רײַסט זיכ אַרײַנ די סכוירע־ווירטשאַפט" אינעמ פריצישנ גוט? ס'איז גאַנצ קלאָר, אַז נאָכ פאַר דעמ 1861 יאָר, פאַר דער „באַפרײַונג פונ די פויערימ". „דאָס לײַבייגנטומ פאַלט" טאַקע אינ *רעזולטאַט* פונ דעמ דאָזיקנ אַרײַנרײַסנ זיכ. ווענ עס האָט זיכ *נעמלעכ* אָנגעהויבנ דאָס „אַרײַנרײַסנ זיכ", זאָגט דאָ לענינ ניט, און דאָס האָט געגעבנ א גרונט אייניקע כאַווײרימ, וואָס שטרעבנ צו באַגרענעצנ דאָס „בייז" פונ דער סכוירע־ווירטשאַפט, צו ריידנ וועגנ דעמ, אַז די דערשײַנונגענ, וואָס לענינ האָט באַשריבנ, זײַנענ פאָרגעקומענ ניט פריִער פונ דער ערשטער העלפט XIX־טנ י. ה. אָבער לענינ זאָגט בלויז (ב. III, ז. 140), אַז דאָס „פראָדוצירנ טוווּע דורכ די גוטבאַזיצער פאַרנ פאַרקויפ האָט זיכ *באַזונדערס אַנטוויקלט*** אינ דער לעצטער צײַט פונ דער עקזיסטענצ פונעמ לײַבייגנטומ", באַזונדערס אַנטוויקלט, אָבער עקזיסטירט האָט עס אויכ פריִער. ביכלאַל אָבער רוקט מענ אָפּ אינ דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור דעמ כראָנאָלאָגישנ גרענעצ פונעמ אָנהייב פונ דעמ דאָזיקנ פראָצעס גאַנצ ווײַט אינ דער טיפ פונ דער פאַרגאַנגענהײַט. אינ איינעמ פונ די נײַ־פאַרעפנטלעכטע אויסצוגנ פונ „אַנטי־דיורינג" זאָגט ענגעלס: „רוסלאַנד איז א באַווײַז דערפונ, ווי די פראָדוציר־פאַרהעלטענישנ באַדינגענ די פאָליטישע קויכעס־פאַרהעלטענישנ. ביז סאָפ XVII יאָרהונדערט האָט דער רוסישער פויער ניט געליטנ פונ אַזאַ שטאַרקער אונטערדריקונג, ער איז געווענ פרײַ צו באַוועגנ זיכ, ער איז געווענ קימאַט אומאָפּהענגיק. דער ערשטער ראָמאַנאָוו האָט צוגעפעסטיקט די פויערימ צו דער ערד. פונ פיאָטערס צײַטנ אָנ האָט זיכ אָנגעהויבנ רוסלאַנדס אויסערלעכער האַנדל, וועלכער האָט געקאָנט אַרויספירנ בלויז לאַנדווירטשאַפטלעכע פראָדוקטנ. דערמיט איז אַרויסגערופנ געוואָרנ די אונטערדריקונג פונ די פויערימ, וואָס איז אַלצ געוואַקסנ באַגלײַכ מיטנ *עקספּאָרט*, צוליב וועלכנ זי איז פאָרגעקומענ, ביז יעקאַטערינע האָט ניט געמאַכט די דאָזיקע אונטערדריקונג פאַר א פולשטענדיקער און האָט ניט פאַרענדיקט די געזעצגעבונג. אָבער די דאָזיקע געזעצגעבונג האָט דערלויבט די גוטבאַזיצערס צו דריקנ די פויערימ אַלצ מער און מער, אַזוי, אַז דער יאָכ האָט זיכ אַלצ מער און מער פאַרשטאַרקט".***

ווי ווײַט איז געגאַנגענ די דאָזיקע אַנטוויקלונג פונ דער סכוירע־ווירטשאַפט אינעווייניק אינ דער פעאָדאַלער פאָרמאַציע? האַרט ביז צו דער אויסבילדונג פונ א *קלאַס קאַפּיטאַליסטנ* שוינ דאָ און שוינ דאָרט. „אינ דער לײַבייגנטישער געזעלשאַפט, איז, באַגלײַכ מיט דער אַנטוויקלונג פונעמ האַנדל, באַגלײַכ

* *לענינ.* דער עקאָנאָמישער אינהאַלט פונעמ פאָלקיזמ. ווערק, ב. I, ז. 349 און 350.

** בײַ לענינען „וואָס האָט זיכ אַנטוויקלט". מײַנ קורסיוו — מ. פ.

*** *ענגעלס*, אַנטי־דיורינג, ז. ז. 349 און 350, 1930 יאָר.

מיט דער אנטשטייונג פונ אנ אלוועלטלעכנ מארק, באגלייכ מיט דער אנטוויקלונג פונ דער געלט־צירקוליאציע, אנטשטאנענ א נייער קלאס, — דער קלאס קאפיטאליסטנ" (פרג. דארט טאקע ווייטער: „די לייבייגנטימערישע געזעלשאפט איז שטענדיק געווענ מער קאמפליצירט, איידער די שקלאפנבאזיצערישע געזעלשאפט. אינ איר איז געווענ א גרעסערער עלעמענט אנטוויקלונג פונעם האנדל, פונ דער אינדוסטריע, וואס דאס האט געפירט נאכ אינ יענער צייט צום קאפיטאליזם"). *

צי באטייט דאס, ווי עס מיינט דער כ' מאלישעוו, אז די לייבייגנטימערישע, די פאנשטשינע־ווירטשאפט, וואס האט געארבעט פארנ מארק, איז עס געווענ יענער טויער, דורכ וועלכנ עס איז אינ דער לאנדווירטשאפט פונ רוסלאנד ארייגעדרונגענ דער קאפיטאליזם? פארשטייט זיכ, אז דאס באטייט עס לאכלוטנ ניט: דאס איז געווענ ניט קיינ טויער, נאר א באריער; גראד די באדערפענישנ פונ דער סכוירע־ווירטשאפט, וואס האט זיכ ניט באפרידיקט אונ האט זיכ ניט געקאנט באפרידיקנ מיט דער פאנשטשינע, האבנ טאקע געצווונגענ די סאמע פארגעשריטענע גוטבאזיצערס אוועקצושטעלנ אינמיטנ XIX יארהונדערט די פראגע וועגנ באזייטיקנ דעם דאזיקנ באריער. די באוועגונג פונ די פויערים גופע האט זייער פארגיכערט די דאזיקע אפעראציע, זי האט באוועגט דעם גאנצנ קלאס גוטבאזיצער נאכצוגייינ נאכ די סאמע פראגרעסיווע (אינ עקאנאמישנ זינ) פונ צווישנ זייערע מיטגלידער. אנ דעם וואלט זיכ עס ניט פארענדיקט אינ משעשכ פונ פיר יאר: אבער ווענ כאטש א טייל גוטבאזיצערס, אונ דערביי א טייל א ווירקונגפולער, וואלט ניט געווענ פאריג־טערעסירט אינעמ ליקווידירנ די פאנשטשינע־ווירטשאפט טאקע אינ די אינטערעסנ פונ דער אנטוויקלונג פונעם קאפיטאליזם, וואלט די פאנשטשינע געקאנט פארניכטעט ווערנ בלויז אינ רעזולטאט פונ א זיגרייכער פויערשער רעוואליוציע: א „פויערשע רעפארם" וואלט געווענ אומעגלעכ.

אבער די „רעפארם" האט געשטויסנ אינ דער ריכטונג צו דער סכוירע־ווירטשאפט ניט בלויז דעמ גוטבאזיצער (וואס האט פארהיט, באמערקט, איז זיינ גוט א מאסע רעשטלעכ פונעמ פעאדאליזמ: אפארבעט, שמייסנ די פויערים אאוו.), נאר אויכ דעמ פויער. די „טאקאנעס פונעמ 19־טנ פעווראל—דאס איז איינער פונ די עפיזאדנ פונעמ פארבייטנ דעמ לייבייגנטימערישנ (אדער פעאדאלנ) פראדוצירנאויפנ אפ א בורזשואזנ (קאפיטאליסטישנ). קיינ שומ אנדערע היסטאריש־עקאנאמישע עלעמענטנ איז, לויט דעמ דאזיקנ שטאנדפונקט, אינ די „טאקאנעס" ** ניטא. „דאס באטיילנ דעמ פראדוצירער מיט פראדוצירמיטלענ" איז א פוסטע פיינמוטיקע פראזע, וואס פארטושירט יענעמ פאשעטנ פאקט, אז די פויערים, זייענדיק קליינע פראדוצירער אינ דער ערדארבעט, האבנ זיכ פונ פראדוצירער מיט א דעריקער נאטוראלער ווירטשאפט פארוואנדלט אינ סכוירע־פראדוצירער. ווי ווייט שטארק אדער שוואכ עס איז דערביי אנטוויקלט געווענ גראד די סכוירע־פראדוקציע אינ דער פויערישער ווירטשאפט אינ פארשיידענע געגנטנ פונ רוסלאנד אינ יענער עפאכע, — דאס איז אנ אנדער פראגע. עס איז אבער קיינ שומ צווייפל ניט, אז דער „באפרייטער" פויער איז ארייגעטראטנ גראד אינ אומשטענדנ פונ א סכוירע פראדוקציע, אונ ניט פונ אוואסער ניט איז אנדערע. „פרייע ארבעט" אנשטאט דער לייבייגנטימערישער ארבעט האט אזויארום באטייט ניט עפעס אנדערש, ווי פרייע אר־

---

* לענינ, פונ די לעקציעס „וועגנ מעלוכע", נייע ארטיקלענ אונ בריוו, ז. 98 אונ 103.

** „טאקאנעס" פונ 19־טנ פעווראל 1861 יאר — מ. פ.

בעט פונ א לוינ־ארבעטער אָדער פונ א פּלינקנ זעלבשטענדיקנ פּראָדוצירער אינ די באדינגונגענ פונ דער סכוירע־פּראָדוקציע, ד. ה. אינ בורזשואזע געזעלשאפטלעכע עקאָנאָמישע פארהעלטענישנ. דער אויסקויפ שטרעבט אונטער נאָכ רעליעפער אזא כאראקטער פונ דער רעפאָרמ, ווײל דער אויסקויפ גיט א שטויס דער געלט־ווירטשאפט, ד. ה. דער פארגרעסערונג פונ דעמ פויערס אָפּהענגיקײט פונעמ מארק".*

ווי ווײט איז דער פויער פארגאנגענ מיט דעמ דאָזיקנ וועג ערעוו דער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר, ווענ אייניקע פונ אונדז כאָלעמענ זיכ נאָכ „פּרימיטיווע עקאָנאָמישע באדינגונגענ", ווענ עס כאָלעמט זיכ, אז אינ אונדזער דאָרפ האָט ווײניקסטנס פּרעוואלירט די נאטוראלע ווירטשאפט? אינ 1899 יאָ האָט לענינ מיקויעכ דעמ געשריבנ: „לויט דער צאָל, באטרעפט די פויערישע בורזשואזיע ניט קײנ גרויסע מינדערהײט פונעמ גאנצנ פויערטומ, — מיסטאָמע, ניט מער פונ איינ פינפטכיילעכ הויפנ (וואָס עס אנטשפּרעכט אומגעפער דרײ צענטל פונ דער באפעלקערונג), דערבײ וואקלט זיכ שטארק די דאָזיקע פארהעלטעניש, פארשטייט זיכ, אינ פארשיידענע ערטער. אָבער לויט איר באדײטונג אינעמ גאנצנ סכומ פונ דער פויערישער ווירטשאפט — אינ דער אלגעמיינער סומע פּראָדוציר־מיטלענ, וואָס געהערנ דעמ פויערטומ, אינ דער אלגעמיינער צאָל לאנדווירטשאפטלעכע פּראָדוקטנ, וואָס דאָס פויערטומ פּראָדוצירט, איז די דאָרפישע בורזשואזיע זיכער די פּרעוואלירנדיקע. זי איז דער האר פונעמ הײנטיקנ דאָרפ".**

אינ דער זעלביקער צײט האָט דער דאָרפישער פּראָלעטאריאט — דער „ארבעטער מיט אנ ערדכיילעק" — געגעבנ, לויט לענינענ, „ניט ווײניקער פונ א העלפט פונ דער גאנצער צאָל פויערשע הויפנ, וואָס דאָס אנטשפּרעכט אומגעפער $^{4}/_{10}$ פונ דער באפעלקערונג".*** $^{3}/_{10} + {}^{4}/_{10} = {}^{7}/_{10}$: קימאט דרײ פערטל פויערטומ איז צומ סאָפ XIX־טנ יאָרהונדערט געווענ ארומגעכאפּט מיט דער סכוירע־ווירטשאפט. אפנ ביילעק פונ דער נאטוראלער ווירטשאפט בלײבט איבער איינ פערטל. צי קאָנ מענ בא אזוינע באדינגונגענ ריידנ וועגנ פּרעוואלירונג פונ פארסכוירעדיקע פארהעלטענישנ?

IV

אלזאָ, אינ מעשעכ פונ זייער א דויערנדיקנ פעריאָד צײט, פונ אָנדערהאלבנ — צוויי יאָרהונדערטער האָבנ אפ דער טעריטאָריע פונ אונדזער לאנד עקזיסטירט פעאָדאלע פּראָדוציר־מעטאָדנ (א נאטוראלע ווירטשאפט לויט איר ציל־אײנשטעלונג) אונ א סכוירע־ווירטשאפט, צוערשט אלס אויסנאמ, דערנאָכ אלץ אָפטער אונ אָפטער. די ערשטע האָבנ געשטערט דער צווייטער זיכ צו אנטוויקלענ, די צווייטע האָט צעלייגט די ערשטע, אפרײער, ביזנ 1861 יאָר, לאנגזאמ, דערנאָכ גיכער, אָבער ביזנ סאָפ האָט זי זײ ניט צעלייגט אפילע אינ XX י. ה. עס איז געבליבנ גענוג פונעמ פעאָדאליזמ אפילע צומ 1917־טנ יאָר אויכ. אונ פונדעסטוועגנ איז אָנרופנ אונדזער ווירטשאפט „נאטוראלע" ניט בלויז אינ דער דאָזיקער לעצטער עפּאָכע, נאָר ביכלאל נאָכנ 1861 יאָר, קאָנ מענ בלויז ביימ מע פארגעסט אינגאנצנ די היסטאָרישע פאקטנ אונ לענינס לערע.

* לענינ, וועגנ א יובילײ, ווערק, ב. XV, ז. 93 אונ 94, 3־טע אויסגאבע.

** דאָרטנ ז. 128.

*** דאָרטנ, ז. 129.

פרעגט זיכ, צי האָט דער דאָזיקער פאקט (די אנטוויקלונג פונ דער סכוירע־ווירטשאפט אינ שויס פונ דער פעאָדאלער געזעלשאפט) געהאט וועלכע ס'איז פּאָליטישע רעזולטאטנ? פרעגנ דאָס באטייט אינ טאָכ ענלעכ ווערנ אפ די בורזשואזע היסטאָריקער, וואָס האָבנ די פעאָדאלע פּראָדוציר־מעטאָדנ בא אונדז יאָ אנערקענט, אָבער די אָנוועזנקייט פונ א פעאָדאלער מעלוכע — ניט. עס איז זעלבסטפארשטענדלעכ, אז די עקאָנאָמיק האָט געמוזט האָבנ א פּאָליטישע אָפּשפּיגלונג, אז אויב די סכוירע־ווירטשאפט האָט צעלייגט דעמ פעאָדאליזמ אלס אנ עקאָנאָמישע סיסטעמ, האָט זי ווי ניט איז געמוזט ענדערנ אויכ די פּאָליטישע סיסטעמ פונעמ פעאָדאליזמ.

די דאָזיקע ענדערונג פונ דער פעאָדאלער מעלוכע אונטער דער ווירקונג פונ דער סכוירע־ווירטשאפט איז טאַקע געווענ דער אבסאָליוטיזמ, רייִדנדיק פּינקטלעכער — די ביוראָקראטישע מאָנארכיע. די דאָזיקע פארפּינקטלעכונג איז אבסאָליוט נייטיק, ווײַל אי די מאכט פונ די באָוולישע קיניגנ אי די מאכט פונ די רוימישע צעזארנ אי נאפּאָלעאָנ דעמ I-טנס מאכט — דאָס איז אלץ אבסאָליוטיזמ, אָבער די סאָציאלע באזע פונ די דאָזיקע אבסאָליוטיזמענ איז גאנצ פארשיידנ. דאָ ווערט געמיינט יענע פאָרמ אבסאָליוטיזמ, וועלכע איז כאראקטעריסטיש פאר דער עפּאָכע פונ דער צעפאלונג פונ דער פעאָדאלער ווירטשאפט אונ וועלכע כאראקטעריזירט זיכ פונ איר זײַט מיט דרײַ גרונט־סימאָנימ: *מיט דער אָנוועזנקײַט פונ א ביוראָקראטיע, מיט א שטענדיקער ארמיי אונ מיט א סיסטעמ געלט־שטײַערנ*.

בא אונדז איז זייער אָנגענומענ — באזונדערס צווישנ דער יוגנט — צו באטראכטנ די רוסישע זעלבסטהערשונג אלס א ריינע פעאָדאלע פאָרמ פונ דער מאכט, אלס א קלאסישע, קאָנ מענ זאָגנ, פאָרמ פונ א פעאָדאלער מעלוכע. דאָס דערקלערט זיכ אפאָנעמ דערמיט, וואָס אינ אונדזערע הויכשולנ, קאָמהויכשולנ אונ אפילע אינ אינסטיטוט פונ רויטער פּראָפעסור פארנעמט מענ זיכ זייער ווייניק מיטנ מיטלאלטער (פאר א מארקסיסט איז דאָס אויכ נייטיק!) אונ דעריבער האָט מענ ניט קיינ באגריפ וועגנ דעמ עמעסנ „קלאסישנ פעאָדאליזמ". אינ דעמ דאָזיקנ קלאסישנ פעאָדאליזמ איז פאראנ *ווילקיר* וויפל איר ווילט, אָבער קיינ אבסאָליוטיזמ איז דאָרט ניטאָ. די עקאָנאָמישע אומאָפּהענגיקייט פונ דער נאטוראלער ווירטשאפט גיט אפ דער פּראקטיק א קאָלאָסאלע פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט דעמ באזיצער פונ דער פעאָדאלער יערושע־נאכלע. צווינגענ אימ געהאָרכזאמ צו זײַנ, ווענ ער וויל ניט זײַנ געהאָרכזאמ, קאָנ מענ בלויז מיט אָפענער קראפט, אונ דאָס וועסטו ניט לאָזנ אינ גאנג יעדנ טאָג, אונ דאָס אָנווענדנ אָפענע קראפט איז אויכ אָפּהענגיק אינ יענער עפּאָכע פונ דער נאטוראלער ווירטשאפט, ד. ה. פונ דער גרייטקייט פונ אנדערע פעאָדאלע באזיצער זיכ אונטערצוווארפנ דעמ „סיוזערענ". פונדאנענ שטאמט די נייטיקייט פארנ סיוזערענ זיכ *צונויפצורייִדנ* מיט זײַנע „וואסאלנ", פּאקטיש ניט פאָרנעמענ קיינ ערנסטנ טראָט אָנ זייער האסקאָמע, צונויפרופנ די גרעסערע פעאָדאלע ערדבאזיצער אפ בארעטונגענ (אונדזער באָיארישע דומע) אאוו.

בא אזוינע באדינגונגענ קאָנ וועגנ אבסאָליוטיזמ קיינ רייד ניט זײַנ. אונ טאַקע דערפאר איז, כאָטש די מאכט פונ די מאָסקווער צארנ אונ רוסלענדישע אימפּעראטאָרנ איז ניט בלויז פונ פעאָדאלער אָפּשטאמונג, נאָר איר פונקציע איז געווענ צו שטיצנ די פעאָדאלע פּראָדוציר־מעטאָדנ, כאָטש זי איז געווענ א פּאָליטיש הייפל פונ „אויסער־עקאָנאָמישנ צוואנג" — קאָנ מענ פונדעסטוועגנ בעשומויפנ ניט דער־

קלערנ די דאָזיקע מאכט בלויז ארויסגייענדיק פונ די באדינגונגענ פונ דער נאטי־
ראלער ווירטשאפט.

לענינ האָט קיינמאָל ניט צונויפגעמישט דעמ אבסאָליוטיזמ מיטנ פעאָדאליזמ. כאראקטעריזירנדיק אינ פארבינדונג מיט דער באלקאנישער מילכאָמע פונ 1912 יאָר די פאָראַנדקעס פונ מיזרעכ־אייראָפּע, זאָגט ער: „אינ מיזרעכ־אייראָפּע (עסטרײַכ, די באלקאנענ, רוסלאנד) זײַנענ ביז איצט נאָכ ניט באזײַטיקט די מעכטיקע רעשט־לעכ פונ מיטלאלטער, וועלכע פארהאלטנ מוירעדיק די געזעלשאפטלעכע אנטוויקלונג און דעמ וווּקס פונעמ פּראָלעטאריאט. די דאָזיקע רעשטלעכ זײַנענ — דער אבסאָליו־טיזמ (אומבאגרענעצטע זעלבסטהערשערישע מאכט), פעאָדאליזמ (דער ערדבאזיצ און די פּריווילעגיעס פונ די לײַבאייגנטימער די פּריצימ) און די אונטערדריקונג פונ די נאציאָנאליטעטנ".*

לענינ פלעגט קעסיידער אָנווײַזנ אפ זייער פעלער יענע כאווײרימ, וואָס האָבנ אידענטיפיצירט די זעלבסטהערשונג מיטנ אויבערשיכט פונ דער פעאָדאלער געזעלשאפט: „...דער קלאסנ־כאראקטער פונ דער צארישער מאָנארכיע באזײַטיקט אינ דער מינדסטער מאָס ניט די קאָלאָסאלע אומאָפּהענגיקײַט און זעלבשטענדיקײַט פונ דער צארישער מאכט און פונ דער „ביוראָקראטיע", אָנגעהויבנ פונ ניקאָלײַ דעמ צווייטנ ביז א באליביקנ אוריאדניק. דעמ דאָזיקנ פעלער — פארגעסנ די זעלבסטהערשונג און די מאָנארכיע, דערפירנ זי אומיטלבאר צו א „ריינער" הער־שאפט פונ די העכערע קלאסנ — האָבנ געמאכט די אָטזאָוויסטנ (אָפּרופער) אינ די יאָרנ 1908—1909 (זע „פּראָלעטארי", בײַלאגע צומ נומער 44.), דאָס האָט גע־מאכט לארינ אינ 1910 יאָר, דאָס מאכנ איינציקע באזונדערע שרײַבער (צב., מ. אלעקסאנדראָוו), דאָס מאכט ג. ר.—קאָוו, וואָס איז אוועק צו די ליקווידאטערס".**

אפ וואָס זשע האָט זיכ געהאלטנ די דאָזיקע אומאָפּהענגיקײַט פונ דער „ביו־ראָקראטיע"? אנאליזירנדיק ג. ניקאָלינס ארטיקל „דאָס נײַע אינעמ אלטנ", גיט לענינ דערויפ א פולשטענדיקנ קלאָרנ ענטפער. „עס איז גאנצ ריכטיק און ביז גאָר ווערטפול דאָס, וואָס ג. ניקאָלינ האָט דאָ אונטערגעשטראָכנ די פארבינדונגענ צווישנ דער „ביוראָקראטיע" מיט די אויבערשיכטנ פונ דער האנדל־אינדוסטריעלער בור־זשואזיע. אָפּלייקענענ די דאָזיקע פארבינדונג, אָפּלייקענענ דעמ בורזשואזנ כאראק־טער פונ דער מאָדערנער אגראר־פּאָליטיק, אָפּלייקענענ ביכלאל דעמ „שריט אפנ וועג צו פארוואנדלט ווערנ אינ א בורזשואזער מאָנארכיע" קאָנענ בלויז מענטשנ, וואָס האָבנ זיכ אבסאָליוט נימ ארײַנגעטראכט אינ דעמ נײַעמ, וואָס איז גע־בראכט געוואָרנ דורכ די ערשטע יאָרצענדליקער פונעמ XX יאָרהונדערט, מענטשנ, וואָס פארשטייענ אבסאָליוט ניט די קעגנזײַטיקע אָפּהענגיקײַט צווישנ די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פארהעלטענישנ אינ רוסלאנד און די באדײַטונג פונ דער דריטער דומע.***

און דאָ טאָקע גיט ער צו נאָכאמאָל, אז „פארגעסנ די קאָלאָסאלע זעלבשטענ־דיקײַט און אומאָפּהענגיקײַט פונ דער „ביוראָקראטיע" איז א קארדינאלער און פּא־טאלער פעלער...." בא די, ווער עס איז אינ דער דאָזיקער פארגעסנהײַט שולדיק. די „ביוראָקראטיע" איז טאָקע דאָס, וואָס טראָגט ארײַנ נײַע שטריכנ אינ

* לענינ, ב. XIX, ז. 16, ערשטע אויסגאבע.

** לענינ, וועגנ טראָצקיס דיפּלאָמאטיע און וועגנ איינע א פּלאטפאָרמ פונ פּארטיי־מענער. ווערק, ב. XV, ז. 304.

*** דאָרטנ, ז. 309.

דער פעאָדאַלער פיזיאָנאָמיע פונ דער זעלבסטהערשונג אונ דאָס איז דערפאַר, ווײַל די ביוראָקראַטיע איז, ווי מיט אירער א סאָציאַלער באַזע, פאַרבונדנ ניט מיטנ פעאָדאַלנ נאַטוראַלנ ערדבאַזיס, נאָר מיט דער סכוירע-ווירטשאַפט אונ מיט דער אָנוואַקסנדיקער בורזשואַזיע.

דאָס איז לענינס אַנ אַלטער געדאַנק. די אַרטיקלענ, וואָס זײַנענ נאָרוואָס ציטירט געוואָרנ, געהערנ צומ 1911 יאָר. אָבער אַט וואָס לענינ האָט געשריבנ נאָכ אינ די 90-ער יאָרנ: „א באַזונדערס אימפּאָזאַנטער רעאַקציאָנערער אַנשטאַלט, וואָס האָט בעערעכ ווייניק צוגעצויגנ צו זיכ די אויפמערקזאַמקײַט פונ אונדזערע רעוואָליוציאָנערנ, איז די פאָטערלענדישע ביוראָקראַטיע, וואָס דע פאַקטאָ (אינ דערעמעסנ, פאַקטיש — רעד.) רעגירט זי עמ מיט דער רוסלענדישער מעלוכע. די דאָזיקע ביוראָקראַטיע, וואָס ווערט פאַרפולט הויפּטזאַכלעכ פונ צווישנ די „ראַזנאָטשינצעס", איז סײַ לויטנ קוואַל פונ איר אָפּשטאַמונג סײַ לויט דער באַשטימונג אונ כאַראַקטער פונ דער טעטיקײַט, א טיפּ בורזשואַזע, אָבער דער אַבסאָליוטיזמ אונ די קאָלאָסאַלע פּאָליטישע פּריווילעגיעס פונ די אײַדעלע גוטבאַזיצערס האָבנ איר צוגעגעבנ באַזונדערס שעדלעכע אײַגנשאַפטנ". אונ ווײַטער, אינעמ אַרטיקל קעגנ סטרוווען: „יענער באַזונדערער שיכט, וואָס אינ זײַנע הענט געפינט זיכ די מאַכט אינ דער מאָדערנער געזעלשאַפט, — דאָס איז די ביוראָקראַטיע. די אומיטלבאַרע אונ ענגסטע פאַרבינדונג פונ דעמ דאָזיקנ אָרגאַנ מיטנ קלאַס בורזשואַזיע, וואָס הערשט אינ דער מאָדערנער געזעלשאַפט, איז קלאָר סײַ פונ דער געשיכטע (די ביוראָקראַטיע איז געווענ דאָס ערשטע פּאָליטישע געצײַג פונ דער בורזשואַזיע קעגנ די פעאָדאַלנ, ביכלאַל קעגנ די פאָרשטייער פונ דעמ „אַלט-אַדעליקנ" שטייגער, צומ ערשטנ זײַנענ אַרויסגעטראָטנ אויפ דער אַרענע פונ פּאָליטישער הערשאַפט ניט די יאַכסאָנישע ערדבאַזיצער, נאָר די „ראַזנאָטשינצעס", דער מיטלשטאַנד, די „מעשטשאַנעס") סײַ פונ די באַדינגונגענ גופא פונ דער אויסבילדונג אונ קאָמפּלעקטירונג פונ דעמ דאָזיקנ קלאַס, וואָס דער צוטריט אינ אימ איז אָפנ בלויז פאַר בורזשואַזע „זינ פונ פאָלק" אונ וועלכער איז פאַרבונדנ מיט דער דאָזיקער בורזשואַזיע דורכ טויזנטער סאַמע פעסטע פעדעמ. דעמ אוטערס פעלער איז נאָכ מער פאַרדראָסיק דערפאַר, ווײַל טאַקע די רוסלענדישע פאָלקיסטנ, וואָס ער האָט פאַרטראַכט אַזאַ גוטנ געדאַנק אַרויסצוטרעטנ קעגנ זיי, האָבנ קיינ באַגריפ ניט וועגנ דעמ, אַז סײַ לויט איר היסטאָרישער אָפּשטאַמונג סײַ לויט איר מאָדערנעמ קוואַל סײַ לויט איר באַשטימונג שטעלט פאָר מיט זיכ יעטווידער ביוראָקראַטיע א ריינעמ אונ אויסשליסלעכ בורזשואַזנ אינסטיטוט, וואָס ווענדנ זיכ צו אימ פונ שטאַנדפּונקט פונ די אינטערעסנ פונ דעמ פּראָדוצירער זײַנענ אימשטאַנד בלויז די אידעאָלאָגנ פונ דער קליינ-בורזשואַזיע".*

בלײַבנדיק אַלזאָ, כאַזער איכ איבער, ניט בלויז לויט דער אָפּשטאַמונג, נאָר אויכ לויט דער באַשטימונג א פעאָדאַלער אַנשטאַלט, האָט שוינ, אַזוי אַרומ, די זעלבסטהערשונג דורכ איר אַפּאַראַט, דורכ דער ביוראָקראַטיע, זייער פרי זיכ אַרויסגעוויזנ פאַרבונדנ, מיט דער סכוירע-ווירטשאַפט אונ מיט דער אָנוואַקסנדיקער בורזשואַזער וועלט. פאַר א מעטאַפיזיקער איז דאָס אומדערטרעגלעכ: אויב א בורזשואַזער אַנשטאַלט — איז א בורזשואַזער; א פעאָדאַלער — איז א פעאָדאַלער. אָדער — אָדער. די דיאַלעקטיק אָבער ווייסט אויסגעצייכנט, אַז די היסטאָרישע

* לענינ, ווערק, ב. I, ז. 186 אונ 291—292. 3-טע אויסגאַבע.

אנטוויקלונג איז „פול מיט ווידערשפּרוכנ“, און ווענ עס וואָלטנ ניט געווענ די
דאָזיקע ווידערשפּרוכנ, וואָלט עפּשער ניט געלונגענ צו פאַרנעמענ זיכ מיט געשיכ־
טע.

עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעכ, אַז אָנ א סכוירע-ווירטשאַפט קאָנ מענ זיכ
ניט פאָרשטעלנ אפילע אזא אנשטאַלט, ווי א שטענדיקע ארמיי — דאָס אויס־
האַלטנ אינ קאַזאַרמעס הונדערטער טויזנטער מענטשנ, וואָס זײַנענ ניט פאַרנומענ
מיט קיינ פּראָדוקטיווער ארבעט, וואָס אפ דערנערנ זיי האָט מענ געמוזט קאָנצענ־
טרירנ קאָלאָסאַלע מאַסנ-שפּײַזפּראָדוקטנ, וואָס אפ באַקליידנ זיי איז אויסגעקומענ
אינ א מאַסנ־מאַסשטאַב אויסאַרבעטנ געוועבנ, וואָס אפ באַוואָפענענ זיי האָט מענ
געמוזט האָבנ א מעטאַלורגישע אונ כימישע אינדוסטריע. מענ קאָנ זיכ ניט פאָר־
שטעלנ קיינ סיסטעמ פונ געלט-טשינשנ, און זי האָט דאָכ עקזיסטירט בא אונדז
צוזאַמענ מיטנ נאַטוראַלנ טשינש פונ איוואַנ דעמ גרויזאַמענס צײַטנ אָנ, אינ א
מער אָדער ווייניקער ריינער פאָרמ — פונ פּיאָטער דעמ I-טנס צײַטנ אָנ.

פונ זינט ווענ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ די דאָזיקע פאַרבינדונגענ צווישנ דער
פעאָדאַלער זעלבסטהערשונג מיט דער סכוירע־ווירטשאַפט? לויט לענינענ — נאָכ
פאַר פּיאָטערס צײַטנ. דעמ אויסצוג פונ „וואָס אזוינס זײַנענ די „פאָלק־פרײַנט?“,
וואָס איז שײַנ אהער, קאָנ מענ רעכענענ פאַר זייער באַוווּסט. אָבער
מע מוז אימ דאָכ ברענגענ, ערשטנס, פונ פולקײַט ווענגנ און, צווייטנס, דערפאַר,
ווײַל די אנטילענינצעס פאַרגעסנ זייער לײַכט, ווענ דאָס איז זיי נייטיק, די סאַמע
באַוווּסטע לענינשע ציטאַטעס. באַשטרײַטנדיק מיכײַלאָווסקיס מיינונג, אַז „די
נאַציאָנאַלע פאַרבינדונגענ—דאָס איז א פאָרזעצונג אונ פאַראלגעמיינערונג פונ די
שטאַמ-פאַרבינדונגענ“, און באַווײַזנדיק, אַז שוינ „אינ דער עפּאָכע פונ דער מאָסק־
ווער מעלוכע“ (דאָס הייסט, אינ XVI-טנ יאָרהונדערט) ווערנ די שטאַמ־פאַרבינ־
דונגענ פאַרביטנ אפ טעריטאָריעלע, זאָגט לענינ ווײַטער: „בלויז דער נײַער פעריאָד
פונ דער רוסישער געשיכטע (אַנערעכ פונ XVII-טנ יאָרהונדערט אָנ) ווערט כאַ־
ראַקטעריזירט מיט א ווירקלעכ פאַקטישער צונויפגיסונג פונ אלע אזוינע געגנטנ,
לענדער אונ פירשטנטומס אינ איינ גאַנצעס. די דאָזיקע צונויפגיסונג איז ארויס־
גערופנ געוואָרנ ניט דורכ שטאַמ־פאַרבינדונגענ, בעקאָוועדיקסטער הער מיכײַלאָווס־
קי, און אפילע ניט דורכ זייער פאָרזעצונג אונ פאַראלגעמיינערונג: זי איז ארויס־
גערופנ געוואָרנ דורכ דעמ פאַרשטאַרקטנ אויסטויש צווישנ די געגנטנ, דורכ דער
בעהאַדראָגע וואַקסנדיקער סכוירע-צירקוליאַציע, דורכ דער קאָנצענטראַציע פונ די
ניט גרויסע אָרטיקע מערק אינ איינ אלרוסלענדישנ מאַרק. אזוי ווי די אָנפירער
אונ די באַלעבאַטימ פונ דעמ דאָזיקנ פּראָצעס זײַנענ געווענ קאַפּיטאַליסטנ־סאָכרימ,
איז די באַשאַפונג פונ די דאָזיקע נאַציאָנאַלע פאַרבינדונגענ געווענ ניט עפּעס אנ־
דערש, נאָר א באַשאַפונג פונ בורזשואַזע פאַרבינדונגענ“. *

אלזאָ, לויט לענינענ, איז נאָכ פונעמ XVII-טנ יאָרהונדערט אָנ באַקומט א
פּאָליטישע באַדײַטונג שוינ ניט פּשוט די סכוירע־ווירטשאַפט, נאָר טאַקע דער
ה א נ ד ל ־ ק א פּ י ט א ל. ביז גאָר טשיקאַווע איז צו פאַרגלײַכנ דערמיט דאָס,
וואָס מאַרקס אונ ענגעלס האָבנ געשריבנ מיקוייעכ דעמ אינ זייער קריטיק פונ פּיי־
ערבאַכנ אינ די 40-ער יאָרנ: „די מאַנופאַקטור אונ בכלל די פּראָדוקציע האָט
באַקומענ א קאָלאָסאַלנ שטויס אַדאַנק דער פאַרברייטערונג פונ די באַציונגענ, וואָס

---

* לענינ, ווערק, ב. I, ז. 83 און 84, ערשטע אויסגאַבע.

עס האָט ארויסגערופנ די אנטדעקונג פונ אמעריקע אונ פונעמ יאמ־וועג קיינ אינדיע. די נײַע פראָדוקטנ, וואָס מע האָט ארויסגעפירט פונ דאָרט, באזונדערס די מאסנ גאָלד אונ זילבער, וואָס זײַנענ ארײַנגעקומענ אינ דער צירקוליאציע, האָבנ ראדיקאל געענדערט די קעגנזײַטיקע פארהעלטענישנ צווישנ די קלאסנ אונ האָבנ דערלאנגט א שווערנ קלאפ דעמ פעאָדאלנ ערד־אייגנטומ אונ די ארבעטער; די אונטערנעמונגענ פונ פארשיידענע אוואנטיוריסטנ, די קאָלאָניזאציע אונ דעריקער די פארברייטערונג פונ די מערק, וואָס איז איצט געוואָרנ מעגלעך אונ וואָס איז איצט פארגעקומענ אלץ מער אונ מער, אונ די פארוואנדלונג זייערע אינ א וועלט־מארק האָבנ געבוירנ א נײַע פאזע פונ היסטאָרישער אנטוויקלונג, מיט וועלכער מיר וועלנ זיך דאָ גענוי ניט פארנעמענ. אדאנק דער קאָלאָניזאציע פונ נײַ־אנטדעקטע לענדער האָט דער האנדל־קאמפ צווישנ די פעלקער איינס מיטנ אנדערנ באקומענ נײַע שפּײַז, אָנגענומענ צוזאמענדיק דערמיט אויך גרעסערע מאסשטאבנ אונ א מער פארביטערטנ כאראקטער... דער צווייטער פעריאָד איז געקומענ אינ מיטנ XVII־טנ יאָרהונדערט אונ האָט זיך געצויגנ קימאט ביזנ סאָפ XVIII־טנ י. ה. דער האנדל אונ די שיפערײַ האָבנ זיך פארברייטערט גיכער, איידער די מאנופאקטור, וואָס האָט דעמאָלט געשפילט א צווייטראנגיקע ראָליע, די קאָלאָניעס האָבנ אָנגעהויבנ ווערנ גרויסע געברויכער; באזונדערע פעלקער האָבנ בלויז דורכ א לאנגדויערנדיקנ קאמפ באוויזנ זיכ אײַנצוהאלטנ אפנ וועלט־מארק, וועלכער האָט זיכ געעפנט. דער דאָזיקער פעריאָד הייבט זיכ אָנ מיטנ געזעצ וועגנ יאמשיפערײַ אונ מיט קאָלאָניאלע מאָנאָפאָליעס. מיט דער הילפ פונ טאריפנ, פאַרבאָטנ, טראקטאטנ האָט מענ ווי ווײַט מעגלעכ געזוכט צו באזײַטיקנ די קאָנקורענצ פונ פרעמדע פעלקער; אונ אינ לעצטנ סאכאקל האָט מענ די לייזונג אונ דעמ אויסוועג פונ קאָנקורענצ־קאמפ געזוכט אינ מילכאָמעס (באזונדערס אינ יאמ־מילכאָמעס). די מעכטיקסטע יאמ־מעלוכע, ענגלאנד, האָט באקומענ די איבערוואָג אינעמ האנדל אונ אינ דער מאנופאקטור... דאָס פאָלק, וואָס האָט געהאט די איבערהאנט אינעמ יאמ־האנדל אונ אינעמ פראט פונ קאָלאָניאלער מעכטיקײַט, האָט פארמאָגט, נאטירלעכ, אויכ די סאמע גרעסטע סײַ אינ צאָל סײַ אויכ אינ קוואליטעט — מאנופאקטור־אינדוסטריע... די סאָכרימ, אונ באזונדערס די ארמאטאָרנ, האָבנ מער פאר אלע אנדערע געפאָדערט מעלוכישע שוצ אונ מאָנאָפּאָליעס; אויכ די מאנופאקטוריסטנ האָבנ געפאָדערט — אונ האָבנ זיכ דערשלאָגנ — שוצ. אָבער אינ פאָליטישנ באטײַט האָבנ זיי שטענדיק אָפּגעטראָטנ די סאָכרימ... דער XVIII־טער י. ה. איז געווענ א יאָרהונדערט פונ האנדל... אונ אויכ פינטאָ זאָגט אונדז (?) בעפיירעש: Le commerce fait la mazol du siècle : אינ אויכ: dupnis quelque temps il nest plus question que de commerce, de navigation et de marine (דער האנדל — דאָס איז דער איקער פונ אונדזער צײַט; פונ א געוויסער צײַט אָנ רעדט מענ נאָר וועגנ האנדל, יאמ־שיפערײַ, פלאָט). *

לענינ האָט ניט געלייענט דאָס דאָזיקע ווערק, וואָס איז פארעפנטלעכט געוואָרנ

* „ארכיוו מ. אונ ע.״ ב. I, ז. 238 אונ 239. מײַנ קורסיוו — מ. פ.

ערשט נאָכ זײַנ טויט. און דאָס ווערק נעמט גאָר די פראַגע פונ אַנ אַנדער זײַט: בײַ לענינענ ווערט אויסגעקלאָרט די באַדײַטונג פונ האַנדל און פונעם האַנדל־קאַפּיטאַל פאַרנ *אינערלעכנ* וווּקס פונ דער מעלוכע, בײַ מאַרקסנ און ענגעלסנ — פאַר דער *צווישנפעלקערלעכער* פּאָליטיק. אָבער דער טאָנ איז איינער און דער זעלבער: זאָגנדיק מיט מאַרקס און ענגעלסעס ווערטער, „דער האַנדל באַקומט יאָ געהאַט אַ וואָסער ניט איז ווירקונג אָדער ניט?

וויבאַלד אָבער דער האַנדל־קאַפּיטאַל איז געוואָרנ אַ פּאָליטישע קראַפט, קומט נאַטירלעכ אויפ די פראַגע: איז ווי, אַפ דער פעאָדאַלער זעלבסטהערשונג האָט ער יאָ געהאַט אַ וואָסער ניט איז ווירקונג אָדער ניט?

לאָמיר צוערשט פעסטשטעלנ מיט לענינס ווערטער די ווירקונג פונעם קאַפּיטאַליזמ אַפ דער אַנטוויקלונג פונ דער זעלבסטהערשונג ביכלאַל. אינ זײַנ אַרטיקל „וועגנ דער סאָציאַלער סטרוקטור פונ דער מאַכט, די פּערספּעקטיווּנ און די ליקווידאַטאָרײַ" שרײַבט לענינ: „אַז די מאַכט אינ רוסלאַנד פונ XIX־טנ און XX־טנ יאָרהונדערטנ אַנטוויקלט זיכ ביכלאַל „מיטנ וועג פונ פאַרוואַנדלט ווערנ אינ אַ בורזשואַזער מאָנאַרכיע", דאָס לייקנט לאַרינ ניט אָפ, פונקט ווי דאָס האָט ביז איצט ניט אָפּגעלייקנט *קיינ איינ* קלאָרער מענטש, וואָס וויל זײַנ אַ מאַרקסיסט. דער פאָרשלאָג צו פאַרבײַטנ דעמ אַדיעקטיוו „בורזשואַזער" מיטנ וואָרט „פּלוטאָקראַטישער" שאַצט אָפ ניט ריכטיק דעמ *גראַד* פאַרוואַנדלונג. אָבער *פּרינציפּיעל* באַשליסט ער זיכ ניט צו באַשטרײַטנ, אַז דער ווירקלעכער „וועג", דער וועג פונ דער רעאַלער עוואָליוציע, *באַשטייט* גראָד אינ דער דאָזיקער פאַרוואַנדלונג. זאָל ער פּרווּנ באַווײַזנ, אַז די מאָנאַרכיע פונ די יאָרנ 1861—1904 (ד. ה. אַנ צווייפל, אַ ווייניקער קאַפּיטאַליסטישע אינ פאַרגלײַכ מיט דער מאָדערנער) שטעלט *ניט* פאָר אינ פאַרגלײַכ מיט דער ניקאָלײַעווישער, מיט דער לײַבייגנטימערישער עפּאָכע *איינעמ* פונ די טריט „אַפנ וועג צו פאַרוואַנדלט ווערנ אינ אַ בורזשואַזער מאָנאַרכיע"!

אַלזאָ, די פעאָדאַלע, לויט דער אָפּשטאַמונג, זעלבסטהערשונג האָט געהאַט אַ שטענדיקע טענדענצ צו אַנטוויקלענ זיכ אינ דער זײַט פונ אַ *בורזשואַזער* מאָנאַרכיע, ד. ה. אינ דער זײַט פונ אַ קאָמפּראָמיס מיטנ קאַפּיטאַליזמ. צי האָט *טעאָרעטיש* געקאָנט דערגרייכט ווערנ אַזאַ קאָמפּראָמיס? יאָ, געקאָנט. „עס קאָנענ זײַנ און עס פלעגנ טרעפנ היסטאָרישע באַדינגונגענ, ווענ די מאָנאַרכיע פלעגט זיכ אַרויסווײַזנ אימשטאַנד צוגויפּצולעבנ זיכ מיט ערנסטע דעמאָקראַטישע רעפאָרמעס, ווי אַשטייגער אַלגעמיינע וואַלרעכט. אַ מאָנאַרכיע איז ביכלאַל ניט קיינ איינגאַרטיקער און אומפאַרענדערטער אינסטיטוט, נאָר זייער אַ בייגעוודיקער און פיייקער צוצופּאַסנ זיכ צו די פאַרשיידענע קלאַסנ־פאַרהעלטענישנ פונ הערשאַפט".

צי איז אַזאַ קאָמפּראָמיס דערגרייכט געוואָרנ אינ רוסלאַנד? די סטאָליפּינישע איז געווענ דער לעצטער פּרוּוו פונ אַזאַ קאָמפּראָמיס. „סטאָליפּינ האָט זיכ געפּרוּווט אינ אַנ אַלטנ לאָגל אַרײַנגיסנ נײַעמ ווײַנ, די אַלטע זעלבסטהערשונג איבערמאַכנ אינ אַ בורזשואַזער מאָנאַרכיע, און דער קראַכ פונ דער סטאָליפּינישער פּאָליטיק איז אַ קראַכ פונעמ צאַריזמ אַפ דעמ דאָזיקנ *לעצטנ דענקבאַרנ* וועג פונ צאַריזמ. אַלעקסאַנדער דעמ דריטנס פּריצישע מאָנאַרכיע האָט זיכ געפּרוּווט אָנשפּאַרנ אַפנ „פּאַטריאַרכאַלנ" דאָרפ און אַפ דער „פּאַטריאַרכאַלישקײַט" ביכלאַל אינעמ רוסישנ לעבנ; די רעוואָליוציע האָט צע-

קלאפּט ביזנ סאָפ *אַזאַ* פּאָליטיק. ניקאָלײַ דעמ צווייטנס פּריצישע מאָנארכיע האָט זיכ נאָכ דער רעוואָליוציע געפּרוּווט אָנשפּארנ אָפ דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער שטימונג פונ דער בורזשואזיע אונ אָפ דער בורזשואזער אגראר־פּאָליטיק, וואָס די זעלבע פּריצימ האָבנ דורכגעפירט; דער קראכ פונ די דאָזיקע פּרווונ, וואָס איז איצט אויסער צווייפל אפילע פאר די קאדעטנ, אפילע פאר די אָקטיאבריסטנ, איז א קראכ פונ דער *לעצטער מעגלעכער* פארנ צאריזמ פּאָליטיק".

דער דורכפאל פונ דער סטאָליפּיניאדע איז געווענ א קאטאסטראָפאלער פאר דער זעלבסטהערשונג, אונ ער האָט דערוויזנ, אז זי האָט פארלאָרנ יעטווידער פייקײַט זיכ צוצופּאסנ צו דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג. „אונדזער לאגע אונ די געשיכטע פונ אונדזער מעלוכע־מאכט — באזונדערס פארנ לעצטנ יאָרצענדליק — באווײַזנ אונדז אָנשוילעכ, אז גראָד די צארישע מאָנארכיע איז דער קאָנצענטריר־פּונקט פונ יענער באנדע שווארצמייִשע פּריצימ (פונ זיי שטאמט אויכ דער ערשטער ראָמאנאָוו), וואָס האָט געמאכט פונ רוסלאנד א סטראשידלע ניט בלויז פאר אייראָפּע, נאָר אפילע פאר אזיע, א באנדע, וואָס האָט אצינד דערפירט דעמ ווילקיר, די רויבערײַענ, די קאזנא־גנייוועס מיצאד די באאמטע, סיסטעמאטישע גוואלדטאטנ איבערנ „פּאָשעטנ פאָלק", פּײַניקונגענ אונ עקזעקוציעס אינ דער באציִונג צו פּאָליטישע קעגנער אאוו. ביז אבסאָליוט אײסשליסלעכע גרייסנ" *

אָבער די דאָזיקע גרענעצנ פאר דער צופּאסונג פונ דער זעלבסטהערשונג צומ קאפּיטאליזמ זײַנענ באשטימט געוואָרנ ניט בלויז דורכ די אייגנשאפטנ פונ דער זעלבסטהערשונג, נאָר אויכ דורכ די אייגנשאפטנ פונעמ קאפּיטאליזמ. צו וועלכע פאָרמענ פונ קאפּיטאליסטישער עקספּלואטאציע האָט זיכ די לײַבייגנטימערישע זעלבסטהערשונג געקאָנט צופּאסנ? לענינס ענטפער דערויפ האָבנ מיר אינ זײַנ כאראקטעריסטיק פונ דער פּארטיי *אָקטיאבריסטנ*: „ניט אונטערשיידנדיק זיכ מיט קיינ שומ וועזנטלעכס אינ דער איצטיקער פּאָליטיק פונ די רעכטע, אונטערשיידנ זיכ די אָקטיאבריסטנ פונ זיי דערמיט, וואָס כוץ דעמ גוטבאזיצער באדינענ נאָכ די דאָזיקע פּארטיי דעמ גרויסנ קאפּיטאליסט, דעמ אלטגלויביקנ סוחער, די בורזשואזיע, וואָס האָט זיכ אזוי איבערגעשראָקנ פאר דער אופוואכונג פונ די ארבעטער, אונ נאָכ זיי אויכ פונ די פּויערימ צו א זעלבשטענדיקנ לעבנ, אז דאָס האָט זיי אינגאנצנ א קער געטאָנ צו פארטיידיקנ די אלטע פּאָראָנדקעס. עס זײַנענ פאראנ אפילע אזעלכע קאפּיטאליסטנ אינ רוסלאנד — אונ זייער צאָל איז גאָרניט קליינ, — וואָס באציִענ זיכ צו די ארבעטער אבסאָליוט ניט בעסער, איידער די פּריצימ צו די געוועזענע לײַבייגענע; אנ ארבעטער, אנ אָנגעשטעלטער, — איז פאר זיי דאָס זעלבע, וואָס משאָרסימ, באדינער".**

„עס איז פאראנ א קאפּיטאליזמ אונ א קאפּיטאליזמ. עס איז פאראנ א שווארצמייעדיק־אָקטיאבריסטישער קאפּיטאליזמ אונ א *פּאָלקיסטישער* („רעאליסטישער, דעמאָקראטישער קאפּיטאליזמ, א פולער מיט אקטיוויקײַט")...—האָט לענינ געשריבנ צו גאָרקינ אינ 1911־טנ יאָר. — דער אינטערנאציאָנאלער פּראָלעטאריאט דריקט דעמ קאפּיטאליזמ אָפ צווייערליי אויפנימ: דערמיט, וואָס פונ אנ אָקטיאבריסטישנ פארוואנדלט ער זיכ אינ א דעמאָקראטישנ, אונ דערמיט, וואָס,

* לענינ, ווערק, ב. XV, ז. 130, 225 אונ 247, דריטע אויסגאבע.
* לענינ, ווערק, ב. VX, ז. 283, דריטע אויסגאבע.

אַרויסטרײַבנדיק פונ זיכ דעמ אָקטיאַבריסטישנ קאַפּיטאַל, טראָגט ער אימ אַרויס בער צו די ווילדע. אונ דאָס פאַרברייטערט די באַזע פונ קאַפּיטאַל, אונ דערנענטערט זײַנ טויט. אינ מיזרעװ־אייראָפּע איז שוינ קימאַט ניט פאַראַנ קיינ אָקטיאַבריסטישער קאַפּיטאַל; קימאַט דער גאַנצער קאַפּיטאַל איז אַ דעמאָקראַטישער. דער אָקטיאַבריסטישער קאַפּיטאַל איז פונ ענגלאַנד, פראַנקרײַכ אַוועק אינ רוסלאַנד אינ אַזיע.

די רוסישע רעוואָליוציע אונ די רעוואָליוציע אינ אַזיע זײַנענ אַ קאַמפ פאַר אַרויסשטויסנ דעמ אָקטיאַבריסטישנ קאַפּיטאַל אונ פאַרבײַטנ אימ אָפּ אַ דעמאָקראַטישנ קאַפּיטאַל".*

דער „אָקטיאַבריסטישער" קאַפּיטאַל, וואָס האָט זיכ אויסגעבילדעט אינ שויס פונ דער פעאָדאַלער פאָרמאַציע, וואָס האָט זיכ אויסגעבילדעט צוזאַמענ מיט איר, וואָס האָט זיכ באַנוצט, ווי מעגלעכ, מיט אירע מעטאָדנ פונ עקספּלואַטאַציע, דאָס איז, פאַרשטייט זיכ, ניט בלויז דער האַנדל־אונ וווּכער־קאַפּיטאַל. נאָר דאָס איז זיינ סאַמע נאָענטער איינקל. ניט אומזיסט זײַנענ פאַר לענינענ די אָקטיאַבריסטנ אַ פּאַרטיי פונ „אַלטגלויביקע סאָכרימ". דאָס איז ניט קיינ וואָרט, וואָס האָט זיכ בײַ אימ צופעליק אַרויסגעכאַפּט. די אומעגלעכקײַט צונויפצופּאָרנ די זעלבסטהערשונג מיט די העכערע, מער פאַרפולקומטע פאָרמענ פונ קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע האָט לענינ אויסגעצייכנט פאַרשטאַנענ נאָכ ביזנ אָנהייב פונ דער ערשטער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר, אונ אָט וואָס ער האָט דעמאָלט געשריבנ: „וואָס ווײַטער, אַלצ מער שטויסנ זיכ צונויפ מיט דער זעלבסטהערשונג די אינטערעסנ פונ דער בורזשואַזיע אַלס אַ קלאַס, די אינטערעסנ פונ דער אינטעליגענצ, אָנ וועלכער עס האָט קיינ זינענ ניט קיינ מאָדערנע קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע. אויבערפלעכלעכ קאָנ זײַנ דער אַרגומענט פונ די ליבעראַלע דעקלערונגענ, קליינלעכ קאָנ זײַנ דער כאַראַקטער פונ דער ניט אַנטשלאָסענער אונ צווייענדיקער פּאָזיציע פונ די ליבעראַלנ, אָבער אַנ עמעסער פרידנ פאַר דער זעלבסטהערשונג קאָנ זײַנ בלויז מיט אַ הײַפל באַזונדערס פּריווילעגירטע קאַרפּנ־קעפּ פונ צווישנ דעמ אַדל־באַזיצערישנ אונ סאָכרישנ קלאַס, אָבער לאַכלוטנ ניט מיט דעמ דאָזיקנ גאַנצנ קלאַס".**

פונ אַלע פאָרמענ קאַפּיטאַל איז נעענטער פאַר אַלצ צו דער זעלבסטהערשונג געווענ דער האַנדל־קאַפּיטאַל, וואָס, שטיצנדיק זיכ אָפּ אימ, איז די זעלבסטהערשונג געוואַקסנ, וואָס שטיצנדיק זיכ אָפּ אימ איז די פעאָדאַלע מעלוכע פונ אַ רייג מיטלאַלטערלעכנ טיפּ אַריבערגעוואַקסנ אינ אַ ביוראָקראַטישער מאָנאַרכיע. אָנ פעאָדאַליזמ וואָלט בכלל ניט געווענ קיינ זעלבסטהערשונג. אָנ דעמ האַנדל־קאַפּיטאַל וואָלט די מאַכט פונ דעמ פעאָדאַלנ מאָנאַרכ ניט געגאַנגענ ווײַטער פונ איוואַנ דעמ III־טנ. אונ די זעלבסטהערשונג האָט געגעבנ ניט בלויז פּיאָטער דעמ I־טנ, נאָר אויכ אַלעקסאַנדער דעמ II־טנ אונ אַפילע סטאָליפּינס פּסעוודאָ־קאָנסטיטוציע. ווײַטער האָט זי לויט איר פעאָדאַלער נאַטור ניט געקאָנט זיכ צופּאַסנ אונ איז געפאַלנ.

---

* לענינ. ווערק, ב. XV ז. 58 אונ 59.

** לענינ, ב. VII, ז. 30. מײַנ קורסיוו — מ. פּ.

בײַלאַגע 2

די ראָליע פונעמ ארבעטער-קלאס אינ דער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר

דעמ הערויִשנ פראָ?עטאריאט פונ דער רויטער פרעסניע.

דער אווטער.

די רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר איז געווענ דער אָנהייב פונ דעמ רעוואָליוציאָנערנ מאסנ-קאמפ, וועלכער דויערט פאקטיש נאָכ ביזנ הײַנטיקנ טאָג, — אפריער האָבנ מיר זיכ געשלאָגנ מיט דער זעלבסטהערשונג אונ מיט די פריצימ, דערנאָכ מיט דער בורזשואזיע, איצט קעמפנ מיר קעגנ די רעשטלעכ פונ דער בורזשואזיע, אָבער דער קאמפ גייט נאָכ ביזנ הײַנטיקנ טאָג. דאָס, וואָס די מעגלעכע מאטעריעלע געפאר איז אריבערגעטראָגנ געוואָרנ אויסער די גרענעצנ פונ אונדזער לאנד, פארגרעסערט בלויז די גראנדיעזקײַט פונ דעמ דאָזיקנ קאמפ אונ זײַנ הויכנ טראגיזמ: איצט איז דאָס א קאמפ אנ אלוועלטלעכער אונ פריִער איז דאָס געווענ א קאמפ בלויז אינ איינ לאנד, אָבער דאָס איז איינ אונ דער זעלבער קאמפ.

איז אָט, כאווײרימ, קעדיי אָפצושאצנ אונדזער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר, דארפ מענ פארגלײַכנ איר גוירל מיט גוירל פונ איר גרעסטער פאָרגייערנ, פונ דער אזויגערופענער גרויסער פראנצויזישער רעוואָליוציע. עס איז ווערט צו דערמאָנענ, וואָס עס האָט מיט זיכ פאָרגעשטעלט די פראנצויזישע רעוואָליוציע אינ 25 יאָר ארומ נאָכנ אָנהייב אירנ. 25 יאָר נאָכנ אָנהייב פונ דער פראנצויזישער רעוואָליוציע—דאָס איז גראָד דאָס 1814 יאָר, ווענ דאָס מיליטער פונ ענגלאנדס פארבינדעטע האָט פארנומענ פאריזש אונ ווענ נאפאָלעאָנס אימפעריע איז אראָפגעוואָרפנ געוואָרנ. וואָס איז צו יענער צײַט געבליבנ פונ די פאָליטישע דערגרייכונגענ פונ דער פראנצויזישער רעוואָליוציע? קימאט גאָרניט. די רעפובליק איז שוינ לאנג געהאט געפאלנ. די אימפעריע, וואָס האָט זי פארביטנ, האָט זיכ איינ צײַט געהאלטנ אינ דער פאָרמ פונ א מיליטערישער דיקטאטור, קלוימערשט א צײַטווײַליקער, אונ דער הויפט אירער האָט זיכ גערופנ אפילע ניט אימפעראטער, נאָר בלויז ערשטער קאָנסול. אָבער דערנאָכ האָט זיכ דאָס לאנד זייער שנעל פארוואנדלט אינ א באנאלער מאָנארכיע. נאָכ דעמ, ווי נאפאָלעאָנ האָט כאסענע געהאט מיט דער עסטרײַכישער ערצהערצאָגנ, האָט זיכ דאָס לאנד פארוואנדלט אינ א מאָנארכיע פונ א פעאָדאלנ טיפ, ווו אלצ איז געווענ געווענדט צו אײַנהיטנ די דינאסטיע: די געבורט פונעמ טראָנפאָלגער איז געווענ די גרעסטע געשעעניש, וואָס האָט געדארפט ארײַנברענגענ אינ היספײַלעס אלע פראנצויזנ, וועלכע האָבנ געמאכט די גרויסע רעוואָליוציע אאוו.אאוו.

---

* א באארבעטע כטענאָגראמע פונ אנ ארויסטרעטונג אפ דער פארזאמלונג פונעמ אקטיוו פונ דער רויטער פרעסניע (11 דעקאבער 1930 י.), געווידמעט דעמ 25-טנ יאָרטאָג פונ 1905 יאָר.

אָבער אויכ די דאָזיקע אימפעריע איז אראָפּגעוואָרפנ געוואָרנ דורכ די באגנעטנ פונ די פעאָדאלע מעלוכעס. אינ 1814 יאָר איז פראנקרײַכ באשאָנקענ געוואָרנ מיט דער באוווּסטער כארטיע פונ ליודאָוויג XVIII, א כארטיע, וואָס האָט אראָפּגעלאָזט דעמ פּאָליטישנ ניוואָ פונ פראנקרײַכ נידעריקער פונ דער ערשטער מאָנארכיסטישער קאָנסטיטוציע, וועלכע די פראנצויזישע רעוואָליוציע האָט דעראָבערט אינ 1791 יאָר. עמעס, די פעאָדאלע פּריווילעגיעס זײַנענ פארניכטעט געוואָרנ, אָבער דער אדל איז געבליבנ, די גוטבאזיצער זײַנענ געבליבנ. זיי האָבנ זיכ מיט טריומפ אומגעקערט פונ אויסלאנד, וווּ זיי האָבנ זיכ ס'ראָוו געפונענ, אונ האָבנ באקומענ אנ אומגעהייער גרויסע באלוינונג פאר דער ערד, וואָס מע האָט בא זיי אָפּגענומענ. דערבײַ איז דאָס סאמע איקערדיקע רעשטל פונעמ פעאָדאלנ רעזשימ — דאָס פּריוואטע אייגנטומ אפ ערד — ניט אָפּגעשאפט געוואָרנ. דאָס פּריוואטע אייגנטומ אפ ערד איז פארבליבנ, די עקספּלואטאציע איז געווענ די סאמע ווילדסטע, קיינע שומ ארבעט־געזעצנ איז לאכלוטנ ניט געווענ, קיינע שומ פּרוּוו צו באגרענעצנ דעמ ארבעט־טאָג איז לאכלוטנ ניט געווענ, שטרײַקנ זײַנענ פארווערט געוואָרנ דורכנ געזעץ אונ זײַנענ געווענ א פארברעכנ, — אָט אינ וואָס פאר א לאגע עס האָבנ זיכ געפונענ די פראנצויזישע מאסנ, וואָס האָבנ געמאכט די רעוואָליוציע, אינ 25 יאָר ארומ נאָכ איר אָנהייב. קימאַט א געשלאָסענע קרומע. דערבײַ האָט זיכ דער עק פונ דער דאָזיקער קרומער אראָפּגעלאָזט א ביסעלע נידעריקער פונ איר אָנהייב.

וועגנ דער דאָזיקער געשלאָסענער קרומער איז ווערט צו דערמאָנענ דערפאר, ווײַל זי שטייט פארנ באוווּסטזײַנ פונ אלע אונדזערע בורזשואזע קעגנער. זיי זײַנענ ביז איצט איבערצײַגט, אז גראָד אזוי מוז גיינ יעטווידער רעוואָליוציע. זיי דוכט זיכ קעסיידער אויס, אז אויכ אונדזער קרומע הייבט זיכ אָנ אראָפּלאָזנ. אזוי שרײַבנ זיי, אזוי ריידנ זיי. לייענט דורכ דאָס לעצטע ביכל קאוטסקיס: „דער באָלשעוויזמ אינ א טעמפּנ ווינקל“, — ער דערציילט האָרט אזוי, אינ וואָס פאר א שרעקלעכער לאגע מיר געפינענ זיכ, מאמעש א פראָסט גייט דורכ איבערנ לײַב. דער אומגליק איז מער ניט, וואָס דער גרעסטער טייל פאקטנ, וועלכע ער האָט צונויפגעזאמלט, געבעכדיקע אויסגעצופּטע פאקטנ, זײַנענ שײַכ צו די יאָרנ 1922—1923, אונ עס זײַנענ פאראנ אויכ אזוינע, וואָס זײַנענ שײַכ צומ 1920 יאָר. כאראקטעריזירנ לויט די דאָזיקע אָנגאבנ דעמ פארבאנד פונ 1930 יאָר איז גאנצ שווער. אָבער קאוטסקינ מאָלט זיכ גראָד אזוי, אז מיר זײַנענ ווירקלעכ פארקראָכנ אינ א טעמפּנ ווינקל אונ קיינ אויסוועג פונ אימ איז ניטאָ. לייענט א ביסעלע די ווײַסע פּרעסע. איר האָט געלייענט אונ געהערט די באווײַזנ פונ די שעדיקער. — דאָס אלצ דרייט זיכ ארומ דעמ, אז די קרומע פונ דער רעוואָליוציע לאָזט זיכ אראָפּ אונ אז די דאָזיקע קרומע וועט ארומשרײַבנ דעמ זעלבנ קימאַט פולנ קרײַז, וועלכנ עס האָט ארומגעשריבנ די קרומע פונ דער פראנצויזישער רעוואָליוציע.

די פראנצויזישע רעוואָליוציע האָט געדינט אלס מוסטער, פונ וועלכנ די בורזשואזיע אונ פארשיידענע מינימ ווײַסגווארדייער קאָפּירנ ביז איצט דעמ גאנג פונ אונדזער רעוואָליוציע אונ בויענ האשאָרעס בענעגייע איר צוקונפט. אזוי אז איכ האָב ניט אומזיסטנ דערמאָנט די פראנצויזישע רעוואָליוציע.

איר ווייסט, אז בא אונדז גייט עס צו אינגאנצנ פארקערט, אז בא אונדז איז קיינ שומ געשלאָסענע קרומע ניטאָ אונ אז אונדזער קרומע הייבט זיכ קעסיידער ארופ. די מערהײַט פונ אײַכ זײַנענ יונגע מענטשנ, אונ איר פילט מיסטאָמע דאָס, וואָס איכ פיל. דענ סאָציאליזמ האָבנ מיר ארויסגעשטעלט אלס א לאָזונג שוינ אינ

1905 יאָר. עס איז ניט געווענ קיינ איינ פּראָקלאַמאַציע, קיינ איינ בלעטל, וואָס זאָל ניט ריידנ וועגנ סאָציאַליזמ. דאָס, וואָס טראָצקי פאַרשפּרייט, אַז מיר האָבנ קלוימערשט גערופנ די אַרבעטער צו מאַכנ אַ רעוואָליוציע פאַר דער בורזשואַזיע, — דאָס זײַנענ נאַרישקייטנ. דאָס זײַנענ אַבסאָליוטע נאַרישקייטנ, קיינמאָל איז אַזוינס ניט געווענ. מיר האָבנ געשטעמפּלט די בורזשואַזיע אינ יעטווידער בלעטל אונדזערנ, אינ יעטווידער פּראָקלאַמאַציע אונדזערע, אינ יעדנ אַרטיקל אונדזערנ. אָבער מיר האָבנ ערלעכ אָנגעוויזנ, אַז אויפ דעמ געגעבענעמ עטאַפּ פונ דער רעוואָליוציע קאָנ מענ נאָכ ניט אַראָפּוואַרפנ די בורזשואַזיע. מיר האָבנ ניט גערופנ צו אַ דירעקטע, איבערקערעניש, אָבער דער סאָציאַליזמ איז שטענדיק געווענ אונדזער גרונט-פּראָגראַמ. אונ אַט, ווענ מענטשנ פונ אונדזער דאָר, וואָס האָבנ געזעסנ פריִער דאָס דאָזיקע וואָרט, דעמ דאָזיקנ באַגריפ אַלס לאָזונג אינ פּראָקלאַמאַציעס אונ בלעטלעכ, זעענ איצט, ווי דאָס דאָזיקע וואָרט ווערט פאַרקערפּערט אינ לעבנ, איז דאָס אַ באַזונדער מינ געפיל, כאַוויירימ. איכ מײַנ ניט צו שטעלנ אימ העכער פונ יענעמ געפיל בײַ אונדזער יוגנט, וועלכע בויט דעמ סאָציאַליזמ. דאָס געפיל בײַ איר איז אויכ זייער הויכ, אָבער פונ אַנ אַנדער מינ. אָבער אַט דער פאַרגלײַכ פונ אַ וואָרט, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ טאַט אינ פאַרלויפ פונ 25 יאָר, קאָנ בײַ איר ניט זײַנ פּאַשעט דערפאַר, ווײַל זי איז נאָכ געווענ צו יונג אינ 1905 יאָר.

אַלזאָ, זעט איר, וואָס פאַר אַנ אונטערשייד: דאָרטנ זײַנענ די לאָזונגענ, וואָס מע האָט געוואָרפנ אינ אָנהייב פונ דער רעוואָליוציע, פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ טאָכ געקומענ אינ עטוואָס אַזוינס, וואָס איז צעווייט געוואָרנ ווי שטויב; בײַ אונדז זײַנענ די דאָזיקע לאָזונגענ, וואָס זײַנענ צוערשט געווענ בלויז ווערטער, פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ מײַסימ. דער פאַרשיידענער גאַנג פונ די צוויי רעוואָליוציעס מוז דאָכ האָבנ עפּעס אַ סיבע, אונ מײַנ איצטיקנ פאָרטראָג וויל איכ טאַקע ווידמענ דעמ אַנאַליז פונ דער רעוואָליוציע מיטנ ציל קלאָר צו מאַכנ, פאַרוואָס האָט זיכ באַקומענ אַזאַ אונטערשייד צווישנ אָט די צוויי רעוואָליוציעס. ווי איר וועט זענ, איז אונדזער רעוואָליוציע גופע — אָבער ניט דאָס יאָר 1905, נאָר די יאָרנ 1905—1907 — גיבנ די פולשטענדיקע מעגלעכקייט צו מאַכנ אַזאַ מינ אַנאַליז.

איז אָט, כאַוויירימ, אינ וואָס באַשטייט דער גרונט-אונטערשייד צווישנ אונדזער רעוואָליוציע אונ דער פראַנצויזישער רעוואָליוציע? מיט אַ געוויסער צײַט צוריק, בײַמ יוביליי פונ דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", האָט זיכ געהאַט פאַרשפּרייט אַנ אַבסאָליוט, פאַרשטייט זיכ, ניט ריכטיקע אונ ניט לענינשע פאַרשטעלונג, אַז די נאַראָדאָוואָלצעס זײַנענ קלוימערשט געווענ פאָרגייער פונ די באָלשעוויקעס, אַז זיי זײַנענ געווענ סאָציאַליסטנ, זיי האָבנ געבויט, אָדער געוואָלט בויענ סאָציאַליזמ. נו, געוואָלט בויענ — דאָס קאָנ עפּשער זײַנ. אָבער לענינ האָט נאָכ געזאָגט, אַז די נאַראָדאָוואָלצעס האָבנ ניט געוווּסט, ווי צו פאַרבינדנ זייער רעוואָליוציאָנערנ קאַמפּ מיטנ סאָציאַליזמ, אונ דאָס בלײַבט ריכטיק ביזנ הײַנטיקנ טאָג. עס איז ריכטיק, אַז די נאַראָדאָוואָלצעס זײַנענ ניט געווענ קיינ סאָציאַליסטנ אינ זייער פּראַקטישער טעטיקייט, זיי האָבנ ניט געוווּסט ווי צו פאַרבינדנ זייער רעוואָליוציאָנערנ קאַמפּ מיטנ סאָציאַליזמ. אָבער די נאַראָדאָוואָלצעס וואָלטנ ניט געווענ קיינ גרויסע פּאָליטישע פּאַרטיי, די גרעסטע פּאָליטישע פּאַרטיי, וועלכע עס ווייסט אונדזער אַלטע רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג, ווענ זיי וואָלטנ ניט געווענ אינ אַ גרויסער מאָס פאַרבונדנ מיטנ אַרבעטער-קלאַס. די דאָזיקע פאַרבינדונגענ פונ די נאַראָדאָוואָלצעס מיטנ אַרבעטער-קלאַס, מיט יענע אַרבעטער-קרײַזלעכ, וואָס זיי האָבנ געהאַט, מיט

יענע ארבעטער-דרוזשינעס, וואָס זיי האָבנ פאָרמירט, האָבנ געזיכערט דער „נאראָדנאיא וואָליא" אָט דאָס פירנדיקע אָרט אינ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג, וואָס זי האָט פארנומענ: זיי האָבנ אופגעטאָנ דאָס, וואָס די גרופּע זשעליאבאָוו, מיכײַלאָוו אאוו. איז ניט געווענ קיינ פּאָשעטע איבערכאזערונג פונ קאראקאָזאָווס קרײַזל, וואָס אזא וואָלט זי געווענ, ווענ אלצ וואָלט זיכ באגרענעצט בלויז מיטנ 1-טנ מארט. אזוי ארום האָט זיכ דער ארבעטער־קלאס שוינ אינ די 70—80-ער יאָרנ אָנגעמערקט אלס די גרעסטע רעוואָליוציאָנערע קאפט פונ דער צוקונפט.

אויב איר וועט גיינ ווײַטער לויט די יאָרצענדליקער — די 80-ער—90-ער יאָרנ אאוו., וועט איר זענ, ווי די רעוואָליוציאָנערע כוואליע וואקסט אונ פאלט מיטנ וווּקס אונ מיטנ פאל פונ דער ארבעטער־באוועגונג. מע קאָנ דאָס מיסטאָמע נאָכשפּירנ אפילע ביז קלייניקײַטנ. לעמאָשל, יענער אָנצוויפלדיקער אופשטײַג פונ דער „נאראָדנאיא וואָליא", וואָס האָט זיכ אויסגעדריקט אינעמ אטענטאט אינ מארט 1887 יאָר, וועלכנ א. אי. אוליאנאָוו האָט אָרגאניזירט, קאָנ פארבונדנ ווערנ מיט דעמ אופשטײַג, וואָס איז פארצייכנט דורכנ מאָראָזאָוו־שטרייק פונ 1885 יאָר. איכ זאָג — מיסטאָמע, נאָר אויב מיר וועלנ נעמענ ניט קיינ באזונדערע איינצלהײַטנ, נאָר מיר וועלנ נעמענ די באוועגונג אינגאנצנ גענומענ, וועט דאָס זײַנ ניט מיסטאָמע, נאָר אבסאָליוט אויסער צווייפל.

די צווייטע העלפט פונ די 80-ער יאָרנ אונ די ערשטע העלפט פונ די 90-ער יאָרנ איז א צײַט פונ א פארהעלטניסמעסיקנ, זייער א פארהעלטניסמעסיקנ שטילשטאנד אינ דער ארבעטער־באוועגונג, דאָס איז א צײַט פונ טיפ געפאלענער שטימונג בא אונדזער אינטעליגענצ אונ פונ א צעפאלונג פונ אירע רעוואָליוציאָנערע גרופּעס. אינ דער דאָזיקער צײַט זעט אויס, ווי די רעוואָליוציע וואָלט געדרעמלט. עס הייבט זיכ אָנ די ארבעטער־באוועגונג פונ מיטנ 90-ער יאָרנ, א באוועגונג, אפנ ערשטנ קוק א ריינ עקאָנאָמישע: מענטשנ קעמפנ פאר העכערנ דעמ ארבעטס־לוינ אאוו. אָבער עס הייבט זיכ אופ די ארבעטער־מאסע גופע, וואָס באנעמט נאָכ ניט, אז זי איז רעוואָליוציאָנער, וואָס ווייס נאָכ ניט, אז זי מאכט א רעוואָליוציע. באלד לעבט אופ א גאנצער בוקעט פארשיידענע מינימ מארקסיסטישע אָנשויונגענ: אי דער „לעגאלער" מארקסיזמ — זייער א כאראקטעריסטישע פעלשונג פונעמ מארקסיזמ, פונ דער פּראָלעטארישער באוועגונג, געמאכט פונעמ לינקנ פליגל פונ דער ליבעראלער בורזשואזיע; עס לעבנ אופ אויכ די אלטע נאראָדאָוואָלצעס אינ געשטאלט פונ די עסערנ, עס לעבט אופ אויכ די סטודענטישע באוועגונג, וואָס נעמט גיכ איבער די פּראָלעטארישע פאָרמ פונ קאמפּ — דעמ שטרײַק. מיט איינ וואָרט, פּונקט ווי קוועליק וואסער וואָלט א שפּריצ געטאָנ אפ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג, נאָכ דעמ, ווי די יאָרנ 1895—1896 האָבנ געגעבנ א שטורמישנ אופרײַס פונ דער ארבעטער־באוועגונג (די פּעטערבורגער אונ מאָסקוועער שטרײַקנ פונ יענער צײַט).

ווײַטער גייט עס אפנ זעלבנ אופנ. אינ די ערשטע יאָרנ פונ XX יאָרהונדערט איז דער אופשטײַג פונ דער ארבעטער־באוועגונג פארבונדנ מיט די דעמאָנסטראציעס פונ 1901 יאָר. דערנאָכ האָבנ מיר דעמ ראָסטאָווער שטרײַק אינ 1902 יאָר, דעמ אלגעמיינעמ שטרײַק אפנ דאָרעמ אינ 1903 יאָר — דערנאָכ פאלט די ארבעטער־באוועגונג צײַטווײַליק: טיילווײַז האָט זי די זובאטאָווושטשינע דעזאָרגאניזירט, טיילווײַז זײַנענ געווענ עקאָנאָמישע סיבעס, וואָס האָבנ זי אראָפּגעזעצט, טיילווײַז די מילכאָמע, וואָס האָט צוגענומענ א געוויסנ

טייל פונעמ ארבעטער־קלאס אונ דעמ סאמע אקטיווסטנ טייל. אינ רעזולטאט פאלט די דאָזיקע באוועגונג. עס פאלט אויכ די אינטעליגענטישע באוועגונג. די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג פונ אנדערע קלאסנ פונ דער באפעלקערונג גייט אינ טאקט מיטנ אופשטייג אונ מיטנ פאלנ פונ דער כוואליע אינ דער באוועגונג פונעמ ארבעטער־קלאס.

אונ דאָס איז שייעכ ניט בלויז צו דער אינטעליגענצ. דעמלט, אינ די ערשטע יאָרנ פונ XX יאָרהונדערט, האָבנ שוינ געבונטעוועט ניט בלויז די אינטעליגענטנ, די סטודענטנשאפט אאוו., נאָר עס האָבנ געבונטעוועט, ווי איר ווייסט, אויכ די פויערימ. אינ פרילינג 1902 יאָר איז געווענ א גרויסע פויערישע באוועגונג אינ כארקאָווער אונ אינ פאָלטאווער גובערניעס. עס איז כאראקטעריסטיש, אז די דאָזיקע באוועגונג, וואָס האָט ארומגעכאפט די מיטעלע אונ די אָרעמע פויערימ, איז געגאנגענ פונעמ דאָרפ ליסיטשיא, וואָס איז געווענ איינער פונ די צענטערס, ווו עס איז פארשפרייט געווענ די „איסקרא“. די „איסקרא“ — אונדזער פארטיי־אָרגאנ, דער שלאכט־אָרגאנ פונעמ פראָלעטאריאט — איז געווענ פארבונדנ מיט דער דאָזיקער באוועגונג. אונ אויב מיר וועלנ נעמענ די קאָנקרעטע טרעגער פונ דער דאָזיקער באוועגונג, די אָנפירער פונ די פויערשע אָטריאדנ, וואָס האָבנ דעמלט גראָמירט די פריצישע הויפנ, — האָט זיי אפילע די דעמלטיקע פראָקוראָטור פארבונדנ מיט דער ארבעטער־באוועגונג. איינער א פראָקוראָר האָט בעפיירעש געשריבנ, אז די פויערימ, וואָס זיינענ אוועק אינ די פאבריקנ אפ פארדינגסטנ אונ האָבנ זיכ צוריקגעקערט אהיימ מאכמעס דעמ קריזיס אינ אָנהייב XX יאָרהונדערטנ (ווי איר ווייסט, איז דאנ געווענ אנ אינדוסטריעלער קריזיס אונ די ארבעטער האָט מענ ווירקלעכ פאנאנדערגעלאָזט, באזונדערס אפנ דאָרעמ), — די דאָזיקע ארבעטער זיינענ, לויטנ פראָקוראָרס רייד, טאקע געווענ די אָנצינדערס פונ דער דאָזיקער באוועגונג, זיי זיינענ געווענ אירע איניציאטערס.

אזוי אז אפילע די באאָבאכטער, וואָס האָבנ קיינ שומ שייכעס ניט געהאט צומ מארקסיזמ, האָבנ אופגעכאפט די דאָזיקע פארבינדונג צווישנ דער ארבעטער־כוואליע אונ דער כוואליע פונ דער פויערישער באוועגונג. דער פראָלעטאריאט איז געווענ אזויארומ דער העגעמאָנ פונ דער רעוואָליוציע, אליינ דאָס ניט באנעמענדיק, נאָכ ביזנ אָנהייב פונ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ, אינ פינקטלעכנ זינ פונ דעמ דאָזיקנ וואָרט — ביז דעמ אָנהייב פונ דער מאסנ־באוועגונג. די רעוואָליוציאָנערע מאסנ־באוועגונג פונ 1905 יאָר האָט זיכ געשטעלט פאר אונדז קוידעמקאָל ווי אנ ארבעטער־באוועגונג. דאָס איז ניט מיינ פאָרמולירונג, — דאָס איז לענינס א פאָרמולירונג. מיט עטלעכע וואָכנ, דוכט זיכ מיט צוויי וואָכנ פאר דעמ 9־טנ יאנוואר, האָט לענינ געשריבנ אינ זיינ ארטיקל „די זעלבסטהערשונג אונ דער פראָלעטאריאט“, אז אינ דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט קאָנ א מאסנ־באוועגונג האָבנ די פאָרמ בלויז פונ אנ ארבעטער־באוועגונג. פארשטייט זיכ, אז ניט פונ איינע ארבעטער אליינ. איכ האָב אייכ שוינ נאָרוואָס געבראכט א ביישפיל פונ די פויערימ, וואָס די דאָזיקע ארבעטער־באוועגונג פלעגט זיי אופוועקנ אונ זיי פלעגנ זיכ אופהייבנ, אָבער אינ גרונט האָט געמוזט ליגנ די ארבעטער־באוועגונג. עס איז טיפ געזעצמעסיק, וואָס די באוועגונג האָט זיכ בא אונדז אָנגעהויבנ פונ דעמ ארבעטער־אופשטאנד דעמ 9־טנ יאנוואר 1905־טנ יאָר אינ פעטערבורג. מיקויעכ דעמ 9־טנ יאנוואר עקזיסטירט אינ אונדזער ליטעראטור א גרויסע צאָל לעגענדעס. אָפרייניקנ די געשיכטע פונ דער רעוואָליוציע פונ 1905

יאָר פונ אלעריי שאָלעכצ — איז ביכלאַל איינע פונ אונדזערע גרונט־אויפגאבנ,
אַנ אויפגאבע, וואָס איז נאָכ ביז איצט ענדגילטיק ניט דערלייזט און וואָס אזוי־
גיכ וועט זיכ אונדז ניט אײַנגעבנ זי צו לייזנ. די היילִיקע בילדער און צלאָמימ,
וואָס די ניט־איבעריק באוווּסטזיניקע ארבעטער האָבנ גענומענ מיט זיכ אָפּ צו
גיינ צום ווינטער־פּאַלעצ, האָבנ אָנ שום ספק פּאַרטושירט דעמ רעוואָליוציאָ־
נערנ זינ פונ דער ארבעטער־ארויסטרעטונג אינ יאנוואר 1905 יאָר אינ פּעטער־
בורג. אָבער, כאַווייריִמ, מע דארפ ניט מיינענ, אז קאָמוניסטנ און דער קאָמוניזמ
ווערנ געבוירנ אָפּ דער וועלט אינגאנצנ פאַרטיקע — אי מיט אטעיִזמ אי מיט
אַלעמ איבעריקנ, וואָס עס דארפ פאַרמאָגנ א קאָמוניסט. דאָס קומט פאָר ווײַט
ניט אזוי מיטאמאָל. א סאַכ שפּעטער פונעמ 9־טנ יאנוואר האָט מענ אָפּ איינער פונ
די דאָרטיקע אײַזנבאנ־געצנ געמאכט א פאָרשלאָג אָפּצוריכטנ א טפּילע לעקאָוועד
א געלונגענעמ שטרײַק. דער דאָזיקער פאָרשלאָג איז ניט דורכגעגאַנגענ, ער
האָט ניט צענויפגעקליבנ קיינ מערהײַט. אָבער ער איז אונטערגעשטיצט געוואָרנ
זייער היימ. דאָס באווײַזט, אז די היילִיקע בילדער און די צלאָמימ זײַנענ לאַכלוטנ
ניט דער טאָכ פונ דער זאַכ, אז דער טאָכ איז באשטאנענ דערינ, וואָס די ארבע־
טער זײַנענ געגאנגענ צום צאר פאָדערנ פאר זיכ רעכט. זייער אומבאוווּסטזיניקײַט
האָט זיכ אויסגעדריקט דערינ, וואָס זיי זײַנענ געגאנגענ אָנ געווער, ווײַל זיי האָבנ
זיכ פאָרגעשטעלט, אז פונעמ צאר קאָנ מענ באקומענ עפּעס מיט גוטנ. דער 9־טער
יאנוואר האָט זיי אינ דער היִנזיכט ביטער אנטוישט. אָבער זיי זײַנענ געגאנגענ
פאָדערנ פאר זיכ רעכט, און די סאמע באוווּסטזיניקע צווישנ זיי האָבנ אויסגע־
ציִכנט פאַרשטאנענ, אז זיי קאָנענ באקומענ טאקע די דאָזיקע רעכט, אָבער זיי
קאָנענ אויכ צעשאָסנ ווערנ: מע האָט, אשטייגער, אָנגעטאָנ ריינע קליידער, גרייטנ־
דיק זיכ צום טויט, האָט מענ זיכ געזעגנט מיט די פאמיליעס אאוו. זיי האָבנ
געוווּסט, אז מע וועט שיסנ, געוווּסט, אז מע וועט עפּשער שיסנ, אָבער פונדעסט־
וועגנ האָבנ זיי זיכ ניט אנטשלאָסנ צו נעמענ זיכ פארנ געווער, ווײַל: „און
טאָמער וועט דער צאר דערהערנ“. עס האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז באמ צאר זײַנענ
די אויערנ אָפּ אזויפיל פאַרשטאָפּט, אז ער האָט גאָרניט געקאָנט דערהערנ.
אַלס ענטפער האָבנ זיכ די ארבעטער געכאפּט פאר דעמ געווער, וואָס זיי האָבנ
געהאַט אונטער די הענט. שוינ צו נידעריק שאצנ מיר אָפּ די דאָזיקע ערשטע
באריקאַדעס אָפּ דער טעריטאָריע פונ דער צארישער הויפּטשטאָט, וואָס זײַנענ
אנטשטאנענ אינאָוונט דעמ 9־טנ יאנוואר 1905 יאָר. אויב איר וועט דורכלייענענ
די ראַפּאָרטנ פונ די מיליטער־שעפנ, וועלכע האָבנ געהאַט צו טאָנ מיט די דאָזיקע
באריקאַדעס, וועט איר זענ, אז פארנ האַמוינ, וואָס איז באוואָפנט געווענ קימאַט
אויסשליסלעכ מיט שטיינער און בלויז אינ זעלטענע פאַלנ מיט רעוואָלווערנ, איז
דאָס געווענ א קאָלאָסאַלע דערגרייכונג, ווײַל די קאוואַלעריע איז האָב עטלעכע
מאָל אָפּגעטראָטנ פונ די דאָזיקע באריקאַדעס, די קאוואַלעריע איז אנטלאָפנ פונ
זיי, און בלויז דער אינפאנטעריע האָט זיכ אײַנגעגעבנ אײַנצונעמענ די דאָזיקע
ארבעטער־באריקאַדעס מיט א שטורעמ. דאָס איז געווענ א פּרווו פונ אַנ אויפ־
שטאַנד — און א גאנצ ערנסטער, באזונדערס אויב מע זאָל נעמענ אינ אכט ניט
בלויז די דאָזיקע באריקאַדעס, נאָר אויכ יענעמ גאנצנ אויפרײַס פונ דער שטימונג,
וועלכנ איינער אַנ אויסלענדישער קאָרעספּאָנדענט האָט זייער גוט באשריבנ. איכ
האָב אינ מײַנ ביכל געבראַכט די דאָזיקע ציטאַטע און איכ וועל זי ניט איבער־
כאַזערנ, ווי דער האַמוינ פלעגט אראָפּשלעפּנ פונ די שליטנס די אָפיצערנ, אראָפּ־

רײַסנ פונ זײ די עפּאָלעטנ אאַזװ. אויב איר װעט נעמענ די דאָזיקע בילדער פונ אַרבעטערצאָרנ, װעט איר זענ, אַז דעמ 9-טנ יאַנואַר האָט זיכ אָנגעהויבנ אַנ אופשטאַנד, װעלכנ עס האָט אויסגעפעלט צװײ זאַכנ: אָרגאַניזירטקײַט אונ באַװאָפענונג. לענינ אָבער איז געװענ פולשטענדיק גערעכט, װענ ער האָט פאַרבונדנ דעמ באַװאָפנטנ אופשטאַנד מיט דער אַרויסטרעטונג טאַקע פונעמ פּראָלעטאַריאַט. לענינס ערשטער אַרטיקל װעגנ א באַװאָפנטנ אופשטאַנד איז דאָכ אָנגעשריבנ מיקויעכ דער צעשיסונג פונ די אָבוכאָװער אַרבעטער אינ מײַ כוידעש 1901 יאָר. פונ דעמלט אָנ גײט ניט אַרויס דער באַװאָפנטער אופשטאַנד פונ זײַנ פּראָגראַמ. אינ „װאָס דאַרפ מענ טאָנ?" איז די דאָזיקע פּראָבלעמ אַװעקגעשטעלט געװאָרנ, װי איר װײסט, אַבסאָליוט דײַטלעכ. אונ װײַטער — פונ די דעלעגאַטנ, װאָס פאָרנ אויפנ צוזאַמענפאָר, װערנ צענויפגעזאַמלט ידיעס, װאָס פאַר א צוגרייטונג איז בײַ זײ, צי האָבנ זײ א פאַרבינדונג מיטנ מיליטער, צי קענענ זײ זיכ באַגײנ מיט געװער אאַזװ. אַזוי, אַז באַטראַכטנ דעמ באַװאָפנטנ אופשטאַנד, װי דאָס טוענ אײניקע היסטאָריקער, אַשטײגער, ראָזשקאָװ, אַלס אַנ אַנטפּלעקונג פונ אומבאַװוסטזיניקײַט, פאַרבינדנ די אופשטענדלערישע באַװעגונג מיט די אָפּגעשטאַנענע שיכטנ אַרבעטער — דאָס באַטײַט אינגאַנצנ איבערקערנ די װירקלעכקײַט מיט די פיס אַרויפ. געװענ איז פונקט פאַרקערט. דער סאַמע באַװוסטזיניקער טײל רעװאָליוציאָנערנ, דאָס „קעפּל" פונ די רעװאָליוציאָנערנ איז געװענ נעענטער פונ אַלצ צומ באַװאָפנטנ אופשטאַנד, ער איז די גאַנצע צײַט געקומענ אינ באַרירונג מיטנ באַװאָפנטנ אופשטאַנד.

איכ װעל ניט באַשרײַבנ יענעמ גראַנדיעזנ אָפּקלאַנג, װאָס דער 9-טער יאַנואַר האָט געגעבנ איבער דער גאַנצער דעמאָלטיקער רוסלענדישער אימפּעריע. איר װײסט, אַז אינ דעמ דאָזיקנ כוידעש האָבנ אינ רוסלאַנד געשטרײַקט אַרבעטער אינ 10 מאָל מער, אײדער מע האָט פריִער געשטרײַקט דורכשניטלעכ אינ א יאָר. דאָס איז געװענ א גראַנדיעזער אופרײַס, װאָס האָט קלאָר באַװיזנ, ביז װאָס פאַר א גראַד די צעשיסונג דעמ 9-טנ יאַנואַר האָט אָנגערירט אַלע אַרבעטער, ביז װאָס פאַר א גראַד די דאָזיקע צעשיסונג איז באַנומענ געװאָרנ אַלס א קלאַפּ, װאָס איז דערלאַנגט געװאָרנ דעמ גאַנצנ אונטער-קלאַס, אָנ אונטערשײד פונ נאַציאָנאַליטעט, — פּאָליאַקנ, לעטנ, קאַװקאַזער, אינ באַקו, װו עס זײַנענ געװענ פּערסנ אאַזװ., — אַלע האָבנ געשטרײַקט אַלס ענטפער אויפנ 9-טנ יאַנואַר. דער דאָזיקער שטרײַק איז געװענ פונקט אַזאַ זשעסט פונ צאָרנ, װי דאָס אַראָפּרײַסנ די עפּאָלעטנ בײַ די אָפיצערנ אונ דאָס אויספּאַטשנ גענעראַלנ אויפ די גאַסנ פונ פּעטערבורג אינאָװנט דעמ 9-טנ יאַנואַר. אַזוי װי די אָרגאַניזאַציע האָט ניט אַרומגעכאַפּט די דאָזיקע גאַנצע באַװעגונג אונ האָט זי ניט געקאָנט אַרומכאַפּנ, — קײנ שום אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע װאָלט דאָס ניט געקאָנט אַרומכאַפּנ, — איז א קלאָרע זאַכ, אַז די דאָזיקע באַװעגונג האָט ניט געקאָנט פאַרפעסטיקט װערנ מיט װאָסערע ניט איז באַשטימטע רעזולטאַטנ, אָבער זי האָט געגעבנ א גראַנדיעזנ אָפּקלאַנג אַפּריִער צװישנ דער אינטעליגענצ.

מיר װעלנ נעמענ די אינטעליגענצ פונ דעקאַבער 1904 יאָר, נאָכנ דורכפאַל פונ אונדזערע צװײ אַרויסטרעטונגענ — דעמ 28-טנ נאָיאַבער אינ פּעטערבורג אונ דעמ 6-טנ דעקאַבער אינ מאָסקװע. קעדײ אײַכ ניט צו פאַרהאַלטנ, װעל איכ זיכ ניט אַרײַנלאָזנ אינ קײנ אַנאַליז פונ די דאָזיקע דורכפאַלנ. איכ האַלט פאַר ניט גענוג, יענע ד׳רקלערונגענ, װעלכע מע גיט געװײנלעכ — װעגנ די פריִערדיקע

צווישנ די מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס. צום מאָמענט פונעמ אײַזנבאַנ־שטרײַק אין אָקטיאַבער איז געווענ ניט קיינ קלענערע רײַסערײַ צווישנ די עסערנ און סאָציאַל־דעמאָקראַטנ פונעמ אײַזנבאַנער־פאַריינ, פונדעסטוועגנ איז דער אָקטיאַבער־שטרײַק פאָרגעקומענ. איכ האַלט, אַז די סיבע איז געווענ יענע דעזאָרגאַניזאַציע, וואָס עס האָט אַנ סאָפעק אַרײַנגעטראָגנ דער גאַלעכ גאַפּאָנ, דעפּאָליציי־אַגענט, ווענעמ מע האָט, ווי איר ווייסט, איבערגעגעבנ צו „אָרגאַניזירנ“ די אַרבעטער־באַוועגונג און וועלכער האָט באַוויזנ צו גיינ ווײַטער פונ זובאַטאָווג. ער האָט באַוויזנ אַרײַנצוציענ אינ זײַנע רייענ אַפילע רעוואָליוציאָנער־געשטימטע אַרבעטער, פאַרפירנדיק מיט דער אידיי פונ זײַנ „פעטיציע“, מיט אַנ 8־שאָיקנ אַרבעט־טאָג אאַוו. די דאָזיקע דעזאָרגאַניזאַציע האָט דאָ געשפּילט איר ראָליע. אָבער ווענ דער 9־טער יאַנוואַר האָט אָנגערירט דעמ גאַנצנ אַרבעטער־קלאַס, האָבנ שוינ דאָ קיינע שום גאַפּאָנעס גאָרניט געקאָנט אופּטאָנ. דאָ איז — אָבער אינ קאָלאָסאַלע גרייסנ, פאַרשטייט זיכ, האַגאַמ אויכ אינ די גרענעצנ פונ איינ לאַנד, — פאָרגעקומענ דאָס, וואָס עס איז געשענ אינ מײַרעוו־אייראָפּע, ווענ מע האָט אינ אַמעריקע געקעפּט די צוויי אַרבעטער — סאַקאָ און וואַנצעטי. צוויי אַרבעטער האָט מענ געקעפּט אינ דער שטאָט באָסטאָנ, און פונדעסטוועגנ האָט מענ אינ רעזולטאַט געשלאָגנ אַמעריקאַנער אַפ די גאַסנ פונ פּאַריזש. דאָס איז, פאַרשטייט זיכ, ניט קיינ צופעלאַסטער פאַל אינ דעמ זינ, וואָס דאָס קעפּנ סאַקאָנ און וואַנצעטינ איז אַ פאַקט אַ סאַכ אַ קלענערער, איידער די צעשיסונג פונעמ 9־טנ יאַנוואַר, אָבער איר ווערט אַליינ דיסקאָנטירנ, וואָס פאַר אַ ווירקונג עס האָט געמוזט האָבנ אַפ דער אַרבעטער־מאַסע די צעשיסונג ניט פונ צוויי אַרבעטער, נאָר פונ הונדערטער אַרבעטער אַפ די פעטערבורגער גאַסנ. איכ וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסנ יענעמ, בעעמעס ווילדנ צאָרנ, מיט וועלכנ איינער אַנ אַרבעטער, אַ צעקאַליעטשעטער דעמ 9־טנ יאַנוואַר, האָט אַפ איינעמ אַ מיטינג גערעדט פאַר אונדז וועגנ ניקאָלײַ II. יענעמ געפיל, וואָס איכ האָב געהאַט צו ניקאָלײַ II, און וואָס איז, גלייבט מיר, לאַכלוטנ ניט געווענ קיינ פרײַנטלעכער, — איז געווענ לעבלעכ מילכ אינ פאַרגלייכ מיט דעמ זודיקנ וואַסער, אינ פאַרגלײַכ מיט דעמ, וואָס דער דאָזיקער אַרבעטער האָט אויסגעדריקט. און איכ ווייס ניט, וואָס עס וואָלט געשענ מיט ניקאָלײַ II, ווענ ער פאַלט אַרײַנ צו דעמ דאָזיקנ אַרבעטער אינ די הענט.

אַט די באַוועגונג, כאָזער איכ איבער, — די אַרבעטער־באַוועגונג, האָט גענעבנ אַ קאָלאָסאַלנ אָפּקלאַנג אינ אַנדערע קלאַסנ. ערשטנס, האָט זיכ אַ ריר געטאָנ די אינטעליגענץ, איכ האָב וועגנ דעמ אָנגעהויבנ ריידנ און זיכ אַליינ איבערגעריסנ. איר ווייסט, פאַרשטייט זיכ, אַז אינ נאָיאַבער האָבנ זיכ צונויפגעקליבנ די פאָרזיצערס פונ די זעמסקע אופּראַוועס און האָבנ מיט אַ ציטעריקער שטימ געבעטנ בײַ ניקאָלײַענ זייער ניט קיינ גרויסע האַנאָכעס. נאָכ דעמ האָט די אינטעליגענץ אינ מעשעכ פונ אַ כוידעש צײַט געלעבט מיט דער האָפענונג, אַז ניקאָלײַ וועט אײַנגיינ אַפ האַנאָכעס און וועט אונטערשרײַבנ אַ קאָנסטיטוציע, אַנ אַרומגעשניטענע קאָנסטיטוציע. די פאָרזיצערס פונ די זעמסקע אופּראַוועס האָבנ געבעטנ ווייניקער, איידער דאָס, וואָס ניקאָלײַ האָט אונטערנ דרוק פונ דער אַרבעטער־באַוועגונג געגעבנ זומער 1905/06. די מעלוכע־דומע, וואָס איז באַשאַפנ געוואָרנ לויט וויטעס געזעץ, איז געווענ עטוואָס אַרכירעוואָליוציאָנערעס אינ פאַרגלייכ מיט די פאָדערונגענ פונ די פאָרזיצערס פונ די זעמסקע אופּ־

ראוועס. אָבער אינ 1904 יאָר איז ניקאָליי נאָכ געווענ אפ אזויפיל זיכער אינ זיכ אונ אפ אזויפיל כוצפעדיק, אז ער האָט אָפגעוואָרפנ אפילע די דאָזיקע פאָדערונג פונ די פאָרזיצערס פונ די זעמסקע אופראַוועס אונ דעמ 12־טנ דעקאַבער איז דערשינענ א צארישער באפעל (אוקאז), וואָס האָט מודיע געווענ אלע טרייע אונטערטאנענ, אז קיינ שומ קאָנסטיטוציע וועט ניט זיינ. מע האָט באדארפט זענ די אראָפגעלאָזענע נעזער בא דער אינטעליגענצ: אלצ איז פארפאלנ, די ארבעטער זיינענ ארויסגעטראָטנ דעמ 28־טנ נאָיאבער, דעמ 6־טנ דעקאבער — עס איז גאָרניט ניט ארויסגעקומענ, דער צאר האָט קיינ קאָנסטיטוציע ניט אונטערגעשריבנ, — וועלנ מיר זיצנ בא זיכ אינ די צימערנ אונ וויינענ. אזוי איז געווענ דעמאָלט. מיר איז דעמאָלט אויסגעקומענ צו פאָרנ קיינ אויסלאנד צוליב אנ איניענ, אונ איכ האָב זיכ אומגעקערט אינ יאנוואר, גלייכ נאָכ דער צעשיסונג דעמ 9־טנ יאנוואר. איכ האָב געטראָפנ גאָר אנ אומגעריכט בילד: ווענ איכ בינ אָפגעפאָרנ, זיינענ די מענטשנ געזעסנ אינ זייערע ווינקעלעכ אונ האָבנ געוויינט, אונ איצט זיינענ זיי געווענ אלע העל־רויטע רעוואָליוציאָנערנ, וואָס האָבנ ווייניקער ווי אפ א דעמאָקראטישער רעפובליק ניט געוואָלט איינגיינ. אפ די מיטינגענ, וואָס האָבנ זיכ פאנאנדערגעוויקלט אומעטומ אונ איבעראל, האָט די אינטעליגענצ געהאלטנ די סאמע „שרעקלעכסטע״ רעדעס, וואָס מע קאָנ גאָר האלטנ, אונ האָט אָנגענומענ די סאמע „שרעקלעכסטע״ רעזאָליוציעס. דערנאָכ האָט זיי די פּאָליציי, פארשטייט זיכ, צעטריבנ אָנ שומ שוועריקייטנ, אָבער כאראקטעריסטיש איז דער אָפקלאנג, וואָס די ארבעטער־כוואליע האָט געגעבנ צווישנ דער אינטעליגענצ.

א מער ערנסטנ אָפקלאנג האָט די דאָזיקע כוואליע געגעבנ צווישנ דעמ פויערטומ. אייגנטלעכ, איז די באוועגונג אינ דאָרפ אינ פרילינג 1905 יאָר ניט געווענ באזונדערס אינטענסיוו. עמעס, זי איז זייער שלעכט דערלערנט. אז דער שטרייק אפ די בורעקעס־פלאנטאציעס פונ קיעווער גובערניע האָט געהאלטנ פארבינדונגענ מיט דער ארבעטער־באוועגונג אינ די צוקער־זאוואָדנ, — דאָס איז קלאָר, אָבער קיינער האָט דאָס דעטאל, גענוי ניט אנאליזירט. יעדנפאלס, איז די דאָרפישע באוועגונג פונ פרילינג 1905 יאָר געווענ ניט זייער קיינ גרויסע. א גרויסע געשעעניש איז אָבער געווענ דער אופשטאנד פונ „פאָטיאָמקינ“.

אָט דאָ קומט מיר אויס ארייַנטראָגנ א געוויסנ קאָרעקטיוו אינ דעמ געוויינלעכנ באגריפ. איכ האָב אויכ געשריבנ אונ מיר אלע האָבנ געשריבנ, אונ מיר אלע האָבנ געהאלטנ, אז דער פלאָט — דאָס איז געווענ דער פראָלעטארישער טייל פונ ניקאָלייס דעמ II־טנס מיליטערישער קראפט, אז מאטראָסנ — דאָס זיינענ ארבעטער, געקליידעט אינ מאטראָסישע רעקלעכ. די אומדערבארעמדיקע סטאטיסטיק, די איינגעשפארטע ציפערנ האָבנ מיר די לעצטע צייט דערוויזנ, אז די דאָזיקע פאָרשטעלונג איז לאכלוטנ ניט קיינ ריכטיקע. עמעס, דער פראָצענט ארבעטער אינ פלאָט איז געווענ א סאכ א גרעסערער, איידער אינ דער יאבאָשע־ארמיי: אינ דער אינפאנטעריע האָט זייער צאָל באטראָפנ סאכאקל 2½ פראָצ. אינ פלאָט — 8 פראָצ., אונ ער פלעגט דערגיינ ביז 14 פראָצ. עס איז כאראקטעריסטיש, אז גראָד אינעמ שווארציאמישנ פלאָט האָט דער דאָזיקער פראָצענט באטראָפנ 14 פראָצ., אָבער פונדעסטוועגנ — סאכאקל 14 פראָצ. ארבעטער, כאַווייריִמ, אפ 86 פראָצ. פויערימ. דער פלאָט איז אזויארומ געווענ אויכ א פויערשער. ארבעטער אינ דער צארישער ארמיי זיינענ געווענ, ערשטנס, די סאפיאָרנ, ווו עס איז געווענ פונ איינ דריטל ביז א העלפט ארבעטער, אונ, צווייטנס, די אייזנבאנער, וועלכע זיינענ

דורכויס רעקרוטירט געוואָרנ פונ די רייענ אײַזנבאנ־פּראָלעטאריאט. אָט דאָס איז געווענ דער אחבעטער־טייל, אונ דער פלאָט איז בלויז אינ ניט קיינ גרויסנ טייל געווענ א פּראָלעטארישער אָטריאד פונ דער צארישער ארמיי. דעמ פלאָט האָט מענ וועחבירט הויפּטזאכלעכ פונ צווישנ די פויערימ, וואָס זײַנענ צוגעווינט צו וואסער — פונ צווישנ די פויערימ, וואָס האָבנ געווינט באַ די ברעגעס פונ יאמ (זיי האָבנ געגעבנ א געוויסנ פּראָצענט, אָבער זייער ניט קיינ באדײַטנדיקנ, זיי האָבנ ניט געקאָנט געבנ קיינ באפּארבונג), אונ דערנאָכ—פונ צווישנ די פויערימ פונ בײַ־וואָלגער קאנט. די פויערימ, וואָס האָבנ געווינט לענגויס די שיפּבארע טײַכנ, זײַנענ געווענ, פארשטייט זיכ, די סאמע רירעוודיקע אונ די סאמע אנטוויקלטע, ווײַל די דאָזיקע טײַכנ זײַנענ געווענ גרויסע האנדל־ארטעריעס, אפ די טײַכנ איז געגאנגענ א שטענדיקע באוועגונג, אונ אָט דאָס לעבעדיקע קאָמערציעלע לעבנ האָט ניט געקאָנט זיכ ניט אָפּשפּיגלענ אפ די ארומיקע דערפער. ניט אומזיסט האָבנ נאָכ אינ דעמ צאר אלעקסיימס צײַטנ, אינ סטעפּאנ ראזינס טעג, געבונטעוועט גראָד די דאָזיקע דערפער. אזוי, אז דאָס איז געווענ דער סאמע לײַכטאופרעגלעכער טייל פונעמ פויערטומ, וואָס איז בעסער צוגעגרייט צומ אופנעמענ די רעוואָליוציע, — אויב מע זאָל ניט רעכענענ, פארשטייט זיכ, די פויערימ פונ די אינדוסטריעלע ראיאָנענ — פונ די פאבריק־ראיאָנענ. אונ אָט אפ דעמ דאָזיקנ באָדנ זײַנענ עס געפאלנ די לאָזונגענ פונ די רעוואָליוציאָנערע ארבעטער.

איכ האָב גערעדט וועגנ דעמ, אז די ארבעטער־באוועגונג האָט נאָכנ 9־טנ יאנוואר געגעבנ זייער א שטארקנ אָפּקלאנג אינ אנדערע קלאסנ, איכ האָב געזאָגט, אז זי האָט אופגעהויבנ אפ די פיס די אינטעליגענצ, וואָס האָט זיכ צומ סאָפ 1904 י. געדערשראָקנ אונ איז ארײַנגעפאלנ אינ ייִעש, אונ איכ בינ דערנאָכ אריבערגעגאנגענ דערצו, אז די ארבעטער־באוועגונג האָט פארכאפּט אויכ דאָס פויערטומ אונ האָט עס פארכאפּט גאנצ אייגנארטיק, אינ געשטאלט פונעמ פלאָט. דער אופשטאנד אפ דער פּאנצערשיפ „פּאָטיאָמקינ“ איז ניט געווענ קיינ אופשטאנד פונ ארבעטער, געקליידעט אינ מאטראָסישע רעקלעכ, ווי מיר שילדערנ אָפט אונ ווי איכ האָט געשילדערט, ווײַל 86 פּראָצ. מאטראָסנ פונעמ שווארציאמישנ פלאָט זײַנענ געווענ פויערימ. אָבער דאָס איז געווענ דער סאמע אנטוויקלטער טייל פונעמ פויערטומ, הויפּטזאכלעכ פונ בײַוואָלגער קאנט, וואָס האָט געווינט באַ די ברעגעס פונ גרויסע שיפּבארע טײַכנ אונ וואָס איז צוליב דעמ געווינט געווענ צו וואסער. פונדאנענ פלעגט מענ זיי טאקע נעמענ אינ פלאָט ארײַנ.

אזויארומ האָט שוינ די ארבעטער־באוועגונג צו זומער 1905 יאָר ארומגעכאפּט אויכ די שכיינישע שיכטנ, זי האָט אָנגעהויבנ מיטרײַסנ מיט זיכ די גאנצע קליינבירגערלעכע מאסע, אָנגעהויבנ פונ די אינטעליגענטישע אויבערשיכטנ אונ געענדיקט מיט אירע דאָרפישע אונטערשטע שיכטנ. האגאמ דער מאקסימומ פונ דער פויערישער באוועגונג אינ 1905 יאָר פאלט אויס אפ האחבסט, אונ ניט אפ פרילינג אונ ניט אפ זומער, — אזוי אז איכ פארלויפ פאָרויס, — נאָר דערלויבט מיר פונדעסטוועגנ זאָגנ א פּאָר ווערטער בענוגייע דער דאָזיקער פויערישער באוועגונג. אינ אונדזער היסטאָרישער ליטעראטור האָבנ מיר צו טאָנ מיט א סיסטעמאטישער אונ זייער אײַדעלער פאלסיפיקאציע אינ דער דאָזיקער הינזיכט. נאָכ דער רעוואָליוציע האָט די פרײַע עקאָנאָמישע געזעלשאפט ארויסגעגעבנ צוויי בענדער קאָרעספּאָנדענצנ פונ די ערטער וועגנ דער פויערישער באוועגונג, אָדער, ווי דאָרט איז געשריבנ, „וועגנ דער אגראר־באוועגונג פונ די יאָרנ 1905—1907“. אינ די דאָזיקע צוויי בענ־

דער, וואָס אנטהאַלטנ אינ זיכ, קלוימערשט, דאָקומענטנ, קאָרעספּאָנדענצנ פונ די ערטער, איז דורכגעפירט געוואָרנ יענע אידיי, אַז אינ דער שפּיצ פונ דער פויערישער באַוועגונג איז געגאַנגענ די דאָרפישע בורזשואזיע, איז געגאַנגענ דער באַלעגופ.

אזוי ווי איכ בינ א היסטאָריקער אונ אלס היסטאָריקער לײַד איכ אפ פעטישיזמ פונ דאָקומענטנ, אכ גלייב דאָקומענטנ, האָב איכ זיכ געלאָזנ פאַנגענ אפ דער דאָזיקער ווענטקע, אונ אינ מײַנע ביכער וועט איר געפינענ פונקט אזוינע זאכנ.

נאָכ דעמ האָבנ מיר זיכ דערגראָבנ צו גובערנאַטערישע אונ זשאַנדאַרמישע ראַפּאָרטנ פונ די ערטער. דאָס זײַנענ אויכ געווענ קאָרעספּאָנדענצנ, אָבער קאָרעספּאָנדענצנ אינגאַנצנ זאַכלעכע, קאָרעספּאָנדענצנ פונ מענטשנ, וואָס זײַנענ ניט אָנגעשטעקט מיט קיינע שומ סאָציאַלע באַשטעלונגענ, ווי די קאָרעספּאָנדענצנ פונ דער פרײַער עקאָנאָמישער געזעלשאַפט. אונ עס האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אַז די באַוועגונג איז ניט בלויז ניט אָנגעפירט געוואָרנ פונ די באַלעגופימ, נאָר זי איז געגאַנגענ קעגנ די באַלעגופימ.

די זשאַנדאַרמענ אונ גובערנאַטערס האָבנ אינ א גאַנצער ריי פאַלנ מודיע געווענ, אַז די באַוועגונג גייט ניט בלויז קעגנ די פּריצימ, נאָר אויכ קעגנ די רײַכגעוואָרענע פויערימ, באַזונדערס, אויב זיי האָבנ ארענדירט פּריצישע ערד אונ האָבנ זיכ געשטעלט אפנ אָרט פונ די פּריצימ. די פויערימ האָבנ גענומענ די אָביעקטיווע ווירקלעכקײַט: וויבאַלד דו ארענדירסט א פּריצישנ מאַיאָנטעק, ביסטו אלציינס, ווי א פּאָרעצ, אונ דאָס, וואָס דו ביסט אונדזערער א פויער, פונ אונדזער דאָרפ טאַקע — אפ דעמ שפּײַענ מיר. אונ זיי האָבנ גראָמירט די באַלעגופימ אונ ווידער האָבנ געשניטנ די פויערימ, אָרגאַניזירט ספּעציעלע דרוזשינעס אפ שלאָגנ די אָרעמע. די פויערימ זײַנענ געווענ אײַנגאַנצעס בלויז קעגנ די פּריצימ, — ווי נאָר יענע זײַנענ אראָפּגעוואָרפנ געוואָרנ לעכאַלאַפּאָכעס אפ א מינוט, האָט דער קלאַסנקאַמפ אינ דאָרפ אופגעפלאַקערט מיט אנ אומגלייבלעכער שאַרפקײַט. די פרײַע עקאָנאָמישע געזעלשאַפט האָט, איכ וויימ ניט — בעקיוונ אָדער ניט בעקיוונ, איכ מיינ, אַז גיכער בעקיוונ, פאַרקריפּלט די ווירקלעכקײַט לעטוווועס דעמ קלאַס, צו וועלכנ זי אליינ האָט געהערט אונ צו וועלכנ עס האָבנ געהערט אירע קאָרעספּאָנדענטנ אינ דאָרפ. ווײַל די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענטנ זײַנענ, פאַרשטייט זיכ, געווענ פונ צווישנ די באַלעגופימ, אונ זיי האָבנ זיכ אויסגעמאָלט, ווי פירער. וואָס פאַר א באַלעגופימ עס זײַנענ געווענ, וועל איכ אייכ ברענגענ בלויז צוויי ביישפּילנ. — איינער א שעווליאַגינ, ער האָט פאַרמאָגט 7 טויזנט דעסיאַטינ ערד. אימ האָט מענ גראָמירט פונקט ווי די פּריצימ, אָבער אָפיציעל אינ די דאָקומענטנ האָט מענ אימ גערופנ גאָסאָנ דמיטריעוו, אונ ניט „המיטריעוויטש“: הייסט עס, אַז דאָס איז אפילע ניט געווענ קיינ סוחער, ווײַל סאָחרימ פלעגט מענ שרייבנ — „וויטש“, — דאָס איז געווענ א פויער, אָבער ער האָט פאַרמאָגט 7 טויזנט דעסיאַטינ ערד, אונ אימ האָט מענ גראָמירט. איינציקע רופנ זיכ אָנ אינ די באַריכטנ „גוטבאַזיצערס“. איינער א פּאָטאַמאָשניעוו, וואָס דער גובערנאַטער אליינ האָט אימ כאַראַקטעריזירט פונ דער סאַמע ערגסטער זײַט, רופט זיכ גוטבאַזיצער, אונ ווײַטער איז צו זענ, אַז דער דאָזיקער פּאָטאַמאָשניעוו איז פונ צווישנ די פויערימ, טאַקע פונ דער זעלבער וואָלאָסט אאוו. אָט וואָס פאַר א פּריצימ דאָס זײַנענ, קויטיקע פּריצימ, אונ אָט די דאָזיקע קויטיקע לענדלאָרדנ האָט מענ געשלאָגנ פונקט אזוי, ווי מע האָט געשלאָגנ די פּריצימ. פאָרשטעלנ זיכ אונדזער דאָרפישע רעוואָליוציע, ווי עטוואָס זעלבשטענדיק פויערישעס, וואָס ווערט אָנגעפירט דורכ די אויבערשטע שיכטנ פונעמ פויערטומ, — איכ וויימ ניט, קאָנ זײַנ, אַז אינ XVIII-טנ י. ה. איז אזוי געווענ, קאָנ זײַנ, אַז'אינ XVII-טנ י. ה. איז אזוי געווענ,

אָבער אינ XX י. ה. איז אַזוינס ניט געווענ. אינעמ XX י. ה. האָבנ מיט דער פּויערישער באַוועגונג אָנגעפירט די אַרבעטער. אונ דאָס, וואָס איכ האָב אייכ געזאָגט מיקייעכ דער פּויערישער באַוועגונג פונ 1902 יאָר, איז אַבסאָליוט ריכטיק אויכ בענגייע דער באַוועגונג פונ 1905 יאָר. די פּויערימ גייענ אַוועק אַפ פּאַרדינסטנ אינ די שטעט, דאָרט ווערנ זיי אָנגעפילט מיט שטרײַקערישנ גײַסט, זיי קערנ זיכ אומ צוריק אינ דאָרפ, שטעלנ זיכ אינ דער שפּיצ פונ די פּויערימ, וואָס גראָמירנ די פּריצישע גיטער אאַוו. דאָס איז אַנ אומעטומיקע דערשיינונג. מע דאַרפ אינ זינענ האָבנ, אַז די דאָזיקע גובערנאַטערישע, זשאַנדאַרמישע ראַפּאָרטנ האָבנ לויט זייער כאַראַקטער אַליינ ניט געקאָנט האָבנ קיינ שומ מיינ צו פעלשנ די ווירקלעכקײַט, — דאָס זײַנענ געווענ געהיימע ראַפּאָרטנ, זיי האָבנ געשילדערט דאָס, וואָס די זשאַנדאַרמענ, גובערנאַטערס אונ זייערע באַאַמטע האָבנ ווירקלעכ געזענ. זיי האָבנ געזענ אַזאַ בילד: אָפּט זײַנענ דאָס געווענ דאָניעצער אַרבעטער, שאַכטיאָרנ, וואָס האָבנ געהאַנדלט באַזונדערס ענערגיש אונ האָבנ געלאָזנ אינ גאַנג דינאַמיט, מיט וועלכנ זיי זײַנענ צוגעווינט געווענ צו האָבנ צו טאָנ אינ די שאַכטעס, צומאָל — אַרבעטער פונעמ בריאַנסקער אַרסענאַל אאַוו., — אָט ווער עס איז געשטאַנענ אינ דער שפּיצ פונ די דאָזיקע אָטריאַדנ. אונדזער פּויערישע רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר איז אַנטשטאַנענ אינ דער אַטמאָספער, וואָס די אַרבעטער־רעוואָליוציע האָט געשאַפנ. די אַרבעטער־רעוואָליוציע האָט געשלעפּט די פּויערישע מאַסע, געשלעפּט די אָרעמע, מיטעלע מאַסנ נאָכ זיכ, אָנגעפיהט מיט זיי, דורכגעזאַפּט זיי מיט אירע לאָזונגענ אונ דורכגעזאַפּט אַזוי, אַז די פּויערימ, וואָס האָבנ אָנגעהויבנ די רעוואָליוציע ווי אָנצווייפלדיקע אופּריכטיקע מאָנאַרכיסטנ, האָבנ אינ דער צווייטער דומע, אינ האַרבסט 1906 יאָר אויסגעוויילט דורכויס אונ אומעטומ עסערנ, עסדעקנ, טרודאָוויקעס אדג., ד. ה. מענטשנ, וואָס זײַנענ בעפּירעש געגאַנגענ קעגנ דעמ צאַר, אויסגעוויילט מענטשנ ניט קיינ „זיכערע", וועמענ מע האָט אַרעסטירט אונ וועגנ וועלכע זיי האָבנ געוווּסט, אַז זיי זײַנענ געזעסנ אינ טפיסע דערפאַר, וואָס זיי האָבנ געקעמפט קעגנ דעמ צאַר. די פּויערימ האָבנ דאָס אויסגעצייכנט געוווּסט, אָבער פונדעסטוועגנ האָבנ זיי אויסגעוויילט אָט די מענטשנ אינ דער דומע. אָט ווי עס האָט זיכ געענדערט די שטימונג פונעמ פּויערטומ פאַר דער דאָזיקער צײַט, געענדערט, פאַרשטייט זיכ, אונטער דער אופּווירקונג פונ דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע, אונטער דער אופּווירקונג פונ דער אַרבעטער־באַוועגונג. די דאָזיקע פאַקטנ באַגרינדנ אַפ אַזויפיל דײַטלעכ די העגעמאָניע פונ דעמ פּראָלעטאַריאַט אינ אונדזער בורזשואַזער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר, אַז קיינ בעסערע באַרעכטיקונג פאַר דער טעאָריע מיצאַד דער געשיכטע קאָנ מענ זיכ אַפילע ניט פאָרשטעלנ. די העגעמאָניע פונעמ פּראָלעטאַריאַט אינ דער בורזשואַזער רעוואָליוציע האָט דאָכ לענינ אַרויסגעפירט אַפ אַ טעאָרעטישנ אויפנ, אָבער די געשיכטע האָט די דאָזיקע טעאָריע באַרעכטיקט אַפ אַלע הונדערט פּראָצענט. מע קאָנ ניט דענקענ די פּויערישע רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר אָנ דעמ פּראָלעטאַריאַט אַלס פירער.

דער פּראָלעטאַריאַט גופע האָט דעמלט געהאַלטנ אינ דורכגיינ זייער אַ גרויסע שול, אונ אַ טייל פונ דער דאָזיקער שול, — וואָס האָט, צומ באַדויערנ, ביז איצט ווייניק צוגעצויגנ צו זיכ די אויפמערקזאַמקײַט פונ די היסטאָריקער, — איז געווענ דער איוואַנאָוואָ־וואָזנעסענסקער שטרײַק זומער 1905 יאָר. ער האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ מײַ אונ האָט זיכ פאַרענדיקט אינ יול. געצויגנ האָט ער זיכ זייער לאַנג אונ, ווי איר ווייסט, איז ער געווענ זייער אַ פאַראַקשנטער. אינ ביכער, וואָס אונדזערע נײַע היס־

טאָריקער גיבן ארויס, קומט מיר איצט אויס צו טרעפן קימאט א גרינגשעצנדיקע מיינונג וועגן דעם דאָזיקן שטרייק. נו, — זאָגט מען, — וואָס איז דאָרט אזוינס, די טעקסטילער האָבן געקעמפט פאר א העכערונג פונעם ארבעטלוין, אן עקאָנאָמישער שטרייק, — און מע זאָגט זיך אפילע אָפ צו אָנערקענען פאר דעם דאָזיקן שטרייק איועלכע ניט איז רעוואָליוציאָנערע באדייטונג. כאוויירים, ער האָט געהאט א קאָלאָסאַלע רעוואָליוציאָנערע באדייטונג. פריער פאר אלץ איז דאָס געווען דער ערשטער גרויסער, איך וואָלט געזאָגט, גראנדיעזער שטרייק, וואָס האָט ארומגעכאפט 30 טויזנט מאן אין מאָסקווער אינדוסטריעלן ראיאָן. אפילע נאָכן 9־טן יאנוואר האָט מען אין מאָסקווער אינדוסטריעלן ראיאָן געשטרייקט גיט פויגלדיק, א סאך ערגער, איידער אין ווארשע, אין ריגע, אָדער אפן דאָרעם, אין אוקראינע, — דאָרט האָט מען געשטרייקט א סאך איינמוטיקער; דער איוואנאָוואָ־וואָזנעסענסקער שטרייק ווידער איז געווען דער ערשטער דונער־קלאפ אפן לויטערן הימל פונעם מאָסקווער קאפיטאליזם. צום ערשטן מאָל האָבן די מאָסקווער בורזשוא, מאָסקווער ניט אינעם זין פון דער שטאָט, נאָר מאָסקווער אין זין פון דער געגנט, דערפילט אף זיך, אז עס דערנעענטערט זיך די רעוואָליוציע. עס איז ביז גאָר כאראקטעריסטיש, אז ביים עס האָט זיך אָנגעהויבן דער דאָזיקער שטרייק, האָבן די ארבעטער מוירע געהאט נעמען סאָציאָל־דעמאָקראטישע פראָקלאמאציעס און פלעגן אָפציטערן באם אויסרוף: „אראָפ די זעלבסטהערשונג!" און אז דער שטרייק האָט זיך פארענדיקט, אף דער לעצטער פארזאמלונג, האָבן זיי אליין געשריען: „אראָפ די זעלבסטהערשונג!" די דאָזיקע פאָליטישע שול, וואָס זיי זיינען דורכגעגאנגען, האָט פאר אונדז אן אויסערגעווייגלעכן ווערט, און זי באווייזט, ווי אומגעלומפערט עס איז אויסצובויען עפעס א וואנט צווישן אן עקאָנאָמישן און א פאָליטישן שטרייק. ניין, דאָ איז ניטאָ קיין וואנט, דיאלעקטיש גייט איינס אריבער אין דאָס אנדערע. לעניג האָט דאָס שטענדיק באטאָנט בענעגייע דעם 1905 יאָר. און עס איז גאָר ניט אזוי וויכטיק, צי דער אָדער יענער שטרייק שטעלט ארויס פאָליטישע לאָזונגען. און די פאָליציי האָט דאָס אף איר שטייגער אויך פארשטאנען: יעטווידער מאסנהאנדלונג, יעטווידער פארשווערונג האָט זי גערוידעפט אלציינס, צי די דאָזיקע באוועגונג האָט פאר זיך געשטעלט עקאָנאָמישע צילן אָדער פאָליטישע צילן. די פאָליציי האָט אויסגעצייכנט פארשטאנען, אז ניט דאָס איז דער איקער, אז ווען דער עקאָנאָמישער שטרייק וועט זיך אָנשטויסן אף דער פאָליציי און אף די באגנעטן פונעם מיליטער, וועט ער אריבערגיין אין א פאָליטישן, ער וועט אומפארמיידלעך אָנעמען א רעוואָליוציאָנערן כאראקטער. גראָד דער איוואנאָוואָ־וואָזנעסענסקער שטרייק איז אין דער הינזיכט זייער כאראקטעריסטיש. ניט אומזיסט איז פון אים ארויס דער ערשטער ראט פון ארבעטער־דעפוטאטן — איך בעט אנטשולדיקונג בא די, וואָס זיינען ניט מאסקים — דער ערשטער עמעסער ראט פון ארבעטער־דעפוטאטן.

אָט די דאָזיקע שול האָט טאקע צוגעפירט דעם ארבעטער־קלאס צו יענער אידיי, וואָס איז רעאליזירט געוואָרן אין אָקטיאבער 1905 יאָר, צו דער אידיי פון אן אלגעמיינעם שטרייק. פארשטייט זיך, אז דער ארבעטער־קלאס איז צוגעקומען צו דער דאָזיקער אידיי ניט סטיכייִש, — טאקע אף דער באזע פון דער שטימונג, וואָס דער איוואנאָוואָ־וואָזנעסענסקער שטרייק האָט געשאפן, הייבט אָן אונדזער פארטיי, דער מאָסקווער קאָמיטעט, אין יול כוידעש רופן צו אן אלגעמיינעם שטרייק, דערווייל די ערשטע צייט — אָן דערפאָלג. אָבער עס איז אויסערסט כאראקטעריסטיש, וואָס דער צווייטער צוזאמענפאָר פון די אייזנבאנער,

וואָס האָט זיך צונויפגעזאַמלט דעם 24־טן יול און וואָס איז באַשטאַנען, דעריקער, פון פאָרשטייער פון די אָנגעשטעלטע, ד. ה. פון דער קליין־בורזשואַזיע (פון 16 אײַזנבאַנער, וואָס זײַנען אַפּ אים געווען פאַרגעשטעלט, האָבן בלויז אַפּ 6 געהערשט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, ד. ה. עס האָבן געהערשט די אַרבעטער, און די איבעריקע צען זײַנען געווען אין די הענט פון די עסערן, אָסוואָבאָזשדענצעס אאַוו.), האָט אָנגענומען אַן אײנשטימיקן באַשלוס וועגן צוגרייטן אַן אַלגעמיינעם אײַזנבאַנשטרײַק — אַן אײַזנבאַן־שטרײַק, אָבער אַן אַלגעמיינעם און מיט פּאָליטישע לאָזונגען.

דערמיט טראָג איך אַרײַן אַ קאָרעקטיוו ווידעראַמאָל אין מײַנע אײגענע ווערטער. איך האָט אײנמאָל דעם אָקטיאַבער־שטרײַק אָנגערופן סטיכיייִשער. ער איז געווען, פאַרשטייט זיך, אין אַ געוויסן זין אַ סטיכיייִשער, און ניט אינגאַנצן גערעכט זײַנען יענע כאַווײרים, וואָס פרווון זיך מיך פאַריכטן און פירן אים אַריבער פון אַ סטיכיייִשן אין אַ צופעליקן. אײנער אַ כאַווער, לעמאָשל, אַ דעמלטיקער מיטגליד פונעם פּעטערבורגער ראַט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן, זאָגט אין זײַנע זיכרוינעס: אײניקע „היסטאָריקער" (אין פּיסלעכ) רופן אָן דעם דאָזיקן שטרײַק סטיכיייִשער, — קײן שום סטיכיייִשקײט איז דאָ ניט געווען, אויב מע זאָל ניט רעכענען, אַז פאַר אונדזער פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט דער שטרײַק געהאַט אינגאַנצן אַן אומגעריכטן כאַראַקטער. נו, אויב אַזוי, ווייס איך שוין ניט, וואָס הײסט אַזוינס סטיכיייִשער שטרײַק. און די מײַסע,—זאָגט ער,—באַשטייט גאָרניט אין דער סטיכיייִשקײט, נאָר דערין, וואָס זאַוואָדישע יאַטלעכ, איצטיקע פּיאָנערן, וואָס האָבן זיך אָנגעהערט וועגן שטרײַק, האָבן געגעבן אַ פּײַפּ אָפּצושטעלן די פאַבריק, און נאָך דעם האָט דער קאָמיטעט גענומען די זאַך אין זײַנע הענט. נו, אויב דער פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט נאָך די יאַטלעכ גענומען די זאַך אין זײַנע הענט, האַלט עס מיטן קאָמיטעט זייער שלעכט. עס איז, פאַרשטייט זיך, ריכטיק, אַז די אידיי פון אַן אַלגעמיינעם שטרײַק האָט עקזיסטירט פריִער, אַז פאַר אַן אַלגעמיינעם שטרײַק האָט מען פּראָפּאַגאַנדירט, און די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע האָט אָן שום ספק געגעבן אירע רעזולטאַטן, אירע פּרוכטן אינעם אָקטיאַבער־שטרײַק.

אַפּ די אײַזנבאַנער קאָנען מיר דאָס נאָכשפּירן גאַנץ קאָנסעקווענט. די גאַנצע צײַט נאָך דעם דאָזיקן באַשלוס זייערן אַפּן צוזאַמענפאָר דעם 24־טן יול האָבן זיי זיך ניט געשיידט מיט דער אידיי פון צוגרייטן אַן אַלגעמיינעם שטרײַק. באַזונדערע ליניעס טרעטן אַרויס אין אווגוסט, אַנדערע — אין סענטיאַבער, דער גאַנצער פאַריין וואַרפט דעם דאָזיקן לאָזונג דעם 4־טן אָקטיאַבער, און בלויז אַדאַנק דעם, וואָס אין דער מערהײַט זײַנען געווען, ווי איך האָב געזאָגט, עסערן, האָט זיך בא זיי גאָרנישט ניט באַקומען, ווייל די עסערן האָבן געהאַט קנאַפּע פאַרבינדונגען. דעמלט האָבן זיך פאַר דער אַרבעט גענומען די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, און מיט זייער הילף איז דער אַלגעמיינער אײַזנבאַן־שטרײַק געוואָרן אַ רעאַלע זאַך. די ערשטע האָט פאַרשטרײַקט די קאַזאַנער אײַזנבאַן, דערנאָך אַנדערע, דערבײַ איז זייער כאַראַקטעריסטיש, אַז אָנגעהויבן שטרײַקן האָבן די וואַרשטאַטן, ד. ה. ווער? די אַרבעטער־מעטאַליסטן פון די אײַזנבאַן־וואַרשטאַטן, — דער סאַמע שלאַכטפייִקער אָטריאַד אַרבעטער־מעטאַליסטן, וואָס האָט בכלל עקזיסטירט אין יענע צײַטן. זיי זײַנען געווען די ערשטע, אַזוי צו זאָגן, אָנצינדער, אָנהייבנדיק פון סאָפּ 90־ער יאָרן, זיי האָבן די ערשטע אַרויסגעשטעלט דעם לאָזונג פון אַן 8־שאָיִקן אַרבעט־טאָג. אין אַלע שטרײַקן, צב. אינעם גראַנדיִעזן ראָסטאָווער שטרײַק, אין

נאָיאַבער 1902 יאָר, זעט איר זיי אויפן ערשטן אָרט. אַזוי אַז עס האָבן אָנגעהויבן, אייגנטלעכ געררעדט, די אַרבעטער־מעטאַליסטן, ווײַל — איכ ווייס ניט, — מיט וואָס אייגנטלעכ אונטערשיידן זיכ די אַרבעטער־מעטאַליסטן אײַזנבאַנער פונ מעטאַליסטנ בכלל: עפּשער, זײַנען מײַנע טעכנישע ידיעות ניט קיין גענוגע, נאָר מיר דוכט זיכ, אַז דאָס זײַנען אַרבעטער־מעטאַליסטן. זיי האָבן פאַרשטרײַקט די ערשטע אויפ קורסקער־בריסקער אײַזנבאַנ, ווי זי האָט דעמאָלט געהייסנ, דערנאָכ האָבן פאַרשטרײַקט די מאַשיניסטנ פונ קאַזאַנער אײַזנבאַנ, דערנאָכ האָבן זיכ אָפּגעשטעלט אַלע באַנען. אויב איר ווילט, כאַווירים, איז דאָס, פאַרשטייט זיכ, געווען פאַר אונדז פונקט אַזאַ אומגעריכטע זאַכ, ווי דער פײַפּ אויפן פּוטילאָווער זאַוואָד, ווענג וועלכנ עס דערציילט דער דערמאָנטער כאַווער. איכ געדענק, ווי מיר האָבן געבויט אונדזער פּלאַנ פונ אַרויסטרעטונגען אויפ הארבסט 1905 יאָר. די פאַרזאַמלונגען פונ אונדזער לעקטאָריש־ליטעראַטורישער גרופּע פלעגנ פאָרקומען בא מיר אינ דירע אינ אָנהייב סענטיאַבער. איכ געדענק זייער גוט, ווי מיר האָבן זיכ געקליבנ אויסצונוצנ די אוניווערסיטעטישע אויטאָנאָמיע, כדי צו אָרגאַניזירנ מיטינגען אינ די הויכשולנ. דאָס איז געווען פאַר דער שטרײַק־באַוועגונג. הייסט עס, אַז עס וועט זײַנ אַנ אָנגריפ אויפ דער זעלבסטהערשונג — דאָס האָבן מיר געוווסט, דאָס איז ניט געווען קיין נײַס, אָבער אַז אָט־דער אָנגריפ וועט אָננעמען אַ פאָרם טאַקע פונ אַנ אַלגעמיינעמ שטרײַק — האָבן מיר ניט געוווסט, אונ דאָס קאָנ איכ ווידעראַמאָל אילוסטרירנ מיט אַ בײַשפּיל פונ מײַנע אייגענע זיכרוינעס.

לויט דער דאָזיקער פּראָגראַמ פלעגנ מיר ניט נאָר אָרגאַניזירנ מיטינגען אינ מאָסקווע, נאָר מיר פלעגנ אויכ אַרומפאָרנ איבער דער געגנט. איכ בינ געפאָרנ קיינ סמאָלענסק אונ בינ דאָרט שיר ניט געבליבנ, ווײַל עס האָט זיכ אָנגעהויבנ דער אײַזנבאַנ־שטרייק; איכ האָב זיכ אומגעקערט מיט איינעמ פונ די לעצטע צוגנ. אַזוי אַז מיר האָבן ווירקלעכ ניט פאָרויסגעזען די פאָרמ, אינ וועלכער עס וועט פאָרקומען די אַרויסטרעטונג. אָבער אַז אַנ אַרויסטרעטונג וועט זײַנ, אַז עס וועט זײַנ אַ נײַע רעוואָליוציאָנערע כוואַליע, — דאָס האָבן מיר פאָרויסגעזען. אונ אונדזערע קאָמיטעטנ האָבן אינ זייערע אויפרופנ פאָרויסגעזען אויכ די פאָרמ, — זיי האָבן גערופנ טאַקע צו אַנ אַלגעמיינעמ שטרײַק.

דער אָקטיאַבער־שטרײַק איז ניט אַריבער אינ קיינ באַוואָפנטנ אויפשטאַנד. אַ סאַכ כאַווירים פרעגנ: וויאַזוי איז דאָס? — זיי מיינען, אַז דאָ איז עפּעס פאַראַנ אַ פעלער, וואָס ער איז ניט אַריבער אינ קיינ באַוואָפנטנ אויפשטאַנד. לויט מײַנ מיינונג, איז דאָ קיינ שום פעלער ניטאָ פונ קיינעמס צאַד ניט, אונ די זאַכ איז דאָ אינגאַנצנ אַ נאַטירלעכע, אויב מע זאָל נעמען אינ אַכט די דיאַלעקטיק פונ דער אַרבעטער־באַוועגונג אינגאַנצנ גענומען. אינ יאַנוואַר 1905 יאָר האָבן די אַרבעטער געמיינט, אַז מיטנ צאַר קאָנ מענ ריידנ מילד, מיט גוטנ, — אונ האָבן זיכ דעריינ ביטער אַנטוישט. אינ אָקטיאַבער זײַנען זיי געקומען צומ געדאַנק, אַז דעמ צאַר מוז מענ באַווײַזנ אַ פויסט, אונ דעמאָלט וועסטו זיכ פונ אימ עפּעס וואָס דערשלאָגנ, אָבער מער ניט ווי באַווײַזנ אַ פויסט. אַז מע דאַרפ קעגנ דעמ צאַר לאָזנ אינ גאַנג געווער — דאָס איז געווען די אידיי פונ אַ שפּעטערדיקנ עטאַפּ, וועלכע איז דעמאָלט געווען צוטריטלעכ בלויז פאַר אַ מינדערהײַט פונעמ אַרבעטער־קלאַס. וואָס וואָלט געווען, ווען מיר וואָלטנ אינ אָקטיאַבער דערקלערט אַ באַוואָפנטנ אויפשטאַנד? עס וואָלט פאָרגעקומען אַנ אָנצווייפלדיקער אײַנרײַס צווישנ דעמ אַרבעטער־קלאַס אונ זײַנ אַוואַנגאַרד. די מאַסנ, וואָס האָבן נאָכ ניט צעקײַט די

באַדײַטונג פונעם מאַניפעסט פונ 17־טנ אָקטיאַבער, וואָלטנ מיסטאָמע געבליבנ רויִק. עס וואָלט זיכ באַקומענ אַזאַ בילד, ווי דאָס, וואָס די בורזשואַזע היסטאָריקער רופנ אונדז אונטער אַלס „אַ דעקאַבער־אופשטאַנד פונ די באָלשעוויקעס“. אונ, צומ באַדויערנ, — ניט נאָר די בורזשואַזע, ווער ניט ווער פונ אונדזערע האָט זיכ אויכ אָנגעשטעקט דערמיט, באַ אײניקע פונ אונדז קאָנט איר, כאַווײרים פּרעסניער, דורכלײענענ יעדיִעס, וואָס וועלנ שטאַרק כאַנפענענ אײער אײגנליבע, אָבער היס־טאָריש זײַנענ זײ ניט ריכטיק, — נעמלעכ, יעדיִעס, אַז דער אופשטאַנד אינ דעקאַבער 1905 יאָר איז קלוימערשט געווענ אַנ אופשטאַנד פונ אַרבעטער בלויז אַפ דער פּרעסניע, אונ אינ די איבעריקע ערטער זײַנענ די אַרבעטער מיטנ אופשטאַנד ניט געווענ פאַרבונדנ. אָבער אַנטשולדיקט — אונ אינ די אײַזנבאַנ־ראַיאָנענ ווער האָט זיכ געשלאָגנ, אונ אינ בוטירקער ראַיאָנ, ווו מיר מיט אײַכ געפינענ זיכ, — ווער האָט זיכ געשלאָגנ? ווי זשע קאָנ מענ עס זאָגנ, אַז בלויז אינ פּרעסניע אַלײנ זײַנענ די אַרבעטער געווענ פאַרבונדנ מיטנ אופשטאַנד אונ אינ דער איבעריקער מאָסקווע זײַנענ די אַרבעטער קלוימערשט ניט געווענ פאַרבונדנ, נאָר זײ האָבנ בלויז פונ דער זײַט געקוקט אַפ דעמ דאָזיקנ אופשטאַנד. עס הײבט זיכ גאָרניט אָנ, — אינ דעקאַבער 1905 יאָר האָט אינעמ אופשטאַנד אינ טאָכ אָנטײלגענומענ די גאַנצע אַרבעטער־מאַסע. אויב זי האָט ניט געקאָנט באַווײַזנ דעמ דאָזיקנ אָנ־טײל, איז דאָס צוליב אַ גאַנצ אײנפאַכער סיבע: קײנ שום אָרגאַניזאַציע, קימאַט קײנ שומ געווער איז ניט געווענ. אַפ יעדנ בראַונינג זײַנענ געווענ 8 אַזוינע, וואָס האָבנ אימ געוואָלט. סאָפּקאָלסאָפּ זײַנענ פאַראַנ געוויסע מאַטעריעלע מעגלעכקײַטנ, אונ די דאָזיקע מאַטעריִעלע מעגלעכקײַטנ האָבנ געבראַכט דערצו, אַז אינעמ אופשטאַנד האָבנ אָנטײל גענומענ, אומגעפער, לויט לעניִנס אויסרעכענונגענ, 8 טויזנט אַרבעטער אַפ אַ 180 טויזנטדיקנ מאָסקווער פּראָלעטאַריאַט. אָבער דער פּראָלעטאַריאַט איז ניט צוליב פּאַכדאָנעס ניט געגאַנגענ צומ אופשטאַנד — דאָס האָט ער דערוויזנ מיט די מאַניפעסטאַציעס. די דאָזיקע מאַניפעסטאַציעס זײַנענ דאָכ צעשאָסנ געוואָרנ מיט שראַפּנעלנ, די דאָזיקע מאַניפעסטאַציעס זײַנענ צע־טריבנ געוואָרנ דורכ קאָזאַקנ אונ דראַגונער, וואָס האָבנ געבראָכט מענטשנ, אָבער די אַרבעטער זײַנענ דערופ געגאַנגענ. שלאַכט־ענטוזיִאַזמ איז אינ דעקאַבער געווענ וויפל איר ווילט. — קײנ געווער איז אינ דעקאַבער ניט געווענ, קײנ אָרגאַניזאַציע איז אויכ ניט געווענ. דערמיט דערקלערט זיכ, פאַרוואָס עס איז אַרונטערגעריסנ געוואָרנ אונדזער דעקאַבער־אופשטאַנד.

איכ בינ אַ ביסל פאַרלאָפנ פאָרויס, ווײַל איכ האָב אײַכ געוואָלט באַווײַזנ, אַז אינ אָקטיאַבער 1905 יאָר זײַנענ מיר נאָכ ניט רײפ געווענ פאַר אַ באַוואָפנטנ אופ־שטאַנד. אַפילע די, וואָס האָבנ אַרויסגעלאָזנ דעמ שווינדל־מאַניפעסט פונ 17־טנ אָקטיאַבער, האָבנ ספּעקולירט אַפ דער דאָזיקער אומבאַוווּסטזיניקײַט פונ די מאַסנ. איכ ווײס ניט, צי ס'איז אײַכ באַוווּסט אָדער ניט, אַז דער עמעסער באַגײַסטערער פונעמ מאַניפעסט פונ 17־טנ אָקטיאַבער איז געווענ גאָר ניט וויטע, גאָרניט ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש, דער אַזויגערופענער גרויספירשט, נאָר דאָס איז געווענ אַנ אַר־בעטער אושאַקאָוו, — אַ טיפּישער מוסטער פונ די געלע פּראָפעסיִאָנאַליסטנ. איר ווײסט, וואָס עס הײסט אַזוינס געלע פּראָפּאַרײנענ. איז אָט, דאָס איז געווענ אַ רוסישער עמבריִאָנ פונ אַנ אַמעריקאַנישער אַרבעטער־פעדעראַציע אָדער פונ אַנ אַנדער אַזאַ בעקאָוועדיקנ אינסטאַלט, וואָס לעבט פונ מעקלערײַ צווישנ די אַרבע־טער אונ אונטערנעמער, פאַרשטײט זיכ, אַפנ כעזשבנ פונ די אַרבעטער אונ

לעטוויוועס די אונטערנעמער. דער דאָזיקער ווישאַקאָוו איז אײַנגעגאַנגענ צו ווײַזנ, דער דאָזיקער ווישאַקאָוו איז געגאַנגענ צו ניקאָלײַ ראָמאַנאָוונ — צום גרויספירשט — אונ האָט זיי דערציילט, אַז צווישנ די אַרבעטער ווילנ זיכ א סאַכ דערשלאָגנ בלויז, אַז מע זאָל זיי געבנ דאָס רעכט צו אָרגאַניזירנ פאַרייִנענ. אויב זיי וועלנ דאָס דאָזיקע רעכט באַקומענ, וועלנ זיי פאַרלאָזנ די רעוואָליוציאָנערנ. אַפ דעמ דאָזיקנ פּאָנ איז טאַקע אויסגעוואַקסנ סיי וויטעס, סײַ ניקאָלײַ ראָמאַנאָוו דעמאַגאָגיע. ניקאָלײַ ראָמאַנאָוו, א מענטש אָנ עקספּאַנסיווער, וואָס ווערט גיכ אָנגעצונדנ, איז געווענ אָנגעשטעקט מיט דער דאָזיקער אידיי, איז אַוועק צום צאַר ניקאָלײַ אינ קאַבינעט מיט א רעוואָלווער אינ דער האַנט אונ האָט געפאָדערט, אַז דער צאַר זאָל אונטערשרײַבנ דעמ מאַניפעסט פונ 17־טנ אָקטיאַבער. ערשטנס, איז דאָס געווענ א שווינדל פונ סאַמע אָנהייב אָנ. א שווינדל א באַוווסטזיניקער, א מיטל צו דער־זאָרגאַניזירנ די באַוועגונג, אונ, צווייטנס, איז דאָס געווענ ספּעקוליאַציע אַפ דעמ, וואָס א באַדײַטנדיקער טייל אַרבעטער, עפּשער די מערהײַט, וועט זיכ באַפרידיקנ מיט דער דאָזיקער פרײַהײַט אַליינ. אונ דער אַרבעטער־קלאַס האָט געמוזט האָבנ צײַט, געמוזט האָבנ א. כאַדאָשימ דרײַ, קעדיי זיכ צו איבערצײַגנ, אַז קיינ שום פרײַהײַט איז ניטאָ. אַגעוו, אפילע קיינ דרײַ כאַדאָשימ האָט מענ ניט געדאַרפט האָבנ, ווײַל די פּאָגראָמענ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ טייקעפ — גלײַכ אַפ מאָרגנ. אינ צוויי וואָכנ אַרומ איז געוואָרנ אינגאַנצנ קלאָר, אַז די פרײַהײַט דריקט זיכ אויס אינ דעמ, וואָס אַפ די גאַסנ האַרגעט מענ מענטשנ אָנ שום צערעמאָניעס, אונ אַז די קאָזאַקנ, די פּאָליציי אונ אַלדאָס איבעריקע עקזיסטירט, ווי פריִער, אַפ זייערע ערטער אונ זיי טוענ מײַסים.

אַפ דעמ דאָזיקנ פּאָנ איז אָנגעוואַקסנ די כוואַליע פונ דער נײַער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט געפונענ איר באַקרוינונג אינעמ דעקאַבער־אופשטאַנד פונ 1905 יאָר, ניט אינ מאָסקווע, אַפ דער רויטער פּרעסניע, ווי אייניקע שרײַבנ, באַווײַזימ רויטפּרעסניער, נאָר אינ א גאַנצער ריי גרויסע פּראָלעטאַרישע צענטערס פונ דער דעמאָלטיקער צאַרישער אימפּעריע. אופשטאַנדנ זײַנענ פאָרגעקומענ אינ סאָרמאָווע, אופשטאַנדנ זײַנענ פאָרגעקומענ אינעמ דעמאָלטיקנ קאַטערינאָסלאַוו (איצט דניעפּראָפּעטראָווסק), אופשטאַנדנ זײַנענ פאָרגעקומענ אינ האָרלאָווקע, — דאָרט איז געווענ א גרויסער אופשטאַנד פונ שאַכטיאָרנ: דאָרט זײַנענ געווענ ביז 150 ביקסנ אונ ביז 500 שטיק פאַרשיידענע מינימ אַנדערע פײַער־געווער. די אַרבעטער האָבנ געצוווּנגענ צו אָפּטרעטנ א צאַרישנ אָטריאַד, וואָס איז באַשטאַנענ פונ צוויי ראָטעס אינפאַנטעריע; בלויז דערנאָכ, ווענ די אינפאַנטעריע האָט באַקומענ אונטערשטיצונג, זײַנענ די אַרבעטער געצוווּנגענ געווענ זיכ אונטערצוגעבנ. דרײַ טעג האָט דער אופשטאַנד געדויערט אינ ראָסטאָוו, ווו די אַרבעטער זײַנענ געזעסנ אינ טעמערניק, פּונקט ווי אײַערע פאָרגייער זײַנענ געזעסנ אַפ דער רויטער פּרעסניע. אופשטאַנדנ זײַנענ געווענ אינ קראַסנאָיאַרסק, אינ טשיטאַ — אינ היבור אינ נאָוואָראָסיִיסק. מיט איינ וואָרט, אינ א גאַנצער ריי אַרבעטער־צענטערס זײַנענ פאָרגעקומענ באַוואָפנטע אופשטאַנדנ, די אַרבעטער זײַנענ אַרויסגעטראָטנ מיט געווער אינ די הענט, אונ נאָר אינ איינ אָרט זײַנענ זיי ניט אַרויסגעטראָטנ, אונ דאָס דאָזיקע אָרט איז געווענ א צענטער, זײַנ אָנטייל אינ דער רעוואָליוציע האָט געשפּילט אַנ אַנטשיידנדיקע ראָליע אינ דער פראַגע. דאָס איז געווענ פּעטערבורג. אונ אָט אַפ דעמ, פאַרוואָס עס איז ניט אַרויסגעקומענ קיינ באַוואָפנטער אופשטאַנד אינ פּעטערבורג, דאַרפ מענ זיכ עטוואָס אָפּשטעלנ.

אינ אונדזער ליטעראטור זײַנענ פאראנ זייער א סאכ שטרײַטנ וועגנ דעמ, ווער עס האָט צונויפגערופנ דעמ פעטערבורגער ראט — די באָלשעוויקעס צי די מענשעוויקעס. עס עקזיסטירט א מיינונג, אז די מענשעוויקעס האָבנ צונויפגערופנ די ערשטע זיצונג, אָבער מע זאָגט, ברענגענדיק אייניקע באווײַזנ פונ איידעס, אז אויב די באָלשעוויקעס זײַנענ דאָ טאקע געזעסנ באמ טיש. צי דענ אָבער זײַנענ זיי בלויז געזעסנ? זיצנ באמ טיש — דאָס איז ניט זייער קיינ גרויסע זאכ. מע פירט נאָכ אזוינע שטרײַטנ: איינע זאָגנ — די מענשעוויקעס, די צווייטע זאָגנ, די באָלשעוויקעס אונ די מענשעוויקעס, די דריטע רעדנ זיכ דערצו, אז צונויפגערופנ האָבנ גראָד די באָלשעוויקעס, אונ זיי ברענגענ איינע א מאָסקווער פראָקלאמאציע וועגנ דעמ ראט פונ די ארבעטער־דעפוטאטנ פונ אנ אומבאוווסטער דאטע. אינ מאָסקווע איז ווירקלעכ ארויסגעלאָזנ געוואָרנ אזא פראָקלאמאציע, נאָר די צאָרע באשטייט דערינ, וואָס קיינער ווייס ניט, ווענ איז זי ארויסגעלאָזנ געוואָרנ. מע זאָגט — אינ סענטיאבער. אויב אינ סענטיאבער, איז, ווירקלעכ, געהערט די בכוירע די באָלשעוויקעס. נו, אונ אויב זי איז ארויסגעלאָזנ געוואָרנ אינ נאָיאבער? — דאָס איז אויכ מעגלעכ, די דאטע איז פינקטלעכ ניט פעסטגעשטעלט, עס איז ניט באוווסט, ווענ די דאָזיקע פראָקלאמאציע איז ארויסגעלאָזנ געוואָרנ. די פראגע אָבער וועגנ דעמ, ווער עס האָט דער ערשטער צונויפגערופנ, ווער עס האָט דער ערשטער געזאָגט „א", דאָס איז א פראגע א דריטראנגיקע. ניט דאָס איז וויכטיק. אָט דערציילט דאָכ א באוועד, ווי אפנ פוטילאָווער זאוואָד האָבנ יאטלעכ געגעבנ א פײַפ אונ דערפונ האָט זיכ אָנגעהויבנ א שטרײַק, — אפילע ניט קיינ מענשעוויקעס, נאָר פּאָשעטע יאטלעכ. ניט אינ דעמ גייט עס, עס גייט דערינ, וואָס בעראָש פונ פעטערבורגער ראט איז אינ פארלויפ פונ דער גאנצער צײַט פונ זײַנ טעטיקײַט געשטאנענ זייער א קלוגער אונ פלינקער מענשעוויק, וואָס האָט, ווי קיינער, געוווסט ווי צו קאָמבינירנ דעמ מענשעוויסטישנ טאָכ פונ דער ארבעט מיט דער רעוואָליוציאָנערער פראזע. דעמ דאָזיקנ מענשעוויק האָט מענ גערופנ טראָצקי. דאָס איז געווענ נאָר אנ עכטער, עמעסער מענשעוויק, וואָס האָט לאכלוטנ ניט געוואָלט קיינ שום באוואָפנטנ אויפשטאנד אונ וואָס האָט ביכלאל ניט געוואָלט דערפירנ די רעוואָליוציע ביזנ סאָפ, ביז אראָפוואַרפנ די זעלבסטהערשונג. צוליב דעמ האָט ער אויסגעבויט א גאנצע טעאָריע, די אזויגערופענע טעאָריע פונ פערמאנענטער רעוואָליוציע, וועלכע מע האָט לאנג ניט פארשטאנענ, אָבער וואָס איז איצט, באמ שײַנ פונ דעמ זייער ווערטפולנ מענטשלעכנ דאָקומענט, וואָס טראָצקי האָט ארויסגעגעבנ אינ דער פאָרמ פונ זײַנ אווטאָביאָגראפיע „מײַנ לעבנ", געוואָרנ קלאָר ווי קרישטאָל. טראָצקי האָט, לויט מײַנ מיינונג, א סאכ זײַנע זינד געדעקט מיטנ ארויסגעבנ דעמ דאָזיקנ בוכ. צוליב וואָס האָט ער דאָס באדארפט פונ זיכ אליינ אראָפנעמענ אזא רענטגענבילד, וואָס לאָזט ניט איבער קיינ שום סוידעס בענעגייע זײַנ מעהוס, דאָס איז שוינ זײַנע א פערזענלעכע זאכ. אונדזער זאכ איז אויסנוצנ די דאָזיקע פאקטנ. טראָצקיס רענטגענאָגראמע האָבנ מיר, מיר וויסנ, וואָס איז בא אימ געווענ אינ הארצנ, אונ אָט באמ שײַנ פונ דעמ דאָזיקנ מאטעריאל, וואָס עס גיט זײַנ אווטאָביאָגראפיע, וואָס ער אליינ האָט אָנגעשריבנ, פונ קיינעמ ניט געצווונגענ, — באמ שײַנ פונעמ דאָזיקנ בוכ זעענ מיר, וואָס דאָס איז געווענ פאר א מענטש. ער האָט זיכ אויסגעבויט אזא טעאָריע, וואָס אנטשפרעכט, פארשטייט זיכ, זײַנ מענשעוויסטישנ טאָכ; אויב די רוסישע רעוואָליוציע וועט דערגיינ ביז צומ סאָפ, אפ וועלכנ לענינ איז באשטאנענ, — ד. ה. ביזנ פולשטענדיקנ אראָפוואַרפנ די

זעלבסטהערשונג, אַרויסטרײַבנ די פּריצימ, נאַציאָנאַליזירנ די ערד א. א. וו., וועט זי אומפאַרמײַדלעכ מוזנ טײַקעפּ אַריבערגײנ אינ א סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע. וועט איר זאָגנ: איז וואָס, אַזוי זאָגט מענ טאַקע, אונ מע מײנט, אונ מע שרײַבט, אונ לענינ האָט געשריבנ וועגנ דעמ אַריבערוואַקסנ פונ דער דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע אינ א סאָציאַליסטישער, — טראָצקי האָט זיכ בלויז עפּעס א ביסל צוגעאײַלט. אינדערעמעסנ האָט טראָצקיס „פּערמאַנענטע רעוואָליוציע" געהאַט אינגאַנצנ אַנ אַנדער זינ. אינדערעמעסנ, ווי האָט זיכ טראָצקי פאָרגעשטעלט די מײַסע? „קײנמאָל איז פאַר אונדז די פראַגע ניט געגאַנגענ וועגנ דעמ, צי קאָנ מענ רוסלאַנד דירעקט אַריבערפירנ אינ סאָציאַליזמ. אַזא שטעלונג פונ דער פראַגע פאָדערט אַבסאָליוט א ספּעציעלנ געבוי פונעמ מויעכ". מיט אַנדערע ווערטער, דער געדאַנק וועגנ סאָציאַליזמ אינ רוסלאַנד איז פאַר אימ דעמלט אויסגעקומענ ווי אַנ אַבסאָליוטער אומזינ, אונ די סכעמע זײַנע איז געווענ אַזא: די רעוואָליוציע דערגײט ביז איר סאָפ, דער צאַריזמ איז אַראָפּגעוואָרפנ א. א. וו. וואָס זשע וועט דעמלט זײַנ? דעמלט וועט אומפאַרמײַדלעכ זײַנ א סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע. דאָס זײַנענ ווילדע רײד פונ היץ, דאָס איז אומקומ. אָנ א סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע אינ מײַרעוו-אײראָפּע קאָנענ וועגנ סאָציאַליזמ אינ רוסלאַנד רײדנ בלויז מענטשנ מיט א ספּעציעלנ געבוי פונעמ מויעכ. טראָצקי וויל הערמיט זאָגנ, אַז אַזוי קאָנענ רײדנ בלויז אידיאָטנ. דעריבער דאַרפ מענ ניט דערפירנ ביזנ סאָפ די דעמאָקראַטישע רעוואָליוציע אינ רוסלאַנד, מע דאַרפ זיכ באַנוגענענ מיט באַשטימטע האַנאָכעס פונעמ צאַריזמ אונ אַפ דער באַזע פונ די דאָזיקע האַנאָכעס אָנהײבנ בויענ א לעגאַלע אָפענע אַרבעטער-פּאַרטײ. אָט דאָס איז טראָצקיס באַשטימטע סכעמע. דערצו האָט ער די גאַנצע צײַט טאַקע געפירט דעמ פּעטערבורגער ראַט.

איכ האָב מוירע, אַז איכ קאָנ אײַכ פאַרמאַטערנ, אָבער פונדעסטוועגנ מוז מענ א ביסל איבערלײענענ פונ טראָצקיס א רעדע. די דאָזיקע רעדע האָט ער געהאַלטנ מיקויעכ דער פראַגע, צי זאָל מענ פאַרענדיקנ אָדער ניט פאַרענדיקנ דעמ שטרײַק, וואָס מע האָט אָנגעהויבנ קעדײ צו באַפרײַענ די קראָנשטאַדטער מאַטראָסנ. די רעדע האָט ער געהאַלטנ, דאַכט זיכ, דעמ 5 (18)-טנ נאָיאַבער, אונ אָט וואָס ער זאָגט אינ איר: „אויב מע זאָל קוקנ אַזוי, אַז דער ציל פונ אונדזער אַרויסטרעטונג דאַרפ זײַנ אַראָפּוואַרפנ די זעלבסטהערשונג, קאָנ אַזא אַרויסטרעטונג זײַנ נאָר אײנע, אונ דאַנ בינ איכ מאַסקימ מיט די כאַווײרימ — מיר מוזנ קעמפנ ביזנ סאָפ. אָבער אונדזער אַרויסטרעטונג — דאָס איז א רײ פאָרויסגײענדיקע שלאַכטנ, וואָס דער ציל זײערער איז דעזאָרגאַניזירנ די רעגירונג, דערווערבנ די סימפּאַטיע פונ נײַע גרופּעס אונ דערונטער פונ דער אַרמײ".

הײסט עס, אַז אַראָפּוואַרפנ די זעלבסטהערשונג — דאָס איז ניט קײנ ציל, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט שטעלט פאַר זיכ דירעקט, ווי די באָלשעוויקעס האָבנ געשטעלט. דאָס איז אינ דער ווײַטער צוקונפט.

צוערשט דאַרפ מענ צעטרײסלענ די זעלבסטהערשונג. צוליב וואָס? „פאַרגעסט ניט, אַז ערשט ניט לאַנג זײַנענ פאַר אונדז געשאַפנ געוואָרנ יענע באַדינגונגענ, בײַ וועלכע מיר קאָנענ אָרגאַניזירנ טויזנטקעפּיקע מיטינגענ, אָרגאַניזירנ די ברײטע מאַסנ פונעמ פּראָלעטאַריאַט. אונ שוינ איצט דיקטירנ מיר אונדזערע באַדינגונגענ דער וועלט-בירזשע". איר פילט דעמ דאָזיקנ פּראַכטפולנ פּאַווע-עק — „מיר דיקטירנ באַדינגונגענ דער וועלט-בירזשע"? (ג ע ל ע כ ט ע ר). „עס איז אומבאַדינגט נײטיק ווי ווײַט מעגלעכ פולשטענדיקער אויסנוצנ די דאָזיקע באַדינגונגענ פאַר דער סאַמע

ברייטער אגיטאציע און אָרגאניזאציע פונעם פראָלעטאריאט. דאָס איז אַ פּערִיאָד פון צוגרייטנ די מאסנ צו אנטשיידנדיקע אקציעס. מיר דארפנ אים פאנאנדערציענ, עפּשער אַפּ אַ כוידעש—אַפּ צוויי, קעדיי דערנאָכ ארויסטרעטנ מיט אַ ווי ווײַט מעגלעכ מער באהעפטער און אָרגאניזירטער מאסע". ווענ זשע וועלנ מיר ארויסטרעטנ? „אונדז שטייט נאָכ פאָר אַ וואַל־קאמפּאניע (די קאמפּאניע צו דער מעלוכע־דומע—מ. פּ.), און זי וועט דארפנ אופהייבנ דעם גאנצנ רעוואָליוציאָנערנ פּראָלעטאריאט". די וואַל־קאמפּאניע וועט אופהייבנ דעם רעוואָליוציאָנערנ פּראָלעטאריאט. איר שאצט אָפּ אָט די מײַסע? „און די דאָזיקע וואַל־קאמפּאניע וועט זיכ ענדיקנ דערמיט, וואָס דער פּראָלעטאריאט וועט אופרײַסנ דעם גראַפ וויטעס גאנצע רעגירונג און דעם באַלעבאָס אליינ, וואָס שטייט הינטער איר". ווידער אַ פּראַכטפולער פּאווע־עק!

דאָס איז אַנ אויסגעצייכנטע רעדע, — ניט אומזיסט האָט טראָצקי מיט אייניקע ענדערונגענ זי איבערגעדרוקט אינ זײַנ בוכ „1905 יאָר", ער גרויסט זיכ מיט דער דאָזיקער רעדע. און ווירקלעכ, זי איז פאַר טראָצקינ אויסערסט כאראקטעריסטיש. זי איז אַ קאָמבינאַציע פונ עכטנ אָפּאָרטוניזמ, פונ צופּאסנ זיכ צומ וואַל־קאמפּ אינ דער מעלוכע-דומע און אינ דער זעלביקער צײַט — קלינגענדיקע פּראזעס: „מיר דיקטירנ באדינגונגענ דער וועלט־בירזשע", „מירנ אופרײַסנ דעם גראַפ וויטעס רעגירונג" אאוו. זי באווײַזט אונדז דעם דאָזיקנ מענטשנ אזוי ווי ער איז. דאָס איז געווענ אַנ עמעסער מענשעוויק, אָבער אַ מענשעוויק, וואָס באזיצט די קונסט פונ רעוואָליוציאָנערער פראזע אינ אזאַ מאָס, ווי קיינ איינ מענשעוויק ניט. קאָנ זײַנ, אז אייניקע מענשעוויקעס, מארטאָוו, אשטייגער, האָבנ ניט פאַרמאָגט די דאָזיקע קונסט דערפאַר, ווייל זיי זײַנענ געווענ מער אופריכטיקע מענטשנ, ווייל בא מארטאָוונ וואָלט זיכ פאַרשעמט די צונג ניט אויסגעקערעוועט צו זאָגנ עטוואָס אזוינס און בא טראָצקינ האָט זיכ די צונג געקערעוועט זייער גרינג.

אזא מענטש איז געשטאנענ אינ שפּיצ פונעם פּעטערבורגער ראַט, אַ מענטש, וואָס האָט לעכאטכילע באשלאָסנ, אז דערפירנ די רעוואָליוציע ביזנ סאָפּ—דאָס איז אומקומ. איכ קאָנ ניט פאַר אַ טויזנטקעפּיקער אאודיטאָריע ברענגענ ציטאטעס, אָבער דאָ (דאָס זײַנענ די פּראָטאָקאָלנ פונ פּעטערבורגער ראַט) וועט איר געפינענ אַ גאנצע ריי מוסטערנ פונ דעמ, ווי טראָצקי האָט אָפּגענאַרט די רעוואָליוציאָנערע ענערגיע פונעמ פּראָלעטאריאט. בא אונדז זאָגט מענ נאָכ, אז דער קאמפּ פאַר אַנ 8-שאָיִקנ ארבעטטאָג, וואָס דער פּראָלעטאריאט פונ פּעטערבורג האָט אינ נאָיאבער אָנגעהויבנ, איז דורכגעפאלנ,—און מע ברענגט עס אלס מוסטער פונ די שטרעבונגענ פונעמ פּראָלעטאריאט צו אומדערגרייכבארע זאכנ. אָבער ציפערנ און פאקטנ באווײַזנ, אז די ארבעטער האָבנ זיכ געוואָלט שלאָגנ פאַר אַנ 8-שאָיִקנ ארבעט־טאָג, אז אפּנ אבוכאָווער זאוואָד איז די מערהײַט געווענ פאַר אָט־דעמ שטרײַק. וואָס האָט אָבער געטאָנ טראָצקי, ד.ה. דער אויספירקאָמ פונ פּעטערבורגער ראַט, — דאָס איז געווענ סאָפּקאָלסאָפּ טראָצקי, ער האָט מיטנ אויספירקאָמ אָנגעפירט? ער האָט געוואָרפנ אזא לאָזונג: זאָל קעמפנ פאַר אַנ 8-שאָיִקנ ארבעט-טאָג דער, ווער עס קאָנ, — און האָט אזויארומ צעשטויבט די באוועגונג. אינ רעזולטאט איז די באוועגונג צעקלאפּט געוואָרנ און די ארבעטער האָבנ אים אינ די אויגנ ארײַנ געזאָגט: איר האָט אראָפּגעריסנ דעם שטרײַק פאַר אַנ 8-שאָיִקנ ארבעט-טאָג, און ניט ער איז סטיכייִש אראָפּגעריסנ געוואָרנ; איר האָט אים אראָפּגעריסנ דערמיט, וואָס איר האָט געגעבנ דעם דאָזיקנ לאָזונג: אַ פאָרשטייער פונ פּוטילאָווער זאוואָד האָט געזאָגט: „דער גאנצער אומגליק באשטייט דערינ, וואָס מיר האָבנ זיכ ניט סאָלידאר גע־

האלטנ. שולדיק איז דאָ דער ראט, וועלכער האָט באשלאָסנ, אַז זיכ דערשלאָגנ דארפנ בלויז יענע זאוואָדנ, וואָס זײַנענ עס בעקויעכ". אפנ אָבוכאָווער זאוואָד האָבנ פארנ שטרײַק געשטימט 2360 מאנ, ־קעגנ 1906.

דאָס אייגענע, וואָס עס איז געווענ מיטנ קאמפ פאר אנ 8־שאָ‏עיקנ ארבעט־טאָג, איז געווענ אויכ מיטנ באוואָפנטנ אופשטאנד. טראָצקי האָט וועגנ אים גערעדט ניט איינ מאָל, אָבער וואָס האָט געטאָנ דער פעטערבורגער ראט אלס אזעלכער צו אָרגאַניזירנ דעמ באוואָפנטנ אופשטאנד — דאָס ווייסט קיינער ניט. צומ סאמע סאָפ, ווענ אלצ איז שוינ, אינ טאָכ גענומענ, געווענ פארשפילט, האָט פארווּס, טראָצקיס אזוי צו זאָגנ, „alter ego“ (דער צווייטער איכ), זיינ פריינט אונ כאווער, געזאָגט, אַז עס איז פאראנ א זיכערער רעצעפט פונ איינעמ א כימיקער: אויב מע וועט מיט א שפריצער, וואָס איז אָנגעפילט מיט א געוויסער פליסיקײַט, צוגיינ צו א גאָראָדאָווױ אונ א שפריצ טאָנ, וועט ער פאלנ אינ כאלאָשעס, אונ דאנ דארפ מענ בײַ אימ אָפנעמענ דאָס געווער. אָט דאָס איז דער איינציקער מעטאָד, וואָס די מענשעוויקעס האָבנ צוגעטראכט אפ צו אנטוואָפענענ די פאָליציי (געלעכטער).

אָט דערמיט קאָנ מענ דערקלערנ פארוואָס אינעמ צענטראלנ פונקט, וואָס האָט אינ טאָכ געלייזט די פראגע, איז קיינ באוואָפנטער אופשטאנד ניט פאָרגעקומענ, — עס האָבנ אימ סאבאָטירט די מענשעוויקעס. מע קאָנ ברענגענ נאָכ א גאנצנ הויפנ קליינע פאקטנ, פונקט אזוינע איינצלהײַטנ, אָבער איכ וויל אײַכ ניט פארמאטערנ. דער איניענ איז דאָ אינגאנצנ קלאָר. וויבאלד די אָנפירונג איז געווענ אנ אָפּאָרטוניסטישע, — איז קיינ שומ סאָפעק ניט, אַז דערפונ האָט זיכ ניט געקאָנט באקומענ קיינ שומ באוואָפנטער אופשטאנד. מע וועט זאָגנ אזוי: פונדעסטוועגנ איז דאָכ געווענ אנ אופשטאנד אינ מאָסקווע. אָבער דאָ וועל איכ ארויסטרעטנ ניט בלויז קעגנ דעמ רויט־פרעסניער, נאָר קעגנ דעמ אלמאָסקווער פאטריאָטיזמ. מאָסקווע אליינ האָט ניט געקאָנט לייזנ די זאכ. שטעלט אײַכ פאָר, אַז ניקאָלײַ II וואָלט געבליבנ באלעבאָס אינ פעטערבורג, אינעמ איצטיקנ לענינגראד, אונ מיר וואָלטנ געזיגט אינ מאָסקווע, וואָס וואָלט זיכ באקומענ? עס וואָלט זיכ באקומענ אנ איבערכאזערונג פונ דער געשיכטע פונ דער פאריזער קאָמונע. ער וואָלט צונויפגעצויגנ צו זיכ דאָס טרײַע מיליטער, וואָס ער האָט נאָכ געהאט, ער וואָלט ארומגערינגלט מאָסקווע, אונ, אָנשטאָט איינ פרעסניע, וואָלט צעגראָמירט געווענ גאנצ מאָסקווע. אָט וואָס פאר א רעזולטאט עס וואָלט זיכ באקומענ, דאָס איז אָנ צווייפל. מע האָט באדארפט געווענ שלאָגנ דעמ דאָזיקנ שלאנג אינ קאָפ, אונ דער קאָפ איז געווענ אינ פעטערבורג. פארקערט, ווענ דער אופשטאנד וואָלט געזיגט בלויז אינ פעטערבורג, וואָלט ער, געשטיצט פונ מאָסקווע אונ פונ אנדערע פראָלעטארישע צענטערס, געזיגט, פארשטייט זיכ, אינעמ גאנצנ לאנד. איצט ווייסנ מיר עס אדאנק דער דורכקאָנטראָלירונג אינ פעווראל 1917 יאָר, איצט ווייסנ מיר שוינ וויאזוי עס טוענ זיכ אזוינע זאכנ. אזוי, אַז דאָס, וואָס אינ פעטערבורג איז קיינ באוואָפנטער אופשטאנד ניט פאָרגעקומענ (ניט מאכמעס אָביעקטיווע סיבעס, וואָס מע האָט ניט געקאָנט בײַקומענ, נאָר דעריקער מאכמעס די פעלערנ פונ דער אָנפירונג), — האָט געלייזט דעמ גוירל ניט בלויז פונעמ פעטערבורגער פראָלעטאריאט, נאָר עס האָט זיכ אָפגעשפיגלט אפנ גוירל פונעמ פראָלעטארישנ קאמפ אינעמ גאנצנ לאנד. אונ פארשטייט זיכ, אַז דאָ גייט ניט אינ טראָצקיס פערזענלעכקייט, — האגאמ דאָס, וואָס ער איז געווענ אנ אויסגעצייכנטער רעדנער, וואָס מיצאד די באָלשעוויקעס איז אימ אנטקעגנגעשטאנענ באָגדאנאָוו, מיט א גרויסנ פלאָנטער אינ קאָפ, אונ אָנ

שומ רעדנערישנ טאלענט, האָט געשפּילט א געוויסע ראָליע. עס האָט זיכ געהאנדלט אינ דעמ אָרגאניזירטנ אָפּאָרטוניזמ.

וואָס איז שייעכ דעמ מאָסקווער אופשטאנד, מוז מענ זיכ אפּ אימ אויכ אָפּשטעלנ. מיר מיט אײַכ זײַנענ מיר אלע מאָסקווער, איר זײַט פונ דעמ סאמע רעוואָליוציאָנערנ ראיאָנ פונ מאָסקווע. עס איז ווערט דעריבער זיכ אָפּצושטעלנ אַפּ דעמ, ווי עס זײַנענ געלעגנ די סיבעס פונעמ דורכפאל פונעמ אופשטאנד דאָ אינ מאָסקווע. מאָסקווע האָט ניט געקאָנט אנטשיידנ די רעוואָליוציע, אָבער זי האָט פונדעסטוועגנ געקאָנט זיגנ. אונ ווענ זי וואָלט געזיגט, וואָלט זי, עפּשער, אנגעצונדנ דעמ פּעטערבורגער פּראָלעטאריאט איבער טראָצקיס קאָפּ. אינ פאל פונ א ניצאָכנ פונ מאָסקווע, וואָלטנ די פּעטערבורגער ארבעטער געוויס ניט איינגעזעסנ, ניט געקוקט אפּ קיינע שומ טראָצקיס. פרעגט זיכ, וואָס האָט דאָ געשטערט? די ערשטע סיבע דארפּ מענ רעכענענ דעמ אײַנרײַס צווישנ דעמ מיליטערישנ אופשטאנד אונ דעמ ארבעטער-אופשטאנד. די מיליטערישע אופשטאנדנ בײַ די סאפּיאָרנ אונ אינ ראָסטאָווער פּאָלק זײַנענ פאָרגעקומענ פריִער, איידער די ארבעטער זײַנענ ארויסגעטראָטנ. וואָס איז דאָס פאר א סיבע? אויכ — ניט קיינ סטיכיע. די דעמאָלטיקע מאָסקווער אָנפירונג האָט ניט באוויזנ באצײַטנס ארומצוכאפּנ די לאגע, ניט באוויזנ צו באנעמענ, אז די ארויסטרעטונג פונ די ראָסטאָווער — דאָס איז אזא מאָמענט, וואָס דו ווערסט אימ ניט געפינענ א צווייטנ מאָל, אונ מע מוז טייקעפּ פאקנ דעמ גורל פארנ עק, וויבאלד ער האָט באוויזנ אַנ עק, טייקעפּ א רוק טאָנ די ארבעטער צוהילפּ די סאָלדאטנ. וואָס וואָלט דאָ געווענ, ווענ דער אופשטאנד פונ די סאפּיאָרנ אונ פונ די ראָסטאָווער וואָלט זיכ צונויפגעגאָסנ מיט דער ארבעטער-מאסע? פריער פאר אלצ, אינ רײַנ מיליטערישער הינזיכט, וואָלטנ מיר, אינ טאָכ גענומענ, געווענ אפּ איינ ניוואָ מיט דובאסאָוונ. דובאסאָוו האָט געהאט 1500 באגנעטנ אונ שווערדנ, 1500 באגנעטנ האָבנ געהאט אויכ די סאפּיאָרנ אונ די ראָסטאָווער; כוצ דעמ האָבנ זיי נאָכ געהאט 8 קוילנוואָרפּער, בייס אינ יענער צײַט איז אינ מאָסקווע געווענ סאכאקל 13 קוילנוואָרפּער אזוי, אז עס זײַנענ געווענ זייער גרויסע מיליטערישע שאנסנ.

די צווייטע סיבע פונעמ דורכפאל איז געווענ דאָס, וואָס דרײַ טעג האָט מענ בעשומויפנ ניט געקאָנט אריבערפירנ דעמ שטרײַק אינ א באוואָפנטנ אופשטאנד. מיטוואָכ, דאָנערשטיק אונ פרײַטיק, — אנטשולדיקט, וואָס איכ צייל אפּנ אלטנ שטייגער, ווייל ביז איצט זײַנענ פארבליבנ אינ זיקאָרנ אָט די טעג פונ דער וואָכ, — איז ניט געווענ קיינ באוואָפנטער אופשטאנד.

אונ צולעצט, די דריטע אונ שוינ די לעצטע סיבע איז דאָס, וואָס די איניציאטיוו איז אריבערגעגאנגענ צומ קעגנער אינ די הענט, אינ די הענט צו דובאסאָוונ, וועלכער האָט זיכ באזעצט אינ צענטער פונ מאָסקווע אונ האָט באקומענ די מעגלעכקײַט צו שלאָגנ איבער די אינעווייניקסטע ליניעס. דאָס איז א קאָלאָסאלע סטראטעגישע איבערוואָג. יעדער מיליטערמאנ (אונ א סאכ פונ אײַכ זײַנענ מיליטערמענטשנ, אונ איצט מוזט איר אלע דורכגייענ א מיליטערישע דערציִונג) ווייסט, וואָס עס הייסט פארנעמענ א צענטראלע פּאָזיציע אונ האָבנ די מעגלעכקײַט צו שלאָגנ איבער די אינעווייניקסטע ליניעס. דאָס גיט א באשטימטע איבערוואָג. דערמאָנט זיכ, ביים דער 7-יאָריקער מילכאָמע האָט זיכ פרידריכ II די גאנצע צײַט געהאלטנ אפּ אזא אופנ קעגנ די פאראייניקטע קרעפטנ פונ פראנקרײַכ, עסטרײַכ אונ רוסלאנד,

וועמענ ער האָט געקלאַפּט אייגציקווײַז. די ארבעטער־ראיאָנענ זײַנענ געווענ איי־נער פונ אנדערנ אָפּגעשניטנ, — די אײַזנבאנער האָבנ ניט געווּסט, וואָס עס טוט זיך אָפּ דער פרעסניע, מיר האָבנ אינ סושטשעווער־מארינער ראיאָנ קוים געווּסט, וואָס עס טוט זיך אינ אייזנבאנ־ראיאָנ. די ארבעטער, ניט פארבונדענע איינער מיטנ אנדערנ, אָפּגעשניטענע, האָבנ, נאטירלעך, געמוזט אריבערגיינ צו פארטיידיקונג, אונ פארטיידיקונג — איז אומקומ פאר א באוואָפנטנ אופ־שטאנד, אזוי האָט ענגעלס געשריבנ, אונ דאָס איז שטענדיק ריכטיק.

אָט אינ וואָס פאר א סיטואַציע, כאווײַרים, די רויטע פרעסניע האָט געליטנ א מאַפּאָלע. אייגנטלעך, דער אופשטאנד אָפּ דער פרעסניע — איז, פארשטייט זיך, דער סאמע העראָישער עפּיזאָד פונעמ אופשטאנד, אָבער עס איז קלאָל ניט די איינציקע באוואָפנטע ארבעטער־ארויסטרעטונג אָפּילע אינ מאָסקווע, ביפראט אינעמ גאנצנ לאנד. איך אנטשולדיק זיך זייער פאר די כאווײַרימ רויט־פרעסניער, אָבער איך האָב אײַך שוינ געוואָרנט, אז איך בינ א היסטאָריקער, א פארהיפּנאָטיזירטער פונ דאָקומענטנ, אונ די דאָקומענטנ זאָגנ, אז אנ אופשטאנד איז געווענ אומעטום. אונ בויצ דאָקומענטנ זײַנענ נאָך פאראנ מײַנע אייגענע אײַנדרוקנ. איך בינ דאָך אלייג געווענ אינ דעמ דאָזיקנ ראיאָנ, אינ סושטשעווער־מארינער. פאר מײַנע אויגנ זײַנענ דורכגעגאנגענ עטלעכע שלאכטנ; מיט מײַנע אויגנ האָב איך געזענ באריקאדעס, וואָס זײַנענ דאָ אופגעבויט געוואָרנ פאר מײַנע אויגנ; אינ איינעמ פונ די פליגלענ פונ דעמ הויז, ווו איך האָב געווױנט, איז ארײַנגעפאלנ א גראנאטע. א צווייטע גראנאטע האָט זיך צעריסנ לעבנ מיר, א פופציק טריט. איך קאָנ דאָס ניט פאר־געסנ. קיינ גראנאטעס רייסנ זיך פונדעסטוועגנ ניט לעבנ מיר אזוי אָפט, אז איך זאָל דאָס פארגעסנ. (געלעכטער). איך קאָנ דאָס ניט פארעסנ אונ איך קאָנ ניט פארגעסנ, אז א באוואָפנטער קאמפּ, אנ עמעסער באוואָפנטער קאמפּ, האָט זיך גע־פירט אינ א גאנצער ריי ארבעטער־ראיאָנענ פונ מאָסקווע, אונ ניט בלויז אָפּ דער רויטער פרעסניע. אז די רויטע פרעסניע אָבער האָט פארגעשטעלט דעמ סאמע העראָישנ מאָמענט פונעמ אופשטאנד — ווענג דעמ קאָנ, פארשטייט זיך, קיינ שטרײַט ניט זײַנ. אונ גערעכט זײַנענ יענע כאווײַרימ, וועלכע דערקלערנ דאָס דערמיט, וואָס דער באוואָפנטער אופשטאנד איז אינ־ערגעצ ניט געווענ פארבונדנ מיט די ארבעטער־מאסנ אינ אזא מאָס, ווי אָפּ דער פרעסניע. ער איז אומעטום געווענ פארבונדנ מיט די מאסנ, אָבער אזא מינ ענגער צוזאמענבונד, אז עס זאָל אומיטלבאר פונ די ארבעטער־קאזארמעס גיינ א באַ־וואָפנטער אופשטאנד, — איז ניט אומעטום געווענ, אונ דאָ איז געווענ גראָד אזוי. די רויט־פרעסניער קיבנ — דאָס איז געווענ דער שטאב, פונ דאָרטנ איז געגאנגענ די גאנצע אָנפירונג. די רויטע פרעסניע — דאָס איז געווענ א מינ ציטאדעל, ווו עס זײַנענ געזעסנ די רעזערוו־קרעפטנ, פונוואנענ זיי זײַנענ ארויס־געטראָטנ אינ שלאכט. אזא ענגע פארבינדונג צווישנ די ארבעטער אונ דעמ באוואָפנטנ אופשטאנד, ווי אָפּ דער פרעסניע, איז אינערגעצ ניט געווענ. אונ ניט אומזיסט האָט לענינ געשריבנ צו די רויט־פרעסניער ארבעטער, ניט אומזיסט קלײַבנ מיר זיך די טעג, וואָס זײַנענ געווידמעט דעמ 25־יאָריקנ יובילײַ, דורכפירנ טאַקע אָפּ דער פרעסניע. דאָס איז אַבסאָליוט ריכטיק. — די פרעסניע האָט פארדינט דעמ קאָוועד, זי האָט פארדינט גרויס קאָוועד אונ זייער א גרויסנ אָרט אינ דעמ דאָזיקנ אופשטאנד. אָבער דער באוואָפנטער אופשטאנד פונ 1905

יאָר איז געווענ אַנ אויפשטאַנד פונ דער גאַנצער פּראָלעטאַרישער מאַסע, פונעמ גאַנצנ פּראָלעטאַרישנ לאַנד. דער פּראָלעטאַריאַט איז, צומ באַדויערנ, צעקלאַפּט געוואָרנ אינ דער דאָזיקער אַרויסטרעטונג, אונ דאָס האָט געלייזט דעמ גוירל פונ דער גאַנצער רעוואָליוציע, ווי עס האָט באַוויזנ דאָס ווייטערדיקע — דאָס 1906-טע יאָר.

דאָס 1906 יאָר איז אויסערסט כאַראַקטעריסטיש אַלס דורכקאָנטראָלירונג פונעמ טעזיס וועגנ דער העגעמאָניע פונעמ פּראָלעטאַריאַט אינ אונדזער ערשטער רעוואָליוציע. אינ 1906 יאָר איז די פּויערשע באַוועגונג געווענ אַ סאַכ אינטענסיווער, איידער אינ 1905 יאָר. אייניקע היסטאָריקער, וואָס גייענ צו מעכאַניש צו דערשיינונגענ, האָבנ זיכ געפּרווט מיט ציפערנ דערווייזנ, אַז אינ 1905 יאָר איז געווענ מער אַרויסטרעטונגענ, איידער אינ 1906 יאָר. יאָ, אָבער אַזוינע אַרויסטרעטונגענ, ווענ די פּריצישע הויפנ אינ גאַנצע ראַיאָנענ זיינענ אינגאַנצנ ווי אָראָפּגעשניטנ געוואָרנ, ווי דאָס איז געווענ אינ באָבראָווער אויעזד, וואָראָנעזשער גובערניע איז אינ 1905 יאָר ניט געווענ, אַזאַ שאַרפקייט האָט די פּויערישע באַוועגונג ניט דערגרייכט.

גלייכצייטיק דערמיט האָט צו אַ קאָלאָסאַלער שאַרפקייט דערגרייכט די באַוועגונג אינ דער אַרמיי. די צאָל פאַלנ פונ ניט געהאָרכזאַמקייט פונ סאָלדאַטנ אינ 1906 יאָר איז געווענ אינ עטלעכע מאָל גרעסער, איידער אינ 1905 יאָר. דער פּרעאָבראַזשענסקער פּאָלק, דער ערשטער פּאָלק פונ דער צאַרישער גוואַרדיע, האָט אויפגעהערט צו זיינ געהאָרכזאַמ. די גרעסטע אויפשטאַנדנ פונ מאַטראָסנ אונ סאָלדאַטנ אויסער דעמ ראַיאָנ פונ שוואַרצנ יאַמ, אינ קראָנשטאַדט אונ סוועאַבאָרג, פאַלנ אויכ גראָד אויפנ 1906 יאָר. די ניט פּראָלעטאַרישע רעוואָליוציע האָט געבושעוועט אינ 1906 יאָר מער, איידער זי האָט געבושעוועט אינ 1905 יאָר. די קליינ-בורזשואַזיע האָט זיכ אונטערגעצויגנ אונ איז אַריינ אינ דער רעוואָליוציע, עס האָט זיכ אָבער אַרויסגעוויזנ, אַז אָנ איר פירער, אָנ דעמ אַרבעטער-קלאַס, איז זי ניט בעקויעכ צו זיגנ. די זעלבסטהערשונג ווידער האָט זומער 1906 יאָר זיכ געפילט אַ סאַכ פעסטער אינ זאָטל, איידער זי האָט זיכ געפילט סאָפ 1905 יאָר. קיינע שומ האַנאָכעס זיינענ ניט געגעבנ געוואָרנ. עס איז אַוועקגעזעצט געוואָרנ סטאָליפינ, עס זיינענ איינגעפירט געוואָרנ פעלד-געריכטנ אאַוו. די זעלבסטהערשונג איז געוואָרנ דרייסט אונ כוצפּעדיק דערפאַר, ווייל זי האָט געזענ, אַז איר עמעסער סוינע, דער עמעסער אָנפירער פונ דער באַוועגונג — דער אַרבעטער-קלאַס איז אַוועק פונ שלאַכט-פעלד. אונ זי האָט ניט פאַרגעסנ דעמ דאָזיקנ סוינע. עס איז ניט צופעליק דער פינאַל פונ דער רעוואָליוציע (דער פינאַל איז געווענ ניט אינ יאַנוואַר, דער פינאַל איז געווענ דעמ 3-טנ יול 1907 יאָר). מיט וואָס איז געווענ פאַרבונדנ דער דאָזיקער פינאַל? דער דאָזיקער פינאַל איז געווענ פאַרבונדנ מיטנ אַרעסט פונ דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פראַקציע פונ דער מעלוכע-דומע, ניט פונ עפּעס אַנ אַנדער פראַקציע, ניט מיטנ אַרעסט פונ די טרודאָוויקעס, ניט מיטנ אַרעסט פונ די קאַדעטנ, וואָס האָבנ אַרויסגעלאָזנ דעמ וויבאָרגער אויפרופ אינ 1906 יאָר, נאָר מיטנ אַרעסט פונ דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פראַקציע פונ דער מעלוכע-דומע. די קאַצ האָט געוווּסט, וועמעס פוטער זי האָט אויפגענאַשט, סטאָליפינ האָט געוווּסט, מיט וועמענ עס קומט אימ אויס צו האָבנ צו טאָנ. ער האָט אַ קלאַפּ געטאָנ איבער דעמ הויפּט-סוינע, ער האָט אַ קלאַפּ געטאָנ איבערנ פּראָלעטאַריאַט. דערופ האָט ער געוואָלט אויספּרווונ, צי וועלנ די אַרבעטער ווידער אויפשטיינ אַפ פּאַרטיידיקנ זייער

פראקציע, אָדער ניט? עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קיין קויכעס איז שוין ניט געווען, זיי זיינען ניט אויפגעשטאַנען, און דאָס האָט געלייזט דעם גורל פון דער רעוואָליוציע, וואָס האָט זיך געענדיקט אין יאָר 1907.

איך האָב אייך געזאָגט, אַז אונדזער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר גיט מאַטעריאַל אַף דורכקאָנטראָלירן די געשיכטע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָליוציע. אונדזער רעוואָליוציע האָט געזיגט און איז געגאַנגען פאָרויס, קאָלזמאַן עס האָט געזיגט און איז געגאַנגען פאָרויס דער אַרבעטער-קלאַס. אונדזער רעוואָליוציע האָט אָנגעהויבן ליידן אַ מאַפּאַלע, ווען עס האָט געליטן מאַפּאָלע דער אַרבעטער-קלאַס. צי איז געווען אין פראַנקרייך אַן אַרבעטער-קלאַס? ניין. אַלס אַ קלאַס, איז דער פּראָלעטאַריאַט, פאַרשטייט זיך, געווען, נאָר אַלס אַ קלאַס, וואָס זאָל באַנעמען זיך און זיינע אינטערעסן, איז ער ניט געווען פאַרגעשטעלט אין דער פראַנצויזישער רעוואָליוציע. די פראַנצויזישע רעוואָליוציע האָט זיך צעפּלאַקערט אַף אַ קליינבירגערלעכער פּלאַץ, ד. ה. אַף יענער פלאַץ, אַף וועלכן עס האָט זיך צעפלאַקערט אונדזער רעוואָליוציע אין 1906 יאָר. און דאָ האָט איר די סיבע דערפון, וואָס די רעזולטאַטן פון אונדזער רעוואָליוציע זיינען אַזוי פעסט און וואָס אין 25 יאָר אַרום גייט זי אַרויף, און די פראַנצויזישע רעוואָליוציע האָט זיך שוין אין 25 יאָר אַרום ווייט אַראָפּגעלאָזט אַראָפּ און איז פאַרקראָכן, אייגנטלעך, צו זיך אַליין אונטערן עק, אויב מע קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, אַף וויפל די כאַרטיע פון 1814 יאָר האָט געגעבן אַ סאַך ווייניקער, איידער די קאָנסטיטוציע פון 1791 יאָר. אָט דאָס איז די ערשטע לעקציע, וועלכע מיר האָבן געלערנט, — און איצט גייט דער אַרבעטער-קלאַס אין שפּיץ פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אין דער גאַנצער וועלט. ער פירט די באַוועגונג, פאַרשטייט זיך, אי אין כינע, אי אין אינדיע. אויך דאָרט זיינען די אָנשפאַר-צענטערס די פּראָלעטאַרישע צענטערס — שאַנכיי, קאַנטאָן, באָמביי אאַוו. איצט קומען פאָר אין כינע פויערישע אופשטאַנדן. ניט אומזיסט רופן די בורזשואַזע צייטונגען זיי אָן קאָמוניסטישע, ניט אומזיסט גייען זיי אונטער קאָמוניסטישע לאָזונגען. דאָס איז ווידעראמאָל אַ לעקציע פונעם זעלביקן פּראָלעטאַרישן קאַמף. מיקויעך אַנדערע לענדער, מיקויעך אייראָפּע און אַמעריקע, איז דאָך שוין אָפּגערעדט, — דאָרט איז די העגעמאָניע פונעם אַרבעטער-קלאַס אינגאַנצן באַשיימפּערלעך. באַזונדערס קוריעז איז די לאַגע אין דייטשלאַנד. די פּאַרטייען, וואָס שטעלן פאָר אָדער וואָס פּרעטענדירן פאַרצושטעלן דעם אַרבעטער-קלאַס, באַטרעפן אין דייטשלאַנד אַ מערהייט אין רייכסטאַג. צי ווייסט איר, אַז אין רייכסטאַג איז פאַראַן 576 מיטגלידער, פון זיי 320 קאָמוניסטן, סאָציאַל-דעמאָקראַטן און פאַשיסטן, היטלער-לייט. די קאָמוניסטן שטעלן פאָר דעם אַרבעטער-קלאַס, די סאָציאַל-דעמאָקראַטן און פאַשיסטן מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי שטעלן פאָר דעם אַרבעטער-קלאַס. ווייסט איר, ווי עס הייסט אָפיציעל די פאַשיסטישע פאַרטיי? „נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישע אַרבעטער-פּאַרטיי". און ווירקלעך, ווייניק-באַוווסטזיניקע אַרבעטער, הויפּטזאַכלעך האַנטווערקער-אַרבעטער, גייען נאָך איר, — אין אירע רייען איז פאַראַן אַ באַדייטנדיקע צאָל פונעם האַנטווערקערישן פּראָלעטאַריאַט; אויך מיט דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע — האַגאַם אַלץ ווייניקער און ווייניקער — גייען אַרבעטער. די דאָזיקע דריי פּאַרטייען, נאָך וועלכע עס גייען די אַרבעטער (די באַוווסטזיניקע — נאָך די קאָמוניסטן, די ווייניק-באַוווסטזיניקע — נאָך די סאָציאַל-דעמאָקראַטן און פאַשיסטן) — זיי באַטרעפן אַ מערהייט אין רייכסטאַג — 320 מאַן פון 576, און אין לאַנד זיצט פונדעסטוועגן אַ בורזשואַזע רעגירונג. דאָך

פירט אונדז צו א צווייטער לעקציע פונ דער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר. וואָס זײַנענ אַזוינס די היטלער-לײַט, די פאשיסטנ — איר ווייסט, דאָס איז עטוואָס ענלעכעס אפ אונדזערע זובאַטאָווצעס. נאָכ זובאַטאָוונ, נאָכ גאַפּאָנענ זײַנענ אויכ געגאַנגענ ארבעטער. אָבער כוצ דעמ האָבנ מיר אינ דײַטשלאַנד 8½ מיליאָנ ארבעטער, וואָס געפינענ זיכ אינ די הענט פונ די אָפּאָרטוניסטנ. אונ אָט האָט איר אײַכ די דערקלערונג פונעמ דורכפאַל פונ אונדזער רעוואָליוציע אינ 1905 יאָר אונ די לאַנגזאַמע באַוועגונג פונ דער רעוואָליוציע אינ דײַטשלאַנד אינ אונדזערע טעג. דער וואָרצל דאָ איז איינ אונ דער זעלבער. אָט דאָס איז די קאָלאָסאַלע לעקציע, וואָס די רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר גיט פאַר אונדזער צײַט.

דער קאַמפּ קעגנ דעמ אָפּאָרטוניזמ פונ אַלערליי טיפּנ — קעגנ דעמ רעכטנ אונ „לינקנ“ — דאָס איז אונדזער גרונט-קאַמפּ. מיר קאָנענ אימ, פאַרשטייט זיכ, מאָטיווירנ פאַרשיידנאַרטיק — אי מיט דער ווירטשאַפטלעכער, אי מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע אי ווי איר ווילט. אָבער עס שטערט ניט צו מאָטיווירנ אימ אויכ היסטאָריש. ווײַל סאָפּקאָלסאָפּ זײַנענ די היסטאָרישע בײַשפּילנ די סאַמע איבערצײַגנדיקע. די אָפּאָרטוניסטישע אָנפירונג האָט שטענדיק געפירט צומ אומקומ אונ צו א קראַכ. אוועקשטעלנ די אָפּאָרטוניסטנ בעראָש פונ א באַוועגונג באַטײַט גיינ אפ א זיכערנ אומקומ, אפ א זיכערער מאַפּאָלע. אָט וואָס עס לערנט אונדז, אַנעוו, די רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר. זי לערנ אונדז אפ אַנ עמעסנ, גרינטלעכנ אויפנ צו האַסנ דעמ אָפּאָרטוניזמ, אונ אינ דעמ זינ בלײַבט זי אַנ אומפאַרגעסלעכע לעקציע, אַנ אומפאַרגעסלעכע ביז אונדזער צײַט. זי פאַרבלײַבט א לעבעדיקער בײַשפּיל, ניט געקוקט דערופ, וואָס זי איז ניט געווענ קיינ סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע, — זי איז געווענ, ווי איר ווייסט, א רעוואָליוציע א בורזשואַזע, וואָס האָט געוואָלט בלײַבנ אינ די גרענעצנ פונ דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, עמעס, אפ זייער א קורצער צײַט. פאַרשטעלנ זיכ די זאַכ אַזוי, אַז לענינ האָט קלוימערשט געטראַכט זיכ דערשלאָגנ א בורזשואַזע רעפּובליק אונ דערנאָכ זיכ זעצנ אָפּרוענ, — דאָס איז אַנ אַבסאָליוט אומגעלומפּערטע אידיי. לענינ האָט בעפּיירעש געזאָגט, אַז אָפּ מאָרגנ נאָכנ ניצאָכנ פונ דער דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע וועלנ מיר טייקעפּ אַריבערגיינ צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע. די טעאָריע פונ אָנופהערלעכער רעוואָליוציע האָט לענינ אויכ געוווּסט אויסגעצייכנט, נאָר לענינ האָט דערפונ ניט געמאַכט קיינ סטראַשידלע, ווי טראָצקי. האַגאַמ די רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר איז געווענ אומיטלבאַר א רעוואָליוציע א בורזשואַזע, אָבער אפ וויפל דאָרטנ האָבנ זיכ צוזאַמענגעשטויסנ דײַטלעכע פּאַרטייִשע פּאָזיציעס אינ לענינס פּערזאָנ — מיטנ רעכטנ אָפּאָרטוניזמ, אינ דער פּערזאָנ פונ די מענשעוויקעס, צוגעדעקטע מיט רעוואָליוציאָנערע פראַזעס, אונ טיילווײַז אויכ מיט פאַרשיידענע מינימ באָגדאַנאָווישע עלעמענטנ, — אפ אַזויפל איז די רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר פאַר אונדז א גראַנדיעזע פּראַקטישע לעקציע. אונ אָט פאַרוואָס אינ אונדזער צײַט, אינ די טעג פונ דער סאָציאַליסטישער רעקאָנסטרוקציע פונ אונדזער ווירטשאַפט, ווענ די פראַגע וועגנ א דײַטלעכער קאָנסעקווענטער ליניע אונ וועגנ פעסטנ דורכפירנ זי אונ וועגנ דעמ קאַמפּ קעגנ אָפּאָרטוניזמ שטייט אַזוי שאַרפ, — איז פאַר אונדז נוצלעכ, פונעמ שטאַנדפּונקט פונעמ אַנאַליז פונ דער פּאָליטישער אָנפירונג, זיכ צוקוקנ צו אונדזער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר.

אונ נאָכ איינ לעקציע גיט אונדז אונדזער ערשטע רעוואָליוציע — דאָס איז אינ דער פראַגע וועגנ דער קעגנזײַטיקער פאַרהעלטעניש צווישנ

דער פּאַרטיי און די מאַסנ. מע קאָנ זאָגנ: „איר שילדערט דעם אָנוווקס פונעם אופשטאנד פאַר דעקאבער ווי א סטיכיייִשנ פּראָצעס: איר האָט פאַרגעסנ דעם לאָזונג פונ דער פּאַרטיי, איר האָט פאַרגעסנ, אַז די פּאַרטיי האָט נאָכ אַפּנ דריטנ צוזאַמענפאָר באשלאָסנ רופנ צו אנ אופשטאנד". איכ האָב ניט פאַרגעסנ, באווייריק. איכ האָב איינ גענאַגט, אַז שוינ פונ 1901 יאָר האָט לעניג געשטעלט אינ דער פּראָגראַם פונ קאַמפּ די פראַגע וועגנ א באוואָפנטנ אופשטאנד. איכ האָב בלויז געוואָלט קעמפנ אינ מײַנ אַרויסטרעטונג קעגנ די רעשטלעכ פונ די מענשע־וויסטישע לעגענדעס, וואָס בלאָנדזשענ נאָכ אַרום, אַז דער אופשטאנד איז געווענ קינסטלעכ אַרויסגערופנ דורכ די באָלשעוויקעס, אַז אָנ דעם וואָלט דער אופשטאנד ניט געווענ, אַז די באָלשעוויקעס האָבנ אָנגעבונדנ די מאַסנ אַנ אופשטאנד. דאָס איז די גרעסטע נארישקײַט, כאווייריק. אינדערעמעסנ האָבנ זיכ די מאַסנ דערנענטערט צום אופשטאנד, און די באַדײַטונג פונ די באָלשעוויקעס איז באשטאנענ דערינ, וואָס זיי האָבנ דאָס פאַרויסגעזענ. דערינ באשטייט די קאָלאָסאַלע באַדײַטונג פונ אונדזער פּאַרטיי: זי האָט שטענדיק באוויזנ פאַרויסצוזענ די באוועגונג און אַראָנק דעם געבנ איר די געהעריקע אָריענטירונג. דערינ באשטייט איר קראַפט, דערינ ליגט דער סאָד פונ איר ניצאָכנ איבער אלע אירע סאָנים. אָבער פאַרויסזענ די באוועגונג און קינסטלעכ אָנבינדנ זי — דאָס זײַנענ צוויי פאַרשיידענע זאכנ. אָט קעגנ וואָס איכ האָב זיכ באמיט צו קעמפנ אינ מײַנ אַרויסטרעטונג. עס איז זעלבסטפאַרשטענד־לעכ, אַז די ווירקונג פונ אונדזער פּאַרטיי אינ דער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר איז שוינ געווענ קאָלאָסאַל, האָטש דעמלט איז זי ניט אליינ געשטאנענ אינ דער שפּיצ פונ דער רעוואָליוציע, — בא איר האָבנ באשטריטנ דאָס אָרט אי די עסערנ אי פאַרשיידענע אנדערע דזשענטלמענעס, ווי טראָצקי. אָבער שוינ דעמלט האָט אונדזער פּאַרטיי, בלויז אונדזער פּאַרטיי אליינ, ריכטיק פאַרויסגעזאָגט דעם גאנג פונ דער רעוואָליוציע. און סאָפּקאָלסאָפּ איז דאָס, וואָס אונדזער פּאַרטיי האָט פאַרויסגעזענ,— דאָס האָט זיכ באַרעכטיקט, און זיכ באַרעכטיקט בוכשטעבלעכ, עמעס, מיט א פּאוזע אינ צענ יאָר, זיכ באַרעכטיקט אינ פעווראל 1917 יאָר. און אויב לעניג וואָלט געווענ געגייגט צו רוענ אַפּ לאָרבער־קרענצ, וואָלט ער געקאָנט זיכ מאַכנ א געלעגער פונ לאָרבער־בלעטער אינ פעווראל 1917 יאָר. דאָס, וואָס ער האָט פאַרויסגעזאָגט, האָט זיכ באַרעכטיקט בוכשטעבלעכ פולשטענדיק: די אַרבעטער צוזאַמענ מיטנ פויערטום, צוזאַמענ מיט די סאָלדאַטנ, צוזאַמענ מיט דער אַרמיי האָבנ אַראָפּגעוואָרפנ דעם צאַריזם און וואָלטנ אַראָפּגעוואָרפנ די פּריצים, ווענ עס וואָלטנ ניט געווענ קומענ ראַטעווענ זיי די עסערנ און מענשעוויקעס, וואָס האָבנ זיכ גלײַכ געכאַפּט אונטערהאלטנ די האַרנ־פּריצים—איינע אונטער איינ אָרעם, די צווייטע — אונטער א צווייטנ: ביטע, זיצט, זײַט אזוי גוט! די פּריצים האָבנ אַפּ זיי ראַכמאָנעס געהאַט, האָבנ מאַסקים געווענ צו זיצנ נאָכ 8 כאַדאָשים, און דעמלט האָט מענ זיי אַראָפּגעוואָרפנ שוינ אינגאנצנ, אלעמענ צוזאַמענ. די קאָלאָסאַלע ווירקונג פונ אונדזער פּאַרטיי האָט זיכ אַפּנ שטאַרקסטנ אויפנ אנטפּלעקט אויכ אַפּ דער ערשטער רעוואָליוציע. עס וואָלט געווענ אינגאנצנ אומגעלומפּערט צו פאַרמי־נערנ די דאָזיקע ווירקונג און צו שילדערנ די רעוואָליוציע ווי א סטיכיייִשנ פּראָצעס. אָבער אָנ דעם ענטוזיאַזם פונ די מאַסנ, אָנ דעם אופשטייג פונ די מאַסנ זײַנענ ביכלאל קיינע שום טריט ניט מעגלעכ. און די קראַפט פונ אונדזער פּאַרטיי באשטייט טאַקע דערינ, וואָס זי קאָנ דעם דאָזיקנ ענטוזיאַזם דערוואַרעמענ, זי קאָנ דעם דאָזיקנ ענטוזיאַזם אָרגאניזירנ, פאַרויסזענ דעם דאָזיקנ ענטוזיאַזם און ווענדנ אים מיט דעם

וועג, מיט וועלכן עס מוז גיין די דאָזיקע כוואַליע פון ענטוזיאַזם; זי קען ניט לאָזן, אז די דאָזיקע כוואַליע זאָל זיך אומזיסט צעקלאַפּן אָן ברעג.

אָט אין וואָס עס באשטייט די קראַפט פון אונדזער פּארטיי, דער קאָלאָסאַלער ריכטונג-אַפּאַראַט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן נאָך פאַרן 1905 יאָר, וואָס לענין האָט געשאַפן צווישן די יאָרן 1903 — 1905 און וואָס בילדעט די סאַמע כאַראַק-טעריסטישע באַזונדערקייט פון אונדזער רעוואָליוציע. אין דער פראַנצויזישער רעוואָליוציע איז ניט בלויז ניט געווען קיין פּראָלעטאַריאַט, נאָר עס איז אויך ניט געווען אַזאַ אָנפירנדיקע קראַפט, עס איז ניט געווען אַזאַ פּאַרטיי, ווי די באָלשעוויס-טישע. ניט אומזיסט איז דאָס וואָרט „באָלשעוויק” — וואָס אין 1905 יאָר האָבן דאָס זייער אַ סך אַפילו ניט באַנומען, ניט געוווּסט, וואָס דאָס איז אַזוינס באָלשעוויק, און די פראַנצויזישע פּאָליציי האָט דאָס איבערגעזעצט אַלס מאַקסי-מאַליסט — ניט אומזיסט איז דאָס דאָזיקע וואָרט איצט געוואָרן אַן אַלוועלטלעך וואָרט. זאָגט, ווו איר ווילט, — „באָלשעוויק” — אין קאַנטאָן, אין קאָנסטאַנטינאָ-פּאָל, אין רוים, אין ניו-יאָרק, אין טשיקאַגאָ, — אומעטום וועט מען פאַרשטיין (געלעכטער), אונדז קען מען איצט אומעטום און מיט רעכט קען מען, ווייל דאָס איז די ערשטע אָרגאַניזירטע רעוואָליוציאָנערע קראַפט, וואָס ריכטעט פּלאַנמעסיק דעם קאָלאָסאַלן פּראָצעס פון דער רעוואָליוציע.

אינהאלט

זײַט

1־טער און 2־טער טײלן. פון די אוראלטע צײַטן ביזן סאָף פונעם XIX יאָרהונדערט.

פאָרוואָרט צו דער 10־טער אויפלאגע 11

אַרײַנפיר. אלגעמיינע באגריפן וועגן געשיכטע 14

ערשטער טײל.

די ערשטע יאָרהונדערטן פון דער רוסישער געשיכטע 28

די אויסבילדונג פון דער מאָסקווער מעלוכע 42

דער קאמף צווישן מאָסקווע מיט נאָווגאָראָד 51

די צעפאלונג פונעם מאָסקווער פעאָדאליזם; די סכוירע־ווירטשאפט און דאָס לײַבאייגנטום 56

די פויערשע רעוואָליוציע 69

די מעלוכע פון די ראָמאנאָווס און דער „ראסקאָל“ (די שפאלטונג) 93

די צאָפן־מילכאָמע און די רוסלענדישע אימפעריע 99

צווייטער טייל.

דער אינדוסטריעלער קאפיטאליזם 105

די לײַבאייגנטימערישע מעלוכע 121

די רעוואָליוציאָנערע בורזשואזיע 147

די פאָלקיסטישע רעוואָליוציע 168

די ארבעטער־באוועגונג 208

וויאזוי און ווער פלעגט שרײַבן די רוסישע געשיכטע ביז די מארקסיסטן 249

כינכראָנישע טאבעלעס 256

דריטער טייל. XX יאָרהונדערט.

פאָרוואָרט צו דער 4־טער אויפלאגע 5

פאָרוואָרט צו דער 3־טער אויפלאגע 5

אַרײַנפיר 9

קאפיטל I. די עקאָנאָמיק פונעם רעוואָליוציאָנערן פעריאָד 19

קאפיטל II. דער אינדוסטריעלער קריזיס און די מאסנווע ארבעטער־באוועגונג 35

קאפיטל III. דער אָנהויב פון א מאסן־באוועגונג אין דאָרף 55

קאפיטל IV. די יאפאָנישע מילכאָמע 74

זייט

קאפיטל V. דער 9-טער יאנוואר און „פאָטיאָמקין" 100

קאפיטל VI. דער אלגעמיינער שטרייק און דער באוואפנטער אופשטאנד 148

קאפיטל VII. פויערשע אופשטאנדן 229

קאפיטל VIII. די קאָנסטיטוציאָנעלע אָנשטרענגונגען פון דער בורזשואזיע 251

קאפיטל IX. די רעוואָלוציע פונעם 1905-טן יאָר אין די ראנד־געגנטן 276

קאפיטל X. די סטאָליפּיניאדע 297

כראָנאָלאָגישע טאבעלעס 320

ביילאגעס.

1. וועגן דעם רוסישן פעאָדאליזם, דער אנטשטייונג און דעם כאראקטער פונעם אבסאָליוטיזם אין רוסלאנד 335

2. די ראָליע פונעם ארבעטער־קלאס אין דער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר 353

Редактор Л. Гольдберг. Техн. ред. И. Тененбаум. Корректор М. Иткович.
Сдано в производство 3/VIII—33, подписано к печати 19/IX—33. Формат бумаги $62 \times 94^1/_{16}$ 24 печ. л. 52000 п. зн. в п. л. „Эмес" 352. Тираж 1500●
Уп. Главлита В—57835

Тип. изд-ва «Дер Эмес», Москва, Покровка, 9. Зак. № 618.